STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05425

# A VORTT IN ZAYN TSAYT

David E. Wolpe

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

**דוד א. וואָלפע**

**אַ וואָרט אין זײַן צײַט**

Book No. 114 ........... 114. בוך נומער

Date 12 November 1984 ..... :דאַטע

To Mrs. Regina Rozenberg ... פאַר
widow of the writer Shloime Rozenberg

Signed by the Author געחתמעט פון מחבר

David Wolpe




# דוד א וואָלפֿע

# אַ וואָרט און זײַן צײַט

עסייען און קריטיק

...ודבר בעתו מה־טוב — ...און אַ וואָרט אין דער צײַט —
ווי גוט דאָס איז. — משלי, טו, כג.


פֿאַרלאַג קאַיאָר
יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפֿריקע.
תשמ״ג־ד—4־1983.

DAVID E. WOLPE

# A WORT IN ZEIN TZEIT
# A WORD IN ITS TIME

## ESSAYS AND CRITIC

PUBLISHED BY KAYOR
JOHANNESBURG · SOUTH AFRICA
1983 · 1984

צייכענונג פון פּאָרטרעט : מיכאל מילבערגער, פּאַריז.
צייכענונג פון שער־בלאַט : ד. ח.
Drawing of author's portrait: Michel Milberger, Paris

© Copyright — D. Wolpe

14 Grace Road, Observatory, Johannesburg, South Africa

Printed in South Africa by Pacific Press (Pty) Limited
302 Fox Street · Johannesburg

און אַזוי איז עס געווען:
מיט מענדל קאַפּלאַן האָב איך זיך געטראָפן דעם 6טן מײַ 1983.
אויף דער בקשה ער זאָל ווערן דער פּאַטראָן פון מײַן בוך
האָט ער ענטוזיאַסטיש רעאַגירט
און אַזוי געזאָגט:
איך קום ערשט צוריק פון פּוילן
וווּ כ׳בין בײַגעווען די פֿײַערלעכע יזכּור־צערעמאָניעס
צום 40סטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.
איך האָב דאָרטן געזען און געפילט
דעם חורבן און די גבֿורה פון יידישן פאָלק.
דאָס איז געווען די היים פון מיינע
יידיש־ריידנדיקע אָבֿות,
וואָס איז צוזאַמען מיטן פאָלק און זײַן גײַסטיקער ירושה
אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען.
האָב איך, זײַענדיק אין לאַנד פון זייער חרובֿער היים,
אַ נדר געטאָן צו העלפן יידיש.
איצט פרייַ איך זיך עס צו קענען מקיים זײַן
מיטן ווערן דער ספּאָנסאָר פון דײַן בוך.

די דאָזיקע רייד האָבן אויפגעוועקט אַן עכאָ אין מיר
און כ׳האָב געפילט אַז כ׳דאַרף פאַרצייכענען
דעם יידישן קרעדאָ פון מענדל קאַפּלאַן,
וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין מײַנע אויגן
מיט זײַנע אינדיווידועלע מידות
פון ברייטהאַרציקייט, גוטוויליקייט און פשוטקייט.

דוד וואָלפּע
יאָהאַנעסבורג, 1983.

And so it happened:
I met Mendel Kaplan on the 6th of May, 1983.
On my request to become the sponsor
of this Yiddish book,
he responded enthusiastically and said:
"I just returned from Poland
where I participated
in the Yiskor-ceremonials
on the occasion of the 40th anniversary
of the Warsaw Ghetto Uprising.
I saw the aftermath of the holocaust
and the heroism of the Jewish people,
the home of my Yiddish-speaking forefathers.
Their spiritual heritage
together with the people
were plucked out by the roots.
There I vowed
that I would help Yiddish.
Now I am happy to be able to realise it
and become the sponsor of your book".

The pledge of Mendel Kaplan
awaked an echo in my heart
and I felt I had to record
the credo of the man,
who revealed to me his great gifts
of generosity, benevolence and simplicity.

DAVID WOLPE

Johannesburg, 1983-84.



*

אַ וואָרט אין זײַן צײַט — דער טיטל פֿון בוך — איז אַ בכּיוונדיקער אָנווײַז צום לייענער, צי קריטיקער, אַז די באַהאַנדלטע טעמעס דאַרפֿן, מער ווייניקער, געזען ווערן אין ליכט פֿון זייער צײַט. על־כּן איז אונטער יעדן מאמר אָנגעגעבן די יאָרדאַטע. אויב ווערטן ווערן אין גאַנג פֿון אַ דור, צי דורות, געזען מיט אַנדערע אויגן און איבערגעשאַצט, איז עס אַ בפֿירושער גורם פֿון צײַט־בײַטעניש. אָבער ניט געקוקט, וואָס דער אויפֿנעם פֿון באַגריפֿן און פֿילונגען וועגן ליטעראַרישע ווערק ווערן באַווירקט פֿון אַ נײַער עפּאָכע, באַשטייט דאָך, איבער אַלץ, זייער גרונטיקער קינסטלערישער אמת. און אויב ווערק פֿאַרמאָגן יע דעם דויערדיקן קינסטלערישן אמת, זענען זיי בכּוח אויסצוהאַלטן די צײַטפּראָבע. איז דער שׂכל מחייבֿ, אַז אויך די קריטיק איבער זיי וועט אויסהאַלטן דעם פּרוּוו פֿון צײַט.

*

וויל איך ניט, אין די קריטיק אָפּהאַנדלונגען, שפּילן די ראָלע פֿון אַ פּוסק־אַחרון, און נאָך ווייניקער — פֿון אַ ליטעראַרישן בעל־רחמים. כ׳פֿיל אָבער, אַז נאָך דעם גרויליקן פֿאַרשטומען פֿון מיליאָנען ייִדישע מײַלער, דאַרפֿן מיר זען אין ליכטיקערע קאָלירן יעדן נײַעם ייִדיש־גרעזעלע, ייִדיש־בוים און ייִדיש־פֿעלד, וואָס איז אויפֿגעקומען אין די פֿאַרטונקלטע נאָכמלחמה־יאָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דעריבער האָב איך תּמיד געהאַט אין אויג דאָס פּאָזיטיווע, אַזוי צו זאָגן: אַרויסצײַען פֿון די ווערק־בינשטאָקן זייער האָניק, אויף וויפֿל ער איז פֿאַראַן. מיר איז געגאַנגען אין מהות פֿון די גוטיקייטן, דעם רוח־הקודש פֿון אַ שרײַבער און זײַנע מעלות, און ווייניקער, צו מאָל גאָרניט, פֿון די אומשיינקייטן און מגושמדיקע עלעמענטן, וואָס זענען די מזיקים פֿון דער ליטעראַטור. ניט איין מאָל ווערט אַ מחבר, אַפֿילו פֿון אַ חשיבֿותדיקן סטאַנדאַרד, פֿאַרפֿירט פֿון אַזאַ מזיק און ער לאָזט אים זיך אַרײַנבאַדיען אין זײַן מלכות פֿון וואָרט. אַזעלכע שטרויכלונגען האָב איך אַרויסגעלאָזן פֿון אויג, צוליב אַ פּשוטן טעם: אויב מידת־הרחמים איז טאָקע ניט קיין אָביעקטיווע קריטעריע צו מעסטן ליטעראַטור, ווערט אָבער, אין דעם פֿאַל, דער שטרענג־קאָדיפֿיצירטער מידת־הדין, אַ שעדלעכער און צו מאָל סאַדיסטישער שופֿט. ניט קענענדיק סינטעזירן די צוויי פּאַראַלעל־אָפּגערוקטע, צי אַפֿילו קעגנגעזעצטע שטראָמען — דין און רחמים — האָב איך במילא ניט געזוכט קיין פּשרה, ווײַל כ׳האָב באַשײַמפּערלעך געפֿילט, אַז מיך ציט צום ברעג פֿון אַ מענטשלעך־וואַרעמען און קריטיש־מילדן מישפּט. כ׳האָב אין דעם בפֿירוש געזען מער צדק פֿאַר דעם ניצול־געוואָרענעם שאַפֿערישן ייִדיש. און הגם איך דיסטאַנציר זיך לחלוטין פֿון רחמנות־קריטיק, איז עס אָבער אין די אַלע יאָרן אונדזער גאָלפּ־

שטראָם, וואָס הייצט אונטער דעם קאָנטינענט פון יידיש. נאָך אַלעמען איז עס דער קיום פון הײַנט און אויך די האָפענונג אויף אַ מאָרגן. און דער פראָסט פון נעגאַטיווער קריטיק האָט תּמיד געטראָגן דעם מיקראָב פון אומברענג און פאַרהאַקט דעם שאַפערישן אָטעם פון שרײַבער.

*

אויב אין דעם צוגאַנג, צו אַקצענטירן די ליכטיקע און שטראַליקע פאַרבן אין ספּעקטער, וואָס אין זײַן פאָקוס דערשײַנען די שרײַבערס און זייערע ווערק, איז פאַראַן אַ חידוש, בין איך אַוודאי צופרידן. אויפן אײַנגעשרומפּטן יידיש־גלאָבוס, ווו ס'איז שוין כּמעט ניט געבליבן וועמען צו איבערראַשן, איז די כּוונה פון די אײַנגעזאַמלטע עסייען און קריטיק, צו ברענגען די שענסטע סורפּריז־מתּנה: סימפּאַטיע צום יידישן שרײַבער און כּבֿוד צו זײַן לשון.

ווײַל ס'איז אַ בוך וועגן ביכער און שרײַבערס, פאַר קרובֿ פיר צענדליגג יאָרן, ביזן סאַמע הײַנט. אַ סך פון די באַהאַנדלטע פּערזענלעכקייטן האָב איך געקענט פון דער נאָענט, צי געווען מיט זיי אין אַ בריוולעכן קאָנטאַקט. וועגן אַנדערע — צווישן זיי אונדזערע קלאַסיקער — זענען די אָפּהאַנדלונגען ניט פול, צו מאָל פראַגמענטאַריש. אַזוי אַרום זענען עס די שאַפערס פון מײַן אייגענעם דור, און אין דעם זינען רעפלעקטירט צוריק די תּקופֿה אויף זיי און זייערע ווערק. פון דעם וועט דער לייענער זײַן ביכולת זיך אויסצומאָלן אַ בילד פון לעבעדיק־שאַפערישן פּענאָמען: יידיש אין דער נאָכחורבן־עפּאָכע. איך גיב עס אַרויס מיט דער האָפענונג, אַז דער צײַטשטראָם וועט ניט פאַרצײַען די יידיש־יצירה מיט אַ גליווערהויט. איך גלייב אַז די אייביקייט פון גרויסער קונסט איז אַ רעלאַטיווער באַגריף און די צײַט וועט זײַן דער גערעכטער שופט. מיר וועלן וואַרטן — —

*

וואָס שייך דעם סדר און קלאַסיפיקאַציע פון מאַטעריאַל, האָב איך ניט געפונען קיין בעסערן פּוסק ווי דעם אַלף־בית, וואָס מאַכט קיין חילוק ניט פון וועמען איז ווער, און מחמת דעם איז עס אַן אָביעקטיווע מאָס, אָן משׂא־פּנים. די קלאַסיפיקאַציע איז געמאַכט על־פּי געאָגראַפישע שטחים — די יידיש־קאָנ־טינענטן; די אַלגעמיינע יידיש־וועלט; ישׂראל; דרום־אַפריקע א״אַ. און באַזונדערע אָפּטיילן פאַר טעאַטער, קונסט. איך ספק שטאַרק צי כ'וועל קענען אַרײַנגעבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין איין בוך. דעריבער קען איך זיך „פאַר־גינען" בלויז איין מאמר וועגן אַ מחבר, בעת אין מײַן רשות געפינען זיך אָפט מער ווי 2־3 אָפּהאַנדלונגען וועגן זעלבן מחבר. על־כּן וועל איך געבן צום סוף פון יעדן עסיי, די טיטלען פון די שוין פריער פאַרעפנטלעכטע אָפּהאַנדלונגען, ווו און ווען געדרוקט;

*

כ׳דאַרף נאָך צוגעבן, אַז ביַים בעסטן ווילן האָב איך ניט געקאָנט מקפּיד זיַין אויף אַ פֿאַראיינהייטלעכטע אָרטאָגראַפֿיע א״אַ מינערע שריַיב־כּללים. די דאָ אין טאָמולען געבראַכטע מאמרים און עסייען זענען לכתּחילה געשריבן געוואָרן אָן דער כּוונה פֿון אַ בוך־קאָמפּילאַציע. במשך יאָרן זענען זיי געדרוקט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע וואָכנבלעטער און ציַיטשריפֿטן. ווו נאָר מיגלעך זענען געמאַכט געוואָרן תּיקונים אויפֿן יסוד פֿון דער ייִדישער כּלל־שפּראַך. אָבער דער לייענער וועט אַוודאי באַמערקן דופּליקאַטן, ווי למשל, מיגלעך און מעגלעך, קאָן און קען, שאַפּעריש און שעפּעריש, די און דאָס געשטאַלט א״אַ. אַזוי אויך איז פֿאַרשיידן די דרוק־פֿאַרעם: טיטלען פֿון ביכער אין גענדזן־פֿיסלעך און אויך אין קורסיוו, דאָס גליַיכן קעפּ פֿון לידער, נעמען א״אַ.

כ׳וויל דאָ נאָך אַ מאָל אַקצענטירן דאָס פֿעלן פֿון אַרבעטן וועגן אַ סך באַטיַיטיקע שאַפֿערס, אין פֿאַרשיידענע זשאַנערס — וויַיל ס׳רובֿ פֿון די אויפֿגעזאַמלטע אַרטיקלען זענען געשריבן געוואָרן אין זייער ציַיט פֿאַר זייער ציַיט. כּמעט תּמיד איז עס געווען פֿאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן פֿון אַ בוך, אַ יובֿל־דאַטע, אַ יאָרציַיט, צי דער טויט פֿון אַ שריַיבער. פֿאַר די מער ווי 15 יאָר וואָס כ׳בין געווען רעדאַקטאָר פֿון דרום־אַפֿריקע (די ערשטע יאָרן אַ חודשניק) איז עס געווען מיַין חובֿ. ווי שוין געזאָגט, איז עס אַ וואָרט אין זיַין ציַיט — און די ציַיט, לאָמיר האָפֿן, וועט וויַיטער אויפֿהאַלטן ביַים לעבן דאָס וואָרט און אַלע ייִדישע ווערטער, וואָס וועלן נאָך קומען. על־כּן באַטראַכט איך די אַקטועלקייט און בליַיביקייט פֿון די אַרבעטן, כּל־זמן ייִדיש און ייִדיש־ציַיטן האָבן נאָך אַ קיום.

ד. וו.

דער דאָזיקער אָפּטייל, אויסגעשטעלט נאָכן אַלף־בית, האָט געמוזט געקירצט ווערן. שוין גלײַך בײַם אָנהייב האָט דער מאַטעריאַל איבערגעשטיגן דעם געפּלאַנטן בוך: 450 זײַטן. וויכטיקע, און דעם מחבר נאָענטע צום האַרצן, מאמרים וועגן ביכער און שרײַבערס, האָבן געמוזט אַרויסגענומען ווערן פון צוגעגרייטן כּתבֿ־יד. דאָס בוך איז נאָך אין זײַן התחלה, און כ׳ספק בכלל צי אַלע אָפּטיילן וועלן קאָנען אין פולקייט קאָמפּלעטירט ווערן. אויף דעם וועט מסתמא נייטיק זײַן, לכל־הפּחות, נאָך אַזאַ בוך.

ת פ ו צ ו ת

# א

## שמואל איזבאַן און זײַן היסטאָרישער ראָמאַן

שמואל איזבאַן: די קעניגין איזבֿל — היסטאָרישער ראָמאַן. פֿאַרלאַג „ייִדבוך" בײַ דער "געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע", בוענאָס־אײַרעס. ערשטער באַנד: 1959. 396 זז׳ צווייטער באַנד: 1960. 381 זז׳.

### א.

שמואל איזבאַן באַהערשט צוויי עקסטרעמע שאַפֿערישע שטראָמען פֿון דער בעלעטריסטישער קונסט. דאָס זענען —צוויי ווײַט פֿונאַנדערגעטײלטע דורך צײַט — אַ מהלך פֿון טויזנטער יאָרן — וועלטן, געשעענישן, מענטשן, וואָס קיין מינדסטער באַריר־פּונקט איז צווישן זיי נישט פֿאַראַן. דאַרף אַזאַ פּראָזאַיִקער באַזיצן דעם כּוח־היצירה נישט בלויז ספּראַוועןזיך מיטן מאַטעריאַל, נאָר טאַקע זיך קענען אַרײַנפּאַסן אין דער געהעריקער אַטמאָספֿער, אין דעם גײַסטיקן קלימאַט און שטימונג פֿון די עפּאָכעס, וואָס ער האָט בדעה אויפֿצובויען. די קונסט פֿון פּיקציע איז אייגנטלעך די ווירקלעכקייט פֿון „אויסגעטראַכטע" וועלטן און „אויסגעטראַכטע" מענטשן — אַזאַ ווירקלעכקייט, וואָס איר עקסיסטענץ ווערט רעאַליסטיש נאָר אַ דאַנק פּראָטאָטיפּן פֿון דער געזעלשאַפֿט אין וועלכער זיי לעבן און באַוועגן זיך. און וואָס אינטענסיווער די העלדן לעבן און וואָס באַוועגלעכער די אַקציע איז און וואָס מער אַקטיווערע פֿאָרמען עס ווערן דורך דעם שרײַבער געשילדערט, אַלץ גרעסער, ווירקעוודיקער, אָנצִיִעַנדיקער איז זײַן ווערק. אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז שמואל איזבאַן איינער פֿון די בעסטע מאָלער פֿון דער פּיקציע — דער געשטאַלטיקער פֿון דעם ווײַטן נעכטן און דעם נאָך וואַרעמען הײַנט. ער שרײַבט די קליינע, פֿאַרכאַפּנדיקע און הייס־אָטעמדיקע דערציילונג און אויך די גאָוועלע פֿון ברייטן פֿאַרנעם, אָבער אַלץ וואָס ער שרײַבט — קליין צי גרויס — איז דער רעפֿלעקס פֿון אַ תּקופֿה.

אויףביידע שטראָמען פֿון זײַן שאַפֿערישן זשאַנער פֿירט איזבאַן זײַן ליטעראַרישע שיף ווי אַ געניטער קאַפּיטאַן. דער איין שטראָם: די מאָדערנע צײַט מיט איר אורבאַניזירטן מענטש, צי ייִד, וואָס די גרויסשטאָט וואַלגערט זיך אַן אויף אים מיט איר מעטאַלישער שווערקייט, מיט אירע גיגאַנטישע, הימל־שניידיקע און געמיט־דערדריקנדיקע בלאָקן. גרויסשטאָט־מענטש, זײַן פֿרייד און

זײַן ווײ, זײַן נצחון־ליד און זײַן שטומע שוואַכקײט, זײַן גרױסקײט און זײַן קלײנקײט, זײַן אײנזאַמקײט, זײַן פאַרלױרנקײט און זײַנע קאָמפּלעקסן — דער יחיד, וואָס ווי אין אַ מיל ווערט ער צעמאָלן אין גרױסשטאָטישן אימפּעט. דעם דאָזיקן מענטש רײַסט איזבאַן אַוועק פון שטאָט־געלױף און פיקסירט אים אין אַ ליטעראַרישער רעם. די דערצײלונגען פון אונדזערע שרײַיק־מבֿולבלע טעג, ווען מענטשן ווערן צעטראָטן אונטער דעם מעכטיקן שפּאַן פון צײַט, זענען מאָ־דעלן, דירעקט פון לעבן, מיט אַלע זיך בײַטנדיקע טענער־און שטימונג־פאַרבן.

מײַסטעריש מאָלט ער די טיפן פון דער גרױסשטאָט, פּריש און לעבעדיק: די פרײלעכע און גרױע, די רײַכע און אָרעמע, די הײליקע און וואַגאַבונדן — ער קען זײ און ווײס זײערע קאָמפּליצירטע גענג. ער מאַכט זײ אַרױסקומען דירעקט פון לעבן, געשטאַלטיקט זײ און מאַכט זײ פאַר העלדן; מאַכט זײ בענקען, חלומען, טראַכטן, טאָן גוטע און שלעכטע מעשׂים. ניט אומזיסט איז זײער מײַסטער אַ מומחה אויף דעם געביט פון פלינקן, קינסטלערישן רעפּאָר־טאַזש, וואָס כאַפּט אויף דעם מאָמענט מיט אַלע זײַנע ניואַנסן און קאָלירן, ביז אויף דאָס שפּירעוודיקסטע. כּדאַי זיך צו דערמאָנען, אַז ער טאַקע איז דער שרײַבער־„אַוואַנטוריסט", וואָס איז מיט דער אילעגאַלער עליה אָנגעקומען אויף אַ בריחה־שיף קײן ארץ־ישׂראל און נאָך דעם אויפגערודערט די וועלט, לפּחות די ײִדישע וועלט, מיט זײַן בוך „ײִדן שפּאַלטן ימען".

דער צווײטער ליטעראַרישער שטראָם, אויף וועלכן איזבאַן שווימט, איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין די ביבליש־כאַראַקטעריסטישע ברעגעס פון לאַקאָנישע זאַצן, וואָס האָבן מיט קאָנצענטרירטער געפּרעסטקײט איבערגעגעבן דעם קווינט־עסענץ פון גאַנצע תּקופֿות. איז געקומען שמואל איזבאַן און מיט זײַן שאַפערישן כּישוף באַרירט די דאָזיקע דין־אײדעלע, קוים־זעיִקע תּנכישע סטרונעס און ווי דורך אַ וווּנדער האָט אַלץ אָנגעהױבן אָטעמען: געשטאַלטן זענען אויפגע־שטאַנען צו אַ נײַ לעבן. ווי אַ מאַגיקער האָט דער קינסטלער באַשווירן דעם גליוווער פון דער געשיכטע, דעם מענטש און די נאַטור, און פון אונטער זײַן פּעדער האָט זיך אַלץ אָנגעהױבן אָנציִען מיט פלײש און אָדערן — און אין די אָדערן האָט אָנגעהױבן פליסן הײס, לעבעדיק בלוט. מענטש האָט אָנגעהױבן אָטעמען די לופט פון זײַן פעלד, מיט הימל איבער זײַן קאָפּ, און אַלטע טעג זענען געוואָרןווירקלעכקײט, מיט אַלע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן פון זײער צײַט. מיט פײַן־פילעוודיקע קינסטלער־חושים איז שמואל איזבאַן בײַגעקומען די דיס־טאַנץ פון צײַט און פון עטלעכע פּסוקים, אין די פּרקים פון תּנך, האָט ער אַרױסגעצויבערט גרױסע עפּישע ווערק.

דעם בראשית פון דער היסטאָרישער פיקציע האָט איזבאַן געמאַכט מיט קלענערע, פײַנע דערצײלונגען, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַן אײגנאַרטיקן תּנכישן קלימאַט. מיט דעם האָט ער אָנגעשלאָגן אויף דעם קוואַליקן אָדער פון יצירה און ס'איז געקומען צו גרעסערע ווערק, צו שילדערן אַ תּקופֿה פון מלכות ישׂראל. און די ײִדישע ליטעראַטור איז באַרײַכערט געוואָרן מיט צווײ בענד: די קעניגין איזבֿל.

## ב

די קעניגין איזבל איז די צענטראַלע פיגור אַרום וועלכער עס שפּינט זיך די גאַנצע האַנדלונג. אַרום איר באַוועגט זיך די אַקציע פון דער געגעבענער תנכישער צײַט. זי בינדט צוזאַמען אַלע געשיכטלעכע פּאַסירונגען, אַלע פעדעם ציִען זיך פון, און פלאָנטערן זיך אַרום איר אָריגינעלן כאַראַקטער. זי איז שטאַרק און דעטערמינירט, מיט אויסגעשפּראָכענע הערשער־קוואַליפיקאַציעס און באַפעלערישע אייגנשאַפטן. אַפילו אין איר אויסגעלאַסנקייט און אין איר זינד ווייס זי וואָס זי וויל. דער בעל און עשתורת סימבאָליזירן פאַר איר די נאַטירלעכע תאוות און די פרײַגעלאָזענע יצרים, וואָס זוכן זיך לויז צו מאַכן פון די מאָראַלישע פּענטעס פון דעם צאָרנדיקן יהוה און זײַנע אייפעריקע נביאים. אירע ווילדע אָרגיעס און געצנדינערישע ספּעקטאַקלען קומען פאָר מיט דער גוט־הייסונג פון די נביאי־שקר, וואָס גיבן איר זייער ברכה. דער קעניג אַליין, אַחאָב, איז ניט מער ווי אַן אָפיציעלע, בלאַסע פיגור אין דעם שפּיל. זײַן שוואַכער ווילן און זײַן וואַקלדיקע פּאָזיציע ווערט אויסגענוצט פון זײַן פרעמד־אָפּשטאַמיקע פרוי — די ראַפינירטע שיינהייט איזבל. די גאַנצע סביבה, די נאַטור, דער פּאַלאַץ, די מענטשן — פאָלק און קריגפירערס — זענען געגעבן אין תנכישן סטיל. אויך דאָס לשון און שילדערונגען זענען אין גײַסט פון דער עפּאָכע. און ס'איז ניט בלויז אַ טעכנישער הילפסמיטל, נײַערט אַ גרונטיקער הויפּטשטריך פון קינסטלערישער שלמות. כדי צו שרײַבן אַזעלכע גרויסע אינטערעסאַנטע ווערק איז נייטיק ניט בלויז אַרײַנצולעבן זיך אין די שפּראַך־פאָרמען פון אַלטן, קרעפטיקן לשון, נײַערט עס איז אומבאַדינגט וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דעם לעבנס־אופן פון יענע פאַרצײַטיקע טעג. מיטן דערנענטערן די סצעניש מיטלען צו זייער אָריגינעלן אורשפּרונג, שאַפט דער שרײַבער די אַטמאָספער אין וועלכער די גאַנצע געשיכטע דאַרף לעבן און אָטעמען. דערפילן מיר דעם קלימאַט פון דער תקופה, איז אַ סימן אַז דעם מחבר איז געראָטן צוצופירן דעם לייענער צום קינסטלערישן אמת, וואָס דאַרף זײַן אויפגעלעבטע ווירקלעכקייט.

האָט טאַקע שמואל איזבאַן אַרײַנגעהויכט אַ נשמת־חיים אין מאַטעריאַל און עס באַלעבט מיט אַזאַ פולבלוטיק לעבן, אַז ניט איין מאָל דאַכט זיך ווי דער מחבר וואָלט מיט די פּערזאָנען און געשעענישן געווען אין קאָנטאַקט. די בילדער און סצענעס זענען אָנגעזאַפּט מיט פרישקייט און קאָלאָראַטור, ווי ער וואָלט די סביבה נאָענט און גוט געקענט. די צערעמאָניעס פון געצנדינערישן קולט, די שטייגערישע פאָרמען, דער סעקס־רייץ, וואָס וואַקסט אָן ברוזיק, ווי די ווילדע נאַטור, זענען שטאַרקע קינסטלערישע שילדערונגען פון אויפגעשטורעמטע און עקזאַלטירטע אינסטינקטן. די פּאַסירונגען אין פאָלק, די אָפּאָזיציע פון די ווי־־ערשפעניקע צו דער קעניגין און אירע פירונגען, אין פּאַלאַץ און בעת די בעל־אָרגיעס, וויקלען זיך איינע אין די אַנדערע און פאַרוויקלען די מלכה פון ישראל — צוזאַמען מיט דער דינאַסטיע פון בית אַחאָב — אין פּאַטאַלע קניפּ, ווי אין

אַ פּאַסטעקע. דאָס בוך איז אַזוי אַרום אַ שפּאַנענדיק, אַטעם־פאַרכאַפּנדיק ווערק, וואָס קיין לייענער וועט עס ניט אָוועקלייגן, ביז צום לעצטן בלאַט.

שמואל איזבאַן האָט מיט די קעניגין איזבל דערגרייכט אַ קלימאַקס אין זײַן שאַפן. דער ראָמאַן פאַרמאָגט די עכטקייט און שיינקייט פון ליטעראַטור פון אַ הייכן ניוואָ. דאָס צו דערגרייכן האָט ער באַדאַרפט האָבן אַ גרייטע קינסטלערישע קאָנצעפּציע, ווײַל אָן דעם קען מען אַרײַנגעצויגן ווערן אין תּהום פון באַנאַליטעטן.ביידע בענד האָבן ניט קיין שמץ פון ביליקער שרײַיִקייט, און דאָס איז דער איבערצײַגנדיקסטער באַווײַז, אַז דער היסטאָריש־תּנכישער זשאַנער איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער פּען פון רוטינירטן מחבר. נאָך אַ שבֿח: ווי ווײַט ער האָט ניט אויסגעברייטערט די היסטאָרישע פיקציע, איז ער דאָך געבליבן קאָנסעקווענט צום תּנך־טעקסט, און דער באַזיס פאַר זײַן ווערק בלײַבט דער טראַדיציאָנעלער מקור. דאָס איז דער אַקס אַרום וועלכן ס'דרייט זיך די נאָוועלע, אויך זײַנע אַנדערע ביבלישע דערציילונגען. די קעניגין איזבל איז געווויס אַן אַטראַקטיווע טעמע, ניט נאָר צוליב אירע זינדיקע וועגן, נאָר טאָקע ווײַל זי האָט געשפּילט אַזאַ טראַגישע און פאַטאַלע ראָלע אין גורל פון מלכות בית־אַחאָב און דער צוקונפט פון פאָלק ישׂראל. אפשר האָט דער שרײַבער פון דער תּנכישער כראָניק דערפאַר איר צוגעטיילט אַזוי וויניק פּסוקים — און איזבאַן האָט אויסגעפּילט דעם בלויז.

דער היסטאָרישער ראָמאַן איז געוועבט אויף אַ ברייטער קאַנווע, מיט קינסטלערישן אָטעם און פּלאַנמעסיק געבויט. יעדער באַנד איז אײַנגעטיילט אין בוך איינס, בוך צוויי אאַ״וו, אַנשטאָט קאַפּיטלען. שוין דער ערשטער זאַץ אין בוך איינס איז ווי אַ פּסוק פון תּנך: „אין די טעג פון אַחאָבֿ, דעם מלך פון ישׂראל, האָט אין דעם פלאַכלאַנד הינטער תּירצה געלעבט אַ מאַן, איתּמר בן צוער" אאַ״וו — עס פעלן דאָ בלויז די טעמי־המקרא. דער דאָזיקער פּסוק איז דער אויפטאַקט צום ריטעם פון גאַנצן ווערק מיט זײַנע אַלע ייִדיש־לשונדיקע תּנך־ספּעציפיזמען. דאָס זאָלץ פון אַלט־ייִדיש, אין מאָדערנער טראַנסקריפּציע, מאַכט מעגלעך צו לייענען דאָס בוך ווי אַ ספר — אַ גרויסע מעלה.

ס'וואָלט זיך וועלן, אַז דעם ספר די קעניגין איזבל זאָלן לייענען וואָס מער ייִדן, ווײַל אויב אַפילו ניט לשם קדושה, איז דאָ אָבער פאַראַן די וועלטלעכע גײַסטיקע הנאה פון אַ בוך.

## ג

עס איז אַ גרויס איבערלעבעניש צו „שפּאַצירן" מיט די אַלע העלדן — די צאַרנדיקע און די מילדע, די גאָטספאַרכטיקע און די זינדיקע, די קריגער און די פּויערים, די שׂררות און דאָס אָרעמע פאָלק — איבער די שטחים פון לאַנד ישׂראל, איבער די גאַסן פון שומרון, אין די ליימענע הײַזקעס און אין די מירמלשטיינערנע פּאַלאַצן, אין די פרייַלעכע טרינק־קאַמערן און אין די אומעטיקע היילן. עס איז אַ גוואַלדיק קרעפטיקע שילדערונג פון דער אַ גאַלעריע טיפּן און כאַראַקטערן און זייער מיליע. דאָס אַלץ איז געמאַכט מיט דעטאַלי־

זירטער פֿײַן־באַשריבענער מאָלערישקייט, אַז עס דאַכט זיך ווי מ׳וואָלט זיך געפֿונען אין זייער לעבעדיקער אַרומרינגלונג. שפּירעוודיק, רעליעף, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן איז דער דאָזיקער אַזוי עכט־טראַנספּאָרמירטער ווײַטער נעכטן, ווי דער שרײַבער וואָלט געווען מיט זײַנע העלדן אויף זייערע וועגן, אין זייערע היימען, בײַ זייערע טרעפֿעניש און טוונגען.

יאָ, אפֿשר איז דאָס פּראַקטישע ניט־זײַן געוואָרן אַ קינסטלעריש זײַן. און ניט נאָר מיט זײַן קינסטלערישן אמת און מיט זײַן טאַלאַנט איז ער דאָרט געווען, נײַערט אויך מיט זײַן וויזיע, וואָס האָט דורכגעבליקט און דורכגעגליט דאָס וועזנטלעכע, דאָס האַרץ פֿון דער תּקופֿה. אַ גרויסער שרײַבער דאַרף פֿאַרמאָגן אַ גײַסטיק אויג אויפֿצוכאַפּן דאָס ניט געזעענע, דעם תּמצית פֿון זאַכן און געשעענישן. אַזאַ שרײַבער איז שמואל איזבאַן און אַזאַ איז זײַן בוך די קעניגין איזבל. עס איז אַ בוך פֿון פֿיל פּעדעם, אַ געפֿלאָכטער פֿון שײַכותן, מיט אינטריגעס און הינטערליסטיקייט, בונט און פֿאַרראַט, ליבע און האַס, חניפֿה און פֿאַלשקייט, מאָרד און רויב, שלום און שלאַכט — און דאָס אַלץ וויקלט זיך אָפּ אָן אַרײַנצופֿאַלן אין שונדיזם, אין קרימינעלער אַטראַקציע. די קינסטלערישע שלמות איז באַוואָרנט דורך אַ ראַפֿינירטן ליטעראַרישן חוש, דורך גוטן טאַן און געשמאַק, און דער עיקר — דורך מאָס.

אַזאַ מאַטעריאַל וואָלט אפֿשר אין די הענט פֿון אַן אַנדער שרײַבער געוואָרן אַ גליטשיקער וועג, ווײַל דער אָפּגרונט ליגט דאָ ממש פֿאַר די פֿיס. איזבאַן מײַדט אויס אַלע מיגלעכקייטן פֿון פֿאַרגאַלאָפּירן זיך, און צוימט צו דער צייט זײַן קינסטלערישן דראַנג — ער פֿאַרהאַלט דעם אָטעם און ווייס ווו די לעצטע שורה אָוועקצושטעלן.

ער איז טרײַ אַלע זײַנע העלדן — די נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע. ער שאַפֿט זיי מיט אמתדיק ליכט און מיט ניט געפֿעלשטע טענער. די געשטאַלט פֿון אליהו, דער מאַן פֿון גלעד, מיט זײַנע נאָכפֿאָלגער, וואָס איז ווײַט פֿון דער איזבל־געשטאַלט און אירע פֿאַלשע נביאים, ווי איין פּאָליוס פֿון אַנדערן — זענען געשילדערט מיט דער זעלבער וואַרעמקייט און מיט דעם זעלבן קינסטלערישן פּאַטאָס. תּורתּונאַס אויסגעלאַסנקייט און אליהוס אַסקעטיזם און זײַן צאָרנדיקע קינאה, זענען געמאָלן מיט דער זעלבער סימפּאַטיע.

און זיך אומקערנדיק צום אויסגאַנג־פּונקט: שמואל איזבאַן גייט ווײַטער אויפֿן טאָפּעלן שליאַך — די מאָדערנע וועלט און די אַנטיקע ישׂראל תּקופֿות. זײַנע ביז איצטיקע דערגרייכונגען ווײַזן אַלע סימנים פֿון ווײַטער שטײַגן. די קעניגין איזבל איז דער ליכטיקסטער מײַלשטיין אויף זײַן ליטעראַרישן וועג.

דרום־אַפֿריקע, 1963.

- שמואל איזבאַן — מײַסטער פֿון היסטאָרישן ראָמאַן (יריחו): דרום־אַפֿריקע, מײַ־יוני 1967.
- אַ וואָלפֿיש אין יפֿו (דערציילונגען): ייִדישע צײַטונג, 7טער אָקט׳, 1980.

# אין קרײַז פון ייִדישן גורל

משה אײַזענבוד: געלעבט הינטער קראַטן (נאָוועלע). פאַרלאַג „ייִדבוך" בײַ דער געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע. בוענאָס אײַרעס, 1956. 218 זז׳.
משה אײַזענבוד: ניעסוויזשער ייִדן, דערציילונגען. מעלבורן, 1965, 246 זז׳.
משה אײַזענבוד: אַליין אין געזעמל, דערציילונגען. מעלבורן, 1970. 223 זז׳.

## א

דורכלייענענדיק די דרײַ ביכער פון משה אײַזענבוד ווערט קלאָר, אַז דער מענטש איז דער שפּירעוודיקסטער נערוו פון אַלע זײַנע דערציילונגען. און נאָך בולטער ווערט עס, ווען עס קומט צום צוזאַמענבונד ייִד־מענטש — ער זוכט דעם מענטש אין האַרצן פון ייִד. דער דאָזיקער מענטש־קאָמפּלעקס קומט בײַ אים אין אַ קאָנפליקט מיט דער אומברענגעריש־גזלנישער וועלט, אין וועלכער דער אידעאַליסטישער יונגער און פאַרגלייבטער אײַזענבוד איז אַרײַנגעשטויסן געוואָרן בעת דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זײַן יונגשאַפט האָט אַבסאָרבירט מיט גוף־און־נשמה אַלע ביטערע דערפאַרונגען פון אַ סאָוועטישן ייִד־פּליט און ס׳איז גאָר קיין ווונדער ניט, אַז ער האָט עס געמוזט וואָס גיכער פון זיך אַרויסדערציילן. און אַזוי איז געקומען זײַן ערשט בוך, וואָס ער באַטיטלט נאָוועלע. אָבער זײַן ערשט בוך איז ווײַט פון צו זײַן אַ נאָוועלע, פּונקט ווי דער צווייטער — פון דערציילונגען. ביידע ביכער זענען נעענטער, לויט זייער תּוכן און דערציילערישן נוסח, צו דעם זשאַנער פון חורבן־ליטעראַטור און אַזוי דאַרפן זיי קלאַסיפיצירט ווערן.

ליידן און עלנט איז די סטרוקטור פון אַ רעזשים, ווי אײַזענבוד האָט אים דערקענט. די באַצילן פון שלעכטס צעפרעסן דעם גײַסטיקן אָרגאַניזם פון מענטש. ער דערפילט עס בײַם אָנהייב און זוכט זיך צו ראַטעווען. דאָס געראַנגל פאַר אויפהיטן דעם צלם־מענטש גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך ביידע ביכער.

משה אײַזענבוד דערציילט זײַנע איבערלעבונגען, ווי זײַן פּראָטאָטיפּ מיכל, מיט דער אויטענטישקייט פון אַ פרישן זכּרון. אַפילו די נאַטור־שילדערונגען

פון גרויסע טעג פאַרצייכנט ער. און ער איז אַוודאי איינער פון די שטאַרקסטע עדות פון די אַנגסטן און ווייען פון אַ פּליט אין דער סאָוועטישער לאַגער־ און טורמע־ווירקלעכקייט. אין אָפּגעריסענע קאַפּיטלען און פראַגמענטן, וואָס בינדן זיך ניט תמיד כראָנאָלאָגיש, מאָלט ער דאָס הילפלאָזע לעבן פון מענטש ביים ראַנד פון אומקום און זיין געניטקייט איבערצוקליגן הונגער און נאַקעטקייט. אין ביידע ביכער שטויסן מיר זיך ניט אָן דירעקט אויפן טויט, וואָס זאָל אַרויסרופן אונדזער סימפּאַטיע און רחמנות. ניטאָ אַפילו דאָס געשריי פון די ווייען. ס'קומט אונדז פאָר, אַז דער אינהאַלט איז ציטנווייז געמילדערט, כּדי ניט צו פאַרטושן די אמתדיקייט. די דאָזיקע איינגעהאַלטנקייט באַקרעפטיקט נאָך מער די געשעענישן.

דער מחבר איז אַזוי אַרום אַ פּראָדוקט פון דער חורבן־עפּאָכע און איז איינציקייטיק איר פאַראייביקער. און ווייל דער באַשולדיקונג־אַקט פון טעראָר און פיין קעגן פאַרברעכערישן רעזשים איז ליטעראַריש אויסגעגלעט, איז גרינגער דעם לייענער צו שפּריינז איבער די אַלע שווערע נע־ונד־וועגן. ס'איז דער מין אויטענטישע דאָקומענטאַציע פון יענע טעג.

ב

על־פּי לאָגיק וואָלט „ניעסוויזשער יידן" — „געדאַרפט זיין דאָס ערשטע בוך", ווי דער מחבר אַליין פילט עס, האָט דאָך די מלחמה אַלץ אומגעדרייט קאַפּויער — און דער, וואָס האָט „געלעבט הינטער קראַטן", קומט צוריק צו זיין שטעטל, זיין יוגנט, די יאַטלעך און די יידיש־וועלטלעכע שול, ווו ער האָט געלערנט. די דאָזיקע שול און איר גייסט האָט אַ טיפן חותם געלאָזט אין באַוווסטזיין פון יאַנקל משה. אויך דעם אידעאַליסטישן גלויבן אין סאָציאַליזם, טוען די האַרעפּאַשנע טאַטעס פאַרירשענען צו זייערע קינדער. דער יונגער אייזענבוד לויפט זיך ראַטעווען אין לאַנד פון סאָציאַליזם, און דער אַנטי־קלימאַקס פון דער סאָוועטישער וואָר צעשמעטערט זיינע נאַיווע האָפענונגען. און ס'קומט די אויסניכטערונג, צוזאַמען מיט דער אויטאָ־ביאָגראַפישער עקסקורסיע אין דער „אָרדענונג" פון יענעם לאַנד, ווו קיין אָרדענונג איז ניטאָ.

ס'וואָלט צו לאַנג גענומען זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף אַלע געשעענישן און די גאַנצע גאַלעריע טיפּן און כאַראַקטערן אין די ביכער. ער הייבט אָן פון קריזיס־פּונקט, ווען די פּוילישע רעגירונג גרייט צו. אין לעצטן מאָמענט, די מאָביליזאַציע. ער שילדערט די שטימונגען אין שטעטל; די רויטע פּרעלודיע, וואָס טוט אַ ווונק מיט האָפענונגען און לאָזט זיך אויס מיט אַנטוישונגען. יענע משוגע־ווילדע טעג באַוועגן זיך מיט דער שנעלקייט פון אַן אויטאָמאַט. דער איבערפאַל פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד, ווען די לעבעדיקע ניעסוויזשער יידן ווערן אַריינגעשליידערט אין גורל־מיל פון אומקום.

ניט אַלע ווערן צעמאָלן. איינער פון זיי איז ניכל, וואָס ווערט פאַרטראָגן צו די סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן, שפּעטער — קיין אוראַל, און ער ווערט דער

זעער און צוזעער פון די לעבעדיקע צרות. דאָ איז ניט פאַראַן די דירעקטע סכּנה פון טויט, נאָר דער אומקום דורך הונגעריקע געגנלעך, צי דורך אַ מסירהלע פון היגטן־אַרום. ס׳פעלן די בינדפעדעם וואָס זאָלן, ווי אין אַ נאָ־וועלע, פאַרגרונטעווען די אידעע. דאָס זענען מער די געשעעניש און פּער־סאָנאַזשן, וואָס ציגדן זיך און פאַרלעשן זיך ווי פּײַער־פליגעלעך אין דער נאַכט. דער בינד־עלעמענט איז די ליניע פון צײַט, וואָס העפט צוזאַמען דעם דער־ציילערישן שטאָף.

די אַ דערמאָנונגען איז אײַזענבודן געלונגען צו פאַרצייכענען, ווי „בלעט־לעך פון אַ ניט־פאַרשריבענעם טאָג־בוך...״ אין דעם וואַנדל און וואַנדער האָבן זיך אָבער אָפּגעריבן די סימנים פון אַן אייגן אינדיווידועלן פּנים בײַ דעם רוב פון די כאַראַקטערן. די שטריכן זענען פאַרטונקלט, און אַ סך אינטערעסאַנטע מאָמענטן און טיפן זענען אָפּגעכאַפּט, קורץ. אַזוי איז די אומגלייבלעכע באַ־געגעניש מיט אַדאַן, און איר ליבע. אָבער דאָס ביסעלע ליבע און בענקשאַפט פון הונגעריק־נאַקעטן מענטש רירט אונדז. מה דאָך, אַז די אַנטוישונגען און שרעק זאַלצט דער מחבר צו פון צײַט צו צײַט מיט אַ קאַפּעטשקע הומאָר און סאַרקאַזם.

און מיכל, אונדזער העלד, גיט זיך איין טאָג אַ ריס, טאַקע ווי אַ העלד, קעגן דער מאַכטיקער סאָוועטישער ביוראָקראַטישער מאַשין. „אין קלוב הענגט די לאָזונג ׳בײַ אונדז איז אַ מענטש טײַערער פון גאָלד׳... אָבער דער סאָוועַ־טישער מענטש געהערט דער סאָוועטישער מלוכה...״ און ניט געקוקט וואָס ער האָט שוין דעמאָלט מסתמא געהאַט צעקײַט זייער פּירוש פון רעכט, איז ער אַרויס אין קאַמף פאַר זײַן אמתער רעכט.

אַוודאי איז עס אַ גבֿורה פון אַ ייִדיש בחורל פון ניעסוויזש, אין יענע יאָרן, אַרויסגיין אין אַ שטרײַק קעגן סאָוועטישן רעזשים. על־כּן דאַרף מען לייענען, און פאַרשטיין „די באַרוועסע יאַטלעך — די קליינע ליטוואַקלעך״ פון ניעסוויזש, כּדי צו דערזען און באַגרײַפן וואָס האָט געמיינט אַ ייִדיש שטעטל. און אַזעלכע שטעטלעך זענען געווען אַ סך, און נאָך מער — אַזעלכע יאַטלעך. ניט וויכטיק דאָ, צי זיי זענען געווען חלוצים צי צוקונפטיסטן, ציוניסטן צי בונדיסטן, פאַר דער געשיכטע זענען זיי דער וויטאַלער כּוח פון ייִדישן לעבן, וואָס איז חרובֿ־ ומוחרבֿ געוואָרן. און דעם אימפּאָזאַנטן בילד פון די פאַרחורבן־טעג, זײַנע חבֿרים און היימישע ייִדן מאָלט אײַזענבוד. אַוודאי רעסטאַוורירט ער ניט אַ פול בילד, און אַגבֿ — איינזײַטיק, פון שטעטל, אָבער עס שנײַדט זיך אַרויס זײַן געשטאַלט צווישן די יונגע טראַכטער און טרוימער, וואָס ווילן אַ וועלט איבערדרייען.

ג

גאָר אַנדערש איז דאָס דריטע בוך — „אַליין אין געזעמל״. דאָ איז שוין פאַראַן ליטעראַרישער פאַרמעסט און — אַ ווילן, מסתמא, צו קאָמפּענסירן דעם לייענער. די דערציילונגען זענען טאַקע בײַ, אינטערעסאַנט, אַנדערע אַפילו

פּיקאַנט און, צו מאָל, פּאַרכאַפּנדיק. אויך אַ פּאָר גױישע העלדן האָט ער אַרײַנ־געפירט. אַ נײַע טעמאַטיק און נײַע סיטואַציעס, צום טייל צוגעטראַכט, אָבער ער איז נאָך אַלץ, געדאַנקלעך און פּסיכאָלאָגיש, אויף דעם ייִדישן באָדן, מעג עס זײַן אַפילו אויסטראַליע, זײַן נײַע היים.

די נײַע אַטמאָספער האָט אַרײַנגעהויכט אין זײַן שאַפערישן אימפּעט הייסן אָטעם, אויסגעברייטערטע אַקציע. נאָר דער אײַזענבודישער סטיל, פון די ערשטע ביכער, איז נאָך אַלץ קענטיק. די ערשטע דערציילונג טראָגט דעם טיטל פון בוך. דורך אַ שפּאַנישן פּאַרטיי־פונקציאָנער, מאַרגאָ, און זײַן מיידל, וויל אײַזענבוד ארויסדרינגען די אַליינקייט פון מענטש אין המון, אַפילו אין זײַן אייגענער סבֿיבֿה. כ'האָב ניט געקענט זען בײַ מאַרגאָן די כאַראַקטער־שטריכן פון זײַן פאָלק, זײַן ספּעציפישע אַנדערשקייט איז עפּעס ניט אַנדערש, אין מײַנע אויגן, פון עפּעס אַ בונדיסט דאָרט אין ניעסוויזש...

הגם די צווייטע דערציילונג אין בוך, „אין אַ באָרדינג הויז", איז קרעפּ־טיקער און מיט מער האַנדלונג, האָט מסתּמא אײַזענבוד אַליין געפילט, אַז ער דאַרף צוריק זיך איבערשטעלן אויף דער טעמאַטיק פון ייִדישן לעבן. זײַנע אַלע אַנדערע דערציילונגען זענען טאַקע פון עבֿר — שטעטל, סאָוועטישע, דײַטשישע לאַגערן נאָך דער באַפרײַונג, און שפּעטער — אויסטראַליע. עס פּאַר־מאָגט, צוזאַמען מיטן לאָקאַלן קאָלאָריט, דעם אָריגינעלן טעם פון ייִדישן לעבן.

משה אײַזענבוד, דער ניעסוויזשער בחור־יאַטל, זוכט אומעטום דעם מענטש, און קודם־כּל אין זיך אַליין — אַליין אין מענטשן־געזעמל — און פון אינזיך ברענגט ער אַרויס דעם הומאַנעם תּוך און תּוכן. אין דעם זין איז זײַן אינדי־ווידועלקייט דער צענטער, פון וואַנען ער זעט אַלעמען און יעדן באַזונדער. אין דעם לעבנסרוים שטעקן די וואָרצלען, וואָס גרייכן צוריק, אַזש ביז דער ווײַטער ניעסוויזש, און פון דאָ וואַקסט די שאַפערישקייט.

די העלדן פון די דערציילונגען האָבן, צוזאַמען מיט זייער באַשאַפער, אויסגעוואַנדערט אין זייער נײַ לאַנד אויסטראַליע — מיטן קלומעק פון נעכ־טיקן חורבן און חלום פון אַ פרייש לעבן, באַוועגן זיי זיך ווײַטער. זיי גריבלען זיך נאָך אַלץ אין יושר־פּרינציפּן און די מאָראַלישע ווערטן פון מענטש. ניט דאָס יאַטל פון ניעסוויזש, ניט דער פּליט פון סאַמאַרקאַנד, ניט דער אויפגע־קומענער גבֿיר און פאַבריקאַנט, און ניט דער לא־יוצלח — קיינער פון זיי קען מער ניט אַנטלויפן פון זיך און זײַן עבֿר. זיי אַלע דרייען זיך אין קרײַז פון זייער ייִדישן גורל, און אײַזענבוד פאַרצייכנט דעם פלאָנטער פון זייער גאַנג.

מעלבורנער בלעטער, 1977.

# דער פּאָעט פון אַבסטראַקטיזם

לייזער אייכענראַנד: דאָרשט נאָך דויער. פאַרלאַג י. ל. פּרץ. פאַרטרעט פון מחבר, געצייכנט: מ. מילבערגער. הילע: אַמציה כ״ץ. 166 זז׳.
ליזער אייכענראַנד: לאַנדשאַפט פון גורל. פאַר־לאַג „תמיד״ — תל־אָביב, תש״מ — 157 זז׳.

א

לייזער אייכענראַנד וווינט אין אַ פאָרשטאָט פון ציריך. ער איז היינט דער איינציקער ייִדישער פּאָעט אין דער טוריסטישער בערג־פאַרשנייטער מדינה. אָבער ער, דער געבוירענער אין דעמבלין, האָט ניט אויסגעמיטן דעם גורל פון די פוילישע ייִדן ביז 1942, ווען שווייץ איז געוואָרן זיין ראַטוניק. און ס׳איז זיך שווער פאַרצושטעלן די איינזאַמקייט פון אַן עלנטן ייִדישן שרייבער אין יענע יאָרן, אין דעם האַלב־אַסימילירטן ישוב. דערפאַר אפשר, פון בענקשאַפט נאָך אַ שעפערישער סביבה, האָבן זיך נאָך מלחמה־סוף אַפּגעזוכט צוויי דייטשע פּאָעטן, וואָס צוזאַמען מיט זיי האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע „ייִדישע לידער אין לאַטייניש טראַנסקריפּציע״: איין ביכל אין 1946, און אַ 2טן — אין זעלבן פאַרלאַג — אין 1947. אין דעם מאָמענט איז פאַראַן עפּעס פון גורל־שותּפות מיט די ייִדישע לאַגערן פון שארית־הפּליטה אין דייטשלאַנד, ווו ביכער און צייטונגען זענען יענע יאָרן געדרוקט געוואָרן מיט לאַטיינישע אותיות.

אין 1953 איז אַרויס זיין בוך לידער און סאָנעטן, „ממעמקים״, און אין 1964 — „דאָס ברויט פון צער״, וואָס איז אויך איבערגעזעצט אויף עבֿרית, מיט אַ הקדמה פון דבֿ סדן. ער האָט נאָך צוויי איבערגעזעצטע ביכער, אין עבֿרית.

זיינע לעצטע צוויי ביכער, „דאָרשט נאָך דויער״ און „לאַנדשאַפט פון גורל״, זענען שוין מיט זייערע טיטלען אַליין אַן אָנדייט און אָנווייז אויף דעם עצם פאַרטיפטן תּוך זייערן. עס איז די זוכעניש פון דיכטער, וואָס וויל געפינען אַ גלייכן, ריכטיקן און אַוודאי ליכטיקן וועג צו אַ פולן תּמציתדיקן אויסדרוק. גלייכצייטיק זוכט ער אויך צו דערגרייכן די סאַמע קאָנדענסירטע פאָרעם אין וואָרט און זאַץ און פערז. און ער באַמיט זיך גאָר שטאַרק צו געפינען „פאַר־בלייביקע סעקווענצן״, וואָס זאָלן גייסטיק דעפינירן זיינע אידעען און געפילן וועגן מענטש און וועלט. אפשר איז עס אויך דער וועג צו געפינען זיך — ווייל ער נישטערט אין זיין האַרץ און נשמה די דיכטערישע פונקען צו אַנט־

פלעקן פאַרהוילענע זאַכן וואָס האָבן גאָר קיין נאָמען ניט. אין דעם זינען איז ער דער פּאָעט פון אַבסטראַקטיזם.

זײַן ליד איז אָבער ניט אַ סתם חקרנען זיך אין מיסטעריעס און פּוסטער פילאָסאָפיע, נאָר ער זוכט אַ גרונטיק קערנדיקן באַטײַט פאַר די פענאָמענען לעבן און טויט. און דאָ איז תּמיד פאַראַן די סכּנה פון זיך אָוועקטראָגן אויף כוואַליעס פון רייד, אָבער אייכענבאַנד איז אַ זהיר וניזהר מיט ווערטער. ער צוימט זיי און לאָזט זיך ניט באַהערשן פון זייער רייץ. יעדער וואָרט בײַ אים מוז האָבן אַ זין און אַ מיין. דעריבער זענען די ווערטער זײַנע געפּרעסט און קאָנדענסירט, ווי די רגע פון לעבן ווו זיי האַלטן זיך אויף, און פון דער רגע קריגט ער אַרויס דאָס געהעריקע וואָרט. אין זײַן מאָטאָליד צו „לאַנדשאַפט פון גורל" זאָגט ער: „דאָס וואָרט—וואָס האָט נישט—פאַרלוירן,—צווישן—דעם שטאַרבן—און ווערן—געבוירן,—דעם גײַסט,—ווו זיך אייביק—די רגע—דערהאַלט". און דאָס זענען אַלץ — צווישן שטריך און שטריך — אייניציקע שורות, אַ שורה אַ וואָרט, עלעהיי ער איז אַ מין וואָרט־שומר.

## ב

אַוודאי איז ניט לײַכט אַזעלכע טיף־זוכערישע לידער גלײַך אויפצונעמען און פאַרדײַען. אַפילו אַ גוטער לייענער און אַ בקי אין פּאָעזיע, מוז פריִער אַרײַנבאַטעמען זייער זעליש־שאַרפן קלימאַט און דעמאָלט ערשט אַנאַליזירן זייער גײַסטיק־סימבאָלישן תּוכן, כּדי צוצוקומען נענטער צום יאָדער פון ליד. די לידער זענען אָנגעלאָדן מיט אַזאַ ספּיריטועלער קראַפט, אַז מען מוז פונאַנ־דערגלידערן יעדן זאַץ און פונאַנדערשיפרירן יעדעס וואָרט באַזונדער. די גע־דאַנקען אין די לידער זענען אַ קאָמפּלעקס פון פאַרדיכטע שפּירונגען וועגן אייביקן גײַסט פון מענטש און באַטײַט פון לעבן. ער שטעלט צונויף זײַנע טראַכטענישן אין די סאַמע מינימאַלסטע סטראָפעס און פערזן, און ס'איז די שווערע אַרבעט פון לייענער צו געפינען דעם אינהאַלט אין די סעקווענצן פון ליד. צו מאָל דאַרף מען צעלייגן אַ שורה און ממש שפּאַלטן ווערטער, כּדי זיך צו דערקלײַבן צום רעיון און פּתר פון ליד. כ'שטעל זיך פאָר, אַז וויפל דער לייענער זאָל ניט האָרעווען צו דערגיין צום עצם תּוך פון אייכענבאַנדס אַ מחשבֿה, טוט עס אפשר דער מחבר מיט נאָך מער שעפערישן שווייס, כּדי דאָס ליד זאָל אין שלמות קומען צום לייענער. ס'איז קענטיק, אַז דער דיכטער שפּרינגט איבער אַ סך וואָרט־מיכשולים, כּדי אַליין צו דערפילן דעם לויטערן אינהאַלטלעכן מיין און ציל. דורך אַלע לידער ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דער צענטראַלער געדאַנק פון לעבן און טויט, יעדעס ליד שימערט אָבער אויף אַ באַזונדעראַרטיקן אופן און מאַכט עס אַנדערש פון פריִערדיקן.

אַ צען יאָריקער דיכטערישער שפּרײַז טיילט אָפּ איין בוך פון אַנדערן. אין דער 10 יאָריקער גײַסט־רגע, בנוסח אייכענבאַנד, איז געקומען דער אי־בערשפּרונג צום שורה־צימצום, כאָטש קיין מאָל האָט ער במילא ניט גע־

נוצט די ברייטע פּול־אָטעמדיקע שורה. זײַן סטראָפע איז ריטמיש און מוזיקאַ־ליש, אַפילו אויך אין ווײַסן פערז. ווערטיקער פון אַלץ איז אָבער דער אויפ־קלאַנג פון די געדאַנקלעכע עמאָציעס און דער אויפנעם פון סבֿיבֿה און קאָליר, וואָס ער כאַפּט־אויף מיט אויג און חוש. דער אַרײַנבליק און אַרײַנפיל שאַפט דעם קאָלאָריט און קלימאַט פון זײַן ליד. וואָס טיפער דער אַרײַנדרינג ווערט דאָס ליד אַלץ באַטײַטיקער און פאַרוואָגלט עס אין אַ מין קאָסמישן „געזאַנג צו געזאַנג", וואָס נעמט איינעם „אַרײַן אין אייביקייט פון ליד". דאָס איז אַ געזאַנג צום קוואַל פון אַבסאָלוטן גײַסט — „וואָס לעבט אין אונדז פון גאָט". און אין דער מיפולער זוכעניש פון „דאָס ריינע וואָרט פון גײַסט" איז אַרײַנגעוועבט דער גאַנצער אייכענראַנד־ליד־קאָמפּלעקס: געזאַנגען וועגן אומקום, קבֿר און טויט. דאָס זענען גאָר אומעטיקע טעמעס, אָבער בײַ אים איז עס „די קראַפט, וואָס האָט דעם טויט פון טויט דערלייזט". אין דעם שטעקט אויך זײַן כּוח: געבן אויסדרוק צו זײַנע מחשבֿות און געמיט אין גלענצנדיקע בילדער־סימבאָלן און סופּערלאַטיוון, וואָס געשטאַלטיקן אַרויס די אומסופיקע רגע צו וועלכער ער גאַרט. דאָס איז דער עקוויוואַלענט פון זײַן צײַט־מאָס: די רגע אין אַבסאָלוטן זינען — „אין רויש פון לעצטן שרײַ צו מיר פאַרטראָגן" — איז אין לעצטן סך־הכּל די מאָס פון אייביקייט, ווי ער נעמט עס אויף. אפשר איז דער סאָנעט די בעסטע פאָרעם פון מעדיטירן אויף אַזעלכע נצח־רגע־טעמעס — און לייזער האָט עס געטאָן אין די פײַן־געשליפענע סאָנעטן אין בוך, „דאָרשט נאָך דויער". אַלע איבעריקע לידער אין זעלבן נוסח, זענען ניט מער ווי עכאָס, וויבראַציעס און דיסאָנאַנסן פון דער־אָ גראַנדיעזער סימפאָניע — רגעס פון לעבן צווישן טויט און טויט. דאָס זענען לידער פון גלויבן און פאַרלייקענונג און דאָס אויסטעגהן זיך מיט דעם „נאָר איך בין", וואָס לעבט און שטאַרבט כּסדר „אין פּחד פון דורות".

ג

אַזוי וויקלט זיך אָפּ דורך אַלע אייכענראַנדס לידער די אוניווערסאַלע טעמע, אין טערמינען פון אַבסטראַקציע: גאָט, מענטש, לעבן און טויט. די צוויי לעצטע זענען בײַ אים אַ קאַטעגאָרישער איינס, אַ מין סינטעז פון אַ טיף־מיסטעריעזן פענאָמען: די לעבנס „ווערן פונעם טויט פאַראייניקט". דערפאַר פעלט בײַ אים לחלוטין די קאָנקרעטע טעמע פון מענטש און זײַן היים, סבֿיבֿה, מאַן און פרוי און קינד, און אויך די ממשותדיקע נאַציאָנאַלע טעמעס: דאָס פאָלק. די־אָ אַלע אַטריבוטן זענען בײַ אים פאַרוועבט אין סופּערלאַטיווע שלייערן, פאַרנעפּלט מיט אַלגעמיינע באַגריפן און קוים דורכזיכטיקע אַלעגאָרישע און סימבאָלישע בילדער און פאַרגלײַכן. אין גאַנצן געזאַנג פילן מיר זײַן דאָרשט נאָך דויער — ס'איז דאָס זוכן „דעם אוראַלטן דאָרשט" נאָך באַשטענדיקער וואָר. און די וואָר איז פון דעם איך, וואָס איז אַרײַנגעוואָקסן ווי אַ צווײַג אין נצח, ווײַל „ער", וואָס איז „פאַרשוויגן", האָט זיך „דערקענט" דורך

זײַן בחיר־היצורים: „צו ווערן די טיפן פון דורות־באַגין / און ערשט דורך דעם מענטש / צו זאָגן איך בין״! און אין דעם דורות־גאַנג בלײַבט דער „דאָרשט נאָך דויער״ אומגעשטילט און אייביק, אַפילו פאַרן יחיד.

אין דער אַלייניקער גאַקעטקייט זוכט ער אויף זײַן גאָט, ווען ער רופט דער גאָט פון אויסדערווײַלטקייט. אין די 15, שוין פריער דערמאָנטע, צוזאַמענגענומענע סאָנעטן, וויל ער אַרויספּלאָנטערן און פונאַנדערקניפּן דעם „לעצטן סוד״. ער ספּעקולירט ניט און ספּקט ניט, נאָר האָט צעשלאָגן די ספקות, און מיט קאַלט־דורכגעטראַכטע שורות זאָגט ער זײַן אמת. ער זעט דעם גאַנצן מענטשלעכן גאַנג ווי אַ מין פּראָצעסיע פון „אַ לוויה, וואָס ציט גרויס און פינצטער דורך די צײַטן״. און „דײַן שווײַגן, גאָט, מאַכט זייער שפּאַנען בלינד״. די געדאַנקלעך־בילדערישע פערזן בלאָזן מיט פּראָסטיק־פילאָסאָפישער פולדיקייט, און מיר פילן בפירוש דאָס פעלן פון אינטים צאַפּלדיקן איך־באַריר. ניטאָ דאָס פּערזענלעכע און פאָלקישע: ניט די האַרציקע טרער און ניט דער יידישער קרעכץ, ווי דער דיכטער וואָלט זיך אויסגעטאָן פון דער אייביקער הויט. אַפילו דער לירישער פערז פאַרמאָגט ניט קיין וואַרעמע נאָטע און ווערט צעפלאָסן אין אַבסטראַקטיזם. דאָס איז דער ספּעציפיש אייכענראַנדישער נוסח, ווו עס שלאָגט ניט אויף קיין פונק פון אמתער פרומקייט. אָבער די לידער זענען בשום־אופן ניט סתם אַפּאַטיע צי ניהיליזם, צי גאָר קהלת־דיקער הבל־הבלים. דאָס זענען פּסיכאָלאָגיש־אַטאַוויסטישע מענטשלעכע לידער, וואָס מיט זייער טיפן און טאַקע גרונטיק־יידישן צער קען מען פאַרטיילן אַ מנין פּאָעטן. ווײַל יידישער צער איז אויך דער צער פון דער וועלט — און דעם אומעט פון פאַרגאַנג טראָגט ער אין זײַן האַרצן, אַ סימן: „דו קלאַפּסט אומזיסט אין זײַנע טויערן״. די דאָזיקע פילונגען פון שקיעה און אמונה געקרייצט מיט כפירה, חזרן זיך איבער אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס — און דאָס איז די מוזיק וואָס מאַכט פולער די „האַרמאָניע־שפּיל״ פון די אַלע לידער. אין טונקל פון זײַן זכרון ליגט אומבאַרירט די יוגנט און זוניקע טעג, ווי אַזעלכע וואָלטן גאָר ניט געווען בײַ אים. ניט אומזיסט זאָגט ער, אַז בײַם „זונענגאַנג (וואָס) האָט דעם הימל ווײַט צענומען — כ׳גיי תמיד צו מײַן טויט בײַ יעדן סוף פון נאַכט״. און ער אָפּערירט כּסדר מיט די באַגריפן נאַכט און שוואַרץ, טויט און שווײַגן. ס׳איז גרוילק וויפל שטומע טויטן דער יידישער דיכטער אייכענראַנד טראָגט אין זײַן געמיט־זכרון, ווי דער פריידיק־ענטוזיאַזם וואָלט געווען אַטראָפירט אין אים. אָבער אין קאָנטעקסט פון די לידער קלינגען מער אַרויס די אידעען און געדאַנקען זייערע און מיט אים, מיטן דיכטער אין זוכעניש, ווערן אַלע „אומפאַרשטענדיקייטן״ קלאָר און פאַרשטענדיק.

ייִדישע צײַטונג, יאָהאַנעסבורג, 1981.

• נאָך 3 קאַפּיטלען — ד, ה, ו — זענען געבליבן אין כּתב־יד.

# אלחנן אינדעלמאַן — צוויי ביכער און צוויי לידער

## א

אויסטערליש און קורץ איז געווען מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם העברעיִש־ייִדישן דיכטער און שרײַבער אלחנן אינדעלמאַן. די קוים־קאַנטשאַפֿט האָט מיר געבראַכט די פּרײַנדלעכע מתּנה פֿון צוויי קליינע העברעיִשע לידער־ביכלעך — יעדער אַ ביסל מער פֿון 100 זײַטן. די ביכער זענען פֿון טאַשן־פֿאָרמאַט, איידל און דין, און מיט פֿאַרביק־צניעותדיקע טעוועלעך. דאָס פּנימיות — ווײַסע בלעטלעך, אָנגעשאָטן מיט שיטערע מוזיקאַליש־צאַרטע שורהלעך, די גאָלדיקע זריעה פֿון העברעיִשע אותיות.

אַז כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען די לידער, איז מיר געוואָרן לײַכט אויף דער נשמה, וואָרעם אין זייער טאָג־טעגלעכן בילד איז מײַסטעריש אַרײַנגעשניצט אַ סאַמעט־גלעטנדיקע שטילקייט. די לידער־דממה האָט מיך דערקוויקט.

ליגן די ביכעלעך אויף מײַן טיש, און פֿון צײַט צו צײַט, אַז עפּעס טוט מיך אַ פּרעס, גיב איך אַ זופּ אַראָפּ עטלעכע בלעטלעך, עלעהיי בעכערלעך לידערטוי. אין דעם געטראַנק איז פֿאַראַן אַ ל ץ: בענקשאַפֿט און אומעט, היים און משפּחה, מענטש און נאַטור, צי גאָר דער ביטערער האַרב־שמאַכטיקער חורבן־ווײַן. אַפֿילו די חורבן־לידער (שירי חורבן) פֿאַרמאָגן אַ געבענטשטע לירישע ווייכקייט.

די לידער זענען שלווהדיק, ווי מיט אַ פֿלאַטערדיקן הויך אָנגעווייט, געלײַטערטע און קלאָרע. מ׳דאַרף זיך ניט פֿאַרטיפֿן אויף אויסצופּלאָנטערן די שטימונג פֿון דיכטער, ווײַל די שירים זענען לויטער דורכזעיִק, אויך אין זייער מענטשלעכן צער. ס׳איז אַ מיניאַטורישער אוצר פֿון לידער־פּערל, וואָס מונטערט (אַגבֿ, אלחנן אינדעלמאַן איז געווען דער רעדאַקטאָר פֿון אוצר השׂפה העבֿרית — דער העברעיִשער עקוויוואַלענט פֿון דעם אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך פֿון נחום סטוטשקאָוו).

דורך די צוויי לידער־ביכלעך בין איך געוואָרן נאָענט מיט זייער שאַפֿער. זײַן „קול״ האָט צו מיר דערזשומט פֿון דער ווײַט, ווי אַ כּישופֿדיקע סטרונע וואָס האָט אײַנגענומען מײַן האַרץ — און פּלוצעם האָט די סטרונע געפּלאַצט. דעם נאָמען אלחנן אינדעלמאַן האָב איך געקענט פֿון לידער און מאמרים אין זשורנאַלן און צײַטשריפֿטן. כ׳פֿלעג מיט הנאה זיי לייענען, איבער הויפּט די באַטעמטע קינדער־לידער, און כ׳האָב אויפֿגעהיט אין האַרצן אַ ליבשאַפֿט צו

זייער דיכטער. און אָט, איין טאָג פון סוף 1982, קריג איך אַ בריוו פון פּראַ־זאַיקער שיִע טענענבוים, ווו ער בעט מיר צושיקן מייַנס אַ בוך צום דיכטער אלחנן אינדעלמאַן. כ׳האָב זיך געפרייט תּיכּף מקיים צו זייַן די מיצווה, און דער שׂכר האָט אויך ניט פאַרזאַמט צו קומען: די גרויסע מתּנה פון די צוויי קליינע ביכעלעך. די דעדיקאַציע, „למשורר כּלבבי״, האָט באַשטעטיקט, אַז איך בין אים צום האַרצן... כ׳האָב אַ לייען געטאָן אַ צאָל לידער און מיך האָט אַ ברען געטאָן דער חשק אַ פּאָר פון זיי צו איבערזעצן. אויף מאָרגן שוין האָב איך אָוועקגעשיקט די צוויי איבערגעזעצטע טיטל־לידער פון די ביכער — עס איז געווען אין מיטן אַפּריל — און קיין ענטפער האָב איך שוין ניט געקראָגן. כ׳האָב זיך אָבער דערוואָרט אויף דער טרויעריקער בשׂורה, ווידער דורך שיִע טענענבוים: „נאָך זייַן ...אָפּעראַציע האָב איך מיט אים בלויז איין מאָל גע־רעדט פאַר זייַן פּטירה, וואָס איז געקומען אַ טאָג שפּעטער — אויפן אַנדערן טאָג רוף איך אָפּ — הער איך שוין אַז די פרוי זייַנע וויינט. ער האָט געקראָגן אַ בלוטשטורץ אין מוח און — שוין!״

ניין, ניט שוין! אלחנן אינדעלמאַן האָט געלאָזן אַ ווייַטערדיקן גייַסטיקן נאָכדעם!

ב

בוך איינס: אבֿן לי אקח (1956), הייבט זיך אָן מיטן אָפּטייל חורבן־לידער. נאָך דעם קומען די אָפּטיילן: פאַרשקלאַפונג־לידער; לאַנדשאַפט פון קינדהייט; ווען כ׳שליס מייַנע אויגן. ווילט זיך טאַקע, ביַים לייענען, צומאַכן די אויגן און פילן דעם צאַפּל, וואָס ציטערט־אויף אין האַרצן מיט יעדער שורה. פון די חרוזים שטראַלט אַ מענטשלעכע ריינקייט. די ווערטער פּשוט, און די לידער ראַיעל און נאַטירלעך. מיט יעדע איבערלעבונג, מיט יעדן קורצן פערז, קומען אויף די געפילן פון דיכטער, ווי גרינע גרעזעלעך וואָס שפּראָצן אַרויס פון אַ פרוכטיקן באָדן.

די אויסנעמיקע קורצקייט פון דער שורה איז ווי דער בליאַסק פון אַ ליכטשטראַל. דאָ צינדט זיך און לעשט זיך דאָס געפינקל פון זון און שאָטן, פרייד און טרויער, און די וואָרהאַפטיקייט פון לעבן דאָמינירט איבער אַלץ. אַלע פאַרבן רעפלעקטירן אין די קורץ־טראַפּיקע ריטמען, ווו די העברעיִשע ווערטער פאַלן ווי קלאַנגיקע טראָפּנס. אין מאָטאָליד צום בוך פרעגט זיך דער דיכטער: „און אפשר כ׳בין ניט דער וואָס זינגט / מייַנע אומעט לידער, אַ פרעמדער זיי אין מיר צעקלינגט״. אָבער די לידער זענען אויטענטישע, עכטע, פון נשמה אַרויס. די שאַפערישע פּראָבע פון זייער יוצר איז אַרייַנגעקריצט אין יעדער שורה.

בוך צוויי: בחוצות ילדותי (1979). די ביכער טיילט אָפּ אַ דיסטאַנץ פון 23 יאָר, אָבער די אייגענע טענער. דער קנויל סענטימענטן צו היים און משפּחה ראָלט זיך דאָ ווידער אויף אין נייַע וואַריאַנטן. ווידער קומען דאָ הער־

לעכע טיף־דורכגעלעבטע קליינע תּפילה־לידער. אויך עלעגיעס אויפן טויט פון אַ צאָל העברעיִשע שרײַבערס (זלמן שניאור, אפרים ליסיצקי א״אַ).

די לידער זענען ניט מאַסקירט אין מליצות און ניט געפּוצט מיט באַנאַלע סופּערלאַטיוון, נאָר אָפן און קלאָר פאַרן אויג. צו מאָל איז אַ ליד פאַרצויגן מיט אַ לײַכטן הויך פון חלום, ווי טוי אויף אַ לאָן אין קאַיאָר. צו מאָל זענען די סטראָפעס אָנגעזעטיקט מיט דער פרישקייט פון דיכטערס געמיט און זיי עפענען זיך ווי קנאָספּן. אַ צאָל האַרציק־טאַטישע און פאַרליבטע לידער זענען דעדיקירט צו זײַן פרוי און טעכטער. די אַלע שירים זענען גרויס אין זייער צימצומדיקער מאָס, באַזוימטע מיט אַ שמייכל פון חכמה און אויסגעשלײַפט מיטן חן פון דער צײַט. דער תּוכן איז תּוכיק פאַרהילט מיט אַ נשמהדיקן שלייער. דער לייטמאָטיוו, וואָס חזרט זיך כּסדר איבער, איז פאָלק, אומקום, היים קינדשאַפט, אַפילו די געדענקשאַפט פון די אַלטע שפּילצײַג אויפן בוידעם.

די שמאָלע שורות, ווו אַלץ איז רעקאָרדירט, זענען באַזאַפטיקט מיטן עסענץ פון שטילע בענקשאַפטן. קוים צו הערן אַן אויפגעשריי, צי אַ גרילציקע טענה. דערפאַר ווירקן די לידער מער טרייסטנדיק, ווי דערדריקנדיק. די שאַרפקייט פון אינעוויניקסטן אומרו טוט צו מאָל אויך אַ בליץ מיט פילאָסאָפישער גורל־קלוגשאַפט אָבער ניט הבֿל־הבֿלים: ווײַל די צײַט פאַרשווענקט, צי זי פרעסט אויף אַלץ מיט אַנאַנדער, און דעמאָלט איז שוין קיין חילוק ניט (דער וואָז — און דעמאָלט — איז דער טיטל פון אַ ליד): „...און דעמאָלט אַלץ וועט זײַן 'פאַרגאַנג' — / די לאַנדשאַפט, צײַט און דאָס געזאַנג". איצט איז אלחנן אינדעלמאַן אויך פאַרשריבן געוואָרן אין דער אייביקער רובריק „עבֿר", ווי ער אַליין האָט עס אַרײַנגענומען אין ליד, אין געענדזן־פּיסלעך. אָבער אין אידער־עבֿר איז געווען מײַן זכות צו קריגן זײַנע צוויי לידער־ביכער — אָט טו איך זיי אַ מיש און ס׳לעבט אויף די גײַסטיקע געשטאַלט פון דיכטער אלחנן אינדעלמאַן.

פון כּתבֿ־יד, 1983.

אלחנן אינדלמאַן

## כ׳נעם אַ שטיין זיך...

פון געטאָוואָגט כ׳נעם אַ שטיין זיך הײַנט
און אַ הויז כ׳בוי זיך, פּאַנאָראַמיק־מיזרחדיק צעשײַנט.
אַ ליכט־פאַרפלייצטע הויז כ׳וועל זיך בויען דאָרט.
דעם שטיין אַרײַנלייגן אויף פול מאַכן אַ באָרט.
און זײַן ער וועט אַ טראָפּן צער פון ים פון בראָך
אין פראַכט פון הויז — אַ זכר פונעם נעכטן נאָך.
און אַ פינטל חושך, שוואַרצער ווי אַ נאַכט אין הייל,
אַ שמץ פונעם געטאָ־צער אין אַ הויז אין ישראל.

• פון בוך: אבֿן לי אקח. וואַרשע, תּש״ו.

## לייב אָליצקי אין פּערספּעקטיוו פון יאָרן

### א

דרײַ אָליצקי־ברידער — לייב, מאַטיס און ברוך — וואָס יעדער פון זיי האָט געגעבן אַ צושטײַער צו דער ייִדישער ליטעראַטור. דער עלטסטער איז געווען ל. אָליצקי. זײַנע לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט אין ישׂראל, דאָרטן געשאַפן, און אין 1968 געדרוקט אַ בוך פון אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער, „ישיבֿה־לײַט". אין זײַן ערשטן בוך, דערשינען אין וואַרשע, 1924, א"נ „אין אַן אָקופּירטן שטעטל", שילדערט ער דאָס ייִדישע לעבן אין די שווערע הונגער־יאָרן, בעת דער 1טער וועלט־מלחמה. אויף זײַן שעפערישן חשבון פאַרמאָגט ער אַ היפּשן קרעדיט אין ביכער: דערציילונגען, נאָוועלן, ראָמאַנען, לידער און משלים. ביז 1953 — 14 ביכער, אַכט פון זיי זענען אַרויס נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה.

אויב אין די אַכט ביכער קומט נאָך ניט אַזוי בולט צום אויסדרוק די טענ־דענציעזע ליניע פון דער סאָוועטיש־דיקטירטער ליטעראַטור, האָט ער גע־שלאָגן דעם רעקאָרד אין בוך „אָפּקלײַב" (פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע, 1953, 341 זז'). דאָס בוך האָט עס געזאָלט זײַן דער הויכפּונקט פון מאָלן די בלוטיקע עפּאָכע פון דער 2טער וועלט־מלחמה. יענע יאָרן איז אָנגעגאַנגען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַ געוועט — ווי אַלע זייערע געוועטן — פון אָנ־שרײַבן די עפּאָפּעע פון דער פאָטערלענדישער מלחמה, אויפן פראָנט און אין הינטערלאַנד, אויפן זאַוואָד און אין קאָלכאָז. האָט אָליצקי, קענטיק, געוואָלט פאַראייביקן אין זײַן כּמו־ראָמאַן דעם ייִדישן מאָמענט, אין געראַנגל הינטערן פראָנט. וואָלט עס אַלץ געווען גוט און שיין, אויב ס'וואָלט געווען אַ געטרײַע און ערלעכע שילדערונג פון די ייִדן און זייער פּײַן, האָט עס אָבער די אַזוי טרויעריק־באַרימטע „ליניע" אין גאַנצן דערהרגעט.

אָליצקי האָט אַוודאי געוואָלט אויסמעקן פון זײַן זכּרון יענעם שעפערישן פעריאָד, ומכּל־שכּן ניט געדענקען און ניט דערמאָנען זײַן „אָפּקלײַב". אָבער אַז מ'פּרוווט פּסיכאָלאָגיש פאַרטײַטשן די דאָזיקע אַנוסים־ליטעראַטור, ווערט זי פאַרביטן אין אַ רעהאַביליטאַציע פאַרן מחבר און אַ באַשולדיקונג קעגן רע־זשים, וואָס האָט דעם פרײַען שעפערישן וואָרט ליקווידירט צוזאַמען מיט זײַנע טרעגער. און הינטער די שורות פון „אָפּקלײַב" איז מיט אַן אויפגעצווונגענעם, אומנאַטירלעכן און אומסימפּאַטישן זעלבסט־האַס פאַרבאַהאַלטן געוואָרן דער טויט־פּחד קאָמפּלעקס פון אַ סאָוועטיש־ייִדישן מאַראַן, וואָס וויל אויסקויפן

דאָס נפש. מיר טאָרן ניט און זענען גאָר ניט ביכולת אָפּצושאַצן איינעמס פּרײַז פאַר קיום־הגוף, אָבער דער נשמה־שוידער, בצורת שוחד־ליטעראַטור, שרײַט אַרויס מיט פאַרשטיקטע קולות פון יעדן קאַפּיטל. און איצט, אין פּערספּעקטיוו פון יאָרן, זעען מיר די בילדער און הערן דאָס געשריי מער קלאָר. אונדז דאַכט זיך, אַז די כּמו־ווײַטע צײַט איז בכלל ניט אַלט געוואָרן פאַר דער יידישער ליי־טעראַטור. דער טויטקלאַפּ, וואָס האָט זי דערשלאָגן צוזאַמען מיט אירע שעפער, אין סאַמע קלימאַקס פון זייער פונאַנדערוואַקס, איז נאָך פריש און בלײַבט אויף תּמיד דער בלוטיקער פלעק אויף דער סאָוועטישער קולטור־מאַפּע. אויף דעם חורבן־הינטערגרונט ווילן מיר אַרײַנבליקן אין בוך פון ל. אַליצקי.

אַ סך יאָרן איז דאָס בוך — מיט אַ ווידמונג פון מחבר — געלעגן אין מײַן ביכערשראַנק אומבאַרירט. די האַנט האָט זיך ניט געהויבן עס צו עפענען, ווײַל — וואָס, מישטיינס געזאָגט, קען שוין איינער אַזאַ אונדז מחדש זײַן. אָבער כ׳מוז מודה־זײַן, אַז די גאַנצע צײַט האָט עס מיך עפּעס געאַרט. און איצט, אַז כ׳האָב געלייענט דאָס בוך, איז די גאַנצע ביטערניש מיר געשטאַנען אין האַלדז, און דער גרויל פאַר די אויגן. כ׳האָב שטאַרקער דערפילט הינטער דעם אַלעם דעם אַלטן יידישן אינסטינקטיוון חוש פון מקיים זײַן דאָס לעבן. אַזוי מוז מען באַנעמען און פאַרשטיין די פּסיכישע פאַרשקלאַפונג־מאַשינעריע פון גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, און יידן בפרט, כּדי אָביעקטיווער צו זען דעם מסופּנדיקן ליטעראַרישן זײַטנשפּרונג פון ל. אַליצקי.

ב

אַוודאי וואָלט אונדז געפרייט צו אַנטדעקן אַ נײַ און גרויס ווערק, וואָס זאָל באַגײַסטערן מיט זײַן אינהאַלט, אָבער צום באַדויערן איז עס ניט אַזוי. די געשעענישן, האַנדלונגען, העלדן און טיפּן, זענען אין זעלבן מוסטער פון די סטערעאָטיפּישע לײַוונטן פון סאָוועטישער ליטעראַטור־מאַכערײַ. דער קריי־טישער אַנאַליז האָט דאָ ניט אַן וואָס זיך אָנצוהאַלטן, אַ שטיקל אַחיזה אין וואָ־גיקער שעפערישקייט. ווארעם אויך ל. אַליצקי, חוץ אַ יידישער שרײַבער, איז דאָרטן געווען ניט מער ווי אַ סאָוועטיש שרײַפעלע, וואָס האָט געמוזט לאַווירן איבער דער מסופּנדיקער ליניע, אַנגעצויגן איבער אַ תּהום. אין דעם זינען מוז מען פאַרשטיין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון שרײַבן אַזאַ ווערק. און ס׳איז ניט שייך צו קריטיקירן איינעם, וואָס מ׳צווינגט אים גיין אויף אַן אָנגע־צויגענעם קאַנאַט און פאַרצוקנדיקע אויגן מעסטן זײַן אויסהאַלטעוודיקייט...

פון דעם קוקווינקל איז גרינגער צו פאַרשטיין דאָס סטאַרעווען זיך אָפּצור־מאָלן אַ נאָכגיביקע און צובאַמקענדיקע אויטאָביאָגראַפישע געשטאַלט פון טובֿיה גליזער. אונדז דאַכט, אַז אין דער גאַנצער פּליטים־אָדיסעע איז טובֿיה גליזער די סאַמע טראַגישסטע פאַרקערפּערונג פון סאָוועטישן קאַנטשיק און שרעק. דער דאָזיקער, אָפּט טרויעריק־פאַרבענקטער אַליצקי־גליזער שלינגט כּסדר די ביטערע פּילן פון אָנגעשטעלטער סאָוועטישער צידקות, כּדי אין דעם זכות לעבן

צו בלייבן. מיר שטעלן זיך פאַר וויפל געזונט אַזאַ וואַרגעניש מיט רייד עס קאָסט אַ סאָוועטישן שרייבער, בכלל, און אַ ייִדישן בפרט. אָט, למשל, דראַפּעט זיך גליזער אויף די ברייטע האַרעפּאַשנע פּלייצעס פון בענציע וואַסערוואָג, דעם האָרעפּאַשניק פון דורות, אַז וועלכן ער האַלט זיך אַז די גאַנצע צייט, כּדי ניט אַראָפּצוקראַכן אין תּהום פון דעם סאָוועטישן פרייען גן־עדן... און גליזער איז זיך מתוודה פאַר זיין פאַרערער בענציען: „— מאַ. איך שטאַם נישט פון אַזאַ וואַזשנעם יחוס... פון למדנים און נגידים... נישטאָ פון זיי וואָס צו דער־ציילן...“ דאָ דערפילן מיר דעם שרייבערישן שוואַכלינג, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט ער גיט אָפּ זיין כּבֿוד, דאָס משפּחה־געפיל. דאָס ווייזט אונדז אַז אי־בעריק מאָל ווי קאָנפאָרמיסטיש, אין אַ רעזשים פון צוואַנג־און־קאַטאַרגע, דער שעפערישער מענטש קען ווערן, און נאָך מער — ווי קנעכטיש און גייס־טיק פאַרשקלאַפט אַזאַ איינער קען ווערן צו היפּאָקריטישע און פאַלשע לאָזונ־גען פון סאָציאַליזם און פרייהייט.

אַזעלכע ביכער טראָגן דעם שטעמפּל פון קאַזיאָנע פּריקאַז־ליטעראַטור און זענען געשריבן מער פאַר דעם צענזאָר ווי פאַר אייגענער שאַפערישער הנאה. דאָס רויט־באַפאַרבטע מעל־און קליין־געמיש דאַרף עס זיין אַ סגולה צו לעבן און געזונט. און ייִדישע שרייבערס, וואָס האָבן געשריבן בתּוך חורבן און נאָך חורבן, לויט דעם רעצעפּט, האָבן אַוודאי אויסגעקרענקט די רפואה. אַזוי זעט מיר אויס די מאַכערייקע „אָפּקלייב“, וואָס איז געמאַכט נאָך דעם פּשוטסטן שאַבלאָן, מיט צוגעטראַכט־צוגעשפּיצטע מאָמענטן און רעפּ־ליקעס, וואָס וועקן ביים לייענער געפילן פון אומסימפּאַטיע און ווידערווילן. אָבער פּרוווט מען אַריינדרינגען הינטער די שורות, דערפילט מען ווי הינטער דעם אָנגעבלאָזענעם באַלאָן פון ענטוזיאַזם מיטן רעזשים, קלאַפּט מיט שרעק דעם מחברס האַרץ — די שרעק פאַר דעם סטאַליניסטישן געץ, וואָס איז גרייט אים איינצושלינגען. די דאָזיקע שרעק פון „קלאַפּ אין טיר“, ביז דעם היינטיקן דיסידענט־פּעריאָד, קלינגט־אָפּ אין דער ליטעראַטור פון דעם גרויסן און פאַרכ־טיקן לאַנד, וואָס וויל פאַרזאָרגן די וועלט מיט גלייכהייט און פרייהייט. און נאָך הילכיקער און מוראדיקער קלינגט עס אָפּ אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור. די הילכיקייט איז אויך פאַרפרעסט אין בוך „אָפּקלייב“ — אַ מיאוסער פּחד, אַ נעגאַטיווער, אַ פינצטערער, וואָס איז אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן.

ג

ביז איצט האָבן מיר זיך באַוועגט מער אויף די ראַנדן פון בוך — זיך באַקענט מיט דעם הינטערגרונט פון יענער צייט און די שטימונגען, — אָבער וואָס בעצם שטעלט מיט זיך פאַר דער אינהאַלט. און דאָ טרעפן מיר די סאָ־וועטישע מענטשן, אַרבעטער, יוגנט — און אַלע זענען גליקלעך, געטריי דער מלוכה, ערלעך און פול מיט אידעאַליזם. ווי אַ שאַרפער קאָנטראַסט ווערט געשילדערט דער פינצטערער נעגאַטיוו — פאַרשוויגן אַז געוויסן און אַז כאַ־

ראַקטער, סוואָלאָטשעס, בלשון המלוכה, אומווערדיקע פאַרברעכערישע טיפן, ווי טמאדיקע לעפּראַ־חולאים, וואָס מ׳טאָר זיך צו זיי ניט צורירן. אַזאַ איז אויך דער פּליט נאַכציע ברעסלער, דער ציוניסטישער אונטערוועלטניק, איינער פון „די באַלעבאַטישע זינדלעך, די ארץ־ישראל־ייִדעלעך"... „וואָס גרעפּצן... אָפּ די אַכילה פון דער תּרבות־גימנאַזיע"... און גליִערס חבֿר, וואַסערוואָג, קאָמענטירט, אַז „דאָס לשון (העברעיִש — ד.וו.) ווערט אַ גנבֿים־לשון..." ס׳וואָלט צו פיל גענומען צו ציטירן אַזעלכע עפּיטעטן, מיט וועלכע דאָס בוך איז פול. נאָך מער שאָקירנדיק איז די אויגן־גלאָצעניש צו דעם געטשקע־קולט. איז ווי קען מען טאָן אַזאַ „הייליקע עבֿודה" ניט אָפּוואַשנדיק פריִער די טומאה, וואָס קלעפּט פון אָפּמאַך מיטן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד — און דאָס איז דאָך די וויכטיקסטע סיבה פון זײַן פּליטים! און „טוביה גליִער" — דעם מחברס פּראָטאָטיפּ — „האָט געשעפּטשעט הייס: סטאַלין האָט געזאָגט, אַז דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד האָט אויף אַ פאַרברעכערישן אופן, ווי דאָס טוט אַ פאַרברעכער (איבערגעחזרט, צום אונטערשטרײַכן מסתּמא — ד.וו.), געבראָכן דעם פּאַקט פון נישט אַגרעסיע".

ווי נאַריש און לעכערלעך דאָס קלינגט הײַנט. אָבער ווען מיר קענען, דעמאָלט, כאַפּן אַ קוק אין אַליצקי־גליִערס ציטעריק האַרץ, וואָלטן מיר פאַרשטאַנען די שוועריקייט פון אַזאַ ראָמאַן־שרײַבערײַ. ער שרײַבט וועגן די אָנהייב 40קער און אָנהייב 50קער יאָרן, ווען די פינצטערע בילבול־פּראָצעסן האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט אין זייער גאַנצער אימה: די ציוניסטישע דאָקטוירים א״אַ. איז ניט קיין ווונדער אַז דער מחבר, וואָס האָט געוווּסט צו „דאַנקען פריִער גאָט דערנאָך דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס מ׳האָט לפּחות געראַטעוועט דעם קאָפּ פון דער היטלעריסטישער האַק", האָט איצט דעם קאָפּ געזוכט צו ראַטעווען פון דער סטאַליניסטישער האַק. און די וואָס „זײַנען אַוועק אַרבעטן בײַ דער נײַער מאַכט (פון די סאָוועטן, בעת זיי האָבן אָקופּירט אַ טייל פּוילן — ד.וו.) האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אָבער פאָרט פאַרבליבן אירע שׂונאים". און זיי האָט „בלויז דער פּחד פאַר די פאַשיסטישע באָמבעס געטריבן קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווו מ׳האָט זיי אויפגענומען מיט גאַסטפרײַנדלעכקייט און אומפאַרדינטן צוטרוי". און זייער אָנפירער אין דער פּליטים־גרופּע, ווי שוין דערמאָנט, איז „נאַכציע ברעסלער אַ סאַברע, אַ געבוירענער אין ארץ ישׂראל", קלײַבט ער זיך איצט שיקן אַהין זײַנע חבֿרה און שפּעטער אַליין מאַכן אַ ויבֿרח. און ברעסלער דעקלאַרירט פאַר זײַן חבֿרה: „איך בין אַ ציוניסט!" און ער זאָגט: „ייִדן מוזן פון דאַנען באַצײַטנס אָפּציִען". אויף דעם רעאַגירט גליִער: „באַצײַטנס ציִען אָפּ שׂונאים". און בענציע וואַסערוואָג, דער פּראָלעטאַרישער אָנשפּאַר פון גליִערן, דערציילט אים דעם „סיורפּריז", אַז „די באַלעבאַטישע זינדעלעך, די ארץ־ישׂראל־ייִדעלעך האָבן דאָך נעכטן בײַנאַכט געמאַכט אַ צי־אָפּ". אפשר האָט דאָ דער מחבר, אומוויליק און אומסימפּאַטיש, פאַרצייכנט דעם שפּראָץ פון דער קליינער ב ר י ח ה פון פּליטים אין סאָוועט־רוסלאַנד, איידער ס׳האָט זיך נאָך אָנגעהויבן די גרויסע ב ר י ח ה

פון שארית־הפליטה, נאָך דער מלחמה. אפשר איז גראָד דאָס, וואָס האָט געדאַרפט זײַן די נעגאַטיווע פינצטערע זײַט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ליכ־טיקער שײַן. אַ סימן: אין סאָוועטישן גהינום איז עס אויך געווען דער חלום פון יונגע ייִדן.

ד

די דערציילונג פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע פון ייִדישע פּליטים אין סאָוועט־רוסלאַנד, ציט זיך האַרט, טרוקן און קאַלט. אַזוי זעלטן צאַפּלט אויף אַ בילד פון נעכטן, אַ דערמאַנונג, אַ האַרציק וואָרט. אויב יאָ — איז עס אָפּ־געהאַקט, קורץ, ווי עס וואָלט געווען אַראָפּ פון דער ליניע, פון דרך־הישר, וואָס זײַן ציל איז „באַוווסטזײַן פון די אַרבעטנדיקע". אַזעלכע ייִדן טאָרן ניט בענקען, זײַן סענטימענטאַל. דער שרײַבער טאָר ניט ווײַזן קיין ייִדישע טרער, ניט לאָזן הערן אַ ייִדישן קרעכץ. אין דער האַנדלונג דאָמינירט אַ סך דער „שטומער" ראַדיאָ, וואָס דערציילט סטאַלין־כראָניק, וואָס מאַכט פריילעך און אויגן שײַנען מיט גליק. און פון קלוב, ווו עס הענגען די „פּאָרטרעטן פון לענין און סטאַלין... אויף סטאַלינס ערנסט פּנים פלאַטערט אַפילו אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע..." — „קומען ווי אַנצושווענקען אַהער (צו גליִערן „אין צימער" — ד.וו.) געדעמפּטע מוזיק־טענער". אָבער ווי אַן אַנטי־קלימאַקס האָט זיך דער מחבר געקליגט אַרײַנצופירן „די חזנישע שטיק", וואָס נחום, „דער געלער קאַנאַריק", פּראַוועט אין אַ שכנישן צימער. און אין דער ווײַטער פרעמד דערוועקט עס ניט בײַם מחבר קיין אויפציטער פון היים, נאָר דעם באַנאַלן געדאַנק: „עך, ווען דער זשאָווערדיקער נחום וואָלט נישט אַזוי געגרילצט אויפן אויער־באַ־ראַבאַן מיט זײַן חזנישן גאָרגלען זיך דאָרט!" מסתמא איז שוין אַזוי דער אַנוסים־וועג, ווו מ'טאָר ניט אָפּבויגן פון אים. די אויגן און אויערן פון רע־זשים זענען אָנגעשטעלט אויך אויף דער מוזיק אין דײַן צימער, זי זאָל ניט אַרויסקומען מיט פאַלשע טענער...

דערפאַר אפשר האָט ער אויך געשריבן וועגן דער פרײַהייט, וואָס ער האָט דערפילט „אינעם נײַעם לאַנד", ווו „יעדער רויטער שטערן אויף דעם היטל פון אַ רויטאַרמייער האָט אים דערמאָנט אין אַ מנוחהדיקן אָוונט מיט אַ פרידלעך אויסגעשטערנטן הימל". און דאָס איז דאָך געשריבן אין יענע אומרויִקע נעכט, ווען מענטשן, איבער הויפּט ייִדישע שרײַבערס האָבן מיט צעציטערטע הערצער געוואַרט אויף דעם באַקאַנטן קלאַפּ אין טיר. און אַליצקי־גליִער זאָגט מיט באַדויער: „איך האָב זיך נאָך אַלץ ווייניק אָנגעאָטעמט מיט דער ריינער לופט פון סאָציאַליסטישן לאַנד".

יע, אַזוי האָט מען געשריבן ווען דער רויטער מלאך־המות איז געשטאַ־נען איבער דער פּליצע און אַרײַנגעגלאָצט אין די שורות. וויפל כּוחות האָט מען געדאַרפט עס אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפּיר, און נאָך מער — עס ניט צו טאָן. נעמען אַלץ וואָס איז הייליק און טײַער און רייַן און עס מאַכן מיט דער בלאָטע צוגלײַך. און פון נעכטיקע חלומות, סבֿיבֿה, מענטשן, חבֿרים,

ייִנגלעך — מאַכן אונטערצינדער, גנבֿים, פֿאַרקויפֿטע נשמות און זיי מאַלן מיט די עקלדיקסטע פֿאַרבן, אַפֿילו אויסערלעך. אָט איז אַזאַ איינער, למשל, וואָס „ווינקט מיט לאַכעדיקע געלע קליינענס אין די אויגן דורך די חזירשע גרויז־לעכע ברעמען״ — דאַרף מען אַ בעסערע קאַריקאַטור פֿון אַ ייִדישן בחור, וואָס חבֿרט זיך מיטן ציוניסטישן „מורה״, ברעסלער? אָט דער ברעסלער, וואָס „דער טאָג פֿלעגט בײַ אים אַוועקגיין, ווי בײַ משה רבינו, אין אַרומדרייען זיך און צוקוקן, ווי די ברידער אַרבעטן״. נו, דאַרף מען אַ גרעסערן חילול פֿון ה׳ יי ם?

פֿון דעם טאָג, ווען „דער פּאַרטאָרג״ איז מודיע אַז „דעם 19טן יולי, איז יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין באַשטימט געוואָרן״ אאַ״וו, פֿילט זיך אין בוך דער גרויסער רום פֿון „חבֿר סטאַלין״, ביז אַ פֿערז פֿאַר אַ ליד צו אַ פּאַרטיי־זאַנקע, וואָס גליִער האָט אָנגעשריבן און מ׳האָט עס אַפֿילו געלייענט, אויף ייִדיש, אין אַ ראַדיאָ אודיציע. איין סטראָפֿע פֿון ליד קומט אין בוך: „עס האָט פֿון הימל גאָר דאָס לויטער בלויע / זיך אײַנגעזאַפּט אין דײַנע אויגן, זאָיע... / דו האָסט, אין סטאַלינס בליק פֿאַרקוקט, געטראָטן, / און צו דײַן באַרוועס האָבן שטערן זיך צעשאָטן...״

ייִדישע צײַטונג, יאָהאַנעסבורג.
ראָש־השנה, תש״ם—1980.

# דוד אַפּאַלאָוו — דיכטער פֿון פֿאַרב און פּלאַטער

מאַרגנרויט און דעמערונג: לידער פֿון דוד אַפּאַלאָוו.
פֿאַרלאַג „פּריינט“. ניו־יאָרק, 1940. 63 זז׳.

אָנהייב 1979 איז דוד אַפּאַלאָוו־פּאַדאָקסיק געוואָרן אַ בן שבֿעים־וחמש, אָבער אין זײַנע לידער איז ער פֿאַרבליבן דער תּמיד יונגער דיכטער. אין 1940 האָט ער געמאַכט זײַן דעביוט מיט אַ ייִדיש לידער־בוך און פֿון דעמאָלט הייבט אָן שפּראָצן זײַן פּאָעטישער כּוח, וואָס אין די כּמעט 4 צענדליגג יאָרן האָט ניט פֿאַרבלאָסט. פֿאַרקערט גאָר — ער, דער דיכטער פֿון פֿאַרב־און־פּלאַטער, איז מיט די יאָרן ליכטיק־זוניקער געוואָרן, די פֿאַרבן — געדיכטער, און דער פּלאַ־טער — לײַכטער. זײַן ליד איז דער פּאָעטישער אַטעסטאַט פֿון יונגשאַפֿט.

אין זײַנע לידער איז פֿאַראַן די שטיל־ציטעריקייט פֿון אַן אייגן ניגון, אַ מין ספּעציפֿיש געזשום פֿון געמיט, וואָס שוועבט איבערן שטח פֿון די שמאָלע שורות. עס איז ווי דאָס פּלאַטערל וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף אַ בלימל און מיטן זויגן און אײַנזאַפּן זײַנע זאַפֿטן, ווערט ער אַליין פֿאַרוואַנדלט אין אַ ליד. און מאָרגן וועט ווידער אַ ליד קומען, ווי אַ פֿריש ווינטעלע אין קאַיאָר.

אייגנציקאַרטיק איז דער פּענאָמען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָך מער — אירע דיכטער און זייערע לידער. אין דעם פֿונאַנדערצווײַג פֿון מאַכ־טיקן ייִדישדעמב און זײַנע אומעטיק שווערע שאָטנס, האָבן תּמיד אַרומגע־טאַנצט לופֿטיקע געמיטער, וואָס האָבן געמאַכט יונג דעם פּאָעזיע־גאָרטן. זיי האָבן עס געמילדערט דעם גערדריקטן קלימאַט פֿון טרויער, וואָס איז דאָרטן שטענדיק געהאַנגען. זיי האָבן אַרײַנגעזונגען פֿריידיקע קלאַנגען און האָפֿע־נונג אין די סטראָפֿעס פֿון ייִדישן ליד. איינער פֿון די דאָזיקע זינגערס איז דוד אַפּאַלאָוו, ער איז לײַדנשאַפֿטלעך פֿאַרליבט אין דער נאַטור און אירע פֿאַרבן: „איך זע נאָר פֿאַרבן, פֿאַרבן, פֿאַרבן פֿון יונגן, זוניקן קאָליר“.

אין דער זוניקייט איז אָבער פֿאַראַן דער דורכמיש פֿון אַלערליי שאָטנס, און ווי דער דיכטער זאָל ניט וועלן אַנטלויפֿן פֿון זיי, בלײַבן זיי פֿאַרוועבט אין זײַן געמיט. עס איז ניט כּסדר שטיפֿן, זיך ניט אָנשטויסנדיק אויף עפּעס וואָס מאַכט אומעטיק, מה דאָך אַ דיכטער וואָס אין זײַנע „בלוטן שפּילן אומע־טיקע פֿלייטן“. איז גאָר קיין ווונדער ניט, אַז אַזעלכע פֿלייטן זענען געגראַמט מיטן פּ י ל ן „דעם יאָך פֿון אָסיענדיקע נויטן“. איז עס אָבער נאָך מער ווונדער, וואָס אַפּאַלאָוו האָט שפּעטער פֿאַרוואָרפֿן די „טענער פּײַנפּולע פֿון איכה“, אַזש ס׳איז אים פּשוט מקנא צו זײַן.

מקנא צו זײַן צוליב דער פרייד און יונגשאַפט פון זײַן וואָרט און ליד. זײַן קורץ־געשניצטע שורה איז דורך די יאָרן געוואָרן אַלץ מער ריטמיש־קלאַנגיק, ווי אַ מאַרש, און דער אינהאַלט — קלאָר, שאַרף און צאַרט, צו מאָל אויך תּמימותדיק. ער איז אויך איינער פון די פײַנסטע קינדערליד־דיכטער, מיט אַ לײַכטן סטיל און אידיאָמאַטיק. וואָלטן מיר געהאַט אַ ייִדישוועלט, ווי פאַר דער 2טער וועלט־מלחמה, וואָלטן ייִדישע לערער געזונגען און דעקלאַמירט מיט זייערע תּלמידים אין די שולן אַפּאַלאָווס לידער. זײַנע שורות זענען גלאַטיק און גלעטיק מיט זייערע מוזיקאַלישע טענער. ווי אַנדערע ייִדישע דיכטער אין זײַן זשאַנער, איז ער ניט נאָר פאַרליבט אין פּאָעזיע, נײַערט אויך פאַרלײַבט אין איר און מיט איר.

נאָך זײַן אויבן דערמאָנטן ערשטלינג בוך האָט אַפּאַלאָוו צעשפּרייט זײַנע לידער אין די ייִדישע צײַטונגען און צײַטשריפטן פון אַ סך לענדער. דער גאַנג איז געוואָרן נאָך מער לײַכטער. און אויב דאָ און דאָרט האָט אַ וואָלקן פאַרצויגן זײַן געמיט, האָט זיך עס אָבער באַלד אויסגעלײַטערט. מיט אַן אויפגעליכטיקט האַרץ האָט ער זיך פאַרכליניעט אין יונגשאַפט און שיינקײַט. אַזוי האָט געשפּילט פאַר אים די וויזיע פון דער וועלט, פון דער נאַטור, און דער חלום אין דער וואָר, וואָס באַנײַט זיך יעדן טאָג, מיט יעדן ליד.

אַ דיכטער קען אַלט ווערן, אָבער ניט זײַן ליד — דאָס איז אַפּאַלאָוו: „איך בין יונג, כאָטש איך בין אַלט". און דער רעצעפּט פון זײַן יונגשאַפט־כּישוף איז געווען, וואָס ער איז געבליבן „פאַרליבט אין מײַ און בלומען". מיט דער אָ פאַרליבטקייט האָט ער אויסגעשליפן זײַנע קליינע לידער. זײַנע לידער זענען פאַרביקע קרעלן פון מאָרגנרויט און דעמערונג, וואָס מ'זעט זיי מיטן בלויזן אויג. זיי שיילן זיך אַליין אַרויס מיט זייער קאָליר און קלאַנג. מ'טאָר אָבער ניט פאַרבײַגיין מיט שטילשווײַגן די ערשטע לידער פון בוך: זיי שילדערן זײַן ניו־יאָרקער סבֿיבֿה, דעם קוואַרטאַל פון נויט, און זײַן נעכטיקע היים, ריגע, ווו ער איז געבוירן. די טיפן און כאַראַקטערן, וואָס ווערן אָפּגעמאָלט מיט דעם קאָנדענסירטן צימצום פון אַ שורה, צי אַ סטראָפע, מאַכן אָנזען די בילדער ווי פראַגמענטן פון אַן עפּיק, וואָס דעם קינסטלער האָט ניט געסטײַעט אָטעם זיי צו דערגאַנצן. ער האָט דעם ברייטן לײַוונט געמאָלן אין פּיצלעך גרויע און פאַרביק־זוניקע פלעקן פון בענקשאַפט צום נעכטן און פרייד פון הײַנט. ער האָט עס געמאָלן פון „ענגן חדר אויפן פינפטן גאָרן". אין דער אַטמאָספער פון „אַרבעטסלאָזע, ניט באַפּוצטע טעג". אין דער נײַער היים, אַמעריקע, האָט ער דערפילט אויפן אייגענעם גוף די „געפאַרן (פון) ד ע ם לײַדנדיקן"...

אַליין געניסן און לאָזן יענעם געניסן פון דער שיינקייט פון ליד, דאָס איז די שליחות פון דיכטער: „איך בין געקומען דערפרייען די וועלט". און דער דאָזיקער באַוווסטזײַן איז מיט לירישן געצאַפּל צעשטראַלט אין די לידער פון דוד אַפּאַלאָוו. ס'איז דער גלויבן אַז „ס'מוז קומען יום־טובֿ נאָך דער וואָך".

ייִדישע צײַטונג, יאָהאַנעסבורג, 1979.

# אַ דערציילער פֿון אייגענעם אמת

יוסף אָקרוטני: אונטער ליימענע דעכער — מאַטיוון פֿון סאָוועטישע יאָרן. פֿאַרלאַג סבֿיבֿה. בוענאָס איירעס, 1957. 342 זז׳.

## א

צען דערציילונגען פֿון די שוין דערווייטערטע סאָוועטישע יאָרן. ווילט זיך גריילעך וויסן, ווי אַזוי אַ ייִדישער שרייבער האָט זיי געזען און געפֿילט מיט ייִדישע אויגן און מיט אַ ייִדיש האַרץ. צום סוף פֿון בוך איז אָנגעגעבן: „געשריבן אין אַלמאַ־אַטאַ, מאָסקווע, וואַרשע אין די יאָרן 1943—1948“. געדרוקט איז עס 12 יאָר נאָך דער מלחמה, ווייט פֿון סאָוועטן־לאַנד, דאָס מיינט: אַז די מורא פֿון מלכות האָט מער ניט געשוועבט איבערן קאָפּ פֿון מחבר. אונטערן דרוק פֿון יענעם רעזשים וואָלט אַזאַ בוך אוודאי אויסגעזען אַ ליינק ביסל אַנדערש. אָבער באַפֿרייט פֿון די בייזע אויגן פֿון ליניע־צענזאָרן, אַנטפּלעקט זיך מער אָפֿן און אויטענטיש דאָס פּנים און די לאַגע פֿון ייִדישן פּליט, אין זיינע וואַנדלונגען און יסורים אין יענער גרויליקער עפּאָכע פֿון הונגער און רדיפֿות. און דאָס שטאַרקסטע און איבערצייגנדיקסטע אין די דערציילונגען איז דאָס, וואָס דער מחבר זעט אויס צו זיין דער דערציילער פֿון זיין אייגענעם אמת — און ווער וויס אים און קען אים בעסער ווי ער אַליין. און אויב ער כאַפּט אַ קוק אין דער נשמה פֿון אַנדערע, איז עס אויך נאָר פֿון אַזעלכע וואָס ער קען זיי פֿון דער נאָענט. אַזוי אַרום זיפּט זיך דער גאַנצער דערציילערישער מאַטעריאַל דורך זיין אייגן געמיט און שטימונגען. די שפּראַך איז רייך אין איר אידיאָמאַטיק. די שילדערונגען, בילדער פֿון לאַנדשאַפֿט, עמאָציעס, גיבן צו קאָלאָריט צו דער מאָנאָטאָנער סטעפּישער סבֿיבֿה פֿון ליים. ער ווייזט אונדז דעם לעבעדיקן מענטש, וואָס צאַפּלט און קאָרטשעט זיך פֿון איינזאַמקייט און פֿריידלאָזיקייט.

די ערשטע דערציילונג איז כמו אַן אַריינפֿיר צום גרויסן חורבן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ייִדישער מיזרח־אייראָפּע. די צווייטע, און צווייט־גרעסטע, דערציילונג, „אונטער ליימענע דעכער“, גיט דעם גרונטטאָן פֿון בוך: צעשטער און צעוואַרג פֿון דער ייִדישער וועלט, וואָס האָט זיך פּלוצלינג צוזאַמענגעבראָכן. דאָ ראַלט אויך דער באַרימט־געוואָרענער עשאַלאָן (ווי מיר טרעפֿן אים אָפֿט אין דער חורבן־ליטעראַטור), וואָס פֿירט די אומבאַהאָלפֿענע

קרבנות צו זייער אומבאַקאַנטן גורל. אין דעם פאַל איז דער מחבר אַליין דער לויפער און צוקוקער און ער שילדערט עכט און טיף די דורכגעלעבטע מאָמענטן. און זײַנע העלדן, אויף ווי ווײַט זיי זענען עס ליטעראַריש, זענען גאָר ניט אַזוי גליקלעך זיך צו ראַטעווען אין לאַנד, „וווּ דער מענטש אָטעמט אַזוי פרײַ". דאָך האָט שמעון ווײַלאַנד, פאַר זײַן אַנטלויפן, געדענקט צו פאַרניכטן זײַן גוטס און רײַכקייט, „ווײַל מ'טאָר נישט איבערלאָזן פאַרן שׂונא". ער איז דער מאַן פון גלײַכן וועג, פון גלײַכן געדאַנק און פון שלום מאַכן מיט דער ביטערער וואָר.

ב

יוסף אָקרוטני האָט דורכגעפלאָכטן אין בוך אַ שלל מיט קירצערע און לענגערע לירישע מאָלערײַען פון נאַטור און מענטש. אַזוי אַרום ווערט בולטער דער מענטש, און מיר דערשמעקן, פון די שילדערונגען, דעם קלימאַט פון מיזרחדיקן באַשקירישן לאַנד און דאָס לעבן אונטער די ליימענע דעכער. אָט, אַ שטייגער, וואַרפט זיך אַרויף די סטעפּישע ווילדע נאַטור מיט אַזאַ ראַזמאַך אויף דעם ייִדישן פּליט בערגער, אַז ער וויל זיך אַ מעשׂה אָנטאָן. זײַן געשטאַלט איז פּסיכאָלאָגיש גוט געצייכנט. אין געראַנגל מיט דער נײַער וואָר, טוט ער עס אויף זײַן צעדרייטן אופן — משוגע ווערן מיטן גוטן ווילן. אָבער ניט בלויז דער פּליט פון פּוילן, קען ניט שלום מאַכן מיטן סטעפּ, אויך „דעם מיידעלע — (דאָס) שיינע טעכטערל דער קאַלמיטשקעס איז קאַלעמוטנע". זי וויל אויפלעבן די „דרויסנדיקע לײַדיקייט"... „עס זאָל פּלאַקערן, פּלאַקערן און אויפאַמאָל זאָלן מענטשן זײַן אַ סך". די מאָנאָטאָנקייט פּרעסט דאָ אַלע מענטשן — גרויס און קליין: ניט נאָר ווערן זיי „געביסן פון די קאָמאַרעס, זיי בײַסט דער טרויער!" דער דריקנדיקער סטעפּישער טרויער לייגט זיך ניט נאָר אויף דער נשמה פון טויט־זוכנדיקן בערגערן, נײַערט אויך אויף „דעם שמאָלאויגיקן קינד, (וואָס אים) איז אַזוי נאָגנדיק אויף דער נשמהלע".

און מאָדנע, ווי די אַלע קאָמפּלעקס־פּאַרשוינגען ציִען זיך איינער צום אַנדערן. יעדער האָט עפּעס אַזוינס אין דער נשמה, וואָס מאַכט אים אי אַנדערשדיק פון צווייטן, אי גלײַך מיט יענעם... און אַזוי ציט דעם קרום־מוחדיקן בערגערן צום קרום־גלידערדיקן וואַנקען. ביידע פאַרמאָגן דעם פּונק פון אַ געניוס, וואָס האָט זיך ניט אויסגעצײַטיקט. אַפילו די טאַמעוואַטע ריווע, בערגערס ווײַב, וואָס מאַלעגיירעט כּסדר, ווערט אויך מיט אַ מאָל אַ געשליפענע ריידערקע און אײַנריידערקע, ווען זי גיט דעם דאָקטערס פרוי „ווײַבערישע עצות". וואָלט די דערציילונג אויסגעמײַסטערט געוואָרן מיט אַ פּלאַן, וואָלט זי געווען איינע פון די בעסטע פּסיכאָלאָגיש־פּאַרטיפטע חורבן־געשיכטעס פון דער מלחמה־תקופה. כּמעט אַלע דערציילונגען לײַדן פון דעם מין פראַגמענטאַרישקייט, און במילא — אויך זייערע העלדן. אָט, למשל, פאַרלירן מיר מיט אַ מאָל דעם הויפּטהעלד פּײַוויש בערגער און עס פּלאָנטערן זיך אַרײַן צוויי ווילד־פרעמדע פּאַרשוינען און אַלץ פאַרענדיקט זיך אין אַ מין צעקנוידערטקייט. אָבער, פון

דער אַנדער זײַט, איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער משונהדיקער פסיכישער און קלימאַטישער דערדריקטקייט פון יענעם לאַנד און יענע טעג, אין דער סאָוועטישערווירקלעכקייט. ווילן מיר פאַרשטיין פון דעם, אַז דער מאַטעריאַל איז ניט איבערגעאַרבעט געוואָרן אין די 7 יאָר נאָך די מלחמה־יאָרן, בעתן ברענגען עס צום דרוק. יוסף אָקרוטני קען מסתמא ניט צושנײַדן אַ דערציילונג על־פּי אָנגעצייכנטע מוסטערן, נאָר ער מוז דעם תּוכיקן סובסטאַנץ אַליין פילן און ווען דער קאָנטאַקט מיט די פאַרקומענישן פאַרלירט דעם געפיל־פאָדעם, האַקט ער אים איבער...

ג

על־כּן איז יוסף אָקרוטני אַ גוטער דערציילער פון נשמהדיקע איבערלעבענישן, געפילן. פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן כאַפּט ער אויף ספּאָנטאַן, אין זייער ערשטיקן אויפקום. דער עמאָציאָנעלער איבערלעב קומט בײַ אים, דאָס רובֿ, סטיכיש, און אַזוי ווערט ער פיקסירט. ער אַליין ווערט אַ טייל פון זײַן העלד, צי גאָר — דער סאַמע העלד. דעריבער דאַרף מען ניט שטאַרק זיך אָנשטרענגען, כּדי אים צו דערקענען אין זײַנע מעשׂיות. ס׳איז די מעשׂה פון אייגענעם לעבן, אין די פאַרשיידנסטע וואַריאַנטן.

אַמבעסטן לאָזט זיך עס פילן אין דער גרעסטער און לעצטער דערציילונג אין בוך: ברידער. די קליינע קאַפּיטעלעך, מיט די אונטערקעפּלעך, לייענען זיך כּמעט ווי אַ טאָגבוך. ערשטע פּערזאָן וואָלט דאָ געווען מער נאַטירלעך. גראָד אין דער פאַרדעקטער דריטער פּערזאָן־פאָרעם קומט בולטער אַרויס די אָפנקייט. די אַנטבלויזקייט פון די ברודער־געפילן שאַקירט, ווען פאַרן אויג פון לייענער קומט פאָר דער פּראָצעס פון וואַרעמער בענקשאַפט ביז קאַלט־פרעמדער שׂינאה. די גאַנצע צײַט לאָזט ניט אָפּ דאָס געפיל, אַז מיר שטייען פאַר אַן אינטימען חשבון צווישן אייגענע. און ס׳מאַטערט פײַנלעך די פראַגע: איז עס אַ ביאָגראַפיע פון צוויי ברידער, צי אַן אויטאָ־פּאָרטרעט פון דער־ציילער? דאָ פילט מען שטאַרק די ירושה־עלעמענטן: משפּחה, נעכטן, שטעטל. אפשר וואָלט אַזאַ דערציילונג מער געוווּנען, ווען ס׳איז געשריבן אין ערשטער פּערזאָן, אַן פאַרשטעלעניש.

אַזוי, למשל, דאָס צייכענען דאָס פּאָרל, זײַנוול און מירל, מיט סימפּאַטישע טענער, שלאָגט צוריק ווי אַ בומעראַנג. זייערע מאָראַלישע ווערטן זעען אויס צו זײַן געדעקט בלויז מיט ווערטער, בעת די געפילן פון האַס באַקומען זיך עכטער און שאַרפער ווי זייער ליבשאַפט. אין דעם פאַל קען די דאָזיקע דער־ציילונג, פּסיכאָלאָגיש, אויסגעטײַטשט ווערן פונקט דער היפּוך צו וואָס זי צילט. ווײַל נאָך אַלעמען זענען ביידע פּאָרלעך — אויך לעמל און פרומעט, — די זעלבע פּראָדוקטן ערגעץ אין אַמעריקע צי אַפריקע, וואָס ווילן אַנטלויפן פון זייער אָרעמען נעכטן: עפּעס „נעמט״ אונדז ניט די גבֿירישקייט פון לעמלען,

און נאָך מערווירקט אַנטיפּאַטיש דאָס שילדערן אים, לכתּחילה, ווי אַ טויגע־ניכטס און ניט דערבאַקן נפש. דאָ שטעקט צו פיל אַרויס אַ מין אייגענער אמת. ניט אַלע מאָל דאַרף און מעג זײַן דער שרײַבערישער אמת, אין אַזאַ דעליקאַטער משפּחה־טעמע, דער אוממיטלבאַרער אמת פון אייגענע געפילן. אַזוי צי אַנדערש איז עס סײַ ווי דאָס פינצטערע לעבן פון ייִדישן פּליט, אַפילו ווען ער איז, ווי לעמל, רײַך. ווײַל מיט עשירות וועט ער די ייִדנשרעק אין זײַן האַרצן ניט דערשטיקן, פאַרקערט גאָר — זי וואַקסט אין פּראָפּאָרציע צו זײַן רײַכקייט און דערפאָלג.

ד

די גאַנצע גאַלעריע טיפּן און כאַראַקטערן, אין די דערציילונגען, זענען רעאַליסטיש געמאָלן, ווי יוסף אַקרוטני האָט זיי געזען און געפילט. דאָס זענען אויטענטישע בילדער פון לעבן אין סאָוועטישער פאַרוואָגלטקייט. און כאָטש דער מחבר האַלט אונדז אונטערן צייכן פון חורבן און מלחמה, פילן מיר אָבער ניט דעם קנאַליקן האַרמידער, און דאָס געשריי פון ווייטיק איז פאַרשטײַפּט און פאַרקלעמט אין נשמה פון מענטש, ווי אַ מין אויסטערלישער יחידישער פּחד. ניטאָ דער קאַזיאָנער מאָסן־טרויער. יעדער טראָגט אין זיך זײַן צער מיט שווײַגיקייט. דער מענטש אין דער פרעמד איז עלנט און אַליין, אַפילו אין דער שכנות פון אַנדערע מענטשן. אין אים זענען פאַרטײַעט דער אומעט און די בענקשאַפט. אין דער אומרחמנותדיקער נײַער ווירקלעכקייט זוכט ער צו שאַפן זיך די אילוזיע פון אַ כמו־היים, אַ ווינקל, עפּעס אייגנס, אַזוי ווי זײַנוול און מירל.

עס איז ניט די ליטעראַטור, וואָס שאַפט שיינקייט, טראַכט צו העלדן און פּאַסירונגען, עס איז נאָך איינער פון די ביכער, וואָס האָט אויפגעשטעלט די אַזוי אויפשוידערנדיקע חורבן־ליטעראַטור.

„אונטער ליימענע דעכער״ איז פון די ליטעראַרישע חורבן־דאָקומענטן, ווו יוסף אַקרוטני האָט פאַראייביקט, דערציילעריש, זײַן אייגענעם אמת: דעם אמת פון לײַדנדיקן מענטש. דורך דעם פּנים שטראַלט שאַרפער דער ווייטיק פון צעבראָכענעם און פאַרוויסטן ייִדישן לעבן. ס׳איז דאָס לעבן, וואָס בעתן לייענען, ציט דורך אונדזערע מחשבֿות, ווי אין אַ שטילער דעפּיליאַדע, דער ייִדישער טרויער, אין זײַנע פינצטערסטע וואַנדלונגען.

פון כתבֿ־יד, 1958.

# ד״ר בנימין אָרענשטיין

## דערמאָנונגען און רעפלעקסן

### א

אַזוי, מיטן דאָקטאָר־טיטל, האָט זײַן נאָמען פיגורירט אין אַרטיקלען און ביכער, אין לידער און עסייען, אין בן־אָשורן און אַפילו אין באַריכטן — אין אַלץ וואָס נאָר ער האָט געשריבן. אַליין אַ געבוירענער אין וואַרשע (1914), אָבער אין פאָרשן דעם חורבן־אַספעקט האָט ער זיך בעיקר קאָנצענטרירט אויף דער שטאָט טשענסטאָכאָוו, און וועגן מענטשן האָט ער ברייטער זיך אָפּגעשטעלט אויף איינעם — ד״ר פיליפ פרידמאַן. אין 1962 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בראָשור (54 זז׳) א״ג „דאָס לעבן און שאַפן פון ד״ר פיליפ פרידמאַן״. פאַר אַלע יאָרן האָט ער אויך קאָמענטירט וועגן קולטור־געשעענישן, אים נאָענטע מענטשן, שרײַבער און ביכער. ער האָט געשריבן אין אַ פשוטן פאָלקסטימלעכן סטיל, ניט געפּרוּווט אַרײַנדרינגען אין די טעמעס וואָס ער באַהאַנדלט און ניט זיי טיפער אַנאַליזירן.

גלײַך נאָך דער מלחמה האָט ער פלוצלינג אויפגעטויכט אין לאַגער־לעבן פון די ייִדן אין מינכן. אויף דער פאָן פון יענער צעטומלטער תקופה, איז שווער געווען צו מערקן די ספּעציפישע כאַראַקטערן פון מענטשן. אַלע ייִדן האָבן דעמאָלט גערעדט איין שפּראַך: חורבן־לשון, און פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער זעלבער טרויער. אָבער מיט דער צײַט האָט זיך אַרויסגעשיילט אויפן ליכט־שאָטנדיקן הינטערגרונט פון יענער עפּאָכע, די אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט פון יעדן באַזונדער. האָט זיך אָרענשטיין אַרויסגעוויזן ווי אַ טראַגישע, סתירותדיקע פיגור, און מ׳האָט דערציילט אַז ער איז פאַרוויקלט אין טונקעלע מאַכינאַציעס מיט געוויסע קהלשע טוערס. מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט זענען די דאָזיקע מאָמענטן ניט באַשטעטיקט געוואָרן, אָבער דאָך האָבן זיי רעפלעקטירט אויף זײַן כאַראַקטער.

שרײַב איך הײַנט די דאָזיקע שורות מיט דער איינציקער כּוונה, אָפּצומאָלן דעם פּאָרטרעט פון אַ ייִדן ווי איך האָב אים געזען און געקענט. דאָס איז דער חובֿ פון די געדענקערס, וואָס ווערן אַלץ ווייניקער, צו לאָזן פאַקטן אָך געוויסע שטריכן צו די געשטאַלטן וואָס האָבן געזעלשאַפטלעך און מיט דער פען געווירקט אין דער שארית־הפליטה.

אָרענשטיין האָט געטאָן ביידע זאַכן, הגם זײַן שטאַרקערע אַמביציע איז

געווען די פּעץ. ווען ער האָט מיר צוגעשיקט, אין מיטן די 60קער יאָרן, דאָס בוך טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאָל, וואָס ער האָט רעדאַקטירט, האָב איך שוין געהאַט פון פריִער די אויבן דערמאָנטע בראָשור וועגן פיליפּ פרידמאַן און די בראָשורן: „סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע" און „עטישע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע" (50 און 42 זז',ביידע אַרויסגעגעבן 1964, פון „יידישער קולטור־קלוב", מאָנטרעאָל, קאַנאַדע). כ'האָב דעמאָלט בדעה געהאַט צו שרייבן אַ קריטישן מאמר וועגן דעם מאַטעריאַל, אָבער ס'האָט מיר נאָך דעם אויסגעוויזן אַז דאָס איז ניט געפונג וואָגיק. איצט, אַ צענדלינג יאָרן שפּעטער, ווען בנימין אָרענשטיין איז שוין אָוועק אין דער אייביקייט, האָט די צייט אויסגעקלאָרט זיין געשטאַלט און כ'וועל אים פרוּוון זען אין דער אמתער פּערספּעקטיוו. אָן ספק איז ער געווען אַ שעפערישער מענטש, און אַפילו מיט געוויסע אַמביציעס, אָבער דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף פּערזענלעכע דערמאָנונגען. איבער הויפּט די ערשטע באַגעגעניש מיט אים, וואָס איז געווען ניט ווי מיט אַ שרייבער, נאָר ווי מיט — אַ רבֿ. און טאַקע דאָס, זיין רעליגיעזער אַמט האָט אונדז צונויפגעבראַכט. דער דאָזיקער צוזאַמענטרעף איז געווען אַן אויסטערלישע איבערלעבונג פאַר מיר, דעריבער געדענק איך עס אַזוי קלאָר.

1947. כ'האָב דעמאָלט געאַרבעט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון שארית־הפליטה אין מינכן, ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער און קינסטלער־פאַרבאַנד אין דייטשלאַנד (אַמעריקאַנער זאָנע), און — האָב „גע־זוכט" אַ רבֿ. האָט מיר אַ חבֿר אַנגעוויזן אויף אַ נאָמען אָרענשטיין, וואָס פאַר־נעמט אָפיציעל דעם ראַבינער־פּאָסטן פון דער יידישער „קולטוס־געמיינדע" אין מינכן.

כ'האָב טעלעפאָנירט אין זיין ביוראָ. אַ קלינגענדיק קול פון אַ מיידל האָט געענטפערט אין „האָך דויטשן" אַקצענט און מיט אַלע טיטלען: „דער הער ראַבינער דאָקטאָר אָרענשטיין איזט פעררייזט". זי האָט געפרעגט מיין נאָמען און „די זאַכע" וועגן וועלכער כ'וויל אים זען. איך האָב געזאָגט מיין נאָמען און צוגעגעבן דיסקרעט: — „די זאַכע איזט הייראַט".

— אַך, זאָ וואָס, — האָט זי אויסגערופן פריילעך, ווי איך וואָלט איר אָנגעזאָגט אַ גוטע בשׂורה, און זי האָט מיר באַשטימט אַ נאָכמיטאָג־שעה, קומענדיקע וואָך, פאַר דעם צונויפטרעף. זי האָט נאָך צוגעגעבן, אַז איך דאַרף קומען צוזאַמען מיט דער „כּלה" (דאָס וואָרט האָט זי געזאָגט דווקא אויף מאַמע־לשון) און אומבאַדינגט מיטברענגען אונדזערעביידנס דאָקומענטן.

נאָך דעם דאָזיקן טעלעפאָן־פּרעלוד בין איך געווען זיכער, אַז כ'וועל מיין „חתונה־עקזאַמען" פאַר ראַבינער אָרענשטיין דאַרפן האַלטן אין „דויטש". דאָס האָט מיך אַרויפגעפירט אויף טרויעריקע געדאַנקען: נאָך דעם יידישן חורבן, חתונה האָבן אין דייטשלאַנד אויף — דייטש!.. פאַר מיר האָט זיך אין דעם אָפּגעשפּילט די איראָניע פון יידישן גורל.

ב

איך האָב דעמאָלט נאָך ניט געוווּסט, אַז בנימין אָרענשטיין איז אַ היימי־שער ייִד און האָט אַ שוואַכקייט צו שרײַבן ייִדישע לידער. אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער שאָק, ווען מיר — מײַן כּלה און איך — האָבן זיך אַרײַנגע־שטעלט אין זײַן ביוראָ־טיר, אין דעם גרויען טײַלווײַז צעחרובֿטן בנין פון דער סינאַגאָגע, און אַנטקעגן אונדז איז אויסגעוואַקסן אַ בלאָנד־ליכטיקער יונגער מענטש מיט העל־בלויע אויגן, וואָס האָט געקענט זײַן דער מוסטערטיפּ פון אַ גערמאַניש ראַסיקן ריינעם אַריער. איך בין געבליבן שטיין קעגן אים איבער־ראַשט און צעטומלט, ווי כ׳וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדן פּלאַץ. כ׳האָב אַ וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען, און פאַר די אויגן איז מיר אומגעשוווּמען זײַן פּנים, ווי אין אַ מילכיקן נעפּל. געווויִנט נאָך צו די אַלטע באַגריפן און פאָרשטעלונגען פון אַ היימישן רבֿ, איז עס מיר פאָרגעקומען ווי אַ פאַרשטע־לעניש. ער האָט מיט שמייכלדיקע אויגן געקוקט אויף דער כּלה, און ס׳האָט געדויערט עטלעכע סעקונדעס ביז ער האָט באַמערקט ווי איך שטיי איבערראַשט.

— שלום־עליכם, הער וואָלפע, — האָט ער מיר אויסגעשטרעקט אַ ווייכע קליינע האַנט און דער שמייכל פון די אויגן האָט אים אַרויפגעטאַנצט אויף די ליפּן. — כ׳זע איר זײַט עפּעס דערשטוינט, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט ער ערנסט, כּמעט פאַרזאָרגט, געפרעגט.

— גאָר ניט האָט פּאַסירט, — האָב איך זיך געגעבן אַ ניכטער אויס פון מײַן צעטומלטקייט, — נאָר... — האָב איך געמורמלט, — אַזאַ אומגעוויינלעכע באַגעגעניש מיט אַ יונגען בלאָנדן רבֿ... מיט אַ פּאָר יאָר צוריק וואָלט אײַער אויסזען מיך דערשראָקן צום טויט...

— איצט פאַרשטיי איך, — האָט ער געלאַכט, — די אַטאַוויסטישע מורא פאַר אַ גויִיש־אַרישן פּרצוף... אָבער דאָס איז אַן איבעריקער באַווײַז אַז זייער טעאָריע איז פאַלש און ליגן. אָבער מיך האָט עס פון מאָל צו מאָל צוגעשפּילט, און געראַטעוועט פון טויט...

מיר זענען שוין געזעסן אַקעגנאיבער אים, בײַם טיש, ווען ער האָט ממשיך געווען.

— דאָ דערציילט מען וועגן מיר „לעגענדעס״, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט מיך אויסבאַהאַלטן אַ דײַטשע פרוי... נאָר ווער ווייס צי אַלץ וואָס מ׳דערציילט הײַנט איז אמת... — האָט ער מיסטעריעז צוגעגעבן, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט דעם גאַנצן אמת אויפדעקן.

— נו, אפשר איז בעסער אַז יענער שוידערלעכער אמת שפּרינגט ניט צו פיל פאַר די אויגן. דאָס האַלט כּסדר וואַך די מורא פון יענע איבערלעבונגען.

— איז גוט אַז איינעמס מורא איז געווען רעדוצירט צו אַן אַרישן אויסזען און אַ פאַלש פּאַפּירל... אגבֿ, — האָט ער זיך פלוצלינג ווי דערמאָנט, — איך לייען אײַערע לידער און אַרטיקלען, דאָס איז שוין גענוג צו פילן די מורא וואָס איר טראָגט אין אײַער האַרץ. ער האָט זיך פאַרטראַכט און באַלד צוגעגעבן:

— און די שײנע כּלה האָב איך אין גאַנצן װי פֿאַרגעסן, אַנטשולדיקט! פֿרײַלין?.. — האָט ער געפֿרעגט.

— בערלינער... — האָט זי געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע און איר פּנים האָט זיך פֿאַרגאָסן מיט אַ ראָז־רויטלעך פֿאַרב, װי בלומען װאָלטן זיך צעבליט אויף אירע צאַרטע באַקן...

— אַזוי גאָר — בערלינער! — האָט ער אויסגערופֿן און אַרײַנגעקוקט אין די דאָקומענטן, װאָס זענען געלעגן פֿאַר אים אויפֿן טיש. — און טאַקע אויך פֿון סאַמע בערלין. — און ער האָט צוגעגעבן: — דײַטשע ייִדן האָבן געהאַט אַ שװאַכקייט צו שטעמפּלען זייער צוגעהעריקייט מיט דעם „פֿאַטערלאַנד". ס'האָט געזאָלט זײַן זייער אידענטיפֿיקאַציע. אָבער נעמען זענען ניט געװען גענוג.

— װער איך איצט אַ מחותּן מיט בערלין... — האָב איך געפּרוּװט מיט־האַלטן דעם הײַטערן פֿאַמיליערן טאָן.

—אַבי מיר האָבן עס דערלעבט. זאָלן זײַן שׂימחות בײַ ייִדן! — האָט ער אויסגערופֿן און זײַנע אויגן האָבן זיך בלױ צעפֿינקלט. װידער האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער כּלה, קוקנדיק אין די פּאַפּירן. — איצט קומט איר דאָך אויך פֿון בערלין, פֿון לאַגער שלאַכטענזעע, נאָך דעם זײַט איר געװען אין װעלכע לאַגערן? כ'דאַרף עס פֿאַרשרײַבן כּדי אויפֿצוהיטן דעם מאַרשרוט פֿון די פּליטים, טאָמער געפֿינט זיך אײַן עמעצער פֿון משפּחה.

צו דער כּלה האָט אָרענשטיין גערעדט דײַטש.

— איך בין אַ קורצע צײַט געװען אין לאַגער פֿעלדאַפֿינג, און אײדער כ'בין געקומען אַהער בין איך געװען אין שפּיטאָל סאַנט אָטיליען. דאָ איז עס פֿאַר־שריבן, אויף מײַן לאַגער־קאַרטע, — האָט זי געענטפֿערט אויף דײַטש.

— יאָ, יאָ, — האָט ער אַרויפֿגעקוקט פֿון די פּאַפּירן צו איר, — איך זע עס. און דאָ איז אונטערגעשריבן קעפּטיין שװאַרץ, דער דירעקטאָר פֿון שלאַכטענזעע לאַגער. כ'קען אים גראָד...

— ד"ר אָרענשטיין, — האָב איך איבערגעריסן, — איר קענט מיט דער כּלה אויך ריידן ייִדיש, זי קען עס ניט ערגער פֿון מיר...

— דאָס איז גוט, — האָט ער זיך דערפֿרייט, — װעל איך ניט דאַרפֿן ברעכן מײַן צונג מיט דעם לשון... מיך װוּנדערט אָבער אַז אין אַזאַ קורצער צײַט האָט איר באַװיזן איר אויסלערנען דעם שװערן מאַמע־לשון, — האָט ער מיר פֿאַרשעריש אַרײַנגעקוקט אין די אויגן.

— ניין, ד"ר אָרענשטיין, ס'איז צום באַדויערן ניט מײַן זכות. אַז מיר האָבן זיך געטראָפֿן האָט זי שוין געקענט גוט ייִדיש, אַפֿילו מיטן געטאָ־און־לאַגער־סלענג. זי האָט אַפֿילו געקענט אַ ביסל לייענען. מײַן אײנציקער אויפֿטו: כ'האָב איר געהאָלפֿן דורכלײענען לײװיקס דראַמע „מהר"ם פֿון רוטענבערג". און זי האָט עס גוט געמאַכט. — האָב איך זי געלויבט.

— איך האָב זיך אויסגעלערנט ייִדיש רײדן נאָך אין געטאָ... — האָט זי זיך באַרימט.

— אַזוי... דאָס איז עפּעס אַנדערש. — און זײַן בלויער בליק האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף איר. — דערציילט מיר טאַקע וועגן זיך, וועגן אײַערע עלטערן, ווי אַזוי איז דאָס פאַרגעקומען. איר זײַט דאָך נאָך געווען אַ קינד... דערציילט וואָס איר געדענקט. מיך אינטערעסירט עס זייער שטאַרק. הער וואָלפע דאַרף עס פאַרשרײַבן...

זי האָט אים אַ סך און לאַנג דערציילט. זאַכן וואָס איך האָב אויך געהערט צום ערשטן מאָל. ער האָט איר אַרויסגעהאָלפן מיט פראַגעס. איר טאַטן האָט זי קוים געדענקט, נאָר אין זכרון איז איר געבליבן אײַנגעקריצט ווי די עסעס־טרופּן האָבן אים אַוועקגענומען פון דער היים, אין בערלין. זי איז דעמאָלט געווען 6—7 יאָר אַלט. איר פאָטער איז געווען פון די ערשטע ייִדן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. זי געדענקט ווי די קינדער אין שול האָבן איר געזידלט, געשלאָגן... ווי מ׳האָט איר אַרויסגעטריבן...

כ׳בין געזעסן אַ דורכגענומענער פון אירע רייד. אין מײַן האַרצן האָט געצאַפּלט אַ ציטעריק געפיל פון רחמנות. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן יעדן פון מײַן משפּחה. איר קול האָט זיך געבראָכן און די אויגן האָבן געגלאַנצט פײַכט. זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן ניט צו וויינען.

אופן. איר הערט, הער וואָלפע, — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו מיר, און ס׳איז אונדזער אַלעמענס געשיכטע, נאָר יעדער דערציילט עס אויף אַן אַנדער אופן. איר הערט, הער וואָלפע, — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו מיר, און כּמעט באַפעלעריש געזאָגט: — איר מוזט עס פאַרשרײַבן! ס׳איז אונדזער טראַגעדיע און מיר טאָרן עס ניט פאַרגעסן!

— יע, ד״ר אָרענשטיין, מיר חזרן כּסדר דעם זכור, אָבער ס׳איז נאָך אַלץ שווער זיך צוצורירן צו דעם אַלעם, ווי צו רויע בלוטיקע ווונדן...

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט ער זיך דערלאַנגט אַ כאַפּ: — איז גוט אַז איר האָט זיך געטראָפן און דערלעבט אַזאַ גליקלעכן טאָג: גיין חתונה האָבן. ס׳איז מן השמים! — ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אַ דיקן בוך אויפן טיש און געזאָגט: — איצט ווען מיר באַשטימען דעם טאָג פון חתונה. מיר וועלן עס מאַכן דאָ אין שול, מיט פּאַראַד, — האָט ער אַרײַנגערעדט אין בוך — ווי דער מינהג איז.

נאָך דעם ווי ער האָט אונדז פאַרגעלייגט אַ דאַטע און מיר האָבן צוגעשטימט, האָט ער עס פאַרצייכנט אין בוך, און באַלד אָנגעהויבן אָנזאָגן די פּרטים: אַ קידושין־רינגל מיטברענגען, עדות, וואָס קענען אונדז, אונטערצושרײַבן די כּתובה, און געסט, וואָס מער געסט, עס זאָל גרעסער זײַן די שׂימחה. — פאַראַן דאָך דאָ אַ סך ייִדישע שרײַבערס, — האָט ער געזאָגט.

— אויב אַלע זאָלן קומען וועט ניט קלעקן קיין אָרט בײַ אײַך אין שול...
— האָב איך זיך געוויצלט.

— זאָרגט זיך ניט. עס זענען צו ווייניק געבליבן אַז די שול זאָל זײַן צו קליין... — און ער האָט זיך אויפגעהויבן, ווי אַ סימן אַז שוין צײַט זיך צו

געזעגענען. ערשט איצט האָב איך געזען, אַז דער טאָג האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. דאָ פֿאַרבראַכט אַ שיינע פּאָר שעה און עס אַפֿילו ניט געמערקט...

אָרענשטיין האָט אונדז באַגלייט צו דער טיר. כ'האָב געמיינט אַז ער וועט אַ דריק טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, נאָר ער האָט עס ניט געטאָן. מיר זענען געשטאַנען אין דער אָפֿענער טיר. דער קאָרידאָר איז געווען אין גאַנצן פֿאַר־שאָטנט, בלויז זײַן פּנים האָט זיך אויסגעטיילט מיט אַ ליכטיקן רעפֿלעקס.

ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דער כּלה און געזאָגט: — ס'וועט זײַן מיט מזל! און אַז ער האָט מיר דערלאַנגט זײַן האַנט, האָבן זײַנע אויגן אַ גלי־מער געטאָן: — זאָלן זײַן מזל־טובֿס בײַ אונדז אַלעמען — מיר דאַרפֿן עס האָבן!

און מיר האָט זיך פּלוצלינג געדאַכט, אַז אַ באַקאַנט נאָך ניט פֿאַרגעסן קול קומט פֿון טונקעלן קאָרידאָר — און ניט ווילנדיק האָב איך זיך דערמאָנט אָן לייוויקן. פּונקט די ווערטער האָבן מיר אים געהערט אויסרופֿן אין דער ריזי־קער געבײַדע אין פֿערנוואַלד, פֿאַר אַ מאַסע פֿון הונדערטער ייִדן. איצט איז עס צוריקגעקומען צו מיר ווי אַן עכאָ. ווער ווייס, אפֿשר האָט אין יענעם מאָמענט אויפֿגעבליצט אין לייוויקס געדאַנק „די חתונה אין פֿערנוואַלד‟ — אַ נײַער תּחית־המתים פֿון דער שארית־הפּליטה. כ'האָב זיך אין דער רגע דערמאָנט, ווי אַ לעבעדיקער וואַלד פֿון קעפּ האָט זיך טרויעריק מיטגעשאָקלט צו לייוויקס רייד: זאָלן זײַן מזל־טובֿס בײַ דער שארית־הפּליטה — איר דאַרפֿט עס האָבן און מיר אַלע דאַרפֿן עס! לייוויקס זאָג איז דעמאָלט געוואָרן די תּפֿילה פֿון שארית־הפּליטה. ער איז געווען דער שליח־ציבור וואָס האָט אַרויסגעשריִען איר בענק־שאַפֿט און לעכצונג. ער, דער בלוי־אויגיקער ליכטיקער גרויסער דיכטער, וואָס זײַן בלאָנדער קאָפּ איז שוין געווען מיט אַ זילבערקרוין באַדעקט. איך בין געווען פֿאַרטראָגן אין אַן אַנדער וועלט...

— אַ דאַנק, לייוויק... — האָב איך אַרויסגעמורמלט.

אין דער טונקל האָב איך דערזען אַ בליצל אין אָרענשטיינס אויגן און געפֿילט אַ פֿעסטן דריק פֿון זײַן האַנט: — איר חלומט... האָט ער שטיל גע־זאָגט. — ווו זעט איר דאָ לייוויקן? איך גרייך ניט צו זײַנע קנעכלעך — כ'מיין, זײַן ייִדיש־פֿרומקייט.

— אָבער איר רעדט די זעלבע רייד, האָב איך זיך דערמאָנט און ניט ווילנ־דיק אַ פּליסטער געטאָן זײַן נאָמען... אַנטשולדיקט!

— אַדרבא, פֿאַר מיר איז עס אַ שבֿח, — האָט ער געזאָגט באַשיידן. אין דעם מאָמענט האָט ער אַ דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל בײַ דער טיר און ס'איז געוואָרן ליכטיק. זײַן פּנים איז געווען פֿאַרגאָסן מיט אַ ברייטן צופֿרי־דענעם שמייכל.

אין שײַן פֿון יענעם ליבן שמייכל האָב איך פֿאַרשריבן, לזכּרון, דעם דאָ־זיקן ערשטן צוזאַמענטרעף — און ס'איז געבליבן נאָר אַן ערשטער און איינ־מאָליק. חוץ די חתונה־צערעמאָניע, וואָס ער האָט אָנגעפֿירט און געפּראַוועט מיט ספּעציעלער פֿײַערלעכקייט, ווי ער האָט עס אַליין געהאַט בדעה צו טאָן —

מיט פּאַראַד, — האָבן מיר זיך, ווי איך געדענק, געזועלשאַפטלעך ניט געחבֿרט און כּמעט ניט געטראָפן. אין יענע ערשטע שארית־הפליטה־יאָרן האָט זיך אָרענשטיין גראָד געחבֿרט מיט פּראַקטישע מענטשן און געווען א מקורבֿ למלכות פון דעם „שטאַרקן״ און דעמאָלט פּאָפּולערן ד״ר פיליפ אויערבאַך.

## ג

אויערבאַך איז געווען אַ דײַטשער ייִד, וואָס איז אַרויס פון קאָנצענטראַציע־לאַגער ווי אַ סך אַנדערע, און איז מיט אַ מאָל נתעלה געוואָרן — געוואָרן דער „מלך״ פון ווידערגוטמאַכונג, און זיין נאָמען זייער פּאָפּולער. עטלעכע פון די „שטאַרקע״, וואָס האָבן אויך פאַרנומען אָפיציעלע אַמטן אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געקראָגן אַ צוטריט צו דעם ״מיליאָנער״ אויערבאַך. צווישן די אַ „אויפטוער״ איז, אויף אַ דיסקרעטן אופן, געווען פאַרפּלאָנטערט אויך דער נאָמען אָרענשטיין. און ווען מ׳האָט עטלעכע יאָר שפּעטער, מיט אַ צעפּויקטן אַלאַרעם אין דער דײַטשער פּרעסע, אַרעסטירט אויערבאַכן, באַשולדיקנדיק אים אין מיליאָניקע שווינדלערײַען, זענען זיך צעלאָפן ווי די מײַז אַלע זײַנע בלומרשטע פרײַנד, אָבער דער איינער, וואָס איז אַוועק מיט אים הינטער די גראַטעס, איז געווען ד״ר אָרענשטיין.

מיר ווילן דאָ בלויז זאָגן, אַז ווי אין אַ סך אומגליקן איז איינעמס צרה אַ צווייטנס ראַטוניק: ווען אויערבאַך איז אין תּפיסה באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָט זיך די דײַטשע יוסטיץ, ווײַזט אויס, ניט געוואָלט פאַרפּלאָנטערן אין אַ פּראָצעס און ד״ר אָרענשטיין איז אַרויס פרײַ, און איז שפּעטער אַוועק דעם איין וועג — קיין קאַנאַדע — און ער האָט, ווי ווײַט מיר איז באַקאַנט, קיין מאָל מער ניט געניצט דעם טיטל רבֿ. אַגבֿ, די דײַטשע פּרעסע האָט אויך מיט געשריי און אומסימפּאַטישער שאַדנפרייד צעטראָגן די ידיעה, אַז אויערבאַך האָט געניצט דעם דאָקטאָר־טיטל, ניט האָבנדיק קיין אוניווערסיטעט־דיפּלאָם.

ווי שוין אין אָנהייב אַרטיקל אָנגעמערקט, פלעגט זיך אָרענשטיין ניט טאָן אַ מינדסטן „ריר״, ניט צוטשעפּענדיק צו זײַן נאָמען דעם טיטל ד״ר. איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, ווו און ווען האָט ער דעם ד״ר־טיטל באַקומען. ס׳וואָלט געווען אַ נאַרישקייט צו טראַכטן, אַז אַזאַ וויכטיקן פאַקט זאָל ער ניט אַרויסברענגען בײַ אַ געגעבענער געלעגנהייט. האָב איך נאָכגעקוקט אין לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל כ׳האָב געוווּסט אַז אין יענער צײַט האָבן די שרײַבערס געדאַרפט אויספילן אַליין די פּרעגבויגנס. איז וואָס זאָגט דער לעקסיקאָן — דערשינען אין 1956. ראשית, איז אָנגעגעבן דער נאָמען אָן דעם ד״ר־טיטל, והשנית, איז די בילדונג: „געענדיקט תּרבות־שול און גימנאַזיע, שטודירט אין דײַטשלאַנד און קאַנאַדע״, דאָס אַלץ, אָבער ס׳איז ניטאָ אַז „געענדיקט״ אויף ד״ר. מילא, אַז אַ ייִד האָט אַ שוואַכקייט זיך אַליין צו רופן מיט טיטלען, קען דאָס דער וועלט ניט טאָן קיין שאָדן, עלעהיי ס׳איז

זײַן „האָבי". מיך האָט עס אינטערעסירט ניט פון אַ דעטעקטיוועך נײַגעריקייט, נאָר ווײַל די צוויי מענטשן, אויערבאַך און אָרענשטיין, זענען געווען גאָר אינטים, איז אפשר זייער שותּפות געווען אויך אין דעם שותּפישן סוד.

קען אויך זײַן אַז מײַן „חשד" איז אין גאַנצן אַ פאַלשער, אָבער כ'האָב אין דעם מער ווי אַלץ געזוכט דעם פּסיכאָלאָגישן מאָטיוו. ווײַל נאָך אַלעמען האָט די דײַטשע פּרעסע אויסגענוצט דעם דאָזיקן „שוואַכן" מאָמענט פון אויערבאַכן אויף אַן אופן, וואָס האָט געשמעקט מיט אַ ריח פון שׂינאה. אין מײַנע קורצע 3—4 צוזאַמענטרעפן מיט זיי, אי מיט אויערבאַכן און אי מיט אָרענשטיינען, האָבן זיי אויף מיר געמאַכט אַ גאַנץ מענטשלעך־צוגעלאָזענעם און ייִדישלעך־וואַרעמען אײַנדרוק. לפּי־דעתּי געהערן די צוויי מענטשן, און נאָך אַ סך ייִדן פון נאָך דער חורבן־עפּאָכע, צו אַ געוויסן טיפּ וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין פּסיכאָלאָגישע איך־קאָמפּלעקסן, אין זוכעניש פון אַ נײַער אידענטיפיקאַציע, נאָכן פאַרלירן אַלץ וואָס איז אייגנס. אפשר איז דער ד"ר־טיטל אונטערגעקומען ווי די גרינגסטע און ערשטע מעגלעכקייט — באַנײַונג און אַנדערשקייט. אין דעם זינען איז עס אפשר ניט מער ווי אַ פּסיכאָלאָגישע רעהאַביליטאַציע, אָבער בשום־אופן ניט קיין פאַרברעכן. ווי ייִדן פון חורבן דאַרפן מיר עס אפשר אַזוי אויפנעמען. אַוודאי דאַרפן מיר פאַרצייכענען די אמתע פאַקטן, אָבער מיר מוזן זיי זען אין פּערספּעקטיוו פון ייִדישן אומקום און זיי מיט ייִדישע מאָסן אינטערפּרעטירן. בנימין אָרענשטיין האָט אָן ספק געטראָגן אין זײַן האַרצן דעם ווײ און צער פון חורבן, וועלכן ער אַליין האָט דורכגעלעבט. די דאָזיקע איבערלעבונגען האָט ער געפּרוּווט צו פאַראייביקן מיט דער פּען אין פאַרשיידענע פאָרמען. ניט נעמענדיק אין באַטראַכט די קוואַליטעט פון זײַן ליטעראַריש־פאַרשערישן שאַפן, וועגן געטאָ און לאַגער אין טשענסטאָכאָוו א"אַ, האָט ער צוגעטראָגן זײַן חלק צו דער חורבן־כראָניק. אַפילו זײַנע לידער פאַרמאָגן דעם פאַלקסטימלעכן טרויער פון יענע איבערלעבונגען. מער אָנשטרענג און אַרבעט האָט ער אַרײַנגעלייגט אין זײַנע אויבן דערמאָנטע עסייען, וואָס קענען דינען ווי יסודותדיקער מאַטעריאַל פאַר אַ ברייטערער פאָרשונג פון די דאָזיקע טעמעס.

ווען איך האַלט הײַנט פאַר מײַנע אויגן די בראָשורן און דעם טשענסטאָכאָווער־בוך פון ד"ר בנימין אָרענשטיין, זע איך אין הינטערגרונט פון די שורות יענעם העל־בלוי צעשײַנטן בליק פון זײַנע יונגע אויגן און דעם ליכטיק־בלאָנדן קאָפּ, ווי בעת דעם אויסטערלישן ערשטן צוזאַמענטרעף אונדזערן אין בנין פון דער מינכענער סינאַגאָגע — און מײַן האַרץ צאַפּלט־אויף מיט אַ טרער פון טרויער אויף זײַן פריצײַטיקן אַוועקגיין פון דער וועלט.

פון כתבֿ־יד, 1975.

# שלום אַש — דער ייִדישער קינסטלער

(צו זײַן טויט)

שלום אַש איז דאָס קינד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון אירע יונגע, ערשטע טעג. ער איז דער בן־זקונים, וואָס איז געקומען מיט די קלאַסיקער. מיט דער ייִדישער אויפֿגעקומענער ליטעראַטור איז ער צוזאַמען געוואַקסן — און צוזאַמענגעוואַקסן — ביז ער איז אַרויפֿגעשטיגן צום פּאַרנאַס פֿון באַרימט־קייט, און דאַן נאָך איז ער געבליבן דער ייִדישער שרײַבער.

זײַן ערשטער טראָט, אָנהייבנדיק מיטן שטעטל, איז שוין געווען אַ גאַנג אַרויפֿצו, אויפֿן וועג, וואָס איז אויסגעפּלאַסטערט מיט שרײַבערישן רום. ער האָט ניט געקאָנט — און אפֿשר אויך ניט געוואָלט — זיך אויסדרייען מיט דער פּלייצע צו זײַן עבֿר, צו זײַן ייִדישקייט, צו זײַן פֿאָלק, און זיך לאָזן ווילגיין בײַ פֿרעמדע טישן. צו פֿיל איז ער געווען געווען פֿאַרוואָרצלט אין ייִדישער סבֿיבֿה, אין זײַן קוטנע, אין זײַנע נאַלעווקעס, אין זײַן עמך. מאָטקע גנבֿ און דער תּהלים ייִד זענען די פֿונדאַמענטאַלע באַזעס — הגם אין צײַט, ווי אויך טעמאַטיש און קינסטלעריש, דיסטאַנצירט איינס פֿון אַנאַדער — אויף וועלכע שלום אַש איז געשטאַנען, און זיי האָבן אים געדינט אַלס אָנשפּאַר אויף אַרויסצוהייבן זיך אין זײַן גאַנצער ריזיקער גרויס. בלײַבן אַ ייִדישער שרײַבער איז בײַ אים געווען ניט נאָר אַ פֿראַגע פֿון שעפֿערישע מיטלען, פֿון אויסערלעכע פֿאָרמען און אַטריבוטן, פֿון שפּראַכלעכע מעגלעכקייטן, עס איז געווען פֿיל מער ווי דאָס — עס איז געווען די טיף־אינערלעכע געבונדנקייט צו די אור־קוואַלן פֿון פֿאָלק און צו זײַנע מאַסן, צווישן וועלכע ער איז אויפֿגעגאַנגען דורך בוך און בינע און דורך זיי געטראָגן געוואָרן. שלום אַש האָט פֿון זײַן פֿאָלק ניט געקאָנט אַנטלויפֿן, ווי אַ סטעפֿאַן צווײַג, למשל, (ביז אין טויט אַרײַן...) א״אַ, צו דער שיינקייט פֿון אַ סתּם־ליטעראַטור, פֿון קונסט לשם קונסט. זײַן ייִדישער מקור האָט זיך געגראָבן צו די גרונטן פֿון אידעען, וואָס דאַרפֿן געבן אַן אַחיזה, אַן אָנהאַלט פֿאַר זיך אַליין און אויך פֿאַר דער וועלט אַרום. ער האָט צו די ליפּן פֿון ייִדישן לייענער צוגעטראָגן עכטע, זאַפּטיקע געטראַנקען. זײַן ראָמאַנטיזם, זײַנע בענקשאַפֿטן, זײַנע חלומות זענען אין גרונט געווען די אייביק ייִדישע, וואָס זוכן אַ טיפֿערן זינען און אינהאַלט פֿאַר דעם ייִד אין שטעטל און גרויסשטאָט, פֿאַר מענטש און וועלט.

שלום אַש איז געקומען ווי אַ פּיאָנער־באַנײַער און זיך ניט באַגנוגנט מיט דאָס דערגרייכטע. ער איז אַ גאַנץ לעבן געבליבן אַ זוכער — אויך אַ גאָט־

זוכער — און קינסטלעריש אומרויִק. זײַן גײַסטיקע אָנגערעגטקייט האָט אים ניט געלאָזט רוען אויף די לאָרבערן פון זײַן נעכטן. ער איז תּמיד געווען פריש, יונג, מונטער און באַגלייבט אין זײַנע אייגענע כּוחות. זײַן ענערגיע און טעמפּעראַמענט האָבן אים צו אַלע צײַטן אָנגעלאָדן מיט שעפּערישער דינאַמיק.

האָט טאַקע שלום אַש אַלע זײַנע יאָרן געאַנקערט אין ייִדישן לעבן. פון דאָרט האָט ער געשעפּט זײַן שטאָף און האָט אַלע זײַנע ווערק אויפגעבויט אויף ייִדישער טעמאַטיק. ער איז ניט געלאָפן — און אַוודאי ניט אַריבער־געלאָפן — צו פרעמדע פּרדסים. זענען דאָך אַפילו זײַנע קריסטלעכע ראָמאַנען ניט מער ווי אַ קינסטלערישע באַלויכטונג און אינטערפּרעטאַציע פון אַ גורל־תּקופה אין דער ייִדישער געשיכטע. זענען דאָך אונדזערע אַלטע מקורות אויך עוסק מיט דעם אותו איש. דער קורצער מאמר, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף דעם קינסטלער שלום אַש, האָט ניט בדעה צו קאָמענטירן, באַיאָען אָדער פאַר־ניינען זײַנע טעזיסן אין דער קריסטוס־טרילאָגיע. פאַר דער צוקונפט, און אפשר שוין הײַנט, וועט זײַן דעצידירנדיק ניט די מאָס פון כּלומרשטער, „פאַר־פירערישקייט" אין די דאָזיקע ווערק, נאָר די מאָס פון קינסטלערישן פּאָזיטי־וויזם; ניט דער אומ־צי באַוווסטזיניקער „פאַרראַט" פון שלום אַש, ווי אַ ייִד, וועט זײַן די קריטעריע, נײַערט דער קינסטלערישער אמת — אַזאַ אמת, וואָס איז דער גלויבן פון דעם שעפער, פון דעם דיכטער פון די ווערק.

שלום אַש איז ניט, ווי אַ יאַקאָב וואַסערמאַן צי אַ פראַנץ קאַפקאַ, אַנטלאָפן צו די פּסיכאָלאָגישע לאַבירינטן פון סתּם־מענטשן, כּדי זיך צו גריבלען אין זײַנע שוואַכקייטן, קאָמפּלעקסן, אַנאָמאַליעס, און אַזוי אַרום צו אַנטרינען פון זיך אַליין, פון ייִד אַלס אַזאַ. די ווינטן פון ייִדישער עמאַנציפּאַציע, פון רעוואָ־לוציאָנערן אויפברויז אַרום האָבן דעם ראָמאַנטישן שלום אַש אויפגעהויבן אויף זייערע פליגלען. ער האָט געזוכט דעם פונק פון אַ קידוש־השם, געגאַרט נאָך ישועה פאַר ייִדן און נאָך גאולה פאַר דעם מענטש. געוואָלט זען אַ באַ־פרײַטע וועלט און אַן אויסגעלייזטן ייִדן אין איר. צו ערשט איז שלום אַש געטראָגן געוואָרן אויף דעם זעלבן שטראָם פון די פרײַהייט־לאָזונגען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע זין און טעכטער פון רוסישן פאָלק, און די דורך אים באַהערשטע פעלקער, אויך ייִדן. שפּעטער, אַז ער האָט אין יענעם לאַגער קיין פאַרענטפערונג פאַר דעם נבֿיאישן באחרית הימים ניט געפונען, איז ער אַוועק צו רעליגיע. דאָ, האָט ער געגלייבט, צו האָבן געפונען יע די לייזונג פאַר אַלע ראַנגלענישן, פאַר אַלע פּײַנען, פאַר אַלע מאַטערנישן פון ייִד און מענטש.

שלום אַש האָט בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן פאַרזיכערט, אַז ער איז געווען און געבליבן אַ טרײַער ייִד, אַפילו אַ מאמין. עס איז ניט אונדזער עובֿדה דאָ צו אַנאַליזירן און אָפּמערקן די ניט ווייניק סתּירות אין שלום אַשס ווערק צו זײַנע דעקלאַראַטיווע רייד — אין זײַן מפרש זײַן די געשיכטלעכע געשטאַלטן פון ישו, מרים און די אַנדערע, ווי אויך זייער סבֿיבֿה. אויב שלום אַש האָט זיך, ווי אַ קינסטלערישע פערזענלעכקייט, „זאַהיקעט" אין קלענערע אָדער גרעסערע פּרטים, האָט עס אָבער אויף אַ האָר ניט געמינערט פון זײַן

דערציילערישער קונסט און פון די אוניווערסאַלע אידעען אין זײַנע גרויסע ווערק. קיין שום מין אַנטי־אַשיזם, וואָס ווערט געטראָגן פון רעליגיעזן צי אידעאָלאָגישן פאַנאַטיזם (און ביידע זענען זיי דאָגמאַטיש), איז ניט בכוח צו טויטן די אייביק גײַסטיקע ווערטן פון גרויס־שעפערישקייט.

שלום אַש האָט בײַ זײַן לעבן געהאַט פיל שונאים, בלינדע פון קינאה צי פון טעמפּקייט, וואָס האָבן אים און זײַן שאַפן געוואָלט עוקר מן השורש זײַן. איבער די מוטנע וואַסערן פון כּמו־חרמס, פּאַמפלעטן, ציניזם און ליגנערישקייט הייבט זיך אָבער אַרויס און לויכט פאַר אונדז און פאַר די קומענדיקע דורות די קונסט פון שלום אַשס אייביקע ווערק. מען האָט זיך דערלויבט בײַ געוויסע ייִדן, בפרט רעליגיעז־פאַנאַטישע, דעם לוקסוס אומצושליידערן זיך מיט עפּעס אַ שלום אַש, אָבער די ייִדישע ליטעראַטור האָט עס קיין מאָל ניט געטאָן, ווײַל שלום אַש געהערט דאָך צו אונדז — צו דער מאָדערנער ייִדישער קול־טור און איר ליטעראַטור אין ייִדיש. אין דעם איז בײַ אונדז קיין מאָל קיין ספק ניט געווען. מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט אָפּגעטרייסלט פון אים, ווײַל פאַר אונדז האָט ער זיך ניט געשמדט — ניט אויף ענגליש און ניט אויף קאַ־טויליש. ער איז געווען דער גרויסער ייִדישער נאָוועליסט — אפשר דער לעצ־טער — פון אונדזער דור, און אַזאַ וועט ער פאַרבלײַבן.

שלום אַש איז פון זײַנע ערשטע שריט געוואָרן דאָס וווּנדערקינד פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט זי פון שטעטל, פון ייִדישער ענגשאַפט אַרויס־געטראָגן צו די ברייטקייטן פון דער גרויסער, פרעמדער וועלט. ער האָט געהאַט קינסטלערישע אַמביציע, קוראַזש, דראַנג און מוט, צו בלײַבן אַפילו איזאָלירט און דאָך באַשטיין אויף זײַן וואָרט, אָבער צו דער גלײַכער צײַט זיך בעטן ממש מען זאָל אים פאַרשטיין, ווי אַ ייִדן, ווי אייגעם פון פאָלק ישראל. און אַוודאי האָט קיין בר־דעת ניט געגלייבט אין דער בבא־מעשׂה, אַז שלום אַש האָט זיך באַקערט צו אַן אַנדער גלויבן; אַז ער האָט עס אויף זיך פרײַוויליק גענומען, כּדי נושא חן זײַן בײַ די גויים, שפּילן די ראָלע פון אַ מיסיאָ־נער בײַ ייִדן. עס לאָזט זיך גרײַלעך שיקן, אַז שלום אַש מיט זײַן גאַנצער טיפער אַנאַליטישער קראַפט אַרײַנצודרינגען אין תקופות, צו מאָלן געשטאַלטן, צו שילדערן סיטואַציעס, איז אָבער דערבײַ געווען אַ שפּאָר ביסל נאַיוו צו גלייבן אין קאָנען געפינען אַ סינטעז צווישן די אידעיִשע, אַלמענטשלעכע באַריר־פּונקטן פון דעם ייִדישן דת און זײַן אויסוווקס — דעם קריסטנטום. ער האָט דאָ געזוכט אַזאַ אמת, וואָס איז בכוח אויסצולייזן דעם מענטש און זײַן גײַסט, אים ברענגען דעם מלכות־שמים אויף דער בידנער ערד.

מיר וועלן ניט פרעגן די באַנאַלע קשיה: ווי וואָלט די ייִדישע ליטעראַטור אויסגעזען אָן שלום אַשן? אַ דאַנק אַשן איז אָבער די ייִדישע ליטעראַטור געוואָרן פול־אַטעמדיק, פּאַרמעסטיק, אויסגעברייטערט. זײַנע ווערק האָבן אויסגעפילט אירע יאָרן, זי שיין און רײַך געמאַכט. שלום אַש מיינט: דער לאַנגער וועג פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אין פּראָזע. זײַן יעדעס בוך איז אַ ליכטיקער מײַלשטיין. אויב שלום אַש האָט, לויט מאַנכע פון זײַנע פאַר־

לייקענער, געבלאָנדזשעט אַלס ייִד, וועט אָבער קיין בעל־שׂכל ניט פּרווון דרינגען אַז ער האָט געבלאָנדזשעט אויף זײַן שעפּעריש קינסטלערישן וועג. זײַנע מאָטיוון זענען די אייביקע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט — און בעצם האָט ער דערציילט, ניט „געשריבן רעצעפּטן" פאַר זײַנע לייענער. זײַנע ראָמאַנען וועקן און רעגן אָן דאָס טראַכטן וועגן דאָס גוטע און באַווירקן די עטיש מענטשלעכע געפילן. ער האָט אויפגעריגלט די ברייטע וועלטן פון ייִדישן הײַנט און פון היסטאָרישן עפּאָכע־מאַכנדיקן נעכטן פון אונדזער אוראַלטן פאָלק און זײַן עבֿר.

שלום אַש האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף די דאַרע קני פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אין וואָרעמען שײַן פון אירע ערשטע גרונטלייגער און בויער — י. ל. פּרץ און זײַן דור. ער איז אָבער אַוועק מיט זײַן אייגענעם וועג, מיט דעם ברייטן שליאַך פון עפּישן זשאַנער. ער האָט דערפירט די ייִדישע ליטעראַטור צו אַ דימענסיאָנעלן וועלטפאַרנעם. ער האָט געשאַפן איכות־ווערטן אין כּמות, וואָס ביידע זענען צוזאַמען געשטיגן. ער האָט פאָלקס־מאָטיוון פאַרוואַנדלט אין וועלט ליטעראַטור. ער האָט אַנטפּלעקט די גרויסע נשמה פון ייִד און מענטש אין זײַנע פיל ווערק.

שלום אַש איז געווען אַ שעפּערישער האָרעפּאַשניק, וואָס האָט כּסדר גע־קנאָטן און געפורעמט נײַע און עכטע ווערק. ביז זײַן לעצטן אָטעם האָט ער די פּען פון זײַן האַנט ניט אַרויסגעלאָזט. מיט זײַן טויט האָט זיך געשלאָסן אַ גרויס און ווונדערלעך קאַפּיטל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. שלום אַש וועט טאַקע בלײַבן, איבערזעצט אין ענגליש א"אַ שפּראַכן, אָבער אַן אייגענער, אַ בן־בית אין אונדזער ליטעראַטור, אויף ווען מיר וועלן אייביק שטאָלץ זײַן.

דרום־אַפריקע, 1957.

# אויף אַן אמת בײַם עץ־הדעת

הירש אָשעראָוויטש: בײַם עץ־הדעת: לידער. פאַרלאַג ישׂראל־בוך. תּל־אָבֿיבֿ, תשמ״א—1981. 195 זז׳.

## א

הירש אָשעראָוויטש מאַכט כמעט יעדער ליד זײַנס לײַכט־פאַרשטייִק. ס׳וואָלט זיך דאָ געפּאַסט צו פּאַראַפראַזירן די גמרא־מימרא: דברה שירה כּלשון בני־אָדם. אַ ליד — אַ רגע און דורכגעלייענט, אָן אַ קנייטש מיטן שטערן אויפגענומען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס. אין ליד — אַ געדאַנק, אַן אַפאָריזם, אַלעגאָריע, משל־נימשל, צי גאָר דער אַזוי אָפּטער מוסר־השׂכּל. און אַלץ — מיט אַ בלינצל חכמה, מיט אַ שמיצל אומעט, מיט אַ שפּריצל פרייד און אַנדערע שׂכלדיקע בשׂמים, וואָס ווערן אינטעגרירט אין אַ קאָנדענסירט־געפּרעסטן שטח פון געציילטע ווייניקע סטראָפעס. דער סך־הכּל געניסיקע און וויסיקע לידער.

דאָס לעצטע איז אפשר דער עיקר־עלעמענט פון אָשעראָוויטשעס ליד: וויסן. אַזוי אַרום שטייט ער, ווי אַ דיכטער, אויף אַן אמת בײַם עץ־הדעת. און פון אַרום דעם סימבאָלישן בוים קלײַבט ער אויף די פּרות פון געזאַנג, וואָס פאַלן אַראָפּ שוין צײַטיקע און זייער באַזונדערש באַטעמטע זיסקייט איז לײַכט צו פאַרדײַען. אַ סבֿרא, אַז די עץ־הדעת פאָרמל איז גילטיק פאַר דעם גאַנצן הירש אָשעראָוויטש, פאַר אַלע זײַנע לידער ביז הײַנט. אין כמעט אַלע איז אײַנגעקאָרבט דער קנייטש פון אַרויסדרינגען, פון אַרײַנבליק און אָפּלערנען אַ קל־וחומר, פון אַנאַלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע נשמה־ראַנגלענישן פון מענטש — אין זיך, מיט זיך און מיט זײַן סבֿיבֿה. דאָס אַלץ — אין קאַמף פאַר העכערע מאָראַלישע ווערטן און עטישע אימפּעראַטיוון.

די גאַנצע לידערישע תּורה פון דיכטער הירש אָשעראָוויטש ליגט אין דעם קאָמפּלעקס פון וויסן און זוכן — די צוויי יסודות וואָס זענען אײַנגעשלאָסן ווי צוויי רינגען אין קייט פון אַנדזערע דערגרייכונגען אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. אין דער ווערטיקייט און אומווערטיקייט פון אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן זוכט ער די מעלות און חסרונות זײַנע, דעם דערגרייך און דאָס וויסן. על־כּן זענען די לידער אַלעמאָליק, פאַר אַ יאָרן און איבער אַ יאָר, ווי אַרויסגעליכטיקטע פראַגמענטן פון ים פון לעבן. איז עס גאָר נאַטירלעך, אַז די לידער זענען אַ קאָמפּילאַציע אָן אַ סדר, ווו אָרט און צײַט איז אויסגעמישט. אָט, למשל, קאָן מען געמיטלעך אַריבערשפּרינגען פון אַ ליד פון אַזאַ ווײַטן אָרט־ און צײַט־מהלך, ווי

„דער בלינדער“, קאָוונע 1938, און לאַנדן אין תּל־אָבֿיבֿ אין 1980, אויף אַ ליד פֿון ענלעכער טעמאַטיק, „דער זקן“, אַ שפּרונג צוריק — און מיר זענען „בײַם עץ־הדעת“, ווילנע 1969. די אַלע לידער בינדט ניט קיין כאַראַקטעריסטישע צײַטכראָניק, נאָר אַ דינער תּוכיקער פֿאָדעם וואָס זײַן סימן־היכּר איז: ראַציאָנעלע קענטשאַפֿט און דערקענטשאַפֿט פֿון דער לעבעדיקער וועלט. אַזעלכע לידער געדײַען בעסער אין אַ קילבלעך־רעגולירטער אַטמאָספֿער, ווו זעלטן ווערט דער לירישער צאַפּל אָנגעוואַרעמט צו העכערע גראַדן. קומט עס פֿאָר ווי אַ קאָנטראָל־מעכאַניזם וואָלט זײַן אײַנגעבויט אין דיכטערס געמיט, כּדי ניט פֿאַרפֿלייצט אָדער אַוועקגעפֿלייצט צו ווערן מיטן שטראָם פֿון געפֿילן. עמאָציעס קאָנען פֿאַרפֿירן, וויסן און לאָגיק — ניט. די מאָס פֿון שׂכלדיקן אויפֿנעם און באַנעם פֿון זאַכן, בילדער, שטימונגען, היט דער דיכטער שטרענג אָפּ. דערפֿאַר געפֿינען מיר אין זײַנע לידער גענוג רויִקע אָבסערוויר־סטאַנציעס, באַשפּרענקלט מיט הײַפּעלעך געמיטפּונקטן, אָבער ניט קיין פֿײַערדיקע סופּערלאַטיוון, ניט קיין גײַסטיקע אויפֿרײַסן, ניט קיין ווונדערס. זײַן ליד איז דער אַרויסזינג און אַרויסקלינג פֿון „אונדזער צײַט“, אין וועלכער ער אַליין איז אויך געפּרוווט געוואָרן. דעם נסיון פֿון אייגענע גוף און נשמה ברענגט ער אַרויס — אָפֿן און פֿאַרשטעלט — אין ניט ווייניק לידער. מאַכן אַן אַנאַליז פֿון די דאָזיקע אָנגעביטערטע און אָנגעזאַלצענע לידער, אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע פֿון זייער מין, וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע, דאַנקשאַפֿטלעכע אַרבעט, אָבער דאָס פֿאָדערט אַ באַזונדערע פֿאָרשונג.

## ב

הירש אָשעראָוויטש זינגט, ווי אין זײַן מאָטאָליד פֿון אַכט שורות, מיט דער „צונג“ פֿון דער צײַט, „ווערטער טרייסטנדיקע מיט פֿאַרסמטע“. די היפּוכים ברענגט ער אַרויס אין דעם בוך, אויך אין פֿריִערדיקע ביכער: „עפּעס איז אַצינד אַ צײַט /פֿאַר אויסטערלישע זאַלבעגאַנדן — / ס׳גייען אום, ווי צווילינג־ברידער, / פֿײַנדלעכסטע ווידעראַנאַנדן“. אונדזער צײַט האָט די ווידעראַנאַנדן געבוירן — מיט זייערע ווערטער שאַפֿט אָשעראָוויטש זײַן אַנדערשדיק ליד פֿון וויסן, זײַן באַזונדער־מיניקע פּאָעזיע פֿון אַ קלאָרער דערקענונג פֿון מענטש, זאַכן, סבֿיבֿה און זייערע שײַכותן.

ער, וואָלט איך געזאָגט אין פֿאָלקישן אידיאָם, איז דער קאַלטער מלאך פֿון ליד. אָט, אין טיטלליד פֿון בוך, בײַם עץ־הדעת — ס׳גרעסטע פֿון אַלע קליינע לידער — גיט ער אַרײַן אין מויל פֿון שלאַנג טרוקן־באַרעכנטע און קלוג־פֿאַרפֿירערישע ווערטער, כּמעט אין פֿאָלקסטאָן. אין אַ זיסער נעץ פֿון רייד וויקלט די שלאַנג אַרום די ווײַבערשע „חוהניו“ — ווײַל „וואָס מיר ליב איז, וויקל איך אַרום מיט זיך!“ (ז׳ 137). דאָ, אין אָנרייד צו ווידערשפּעניקן גאָטס פֿאַרבאָט, קומט בולט אַרויס דעם דיכטערס טעזע פֿון וויסן, שטייענדיק קעגן עץ־הדעת מיט זײַן סימבאָלישן עפּל: „חוה־מוטערל, כּל־זמן עס איז נאָך צײַט, געווינ / וויסנ־

גליק פֿאַר דײַנע קומענדיקע זין״ (ז׳ 135) אין אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דרײַ ביכער פֿון אַשעראָוויטשן, האָב איך שוין אָנגעטײַט אַז זײַנע תּנך־פּאָעמעס זענען ניט געשריבן אין סקאַרבאָוון נוסח פֿון די באַקאַנטע חומש־מעשׂהלעך. דאָ לאָזט זיך עס אָן איבעריק מאָל באַקרעפֿטיקן מיטן מאָנאָלאָג פֿון שלאַנג צו חווהן, „בײַם עץ־הדעת״. די שלאַנג רעדט ראַפֿינירטע רייד, אין גײַסט פֿון אַ נײַער צײַט. די לעצטע צוויי־שורות־סטראָפֿע אין ליד איז אפֿשר ניט קיין חידושדיקער זאָג פֿאַר זיך, אָבער ס׳איז דער ווידערקלאַנג פֿון אַשעראָוויטשעס דרך אין פּאָעזיע — וויסן: „פֿאַרגעדענק וואָס דיר פֿאַרטרויט די קלוגע שלאַנג: / דאָס ניט פֿאָלגן איז דער אָנהייב פֿון פֿאַרשטאַנד״. (ז׳ 137).

אַשעראָוויטשעס ליד איז אײַנגעוועבט אין דער נײַער צײַט מיט פֿאַרשטאַנד. ער אַנטפּלעקט און באַלויכט איר קאָנטראַווערסאַלע צווייזײַטיקייט: זיסע פּרוכט פֿון מענטשנס דערגרייכונגען, און ווערעמדיקע — פֿון זײַן ירידה. ער אַליין זוכט אַ שליסל אויפֿצוקניפּן די סתּירות פֿון זייער „זאַלבענאַנד — ווידעראַנאַנד״ — און ס׳איז ניט נאָר „אַ נאַריש מעשׂהלע״, אין דער נאַטור, ווו „באַגעגנט האָבן זיך צוויי סתּירותדיקע שטיקלעך צײַט״, נײַערט ס׳איז אַ זוכעניש ווי אויפֿצו־וויקלען דעם פּלאַנטער פֿון דער מאָדערנער צײַט. די צײַט וואָס איז געוואָרן אַ סכּנה פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר איר פֿיל־טויזנט־יעריקן נעכטן פֿון ציוויליזאַציע, ווען די בומעראַנגען, ניט דווקא בלויע, זענען געשפּרונגען, און שפּרינגען אין פּנים פֿון דער וועלט, פֿון דיכטער און זײַן ליד. ווי חלומט דאָרט „דער זינגער״ אין בוך בלויע בומעראַנגען: „איך בין אַ סאָלאָוויי: / כ׳בין קליין, כ׳בין גרוי, / איך שרעק זיך פֿאַר אַ שפּאַרבער / און איך זינג״. ס׳איז דער סימבאָלישער חלום־סאָלאָוויי, וואָס איז פֿאַרקנסט, צי פֿאַרשקלאַפּט צו זײַן געזאַנג, אַפֿילו אין שאָטן פֿון שפּאַרבער — און ווער ווייס עס בעסער ווי די אַשעראָוויטשעס, די ייִדיש־סאָוועטישע פּאָעטן?

ס׳רובֿ לידער אין בוך זענען טאַקע געשריבן אין ווילנע, אין די 50—60קער יאָרן, אָבער ס׳גליט אין זיי דער לויטערער הומאַניטאַרישער פֿונק, דער גלויבן אין באַשאַף, אין מענטש, אין חבֿר. ס׳איז אַן ערדיש ליד, געקניפּט מיט אַלע אָרגאַנישע עלעמענטן וועלכע מ׳קאָן אָנטאַפּן חושימדיק. אין זיי טרעפֿן מיר וויי־ניק, נאָר אויף אַ דיכטערישער רפֿואה, ׳הימלישע׳ סופּערלאַטיוון, אָבער ניט קיין אומבאַקאַנטע ספֿערן צי אַבסטראַקטע אימאַזשן. דערפֿאַר מסתּמא, פּסיכאָ־באַ־ווּסט, צייכנט דער דיכטער אונטער די לידער זייער געבונדנקייט מיט אָרט און צײַט: זאָל אַ לייענער אידענטיפֿיצירן זייער געמיט, תּוכן, קלאַנג מיטן ערדפֿינטל אויף וועלכן זיי זענען געבוירן.

ג

הירש אַשעראָוויטשעס ערדיש־געבונדענע טעמאַטיק איז די מענטש־באַ־ווּסטזיניקע דימענסיע פֿון זײַן ליד, מעג זי אַפֿילו האָבן אַ געטלעכן עטיקעט. ס׳איז דער פּאָזיטיווער באַגער אָפּצושיידן גוטס פֿון שלעכטס, מיצווה פֿון עבֿירה,

אויף ווי ווײַט ס'לאָזט זיך „אויסמײַדן" אַ מענטשלעכער „טעות", ווען „ס'פּעלט דיר דער גייטיקער צוים / וואָס שיידט אָפּ דעם עיקר פון טפל, / און ס'נאַרט דיך דײַן זיכערע מאָס". די זיכערע מאָס פון די אַלע אָשעראָוויטש־זוכענישן איז פּאַראַקערט ראַציאָנעל אין פעלד פון וויסן (ז' 13), פון וועלכן ס'וואַקסט אַרויס די גאַנצע לידער־געדעטעניש.

צוליב דעם דאָזיקן גרונטיק־שׂכלדיקן באַנעם, פעלט, לפי־דעתי, אין ערשטן אָפּטייל פון בוך: „אַנטפּלעק מיר, גאָט!", דער וואַרעמער ציטער פון אַ שטילער אוממיטלדיקער תּפילה, שוין ניט ריידנדיק וועגן אַ מאָס פון עקס־טאַז, ס'איז, ווידער, דער ניכטערער באַטראַכט פון אײַנהערעניש און זעעניש, מעג עס זײַן „אין אַזאַ אַ סומנער חשוונדיקער נאַכט!" אַפילו. ווײַל נאָך אַלעמען דערוואַרטן מיר, אויך אין אונדזער צײַט, אין אַזאַ ליד, ווי למשל, דאָס טיטלליד „אַנטפּלעק מיר, גאָט!", אַ קאָפּעטשקע אַנגעגליטע אַטמאָספער, צי אַ גלימער וויזיע, מער ווי בלויז די לעצטע צוויי־שורות־ווענדונג צו דער קאַלטער געט־לעכער „אינפאָרמאַציע!" „אַנטפּלעק מיר, גאָט, מיט וואָס איז עכטער / ס'בײַ־טאַגיקע געוויין פון אַ בײַנאַכטיקן געלעכטער?!" (ז' 15). אָבער ווען מיר קע־נען שוין אַזוי גוט אָשעראָוויטשן, פון הונדערטער לידער, איבערראַשט עס אונדז לחלוטין ניט, ווײַל מיר פאַרשטייען, אַז דעם דיכטער איז געגאַנגען מער אין זו־כערישן נײַגער, מיטן אַרויסברענגען דעם פּאַראַלעל צווישן די מינים: טאָג און נאַכט, געוויין און געלעכטער, ווי אין דעם עצם אַנטפּלעק, ווען גאָט ווערט, אַזוי צו זאָגן, דער ערדישער פּוסק...

אָשעראָוויטש איז דער כּסדר זוכערישער און פרעגערישער אינטעלעקט און דער מאַן פון אַ ווילן צו וויסן דעם פאַרוואָס? אויב אַפילו ס'בלײַבט אַ תּיקו. ער פרעגט אַן אַ פאַרענטפער: „פאַר וואָס דאַרף זײַן באַשערט / סע זאָל דער ווילן אונדזערער אַ שונא זײַן פון אונדזער וועלט, / פון די ביימער, וואָס מיר פלאַנצן זיי פאַר אַ גן־עדן אויף דער ערד, / זאָל ווערן האַלץ אויף אונטער־הייצן נײַע העלן?.." (ז' 17).

געבענטשט איז הירש אָשעראָוויטש חוץ מיט שפע, אויך מיט זײַן אייגענעם גאַנג און דרך. ער פאַרבלאָנדזשעט זעלטן און אומגערן אין פרעמדע ספערעס. און ווײַל „סע טרעפט..." (לידטיטל, ז' 24), איז ער זיך מודה, מוז מען „אַרײַנפאַלן אין פעלשונג". אָבער זײַנע לידער זענען די בעסטע עדות, אַז ער איז ניזהר ס'זאָל זיך ניט טאָן „אַ גליטש אַוועק די פּען פון דעם בלויז דיר־אַליין־באַשערטן נוסח". ווײַל איז דעם דיכטער, וואָס האָט זיך זײַן באַזונדער באַשערטן נוסח — און נוסח אָשעראָוויטש איז לכל־הדעות אוניקאַל בלויז פאַר דעם דיכטער וואָס „בײַם עץ־הדעת". דאָ פילט ער זיך אויף היימישער ערד, אין זײַן וויסן־לאַנד־שאַפט, אין אייגענע פּאָעטישע הויט־און־ביינער. מיט אַנדערע ווערטער: דאָ איז ער אין זײַן עלעמענט, זײַן סוביעקט מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, מיט טעותים און גרײַזן, מיט וועלענישן און קענענישן.

וועט דאָ זײַן גוט צו אַקצענטירן, אַז אונדזער באַצייכענונג ערדישקייט פאַר

אָשעראָוויטשעס פּאָעזיע, מיינט אַבסאָלוט ניט דער רויער גשמיותדיקער באַגריף, נאָר די סובטיל פֿײַנע געדאַנקלעכקייט און די אַנאַליטישע קלוגשאַפֿט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין אָשעראָוויטשעס סטראָפֿעס. ס׳איז דער פּאָעזיע־נוסח וואָס ווערט כּמעט קיין מאָל ניט שיכּור, לפּחות ניט צו פֿיל פֿאַרשיכּורט מיטן אַמאָל, מיט עבֿר־סענטימענטן. אויך די געוועזענע צײַט פּרוווט זי זען מיט ניכטערע אויגן. פֿילן מיר טאַקע ווי דער דיכטער „קלאַפּט זיך כּסדר איבער דער האַנט פֿון זײַנע שטימונגען", ווען ער נידערט אַראָפּ „אין טיפֿער פֿוטערפֿאָס פֿונעם זכּרון" (טיטל פֿון אַן אָפּטייל). ער פֿאַרטויבט זײַנע געפֿילן און האַמעוועט די בענקשאַפֿט, ווען „פּלוצעם קומט צו מיר מײַן יוגנט..." זי בלײַבט אַפֿילו ניט פּנים־אל־פּנים מיטן פּאָעט — אַ פֿאַרעלטערטע קומט זי „אין מײַן עלטער־זיידעס שפּעגנצער, / שטעלט צו מיר זיך מיטן רוקן / און פֿאַרשטעלט די שײַן פֿון פֿענצ־טער". (ז׳ 34). די הינטערווײַלעכץ צײַטדיסטאַנץ פֿאַרבלאָסט די יוגנטשײַן.

### ד

די דערמאָנטע אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל צײַטדיסטאַנץ, איז איינצײַטיק אויך אַ דיסטאַנץ צווישן האַרץ און קאָפּ. אָשעראָוויטש וויל ניט פֿאַרשיכּורט ווערן מיטן טשאַד פֿון נאָסטאַלגישער ליריק. ער קען בלויז „קראַנק" זײַן אויף אַזאַ פּאָעטישער מחלה: „אויב אין טיפֿער פֿוטערפֿאָס פֿון מײַן זכּרון / ליגן אָנגע־זאַמלט לאַנג שוין אויסגעוועפּטע יאָרן, /איז עס ניט דערפֿאַר, וואָס כ׳בין קמצניש גיריק, / נײַערט ווײַל איך קראַנק בין אויף נאָסטאַלגיע־ליריק". (ז׳ 51). די לי־ריק־קראַנקשאַפֿט טרײַבט אים אפשר קריק פֿון זײַן יוגנט, פֿון טעג מיט אַ פֿאַר־ביקן רעגן־בויגן (מיר דאַכט אַז אין גאַנצן בוך איז דער סינאָנים בכּלל ניט בנימצא). דער ניכטערער קאָפּ רעוואָלטירט קעגן האַרצאויסגאָסן. אָבער דאָך געפֿינען מיר אין בוך געננג ליריש־שטילע שורות, פּראַכטיקע פֿאַרבענקטע סטראָפֿעס און אַפֿילו גאַנצע לידער. אָט, למשל, אַ פּאָר צוויי־שורות סטראָפֿעס פֿון ליד „עלעגיע" (נאָוואָסיבירסק, 1941), וואָס לאָזן אונדז פֿאַרגאַפֿט פֿון די פֿאַרכּישופֿטע מעטאַפֿאָרן אין ליכט פֿון בלויער שיינקייט: „וועל איך אָנשעפּן אַן עמער בלויע נאַכט / פֿון דער צײַט, וואָס כ׳האָב מיט דיר פֿאַרבראַכט. / און זיך אָפּגיסן דערמיט און בלײַבן שטיין / אויף דער אייביקייט — אַ שווערער בלויער שטיין". ראָמאַנטישע האַרץ־סטרוניקע נאָסטאַלגיע.

צום באַדויערן קענען מיר זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַלע אָפּטיילן און ציטירן, ווי ס׳וואָלט זיך געוואָלט. מיר ווילן נאָר באַקרעפֿטיקן מיט זײַנע שורות דעם גורל (לידטיטל, ז׳ 44) פֿון דיכטער: איך זוכן איז שוין פֿאַראַן דער שׂכר — דאָס איז זײַן גורל: „שטענדיק ניט געפֿינען איז אַ שווערער גזר, / שטענדיק מוזן זוכן איז אַ לוין... / גורל מײַנער, גורל — / צווילינג־ברודער גורל !..."

די צײַט — טאַקע אונדזער צײַט — איז געווען צום דיכטער גנאָדיק און אים צוגעטראָגן דעם פּראַקטישן „לוין" פֿון 8 ביכער אין 8 יאָר — 1973—1981.

„דאָס פישעלע, דאָס גאָלדענע — די צײַט..." (לידטיטל), דאַרף זײַן אויסגענוצט אין מענטשלעכע אַרבעטס־טערמינען: יצירה. אַשעראָוויטש שפּילט זיך אָבער ניט מיט צײַט אין אייביקייט־פּלירטן: ניטאָ בײַ אים דער פּלי צום אוניווערס, ס׳דראַפּען זיך אויף קאָסמישע הוילקייטן. דאָס פישעלע צײַט שווימט ניט אַרום אין מיסטעריע, נאָר אין אונדזער טײַך פון לעבן. זי זעט ער, זי פילט ער, קאָנקרעט, ווי זי גליטשט זיך אַוועק. די צײַט ווערט אַפילו פאַרוואַנדלט אין אַ סור־פּערלאַטיוון ערדישן ים — „זי איז שוין גאָר דער ים", — אָבער פאָרט ניט אין אולטימאַטיוו פליסיקן נצח, ווײַל אויך פאַר דעם דיכטער, וואָס איז ניט ערדיש־אייביק, עקסיסטירן ניט די אין־סוף קאַטעגאָריעס.

אַשעראָוויטשעס „דיכטונג" (לידטיטל, ז׳ 64) איז אין גבֿול פון ממשותדיקע דימענסיעס. וועגן ווערטער „ווי פּיאַווקעס / וואָס האָבן דאָס בלוט דיר געזויגן", זאָגט ער מיט שפּאָט און ביטערן סאַרקאַזם: „וואָרף זיי ווי שיכּורע דווקאָס / דער ניכטערער וואָר אין די אויגן" (אין זעלבן ליד). אָבער יעדער ליד זעט ער ווי אַ געווינס פון צײַט — אַרויסצײַען פון איר ימיקער טיף דעם „גאָלדפיש" פון שעפערישקייט. ס׳איז פּשוט מענטשלעכער רצון: „צי איז עס מענטשלעך קליין, צי איז עס מענטשלעך גרויס, / צי ביידעס גאָר, ווי ס׳טרעפט בײַ אונדזערע פאַרלאַנגען? / פון טיפן ימען־גרוי אַ גאָלדפיש כ׳צי אַרויס — / אין אומענד פון דער צײַט אַ שאַפונג־שעה געפאַנגען..." (ז׳ 143).

און די גאָלדענע צײַטפישלעך קומען צו שווימען צו אונדז בצורת הונדער־טער פײַנע קאָנטעמפּלאַטיווע לידער. אַשעראָוויטשעס מחשבֿה־ליד איז אַ ממש־ליד, וואָס האָט ניט באַעוולט דעם דיכטער. זײַן פּערזענלעך האַרטער גורל איז „לעבן" (לידטיטל, ז׳ 140), איז געווען אַ כּסדרדיקער פאַרליר און געפינס: „איין מאָל געפונען און צען מאָל פאַרלאָרן, / און דאָס געפינס איז מער וואָר נאָך גע־וואָרן". איז ער טאַקע טיילווײַז באַלוינט און רעהאַביליטירט געוואָרן, ווען ער האָט לסוף געפונען זײַן נײַע ישׂראל־היים. און דער שׂכר פון די שאַפונג־שעהען איז אַרײַנגעפּרעסט אין די ייִדישע אותיות פון זײַנע ביכער.

בײַם עץ־הדעת איז נאָך אַ בוך לידער פון דיכטער, אָבער אַלץ נאָך ניט די פאַרסך־הכּלטע שאַפונג־שעה — אונדזער צײַט האָט נאָך גענוג צײַט פאַר דער יצירה פון אַזאַ שפּרודלדיקן טראַכטער און עץ־הדעתדיקן דיכטער ווי הירש אַשעראָוויטש.

די גאָלדענע קייט, נומ׳ 107, 1982.

• אין לידער־לאַבירינט פון ה. אַשעראָוויטש: ישׂראל־שטימע, 80.3.19 און 80.4.9.

הערה: בטעות איז דער מאמר אַרײַן אין דעם אַפּטייל. על־פּי דעם בוך־צונויפשטעל געהערט ער צום ישׂראל־אַפּטייל.

ב

# יעקבֿ באָטאָשאַנסקי — געקומען און — אַוועק

(אַ ברוך הבא־וואָרט)

יעקבֿ באָטאָשאַנסקי קומט ווי דער גאַסט פֿון אונדזער ייִדישן ייִשובֿ, ווײַל ער איז מעורבֿ עם הבריות, ער געהערט צום כּלל ייִדן. זײַן פֿילפֿאַרביקע פּערזענלעכקייט און זײַן באַגאַבטקייט אויף אַלע געביטן פֿון ייִדישן לעבן און ייִדישן וואָרט, מאַכן אים פֿאַר אַן אייגענעם אין יעדער געזעלשאַפֿט, אין יעדער גרופּע ייִדן.

אַוודאי איז קלאָר און זעלבסטפֿאַרשטענדיק, אַז ער קומט דאָ, ווי אַ שליח צו זײַנע ייִדיש־ייִדן, מיט וועמען ער איז דורכגעפֿלאָכטן און דורכגעמישט, וועמען ער האָט ליב און פֿאַר וועמען ער שרײַבט זײַנע טעגלעכע קאָלומס, זײַנע אַרטיקלען, זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען. ער האָט הינטער זיך אַ גרויסע און לאַנגיאָריקע ליטעראַרישע קאַריערע — איבער אַ יובֿל יאָרן איז ער אַן אָנגעזעענער נאָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איבער הויפּט אין דער קריטיק. ער איז איינער פֿון די פּראָדוקטיווסטע פֿעדער־מענטשן אויף אַלע געביטן פֿון שאַפֿן. זײַנע פֿאַר צענדליק ביכער אויף די פּאָליצעס פֿון אַ ייִדישער ביבליאָטעק זענען אַן אוצר פֿון וואָרט אין אַלע זשאַנערס פֿון ליטעראַרישער שאַפֿונג: דערציילונגען, נאָוועלן, ראָמאַנען, דראַמעס, מעמואַרן, עסייען, רעפּאָרטאַזשן און — אַפֿילו לעקציעס. חוץ דעם טראָגט נאָך אונדזער גאַסט אויף זײַנע פּלייצעס כּמעט אַ צענדליק אַנדערע באָטאָשאַנסקיס — מאַסקירטע און פֿאַרשטעלטע אונטער אַדאָפּטירטע נעמען. זיי פֿירן עס אויס די "לײַכטערע ראָלן", אין וועלכע ער טרעט אַרויס אויף דער סצענע פֿון דער טאָג־צײַטונג, זשורנאַל א"אַ. אָבער אומעטום, אַפֿילו אין זײַן פּסעוודאָנים־גרים בלײַבט ער דער אייגענער און עכטער יעקבֿ באָטאָשאַנסקי — זײַן עספּרי, זײַן בליציקער אײַנפֿאַל, זײַן געראָטן בילד, זײַן שאַרפֿע פֿעדער און זײַן זשורנאַליסטיש שרײַבערישע אחריות — הקול קול יעקבֿ.

און דאָס איז די ברכה פֿון אַ שרײַבער — זײַן קינסטלערישע אייגנקייט, זײַן אָריגינעלער איך, זײַן שעפֿערישע באַזונדערקייט. יעקבֿ באָטאָשאַנסקי האָט שוין מכּמה יאָרן זײַן אייגענעם און באַזונדערן עמוד אין דער ייִדישער ליטעראַטור, זײַן פּריוואַט־ווינקל צווישן ייִדישע שעפֿערס, זײַן באַקאַנטן קול־נגינה, וואָס מאַכט אים באַליבט און פּאָפּולער בײַ לייענער און צוהערער. פֿון יעקבֿן קאָן מען אַ סך לערנען: אַ פּרק ייִדישע ליטעראַטור, אַ קאַפּיטל ייִדיש טעאַטער, די חכמה פֿון ייִדישן הומאָר — און וואָס ניט? מען האָט תּמיד הנאה פֿון זײַן וואָרט, יעדע טעמע — אַ קוואַל פֿון וויסן.

איז דאָך יעקבֿ באָטאָשאַנסקי ניט נאָר אַ שרײַבער, נײַערט אויך אַ זאָגער — און נאָך וואָס פאַר אַ זאָגער! ער איז דער זאָגער בהא הידיעה פון „געּ רעדטן" וואָרט. ער איז אַ גלענצנדיקער לעקטאָר פון מכל הבא ליד, און ניט נאָר ווייס ער וואָס צו זאָגן, נאָר ער ווייס אויך ווי צו זאָגן. דאָס ריידן צו אַן אוידיטאָריע פון פאָלקס־מענטשן כּדבר איש אל רעהו, אַז צו גלײַכער צײַט זאָל עס אויך זײַן אַ שמועס מיט יעדן באַזונדער — אין דעם שטעקט דער כּישוף פון באָטאָשאַנסקיס רעדנערישן טאַלאַנט. ער רעדט פּשוטע רייד, ווי פּשוט פּשט קאָן נאָר זײַן, און גיט דעם טײַטש, דעם אַרײַנטײַטש און אויס־ טײַטש, וואָס מאַכט קלאָר יעדן ליטעראַרישן צי געזעלשאַפטלעכן ענין. ער איז איןביידע — אין גערעדטן און געשריבענעם וואָרט — כּמעין המתגבר. בײַ יעקבֿ באָטאָשאַנסקין איז פאָרגעקומען אַן עירבובֿ התּחומין פון אַ ליטעּ ראַטור־קריטיקער, ווי אַ שרײַבערישע עבֿודה, און ליטעראַטור־לעקטאָר. אין פאָרוואָרט צו זײַן בוך „פּשט" איז ער זיך אין דעם מודה.

באָטאָשאַנסקי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין בעסאַראַביע — און דאָס פאַר זיך איז שוין געגנוג יידישער יחוס. פון 1926 וווינט ער פּערמאַנענט אין בוענאָס־אײַרעס, און איבער אַ יובֿל יאָרן איז ער אַ תּושבֿ אין דער יידישער ליטעראַטור. פון 1951 דער פּאָרזיצער פון שרײַבער־פאַראיין א״נ פון ה. ד. נאָמבערג, אין אַרגענטינע. אַגבֿ, אַרגענטינע איז אַ ווײַט לאַנד מיט אַ גוטן יידישן נאָמען און אַ ספּעציפיש יידישן קולטור־לעבן, און שוין פיל צענדליגער יאָרן שטייט דאָרט אונדזער גאַסט על משמר־היידיש.

* * *

עס איז אַ כּבֿוד און אַ פרייד מקבל־פּנים זײַן אַזאַ חשובֿן און ליבן אורח. עס ווערט יומטובֿדיק און פריילעך. אַט וועט ער ריידן צו זײַנע יידן, צו וועּ מען ער איז געקומען, נעמען זיי אין וואַלד פון דער יידישער ליטעראַטור, כּדי זיך אָפּצורוען מיט זיי אין ברייטן, טיפן שאָטן פון וואָרצלדיקן דעמב פון די זיידעס און אייניקלעך פון יידישן שעפערישסטן יאָרהונדערט. מיר וועלן ווידער אַ מאָל דערזען די גרויסע און רײַכע ליטעראַטור פון אַן אָרעם און קליין פאָלק און זיך שפּיגלען אין די ליכטיקע סילועטן פון פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע א״אַ.

מיט אונדזער גאַסט וועלן מיר אויפהייבן אַ כּוס פאַר הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור און מאַכן די ברכה שהחיינו.

פאַר אונדזער גאַסט וועלן מיר אויפהייבן אַ צווייטן כּוס: ברוך בואָך!

„דרום אַפריקע", סעפּט׳־אָקט׳, 1964.

(אַ וואָרט אויף זײַן פרישן קבֿר)

יעקבֿ באָטאָשאַנסקי איז געקומען אויף אַ ווײַלע קיין יאָהאַנעסבורג — און פון דער שטאָט איז ער אַוועק אויף אייביק. אין לעצטן נומער האָבן מיר גע־שריבן אויפמונטערנדיקע קבלת־פּנים־ווערטער, אין גוטן גלויבן פון זײַן ייִדיש־שליחות, און הײַנט — אַנשטאָט אַ צאתך־לשלום — שרײַבן מיר הספד־ווערטער אויף זײַן אַזוי פּלוצלינגדיקן טויט.

דורך דעם לאַנגן און שווערן גאַנג פון זײַן שעפערישן און קולטור־טוערישן לעבן איז ער אַלע מאָל געבליבן אויף די שליאַכן פון ייִדישלאַנד. מער ווי אַ יובֿל יאָרן האָט יעקבֿ באָטאָשאַנסקי „שפּאַצירט" מיט זײַן פעדער איבער די וועגן און שטעגן פון דער ייִדיש־שעפערישער מאַפּע, אָבער ניט ווייניקער האָט ער אויסגעפירט די שליחות פון אַ ייִדיש־גייער, וואָס ברענגט זײַן לעבעדיק־גערעדטן וואָרט צו ייִדישע ייִשובֿים איבער דער גאָרער וועלט.

מיט דער שׂימחה פון אַ שליח־מיצווה האָט יעקבֿ באָטאָשאַנסקי געטראָגן זײַן וואָרט צו זײַן ייִדישן עולם, ביז זײַנע פיס האָבן אים פאַרטראָגן אויף אַ זײַטיק סטעזשקעלע פון ייִדיש־ייִדן אויפן שוואַרצן קאָנטינענט. עס איז געווען זײַן לעצטער וועג, זײַן לעצטע פרײַוויליקע שליחות בײַם סוף פון זײַנע טעג. און אַלץ וואָס ער האָט דאָ נאָך באַוויזן צו זען איז געווען פאַר אים נײַ. ער האָט מיט זשורנאַליסטישער ניכטערקייט אַלץ אָבסערווירט, אָבער ער האָט עס ניט אויפגענומען ווי בלויז שרײַבערישן מאַטעריאַל פאַר שנעל־צוגעפּראַ־וועטע רעפּאָרטאַזשן, נאָר ער האָט אויך באַוואונדערט דעם דור ייִדן וואָס אָטעמט דאָ מיט ייִדיש; ער האָט געפּרוווט דערקענען דאָס עקזאָטישע לאַנד פון שוואַר־צע מענטשן, גאָלד און לייבן...

און ער איז צוגעפאַלן צו זײַנע נײַ־אַנטדעקטע ייִדן, צו דער נײַער סבֿיבֿה, צו מענטש און שטאָט, צו די נײַ־אויפגעעפנטע האָריזאָנטן, מיט דעם גאַנצן אייפער פון זשורנאַליסטישער פאַרכאַפּטקייט. ער האָט געשריבן אַרטיקל נאָך אַרטיקל וועגן אַלץ און אַלעמען. אויפגעכאַפּטע, פרישע שטימונגען און אײַנ־דרוקן — טייל מאָל נאָך ניט פאַרדײַטע אַפילו — האָט ער אין געאײַל פיקסירט אויפן פּאַפּיר, ווי ער וואָלט אין זײַנע טיפענישן געאַנט אַז באַלד וועט שוין זײַן צו שפּעט.

פון סאַמע ערשטן טאָג פון זײַן באַטרעטן יאָהאַנעסבורג, האָט ער אין מער ווי 5 וואָכן ניט אַרויסגעלאָזט די פען פון זײַן האַנט. ער האָט ניט מפסיק געווען פון שרײַבן יומם ולילה. ער האָט באַאַרבעט די אייבערשטע פלאַכן, וואָס אַ מענטש דערזעט צו ערשט בײַם קומען אין אַ נײַ לאַנד, כּדי שפּעטער זיך אַ גראָב צו טאָן צו די וואָרצלען פון לעבעדיקן ייִשובֿ. אָבער דער שפּעטער איז שוין געווען צו שפּעט.

עס איז אָבער ניט בלויז געווען די עבֿודה פון שרײַבן, וואָס איז אייגנט־לעך אַ רשות־היחיד, אָבער דער עיקר איז געווען זײַן שליח־ציבור־אויפגאַבע,

צוליב וועלכער ער איז דאָ געקומען. ער האָט אַלץ געטאָן מיט פלייס. ער האָט אַרויסגעוויזן גוואַלדיקע ענערגיע און ניט ווייניק רירעוודיקייט. ער האָט זיך פון קיין אַרבעט ניט אָפּגעזאָגט, ניט באַקלאָגט זיך אַז ס'איז צו פיל, אַז ס'וועט אים פאַלן שווער. להיפך גאָר: ער האָט פון אייגענעם ווילן אָנגעלאָדן אויף די באָטאָשאַנסקישע ברייטע פּלייצעס אַלץ מער משא — אַ גרויסע פּראָגראַם, אַ מענגע טעמעס, אַ סך באַזוכן. און ער האָט עס אַלץ גענומען ערנסט. ער האָט זיין שליחות געטאָן באמונה. ער האָט נאָך געהאַט פיל פּלענער און אומעטום געוואָלט באַוויזן, אָבער ער האָט שוין ניט באַוויזן — —

* * *

יעקב באָטאָשאַנסקי, דער גוט־באַקאַנטער זשורנאַליסט און ליטעראַטור־קריטיקער, וועט האַלטן אַ פּאָרטראַג מאָנטיק, דעם 26טן אָקטאָבער אד"ט: דאָס פּינטעלע ה. לייוויק — מיט די ווערטער האָט די קולטור־פעדעראַציע אָנאָנסירט דעם 4טן אויפטריט פון יעקב באָטאָשאַנסקי אין יאָהאַנעסבורג. אָבער אין דער שעה, ווען זיין עולם ייִדיש־ייִדן האָט געשטראָמט צום זאַל, איז דער לעקטאָר שוין געלעגן מיט פאַרפרעסטע ליפּן און מיט אַ געליימטער צונג; ווען ער האָט געזאָלט שטיין פאַר זיין ייִדיש־אוידיטאָריע און געבן אַ פּירוש אויף די ריטמישע גאולה־שורות פון אונדזער גרויסן לייוויקן, האָט זיין האַרץ, אין יסורים־קראַמפּן, אויסגעשלאָגן דעם לעצטן אומריטמישן קלאַפּ און שטיל געבליבן.

יעקב באָטאָשאַנסקי, דער גאַסט פון ד"אַ ייִדישן קיבוץ, איז אַוועק צוריק צו זיין שטענדיקער היים — בוענאָס־איירעס — צו וועלכער ער האָט געהערט, און צו דעם יישוב פאַר וועלכן ער האָט געווידמעט זיין שעפערישע קראַפט אַלע זיינע יאָרן — אַרגענטינע.

זיין ערדיש ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן צווישן אונדז, אין דרום־אַפריקע, און די פונקען פון זיין ייִדיש גלויבן וועלן מיר ווייטער אויפהיטן, אין זכות פון זיין נאָמען.

דרום־אַפריקע, נאָוו'־דעצ' 1964.

# ח. נ. ביאַליק — אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער

## צו זײַן 20סטער יאָרצײַט

חיים־נחמן ביאַליק איז אַוועק אין דער צײַט, ווען דער פּינצטערער ברוי־נער טײַוול האָט אָנגעהויבן פאַרשפּינען די ייִדישע וועלט אין דינע, נאָך דעמאָלט אומזעיִקע פּעדעם פון אומקום און טויט. אָבער אַרום די דײַטשע גרענעצן האָט נאָך געשפּרודלט און געזשומט דער בינשטאָק פון אַ לעבן מיט פאַר־וואָרצלטער ייִדישקייט: פּוילן, ליטע, רוסלאַנד א״אַ. די סאָוועטישע ייִדישע קולטור־צענטערס האָבן נאָך געבליט מיט שולן, ביכער, צײַטונגען און שאַ־פערישקייט.

ביאַליק איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין דער מאַסן־געדיכטקייט פון דעם ייִדישן תחום־המושב, ווען די השכּלה און די לשון־קודש־מליצה האָבן געגומען אָפּטרעטן אַ וועג פאַר דעם אויפקומענדיקן און פאַרשטענדיקן לשון פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן: — ייִדיש; די ייִדישע ליטעראַטור האָט אַ בליץ געטאָן און זיך צעשײַנט מיט נעמען, ווי מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ א״אַ.

מיט דאָרשט האָבן זיך הונדערטער טויזנטער לייענער אַ וואָרף געטאָן צו זייער מאַמע־לשון און זייערע באַליבטע שרײַבער, און זי האָט זיי אָנגעזויגן מיט אירע יונגע מחיהדיקע זאַפטן.

אונטערן שטערן פון ייִדישער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און פּאַרטיי־אידעאָ־לאָגישער דיפערענציאַציע אויף דער ייִדישער גאַס, האָט ביאַליק אָנגעהויבן זינגען זײַנע נאַציאָנאַלע שירים אין העברעיִש — לידער, וואָס האָבן גלײַך צעשטורעמט מיט זייער נײַקייט און נבֿיאישן פּאַטאָס. ער האָט געמאָנט, גע־שטראָפט, געטרייסט און מיט יונגן כּוח צעריסן די פּענטעס פון מליצהדיקן וואָרטשפּיל. גלײַכצײַטיק האָט ער אויך געשאַפן זײַנע לירישע לידער — שטילע, מיט טיף־אַדורכגעפילטע, בענקענדיקע און ראָמאַנטישע טענער. און באַלד איז ביאַליק ברייט און ווײַט באַקאַנט געוואָרן און געקרוינט געוואָרן ווי דער נאַציאָנאַלער דיכטער פון פאָלק. זײַן נאָמען איז מפורסם געוואָרן צווישן די מאַסן ייִדן, וואָס האָבן גערעדט, די מייסטע פון זיי, בלויז מאַמע־לשון און אַפילו ניט רעכט געקענט אַדורכלייענען ביאַליקס אַ שיר, אין אָריגינאַל. אָבער ס׳איז גענוג געווען דאָס ווייניקע, וואָס ביאַליק האָט געשריבן אָדער איבערגעזעצט פון זײַנע אייגענע לידער, אויף ייִדיש, אַז ער זאָל פאַרערט ווערן אַלס דער נאַ־ציאָנאַלער דיכטער בהא־הידיעה, פון כּמעט אַלע פאָלקס־שיכטן.

חיים־נחמן ביאַליק האָט ליב געהאַט ייִדן און אַוודאי אויך — זייער ייִדיש־לשון. ער, דער תּלמיד־חכם, דער באַליבטער פון פאָלק און חבֿר פון אַ מענ־דעלע, שלום־עליכם, דינעזאָן, ספּעקטאָר א״אַ, איז ניט געווען קיין פאַנאַטישער, ענגהאַרציקער העבּרעיִסט. ער אָט געפילט און פאַרשטאַנען דעם כּוח פון אַ לעבעדיקער שפּראַך, וואָס אַ גאַנץ פאָלק, קליין און גרויס, רעדט זי. ניט אומזיסט דערציילט מען, אַז ער זאָל אַ מאָל האָבן געזאָגט: עבֿרית דאַרף מען רעדן, אָבער ייִדיש רעדט זיך.

יאָ, ביאַליק האָט ניט געקענט זיך אַליין פאַרלייקענען: זײַנע אייגענע משהלעך און שלמהלעך, וואָס אונטער די גריבינקעס ביימעלעך שפּילן זיי זיך אויך — ייִדיש. און ער האָט אויך זיכער געוווּסט, אַז דער רובֿ־מנין ורובֿ־בנין פון די גרויסע ר׳ משהס און ר׳ שלמהס לייענען ניט און פאַרשטייען ניט זײַנע לידער אויף העברעיִש.

צום באַדויערן זענען די קליינע און די גרויסע ייִדיש־ריידער שוין מער ניט געווען אויף דער לעבעדיקער וועלט צום צענטן יאָרצײַט פון ביאַליקן. דעם נאַציאָנאַלן דיכטערס ייִדנטום איז געווען אויסגעמאָרדעט. און פאַר זיי, די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, האָט דאָך ביאַליק געשריבן אויך אין דער „גלות־דיקער" פאָלקשפּראַך — ייִדיש.

ביאַליק איז געווען דער דיכטער אין אונדזערע צוויי שפּראַכן. און אַ ייִדיש האָט ער געשריבן, שוין דעמאָלט, וואָס איז געווען שטאַרק אין אויס־דרוק, זאַפטיק און נײַ.

איינע פון זײַנע ייִדישע פּאָעמעס, „דאָס לעצטע וואָרט", איז דווקא אויף אַ תּנכישן מאָטיוו, וואָס צייכנט זיך אויס מיט שטורעמדיק נבֿיאישן ברען. דער דיכטער־זעער שטראָפט דאָס ווידערשפּעניקע פאָלק מיט גרימצאָרן און תּוכחה־קללות, וואָס ער וואַרפט אויף זייערע קעפּ, ווײַל זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון גאָטס וואָרט און אָפּגעשטויסן גאָטס האַנט. ער זאָגט פאָרויס דאָס שלעכטס וואָס גאָט גייט ברענגען אויף זיי. און פאַרענדיקט מיט די באַרימטע דראַמאַ־טישע, משלדיקע רייד פון צאָרנדיקן גאָט צו ירמיהו:

איצט גיי אַראָפּ צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טו אַ וואָרף, און זאָג דערבײַ
שטאַרק הויך, אַז יעדער זאָל עס הערן:
אַזוי וועט איר צעבראָכן ווערן.

און ער פאַרענדיקט מיטן אָנזאָג פון אומגליק, וואָס ס׳האַרץ גיט אַ צאַפּל עס לייענענדיק: „עס גייט דער טאָג, ער קומט, ער קומט"...

חיים־נחמן ביאַליק איז מער ניטאָ צווישן אונדז. יעדער פון אונדז קען אָבער, לויט זײַן פאַרשטיין און ווילן, גלויבן אָדער ניט אין דער אַנטפּלעקונג פון אַ טיפערן געפיל פון נבֿיאות, אין מאָמענט ווען די זעונג־שורות זענען געשריבן געוואָרן. אָבער קיין איינער קען זיך ניט פאַרהאַלטן גלײַכגילטיק און זאָגן,

אַז ער פילט ניט דעם פלאַמיק נבֿיאישן פּאַטאָס, וואָס האָט געברויזט אין דיכטערס האַרצן.

ביאַליק האָט אַריבערגעקוקט איבער זײַן דור, דורך דער צײַט, וואָס האָט דעם פאָלק געבראַכט מיט אַזאַ אימפּעט צום פאַרשאָלטענעם, ביטערן טאָג. ווי קלאָר און טראַגיש קלינגען הײַנט, נאָכן האַקן־קרייציקן מאַרש, די האַמער־דיקע און אויפרײַסנדיקע ווערטער פון ביאַליקן, וואָס פאַרסמען אונדזער האַרץ.

* * *

חיים־נחמן ביאַליק האָט אַוודאי געשפּירט די נייטיקײַט זעליש אויפצו־זאַפּן אַלע ייִדישע טרערן פון לאַנגן גלות־וועג און זיי אַרײַנגיסן אין זײַן אייגע־נער נשמה, ווי אין אַ לאָגל. ער האָט אַראָפּגעזופּט דעם טרערן־בעכער ביז צום דנאָ. ער האָט געפילט די לײַדן פון זײַן פאָלק, ווײַל ער האָט עס געליבט. אָט טרײַבט ער זײַן מוזע, אײַנגעטונקט אין טוי, וואָס קומט אים טרייסטן, און בעט זיך: „גישט טוי, מײַן געזאַנג! נאָר אַ טרערן־לאָגל, גיב מיר!"

טאָר מען אָבער ניט פאַרגעסן, רעדנדיק וועגן ביאַליקן, דעם סאָציאַלן מאָמענט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זײַן גאַנצער דיכטונג. דער משורר אַליין זאָגט וועגן דעם עדות, אויף זיך, אין „מײַן ליד" — שירתי: ווייסטו פונוואַנעט כ'האָב געירשנט מײַן ליד? — ס'איז געווען פון גריל — דעם משורר פון דלות,. און פון דלות, צוזאַמען מיטן שטיקל זויערן ברויט, וואָס איז געקײַט געוואָרן מיט טרערן, איז אויך אַרײַן דער סם אין דיכטערס נשמה.

זענען אָבער ניט אַלע ביאַליקס לידער פאַרגאַלט מיט קאָשמאַרישע נאַכט־רעיונות (הרהורי לילה) און פאַרפינצטערט פון ביטערן דלות. פאַראַן לידער פריידיקע, איבער הויפּט וועגן נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. אָט, למשל, זײַן ליד „ברכת עם", אָדער „תחזקנה", ווי מען איז עס געווינט צו רופן, איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ הימן: וויפל מונטערקייט און פרישקייט, וואָס פאַר אַ פריילעכער, לוסטיקער ריטעם. אין דעם שיר איז פאַראַן אַ רוף צו פאַראייניקן די צעשפּליטערטע כּוחות, כּדי צו אַרבעטן שולטער בײַ שולטער — אַלע צו־זאַמען. אין געמיינזאַמער אַרבעט און שותּפישער שאַפונג האָט ער געזען די ברכה פון פאָלק.

איז טאַקע הײַנט, און יעדן טאָג, כּדאַי צו דערמאָנען און מאָנען די אייניקייט און אַחדות. ס'איז אַ הייליקער חובֿ פאַרן פאָלק, וואָס איז אַזוי ביטער און שווער געפּרווט געוואָרן, צו זײַן פאַראייניקט אין קאַמף צו דערגרייכן אַ שענערן און ליכטיקערן מאָרגן, ווי חיים־נחמן ביאַליק האָט עס אין זײַנע נאַציאָנאַלע שירים געזען.

אַפריקאַנער אידישע צײַטונג, 1956.

ציוניסטישע שטימע, 1956.

# ק. בענעק און זײַנע ייִדן

ק. בענעק: די ייִדן פֿון נעכטן (דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן, עסייען און בילדער). תשמ״ג—פּאַריז—1983. הילע און פּאָרטרעט, געצייכנט אין יאָר 1957 — פֿון מאַנע קאַץ. 243 זז׳.

## א

ק. בענעק איז דער פּסעוודאָנים פֿון אַ ייִדישן שרײַבער (אָריגינעלער נאָמען: בונעם קאַץ), וואָס איז דורך זײַנע ביכער געוואָרן אידענטיש מיט פּאַריז. די ייִדישע פּאַריז, וואָס איז געוואָרן זײַן אימיגראַנטישע היים אין די אָנהייב 30קער יאָרן, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם כּמעט איינציקן אָביעקט פֿון זײַנע טעמעס. ווי שווער די שטאָט איז ניט געפֿאַלן אויף די יונגע פּלייצעס פֿון פּויליש־ייִדישן אײַנוואַנדערער בענעק, איז זי אים אָבער אַ פּנים שטאַרק געפֿעלן און איז אים אַרײַן אין די ביינער. אין אַן אַנדער פֿאָלקישן אידיאָם לאָזט זיך עס זאָגן: ס׳איז געווען אַ ליבע אויפֿן ערשטן קוק — און פּאַריז איז געוואָרן זײַן שטאָט, און אירע ייִדן — זײַנע. מ׳דאַרף ווײַט און לאַנג ניט זוכן די לעגיטימע באַשטעטיקונג פֿאַרן פּאָרל בענעק־פּאַריז: שוין די טיטלען אויף די טאָוולען פֿון צוויי ביכער זײַנע זענען אויסגעצירט מיטן נאָמען פֿון דער שטאָט.

זײַן ערשטן בוך, 1938, האָט ער געקרוינט מיטן סימבאָליש־ליכטיקן קאָפּ פּאַריזער אַבאַזשורן. דאָס האָט ער שוין גלײַך בײַ זײַן אָנקום, ניט געקוקט אויפֿן געמאַטערטן לעבן, געפּרוּווט זען די שטאָט אין אַ סימפּאַטישער שײַן. איר פֿרײַהייט, גלײַכהייט און בונטאַרישער שטאָלץ האָבן אַוודאי אַפּעלירט צום געמיט פֿון יונגן בחור, וואָס איז אַהער פֿאַרוואָגלט געוואָרן פֿון דער ייִדן־דיסקרימינירנדיקער פּוילן. לאָזט ער טאַקע די שטאָט, עד־היום, ניט פֿאַרשווינדן פֿון זײַן האָריזאָנט. און אַזוי שפּעט ווי 1983 סדרט ער אײַן די שוין געדרוקטע זאַכן צווישן טאָוולען, כּדי צו זען עס אין פּערספּעקטיוו.

צווישן ערשטן און לעצט־דערשינענעם בוך איז אַרויס אַ צווייטער, אונטער די פּאַריזער הימלען (1957), און אַ דריטער — די ברוינע מעת־לעתן (1972). די ערשטע ביכער דערציילן וועגן די פּרוּוון זיך צו פֿאַרוואָרצלען אין נײַעם לאַנד, ס׳דריטע בוך, וואָס זײַן אונטערקעפּל, אין קלאַמערן, איז „ראָמאַן פֿון די מלחמה־יאָרן״, דערציילט ווי די גזלנישע ברוינע לאַפּעס האָבן דעם יונגן ייִשובֿ אויסגעוואָרצלט. איז עס, דערציילעריש, פֿיל־פֿיל מער ווי בלויז אַ „טרו־

קענער״ ראָמאַן, ווײַל די טראַגישע ליטעראַרישע כראָניק פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע און דעם אומברענג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג שטעלט אַוועק די ליבע צווישן די יונגע מענטשן, אַפֿילו ווען זי וואָלט דערגרייכט אַ קלימאַקס, אין שוואַרצן שאָטן פֿון חורבן. ס׳איז די בלוטיקע מגילה פֿון לײַדן און מאַרטירערשאַפֿט, און אויך, טיילווײַז, פֿון פֿיזישן אומקום, פֿון גײַסטיקן און פּראַקטישן רעזיסטאַנץ פֿון פֿאַריזער ייִדישן קיבוץ. און דער שרײַבער איז אויך דער עדות.

ווילן מיר דאָ אויך פֿאַרנאָטירן, אַז אין 1977 האָט ק. בענעק אַרויסגעגעבן אַ בוך ישׂראל אונדזער לאַנד (276 זז׳). דאָרטן זענען געדרוקט זײַנע ערשטע אײַנדרוקן פֿו לאַנד, פֿריש־אויפֿגעכאַפּטע בילדער און שילדערונגען פֿון לויפֿנדיקן לעבן. און אַלץ מיט אַנאַדער, אַרײַנגענומען די „דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן״, ווי דאָס אונטערקעפּל צום בוך זאָגט, איז עס ניט מער ווי אַ געפּלעכט פֿון צײַט־געשעענישן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן אין לאַנד ישׂראל. דאָס זענען באַזוכן פֿון ערטער, בילדער, פּערזענלעכע בענקענישן, מיינונגען און שטימונגען, וואָס אַפּעלירן צו אַ ברייטן קרײַז פֿון לייענער פֿון אַזאַ פּרעסע ווי מיר האָבן זי געהאַט אין די קאָמפּאַקטע ייִדישע ישובֿים פֿון פֿאַר דער 2טער וועלט־מלחמה. און דאָס איז געמיינט צום שבֿח פֿון שרײַבער ק. בענעק און זײַנע ייִדן — האָבן דאָך די קלאַסיקער אויך געשריבן פֿאַרן מאַסן־לייענער.

## ב

די ייִדן פֿון נעכטן זענען די ייִדן, וואָס ק. בענעק האָט גוט און פֿון דער נאָענט געקענט. ער געדענקט די מענטשן און זאַכן מיט אַלע פּיטשעווקעס. דערפֿאַר איז די אַטמאָספֿער אין אַלע זײַנע באַשרײַבונגען אַ וואַרעם־ייִדישע, אַפֿילו אַ גוטמוטיק־היימישע. דער צוזאַמענקלײַב פֿון די פֿאַרשיידענע מאַטעריאַלן פֿון אַ לײַכטערן זשאַנער, איז גאָר אינטערעסאַנט, צו מאָל מיט פֿאַרכאַפּנדיקע בילדער. פֿאַראַן אויך די גייטיקע דאַזעס הומאָר, גראָטעסק, שטימונג. אַ שאָד נאָר וואָס די זאַכן, באַזונדער, זענען ס׳רובֿ פֿראַגמענטירט, צעשפּליטערט. דער לייענער האָט טאַקע פֿאַר זיך אַ שלל מאַטעריאַל, אין פֿאַרשיידענע נוסחאות, אָבער דער מחבר האָט ניט רעסטאַווירט אַ פֿולע דראַמע. ער הויפּט אָן אין זכרון פֿון לייענער אַ סך איינציקע בילדער און עפּיזאָדן, אָבער ניט דאָס גרויסע בילד, די עפּאָפּעע פֿון זײַנע ייִדן. דער עפּאָס האָט געדאַרפֿט אויסגעבויט ווערן פֿון די פּליסיקע בילדער פֿלוס וויזיע, אין אַ פֿעסט־סאָלידע שלמות, און דאָס איז ניטאָ. די צרה איז וואָס מיר האָבן עס נאָך ניט אַפֿילו אין דער יונגער העברעיִשער ליטעראַטור. און ביידע — די ייִדישע און העברעיִשע פּראָזע — וואַרטן נאָך אויף זייער גרויסמײַסטער.

אויסלאָזנדיק פֿון אויג די גרויסע מאַסיווע גאַנצקייט, איז אָבער יעדער איינס פֿון בענעקס אַרבעטן — אויך די סקיצירטע — אַ גאַנצקייט פֿאַר זיך. פֿון די 50 יאָר שאַפֿערישקייט בויט ער צוזאַמען דעם מאַנטאַזש פֿון אַמאָליקן

ייִדישן לעבן אין פּאַריז. אַזוי אַרום איז עס אַ מין קינסטלערישע מאָזאַיִק, וואָס פֿאַרמאָגט אַן אייגענע רעפֿלעקטיווע פֿאַרביקייט.

ק. בענעק מאָלט זײַנע ייִדן מיט ראַיעלע היים־פֿאַרבן, אין פֿראַנצויזישן קאָלאָריט. ס׳איז דער שטעמפּל פֿון פּאַריז, אָבער אויך פֿון אַלע אַנדערע אימי־גראַנטישע תּפֿוצות, ווי דאָס איז ריכטיק דעפֿינירט אויף זײַט 7: „אין אונדזער ייִדישן ישובֿ פֿון פֿראַנקרײַך — האָט אַרויסגעשפּראָצט און אויסגעוואָקסן אַ באַדײַטנדיקער אָפּצווײַג פֿון ייִדישער קולטור־שאַפֿונג, מיט אַ ספּעציעל־אינטע־רעסאַנטן ייִדיש־פֿראַנצייזישן קאָלאָריט". לדעתי, איז עס דער גרונטקאָליר פֿון דער ייִדישער היים. און דעם פֿול־זאַפֿטיקן קאָליר און דעם ייִדישן טעם זעען מיר און פֿילן אין בענעקס מאָלונגען. עס טרעפֿט טאָקע אויך, אַז ווען דער מחבר שמירט אַן זײַנע פֿאַרשווינענע מיטן פֿראַנצייזישן גרים־קאָלאָריט ווערן טייל פֿון זיי לעכערלעך, אַנדערע אַפֿילו אומנאַטירלעך און טראַגי־קאָמיש, אין זייער ווילן צו קאָפּירן די פֿראַנצייזישע קולטור און מאַנירן. אָבער בענעק טוט עס מיט שרײַ־בערישן חסד, ניט מיט שטעכיקן חוזק.

ק. בענעק האָט צעביטן זײַנע היימישע נאַלעוווקעס אויפֿן „פּלעצל", אָבער דאָס זענען די זעלבע בילדער, מיט פֿראַנצייזישער באַפֿאַרבונג: די פּנימער, די בערד, די קולות, דער הילוך, די פֿאַנטאָמימישע זשעסטיקולאַציע, ווײַל „כּמעט אַלע ייִדן צוזאַמען מיט זייערע בערד — זײַנען דורך טויזנטער נסים געראַ־טעוועט געוואָרן פֿון נאַצישן גיהנום". די מאַסן־סצענעס זענען לעבעדיק, די פּנימער — קלאָר, די שמועסן — שרײַיִק — דאָס איז די אויבנאויפֿיקע ייִדישע פּאַריז. אָבער בענעק הערט אויך דאָס יוירן פֿון ייִדישן צער, פֿון הינטערן פּאַסאַד פֿון וווילטאָג און דאַטשעס און האָטעלן, הערט מען דעם ייִדישן קרעכץ. ס׳איז אויך פֿאַראַן אַ קלימאַט פֿון ראָמאַנטיזם, בענקשאַפֿט און ליבע. זיי בלײַבן אײַנ־געקלעמט אין יונגן האַרצן. דאָס לעבן ווערט געאָטעמט מיט ייִדישע לונגען, און ס׳לעבט אויף דער עכאָ פֿון היים און שטעטל, מיט אַלע זייערע אַטריבוטן.

פֿאַר דעם בוך, וווּ עס דאָמינירט דער נ ע כ ט ן, איז גאָר כאַראַקטעריסטיש די צייכענונג פֿון מאַנע קאַץ, וואָס איז גענומען פֿון שער־בלאַט פֿון אונטער די פּאַריזער הימלען און אַריבערגעטראָגן אויפֿן טאָוול פֿון די ייִדן פֿון נעכטן. דאָס מיינט אַז ביידע בּיכער און זייערע טעמעס זענען אוניקאַל. די צייכענונג: דער מנחם־מענדלשער צעפּלויגענער אימיגראַנט קוקט אויפֿן אייפֿל־טורעם. אין דער ייִדישער טאָרבע, וואָס הענגט אויף זײַנע פּלייצעס, זענען נאָך אײַנגעפּאַקט די ביטערע און האַרטע קרישקעס פֿון אָרעמען וואָגלבּרויט, וואָס קומט אָן מיט גאַל. די קרישקעס פֿון אימיגראַנטס טאָרבע האָט עס בענעק אויסגעפּאַקט און געמאַכט פֿון זיי ליטעראַרישע געריכטן. אַזוי אַרום, און אַ דאַנק דעם מחברס געבונדנקייט מיט זײַן טעמע, בלײַבן די ייִדן פֿון נעכטן אַן אינטעגראַלער באַ־שטייטייל פֿון דער פּאַריזער מיליע.

פֿון כּתבֿ־יד, 1983.

# ירחמיאל בריקס — ליטעראַרישער כראָניקער פון לאָדזשער געטאָ

ירחמיאל בריקס: די פאַפּירענע קרוין — נאָוועלע. צווייטער טייל דער „קייסער" אין געטאָ. מיט אַ הקדמה פון פּראָפ׳ נחמן בלומענטאַל. מײַן קרעדאָ: עסיי. אַרויסגעגעבן פון „ירחמיאל בריקס בוך קאָמיטעט", ניו־יאָרק, נ. י. ניו־יאָרק 1969, תּל־אָבֿיבֿ. 199 זז׳.

## א

ירחמיאל בריקס האָט זיך מיט זײַן גאַנצן ליטעראַרישן טאַלאַנט פאַרלייגט אויף לאָדזשער געטאָ, פונקט קאַפּויער — ווײַל לאָדזשער געטאָ האַלט אים נאָך אַלץ געפאַנגען אין איר נעכטיקן קלעם. ער לעבט נאָך אַלץ מיט זײַנע ייִדן אין געטאָצוים, אויף יענע גאַסן און אין יענע הײַזער, וווּ ערשט נעכטן איז געווען זײַן צום אומקום פאַרמישפּטע היים. ער רעסטאַווורירט זי ווידער, מיט אַ גוואַלדיק עלעמענטאַר־קינסטלערישן ווילן. ער מאַכט זי ווידער לעבעדיק מיטן דערציילערישן כּוח פון פּשוטער שילדערונג.

עס איז די טראַגישע עפּאָפּעע פון העלדן, וואָס אָטעמען מיט טויט קעגן טויט. בריקס איז דאָס עכטע קינד פון זײַן לאָדזשער געטאָפאָלק, וואָס ווייס זייער בטחון און זייער דראַנג צום לעבן. ער קען דורך און דורך יעדעם ייִד, איז דורכגעדרונגען מיט זײַן ווייטיק און מיט זײַן האָפענונג. פילן מיר טאַקע ווי ער אָטעמט מיט די צאַפּלעניש פון זייערע הונגעריקע פאַראַליזירטע גופים. ער איז בבֿחינת אַ פאָרשער, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דעם געטאָ־פונקט לאָדזש — עלעהיי ער זעט אונטערן מיקראָסקאָפּ דאָס לעבן און טויט פון איין בעל־חי, וואָס אַנטפּלעקט זיך ווי די געשיכטע פון פאַרשיידן־מיניקע בעלי־חיים, פון איין משפּחה. און ער ווייס, בריקס, דעם כּוח פון דעם איינס, וואָס אַנטהאַלט דעם דראַמאַטישן סובסטאַנץ פון גאַנצן חורבן. און אַזוי ווי דער געטאָ־איינס, אַזוי אויך דער ייִד־איינס — זיי ווערן דער סימבאָל. די יחידים „סימבאָליזירן די גאַנצע מאַסע — די מיליאָנען אומגעבראַכטע" — אַזוי פאָרמולירט עס דער מחבר אין זײַן עסיי, „מײַן קרעדאָ", צום סוף פון בוך.

ג ע ט א ָ ל א ָ ד ז ש איז אַזוי אַרום געוואָרן — זיך באַנוצנדיק מיטן טיטל פון בוך, אין פּונקט להיפּוכדיקן סופּערלאַטיוו — די ליטעראַרישע קרוין פון ירחמיאל בריקס. ער בויט צוזאַמען די חורבן־טעג פון זײַן שטאָט צו אַ קינסט־לעריש־סאָלידער גאַנצקייט. און עס איז ניט נאָר דאָס פּאַראייביקן יענע ייִדן אויף בוכבלעטער, נאָר דאָס וואַרפן ליכט־און־שאָטן אויף אַן אַנטמענטשטער תקופה, ווי זי האָט רעפלעקטירט אין לעבן, קאַמף און טויט פון די פּאַרמישפּטע. ווי אַ גורל־געבונדענער מיט יענעם פּאַראומגליקטן דור, ברענגט ער זײַנע לעצ־טע לעבנס־צאַפּלעניש, זײַנע לעצטע גסיסה־אַנגסטן, זײַן הימל שרײַענדיקן אומקום, צו דער וועלט.

בריקס וואַרגט פון זיך אַרויס דאָס געשריי פון אימה און גרויל אין געטאָ. זײַנע פּערסאָנאַזשן, זײַנע העלדן, זײַנע כאַראַקטערן טראָגן ניט נאָר דעם שטעמפּל פון פינצטערער טראַגישקייט, נאָר שפּריצן מיט פאַרקראַמפּטן גע־לעכטער, דעם אַזוי גערופענעם ביטערן גאַלגן־הומאָר, געמישט מיט ייִדישן בטחון. אין אַ משוגע־געוואָרענער „יענער וועלט״ שטייט אַ ייִדישער שרײַ־בער און דורך זײַנע מאַרך־און־ביינער שטראָמען רעטראָספּעקטיוו די בילדער פון לאָדזשער געטאָ און לייגן זיך אויס אין שורות. די אַלע בילדער, געשעע־נישן, עמאָציעס, געשטאַלטן און מענטשן, וואָס ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זײַן געמיט, גיט ער אונדז איצט צוריק. אויבנאויפיק זעט עס אויס פּשוט, פּראָג־מענטאַריש און ערטערווײַז אַפילו פאָטאָגראַפיש, נאָר אין דער אינעווייניקסטער סטרוקטור איז פאַראַן דער עלעמענט פון גערדאַנקלעך־קינסטלערישער גאַנצקייט.

איז עס פיל מער ווי די טעכנישע פונקציע פון געדענקען און צוריקגעבן — עס איז דאָס ווידער באַשאַפן די אָריגינעלע ערשטיק־ציטעריקע איבערלע־בונג און זי איבערשמעלצן אין ליטעראַרישן שטאָף. בריקס׳ ווערק זענען אייגנטלעך כראָניקעס — באַאַרבעט קינסטלעריש און אויסגעפורעמט דערציי־לעריש — וואָס אין זיי איז פאַראַן עכטקייט און גלייבהאַפטיקייט, ווי ער וואָלט דערהערט פון אייגענער טיפקייט דאָס קול פון געטאָ. ער אַליין באַשטעטיקט עס אויף זיך: „בלושטיין האָט געהאַלטן פון פּשוטער כראָניק וועגן געטאָ״. (ז׳ 108).

אין די 5 אייגנסן פון זײַנע ווערק, אויף ייִדיש, איז אַלס 1 באַטירט: „יונג־גרין־מאַי״, לירישע לידער, לאָדזש, פּוילן, יוני, 1939. די דאָזיקע שורה דער־ציילט אונדז, אַז בריקס איז ניט אַרויסגעשפּרונגען, ווי אַ פּענמענטש, פון העָ־לער הויט, נאָר זײַן טאַלאַנט האָט שוין אַ שפּראָץ געטאָן ערבֿ חורבן מיט אַזאַ דרײַיִקער סימבאָלישער אַנזאָגערישקייט: אי יונג, אי גרין און אי מאַי! אַזאַ צאַרטע דרײַ־אייניקייט אין דער פּראָלעטאַרישער לאָדזש, ערבֿ נאַצי־חושך, האָט געשמעקט מיט נאַיִווקייט, מיט יונגן גלויבן און האָפענונג. און ווײַל די דרײַ אַטריבוטן זענען צעטראַמפּלט געוואָרן אונטער די בלוטיקע שטיוול פון די דײַטשן, איז זייער קידוש־השם געבליבן ווי דער טרויעריקער פאַרליר פון אייגנס, וואָס וועט מער ניט צוריקקומען, און אויך ווי אַ קאָמפּענסאַציע.

ב

די דרײַ ווערטער, ווי דער טיטל פון זײַן ערשטן ביכל, פירן אונדז צו דער אינטערעסאַנטער קאַנטשאַפט מיט זײַן „ליטעראַרישן דופּליקאַט" שמחה בלו־שטיין, וואָס איז „אַרײַנגעשיקט געוואָרן אַלס פּאָרטיער" אין „רעסאָרט (פֿאַבריק) פון כעמישע אָפּפֿאַל־פערוווערטונג". דאָ הייבט זיך אָן די טרויעריקע געשיכטע פון די יידן אין און אַרום דעם רעסאָרט, און — אין אָנזעעוודיקער פּראָפּאָר־ציע — וועגן לעבן אין געטאָ בכלל, ווי עס זעט שמחה בלושטיין־בריקס. דער אויטאָ־ביאָגראַפישער מאָמענט דאָמינירט, ער פירט צו די געשעעענישן און צו די מענטשן אין געטאָ. דאָס זענען אומנאָרמאַלע לעבן־פּאַסירונגען אין אַן אויסערגעוויינלעכער סביבה, בנוסח זעלבסטפּאָרטרעט. די „טרוקענע פֿאַקטן", וואָס ווערן דערציילט כמעט ניט קאָמענטירנדיק זיי, ווירקן ערלעך און באַ־גלייבט. אָט דערציילט ער: „בלושטיין האָט שוין אַ לאַנגע צײַט געשריבן לי־דער: וועגן ליבע, וועגן דער נאַטור, וועגן זון־אונטערגאַנג און וועגן שײנע נעכט. ער האָט געקוקט מיט עקל אויף די, וואָס האָבן פאַרקויפט זייערע פּע־דערס פאַר רומקאָווסקיס מלוכה". און דעמאָלט, אין געטאָ, האָט בלושטיין זיך געטראַכט: „איך פיר אויס אַ שליחות", מיטן „אַרויסברענגען דעם אמת, ווי מיאוס און ביטער ער זאָל נישט זײַן". אַוודאי שטערט אַ מאָל דאָס בולטע, כמעט פּראָמינענטע אַרויסרוקן אין פראָנט דעם שרײַבער בלושטיין, אין קאָנ־פראָנטאַציע מיט אַנדערע, ווי, למשל, דער „פּאָעט" (די געגנדזן־פּיסלעך אין בוך), „וואָסערדיקער". מיטן דערציילן אַזעלכע פאַקטן, פאַרלירט זיך דער מאָראַלישער ווערט: באַשיידנקייט. ניט ווילנדיק דערמאָנט עס אָן דעם „פּאַבליק־רעליי־שנס"־אַגענט (אויך אין ליטעראַטור), אויף וואָס בריקס זעט אויס צו זײַן פּעיִק און אַמביציעז. אַוודאי איז עס הײַנטיקע צײַטן גוט פאַר אַן אַמעריקאַנער שרײַבער, אָבער ס'איז אין פולער סתירה צו אַ געטאָ־טעמע.

דער פּשוטער געטאָ־ייִד האָט געוווסט פון אָרגאַניזירן — אויף אייגענער ריזיקע פאַרזאָרגן דורך אַלע סכנה־וועגן — אַ מאָלצײַט, אַ מלבוש, אַ שטיקל ברויט. איינער וואָס האָט געקענט בעסער אָרגאַניזירן, האָט געהאַט מער שאַנסן אויסצוהאַלטן אין יענע באַדינגונגען. און יעדער מאָל, בײַם עפענען אַ נײַ בוך פון בריקסן, קומט מיר די אַסאָציאַציע פון יענעם אָרגאַניזירן. בריקס' אַ בוך האָט תמיד — אַרײַנגעדרוקט אָדער בײַגעלייגט — אַ פולע דאַטאַ־זאַמ־לונג וועגן — בריקסן: קלענערע און גרעסערע פאָטאָ־קאָפּיעס פון פּרעסע־אויסשניטן (מיטן בילד פון מחבר); אָפּרופן פון קריטיקערס און שרײַבערס; אַ פאָטאָסטאַט פון אַ בריוו פון עלענאָר רוזוועלט א"אַ שאָר ירקות, וואָס זענען געמאַכט לויט די נײַסטע מעטאָדן פון רעקלאַמע, אָבער זענען בפירוש פּוגם דעם גוטן טעם פון אַזעלכע טראַגישע ווערק. מסתמא קען מען אָנווײַזן אויך אויף אַנדערע, וואָס טוען עס אין דעם אופן, אָבער עס וווּנדערט אונדז אויף בריקסן, וואָס דער טאָן פון זײַנע מאָראַלישע פּרעטענזיעס צו די אַנדערע איז אַרויספאָדערנדיק (זײַן קרעדאָ־עסיי).

דאָס האָט אָבער לחלוטין ניט צו טאָן מיט אַרויסברענגען דעם אמת, ווי ס׳האָבן „געטאָן אַלע ערלעכע און ממילא אמתע שרײַבער אין זייער צײַט״. אין דעם זינען איז עס אַן אמת בוך, און דורך דעם פֿאַקטישן בײַזײַן פֿון מחבר ווערט עס אַ באַגלייביקטער היסטאָרישער דאָקומענט. און אין דער חורבן־ליטעראַטור איז עס איינע פֿון די וויכטיקסטע מאָדערנע כראָניקעס. די שטאַרקייט פֿון ווערק איז, וואָס עס ווײַזט דאָס נאַקעטע לעבן אין זײַן טאָג־טעגלעכקייט, אָן סענסאַציע, אָן געשריי און אַפֿילו כמעט אָן טויטן. ס׳איז דאָרטן פֿאַראַן מער דער נאַטירלעכער צאַפּלדיקער ווילן צום לעבן — און די גרויסקייט איז אין רגע לעבן, אין רגע עקסיסטענץ, אין דער טרויעריקער רגע שטילקייט אין געטאָ. די עמאָציעס זענען געצוימט, מליצה־ווערטער זענען כמעט ניטאָ, און פֿאַרשווונדן זענען אַלע „באַרימטע״ אויסרוף־צייכנס.

די בילדער וויקלען זיך שנעל, קאָנצענטרירט. דער סטיל — קאָנדענסירט, אין פֿאָלקסטימלעך לײַכטן טאָן, וואָס נייטיקט זיך ניט אין פּירושים. די נאַטור־שילדערונגען זענען אין קאַרגע שורות, נאָר אויף וויפֿיל זיי קענען שאַרפֿער רעפֿלעקטירן די שטימונגען פֿון די געטאָ־אײַנוווינער. אין קאַפּיטל „קינסטלער אין געטאָ״, פֿירט אונדז דער מחבר צו אַ גרופּע מוזיקער, אַ מין קיבוץ פֿון אויסדערוויילטע, וואָס באַאַרבעטן אַ גאָרטן. ווי אַ שנײַדיקן קאָנטראַסט צום אָרום, צום הונגער און טויט, גיט בריקס די נאַטור: „פֿון דער מיט לויטער בלויען הימל האָט די זון רחבֿותדיק געשײַנט, דיביימער און געוויקסן זײַנען געשטאַנען אין פֿולער בליאונג, אינסעקטן האָבן געזיזעט, פֿאַרשיידענע זומער־פֿייגעלעך האָבן געפֿלאַטערט, וואָראַביטשיקלעך און שוואַלבן האָבן געזונגען פֿון דער הנאה פֿון דער וועלט״. אָט דער דיסאָנאַנס איז ווי קינאה צום לעבן. אַזוי פֿאַרפֿלעכט בריקס אין פֿאַקטואַלן מאַטעריאַל דעם קינסטלערישן עלעמענט פֿון שילדערונג, הגם זייער זעלטן.

בלושטיין־בריקס, נאָכן איבערלייענען אויף אַ באַנקעט אין געטאָ זײַן פּאָעמע „בעטריב 7״, איז אַליין ניט צופֿרידן (דאָס איז די מאָס פֿון אמתע שאַפֿערס), טראָגט ער זיך אַרום מיט זײַן מאַנוסקריפּט איבער די הײַזער, און פֿאַלט אַרײַן צו באַקאַנטע, כּדי צו כאַפּן אַ וואָרט פֿון דערמונטערונג.

אַוודאי קען מען שאַפֿן מער ראַפֿינירטע ליטעראַטור פֿון אומקום און מאָלן די נאַטור אין שענערע בילדער, ווי דער אויבן געבראַכטער ציטאַט, — און עס זענען פֿאַראַן גענוג ליטעראַרישע בעלי־כּוח וואָס טוען עס, — אָבער בריקס האָט אַרויפֿגעשטעמפּלט דעם סטאַנדאַרט פֿון פּשוטן זשאַנער. ס׳וועט אַוודאי ניט אויסהאַלטן אַ שטרענג־וויסנשאַפֿטלעכע אַנאַלאָגיע מיטן תּנך, ווי דער מחבר פּרעטענדירט, אָבער ס׳איז גענוג אַז די כראָניקאַלע פּשוטקייט רעדט פֿאַר זיך — ווײַל די בעסטע כראָניק קומט נאָך אַלץ ניט צום תּנך.

די חומש־מאָס קען מען דאָ ניט אָנווענדן, הגם בלושטיין נעמט אַרויס פֿון רוקזאַק דעם תּנך (מיט יהואָשעס איבערזעצונג) און לייענט פּסוקים פֿון איכה. עס קומט בכלל פֿאַר אומנאַטירלעך, ווען די קאַפּיטלען ווערן „געמאַכטע״ לי־

טעראַטור. רומקאָווסקיס אינערלעכע איבערלעבונגען, דאָס צאַפּל פון זײַן געװיסן און אַלע זײַנע קרבנות וואָס דראָען אים: „מערדער! פאַרוואָס האָסטו אונדז געשיקט צום טויט?“ דאָס איז אַ ליטעראַרישער סיוזשעט, וואָס אין קאָנטעקסט פון דער נאָוועלע איז עס שטימונגספול און ווירקט שטאַרק, אָבער ס'איז ווײַט נישט דער נוסח התנך; אַפילו ניט זײַן אופן פון כראָניק. אַזוי האָט, לויט בריקסן, געדאַרפט פילן דער „קייסער“ פון לאָדזשער געטאָ, בעת אַ צעשטערעמטן חשבון־הנפש בײַ דער ליקווידאַציע פון זײַן "ווערק". זיכער איז אין דעם פאַראַן אַ ליטעראַרישער אמת, אָבער דאָ פעלט אי תנך, אי ס'איז ניט גענוג איבערצײַגנדיק זײַן תשובֿה טאָן.

ג

חוץ די יחידישע ווינקעלעך האָט בריקס אויך באַלויכטן די געזעלשאַפטלעך־קאָרומפּירטע און מאָראַליש־פאַרפוילטע אָרדענונג, וואָס דער „קייסער“ רומקאָווסקי האָט אויפגעשטעלט אין „זײַן“ געטאָ, לויטן שטייגער פון „פירער“. דער הונגער וואַקסט, דער מלאך־המוות שנײַדט אויף רעכטס און לינקס, אָבער די „קעראָוניקעס“, זייערע משפחות און געליבטע לאָזן זיך ווילגיין אויפן חשבון פון די הונגעריקע מאַסן. „פליציעס“ (פּראָטעקציע) איז דער איינציקער רעצעפּט פאַר אַ וואַסערדיקן זופּ. די אַמאָליקע פאַרטייען זענען געוואָרן די בעלי־בתּים איבערן לעבן און טויט פון די אומגליקלעכע ייִדן. אין די הענט פון די פאַרטיי־באַסעס ליגט דער גורל פון די מענטשן. מיט „קלאַפּסידרעס“ (קאַנדידאַטן אויף טויט) איז פול יעדע גאַס און יעדע הויז. די „קעראָוניקעס“ שטעלן צוזאַמען (יעדער אין זײַן „בעטריב“) די ליסטעס פון זייערע אַרבעטער, וואָס דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן צום טויט. אַ סך ווייסן שוין, כאָטש מ'וויל נאָך אַלץ ניט גלייבן, אַז די צוגן גייען קיין אוישוויץ. רומקאָווסקי פאַרנאַרט „זײַנע“ קרבנות „מיט אַ לעבל ברויט, ווי הונגעריקע חיהלעך“. מ'גייט אַפילו צום טויט, צוליב איין מאָל זיך אָנעסן, איידער צו שטאַרבן פון הונגער.

בריקס גיט פאַרשיידענע טיפּן פון קעראָוניקעס. אַפילו די מיט די גאָר האַרטע הערצער ברעכן אַ מאָל אויך צוזאַמען, אַ סטרונע פון רחמנות גיט זיך אַ צאַפּל, אָבער דער „איך וויל נאָך לעבן“ איז שטאַרקער ווי די רגע שוואַכקייט. דאָס ווייסן אַז איך קען גיין צום טויט, איז שטאַרקער ווי דאָס געוויסן בײַם שיקן יענעם. ער גיט אָפּ אַ סך בלעטער פון בוך פאַר די אויסזידלונגען, וואָס די ייִדישע פּאָליציי מיט די אַנדערע באַאַמטע, אויפן באַפעל פון די דײַטשן, פירן דורך. ביז עס קומט צו דער גרויסער לעצט־סופיקער אויסזידלונג־אַקציע, וואָס איז „געלעגן אין די הענט פון דעם 'צווישן־רעסאָרט־קאָמיסיע', ווו אין דער שפּיץ איז געשטאַנען דער אַקטיווער הויפּט־עסקן פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי“.

פריער בלושטיין, נאָך דעם זײַן ווײַב, ווערן אַרויסגעשיקט אויף אַ ליסטע. אין זײַן פאַרצווייפלונג (נאָמען פון קאַפּיטל) לויפט ער צו די פּאַרטיי־טוער. דער

„פירער פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, די קאָמוניסטן“, דער „רויטער“ כיל, פרעגט אים: „פאַרוואָס זאָלן מיר אײַך העלפן? איר האָט עפּעס געטאָן פאַר אונדז?“ און בלושטיין ענטפערט: „איך האָב מיר גאַנצע טעג אײַנגעשטעלט מײַן לעבן בײַ מיר אין רעסאָרט צו העלפן די אַרבעטער“. און כיל זאָגט מיט אַן איראָניש שמייכעלע: „איך פרעג אײַך דען, וואָס איר האָט געטאָן פאַר די אַרבעטער? איך פרעג אײַך, וואָס איר האָט געטאָן פאַר אונדז! פאַר דער פּאַרטיי?“

איז עס געוויס אַ שטראַלנדיקע גבֿורה, אַז אין דעם געווימל פון ווערעמדיקן עגאָיזם, געפינען זיך אײַן אַ פּאָר אמתע אידעאַליסטן, וואָס זענען זיך מוסר־נפש. זייער „גבֿורה און קדושה“ (נאָמען פון קאַפּיטל) דערציילט בריקס: דער אַמט־לייטער האַנס ביבאָוו, דער תּליון און ליקווידאַטאָר פון לאָדזשער געטאָ, מעלדעט, אַז „אַלע יודן זענען העפלעך געבעטן צו קומען“ צו זײַנער אַ רעדע. צו ערשט האָט ער דערציילט, אַז „די רוסן דערנענטערן זיך“ (וואָס די יידן האָבן שוין במילא געוווסט), „דעריבער מוזן מיר ווײַטער האָבן אײַערע הענט, מיר זאָלן ווײַטער קענען פירן קריג“. און ער זאָגט צו, אַז „איך טראָג איבער די רעסאָרטן“, זאָל זיך דעריבער יעדער אײַנפּאַקן און מיטפאָרן, זיך צושטעלן פּינקטלעך צו די טראַנספּאָרטן, אאַ״וו בנוסח יענע טעג. מ׳האָט אָנגעהויבן טיילן קאַרטאָפל און פלייש אָן קאַרטן. „חבֿר זיידע, די חבֿרטע רעגינע און בלושטיין האָבן געשאַפן די מיליץ, וואָס האָט צוזאַמען געהיט די רייען בײַ די פלייש קאָאָפּעראַטיוון — ווײַל אַרײַנגעקראָגן אינעווייניק האָבן זיך נאָר די שטאַרקע און אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט ׳פּלייצעס׳“. זיי „האָבן דאָ געהיט עס זאָל צוגיין ערלעך“. זיי „האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן: קיינער זאָל זיך פרײַוויליק ניט צושטעלן“.

רומקאָווסקי פאָרט אַרום אויף זײַן דראָשקע און ווו נאָר ער זעט אַ גרופּע יידן רעדט ער צו זיי וועגן זיך צושטעלן צום טראַנספּאָרט. חבֿר זיידע רײַסט אים איבער מיט אַ ניט קורצער רעדע, אַפילו מיט אַ פּסוק ישעיה הנבֿיא. רומקאָווסקי כּעסט זיך: „לאָבוזעס! כוליגאַנעס! איר בונטעוועט מײַנע יודן!“ און די חבֿרטע רעגינע שרײַט אויפגערעגט: „דו מערזאַוויעץ! דו שקרניק!“ די געשטאַפּאָ באַפעלט „רומקאָווסקי זאָל זיי צושטעלן די צוויי בונטאָווששיקעס — שפּעט בײַנאַכט איז דער יידישער פּאָליציי, נאָך גרויסע שוועריקייטן, זיי געלונגען צו כאַפּן — די געשטאַפּאָ האָט זיי אַכזריותדיק געפּײַניקט“. אויפן תּפיסה־הויף „איז פאַר זיי ספּעציעל אויפגעבויט געוואָרן אַ בשותּפותדיקע נײַע תּליה“.

חוץ די צוויי העלדן, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער שטים קעגן רומקאָווסקיס רעזשים, איז אין בוך ניטאָ קיין איינציקער עפּיזאָד פון יחידישן צי אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד. דאָ, פאַרשטייט זיך, גילט דער אַלטער און ריכטיקער מאָטיוו, אַז אַלץ אין געטאָ איז געווען רעוואָלט, דער פּאַסיווער רעוואָלט פון געשמידטע קנעכט. בריקס חזרט עס אויך איבער ווי אַ רעכטפאַרטיקונג.

צום סוף קומט דאָס קאַפּיטל „בײַ די באַן־רעלסן אין אוישוויץ“. איז גראָד

די בלעטער, וואָס האָבן געדאַרפט זײַן אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטיש־דערציילערישער כראָניק, זענען בײַ בריקסן אין גרעסטן טייל „אויסגעפילט” מיט אַ מאָדנעם היסטאָריאָזאָפישן דיאַלאָג צווישן שרײַבער בלושטיין און — דעם אונטערוועלט־יונג פרויטשע בוצאָק, וועלכער האָט „מיטגעאַרבעט מיט דער געשטאַפּאָ”. און אַז ער ווערטביידן, אי דעם דײַטש האַנס ביבאָוו, אי דעם „קייסער” פון געטאָ, „אַ ביין אין האַלדז”, שיקט מען אים אַרויס צום טויט. אָבער אויך אויסוויק האָט אים ניט אײַנגעשלונגען. איצט, בײַ די באַן־רעלסן, קומט ער מיט די טרויעריק־באַרימטע „קאַנאַדער” און זוכט רומקאָווסקין. ער איז זיך נוקם אין אים מיט אַ פול פּיסק אונטערוועלטישן זשאַרגאָן, מיט שלאָגן און טרעטן אים „מיט זײַנע געקאָוועטע שטיוול”. און נאָך — ווי אַ כּמו צופאַל — פאַרבינדט ער גאָר אַ לאַנגן שמועס מיט בלושטיינען, און דער פרויטשע הערט אויס אַן איבערגעלאָדענע פאַרציע מעדיטאַציעס, ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען אין קלויז, היבטערן אויוון. ניין, די דרשה בײַ די רעלסן פון אוישוויץ און בוצאָקס כּסדר רעאַגירן היסטעריש, קומט אַרויס פּסול און מאַכט קאַליע די גאַנצע פּסיכישע שפּאַנונג, וואָס דאָס אײנציקע וואָרט אוישוויץ האָט געדאַרפט אַנטהאַלטן. דער דיאַלאָג איז בפירוש ניט אויפן ריכטיקן אָרט, ניט אין דער ריכטיקער צײַט און האָט ניט געטאָרט אַרײַנגעלייגט ווערן אין מויל פון „פרויטשע קיילער”, וואָס שרײַט היסטעריש: „דער הײַנטיקער חורבן איז גרעסער, ווי חורבן ירושלים!” דאָס איז אַ רעפּליק צו דער „עקספּאָזע” פון בלושטיינען וועגן „מאָראַלישע און עטישע געזעצן”, ווו ער וואַרפט מיט מאמרים פון נביאים און תּנאים, מיט גמראָס און אַגדהס וועגן ירושלים א״אַ אַזעלכע קלוגע רייד און — „דער קאָמענדאַנט פון די ׳קאַנאַדער׳, פרויטשע”, איז פאַרנומען — ניט אין דער ריכטיקער צײַט — מיט אויסטענהן זיך מיט אים פרעמדע רייד...

דער מחבר האָט אויך „פאַרגעסן” אויפצובויען דעם פּסיכישן קלימאַקס פון אַזאַ אַקט, ווי „שליידערן אין פּרצוף אַרײַן” פון ד״ר מענגעלע אַ שטיין, בעת דער סעלעקציע אין אוישוויץ. און דער צופאַל — אַז פּונקט האָט בלושטיין „מיט זײַן רעכטער פוס זיך אָנגעשלאָגן אין אַ שטיין”...

בדרך־כּלל פילט מען ניט, אַז בלושטיין איז אַ יוצא־מן־הכּלל מיט זײַן קעמפערישן טעמפּעראַמענט. ער גייט אין שפּאַן ווי אַלע ייִדן אין געטאָ — און אין דעם איז טאַקע זײַן גרויסקייט: אידענטיפיקאַציע מיטן כּלל!

דער תּליה־עפּיזאָד, און אַנדערע פאַקטן, האָבן געדאַרפט זײַן פּינקטלעכער און מיט מער שטאַרקייט געשילדערט, ווײַל מיט בלויז פיקציע קען מען ניט דערגרייכן דעם עפעקט פון אַזאַ ליטעראַריש־ריזיקאַלישן אמת. אין אַנדערע ווערטער: דער קלימאַקס האָט אַליין זיך פאַרשלונגען און — יצא שׂכרו בהפסדו.

אין גאַנצן גענומען איז אָבער ירחמיאל בריקס דער אָריגינעלער מקונן־כראָניקער פון לאָדזשער געטאָ און זײַנע אַלע ווערק פאַרמאָגן זייער אייגנאַרטיקן אויסדרוק און פאַרבלײַב אין דער חורבן־ליטעראַטור.

דרום־אַפריקע, 1969.

ג

# וואָרצלען און בענקשאַפט

נ. י. גאָטליב: ליטע מײַן היימלאַנד. לידער.
אַרויסגעגעבן: מאָנטרעאָל, 1945.

## א

איך האָב דאָס בוך אין האַנט גענומען מיט אַ טיפן ציטער, ווי מ׳נעמט אָנעט אַ וואַרעמע האַנט פון אַ יוגנט־חבֿר נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג. אַז כ׳האָב דאָס ערשטע בלעטל געעפנט און עטלעכע סטראָפעס אַדורכגעלייענט האָט מיך גלײַך פאַרגאָסן אַ כוואַליע ליטוויש־ייִדישע לופט — ליטווישע לופט מיט ייִדישע לונגען אַרײַנגעאָטעמט; און ייִדישע בענקשאַפט, אויסגעכאָוועט דורך יאָרהונדערטער צוגעבונדנקייט צו דער ליטווישער ערד, האָט פון יעדער שורה אַ ווייע געטאָן. אַ סימן, די עמאָציעס זענען עכטע, שטאַרק אַדורכגעלעבטע.

טיף איז די ליבע, וואָס בינדט דעם דיכטער צו זײַן געוועזענער היימלאַנד. דורך דורות ציִען זיך די וואָרצלען, וואָס דאָס ייִדישע לעבן האָט געהאַט געשלאָגן אין באָדן פון ליטעלאַנד: „און ווו איך קער זיך, ווו מײַן בליק עס פאַלט, / איז ייִדיש, ייִדיש, — הונדערטער שוין יאָרן; / אַז אָפט מיר דאַכט זיך: ס׳איז מײַן פאָלק מײַן אַלט / בײַ דײַנע ברעגן, ניעמאַן, דאָ געבאָרן“.

און אין דיכטערס בליק שפּיגלט זיך מיט בענקשאַפט דער עבֿר, וואָס ווערט פאַרפלייצט דורך אַ גרויליקער וויזיע פון זײַן פאַרטיליקטער היים. אַלע לידער שפּילן מיט מעלאָדיש ריטמישע קלאַנגען — אַ צעזונגענע בענקשאַפט, ערטערווײַז אַזוי שטיל, ליריש, טרוימעריש, ווי אַ דינע סטרונע פון אַ פידל...

אָבער יעדע סוף־ליד איז אַ געברום פון אַ באַס, אַ געבייזער, דאָס רײַסן דעם אייגענעם טיף־פאַרוואָרצלטן שורש מיט קללה און שעלטונג פון דער היימלאַנד־ערד. וואָס שטאַרקער די צוגעבונדנקייט און צאַרטער די בענקשאַפט, אַלץ מאַכטיקער און שטורמישער איז דער אינעווייניקסטער געדראַנג לויז צו ווערן פון די ליבע־פּענטעס און באַשפּײַען מיט גאַליקער שינאה די פאַרשאָלטענע היימלאַנד: „און ס׳גרווילט אַצינד מיך, ליטע, פון דײַן ערד, וואָס איז געווען מיר טײַער לאַנגע יאָרן; און ס׳איז מיר, ליטע, איצטער מיט דיר שווער; און פרעמד מיר, היימלאַנד, ביסטו איצט געוואָרן“.

די אויסגעזונגענע בענקשאַפט און די בילדער זענען נאָך פון אַמאָל, פון דער יוגנט. אָט אַזוי דערמאָנט זיך דער דיכטער וועגן קאָוונע: „אין פריִער יוגנט, אַ פאַרטרוימטער ייִנגל, האָט שוין דײַן שיינקייט אין מײַן אויג געגלאַנצט“.

האָט דער פּאָרטרוימטער יינגל אין זיין פּריַסטער יוגנט, ווי אין אַ פילם־קאַמערע, אַלע בילדער איינגעזאַפּט אין זיין בליק און פאַרבאַהאַלטן, און זאָרג־פול אויפגעהיט אַלע פאַרבן, שאַטירונגען, ניואַנסן, טענער און שטימונגען: עצבֿות און פרייד, ווינטל און כוואַליע, באַרג, גרעזל און בלאַט, פישמאַרק און אַלטשטאָט און חסידים־שטיבל — גאַרניט פאַרפעלט!

מיט ליבע דערמאָנט ער אויך זיינע פעין־חבֿרים: ישׂראל קאַפּלאַן (אַן אונד־זעריקער, שארית־הפליטהניק), אליעזר היימאַן (אומגעקומען אין אַ „מאַלינע" בעתן ליקווידירן קאָוונער געטאָ).

וואָלט אפשר אַ נ ד ע ר ש אויסגעזען די דאָזיקע בענקשאַפט אין שנים כּתיקונן, ווען דער דיכטער זיצט רויק ביי זיין שרייבטיש און די היימלאַנד צערטלט אים אויף זיין היים־צעטרוימטן קאָפּ. האָט דאָך י ע ד ע ר פון אונדז מיטגענומען פון זיין היימלאַנד עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז אים שווער צו פאַר־ביַיטן אָדער אָוועקצוואַרפן: „און ביסט מיין לאַנדשאַפט אומעטום געווען. / אין לאַנד אין יעדן, ווו איך בין געקומען, / האָב איך דיך, ליטע, פאַר מיין בליק געזען, / איז נאָכגעגאַנגען, ליטע, מיר דיין אומעט".

אָבער דאָך שרייבט זיך, אָדער מוז זיך שרייבן אַנדערש אין אַ דערשי־טערטן און אַנטוישטן צושטאַנד, ווען דאָס „געליבטע" היימלאַנד שטייט מיט אַ חלף אין האַנט און מיט גרויזאַמער רציחה שעכטן זיי אויס דיין משפחה און דיין פאָלק: „און ס'גרוילט מיך, ליטע. ווען איך טוט אַ קלער / פון יעדן דיינעם פלאַקסענעם ליטווינער; / קען זיין, מיין מאַמען האָט דערמאָרדעט ער. / קען זיין, מיין היים האָט ער מיט טויט פאַרכלינעט".

## ב

פּרוּווט טאַקע דער דיכטער אַנטרינען צו אילוזיעס. ער איז פאַרפּייניקט פון גרויל און אומקום, און זוכט אויף אַ ווייַלע זיך ראַטעווען פּסיכיש אין אויפ־שטעלן אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ. דאָס ליד, „אַ חלום".

צי האָט זיך געקענט אַ ייִדן, אַפילו חלומען, אין 1944, וועגן ליטע: „ניטאָ דאָ קיין נאַצישער סדום". איז דאָס ליד טאַקע מער ניט ווי אַן איבערגאַנג פון חלום צו וואָר, צו שפּירעוודיק־קרובֿישערווירקלעכקייט. אַזוי רייסט זיך פון די ווייטערדיקע לידער דער ווײ פון אַן עלנטן זון און ברודער: „אַ בינטל ביל־דער ליגט אין קעשענע ביי מיר — / אַ זכר פון דער היים. מיט חורבן־שטויב פאַרוויטער; / איך נעם עס אָפּט אין האַנט און יעדעס בילד צערירט / אַן אַנדער ווונד אין האַרץ, אַן אַנדער טיפן ווייטאָך".

אויף דעם אַ לייוונט פון גרויל און אומקום מאָלט דער דיכטער זיין מאַמען און טאַטן, זיינע ברידער און שוועסטער. מיט טרערן פון ליבשאַפט ווערט יע־דער געשילדערט, מיט טרערן פון בלוט — באַקלאָגט. זיי קומען אַלע אויף ליכטיקע, און פאַרגייען אין בלוט און פלאַמען: „אָ, אַלטע מאַמע מיין, מיט אויגן — שבת־ליכט! / אָ, גוטע מאַמע מיין, אין בלוטיק נאַנטע קאָרבן!"

איין ליד, געשריבן אין 1944, איז געווידמעט זײַן ברודער, דעם ד י כ ט ע ר יעקבֿ גאָטליב. אַ צווייטע ליד — נאָך אַ ברודער, וואָס איז געפֿאַלן אַלס רויטאַרמייער. נאָך דעם אַ ליד געווידמעט זײַן טאַטן און נאָך צוויי ברידער. די אַלע לידער זענען דורכגעדרונגען מיט דעם שאַרפֿן ווייטיק פֿון דער חרובֿ־געוואָרענער היים; מיר דערשפּירן באַשײַמפּערלעך די ייִדישע שטוב און משפּחה, ייִדיש־טראַדיציאָנעל לעבן: אַלץ וואָס איז געווען און ניטאָ מער.

דאָ קומען צוויי לידער, איינע „צו ליטע", אַ צווייטע — מיטן טיטל־נאָמען פֿון בוך — „ליטע מײַן היימלאַנד". ווידער וויקלען זיך ליטוויש־ייִדישע שטעטלעך, שליאַכן און לאַנדשאַפֿטן, דורכגעמישט מיט דער זעלבער בענקשאַפֿט און מיטן ווייטיק פֿון ייִדישן אונטערגאַנג. פֿאַר אונדזער בליק ציט פֿאַרבײַ אַ גרוי־אומעטיק, איינטאָניק לאַנד, וואָס חזרט איבער די בילדער, אין פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס. און ווידער די הילפֿלאָזע קללה: „ — ליטע, מײַן היימלאַנד! אַ פֿלוך צו די מערדער, / פֿינצטערן אייביק עס זאָל זייער גורל, / וואָגלען זיי זאָלן, ווי קין, דורך ערדן / בלוטיק באַצייכנט — עד סוף כּל הדורות!"

עס פֿילט זיך אַ געוויסע דיספּראָפּאָרציע צווישן דער בענקשאַפֿט צו דאָס געוועזענע, איבער הויפּט אין די לירישע שטעלן, און דאָס וואָס עס געשעט צום טאָג. די צײַטונג־נײַעס, די ווייטיקדיקע כראָניקאַלע ידיעה, איז דער מאַטעריאַל, און דעריבער פֿעלט די פּערספּעקטיוו און דאָס בילד. און ס'איז ניט קיין וווּנדער, אַז דער דיכטער רעאַגירט מיט קללות, איינע שטאַרקער פֿון דער צווייטער: די עפּיטעטן, וואָס עס האָט גענוצט צו יענער צײַט כּמעט יעדער ייִדישער צײַטונג־מענטש: מערדער, רויבער, בעסטיע, חיה־רעה, א"אַ.

דער צווייטער טייל, און דער קלענערער, פֿון בוך, איז מער אַ כראָניק, אין סטראָפֿעס, פֿון יענער בליצײַט פֿון חלוציות און הכשרה־קבֿוצות אין ליטע. ס'ווערט געשילדערט די קבֿוצה און איר לעבנס־שטייגער, טיפּן פֿון חלוצים. ס'איז געווען אַ גרויסע צײַט פֿון אויפֿשוווּנג און שטורמישן זיך רײַסן אויף הכשרה, און פֿון דאָרט קיין ארץ־ישׂראל. דער נאָמען „חלוץ" איז דעמאָלט געווען אַן אַדלטיטל און דער דיכטער האָט, מיט רעכט, אָפּגעגעבן אַ האַלבן בוך דער אַ צײַט; אַזאַ צײַט, וואָס איז נאָך, צום באַדויערן, אין דער פֿולער מאָס ניט אָפּגעשפּיגלט אין די שאַפֿונגען פֿון ייִדישע דיכטערס און שרײַבערס פֿון דער ליטע.

דאָס בוך לידער פֿון ב. י. גאָטליב איז בלי־ספֿק אַ גרויסער בײַטראָג צום מאָנומענט, וואָס דאַרף אויפֿגעשטעלט ווערן פֿאַרן חרובֿ־געוואָרענעם היימלאַנד, ווי די עפּאָפּעע פֿון ייִדישן שפּרודלדיק־זאַפֿטיקן לעבן אין דער ליטע.

דאָס וואָרט, מינכן — מאַרץ 1947.

- אַ געזעגנג דער חלוצישער ליטע. אונדזער וועג, מינכן, יוני 1948.
- דער דיכטער פֿון אַ פֿאַרשניטענער היים. דרום־אַפֿריקע, 1953.
- באַזינגער פֿון ניט־געווינלעכע געשטאַלטן: אַפֿר' אידישע צײַטונג, 1955.

# אַבֿרהם גאָלאָמב און זײַן וועג

אַ. גאָלאָמב: אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק — עסייען. אַרויסגעגעבן פון יובֿל־קאָמיטעט — מעקסיקע־בוענאָס אײַרעס, 1964—ה׳תשכ״ד. בילד פון מחבר. פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער און פון מחבר. 393 זז׳. טיילווײַזע ביבליאָגראַפֿיע פון אַ. גאָלאָמבס שריפטן פון יעפים ישורין. 395—417 זז׳.

## א

אַבֿרהם גאָלאָמב איז דער מאַן פון אַ שליחות. זײַנע ברייט־פאַרנעמיקע עסייען זענען ניט נאָר פײַן און מײַסטעריש אין סטיל און פאָרעם, נײַערט — און בעיקר — אַנאַליטישע טיף־געדאַנקלעכע אַרבעטן, וואָס זייער ציל איז צו דער־גרונטעווען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען וואָס ער רופט ייִדישקייט. און די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אַלע מערקצייכנס פון אַ שליחות, ווי די ייִדישע וועלט האָט עס תּמיד פאַרשטאַנען. ניט בלויז וואָס ער הערט ניט אויף פּרעדיקן זײַנע אידעען, נאָר ס׳איז אויך די גלייביקייט און אומפּשרהדיקייט מיט וועלכע ער טוט עס. זײַנע ווערזנטלעכע כאַראַקטער־שטריכן: דאָס פאַרמולירן זײַן וועלטבאַנעם מיט קנאות, מיט אויפריכטיקייט און פּאַטאָס פון וואָרט.

דאָס וואָרט איז דורך דער געבענטשטער פען פון אַבֿרהם גאָלאָמב פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ וווּנדערלעך מיטל פון אויפקלערונג. עס דרינגט אַרײַן אין האַרצן און אין די חושים פון לייענער. און די דאָזיקע אַזוי צו זאָגן „טרוקע־נע״ עסייען, וואָס זענען זאַפטיק, באַטעמט, מיט נשמה, זיי פאַרכאַפּן ממש.

אַבֿרהם גאָלאָמב וועקט אינטערעס צו זײַנע רייד. זיי זענען אָנגעלאָדן מיט דעם גײַסטיקן פיבער פון זייער זאָגער און מיט דער שפּאַנונג פון זייער מאָנער. זיי זענען קאָנדענסירט, געפּרעסט. אין די עסייען איז פאַראַן כּוח, וואַרעמקייט, אַ פּליסיקער ריטעם, וואָס מאַכט פון די ווערטער ייִדישע מוזיק — די מוזיק וואָס שפּילט גאָלאָמבס סימפאָניע פון „אינטעגראַלער ייִדישקייט״.

אַרײַנצושפּילן די דאָזיקע ייִדישקייט אין די הערצער פון ייִדן, זיי וועקן, פאַראינטערעסירן, דערנענטערן, איבערצײַגן און אויך דערהייבן — דאָס איז די מיסיע פון אַבֿרהם גאָלאָמב. ווי ווײַט ער איז מצליח אין דעם? צום באַדויערן קענען מיר אים ניט ברענגען די בשורה־טובֿה, אַז דאָס „ייִדישע אײַז״ האָט

זיך געריכט, אַז זײַנע אידעען פֿאַלן אויף אַ פּראַקטיקן באָדן. נײַן, נאָך ווײַט, נאָך ווײַט פֿון אַ ייִדיש באַוועגונג על־פּי תּורת גאַלאָמב. דאָס ייִדישע פֿאָלק וויל נאָך, לײדער, ניט פֿאָלגן זײַנע גוטע און קלוגע עצות. זײַן וואָרט פֿאַלט נאָך אַלץ אויף טויבע אויערן, און זײַן מוסר — אויף פּעטע הערצער. אָבער מאָדנע: אַנשטאָט וואָס די הײַנטיקע לאַגע האָט געדאַרפֿט צעוואַקלען גאַלאָמבס שטאַנד־האַפֿטיקייט, אים מאַכן ווייכער און צווינגען אײַנגיין אויף קאָמפּראָמיסן, ווי מ׳זאָגט, איז עס גאָר מיט אים ממש דער היפּוך: ער בלײַבט האַרט און גלײַ־ביק ווי געווען.

דאָס איז צוליב דעם, וואָס גאַלאָמב שטייט אויף אַ פֿעסטן גרונט. זײַן וועג איז גראָד און קלאָר. און ניטאָ בײַ אים די צוויי עקסטרעם־קעגנגעזעצטע קאָמ־פּלעקסן — ניט פֿון שיפֿלות און ניט פֿון עם־המובחר. זײַן פּאַרמל וועגן ייִדיש־קייט האָט ער אויסגעאַרבעט ביז פּערפֿעקציע. ער איז אייגנטלעך דער סינ־טעטיקער פֿון אַ נײַער וועלטלעכער ייִדישקייט, וואָס אין איר דאַרף אַבסאָרבירט ווערן די טראַדיציאָנעל רעליגיעזע (און לעצטנס — דאַכט מיר — מאַכט ער אַלץ גרעסערע קאָנצעסיעס פֿאַר דאָס רעליגיעזע) ירושה פֿון אַלע דורות ביז הײַנט. אין זײַן טעאָריע פֿאַרנעמט געוויינלעך אַ צענטראַלן אָרט די שפּראַך — ייִדיש, ווײַל זי איז געוואָרן אַ פֿאָלק־שפּראַך און די נשמהדיקע פֿאַרבינדונג צווישן ייִד און זײַן נעכטן; ייִדיש האָט זיך אָנגעזויגן מיט די אַלטע מקורות און פֿון דעם באָדן איז געוואַקסן דער מיזרח־אײראָפּעיִשער וואָרצלדיקער ייִד און זײַן ליטעראַטור — די מאָדערנע וועלטלעכע ליטעראַטור אין ייִדיש לשון.

דער סינטעז פֿון וועלטלעכער ייִדישקייט מיט טראַדיציאָנעל רעליגיעזן שטייגער (און בײַ גאַלאָמבן איז דאָס צווייטע ניט בלויז סענטימענט), איז די אַקס אַרום וועלכער עס באַוועגן זיך כּמעט אַלע זײַנע עסייען. יעדער פֿון זיי פֿינקלט מיט מחשבֿה־שפּריצן און איז ווי אַ ספּעקטרום אין וועלכן עס ברעכן זיך פֿאַרשיידנפֿאַרביק זײַנע געדאַנקען. דאָס איז אויך צוליב דעם, ווייל זײַן טעמע חזרט זיך ניט איין מאָל איבער, אין פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן, אָבער מיט שיינקייט און חן, מיט ספּעציפֿיש גאַלאָמבישער אייגנאַרטיקייט. דאָס אַלץ האָט ער צו פֿאַרדאַנקען זײַן חוש פֿאַר שפּראַך און פֿאַרן פֿאַסיקן וואָרט, פֿאַר דעם ריכטיקן סימבאָל און געלונגענעם מעטאַפֿאָר. אין דעם באַשטייט די גאַלאָמ־בישע אָריגינעלקייט. טאַקע צוליב די דערמאָנטע מעלות־טובֿות איז כּמעט ניט מעגלעך איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פֿון די עסייען. מען מוז זיי אַליין לייענען כּדי צו פֿאַרשטיין און אָפּשאַצן די עשירות, וואָס גאַלאָמב האָט אַרײַנ־געבראַכט אין דער ייִדישער מחשבֿה־ליטעראַטור.

גאַלאָמב פֿאָרמולירט זײַנע געדאַנקען מיט וויסנשאַפֿטלעכער פּרעציזקייט, מיט געשיכטלעכע פּאַראַלעלן, מיט אַ שאַרפֿן פּסיכאָלאָגישן אַרײַנבליק אין דעם ייִד און אין די געשעענישן. ער איז ניזהר מיט באַגריפֿן און די שפּראַך איז אַ קלאָרע, ניט באַצירט מיט פֿליטערלעך. זײַן דרך־הסבר איז לײַכט, אָבער ניט איין מאָל קען זיך דאַכטן, אַז ער „שיסט מיט פּוסטע באָמבעס״, מיט פֿײַער־

ווערק, מיט עפעקט, דאָס איז נאָר ווען מען זעט ניט דעם גאַנצן גאָלאָמבן, ווען מ׳קען ניט זײַן טעזיס פון אינטעגראַלער ייִדישקייט און די גאַנצקייט פון דער דאַזיקער אידעע. אָט, למשל, איז אין זײַן עסיי „אומה ולשון — ייִדיש פאָלק און ייִדיש לשון" פאַראַן אַ קאַפּיטעלע, וואָס הייסט גיט מער און ניט ווייניקער ווי „ייִדיש, די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון ייִדישן פאָלק". אַפילו טעאָרעטיש איז עס הײַנט ווײַט פון דער ווירקלעכקייט. כ׳בין גאָר ניט זיכער צי בײַם זעלבן אַבֿרהמען וואָלט מען ניט געקענט אַראָפּדינגען עפּעס פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" — געוויינלעך, ניט אַזוי פיל וויפל אַבֿרהם בײַ גאָט וועגן די צדיקים פון סדום... אָבער מען מוז מודה זײַן, אַז גאָלאָמב האָט אין זיך אַזאַ קראַפט פון איבערצײַגונג, וואָס גיט אַ טראַג אײַנעם פון דער אומעטיקער ווירקלעכקייט פון הײַנט צו אַ פאַנטאַסטישן מאָרגן, הגם ער רעדט וועגן אַלע פּראָבלעמען אין פּראַקטישע טערמינען.

אין גאָלאָמבס עסייען איז פאַראַן פּלי און חלום. אַן די דאַזיקע עלעמענטן וואָלט הײַנט שווער געווען צו שרײַבן וועגן זײַן ייִדיש און ייִדישקייט, וואָס ער וויל „אַנוואָרפן" דעם גאַנצן „אינטערנאַציאָנאַלן ייִדנטום". עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז ער פאַרמאַכט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט, ווײַל ער איז גלייביק, ענטוזיאַסטיש. דאָס ברענען מיט ליבשאַפט צו ייִדיש רעגט אָן, רײַסט מיט. נאָכן ענדיקן לייענען זײַנעם אַ ספר פאַרשווינדט דער ייִאוש, מען פילט אַז ייִדישקייט לעבט נאָך, וועט ווײַטער לעבן און — אַז זי האָט אַן אַחיזה אין דער ווירקלעכקייט.

פון וואָס באַשטייט די דאַזיקע ווירקלעכקייט? דאָס איז די וויזיאָנערישע קראַפט אין די גאָלאָמבישע שורות. מען ווערט אָנגעשטעקט מיט דעם אימפּעט פון זייער מחבר און ס׳איז דאַן אַ סך לײַכטער צו טראַכטן וועגן אַ ייִדיש־נס, ווען דאָס רעדל וועט זיך אַ דריי טאָן צוריק און דאָס מאַמע־לשון וועט ווידער אויפגענומען ווערן מיט חשיבֿות. ניטאָ קיין בעסערע רפֿואה, אין רגעס פון אָפּהענטיקייט און ייִאוש, ווי אַרײַנצובליקן אין גאָלאָמבס שריפטן — דאָס פרישט אָפּ. און די סתירה צווישן ווירקלעכקייט און טעאָריע? וואָלט עמעצער געקענט אָפּפרעגן מיט אײן מאַך מיט דער האַנט די גאַנצע גאָלאָמבישע שיטה. אָבער מען דאַרף פאַרשטיין אַז גאָלאָמב פאַרשרײַבט ניט קיין רעצעפּטן, זאָגט ניט נבֿיאות, נאָר פאַרגלײַכט תּקופות און לערנט אָפּ אַ מוסר־השׂכל, וואָס איז בכּוח צו פאַרווישן אַלע ספקות און אַלע סתירות.

## ב

ייִנגע גרונטיקע אידעען האָט גאָלאָמב אָנגעהויבן אויפבויען אויף אַ ברייטן פאַרנעם אין די 40קער יאָרן, ווען די ייִדישע טראַגעדיע האָט דערגרייכט איר קלימאַקס און דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום האָט זיך געצאַפּלט אין חורבן־גסיסה. אפשר איז דער קאַטאַקליזם פון גאָלאָמבס וועלט־ייִדנטום, וואָס מיזרח־

איראָפּע איז געווען זײַן צענטער, געוואָרן דער גײַסטיקער ווולקאַן וואָס האָט אויפגעריסן אין גאָלאָמבס מחשבֿה און אים געמאַכט פֿאַר דעם קעמפֿער פֿאַר דער קולטור־ירושה פֿון זײַן ייִדנטום און איר המשך. אומבאַוווּסט אפֿשר פֿאַר זיך אַליין האָט גאָלאָמב, אין דעם אופֿן פֿון מאָנען המשך, געוואָלט זען אַ רעהאַ־ביליטאַציע פֿאַר ייִדן, זייער ווײַטער־לעבן. דעריבער האָט ער אָנגעהויבן רופֿן צוריק צום עבֿר, פֿאַרבינדן דעם נעכטן מיט דעם וועלטלעך מאָדערנעם גאַנג — מאַכן אַ נײַעם ייִד. דאָס האָט געזאָלט זײַן די נײַע גאָלאָמבישע תּחית־האומה פֿון וועלט־ייִדנטום מיט זײַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך, ייִדיש. ער האָט ברייט באַהאַנדלט די אַלע פּראָבלעמען און געמיינט אַז ער האָט געפֿונען די לייזונג. די אַלע מיפֿולע אַרבעטן זענען אָבער געבליבן באַשרענקט בלויז אין דער גײַס־טיקער ספּערע. ער האָט אויפֿגעשריבן סאָלידע ווערק, אָבער זײַנע פּאָסטולאַטן האָבן ניט געהאַט הינטער זיך, צום באַדויערן, ניט קיין מאַסן און במילא ניט קיין טרעגער. מיט אײַזערנער לאָגיק באַקעמפֿט גאָלאָמב די אַסימילאַציע און אירע נאָכלויפֿער, די אומסימפּאַטישע אַנטלויפֿער פֿון זייער נעכטיקער קולטור, די סנאָבן. דאָ דערהייבט זיך פֿאַר אונדז אין זײַן גאַנצער גרייס גאָלאָמב דער וועגזוכער. ער פֿירט אונדז פֿון דער פּרעמדקייט צו די אייגענע וועגן, ריכטי־קער — זײַן וועג. ער טוט עס מיט פּאַרטיפֿונג און גרונטיק. ער רעדט, פֿון איין זײַט, וועגן דער אייגענער קולטור און אירע גײַסטיקע ווערטן, און פֿון דער צווייטער — וועגן די אַדאָפּטירטע פּרעמדע קולטורן, וואָס זענען נאָר קינסט־לעך צוגעקלעפּט אָבער ניט אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דעם ייִדן, ווײַל זיי האָבן ניט קיין וואָרצלען אין פֿאָלק.

נאָכן דריטן חורבן, ווען די ייִדישע פּובליציסטיק האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער און ס׳איז געוואָרן אַ זול אויף ייִדישע ווערטן, איז גאָלאָמב געקומען מיט זײַנע ערנסטע און ניט זעלטן וויטיקדיקע רייד. מ׳האָט גלײַך דערפֿילט אַז ס׳איז בײַ אים פֿאַראַן תּוך און תּוכן, אמונה אין דעם אייגענעם וועג און אויפֿריכ־טיקייט. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן באַציִען צו זײַן שרײַבן מיט גרויס דרך־ארץ, אויב אַפֿילו מ׳האָט ניט מסכּים געווען מיט זײַן וועג. אָבער אַבֿרהם גאָלאָמב האָט באַטראַכטן די אייביקע וועגן פֿון אייביקן פֿאָלק, באַוווּסט פֿון זײַן נאַציאָ־נאַלער שליחות, ווי אַ ייִד פֿון אַ גורלדיקן דור, ווי אַ וועלטפֿאָלק־ייִד. ער האָט פֿאַרייִדישט דעם אַלטן נצח־ישׂראל לא ישקר אין אַ באַנײַט און פֿאַרשטענדיק לשון און עס פֿאַרטײַטשט מיט זעלטענע ייִדישע אידיאָמען: אייביקע וועגן פֿון אייביקן פֿאָלק.

אַזוי איז דער טיטל פֿון זײַן בוך, וווּ ער באַהאַנדלט אין זיבן גלענצנדיקע און פֿײַן סטיליסטישע עסייען די אייביקע וועגן, וואָס דאַרפֿן עס דערפֿירן, אָדער אַרויספֿירן, צום אייגענעם וועג — גאָלאָמבס וועג. די אַרבעטן שפּרייטן זיך אויף 400 עמודים. דער ערשטער עסיי „ישראל ואורייתא" (141 זז׳), איז כּמעט אַ בוך פֿאַר זיך. די דאָזיקע אַרבעט איז געשריבן מיט ערודיציע און טיפֿער קענטשאַפֿט פֿון די מקורות. עס נעמט אַרום אַלע פֿאַזעס אין ייִדישן לעבן אין

די פריִערדיקע תּקופות, ביז צו אונדזערע טעג: אײגנטלעך איז עס די קאָנ־פראָנטאַציע פון תּקופות, וואָס דורך זײער אַנאַליז באַגרינדעט ער די קאָנטי־נויִטעט פון ייִדישן לעבן און שאַפן, דעם פאָלקישן המשך אויף זײַנע אײביקע וועגן, די ייִדישקײט־וועגן.

אין דער דאָזיקער איכותדיקער און כּמותדיקער גרויסער אַרבעט דערפילן מיר דעם שפּרודלדיקן קוואַל פון מחבר, די גײַסטיק דינאַמישע קראַפט פון זײַן פערזענלעכקײט. דער דאָזיקער עסיי מיט זײַן פליסיקן גאַנג, קאָנסטרוקציע, בילדלעכקײט איז אַ מײַסטערווערק אין דער ייִדישער עולם־המחשבֿה. דאָ איז די נײַע תּורה פון גאָלאָמבן ניט פאַרגליוערט, נאָר זי האָט אַלע אײגנשאַפטן פון אַ לעבעדיק שטראָמיק וואַסער (דעם זעלבן דרך־משל, וואָס גאָלאָמב נוצט אַזוי געלונגען אין אַרײַנפיר צו דער דאָזיקער עסיי).

אַזוי האָט אַבֿרהם גאָלאָמב, צווישן די אײביקע וועגן, זיך אויסגעזוכט זײַן אײגענעם וועג. זײַן וועג וואָס וויל אַרײַננעמען אין זיך אַלע עלעמענטן פון ייִדישקײט פון אַלע תּקופות. דאָס איז אַן אָריגינעלע תּורה, וואָס קען ניט פאַר־ווירקלעכט ווערן דורך אַן אומר ועושׂה, בפרט אין אַזאַ ראַשיק־רוישיקער צײַט ווי אונדזערע, און בײַ אַ פאָלק, וואָס האָט ערשט דורכגעלעבט אַזוינע ביטערע קלעפּ פון גורל. אַוודאי איז דער וועג אַ פּאָזיטיוער און רעדט צום קאָפּ און צו דער נשמה פון ייִדן, אָבער צי קען זיך דער גאָלאָמב־וועג אָננעמען, אַרײַנפלעכטן זיך אין די אײביקע וועגן פון אײביקן פאָלק? פאַר דעם מחבר איז עס אָן אַ שמץ ספק.

ג

אַבֿרהם גאָלאָמב איז אָבער חוץ דענקער אויך אַ ייִדיש־האַרציקער פאָלקס־טימלעכער טראַכטער. ווען ער פירט אונדז דורך זײַנע טראַכט־עקסקורסיעס, דערפילן מיר וואַרעם־ייִדישע אַטמאָספער, ייִדישע היימישקײט און אויך זײַן למדנות. אין דער דאָזיקער מאָדערנער למדנות פון גאָלאָמבן איז פאַראַן דער ייִדישער טעם פון אַלטן שטייגער. אפשר וואָלט געווען ניט אויסן וועג זײַנע ספרים צו לערנען בײַ אַ שטענדער, מיטן סקאַרבאָוון ניגון, און טאַקע זיך שאָקלענדיק, ווי מ׳האָט אַ מאָל געלערנט אַ דף גמרא — אפשר?.. און ווער ווייס, אויב מיר וואָלטן נאָך הײַנט געהאַט דעם מיזרח־אײראָפּעיִשן ייִדנטום, צי ס׳וואָלט ניט אויפגעקומען אַ נײַער בית מדרש, אַ בית־אַבֿרהם (ווי פאַר צײַטן אַ בית־הלל)? דער מאָדערנער נוסח־התּפילה פון אַבֿרהם גאָלאָמב וואָלט זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט אין אַזאַ נײַעם בית־מדרש...

מיט אַ פיר יאָר צוריק האָט די ייִדישע ליטעראַטור אָפּגעצייכנט דעם 70 יאָריקן יובֿל פון גאָלאָמבן. ער איז נאָך הײַנט שעפעריש פריש און פול מיט אַרבעט־פּלענער. כּסדר ברענגט ער זײַנע ווונדערלעכע גײַסטיקע פּירות צום ייִדישן טיש. ס׳איז די שפע פון אידעען און פּראָגראַמען וואָס שעפּן זיך בײַ אים ניט אויס, אַזוי ווי דער שאַפונגשטראָם שטעלט זיך ניט אָפּ.

אַוודאי האָט ער דערבײַ זײַן שׂימחת־היצירה, הגם פרייד איז אויסגעמישט מיט דעם ווייטיק אויפן אומקום פון זײַן יידישער וועלט — דאָס שטעטל. אמתדיק איז זײַן קוק, וואָס האָט אין זיך סענטימענטאַל ווייכע טענער, אָבער צי זענען זײַנע אויספירן ריכטיקע? צי האָט דאָס שטעטל געהאַט נאָר פּאָזי־טיווע זײַטן? צי דאַרף מען אַלץ וואָס דאָס שטעטל האָט געשאַפן פּרעזערווירן? די און אַנדערע פראַגעס קומען אויף, און עס זענען פאַראַן געוויס אָפּפרעגערס פון גאַלאָמבס טעאָריעס.

אין דער ביבליאָגראַפישער רשימה פון יעפים ישורין, אין בוך, זענען פאַר־צייכנט (חוץ צענדלינגער אַרטיקלען) 35 פּאָזיציעס פון אַבֿרהם גאַלאָמבס ביכער — אין דעם אויך כרעסטאָמאַטיעס און קינדער־ליטעראַטור (איז דאָך דער מחבר אַ באַקאַנטער פּעדאַגאָג און לאַנג־יאָריקער פּאַרוואַלטער פון יידישע שולן).

מוז מען אונטערשטרײַכן, אַז דאָס אייביק שעפערישע פון אַבֿרהם גאָ־לאָמבס ווערק איז זײַן וועג. מיט זײַן ספּעציפישן אייפער האָט ער אָנגעשריבן אויף דער טעמע טויזנטער זײַטן פון בלײַבנדיקן ווערט. ביז הײַנט האָט ער שוין אײַנגעזאַמלט אַ ריזיק גײַסטיקע גערעטעניש אין שפּײַכלער פון דער ייִ־דישער חכמה און מחשבֿה — און ער טוט די אַרבעט ווײַטער.

דרום־אַפריקע — 1965.

• טרעגער פון יידיש און — מוזייען פאַרן שטעטל: דרום־אַפריקע — 1970.

# עסייען מיט אַ ייִדיש־שליחות

איטשע גאָלדבערג: עסייען. איקוף פאַרלאַג, 1981.
הילע געצייכנט פון נחום אַלפּערט. אַ וואָרט פריער.
431 זז׳.

## א

איטשע גאָלדבערג איז פאַרליבט אין ייִדיש. דער באַזונדערער אַקצענט פון זײַן ליבשאַפט, קומט אָפּן און בולט אַרויס אין דער באַאַרבעטונג פון כּמעט יעדער טעמע, מיט וועלכער ער איז זיך עוסק. ס׳איז אַ דאָקטרין, וואָס אויף אירע גרונט־פּרינציפּן איז ער ניט מוותּר. אָבער ס׳איז אַ מהלך־רבֿ, אין צײַט און געדאַנק, פון ווען די דאָקטרין, משמע: אַ פּראָגראַם, אַ ליניע, איז געווען די דיסציפּלין פון אַ באַוועגונג אויף דער ייִדישער גאַס, איבער הויפּט אין אַמעריקע. אין דעם זינען שיילט איטשע גאָלדבערג אַרויס די הויפּטעלעמענטן פון אַ נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פילאָסאָפיע, וואָס האָט איבערגעהאַקט דעם פאָדעם פון כּמו־ייִדישן קאָסמאָפּאָליטישן וועלטבאַנעם. אַזוי אַרום הייבט ער אַרויס די יסודותדיקע אָנהאַלט־פּונקטן פאַר זײַן השקפה, ייִדישיזם און סאָציאַליזם, וואָס זענען דער אינהאַלט פון איין גאַנצקייט. אין אַנדערע ווערטער: די ייִדיש־ירושה און איר קולטור אין איר גאַנצן היקף, ווי די סאָציאַלע אידעע איז שוין במילא פאַראַנקערט אין יצירה־פּענאָמען פון די ראשונים (מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם) און די שפּעטערדיקע וואָרטזאָגערס.

איטשע גאָלדבערג, על־פּי זײַן ייִדיש־וועלטלעכער קאָנצעפּציע, וויל ניט און קען ניט טאַנצן אויף צוויי וועלט־חתונות, מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס די ייִדישע וועלט איז שוין במילא כּולל אין זיך די נײַע וועלט. אין דער אידעען־וועלט איז, אַליבא ד׳גאָלדבערג, אויך אײַנגעשלאָסן די פּראָגרעסיווע שליחות פון די נבֿיאים און זייער קעמפערישער גײַסט. די מאָדערנע הומאַניטאַרע מאָראַל און עטיק זעט ער אין דער וועלטלעכער ייִדישער קולטור, מיט וועלכער ער וויל ניט און קען זיך ניט אָפּגטן. ער דריקט שטאַרק אויפן דגש פון ייִד־מענטש־סינטעז, וואָס קומט צום אויסדרוק אין ייִדיש לשון. דער ייִדיש־ווונדער איז געווען און איז נאָך אַלץ דער סם־החיים, וואָס גיט חיות און אַ קיום דער ייִדישער וועלט. ייִדיש קען פאַרזיכערן דעם לעבנסוועג פון די ייִדישע עדות, אין די תּפוצות, קעגן אַסימילאַציע. אויב ס׳וועט, חלילה, אַרויסגעריסן ווערן פון פאַל־

קישן באָדן דער יידיש־שורש, איז פאַראַן די סכּנה פון וועגעטירן, ווי פּריער, ווי שפּעטער. דער אימפּעראַטיוו איז לכן: ראַטעווען דעם זעלטענעם לשון.

ער זעט בפירוש ווי די יידיש־מאַפּע ווערט איינגעשרומפּן. בלייבט בלויז דער וועג פון ווערקן און אַלץ שטאַרקער מאַנען. און דאָס איז אפשר דער טיפער־רער ציל פון די עסייען — פאַרליבטקייט פאַרוואַנדלען אין אַ יידיש־שליחות. מיט יידיש־פּאַטריאָטישן שטאָלץ שטעלט ער פעסט, אין זיין „אַ וואָרט פריער", גאַנצע דריי „בלויזן" אין דער יידיש־פּרשה — דער ערשטער „בלויז", אפילו מיט זיין הדגשה: „בלויז אויף יידיש האָט די אינערלעכע קעגנאַנאַנדיקע השפּעה (מיטן פאָלק — ד.וו.) געקאָנט רעאַליזירט ווערן. בלויז יידיש איז געווען ביכולת צו וועבן אָט די פאָלק־און־ליטעראַטור פעדעם, בלויז יידיש האָט געקאָנט ווערן די לאַנדשאַפט פון אונדזער פאָלקישער נשמה".

אַזאַ ליבע פון בלויז יידיש טראָגט אין זיך אַ שליחות און ס'איז ניט שייך זי אָפּצופרעגן. זי איז דער סימן מובהק פון איטשע גאָלדבערגס שאָפערישער פערזענלעכקייט און לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף איטלעכן עסיי אין בוך. ס'איז אַ מין מחשבה־דינאַמיק פון צעגלידערונג און אַריינבליק אין דער יידישער ליטעראַטור, אירע תקופות, פּירגייערס און קלאַסיקערס. אָבער ס'איז ניט בלויז די טעמפּעראַטור פון ליבשאַפט, נייערט אויך שאַרפזיניקע עלעגאַנץ און געניט־קייט פון אַ מומחה. און אויב מ'איז אפילו מחולק מיט געוויסע אינטערפּרעטאַ־ציעס, פאַרכאַפּט אָבער דער עלאָקווענטער סטיל און די לעבעדיקע לעקסיק. מ'באַוועגט זיך מיטן געדאַנקען־שטראָם פון די עסייען. זיי זענען מייסטעריש אויך אימפּאָזאַנט אויסגעוועבט. הן מהותדיק והן טעאָרעטיש זענען זיי אין פיל אַספּעקטן אונטערשיידיק, אפשר אוניקאַל, אין יידישן עסייען־זשאַנער. איטשע גאָלדבערג פאַרנעמט זיך מיט רעאַלע אַרגומענטאַציעס און מיידט אויס, ווי ווייט מעגלעך, ספּעקולאַטיווע מחשבות. די עסענץ און תמצית פון די עסייען צייכנט קלאָר אָן זיין געדאַנקען־וועלט און זיין וועג, זיין פילאָסאָפיע און זיין אידעאָלאָ־גיע. וועלן מיר זיך דאָ פּרווון אָפּשטעלן אויף די דריי בולטסטע אַספּעקטן פון די עסייען: א. אויסקלייב פון טעמאַטיק; ב. אַנאַליז און קריטעריע; ג. לשון און נוסח. און הגם די דריי פּונקטן זענען אַ מין דריי־אייניקייט, וואָס טרעפן זיך צוזאַמען און זענען זיך משפּיע, איז אויב מיר וועלן ניט קענען אַריבערהיפּן זייערע שייכותן, וועלן מיר זיך אָבער אָפּשטעלן אויף זייערע ספּעציפיזמען.

## ב

אויסקלייב פון טעמאַטיק: **איטשע גאָלדבערג האָט אויסגעקליבן די טעמעס, וואָס האָבן** געערעדט **צו זיין געמיט. די אידענטיפיקאַציע, אידעיש און גייס־טיק, האָט אַרויסגעבראַכט די פּאָזיטיווע קריטיק פון סימפּאַטישער שייכותדיקייט צו די באַהאַנדלטע ווערק. על־כן איז דער מעסטער די פּערזענלעכע אָביעק־טיוויטעט, ווייל עס געראָט אים זיך אַרויסצוהייבן איבער פּאַרטייישער קליין־**

קעפּלדיקייט. דעם שליסל נוצט ער מיט חכמה, אויף צו עפענען פענצטער און פאָרטקעלעך, אַריינצובליקן אין דער יידישער ליטעראַטור. דער כראָנאָלאָגישער צוזאַמענשטעל פון די אָפּטיילן, בפרט די ערשטע, פירט מיטן היסטאָרישן דרך פון דער אַנטוויקלונג, אָנהייבנדיק מיטן „גרונטמאָטיוו פון דער יידישער קלאַסיק". נאָך דעם, נאַטירלעך, קומען די קלאַסיקערס אַליין: מענדעלע, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ. דאָ ווערט בעיקר אונטערגעשטראָכן זייערע הומאַניסטישע און סאָציאַלע מאָטיוון און „זייער השפּעה אויפן יידישן לעבן". אין דעם איז אויך איינגעשלאָסן אַן עסיי וועגן „נוסח רייזען". אַזוי אַרום זענען די זיבן עסייען אין אָפּטייל (די נומעראַציע איז באַצייכנט מיט אותיות) בפירוש אַ האָמאָגעניש פאַררונדיקטע גאַנצקייט פון יענער תקופה. וועלן מיר זיך דאָ דאַרפן, אפשר, אונטערוואַרפן דעם מישפּט פון מחבר, אַז „דאָס אויססדרן זיי (די עסייען) אין באַזונדערע אָפּטיילן איז גיכער טעמאַטיש ווי כראָנאָלאָגיש". די ליניע לויפט, אין לאָגישער קאָנסעקווענץ, פון די קלאַסיקערס, דורך טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, צו „די זשיטלאָווסקי־געשטאַלט (וואָס) איז געווען איינציק און אייגנאַרטיק". און איטשע גאָלדבערג פּרוווט אַרויסברענגען אין אַלע עסייען דעם „סינטעז, וואָס ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אַנטוויקלט — יידיש־פאָלקישקייט מיט סאָציאַליזם". אַזוי ציט דער מחבר אַן אידעיִשע גאַנצקייט דורך אַ ל ע עסייען פון בוך. אין טעמאַטישן זינען נייגט ער ניט אָפּ פון מחשבה־שנור, וואָס זיין סימן־מובהק איז דער דרייוואָרט־צירוף: אַרום את המענטש. די הדגשה פון סאָציאַלן מאָמענט איז די כאַראַקטעריסטיק און דער קאָלאָריט פון די עסייען, אין וועלכע עס רעפלעקטירט זיך די יידישע ליטעראַטור. אין דעם אַספּעקט איז עס — און מוז עס זיין במילא — אַ מער טענדענציעז צוגעקליבענע טעמאַטיק, אָבער, לכל־הדעות, אָן דעם צומיש פון וווּלגאַרן קלייזלדיקן קליִיען.

אָפּטייל ב איז דער וויטערדיקער טעמאַטישער גאַנג: „נאָך 60 יאָר (די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ)" און „דער שטורעם־פויגל פון יידישן קולטור־רענעסאַנס (חיים זשיטלאָווסקי)". אָבער דאָ קומט אַ קליינער שפּרונג צו נחמן מייזיל און — צוריק — צו קלמן מרמר (ביידע צו 2 עסייען). אין די שפּרינגענישן איבער צייט, פילט מען דעם בלויז וואָס בלייבט אָ פּ ן אין דער טעמאַטיק. איטשע גאָלדבערג, אין „אַ וואָרט פריִער", פאַרענטפערט עס מיט „אַ שאָד" און מערקט אָן נעמען פון „אויסגעלאָזטע": בערגעלסאָן, לייב נײַדוס, משה לייב האַלפּערן, לייוויק, און „שפּעטערע": עלי שעכטמאַן, אַבֿרהם סוצקעווער. די אַלע אויסגערעכנטע וואָלטן געגעבן אַ פולערן טעמאַטישן אויסשעפּ, צי בילד.

אָפּטייל ג באַשטייט פון 2 אינטערעסאַנטע און פיינע עסייען, מיט פּרעציזן אַנאַליז און ציטאַטן. דער ערשטער רעפלעקטירט אויף „דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון די ערשטע אַרבעטער־פּאָעטן אין אַמעריקע". דער צווייטער — אויף „100 יאָר יידישע ליטעראַטור און פּרעסע".

אָפּטייל ד — 2 עסייען וועגן „יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד". די עסייען דאַרף מען לייענען, כּדי צו פאַרשטיין דעם באַנייטן איטשע גאָלד־

בערג, וואָס איז געווען פון די דורכבבערכערס פון דער פרומער דאָקטרין־ליניע. ער שטעלט אַרויספאָדערנדיקע שאַרפע קשיות און פאַרלאַנגט קלאָרע ענטפערס. אין אָפּטייל ה מוז מען לייענען די 3 ערשטע פּראַקטיק־סטיליזירטע עסייען וועגן איציק מאַנגער. דאָ ווערט אַרויסגעבראַכט די פּאָעטישע גלאָריע פון מאַנגערן אין פולע גאַמעס פון באַגײַסטערטן לשון. די אַנדערע זענען בערגרין — 2 עסייען, זישע ווײַנפּער א״אַ. אַ באַזונדערן עסיי האָט חיים סלאָוועס. אָפּטייל ו איז „די געטאָ־טעמע אין דער ייִדישער פּאָלק שאַפונג״. און ז — 7 שרײַבערס און דיכטערס. אָפּטייל ח איז דער עיקר־קאָמפּלעקס פון דעם טעמאַטיק־אויסקלײַב, עפּעס ווי אַ מין קראַנקער אַפּענידקס. אויב איטשע גאָלדבערג האָט געוואָלט האָבן, טעמאַטיש, אַ געשלאָסענע רעם, האָט די לעצטע זײַט פון בוך געדאַרפט זײַן 406. דאָס צוטשעפּען דעם הוספה־עסיי, „יצחק באַשעוויס זינגער אין די ייִדישע ליטעראַטור״ (409־431 זז׳), האָט ניט געטאָרט אַרײַנגיין בײַם התימת־הספר. ס׳איז ניט נאָר אַ יוצא־דופנדיקער אויפטו, נאָר בפירוש אויך אַ טעם לפּגם, אין אַ בוך וואָס איז, ביז דעם עסיי, טעמאַטיש גוט אָרקעסטרירט. אַוודאי מעג מען זאָגן אַ וואָרט פון קריטיק, ווי שאַרף ס׳זאָל ניט זײַן, וועגן יעדן שרײַבער — ווי גרויס ער זאָל ניט זײַן, — און מסתמא איז באַשעוויס אויך מסכּים מיט דעם.

## ג

אַנאַליז און קריטיק: איטשע גאָלדבערג אָפּערירט מיט אַט דעם טאָפּל־אינסטרומענט גאַנץ געניט, עלעהיי אַ שער, וואָס איין שאַרף איז אַנאַליז, די צווייטע — קריטיק. מיט ערודיציע פון אַ ליטעראַטור־קענער און לערער, צעגלידערט ער דעם שטאָף, קומט צו אַ לאָגישן אויספיר און טראָגט אַרויס זײַן פּסק. ער טוט עס מיט שׂכלדיקן אַרײַנדרינג אין ליטעראַרישן אָביעקט, וועלכן ער באַהאַנדלט. בעת אַזאַ אָפּעראַציע בלײַבט ער קאַלט־פאָרשעריש, ניט אַרײַנגעפלאָכטן עמאָציאָנעל, אָבער דאָך פילט מען אַ וואַרעמע טעמפּעראַטור אין זײַן קריטיק. ער זוכט אַרויס פון די ווערק זייערע עסענציאַלע קערנדיקע איינסן, כּדי צו זען דאָס גאַנצע, אין דער אמתדיקער דימענסיע און געהעריקער פּערספּעקטיוו, פון אַלע זײַנע ווינקלען: נאַציאָנאַל, סאָציאַל, גײַסטיק, און אַפילו אויך חושימדיק. פאַר וואָס חושימדיק? ווײַל עס איז ניט נאָר די יצירה, נײַערט אויך איר יוצר — און מיר פילן דעם אַ לעבעדיקן כּמו־אָרגאַנישן באַריר מיט דעם, וואָס האָט אַרײַנגעאָטעמט זײַנע ספּיריטועלע פונקען אין דער יצירה. איז עס ניט בלויז פּיעטעט פאַר די שאַפונגען, נאָר אויך אַ טיף נשמהדיקע ליבשאַפט צו די שאַפערס. דאָס טיילט גאָלדבערגן גרונטיק אויס פון די קריטיקערס, וואָס זעען פאַר זיך בלויז דעם אויסגעפאַרטיקטן פּראָדוקט.

איטשע גאָלדבערגס קריטישער קאָמפּאַס ווײַזט אין דער ריכטונג מענטש. מיט עקזאַלטירטע טענער רעדט ער וועגן דער שיינקייט פון אַ ווערק, אָבער

מער נאָך וועגן גײַסט פון זײַן מײַסטער און די עטישע מאָטיוון, וואָס זענען די באַוועגערס פון זײַן שאַפן. זײַן קריטיש־אַנאַליטישער יסוד איז דער סאָציאַלער אַספּעקט — און אין אָט דעם ליכט שײַנען בײַ אים די גדולים פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אַגבֿ, ער זוכט צוזאַמען די שייכפּינטלעך, אויך בײַ די ווינציקער באַקאַנטע ייִדישע שרײַבערס, אין זײַן בוך. די צוויי עסייען וועגן פּרץ און שלום־עליכם, און דרײַ וועגן מאַנגערן, זענען מוסטערן פון עסייִסטישער קונסט: ער דערפֿילט צו די הייכן פון די דרײַ גאָניאַלע פּערזענלעכקייטן, און דערגרונטעוועט זיך צו די טיפֿן פון זייערע ווערק. בײַ י. ל. פּרץ קומט אויף זײַן נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער שטאַלץ, זײַנע געשיכטעס — דער יאָדער פון דער פֿאָלקישער נשמה. דער פּרץ־אַנאַליז — „דער גאַנצסטער ייִד פון אונדזער עפּאָכע" — רעפֿלעקטירט אויף דער מאָנומענטאַלער פיגור אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מיר זעען אין איר גאַנצער גרייס די קאָלירפולע געשטאַלט און אירע אויסשטראַלונגען, אין דער קריטעריע פון די פֿאָלקישע און מענטשלעכע ווערטן, וואָס ער איז געווען זייער פֿאָנטרעגער. פּרץ האָט „געפּאַטערט" די ליטעראַטור פון פֿאָלק, זאָגט גאָלדבערג, און די פּרציאָנישע שיטה איז איינער פון די הויפּט־זײַלן, אויף וועלכע עס שפּאַרט זיך אָן די ייִדישע ליטעראַטור, מיט איר ייִדישן און מענטשלעכן „לעבן־באַנעם". שלום־עליכם איז „אָפּגעשפּיגלט" מיט די שטראַלנדיקסטע ליכטפֿאַרבן פון דער פּריזמע, ווײַל ער רעפֿלעקטירט „דאָס גאַנצע פֿאָלק". זײַן געשטאַלט איז געמאָלן אין גראַנדיעזע ליניעס, ווײַל ער פֿאַראייביקט אין זײַנע ווערק „דאָס טיף מענטשלעכע, דאָס אוניווערסאַלע דאָס פֿאָלק־נאָענטע און דאָס האָפֿערדיקע". איין פֿאָלקישער אַני־מאמין קלינגט פון די ווערק פון שלום־עליכם און מענדעלע און פּרץ.

די איציק מאַנגער־עסייען טיילן זיך אויס, וואָלט איך געזאָגט, מיט זייער מוזיק און מיט פּלאַסטערדיקע אינטאָנאַציעס. אַוודאי איז עס דער חסד פון דער גאָלדענער פֿאַווע און, אויך, ווײַל יעדער לייענער הײַנט, איז נאָך אַלץ אַ מאַנגער־חסיד, מחמת דער אַזוי נאָענטער פּערספּעקטיוו. אויב אין די גאָלדבערג עסייען איז פֿאַראַן אַ ספּעציפֿישער לייען־ריטעם, בכּלל, פֿילט זיך אָבער אָפּ אַ באַזונדער געזאַנג־ריטעם אין די עסייען וועגן מאַנגערן, ווי דער בעל־העסייען וואָלט מאַנגער־שיכּור געווען בעתן שרײַבן זיי. איטשע גאָלדבערג פּרוווט אַנאַליזירן דעם מאַנגער־פֿענאָמען מיט ציִען פּאַראַלעלן, צו ערשט מיט שלום־עליכמען; מאַנגער, לויט אים, גייט „מיט שלום־עליכמס וועגן". אַזאַ פּאַראַלעל איז עלול זיך צו ציִען מי יודע ווי ווײַט (ווײַל ער הויפּט טאַקע אָן גרויסע שרײַבער־ און קינסטלער־נעמען), אָבער ער קען ניט דורכשנײַדן דעם פּאָעטישן האָריזאָנט פון מאַנגעריזם, וואָס איז אומפֿאַרגלײַכיק אין זײַנע אַנטפּלעקונגען.

גאָלדבערג, געטרײַ זײַן סאָציאַלן אַנאַליז, פֿאַרפֿעלט ניט צו זען בײַ מאַנגערן „דאָס ליד פון נויט". אָבער ס'איז ניט ס'ליד פון אַ מאָנער און קעמפער, ווי אַ לייוויק צי אַ משה־לייב, נאָר פון אַ געזאַנג־מײַסטער, וואָס לעבט מיט דער וויזיע פון מוזיק. אין די עסייען האָט איטשע גאָלדבערג געכאַפּט אַ קורצן אַרײַנ־

בליק אין חלום־לאַנד פֿון מאַנגערן. די עסייען זענען פֿײַן, ראַפֿינירט, געשליפֿן, אַ מין קאָמפּאָזיציע פֿאַר זיך.

בכלל איז דער מהות פֿון די גאָלדבערג־עסייען, זייער אַנאַליז און קריטיק, דאָס אַרײַנגראָבן זיך אין די טיפֿערע פּלאַסטן פֿון ליטעראַרישן באָדן, ווי גרויס צי קליין דער שטח און זייער שאַפֿער זאָלן ניט זײַן. די צווייטע פֿאַזע: דאָס אַרויסאַנטפּלעקן די וואָרצלען און זוימען פֿון יעדן יוצר און יצירה, איז אַ באַ־טײַטיקע אינטעלעקטועלע אַרבעט. די אַנאַליטיש קריטישע עסייען פֿון איטשע גאָלדבערגס צייכענען אָן נאָך אַ שטעג אויף דער ליטעראַרישער ייִדיש־מאַפּע.

## ד

*לשון און נוסח:* איטשע גאָלדבערג איז ניט בלויז אַ בעל־לשון, נאָר מער נאָך: אַ שפּראַכעסטעט וואָס איז זאָפּגעהיט מיטן ייִדישן וואָרט, זײַן אויס־לייג, דיקדוק און ניקוד. פֿילן מיר עס אין די עסייען אין יעדער שורה. זײַן שרײַבמאַניר איז אַ לשון־חכמים, די שפּראַך פֿון אַ ייִדישן געלערנטן. און די סיבה איז שוין אָנגעגעבן בראָש המאמר: „פֿאַרליבט אין ייִדיש״. און האַנט אין האַנט מיט אַן אײַפֿערדיקער ליבע גייט די פּראָפֿעסיע: „פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך״. איז קיין וווּנדער ניט, אַז די עסייען זענען געשריבן אין אַ לעבעדיק־פּולסירנדיקער שפּראַך, וואָס פֿאַנגט דים לייענער. די שפּראַך איז דאָ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קונסט־מכשיר, וואָס בייגט זיך צום רצון פֿון איר מײַסטער, און די קלאָר־פֿאָרמולירטע געדאַנקען גליטשן זיך גלאַטיק אין מוח פֿון לייענער. טאַקע צוליב דעם שפּראַך־קאָמפּאָנענט אַליין, לייענען זיך די עסייען מיט טעמי־ייִדיש, מיטן היימיש־ייִדישן טראָפּ. און ווײַל שפּראַך איז דאָס אָפֿענע פּנים פֿון נוסח, ווערט זי דאָ אויף אַ נאַטיר־לעכן אופֿן פֿאַרוועבט אין אָריגינעלן נוסח פֿון מחבר — נוסח איטשע גאָלדבערג. יעדער עסיי, לויט זײַן אימפּעט און טעמפּעראַטור, פֿליסט מיט אַ גלײַכמאָסי־קער שטראָמיקייט, ניט איבעררײַסנדיק דעם געדאַנקען־פֿאָדעם. אָבער סײַ די מיט געיאָג און סײַ די בנעימות־עסייען, זענען תּמיד ניוועלירט צו אַ געוויסן ריטעם. און אַלע אַנאַליזן, קריטישע פֿאָרמולעס, פֿאַרגלײַכן, שווימען מיטן לשון־קאַנאַל צום גאָלדבערגישן נוסח. און ס׳איז ניט נאָר דער ריטעם פֿון די פֿײַן־סטיליזירטע עסייען, ס׳איז אויך זייער ניגון, וואָס קומט פֿון צונויפֿשמעלץ פֿון וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן און אידיאָמאַטישן לשון. די עסייען פֿאַרמאָגן אויך מאַסיווע עלעמענטן פֿונעם קלאַסישן נוסח פֿון דער ייִדישער קריטיק. מ׳טאָר אויך ניט פֿאַרזען דעם אַקאַדעמיש־פֿאָרשערישן נוסח מיט גענויִקייטן און פּינקטלעכקייטן פֿון ציטאַטן, נעמען, יאָרן, וואָס דער מחבר נוצט. די קלוגע און קאָאָרדינירטע קאָמבינאַציע פֿון די אַלע עלעמענטן, סינטעזירט מיט לשון־ניקייט און מחשבֿה־פֿרישקייט, איז ד ע ר נוסח וואָס גיט דעם בוך זײַן ליטעראַריש־קריטישן סטאַטוס. ס׳איז דער נוסח פֿון אַ מין ניי־קלאַסישן עסיי,

ווו אַלע רייד פירן צו איין צילפּונקט: דעם מחברס קאָנצעפּציע, דאָס מיינט: די סאָציאַל־פילאָסאָפיע וואָס גרונטיקט אין די עסייען. ס'איז די אייביקע פּראָבּלעמאַטיק פון פאָלק און מענטש, וואָס קיין מאָל איז ניט עבֿר זמנה. דאָס געראַנגל פאַר פאָלקישע, צי נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אידעען, וואָס איז דער נבֿס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע שאַפערס, איז דער קאָנצענטרירטער קרייזפּונקט אין אַלע גאָלדבערגס עסייען. אַ קיצור פון די שליסל־פּאָזיציעס: ייִדישע קולטור און לשון; סעקולאַריזם און אַ סאָרט „צוגעשניטענע", לויט אַ באַשטימטן נוסח, טראַדיציע; הומאַניזם און עטיק; סאָציאַליזם און פרייַהייט. די טערמינאָלאָגיע איז אַן עצם יסוד און זינען פון אַלע רייד און אַרגומענטן, וואָס קומען אין די עסייען.

אונדזער כּוונה איז געווען אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג און ניט אַרויסברענגען מיינונג־פאַרשיידנקייטן. על־כּן האָבן מיר אַקצענטירט דעם מהותיקן מאָמענט, און פאַר איין וועגס אַרויסגעבראַכט דעם אַני־מאמין פון איטשע גאָלדבערג, ווי ער מאַניפעסטירט זיך אין די עסייען. בײַ דער געלעגנהייט איז אויך נייטיק אָנצוווײַזן, אַז דער מחבר פון די עסייען איז אויך דער זעלבער מענטש, וואָס שטייט הײַנט אין שפּיץ פון אַ באַוועגונג, וואָס ווי אַלע פאַרעלטערטע רעשטלעך ייִדישע פּאָליטישע באַוועגונגען, ציט זי ניט נאָר איר יחוס, נאָר אויך איר טעאָריע, פון אויסגעטריקנטע קוואַלן, פאַרסמטע פון די באַצילן פון אַ דעספּאָטישטיראַנישער תּקופה. צום זכות פון איטשע גאָלדבערג, ווי שוין דערמאָנט, דאַרף קרעדיטירט ווערן זײַן אויסמאָדעלירן און אויסקנעטן אַ פּרינציפּיעלן באַזיס פאַרן קיום אירן אויף דער ייִדישער גאַס. חוץ דעם איז ער אויך עוסק אין קולטורגעזעלשאַפטלעכער אַרבעט און איז דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטשריפט ייִדישע קולטור, וואָס שטייט אויף אַ גאָר בכּבֿודיקן ליטעראַרישן ניוואָ.

בכן, פאַר דעם אינטעלעקטואַל און דענקער איטשע גאָלדבערג איז שרײַבן די עסייען ניט געווען נאָר אַ ייִדישע אונטערנעמונג, אין זײַן ברייטן קולטורפעלד, נאָר — פאַר אים — אַ זאַכלעכער און נייטיקער באַדאַרף אַרויסצוברענגען זײַנע מיינונגען אין אַן אָביעקטיוון און לאָיאַלן מאַניר, ניט פּאָלעמיזירנדיק מיט אַ קעגנערישן צד; חוץ, פאַרשטייט זיך, ווען ער באַהאַנדלט אַזאַ טעמע, ווי די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור, רײַסן זיך אַדורך נאָטן פון ביטערניש און ווייטיק פון אַן אַנטוישטן גלייבער.

אָבער אין גאַנצן און גאָרן איז באַשטייִק דער כּישוף פון די עסייען: אין אויסגעשליפענעם לשון און באַזונדעראַרטיקן נוסח, אין ערנצט־לומדישער, אַנאַליטישער און קריטישער עמקות, אין פײַן צוגעקליבענער טעמאַטיק וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע קלאַסיקערס; די אַלע יסוד־עלעמענטן גיבן דעם בוך פון איטשע גאָלדבערג זײַן בכּבֿודיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די גאָלדענע קייט, נומ' 110, 1983.

# דער אַליין־שטראַלנדיקער דיכטער

## א

יעקבֿ גלאַטשטיין איז פֿון זײַן סאַמע ערשטער שורה ניט אַרײַנגעדרייט געוואָרן אין קרײַז פֿון פּרעמדער באַליכטיקונג. ער איז איינער פֿון די ווייניקע שטערן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס שטראַלט מיט אייגן ליכט און האָט זײַן אייגענעם גלאַטשטיין־אַרביט. דאָס איז דער ליכטאַרביט וואָס קיין גרויסער קינסטלער קען זיך שוין פֿון אים ניט אָוועקדרייען אָדער לחלוטין אַרויסדרייען, אָן שאַדן פֿאַר זײַן נאָמען, פֿאַר זײַן ביסל אייביקייט. פֿאַר איבער 50 יאָר שלאָגט ער אַרויס די פֿונקען יצירה פֿון זײַן אייגענעם אינזיך — אַפֿילו צווישן די „אינזיכיסטן" — און שעפּט פֿולע זשמעניעס געזאַנג פֿון לויטערע ייִדישע קוואַלן. ער צעקײַט די גרויע ייִדישע ווירקלעכקייט מיט ערדענע רייד, וואָס האָבן טויזנט טעמען און צעגייען אין אַלע אבֿרים. דער עיקר אָבער פֿאַרמאָגט ער זײַן אייגן געמיט, וואָס יעדער באַזונדערער קנויט פֿון זײַן טאַלאַנט — פּאָעזיע, פּראָזע, עסיי, קריטיק און אַפֿילו פּובליציסטיק — זויגן פֿון אים. ער איז, אין אַנדערע ווערטער, איינער פֿון די אָריגינעלסטע קינסטלער אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, אַן אַליין־שטראַלנדיקער.

אָריגינעלקייט, ווי דאָס וועזן פֿון זײַן שאַפֿן, טיילט אים אויס באַזונדער (אָבער ניט אָפּגעזונדערט) פֿון דער פּלעיאַדע פֿון די אָנזעעוודיקסטע ייִדישע פּאָעטן און שרײַבערס הײַנט צו טאָג. זײַן שרײַבערישער מזל (אויב ס'איז בכלל פֿאַראַן עפּעס אַזוינס) איז געווען גוט צו אים — אים אויסגעהיט און אויסגעצערטלט אַ מין אייביק שאַפֿערישע אייגענע יונגשאַפֿט, אַ גלאַטשטייניש אינדיווידועלע. דאָס איז אפֿשר דאָס גרעסטע גליק פֿאַר אַזאַ פֿיל־און־פֿאַרשיידן זשאַנערדיקן שעפֿער, ווי גלאַטשטיין איז, וואָס שרײַבט נאָך הײַנט מיט דעם זעלבן יונגן אימפּעט, ניט געמינערט אַ האָר.

דאָס און נאָך עפּעס: אַ סבֿרה אַז די שעפֿערישע ראַיעלקייט פֿון גלאַטשטיינס גאַנצער מי איז צו פֿאַרדאַנקען זײַן לײַבלעכן שותּף — ווײַל דער פּאָעט גלאַטשטיין דאַרף דאָך ווײַט ניט זוכן זײַן אייגענעם קריטיקער. און די עכטע קוואַליטעט זײַנע איז מסתּמא ניט מער ווי די מזל־ברכה פֿון דער דאָזיקער ליטעראַרישער קאָ־עקסיסטענץ — גלאַטשטיין שטעלט גלאַטשטיינען קיין פּיסל ניט אונטער. און זאָלן גלאַטשטיינס אייגענע און באַגלייבטע ווערטער וועגן דעם ריידן פֿאַר זיך. ווען ער אַנאַליזירט די דיסקוסיע צווישן לייענער און פּאָעט, אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, זאָגט ער צווו"אַ: „אַן אומבאַדײַטנדיקער שעפֿער איז זיכער נישט קאָמפּעטענט צו זײַן אַ קריטיקער, ווײַל ער ווײַזט אַרויס אַזאַ

אָרעמען געשמאַק בנוגע זיך אַליין. די קונץ פון אַ גוטן קריטיקער באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס ער האַלט זיך איין און האַלט זיך אָפּ פון שאַפן אומבאַ־דייטנדיקע אייגענע ווערק, כּדי זיך אַליין צו פּסלען ווי אַ קריטיקער". די פאָרמל איז דאָך ווי „גענומען אַ מאָס" פון זיך אַליין — איז דאָס טאַקע זיין וועג און זיין מוסטער פון גוטער פּאָעזיע און קריטיק — ביידע צוזאַמען.

אַזוי אַרום איז גלאַטשטיין אַ פרומער ניזהר אין איכות און מהות פון ליד, אָבער ער איז ניט צוגעקאָוועט צו פאָרעמס, צו סטאַנדאַרט, צו קלישע. ווייל דער שעפערישער עלעמענט איז אין דער באַזעלטקייט און דורכלעבונג פון דאָס געשריבענע, ניט אין דער מלאָכה וואָס מעג אַפילו זיין טעכניש פּערפעקט. דאָס צו באַשטעטיקן איז כּדאַי צו ציטירן נאָך אַ פּאָר שורות פון איינע פון זיינע פיינע און קורץ־צוגעשניטענע קריטישע עסייען, — און גלאַטשטיין איז אַ מייסטער פון צימצום, — ווו ער אונטערשטרייכט, אַז אינספּיראַציע איז דער יסודותדיקער באַדינג פון עכטער און פּרוכטיקער שעפערישקייט: „דאָס (אינס־פּיראַציע) איז די דערהויבונג וואָס מאַכט דעם דיכטער אויף אַ מאָמענט שענער, קלוגער, וויכטיקער, באַגלויבטער און נאָבעלער פון זיך אַליין. אַ פּאָעט וואָס שרייבט אָן אינספּיראַציע... ווייזט זיך בלויז אין אַן אויסגעלאָשענער מדרגה. נישקשה, אַ פּאָעט מעג וואַרטן אויף רוח־הקודש, ווייל ערשט מיט רוח־הקודש ווערט דער רוח־החול אויך דערהויבן". איז עס, ווידער, ווי אַנגעמאָסטן פּאַר אים אַליין. און אים, גלאַטשטיינען, קען מען טאַקע „כאַפּן" ביי אַ גרויסן בלויז פון טעמעס, וואָס יידישע דיכטערס און שרייבערס האָבן כּסדר געקוועטשט, אָבער ער האָט זיך צו דעם אַפילו ניט צוגערירט. מסתּמא האָט ער ניט געפילט דעם אימפּולס און די אינספּיראַציע פאַר דעם — האָט ער עס אויסגעלאָזט.

גלאַטשטיין איז אָבער קיין מאָל ניט געבליבן קיין בעל־חוב דער יידישער טעמאַטיק. וואָס ער האָט אויסגעלאָזט אין זיין ליד האָט ער עס פּילפּאַכיק מער דערגאַנצט דורך זיין עסיי און פּובליציסטיק, ווו ער איז דער זעלבער מאַדים מיט וואָרט־און־אידיאָם־דערפינדערישקייט. אין די פּראָזע און־זשורנאַליסטיק־זשאַ־נערס קען ער מער זיך צעפירן די הענט און בעסער פּאָפּולאַריזירן זיינע געדאַנ־קען. און מ'טאָר ניט פאַרגעסן אַז גלאַטשטיין האָט נאָך היינט אַ וועלט־לייע־נערשאַפט אין יידיש, וואָס הערט זיך צו מיט אינטערעס צו זיין וואָרט.

די יידיש „פּרינצעסין שירה" איז אָבער געבליבן זיין עבֿודת־קודש. איר קוקט ער נאָך אַלץ אַריין אין די אויגן, זי איז זיין אייביקייט און זיין לירע איז אָנגעסטראָיעט לויט איר קאַפּריז. די פּאָעטישע שאַפונג זעט ער צו מיט גלאַט־שטיינישער גאַלאַנטקייט, פאַריונגט (ניט פאַרשמינקט) זי מיט אַ פרישׁ וואָרט, מיט אַ ניי זאָג, מיט אַ בריליאַנטענעם אַפאָריזם — און פון זיינע לידער־מטעמים פּאַסמאַקעוועט זיך דער גוטער לייענער. גלאַטשטיין איז אַ געניטער טויכער אין יידיש־ים, וואָס דערבליקט גיכער ווי אַנדערע דעם פאַרהוילענעם שטראַל פון פּערלדיקן וואָרט, פון בליציקן מעטאַפאָר, פון ליכטיקן שאַרפזין. ווי דימענט־לעך זעגען זיי צעשפּליטערט אין די שורות פון זיינע ביכער. עס פאַרכאַפּט

אונדז אומדערוואַרט, פּונקט ווי ס׳האָט אים אַוודאי צום ערשטן מאָל פּאַרכאַפּט — און אין דעם איז פֿאַראַן אַ גרויסע מיטשאַפֿערישע הנאה פֿאַר דעם לייענער.

יעקבֿ גלאַטשטיין האָט נאָך אַ גרויסע מעלה, וואָס ער איז ניט דאָגמאַטיש, ניט לויט דעם פּאָעטישן שולחן־ערוך און אַוודאי ניט געדאַנקלעך־אידעיִש. אָט, דאַכט זיך, איז ער פֿאַר די לעצטע יאָרן מער אָפּגעהיט מיט גראַם און קלאַנג און מעטריק, און כאָטש ער יאָגט זיך ניט נאָך אויסגעשליפֿענע פֿאָרמען, האָט דאָס ביסל צוגעגעבן זײַן ליד אַ נײַעם מוזיקאַליש מעלאָדישן ריטעם. און הגם זײַנע ווײַסע פֿערזן האָבן אַלע מאָל פֿאַרמאָגט די זינגעוודיקע שורה, דאָך האָט זײַן ליד הײַנט מער קינסטלערישע געטאָקטקייט.

פֿון ערשטן טאָג, ביז אויף הײַנט, האָט גלאַטשטיין פֿאַרוואָרפֿן די אַ״ג „קלאַסישע פֿאָרמען״ פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע און זייער פּרימיטיוו סטאַנדאַרט־נעם אויסדרוק. מיר קענען בײַ אים כּמעט ניט געפֿינען די טראַדיציאָנעלע מאָ־טיוון פֿון שטעטל און היים־בענקשאַפֿטן. ער איז אַבסאָלוט ניט מושפּע געוואָרן פֿון דער דאַזיקער פֿאַר נעכטיקער ירושה. ער האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָף־טשיפּעק פֿון דעם אַלטן קאָפּ פֿון דער באָבעשי־ייִדיש און האָט איר אַרויפֿגעזעצט אַ גילדענעם קרוין, וואָס האָט איר ווי דורך אַ כּישוף צוריקגעגעבן אַ נײַע יוגנט. און בײַ דער געלעגנהייט ווילט זיך אָן איבעריק מאָל פֿעסטשטעלן, אַז יעקבֿ גלאַטשטיין איז הײַנט איינער פֿון די מאָדערנסטע דיכטער אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ער איז ניט געבליבן פֿון יענער זײַט ייִדישן לעבן, פֿון יענער זײַט וועלט, ווײַל ער גייט דעם פּאָעטישן וועג פֿון יונגשאַפֿט.

יונגשאַפֿט הייסט האַריזאָנטן, דראַנג, זוכן, שטרעבן, ניט בלײַבן אײַנגעע־שלאָסן אין דער ענגשאַפֿט פֿון זיך, נאָר אויך געבן אויסדרוק און דערפֿילן די ברייטע וועלט און אירע מאָדערנע שטרעמונגען פֿון אין זיך. דאָס איז דער גלאַטשטיין, וואָס האָט אַ סך געלערנט פֿון דער גרויסער וועלט־ליטעראַטור און ניט איין מאָל פֿאַררופֿט ער זיך אויף אירע מוסטערן און ברענגט אַנאַלאָגיעס פֿון דער הײַנטצײַטיקער שעפֿערישקייט. אירע גוטע זײַטן און אירע קריטעריעס זענען אים אַ פּנים שטאַרק צו ניץ געקומען אין זײַן שעפֿערישער אַרבעט אויף אַלע געביטן.

גײַסטיק איז ער אָבער אויך פֿון דער וועלט־פּאָעזיע ניט אינספּירירט גע־וואָרן. ער איז געבליבן כּולו ייִדיש און געוואָרן דער מײַסטער פֿון אַ נײַ ליד: „ווער ס׳האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וועלט, / איך — אויף ייִד״. און די ביידע שורות זענען כּולו אמת.

אָט האָט ער גענומען אַזאַ נעכטיקע און פֿאַסצינירנדיקע טעמע, ווי די גע־שטאַלט פֿון בראַצלאַווער און האָט עס פֿאַרהײַנטיקט. ער האָט פֿאַר דעם בראַצ־לאַווער אויפֿגענייט אַ ליטעראַריש הערלעכן מלבוש, וואָס ליגט אויף אים ווי אויסגעגאָסן. דער ציקל לידער איז אַ פּאָעטישער שעדעווער אין ייִדיש. ער האָט אַלע דורכגעלעבטע נשמה־צאַפּלענישן און דורכגעמאַטערטע נשמה־וואַק־לעניש פֿון דעם גרויסן ייִדן ר׳ נחמן בראַצלאַווער, דורכגעפֿילטרירט דורך דעם

גלאַטשטיין־געמיט, אין אַ גלאַטשטיין־נוסח, און מיט פאַלקסטימלעך פּראָסטאַ־קישן זאַלץ באַשפּרענקלט. די געדאַנקען — ווי אַן עיקר — זענען אָבער אַרויס־געקומען קערנדיק, תמציתדיק, תפילהדיק, ביז דער העכסטער מדרגה פון אויפ־ריכטיקייט — אויפריכטיק מיט דער סאַמע פשוטקייט פון ערדישן פּילן און טראַכטן. עס איז לחלוטין ניטאָ דער פרומאַקיש־צדיקישער אָנשטעל פון הימל־דיקער רוחניות:

פאַרגוף מײַן נשמה און גיב מיר כוח צו לעבן,
פאַרשטאַלץ מיך נישט מיט צופיל קדושה,
שענק מיר דעם שטרויכלערס תענוג
פון שטילע זינד און שעמעוודיקער בושה,
און מײַנע זינד שפּיגלען זיך אין דער בושה,
ווי דערשראָקענע אויגן פון אַ פאַרהויכטן שפּיגל.
צוזאַמען ווערן מיר פאַרקינדישט
און מיר שלאָפן אײַן אין שטילן וויגל.
אינדערפרי קוק איך אַרויף צום הימל
און שיק אַרויף שטומע לידער.
כ׳דערפיל די ברכה פון לעבן אין טאָל
און דעם גן־עדן פון דער נידער.

די דאָזיקע ווונדערלעכע מער־טייליקע פּאָעמע פאַרמאָגט די קאָנדענסירטע פילאָסאָפיע פון דער גרויסער עטישער פּערזענלעכקייט פון דער חסידישער באַ־וועגונג, ווי גלאַטשטיין האָט עס אויפגעפאַסט. דער גרויסער בעל־מידות, דער בראַצלאַווער, וויל גאָר ניט זײַן קיין ווענוויזער, נאָר עקספּערימענטירט מיט זײַן אייגענער תורה אויף זיך אַליין. און ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז פון נסיון איבער אייגענע גוף און נשמה דאָס געזאַנג פון עכטן לעבן, פון אָרעם מענטשלעך־גופי־קער הייליקייט, וואָס איז אויך נשמה. דער בראַצלאַווער רעדט מיט זאַפטיקע און פריש־מענטשלעכע רייד. פון יידישע ווערטער האָט גלאַטשטיין אויסגעהאַ־מערט אַן אייביקע בראַצלאַווער־סקולפּטור.

די פּאָעמע איז אַ סימן־מובהק פאַר גלאַטשטיינס געקלעטער צום באַרג אַרויף. מיר מעגן זיך דערלויבן אויף אַ מאָמענט אַראָפּצונעמען דאָס קאַפּעלע פון אומבאַרירלעך־פאַרגעטערטער יצירה פון גלאַטשטיינס גרײַז־פאַרשנייטן קאָפּ און הנאה האָבן פון דעם שעפערישן ספּאָרטסמען — זײַן יונגשאַפט וואָס איז פריש־אָטעמדיק, שמעקעדיק, לופטיק און הײַנטיק אַפילו אין זײַן אומעט, אין זײַן טיפסטן לירישן מינאָר.

ב

יעקבֿ גלאַטשטיינס לירישע שורה האָט אַ דינעם צאַפּל פון מונטערקייט, וואָס רעפלעקטירט אין דעם ליכט פון אַ וואָרט אָדער אַ ווילקלאַנג. די שטי־

מונג בײַ אים קומט מסתמא פון אַ מין גוט־ברודערשאַפט מיט די ייִדישע ווער־טער וואָס לעבן אין אים — און לעבעדיקע ווערטער קענען שוין בשום־אופן ניט זײַן אין גאַנצן גרוי, צי גאָר חלילה שוואַרץ. וועט מסתמא קומען איין טאָג דער שפּראַך־פאָרשער, וואָס וועט גרינטלעך צעגלידערן דעם מײַסטערס וואָרט ביז אויף זײַן קערנדיקייט — לאָזן מיר עס פּאַר זײַנטוועגן.

דער בראשית פון אַלע גלאַטשטיינס לידער, די לירישע בפרט, איז דער ערשטער אָנפּלי: „מיינסטנס פליט אָן אַ שורה און דער פּאָעט ווערט מיט איר פּאַרטרויעריקט, אַפילו ווען די שורה אַליין זינגט און איז פול מיט פרייד" („מיט מײַנע טאָגביכער": די ערשטע שורה). גלאַטשטיין האָט געווידמעט אַ פײַנעם אַנאַליטישן עסיי צו דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער דערפאַרונג מיט דער ערש־טער שורה און ווי זי ווערט דער יסוד פון אַ ליד, פון שאַפן בכלל. שיקן מיר אָפּ דעם לייענער צו דער דערמאָנטער עסיי — זאָל ער אויך הנאה האָבן. מיר ווילן דאָ בלויז אַרויסברענגען, אַז גלאַטשטיין, דער פּאָעט, איז אַן אויסערגע־וויינלעכער געזאַנג־מכשף, אויב ער האָט געקענט אויסשפּילן זײַנע לידער־קאָמפּאָזיציעס אין זייער פולער גאַנצקייט בלויז פון דער ערשטער שורה, ווי דעם אָנהייב־אַקאָרד.

פּרוּוון מיר זיך אַרײַנטיפן אין דעם ערשטיקן אימפּולס, אין דעם גײַסטיקן שטויס צו דער געקרוינטער ערשטער שורה זײַנער, וועלן מיר תיכּף באַמערקן דעם אומבאַוווּסט־באַהאַלטענעם און ייִדיש־ציטעריקן אויפשפּראָץ אין זײַן גע־מיט. די עמאָציעס זענען, אין זייער גרעסטן טייל, דורכגעמאָלן אין דער זוני־קער מיל פון קינדהייט. די אַלע לידער ווירקן שטאַרק מיט זייער צוריק־באַ־העפט און דינעם צוריק־ציטער פון יאָרן, ווי דער אויפהיט פון די אָריגינעלע רעפלעקסן, וואָס האָבן זיך אויף אייביק אָפּגעדריקט אויף דעם נעגאַטיוו פון דער גלאַטשטייק־נשמה. די לידער זענען עכטע לירישע און פאַרביק־שטראַלנדיקע בילדער פון קינדישע אָנטפּלעקונגען און פרייד־שטוינונג אין אַ וועלט וואָס איז תמיד נײַ. דעם פּאָעטס קינדהייט איז אפשר דערפאַר אַ מאָרגנדיקע — דער מאָרגן וואָס האָט אים אַמאָל־אַמאָל געשענקט דאָס ייִדיש וואָרט. ווען ווי „אַ קליינער וואַלד־גאָט איז ער געזעסן / בײַ אַן אָזערע און געשפּילט אויף אַ פײַפל. / זײַנע פּיאות זײַנען געווען געקרײַזלט / און די ציצית מיטן טלית־קטן / האָבן געפלאַטערט אין ווינט".

דאָן האָט ער אפשר אויפגעשפּילט זײַן ערשטע פריידיקע סימפאָניע אין ייִדיש־פײַפן. און איצט זאָגט ער אונדז פון יענעם אַמאָל־אַמאָל, אַז „כ'וועל קו־מען מיט אַ געפונענעם וואָרט / אַן איינציק וואָרט פון מאָרגנדיקער קינהייט. / איז עס פון חומש, / אָדער פון סאַמע ערשטן טראַף? / צי פון דעמאָלט, ווען מ'האָט מיך אין טלית / געבראַכט מיט מזל צום דרדקי?"

איז עס ניט בלויז וואָרט, לשון ייִדיש, וואָס גלאַטשטיין האָט געבערענגט צו אונדזער פּאָעזיע־אוצר, נאָר ער האָט מיטגעבראַכט אַ גאַנצן ייִד — פון זײַן קינדהייט ביז צו זײַנע הײַנטיקע 70 יאָר — וואָס זײַן אָפּשפּאָר וויל ער האָבן

אין „דעם סוד פון קליינעם פײַער, / פון שטילן ביסל ליכט; / דעם אומגעריכט פון ערשטן מענטשלעכן געטרוי, / דעם טוי פון אַ קינדערשן שמייכל".

ווײַל בײַ גלאַטשטיינען, וואָס שפּילט אויף דער פולער גאַמע פון יידישע טענער, איז שפּראַך ניט בלויז אַ מיטל, נאָר זי איז די האַרציקסטע סטרונע פון פּאָעטישן ווידערקלאַנג און ווידערשפּיל; די איידלקײַט און דינקײַט פון וואָרט, די גראַציעזע בייגעוודיקייט פון זילב. ער איז אין דעם זין אַן אַליידישער דיכטער, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע יידישע וועלט, אָבער צו דער זעלבער צײַט איז ער אויך אוניווערסאַל אין ברייטסטן באַגריף פון וואָרט. בײַ אים איז עס קיין סתירה ניט, נאָר דער סינאָנים פון די צוויי עלעמענטן. עס איז דער דורכזיכטיק־געלײַטערטער יידישער טרויער פון זײַן קינדהייט מיט דער ניט געשטילטער און אַפילו לײַדנשאַפטלעכער גאָט־זוכעניש אין קאָסמישע געפילספערעס. דאָס זענען די ראַפינירט־שאַרפע אַנטפּלעקונגען, אײַנגעהילט אין פּאָעטישע אימאַזשן, אין זײַנע לידער. עס איז דאָס מענטשלעך־אייביקע, באַרירט מיט דיגע יידיש־אַטאַוויסטישע פיל־הערנערלעך. עס איז דאָס אָנטאָפּן מיטן הוילן וואָרט די אייביקע סודות פון לעבן און טויט. ער ברענגט אין דער יידישער פּאָעזיע די התגלות פון אַליידישן דורותדיקן סינטעז אויף דעם באָדן פון אַלמענטש.

יעקבֿ גלאַטשטיין שיקט זײַנע ווערטער מיט אַ ציל: צו דערפילן דעם טיפערן זין פון מענטש־און־תכלית־הבריאה. דעריבער אפשר גריבלט ער זיך ניט מיט דער געוווינטער פּאַרגאַליקטער אַנגעביטערטקייט פון אַ הילפלאָזן אינדיווידום, נאָר זינגט זײַן ליד מיט סטאָישער שלווה, אַפילו מיט דאַנקשאַפט:

האָסט מיר יעדער טאָג פאַריאָרט
און מיר צוגעשפּאָרט אַ לאַנג לעבן.
...האָסט יעדער טאָג אָנגעזעטיקט
און מיט קלוגשאַפט
מיר אָפּגעצאָלט.

דעריבער:

אין דײַן האַנט טרוי איך מײַן רו
אין דײַן גוטער האַנט.

ווײַל גלאַטשטיין, דער פּאָעט, האָט מורא צו בלײַבן אַליין, וויל ער בלײַבן מיט אים:

די איינזאַמקייט פּאַסט מיר ווי אַן אַלטמאָדיש נאַכטהעמד.
וואַרף מיך ניט אַוועק
אין מײַן געפּלעפּטער שרעק.

בדרך־כלל אַנטלויפט ניט גלאַטשטיין פון מאַטערנדיקע פּראָבלעמען אין אַן עיר־מיקלט פון אַבסטראַקטע באַגריפן און באַפּאַנצערט זיך ניט מיט אַ שילד

פון סימבאָלן, וואָס פאַרטושן און פאַרנעפּלען דאָס ליד. ער איז אין זײַן געזאַנג דער בירגער פון לעבן, פון קיום־הייד און קיום־האדם. אין דעם זינען איז זײַן ליד ניט פאַרפּלאָנטערט און ער אַליין וויל ניט אַנטלויפן פון דער לעבעדיקער וועלט און איר פּראָבלעמאַטיק. זײַן ליד איז אויך ניט קיין עסקייפּ פון זיך.

און די דאָזיקע לידער פון בלאָנדזשעניש און זוכעניש און פּלאָנטעריניש האָבן אַפילו אַ גוטמוטיקן אונטערטאָן, אַ פילאָסאָפישע רויִקייט וואָס איז גאָר ווײַט פון דער הבֿל־הבֿלימדיקייט פון קהלת. גלאַטשטיינס ליד איז דער לעבעדיקער צאַפּל פון מענטש — אַ כאַראַקטעריסטישער קענצייכן זינט זײַנע ערשטע לידער. אַ גרויסער טייל פון די לידער זענען באַהויכט מיט אַ דינעם הומאָר, וואָס נייטראַליזירט די סאַמע אומעטיקסטע שווער־געלאָדענע שורות. די גראָטעסקע שורה שטרײַכט אונטער מיט אַ דיק שאַרפן קאָליר די שטימונג, עס טוט אַ בליץ מיט ליכטיקן געמיט. דעריבער איז זײַן ליד ניט פאַרזאָרגט און ניט בייז, נאָר צעשמייכלט, מיט ליבשאַפט, ווי שטיפעריש־לוסטיקע וואָנצעלעך (ניט וואָנצעס), וואָס האָבן אַ נאַטור יונגנטלעך צו קיצלען, רייצן, שטעכן, אָבער אַוודאי ניט ווי טאָן.

יעקבֿ גלאַטשטיין פעלשט ניט אין זײַן שרײַבערישער שליחות. ער „שפּיאָנירט" אַליין כּסדר נאָך זײַנע אייגענע שעפערישע פּוסטריט, אָבער מיט אַ גוואַלדיק אַנטוויקלטן געזעלשאַפטלעכן חוש שפּירט ער אויך נאָך דאָס ייִדישע לעבן אַרום און אומעטום. הײַנט נאָך לויפט ער נאָך דעם ייִדישן לעבן מיט יונגע טריט און איז אויף די שפּורן פון זײַנע אַלע דערשײַנונגען. ער שטעמפּלט זיי אויף דער הייסער מינוט מיט ליד, מיט קריטיק, מיט קאָמענטאַר. זײַן זשורנאַליסטישע שפּירעוודיקייט גראָבט אָבער טיפער ווי דער רעפּאָרטאַזש, זי איז אײַנגעראַמט אין בילד און שטימונג וואָס לעבט לענגער ווי דער דויער פון טאָג. דער געשיכטלעכער ווערט פון גלאַטשטיין־קאָלום, וואָס שפּיגלט אָפּ אַלגעמיינע און ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון פּאָליטישן, קולטורעלן און ליטעראַרישן כאַראַקטער, וועט נאָך מער וואַקסן, ער איז פון אַ לענגערער צײַט־דיסטאַנץ. ער איז הײַנט דער פּען־מענטש פון דער ייִדישער בעסערער זשורנאַליסטיק. און גראַד דער צײַטונג־פּאָזיציע, וואָס פּאַטען מיט אַ סך אַ קלענערער קראַפט ווי יעקבֿ גלאַטשטיין קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ, האָט ער צוגעגעבן חשיבֿות מיטן כּוח פון זײַן וואָרט.

אַפילו זײַן זשורנאַליסטיש וואָרט איז כּוח פון יונגשאַפט, וואָס איז געוואַקסן און וואַקסט אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו זײַנע יאָרן. אויף אַלע שעפערישע געביטן איז גלאַטשטיין דער יש און נס פון יונג בלײַבן, אַז דאָס וואָרטשפּיל יונג ווערן 70 זינגט זיך צוזאַמען כּמעט נאַטירלעך מיט זײַנע 70 יאָר. און ס'איז אפשר מער ווי אַ צופאַל אָדער אַ קאַפּריז, וואָס זײַן לידער־בוך פון מײַן גאַנצער מי, וואָס צייכנט אָפּ די שעפערישע תּקופה 1919—1956, איז צוזאַמענגעשטעלט פון הינטן אַרום, ד"ה: דאָס בוך בלעטערט זיך פון הײַנט אויף צוריק, צו דער קינדהייט. אפשר איז אין דער כּמו־טעכנישער עובֿדה שוין פאַראַן דאָס

שעפערישע צוריקלעבן, ווי מיר האָבן עס שוין אויבן באַמערקט. עס איז די קינדהייט־יונגשאַפט, וואָס נערט אומאויפהעריק דעם מאַן גלאַטשטיין, זינט ער האָט אָנגעשריבן זײַן ערשטע שורה מיט איבער 50 יאָר צוריק.

ג

צו 60 יאָר האָט גלאַטשטיין אײַנגעזאַמלט די פרייד פון זײַן גאַנצער מי — פּלוס 10 יאָר פרייד ביז הײַנט. ווי גרויס איז די דאָזיקע פרייד? די מאָס פון שעפערישער פרייד איז אַוודאי צווישן די גײַסטיקע דימענסיעס, הגם דער שעפער פילט עס, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, אויך פיזיש. אַזאַ פרייד קומט צום אויסדרוק אין סאַמע קאָנצענטרירטן איינס — אין וואָרט. און די פרייד האָט גלאַטשטיין פול איבערגעלעבט ווי אַ פּאָעט — דאָס גערעַנגל מיטן וואָרט כּדי אים אַרײַנצופּרעסן אין דער סאַמע קאָנצענטרירטסטער פאָרעם. און יעקבֿ האָט זיך געראַנגלט און איז אים בײַגעקומען, ווי אין חומש שטייט — ער האָט מיט די ווייניקסטע ווערטער געשאַפן דאָס גרויסע ליד. אַ מאָל האָט מען עס גערופן תּמצית פון וואָרט, הײַנט וואָלט מען עס אפשר געדאַרפט פאָרמולירן אין גײַסט פון דער צײַט — ווי דער צוזאַמענהאַלט פון וואָרט־אַטאָמען מיטן כּוח פון פּאָעט. און גלאַטשטיין טוט עס מיט שׂכל און האַרץ. דאָס איז די גײַסטיקע ענערגיע וואָס איז קאָנצענטרירט בײַ אים אין מעגלעך־קלענסטן שטח — גלאַטשטיינס וואָרט־רעאַקטאָר אַרבעט מיט פּרעציזער פײַנקייט. דעריבער טאָר מען ניט צוזאַמענחשבונען קרעמעריש דעם נומערישן כּך וכך פון אַזאַ וואָרט־קינסטלערס פּראַצע, וואָס אין זײַן יעדער שורה, אין יעדער סטראָפע, אין יעדן ריטעם איז שוין פאַראַן אַ פאַרגאַנצטע סומירונג פון די בלײַבנדיקע ווערטן פון זײַן גײַסטיקן רכוש. זײַן שעפערישער קרעדיט אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קאַסע איז פײַער־זיכער פאַר דעם הײַנט און פאַר דעם מאָרגן.

די גלאַטשטיינישע שורה האָט איר אייגענעם האַרצקלאַפּ, איר ייִדיש צאַפּל, איר באַזונדערן מוזיקאַלישן ריטעם. ער איז אַ מײַסטער פון אייגענעם שניט, זײַן געשטאַלט איז אייגנאַרטיק, זײַן וואָרט האָט אַן אייגענעם חותם, עס שמעקט מיט פרישקייט, מיט וואַרעמקייט פון אייגענעם געמיט. זײַן יחידישער גאַנג איז געווען האַפערדיק איידער חורבן האָט איבערגענומען די פינצטערע ממשלה איבער ייִדן, און דורך חורבן האָט זײַן ליד ווידער געשפּאַנט מיטן אייגענעם טאַקט — ניט אײַנגעבראָכן און ניט צעבראָכן. אפשר איז עס געווען דערוואַרטונג, דאָס וועלן זיך דערזינגען צום מאָרגן, צו גאולה, דער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט, הגם ער האָט געוואָרפן דער וועלט דעם גט אין פּנים אַ פּאָר יאָר איידער דער גרויסער חורבן האָט זיך אָנגעהויבן.

דער חורבן האָט זיך אַרײַנגעבראָכן ווי אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע אין דער ייִדישער וועלט, און האָט עקספּלאָדירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור שרײַיק און מיט פּאַניק, מיט ייִאוש און צעטומל. ס׳איז געווען אַ נײַע און שווערע דער־

פאַרונג זיך צו דעפינירן אין דעם חורבן מיט אַ דיקטעריש וואָרט, און פון אַזאַ פּאָעט ווי גלאַטשטיין, וואָס זײַן גרונטטאָן איז פאַרביק און פריידיק, האָט זיך געפאָדערט אַ גוואַלדיקער כּוח צו בלײַבן בײַם אייגענעם קלאַנג. האָט ער טאַקע אין גרויסן יידישן בלוט־אַפּפלייץ ניט פאַרלוירן זײַן אייגענע צורה. אפשר דאַרף מען נעמען זײַן באַרימט קאָנטראָווערסיאַל ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט" (געשריבן: אַפּריל 1938 — 5 יאָר פאַר דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ) און עס אַוועקגעשטעלן ווי אַ מײַלשטיין אויף דער שפּעטערישער גלאַטשטיין־מאַפּע — דער בראשית פון זײַן חורבן־מאָטיוו.

גלאַטשטיין האָט דעם בראַך און איבערבראַך אין יידישן לעבן אויפגענומען אי מיט ווייטיק, אי מיט שטאָלץ. עס איז ניט געווען בלויז דאָס פאַרהאַקן מיט ראַזמאַך דעם טויער צו דער ברייטער וועלט, נאָר אויך דאָס אָנצינדן אין אַ פײַערלעכן צערעמאָניאַל דאָס בלענדיקע יידישע ליכט אין די פינצטערע אויגן פון דער וועלט:

...מיט דעם שטאָלצן טראָט,  
אויף מײַן אייגענעם געבאָט —  
גיי איך צוריק אין געטאָ.  
...צו מײַנע קרומע גאַסן; הויקערדיקן לאַמטערן.  
...צום דין, צום טיפן מיין, צום חוב, צום גערעכט,  
וועלט, איך שפּאַן מיט פרייד צום שטילן געטאָ־לעכט.

און ער פאַרענדיקט:

כ׳קוש דיך, פאַרקאַלטנט יידיש לעבן.  
ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען.

פאַראַן אין ליד שאַרפער צאָרן קעגן חזירישן דאַטש, און בײַסיקער פּראָ־טעסט קעגן דער שלאַבערע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ פּאַטאַלע ראָלע מיט איר פּאַסיווקייט צו דעם יידישן אויסראָט. פון דאַן ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון אייגנאַרטיק יידישער טעמאַטיק, פאַרוויקלט אין שאָטן פון חורבן. מיר קענען זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַלע ציקלען — דאָס איז אַ גרויסע אַרבעט פאַר זיך — אָבער כּדאַי צו באַטאָנען, אַז פון די שוואַרצע אַנונגען און פאַרזעונגען זינט זײַן פאַרהאַקן דאָס געטאָ־טויער ביז אויף הײַנט, איז דער מאָמענט פון זײַן אויסטערלישער פרייד אַ באַגלייט־מאָטיוו אין אַלע לידער, אַ מין יידישער אני מאמין פון פּאָעט.

אַזוי איז ער געבליבן דער ערשטער און דער זעלבער יעקבֿ גלאַטשטיין, ווי אין זײַן ערשטן לידער־דעביוט, אין 1929, באַטיטלט מיט זײַן אייגענעם נאָמען. דאַן האָט זיך מסתּמא אָנגעהויבן דאָס זוכעניש פון דעם אייגענעם איך, ווי אַ פּאָעטישער באַרוף. ס׳איז תּמיד געווען בײַ אים די קינדהייט, וואָס האָט „געשפּירט אַז די פרייד איז אַ סך יינגער פון מיר", ווי מיר געפינען עס פאַרצייכנט אין „מיט

מײַנע טאָגביכער״. ס׳איז סוביעקטיווע פרייד, וואָס איז געוואָרן אַן עיקר־עלעמענט אין זײַן שאַפן, אָבער ער האָט געוווּסט דעם גײַסטיק־אַלכעמישן סוד ווי זי איבערשמעלצן, אַפילו אין זײַן חורבן־ליד, ווי די שׂימחת־היצירה פון וויי.

ער האָט אַרײַנגעשפּריצט אַ באַדײַטנדיקע דאָזע בלוט־טראַנספוזיעס פון געזונטע, שטיל־אומעטיקע פריידן אין שטראָם פון זײַן לאַנגן שעפערישן לעבן. אפשר איז זײַן פּאָעטישער גאַנג געווען צײַטנווײַז עקסטענסיוו־פלאַך און זײַן וואָרט פּראָזאַיִש־זאָגעריש, אָבער עס האָט לחלוטין ניט געביטן די הויפּטשטריכן פון זײַן פּאָעטישן פּרצוף. ווי אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט איז ער אי טיף און אי פּאַרביק. זײַנע מענטש־גאָט־זוכענישן זענען ניט געבליבן בלויז אַבסטראַקציעס, נאָר באַהויכט געווען מיט יידישער נשמהדיקייט. און אין זײַנע זוכענישן האָט ער זיך דערגרונטעוועט צום יידישן גאָט און צום מענטש פון זײַנע שטראַלנדיקע ייִדן. אויב עמעצער וויל וועט ער אַפילו בײַ אים געפינען מער ווי אַ שמץ פון אתה־בחרתנודיקייט פון אַ נײַעם גלאַטשטיין־נוסח

אויב מ׳זאָל זײַנע ערשטע יאָרן פאַררעכענען ווי דיכטערישע שפּיל־יאָרן, זענען אָבער די שפּעטערדיקע — ביז צו זײַנע 70 — אַ מאַסיווע פּאָזיציע פון זײַן געזאַנג. ער איז פון אַ „קאָפּמײַסטער״, וואָס האָב „ליב אַקראָבאַטישע ווערטער״, געוואָרן דער האַרצמײַסטער, וואָס לייגט אַרײַן יידיש האַרץ אין זײַן ליד. ער גראָבט זיך אַלץ טיפער אין זײַן ליד צו ייִד־באַוווּסטקייט, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַש פון געכטן און עיקר־דאגה פון דעם הײַנט. און דאָ האָט ער זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון וועקער און מאָנער פאַר דער חשיבות פון יידיש.

יעקבֿ גלאַטשטיין איז אַן עקסקלוזיווע איינהייטלעכע געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור. זײַנע געזאַנגיקע חכמה־קנייטשן פון די הײַנטיקע טעג און זײַנע חן־קנייטשעלעך פון די יונג־שטיפערישע לידער בליצן מיט וווּנדערלעכער באַשיינטקייט און באַטעמטקייט. פון זײַן דיכטערישן פיליגראַן און פון די פאַרכאַפּנדיקע שורות־אוזאָרן טוט אַ שטראַל אונדזער אַלט־באַקאַנטע גאָלדענע פּאַווע אין אַלע אירע רייצנדיקע קאָלירן. ער איז אָריגינעלער נוסח, און זײַן ליד שפּריצט מיט פריש־זאַפטיקן געדאַנק, וואָס איבערשוימט און איבערראַשט, באַרוישט און פאַרשיכּורט. ער באַשאַפט אַן איינציק וואָרט און ליכטיקט אים דורך מיט דער נוציקייט און קלוגשאַפט פון אַ גאַנץ נײַעם באַגריף: „פון מענטש וואָס דעשיפרירט דעם קערפּער־שריפט, די גופאָגליפן פון יונגשאַפט״. און אַזעלכע בליצווערטער, ווי גופאָגליפן (אויפן מישקל הערָאָגליפן), זענען ניט קאַרג אין זײַנע לידער און אַפילו עסייען.

גלאַטשטיינס דיכטערישע באַלעבאַטישקייט ליכטיקט גערוים, מיט פרײַען אָטעם. ניטאָ בײַ אים די איבערגעזעטיקטקייט פון שורות, וואָס שטיקן צו איינס דאָס אַנדערע. זײַן פּאָעטישער האָריזאָנט איז נאָך פילפאַרביק און פריששײַניק, ווײַל יעקבֿ גלאַטשטיין איז ניט געוואָרן פאַרצײַטיקט.

דרום־אַפריקע, 1966.

• יעקבֿ גלאַטשטיין דער חשבון־האַלטער: דרום־אַפריקע, 1966.

# אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס

צו זײַן טויט

אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס איז שוין אויך אַוועק. ער איז געווען איינער פון דער באַרימטער טראַיקע אינזיכיסטן, נחום־ברוך מינקאָוו און יעקבֿ גלאַטשטיין, וואָס האָט אָנהייב צוואַנציקער יאָרן רעוואָלטירט קעגן די קאָנסערוואַטיווע פאָרמען פון דער ייִדישער פּאָעזיע דעמאָלט. דאָס ייִדישע פּאַרעלטערטע וואָרט האָט דורך זיי באַקומען אַ פרישן צאַפּל, נײַע געדאַנקען און דראַנג. אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס איז געווען איינער פון די זײַלן אין דער ייִדישער נײַער פּאָעזיע. אָבער חוץ זינגען האָט ער אויך פאַר מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט באַרײַכערט מיט אַ נײַ וואָרט די עסייִסטיק, אויסגעטײַטשט און קאָמענטירט, אין פּובליציסטישע אַרטיקלען, אַלע דערשײַנונגען פון געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן אין דער ייִדישער אַמעריקע, ישׂראל און די תּפֿוצות.

אַזוי אַרום איז ער געווען ניט נאָר דער שאַפער פון נײַע פּאָעטישע קלאַנגען, נאָר אויך דער קלוגער אַרײַנבליקער און אַרײַנדרינגער אין אַלע אומבײַטן און געשטאַלטונגען פון ייִדישער אַנטוויקלונג אויף פאַרשיידענע געביטן. און אויב גלאַנץ־לעיעלעס האָט אין זײַנע יאָרן זיך אידענטיפיצירט מיט, און געהערט צו אַ געוויסער ריכטונג, איז נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אָפּגעטעמפּט געוואָרן זײַן פּאַרטייִשקייט און ער האָט בולטער דערזען די גאַנצקייט פון פאָלק, וואָס דאַרף צוריק אָפּבויען זײַן פאַרלוירענע היים און צעבראָכענעם לעבן. ער איז טאַקע קיין מאָל ניט געוואָרן קיין ציוניסט, אָבער ווי זײַן גרויסער חבֿר ה. לייוויק האָט ער דערזען דאָס ישׂראל־ווערק אין זײַן נײַער, הערלעכער אַנטפּלעקונג און ער האָט געזונגען באַגײַסטערט פון דעם.

אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס איז געווען אַ צווייִיק־קאָמבינירטער פענאָמען פאַר די דרײַ ליטעראַרישע זשאַנערס, וואָס ער האָט מיט זאָרגעוודיקייט געכאָוועט אַ גאַנץ לעבן. אַ. גלאַנץ־לעיעלעס האָט געגלאַנצט — און וועט בלײַבן גלאַנצן — אין דער ייִדישער פּאָעזיע מיט ליכטיק טיף־דורכדרינגלעכע לידער, מיט אַ נײַ וואָרט, טעמאַטיק און געדאַנק־אויפבליץ. אַ. גלאַנץ־לעיעלעס — מיט זײַנע ליטעראַרישע עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען, און אַ. גלאַנץ — דער קאָלומניסט — מיט זײַן „טעגלעך ברויט" אויף פּובליציסטישע טעמעס, וואָס איז געווען אַ גאָר באַטעמטער „פרישטיק" פאַרן צײַטונג־לייענער. דער דאָזיקער דרײַאייניקייט־זשאַנער איז אָבער געווען אַ שעפעריש איינס — נײַקייט און געוואָגטקייט פון וואָרט, געדאַנקלעכער שאַרפזין, פײַנער אַנאַליז און געטאָקט סטיליסטישער זאַץ. זײַן זאָג איז געווען געשליפן, לאָגיש, אָפן.

אין זײַן גאַנצער גײַסטיק־שאַפעריִשער טוונג האָט ער אָנגעווענדט די דאָק־טרין פון מאָדערנער וועלטלעכער ייִדישקייט. אויך אַפילו ווען ער האָט גענוצט היסטאָריש־ייִדישע צי ביבלישע מאָטיוון, איז ער ניט פאַרפאַלן געוואָרן אין מיס־טישע געפלעך, נאָר ער האָט די אַלטע קוואַלן אויסגעקלאָרט מיט אַ פרישן אָטעם. ער האָט זיך ניט פאַרשטעלט פאַר דעם וואָס ער איז ניט. ער איז געווען עכט.

אַ. גלאַנץ־לעיעלעס האָט ליב געהאַט דאָס ייִדישע וואָרט ווי זײַן לעבן. ער איז תּמיד געבליבן דער מאָדערנער ייִד מיט די בעסטע קוואַליטעטן פון אַ שעפערישן מענטשן מיט אייראָפּעיִשער קולטור. ער איז אויך געווען איינער פון די באַשיידנסטע ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָט זיך ניט געריסן מיט עלנבויגנס צו דער מיזרח־וואַנט און ער איז אַנטלאָפן פון הוראַ־געפילדער: ער האָט „דעם חונפס קוש — געמיטן, און נישט געלאָפן מיט די פּויקן פון דערפאַלג". אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָט ער זײַן אָנערקענונג און פולע אָפּשאַצונג יאָ באַקו־מען. די קריטיקער האָבן דעם ליטעראַרישן חשבון פון אַ. גלאַנץ־לעיעלעס אויפ־געשטעלט מיט אַ היפשן קרעדיט, וואָס ער האָט זיך דורך די צענדליגער יאָרן פון שאַפערישער האַרעוואַניע אָפּגעשפּאָרט.

אַ. גלאַנץ־לעיעלעס האָט פאַרמאָגט גבֿורה פון שרײַבן, פון סאָלידן אויפ־בויען קליינע און גרויסע ווערק. אַלץ איז געווען קוואַליטעט. ער האָט זײַן אַר־בעט געטאָן מיט אַחריות און פליכטבאַוווסט. ער האָט אַלע זײַנע יאָרן ניט אײַנגעריסן קיין וועלטן, אָבער ער איז געבליבן טרײַ דעם הומאַניטאַרן גאַנג און די יוגנט־אידעען און קאַמף פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט. ער האָט זײַנע אידעאַלן אויסגעחלומט אין די פײַנסטע ריטמישע שורות. אין זײַנע לי־דער האָט ער געזוכט דעם מענטש, זיך אַליין, און אויך די וועלט פון מאָרגן. אין דעם זינען האָבן זיך זײַנע געמאָסטענע שורות צוזאַמענגעזונגען מיט די בעס־טע מוסטערן פון דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט אַוודאי ניט נאָכגעקאָפּירט, נאָר ער האָט געפילט אַ פערזענלעכע גײַטיקייט און אַ נאַציאָנאַלן שטאָלץ אין דעם, אַז די ייִדישע פּאָעזיע זאָל זײַן אייראָפּעיִש, ניי, אין איינקלאַנג מיט דער מאָדערנער צײַט.

און אַ. גלאַנץ־לעיעלעס איז געוואָרן איינער פון די מאָדערנסטע גרויסע מײַסטערס פון ייִדישן ליד — און ווי אַזאַ וועט ער פאַרבלײַבן אין דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור.

דרום־אַפריקע, 1967.

# דער ייִדישער יוסי גמזו

יוסי גמזו: לענדער פון דאָרשט — געזאַמלטע לידער. איבערזעצונג און עסיי: פּראָפ׳ לאָרענס (לייב) גרעצקי. פאַרלאַג „ישׂראל־בוך". תל־אָבֿיבֿ — תּשל״ח — 1978. 91 זז׳.

**א**

לאָמיר גלײַך בײַם אָנהייב אויסבאָרגן פון פּראָפ׳ גרעצקיס עסיי די צוויי בכּבֿודיקע עפּיטעטן פאַרן העברעיִשן פּאָעט יוסי גמזו: דעם באַוווּסטן און באַוווּנדערטן. דאַרף עס אַוודאי קיין חידוש ניט זײַן אַז אַזאַ יונגער מאַן ווי יוסי, וואָס האָט שוין געהאַט אויף זײַן שאַפערישן קרעדיט 17 ביכער־פּאָזיציעס, מיט 5 יאָר צוריק, איז ברייט באַקאַנט און אַפילו באַרימט בײַ זײַן לייענער־עולם. ווײַל לפי דער אָנגעמערקטער נאָמענקלאַטור פון זײַנע ווערק — פּאָעזיע; פּראָזע: קינדער־ביכער; סאַטירע; לײַכטע לידער — איז קיין ספק ניט אַז זײַן פאַרצווײַגטע לייענערשאַפט איז פון אַלע עלטערס און אינטערעסן־ספערעס.

אַזאַ קאָנגלאָמעראַט פון שאַפערישן רכוש איז דער בפירושער עדות פון יוסי גמזוס אײַנגעוואָרצלטקייט אין קרעאַטיוון פעלד פון זײַן היים־לשון. ס׳איז אַ גוואַלדיקע עקספּאַנסיע, הן אין אינטעסיוויטעט והן אין עקסטענסיוויטעט, פאַר איין שאַפערישער פּערזענלעכקייט, מוז מען עס באמת באַוווּנדערן. ס׳איז אויך ניט אַזוי וויכטיק דער לבֿוש פון זײַן שאַפן, העברעיִש, צי דער תּרגום־ייִדיש, וואָס מיר האָבן פאַר זיך, די כּוונה איז מער צום גײַסט פון ליד, צו דער נשמה וואָס ער אָטעמט אַרײַן אין די שורות. און דאָס איז די אינטעגראַלע ייִדישקייט, פון אַ ברייטערן באַנעם: איין פאָלק מיט איין המשכדיקער געשיכטע און אַ גאַנצער קולטור־ירושה.

פּסיכאָלאָגיש דאַרף מען אפשר זוכן די קערנער פון זײַן ייִדישקייט־קאָנצעפּט אין געוויסע מאָמענטן פון משפּחה־כאַראַקטער, וואָס האָבן זיך אויסגעווירקט רעאַקטיוו. אָבער תּיכּף איז, אַ פּנים, נאָכגעקומען דער היסטאָרישער אַנאַליז פון דער ייִדישקייט־טעזע, וואָס האָט געזאָלט געבן אַ שׂכלדיקע תּשובה אויף זײַנע פּלאָנטערנישן. איז עס ממש דערשטוינענדיק, אַז יוסי גמזו, וואָס האָט זיך אויפגעכאָוועט אין דער יוגנטלעכער סבֿיבֿה פון קיבוץ, אין אַ דורכויסיקער ישׂראלדיקער מיליע, און זײַן גאַנצער אינטעלעקטועלער און ליטעראַרישער מהות איז אַ פּראָדוקט פון דער העברעיִשער ספערע, האָט מיט אַ מאָל דערשמעקט

דעם שאַרף־געווירציקן ריח פֿון דעם אים פֿרעמדן ייִדיש — און דווקא אין די פֿאָלקיש־חנעוודיקע לידער פֿון איציק מאַנגער. און מערקווערדיק איז אויך מיט וואָס פֿאַר אַ ליבשאַפֿט ער האָט פֿאַראייגנט דאָס מאַנגערישע געזאַנג, אַזש ביז אַ פֿולדיקן שטודיום פֿון זײַן פּאָעזיע און דאָס שרײַבן זײַן דאָקטאָראַט טעזיס אויף דער טעמע. דערבײַ זענען אַרויסגעקומען טיפֿערע גײַסטיק קרעאַטיווע שייַכותן, ווײַל באַוווּסט צי אומבאַוווּסט, האָט דאָ אַוודאַי געווירקט אַ ספּיריטועלער צוזי־כּוח, אפֿשר טאַקע דער ייִדיש־אַטאַוויסטישער עלעמענט.

יוסי גמזו רעדט נאָך אַלץ מיט פֿאַרשיכּורטקייט פֿון דער ווײַניקער פֿאָלקס־טימלעכקייט פֿון מאַנגערס באַלאַדישן אומעט, פֿון זײַן צאַרטער בענקשאַפֿט, פֿון זײַן דין עמאָציאָנעלן אויפֿציטער. אַזוי אַרום איז ער געוואָרן דער העברעיִשער חסיד פֿון דעם ייִדיש־טרובאַדור — ס׳איז אַ פֿענאָמען פֿון העברעיִש־ייִדיש צוזאַמענשותּפֿישן זיך אין אַ דיכטערס האַרצן. אָט לייענען מיר אין די „ביאָגראַפֿישע און ביבליאָגראַפֿישע פּרטים“ וועגן יוסי גמזו, אַז זײַן „אַרבעט וועגן איציק מאַנגערס פּאָעטישע שאַפֿונג איז פּרעמירט געוואָרן — — און באַרעכטיקט ווי אַן אַקאַדעמישע פֿאָרשונגס־אַרבעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן“.

ב

דאָס אײנציקע בוך פֿון יוסי גמזו אויף ייִדיש, לענדער פֿון דאָרשט, פֿיגורירט אונטערן זעלבן טיטל אויף עבֿרית, אַרצות הצמאון. דאָס איז געווען זײַן ערשטער בוך פּאָעזיע, וואָס איז אַרויס אין 1971, הגם דער סאַמע ערשטער בוך, פֿון סאַטירע, איז דערשינען אין 1958. מיר גיבן דאָ די ציפֿער, פֿון זײַן אָנהייב יצירה, כּדי צו אונטערשטרײַכן ווי יונג זײַן טאַלאַנט האָט אויפֿגעבליט. און גאָר גיך איז ער געוואָרן אַ פֿילזײַטיקער געבענטשטער שרײַבער. ניטאָ כּמעט קיין איין שאַפֿעריש פֿעלד, וואָס ער זאָל ניט האָבן באַרירט מיט זײַן פֿען. פֿיל מאָל איז ער „פּרעמירט געוואָרן — — פֿאַר זײַנע ליטעראַרישע שאַפֿונגען און זשורנאַליסטישע אַרבעטן“. פּרײַזן פֿאַר פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, קינדער־ליטעראַטור, רעפּאָרטאַזשן, זשורנאַליסטיק, און לעצטנס — פֿאַר נאָוועלעס אויף ענגליש א״אַ.

יוסי גמזו איז געבוירן אין פּאַריז און געקומען קיין ארץ־ישׂראל אַלס קינד, מעג ער אָן ספֿק גילטן ווי אַ כּשרער סאַברע — און אין דעם זינען האָט פּראָפֿ׳ גרעצקי צוגעטראָפֿן מיטן טיטל פֿון זײַן עסיי: „אַ סאַברע אויף מאַמע־לשון“. ווײַל יוסי איז אַן אײנגנאַרטיקער אַרויסשפּראָץ פֿון דער ישׂראל־ווירקלעכקייט, וווּ ער האָט געקראָגן זײַן דערציִונג און דורכגעמאַכט די פֿאָרמאַטיווע יאָרן: ער איז ד ע ר סאַברע אָן דעם ייִדיש־קאָמפּלעקס און דער פֿאָלקס־באַגריף „מאַמע־לשון“ איז אים ניט דערווידער. זײַן ייִדיש־קאָנצעפּציע איז אין גדר פֿון נאַציאָנאַלער אידענטיפֿיקאַציע מיט דעם מיזרח־איראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס ביז צום חורבן איז ייִדיש געווען זייער שאַפֿעריש און קאָמוניקיר־לשון. דעריבער איז פֿאַראַן אין זײַן פּאָעזיע אַ וויטאַל גײַסטיקער באַרירפּונקט מיט די ייִדישקייט־שרשים פֿון פֿאָלק. דערפֿאַר אויך די עמאָציאָנעלע געבונדנקייט מיט ייִדיש־לשון.

ניט לאַנג צוריק האָט יוסי גמזו, אין אַן עסיי, דירעקט און אָפן אַרויסגעבראַכט זײַן השקפה וועגן דער פּראָבלעם. דאָרטן דעקלאַרירט ער זיך אין אַבסאָלוטן הסכם מיט דער גײַסטיקער ירושה פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, אין אַלע אַספּעקטן וואָס זיי האָבן געשאַפן פאַר די הונדערטער יאָרן פון גלות. זעענדיק די גאַנצע עפּאָכע אין פּאָזיטיוון ליכט, פּרעגט ער אָפּ דעם געדאַנק פון גלות־אַנאָמאַליעס, וואָס מ׳האָט צוגעטשעפּעט דעם לײַדנדיקן ייִדן און דורך דעם פּוגע געווען אין זײַן שטאָלץ. ער גיט אָן ווי אַן עיקרדיקע סיבה פון דער דאָזיקער נעגאַציע, די איינזײַטיקע דערציִונג און גלאָריפיקאַציע פון סאַברישער אויסדערוויילטקייט. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין אייבער־ייִדישקייט פון דעם סאַברע, אָדער יוגנטלעכן ישׂראלי, און אַזאַ איינער האָט געזען די ייִדישע וועלט, אַפילו די אייגענע זיידע־באָבע מיט זייער לשון ייִדיש, ווי אַן אַנאַכראָניזם. מיט שנײַדיקע ראיות פּרעגט יוסי גמזו אָפּ ד דאָזיקע פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס פון קרומע מוחות. טאַקע אין ליכט פון דער מלחמת־העצמאות, ווו אַלע עדות, די ישׂראלים און די שארית־הפליטה, האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן אין איין קעמפערישער אומבאַזיגנדיקער מאַסע, זעט ער די געשטאַלט פון אינטעגראַלן ייִד. אויב דער איבערזעצער פון יוסי גמזוס לידער, פּרעגט אין זײַן אויבן דערמאָנטן עסיי וועגן דעם „צוועק" פון זײַן אַרבעט, דאַכט זיך אַז אַזאַ שאלה דאַרף ניט אויפקומען בשײַכות מיט „דער דאָזיקער לידערזאַמלונג", שוין צוליב דעם אַליין, וויסנדיק וואָס פאַרא „ליבהאָבער פון מאַמעלשון" יוסי איז. חוץ דעם איז די וויכטיקייט פו אַזאַ איבערזעצונג בכלל, אויך אין אַנדערע שפּראַכן, אַרויסצואַנטפּלעקן די מאָראַל און שיינקייט און דאָס ליכט פון דעם געלײַטערטן געזאַנג. מעג די טעמע זײַן ערדיש, גופיש, אַפילו מיט גרוי פון וואָכיקייט געמישט, ווערט זי אָבער גלײַך דערהויבן, דורכגעפילטרירט דורכן דיכטערס געמיט, זײַנע וויזיעס, און ער פאַרוואַנדלט עס אין ריינער שירה.

ס׳איז אַוודאי אינטערעסאַנט די פאַרוואַנדלונג פון יונגן פּראָפעסאָר גופא (פון יודאַיִסטיק און העברעיִש, במשך די לעצטע יאָרן אין אַמעריקאַנער און אויסטראַליע אוניווערסיטעטן — איצט אין וויטוואַטערסראַנד אוניווערסיטעט, אין יאָהאַנעסבורג), ווען ער טוט אויס די טאָגע פון געלערנטן און ווערט פאַרטראָגן אין דער לאַנדשאַפט פון ריטמען און קלאַנגען. בעת אַזאַ אַקט פון פאַרוואַנדלונג קומט מסתמא פאָר דער געטלעכער סינטעז פון אינטעלעקט און מוזע.

## ג

יוסי גמזו וואַנדערט אַוועק אין די לענדער פון דאָרשט, כּדי זיי צו באַזאַפטיקן מיט זײַן וואָרט, זיי צו מאַכן פרוכטיק מיט געזאַנג. ס׳איז דער דאָרשט וואָס געבוירט לידער, די קונסט וואָס איז דער לעבעדיקער אָטעם אין קאַלכאַויוון פון מידבר, ניט ווייניקער ווי „דער וואָרעמער בויך פון אַ הינדין". די אַ איינציקע בילדערישע שורה מאַכט פלוצלינג, ווי דורך אַ כּישוף, לעבעדיק דעם פאַרשטייִנערטן גיגאַנטישן „מידבר־סטעפּ" — „די לאַנדשאַפט פון אַסקעטישן גראַניט: /

דער תענית — / אָן רחמים״. (ז׳ 70). דער דיכטער דערפילט עפּעס ווי אַ חטא, אין פּראָצעס פון אויסמאָלן די בראַנדיקע „„„„פעלדזנוועגט: / עפּעס אין זיי דער־מאָנט אין דײַן / שולד, וואָס באַשווערט דײַנע אַקסלען — — — ״ (ז׳ 72). און די מיסטיש־געאַנטע שולד מוז דער דיכטער אויסלייזן. איז ווי קען מען עס טאָן הומאַנער ווי דאָס דערזען אין מיטן פון דער אומקומיק־דערדריקנדיקער „שטומקייט״ אַ געצאַפּל פון לעבן. און מיט ציטעריק מענטשלעכער פרייד רעהאַ־ביליטירט דער פּאָעט דעם אומפּרוכטיקן סטעפּ, אין אינטערלוד פון ליד: „דער וואַרעמער בויך פון אַ היגדיק. / פרוייִש און ברוין העט ביז צום זומער־סטעפּ. / ביזן געלוסט פון די אייביקע בערג. / די ענגשאַפט / פון די אומענדן״. (ז׳ 73).

אין דעם ערשטן ליד פון דעם אָפּטייל קומט צום דיכטער די זעונג פון זײַן ביבלישן פּראָטאָטיפּ, דעם „בעל־חלומות״, יוסף. ער פּרוווט אין געציילטע שורות אויפליכטיקן דעם מהות פון דער יוסף־מעשׂה און „די קינאה פון די ברידער״, ווײַל „אפשר גאָר, ניט קיין בייזע חיה האָט פאַרצוקט / נאָר גאָר פאַרצוקט האָבן חלומות״. מיט צאַרטקייט דערקלערט ער זײַן „ליבשאַפט״ צו דעם ווײַטן יוספן — און אפשר איז עס גאָר אַ ליבשאַפט צו דעם נענטערן איך: „ווײַל דו האָסט געהאַט / אַ הונגער אין די אויגן״... (ז׳ 61).

אַוודאי איז יוסי גמזו אויך אַ בעל־חלומות, אָבער ניט אין אַ לאַנד פון דאָרשט און הונגער, נאָר אין לאַנד פון ייִדישער בענקשאַפט און געדענקשאַפט: היים, משפּחה און די ייִדישע וועלט. און דאָ קומען מיר ווידער צום פריִעריקן אויסגאַנגפּונקט: יוסי איז דער ייִדישער דיכטער, וואָס זײַן העברעיִש איז אויך זײַן ייִדיש, ביידע צוזאַמענגעקניפּט און צוזאַמענגעבונדן ווי ארץ־ישׂראל און גלות — אַ מאָל, ווי ישׂראל און די תפוצות — הײַנט. אין די פּאָר צענדלינג בלעטער פון אָפּטייל „בלוט איז ניט וואַסער״, איז פאַראַן דער שליסל צו עפענען דעם דיכטערס חלום. דאָרטן איז פאַרבאַהאַלטן דער קערן פון וואַנעט עס בליט זײַן ליבשאַפט, צי צום טרוימערישן ייִנגל יוסף, צי צום פאָלקסזינגער איציק מאַנגער (אין דעם אָפּטייל איז אויך אײַנגעשלאָסן די „מאַנגעריאַדע״־פּאָעמע). און אין דעם ציקל פון לויטערער ליבשאַפט פּאַסט אויך אײַנצושליסן דעם פיר לידער־אָפּטייל „מײַן טאַטער טרינקט די נאַכט״.

נאָכן „זיידן ירחמיאל״ זאָגט יוסי אַ פּאָעטיש־ציטעריקן „קדיש״ (טיטל פון 5 לידער). מיט אַן אויפגעוואַכטן זכּרון לעבט ער איבער היימישע געדענקשאַפט־בילדער וועגן זיידן. עפּאָכעס גאַנצע אין איינציקע שורות און מיט איינציקע ווערטער: .....„הייזעריק כריפּענדיק ווי אַ זמר פון אַ קאַטערינקע: / שינעלן. / דעניקין, / באָלשעוויקן. / תּמיד פּאָגראָמען...״ (ז׳ 44). און דער מאַרשרוט פון זיידן: „האָמעל — מאָסקווע — יעבק־גאַס — מאָהילאָווער גאַס. צו די אַ ווערטער דאַרף מען קיין פּירוש ניט. נאָך דעם זיידן האָט יוסי קדיש אָפּגעזאָגט, אָבער ניט נאָך דעם זיידנס וועלט. דעם זיידנס וועלט לעבט ווײַטער אין אים. ס׳איז דער המשך, ביאַלאָגיש און פאָלקיש, העברעיִש און ייִדיש, און ער טראָגט די וועלט מיט זיך אומעטום, בעסער: ער טראָגט זי אין זיך, בדעה צלולה, ער

מוז זי טראָגן, ווײַל „בלוט איז ניט וואַסער". אַזוי איז דער טיטל פֿון ליד, דעדיקירט „פֿאַר די באָבע מוסיה". דאָ איז שוין די דאָזע פֿון געגועים מיט טיפֿן ציטעריקן האַרצצאַפּל. אין די לידער זשומען יִראת־הקודשדיקע סטרונעס פֿון געלײַטערטער ליבשאַפֿט. מ׳וואָלט פֿון די 7 לידער לײַכט געקענט אויסשיילן די שיינע געשטאַלט פֿון דער באָבען. זי ליכטיקט אַרויס פֿון די שורות, און מער נאָך — צווישן די שורות. אין ניסתּר־שריפֿט לויכטיקט אויף די, וואָס האָט מיט פֿאַרשטאַנד און האַרץ אויפֿגענומען די פֿאָלקס־חכמה, אַז „בלוט איז ניט וואַסער".

* * *

פֿון משפּחה־קוואַל האָט יוסי אָנגעשעפּט קלאָרן געזאַנג און דאָס לידער־געטראַנק צוגעטראָגן צו די ליפּן פֿון זײַן יונגער טאָכטער. די ווייטיקדיקע דער־מאָנונגען פֿון דער באָבעס ליכטיקן אָנדענק ציִען זיך ווי די קייט פֿון המשך צום אייניקל, וואָס „טרינקט די נאַכט" און „ביז מאָרגן־ווינדלען אויף מיזרח וועלן פֿאַרבלאָסן / וועט זי אויסטרינקען / דעם גאַנצן מילככוועג". (ז׳ 58). ווער ווייס ווער איז מער שיכּור פֿון נעקטאַר פֿון איר יונגשאַפֿט — דער טאַטע צי די טאָכטער אַליין? מסתּמא ביידע. זאָל דאָ, אַגבֿ, פֿאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס בוך איז געווידמעט „פֿאַר באָבע־זיידן, / וואָס זייער לעבן איז געווען פּראָזע / אָבער זייער זכּרון — פּאָעזיע".

אין מיטן פֿון די יידישע דורות האָט יוסי גמזו אויס פֿון נײַ־פּעלדזיקע העב־רעיִשע ווערטער שירים. עס איז דער הײַנט־אַמאָליקער ניגון פֿון די יידן, די ישׂראלדיקע און די תּפֿוצותדיקע. ס׳איז דער איינער און אייניציקער ניגון פֿון פֿאָלק, ווײַל ווי עס איז ניטאָ קיין צוויי באַזונדערע יידישע פֿעלקער, אַזוי זענען ניטאָ קיין צוויי באַזונדערע ניגונים. און דער העברעיִשער סאַברע־פּאָעט, דער מאַנגער־פֿאַרליבטער, האָט דעם ניגון אויפֿגעכאַפּט אויף די ווינטיקע סטרונעס פֿון זײַן ישׂראל־פֿלייט און שפּילט אים ווײַטער. אויף עבֿרית איז אויך אויסגע־שפּילט די „מאַנגעריאַדע": „צום אָנדענק פֿון דעם פּרינץ פֿון דער יידישער פּאָ־עזיע". דער אינטערלוד פֿון דער פּאָעמע קלינגט אויס טרויעריק, הינטער „דאָס געערוך פֿון פּרדסים־וועלדלעך. די סאָטאַנאַריע פֿון גדרה", ווו עס איז פֿאַראַן „בלויז אַ שנײַדערוק. / בלויז איציק. / סוף". (ז׳ 30).

פֿון דעם אומדערטרעגלעכן קלימאַט פֿון די לענדער פֿון דאַרשט האָט דער דיכטער יוסי גמזו אַרויסגעפּעלדזיקט לידער פֿון בראשיתדיקער „בלענדיקער ווײַסקייט" און פֿון „דעם שטילקייטס געשריי", וואָס „די ליפּן פֿון חמסין" בלאָזן דאָרטן. אָבער דאָך איז פֿאַר אַזאַ דיכטער, ווי יוסי גמזו, עיקרדיקער און מער כאַראַקטעריסטיש זײַן ליד פֿון דורותדיקייט און יידישקייט, ווו מ׳פֿילט דעם לע־בעדיקן פּולס פֿון מענטש, אַרײַנגעהויכט אין ריטמישע צייכנס און סימבאָלן.

פֿון כּתבֿ־יד — 1983.

# חיים גראַדעס ליטעראַרישער אָנהײב און גאַנג

## א

חיים גראַדע איז גלײַך פֿון דער ישיבֿה אַרײַנגעפֿאַלן אין דער ייִדישער ליטעראַטור — פֿון אײן װעלט אין אַ צװײטער, װי אַ שטערן װאָס רײַסט זיך אָפּ און פֿליט אַריבער פֿון אײן עק הימל צו אַ צװײטן. אין אונדזערע בײדע ליטעראַטורן — אין דער העברעיִשער און ייִדישער — קענען מיר געפֿינען מערערע פּאַראַלעלן פֿון אַזעלכע גליקלעכע איבערפֿליִען פֿון אײן גײַסטיקער ספֿערע צו אַ צװײטער. ניט זעלטן איז עס אַ ברכה פֿאַר דער ליטעראַטור און אױך עס מאַכט געשיכטע. אײנער פֿון די באַקאַנטסטע בײַשפּילן איז חיים־נחמן ביאַליק.

חיים גראַדע האָט געמאַכט אַן ענלעכן שפּרונג פֿון דער ישיבֿה אין דער ייִדישער פּאָעזיע און תּיכּף אױפֿגעשײַנט מיט נײַקײט. מיר נוצן די טערמינען פֿלי און שפּרונג און ניט איבערגאַנג, װײַל עס איז ניט געװען אַ גאַנג שטופּנװײַז, אַ נאָרמאַלע אַנטװיקלונג, נײַערט אַן איבערברוך, אַ פּלוצימדיקער אומבײַט און דאָס בלײַבן שטײן פּנים־אל־פּנים מיט אַ נײַער װעלט. דער אײנציקער צוגרײט איז געװען דאָס לײענען בגנבֿה די השׂכּלה אָדער די ייִדישע ליטעראַטור. אײן װיכטיקע זאַך האָט אָבער תּמיד פּאַסירט בײַם לאַנדן אױפֿן נײַעם ליטעראַטור־פּלאַנעט, כּמעט אין אַלע פֿאַלן איז דער גאַנצער פֿריִער דעראָבערטער גײַסטיקער באַגאַזש ניט געגאַנגען לאיבוד. די גירסא דינקותא איז געבליבן אַ דבֿר של קימא אין די נײַע באַדינגונגען, און דער גײַסטיקער עבֿר איז געװאָרן דער גרונטבאַזיס פֿון אַ נײַעם שאַפֿערישן כּוח. עס איז געװען אַ פֿאַרלאָזענע, אָבער ניט פֿאַרלוירענע װעלט. אירע אַטריבוטן האָבן אַריבערגעליכטיקט מיט בענקשאַפֿט און חלום.

חיים גראַדע איז אײנער פֿון די דאָזיקע ישיבֿה־פֿענאָמענען און אין דעם שטח ליגט דער שליסל צום סוד פֿון זײַן שעפֿערישקײט. די װעלט פֿון נעכטן האָט ניט נאָר אַנטהאַלטן װערטפֿולן מאַטעריאַל פֿאַר זײַן דיכטערישער און דערצײלערישער טעמאַטיק, נײַערט זי איז געװען די װעלט צו װעלכער ער איז געװען און געבליבן אָרגאַניש געבונדן. אין דעם פּרוכטיקן באָדן פֿון ייִדישן שטײגער־לעבן האָט געװאָרצלט זײַן שאַפֿערישע מוזע. עס איז די מיליע אין װעלכער זײַן פּאָעטישער פֿרילינג איז אױפֿגעגאַנגען און געבליבן פּרעזערװירט ביז הײַנט. די דאָזיקע װעלט האָט ניט פֿאַרשיכּורט איר דיכטער מיט איר פֿרײד, די גאַנצע גאַמע פֿון זײַנע טענער האָט אָפּגעקלונגען מיטן דינעם ציטער פֿון איר אומעט און טרױער, זי איז אָבער געװען דער קװאַל פֿון חיות. די ישיבֿה האָט ניט נאָר ניט געװיאַנעט, נאָר איז נאָך אַפֿילו געװען קעמפֿעריש, פֿעסט פֿאַרגאַרטלט אַרום

זיך און איזאָלירט אין זיך, כדי באַהיט און באַוואָרנט צו זײַן פון דרויסנדיקע סכּנות.

חיים גראַדע שפּרײַזט אַרײַן פון דער ישיבֿה אין דער ליטעראַטור. ער קומט מיט יונגשאַפט און פרישקייט, אָבער ער פאַרוואַרפט ניט הינטער זיך דאָס נעכ־טיקע לעבן. מוסרניקעס ווערט דער אויסרוף־צייכן פון זײַנע שוין פריסטע דערגרייכונגען. דער איבערבײַט איז ניט געווען קיין ריס אין דיכטערס נשמה, נאָר אַ טיפע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג, וואָס האָט אַ שפּאַר געטאָן ווי אַ שטראָם. מיט פײַן געטאַקטן ריטעם, ווי אַ בקי ורגיל, האָט ער אַ שאָט געטאָן מיט פאַרשווענדערישער ברייטקייט זײַנע לאַנג־שורהדיקע סטראָפעס, ווי אַ זייער זײַנע גאָלדיקע קערנער. ער האָט געשפּרודלט מיט געדאַנקען און טראַכטונגען, געפילן און האַנדלונגען. ער האָט געבראַכט אין דער ליטעראַטור אַ וועלט וואָס איז געווען קלאָר אין זײַן מחשבֿה און רײַף אין זײַן געמיט, זײַן טאַלאַנט האָט בלויז מיטגעהאָלפן צו געבן דער פּאָעמע איר ראַפינירטע, שלמותדיקע פאָרעם. פּונקט ווי ביאַליקס המתמיד אַזוי האָט חיים גראַדעס מוסרניקעס, ווי דער ערש־טער שריט, אָנגעצייכנט דעם וועג.

און חיים גראַדע איז אַוועק זיכער, פעסט, אַנטשלאָסן. ער איז געווען אַ גע־בוירענער פּאָעט. ער האָט ניט געדאַרפט עקספּערימענטירן. ער האָט ניט גע־דאַרפט אָנקומען צו עמעצנס חסד. דער קינסטלערישער חוש האָט געדעקט די פריִיִקע אומגעניטקייט און האָט געבראַכט פּערפעקטע פּאָעטישע שאַפונגען: אינהאַלטלעך פול, תּוכיק אַדורכגעגליט, נאַטירלעכער ריטעם, ווי גוטע מוזיק. אין דער קונסטשול קען מען טאָקע לערנען דעם מעטער א״אַ זיבעציק גוטע טעכנישע מיטלען ווי צו שרײַבן אַ ליד, אָבער עס איז נאָך אַלץ באַדינגט פון איין הויפּט־תּנאַי — זשעני, טאַלאַנט. און דאָס האָט חיים גראַדע מיטגעבראַכט — צוזאַמען מיט זײַן גײַסטיקן ישיבֿה־רעקוויזיט — צו דער ליטעראַטור־בינע.

ווען חיים גראַדע האָט אַרויסגעגעבן זײַן ערשט ביכל לידער יאָ, אין 1936, איז די ייִדישע ליטעראַטור געווען אין איר העכסטן שאַפערישן קלימאַקס: אַש, אָפּאַטאָשו, זינגער, לייוויק, מאַרקיש, קולבאַק א״אַ נעמען האָבן שוין דאַן גע־פינקלט מיט גרויסע ווערק. דאָס ייִדישע לעבן, האָט זיך געדאַכט, שימערט מיט האָפענונג און צוזאָג, הגם אין זײַן פינצטערן בוזעם האָט שוין דער ברוינער מלאך־המוות געהאַט פאַרגרייט דעם טויט און חורבן פון דער ייִדישער וועלט. ווי נאָר חיים גראַדע האָט דעביוטירט, האָט מען תּיכּף דערזען אַז אַ נײַער שטערן איז אויפגעגאַנגען, און ער איז אַרײַן ווי אַ בן־בית אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט אָבער ניט באַוויזן אָנצוואַרעמען די פּיס אין ליטעראַרישן אוהל־מועד פון ווילנע, ווי ס׳זענען אָנגעפלויגן די גרויליאָרן פון ייִדישן אומקום.

*

אין 1939 איז דערשינען חיים גראַדעס אויבן דערמאָנטע פּאָעמע מוסרניקעס, וואָס איז געוואָרן און געבליבן זײַן בכּבֿודיק לעגיטימע סמיכה אַלס פּאָעט. הגם

די פּאָעמע נעמט ניט אַרום קיין גרעסערן צייטאָפּשניט, נאָר איז מער עפּיזאָדיש, דאָך פאַרמאָגט זי אַלע סימנים פון אַן עפּאָס. מיט קינסטלערישער קראַפט ווערן דאָרטן געשילדערט אַ מנין אויסטערלישע טיפּן פון דער ישיבֿה־וועלט, איבער הויפּט ישיבֿה־בחורים. די פּאָעמע איז באַהויכט מיט אַ דינער לירישקייט און ווונדערלעכער בילדערישקייט, געראָטענע מעטאַפּאָרן און ערטערווייז אַ לייכט פילעוודיקער הומאָר. מוסרניקעס איז דאָס ווידערקול פון דער נעכטיקער וועלט פון דיכטער, וואָס האָט ניט אויפגעהערט רופן צו אים און גייט אים נאָך: „איך גיי נאָך דעם ווידערקול פון מיינע אלול־נעכט פאַרזיבנאָריקע...“ — דאָס איז דער הינטערגרונט פון זיין שאַפן.

די מלחמה־יאָרן זענען פאַר דעם דיכטער געווען אַ פּיינפולע דערפאַרונג־עפּאָכע, וואָס ער האָט שווער דורכגעלעבט און דורכגעפילט. נאַטירלעך, איז זיין שאַפן פאַר אָט דער אַזוי אומנאָרמאַלער צייט מייסטנס געבונדן מיט די יידישע ליידן. בלויז די נאָמענקלאַטור פון זיינע אַרויסגעגעבענע לידער־ביכער נאָך דער מלחמה זאָגט שוין עדות אויף דעם: דורות, דערשינען אין ניו־יאָרק, 1945; פאַרוואָקסענע וועגן, אין פּאַריז, 1947; פּליטים, בוענאָס־איירעס, 1947; דער מאַמעס צוואה, ניו־יאָרק, 1948, און שיין פון פאַרלאָשענע שטערן, בוענאָס־איירעס, 1950. די אַלע ביכער שפּיגלען צום גרעסטן טייל אָפּ דעם יידישן אַלגעמיינעם און פּערזענלעכן גורל פון אויסגעוואָרצלטע.

ב

ערשט אין 1955 — קרובֿ 20 יאָר נאָכן אַרויסגעבן זיין ערשטן בוך לידער — האָט חיים גראַדע צוגעטראָגן דער יידישער ליטעראַטור אַ גרויסע מתּנה: זיין ערשטן באַנד פּראָזע דער מאַמעס שבתים. דאָס בוך האָט דערשטוינט מיט זיין שטאַרקייט, מיט זיין אימפּעט, מיט זיין לשון, מיט זיין שילדערונג, מיט זיינע טיפּן, מיט זיין פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק אין כאַראַקטערן — און עס איז געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין חיים גראַדעס שאַפערישן גאַנג. עס דערוועקט אַ שטאַרקן אינטערעס און די קריטיק האָט, כמעט אָן אויסנעם, אים אויפגענומען מיט לויב. די גינציקע קריטיק איז געווען ערלעך, אָן פּניות, און דער מחבר איז באַקרוינט געוואָרן מיט די לאָרבערן פון אַ פּראָזע־מייסטער. מיט דעם הייבט זיך אָן אַ נייער עטאַפּ אין חיים גראַדעס שאַפן.

אויך די קאָנסומענטן פון יידישן בוך, די יידישע לייענערשאַפט איז געווען באַגייסטערט. שוין לאַנג האָט זי ניט געפילט אַזוי פיל היימישן טעם אין אַ בוך. מען האָט געשלונגען די קאַפּיטלעך און זיך אַנטציקט פון דער פּרעכטיקער יידישער מאַמע — אַ פאַראַרעמטע און אַ פאַרהאָרעוועטע, אַ פאַרעלטערטע פאַר דער צייט און אַ פאַרפרוירענע, אָבער מיט אַזוי פיל יידיש פאָלקסטימלעכער וואַרעמקייט, אַז עס האָט ממש פאַרכאַפּט. די מאַמע פון לויטער יידישן חן און שטראַליקער פרומקייט האָט געבלענדט אויף דער פּאַן פון די שטיל־הייליקע שבתים־אידיליעס. דערצו נאָך אַזאַ פאַרביקע פּאַנאָראַמע פון יידן, ווייבער, קרעמער,

וווילע יונגען און מוידן, יוגנטלעכע א״אַ. אַן עפּאָפּעע פון נעכטן איז געקומען צום לעבן. דער לייענער האָט זיך דערפילט אין דער היים — זײַן אַטמאָספער, אַרומגערינגלט מיט זײַן סבֿיבֿה, וואָס זייערע פאַרבלאָסטע שאָטנס האָט ער גע־טראָגן אין זיך אַלע יאָרן. חיים גראַדע האָט געגעבן אַ קינסטלערישן תּיקון דער וועלט וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן. זי האָט צוריק אויפגעאָטעמט מיט די וואַרעמע רייד פון ייִדן, מיט זייער טוונגען און אַלץ האָט זיך באַוועגט מיט שפּאַנונג.

דער מאַמעס שבתים איז געוואָרן אַ שעדעווער אין דער ייִדישער ליטעראַ־טור. דאָס בוך איז אַן אַרכיטעקטאָניש גרויס אויפגעבויטע קאָמפּאָזיציע פון פאַר־ביקן שפּיל, וואָס איבער איר פלאַטערט דאָס געמיט פון דיכטער. עס איז דאָס געזאַנג פון שבת, פון וועלכן די מאַמע־געשטאַלט רעפלעקטירט ווי אַ פאַר־שווונדענע לעגענדע. די קאַפּיטלען, דורכגעוועבטע מיט שטימונג־טענער, לייי־ענען זיך ווי שבת־יום־טובֿ זמירות. דורכן גאַנצן ווערק וויברירט אַ צאַרטע אַט־מאָספער, וואָס פילט זיך אָפּ מיט עכטקייט. עס איז ניט דער זיסלעך־פריקרער סענטימענט פון הארץ־צוּענדיקע מעלאָדיעס, נאָר אַ קינסטלעריש געצווימטע בענקשאַפט־נאָטע ציטערט דאָרטן. ס׳איז די אייביקע, גרויסע בענקשאַפט פון מענטש צו זײַן חלום, צו זײַן איך, צו אייגנס, צו היים, ווי דער געפאַנגענער אָדלער וואָס בענקט נאָך זײַן פעלדזיקן נעסט. אַזאַ איז חיים גראַדע.

דעם דיכטערס גײַסטיקע וואָרצלען שטעקן נאָך אַלץ אין יענער היים, וועלכע ער באַשאַפט ווידער מיט זײַן כּישוף־וואָרט. זײַנע ווערק זענען אַ רעזול־טאַט פון זכרון פּלוס געמיט. אין זײַן אַרײַנפיר צום בוך דער שול־הויף האָבן מיר אַ גבֿית־עדות פון מחבר אַליין, וואָס באַשטעטיקט עס: „אויך נאָכדעם ווי איך בין פון בית־מדרש אַוועק, איז דער שול־הויף געבליבן אין מײַן געמיט, אין מײַן זכרון, און ער איז ביז הײַנט דער מקור פון מײַן שאַפן״.

שאַפן איז אָבער ניט פאָטאָגראַפירן, קאָפּירן, אַ טעכנישע פונקציע בלויז — עס איז די עסענץ פון זאַכן און מענטשן, דער תּמצית וואָס איז אין ברייטערן זינען מהותיק און ניט באַגרענעצט, יחידיש־ענג. האָבן מיר טאַקע אין ייִדישן לעבן, אומעטום, באַגעגנט אַזעלכע מאַמעס, ווי די אייגענע, ליבלעכע מאַמע פון דיכטער. אַזאַ איז זי געווען די אַלט־פרענקישע ייִדישע מאַמע מיט איר ביטערן גורל, מיט איר אָפּגעהיט ציטעריקער פרומקייט, מיט איר שעמעוודיקער צניעות, מיט איר חנעוודיקער תּמימות, מיט איר ענווה און הכנעה, און אויך מיט איר פרייד און שטאָלץ אויף רבנישן ייִחוס צי סתּם למדנים אין דער משפּחה. אָבער ניט נאָר ייִדישע מאַמעס אַליין האָבן געהאַט די אַלע אויסגערעכנטע מעלות־טובֿות, ווײַל אוניווערסאַל איז דער מאַמע־טיפּ אין דער ליטעראַטור. פיל קלאַ־סיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער טעמע. מען קען אויפציילן גאָר אַ סך ווערק געווידמעט דער מאַמען, און אַזאַ מאַמע־גע־שטאַלט ווי חיים גראַדעס וועט געוויס האָבן אַן אָרט צווישן די הערלעכסטע

מאַמע־שילדערונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. אַזוי אַרום וועט די יידישע ליטעראַטור צוגעבן נאָך אַ שטריך צו דער אייביקער מאַמע, ווײַל מאַמע איז בײַ אַלע פעלקער און אין אַלע צײַטן איינע און די זעלבע — די פרוי וואָס ברענגט לעבן און בלײַבט פאַרבונדן מיט אים דורך איר האַרץ און נשמה. און אַזאַ איז דאָך טאַקע די מאַמע פון דער מאַמעס שבתים, וואָס מאַכט דאָס ווערק פאַר אַ מוסטער־און־מײַסטער שאַפונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

*

אין 1958 איז אין ניו־יאָרק אַרויס דער שול־הויף. ס׳איז אַ בוך מיט דרײַ דערציילונגען, „דער ברונעם״, „ר׳ נחומל דער מלווה״ און „שפרהלעכ״, וואָס יעדע פון זיי איז לויטן כמות אַ בוך פאַר זיך, אָבער לויטן איכות איז עס אַ נײַער שטאַפל אין די גראַדע־שאַפונגען. דאָס באַשטעטיקט ווידער אַ מאָל די טעזע, אַז דער גײַסטיקער קוואַל פון וועלכן דער מחבר שעפּט דעם חומר פאַר זײַנע קינסטלערישע קרעאַציעס בלײַבט אויך אויף ווײַטער דער שול־הויף און זײַן פּעריפעריע. גראַדעס קערנדיקער מאַלאַנט בויט דאָ ווידער אויף פון יענעם עבֿר די וווּנדערלעכע וועלט, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען פאַרגרונטפעסטיקט אויף איר באָדן. נאָר בײַ אירע ראַנדן מערקן מיר שוין דעם אויפקום פון דער מאָדערנער, וועלטלעכער יידישקייט. די דאָזיקע פּראַכטיקע קאַפּיטלען, ווי אויך אַ צאָל קאַפּיטלען פון זײַן שפּעטער דערשינענעם בוך די עגונה, זענען אַ קליי־מאַקס פון באַלעבן קינסטלעריש די רבנישע און ישיבֿה־וועלט פון יענער תקופה.

די גײַסטיקע היים פון חיים גראַדע, וואָס האָט אַרויפגעדריקט איר שטעמפּל אויף זײַן נשמה פאַר כּל ימיו, איז די קלויז. דער קלויז־קלימאַט פּילט טאַקע אויס זײַנע נײַע דערציילונגען. דאָס איז דער עלעמענט פון וועלכן ער געשטאַל־טיקט זײַנע בעסטע כאַראַקטערן — יידן, אין אַלע זייערע שאַטירונגען, מיט זייע־רע עליות און ירידות; זיי זענען די סאַמע געראַטנסטע, פּלאַסטישע טיפּן, באַ־לעבט מיט דעם קינסטלערישן שם־המפורש פון זייער מחבר. מיטן ריטעם פון אַקציע באַוועגט ער די סצענע פון די דערציילונגען און זייער פּערסאַנאַזש. אַזאַ דערציילונג, ווי „דער ברונעם״, איז גוטער שטאָף פאַר אַ גרויסער דראַמע און אָנגעמאָסטן פאַר דער בינע.

ווי אַ רויטער פאָדעם גייט דורך דער קלויז־מאָטיוו. דאָס ווידערקול פון ישיבֿה אין אַלע גראַדעס ווערק. געוויינלעך, איז אויף דער פאָן קיין צו פיל הומאָר נייט געווען, חוץ עונג־שבת און יום־טובֿדיקע פרייד, וואָס זענען אין זייער יסוד געווען מער אַ גײַסטיקער עלעמענט. אַ לײַכטער הומאָר שימערט יאָ אויף פון צײַט צו צײַט בײַ זײַנע העלדן, אין זייערע שמועסן און פּירונגען, וואָס ברענגט אַרויס אַ שמייכל פון הנאה בײַם לייענער. עס איז ניט דער בײַסיקער סאַרקאַזם פון אַן אָנוועקגעגאַנגענעם, נאָר די פאַרשטענדיקע ליבשאַפט, וואָס גיט אַ ליכטיק־אויף און מאַכט די מענטשן אָדער די סיטואַציע אײַנגענעם. דער דאָמינירנדיקער טאָן בלײַבט אָבער ערנסט און ניטאָ קיין איין קאָמישע קאַרי־

קאַטור, הגם געצייילטע מאָדנע טיפן זענען יאָ פאַראַן, זיי זענען געמאָלן עכט און מישן צו צו דער קלויז־לאַנדשאַפט אַן אָריגינעלן פאַרבטאָן.

## ג

קיין מאָל האָט חיים גראַדע ניט געוואָלט דעזערטירן פון זײַן שרײַבערישער שליחות און לאָזן זײַנע העלדן אויף גאָטס באַראָט. ער האָט ניט געזוכט מער אָנלאָקנדיקע און לײַכטערע טעמעס. דורך פײַער און פלאַם האָט ער זײַנע יידן דורכגעטראָגן, אין זײַן געמיט און זכּרון, און זיי געגעבן אַ צווייטן לעבן. זייער פּיזישן אומקום האָט גראַדע איבערגעגאָסן אין לעבעדיקע שורות, וואָס וועלן זיך באַוועגן מיטן גײַסטיקן שטראָם פון יידישן נצח. ער האָט צוריק רעסטאַווירט, בעיקר אין די פּראָזעווערק, אַ יידישע הערלעכע וועלט, פון ייִד און זײַן בטחון. הגם אין זײַן פײַן געשליפענער ליריק בלײַבט ער דער זעלבער גראַדע, אָבער אין דער דערציילערישער פאָרעם איז דער אָרומנעם גראַנדיעזער — זײַן גאַנצע וועלט קען ער דאָרטן אַרײַננעמען.

חיים גראַדע האָט אין פּראָצעס פון זײַן שאַפן דערגרייכט הייכע, שלמותדיקע נאָרמעס. זײַן קינסטלערישע אינספּיראַציע איז אומאויסשעפּיק, דינאַמיש, בליציק. אָבער ער האָט ניט געקענט און קען נאָך אַלץ ניט זיך אַרויסרײַסן פון פאַר־כּישופטן קרײַז פון זײַן נעכטיקער (אָדער „פאַרזיבניאַריקער") קלויז־סביבה. דאָס ווידערקול איז הײַנט די קינסטלערישע מזל־ברכה פון חיים גראַדעס פּען. דאָס איז די וווּנדער־זריעה, וואָס ברענגט צוריק דעם פרילינג־אויפשפּראָץ פון דער היים און דעם אַראָמאַט פון צײַטיקע פּרוכט אין חיים גראַדעס פּאָעזיע און פּראָזע.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי אין די צוויי קרעפטיקע שטראָמען — פּאָעזיע און פּראָזע — טיילט זיך אַזוי אויסטערליש פונאַנדער דער טאַלאַנט פון גראַדען. די פּאָעזיע פון נאָך דער מלחמה טראָגט אין זיך זײַן קינה — אַ דיכטערישער יאָמער־געזאַנג אין פערז און ריטמישן מעטער אויפן חורבן פון פאָלק. דער צווייטער שטראָם — וואָס איז געקומען 10 יאָר נאָכן סוף פון דער מלחמה — דערציילט אויס אין פּראָזע וועגן פיל־פאַרביקן יידישן לעבן פון דער צײַט פאַר דעם חורבן. עס איז אַ מין קינסטלערישע לאָיאַליטעט, וואָס לעבט בשלום אין דער נשמה פון דיכטער, הגם עס איז קיין אַבסאָלוטע מחיצה צווישן די צוויי ניטאָ און עס פילטרירן זיך דורך שטימונגען, ווו די פּאָעזיע באַווירקט די פּראָזע. דאָך מערקט מען גלײַך אַז די ביידע גייען ניט נאָר טעמאַטיש פּאַראַלעל, — כאָטש זייער נאָענט איינע בײַ די אַנדערע, — נײַערט דער קינסטלערישער אימפּעט איז אויך פאַרשיידן: די פּאָעזיע איז מאָנונג, פּראָטעסט, דיכטעריש דורכגעפּיבערטער אומרו, און די פּראָזע: רויִק, באַדענקלעך, פּלאַנירט, מיט וואַרעמער ליבשאַפט.

אַוודאי איז עס ניט בלויז גראַדעס פּערזענלעכער זכות, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון אומקום, ווײַל מיט דעם איז אויך געשען אַ נס פאַר דער יידישער

ליטעראַטור: ס'איז ליטעראַריש אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ שטיק לעבעדיק שפּרודלדיקע ווילנע מיט אירע ייִדן. און אַ צווייטער נס האָט פּאַסירט — וואָס דער מענטש פון פייער, דער פּאַטעטישער מקונן, האָט ניט פאַרברענט מיט זיין גלייכן אָטעם דעם פיינעם פּראָזע־קינסטלער. דער ניט געשטילטער ווייטיק, אין ליד, האָט זיך ניט אויפגעלייזט אין פּאַסיווער אַבֿלות און שיטן אַש אויפן קאָפּ, אָדער אין צאָרן קעגן דעם פאַרלענדער, נאָר האָט זיך אָפּגעווענדט אין אַן אַנדער ריכטונג, דער פּראָזע־קאַנאַל, וואָס פירט צו שאַפן נייע פּאָזיטיווע ווערטן. פון דעם נס ווינקלען זיך אַרויס, פון הינטער דעם מענטש פון פייער, די בלוטיקע געפלען פון ווילנע־עפּאָס און איר פאָלקסטימלעך ייִדישע גלאַריע. דער פּאַטאָס פון דיכטער האָט זיך אָפּגעצווייגט אין די ברייטע רויקע וואַסערן פון ליטעראַטור, וואָס לויטערן זיין געמיט און טראָגן די ברכה פון אַ גרויס גערעטעניש.

און דאָס מוז טאַקע זיין די שליחות פון אַזאַ שרייבער ווי חיים גראַדע, וואָס דאַרף אָנצייכענען זיין ווייטערדיקן גאַנג אין דער ייִדישער ליטעראַטור: דער־ציילן די הערלעכע געשיכטע פון ייִדישן שטאַם אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס איז געווען אַזוי פעסט פאַרוואָרצלט אין זיין באָדן, צעגרינט און צעבלעטערט און פול מיט לעבן. דעם בראשית האָט ער שוין געמאַכט — און ער האָט עס געטאָן מיט ליבשאַפט און בקיאות, מיט געפיל און פאַרשטענדעניש. פאַר אים איז עס ניט סתּם אַ שפּיל פון קונסט לשם קונסט, נאָר זיין וועלט, וואָס איין גראַדע שרייבט קינות אויף איר חורבן, און איין גראַדע שרייבט פון איר לעבן. ער לעבט מיט איר און אין זכות פון דעם שאַפט ער.

דער מענטש פון פייער, אפשר גאָר ייִד פון פייער, איז דער סימבאָל פון עקדה. דער גורל האָט געוואָלט אַז חייב גראַדע, ווי איינער פון די דאָזיקע ייִדן, זאָל אַדורכטראָגן דורך פייער און פלאַם דעם ניט פאַרברענטן שול־הויף און אים אַריינבאַייבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור און דורך דעם אָנצינדן אויף דעם פאַרלאָשענעם געכטן אַ נר־תּמיד.

חיים גראַדע איז איצט אין די בעסטע יאָרן פון זיין שאַפן, ווי אַן אָדלער וואָס שפּרייט אויס די פליגלען זיך אויפצוהייבן צו אַ באַרגשפּיץ. די שליחות איז — ברענגען צום פאָלק זיינע ליטעראַרישע דערגרייכן. קלאָר איז דער ציל, דער וועג אָפן, און די האָריזאָנטן לכטק.

חיים גראַדע גייט דעם גראָדן וועג דורך דער ייִדישער ליטעראַטור. זיין גאַנג איז דער גאַנג פון אַ גייער מיט אַ שליחות — אַ שליחות צו וועלכער ער איז באַרופן.

דרום־אַפריקע, 1962.

- חיים גראַדע. דרום־אַפריקע, 1962.
- דער דיכטער, וואָס האָט דעם חלום דערזען. דרום־אַפריקע, 1962.
- חיים גראַדע־טור אין דרום־אַפריקע. דרום־אַפריקע, 1962.
- דער פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן פון ישיבֿה. דרום־אַפריקע, 1969.

# פון ליפקאַן ביז ניו־יאָרק

אליעזר גרינבערג: אייביקער דאָרשט. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון אסתר גרינבערג־טשעסקיס אין אָנדענק פון איר מאַן דר. יוסף י. טשעסקיס. 1968. שער־בלאַט פון זלמן קליימאַן. אליעזר גרינבערג, 1967 (פאָטאָ). איוועז — אַ געשאַנק. הויפּט־פאַר־קויף „ציקאָ“. 101 זז׳.

## א

אליעזר גרינבערג האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישן גאַנג אויף די „גאַסן און עוועניוס“ פון דער רוישיקער אײַזן־האַרטער גרויסשטאָט. און טאַקע גלײַך, בײַם ערשטן דיכטער־טראָט, האָט ער שוין גענומען אָפּשייד פון „ליפּקאַן מײַן היים“. דאָס אָפּשיידליד איז אי געווען דער דעביוט, אי אַ מין ייִנגלש־נאַיוועוּ ליבע־דערקלערונג צו ניו־יאָרק. די נײַע היים האָט אים גלײַך פאַרכאַפּט מיט איר שטאָלענעם כּישוף. ווי אַ פּסיכישער שטויס אַזאַ, פון אינעוויייניק, וואָלט אים אַרויסגעשטויסן פון דעם קליינעם בעסאַראַבישן שטיל אידילישן שטעטל און גע־מאַכט אים לאַנדן „אין אַ גרויסער שטאָט“, אויף דער סאַמע „ברוקלין בריק“. אַזוי זעט אויס זײַן „דיכטערישע מאַפּע“ אין אַ מאָדנע גלײַכן שנור פון היים ביז היים — אָן קיין שורה פון פּאָעטישן זיגזאַג.

דער דיכטערישער שפּרונג פון דעם דעמאָלטיקן „בחור דעם פאַרשײַטן“ האָט איבערגעלאָזן צום אָפּשייד ג (דרײַ) קורצע קאַפּיטעלעך — 15 שורהדיקע סטראָפעס — פאַר ליפּקאַן. גלײַך נאָך דעם קומט זײַן ליד פאַר דער ריזן־שטאָט אויף דעם האָדסאָן טײַך. שוין אין ליד „ליפּקאַן מײַן היים“, זעט ער עס ווי זײַן גורל אַלס דיכטער: „באַשערט געווען מײַן ליד זאָל דאָ צעבליִען זיך, / אין שטאָט צווישן מויערן“״. דאָס זינגט ער וועגן דער שטאָט ניו־יאָרק. און ניט נאָר איז עס זײַן גורל, נאָר ס׳איז אויך זײַן ווילן, אַז ער מיט בעסאַראַביע זײַן היים — „צעשיידטע אָבער וועלן מיר שוין בלײַבן. / נישט איך וויל און נישט איך קען מײַן גורל מײַדן“. ניו־יאָרק לייגט איר חותם אויף זײַן ליד.

אַזאַ איז געווען דער גורל־אויסוואַל פון אליזער גרינבערג ווי אַ ייִדישער דיכטער — די גרויסשטאָט האָט געלייגט איר חותם אויף זײַן ייִדיש ליד, אויף זײַן געמיט. איר טאָן האָט געגעבן דעם אויפטאַקט און געוואָרן די מוזיק צו

כּמעט אַ יובֿל יאָרן שעפֿערישע מי. ס׳וואָלט געווען אינטערעסאַנט זיך צו לאָזן אין די דיכטערישע פּוסטריט פֿון אַזאַ ייִדישן ניו־יאָרקער, ווי גרינבערג, איבערפֿרעטירן און אַנאַליזירן זײַן באַזונדערקייט אויף דעם געביט.

זײַן יעדער ליד איז פֿול מיט פּסוקים ניט נאָר ליריש־פּערזענלעכע, פֿון אייגן לעבן און מאַטעריעלן, נאָר אויך מיטן תּוכן פֿון זײַן תּקופֿה, וואָס טײַטשט זי אויס און דרשנט איר אויף זײַן באַזונדערן אופֿן. ער ברענגט אַרויס דעם גאַנצן געראַנגל, ווי ער האָט אים באַטראַכט. מיר האָבן דאָ ווייען און פֿריידן פֿון זײַן גאולה־דור. זײַנע גלויבונגען און שטרעבונגען, זײַנע חלומות און קאַמפֿן, זײַנע בענקענישן און אַנטוישונגען. דאָס אַלץ צו אַנאַליזירן פֿאָדערט זיך אַ גרויסע אַרבעט. אָבער אונדזער ציל דאָ איז בלויז זײַן לעצט בוך, ווו דער אייביקער דאָרשט זײַנער צום ייִדישן ליד, איז נאָך הײַנט, צו זײַנע שיבֿה־יאָרן: „מיט ברען פֿון אַ קינגמאַל־ניט־געשטילטן דאָרשט״. אין וועלכן ער האָט „פֿון ווערטער ייִדישע אײַנגעזאַפּט שפּאָרע פֿרייד און באַכן טרערן״.

## ב

„דער ברענענדיקסטער דאָרשט פֿון אַלע דאָרשטן״, וואָס איז „דער דאָרשט דער ניט־געשטילטער״ פֿון זוכענישן און לעכצענישן, דאָס געדאַנקלעך־פֿילאָסאָפֿישע אַרײַנטראַכטן זיך אין וועלט און מענטש און דאָס פֿאַרטיפֿן זיך אין זיך גופֿא — דאָס איז דער לייטמאָטיוו פֿון אליעזר גרינבערגס בוך. ער פּרוווט אַרײַנבליקן אין תּוך פֿון זאַכן, אין נשמהדיקן געצאַפּל פֿון דאָס אייביקע און פֿון דאָס הבֿל־הבֿלימדיקע. דער סימבאָליזם איז אַ בולט־אָפֿענער, אַפֿילו אַ מוסר־השׂכּלדיקער, און די עטיש־מענטשלעכע עמאָציע איז ווי אַ קאָנטראָל־פֿעדער, וואָס שפּרינגט אויף בײַ יעדן דורכגעלעבט־גײַסטיקן באַריר.

דער דאָרשט פֿון שעפֿערישן מענטשן איז אָבער בײַ גרינבערגן ניט נאָר די פּרעלודיע פֿון זײַן גאַנג, נאָר אויך דער סוף־פּסוק, אָדער ווי ער רופֿט עס: אייביקער. און מיר גלייבן אים אַז ער איז אייביק דאָרשטיק, די לידער זענען צוטרויליכע עדות פֿאַר דעם. ער קוקט אַרײַן מיט חכמה אין זײַן אייגן ליד. ס׳ליד איז ניט איבערגעאַרבעט, ניט איבערגעצויגן, דער סופּערלאַטיוו ניט אויפֿרײַסעריש. עס איז די מאָס פֿון אייגענעם כּוח, אַ מין גרינבערגישע נאָרמע. און צום שבֿח פֿון דיכטער מוז מען זאָגן, אַז ער איז ניט נאָר אַ קענער פֿון פּאָעזיע (ייִדישע און פֿרעמד־שפּראַכיקע), נאָר ער איז אויך אַ מבֿין אויף זײַן אייגענעם ליד. מיט אים צוזאַמען וועלן מיר באַדויערן, וואָס די קלײנע לידער ווערן „זעלטענע געסט״: „סע קומען זעלטענער און זעלטענער צוגאַסט צו מיר / די אַלטע, גוטע פֿרײַנד מײַנע, די קלײנע, די לויטערע לידער״.

אָבער אויב ס׳איז צו קיין גוטס קיין שיעור ניטאָ, איז כּאָטש פֿאַראַן די פֿרייד וואָס בײַ גרינבערגן קומען מיר אַרײַן אין אַ פֿולן שײַער מיט רײַפֿע און קערנדיקע לידער. זיי זענען קלײן און וואָגיק און פֿאַראַן אַ זעט פֿון ווערטער —

צוגעקליבענע, „דיריינסטע, די סאַמע ערלעכסטע". ריין און ערלעך איז די קוואַליטעט־מאַרקע פון גרינבערגס ליד. עס איז פאַרזען מיט דער עכטער פּראָבע פון מיושבֿדיק־אויסגעשליפענער פּאָעזיע, וואָרעם ווי „קאָן מען שענדן ווערטער, זיי פאַרשוועכן, / און נאָכדעם קוקן זיך אין פּנים פאַרן שפּיגל?"

און גרינבערג מעג הײַנט מיט אַ פילאָסאָפיש־רויִקן געמיט קוקן אין דעם שפּיגל פון זײַנע לידער. און אַז מיר קוקן אַרײַן טיפער אין זיי, רעפלעקטירט פאַר אונדז דער ייִדישער פּאָעט אליעזר גרינבערג אין זײַן גאַנצער צעוואָקסענער גרייס, און די לידער — אין זייער ליכטיקייט.

צו די לידער פון גרינבערגן דאַרף מען ניט קיין באַשייד. זיי זענען אַליין שוין דער פּירוש־המילות און קלאָר, ווי זײַן וועג איז עס. יחידישע צי סאָציאַלע, זענען זיי אָבער ניט באַלאָדן מיט פאַרשלייערטע סימבאָלן און ניט איבערגעלאָדן מיט ווערטער. מיר דערפילן גלײַך דעם באַטעמטן לידיאָדער. ס'איז אי תּוכיק, אי אויבנאויפיק. אַלץ איז פאַרשטענדיק ווי אַן אויפגעעפנטע מגילה. און ווען ער זינגט אַפילו יחידיש, פילן מיר אָבער אין קאָנצערט פון די שורות דעם לעבעדיקן אָטעם פון דער געזעלשאַפט. ער איז דער יחידישער זינגער פון מענטשנס מי.

זײַן קרעדאָ האָט ער שוין אויסגערופן אין "ליפּקאָן מײַן היים": „זינגען זאָל איך דאָ פון די וואָס מיִען זיך" — און ער האָט עס געטאָן אויף זײַן אייגנאַרטיקן אופן. עס איז מער דער מחשבֿה־צאַפּל אין זײַן ליד, ווי דער צעהילכער פון סלאָגאַנס. ער האָט ניט געפּאָכעט מיט שווערדן, אַפילו ניט מיט ביליקע פענער, נאָר ער איז געווען דער באַזינגער, דער מאָלער פון די אַלע שווערע פּײַנען, זאָרגן און עלנט פון דער מאַסע, אין דער גרויסשטאָט, מיט אירע מיזערנע פריידן.

ג

ער איז פון זײַן סאַמע דעביוט דער מאָלער פון אַ סך פּרטים, וואָס שטעלן צוזאַמען די גרויסע בילדער פון אַ ליד. דאָס זענען, אין אַנדערע ווערטער, בילדערישע לידער, וואָס ניט נאָר זענען דאָרט געצייכנט מיט פּײַנעם טאַלאַנט און שאַרפער זעעוודיקייט דעטאַלן פון דעם אָביעקט, — שטאָט צי מענטש, — נאָר ער כאַפּט תּמיד אַ קוק אין דעם מענטש, אַ בליק אַרײַן ערגעץ אין זײַן אינעווייניק, אין תּוך פון דער זאַך. פילן מיר טאַקע אַז גרינבערג איז ניט אַ צווייטע פּערזאָן אין שײַכות מיט זײַן ליד, נאָר ער איז אידענטיפיצירט מיט אים, זײַן לידס באַלעבאָס. ער איז אי צוקוקער, וואָס זעט די אויסערלעכע שיינקייט, און אי אַרײַנקוקער, וואָס דערבליקט די שווערקייט און איינזאַמקייט פון די לעבעדיקע מענטשן.

און גוט האָט דער דיכטער געטאָן, וואָס ער האָט זײַן „ערשט אָפּגעדרוקט ליד" א"נ „אין אַ גרויסער שטאָט", אַרײַנגעגעבן בראש־הספר. מיר דערזעען דורך דעם דאָס עמבריאָן־ליד, זײַן שפּעריש געבוירן ווערן ווי אַ דיכטער. פון די 16 שורות זענען די לעצטע 2 די עדות פון זײַן נאָך אומבאַוווסטער אַליינ־

קייט: „דרעה איך זיך אום צווישן מוירן און גאַסען אַליין... בלויז פון רויש, פון טומעל, באַגלייט...". דאָס ליד איז געדרוקט אין 1920, אָבער דער פּיל־זאַגנדיקער אָנדײַט פון אַליין איז נאָך געבליבן אין די אַנדערע לידער עד־היום.

עס איז די יחידישע און אָריגינעל־עכטע סטרונע, וואָס האָט זיך אַזוי פֿײַן־ליריש צעצאַפּלט אין זײַנע שפּעטערדיקע לידער. אין זיי זעען מיר דעם אומגעהײַערן קינסטלערישן שפּרײַז, וואָס אליעזר גרינבערג האָט געמאַכט. דאָס דערגיין פון „אין אַ גרויסער שטאָט" ביז „אייביקער דאָרשט" איז אַ מהלך־רבֿ אין פּאָעטישן באַרג אַרויף. זײַן זינגענדיקער טראָט קלינגט איצט מיטן ניגון פון איינעם, וואָס דערשפּירט מיטן גאַנג פון די יאָרן אַלץ שאַרפער און קלאָרער, אַז „אַן איבערערדישער ניגון לעבט אויף פון קופּעס אַש און ליים, שטעט און לענדער, ווי ער „וואָלט פּלוצעם אויפגעכאַפּט זיך פון אַ לאַנגן, שווערן שלאָף".

זײַן ניגון איז ניט די טומלדיקע צעשריגנקייט פון דער מאָדערנער צײַט. הגם גרינבערג איז אַ ידען אין דער הײַנטיקער פּאָעזיע זעען בײַ אים ניט בנימצא צעדולטע מעטאַפאָרן פון דעם פּאָעטישן אולטראַ־מאָדערניזם. עס ווייס אַ פּנים אַז ניט די מיטלען מאַכן דעם דיכטער, נאָר די לויטערקייט פון זײַן גאַנג און דאָס קענען צוריקקוקן אויף זײַן פּאָעטישער עובֿדה מיט אַ רויִקן געמיט, „מיט פרייד פּונקט ווי מיט טרערן", ווײַל „וואָס סע זאָל ניט זײַן — קען נאָר אַן אָפּשײַן זײַן — פון יעגער וואָר פון וואָרן!" און יעגע וואָר פון וואָרן איז דאָך „אַלץ וואָס כ'האָב פאַרמאָגט: — מײַן הרובֿ־געמאַכטע, מײַן אומגעבראַכטע וועלט", וואָס „שטייט תחית־המתים אויף אין מײַן זכרון". דאָס איז דער איבערערדישער ניגון פון אליעזר גרינבערג, און לויט זײַנע ווערטער: „וואָס טיפער, טיפער, איך פאַרקריך אין דעם געדיכטן וואַלד פון יאָרן, / אַלץ לויטערער גייט מײַן פאַרגאַנגענע לעבן פאַר מיר אויף..."

גרינבערג איז דער רינג צווישן צוויי דיכטערישע פּעריאָדן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט גענומען דאָס בעסטע און געזינטסטע פון אַלטן ניגון — זײַן קלאָרקייט, פּשוטקייט, פּאָלקסטימלעכקייט און דירעקטקייט — און עס אין אַ פֿײַנעם פּראָצעס פון געדאַנקלעכן ליריזם צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דער נײַקייט און צאַפּלדיקייט פון מאָדערנעם לעבן. ט'קומט אויס ווי ער וואָלט האַלטן אַרומגענומען ביידע זײַלן אין דער יידישער פּאָעזיע — דעם נעכטן און הײַנט — און אויף ביידן שפּאַרט ער זיך אָן.

ד

ער זוכט ניט צו איבעראַשן מיט אַ נאָוואַטאָרישן גראַם, צי אַרויסשלאָגן בגוואַלד אַ בליציקן מעטאַפאָר, כּדי אויף אַ רגע אַ בלענד צו טאָן. זײַנע שורות קײַטלען זיך נאַטירלעך, מיט אַן אייגענעם יידישן גרינבערג־דיאַלעקט, כ'וואָלט זאָגן דער דיאַלעקט פון ליפקאַן און ניו־יאָרק — אַ מין סינטעז פון ביידע. און פּונקט ווי אין יונגער עקסטראַוואַגאַנטער אויסדאַכטעניש האָט ער געמאַכט

אַ דערקלערונג פון זײַן ווילן „מיט נײַער ערד אַ נײַעם בונד דאָ שליסן", איז ער איצט, „אין רײַפקייט־צעגלידערטן וואַלד פון יאָרן", צוריק פאַרטראָגן געוואָרן צו זײַן חרובֿער היים. און פונקט ווי ער אַליין איז געוואָרן אַ פאַרבינדרינג צווישן דעם ייִדישן ליד פון נעכטן און הײַנט, אַזוי האָבן זיך ווידער צוזאַמענגערוקט די שטחים פון נעכטיקער ליפקאַן און הײַנטיקער ניו־יאָרק. דער אָפּשייד איז נאָר געווען אילוזיע, אפשר גאָר דיכטערישער קאַפּריז און אָנשטעל, ווײַל „כ׳ווייס אַז דער אַטלאַנטיק איז מאַכטיקער פון פּרוט, / און אַז ניו־יאָרק איז גרעסער פון ליפקאַן איז זיכער. / נאָר ס׳איז אַ בענקשאַפט דאָ, וואָס וואָרצלט טיף אין בלוט, / און ס׳קען זי נישט אויסוואָרצלען קיין שטורעם און קיין וויכער".

אליעזר גרינבערג האָט געשלאָסן אַ בונד צווישן זען מיט הערן. ער האָט דעם חלום געמאָלן מיט זעעוודיקער רעאַליטעט. צו ערשט האָט ער דערזען די גאַסן און עוועניוס, נאָך דעם דערהערט דעם אַלטן ניגון, ווי ער זינגט: „אויף מײַן חרובֿ־געמאַכטע, מײַן אומגעבראַכטע וועלט... אַן איבערערדישער ניגון לעבט אויף פון קופּעס אַש און ליים, שטעט און לענדער". דאָס איז די זכיה פון פּאָעט זיך ווידער צו קענען באַהעפטן מיט זײַן אַלטער היים און זי אַוועקשטעלן אין פאַרגלײַך מיט ניו־יאָרק, מיט וועלכער ער וואָלט „זיך קיינמאָל ניט געשיידט". פילן מיר אַז הײַנט דאַרף ער האָבן צו זײַן ליד און צו זײַן געמיט ליפקאַן ניט ווייניקער ווי ניו־יאָרק, און אפשר מער.

אַזוי האָט אליעזר גרינבערג אויפגעהיט אין האַרצנס שײַער זײַנעם דאָס געטרעטעניש פון אַלע יאָרן צוזאַמען. כ׳ווייס ניט ווי שווער ער האָט זיך געראַנגלט מיטן וואָרט, און וויפל מי און געזונט דאָס האָט אים געקאָסט, אײן זאַך איז אָבער קלאָר, אַז "די צײַט האָט מיט אַזוי פיל פּאַרטיקייט געהיט, און . . . די ליבשאַפט אין האַרצנס שײַער צײַטערדיק געשפּאָרט"... אָבער ניט נאָר דאָס אינטים־יחידישע, וואָס איז אַוועק און „סע טוט מיר אַזוי באַנג", נאָר אויך דאָס אינטים־געזעלשאַפטלעכע פון ייִדיש־שעפערישן לעבן אין ניו־יאָרק פאַר די אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן האָלט געפאַנגען דעם פּאָעט. אין אָפּטייל 4, אויף אַן אסיפה פון לשונות, טרעפן מיר זיך ווידער מיטן גאַנצן לעבעדיקן געדרודער פון שרײַבערס, וואָס זייער דעמאָלט יונגער קאָלעגע אליעזר גרינבערג רופט זיי אויף צו דערמאָנונג אין זײַן „באַלאַדע סעקאָנד עוועניו און צוועלפטע סטריט" — דאָס אָרט „ווו עס האָט זיך יאָרנלאַנג געפונען די באַרימטע קאַפע ראָיאַל — אַ זאַמלפּונקט פאַר ייִדישע שרײַבער, פּאָעטן, דערציילער, זשורנאַליסטן און אַקטיאָרן". יאָ, דער חלום פון גרינבערגן אויף דער דערמאָנטער אַסיפה איז אונדזער אַלעמענס קאָשמאַריקער חלום: „ס׳האָט זיך מיר געחלומט כ׳בין אויף אַן אַסיפה / פון אַלע לשונות פון דער וועלט. / בלויז איין און איינציק לשון — / ס׳לשון פון מײַן פאָלק האָט דאָרט געפעלט!"

און ער פרעגט: — „— ס׳טײַטש, היתכן? / פאַרוואָס האָט איר מײַן לשון פאַרזען און פאַרשעמט?" ס׳איז אונדזער אַלעמענס „ס׳טײַטש, היתכן?"

ה

מיר מוזן מיט וויטיק צוגעבן, אַז דאָס לשון פון פּאָעט איז היינט אומעטום, צווישן ייִדן, פאַרזען און פאַרשעמט. ניט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצומעסטן די צייט פון ייִדיש, נאָר פונקט ווי ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אייביקער דאָרשט ביי אַ פּאָעט, אַזוי איז אויך פאַראַן די אייביקע צייט פאַר זיין לשון און זיין יצירה. און אליעזר גרינבערג האָט עס געראָטן אָפּגעמשלט מיט קלוגע 2 אַפאָריסטישע שורות: „נישט מיט דויער בלויז לאָזט תּמיד מעסטן זיך די צייט. / עס גיבן רגעס — וואָס געדויערן אַן אייביקייט״.

און די רגעס אייביקייט זענען פאַרקנאָטן אין די ערלעכע, שטילע שורות פון פּאָעט. ער, וואָס איז שטאָלץ אויף זיין ייִדיש ליד, איז דער בעסטער באַשטעטיקער און אַ בולטער באַווייז, ווי ווייט מ׳קען זיין גשמהדיק פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט לשון ייִדיש, — ביז עס ווערט פאַרוואַנדלט אין אייביקן דאָרשט צו דעם אייביקן לשון, — ווייל ביידע מוזן זיין אייביק, אויב אַפילו נאָר איין רגע...

דער „דיאַלאָג מיט זיך אַליין אין שפּעטן האַרבסט״ איז אַן איבעריקע באַשטעטיקונג פון די אייביקע ייִדישע זוכענישן אין זיך גופא, אין דער אייגענער נשמה, פון גריבלען זיך און וועלן דערגיין דעם ציל, דעם תּכלית פון דעם אַלעם וואָס רופט זיך מענטש. וואָלט עס געווען געזאָגט מיט אַ ביסל אַנדערע טערמינען, וואָלט עס געווען ווי אַ מוסר־זאָגעניש לויטן אַלטן נוסח פון ישיבה. ביי אליעזר גרינבערג איז עס אָבער דער ניט געשטילטער דאָרשט וואָס פּילט אים אַן מיט דעם טרויער פון דער ערד, מיט דעם גאַנצן דיכטערישן צער און גורל פון זיין אייגן לעבן, וואָס איז אויך די מאָס פון לעבן פון זיינע חבֿרים—פּאָעטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די פּאָעטן, וואָס אויך זיי זענען קיין מאָל „בישט געגאַן אויף יאַגד נאָך לעמפּערטן און בופלאָקסן״. ווי ער זענען אויך זיי „געוואַקסן צווישן שווערע כּמאַרעס צער און גורל ביטערן״, און ווי ער האָבן זיי „פון ווערטער ייִדישע איינגעזאַפּט שפּאָרע פרייד און באַכן טרערן״.

דער אינטערלוד צום סוף פון בוך, אין זיין „בישט־געשטילטער דאָרשט״־ליד פון 6 שורות איז דאָס ליד פון ייִדישן דיכטער, פון דער ייִדישער ליטעראַטור. און ווייל איז צו גרינבערגן דעם פּאָעט, וואָס צו זיין 70 יאָריקן געבוירן־טאָג און צו זיינע 50 יאָר שעפערישקייט, קען ער שטילן זיין אייביקן דאָרשט מיט אַזאַ פּאָזיטיוו־גלייבערישע שורה: „און כ׳בין געווען וואָס איך האָב געוואָלט, געהאָפט און געחלומט ווערן!...״

אַזאַ סוף־פּסוק מיינט: אַ נייער אויפטאַקט צו אַ פרישן שעפערישן אָנהייב אין שפּעטן האַרבסט — דער שפּעטער האַרבסט, וואָס האָט נאָך אַזאַ שפע פון וואונדערלעכע קאָלירן, טענער און רגעס־אייביקייט.

דרום־אַפריקע, 1968.

• פירוש אליעזר גרינבערג אויף לייוויק: דרום־אַפריקע, 1962.

# די דערציילערישע וועלטן פון משה דלוזשנאָווסקי

משה דלחשנאָווסקי: האַרבסט אין ווײַנגאָרטן — דערציילונגען און דראַמעס. פאַרלאַג „ייִדבוך" בײַ דער „געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע", בוענאָס־אײַרעס, 1956. 321 זז'.

## א

משה דלוזשנאָווסקי איז געקומען צו דער ייִדישער ליטעראַטור גלײַך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם גרויסן ייִדישן חורבן. פון זײַנע ערשטע שריט האָט ער זיך דערוואָרבן אַ פּלאַץ אַלס דערציילער מיט גרויסע צוזאָגערישע מיגלעכקייטן. זײַן טעמע איז געווען נײַ, פריש, צאַפּלדיק, פאַרשיידנאַרטיק און פאַרביק אין איר אינהאַלט. זי האָט זיך געשפּרייט איבער די צײַטן פון ווײַטן עבֿר ביז צו אונדזערע הײַנטיקע טעג, איבער דער ברייט און לענג פון וועלטישע שטחים, ווו נאָר אַ ייִדישע פוס האָט ווען געטראָטן. אין אַלע עפּאָכעס פון ייִדישן פאָלק און זײַן נע־ונד קאָן אַ גוטער דערציילער געפינען אַ שלל מיט שעפערישע שטאָפן אויף צו פורעמען זײַנע קינסטלערישע קרעאַציעס, אויב ער פאַרמאָגט נאָר געניג פאַנטאַזיע און קאָן זיך אַרײַנלעבן אין זײַנע העלדן — און דאָס איז איינע פון די עיקר־מעלות פון משה דלוזשנאָווסקי. איז טאַקע דאָרטן, ווו ער אידענטיפיצירט זיך צום שטאַרקסטן מיט זײַנע העלדן, דערפילן מיר דעם קרעפטיקן דערציילער, זײַן עכטקייט און איבערצײַגנדיקייט. אייגן, כּמעט נשמהדיק נאָענט איז אים יעדער באַשאַפענער דורך אים טיפּ — אַ גוטער צי אַ שלעכטער.

איינער פון משה דלוזשנאָווסקיס הויפּט פאַרדינסטן איז אָן ספק דאָס „אַנטדעקן" אַ ייִדישן „פרעמדן" קאָנטינענט אין אונדזער ליטעראַטור — צפון־אַפריקע. ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין זײַן דערציילונג דעם ריח פון אַ ייִדיש עקזאָטישן לעבן, פון שטייגער און מינהגים, וואָס דער שטויב פון דורותדיקן אָריענטאַלישן שלומער איז דיק געלעגן אויף זיי, נאָך ניט באַרירט פון אַ קינסטלערס האַנט. אַ פאַרוואָגלטער, בעת דער דײַטשער אינוואַזיע אין פראַנקרײַך, קיין צפון־אַפריקע, האָט ער דאָרט שאַרף דערפילט דעם חן און רייץ פון אַ ייִדיש אָרעמען לעבן, וואָס איז שיין און דערהויבן; אַ לעבן, וואָס האָט אויפגעהיט דורך די יאָרהונדערטער וווּנדערלעכע אַלטע טראַדיציעס, ווי אויסטערלישע אַנטיקן,

באַפאַרבן מיטן קאָלאָריט פון די דאָרטיקע לענדער און זייערע אַראַבישע שכנים. ער האָט מיט זיין קינסטלערישן חוש אויפגעכאַפּט דעם פּרעכטיקן שימער פון לאַנג פאַרלוירענע אוצרות, וואָס וואַלגערן זיך לרוב אין די יידישע גאַסן פון צפון־אַפריקע, אין די מעלאַס פון אַלזשיר, טוגיס, מאַראָקאָ, אין די דאָרטיקע שטעטלעך און דערפלעך.

משה דלוזשנאָווסקי איז אָבער צו פיל דינאַמיש, אַקטיוו, באַוועגלעך־זוכעריש ווי אַ קינסטלער, כדי צו בלייבן געצוימט אין די באַשרענקטע דלד אַמות פון אָרט און טעמאַטיק. אַזאַ דערציילער קאָן ניט פאַרגליווערן אויף איין פּונקט — זיין טעמפּעראַמענט רייסט זיך צו נייע האָריזאָנטן, צו פרישע כאַראַקטער־טיפּן. מיט אַ ראַפינירטן חוש ברייטערט ער אויס דאָס פעלד פון זיינע שאַפעריש אָביעקטן. ער באַזיצט די לייכטקייט און דעם שווונג זיך איבערצוטראָגן מיטן כוח־הדמיון אין עבר אַריין, וואָס הייבט ביי אים אָן פּולסירן מיט דער וויטאַליטעט פון אמתדיק לעבן. זיינע אַ היסטאָרישע דערציילונג איז ניט קאָנסערווירט אין שימל פון אַלטקייט, נאָר ווערט באַהויכט מיטן קינסטלערישן אָטעם פון אַ ניי, אויפגעפרישט לעבן. ער גיסט אַריין דאָס חיות פון אינהאַלט און האַנדלונג אין די ווערטער, און זיינע געשיכטעס שפּילן זיך אָפּ ווי אַקערשט פּאַסירט.

צפון־אַפריקע איז אין משה דלוזשנאָווסקיס דערציילונגען, דראַמעס און ראָמאַנען געוואָרן אַ פולע, קערנדיקע טעמע, וואָס לאָזט זיך, דאַכט מיר, גאָר קיין מאָל ניט אויסשעפּן. אָבער חוץ דעם איז עס אַ מולטי־קאָלירקע פּריזמע, אין וועלכער עס ברעכן זיך די שטראַלן ניט בלויז פון יענעם קאָנטינענט, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער וואָס ווערן קונציק פאַרפלאָכטן און פאַרקניפּט אין די געשעענישן און פּאַסירונגען. דער סיפּור־המעשה ביי משה דלוזשנאָווסקין איז תמיד פאַרוויקלט, פאַראינטריגירנדיק, אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. ער דערציילט געשיכטעס, וואָס זענען צוגעווירצט מיט אָריענטאַלישן רייץ און פאַרוועבט מיט חלום און זינד. אָבער ער פאַרשטייט ווי אויסצומיידן דאָס פּסולת און ניט פאַרפאַלן ווערן אין שונד־ביליקן עפעקט. עס איז אַ מין אינסטינקטיווע אָפּגעהיטקייט, וואָס פירט, מאַנכמאָל איבער גאָר אַ שמאָל בריקל, צו דאָס קינסטלעריש ווערטפולע. די שפּראַך איז זויבער און קומט פון די פאָלקסטימלעכע קוואַלן פון יענער כאַראַקטעריסטיש ספּעציפישער סביבה, אין וועלכער עס באַוועגן זיך די העלדן. דאָס שאַפט די ריכטיקע אַטמאָספער און לאָזט ניט אַראָפּנידערן דעם קינסטלערישן ניוואָ צו מעכאַניזירטע פאָרמען, ווייל עס לאָזט ניט אַריינדרינגען פרעמדע עלעמענטן אין דער דערציילונג. דער ריטעם פון די דערציילונגען קומט פון עכטן פילן, דענקען און ריידן פון די העלדן.

משה דלוזשנאָווסקי מאַכט ניט קיין הקדמות, ער הייבט גלייך אָן פון ויהי. ער איז באַריידעוודיק. ער האָט ליב צו מאָלן ברייטע ליוונטן, כל־המינימדיקע פּערסאָנאַזשן, גאַנצע גאַלעריעס טיפּן. דאָס זענען פולבלוטיקע כאַראַקטערן וואָס ער מאָלט מיט ליבע. ווי שוין געזאָגט, זענען די געשטאַלטן אים נאָענט, אייגן — ער פאַרמאָגט די פאַרשטענדעניש פון אַ באַשאַפער פאַר זייער גוטס און שלעכטס,

פֿאַר זייער תּמימות און פֿאַלשקייט, פֿאַר זייער איידלקייט און ברוטאַליטעט, פֿאַר זייער ערלעכקייט און אינטריגאַנטישקייט. די אַלע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן זענען מענטשלעכע דערשײַנונגען, באַווירקט פֿון דער סבֿיבֿה, אין וועלכער אַ קינסטלער, וואָס וויל אַז זײַן ווערק זאָל זײַן שלמותדיק, מוז אַרײַנדרינגען. עס זענען די נאַטירלעכע אינסטינקטן און פּסיכאָלאָגישע פֿאַרהוילונגען, נעגאַטיווע צי פּאָזיטיווע, פֿון דעם מענטשנס נשמה און מוח, וואָס ווערן דורכן קינסטלערס האַנט אויפֿגעהעלט און אויפֿגעלויכטן. אַ דערציילער איז טאַקע ניט קיין וויסנשאַפֿטלעכער אַנאַליטיקער, אָבער אויב ער פֿאַרשטייט ניט צו וואַרפֿן די נייטיקע שײַן אין די פּסיכישע קעמערלעך פֿון זײַנע אָביעקטן, בלײַבן זיי ניט מער ווי באַוועגלעכע גולמס וואָס פֿאָלגן אויס, ווי די ראָבאָטס, די טעכניק פֿון אַ דערציילערישער אַרבעט. גאָר וויכטיק איז עס אין די פֿאַלן, וווּ די העלדן זענען באַהערשט פֿון נאַטירלעכע תּאוות און גלוסטעניש, פֿון נשמה־קאָנפֿליקטן און געראַנגל פֿון פּרימיטיווע נאַטור אינסטינקטן. אַזעלכע טיפּן, מאָמענטן און סיטואַציעס זענען פֿאַראַן אין משה דלוזשנאָווסקיס דערציילונגען לרובֿ און עס מוז געזאָגט ווערן, אַז ער ספּראַוועט זיך מיט דעם קאָמפּליצירטן מאַטעריאַל מיט זעלטענער ראַפֿינירטקייט, וואָס צו מאָל דערגייט עס ביז מײַסטערישער גאַנצקייט.

די דערציילונגען זענען פּלאַנירט ביז צום לעצטן פּונקט. דערפֿאַר באַקומען זיי זיך אַרכיטעקטאָניש גאַנץ, פֿאַררונדיקט, מיט אַ פֿולן אויסקלאַנג. דער דערציילער גייט מיט זײַנע העלדן ווי ווײַט עס לאָזט זיך, בלײַבט דעם לייענער וואָס ווייניקער זיך צו פֿאַרטראַכטן איבער זייער גורל. דער אָ מין דערציילונגען — ראַפֿינירט און מיט לאַנגן אָטעם געשריבן — פֿאַרשאַפֿט הנאה בײַם לייענען. די פֿאַנטאַסטישע און קאָמפּליצירטע פּאַסירונגען ווערן אַראָפּגעשיילט, ווי שאָלן, איינער נאָך דעם אַנדערן. אינעווייניק ליגט פֿאַרוויקלט דער קערן, מיטן יאָדערדיקן טעם פֿון קינסטלערישער רײַפֿקייט.

די קאָנסטרוקציע פֿון דלוזשנאָווסקיס אַרבעטן איז געבויט אויף ציקלען, וווּ איין געשיכטע האַקט זיך אָפּ אין אַ געוויסן מאָמענט, כּדי אָנהייבן אַ נײַע, אַרײַנפֿירן נײַע פֿאַרשוינען, אַרײַנברענגען נײַע אַנטוויקלונגען. עס מאַכט זײַנע דערציילונגען שפּאַנענדיק און דראַמאַטיש. ס׳וואַרפֿט זיך אין אויג אַ שלל מיט סצעניש, אויך פֿאַרן פֿילם, מאַטעריאַל. זיי פֿאַרמאָגן פֿײַנע דראַמאַטישע קוואַליפֿיקאַציעס און בעטן זיך אינסצעניזירן. דער דראַמאַטישער עלעמענט אין זײַנע ווערק איז אַ זשאַנער, וואָס ער אַנטוויקלט מיט טאַלאַנט און געשמאַק. זײַנע העלדן אָטעמען אויס שטימונגען פֿון לירישן געמיט, ווי די גײַסטיקע אַטמאָספֿער אין וועלכער די האַנדלונגען שפּילן זיך אָפּ. דאָס דראַמאַטישע, אין דערציילערישער פֿאָרעם, איז אַ געלונגענער סינטעז פֿון די צוויי קינסטלערישע אייגנשאַפֿטן. דאָס מאַכט די דערציילונגען ווערטפֿול און דויערדיק.

ב

ביז איצט זענען דערשינען פיר ביכער, דערציילונגען און דראַמעס (איין ראָמאַן אין העברעיִש), פון משה דלוזשנאָווסקי. זײַן ערשט בוך, דאָס ראָד פון מזל, איז אַרויס אין 1949 און פּרעמירט געוואָרן פון צבֿי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע.

האַרבסט אין ווײַנגאָרטן, זײַן איצטיקער בוך, האָט נײַן דערציילונגען און צוויי דראַמעס.

די ערשטע דערציילונג, „דער צינז־אײַנמאָנער פון אַוויניאָן", שפּילט זיך אָפּ אין מיטל־עלטער, אין דער פראַנצייזיש־פּראָוואַנסאַלער שטאָט, אַוויניאָן, וווּ ס'איז געווען צו יענער צײַט אַ געטאָ פאַר ייִדן אונטער דער שוץ פון די דאָרטיקע פּויפּסטן, וואָס האָבן שטײַערן אײַנגעמאָנט פאַר דעם אַ „חסד". די דערציילונג איז בילדעריש שטאַרק, און אינעם צענטראַלן זײַטן איז צוזאַמענגעפּרעסט אַ וועלט מאַטעריאַל, וואָס קאָן קלעקן פאַר אַ גאַנצן היסטאָרישן ראָמאַן. די דיאַלאָגן זענען געבויט אין דער מליצהדיקער שפּראַך פון יענע אַלטע צײַטן. עס איז פאַראַן אָפּגעהיטקייט אין סטיל און גלײַכמאָסיקער ריטעם. אַזעלכע פּאַסירונגען האָבן צו יענער צײַט געקאָנט זײַן גיט פון די זעלטנקייטן. אַ פײַנע דערציילונג, וואָס אַנטוויקלט זיך ביז אַ דראַמאַטישן קלימאַקס.

די צווייטע דערציילונג, „צוויי קאָטשן", איז שוין פון אַן אַנדער ווירקלעכקייט — אַ היימישע, ניט לאַנג פאַרגאַנגענע געשיכטע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַ שטאָט אין פּוילן. דאָ ווערן בולט אַרויסגעבראַכט די ייִחוס־דיפערענצן צווישן ייִדישער אָרעמקייט און גבֿירעשאַפט. עס איז אַ טראַגישע פּאַסירונג, וואָס פאַרלויפט זיך אין אַ חסידישער סבֿיבֿה, ווען אַ פרומער יונגער מאַן, אין זײַן „רעוואָלוציאָנערן" אויפבראויז, צעברעכט דעם אַשבעכער פון תּקיפֿן באַלעבאָס, אים אַ וואָרף טוענדיק צו זײַנע פיס אין די אויגן פון די פאַבריק־אַרבעטער בעת אַ מלווה־מלכּה. די אומבאַרעכנטע ספּאָנטאַנע טווּנג פון דעם אונטערדריקטן מענטשן, זײַן עקשנות און שטאָלץ, זענען געמאָלן מיט סימפּאַטיע. עס איז גײַסטיקער רעוואָלט פון אַ דערשלאָגענעם, אַרבעטסלאָזן ייִדן, וואָס אַנשטאָט צו פירן אַ קאַמף טרײַבט אים זײַן שׂינאה־געפיל צו זוכן זײַן שטיקל ברויט ערגעץ אַנדערשוווּ. עס איז אַ טיף־פּסיכאָלאָגיש־באַלויכטענע דערציילונג, וואָס ווירקט עכט. די קאָנפליקטן צווישן די עקסטרעמע כאַראַקטערן ווערן אַרויסגעבראַכט אין רויִקע, אַפילו סובטילע וואַרעמע טענער.

די דריטע און גרעסטע דערציילונג, „האַרבסט אין ווײַנגאָרטן", וואָס איז אויך דער טיטל פון בוך, איז אַן אומגעוויינלעכע פּאַסירונג מיט אַ ייִדישער מיידל אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין פראַנקרײַך. אומגליק און נס, העלדישקייט און רציחה, לעבן און טויט גייען דאָ געפּאַרט. עס איז אַן אויסטערלישער געפּלעכט פון צופאַל און ווונדער, וואָס איבערשטײַגט יעדע מענטשלעכע פאַנטאַזיע. איז עס דאָך אָבער געווען צו יענער צײַט אַ טאָג־טעגלעכע

דערשײַנונג, דעריבער איז ניט וויכטיק די אויטענטישקייט פון די פּאַסירונגען, נאָר ווי זיי ווערן דערציילט. די דערציילונג אַנטוויקלט זיך אין דעם קלימאַט פון יענע ווײַסטע און דולע טעג, און איז אַ מוסטער־דערגרייכונג פון אַזאַ מין סיפּור־המעשׂה. די 12 קאַפּיטלען זענען אַנגעזאַפּט מיט דער אַלגעמיינער דעפּ־רעסיווער שטימונג פון יענע יאָרן, אָבער בעיקר מיטן צער און טרויער פון ייִדישע געמיטער. די גאַנצע נאַטור, די גאַנצע אַטמאָספער — הימל און ערד, וואַלד און פעלד, מענטש און חיה — אָטעמען מיטן צער פון פּאַרגייי, מיט דער שווערקייט פון אומקום און גרעאַנגל פאַרן לעבן.

דער מחבר פירט אונדז אויף דעם עלנטן וועג פון אַ ייִדישער יונגער מיידל, וואָס איז אַוועקגעוואָרפן געוואָרן צום בלינדן גורל. אַרום איר ברענען די פלאַמען פון מאָרד און שׂינאה, און אין איר האַרצן טויען אויף די ערשטע בענק־שאַפטן פון ליבע, די ערשטע שפּראָצן פון מיידלשער יונגפרויִקייט. זי איז אָבער גובֿר אין זיך די געפילן: נייִן, ניט באַרירט ווערן, ניט אומקומען פון פאַרשיווע דײַטשע הענט! פּלוצלינג קומט אונטער אַן אידעאַליסטישער מאָ־מענט, — ראַטעווען צוויי ייִדישע קינדער, — וואָס ווערט דער ציל פון איר צעפּײַניקט האַרטן לעבן. עס איז אַ שליחות, וואָס וואַרפט איבער הצלה־בריקן איבער די גרעסטע סכנות. לעבן אין אַזאַ צײַט צוליב עפּעס וואָס איז גרויס, שיין און דערהויבן, ניט נאָר צוליב ראַטעווען דעם איך, מוטיקט איר ניט צו פאַרצווייפלען.

די דערציילונג צעוואַקסט זיך אין אינהאַלט, פאַרפלאָנטערט זיך גאָר וואַזש־נע, אָבער דער מחבר מײַסטערט אַלע סיטואַציעס. די בלעטער זענען פאַרוועבט מיט אַ דין־ציטערדיקער ליריק פון דער מיידלס יונג לעבן און אירע געפילן, מיט דעם זאַפּטיקן אַראָמאַט פון פּרוויִשער רײַפקייט און מענערישע גלוסטונגען. עס איז אָבער בעיקר אַ דערציילונג פון אַן אידעיִש־קינסטלערישן גראַד, און אַ טעמאַטיק וואָס איז אונדז טראַגיש נאָענט.

## ג

די טעמאַטיק פון משה דלוזשנאָווסקיס דערציילונגען איז געגליכן צו דער פּאַליטרע פון אַ קינסטלער, וואָס מאָלט מיט די קונציקסטע פאַרבן־גאַמעס. אַן אַ שיעור פאַרבן־טענער קאָנען זײַן דורכגעמישט אין איין דערציילונג זײַנער — פרייד און טרויער, שׂינאה און ליבע, הנאת־הגוף און חדוות־הנפש. עס איז ניט מיגלעך צו אַנאַליזירן דאָ יעדע דערציילונג, איר פאַרלויף און די כאַראַקטערן, העלדן, טיפּן, הגם יעדע באַזונדער וואָלט פאַרדינט באַהאַנדלט צו ווערן. גורל, געפאַלנקייט, דערהויבנקייט, פּסיכאָלאָגישע פּאַרטיפּטקייט און ליריש געזאַנג מאַכן פול די בלעטער פון זײַן בוך האַרבסט אין ווײַנגאָרטן. פון איין זײַט אַזאַ אינטערעסאַנט פּסיכאָלאָגישע און טיף טראַגישע דערציילונג, ווי „מאַסקעס“, פון דער צווייטער — ווערן מיר פאַרטראָגן אין אַ פאַרוואָרפענעם העק פון צפון־

אַפריקע: אַ ייִדישע געטאָ אין אַ קליין אַראַבישע שטעטל. דאָ איז די אור־קראַפט פון מענטשלעכע טריבן און אינסטינקטן בשותפותדיק, כמעט די זעלבע ווי ביי יענעם פראַנצייזישן טראַגישן „קלאָון", אין „מאַסקעס". צוויי אַזוי ווייטע פיזישע און גייסטיקע וועלטן, אָבער אין ביידע הערשן די זעלבע נאַטורן און פסיכאָלאָגישע געזעצן. אומעטום איז מענטש באַהערשט פון די גלייכע כוחות, פון זיינע אייגענע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן. און אַזוי אַנטפּלעקט פאַר אונדז דער מחבר דעם מענטש און זיינע קאָנפליקטן — דערציילונג נאָך דערציילונג.

משה דלוזשנאָווסקי איז חוץ דערציילער אויך אַ שטאַרקער דראַמאַטישער טאַלאַנט. צום סוף פון בוך (אַגבֿ, מער ווי אַ העלפט) קומען צוויי דראַמעס: „די איינזאַמע שיף" און „דער בשׂמים־סוחר פון סאַפי". זיי זענען אינטערעסאַנט, מיטרייסנדיק, לעבעדיק און — דער עיקר — פול מיט האַנדלונג. איז געוויס צו באַגריסן אַזאַ דערשיינונג אין אונדזער ייִדיש־ליטעראַרישע וועלט, ווען דאָס בעסערע ייִדישע טעאַטער קלאָגט שוין יאָרן אויף אַ דוחק אין גוטן רעפּערטואַר. (און אָט, ווי מיר האָבן געהערט, גייט שוין „דער בשׂמים־סוחר פון סאַפי" אויפֿגעפירט ווערן אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט). יאָ, דאָ און דאָרט פילט זיך נאָך אין די דראַמעס אומבאַהאָלפנקייט, שוואַכע שטעלן, ווי אַ שטייגער, ווען די בינע־העלדן „שטעלן פאַר" — איבערהויפּט אין „די איינזאַמע שיף" — אויף „אַ פאַרשטעלטן אופן" אַנדערע „פּערזאָנען", אָדער מאַכן „אַ ביסל קלאָר די סיטואַציע" — עס ווירקט ניט נאַטירלעך. עס שוואַכט אָפּ דעם איינדרוק, ווען דער מחבר העלפט זיך אַרויס מיט אַזעלכע „קאָנפעראַנסיע" מיטלען. אָבער ביים שפילן, ניט ווי ביים לייענען, לאָזט זיך עס געוויס גוט מאַכן. די הויפּט־מעלה איז אָבער, וואָס די דראַמעס זענען טאַקע ווי אַזעלכע גאָר ווערטיק: זיי פאַרמאָגן אינהאַלט וואָס וואַקסט אָן ביז פולקייט, און די האַנדלונג שטייגט ביז אַ הייך דראַמאַטישן קלימאַקס. ס'וואָלט אויך געווען גוט אויסצומיידן דאָס ביסל מעלאָדראַמאַטישקייט, וואָס כאַפּט זיך אַריין דאָ און דאָרט.

משה דלוזשנאָווסקי איז געקומען צו דער בלוט־אָפּגעצאַפּטער, פאַראָרעמטער ייִדישער ליטעראַטור מיט שטאַרקע יונגע כוחות, מיט אַמביציעזן דראַנג, מיט דעם אימפּעט פון אַ צוזאָגנדיקן טאַלאַנט. פיל האָבן מיר פון אים צו דערוואַרטן. מיט זיין שפּרודלדיקער שעפערישקייט, מיט זיין נייקייט און פרישקייט איז ער אַ ברכה פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

דרום־אַפריקע, 1956.

• דער דערציילערישער מתמיד; דרום־אַפריקע, 1964.

# שריפטן פון פײַער

אליעזר הײמאַן — שריפטן. הוצאת איגוד יוצאי ליטא בישׂראל, תּל־אָבֿיבֿ. תּשל״ב—1972. אליעזר הײמאַן — ישׂראל קאַפּלאַן, 9־16 זז׳. יעקבֿ גאָטליב — מיר... אליעזר הײמאַנען, ז׳ 17. אָפּשאַצונגען ד״ר ח. נ. שאַפּיראָ; י. באַשעװיס; נתן גרינבלאַט־גורן; יעקבֿ גאָטליב; ישׂראל קאַפּלאַן — 181־192 זז׳. בילדער: אליעזר הײמאַן — 1908־1944; אַ גרופּע יונגע שרײַבער אין ליטע. 19־180 זז׳.

## א

**אליעזר הײמאַן איז געװען אײנער פון דעם יונגן דור ייִדישע שרײַבערס, װאָס האָט אױפגעשפּראָצט אין ליטע צװישן בײדע װעלט־מלחמות. אין מיטן די 20קער יאָרן הײבט ער אָן שטעלן די ערשטע טריט אין דער ייִדישער, און אױך העברעיִשער, ליטעראַטור, װאָס איז אױפגעקומען אין ליטע. ער דרוקט דערצײלונגען און מאמרים אין צײַטונגען און צײַטשריפטן. זײַן טאַלאַנט טײלט זיך תּיכּף אױס, אין דער פלעיאַדע יונגע בעלעטריסטן, מיט אַ באַזונדער־אַרטי־קער טעמאַטיק. זײַנע שאַפערישע כּוחות בליִען זיך פונאַנדער אין די 30קער יאָרן, װאָס זענען אױך די יאָרן פון אַ שטאַרקן קולטור־אױפלעב אין דער ייִדישער ליטע. די יאָרן פאַרן אױסברוך פון דער 2טער װעלט־מלחמה זענען זײַנע אַקטיװ־שאַפערישסטע.**

**אליעזר הײמאַן איז אַרײַנגעקומען אין דער ליטעראַטור מיט אַן אײגענעם נוסח. ער האָט מיט אַן עשירות פון לשון און רויִקן געמיט געשילדערט בילדער פון מענטש און פאַרביקע מאַלערײַען פון דער נאַטור. ס׳איז געװען נאַטור װאָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אױג. אָבער ניט נאָר דער פײַנער אָרנאַמענטאַלער סטיל איז עס געװען, אפשר מער נאָך איז עס געװען די אוניקאַלע טעמע, דער אײן סטרונע אינסטרומענט װאָס אױף אים האָט ער אױסגעשפּילט זײַנע קורצע עטיודן. דאָס איז געװען גױ אין דאָרף, שטעטל און ייִד, אָבער בעיקר האָט ער „אָקופּירט" דעם שטח פון דער גױ־דאָרף טעמע. ניט נאָר איז די טעמע געװען נײַ, נאָר דער אופן באַהאַנדלען דעם דערצײלערישן מאַטעריאַל איז געװען אױף אַן אײגענעם הײמאַנישן שטײגער.**

**ס׳רובֿ דערצײלונגען, געשריבן אין אַ גלאַטיק שײנעם לשון, זענען קורץ.**

די געשטאַלטן און די אַ״ג העלדן וועבט ער אויס אויף דער פאָן פון געדיכטע נאַטור־בילדער. עס קומט פאַר ווי מענטש, ייִד, גוי, אַפילו די יצרים זייערע, זענען פאַרפלאָכטן מיט דער נאַטור־סבֿיבֿה און פון איר וואַקסן זיי אַרויס, ווי פון אַ וואָרצלדיקער מאַסע. און ער, דער מחבר, טוט עס קונציק זיי פונאַנדערשיידן און אָנטאָן יעדן זײַן אינדיווידועלן פּרצוף־פּנים. ס׳איז אויך נאַטירלעך, אַז פּויער און ייִד, אין זייער יאָרהונדערטער שכנותשאַפט, זאָלן זיך מישן צוזאַמען.

די מענטשן זענען קליינע, און מיזערנע די געשעענישן. מיטן מינימום פון האַנדלונג און ניט קאָמפּליצירטע פאַרלויפעניש, מאָלט אליעזר היימאַן דעם דערציילערישן ליַיוונט אויפן גרויען און שמאָלן האָריזאָנט פון ליטעלאַנד. ער האָט ניט געמאָלן קיין צוויי פעלקער, ניט קיין מאַסן־סצענעס, נאָר יחידים, זייערע שוואַכקייטן און אויך שטאַרקייטן. זייערע נאַטורן און מעשׂים זענען אין אַ סימפּאַטיש ליכט, פּאָזיטיווע, צו מאָל אַפילו אידיליש, חוץ, פאַרשטייט זיך, פּסיכאָפּאַטישע טיפּן.

אויב ס׳קאָן אויפקומען אַ ספק, צי די העלדן זענען אויטענטישע, זענען זיי אָבער רעאַליסטישע, ווי דער יונגער היימאַן האָט זיי פון דער נאָענט געקענט. און אַזוי האָט ער זיי אַרײַנגעבראַכט אין זײַן דערציילונג, דעם גוי און ייִד, מיט זייערע נאַטירלעכע רייד און טוונגען. זיי האָבן אַפּעלירט צום אויג און געמיט פון ייִדישן, און אויך ליטווישן לייענער מיטן קלאָריט פון דער לאַנדשאַפט און לעבעדיקן ריח פון היים. ער האָט צעוויקלט די מאַפּע פון די ליטווישע פלאַכקייטן, ווו עס האָט געשמעקט מיט זעטיקייט און הונגער, מיט שפע און אָרעמשאַפט. אַפילו ווען די אומעטיקע היימען און סמוטנע כאַטעס פראָוון מלכות־בויט, קומט עס בײַ אליעזר היימאַן אַרויס שטיל, אָן דעם דעפרימירנדיקן ביטערן ווײ־געשריי און הילפלאָזן קרעכץ. מ׳זעט אַז אויך צו אים איז דערגאַנגען זייער עלנט, אָבער ער ברענגט אַרויס דעם בטחון פון ראָזעווען ברויט און פראָסטראָזעווען לעבן, וואָס האָט ניט צוגעלאָזן דעם ייִאוש צום האַרצן.

ב

אליעזר היימאַן האָט אויסגעמײַסטערט מיניאַטור־בילדער פון ליטווישן לעבן און נאַטור, אַרומגעצוימט מיט אַן ערדיש געזונטן קלימאַט. ער האָט עס אַלץ איבערגעלאָזן, ניט גלייבנדיק מסתמא אַז ס׳וועט זיך אײַנגעפינען אַ גואל פאַר זײַן שאַפן. איז געקומען דער פראַזאַיקער ישׂראל קאַפּלאַן, אַ געטרײַער חבֿר פון אליעזר היימאַן נאָך פון די יונגע יאָרן, און האָט אויפגעזאַמלט זײַן ליטעראַרישן עזבֿון וואָס איז געווען צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט. ער האָט עס געטאָן מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש. בראש הספר קומט טאַקע די אינפאָרמאַטיוו אַנאַליטישע הקדמה, אליעזר היימאַן, ווו ער צייכנט אָן די ליטעראַרישע פיזיאָנאָמיע פון מחבר און גיט אַ קורצן קווערשניט דורך זײַן שאַפן.

ישׂראל קאַפּלאַן מאָלט די אינטעגראַלע שאַפערישע פערזענלעכקייט פון

אליעזר היימאַן, וואָס „זײַן אויג (איז) אַזוי וואַך צו יעדן וואָרט און באַוועג פון די פויערים, און זײַן קינסטלערישע פּען שילדערט פּלײַסיק זייער שטייגער לעבן...". און דאָ קומט קאַפּלאַן פּלוצלינג אַרויס מיט אַ מין טענה, וואָס „דער טאַלאַנטפולער קינסטלער (האָט) ניט אויפגעכאַפּט נאָך אײן ׳ניואַנס׳ — אַ דאָרשטיקייט צו ייִדיש בלוט". ס׳וואָלט גאָר ניט נאַטירלעך געווען, אַז קאַפּלאַן, דער אַליין געפּרוווטער אין געטאָס און קאַצעטן, און אַ היסטאָריקער און פאָרשער פון לעצטן חורבן, זאָל אויסלאָזן אַזאַ כּלומרשט ניט ליטעראַרישע שאלה. ווילן מיר דאָ בלויז זאָגן, אַז קאַפּלאַנס שאלה בלײַבט גריזשען אין האַרץ־און־מוח פון די, וואָס האָבן נענטער דערקענט דעם ליטווישן פּויער און זײַן בלוטדורשטיקע רציחה. ער איז געוואָרן, מיט און אָן די דײַטשן, דער אַקטיווסטער אויספירער פון די מאָרד־אַקטן קעגן זײַנע ייִדישע שכנים, און אויך ייִדן פון אַנדערע לענדער. ס׳איז נאָך אַפילו הײַנט שווער צו פאַרשטיין דעם געשיכטלעכן „טעות", ווי קאַפּלאַן באַצייכנט עס, פון די „אילוזאָרישע אָפּשאַצונגען" פון אליעזר היימאַן. לאָמיר דעריבער צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ווען היימאַן וואָלט זיך פאַרנומען מיט טיפערע פּסיכישע קאָמפּלעקטן פון גוי, וואָלט ער אפשר זיך געמוזט אָנשטויסן אויף דעם ווילדן פּענאָמען. היימאַן דערציילט אָבער מער וועגן טיפּישע גופיקע און מגושמדיקע הווה־אַספּעקטן פון זײַן צײַט. ניטאָ קיין טיפערער אַרײַנבליק אין דער נשמה פון מענטש. ער באַלויכט נאָר די בחוש זעעוודיקע וואָר פון זײַנצײַטיקער איצטיקייט, אָן קיין שום וויזיאָנערישן אויפבליק. אין אַנדערע ווערטער: די דערציילונגען זענען אין פּערספּעקטיוו פון דער געגעבענער צײַט. אין דער אָ פּנים־אל־פּנים נאָנטשאַפט איז פאַר אים געבליבן פאַרהוילן דער חושך אין מוח פון ליטווישן פּויער. מיר קענען זיך אויסמאָלן, כּמעט אויף זיכער, אַז ווען היימאַן וואָלט יע איבערגעלעבט דעם חורבן, וואָלט ער דערזען זײַן „טעות" פון דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו און אים אַ ת י ק ו ן געגעבן.

אין די גורלדיקסטע טעג פאַר די רעשטלעך ליטווישע ייִדן, זומער 1944, האָט אַ דײַטשיש פּײַער פאַרלאָשן דאָס יונגע לעבן פון אליעזר היימאַן. אָבער דאָס פּײַער האָט, צום טראַגישן גליק פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ניט געקענט פאַרשׂרפן די שעפערישע ירושה פון טאַלאַנטירטן בעלעטריסט. האָט ישׂראל קאַפּלאַן דאָ געבראַכט צום דרוק — מסתּמא ניט אין פול — 13 דערציילונגען און אַ ליד. אינטערעסאַנט איז דאָס קורצע שטימונגליד, געדרוקט אין 1930. די אַטריבוטן „מענטש" און „פעלד" דעקן־אויף אַ מין קרעדאָ פון אומבאַקאַנטן גוי, וואָס שטעלט אויף אַ רייסטער פון זײַן ליבע צו דער נאַטור: „כ׳האָב ליב דאָס ברויט, די ווײַב און דעם רינד / און דעם אומעטיקן לאָם, ציטערדיק ווי אַ ווינט...". נאָך דעם קומט לעבעדיקע און טויטע נאַטור: „שוואַלב"; „וואַלד"; „טײַך"; „פּערדישן מיסט" און אַפילו ניט פאַרגעסן דעם „צלם" — „בײַם שוועל פונעם וועג". דאָס זענען די רייד פון אַ גוי, וואָס „שלאָגט זײַן זינדיק טאַטער־אָאַ״ו. און דאָס קליינע פּשוטע ליד זעט אויס צו זײַן אַ פײַל, וואָס ווײַזט קלאָר די ריכטונג צו אליעזר היימאַנס טעמאַטיק.

## ג

די ערשטע דערציילונג, פון קוים איין זײַט, איז נאָר אַ סקיצירטער שטימונגבילד פון דער וועלט־נאַטור. ס׳איז אַ שטיללעבן, געשריבן אין פּאָעטישע שורות. היימאַנס דעביוט: „קאָוונער טאָג“, 1926. די דערציילונגען וואָס קומען נאָך דעם, זענען פון פויער, ייִד און זייער לעבן, ווי דער פאָקוס פון שרײַבערס געמיט האָט זיי געבראַכט צו זײַן פּעדער. אונטער די דערציילונגען זענען ניט אָנגעגעבן קיין דאַטעס, אָבער ס׳ווײַזט אויס אַז זיי זענען פון די מיטן 30ער. פון די מײַנסטע ווייעט מיט מאַנאָטאָניע און מעלאַנכאָליע, און אַזוי איז אויך זייער פּאַמעלעכער גאַנג, ניט צו פיל פאַרוויקלט און מיט ווייניק אַקציע. זיי זענען גראָדליניק און דירעקט, מיט פאַרשטענדיקע פאַרגלײַכן און צו מאָל פײַנע סופּערלאַטיוון. ניטאָ אין זיי דער אַלטער מוסר־השׂכּל און ניט דער מאָדערנער סימבאָליזם, אָבער דערפאַר זענען זיי אײַנגערעמט אין אַ בילדערישער מיליע פון נאַטור. מיט דער קורצקייט פון 3—4 עפּיזאָדן בינדט זיך פונאַנדער אַ געשיכטע. אַזאַ דערציילונג איז „דערנער“: די פּײַן פון עלנט, און קינדערלאָזיקייט פון אַ פויער, וואָס קען ניט מוחל זײַן זײַן גאָט די דאָזיקע עוולה. ער שילט גאָט און ווײַב. און אַלץ איז בלויז קורצע 5 זײַטן.

אליעזר היימאַן הייבט אָן כמעט יעדע דערציילונג מיט אַ מאָלערישן נאַטורבילד, און ס׳טרעפט בײַ אים אַז אַ גאַנצע דערציילונג וויקלט זיך ניט אַרויס פון פלאַנטער פון נאַטור־שילדערונגען. עס זעט אויס פּאַראַדאָקסאַל, ווי די האַנדלונג פון די פאַרשוינגען וואָלט אַרויסוואַקסן פון דער נאַטור גופא. די נאַטור־סימפּאַטיע, מיט פאַרשווענדערישער פאַרביקייט פון טענער, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין צוזאַמענבינדן די עפּיזאָדן פון די דערציילונגען, ווי זיי וואָלטן זײַן צוזאַמענגעהעפט מיט נאַטור־פעדעם.

די דערציילונג „הייס בלוט“ פאַרכאַפּט ערטערווײַז דעם אָטעם, אָבער דער תאווה־אָנפלייץ אויף יורגיסן און די פאַרגוואַלדיקונג־סצענע מיט זײַן טויט זענען אָפּגעכאַפּט, ווי אַ מין צײַטונג־באַריכט. די צווייט־גרעסטע דערציילונג אין בוך, „תּבֿואה“, איז שוין געצייכנט מיט מער קענטיקע שטריכן פון ייִד און פויער. אָבער אויך דאָ איז עס אַ צוזאַמענשפּיל פון לאַקאָנישע בילדער און עפּיזאָדן, ניט פאַרגרונטיקט און פאַרטיפט. מיר זעען במשך פון דעם איין טאָג: אויפשטיין און טיי טרינקען, אַ שפּײַכלער תּבֿואה, דעם מאַרק און אַ צעפלאָסענע מאַסע פויערים, אַ ציגײַנער וואָס פאָרט צוזאַמען זײַן אָגער מיט אַ פויערשער קליאַטשע. און די שפּאַנונג פון די בילדער זענען אַ מין פעדעמער־געוועב, וואָס האַלט צוזאַמען דעם לײַוונט, אָבער, ווידער, עס וואַקסט ניט אין דער טיף.

דאַרפן מיר עס אַלץ זען ווי אַ בראשית — דעם אָנהייב פון אַ שאַפערישן אַרויסרוף צו זיך אַליין. אַ סימן האָבן מיר, אַז היימאַן האָט זיך דעמאָלט געהאַט פאַרמאָסטן אויף עפּעס גרעסערס און ברייטערס: אַבֿרהם מאַפּו. די דערציילונג פון 33 זײַטן שפּילט זיך אָפּ אויף דעם פאַר צײַטיקן הינטערגרונט פון דער ייִדי־

שער ליטע, ווען דער עמאַנציפּאַציע־גײַסט און השׂכּלה האָבן אָנגעהויבן אַרײַנ־דרינגען אין דער רעליגיעז־פֿרומער און הערמעטיש־פֿאַרשלאָסענער עדה, אין סלאַבאָדקע. דאָרטן האָט געלעבט דער העלד, דער בונטאַר און קעמפער קעגן פֿאַנאַטיזם און צבועקיזם אַבֿרהם מאַפּו.

ישׂראל קאַפּלאַן האָט, חוץ דעם פּתיחה־מאמר, אויך אַ חתימה־מאמר, וואָס שליסט דעם בוך שריפֿטן, געדרוקט געווען אין 1937, און זײַן טיטל: „פֿון מעשׂה־בראשית ביז אַבֿרהם מאַפּו". דאָס מיינט מסתמא צו זאָגן, אַז נאָך זײַן שאַפֿערישן בראשית האָט היימאַן, מיט זײַן היסטאָרישער דערציילונג, באַטראָטן דעם ברייטערן שליאַך.

שווער זיך אַרײַנצולאָזן אין היפּאָטעטישע טרעפֿענישן פֿון וואָס וואָלט געווען. ס'איז אַפֿילו ניט גאָר לײַכט צו מאַכן דעם טרוקענעם סך־הכּל פֿון די וויניקע שאַפֿונגען, וואָס אליעזר היימאַן האָט איבערגעלאָזן אין צעבלי פֿון זײַן טאַלאַנט. און לאָמיר מודה זײַן, אַז די גאַנצע צײַט פֿון לייענען אים און שרײַבן וועגן אים, האָט געהויערט איבער אונדזער פֿלייצע דער ליכטיק אייביקער שאָטן פֿון זײַן געשטאַלט. און די דערציילונגען, וווּ עס איז פֿאַרקריצט זײַן אימאַזש, זענען ניט סתּם שריפֿטן, נאָר שריפֿטן פֿון פֿײַער. זיי אָטעמען מיט דער געדענקשאַפֿט פֿון זייער באַשעפֿער.

פֿון כּתבֿ־יד, 1981.

# דער גאַנצער מ. וואַלדמאַן

מ. וואַלדמאַן: פון אַלע ווײַטן. הקדמה — דבֿ סדן. ה. לייוויק־פאַרלאַג פון ייִדישן ליטעראַטן־זשורנאַ־ליסטן־פאַריין אין ישׂראל. תּש״מ—1980. פּאָרטרעט פון מחבר: מיכאַל מילבערגער. 366 זז׳.

**א**

משה וואַלדמאַן (ווּעמען מיר וועלן ווײַטער באַצייכענען מיטן איניציאַל מ., ווי ער טוט זיך רופן אין בוך) איז אַ גאָר אינטערעסאַנטע און פּילזײַטיקע דערשײַנונג, הן ווי אַ דיכטער והן ווי אַ מענטש. אַזעלכע שאַפערס לאָזן זיך ניט מעסטן מיט די סטאַנדאַרטנע מאָסן פון די אָנגענומענע ליטעראַטור־קריטעריעס. אין זײַן פּערזענלעכקייט, וואָס איר אַנטפּלעקונג איז באַשיידן און פאָלקסטימלעך־פּשוט, זענען אינטעגרירט ספּעציפיש מענטשלעכע כאַראַקטער־שטריכן וואָס מאַכן אים אויסנעמיק. ס׳איז דער אינעווייניקסטער און אויסווייניקסטער בילד פון אַ גאַנצן מענטשן, וואָס אַלע זײַנע ווינקלען זענען אָפּגערונדיקט און פּאַסן זיך צוזאַמען. ווילן מיר זיי פונאַנדערטיילן אויף באַזונדערע איינסן, צעברעכן מיר דעם איינהייטלעכן אימאַזש וואָס זײַן ראַיעלע מאָס איז דער גאַנצער מ. וואַלדמאַן. און מ׳דאַרף אים ווײַט ניט זוכן, אָט דעם גאַנצן מ. וואַלדמאַן, ווײַל ער אַליין האָט זיך צוזאַמענגעזוכט פון אַלע ווײַטן. אונדזער עובֿדה איז: אַרויסליכטיקן זײַן דיכטערישן וואָרט און אים פאַרשטיין.

נאָר איידער נאָך כ׳האָב געהאַט אַ מיגלעכקייט אַ מיש צו טאָן זײַנע לידער, איז פאַר מיר נתגלה געוואָרן וואַלדמאַן דער מענטש. דעם מאָמענט, וואָס קלינגט־אָפּ מיט אַ חבֿרישן עכאָ, וויל איך דאָ פאַרצייכענען: אָנהייב יוני 1980, און טאַקע בײַ די וואַלדמאַנס, אין פּאַריז (זײַן פרוי איז די באַקאַנטע פּראָזאַיקערין מנוחה ראַם), איז געווען אונדזער ערשטע ייִדישע אַכסניא. און ער, משה, איז עס געווען דער, וואָס האָט אונדז (מײַן פרוי און מיך) ממש געראַטעוועט פון אַרומשליאָנדערן זיך אָן אַ ציל איבער די קאַלטע און רעגנדיקע גאַסן פון פּאַריזער לאַבירינט. די וואַלדמאַנס האָבן מקיים געווען מיט אונדז די מיצווה פון הכנסת־אורחים מיט היימישער וואַרעמקייט, וואָס רעפלעקטירט אויף אונדזער קורצן באַזוך אין פּאַריז. גראָד דעם טאָג, בעת אונדזער זײַן דאָרטן, איז אָנגעקומען דאָס ערשטע פּעקל ביכער פון אַלע ווײַטן. ער האָט אויסגעפּאַקט די ביכער און אונדז צוגעטראָגן אַ בוך, איינעם פון די ערשטע, דעדיקירט מײַן פרוי און מיר.

תּיכּף האָט מיך פאַרכאַפּט די טעכנישע פּערפעקציע און פּיעטעט, מיט וועלכע דאָס בוך איז אויסגעפּאַרטיקט. כ'דערמאָן זיך נאָך מײַן איבערראַשטן אויסרוף: אַזאַ מתּנה!

איצט ליגט דאָס בוך אויף מײַן טיש. כ'ע'פן און גלײַך קומט מיר אַנטקעגן דבֿ סדן מיט זײַן אַרומנעמענדיקער הקדמה וועגן מחבר: צווישן פּרימאָרגן און פּרימאָרגן. און בסוף הספר איז מ. וואַלדמאַן אַליין מוסיף אַ באַגלייט־וואָרט. און צווישן די ביידע, דעם ווויל געלערנטן ערודיט און דעם וואַנדערער פון אַלע וועגן, ליגט אַן אוצר פון קרובֿ אַ פּאָר הונדערט לידער. איז וואָס קען דאָ נאָך איינער מחדש זײַן, נאָך דעם ווי די צוויי פּרשנים, פון דרויסן און פון אינעווייניק, האָבן שוין דעם ענין דורכגענומען. דאָך ווילט זיך מיר צוגעבן מײַנע אַ פּאָר שטריכן צו דער שאַפערישער פיזיאָנאָמיע פון מ. וואַלדמאַן. האָט ער דאָך, צו־זאַמען מיטן עול פון לעבן, געטראָגן דורך אַלע ווילדערנישן און פינצטערנישן, די שיינקייט און ריינקייט וואָס האָט געבלענדט. אַזוי איז טאַקע זײַן געבאָט און געבעט צו זיך: „אויב שיינקייט איז ליב דיר און טײַער, / ווער מיט דער שיינ־קייט דערקענט". (ז' 266). און ער לאָזט זיך באמת דערקענען דורך שיינקייט, ווו מענטש און וואָרט זענען אידענטיש: „וויפיל שיינקייט ס'איז דאָ אינ(ע)ם וואָרט, / אַזויפיל זאָל זײַן אין דײַן לעבן". (ז' 314). אויף דעם מענטשן מעסט ער מיטן זיידנס זע: „האָסט דעם הימל געזען בלוי — / און געבענטשט דעם מענטש. / האָסט דעם מענטש געזען גרוי — / און דעם הימל געבענטשט". (ז' 285).

## ב

דאָס געזאַנג פון מ. וואַלדמאַן טראָגט אַ ציל־באַוווּסטקייט: אויפשאַרן אי דאָס אומעטיק־פאַרבענקטע, אי דאָס פריידיקע אין מענטש און נאַטור. אין אַנדערע ווערטער: היטן דאָס שאַפערישע פײַער: „אַז פאַרלאָשן עס זאָל נישט ווערן דער שטערן, / דאָס ליד וועגן שטערן האָט דעם שטערן געהיט. / אַז מען זאָל דאָס פאַרבאָרגענע ליד ווידער הערן, / זײַנע הענט האָט אין פײַער דער דיכטער געגליט". (ז' 346). דאָס דאָזיקע פיר־שורהדיקע לעצטע ליד אין בוך, געשריבן אין 1980, פינקלט מיט קלאָרקייט, ווי אַ קרעדאָ פון דיכטער. און אַ שפּרונג צוריק, פון סאַמע לעצטן צום סאַמע ערשטן ליד, דאַטירט 1928. דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז ס'איז ניט בלויז אַן אינטראָספּעקטיווער איבערפלי, צוריק צום דיכטערס יונגע יאָרן, אין זײַן געבוירן־שטעטל אָזאָרקאָוו, ווו ער האָט דאָס ליד — דאָס צווייט־גרעסטע אין בוך — געשריבן, נאָר ס'איז אַ מין דורכשפּאַנען דורך דעם חורבן פון יידישן פאָלק. כּמעט אַלע לידער, צווישן די צוויי דאַטעס, ברענען און שטיקן זיך, געזען און אומגעזען, מיטן פלאַם און רויך פון פאָלקס אומקום.

בדרך־כּלל זענען די לידער קורץ, מייסטנס איין זײַט. דער תּוך: שטימונג, בילד און מעדיטאַציע. ניטאָ קיין ברייטערער לײַוונט, קיין עפּישע שילדערונג.

ס'רובֿ לידער, געשריבן אין די 60ער און 70ער יאָרן, לאָזט זיך אָבער די לאַנגע אײַנזאַמלונג קלאַסיפיצירן ווי די עפּאָכע צווישן יונגשאַפֿט און זײדעשאַפֿט. די לידער שלאָגן אָפּ מיט זייערע עכאָס, הין־און־צוריק, אין די פּאַרטונקלטע האָרי־זאָנטן פֿון אַמאָל און די פּריש־העלערע פֿון הײַנט. די אַלע לידער שוועבן אין אַ יידישן הימל, וואָס דער דיכטער האָט רעסטאַווירירט פֿון טרערן און חורבן, און זייערע אַקאָרדן וויברירן אין יצירה־אָטעם פֿון זײַן וואָרט.

ס'ערשטע ליד און לעצטע — 1928־1980 — זענען דערווײַטערט אײנס פֿון אַנאַנדער אַ מהלך רבֿ פֿון מער ווי אַ יובֿל יאָרן. שטוינט טאַקע דער מחבר, אין ערשטן פּאַראַגראַף פֿון זײַן „אַ באַגלייט־וואָרט": „שוין אַזוי פֿיל יאָרן?" און ער ענטפֿערט: „דאָס איז דאָך שוין אַזוי ווײַט צוריק. דעמאָלט ווען מיר האָבן געלעבט אין גאָר אַן אַנדער וועלט". אָבער די וועלטן פֿון דעמאָלט, פֿון אים און זיידן, פֿון אַזאַרקאַוו ביז פּאַריז, זענען סײַ ווי פֿאַרשותּפֿישט אין אַלע לידער. אויף זײַט 47 זאָגט ער, אַז „אונדזער הײַנט לעבט אַלץ נאָך אין נעכטן", און אויף זײַט 58 דערמאָנט ער דאָס „קעסטעלע אַש" — „אויפֿגעקליבענע שטויבן, / פֿון אַ פֿאַרשוווּנדענער וועלט". די אַלע „תּקופֿות" וואָס זענען „אײַנגעשלאָסן אין די לידער, פֿאָרמולירט ער ווי „אַ וועלט אין פֿאַרגײן און אַ וועלט אויך וואָס גייט אויף". (ז' 349). דאָס זענען די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע וועלטן אויך פֿון דער „נײַער ווירקלעכקייט — ישׂראל, וואָס פֿון איר איז ער „אויפֿגעלעבט געוואָרן". אָבער ניט ווייניקער זענען עס די אַלטע היים־לידער, וואָס אין זיי ציטערט דער ניגון פֿון פֿאַרגאַנג. און פֿון אַלע לידער זינגט אַרויס די לירישע שורה מיט אומעט, פֿרייד און טראָפּנס ליכט.

אַוודאי איז פֿאַר דער וואַרעמער נאַטור פֿון מ. וואַלדמאַן ניט כאַראַקטעריס־טיש „קאַלטע ליכט" (ערשטע ליד אין בוך, ז' 31) און „פֿאַרפֿרוירענע שטערן", אָבער דאָס איז געווען אײנע פֿון די וואָרע וועלטן וואָס דער גורל האָט אים אָנ־געצייכנט. ס'איז צו פֿאַרשטיין פֿון זײַן „אַ באַגלייט־וואָרט", אַז מיט די קאַלטע טערמינען האָט ער געוואָלט באַטיטלען זײַן בוך, אָבער ס'וואָלט געווען אין סתירה צו דער טעמפּעראַטור און וויטאַליטעט פֿון דיכטער, וואָס איז ווײַט ניט געפֿרירן. דעריבער בעט ער, אין זעלבן ליד, „צו גאָט: / באַפֿעלער אין די הימלען — / צינד אָן פֿונדאָסנײַ / אונדזערע העלע שטערן". אין קומענדיקן ליד, „לאָמיר גיין איבערבעטן די געטער", ניט געקוקט אויף דער קאָנטראַדיקציע אין אויפֿנעם פֿון זאַכן, איז שוין דאָ פֿאַראַן לעבעדיקער גלי, אימפּעט, דינאַמיק. ס'איז דער דראַנג צו גיין צו די געטער „בעטן אויף גאולה" — די גאולה וואָס ער האָט ניט געפֿונען „אין ווינטערלאַנד פֿון אויסגעלאָשענעם שטערן". (ז' 39).

אין דעם זינען לאָזן זיך אַנאַליזירן אַ סך פֿון די „פֿאַרפֿרוירענע שטערן"־לידער „פֿון צפֿון־לאַנד". די אומענדיקע ווײַסקייט טרויערט מיט אַ יתגדל וית־קדש, ווי דער אינטערלוד־ניגון פֿון שטילער פֿאַרפֿרוירנקייט: „זענען מיר גע־בליבן פֿאַרלוירענע שטיין: / — — / מיט פֿאַרפֿרוירענע הערצער — אין זיך. / מיט פֿאַרפֿרוירענע שטערן — איבער זיך". (ז' 46).

ג

, די גאַנצע טראַגישע רעאַליסטיק פון ייִדישן חורבן איז צונויפגעפרעסט אין אָפּטייל „פּאַריתומטע מצבֿות": שוין די טיטלען אַליין זאָגן עס בפירוש: „לעצ־טער גאַנג"; „באַלאַדע פון אַ יתום"; „קדיש"; „אויף קבֿר־אָבֿות"; „זעקס ליכט" א"אַ. אָבער חורבן וואַקסט אַריבער אין תקומה, אין סאַמע לעצטן ליד פונעם זעלבן אָפּטייל: „מײַן מלכות ישׂראל". ער רעדט צו דעם, וואָס האָט „מורד געווען קעגן קנעכטשאַפט פון רוים": „רבי עקיבֿא, רבי עקיבֿא, ס'ווערט דײַן טרוים איצטער וואָר". (זז' 83־84). דער אַקט פון מדינה אויפקום איז פּערזאָני־פיצירט אין „מאַן פון אַלטן שטאַם", צו וועמען ער רופט: „צינד אָן אַ ליכטיקן פלאַם" (טיטל פון ליד — זז' 88־89). פאַראַן אין די לידער עכטע איבערלעבונ־גען פון פרייד, מיט און פון ישׂראל.

דער גרעסטער אָפּטייל „פאַרן שפּיגל פונעם קינסטלער", נעמט אַרײַן וואַלד־מאַנס חלום־וועלטן און בענקשאַפטן, פאַרברענטע און נאָך קיומדיקע, חבֿרים און נאָענטע. דאָ קומען אַרײַן דרײַ ליד־פּאָרטרעטן פון איציק מאַנגער, באַצירט מיט די סימבאָלן פון זײַן עלנט: „— ווער ס'האָט אַ היים, אַ ווײַב, אַ קינד — / פון דיר נאָר לץ וויינט הפקר־ווינט — / ביסט עלנט ווי אַ שטיין"... (ז' 129). ס'איז אַ באַלאַדע אַלאַ מאַנגער, ווו „איציק מאַנגער שפּילט זיך מיטן קינד" מיט אַ האַרץ־פאַרקלעמענדיקן „האָפּ־האָפּ": „טאַנצט דער טרויער: האָפּ־האָפּ". „איציק מאַנגער ליגט קראַנק (זז' 126־127) און „אין ליכטיקן שפּיגל (קומען) צו שווימען" זײַנע פאַרשווינען: „דער בעש"ט, דער בעטלער — און די גאָלד־בלאָנדע פרוי". דער קאָליר איז „זילבער בלוי" און „זילבער גרוי" — דאָ „חלומט דער דיכטער פון אַ היים און אַ קינד / אין בענקשאַפט נאָך פרייד"... אַ מין הייַ־ליקער ציטער וויקלט זיך אין האַרצן פון קראַנקן דיכטער: זײַן ניט מקוים גע־ווארענע בענקשאַפט.

אַ דינער צונויפגעגאָס פון קאָלירן און שטימונגען שאַפן אַ קלימאַט פון דער־הייבונג. ס'איז דער שטח, ווו דער הויך פון קונסט־עקזאַלטירטן וואַלדמאַן פילט זיך: „צום טויטן פּיקאַסאָ", „אין דער שטוב פון וואַן גאָג" א"אַ. אָבער נאָך מער פילט מען דעם וואַלדמאַניש־שאַפערישן אָטעם אין דער סבֿיבֿה פון ייִדישע שרײַבער און קינסטלער, ווו ער איז אַ בן־בית, ווי מאַרק שאַגאַל, אַבֿרהם סוצ־קעווער און אַנדערע חבֿרים, דאָיִקע און שוין ניטאָיִקע. די פאַרבטענער אין זייע־רע בילדער זענען ליכטיקע. דאָס ליד „וויפל זונען", פאַר „מאַרק שאַגאַל" — צו זײַנע אַכציק", איז געמאָלן מיטן סובטעל לירישן וואָרט־קאָלאָריט, אויפן הינטערגרונט פון שטעטל: „יונגע חתן־כּלה" און זייערע „חתונה־טרוימען — / אינעם ראָזן וואָלקן פון בלומען". ס'איז אַ געזאַנגיקע אינטערפּרעטאַציע צום „שיר השירים — שיר" פון קינסטלער, ווען „דאָס ליכט פון די זונען / בלײַבט איבער מיר". (זז' 134־135). אַזוי אויך „די ייִדן פון מאַנע קאַץ" — עקזאַלטירט „טאַנצן די ייִדן מיט פלאַם־רויטע בערד". (ז' 142). דאָ קומען קורץ־שורהדיקע פראַגעס און לאַנג־שורהדיקע ענטפערס.

די דרײַ לידער פון אַבֿרהם סוצקעווער־תּוכן, זענען איבערגעצויגן מיט אַ דורכזעיִקע הילע פון סוצקעווער־סימבאָליק און וואַלדמאַן־זעונג — ער זעט אין זײַן „שיר אַ געזאַנג" צו אַבֿרהם סוצקעווערן, די טאָפּל־התגלות פון שטײַגנדיקן פּאָעט: „פון באַרג צו באַרג ביסטו געקומען. / איינער אין פּאָנאַר — פּאַר־שטאַרט / דער צווייטער בליט נאָך אַלץ אין סיני". (זז' 143־144). לײַכט און שוועביק איז דאָס קורץ־שורהדיקע ליד: „ווען שפּילט די פידל". ס'איז קאַ־לירן־שפּיל: „און כ'שטײַג אַרויף, אַרויף. / אַ פידלרויז? אַ פידלרויז? — / בלוי די פידל, / רויט די רויז". (ז' 146).

אַ גאַנצער אָפּטייל איז „מיט לייוויקן אויף בולוואַר מאַזשענטאַ". דאָ קומט בולט אַרויס די טיפע פאַרערונג צו דער לייוויק־געשטאַלט: „דו פירסט מיך איצטער צום מאַן פון די שטערן, / דער מאַן פון די שטערן איז לאַנג שוין אַ שטערן", ווײַל זײַן „ליכט וואָס ער האָט אונדז געלאָזט" — — „ליכטיקט אין טויזנטער שטערן". ס'איז רבי־ און מנהיג־אימאַזש, מיטן „שטאָלענעם קלאַנג" פון קייטן אויף די פיס: „אויף בולוואַר מאַנזשענטאַ כ'הער קלינגען די קייט / וואָס ווײַט אין סיביר, אויף דײַן פוס האָט געשווערט". ס'איז „געקלאַנג אין גע־ וואַנג" — און דעם „קלאַנג" האָט וואַלדמאַן אויף זײַן "לאַנגן וואָגל — געאַנט". (זז' 174־175). אין „דער מענטש פון ליים" — פאַר מיכאל מילבערגער — מאָלט ער די מיליע אין וועלכע עס שאַפט „דער מאַן מיט די ליכטיקע פינגער". אין „מענטש פון ליים" האָט ער אַרײַנגעקנאָטן „דעם ליכטיקן גײַסט פונעם זינגער", ס'איז אַ מין גײַסטיקער לייוויקשער גולם אין אַ מילבערגער־וואַריאַציע: „ער מורמלט די רייד פונעם זינגער / וואָס האָט אים געעפנט די אויגן". (זז' 178־180).

ד

„קלענער ווערן די טעג" איז דער פערזענלעך אינטימסטער אָפּטייל, ווו ש ר ע ק און פּײַן זענען דאָמינירנדיק און באַגלייטן דעם דיכטער מיט זייערע געדיכטע שאָטנס. ניט אומזיסט האָט מ. וואַלדמאַן אויסגעקליבן די צייכענונג פון הענריק שרער, וואָס עפנט דעם אָפּטייל: צווי עלנטעביימער, צונויפגע־שטורעמט בײַ דער זײַט פון וועג — דער וועג וואָס ציט זיך פון אַלע זײַטן. ס'איז דער פּחד פאַר דעם שטעקן, וואָס איז געבליבן שטעקן אין די ביינער און שפּרינגט שפּיציק אויף אין די נעכט, צווישן די אייגענע פיר ווענט. דער מורא־קאָמפּלעקס, מעג ער עס מילד רופן, אין „אַ באַגלייט־וואָרט", א ו מ ר ו, איז עס אָבער אַ ציטערניש, אין טויטאַנגסט, פאַרן שאַרף פון חלף, פאַר נאַכט און חושך, פאַרן בער און וואָלף. די ספּעציפיש ייִדישע שרעק, די אַטאַוויסטיש פאָלקישע און גלותדיקע, וואָס האָט אויך אינפאַנטילע וואָרצלען, איז אַוודאי שאַרפער און שטאַרקער אויסגעוואַקסן אונטער די „פאַרפרוירענע שטערן" פון סיבירער פרעסט. דערפאַר, מסתּמא, האָט דער דיכטער געגאַרט צו אַנטלויפן פון דער שרעק וואָס איז אומעטום — אין „הויף", אין „בעט", אין „פענצטער" — צו אַן

אייגן ווינקל אין ישׂראל. אין ליד „שרעק" (ז' 189) געפינען מיר עס אין די פּשוטסטע סובסטאַנטיוון, ווי אַן אַטריבוט פון צעצאַפּלטן געמיט: „די טויבע לאַדנס — קרעכצן אויס — — שרעק"; „מײַן שלאָפנדיק ווײַב — חלומט אויס — — שרעק"; „דאָס שטומע בעט — וויינט אויס — — שרעק". און „אין דער שוואַרצקייט פון הויף", הערט ער „דאָס ברומען פון צעבראָכענעם דאַך".

אָבער פאַראַן אויך לידער פילאָסאָפיש־רויִקע, ווו וואַלדמאַנס סקעפּטיציזם, אַפילו אין טערמינען פון „סוף פון די סופן" פאַרוואַנדלט זיך אין דעם אפשר פון דער גאַנצער נאַטור: „אפשר וויסן / יאָ די קי / וואָס זיי דערוואַרט" (זז' 196־197). און אַזוי אויך „דער בוים", „הונט", „פויגל" — אַלץ מיט אַנאַנדער. ס'ליד „געזאַנג אויף מײַן טיר" איז פאַר „מײַן רבֿקהן — מיט ליבשאַפט", אָבער ס'הייבט זיך אָן: „איך באַגריס מיך הײַנט אַליין, / צו פולע זעכציק יאָר". (זז' 250־251). אויך דער טיטל פון אָפּטייל איז דער זעלבער.

ערשט צום סוף פון בוך קומט דער אמתער היים־אָפּטייל: „פאַר מײַנע קינדערסוועגן". דאָ איז פאַראַן מער משפּחה־פרייד, מער קינדשאַפט און יונג־שאַפט. הגם אין אַלע זײַנע לידער־אַקאָרדן קלאַפּט דער פולס פון לעבן, מיט פּאָזיטיווע קלאַנגען, איז עס אָבער אין די לידער פאַרזיסט מיט אַלט־היימישע סופּערלאַטיוון: „מלאכימלעך מײַנע" — און אַט האָט איר אַ רייסטער פון זיי־דישע מלאכימלעך, מיט ייִדיש־העברעיִשע פײַנע נעמען: „יהודית, מירי־על־רחלע, עמנואלקע, דודל, יעל, בנימין / ס'איז מיר גוט"... (ז' 317).

דאָס איז די וואַלדמאַן־וועלט פון אַלע ווײַטן. פאַר אונדזער אויג גייט אויף ס'לעבן פון דיכטער, זײַן טרויער און פרייד, זײַן נע־ונדעווען, אין כּלערליי ניו־אַנסן פון ליד און וואָרט. פאַראַן בטחון, קלאָר פון חלום און בענקשאַפט, גלויבן אין מענטש, און אויך דער פרומער צאַפּל, ווען ער ווענדט זיך „צו די הייכן": — „מײַן הײַנטיקער טאָג איז אין תּפילה פאַר דיר" (ז' 244). און ער זעט זײַן גאַנג, „מיט גרויער וואָר — צו בלויער וואָר". (ז' 343).

דער לייענער דאַרף אַבסאָרבירן אַלע לידער, איינס נאָך איינס, כּדי ער זאָל דערפילן דעם טעם פון די לירישע זאַפּטן אין זייער עכטקייט. וואַלדמאַן פּאָזירט ניט מיט אָנשטעל און אַקטיאָרישן גרים. די פולדיקייט פון זײַן גאַנצן דיכטע־רישן סך־הכּל איז טרײַשאַפט צו אייגענע האַרץ און געמיט. צי מ'גייט לויט די אָנגעצייכנטע יאָר־דאַטעס אונטער די לידער, צי על־פּי תּוך און תּוכן, איז עס אַלץ איינס דער פולער סכום פון ווערטן, ווו עס רעפלעקטירט דער עמאָציאָנע־לער און אינטעלעקטועלער טאַלאַנט פון דיכטער.

און קומענדיק צוריק צו אונדזער אויסגאַנגספּונקט: כּדי צו קריגן אַ פולן באַגריף פון דער וואַלדמאַן־פּערזענלעכקייט, מוז מען אים זען ניט אין איינציק צעפּיצלטע קרעאַציעס, נאָר אין זײַן אַבסאָלוטער מאָס: מענטש און שאַפער. זײַן גײַסטיקער און הומאַניטאַר־קולטורעלער פּנים איז די קינסטלערישע פּראָבע פון אַ געזאַנג, וואָס איז אָפן צו אַלע ווײַטן און צו אַלע ייִדישע הערצער.

פון כּתבֿ־יד, 1981.

# ז. ווײַנפּער — דער גלייביקער

## אויף זײַן פרישן קבֿר

### א

ז. ווײַנפּער האָט געהערט ביז צו זײַן לעצטן טאָג צו דעם לאַגער פון די פּראָגרעסיווע אין אַמעריקע. מיט אָט דער באַוועגונג איז ער מיטגעגאַנגען די בעסטע און רײַפסטע יאָרן פון זײַן שעפעריש לעבן. ער איז געווען דער גלייביקער, וואָס „די לויטערע מעשׂה מיט דעם גליקלעכן סוף“ האָט אים יאָרן לאַנג געהאַלטן געפאַנגען מיט איר ריטעם, מיט איר געזאַנג. דעם סאָציאַלן דערלייזונג־מאָטיוו האָט ער אויסגעזונגען אין צענדילנגער וואַריאַנטן פון זײַנע הונדערטער לידער. אָבער צו קיין גליקלעכן סוף האָט זיך דער דיכטער ניט דערזונגען.

ז. ווײַנפּער איז אָבער ניט געווען דער דיכטער פון פּראָלעטאַרישן צער־ און צאָרן־ליד. ער האָט ניט געשטורעמט און ניט אײַנגעריסן וועלטן. אויב עס כאַפּן זיך יאָ אַרײַן ברויזיקע טענער אין זײַנע שורות, ווערן זיי אָבער „צעוויכט“ אין דער מילדער צעזונגענקייט פון זײַן מוזיקאַלישער סטראָפע. זײַן קול איז ניט שרײַיִק און ליאַרעמדיק, אָבער — פאַראַן בײַ אים דינאַמיק, שטײַגנדיקער אימפּעט און פּאַטאָס. ער הילכט ניט מיטן געפּויק פון אויפשטאַנד, פון צעשויבערטן כאַאָס, פון מאַסן־סצענעס. ער איז מער באַגײַסטערט פון דאָס געשעענע פון נעכטן און מיט דאָס וויזיאָנערישע פון דעם אויסגעבענקטן מאָרגן. זײַן סאָציאַלע ליד, בעיקר פון דער צוקונפט, איז דערפאַר ליריש באַהויכט, אָנגעשטימט מיט קלאַנגען און פאַרבן פון זײַן דיכטערישן געמיט. זײַן שעפערישער אימפּולס פאַרטראָגט אים ניט זעלטן אָן אַ זײַט פון זײַן אָנגעצייכנטער טעמע: געדאַנקען און מעדיטאַציעס, פילונגען און פאַרגלײַכונגען, וואָס קומען אין פּראָצעס פון שאַפן. ער מוז אויך נאָכפאָלגן דעם פליסיקן גראַם, וואָס ווענדט צו מאָל אָפּ זײַן גאַנג.

במשך דעם לאַנגן פּעריאָד פון זײַן שאַפן האָט ז. ווײַנפּער דורכגעמאַכט, אין אָנהייב, אַ קורצן פּערזענלעכן און דיכטערישן וועג, וואָס האָט געזאָלט פירן צו אַן אַנדער ציל, צו אַנדערע האָריזאָנטן. זײַנע לידער פון די ערשטע יאָרן זענען געווען דורכויס ליריש־פאַרבענקטע, „וואָס האָט געזען אַן אילוזיע רײַטן אויף אַ וואָלקנדל פון ווײַטן“. עס איז געווען דער מין לידער פון „גלאַט אַזוי פאַר שיינקייט וועגן“, ווו דער איך האָט זיך געשפּיגלט. די לידער האָט שפּעטער דער דיכטער פאַרוואָרפן, ווי ניט געזעצלעכע קינדער...

אין זײַן פּערזענלעך לעבן איז ער אַוועק מיטן יידישן לעגיאָן, אויף די

זאַמדן פון יהודה. דער לעגיאָן איז געווען איינגעשלאָסן אין דער בריטישער אַרמיי, וואָס האָט, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיך געשלאָגן מיט די טערקן פאַר ארץ־ישׂראל. די תּקופה האָט געלאָזן טיפע שפּורן אין יונגן דיכטערס געמיט און האָט שפּעטער באַקומען אַ תּיקון אין די צוויי אויבן דער־מאָנטע ביכער — אַ פּראָדוקט פון די „זכרונות און איבערלעבונגען אינעם ייִדישן לעגיאָן דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה". אין זיינע דאָזיקע פּראָזע־ביכער, וואָס איינס איז אַ ראָמאַן, דערציילט ער וועגן אויפקום און געראַנגל פון די פּיאָנעריש־אידעאַליסטישע יונגע ייִדן, ערבֿ און אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן, אין דעם לאַנד פון די נבֿיאים (אַ סבֿרא, אַז זיינע „פּאָעמען וועגן די נבֿיאים" האָבן אויך געהאַט זייער אָנרעגונג־מקור אין יענע טעג). הגם אין זיינע דאָזיקע ווערק איז ער שוין מקפּיד ניט אַראָפּצוגיין פון דרך הישר־ליניע און ניט מיטגעריסן צו ווערן פון צו פיל סענטימענטן, פילן מיר אָבער וואַרעמע טענער פון ליבשאַפט און יוגנט־פרייד, און אַפילו ליכטיקע באַגייסטערונג, וואָס ווערט ערטערווייז גע־שילדערט מאָלעריש פיין און מיט געדיכטע פאַרבן. געוויסע כאַראַקטערן און זייערע שטרעבונגען זענען געמאַכט לויטן רעצעפּט, ווי עס האָט אים דיקטירט זיין נייע איינשטעלונג. זיי באַקומען זיך, דעריבער, אין געוויסע האַנדלונגען און סיטואַציעס, ניט נאַטירלעך — די שאָטן־זייטן צו שאָטנדיק און די ליכט־זייטן צו ליכטיק.

אַוודאי האָט ז. ווייַנפּער, אין דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע, ניט אַרויפּ־געצווונגען אויף זיך מאונס זיין צוגעהעריקייט צו דער פּראָגרעסיווער ריכטונג, אין וועלכער ער איז געווען איינער פון די בולטסטע פיגורן, און איינצייטיק שטאַרק שעפּעריש. עס איז בדרך־כּלל זיך שווער פאַרצושטעלן אַן עכטע דיכ־טערישע נאַטור, ווי זיינע, איינגעקלעמט אין אַ פּאָליטישער סדום־בעטל. ער איז אַוועק צו יענעם לאַגער מרצון, ווייל ער האָט טאַקע געגלייבט אין דעם, צו וואָס ער האָט געשטרעבט. און ער איז געוואָרן, ווי אַלע גלייביקע, פאַרקנעכט צו זיין גלויבן. זיין ביאָגראַפישן ראָמאַן אין פערזן, פּיניע, הייבט ער אָן מיט אַ ווידוי צו זיך אַליין: „פאַרגיב אָ פּיניע, מיין פּיניע, / וואָס מיינע טריט האָבן אין דער ליניע / נישט געטראָטן". לייענענדיק עס היינט, לאָזט איבער די דאָזיקע פאַרטייִשע פּראָזע אַ משונהדיקן נאָכטעם. באַקענען זיך צן אַ „חטא", וואָס האָט גאָר קיין ממשות ניט, און אים אַרויסטראָגן לעין השמש, איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. דער דאָזיקער „ליניע־קאָמפּלעקס" ביי אַ דיכטער איז פּוגם, אָן שום ספק, דעם גוטן ליד.

ז. ווייַנפּער אַליין אָבער זוכט ניט קיין פּגימות אויף יחידים, ווי דער מינהג פון די פאַרטיי־פונקציאָנערן. זיין ליד איז געווענדט קעגן אַ געוויסער סיסטעם, קעגן אַ קלאַס. מיט זיין דאָזיקן ליד רייסט ער אָבער ניט מיט. זיין איינגעהאַל־טענער טאָן, זיין ליריזם און דער אָנפּלייץ פון קלאַנגען, וואָס גראַמען זיך ביי אים אָפט אין פאַרשיידענע געדאַנקלעכע קאָמבינאַציעס, דרינגט אונדז דורך מיט זיין געזאַנג מער ווי מיט זיין אינהאַלט. זיינע לידער אויף סאָציאַלע מאָטיוון

שטעקן אונדז אָן מיט דעם אומעט און די פרייד פון דיכטערס גלייביקייט. מיר באַנעמען זיי מער מיטן געפיל, אינטואיטיוו, ווי מיטן שכל. די לידער קאָנען מאַכן שטימונג, אָבער ניט מאַכן גלייבן, הגם זייער שעפער אַליין איז אָן ספק געווען איבערצײַגט אין זײַן אמונה.

ב

זײַן ליד איז ציל־באַוווּסט. ס׳רעדט מיט קלאָרע צייכנס פון זון און ליכט, פון האָפענונג און מאָרגן — אַלץ אָפּטימיסטיש באַווירקנדיקע עלעמענטן. עס מאַכט ניט דעם אײַנדרוק, אַז די סימבאָלן און מעטאַפאָרן זאָלן זײַן אויסגעבאָרגט פון ערגעץ, הגם דער אָריענטאַציע־אַדרעס פון דיכטער איז מיט דײַטלעכער שפּראַך אָנגעשריבן. עס איז מער דורך יאָרן אײַנגעזונגענער ריטעם, למען ידעו — אייגענע און פרעמדע — אַז מען גייט דאָ מיטן דרך פון דער גילדענער ליניע. אַזוי הייסט טאַקע דאָס לעצטע קאַפּיטל פון זײַן „פּיניע“־ווײַנפּער ראָמאַן, אין פּערזן, „די גילדענע ליניע“. גילדענע האָט מסתּמא געזאָלט באַצייכענען די זוי־בערקייט, עכטקייט פון דער דאָזיקער ליניע, וואָס ווײַנפּער טראָגט אומעטום „אין זײַן שווערן געפּעק“. דאָס איז געוואָרן „זײַן פאַרמעגנס, — די גילדענע ליניע / פאַר מענטשן אין וועג, / עס טראָגט זי מיט ליבשאַפט איצט פּיניע“ אאַ״וו.

די גילדענע ליניע איז געוואָרן הייליקער אימפּעראַטיוו פאַר דעם דיכטער, הגם „ניִשט געצוווּנגען“, ווי ער אונטערשטרײַכט עס אַליין. די ליניע־ביבל איז דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן. ז. ווײַנפּער, דער ליניע־גייער, האָט זיך אָבער אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויסגעהיט פון גרילצנדיקע, פאַלשע באַגלייט־טענער. דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן צייכנט זיך אויס מיט זײַן מוזיקאַלישן גראַם, מיט שפּילעוודיקן און לײַכטן ריטעם, וואָס דאַכט זיך אויס צו זײַן אַ טעכניש גײַסטי־קער פּראָצעס פון אַ טאַלאַנטירטן דיכטער. אין פיל ערטער, און אַפילו אין גאַנצע לידער, איז ער נענטער צו זינגעוודיקער פּראָזע, וואָס האָט אין זיך פּאָעטישע עלעמענטן פון סימבאָל און מעטאַפאָר. דאָס אַרײַנוועבן און אַרײַנלעבן זיך אין ליד מיט זײַן דיכטערישן געמיט, דאָס פולע אידענטיפיצירן זיך מיט דער גיל־דענער ליניע קומט אַרויס מחמת דעם אַ ביסל בלאַסלעך.

ז. ווײַנפּער פאַרמאָגט אַ סך טעמפּעראַמענט, אין וועלכן ער אַליין צעגליט זיך. אין טייל פון זײַנע לידער טרעפן מיר אָפּט זיך איבערחזרן דעם רוף: זע, זע! און הער, הער! ווי ער וואָלט וועלן סוגעסטירן אַ צווייטן צו דערזען און דערהערן, וואָס ער, דער באַשאַפער, דערהערט און דערזעט, אָבער ניט מיט בלויזן אויג און אויער. דאָס טײַטלען מיטן פינגער איז אָבער ניט גענוג אָנצו־שטעקן מיט גײַסטיק אָפּטישן זע־ און הער־קראַפט אַ צווייטן. דער פּראָצעס ווי צו מאַכן פילן אַ צווייטן אין דער זעלבער מאָס, ווי דער פּאָעט פילט, איז אַ שווערער.

ז. ווײַנפּער איז פעסט געווען פאַרפונדעוועט אין זײַן גלויבן, וואָס האָט אים געליכטיקט. אָבער אינערלעך ליכט איז עלול איר טרעגער צו שלאָגן מיט בלינד־

קייט. און ווער נאָך ווי אַ גרויסער דיכטער קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גליי־ביקן הערער און זעער, וואָס זײַן אַרומיקע סבֿיבֿה קאָן ניט דערהערן און דערזען מיט די אויגן פון בלוט און פליש. אַזאַ איינער בלײַבט איזאָלירט, און זײַנע ווער־טער — ניט איבערצײַגנדיק. ז. ווײַנפּער האָט ניט באַהאַלטן זײַנע צילן און אויפגאַבן, וואָס האָבן געזאָלט זײַן די גרויע וואָר, אָבער דאָך האָט זײַן גלויבן, דער חלום, גענומען בײַ אים די ממשלה. ער האָט אויסגעפאָלגט די געבאָטן פון זײַן גילדענער ליניע. דאָס האָט זיך קאָמפּענסירט דורך זײַן געזאַנג צו „זיי״, דעם אָביעקט פון זײַן אמונה און די אָנצייכענער פון דער גילדענער ליניע: „און האָב איך אויסגעפאָלגט געבאָטן, / האָט מיר קיינער דערצו נישט געצוווּנגען, / און האָב איך צו זיי אויך געזונגען / איז דאָס שטענדיק מיט שׂמחה געווען, / ווײַל אין זיי האָב איך געהערט און געזען / די דערלייזונג פאַר זיך און דער וועלט״. די דאָזיקע פּערזיקע פראַזע דערציילט אַלץ, מיט אָפנקייט, אין זײַן מאָטאָליד „מײַנע לידער״, צום בוך דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן.

ז. ווײַנפּער האָט געהאַט אַ קלאָרע שטעלונג און אויסגעשפּראָכענע מיינונ־גען, וואָס האָבן אויף אַ האָר ניט אָפּגעטראָטן פון דער ליניע. זײַן ליד באַשעפּ־טיקט זיך ווייניק מיט אַקטועלע טעמעס, עס איז מער פון אַן אַלגעמיינעם כאַ־ראַקטער. ער קריטיקירט ניט און זוכט ניט קיין לייזונג צו פּראָבלעמען, ווײַל אַלץ איז דאָך קלאָר ווי אויף דער האַנט. די ליניע פאַרענטפערט אַלץ, מען דאַרף איר נאָר אָנפילן מיט דיכטערישן בלוט, מיט סובלימירטער וויזיע וועגן ליכטיקן מאָרגן פון דערלייזונג. אַגבֿ, איז ווײַנפּער פּאָעטיש זייער באַריידעוודיק. ער איז געפאַנגען בײַם זינגעוודיקן וואָרט און קאָן דעריבער ניט מצמצם זײַן.

יאָ, ווער זשע איז „זיי״, ווי דער דיכטער רופט זיי אָנאָנים און פאַרשטעלט? אין דעשיפרירטער פראַזע וועט עס הייסן — סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער שטייט מיטן פּנים צו זיי און אויף זייער אַדרעס איז אויפגעשריבן זײַן קרעדאָ. זײַן גאַנצער גלויבן איז אויסגעשטעלט אויף בלאַנקאָ־וועקסלען, אָן גאַראַנטיעס פון צווייטן צד. איז דאָך ניט שייך צו פאַרזיכערן זיך מיט אַזעלכע געפיל־זאַכן, ווי גלויבן, ליבע וכדומה.

ז. ווײַנפּער האָט געשטעלט אויף דער קאָרט פון „זיי״. ער האָט זיך באַקערט צו דעם גלויבן מיט אַ ליטעראַר כּוונה צו אַ גאולה שלמה — „דערלייזונג פאַר זיך און דער וועלט״. די פּאָעטישע דעקלאַראַציע האָט אָבער פאַר אים פּראַקטיש גאָר ניט פאַרענטפערט. ער האָט, ווי אַ דיכטער, געגלייבט, אַז „ליד פון ליב־שאַפט און פון שלום וועט סוף כּל סוף באַזיגן די האַרט געבײַלטע פויסטן פון רשע און רוצח״. דאָס איז געמיינט: די וויסטע רעאַקציאָנערע באַנדע, וואָס קאָן דעם שלום אין די אויגן ניט קוקן. דאַכט זיך — גאָלע פאַרשטענדיקע פראַזע, ווײַל אין קיין באַציִונג איז דאָך רציחה און רישעות ניט סינאָנים מיט דערלייזונג.

אינטערעסאַנט צו נעמען איינס פון זײַנע ערשטע לידער, ווען דער גלויבן אין „זיי״ איז שוין געווען אויפגעקומען בײַ אים. דאָס ליד מיטן סימבאָלישן „באַרוועסן״ דערמאָנט לידער פון דעם מין אין די ערשטע יאָרן פון דער רוסישער

רעוואָלוציע. מיר זעען דאָ דעם דיכטער אַרויפּקוקן אין פֿאַרלעגנהייט צום „באַרוועסן"־אידעאַל, וואָס טראָגט „אין דער האַנט אַ פֿאָן". אין אָנגעזיכט פֿון דעם באַרוועסן קומט אויף בײַם דיכטער אַ ספק אין זײַנע אייגענע כּוחות, און ער פֿרעגט זיך ניט זיכער: „וואָלט איך, דער פּאָעט, געקאָנט פֿאַרגיסן בלוט? / אַ מענטשלעך לײַב איז הייליק".

און ער שטעלט זיך פֿאַר פֿאַר דעם באַרוועסן אַלס ייִדישער פּאָעט, און, אַז ער „כּישופֿט פֿעדעם גילדענע אַרויס פֿון גרויע יאָר, / ווײַל חלום מוז דאָך האָבן אונדזער וויסטע וואָר".

נאָר — „דער באָוועסער האָט חוזקדיק געלאַכט — / אַ ייִדישער פּאָעט וואָס וויגט מיט חלום אײַן די נאַכט". און דער באַרוועסער זאָגט צום ייִדישן פּאָעט: „דו ביסט די וויסטע נאַכט".

מיר זעען דאָ, אין די פּאָר דיאַלאָג־שורות, ווי דער דיכטער פֿילט זיך גע־פֿאַלן קעגן דעם אויסטערלישן באַרוועסן ברודער, אין זײַן פּאָעטישער שליחות ווי אַ חלום־וועבער פֿאַר דער גרויער וואָר. דער פּאָעט איז דאָ שוואַך און, קעג־טיק, באַהערשט פֿון אַ שיפֿלות־קאָמפּלעקס קעגנאיבער דעם באַרוועסן קאָלאָס, וואָס מאַכט צו נישט אים און זײַנע חלומות.

## ג

זינט יענעם ליד איז פֿיל בלוט אָפּגעפֿלאָסן. מלחמה און ייִדישער חורבן, ווען דאָס מענטשלעכע לײַב איז שוין גאָר ניט הייליק געווען. מענטש האָט גע־האַסט, פֿאַרשוועכט זײַן ברודער, געשענדט, פֿאַרגאַזט און פֿאַרפֿלאַמט אַלע הײַ־ליקייטן. דער דיכטער איז געווען אויפֿגעבראַכט, געשריגן פֿאַר חרפּה און ווײַ־טיק, אָבער נאָך אַלץ געגלייבט. געשריבן אָדעס פֿאַר „די שיינקייט פֿון אויפֿגאַנג פֿון ליכט" און געבענטשט זיך מיט „זיי", וואָס וועלן אויף זייערע באַיאָנעטן ברענגען דעם גליקלעכן סוף. אין די פֿינצטערסטע מלחמה־טעג שרײַט ער אויס: „ווי גערן איך וואָלט איצט געביטן דעם פּאָעט / אין זיך אויף שאַרפֿן באַיאָנעט". און מיר גלויבן אים, ווידער, באמונה שלמה.

די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן נצחון איבער רציחה און רישעות. אַ ייִדישער פּאָעט האָט געוויס געהאַט מיט וואָס זיך צו פֿרייען. די שאָטנס פֿון די דײַטשע מלאכי חבלה האָבן נאָך געשוועבט איבער די געטאָ־מויערן. געוויין און פֿרייד האָבן זיך געמישט. ייִדישער בטחון האָט זיך ווידער שטאָלץ דער־הויבן. דאָס ליד פֿון האָפֿענונג איז געטראָגן געוואָרן פֿון די ייִדיש־סאָוועטישע דיכטער צו זייערע פֿאַריתומטע ברידער און — פֿאַרשטומט געוואָרן — —

ז. ווײַנפּער האָט ווידער „זיי" באַזונגען. ער האָט נאָך אַלץ געגלייבט אין „שלום ליד". ניט געקאָנט גאָר אַרויפֿגעברענגען אויף זײַן מחשבֿה, אַז בײַ „זיי" קאָן פּאַסירן עפּעס פֿון דעם מין רישעות און רציחה, און אוודאי ניט צו די אײַ־גענע, וואָס זענען תּמיד געווען געטרײַ אויף לעבן און טויט.

אומפּאַרהאָפט האָט זיך אַרײַנגעשניטן די גיפטיקע פּײַל, וואָס האָט פּאַרביטן די פּאָן אין האַנט פון אַמאָליקן באַרוועסן, אין דעם דיכטערס לײַב און לעבן. דער אַמאָליקער באַרוועסער האָט זיך אַרויפגעוואָליעט ווי אַ כמאַרע אויף דעם גלייביקן דיכטער. עס איז אים נאָך באַשערט געווען צו זען דעם פינצטערן סוף פון זײַן ליכטיקן גלויבן אין מענטש, וואָס דאַרף דערלייזן.

ערגעץ אין סיבירער טײַגעס, אין אַן קבֿרימדיקער ערד, האָבן זיך דערזונ־גען צו זייער שוואַרצן סוף די גלייביקע יידישע דיכטער פון סאָוועטן־פּאַרבאַנד. ז. ווײַנפּער, אין ניו־יאָרק, האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער די פינצטערע בשורה געקראָגן און זיך געשטעלט צום יידישן עמוד, ווי דער שליח־ציבור זייערער. אין מײַ, 1956, האָט ער קדיש געזאָגט נאָך זיי. ער איז געווען פריטשמעליעט און דערשלאָגן פון דעם גרויסן קלאַפּ, וואָס דער כּוהן־גדול פון זײַן אמונה האָט איבער זײַן האַרץ אַראָפּגעלאָזט. געווען שווער עס איבערצוטראָגן. דער באַזונגע־נער גואל האָט מיט טײַוולאָנישער מאַכט ׳דערלייזט׳ זײַנע באַזינגער. דער יידישער פּאָעט האָט איצט אויסגעקוקט ווי די וויסטע נאַכט, דער חלום איז געלעגן אויס־געבלוטיקט אונטער דער האַק פון רוצח. דער דיכטער איז געווען אַ פּאַרפּירטער, אַן אָפּגענאַרטער.

בלויז געציילטע חדשים פאַר זײַן טויט האָט ז. ווײַנפּער געזאָגט קדיש נאָך זײַנע פּאַרלענדטע שוועסטער און ברידער. ער רעדט וועגן זייער רוצח פּאַר־שטעלט, אין דריטער פּערזאָן, ער וויל אים אין זײַנע מערדערישע אויגן ניט קוקן. זײַן דאָזיקער קדיש איז אַן אָפּענע וווּנד פון שרײַענדיקע אַנטוישונגען און „רײַסן פון זיך שטיקער״.

דער אַספּעקט, אויף וועלכן מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ אַ ביסל לענגער, איז געווען איינער פון די טראַגיש אויפטרייסלענדיקע לעצטע איבערלעבונגען פון ז. ווײַנפּערן. זײַן ׳יתגדל־ויתקדש־ליד איז אַ ווײ־געשריי פון אַ געפּלעפטן, וואָס קריגט, פון זײַן אייגענעם באַרוועסן ברודער, פּלוצלינג מיט אַ האַק איבערן קאָפּ: „ווי זאָל איך דאָס באַנעמען?״ פרעגט ער זיך. ווײַנפּער האָט פאַר זײַן דאָזי־קער פּאָעמע מאָביליזירט אַן אַ שיעור יידישע סופּערלאַטיוון, וואָס וואָלטן גע־קלעקט פאַר אַ רבֿ צו מאַכן אַ הספד איבער דעם הייליקסטן צדיק. ספּאָנטאַן האָבן זיי זיך אַרויסגעשיט פון דיכטערס צאָרנדיק געמיט. פאַר אַ פּסיכאָלאָג וואָלט דאָ געווען אַ היפּש ביסל אַנאַליטישער מאַטעריאַל אויף צו אַרויסאַנט־פּלעקן די טראַגישע סתירה פון אַ יידישן דיכטער וואָס האָט נאַיוו געגלייבט. אַגבֿ, בײַ ווײַנפּערן אין די לידער שטויסן מיר זיך אָן ניט איין מאָל אויף קלע־נערע און גרעסערע סתירות פון אַן אַנדער מין.

ווער קאָן הײַנט וויסן, צי די 44 שורות פון זײַן יתגדל ויתקדש זענען ניט געווען דער אויפטאַקט פון אַ קדיש אויף זײַן אייגן סוף־לעבן. ז. ווײַנפּער, אײַנ־געבויגן איבער זײַן חיבור, האָט דערפּילט מיט אַ מאָל, ווי „אַזוי גרווילנדיק ציט זיך, ציט זיך אַזאַ מעשׂה, געשאָכטן אַן אַ ברכה האָט מען אונדזער ציגעלע דאָס

ווײַסע". געשאָכטן האָבן זיי דעם דיכטערס גלויבן, און עס האָט אָנגעהויבן פּרעסן אויף זײַן האַרץ.

דער יתגדל ויתקדש איז געווען אַן איבערברוך אין זײַן גאַנג, מעג ער אַפילו שפּעטער זיך האָבן אַ ביסל אויסגעטשוכעט. די „גילדענע ליניע" איז דאָך געלעגן ווי אַ יאָך אויפן האַלדז. אין דער עלפטער סטראָפע גנבֿעט זיך שוין אַרײַן אַ פּסוק פון אַ ווײַנענדיקן טרייסטער, וואָס „טרייסט און וועקט בטחון". דער פיל פון פאַרצווייפלונג איז אָבער צו ביטער, אַז דער דיכטער זאָל אַקצעפּ־טירן טרייסט, און ער פּרוווט אַ שרײַ טאָן מיט פּראָטעסט: „בטחון — צו וואָס? צו וועמען? נאָר פרעגן איז ניט שייך, — אַזוי פיל דורות איז דאָס לעבן אונד־זערס 'בדמיך'!". דער מיסטיש פאַרנעפּלטער ענטפער איז ווי עפּעס אַ רעטע־ניש אויף ווײַנפּערס ליפּן, אָדער גאָר אַ לעצטער באַשייד צו זײַן אַנטוישונג. פון וועמען דערוואַרטן אַ טרייסט?

ז. ווײַנפּער איז דעם איין מאָל געווען אַ גלייביקער, וואָס האָט באַמערקט אַז ער האָט געבלאָנדזשעט. די „גילדענע ליניע" איז געלעגן דורכגעוויקט מיטן בלוט פון זײַנע מיטגלייביקע. נאָך זײַן צעשטאָכענעם גלויבן האָט ער אויפן ראַנד פון זײַן אייגענעם קבֿר אַ קדיש געזאָגט. ווער ווייס צי די מיקראָבן פון בלוטיקן פאַרראַט האָבן ניט אונטערגעגראָבן און פאַרקירצט די יאָרן פון ז. ווײַנפּער — דעם גלייביק־אָפּגענאַרטן.

דרום־אַפריקע, מאַרץ, 1957.

# דערציילער פון די געטאָ־ווייען

אַבֿרהם ווייץ: דער באַהאַלטענער ייִד. פֿאַרלאַג „אַרבעטער־היים״, פּאַריז 1954. הקדמה פֿון ש. שווייצער. פּאָרטרעט פֿון בען. הילע און צייכע־נונגען: דוד טושינסקי. 191 זז׳.

## א

צום היינטיקן אַרטיקל וועגן אַבֿרהם ווייץ, מוז איך מקדים זײַן אַ פּערזענ־לעכן קורצן פּרק וועגן עפּעס וואָס האָט מיך במשך אַ סך יאָרן אומרויִק גע־מאַכט. ער איז געווען איינער פֿון דער פּלעיאַדע פּאַריזער ייִדישע פּראָזאַיִקער, מיט וועמען כ׳האָב זיך איבערגעשריבן אין די סוף 50ער און אָנהייב 60ער יאָרן. שרײַבן פֿלעגן מיר זיך ניט רעגולער און מיט גרויסע הפסקות, ס׳רוב בײַם איבערשיקן זײַנע אַ דערציילונג פֿאַר דרום־אַפֿריקע, ווען איך בין געווען רע־דאַקטאָר. די בריוו, געשריבן מיט גרויסע קאַליגראַפֿישע אותיות, אויף גלײַכע־טע בויגנס פּאַפּיר, פֿלעגן פּרוּוון געבן אַ פּירוש אויפֿן בײַגעלייגטן כּתבֿ־יד. זײַן שרײַבן איז געווען באַשיידן, מיט אַ נאָטע פֿון חבֿרישקייט, אָפּט מיטן אַקצענט אויף אונדזער שותּפֿישן גורל: געטאָ און לאַגערן. ס׳איז געווען אַ מין איידעלע שטילקייט אין זײַן יעדע בקשה און כ׳פֿלעג זי גערן ממלא זײַן. ער פֿלעגט דיס־קרעט און וואַרעם באַדאַנקען.

אין אַ פּאָר פֿון די בריוו האָט ער מיר דערמאָנט, אַז כ׳האָב נאָך ניט גע־שריבן וועגן זײַן בוך, דער באַהאַלטענער ייִד, וואָס איז שוין לאַנג דערשינען. כ׳האָב אים געענטפֿערט, אַז מיך וווּנדערט ווי איינער קען שרײַבן וועגן אַ בוך וואָס ער האָט ניט געזען... אָנהייב 1958, ד״ה פֿיר יאָר נאָך דעם ווי דאָס בוך איז אַרויס, האָט ער מיר אים צוגעשיקט. גראָד האָב איך דעמאָלט געהאַט דאגות ביז איבערן קאָפּ — און ניט געהאַט קיין קאָפּ פֿאַרן בוך... 10 יאָר שפּעטער, 1968, האָט ער מיר צוגעשיקט זײַן נײַעם בוך: די לעצטע געטאָ.. פֿאַר מיר איז עס געווען אַ קלאָרער רמז און — מיך געמאַכט אומרויִק. נאָך די איבערלאָדענישן פֿון זאָרגן, נאָך האַרבערע ווי פֿריִער, האָט מיך ניט געלאָזט נאָכקומען זײַן פֿאַר־לאַנג. ווי מײַן טבֿע, אין אַזעלכע פֿאַלן, האָב איך עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, און — זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שולדגעפֿיל קעגן דעם אַבֿרהם ווייץ.

...און אָט בין איך, זומער 1980, אַרײַנגעפֿאַלן אויף אַ קורצן באַזוך אין פּאַריז. אַ פּאָר חבֿרים, בראָש מיט משה וואַלדמאַן, האָבן צוונויפֿגעקלאַפּט, דורכן

טעלעפאָן, אַ פראַוויזאָרישן קבלת־פּנים פאַר מיר. די אימפּרעזע איז פאָרגעקומען שבת, אין אַ שפּעטער נאָכמיטאָג־שעה. דורכגייענדיק דעם לאַנגן שמאָלן זאַל, מיט שטולן פון ביידע זייטן, האָט מיך פּלוצלינג, ניט ווייט פון דער בינע, אַ האַנט אַ שוואַכן צי געטאָן. ווען כ׳האָב זיך אויסגעדרייט צו דער האַנט, איז פאַר מיר געשטאַנען אַ בלאַסער דאַר־צעקנייטשטער ייִד און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ האַלב אויסגעלאָשענעם בליק. אויף זיינע ליפּן האָט געצאַפּלט אַ גרימאַסע פון איראָניע. כ׳האָב אינסטינקטיוו אַ שטרעק געטאָן מיין האַנט צו אים: — שלום־עליכם, מיין פריינד!..

אין מיין האַנט האָט זיך אַריינגעגליטשט אַ קרוכלע הענטל, וואָס כ׳האָב געהאַלטן לויז און זיך ניט געטרויט עס אַ דריק צו טאָן. אויף זיינע בלאַסע ליפּן האָט דער שמייכל העלער אַ ציטער געטאָן. ער האָט שטיל אַ פליסטער געטאָן:

— שלום־עליכם און ברוך־הבא. מיר קענען זיך שוין אַ סך יאָרן — איך בין אַבֿרהם ווייץ.

אין מיר האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. כ׳האָב געשטאַמלט: — אַבֿרהם ווייץ... כ׳פריי זיך אייך צו טרעפן... אַזוי אומפאַרהאָפט. איך... בין אייך אַ בעל־חובֿ...

ער האָט אַ פּנים דערפילט מיין פאַרלוירנקייט: — לאָמיר איצט ניט ריידן וועגן חובֿות, — האָט ער געזאָגט. — כ׳בין ערשט פון שפּיטאָל — איר זעט דאָך מיין גבֿורה... כ׳גיי אין ערגעץ ניט, נאָר לכּבֿוד אייך האָב איך זיך גע־שטאַרקט. כ׳קאָן לאַנג ניט שטיין, — האָט ער זיך ווי פאַרשולדיקט אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול.

„מיין פאַרזיצער", משה וואַלדמאַן, האָט באַמערקט אַז אונדזער צוזאַמענ־טרעף איז אַ סך מער ווי צופעליק... איז ווי נאָר ער האָט געעפנט דעם צוזאַמענ־קליַיב, האָט ער גלייך פאַרבעטן צום פּרעזידיום „חבֿר אַבֿרהם ווייץ". מיט אומ־זיכערע קליינע טריטעלעך האָט זיך ווייץ געשאַרט צו דער אַרענע. אַ האַנט האָט אים אונטערגעהאַלטן ביים אַרויפגיין די פאַר טרעפּלעך. ער האָט זיך גע־זעצט צו דער לינקער זייט פון פאַרזיצער, אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל און אָנ־געשריבן אַ צעטעלע, וואָס ער האָט מיר אַריבערדערלאַנגט. ער האָט געבעטן כ׳זאָל דערמאָנען, אַז ער האָט געקראָגן די ליטעראַטור־פּרעמיע א"נ פון ישׂראל דזשייקאָבסאָן, פאַר זיין דערציילונג „די האַק", וואָס איז געווען געדרוקט אין דרום אַפריקע, אין מיטן 1969. און זיינע מאַטע אויגן האָבן זיך ליכטיק צע־שמייכלט, ווען כ׳האָב עס דערציילט און, אַגבֿ, אויך דערמאָנט מיין חובֿ — —

ב

אַבֿרהם ווייץ געהערט צו דער באַזונדערער קאַטעגאָריע ייִדישע שרייבערס פון גאָך דעם חורבן, וואָס האָבן מיט אייגן לייב און לעבן געפילט דעם ווי און ווייטיק פון דער אומקום־תּקופֿה. פון דעם ביטערן קוואַל שעפּט ער זיין טע־

מאַטיק, וואָס וויפל ליטעראַרישע פיקציע זי זאָל ניט פאַרמאָגן, קענטיקן זיך אָבער אַרויס היפשע דאָזעס רעאַליסטיק — אוןביידע צוזאַמען טראָגן צו צום טיפערן קינסטלערישן אמת פון זײַן שאַפן. עס איז דער תּוכיקער אמת פון יידישן לעבן, וואָס פלאַטערט אין שאָטן פון טויט. דאָס ציטער פון יידס נשמה האָט ווייץ אָפּגעפילט און עס פאַרפיקסירט אין זײַנע דערציילונגען. קלעם און פחד איז זייער צענטראַלער נערוון־סיסטעם, ווו עס גליִען פונקען פון אימה: אַכזר קעגן קרבן. די צוויי־פּיסיקע פערוועדזירטע חיה בצורת מענטש קוקט גלײַכ־גילטיק אין אויג פון מענטש־ייִד, בעת ער פּײַניקט אים, בעת ער מאָרדט אים.

דער באַהאַלטענער ייד — דער טיטל פון בוך און פון דער גרעסטער דער־ציילונג אין בוך — איז אַן אַקט, אין אַ סך בלוטיקע בילדער, ווו עס צאַפּלט די שטומקייט פון אַלע יידישע טויטשרעקן. אַן אומבאַשרײַבלעכע מורא פילט מען אין אַלע דערציילונגען, ווו אַלץ אָטעמט מיט אומקום. דאָס קעלער־שפּינגעוועב איז ניט מער שוץ פאַר דעם יחיד־ייִד, ווי דער געטאָצוים — פאַרן רבים. אין ערשטן פאַל איז ער קאָנפראָנטירט מיטן יחיד־גוי, וואָס ווערט זײַן רוצח, בעת רבים זענען אין געטאָ — דײַטשן, אוקראַיִנער, ליטווינער א״אַ. אַ טעמפּע, נאַ־קעטע, רויע רציחה, אָן אַ פונק פון רחמנות. די פרומקייט פון מיכאַלסקין, בעת ער פאַלט אַרײַן צום גלח זיך מתוודה זײַן, דערטרינקט ער שפּעטער אין ביטערן טראָפּן. אויב דער גלח וויל אים ניט מוחל זײַן, וועט אים ס׳פלעשל וואָדקאָ רעהאַביליטירן. מיט פולע שטריכן זענען געצייכנט מיכאַלסקי און זײַן ווײַב, יאַדוויגאַ, בעת דער גלח איז בלויז אַ מין סטאַטיסט, וואָס זאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגן „אונדזער הייליקער יעזוס״ און „זייער גאָט״ און „זייער לא תּרצח״. ער דערשײַנט אין זײַן הייליקער שליחות, ווי אַ שוואַכער מאַנער און שטראָפער. דער מחבר ברענגט אויך אַ גלח, פון די חסידי־אומות־העולם אין „נאָכן חורבן״, וואָס ראַטעוועט אַ רבֿ, איז אָבער אויך זײַן אימאַזש ניט מער ווי אַ שאָטן פון עפּעס דורכלויפיקס. אין ייִד, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין קעלער, אונטער דער גויִישער ערד, שפּילט זיך אָפּ די קאָנוווּלסיע און קאָשמאַר פון ייִדישן פאָלק. אין דעם טראַגישן שײַן ווערט נאָך מער פאַרפּינצטערט דער גויִשער חסאָ פון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס איר פּראַטאַטיפּ איז דער סם־געבער. אין דעם איינציקן פאָדעם פון לעבן, וואָס ווערט אָפּגעשניטן, כּדי ניט צו לאָזן קיין עדות — און דאָס האָבן זיי געפּלאַנט צו טאָן אויך מיטן כּלל־עדות — איז שוין פאַראַן דער גאַנצער שוידער פון ייִדישן פאַרלענד.

אין די אַלע דערציילונגען בלאָזט דער פּראַסטיקער ווינט פון עלנט און חורבן. ס׳איז דער טראַנספאָרמירטער ממש פון זאַכן, צעוואַלגערט אין „בערג אַש״. און אויב ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי נאַטור פון חורבן, האָט אַבֿרהם ווייץ די אַ נאַטור פאַראייביקט אין זײַנע דערציילונגען. אין „נאָכן חורבן״ (טיטל) פירט ער דעם לייענער „אין אַ פּויליש שטעטל, 1946״. אויף די חורבֿות פון ייִדישן לעבן שטעלט ער אויף אַ קיום־לעבן: דער געראַטעוועטער רבֿ אין צעג־טער. בײַ אים און אַרום אים זאַמלט זיך עולם. מנחם, דער קעמפער פון וואַר־

שעוועך געטאָ־אויפשטאַנד, פּאַלט אַריין דעם זעלבן פּריוויטיק צו נאַכט, ווי אַ צענגטער צום מניין. ער רעזומירט די לאַגע מיט אַ קורצער פאָרמל: „הייסט עס, אַז מיר דאָ שטעלן מיט זיך פאָר די שארית־הפליטה״. אַזוי אַרום קריגט דער באַגריף זיין באַטייטפולן תוך, דעם יידישן נאָכחורבן שטעמפּל. וועגן דער שארית־הפליטה, איר ווי און ווייטיק, דערציילט אַבֿרהם ווייץ. ער מאָלט די יחידים פון אַ דור פון אַבֿלות און פאַריתומטקייט, וואָס טראָגן אין זייערע הערצער פאַרקראַמפּטע בילדער פון פרישע בית־עולמס. ס׳איז די „אימהדיקע שטילקייט״ פון „די טויטע געסלעך״, ווו „יידן און ווייבער שוועבן ווי שאָטנס״. זיי גייען אַרום „זוכנדיק די קבֿרים״, אָבער אַפילו פון די קבֿרים איז שוין קיין זכר ניט געבליבן. אָבער דער ניגון פון טרויער קומט טאַקע אַרויס ווי פון קבֿרים. דאָ צאַפּלען די גהינומדיקע האַלוצינאַציעס פון די שארית־הפליטהניקעס וועגן זייער נעכטן, און מער נאָך — וועגן פאַרנעפּלטן מאָרגן: וואָס און ווו איצט.

ג

אַבֿרהם ווייץ ברענגט דאָ אַרויס די פּראָבלעמאַטיק פון אַ ניי לעבן: ווידער־בויען. יחידישע היימען טאַקע, אָבער ניט אַזוי צוליבן שטעטל, ווי מחמת המשך־וועגן. אַזוי, למשל, פילט דער רבֿ, אַז מ׳דאַרף אויפשטעלן אַ יידישן ישובֿ. דעמאָלט לייגט דער יונגער אויפשטעלנדלער אַרויף ס׳פעקל אויף דער פּלייצע און גייט אַוועק. ער פילט אַז איבער דעם חורבן הענגט שוין אַ קומענדיקער חורבן. צווישן די ביידע עקסטרעמען קומט פאָר דאָס געראַנגל פון די יחידים מיט זייערע ספקות. ביי די יידן, וועמענס ווייב און קינד, טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער זענען אַוועק מיט די רויכן פון אוישוויץ און מיידאַנעק, קומען אויף גרייזשענדיקע שאלות: פאַר וואָס גראַד בין איך געבליבן לעבן? האָט מיין לעבן ערגעץ אַ באַרעכטיקונג? אַפילו ביים רבֿ גייט זיך די אמונה צו מאָל אַ וואַקל בעת די אַ טראַכטעניש.

מיט די פּראָזאַישסטע מיטלען ברענגט אַבֿרהם ווייץ אַרויס דעם יידיש־עטישן פענאָמען, וואָס איז געבליבן אַריינגעשטאָכן אין די הערצער און געהירן פון די שארית־הפליטה־יידן. ער וויקלט פונאַנדער דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס אין אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדיקע בילדער. די עפּיזאָדן און מחשבֿות זענען אפשר פון אים אַליין דורכגעלעבטע און דורכגעטראַכטע, דערפאַר די עמאָציאָ־נעלע פילעוודיקייט, וואָס קומט אַזוי אָפן צום אויסדרוק. אַלע זיינע יידן, אויך די אונטערוועלט־פאַרשוינען, זענען אויטענטישע פּראָדוקטן פון דער חורבן־תקופה און קענען זיך ניט אַרויסברעכן פון איר רעם. דאָס מאַניפעסטירט זיך אין דער משונהדיקער סאָלידאַריטעט צווישן הייליק און אומגלייביק, אַז אַפילו „סיאָמקע דער גנבֿ״ גייט אַוועק אויף קידוש־השם בעתן ראַטעווען די ספר־תורה. צוריק ברענגט מען דעם רבֿס טלית, באַפלעקט מיט זיין בלוט, אין וועלכן די ספר־תורה איז געווען איינגעוויקלט.

אין דעם זינען, ווי שוין געזאָגט, קענען די דערציילונגען געזען ווערן אין זייער קינסטלעריש רעאַליסטישן געמעל — קינסטלעריש על־פּי אויפנעם פון זייער פילאָסאָפיש־מענטשלעכער פּראָבלעמאַטיק, רעאַליסטיש — לויט זייער קאָנקרעטן תּוכן. ס'איז דער סינטעז פון ייִדישן לעבן נאָכן חורבן, אָדער אין אַנדערע ווערטער: די גאַנצקייט פון שטיקער ייִדיש לעבן, וואָס זוכן זיך צונויפ־צוגיסן מיט זייער ביאָלאָגישן און גײַסטיקן המשך. אַלע העלדן און זייערע געשיכטעס טוט אַבֿרהם ווייץ אַרײַנוועבן אין דער כּמו־נײַער צײַט, וואָס רופט זיך נאָך באַפרײַונג. די נסימדיקע שארית־הפליטה, ווי אַ נײַער פענאָמען אין ייִדישן לעבן, און אויך אין דער וועלט, איז אָרגאַניש געבונדן מיט דער אַזוי פשוטער השגחה פרײַהייט. דעם פיזישן פּראָצעס, וואָס האָט אַרײַנגעקנאַלט ווי אַ באָמבע אין די לעבעדיקע מענטשן, באַשרײַבט אַבֿרהם ווייץ. ניט אַלע זענען ביכולת זיך צו ספּראַווען אין די נײַע באַדינגונגען, ס'מאַכט ווונדן און ריסן אין זייערע נשמות, און די אַ בילדער האָט אַבֿרהם ווייץ אויפגעכאַפּט און מיט רעליעפער שאַרפקייט און אין אומעטיקע פאַרבטענער עס אַרויסגעבראַכט.

ער מאָלט פּסיכאָלאָגישע אמתן, אין זייער סאַמע ממשות, פון דער ערשטער שארית־הפליטה תּקופה. ניט נאָר דער רבֿ, וואָס איז נאָך אַלע ביטערע נסיונות אַלץ נאָך פאַרגלייבט אין דער השגחה און איר גערעכטן דרך, נאָר אויך די ייִדן, וואָס שרײַען אַרויס זייערע ווייטיקדיקע פּראָטעסטן, אויף אַן אַנדער אופן טאַקע, אָבער אויך זיי פרעגן, ווי דער רבֿ, די זעלבע שאלה: „רבונו של עולם, עד מתי?!...” דער מחבר פאַרענטפערט ניט די שאלות, ווײַל ניט ער און ניט קיינער קען אויפלייזן און פונאַנדערבינדן דעם פּסיכאָלאָגישן נערוונקנופּ פון די חורבן־ייִדן. און ווען ס'דאַכט זיך אַז נײַע וועגן קלאָרן זיך אויס, טאַפּט מען נאָך מיט ציטעריקע טריט די זיכערקייט, מ'שמעקט די פּחד־אָנגעזאַפּטע אַטמאָספער מיט חשד. די גוייִשע סבֿיבֿה איז נאָך פאַרסמט מיט ייִדן־שינאה. דעם אַלטן רבֿס גאַנג — צוריק אויפבויען דאָס אויסגעצאַנקטע לעבן, גיט אים אַ שמיץ דעם בלוט־טיקן ענטפער אין פּנים. אַפילו דער וועג פון אויפשטענדלער בלײַבט אויך דערווײַל פאַרטושט. די ייִדן פון שארית־הפליטה טראָגן מער ניט די געלע לאַטע אויף זייערע בגדים, נאָר אין זייער האַרצן, זי איז פאַרבלוטיקט מיט פרישע סימ־נים פון שחיטה און גזלה. דאָס איז די נאָכחורבן־צײַט, מיט אירע ייִדן, וואָס אַבֿרהם ווייץ האָט פול געשטאַלטיקט אין זײַנע קורצע דערציילונגען. ער האָט פון ווייניקע פּעדעם אויסגעוועבט גאַנצע געשיכטעס פון אַ געיאָגטער און בלאָנדזשענדיקער שארית־הפליטה.

## ד

די צווי גרעסטע דערציילונגען, וואָס פאַרנעמען אַ האַלבן בוך, טראָגן די עלעמענטאַרע וואָג פון פראָזאַישן פשטותדיקן נוסח פון אַבֿרהם ווייץ. אָבער ניט ווייניקער אָנגעלאָדן און רעפלעקטיוו אויף יענער תּקופה, זענען די קלענערע דערציילונגען. יעדע דערציילונג פאַרמאָגט איר שלמות, ווי אַ טעמאַטישער

איינס, און באַזונדער, און נאָך מער צוזאַמען, באַליכטיקן זיי די ייִדן פֿון שארית־הפּליטה, די גאַנצע פֿאַנטאַזמאַגאָריע וואָס ווירקט אין זיי און אַרום זיי. אין די בלעטער צינדן זיך די שרעקפּלעמלעך מיטן פּאָרכטיקן אמת פֿון די דורכגעמאַכטע נסיונות. ס'ווערט אויפֿגעליכטיקט און ס'לעבט־אויף דאָס דערפּאַרמירטע פּנים פֿון יענעם דור, וואָס זוכט זײַן תּיקון. זיי קומען אַרויס אויף דער ליטעראַרישער אַרענע, ווי די עדות פֿון יענער עפּאָכע.

אַבֿרהם ווייץ האָט נאָך דערצו אַרײַנגעפּלאָכטן דעם עטישן קאָמפּאָנענט, די ריין מאָראַלישע און נשמהדיקע צאַפּלעניש פֿון יענער וואָר. אָט, די אַזוי געגאַרטע נקמה ווערט אויך פֿאַרוואַנדלט אין „אַ מאָדנע נקמה" (טיטל פֿון אַ דערציילונג), בעת דער קאָנקרעטער קאָנפֿראָנטאַציע מיטן ייִדישן האַרץ פֿון נקמה־נעמער. די פֿיזישע שטאַרקייט ווערט געליימט. דער העלדישער נקמה־נעמער דערציילט, אַז ס'האָט מיט אים „פּאַסירט אַ זאַך, וואָס איז העכער ווי דער שׂכל". ווען ער האָט שוין געוואָלט דעם דײַטש, וואָס איז געווען אַן אַקטיווער נאַצי, דערוואַרגן, „האָט זיך אין מיר אַ וואָרף געטאָן, גיך דאָס האַרץ, וואָס פֿאָדערט נקמה, נאָר דאָס האַרץ פֿון אַ מענטשן". און מיר ווייסן צו גוט, אַז דאָס האַרץ פֿון אַ מענטשן, וואָס איז כּלו ייִדיש, האָבן ניט ווייניק פֿינצטערע רוצחים צו פֿאַרדאַנקען זייער לעבן. אַזאַ רירנדיקע „אומנקמה" רופֿט אַרויס אַ געמיש פֿון געפֿילן: אַ פֿאַרדראָס אויף דער געלײַטערטער שוואַכקייט, און שטאָלץ אויף דער הערלעכער הומאַניטאַרער גבֿורה. דאָס איז דער שטאַרקער בינדפֿאָדעם פֿון שארית־הפּליטה צום געוועב פֿון כּלל־ישׂראל — אַ געוועב וואָס זײַן גײַסטיקער לײַוונט איז ייִדישקייט. אויך נאָטאַן לוריע („אַ טרער אין עמער וואַסער") קען ניט פֿאַרווישן זײַנע איבערלעבונגען, וואָס מישן דעם הײַנט פֿון פֿרײַהייט מיטן נעכטן, אויפֿן ראַנד פֿון אומקום. אין זײַן זכּרון איז דער רעפֿלעקטאָר וואָס לויכט אים צו. אויך אין „אַ לעבן לעשט זיך", דרייט אויף דער אַלטער ד״ר קאַרלינסקי אין זײַן געדעכעניש2ס'לעבן פֿון נעכטן. אַזוי אויך „נאָך דער לוויה" — דערביזאַרער צונויפֿטרעף פֿון ליזען מיט איר נעכטיקן מאַן. און אין „אַ בוקעט בלומען", ווו די אַלטע אַקטריסע לעבט דורך, נאָך דער יובֿיליי־פֿײַערונג, איר לעצטע שעה.

עטלעכע קלײנע דערציילונגען גליטשן זיך אַוועק פֿון דער חורבן־טעמע. שיין איז די פּאָעטישע דערציילונג „בריוו געשריבן צו אַנעטאַ", וואָס זענען פּליטערלעך פֿון גײַסט און געמיט. ס'איז די פֿילאָסאָפֿיע פֿון לעבן, געמאָלן אין אַ ראָמאַנטיש קלאַסישן סטיל. די דערציילונג „אַ מעטער לײַוונט", זיפּט דורך דעם דינעם טראַגיזם פֿון שטעטלדיק־היימישן קינסטלער זשאַק. מיט ליבשאַפֿט און עקסטאַז איז געמאָלן די נאַטור, אין „בערג און תּהומות". ס'איז די פּראַכט פֿון דער צויבערדיקער לאַנדשאַפֿט און „אַ געזאַנג" — „צו דעם אַרויסשטראַל פֿון שיינקייט". די דערציילונג „דאָס אָרעמע שנײַדערל", — „אַ יאָרצײַט־ליכט מײַן מוטער ביילע־טויבע", — האָט מיך דערמאָנט מײַנע אייגענע איבערלעבונגען און די מאַמע־געשטאַלט, וואָס האָט זיך צו מיר באַוויזן אין די אומקום־רגעס...

אַבֿרהם ווייץ איז אַן אינטערעסאַנטער דערציילער. די האַנדלונג וויקלט

ער פונאַנדער אין סאַמע קורצקייט, מיט אָנגעלאָדענע בילדער און וואַרעמע פאַרבטענער. די שילדערונגען פון מענטש און נאַטור, צו מאָל פּאָעטיש, אָבער ניט באַנאַליזירט. ער איז שטאַרקער אין די דימענסיעס פון רו און שטילקייט, אין וועלכע עס איז פילעוודיקער די וואָרהאַפטיקייט פון די העלדן און זייערע איבערלעבענישן. געראָטן זענען די עקסקורסיעס וואָס ער מאַכט אין דער טיף פון זייער נשמה־לעבן. דער פּסיכאָלאָגישער אַרײַנבליק אין זייער גײַסטיקן מהות, זוכט דעם שורש פון זייער מאָראַלישער ייִדישקייט און מענטשלעכקייט, אַפילו פון די דערווײַטערטע פון חורבן. ער פאַרמאָגט אַ שאַרפן חוש פאַר דעם נאַטורעלן קלימאַט פון מענטש און זײַן סבֿיבֿה, אין חורבן און נאָך חורבן. די דערציילונגען טראָגן דעם חותם פון אַ באַזונדעראַרטיקן שאַפער און זײַן אָריגינעלן נוסח. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט האַפטיקע פאַרבלײַביקע ווערטן אין דער ייִדישער נאָכחורבן־פּראָזע.

פון כתבֿ־יד, 1981.

# פנחס וועלנער

## א

פנחס וועלנער, וועלכער איז געבוירן אין וועבער־קוואַרטאַל באַלוט, לאָדזש, איז געקומען קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין קאָפּענהאַגען. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַרבעטער־משפחה פון טראַדיציאָנעלן וועבערפאַך אין דער יידישער „מאַנטשעסטער פון פוילן". ער האָט געבראַכט מיט זיך אין אומ־באַקאַנטן לאַנד זיין יידיש לשון, בענקשאַפט צו זיין געכטן, און אַ סך ליבעשאַפט צו זיין היים און צו זיין אָרעם פאָלק. געווען אַקטיוו אין „בונד", אין זיינע יונגע יאָרן, שפּעטער אַריבער צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג. איןביידע פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס צוויי מאָל — 1912 און 1929 — געפאָרן קיין אַרגענטינע, און צוריקגעקומען קיין דענעמאַרק. אין 1958 איז אין בוענאָס־איירעס אַרויס זיין בוך דערציילונגען אין יענע טעג... (233 זז'). דאָס בוך האָט געקראָגן די דענישע העברי־נאַטאַנסאָן ליטעראַטור־פּרעמיע, און פאַר דער יידישער אויס־גאַבע — די צבי קעסל פּרעמיע, פאַר דער טיטל־דערציילונג פון בוך — די בימקאָ־פּרעמיע.

אין היינטיקן נומער דרוקן מיר אַ קאַפּיטל פון אַ בוך צווישן פרעמדע, וואָס זעט אויס צו זיין אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, וואָס באַקענט אונדז מיט דעם גאַיזור־אומדערפאַרענעם יונגן מאַן, ביי זיין אָנקומען און צוריקפאָרן פון פרעמדן לאַנד. די דריקנדיקע פרעמדקייט און די סביבה זענען געשילדערט מיט אַ שטאַרק־געפּרעסטער שטימונג, מיט אַזאַ קאָנדענסירטקייט פון עכטע געפילן, אַז מיר זעען באַשיימפּערלעך די גאַס, די שכנים, דעם האָפן, און די שיף וואָס דאַרף אים ברענגען צוריק אַהיים. ער דערציילט עס אַליין, אין דריטער פּערזאָן, מיט דינער פיינפילעוודיקייט און מיט אַ שאַרפן חוש פאַר אויפכאַפּן בילדער, און דאָס ספּעציפיש כאַראַקטעריסטישע אין יעדן מענטשן.

פנחס וועלנער האָט ווי אַ יידישער שרייבער געפילט דעם עלנט אַרום זיך און געליטן פון זיין שפּעררישער איינזאַמקייט, הגם ער האָט מיט גרויס דער־פאָלג פאַרעפנטלעכט ביכער אין דעניש און געשריבן ניט וויניק פאַר ליטעראַ־רישע מאַגאַזינען און פאַר ראַדיאָ־אוידיציעס. ניט געקוקט אויף דעם האָט אים דאָך שטאַרק געצויגן צו זיין שפּעריש אויף יידיש לשון.

## ב

אין אַ בריוו, דאַטירט 15טער יאַנואַר, שרייבט ער צו"אַ : „כ'שיק כמעט גאָר ניט צו יידישע אויסגאַבעס... מיין לעצט בוך, וואָס קומט אַרויס צו פרילינג, האָב

איך אַפילו ניט געשריבן אויף ייִדיש. מײַן לעצטע דערציילונג, וואָס וועט אויפֿ־געפירט ווערן אין דענישן ראַדיאָ, האָב איך אויך ניט אין ייִדיש... אײַער בריוו איז דערפֿאַר געווען אַ גאָר ליבע איבערראַשונג און אַ גרויסע אויפמונטערונג פֿאַר מיר אין מײַן ייִדישער טאָטאַלער איינזאַמקייט. אויף דעניש דערשײַנט איצט מײַן זעקסטער בוך, אויף ייִדיש האָב איך נאָר 2. אַלע טירן און טויערן זײַנען שוין פֿאַרהאַקט...״

און ווײַטער שרײַבט ער: „אַממיינסטן פֿאַרדריסט מיך, וואָס מײַן ראָמאַן, „באַלוט״, קען ניט דערשײַנען אין ייִדיש, און אַז איך וועל אַוועקגיין פֿון דער וועלט (דער בריוו איז געשריבן 3 וואָכן פֿאַר זײַן טויט — ד.וו.) וועט ער שוין קיין מאָל ניט דערשײַנען אויף ייִדיש. דער כּתבֿ־יד וועט ערגעץ פֿוילן אין אַ שופֿלאָד אָדער אין די אַרכיוון פֿון ייִוואָ. דער ראָמאַן איז באמת גוט אויף דע־ניש, אָבער אין דער היים איז ער ניט. די העלדן פֿון באַלוט האָבן ניט גערעדט קיין דעניש, אַפילו אין ייִדיש האָבן זיי געהאַט זייער אייגן לשון. אָבער דער ראָמאַן איז בײַ אונדז אין דענמאַרק, און אויך אין שוועדן, גרויס אויפגענומען גע־וואָרן און באַלד באַקומען דעם ערן־פּרײַז פֿון דענישן שרײַבער־פֿאַראיין״.

פּנחס וועלנער האָט געלעבט איינזאַם, אָן זײַן שעפֿערישן לשון, און איז גע־שטאָרבן אין לעכצונג זיך מיט אים ווידער צו באַהעפֿטן. ער האָט זיך ניט אָפּ־געפֿרעמדט און זיך ניט געפּוצט אין דער גלאָריע פֿון גוייִשן לשון, הגם ער האָט געהאַט אַלע שאַנסן פֿאַר דעם.

פּנחס וועלנער איז געשטאָרבן דעם 7טן פֿעברואַר, 1965, צווישן פֿרעמדע, אייגן און טרײַ זײַן שעפֿערישן מקור.

דרום־אַפֿריקע, 1965.

# ביכער פון פײַן און עלנט

אַבֿרהם זאַק: קנעכט זענען מיר געווען — אַרויס־געגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע. בוענאָס־אײַרעס, 1956 — תשי״ז. באַנד איינס: 366 זז׳; באַנד צוויי: 329 זז׳. פּרעמירט פון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

א

איינער פון דער גרויער מאַסע קנעכט, וואָס האָט געהאַט דעם טרויעריקן „זכות״ פאַרשלעפּט צו ווערן אין די וואַלדיקע טײַגעס פון ווײַטן צפון און אַרויס־קומען פון דאָרט בשלום, איז אַבֿרהם זאַק. אַבֿרהם זאַק איז אַ צײַט פריִער, איידער ער איז געוואָרן אַ קנעכט, געווען אַ שרײַבער און אַ דיכטער בײַ ייִדן. דעריבער האָט אַפילו אַזאַ ברוטאַלער רעזשים ווי די נקווד, אים ניט געקאָנט באַ־רויבן פון דער פרײַהייט צו פילן און טראַכטן, צו דענקען און אָבסערווירן. בײַ זיך, אין זײַן ווונדערלעכן זכרון און פילעוודיק האַרץ, האָט ער אַלע שווערע איבערלעבונגען אײַנגעפּאַקט, און עס אונדז צוגעטראָגן אַציַנד אין זײַנע צוויי בענד. עס איז אַן אינטערעסאַנט־דערציילטע הײַנטצײַטיקע הגדה פון עבֿדים היינו.

אַבֿרהם זאַק האָט אין די דאָזיקע ליטעראַרישע זכרונות, מיט קינסטלערישער שפּאָרזאַמקייט און טיף אַדורכגעפילטער אינטויִציע, אָפּגעדעקט נאָך אַ ברעג פון אומדורכזיכטיקן פאַרהאַנג, וואָס האָט פאַר פיל יאָרן פאַרשטעלט „די טרויעריקע וואָר״. ער איז געוואָרן פאַרוויקלט אין דער דאָזיקער וואָר, נאָך דעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון די ברוינע בעסטיעס, סוף 1939, פון זײַן וואַרשע, וואָס האָט זיך געקווענלט אין בלוט און הונגער. דער ייִדישער דיכטער איז האָפערדיק געלאָפן צו דעם לאַנד „ווו ס׳אָטעמט אַזוי פרײַ דער מענטש...״ און — געלאַנדט „אין די ווײַטע, פאַרוואָרפענע טײַגעס פון קאָמי...״ ווו עס איז שוין גאָר ניט געווען אַזוי קאָמיש. דערציילט ער פון „דעם עמק הבכא הינטער שטעכיקן דראָט — די קאָנצלאַגערן, ווו עס לעשן זיך מיליאָנען לעבנס..״ דאָרט ווו דער גלויבן אין מענטש און אין זײַנע ליכטיקע פרײַהייט־אידעען ווערט געשענדט.

קאָן שוין טאַקע אַזאַ איינער, וואָס האָט „דאָס מאַקאַברישע ׳ווערק׳ פון דער נ.ק.וו.ד.״... „געווען פון אינעווייניק״, זײַן גאַנץ לעבן עס מער ניט פאַרגעסן,

די קאַשמאַרן, וואָס זענען שוין אײַנגעגעסן אין זײַן לײַב און לעבן, וועלן אים פֿאַרפֿאָלגן אַלע זײַנע טעג און נעכט. די שווידערלעכע דערפֿאַרונג פֿון יענע לאַגערן, ווו דער קרימינעלער פֿאַרברעכער פֿילט זיך „דערהויבן" איבער זײַן פּאָליטיש מיטגעפֿאַנגענעם, דעגראַדירט מאָראַליש דעם זעלבסשטענדיק דענקענדיקן מענטשן. די אַ״ג פּאָליטישע פּאַראַגראַפֿן, בײַ מענטשן וואָס ווערן פֿאַרמישפּט אונטער די אויגן, אָדער דורך אינסצעניזירטע פּראָצעסן, באַשרענקען זיי אַפֿילו אין זייערע קנעכט־פּריווילעגיעס אין לאַגער. די מערסטע פֿאַלן זענען פֿון אינטעליגענטן, וואָס ווערן אַ צילברעט פֿאַר פּאָליטישע אינטריגעס פֿון אַ קנעכטישן רעזשים. זיי ווערן ניט נאָר פֿיזיש צעבראָכן און ליקווידירט, נאָר אויך גײַסטיק אַטראָפֿירט.

וועגן דעם אַלעם דערציילט אַבֿרהם זאַק, דער „קנעכט צווישן קנעכט", דער "קרבן צווישן קרבנות". דער מחבר איז אין דעם דאָזיקן גיהנום פֿאַרכאַפּט געוואָרן, ווי הונדערטער אַנדערע ייִדן, „בעזשיענצעס", אין די פֿאַרנומענע דורך דער סאָוועטישער מאַכט פּוילישע געביטן. פּשוט: פֿאַרהאַלטן בדרך צופֿאַל, אָן אַ פֿאַרוואָס און פֿאַרווען, דורך אַ נקוו״ד־פּאָליציסט, בעת אַן אַבלאַווע אין יענעם פֿינצטערן אַנהייב, ווען היטלער און סטאַלין האָבן די חלוקה פֿון פּוילן געמאַכט און זיך אין די באַוואָנצטע פּיסקעס געקושט. נאָך דעם — מיטן עשאַלאָן די קנעכט טראַנספּאָרטירט אין די „אויסבעסערונגס אַרבעטס־לאַגערן" פֿון וויַטן צפֿון. צווישן די־אָ זענען געווען ניט ווייניק פֿאַרשלעפּטע ייִדישע פֿעןמענטשן. דאַרפֿן מיר טאָקע דעריבער — צוזאַמען מיטן מחבר — „דאַנקבאַר זײַן דער שרײַבערישער השגחה", וואָס האָט אים אונדז געראַטעוועט, אויף צו וואַרפֿן אַ ליכט אויף אַזאַ פֿינצטער קאַפּיטל.

ב

„קנעכט זענען מיר געווען", בלשון רבים, ווײַל עס איז ניט בלויז די פּערזענלעכע טראַגעדיע פֿון מחבר, נאָר ער ברענגט אויך אַרויס דעם אָרום, די מיטפֿאַרקנעכטיקטע. עס איז אַן אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק אויפֿן פֿאָן פֿון אַלגעמיינעם מענטשלעכן בראָך. אַבֿרהם זאַק מאָלט די חושכדיקע שקלאַפֿן־וועלט מיט אירע מענטשן און דערשײַנונגען, געפֿאַלנקייט און דערהויבנקייט, פֿאַסירונגען און עפּיזאָדן וואָס פֿאַרכאַפּן אונדזער אָטעם. ער שילדערט אַזעלכע מעשׂים תּעתּועים, וואָס דאַרפֿן מאַכן זיך פֿאַרטראַכטן דעם גלויביקסטן פֿאַנאַטיקער, די אַלע וואָס זוכן נאָך אַלץ פֿונקען הומאַניזם אין די אויגן פֿון אַ האַרצלאָזן געץ.

אַבֿרהם זאַק מאָלט קורץ, אָפּגעהאַקטע עפּיזאָדן און בילדלעך, וואָס פֿילן אָן מיט עלנט און פּײַן די בלעטער פֿון זײַן צוויי בענדיק ווערק. אויך דער פּאַרשפּיל, מער ווי דרײַ פּערטל פֿון ערשטן באַנד, אַנטהאַלט שוין אַלע עלעמענטן פֿון מענטשלעכער אַכזריות, הגם נאָך באַפֿאַרבן און צוגעשמאַלצן מיטן שמן־זית פֿון כּלומרשטער פֿרײַהייט. אַ פֿרײַהייט, וואָס אַ ליאַדע רגע קאָן זי דורך אַן אומ־

פֿאַרזיכטיקן תּמימותדיקן וואָרט, אָדער סתּם אַ מסירה, צי גאָר אַ בילבול זיך ענדיקן מיט אַ „סראָק" פֿון פֿיל יאָרן אין אַ פֿאַרדראָטעוועטן שטײַג ערגעץ בײַם אַרקטיק.

אין די דאָזיקע קאַפּיטעלעך, ווו עס ווערט באַשריבן די אויסגעציטערטע פרײַהייט, און שפּעטער די קנעכטשאַפט, איז פֿאַראַן קינסטלערישע רעאַלע קראַפט און אַ סך צימצום. דעם מחברס געדאַנקען זענען פּײַן און אויסגערײַפט און זײַן זע־כּוח איז שאַרף און קלאָר. ווי נאָך אַ לוויה ציִען מיר זיך נאָך דעם פֿיל מיל־יאָניקן מאַנאָטאָנעם טרויער־מאַרש פֿון די שקלאַפֿן אין די שנײיִקע און פּראָס־טיקע וועלדער. וואַנדאַליזם און טעראָר, הונגער און קעלט, קראַנקייטן און טויט באַגלייטן דאָ יעטווידן מענטש. אַזוי זעט אויס דאָס „לעבן" אין די „אויסבעסע־רונג־אַנשטאַלטן" פֿון אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. און דער מחבר איז מוסר־מודעה, אַז דאָס דערציילטע איז ניט מער ווי „אַ טייל פֿון יענעם גרויסן שלעכטס""", הגם ס'איז „דאָ דערציילט אַ סך, אָבער נאָך ניט אַלץ". און טאַקע — „צי איז דען מעגלעך פֿאַר אַ יחיד אויסצושעפּן אַזאַ ים פֿון טרערן און פּײַן?..."

טאַקע אמת, עס איז שווער עס צו באַשרײַבן, און נאָך שווערער עס צו באַ גרײַפֿן. מיר פֿילן ניט קיין גוזמאדיקע איבערטרײַבונג, אָדער אַ געוויסע טענ־דענץ, אין די ביכער פֿון אַבֿרהם זאַק. ער רעדט ניט מיט גיפֿט, נאָר מיט באַ־דויער און ווייטיק. ער גיט איבער ערלעך און אָביעקטיוו פֿאַקטן, כּמעט אָן קאָמענטאַרן, ווו דער מוסר־השׂכּל איז קלאָר און פּשוט. די ליטעראַרישע פֿאָרעם מאַכט גרינגער דאָס פֿאַרדײַען אַזאַ „שווער" ווערק. עס איז אַ גרויסער היסטאָ־רישער דאָקומענט און אַ גבֿית־עדות לדורות. בפֿרט איז עס פֿאַר אונדז ייִדן, נאָך מער — פֿאַר ייִדישע שרײַבער, וואָס זענען געוואָרן אין סאָוועטן־לאַנד די אַתּה בחרתּנו־קאַנדידאַטן פֿאַר אומקום און רציחה. זענען זיי דאָך אַנטלאָפֿן פֿון די ברוינע מערדער צו אַ לאַנד, ווו די פֿאַראַלן פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברידער־לעכקייט האָבן טאָג און נאַכט אַרויסגעשריִען פֿון די צעפּיסקעוועטע ראַדיאָ־גאָרגלען, ווען די נאַצי־חיה האָט אָפֿן אַרויסגעטראָגן איר בלוטיקע סחורה אויף די מערק פֿון דער אָקופּירטער אייראָפּע און פֿאַרשאַכערט ייִדיש בלוט צו דעם אויפֿגעהעצטן המון. האָבן דערפֿאַר די ייִדישע פּליטים געזוכט שוץ אין דעם לאַנד פֿון די מענטשלעכע לאָזונגען, די לאָזונגען וואָס האָבן מיט דער גאַלער סאַדיס־טישער נאַקעטקייט אַ בליץ געטאָן ערשט אין די קאָנצלאַגערן פֿון דער נקוודע.

## ג

אַבֿרהם זאַק פֿירט אונדז גלײַך אַרײַן, מיטן ערשטן קאַפּיטל, בײַם אַריבער־טרעטן דעם בוג, אין אַ נײַער וועלט פֿון אויסטערלישע באַשעפֿענישן — אַ פּראָ־דוקט פֿון אַ ווילדער צײַט — „פּליטים! ייִדישע פּליטים! אומעטום זענען זיי דאָ, אין די הונדערטער טויזנטער, אַנטלאָפֿענע פֿון די דײַטשן ווי פֿון אַ שׂרפֿה, ווי פֿון אַן אונטערגייענדיקער שיף. אומעטום, ווו מ'גייט און ווו מ'שטייט —

פּליטים״. דאָ איז געגעבן אין אַ פּאָר קאָנדענסירטע זאַצן אַ בילד פון מענטשן, וואָס זענען ווי דורך אַ שטורעם אויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלינדער מאַסע, נאָמענלאָז און אָן אַן אייגענעם פּרצוף־פּנים. מיט דעם דאָזיקן פּליטים־עלעמענט באַשעפטיקט זיך דער מחבר — זייער מוטלאָזיקייט און צעטומלטקייט, זייער אויסגאַנגלאָזיקייט און געפאַלנקייט, זייער יאוש און רעזיגנאַציע, אין פאַטאַלן שפּיל מיטן טײַוול. ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ ציִען פאַרבײַ צענדלינגער טיפּן און כאַראַקטערן, סקיצירט און צוזאַמענגעפּרעסט אין פּרקימלעך. זיי שאַפן עס דעם טונקעלן קאָלאָריט אין יענער פאַרסמטער אַטמאָספער פון לאַגער־לעבן.

חוץ עטלעכע אויפן אינהאַלט באַלאַסטנדיקע רעפּליקעס און דיאַלאָגן, וואָס לאָזן איבער אַ רושם פון געקינצלטקייט, איז דאָס אַנאָרמאַלע לעבן געשילדערט אמתדיק, מיט זײַנע אייגנאַרטיקע פאַרבן און ריחות. אין טיטל פון די ביכער איז שוין פאַראַן דער גאַנצער אינהאַלט. גרינטלעך ווערט אין זיי דערציילט וועגן דעם רעזשים פון קאָרופּציע און מסירה, ווי ער האָט זיך אויסגעווירקט אויף די פאַרשיידענע כאַראַקטערן פון מענטשן און מיט באַזונדערע פּאָליטישע און רעליגיעזע אײַנשטעלונגען. מיר זעען דאָ שוואַכע ברואים, עבֿדים נרצעים צום רעזשים, צוליב זייערע נאַטורן אָדער צוליב ענגע אינטערעסן, אָבער דער גרעסטער טייל איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן צו זײַן קנעכט. און ס׳איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די אַלע איז דער אָנזעעוודיקסטער און דער נאָענטסטער פאַר דעם לייענער דער מחבר אַליין. דורך זײַנע אויגן קוקט ער און מיט זײַן האַרץ פילט ער. ער באַגלייט אים פון ערשטן מאָמענט אויף די וועגן פון זײַן קנעכטשאַפט. ער גייט מיט דעם מחבר איבער שטעט און שטעטלעך פון טיף־פאַרוואָרצלטע היימען. מיט פײַנער סובטילער בענקשאַפט מעדיטירט דער מחבר וועגן זיי. מיט דין געשניצטע שטריכן מאָלט ער דעם אַרום און די לאַנדשאַפט. מיט אַ ציטעריקן סענטימענט רעדט ער וועגן זײַן היים־שטעטל. אַ ליבע, צאַרטע מילדקייט איז פאַרצויגן איבער דער אויף אַ טאָג צי שעהען צוריקגעפונענער היים, וואָס זינגט מיט באַקאַנטע גאַסן, שטיבער, נעמען פון פרײַנד, חבֿרים און קרובֿים. לאַנג אָבער דויערט ניט אָט דער זיסער חלום. הינטערן רוקן הויערט שוין די בייזעווירקלעכקייט.

אָט שילדערט ער „מײַנע לעצטע פרײַע טעג...״, בעת ער באָדט זיך אין אַ פאַראייניזאַמט פאַרוואָרפענעם ווינקל פון ניעמאַן, אין זײַן גראָדנע, און פון דער צווייטער זײַט שטומט אַריבער מיט זײַנע מצבֿות דער ייִדישער בית־עולם, ווו אויך זײַן טאַטע איז געקומען צו אייביקער רו. במחשבֿה איז ער זיך, פון דאָ, מתייחד מיטן טאַטן. די דאָזיקע שורות זענען געשריבן מיט טיפער נאָסטאַלגיע און אומעט. דאַכט זיך, אַזוי אידיליש, און — אָט איז שוין דער מחבר „הינטער די קראַטן״. דער דאָזיקער איבערגאַנג, אין ווייניקע ווערטער, מאַכט אַ רושם, מאַכט נאָכטראַכטן וועגן גורל פון ייִד, פון מענטש — די אייביקע פּראָבלעם פון באַשערטקייט. פון איצט אַנטוויקלען זיך שוין די געשעענישן ווי אויף אַ לויפּנ־

דיקן באַנד — טעראָר, אונטערדריקונג, קנעכטשאַפט. דער ייִדישער פאַר־ וואָגלטער און פאַרמאַטערטער פּליט, אָן אַ העמד אויפן לײַב, ווערט געצוווּנגען אומשולדיק צו אַ לעבן פון עינויים, צו מאַרטירערשאַפט.

*

אין צווייטן בוך מערן זיך די קאַפּיטלען, וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט די טרערן און טויטן פון עלנטע מענטשן, און רירן מיט זייער אוממיטלבאַרן עכטן טאָן. עס איז דער שטילער קרעכץ פון גערעכטן, וואָס בײַסט זײַן אייגן פלייש. איז גוט וואָס אַבֿרהם זאַק האָט ניט געשוויגן. ער, אַ ייִדישער שרײַבער, און אַ פּליט, אָן פּאָליטישע כּוונות, האָט זיך געמוזט אַראָפּריידן פון האַרצן, אַרויס־ שרײַען זײַן ווייטיק און פּראָטעסט. אין „די ערשטע נאַכט הינטער קראַטן...״ פּײַניקן אים שוין די מחשבֿות: „סטײַטש און סטײַטש! היתּכן! אַזוי טוט מען מיט פּליטים? מיט נע־ונדניקעס, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון די נאַציִשע באַר־ באַרן?״ אָבער טאַקע אין די קעלערן פון דער נקוד שפּעטער, נאָך אין זײַן גראָדנע, איבערצײַגט ער זיך אין עפּעס אַנדערש, אַז „אין איין נאַכט קענען ׳זיי׳ מאַכן פון אַ מענטש אַ בראָדיאַגע...״.

וו שווידערלעך אַזאַ איבערלעבונג איז פאַר דעם יחיד, און ווי גרויס איז די טראַגעדיע פון מיליאָנען געמאַכטע בראָדיאַגעס — ניט פאַרזינדיקטע קולטור־ מענטשן און אינטעליגענטן, וואָס ווערן פאַרשטויסן פון זייער סבֿיבֿה, משפּחה, פון זייערע היימען, דערפער און שטעט. אַבֿרהם זאַק האָט זייער אַלעמענס ווײַ אַרויסגעשריִען, ווי זיי האָבן אים געבעטן, די „דאָרט״ פאַרבליבענע, און ווי ער האָט זיי מבֿטיח געווען צו טאָן. דער עיקר־באַטײַט און וואָגיקייט פון זײַנע ווערק ליגט אין דעם, וואָס ער האָט געמײַסטערט די סיטואַציע און איבערגעגעבן די זאַכן אָן דעם ביליקן בײַטאָן פון גרילצנדיקער היסטעריע, אין וועלכער אַ סך געליטענע, אויך פּען־מענטשן, פאַלן אַרײַן און פאַרלירן זיך. דער שטילער איי־ דעלער טאָן קלינגט מיט איבערצײַגנדיקער קראַפט און צערירט בײַם לייענער די דינסטע סטרונעס פון זײַנע הומאַניסטישע געפילן.

דרום־אַפריקע, סעפּט׳, 1957.

• דער דיכטער פון דער פאַרלוירענער היים: דרום־אַפריקע, 1956.

# יצחק זילבערשלאַג — אַ העברעיִשער פּאָעט

## צו זײַן באַזוך אין דרום־אַפריקע

### א

ד״ר אײַזיק זילבערשלאַג איז אַ ייִדישער געלערנטער, וואָס פאַרנעמט אַ חשובֿע פּאָזיציע אויפן געביט פון ייִדישער דערציִונג אין די העכערע העברעיִשע בילדונג־אַנשטאַלטן פון אַמעריקע. חוץ דעם האַלט ער אַ צאָל ערן־אַמטן אין פאַרשיידענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון וויכטיקן באַטײַט. מיר האָבן דאָ ניט בדעה אויסצורעכענען די טיטלען פון דעם יודאַיִס־טיק־וויסנשאַפטלער — מיר ווילן דאָ בלויז אונטערשטרײַכן די קולטור־ערודיציע פון דעם מאַן זילבערשלאַג, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין אַמעריקע ווי איינער פון די אָנזעעוודיקע פּעדאַגאָגן, ווי אַ תּלמיד־חכם און קענער פון דער אַלטער און נײַער העברעיִשער ליטעראַטור. און ניט בלויז אין אַמעריקע — זײַן נאָמען איז באַקאַנט אויך אין מדינת־ישׂראל.

יצחק זילבערשלאַג איז אַ העברעיִשער דיכטער, אַ פֿײַנער עסייִסט, אַ פּיע־סע־שרײַבער און איבערזעצער. ס׳איז ניט מיגלעך אין איין אַרטיקל אַרומצו־נעמען אַזאַ ברייטע פעלד פון גײַסטיקער יצירה, אָבער אויך דעם איין אַספּעקט, זײַן דיכטונג, וואָס מיר באַטראַכטן ווי דאָס קרוינווערק פון זײַן שאַפן, איז שווער אַרײַנצופּרעסן אין אַ צאָל פּאַראַגראַפן. מיר וועלן זיך דעריבער באַשרענקען אויף דאָס תּמציתדיקע.

זײַן הויפּט־עלעמענט אין דער דיכטונג איז עכטקייט און גאַנצקייט, דער־פֿאַר איז ער דיכטער דורך און דורך. אַ סימן־מובֿהק פֿאַר דעם איז, אַז אויך אין זײַן אַנדער זשאַנערדיקן שאַפן, אין זײַנע קריטישע ראַפּינירטע עסייען איז פֿאַראַן פּאָעטישער אָנרעג, קינסטלערישע פֿײַנקייט פון דיכטערישן געמיט. אפשר דערפֿאַר איז די סקאַלע פון זײַנע באַהאַנדלטע טעמעס אין דער ליטעראַ־טור די וועלט פון דער אוניווערסאַלער דיכטונג, ווי באַדלער, וואַלערי, האָפמאַנ־סטאַל, עליאָט, רילקע א״אַ פון זעלבן קאַליבער. די דאָזיקע מוסטער־עסייען זענען ניט נאָר אַ באַטײַטיקער בײַטראָג צו דער העברעיִשער קריטיק, נאָר די וויזיט־קאַרטע פון אַ דיכטער צווישן זײַנע גרויסע קאָלעגן, וועמענס שטימונגען און קלאַנגען, געדאַנקען און פאַרבן ער פילט און פאַרשטייט און קען זיי אַנאַלי־טיש צעגלידערן. דאָס מיינט: פּאָעטישע עסייען וועגן פּאָעטן.

יצחק זילבערשלאַג איז אַ דיכטער, וואָס שפּילט מיט אויסגעוואָרעמטן אינ־

זיכיקן ציטער אויף דער סטרונע פון ליריק, זײַנע ערשטע לידער פון יונגשאַפט און פלאַטערדיק שיכּורער ליבע איז צוזאַמענגעקליבן אין זײַן בוך „בשבילים בודדים" (אויף איינזאַמע סטעזשקעס), וואָס איז דערשינען אין 1931. דאָרט איז זײַן געזאַנג האַרץ און גוף, אָבער ניט מוח. עס איז די אוממיטלבאַרע פאַרפּיק־סירטע עמאָציע, וואָס איז ניט פילטרירט דורכן געדאַנק.. די עראָטיק דאָמינירט און די יונגע בלוטן זידן מיט ראָמאַנטישע הייסע טענער. בײַם דיכטער אין האַרצן איז פרילינג און פון זײַן געמיט זינגט אַ יובל צו דער פרוי; אין זײַנע געבליטן שטראָמען יזגלשע גלוסטונגען און מענערישע רײַפקייט. דאָס ליד איז פול מיט בענקשאַפט און לעכצונג נאָך זיסע סודות. עס שמעקט מיט צוויט און בלומען, מיט אויפגעעפנטע קנאָספּן און יום־טוב, לויבגעזאַנג און ערשטער יוגנט־אויפשרײַ פון גוף.

ב

אין זײַן צווייטער לידער־זאַמלונג „עלה, עולם, בשיר" (גיי אויף, וועלט, אין געזאַנג) רײַסט ער זיך אַרויס פון טעמאַטישער ענגשאַפט צו ברייטערע האָ־ריזאָנטן. עס זעט אויס, ווי דער דיכטער וואָלט זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן פון ליבע־שיכּרות. אין די נײַע לידער וועבט זיך שוין אַ שווערער אומעט, ווי שטאַרקער ווײַן. עס שנײַדן זיך דורך געדאַנקלעכע מעטאַפאָרן און די שורה האָט צובאַקומען אַ מער געשליפענע גאַנצקייט. אין די שירים קומט שוין צום אויס־דרוק דער עלנט פון לעבן, די שווערייקייטן זיך איבערצופלאַנצן אין נײַעם באָדן, און אומצופרידנקייט מיט דער סבֿיבֿה. די „סבֿל ירושה" (נאָמען פון אַ ליד) — די ירושה־לאַסט שווערט אויפן דיכטערס פּלייצעס, — די משׂא פון זײַן שטאַם, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון פּוילן ביז אַמעריקע („מפולין עד אמריקה"). אין דער נײַער וועלט איז אים אָבער די משׂא געוואָרן ליב און זי שײַנט מיט טויזנט יחוס־חנען.

דאָס ליד „סבֿל ירושה" האָט דרײַ איינציקע אויסקלאַנג־שורות נאָך יעדער פון די 3 נײַן שורהדיקע סטראָפעס, וואָס זענען ווי דרײַ באַגלייבטע עדות פון דיכטערס טיף־דערציטערטן און טיף־דערשיטערטן געמיט און זײַנע קווענקלע־נישן. ער רעדט מיט אויפשווידערנדיקער פשטות, ווי איינער וואָס מאַכט אַ קאַלטן אַנאַליז איבער זײַן האַרץ — אַ מין אויטאָ־פּסיכאָאַנאַליז. אין געציילטע שורות, וואָס ווירקט מיט אַ שטאַרקער קראַפט. ווי אַ קללה הענגט דער ספק איבער זײַנע אַטאַווויסטישע ספּעקולאַציעס. נאָך דער ערשטער סטראָפע, ווו ער רעדט וועגן זײַנע אָבֿות „צופוסנס פון די קאַרפּאַטן־בערג", קומט די שורה: „דער סוד פון חסידות זינגט אין מײַן בלוט, דער סוד פון חסידות זינגט אין מײַן ליד". נאָך דער צווייטער סטראָפע, ווו ער רעדט פון זײַנע מוטערס, רירט ער שוין אָן די נשמה־סטרונע, וואָס גיט אַ שניט מיט ספקות: „די צווייפל־שלאַנג באַוועגט זיך אין מײַן בלוט, די ספק־שלאַנג באַוועגט זיך אין מײַן ליד". ער פירט אַ מלחמה מיט זײַן אייגן האַרץ, און אין דעם זינען איז אפשר פאַרשטענדלעך דער

לעצטער פּערז: „איך האָב אויסגעזוונגען מײַן ליד אונטער פרעמד־אומעטיקע הימלען". דאָ קומט צום אויסדרוק די בענקשאַפט צום לאַנד פון קוואַליקן ייִדישן פרעמדקייט, וואָס קען דינען ווי דער שליסל צום דיכטערס נשמה און זײַנע שטימונגען.

די פּאָעמע „פון פּוילן ביז אַמעריקע" איז די אינטערפּרעטאַציע פון דער „ירושה־לאַסט" פון איינעם, וואָס שרײַבט לידער „אונטער פרעמד־אומעטיקע הימלען". דאָ קומט צום אויסדרוק די בענקשאַפט צום לאַנד פון קוואַליקן ייִדישן לעבן, די ליבשאַפט צו זײַנע דורכגעלעבטע יאָרן אין פּוילן, וואָס ער פאַרגלײַכט זיי צערטלעך מיט הירשן. און ער רופט אויס: „עדרי הפולני וראש עשרי!" — מײַן פּוילישע סטאַדע און דער שפּיץ פון מײַן גליק! (טאַקע מיט אַן אויסרוף־צייכן אין אָריגינאַל). און פאַר אַמעריקע „עדרי האמריקאי וראש רישי!" — מײַן אַמעריקאַנער סטאַדע און דער שפּיץ פון מײַן אָרעמקייט! און אַ סטראָפע ווײַטער: פאַר וואָר, מײַן הארץ ווערט צעבראָכן אין ווייַ פון איבערגאַנג פון דער קולטור פון בענקשאַפט צו דער קולטור פון געלט. („אכן נשבר לבבי בחבלי מעברו מתרבות הכסף לתרבות הכסף).

דאָ קומט בולט אַרויס דער קאָנפליקט פון דיכטער מיט זײַן נײַעם היימלאַנד און דער רעוואָלט קעגן זײַנע פאַראַנדקעס; דאָס ליכט פון חסידיש גײַסטיקן פּוילן קעגן דער פּראַקטיש פעדלערישער ייִדישער גאַס פון אַמעריקע. (אַגבֿ, אַ שיינע געדאַנקלעכע אַסאָציאַציע איז אין ווערטער שפּיל פון העברעיִשן אידיאָם כסף (קאָסעף) — בענקשאַפט, וואָס לייגט זיך אויס ווי כסף (קעסעף) — געלט). דעם דיכטער ציט צו זײַן וועלט פון בענקשאַפטן, בעת די וועלט פון געלט, ווו מען פאַרקויפט תורה, דרשות און ייִדישע בילדונג, און דער עגל־הזהבֿ איז דאָרט אַלץ — פאַר דער וועלט האָט דער דיכטער קיין איין אות פון מיטגעפיל.

דאָך איז אַמעריקע, אין פּראַקטישן באַטײַט, געבליבן דאָס באַשטימטע לאַנד, דאָס גורל־לאַנד פון דיכטער. אַמעריקע איז טאַקע אַ דיסאָנאַנס צו זײַנע אידעען און ייִדישן וועלטבאַנעם, אָבער פאַר אײַנפלאַנצן זיך אין ישׂראל־באָדן, גייט אויף פון געוויסע פערזן, ווו ער זינגט וועגן ישׂראל, אַ פּסיכאָלאָגישע מורא. טראָץ די בענקשאַפט־חלומות צו ישׂראל, באַהערשט דעם דיכטער די שרעק ניט צו זײַן בכוח פּרוכפּערדיק דאָרט צו שאַפן, צו זינגען איר ליד. ווירקט דאָ אַ פּנים מיט אַ קאָמפּלעקס פון אומזיכערקייט, און אפשר אויך פרעמדקייט (אַן אַנדער מין ווי אין אַמעריקע), וואָס איז דערווײַל דאָמינירנדיק, הגם זײַן האָפן און שטרעבן איז דאָך צו קומען אין ישׂראל.

ג

אַוודאי איז פון זײַן בוך מיטן סימבאָלישן נאָמען „עלה, עולם, בשיר" די וועלט ניט אויפגעריכט געוואָרן מיט געזאַנג, אַפילו ניט די העברעיִשע וועלט. זײַן אייגענע וועלט אָבער, די וועלט פון דיכטער איז יאָ נתעלה געוואָרן דורך זײַן ליד — ווײַל זײַן ליד איז געוואָרן אַ שיינע כּלי, געבויט לויט שטרענגע גע־

זעצן און אָנגעפּילט מיט פֿײַן גײַסטיקן אינהאַלט, מיט געדאַנק און עמאָציע. און הגם מען פֿילט אַז צווישן דער אינטעלעקטועלער און דיכטערישער פּערזענלעכ־קייט איז צו קיין מזיגה ניט געקומען, איז דאָך פֿאַראַן אַ געוויסע השפּעת־גומלין, אַ קעגנזײַטיקע באַווירקונג פֿון אינטעלעקטואַל־קינסטלער־עסטעט. אַ מהלך־רבֿ איז פֿון די יונג־שטורעמדיקע לידער ביז די קלוג־דורכגעטראַכטע און פֿורעמדיק־געצוימטע לידער פֿון שפּעטערדיקן יצחק זילבערשלאַג. ווער ווייס צי אַ סינטעז צווישן די ביידע גײַסטיקע ספֿערן איז בכלל מיגלעך, נאָר מיר דאַכט, אַז די מיינונג וועגן אַ גײַסטיקן ויתרוצצו צווישן דיכטער און אינטעלעקטואַל איז ווײַט איבערגעטריבן.

אומעט, ספֿקות, נאַכטראַכטעניש און פּלאָנטערניש זענען די געמיט־עלע־מענטן וואָס האָקן אָפּ די פֿליגל פֿון שאַפֿערישן מענטשן און פּאַראַליזירן זײַן פֿלי, אָבער פֿון דער צווייטער זײַט — אויב זיי קומען ווי טיפֿערע איבערלע־בעניש, ווערט עס פֿאַרוואַנדלט אין אַ נשמה־שאָק, אַ גײַסטיקע אויפֿטרייסלונג, וואָס אויף איר גרונט ליגט פֿאַרבאַהאַלטן דער זוימען פֿאַר נײַע פּרוכטן. די אומ־צופֿרידנקייט, די עלנטקייט, די צווייפֿלעניש פֿון יצחק זילבערשלאַג האָבן פּאָ־זיטיווע שאַפֿערישע ווערטן, און דערפֿאַר איז זײַן געזאַנג ריין און עכט און ערלעך. עס טראָגט זיך ווי אַ ליכטיקער גרוס פֿון דער ייִדישער אַמעריקע (ווי ער זאָל וועגן איר אמתדיקייט ניט זינגען). ער פּראָוועט דעם יום־טובֿ פֿון זײַן עבֿרית־וואָרט אין דער וואַכעדיקער ציוויליזאַציע פֿון געלט־גאָט; ער טוט זײַן עבֿודה אין ייִדישער קדושה. דאָס איז זײַן כּוח און גרויסקייט אין יענעם לאַנד.

די ייִדישע אַמעריקע האָט געוווּנען דעם העברעיִשן דיכטער יצחק זיל־בערשלאַג בהסח־הדעת, ווי זי האָט געוווּנען אַנדערע גרויסע ייִדישע שרײַבערס און פּאָעטן פֿון דער אַלטער היים. אַזוי ווי יענע, איז אויך ער געקומען פֿון זײַן גאַליציש שטעטל אַ „פֿאַרטיקער", באַלאָדן מיט ייִדישן וויסן און מיט וועלט־לעכער קולטור. חוץ זײַן טיפֿע קענטשאַפֿט פֿון יודאַיִזם, איז ער אַ מומחה אין אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן (דײַטש, פּויליש א"אַ) און אויך אין די אַלט־גריכישע און רוימישע קלאַסישע ליטעראַטורן, פֿון וועלכע ער האָט געמאַכט איבערזע־צונגען. אָבער זײַן עיקר עשירות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע און עס באַשײַנט אים — דאָס איז זײַן שאַפֿעריש־דיכטערישער טאַלאַנט און אינ־טעליגענץ.

זײַנע לידער דערציילן דעם סוד, ווי שווער עס איז צו זײַן אַ העברעיִשער דיכטער אין אַמעריקע, שווער פֿאַר אַזאַ איינעם, וואָס האָט זיך ניט געקענט איבערפּלאַנצן אין באָדן פֿון דער נײַער געלט־ציוויליזאַציע. דערפֿאַר איז פֿאַראַן דער ריס צווישן דער וועלט פֿון עמאָציע און דער וועלט פֿון פּראַקטיק; דער־פֿאַר שוועבט זײַן גאַליציש חסידישע שטעטל אין דיכטער־חלום לויכטיק און לײַכט, און אַמעריקע בלײַבט גרוי און אָרעם...

דאָס חרובֿע מער ניט־פֿאַראַניקע שטעטל איז געבליבן דער קערן פֿון זײַן מוזע. ער זינגט אויס דעם וווּנדער פֿון אַלטן נוסח, אין קאָנטראַסט צום נײַעם

שטייגער, — אַלטע טענער פון אימיגראַנטישע דיכטער, — אין העברעיִש לשון! אָבער דאָך איז אַמעריקע פאַר יצחק זילבערשלאַג ניט קיין „דיכטערישע פּראָבּלעם” — ער זינגט אויך פון איר גיגאַנטישן שוווּנג, פון אָקעאַנען און שטעט, וואָס אונטער זייערע פרעמדע הימלען שרײַבט ער זײַנע לידער. אין שמעלצטאָפּ פון פעלקער דערזעט ער אויך די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט און אומגלײַכקייט; ווײַס און שוואַרץ און די עוולות פון מענטש צו מענטש. די טעמאַטיק איז פאַראַן אין זײַן ליד, ווײַל אַ דיכטער וואָס זעט נאָר אַבסטראַקטע קאָמפּאָזיציעס פון פאַרבן און קלאַנגען, דערזעט ניט דעם מיטלפּונקט וואָס אַרום אים דרייט זיך אַלץ — דעם מענטש, און אַזאַ פּאָעזיע איז לכתּחילה פאַרמישפּט אויף פאַרגאַנג.

ס'איז אויך דער זכות פון דער פײַן־געשליפענער העברעיִשער פּאָעזיע פון יצחק זילבערשלאַג, וואָס לייענענדיק די העברעיִשע שירים פילט מען באַשײַמפערלעך דעם טעם פון קערנדיקן יידיש לשון — דאָס יידיש לשון פון יצחק זילבערשלאַגס חסידיש גאַליציִשן שטעטל. דאָס איז אַוודאי אויך דער זכות פון זײַן היים — דער ספר־היוחסין פון זײַן יידיש־פאָלקישער פוילן.

דרום־אַפריקע, 1963.

• פון פוילן ביז אַמעריקע (פּאָעמע): יידיש: ד. וואָלפּע. דרום־אַפריקע, 1963.

# דאָס געשריי פון דורות

מ. חסיד: דורות שרײַען מיך אַריבער. הילע און אילוסטראַציעס פון בען. אותיות געצייכנט פון א. גאָלדבערג. פאַרלאַג: פחד קראַני ורעדה. איוב. דער מאַנוסקריפּט פון בוך: דורות שרײַען מיך אַריבער האָט באַקומען דעם „י. י. סיגאַל ליטעראַטור פּריז". מאָנטרעאָל, תשכ"ט—1969. 141 זז.

א

מ. חסיד איז מיט זײַנע לידער געוואָרן דער פּאָעטישער שליח־ציבור פאַר אַלע עדהס ייִדן, וואָס זייער „אַש פון קוימען" גייט אים נאָך. ער איז דער דיכטער, וואָס האָט, אין נײַע טענער און בילדער, געבראַכט דאָס געשריי פון דורות אין דער ייִדישער דיכטונג. ער האָט דאָס געשריי אַנדערשדיק דערהערט, אין צעציטערטער שײַכות מיט אַלטע טעקסטן, פּסוקים, תּפילות. זיי זענען עס די אָריגינעלע ליכט־און שאָטן־רעפלעקסן פון זײַנע שורות, ווו ייִד־גורל צאַפּלט מיט געבעט און געוויין, מיט פּראָטעסט און מאָנונג, מיט ווונד און וויי.

מ. חסיד פאַרמאָגט אַ פּאָעטיש קערנדיקע קראַפט פלוס וויסן און מיטלען. ער דרינגט דורך דעם גאַנצן ייִד־מענטש־קאָמפּלעקס מיט זעונגען און חלומות, האַלוצינאַציעס און קאָשמאַרן, פרייד־ און טרויער־וויבראַציעס, פון וועלכע ער קנעט אויס זײַן בילדעריש־געדאַנקלעכן לידערשטאָף. בליציקע מעטאַפאָרן זענען צעזייט אין די סטראָפעס, אָבער ניט צוליב פוץ נאָר מער לשם תוך.

צוויי עלעמענטן ראַנגלען זיך אין חסידס פּאָעטישן געמיט: גאָט און זײַנע ייִדן, יויזל און זײַנע גויִים. דער קאָנפליקט צווישן דיביידע איז שאַרף, אָנגעשפּיצט. די גאַנצע משׂא פון ביטערע דערפאַרונגען, וואָס האָבן דורך דורות זיך אָנגעוואָלגערט, עלעהיי אַטאַוויסטישע שיכטן, אויף אַ ייִדיש האַרץ, שפּריצט מיט ברײַיקע אומפאַרגעביקע האַרטע ווערטער. אין אויג האָט ער דעם גרויסן חורבן. ער זוכט צו „פאַרלאַטען" דעם סינטעז — גאָט און זײַן ייִדיש פאָלק, אָבער ניט תּמיד לאָזט זיך עס. דערפאַר אָבער ברעכן זיך ניט די אַנאַלאָגישע ליניעס צווישן ייִד און גוי. ייִד בלײַבט ייִד, מיט אַלע אימפּולסן פון זײַן נשמה. אויף אַן עכטן אופן איז סובלימירט אין אים דער גײַסטיקער גלויבן, דערפאַר

קומט דאָס געשריי פון דורות אַרויס נאָך מעכטיקער. עס איז ניט נאָר אַנטוישונג אין די עשׂרת־הדיברות, נאָר מער נאָך איז עס דאָס פאַרענדערטע פּנים פון יידישן צאָרנדיקן גאָט.

אויפן גרונט פון די לידער לאָזט זיך אויפשטעלן די פילאָסאָפישע קאָנצעפּ־ציע פון חסידן וועגן ייד — און ייד איז ביי אים אויך מענטש (גוי איז ביי אים אַנדערש — און די טעזע פאָדערט בכלל אַ גרעסערע אַרבעט). קורץ פאָרמולירן וואָלט זיך עס לאָזן אַזוי: דער עיקר תמצית פון אַלע זיינע לידער איז דאָס האַרטנעקיקע האַלטן זיך ביי דער דיסציפּלין פון דער יידישער אַלטער תורה, ביי די יידישע מקורות, ווייל ניט געקוקט אויף אַלע (און אפשר: קעגן אַלע) אַנטוישונגען איז אונדזער מאָראַלישע שיינקייט און ריינקייט שטאַפּלען העכער ווי זייערע. אין דעם זיבעט מאַכט ער נייע גילויים אין אונדזערע סימבאָלן, אין ליכט פון דעם טראַגישן אומברענג. אין קאָנפראָנטאַציע מיט דעם גוואַלדיקן חורבן פון יידישן לעבן איז ער אָבער ניט קיין פורץ־גדר, ווייל יידיש לעבן איז ניט סתם הפקרות; איז — „וואָס שייך זיין אַ פּורק־עול אַז דורות שרייען מיך אַריבער".

דאַרף מען האָבן אַן אויער פאַר חסידס פּאָעזיע און מ׳וועט דערהערן אין זיין שטילסטן ליד דאָס געשריי. ס׳איז אַ מין יידיש־אינטעגירטער געשריי, וואָס איז פאַר דורות געלעגן פאַרקלאָמערט אין יידישע הערצער און האָט עקספּלאָ־דירט אין גיהנום־גלי פון אומקום. דאָס זעלבע געשריי איז אָבער אַרויסגעיאָ־מערט געוואָרן אין אַלע זשאַנערס און אין אַן אַ שיעור וואַריאַנטן פון אַ סך יידישע דיכטער און שרייבער פאַר די לעצטע 25 יאָר. חסיד האָט זיך „פאַר־שפּעטיקט" מיט זיין געשריי, אָבער ער האָט אים דערפאַר אויסגעטראָגן און אויסגעציצטיקט אין זיין האַרץ און מוח ביז דער פּערפעקציע פון אַנדערשקייט — ס׳איז זיין אייגן, זיין חסיד־געשריי. מ׳קען ניט לייקענען אַז די אַנדערע זענען אויך געווען אייגענע געשרייען, אָבער ניט זעלטן צו שרייִק, און צו מאָל באַ־דויערלעך־רחמנותדיק.

דער חוש פאַר דיכטערישער אויסקלייבערישקייט האָט חסידן געמאַכט דער־פילן, אַז דער איך־אָביעקט מוז איינגעגלידערט ווערן אין כאָר־געשריי פון אַלע יידישע דורות. דאָס אַליין מאַכט שוין יעדע פּאָעטישע שורה אוניווערסאַל און פאַרבונדן מיט דער אייביקייט פון וואָרט — וואָרעם דיכטער זענען די זעלבע אין אַלע ציטן. מ. חסיד האָט עס פאַרצייכנט בראָש הספר, ווי אַ מאָטאָ: „מיינסט אַז טויזנט יאָר נאָך מיר נאָך / וועט אַ דיכטער אַנדערש זיין / און עס וועט אים ניט מיין אומעט / מיט שיגעון אין קאָפּ אַריין? / און פון ראַנגלען זיך מיט שדי / וועט ניט הינקען ער אויף דר׳ערד — / און דאָרט אויסוויינען מיין ניגון / כאָטש ער האָט אים ניט געהערט?" דער זעלבער מענטשלעכער אומעט און ניגון איז אין אַלע דיכטער־הערצער אין אַלע ציטן.

ב

מיר האָבן גענומען אַלע לידער פון מ. חסיד ווי אַ גאַנצקייט, ווי דעם האָמאָגענעם אויסדרוק פון די יסודות פאַר אַלע ייִדישע דורות. אפשר טאַקע צוליב דעם מאָטיוו האָט דער דיכטער ניט צעשניטן זײַן בוך אויף סעריעס צי אָפּטיילונגען, ווי אָנגענומען, ווײַל ער האָט דערפילט זייער אַחדותדיקן קלאַנג, ווי ריינגעלעך אין אַ לידערקייט. עס איז איין געזאַנג אין פאַרשיידענע „עכאָס״, וואָס אַלע צוזאַמען שרײַען מיט איין קול, דאָס אחד־קול פון אַלע ייִדן.

אָבער יעדער ליד באַזונדער בעט זיך אַנאַליזירט צו ווערן, ווײַל עס לייענט זיך ניט בלויז צוליב עסטעטישער הנאה. אַ ייִדיש ליד, וואָס גיט אַ צופּ בײַם האַרצן, אַ צינד אָן די מחשבֿה, מוז מען לייענען אַזוי פיל מאָל ביז מ׳זאַפּט אים אײַן אין געמיט. די לידער פון מ. חסיד, חוץ קינסטלערישער פײַנקייט, זענען קאָנסטרויִרט פון פּסיכאָלאָגישע, סימבאָלישע און לירישע עלעמענטן, ווי צאַנרעדער וואָס באַוועגן אײַנע די אַנדערע, עלעהיי אַ גײַסטיקער מעכאַניזם. מיטן לייענען אַרבעט זיך די שטימונג אַרויף ביז אַ קלימאַקס, ווו מ׳בלײַבט געפאַנגען אין לידערשן געוועב. ערשט איצט דאַרף מען זיך אַרויספּלאָנטערן מיט פאַרשטאַנד און מיט אַ סדר, כּדי אויפצונעמען דעם געדאַנקלעך־אידעיִשן זין זייערן. איין זאַך איז אָבער גוט: זייער ליריש־סוגעסטיווער כּוח באַהערשט דעם לייענער נאָך איידער ער „דערהערט״ דאָס געשריי פון הינטער די שורות, פּונקט ווי מ׳דערזעט פאַר דעם דונער דעם בלענד פון בליץ.

דער אויסטערלישער איבערפלוס פון וויזועלע בילדער, דער שלל פון סורפּערלאַטיוון, זעונגען און עמאָציעס באַוועלטיקט דעם לייענער, וואָס מוז זײַן קוואַליטאַטיוו צוגעגרייט צו אַזאַ שפע. ניטאָ, דאַכט מיר, קיין פּוסטע שורות. מ. חסיד פילט ניט אויס פּוסטקייט מיט פּוסטקייט. אין בוך האָט ער אַרײַנגעבראַכט לידער, ווי פולע זאַנגען אין אַ שײַער — לידער פול מיט צאַפּלדיקן טרויער פון דור.

ער הייבט אָן דאָס בוך מיט אַ ליד „מײַן פרייד״. אפשר האָט ער געוואָלט זיך אַליין אַריבערשרײַען, אָבער די פרייד שפּאַרט מיט פאַרשטענדיקן טרויער פון אַלע שפּאַרונגעס פון ליד. ער דערפילט גלײַך אַז „אַ גאַריש האַרץ אין מיר צעשפּרינגט זיך״, און דערזעט, אַז „ביז וואָס־ווען טועט (שוין) פענצטער ווייַנען״. און פון דעם, וואָס „ייִדן שעכט מען אין די נעכט״, איז ניט ווײַט צוריק צו זײַנע „פאַרטאָגן אַזש פון בראשית, אַזש פון כּנען —״. דאָ טויכט אויף די גורלדיקע פראַגע: „האָט אַבֿרהם נאָך ניט געפונען דעם פאַרפּלאָנטערטן באַראַן?״ און צום סוף דערזעט חסיד, אַז „משוגעדיק נאָר זײַנען קוואַלן, וואָס מיר שעפּן פון זיי דיך, פרייד״. אַזוי פיל סימבאָליק און אַזוי ווייניק פרייד אין איין ליד. זענען טאַקע משוגעדיק די קוואַלן פון וועלכע אַ ייִדישער דיכטער שעפּט זײַן פרייד, וואָס איז אויך משוגעדיק.

דאָס איז דער אויפטאַקט צו אַלע לידער. אויך די וועלט איז זעלטן־מאָדנע פונאַנדערגעטיילט מיט דער מחיצה: ייִדן־גויִים. ער איז אין אַ ייִדישער וועלט,

מיט מאָדנע קוואַלן פון אומהיימלעכער פרייד, וואָס פון איר קלאָגט אַרויס דאָס טרויעריקע געשריי פון ייִדישע דורות. פון דער אַנדער זײַט: די „גויִישע מעת־לעתן", ווו „בײַ בלינדע טײַכן זײַנען מיר געזעסן — — ווײַטן, ווײַטן — אַלץ נאָך ניט פאַרגעסן, ווי עס קענען ווי טאָן גויִישע מעת־לעתן". ווײַל „בײַ היימי־שע טראַקטן ניוכען בלודנע־הינט הפקרדיק מײַן בלוט" און עס „הענגט אַ גרינ־בלעך יויזל אויפן כּרת־וועג".

צוויי וועלטן, צוויי גאָט־אויפפאַסונגען. דער ייִדישער וועלטבאַנעם איז בולט אין אַלע צײַטן, איצט און אין מיטלאַלטער (נאָמען פון ליד), ווען פון דעם ייִדס „אויסגעקרומטער צורה מאָלט פײַערדיק זיך אויס דער צלם פון איין גאָט". און ניט נאָר דורות שרײַען, נאָר אַפילו „גאָט ווערט אַ מענטשלעך געשריי". ווען „וועלט טוט פון אַקס זיך אַ בויג" און די יצירה איז אין סכּנה, דעמאָלט ווערט אויך גאָט מענטשלעך־נאָענט און שרײַט־אויף פון שרעק. נאָר אַ ייִדישער גאָט קען אַזוי זײַן, ווײַל ער האָט דאָס געפיל פון שרעק, בײַ זיי איז אָבער דאָס געפיל פון האַס — ווו „די שׂנאה איז אַרײַנגעוואַקסן אין דעם צלם" — און דער כּרת־וועג.

דער גוף און די נשמה פון אַלע מ. חסידס לידער זענען אויסגעפורעמט אין אַ זעלטן אידיאָמאַטישן לשון, ווו ייִדיש און לומדישער העברעיִש באַגעגענען זיך אין אַ צוזאַמענברידערונג פון באַגריפן. ער איז אַ לידער־עילוי, וואָס האָט צוזאַמענגעשמאָלצן אַ נײַע פּאָעזיע־עבֿרי, וואָס וואָלט זיך געוואָלט זינגען מיטן ניגון פון בית־מדרש. ס'איז אַ קינה אין מאָדערנעם עבֿרי־טײַטש, וואָס דער פּירוש־המילות איז קלאָר פאַר יעדן וואָס קען האַלטן אַ ייִדישן ספר אין האַנט. ס'איז דער מאָדערנער זשאַנער פון איובֿ און איכה.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם הויפּטמאָטיוו פון בוך, אָבער מיר האָבן אַוודאי באַמערקט די אַנדערע אַספּעקטן, וואָס מיר קענען דאָ, צום באַ־דויערן, ניט באַהאַנדלען. פאַר די תּנך־מאָטיוון און ישׂראל־לידער וואָלט מען דאַרפן באַזונדערע אַרטיקלען. ס'וועט אָבער זײַן גענוג צו זאָגן, אַז אויב דער באַגריף אוניווערסאַל פאַר ייִדיש איז ניט קיין פּאַראַדאָקס (און אפשר גראָד ווײַל ער איז עס יאָ!), זענען די לידער פון מ. חסיד דער סאַמע כאַראַקטעריסטי־שער אויסדרוק פון אוניווערסאַליזם. אַלע טעמעס ווערן בײַ אים אינסופיק־ייִדיש, ווי ס'וואָלט זײַן קאָסמאָלאָגיש אַ ספּעציפיש ייִדישע אַלוועלט, וואָס שרײַט אַריבער אַלע דורות.

דרום־אַפריקע, 1970.

• איבערגעדרוקט: קענעדער אָדלער, 1970.

# די שטים פון חורבן וואַרשע

יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... חורבן וואַר־שע, מיט געטאָ־צייכענונגען פון טעאָפילאַ רײַך, הילע געצייכנט י. בען (פּאַריז). אַרויסגעגעבן דורכן צענט־ראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, בוע־נאָס־אײַרעס, 1948. 543 זז׳.

א

יאָנאַס טורקאָוו איז ניט נאָר דער מאַן פון דער טעאַטער־בינע, פון ראַמפּע־ליכט און אַפּלאָדיסמענטן, ער איז אויך דער קולטור־מענטש, וואָס איז גײַסטיק פאַרבונדן מיט ייִדיש לשון, ווי אַ שאַפעריש דערצי׳עריש אינסטרומענט. ער אַנטפּלעקט זיך מיט זײַן גערעדטן און געשריבענעם וואָרט, ווי אַ גרויס טאַלאַנ־טירטער קינסטלער. לייענענדיק אָדער הערנדיק יאָנאַס טורקאָוון, פילט מען, אַז אַלץ וואָס זײַן מויל צי זײַן פען ברענגען אַרויס איז עכט, ערלעך, נאַטירלעך. ער קומט צום לייענער מיט אַ פּשוט פאַרשטענדלעכער שפּראַך, אָבער מיט די הייך־גראַדיקע מאָראַלישע ווערטן פון מענטש און ייִד, אין וועלכע ער גלייבט. דורך זײַן גלויבן, וואָס איז אָרגאַניש אַרײַנגעוואַקסן אין זײַן איך, דערהייבט ער זײַנע צוהערער און דערוועקט צוטרוי, פאַרערונג און ליבשאַפט.

איז אויף אים געפאַלן דער גורל, אַז ער, יאָנאַס טורקאָוו, זאָל ווערן דער פאַראייביקער פון חורבן־און־קאַמף־פּעריאָד פון דער גרעסטער ייִדישער קהילה אין אייראָפּע, — ביז צו איר אומקום אין הונגער און פײַער, — וואַרשע. ער האָט אַליין מיטגעמאַכט די אַלע יאָרן פון פּײַן און פאַרלענדונג אין זײַן אייגענער היימשטאָט. אין צוויי ביכער דערציילט ער די געשיכטע פון בלוט, טרערן און אויסזיכטלאָזן האַרטן ווידערשטאַנד אין דעם פאַרמויערטן געטאָ. זײַנע צוויי וואָגיקע ביכער זענען אַ הימלשרײַענדיקער באַשולדיקונג־דאָקומענט פון די אי־בערנאַטירלעכע לײַדן פון אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אויפן ראַנד פון זייער פאַר־ניכטונג. עס איז דער אויטענטישער, אמתדיקער מאַטעריאַל פון אַזוי איז עס געווען... עס איז דאָס פאַרקלעמטע געשריי פון אַן עד־ראיה, וואָס האָט מיט־געלעבט און מיטגעקעמפט מיט זײַן פאַרמישפּטער עדה — זײַנע ייִדן — „די מיליאָנען ייִדן פון די שטעט און שטעטלעך פון פוילן און ליטע, וועלכער מיר

(געמיינט: דיאַנאַ בלומענפעלד און דער מחבר — ד.וו.) האָבן געגעבן אַזוי פיל פריידיקע מינוטן בעת אונדזערע אויפטריטן ביי זיי״.

אַזוי איז עס געווען... וועגן חורבן וואַרשע, איז אַ וואָגיק ווערק הן אין כמות והן אין איכות. דער מחבר האָט ניט בלויז טרוקענע כראָניקעס פאַר־שריבן, נייערט אויך געשילדערט דאָס אַלגעמיינע לעבן אין זיינע אַלע פאָרמען, אין זיינע עליות און ירידות, אַלץ וואָס ער האָט דורכגעפילט און דורכגעטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס. עס איז אָבער ניט די טראַגעדיע פון אַ יחיד, ווייל יאָנאַס טורקאָוו האָט זיך דערהייבן איבער זיין פּערזענלעכן גורל און עמאָציעס, הגם עס איז מער ווי פאַרשטענדלעך, אַז עס איז אומפאַרמיידלעך דאָס פּערזענ־לעכע גאָר און גאַנץ אויסצולאָזן. איז דער מחבר נאָר איינער פון דער גרויסער יידישער מאַסע, אָבער ניט קיין מיטלפונקט, קיין באַזונדער איך.

יאָנאַס טורקאָוו איז דער אָביעקטיווער מעסטער פון די שווערע גייסטיקע שטימונגען און דעפּרעסיעס, אויפלייטערונגען און האָפענונגען, אין געטאָ. ער דעקט אויף דאָס ליכט, אָבער ער פאַרשטעלט ניט די טונקעלע פלעקן פון געטאָ־לעבן. ער מאָלט די תּקיפים, די „שטיוול־מענטשן״, אין זייער גאַנצער רישעות און געפעלנקייט. און גוט האָט געטאָן דער מחבר, וואָס ער האָט רעגיסטרירט און געשטעמפּלט די יידישע באַנדיטן, די פאַררעטערישע כנופיה פון געטאָ, און זייערע מעשׂים.

אַלע בילדער זענען אויפגעכאַפּט און פיקסירט אין זייער נאַטירלעכן גאַנג. דער דערציילער צעליכטיקט און אַנטוויקלט די נעגאַטיוון און מיר דערזעען דאָס בילד פון וואַרשעווער געטאָ אין זיין גאַנצן קאַטאַסטראָפאַלן גרויס, בעת דער סוביעקטיווער מאָמענט איז אויסגעלאָזן. מיר פילן ניט די מינדסטע אַריינמי־שונג פון מחבר אין די געשעענישן. ער רעטושירט ניט דאָס פּנים פון זיין געטאָ, עס איז אויך ניט פאַראַן דער טאָן פון פּערזענלעכן ברוגז צי כּעס אויף מענטשן. עס איז דער סימן־מובהק פון טיפן ערנסט און אַחריות פון שרייבן.

יאָנאַס טורקאָוו בלייבט אָבער ניט בלויז אין דער פונקציע פון אַ בילדער־אויפנעמער. זיין געמיט איז דאָס אומעטיקע געמיט פון כּלל יידן אין געטאָ. זיינע שטימונגען זענען זייערע שטימונגען. ער איז איינער פון זיי, דער אויפזויגער פון זייערע גרויסע ליידן און קליינינקע פריידן. זיינע זעלישע רעאַקציעס זענען עכט, טיף און גיבן זיך איבער אוממיטלבאַר און שטאַרק. מיר פילן באַשיימ־פּערלעך אַרויס די בלייִיק שווערע אַטמאָספער פון יענע חורבן־ און קאַמף־טעג. דאָס בוך איז געשריבן אין אַ פּשוט מענטשלעך־יידישער שפּראַך, און מיט די דאָזיקע איינפאַכע וואָרט־מיטלען האָט דער מחבר דערגרייכט דעם רעזולטאַט פון קאָנען אַריינפירן זיינע לייענער אין יענער אַנטמענטשטער ווילד־משוגענער צייט און סביבה. אָן ליטעראַרישע שיין־ריידעריי דערדערט ער זיך צום האַרצן און נשמה פון לייענער. די דירעקטע שפּראַך ווירקט, די פאַקטן בלייבן איינ־געקריצט אין זכּרון. דאָס איז די גרויסע דערגרייכונג פון למען תּזכּור!

## ב

דער מחבר האָט בײַם שרײַבן קענטיק אַלץ געדענקט. ער דערציילט אין זײַן הקדמה צום בוך, אַז „שוין באַלד צוויי יאָר, ווי איך בין באַפרײַט געוואָרן" און ערשט איצט נעמט ער זיך „איבערצוגעבן דאָס אַלץ וואָס איך האָב אין משך פון לאַנגע יאָרן דורכגעמאַכט, איבערגעלעבט און געזען". בכן, 2 יאָר נאָך דער באַפרײַונג איז דאָס בוך געשריבן געוואָרן, ווען די צײַט האָט נאָך געהאַט אויפגעהיט די פרישקייט פון די איבערלעבונגען און די פּרטימדיקע מאָמענטן זענען נאָך ניט געווען פאַרטושט און פאַרשוואומען דורך נײַע צײַט־געשעענישן. פאַר אַ ליטעראַריש גרויסע ווערק פון דער חורבן־עפּאָכע דאַרף מען געוויס האָבן דעם געהעריקן צײַט־דיסטאַנץ, און דערפאַר מסתמא איז נאָך אַזאַ ניט געשאַפן געוואָרן, אָבער די מעלה פון אַזוי איז עס געווען... וואָס דער מחבר האָט געפונען „דערצו די גוטיקע צײַט־פּערספּעקטיוו".

הגם דאָס בוך איז מיט הייסן אָטעם געשריבן, איז דער טעמפּאָ גלײַכמאָסיק און ניט איבערגעאײַלט. די צוויי יאָר־הפסקה האָט דעם מחבר געבראַכט רו און אַנטשפּאַנונג, וואָס האָט זיך אויסגעווירקט לטובֿה אויף זײַן שאַפערישער אַרבעט. ניטאָ קיין שרײַיִקייט, קיין נערוועזקייט. מיט רויִק געמאָסטענע ווער־טער איז געשריבן אַפילו וועגן די אויפרעגנדיקסטע איבערלעבונגען. מיר דער־וויסן זיך, טאַקע פון דער הקדמה, אַז דעם מחבר זענען בײַם שרײַבן דאָס בוך, שטאַרק צו ניץ געקומען אויטענטישע דאָקומענטן און אַ טאָגבוך, וואָס ער האָט געהאַט פאַרגראָבן אין געטאָ. דעריבער געפינען מיר אינטערעסאַנטע און וויכ־טיקע בילדער, מאַפּעס, דיאַגראַמעס, סטאַטיסטיקעס און פאַרגלײַך־טאַבעלעס, וואָס אילוסטרירן געוויסע צײַט־אָפּשניטן אין געטאָ וואַרשע.

אין די ערשטע קאַפּיטלען פון בוך שטויסן מיר זיך ניט אָן אַזוי אָפט אויף דעם דירעקטן אומקום, זײַנע פאָרמען און פרטים. די אַ אַנטוויקלונג פון דער לאַגע, מיט וויניק אויסנעמיקע שווידערלעכע עפּיזאָדן, גיט אונדז אַ פּסיכאָ־לאָגישע גײַסטיקע מיגלעכקייט זיך אַרײַנצולייענען אין בוך און אַרײַנגעצויגן ווערן טיפער אין זײַן אינהאַלט. געוויס האָט עס דער מחבר געטאָן שלא בכוונה, אָבער עס איז זיכער אַרויסגעקומען לטובֿה פאַר דעם חורבן־ווערק. אַפילו די נערוועזע יידישע לייענער, וואָס אַזעלכע ביכער „מאַכן זיי קראַנק", מוזן נאָכן אַדורכלייענען אַ 100, 150 זײַטן אַרײַנגעצויגן ווערן אין גאַנג פון בוך...

קיין צו פיל בלוטיקע פרטים, וואָס האָבן אין וואַרשע, ווי אין יעדער געטאָ, ניט געפעלט, מאַלט ניט יאָנאַס טורקאָוו אין זײַן בוך. צו ערשט קומט דער אַלגעמיינער הינטערגרונט, אַרומנעמענדיקע שילדערונגען, פּערזענלעכקייטן, מעשׂים־טובֿים און מעשׂים־רעים. די געשעענישן אַנטוויקלען זיך בהדרגהדיק, ביז צו דראַמאַטישע פּאַסירונגען, וואָס שוידערן אויף מיט זייער טראַגישקייט. ווי שוין געזאָגט, איז אין בוך ניט אונטערגעשטראָכן דער פּערזענלעכער מאָ־מענט. אַ פּאָר מאָל דערמאָנט ער, דרך־אַגבֿדיק, זײַן איינציק קינד מאַרגאַריט־

קעלע, כאָטש זײַן טאַטע־געפּיל — און מאַמע־געפּיל פון דיאַנאַ בלומענפעלד, — האָט געווים ניט פאַרלאָזן די עלטערן די גאַנצע צײַט אין געטאָ. ער שטעלט זיך אָפּ אויף פּערזענלעכע און פאַמיליע־מאָמענטן, נאָר אויך וויפיל זיי זענען נייטיק פאַר דער גאַנצקייט פון דער דערציילונג און דעם צוזאַמענהאַנג פון די פאַקטן. איינס אַזאַ קאַפּיטל איז אויפטרייסלענדיק מיט דער שילדערונג פון דער אַנטדעקונג פון זייער טעכטערל, צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער, דורך שיכּור־צעיור־שעטע רוצחים „אין שאַפ" (אַזוי הייסט דאָס קאַפּיטל) בעת דער אַרבעט. די לעצטע קאַפּיטלען אין בוך זענען אומגעווײנלעך שפּאַנענדיק און מען קאָן פּשוט ניט אויפהערן צו לייענען ביז צום סוף. און — ווען די קריסטלעכע פּרוי פירט דורך מאַרגאַריטקעלען (טורקאָווס קינד) דורכן געטאָ־טויער, אָטעמען מיר פרײַער אָפּ. דאַכט זיך, אַיין קינד פון טויזנטער, און דאָך פילט מען אַ דערלײַכטערונג.

מיט שטוינונג און געשפּאַנטקייט פאַרפאָלגן מיר דעם גורל־וועג פון דיאַנאַ בלומענפעלד און יאַנאַס טורקאָוו — דעם צופעליקן און כּסדרדיקן זיך ראַטעווען פון געפאַרן על־פּי נס ועל־פּי טעות. צום לעבן אויסדערוויילטע, פון דער שחיטה־שטאָט וואַרשע און פון הונדערטער קאָלעגן־אַקטיאָרן, זענען פאַרבליבן די צוויי. פון דער וואַרשע, ווו אַ יעדער ייִדישער קאָפּ איז געווען אָפּגעהיט פאַרן טויט דורך די דײַטשישע מלאכי־חבלה מיט זייערע רוצחישע פאַרבינדעטע — ליטווי־נער, אוקראַינער, פּאָליאַקן, לעטן, א״אַ.

אַלע עטאַפּן פון דער לאַנג־חדשימדיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ זענען ברייט באַשריבן. אַלע „אויסזידלונגען", וואָס האָבן געפירט צו די גאַז־אויוונס פון טרעבלינקע, טרייסלען אונדז אויף ביז די סאַמע טיפענישן. 2 חדשים, פון 22טן יולי ביז צום 13טן סעפּטעמבער (די לעצטע דאַטע האָט מען אַרויסגעפירט צום אומקום 60.000 ייִדן), זענען „אויסגעזידלט" געוואָרן, לויט דײַטשישע אָפיציעלע באַריכטן, 310.322 ייִדן. לויט ייִדישע אויסרעכענונגען, ווי יאַנאַס טורקאָוו גיט אָן, נאָענט צו אַ האַלבן מיליאָן. ניט ווילנדיק קומט אויפן געדאַנק דער פּײַנלעכער פאַקט, ווי שפּעט דער אויפשטאַנד האָט זיך אין וואַרשע אָנגעצונדן — בײַ די לעצטע 50.000 ייִדן.

דאָס בוך איז ניט בלויז געשיכטע און ערשטראַנגיקער אויטענטישער מאַ־טעריאַל פאַר די קומענדיקע היסטאָריקער פון ייִדישן חורבן, עס איז אויך אַ הער־לעכע און אייביקע מצבֿה אויפן אומבאַקאַנטן קבֿר פון ייִדישן מאַרטירער־פאָלק, אין געטאָ וואַרשע.

אַזוי איז עס געשען... איז די לעבעדיקע שטים פון חורבן־וואַרשע.

דרום־אַפריקע, אַפּריל, 1956.

# דער ווערטערפּלאַם פֿון שיִע טענענבוים

## צו זײַן טאָפּעלן יובֿל

### א

שיִע טענענבוים איז אין 1980 געוואָרן אַ בן־שבֿעים, און הײַיאָר ווערן פֿופֿציק יאָר זינט ס׳איז אַרויס זײַן ערשט בוך, די פּאָעמע עאָופּאָריאָן. פֿון זינט דעמאָלט האָט ער זיך צעשפּרייט און צעוואַקסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן האָרעפּאַשנער יצירה.

צו זײַן קרעדיט פֿאַרמאָגט ער שוין הײַנט 24 ביכער, ס׳רובֿ פֿול־תּוכיקע, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ גאַנצע טענענבוים־ביבליאָטעק. די טעמאַטיק רעפֿלעקטירט דעם פֿילקאָליריקן ספּעקטער פֿון לעבן, ווו מיר טרעפֿן זײַנע ייִדן, זײַנע מענטשן, שרײַבערס און פּערזענלעכקייטן, משפּחה־ און, בעיקר, אויטאָביאָגראַפֿישע דערציילונגען און זכרונות, ווו מיר באַקענען זיך מיטן מחבר אין זײַן אינטימער פּערזאָניפֿיצירונג. איז ממש אוממעגלעך, מחמת פֿולקייט און פֿילקייט, אַרומצונעמען דעם גאַנצן טענענבוימיש־קרעאַטיוון מאַסיוו אין איין מאמר.

על־כּן ווילן מיר אין אונדזער געגעבענער רעם פֿאַרצייכענען, אין ברייטערע ליניעס און כּוללדיק, די וויכטיקסטע מאָמענטן וואָס כאַראַקטעריזירן טענענבוימס שאַפֿן. ראשית, טאָרן מיר ניט לאָזן פֿאַרשאָטענען דורך די בערג פֿון כּמות דאָס צעשפּרייטע ליכט פֿון איכות. צעשפּרייטע מיין איך — די לויזע, פֿליסיקע טעמאַטיק, ווי זי ווערט ספּאָנטאַן אויפֿגעכאַפּט פֿון מחבר און דורך זײַן פּען איבערגעשמאָלצן אין בעלעטריסטיק און עסייִסטיק. שנית, און ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דאָס פֿריִערדיקע, דאַרפֿן מיר אַנאַליזירן די צעפּיצלטע באַזונדערקייט און צעוואָרפֿנקייט פֿונעם טעמאַטישן שטאָף ווי איין גאַנצקייט, וואָס איז אין גרונט אָרגאַניש און גײַסטיק פֿאַרוועבט. טענענבוימס שעפֿערישער רכוש איז אָנגעוואָרפֿן ווי שטיקער צירונג, וואָס דאַרף סאָרטירט און קלאַסיפֿיצירט ווערן (און אויף דעם איז נייטיק אַ מאָנאָגראַפֿיע), אָבער אויף איטלעכן שטיק איז פֿאַראַן די ווערטיקע ליטעראַטור־מאַרקע פֿונעם מחבר. אַזאַ ברויזיק־שעפֿערישער טעמפּעראַמענט איז ניט ביכולת צו קומען צו דער שלווה, וואָס מ׳דאַרף כּדי אויפֿצובויען גאַנצע און גרויסע ווערק. זײַנע קרעאַטיווע אימפּולסן ברעכן זיך אויף אין שטורעמס, ווי אַ שטייגער דער ים, ווו מע קאָן ניט מעסטן די כוואַליעס לויט באַרעכנטע ליניעס, ווי אַרכיטעקטור. און די שעפֿערישע שטורעמס ברענגען די טעמאַטישע צעשפּריצטקייט און שיינקייט פֿון דעם טענענבוים־אומרו. די

שטילערע, מנוחהדיקע טיילן, זענען ווי וואַסער־טראָפּנס פון אַ פאָנטאַן, צע־שפּרענקלט אין זון, אין שאָטן און אויך — אין דער נאַכט...

אַז מ׳לייענט איינס נאָך איינס די פראַגמענטאַרע שטיקער און שטיקלעך, שליסן זיי זיך צוזאַמען ווי רינגען אין אַ קייט און ס׳אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזער אויג איין גרויס ווערק — אַ מאָנומענטאַלע מאָזאַיִק. אין דער מאָזאַיִק דאָמינירן אַלע ניואַנסן פון טונקל, בעיקר גרוי און שוואַרץ; זעלטענער קומען די ליכטיקע פלעקן. פּונקט אַזוי קלינגט פון זײַן ניגון אַרויס דער מינאָרער טאָן, בענקשאַפט עלנט און גאַרונג צו אַ בעסערער און שענערער וועלט. ס׳איז דער רעוואָלט קעגן סבֿיבֿה, קעגן מענטשן, קעגן סדר־העולם און, אפשר, קעגן זיך אַליין. דער דאָזיקער אומרו, וואָס שפּרינגט כּסדר פון די הייסע שורות, צו מאָל האַרט און שטעכיק, איז אָבער אין תּוך אַ מער אינטעלעקטועלע און אַפילו וויזיאָנערישע איבערלעבונג און זעלטן אידעיִש צי גאָר קעמפעריש. פון דעם וואַקסט אַרויס אַ מין טענענבוימישע פילאָסאָפיע פון שטאָלצער הכנעה לגבי דעם לעבן, די אימפּעראַטיוון פון עטיק, דעם מענטש און דער אָרדענונג פון דער וועלט.

## ב

אין זײַן בוך אַ האַנט פאַרשרײַבט (1953) רעדט טענענבוים וועגן זײַן שלי־חות ווי אַ שרײַבער, וואָס דאַרף פאַראייביקן און דערציילן וועגן אַלץ און אַלע־מען „מיט פײַער און בלוט אין דעם גאַנג פון די דורות״. דאָס איז זײַן קינסט־לערישער אַני־מאמין, וואָס קומט אָפּט צום אויסדרוק אין זײַנע ביכער.

אין בוך דיכטער און דורות (1955) געפינען מיר אַ פאַרצייכענונג אין אַ מיניאַטוריקן פאַראַגראַף: „מאַטאָ צו מײַן לעבנסווערק״, ווו ער מאַכט אַ דער־קלערונג וועגן „די מיסיע פון מײַן אַרבעט״, וואָס ווערט געטאָן דורך „מײַן מיט פײַער־אָנגעצונדענעם וואָרט...״ דאַטירט: ניו־יאָרק, יאַנואַר 12, 1945.

דורך די איבער 35 יאָר, ביז הײַנט, האָט אים דער פײַער־שעפערישער אימ־פּולס ניט אָפּגעלאָזט. דאָס זענען געוועזן זײַנע סאַמע פּרוכטיקסטע יאָרן, ווען דער כּמות איז אויסגעוואַקסן צו אַן אַרומנעם און פאַרנעם, וואָס איז גאָר זעלטן אין אונדזער ליטעראַטור, און פאַראַלעל איז אויך געשטיגן דאָס איכות פון זײַנע ביכער.

פון וואַנען נעמט זיך אַזוי פיל הייס בלוט און יצירה־פײַער צו איין שרײַ־בער? ס׳איז לפי־דעתי, די כּסדרדיקע רעגענעראַציע פון גײַסט, דאָס אָפּפרישן זיך נאָכאַנאַנדיק מיט נײַע אַרויסרופן צו זיך און צום רוח־הקודש אין זיך. טע־נענבוים האַלט אין איין אָנלאָדן זײַנע מוח־ און האַרץ־באַטעריעס מיט שעפערישן בלוט און פײַער, כּדי זײַן פּראָדוקטיוויקייט זאָל ניט פאַרשטילט ווערן. אַדרבא, מען שפּירט דעם עודף אינספּיראַציע וואָס שפּאַרט פון זײַן געמיט און פילט אָן זײַנע שײַערן מיט רײַפע יצירה־קערנער.

דעריבער וווּנדערט אונדז ניט די סקאַלע פון טעמאַטישע קלאַנגען, וואָס ער

שפּילט אויף מיט איין מאָל, און במילא ניט דער פיזישער אויסשפּרייט פון זײַן ליטעראַרישן פּאַרמאָג. ער איז ווי דער רײַזנדער וואָס וויל אַנטפּלעקן אַלץ ווײַ־טערדיקע האָפנס. בעיקר איז אינטערעסאַנט דער אַספּעקט פון זײַן וואָקאַבולאַר, ווו ס'איז פאַראַן דער שליסל צו דעם רעטעניש, ווי דאָס פײַערוואָרט ווערט צו־זאַמענגעשמאָלצן מיטן אינהאַלט, בבחינת אַ קלאַנג פון אַ גאַטע, וואָס אָן איר וואָלט ניט געווען גאַנץ די האַרמאָניע. אין זײַן שיינגײַסטיקן, ניט זעלטן עקס־טאַטישן שרײַב־נוסח, ווו ווערטער ווערן פינקלדיקע סינאָנימען און באַגריפן, דערגייט שיע טענענבוים אין אַ טייל פון זײַנע דערציילונגען און עסייען צו אַ מײַסטערשאַפט, וואָס דערמאָנט די גוטע מוסטערן פון אייראָפּעישער שרײַב־עלעגאַנץ און עספּרי.

און נאָך אַ רעטעניש: פון וואַנען נעמט זיך דער פענאָמענאַלער כּוח צו זײַן פאַרשפּאַרט צענדליגגער יאָרן אין אַ ניו־יאָרקער בעטאָנענער שטײַג און צו מאָלן און איבערמאָלן אויסגעטראַכטע און אייגענע, אין זיך פאַרשלאָסענע וועלטן? דער ענטפער, ווידער, איז: דאָס גײַסטיקע וואַנדערן, צוריק און פאָרויס, צו אייגענע 'שטיקער' לעבן און אַרײַנאָטעמען זייער 'געוועזענע' אַטמאָספער. דער וואַנדערגײַסט איז די אומאויסשעפּיקע ענערגיע וואָס שפּײַכלערט אים כּסדר אָן מיט פרישן יצירה־כּוח און ווי אַ רעזולטאַט דערפון ווערן מיר באַלוינט מיט נײַע ווערק. פון אינטענסיוו־קוואַליקן גײַסט אין זיך שעפּט ער דעם רעאַליסטישן און אויך מיסטישן מאַטעריאַל פאַר זײַן פיל־זשאַנערדיקער יצירה. אויך גיט ער אָפּ אַ חשובֿן חלק פאַר דער יידישער חורבן־תקופה, פאַר אירע העלדן און קדושים, ווי למשל אַנאַ פראַנק, אַ לאַק אין מײַדאַנעק וכדומה.

ג

אין דער קאָנגלאָמעראַציע פון די טעמעס, לאָזט טענענבוים ניט אַדורך קיין ענין וואָס רירט אים אַליין אָן. ער איז תּמיד וואַך צו די גרעסערע און אויך קלע־נערע פאָרקומענישן אין זײַן סבֿיבֿה, בײַ נאָענטע מענטשן, און מיר האָבן דעם רושם אַז ער האַלט אין איין שרײַבן קאַפּיטלען און פראַגמענטן פון זײַן אייגן לעבן. אָבער ווען מיר באַקענען זיך נעענטער מיטן אינהאַלט פון די ביכער, באַ־מערקן מיר ווי דער אינטערעסן־ראַדיוס ברייטערט זיך כּסדר אויס, ווײַטער פון צענטער, און אין זײַן היקף דרייען זיך אַרײַן די פאַרשיידנסטע סוזשעטן. אייב־צײַטיק טוט ער אַראָפּנידערן צו אייגענע טיפן און ברענגט אַרויף ליכטיקע, מיטן טוי פון אומעט פאַרהויכטע פּערל. און ווײַל ער פילט זיך ווי אַ יחיד אין מענטש־לעכן לעבנסקרײַז, ווײַל ער אַז קיין האָר פון זײַן אייגענער דראַמע זאָל ניט פאַר־לוירן גיין און אין דער תּאווה צו פאַראייביקונג כאַפּט ער פון מאָל צו מאָל 'אַלץ' וואָס קומט אונטער דער האַנט.

דאַרף מען קאָנען טיפער אַרײַנקוקן אין זײַן געדיכט־אָנגעמאָלענעם לײַוונט, כּדי אָפּצושיידן און פונאַנדערטיילן ליניעס און קאָלירן — די פּרימאַרע מענטש־

לעבע פּסיכישע קאָנפליקטן און נשמהדיקע ראַנגלענישן פון די סעקונדאַרע גיך־רעגיסטרירטע געשעענישן. אַפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז זײַן אינסטרומענט איז איינסטרוניק, כּישופט ער אַרויס פון דעם איינסטרונע־אָרקעסטער די גאַנצע סקאַלע טענער. ס׳איז די ליריק און עפּיק פון אייגענעם געמיט, פון מינאָרן קלאַנג פון אידילישער שטילקייט און נאָסטאַלגיע ביז צום אויפגעשטורעמטן פּערזענלעכן רעוואָלט. די דאָזיקע אַנטיפּאָדישע קלאַנגען ווערן אינטעגרירט בעתן שאַפונגס־פּראָצעס, עלעהיי אַ ים וואָס דער שטורעם בושעוועט אונטער זײַן רויִקער פלאַך.

צוזאַמען מיט און דיאַמעטראַל צו דער איכישער טעמאַטיק שפּרייט זיך אין זײַנע ביכער די אוניווערסאַלע טעמע: גרויסע גײַסטער פון וויסנשאַפט און קונסט, באַרימטע שרײַבערס און פּערזענלעכקייטן — ייִדישע און ניט־ייִדישע. די אַרבעטן, קריטישע אַרטיקלען און עסייען זענען געשריבן מיט וויסן און פײַנ־פילעוודיקייט. ס׳איז דאָס אומרויִקע זוכעניש פון מענטש, חבֿר, פרײַנד. פאַר־שטייט זיך אַז סוביעקטיווע שײַכותדיקייט קאָן דאָ ניט פאַרמיטן ווערן, אָבער דאָס איז ניט קיין חסרון ווײַל ס׳איז ניט אַנטאַגאָניסטיש אָדער אין קוריאָזער באַלויכטונג געשריבן, פאַרקערט גאָר: די אַלע שרײַבערס, מאָלערס, קינסט־לערס, וועמען ער האָט געקענט, שילדערט ער מיט אַ סך האַרציקער וואַרעמקייט, פאַרשטענדעניש פאַר זייער הנהגה און גורל, און ניט זעלטן מיט ליבשאַפט. דאָס ברייטערט אויס דעם איכיש־אוניווערסאַלן האָריזאָנט: דער טרויעריק־ליימיקער שוועל בײַ די פּיס און דער זוניק־צעכוואַליעטער רוים איבערן קאָפּ. דאָס איז זײַן געמיט, זײַן כאַראַקטער, זײַן נאַטור.

אַזעלכע יצירות שרײַבט מען ניט מיטן קאַלטן סטיל פון ליטעראַרישע רע־צעפּטן. האָט טאַקע טענענבוים אַרײַנגעאָטעמט אין אינהאַלט אַ ווערטערפלאַם, בבֿחינת בלוט און פײַער, און מיט דעם צוזאַמענגעשמאָלצן די אָביעקטן. ווי ס׳ווערן אַמאַלגאַמירט טײַערע מעטאַלן. און ווײַל מענטש איז בײַ טענענבוימען דער רוח־החיים פון זײַן דערציילערישן און דראַמאַטישן שטאָף, אַנטפּלעקט ער אים פאַר אונדז אין פאַרגרעסערטע און פאַרשענערטע דימענסיעס און טאַקע מחמת דעם, צו מאָל אין זײַן גראָטעסקער איבעראַנדערשונג. דאָס איז דער תּמצית פון טענענבוימס פילן און דענקען, אַזאַ איז זײַן שעפערישער אמת. ווי אַ שרײַבער וואָס גלייבט אין זײַן אמת, היט ער אָפּ דאָס פײַער פון וואָרט וואָס קומט מיט ווידער בײַנײַונג.

### ד

אין דער מיניאַטור־פאָרעם, אין געציילטע שורות אָדער פּאַראַגראַפן האָט שׂיִע טענענבוים אַרײַנגעפּרעסט אַ וועלט, אַלץ וואָס האָט געדריקט אויף זײַן גע־מיט. דאָ האָט ער געשאַפן כּמעט אָן אייגענע דיסציפּלין, ווו ער האָט אַלע ספּאָנטאַנע אויסבראָכן, מעדיטאַציעס, עפּיזאָדן, אַפילו אַ מיקראָ־דערציילונג, געבראַכט אין צוזאַמענגעראָלטן אינהאַלט, ווי קליינע מגילות. דער מיניאַטור־

פענאָמען וואַקסט אין קאָמפּאַקט־נאָרמירטע מאָסן, אַ קיצור אין גראַנדיעזן תמ־צית, ווו וואָרטסובסטאַנץ איז צימצומדיק און פול ווי אַ קערן. דעם אָ מין פון טענענבוים־מיניאַטור וואָלט מען געקאָנט אָנציילן אין די צענדליגער.

ס'איז ניט בלויז דער שמאָלער לייוונט ; אויך אין קאָנטעקסט פון די ברייטערע פּראָזע־קאַנוועס איז דאָ און דאָרטן אַרײַנגעוועבט דער גאָלדענער פאָדעם פון מיניאַטור. און דאָס זענען ניט קיין עקלעקטישע שטיקער, נאָר אַ גרונטטאָן אין דער טעמע, אַחדותדיק און ניט צעריסן. דער אַקאָרד פון מיניאַטור מאַכט קלאַנגיקער און פאַרביקער די קאַפּיטלעך — דערציילונגען און זכרונות פון היים און שטעטל, צי אַמעריקע, ווו דער שרײַבער לעבט זינט 1934. אַרום דער ברייטער אַקס פון סוביעקטיווע טעמעס דרייען זיך אַן אַ שיעור טיפע און קלוגע אַרײַנבליקן אין גשמהדיקע קאָנפליקטן, אין פסיכישע און עמאָציאָנעלע אויפרו־דערונגען, בײַ זיך און בײַ אַנדערע. דאָ קומען בולט אַרויס עצבֿות און פרייד.

ווי פון זיך קומט אויף די שאלה: צי קאָמפּענסירט די שאַפונגפרייד דעם עלנטן גורל פון שרײַבער ? אין טענענבוים־פאַל דאַכט אונדז אַז יאָ. זײַן קינסטלערישזוכעניש טוט מיט אים חסד, וואָס ער קאָן אויפבויען פאַר זיך אַן אילוזאָרישע וועלט, ווי זײַן ראַטונעק פון חומרדיקע ערדישע גליקן. אַזוי שליסט ער זיך אָפּ אין זיך, אין דער ענגער געדונגענער קאַמער בײַ אַן עלנטער פרוי, צי מאַדאַם, אין ניו־יאָרק און אָפט באַקענט ער אונדז מיט די עקסצענטרישע כאַראַקטערן פון זײַנע בעל־הביתטעס.

דאַרף עס זײַן נאָרמאַל, אַז אין אַזאַ איזאָלאַציע־אַטמאָספער זאָלן אויפקומען ניט ווינציק איובֿ־מאָטיוון. איינס פון זײַנע ביכער איז טאַקע באַטיטלט מיטן נאָמען פון זײַן דערציילונג: „איובֿ פון לעמבערג“ — אַ גרויליקע געטאָ־געשיכ־טע. צי קאָן גאָר זײַן אַ מער אויטענטישער יסורימדיקער איובֿ ווי אַ פּראָסטער געטאָ־ייִד ? פון דער צווייטער זײַט באַשאַפן התבודדות און אָפּגעזונדערטקייט פליגל, וואָס דערהייבן צו אַלוועלטישע אידעעס, צו ליב האָבן און קאָנען מוחל זײַן. די אָ אַבסטראַקטע טערמינען ווערן בײַ שיִע טענענבוים קאָנקרעטיזירט און גרויסע דאָזעס פון דעם אָ גוטס געפינען מיר אין זײַנע ווערק. דער טאַלאַנט און דאָס יכולת פון שאַפן איז אַוודאי אי זײַן היילונג, אי זײַן שׂכר.

אין די טויזנטער בלעטער פון זײַנע ביכער איז בולט אָפּגעשטעמפּלט דאָס מהותדיקע פון זײַן שעפערישער דיאַלעקטיק. ס'איז דער וועג און יסוד וואָס איז ייִדיש־פאָלקיש און הומאַניטאַר־מענטשלעך. ס'איז דער גלויבן אין מענטש און ייִד, ווען בײדע באַגריפן ווערן סינטעזירט און באַהאַפטן אין איין באַגריף. זײַן קינסטלערישער קרעדאָ איז: דער אמת פון וואָרט. דער אמת זאָל זײַן דײַן שטערן איז ניט בלויז דער טיטל פון זײַנס אַ בוך, נײַערט שרײַבערישער אַרויס־רוף צו זיך אין גערעַנגל מיטן אימפּעראַטיוו אמת. ווײַל דער וואָס קעמפט פאַר אמת מוז, ראשית־כל, אַליין זײַן אָפּגעהיט און ערלעך ניט אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן, מכל־שכן־בכתבֿ, דאָס דאָזיקע וואָרט אומזיסט, בפרט אַז דאָס איז דער אייגענער און גאָענטסטער אמת „פון מײַנע טאַטע־מאַמע“, וואָס ער שרײַבט

„אין דעם דאָזיקן ערשטן באַנד פון מײַנע אויטאָביאָגראַפישע שריפטן". שיִע טענענבוים איז און בלײַבט איינער פון די אַחריותדיקסטע שומרי־אמת פון ייִדישוואָרט.

## ה

די סעודה פון וואָרט, איינס פון די דרײַ לעצטע ביכער, איז אַרויס אין 1976. דאָס אונטערקעפּל צום בוך איז מפרש: „די גרויסקייט פון קליינע זאַכן". האָבן מיר דאָ אַ שלל מיניאַטורן פון סאַמע אויסטערלישסטן „מעניו", אויך אין עקס־טרעמסטער קורצקייט פון 5־6 שורות. און פון דעם לאָזן זיך אָפּקלײַבן די ווויל־בשׂמימדיקע מטעמים פון זײַן שרײַבטיש. די 'סעודה' פּראַוועט שיִע טענענבוים מיט פּיעטעט, מיט אַן אייגן־צוגעריכטן שרײַבקולט. מיר פילן עס אין דער פּאַר שיכּורטקייט און ליבשאַפט צום וואָרט, עלעהיי אַ חסידישער ייִדיש־רבי וואָס זאָגט ליטעראַרישע תּורה. לאָזט זיך טאַקע כאַפּן אַ רעכט ביסל שיריים פון זײַן טיש און זיי לײַכט פאַרדײַען. אין די 'קליינע זאַכן' איז פאַראַן אַ קאָלאָסאַלע אָנלאָדונג פון כּלערליי געמיטער, בפרט סוביעקטיוו־איכיקע, און אין דער ענג־שאַפט בלײַבט נאָך גענוג רוים אַרײַנצופלעכטן וואַרײַרטע בילדער. אַזוי וואַקסן די 'זאַכן' אויס צו זייער אמתער גרייס און ווערט. אויף די בלעטער איז פאַר־קריצט מיט קלאָרע און שאַרפע שטריכן זײַן אייגענער אימאַזש, זײַן פּערזענ־לעכקייט, ווי אַן אויטאָפּאָרטרעט. פון די 'קליינע זאַכן' דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט ליב די פּראַכט פון לעבן און פאַרמיאוסט זײַנע אומווערדיקייטן. דאָ ליכטיקן און שאָטענען קליינע שפּילערײַען פון לעבן, דאָ פאַרטיילט ער זײַן דראַמע אין קורצע אַקטן, דערמאָנונגען, פאַרצייכענונגען. דאָ פילן מיר זײַן סימפּאַטיע און ליבשאַפט פאַר די געקריוודעטע און געשלאָגענע, פאַר די גע־רעכטע און מאַרטירערס, זײַן פּראָטעסט קעגן רישעות און רשעים.

אָבער נאָר פּראָטעסט און ניט קאַמף, ווײַל שיִע טענענבוים איז בטבֿע אַ שלום־מאַכער מיטן גורל. אין זײַן שווער־באַשערטן לעבן, ווו ער איז אויך אַ שרײַפּל אין מאַשין פונעם סאָציאַלן געראַנגל, טוט ער דאָס שליחות פון אינטע־לעקט און ליטעראַט. הגם זײַן פּײַערוואָרט איז ניט בכּוח אויפצורײַסן דעם סדר־העולם, איז ער, דער געוועזענער אַרבעטער, ניט קיין פרעמדער אין דער מחנה אומצופרידענע — ער קען זיי און ווייס זיי און חבֿרט זיך מיט זיי און באַשרײַבט זיי: פּראָלעטאַריער, קינסטלערס, וואַגאַבונדן, רעוואָלוציאָנערן, שרײַבערס און באַהעמיער.

טאַקע מחמת דער חבֿרשאַפט מיט מענטשן פון אַלע קלאַסן און שיכטן, זענען די מעשׂיות וואָס ער דערציילט איבער פון זייער מויל אויטענטיש און באַגלייבט, דער אמת פון ערשטן מקור. ער דערציילט זיי, פאַרשטייט זיך, מיט אייגן לשון, צו מאָל מיט פאַנטאַזיע און אַ פײַנעם ליטעראַרישן שליף, אַז זיי ווערן פון כראָניק פאַרוואַנדלט אין פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען. די אמתע איבערדערציילטע פּאַסירונגען און שילדערונגען אויף אַלערליי מעגלעכע טע־

מעס זעגען אַ גרונט־עלעמענט פון זײַן זשאַנער, זינגט זײַן דעביוט מיטן ערשטן פּראָזעבוך, בײַ דער וועלט צו גאַסט, פאַרלאַג ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1937. וועגן דעם רעלאַטיוו ניט גרויסן בוך (182 זײַטן), האָט ש. ניגער אָפּגעדרוקט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג אין טאָג. ניגער האָט ראשית־כל מבטל געמאַכט די ״נײַע מאָדע׳ וואָס האָט זיך „געוויזן אין דער ליטעראַטור — קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש״. ער, דער קאָנסערוואַטיווער קריטיקער, זעט אין דעם אַ דורכויס נעגאַטיווע דערשײַנונג, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער יידישער ליטעראַטור פון דרויסן — אַ מאָדע. צו דער נײַער מאָדע געהערט אויך שיִע טענענבוים.

והשנית, באַמערקט ניגער אַז דער מחבר, „וועגן וואָס און וועגן וועמען ער זאָל ניט שרײַבן, איז ער אַלץ אויסן זיך אַליין״. והשלישית, די „דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן״, ווי דאָס בוך איז קלאַסיפיצירט, זענען ניט דאָס און ניט יענץ. „ער איז אַן אויפריכטיקער, אַן אָפּנהאַרציקער פּאָעט, אַ פּאָעט אין פּראָזע״ — רעזומירט ניגער.

ניט געקוקט אויף דעם פּסק־דין פון אַזאַ ערודיט ווי ש. ניגער, האָט שיִע טענענבוים אָנגעהאַלטן זײַן גאַנג. דער קריטיקער האָט אפשר לכתחילה ניט אויפגעכאַפּט דעם פרישן אָטעם פון דער אייראָפּעיִשער מאָדע, אָבער טענענבוים האָט זײַן קונסט דורך די יאָרן פאַרפײַנערט און אויסגעמײַסטערט אין אַן אייגענעם דרך. דאָס נײַע איז געקומען מיטן געראָטענעם סינטעז פון דערציילונג־רעפּאָרטאַזש, וואָס איז אי פּראָזאַיִש און אי קינסטלעריש. דאָס איז שיִע טענענבוימס אָריגינעלער בײַשטײַער צו אונדזער ליטעראַטור.

ו

אַ פולן יובֿל, גאַנצע 50 יאָר איז שיִע טענענבוים אָפּגעזעסן על העבֿודה פון אונדזער יידישער ליטעראַטור. ער האָט מיט התמדה און מיט אַלע אַקטיווע שרײַבערישע אימפּולסן אויסגעפירט זײַן „מיסיע״. ס׳איז אפשר וויכטיקער געווען די אומפּעיִקייט צו זײַן ווי אַלע, ווי די הנאה צו זײַן אַנדערש ווי די וועלט אַרום. דערפאַר טאַקע האָט ער ניט געזוכט, און ניט געפונען, מאַטעריעלע גליקן און ווילטאָג, נאָר באַוווסטזיניק און מיט אַלץ מער אָנוואַקסנדיקער שׂימחת־היצירה זיך פאַרקנסט צו דער פּעדער. אויף זײַן שעפערישן פּאָלוס איז טאַקע געווען קאַלט, אָן אַן אויסקוק, דערדריקנדיק אין ממשותדיק־ערדישן זינען, אָבער דערפאַר אַ קויף פון פרייד און ליכט אין גײַסטיקער סאַטיספאַקציע. מיט כמעט פאַנאַטישער פרומקייט האָט דער שעפערישער פרוש, שיִע טענענבוים, פרײַוויליק געדינט זײַן ציל. און הײַנט, אין אָנהייב פון צווייטן יובֿל, איז ער נאָך שטאַרק פּראָדוקטיוו, מיט מוט און שרײַבערישע פּלענער פאַר נײַע ווערק. ווי טיף און באַטירלעך פאַר זײַנע יאָרן דער אומעט און די גרויע עלנט זאָלן ניט שאָטענען אין די בלעטער, איז אָבער נאָך אַלץ גרעסער די צאַפּלדיקע פרייד אינעם שׂכר פון יצירה. אָן דער שׂימחה און דעם אײַזערנעם רצון, וואָלטן זײַנע ביזאיצטיקע

ווערק ניט געוואָרן אַ יש. שאַפֿן און שרײַבן איז נאָך אַלץ די טרײַבקראַפֿט און דער נשמהדיקער סטימול אין לעבן פֿון אַזאַ איינעם, וואָס דער ייִדיש־ניגון האָט אַרומגעמויערט אַרום אים אַ שוצוואַנט פֿון קיום. אין זכות פֿון וואָרט עקסיס־טירט ער און אין זכות פֿון זײַן מסירות צום וואָרט ווערט באַטײַטיקער און פֿולער אונדזער ליטעראַטור־קאַסע.

שיִע טענענבוימס קרעדיט איז אַנזעעוודיק אין אַלע זשאַנערס וואָס ער האָט געשאַפֿן. ס׳איז עכט דער קלאַנג פֿון זײַן דיכטערישער און פּראָזאַישער מטבע, ווי די גאָלדענע רענדלעך מיט וועלכע ער צאָלט אָפּ טאַטע־מאַמע פֿאַר דעם יצירה־דראַנג וואָס ער האָט פֿון זיי געירשנט. זײַן וואָרט לויכט דורך די פֿענצ־טער פֿון ייִדיש־היכל וועלכע זענען אָפֿן צו דער ברייטער וועלט.

און לשם אַקצענטירונג: טענענבוימס אויטענטישע פּראָזע, זײַן נוסח, דער קאָלאָריט פֿון די בילדער, דער גײַסטיקער קלימאַט, דאָס עשירות פֿון מעטאַפֿערס און סימבאָלן — דאָס אַלץ איז אַנדערשדיק, איכישער, פּאָעטיש־לירישער, ווי ניגער מיינט, אין אונדזער ייִדישער בעלעטריסטיק. ווײַל טענענבוים איז פֿון קיינעם ניט מושפּע געוואָרן, ער איז געבליבן דער סאַמע עגאָצענטרישסטער שרײַבער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. איין מאָמענט וואָס פֿעלט אין זײַנע ׳געווירצן׳ — איז הומאָר. זעלטן דערטאַפּן מיר אַ שמייכל אויף זײַן פּנים. ער צווינגט זיך ניט צו לאַכן און מאַסקירן אין פֿאַלשע גרימאַסעס. דאָך קאָנען מיר דאָ און דאָרט געפֿינען שפּריצן פֿון סאַרקאַזם, אַ ביטערן שמייכל, וואָס זענען נאַטירלעך און אמתדיק פֿאַר זײַן חוש־אויפֿנעם.

אונדזער כּוונה צו מאַכן אַ חשבון־הספר, סומירן דעם תּוך און תּוכן פֿון אַזאַ פֿילזײַטיקן פּראָזאַיִקער, האָט געמוזט באַלאַנסירט ווערן צו פֿאַרסך־הכּלטע פֿאָרמולירונגען, כּדי ניט צו צעשפּאַרן די רעם פֿון אונדזער מאמר. ווילן מיר נאָך צוטראָגן אונדזער ברכה פֿאַר שיִע טענענבוים צו זײַן טאָפּעלן יובֿל, אַז דער ווערטערפֿלאָם פֿון שעפֿערישקייט זאָל אים נאָך וואַרעמען אַ סך יאָרן.

די גאָלדענע קייט, 105, 1981.

- אַ בוך — בבֿחינת אַ גאָלדענער רענדל, דרום־אַפֿריקע, נאָוו׳ 1953.
- אין ליכט פֿון אָריגינעלע קריטעריעס, דרום־אַפֿריקע, יוני 1955.

# העברעיִשע פּאָעזיע אין ייִדיש

מרדכי יאָפע: אַנטאַלאָגיע פון דער העברעיִשער פּאָעזיע — מיט קריטישע אָפּהאַנדלונגען: ציקאָ ביכער פאַרלאַג. בוך איינס: ניו־יאָרק, 1948. 390 זײַטן. בוך צוויי: ניו־יאָרק, 1951. 474 זײַטן.

## א

מרדכי יאָפע האָט זײַן ערשטן בײַשטײַער צו דער ייִדישער ליטעראַטור צוגעטראָגן נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק. אין 1920 איז דערשינען זײַן ערשט לידערבוך; 1927 — אַ בוך דערציילונגען. זײַן אַנטאַלאָגיע פון דער העברעיִשער פּאָעזיע איז אַרויס אין ווילנע, 1935; אין ניו־יאָרק, 1939, אַ בוך עסייען רינגען אין דער קייט. אָבער זײַן העכסטע דערגרייכונג, וואָס האָט ברייטער באַקאַנט געמאַכט זײַן נאָמען, זענען אָן ספק די צוויי פּרעכטיקע ביכער א״ג אַנטאַלאָגיע פון דער העברעיִשער פּאָעזיע.

די אַנטאַלאָגיע איז אַ וואָגיק פונדאַמענטאַלע ווערק וואָס נעמט אַרום הונ־דערטער יאָרן פון העברעיִש גײַסטיקן שאַפן — פון 7טן יאָרהונדערט ביז דער סאַמע נײַסטער צײַט. מרדכי יאָפע האָט די בעסטע מוסטערן פון דער העב־רעיִשער פּאָעזיע, אין אַלע אירע געשטאַלטונגען און וואַנדלונגען, אין אַ קוואַליק לויטערן ייִדיש איבערגעזעצט. אָבער עס איז בײַ אים ניט בלויז לבֿוש, שפּראַך־איבערטו, פאַר די אָן אַ שיעור תּפילות, פּיוטים און שירים, נײַערט דאָס פאַר־וועבן זייער גשמהדיק תּוכיקן אינהאַלט מיט לשון ייִדישדיקע ווערטער. איבער־גיסן קלאַנג, וואָרט, ליד פון איין כּלי אין אַ צווייטער, איז ניט נאָר אַ טעכנישע אַרבעט פון אַ בעל־מלאכהשן מומחה אויפן געביט פון איבערזעצן, קאָמענטירן און קלאַסיפיצירן, נײַערט ס׳איז אויך, און בעיקר, דאָס קאָנען דערפילן און זיך אַרײַנלעבן גײַסטיק אין די שעפערישע וועלטן פון אַזוי פיל דיכטערישע פּער־זענלעכקייטן, און אין די תּקופות אין וועלכע זיי האָבן געווירקט. און מרדכי יאָפע האָט עס באַוויזן אין זײַנע ביכער, ווײַל ער איז אָרגאַניש אַרײַנגעוואַקסן און מיט ליבשאַפט־פעדעם געבונדן מיט, און אַרײַנגעקניפּט אין די אַלע העב־רעיִשע שאַפונגען, וואָס ער טראָגט צו אין אַזאַ הערלעכן תּרגום־ייִדיש. ער איז אַליין אַ דיכטער, וואָס אין זײַן נשמה הויזן בײַנאַנאַנדער און צוזאַמענדיק ביידע אים נאָענטע און טײַערע לשונות. כּישופֿט ער טאַקע אַרויס די נשמה־טענער,

דעם אינעווייניקסטן ניגון פון העברעיִשן שיר און בלאָזט מיט אים אַרײַן אַ רוח־חיים אין יידיש־איבערגעזעצטן ליד, און עס באַקומט זיך אַ שיר־ליד, אָדער פאַר־קערט. און אַז מען פאַרגלײַכט דעם יידיש־העברעיִש צווילינג, מוז מען זיך ניט איין מאָל לאַנג פאַרטראַכטן: וועד פון דיביידע איז דער מער גערעטענער?..

מרדכי יאָפּע האָט דורך דער אַנטאָלאָגיע, דאַכט מיר, באַקומען זײַן קינסט־לערישן תיקון: ביי דער אַ גרויסער אַרבעט דערזעט מען ערשט זײַן אייגענע גרייס. בײַם לייענען זײַנע טיף דורכגעטראַכטע אָפּהאַנדלונגען און פּײַנע קורצע עסייען איבער יעדן העברעיִשן פּאָעט באַזונדער, און אַלע בכלל, דערפילט מען דעם וואַרעמען נשמה־באַריר צווישן דעם מתרגם און דעם ערשטן אָריגינעלן יוצר. פיל פון זײַנע העברעיִשע הונדערטער יאָרן אַלטע און נײַע קאָלעגן, האָט ער אַפילו קינסטלעריש דערהייבן, זיי איבערגעשאַפן מיט מער וואָרט־רײַכקייט, מיט מער אויסגעהאַלטענעם ריטעם, מיט פאַרפײַנערטן גראַם און ראַפינירטע פאָרמען. ער האָט אָבער, דורך זײַן איבערזעצונג, טייל מאָל שוין אַ ביסל צו מאָדערניסטיש, ניט פוגם געווען אויף אַ האָר אין זייער געזאַנג, תוכיק און אײ־דעיִש, אינהאַלטלעך צי געדאַנקלעך, ווי דער מחבר אַליין אונטערשטרײַכט עס באַשיידן אין זײַן אַרײַנפיר. לייענענדיק די לידער, אין יידישער איבערזעצונג, קאָן מען ניט איין מאָל פאַרגעסן אַז זיי זענען ניט קיין אָריגינעלע שאַפונגען. דער רעליגיעזער רגש, דער ליריש־יחידישער ציטער, די נאַטור־רעפלעקסן, שפּיגלען זיך און הילכן־אָפּ עכט און אײַנדרוקספול. די יידישע איבערזעצונגען קאָנען מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי נײַע מקורים פון אַלטע מיזמורים. אין דעם באַשטייט דער גרויסער באַטײַט און ווערט פון די לידער: זייער סוגעס־טיווע קראַפט, זייער זאַפטיקייט און פרישקייט, זייער ליכטיקייט און ריינקייט, זייערע סימבאָלן און מוסר־השׂכּלס, זייער אַלטמאָדישע פרומקייט און נײַצײַטיקע ראַפינירטקייט — דאָס אַלץ איז אין די איבערזעצונגען ניט פאַרטושט און ניט אויסגעוועפּט געוואָרן.

מיט גוטן געשמאַק און מיט פיל וויסן האָט מרדכי יאָפּע אײַנגעזאַמלט אין דער אַנטאָלאָגיע, פון דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פון העברעיִשן פּאָעזיע־אוצר פאַר הונדערטער יאָרן. ער האָט דעם גאַנצן לידער־מאַטעריאַל מצמצם געווען צו אַזאַ סכום, וואָס גיט אַ פול בילד און אַ פאַרשטעלונג פון דעם מהות פון דער העברעיִשער פּאָעזיע און איר וועזנטלעכן כאַראַקטער פאַר אַלע דורות. איר אַנטוויקלונג און גאַנג, אירע עליות און ירידות שפּיגלען זיך אין דער כראָ־נאָלאָגיש פּינקטלעכער סיסטעמאַטיזירונג פון צײַט־אָפּשניטן.

מרדכי יאָפּע האָט אין זײַן אַנטאָלאָגיע אַרײַנגעטאָן אַ שפּע מיט מי און אַרבעט. דאָרט איז פאַראַן אויסטײַטש און פאַרטײַטש, אַ פּירוש פון די תקופות, פײַן־שפּראַכיקע דינע אַנאַליזן און אינטערפּרעטאַציעס פון די דיכטערישע גע־שטאַלטן א״אַ חידושים — אַזאַ ספר האָט טאַקע געפעלט דער יידישער ליטע־ראַטור. מיר האָבן ביז אים אויך געהאַט איבערזעצונגען, און אַפילו גאַנץ גוטע, אָבער קיינער האָט זיי ניט צוגעגרייט מיט אַזאַ זאָרג און איבערגעגעבנקייט ווי

מרדכי יאָפּע. דעריבער איז עס אַ ווערטפול האַנטבוך. די אַנטאָלאָגיע פון דער העברעישער פּאָעזיע איז אַן ערשט־ראַנגיקע נויטווענדיקייט, וואָס קיין איין ייִדישע היים קאָן זיך אָן דעם ניט באַגיין, ווי אַ מין ענציקלאָפּעדיע פון העברעישער יצירה.

ב

אָנהייבנדיק פון מיטלאַלטער, פון ערשטן נאָמען אין ערשטן בוך — דעם שפּע־פולן פּיטן אליעזר הקליר, און ענדיקנדיק מיטן לעצטן נאָמען פון צווייטן בוך — דעם באַגאַבט־פּאָפּולערן דיכטער נתן אַלטערמאַן, זעען מיר זיך ציִען איין גאָלדענעם פאָדעם פון ייִדישן שעפערישן כּוח. דאָס איז די ייִדישע האַרץ און נשמה, דער ייִדישער חלום און וואָר אויסגעמייסטערט אין לידער מיט פיין געשליפענעם וואָרט און געמאָסטענעם ריטעם. די אַנטאָלאָגיע איז דאָס שעפערישע יש, וואָס האָט גייסטיק געגערט אונדזערע אַלטע היימען, געקוויקט זיי און געוואַרעמט אין דער אייזיק פרעמדער אַרומיקייט. און היינט — איז עס דאָס איינציקע פאַרמעג און רייכטום, די ירושה, וואָס עס איז אונדז פאַרבליבן נאָך יענע חרובֿע היימען. מיט זיין אַנטאָלאָגיע האָט מרדכי יאָפּע אויפגעבראָכן די זיגלען פון די העברעישע אוצרות־קוואַלן, פון וועלכע מיר קאָנען טרינקען אַלט פאַרשיכּורדיקן מיזמורים־וויין, און פון די נייע אויסטערלישע פּאָעזיע־פעלדער, וואָס בליִען מיט לעבן און גלויבן — פרישן, מונטערן שירים־געטראַנק.

איינע פון די הויפּט־מעלות פון דער אַנטאָלאָגיע איז, וואָס זי איז ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַנדאַריזירטע פאָרעם: כּך וכּך לידער פון כּך וכּך דיכטער. דער איבערזעצער האָט טאַקע דעם מאַטעריאַל צוזאַמענגעשטעלט לויט זיין פאַרשטיין און איינזען, אָבער ניט לויט אָנגענומענע ענגע מאָסן. די קריטעריע איז געווען איכות, דאָס קוואַליטאַטיוו וועזנטלעכע, און דערפאַר טאַקע איז די אַנטאָלאָגיע אַ פולקומע דערגרייכונג. די פאַרטרעטונג פון די פּאָעטן איז ניט געמינערט געוואָרן, זי איז כּמעט אַ פולע, ווייל עכטע פונקען און אָריגינעלע אויפבליצן איז דאָך פאַראַן אויך ביי די קלענערע, ניט גאָר באַקאַנטע דיכטער — און אָן זיי וואָלט אין דער אַנטאָלאָגיע געווען ניט איין בלויז.

בילדעריש געזען, זענען די בלעטער פון דער אַנטאָלאָגיע אַ ברייט פונאַנדערגעבליטער בוך־גאָרטן, וווּ דאָס אויג ווערט פאַרצויבערט פון הונדערטער לידער־בלומען, וואָס פאַרכאַפּן דעם אָטעם מיט אַ געמיש פון פאַרשיידענע באַקאַנטע ריחות. עס איז דער פּאָעזיע־פּרדס פון פאָלק, איבער אַלע זיינע וועלטישע צעשפּרייטקייטן, און מדינת ישראל. היינט: זיין תּפילה און אויך בענקשאַפט, זיין פּאַטאָס און אויך רעזיגנאַציע, זיין פרייד און שׂימחה, זיין צער און יתומדי־קייט. אַזאַ בוך איז דער שפּיגל פון פאָלק, ריכטיקער — דער קריסטאָלענער קוואַל, אין וועלכן ער שפּיגלט זיין פּנים. די אַנטאָלאָגיע פון דער העברעישער פּאָעזיע איז בעצם די געשיכטע פון אונדזער פאָלק געזען מיט די פאַרחלומטע, וויזיאָנערישע צי קריטיש־חוזקדיקע אויגן פון די צייט־יוצרים פון געוויסע תּקופֿות.

אַזוי האָבן זיי געלעבט, אַזוי האָבן זיי געגלייבט און אַזוי האָבן זיי געזען די ייִדי־שעווירקלעכקייט אין זייערע צײַטן. דאָס זענען ליכטיק זאַפּטיקע היסטאָרישע קאַפּיטלען און קאַפּיטעלעך פון פאָלק ישׂראל, וואָס דערפרישן און ברענגען רו דער נשמה און מנוחה דעם גוף. און איעדער ייִד, וואָס האָט אַ באַציִונג צו די ייִדישע קולטור־ווערטן, מעג זיך פאַרגינען צו האַלטן די אַ צוויי ביכער פון דער אַנטאָלאָגיע אויף זײַן טיש און פון צײַט צו צײַט אַרײַנבליקן אין זיי. חוץ וואָס עס וועט דערלײַכטערן זײַן געמיט און אים פאַרשאַפן עונג־רוח, וועט ער נאָך אויך עפּעס קאָנען לערנען פון זיי.

מרדכי יאָפּע האָט דורך זײַן אַנטאָלאָגיע פון דער העברעיִשער פּאָעזיע אָן איבעריקן מאָל באַוויזן, אַז די נאָענטקייט פוןביידע לשונות — ייִדיש און העברעיִש — איז אומצערײַסיק, זיי זענען אָרגאַניש פאַרבונדן אין פאָלקס לעבן. ער האָט מיט זײַנע ווונדערלעך געלונגענע איבערזעצונגען צוגעפּגעבראַכט אויף דער שותּפותדיקער באַזע פון שאַפן די צוויי שפּראַכן — די פון ישׂראל און די פון די תּפוצות — און צוגעטראָגן די ליכטיקע מתּנה פון העברעיִשן שאַפן צו אונדזערע ייִדיש ייִדן — צו געניסן און צו וויסן.

דרום־אַפריקע, דעצ׳ 1955.

• אין אַ נאָטיץ וועגן טויט פון מרדכי יאָפּע, אין דרום־אַפריקע, מאַרץ־אַפּריל 1961, איז געשריבן צוו״אַ:

„מיר האָבן באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז אין ניו־יאָרק איז געשטאָרבן אונדזער לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער, דער באַקאַנטער ייִדישער שרײַבער מרדכי יאָפּע.

...„מרדכי יאָפּע איז געבוירן געוואָרן אין דוסיאַט, ליטע, דעם 15טן יאַנואַר 1896. צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט ער געלעבט אין אַמעריקע, און די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ תּושב פון מדינת־ישׂראל. מיט אַ יאָר צוריק איז ער צײַטווײַליק צוריקגעקומען קיין אַמעריקע. ער האָט זיך לעצטנס געקליבן פאָרן צוריק אַהיים — קיין מדינת־ישׂראל, אָבער דער טויט איז אים פאַרלאָפן דעם וועג״.

# בערל כהן — אַ שומר פון ייִדישן קולטור־אוצר

## א

דער פיזישער חורבן פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט אַרויסגעבראַכט די גרויסע גײַסטיקע סכּנה פונעם פּאָטענציעלן פאַרליר פון קולטור־אוצרות, צוגערויבטע צי פֿײַער־פאַרצערטע, וואָס מ׳דאַרף זיי רעסטאַווּרירן, אָדער די וואָס דער דור טראָגט זיי נאָך אין זכּרון און מע מוז זיי גיך ווי מיגלעך רעקאָרדירן. דעריבער איז אפשר די וויכטיקסטע און נייטיקסטע דערשײַנונג נאָך דער מלחמה, אין דער ייִדישער קולטורוועלט, געווען דער מאַן וואָס האָט זיך געשטעלט צום דינסט פון אויפהיטן, פאָרשן און פאַרצייכענען קולטור־כראָניק פון ייִדיש־שאַפערישקייט. דאָס איז געווען אַ מין פּראָפילאַקטישער אַספּעקט, ווײַל פאַרגעסונג האָט זיך געקענט צעשפּרייטן, ווי אַ קאַנסער, אויפן גאַנצן ייִדישן קולטור־גוף. אין דעם ליכט דאַרף געזען ווערן די שטילע און ברכהדיקע אַרבעט פון ייִוואָ, ווי אויך די דערציִערישע, אין דעם שטח, קולטור־אַרבעט אין די תּפוצות. אַלע פאַרהיטער פון ייִדישע קולטור־ווערטן איז צו פאַרדאַנקען פאַר אָפּראַטעווען שטיקער קולטור־רכוש, איידער די צײַט האָט עס באַוויזן צו פאַרשלינגען.

איינער פון די מערקווערדיקסטע שומרים פון אונדזער קולטור־פאַרמעגן איז אָן ספק דער ניו־יאָרקער ייִדישער שרײַבער בערל כּהן. מיט טיפן אַחריות און ציטער, אַז קיין אות פון אונדזער גײַסטיקער ירושה זאָל ניט גיין לאיבוד, האָט ער עס געטאָן און טוט עס נאָך. מיט געוויסנהאַפטער מסירות איז ער פאַרנומען מיט אָט דער באַוואַך־ און באַשיץ־עבֿודה פאַר אַ סך צענדליגער יאָרן: זאַמלען, איבערקלײַבן מאַטעריאַלן, על־פּי די פּינקטלעכסטע מעטאָדן, כּדי צו פאַרזיכערן דעם ווײַטערדיקן קיום פון די שאַפערישע ווערטן וואָס ליגן אין שטח פון זײַן אינטערעס. ער גריבלט, זוכט, נישטערט, כּדי עס זאָלן ניט צעטרענצלט ווערן די לעצטע געדעכענישן, וואָס דאַרפן דינען ווי מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

פאַר דער 2טער וועלט־מלחמה איז בערל כּהן געווען אַ לערער, אַ פּאַרטייטוער און דער געהילף־רעדאַקטאָר פון דער צ״ס פּאַרטיי טאָג־צײַטונג: „דאָס וואָרט״, אין ליטע, קאָוונע. פון קאָוונער געטאָ איז ער אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער. די תּקופה און זײַנע איבערלעבונגען האָט ער באַשריבן אין אַ בוך: אַ ייִד אין וואַלד, וואָס איז אַרויס אין 1955. נאָך 5 יאָר לעבן אין איטאַליע, מיט דער

שארית־הפליטה, איז ער אין 1950 געקומען קיין אַמעריקע, ווו ער איז צו ערשט געווען אַ לערער און אײנצײַטיק אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע שאַפערישע טעטיקייט.

פּאָר אַ צאָל יאָרן איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון „פרײַע אַרבעטער שטימע". סיסטעמאַטיש האָט ער געשריבן לאַנגע פּובליציסטישע אַרטיקלען און עסייען, ווו ער האָט אַנאַליזירט, מיט וויסן און פּאַרטיפונג, צײַט־פּראָבלעמען פון סאָציאַלן, פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן אין אַמעריקע, ווי אויך אין אַנדערע לענדער. אַלע אַספּעקטן און די פאַרשיידענע טעמעס, וואָס ער האָט באַרירט, האָט ער גרינטלעך און מיט קענטשאַפט פּאָפּולאַריזירט. ער האָט עס געטאָן מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש פון אַחריות און דאָס זעלבע פאַרלאַנגט פון אַנדערע. ווי אַ מאָנער, און צו מאָל אַ שטראָפער, האָט ער פיגורירט אין זײַן קאָלום, וואָס ער האָט געשריבן אונטערן פּען־נאָמען ר' ינוס. ער האָט ניט פאַרקוקט ליטעראַרישע און מאָראַלישע אויסקרימעניש, זיי אַוועקגעשטעלט אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרציע און פאַרלאַנגט אַ חשבון. ער איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ מין מאָראַליש צינגל אויף דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער וואָגשאָל, אין ניו־יאָרק. געוויסע רעוואָלאַציעס האָבן אַרויסגערופן צאָרן און פאַרדראָס פון די וואָס האָבן געזוכט צו פאַרשווײַגן. אַוודאי איז בערל כהן אין יענער צײַט געווען דאָס וואַכע אויג פון געוויסן.

דאַרף מען אויך געדענקען, אַז בערל כּהן איז אַ לשון־קענער און אַ בעל־דיקדוק. ווען ס'קומט צו יידיש איז ער ניזהר, אַפילו קפדניש, אין שפּראַך־זויבערקייט. מ'קען זאָגן אַז אין דעם זינען איז ער אַ לשון־עסטעט, וואָס פילט אָפּ אַ מינדסטן גרײַלץ און פאַלשן קלאַנג. זײַן שפּראַך איז ריין, פּשוט און פאַרשטענדיק, אָן פליטערלעך. אַ סך יאָרן געווען אַ ייִוואָ־אַספּיראַנט און געאַרבעט אין דער ייִוואָ־ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק. אויך אין שײַכות פון שפּראַך און אויסלייג — הגם ניט מיט אַלע תקנות פון ייִוואָ־אויסלייג איז ער צופרידן — האָט ער געמאַכט זײַנע באַמערקונגען און פאָדערונגען צו דער יידישער פּרעסע און שרײַבערס, פאַרלאַנגענדיק אַ בכבודיקע און קולטורעלע באַציִונג צו יידיש לשון. אָבער מער פון אַלץ איז בערל כהן פאַראינטערעסירט אין פרעזערווירן, דורך זײַנע זוכונגען און טוונגען, קולטור־ און ליטעראַטור־ווערטן און די שאַפערס פון די לעצטע דורות.

ב

די גרעסטע און וואָגיקסטע אַרבעט פון בערל כהן איז ספר הפרענומעראַנטן, וואָס איז אַרויסגעגעבן דורך „די ביבליאָטעק פון יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק און 'כתב' פּאָבלישינג האַוז", אין 1975. דאָס איז אַ קאָלאָסאַל ווערק און פאַרשאַרבעט, וואָס אין נאָרמאַלע צײַטן, בײַ גרויסע פעלקער, אַרבעט אויף דעם אַ גאַנצער אַקאַדעמישער שטאַב. די אַ אַרבעט האָט געמאַכט איין פּאָר הענט פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַליין צוזאַמענגעזוכט די נייטיקע ספרים און כּתבֿ־ידן פון ביבליאָטעקן און אַרכיוון און עס געבראַכט צו אַ פולן גמר. אין זײַן הקד־

מה — xx זז׳ — צום ספר שטעלט בערל כּהן פעסט, אַז „דער דאָזיקער חיבור איז אַ פּיאָנערישע אַרבעט, סײַ אין העברעיִש און ייִדיש, סײַ אין אַנדערע שפּראַכן״ אַ בילד וועגן ריזיקן פאַרנעם פון דער אַ אַרבעט, גיבן די צוויי אַנווײַז־שורות אונטערן טיטל פון בוך: „וועגווײַזער צו פּרענומערירטע העברעיִשע ספרים און זייערע חותמים פון 8,767 קהילות אין אייראָפּע און צפון־אַפריקע״. און זאָל נאָך אַ מאָל אַקצענטירט ווערן, אַז אַזאַ מאָנומענטאַל פאָרשערישער ווערק איז אַ גאָר שווערע גײַסטיקע און טעכנישע מלאכה פאַר איין מענטש. דאָס איז אַן עדות פון דער עקשנות און קאַפּאַציטעט פון זײַן מחבר: 384 גרויס־פאָרמאַטיקע זײַטן, צוויי עמודים אין אַ זײַט, חוץ די דערמאָנטע הקדמה און, צום סוף, xii זז׳ ענגליש.

נאָכן ספר הפּרענומעראַנטן האָט בערל כּהן אָפּגעגעבן פינף יאָר אויף צו קאָמפּלעטירן דעם לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור — אותיות: ק־ת. ער האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם באַנד — אַכט — זײַן גאַנצן רצון און ענערגיע, ווײַל ער האָט די אַרבעט באַטראַכט ווי אַ שליחות צו בויען און רעס־טאַווירן דעם קולטור־חורבן אין זײַן וויכטיקסטן אַספּעקט: פאַראייביקן די נעמען פון די ייִדישע שאַפערס און זייערע שאַפונגען. דאָס האָט געמיינט אַן אומאויפהעריקער זוך־ און שרײַב־קאָנטאַקט, אין דער גלאָבאַלער דימענסיע פון דער ייִדישער ליטעראַרישער און קולטורעלער צעשפּרייטקייט. ס׳איז לײַכט צו פאַרשטיין, וואָס אַזאַ אומגעהײַערע אַרבעט באַטײַט אַז איין יחיד זאָל עס טאָן. און דער פּועל־יוצא: אַ גרויס־פאָרמאַטיק ספר פון 808 עמודים (ברייטע שפּאַלטן). דאָ זענען פאַרצייכנט געוואָרן די וויכטיקסטע ביאָגראַפישע דאַטעס פון 100טער שרײַבערס, אָבער דער עיקר זייערע ביבליאָגראַפישע שאַפערישע פּאָזיציעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין אַ ווײַטער פּערספּעקטיוו איז עס פון אומאָפּשאַציקן ווערט, ווען דער היסטאָריקער וועט שפּעטער שרײַבן די ייִדישע קולטור־געשיכטע און פּרוּוון מאַכן אַנאַלאָגיעס צווישן תּקופות און זייע־רע שרײַבערס.

בערל כּהן טוט די אַרבעט אין דער טיף, אינטענסיוו, מיט התמדה. ער זוכט אויפצודעקן דעם וואָרצל פון די זאַכן, און ער האָט אַ שאַפערישע הנאה פון יעדן פּרט וואָס ער געפינט אויס. אַוודאי קען ער ניט אַרומנעמען אַלע ליטעראַטור־ און קולטור־פראָנטן, ווי ער וואָלט גרייט געווען עס צו טאָן, אָבער ער דער־גרייכט דאָס אַבסאָלוט מיגלעכע פאַר דער איין־מענטש־אינסטיטוציע: בערל כּהן. און די אינסטיטוציע מיינט: אַרבעטן מסירותדיק. אויך אויף אַנדערע קולטור־געביטן איז ער אַקטיוו, ווי צוזאַמענשטעלן און רעדאַקטירן ליטעראַ־רישע ווערק א״אַ. אָבער דער עיקר, וואָס בײַ אַלע אַרבעטן גייט צוזאַמענגע־פּאָרט, כּמו אָרגאַניש, אינסטיטוציע און מענטש. די אינסטיטוציע פון אומדער־מידיקן זאַמלער, זוכער און קאָמפּילאַטאָר, און מענטש — געדענקער און טוער.

דער מענטש, בערל כּהן, וואָס זאַמלט טרוקענע פאַקטן און פאַרצייכנט כּמו בוכהאַלטעריש דאַטעס פון שרײַבערס און זייערע שאַפונגען, היט דערבײַ גרונ־

טיק אָפּ די עטישע פּרינציפּן, ווו ער בלײַבט נאָך אַלץ דער מאָנער. און נאָך איין כאַראַקטער־שטריך, וואָס דאַרף דערמאָנט ווערן, איז באַשיידנקייט, אַ מין באַשיידנקייט פון חשיבֿות, וואָס פאַרלאַנגט תּמיד פון זיך, אָבער ניט פאַר זיך. על־כּן זוכט בערל כּהן, ביי זײַנע אַלע אויפטוען, מער צו בלײַבן אין שאָטן ווי אין פאָקוס פון אויפמערקזאַמקייט, אויב אַפילו דאָס ליכט שטראַלט פון זײַנע אייגענע מעשׂים. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז ניט בלויז די מעכאַנישע פונקציע פון פאַרצייכענען און רעקאָרדירן די חרובֿע יידישע ליטעראַטור און אירע אַוועק־געגאַנגענע אין דער אייביקייט שאַפערס איז גענוג צו רעהאַביליטירן דעם גוואַלדיקן היזק, נאָר דער וואָס טוט די אַרבעט דאַרף אויך פאַרמאָגן די גײַס־טיקע מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס פאַר אַזאַ עבֿודה — און בערל כּהן פאַר־מאָגט עס. ער, דער יושבֿ־אוהל, האָט זיך ווי אָפּגעזונדערט, כּדי מתקן צו זײַן וואָס די רישעותדיקע צײַט האָט צעבראָכן, און פאַרגאַנצן, אויף ווי ווײַט ס׳לאָזט זיך, דאָס פּנים פון אַ חרובֿן דור.

פון כּתבֿ־יד, 1983.

# די טעמע ה. לייוויק

## א

ה. לייוויק איז אַ טעמע וואָס וועט קיין מאָל ניט פאַרגיין. ער איז נאָך ביז הײַנט ניט אויפגעקומען אין זײַן גאַנצער ברייט און פאַרנעם, אין טיפקייט און גרינטלעכקייט. אים איז אַ פּנים אָנגעצייכנט דער זעלבער גורל ווי אַ צאָל גרויסע פּערזענלעכקייטן און גײַסטיקע שעפער אין דער געשיכטע, אַז ערשט נאָך זייער טויט, צי דורות שפּעטער, איז זייער נאָמען פונסנײַ מפורסם געוואָרן און זיך העלער צעליכטיקט. הײַנט איז נאָך צו פרי צוריקצובליקן אויף דעם לעבן, שאַפן און דענקען פון לייוויקן פון אַ געהעריקער דיסטאַנץ, ווײַל ער איז נאָך אַרײַנגעוועבט מיט זײַנע פיזישע און גײַסטיקע פעדעם אין אונדזער דור — דער דור וואָס האָט געקענט זײַן לויטערן גאַנג.

דאָך איז אַ גאַנץ גרויסע ליטעראַטור שוין אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אים, אָבער די לייוויק־פּערזענלעכקייט איז פון מער דימענסיעס ווי בלויז די שרײַבערישע. אין דעם פאַל איז פאַר אים ניט גילטיק דער כּלל ווי פאַר אַנדערע שרײַבער, ווײַל ער איז אַ יוצא־מן־הכּלל. ער איז דער גײַסטיקער ריז, וואָס זײַן וואָרט פאַרמאָגט די קראַפט פון ליכט, גרייכט אומעטום און דויערט אייביק. זײַן ליכט וועט ניט פאַרבלאַסט ווערן אין אַ דור צי צוויי, און די טעמע לייוויק וועט זיך פאַר פיל דורות ניט אויסשרײַבן.

מיר האָבן אים אפשר ניט געקענט גענוג אָפּשאַצן און דערשאַצן בײַ זײַן לעבן. מיר האָבן אים געזען — אויב אַפילו משכמו ומעלה — ווי איינעם פון אַ גרויסער שעפערישער פּלעיאַדע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און די קריטיק האָט אים, ווי די אַנדערע, געמאָסטן מיט דער זעלבער קריטיש־פאָרמאַליסטישער מאָס. געווען אַפילו פאַלן, ווען קאָלעגן צי קריטיקער האָבן אים ניט געשאַנעוועט און אַרײַנגעצימבלט פּאָרציעס ביטערניש, וואָס לייוויק האָט אַראָפּגעשלונגען מיט שטומעניש. מיט די יאָרן איז אָבער די באַצווינגענדיקע קראַפט פון לייוויקס פּערזענלעכקייט געוואַקסן. ער האָט זיך אויסגעליכטיקט זײַן אייגענעם שטח, אַ מין לייוויקשע גײַסטיקע ספערע פון וואָרט, פון מאָראַלישער ריינקייט, פון געזעלשאַפטלעכער אַחריות, פון אַהבֿת־הבריות און אהבֿת־ישׂראל.

מ׳האָט צו לייוויקן זיך אָנגעהויבן באַציִען מיט אומגעוויינלעכן דרך־ארץ און כּבֿוד. מ׳האָט אים צוגעגלייבט זײַן וואָרט, צוגעטרויט זײַן געוויסנהאַפטיקייט. מ׳האָט דערזען אַז צווישן אונדז גייט אַרום איינער, וואָס זײַן נשמה־ריינקייט איז פון גאָר אַנדערע קוואַליטעטן ווי די געוויינלעכע; אַזאַ, וואָס איז

מיט זײַנע אינטימסטע און האַרציקסטע פּעדעם מיט זײַן פֿאָלק פֿאַרבונדן; אַזאַ, וואָס ווײַטיקט אויס מיט זעלישער אינטענס־ווּקייט דעם חורבן פֿון זײַנע ייִדן און פּײַניקט זיך איבער דער ירידה פֿון מענטש.

לייוויק האָט פֿאַרקערפּערט אַ באַטירלעך ייִדיש־מענטשלעכן סינטעז, אין זײַן צוגעהעריקייט צו דער געזעלשאַפֿט. ער האָט מיט ייִדישער זאָרג געקוקט דער וועלט אין די אויגן, געזוכט אַ וועג ווי אַזוי מ׳קען זי אויסלײַטערן פֿון אירע חטאים. און אַזאַ וואָס וויל אויסלײַטערן יענעם דאַרף זיך פֿריִער אַליין רייניקן, כּדי ער זאָל ראוי זײַן צו זײַן שליחות — און לייוויק האָט עס געטאָן. ער איז געווען דער מוסטער פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַליסט — אַ ייִד וואָס האָט ליב אַלע מענטשן. און ער האָט זײַן ציל געדינט מיט אַ גרויסער מאָס אָפּערוויליקייט. ער האָט אין די מאָדערנע לעבנס־באַדינגונגען טאַקע ניט געפּלאָמט מיט שטראָף־רייד, ווי דער אַמאָליקער נבֿיא, אָבער דערפֿאַר האָט ער זײַן ליד געטראָגן מיט שטילן וויי אין זײַן געמיט. ער האָט אין זיך דורכגעברענט די פֿײַערדיקע ווער־טער, אויפֿן שטיינערדיק־האַרטן וועג פֿון ייִד־מענטש.

## ב

אויב ה. לייוויק איז נאָך ניט די טעמע פֿאַר דעם קאָנקרעטן הײַנט, וועט אים אָבער די צײַט ביסלעכווײַז אַרויסהייבן אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון מענטש־לעכע און ייִדישע לײַדן, ווי ער האָט זיי געזען און באַנומען. זײַן וואָרט און גע־דאַנק וועלן אַרויסגעשיילט ווערן פֿון די ליטעראַריש הויטן, כּדי שטאַרקער צו אַנטפּלעקן די רוחניות־קערנער פֿון דעם לייוויק־וועזן. דעמאָלט וועט אויפֿגיין דאָס ליכט פֿון תּורת־לייוויק און אירע ייִדיש־מענטשלעכע ווערטן, וואָס אין איר איז אײַנגעפּלאָנצט די דערהייבונג פֿון מין מענטש, די סופּער־קוואַליטעטן פֿון אַ נײַער צײַט.

לייוויק האָט אַרײַנגעבליקט אין גורל פֿון מענטש און זײַנע געראַנגלען מיט זיך, מיט דער וועלט, מיט גאָט. ער האָט געוואָלט קלאָר מאַכן די פֿאַרפּלאָנטער־טע און אומלאָגישע גורל־פֿאַרשקלאַפּטקייט פֿון יחיד, זײַנע פּײַנען און לײַדן און וואָס איז זייער תּכלית. מיט עקסטאַז האָט ער אויסגעפּיבערט דעם גאולה־חלום פֿון מענטש און פֿאָלק. ער האָט פֿאַרוואַנדלט זײַן וואָרט ניט בלויז אין גרויסער ליטעראַטור, נאָר אין דער הערלעכסטער וויזיע פֿון מענטשלעכן שטרעבן און האָפֿן. איז כּל־זמן מענטש וועט בענקען צו גאולה, וועט לייוויק זײַן די טעמע — די אייביקע טעמע פֿון דעם זוכער פֿון אַ גאָט וואָס דערלייזט.

מ׳קען שוין הײַנט אָנצייכענען דעם דרײַעק פֿון דער לייוויק־פֿאָרשונג, פֿון פֿאַרטײַטשן און דערגרונטעווען דעם געדאַנק פֿון מײַסטער און זײַן וואָרט. די לייוויק־געשטאַלט הייבט זיך אַרויס אין די אויפֿשטײַג־מדרגות פֿון זײַן אייגענעם איך — דאָס זענען די הייכקייטן וואָס מערקן אָפּ זײַן שפּעטערישן גאַנג. עס איז אַ מין פּיראַמיד פֿון לייוויקשע מאָטיוון. צום בעסטן און צום ריכטיקסטן וואָלט אפשר

געפּאַסט עס אָנצורופן לייוויקיזם, וואָס זײַן באַזע איז: א) פּסיכאָלאָגישע גאולה־ווייען, ב) הומאַניזם, און זײַן שפּיץ, ג) גאָט־זוכעניש. דער יסוד פון דעם אַלעם איז דער מענטש און זײַן גורל־געבונדנקייט. די גאולה איז דער מאַגנעטישער שטראָם אין דעם אומפאַרשטענדיקן שפּיל פון גורל־און־קרבן, וואָס איר מיסטישע אַחרית הימים־קראַפט ציט צו דעם מענטש. די גאָט־זוכעניש איז דער מקור און הייכפּונקט פון דעם סוף, וואָס פאַלט אַרײַן אין אין־סוף פון אַלע רעטעניש — די אייביקייט.

דער קלימאַקס איז בײַ לייוויקן דער סוף־גאַנג — פון מענטש — צום אייביקן. ער פאַרשטייט עס, אָדער בעסער — פילט עס, ווי דאָס אויפלייזן זיך אין אוניווערסאַלן, אין אייביק־עקסיסטירנדיקן, אין דער אַלץ אַרומנעמענדיקער קאָסמאָס־האַרמאָניע, אין וועלכער דאָס גרעזל און בוים, ווערעמל און לאַם און מענטש — אַלץ און אַלע צוזאַמען איז די אַבסאָלוטע שלמות פון דער יצירה, איר וואָר און חלום. און פאַר לייוויקן איז עס ניט סתם אַן אויסגעטראַכטער גאָט, אַן אַבסטראַקטער, נאָר דער סימבאָל פון מענטשלעכן גלויבן אין גוטס, דער כּי טוב פון מענטשנס לעבן.

מענטש איז אַ פּאָזיטיווער באַגריף, און גאולה — די מדרגה אויף וועלכער אַלע מענטשלעכע ווערטן וועלן זיך פונאַנדערשפּילן אין זייער גאַנצער פּראַכט, ווי די סימפאָניע פון אַלמענטשלעכקייט, גליק און פרײַהייט. דער הומאַניזם איז בײַ לייוויקן אַרויסגעוואַקסן פון זײַן יונגן קעמפערישן פּעריאָד, ווען ער איז, ווי אַ יוגנטלעכער פון „בונד", פאַרמישפּט געוואָרן צו צאַרישער קאַטאָרגע. דאָס איז געווען די פיזישע ספּרוזשינע, וואָס האָט לייוויקן אַרײַנגעשלײַדערט אין דער וועלט פון סימבאָלישע וויזיעס און משיח־זוכענישן. דעמאָלט האָט ער געשאַפן די קייטן פון משיח. דאָ האָט ער געפונען אַ באַזיאונג פאַר די לײַדן פון מענטש, פאַר דעם מענטש־קרבן, וואָס איז דער פּאָטענציעלער יורש פון דער קיניגרייך פון לעבן — די גאולה שלמה אויף דער ערד. דאָס איז דער פּאָזיטיוויזם פון לייוויקס שעפערישע ווערטן.

ג

לייוויק איז געווען אַ שטילער גײַסטיקער שטורעם אין דער ייִדישער ליטעראַטור — דער שטורעם פון נבֿיא, אין נאָמען פון גאָט: לא בחיל ולא בכּח כּי אם ברוחי! און ווען אויף דער ייִדישער גאַס האָט אָנגעיאָגט דער שטורעם פון בכּוח, פון רעוואָלוציע, איז לייוויק גראָד דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט זײַן גולם. און אין יענע כאַאָטיש־צעברויזטע טעג האָט לייוויק געמאַכט, אַז דער מהר"ל זאָל אַרויסנעמען די בלוטיקע האַק פון גולמס צעפּאַכעטע הענט. עפּעס ווי אין אַ נבֿואה וואָלט ער פאַרויסגעזען, אַז דער גולם־קלאָץ וואָס אַרבעט ווי אויף אַ „פּריקאַז" (אַפילו פון מהר"ל), טאָר ניט זײַן דער שליח פון דער גרויסער דערלייזערישער אידעע. ער האָט שוין דעמאָלט דערבליקט דעם בלינד־פאָלגעוו־

דיקן גאַנג פֿון אַ געהאַרכזאַם־שרעקעוודיקן ראַבאַט, וואָס אויף זײַן וועג צו גאולה צעשטערט ער דאָס גוטע צוזאַמען מיט דאָס שלעכטע און הייבט אויף די האַק אויף דעם אייגענעם באַשעפער. לייוויק האָט בחוש דערשפּירט די טראַגעדיע פֿון דער מענטשהייט אין גולמשע הענט. די גאולה דאַרף זײַן ניט מיט הענט בלויז, נאָר אויך מיט אַ מענטשלעך־האַרץ, באַזירט אויף הומאַניסטישע פּרינ־ציפּן, מיט גײַסט, אויב ניט איז זי אויף זיך גוזר אומקום — אומקום פֿון די אי־דעען פֿון פֿרײַהייט און ברידערלעכקייט.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן באַשטעטיקן די גולם־טעזע פֿון דעם דאָזיקן גרויסן ווערק פֿון לייוויקן, וואָס ער האָט געשאַפֿן אין דער צײַט פֿון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. נאָך דעם האָט עס געדויערט אַ גוטע פּאָר צענדלינג יאָר ביז די גרויליקע אמתן זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער ליכטיקער שײַן — און טאַקע דורך די אינעווייניקסטע אייגענע גולם־קנעכט, וואָס האָבן אויפֿגעריסן די טירן פֿון זייער „גאולה"־גיהנום. עס דאַרף כּסדר אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז לייוויק איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט מיט אַ שאַרף אויג און מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ אַרײַנגעבליקט אין די פֿאַרהוילענישן פֿון אַ צוקונפֿט, וואָס האָט אים אַליין נאָך דעמאָלט געכּישופֿט, אָבער ניט פֿאַרכּישופֿט.

לייוויק איז אַ ים מיט וויזיאָנעריש־געדאַנקלעכן מאַטעריאַל פֿאַר געניטע טויכערס, וואָס זאָלן אַרויפֿברענגען פֿון די טיפֿעגישן דעם בלענדיקן אוצר פֿון זײַן גײַסט. אין פֿלוג קען זיך דאַכטן אַז לייוויק איז קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, אָבער אונטער דער אויבנאויפֿיקער פֿאַרשטענדעניש ליגט אָנגעהויפֿט אַ שיכט אויף אַ שיכט ניט דערפֿאַרשטע לייוויקשע זעונגען און געדאַנקען, חלומות און בענקשאַפֿטן, בליץ און ליכט.

לייוויק וועט ניט אַלט ווערן, פּונקט ווי ס׳ווערט ניט אַלט די צײַט וואָס שטעלט זיך קיין מאָל ניט אָפּ. פֿון זײַנע ווערק שטראָמט די אייביקייט מיט מונטערן גלויבן. עס איז די פֿרישקייט פֿון די אייביקע גאַרונגען און לעכצונגען פֿון דער מענטשהייט, זינט איר אַרויפֿקום אויף דער אַרענע פֿון אַ ציוויליזיר־טער וועלט: די פֿרײַהייט פֿון יעדן מענטש און זײַן גליק.

לייוויק האָט זײַן גאַנצע קראַפֿט קאָנצענטרירט אין דער דאָזיקער טעמע. די פּראָבלעמען האָט ער אין רעאַליסטיש־אַקטועלע און סימבאָליסטיש־פּאָעטישע דראַמעס געשילדערט. פֿון יידישן לעבן האָט ער גענומען די פֿאָלקלאָריסטישע עלעמענטן מיטן לעגענדע־שטאָף און פֿון דעם אויסגעבויט אייביקע מאָנומענטן אין יידיש־לשון.

באַשערט געווען אונדזער יידיש, אַז זי זאָל האָבן אַ לייוויקן, וואָס האָט מיט דעם לשון־מכשיר געעפֿנט אויגן און הערצער. לייוויק האָט ניט געבלאָנדזשעט אויף די פֿרעמדע וועגן פֿון דער וועלט — ער האָט באַטראַכט דעם גאָלדענעם וועג וואָס שנײַדט זיך דורך דער מיט פֿון דער וועלט, דורך דער מיט פֿון פֿעלקער, דורך דער מיט פֿון מענטש — דורך זײַן האַרץ: דער וועג פֿון דער־לייזונג און פֿרײַהייט.

ד

ה. לייוויק איז ניט געווען קיין מיסטיקער, אַ בלינדער גלייבער אין נסים. ער האָט אָבער מיט אַ ראַפינירט שרייַבערישן חוש דערפילט דעם גוואַלדיקן כּוח פון די מיסטישע עלעמענטן אין יידישן פאָלקלאָר און האָט זיי לייַדנשאַפטלעך גענוצט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן. הונדערטער און טויזנטער יאָרן פון לעגענדע־שטאָף איז געלעגן אָנגעזאַמלט אין פאָלקישן זכּרון, האָט לייוויק זיי פון דאָרט אַרויסגעקראָגן און זיי איבערגעגאָסן אין נייַע געדאַנקען פון דער מאָדערנער צייַט. די אַלטע אַטריבוטן האָבן געשמעקט מיט ריחות פון אייביקן לעבן. זיי האָבן גערעדט צו יידישע הערצער מיט דער שפּראַך פון סימבאָלישע פאַלקסצייכנס. און די נייַ־באַשאַפענע לעגענדע איז ניט נאָר פאַרבליבן אין אות פון אַ בוך, נאָר זי האָט זיך צעשטראַלט אויף דער סצענע, אונטער ראַמפּעליכט, אין אַלע טענער און פאַרבן פון דער בינעקונסט. דער עולם האָט געקוקט און ס'האָט אים פאַרכאַפּט. דער גולם איז יאָרן לאַנג ניט אַראָפּ פון די טעאַטער־ברעטער. פון די בילדער האָט זיך אַרויסגעשיילט דער טיפערער זין פון געשריבענעם וואָרט, די מאָראַלישע ווערטן, דער חלום, און אין דער האַנדלונג האָט מען געזען דעם מוסר־השכּל. אַלע נעגאַטיווע פינצטערע כּוחות צוימען די גאולה, האַמעווען די טריט פון גואל — דער בלוט־בילבול פון שוואַרצן גלח ניט ווייניקער ווי דער שליח־גולם פון הייליקן רבין. דאָס פאַרהאַלטן די גאולה קומט אי פון דרויסן, אי פון אינעווייניק. דאָס זעענדיק האָט מען שוין ניט געדאַרפט קיין פּירוש — עס איז געווען די פּשוטע עבֿרי פון פאָלק, זייַן חלום, זייַן בענקשאַפט און זייַן שטרעבן.

לייוויק איז לויט זייַן געמיט אַ ליריקער, אָבער די איכיקייט פון זייַן ליד ווערט אַ מין אויסגעברייטערטער איך־באַגריף, אַ געזעלשאַפטלעכע איכיקייט. זייַן הויפּט סימן־היכּר איז דער איך־קרבן, ווי דער פיל־געשטאַלטיקער־קרבן פון דער גאַנצער מענטשהייט. ער ווערט דער שפּליטער־איובֿ, ווי דער עקוויוואַלענט פון אַלע איובֿס פון אַלע צייַטן און פעלקער, אַזוי ווי דער טראָפּן איז דער עכטער ים אין מיניאַטור.

אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען איז אפשר נאָך שטאַרקער פון דער אינדיווידועלער אויסרוף־באַשולדיקונג, ווען מ'טראַגט עס איבער אויף די פּלייצעס פון קהל, פון דער וועלט. דאַרף עס דאָך זייַן דער אויסגעשריי פון אַלע יידן, פון דער גאַנצער מענטשהייט וואָס איז דאָרט ניט געווען. אַזאַ באַהויפּטונג איז דאָך קיין אַבסורד ניט. און הגם לייוויק האָט צוגעוואָרפן די ברענענדיקע פראַזע זיך אַליין, איז אָבער פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדיק אַז בייַ יעדן מענטש פון געוויסן, וואָס איז אין טרעבלינקע ניט געווען, האָט געמוזט אַ טיאַכקע טאָן אין האַרצן — אין יעדער מיגלעכער שפּראַך — דאָס גרויל־געפיל, גלייַך נאָך דעם אויפדעק פון דער מענטש־שענדונג: איך בין דאָרט ניט געווען...

אַזוי אַרום האָט לייוויק מיט קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישער גבֿורה, אַרויסגעריסן פון אונטער דער אונטערבאַוווסטזייַן־קאָרע די איך־געדאַנקען וואָס מאָ־

טערן די גאַנצע מענטשהייט. דאָס קומט אויך פאָר אין די לאַבירינטן פון זײַן בלאָנדזשעניש, וואָס מיר רופן קאָמפּלעקס־לייוויק, אָבער עס איז דער אינפאַנ־טיליסטישער קאָמפּלעקס פון יעדן מענטשן. דעריבער איז ער דער גרויסער, דער קלאַסישער מײַסטער וואָס רעפלעקטירט אין זײַן איך־געשטאַלט אונדזער לעבן, ווי מענטשן.

פון וויגל ביז צום קבֿר איז לייוויק געווען איין גאַנצקייט. און די גאַנצקייט איז אויך די שלמות פון זײַן פּערזענלעכקייט, פון זײַן איינקייט און איינציקייט.

ה. לייוויק איז געווען דער פענאָמען, וואָס אַזעלכע ווערן געבוירן איין מאָל אין דורות, ווי דער אַקומולירטער גײַסטיקער כּוח פון פאָלק־און־מענטשהייט. און צו 74 יאָר, ווען דער קרײַז פון זײַן לעבן האָט זיך געשלאָסן, האָט ער געהאַט דורכגעפּיבערט דורך זײַן גוף און נשמה דעם נסיון פון קרבן — און דער מאַן פון וואָרט איז אַוועק אין שטומקייט. אַוועק בגוף, און געלאָזן אונדז, ברוח, די גרויסע טעמע ה. לייוויק.

דרום־אַפריקע, 1967.

- ה. לייוויק — הומאַניסט, וויזיאָנער, ייִד: דרום־אַפריקע, דעצ׳ 1958.
- ה. לייוויק: דרום־אַפריקע, 1963.
- ה. לייוויק מיט די ייִדן, וואָס זײַנען אין טרעבלינקע יאָ געווען: דרום־אַפריקע, 1963.
- ה. לייוויק — רעפעראַט, געלייענט אין יאָהאַנעסבורג, קייפּטאָן, בענאָני א״אַ.

# שמואל לעווין און זײַן גרויס ווערק

שמואל לעווין: צווישן צוויי תּהומען — טרילאָגיע. ערשטער ראָמאַן: בעת דאָס גרויסע מאָרדן. מיט אַרײַנפירן פון רודאָלף ראָקער און פון מחבר. בוך־געמיינשאַפט בײַ דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט. בוענאָס אײַרעס, 1959. (בילד פון מחבר). 437 זז' — שוואַרצע בערג און בלויע טאָלן: צווייטער ראָמאַן. (אַרויסגעגעבן: ווי אויבן). 1962. (בילד פון מחבר). 359 זז'. — וואָלקן־געדראַנג: דריטער ראָמאַן. פאַרלאַג „המנורה", תּל־אָבֿיבֿ. תּשל"א—1970. איילבילד פון מחבר: ישעיה לעווין. דבֿ סדן: צווישן וואָר און חלום — יג זז'. 349 זז'.

## א

שמואל לעווין האָט איבערגעלאָזן אַ היפּש ביסל פּראָזעווערק, געדרוקטע און נאָך אין כּתבֿ־יד, אויף ייִדיש, דײַטש און איבערגעזעצטע אין אַנדערע שפּראַכן. אָנגעהויבן האָט ער מיט דיכטונג און דראַמעס, נאָך דעם אַריבער צו גרעסערע עפּישע ווערק, אין ראָמאַן־זשאַנער, דערציילונגען, עסייען א"אַ. זײַנע בעלעטריסטישע ווערק און דראַמעס זענען אַרויס אין אַ צאָל אייראָפּעיִשע לשונות. דאָס אַליין איז שוין אַ גענוגנדיקע אַטעסטאַציע פון זײַן דימענסיאָנעלן אַרומנעם און פון עקסטענסיוון אויסשפּרייט, אין שטח, אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין אַלגעמיין.

ער איז געבוירן אין פּוילן. געלעבט אין אַרעמקייט און נויט, געוואַנדערט איבער לענדער, אַזש דערקליבן זיך — 2 מאָל — ביז בוענאָס־אײַרעס. פון 1920 ביז 1934 געלעבט אין בערלין, ווו ער האָט געשאַפן זײַנע גרעסערע ווערק.

בשײַכות מיט אַזאַ פּרוכטיקער שאַפערישקייט, בלײַבן מיר פאַרחידושט קעגנאיבער דער דערשווײַגונג, וואָס ניט די ראָמאַנען און אויך ניט די פריערדיקע ווערק, האָבן געהאַט דעם אויפמערק און אָפּקלאַנג, צו זייער תּוך און תּוכן, אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרציע. זײַנע ווערק טראָגן דאָס שליחות פון סאָציאַלע אידעען און זייער הומאַניסטישע ציל־געוועגדקייט שלאָגט אָן צו די אייביקע גאולה־האָפענס. אָבער ער, דער מחבר, האָט ניט געטראָגן די וואָג פון אַ פּער־

זענלעכקייט וואָס ברענגט צום פֿאָלק די פּאָסטולאַטן פֿון אַ נבֿואה, איר געטלעכן צוזאָג. מסתּמא דערפֿאַר איז דער אימפּאַקט פֿון די ווערק געווען שוואַך און זיי האָבן ניט רעזאָנירט מיט אַ ברייטערן פֿאָלקישן אָפּקלאַנג. אָט, למשל, ה. לייוויק, וואָס האָט געשאַפֿן אין די זעלבע 20ער און 30ער יאָרן, האָט מיט זײַנע גאולה־טעמעס צעשטורעמט די ייִדישע וועלט. ס׳איז מחמת דעם, ווײַל לייוויקס גרויס־שאַפֿערישע טעמעס האָבן געאָטעמט מיט דעם אוניווערסאַלן כּוח פֿון אַ גאַנצן גלויבן, מיט דער באַיאָונג פֿון לעבן פֿון אַלע מענטשן. די מענטשהייט, אויב אַפֿילו אין סימבאָלן, איז געווען בײַ אים אַ מין קאָסמישער מהות פֿון אַ גאַנצער וועלט. און אין דעם באַשטייט דער גרונטיקער חילוק צווישן די צוויי שאַפֿערס; לייוויקיזם האָט געמיינט הומאַניסטישער פּאָזיטיוויזם, בעת לעוויניזם דרייט זיך הקפֿות אַרום איין פּאַרטייִשער דאָקטרין: צדק ויושר פֿאַר דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס, די אַ״ג מאַסע פֿון לוין־אַרבעטער מיט אַ צוגאָב פֿון בעלי־מלאכות און סתּם אָרעמקייט פֿון נידעריקערן שטאַנד. דער דיקער שיכט פֿון עקספּלואַטירטע, באַעוולטע און אומצופֿרידענע מיט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ווי אויך אַ הײַפֿל פּראָפֿעסיאָנעלע פּאַרטיי־פֿונקציאָנערן, דאַרפֿן עס זײַן דער אויסלייזערישער גולם מיט דער האַק אין האַנט.

די דאָזיקע העלדן, די כאַראַקטערן, און די פֿאָלקסמאַסע טרעפֿן מיר אין די ראָמאַנען פֿון שמואל לעווין. אין דעם שײַכות זעט ער אַלע פּראָצעסן, געשעענישן און אַנטוויקלונגען אין ייִדישן לעבן בלויז פֿון דעם איין ווינקל, וואָס ווערט באַליכטיקט מיט אַלע זון־ און שאָטן־פֿאַרבן פֿון זײַן שאַפֿערישן ספּעקטער. אין דעם רעאַליסטישן ליכט טראָגט ער אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור די הומאַניטאַרע אידעען און דעם סאָציאַלן אמת, ווי ער זעט זיי. ניט אומזיסט האָבן מיר עס אויבן באַצייכנט ווי אַ שליחות: דאָס אַרויסברענגען די גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן, און די יונגע מענטשן וואָס זענען זיך מקריבֿ זיי צו פֿאַרווירקלעכן.

די טרילאָגיע איז, אין דעם זינען, ווי אַ פּיראַמיד, וואָס אַנטהאַלט אַן אוצר שאַפֿערישן גוטס, אָבער אין דעם איז אויך באַהאַלטן די סיבה פֿון אומפּאָפּולערקייט, דער דאָקטריניזם וואָס רעפֿלעקטירט, ווי שוין דערמאָנט, בלויז איין ווינקל פֿון דער געזעלשאַפֿט. די געזעלשאַפֿט ווערט פֿונאַנדערגעטיילט מיט אַ שאַרפֿער ליניע פֿון צוויי פֿאַרבן, — ווײַס און שוואַרץ, — וואָס דערמאָנט די באַקאַנטע ליניע פֿון סאָוועטישן סאָץ־רעאַליזם. און אויב אַפֿילו שמואל לעווין איז ווײַט פֿון זייערע וועגן, איז עס אָבער פּאָרט דאָגמאַטיזם, נאָר ער פּרעדיקט דעם וועלטבאַנעם פֿון אַן אַנדער פּאָליטישער שול. מיר הערן עס אין די רייד, און פֿילן עס אין די מעשׂים פֿון די, וואָס טראָגן גומי־שטעמפּלען אויף זייערע פּנימער: די צדיקים און שיינע קעגן די רשעים און מיאוסע. די ערשטע שווימען אין אַ ווײַסן לויטערן קאַנאַל, די צווייטע — אין אַ שמוציק־בלאָטיקן.

ב

שמואל לעווין האָט זײַן טרילאָגיע — 3 ראָמאַנען פֿון קרובֿ 1200 זז׳ — געשריבן, ווי אָנגעגעבן צום סוף פֿון לעצטן ראָמאַן, אין „בערלין, 1932 — ניו־יאָרק, 1946". דאָס מיינט: ער האָט דאָס גרויסע ווערק וועגן פּוילן געשאַפֿן, ווען ער איז פֿיזיש ניט געווען אין שטראָם פֿון ייִדישן לעבן אין פּוילן. און ער האָט, אַזוי אַרום, די אינספּיראַציע געשעפּט פֿון זכּרון, פֿון אינזיכיקע געדענקענישן אַרויס, פֿון זײַנע פֿריִיִקע דערמאָנונגען. ווען ער פּרוּווט רעסטאַווירן ס׳ייִדישע שטעטל, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, קומען טאַקע די ערשטע קאַפּיטלען אַרויס כּמו באַריכטמעסיק, ווי סטענאָגראַפֿישע רייד, געמישט מיט דער באַקאַנטער פּאַרטייִישער פּאַמפֿלעט־פּראָזעאָלאָגיע. שפּעטער ווערן די זעלבע פּאַרשוינען, און די ניַי־אַרײַנגעפֿירטע, מער אייגן־פּנימדיק, מיט אינדיווידועל כאַראַקטעריסטישע שטריכן, כאָטש דער אויבן דערמאָנטער גומי־שטעמפּל בלײַבט זייער פּרימערער סימן היכּר. ניט נאָר מערקט מען, אַז אין געזעלשאַפֿטלעכע מעשׂים און קאַמף, גײַערט אויך אין פּערזענלעך אינטימען לעבן פֿון די פּאַרשוינען, וויבראירט שוואַך די עמאַציאָנעלע נשמהדיקע סטרונע. זיי ווילן ניט נאָכגעבן דער בירגערלעכער ווייכקייט, ווי אין ליבע און אַנדערע טיפֿערע מענטשלעכע געפֿילן, ווײַל דאָס פּאַסט זיי ניט. זיי קוקן אויף זיך, אויף דער וועלט, און אָבסערווירן איינער דעם אַנדערן, דורכן שפּאַקטיוו פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. אגבֿ, לאָזט זיך אפֿשר אַ היפּש ביסל אַראָפּדינגען פֿונעם אויסמעסט און אָפּשאַץ פֿון דעם רעוואָלוציע־תּחום אויף דער ייִדישער גאַס. ס׳איז גרעסער געווען דאָס געשריי, ווי די גרייס פֿון רעוואָלוציאָנערן פֿענאָמען אין ייִדישן לעבן. די ייִדישע ליטעראַטור האָט עס אויך אַ ביסל איבערגעטריבן. די אַנטיסעמיטישע גויִישע פּרעסע האָט עס דערפֿירט ביז צום העצערישן סלאָגאַן: אַלע ייִדן זענען קאָמוניסטן. דאָס איז געווען ערבֿ דעם גרויסן חורבן.

דערפֿאַר אַוודאי האָט די מאַסן־לייענערשאַפֿט פֿון ייִדיש זיך שטאַרקער אַ ציִ געטאָן צום תּהילים־ייִד, צו פּוילישע וועלדער, צו קיסר און רבי. אָבער ניט נאָר דער געאָגראַפֿישער אָרט, וווּ דער מחבר האָט זיך געפֿונען, האָט אָפּגעגרענעצט די לייענער, נאָר דאָס האָט געטאָן די עצם טעמע. נאָך אַלעמען האָבן אויך שלום אַש, אָפּאַטאָשו, שניאור און די אַנדערע געלעבט יאָרן אין בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, אָבער זיי זענען אָפּט געקומען אָנוואַרעמען די שאַפֿערישע נשמה צווישן ייִדן אין וואַרשע, ווילנע א״אַ ייִדישע צענטערס.

שמואל לעווין איז געבליבן אין ענגן קרײַז פֿון לייענער, וואָס צו זייערע אידעאַלן און אידעאָלאָגיע האָט ער אַפּעלירט. דאָס איז אפֿשר אויך די סיבה, וואָס שמואל לעווין איז ניט געוואָרן באַווירקט שאַפֿעריש פֿון גרויסן ייִדישן חורבן און סהאָט ניט באַוועגט זײַן פּען, אויף ווי ווײַט מיר איז באַקאַנט, אָנצושרײַבן אַ גרעסערע ווערק וועגן קאַטאַקליזם פֿון זײַן ייִדישער פּוילן. דאָרטן איז דאָך פֿאַרשניטן געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס ער באַשרײַבט,

צוזאַמען מיט איר חלום. אַזוי אַרום בלײַבט זײַן קרוינווערק די טרילאָגיע צווישן צוויי תּהומען, וואָס איז אַ ברייטער געדיכט־געמאָלענער לײַוונט פון ייִדישן לעבן. זײַן איין ווינקל, וואָס דער מחבר קען צום בעסטן, און ליבט זײַנע העלדן, דערהייבט זיך ווי אַ ליטעראַרישער קלימאַקס פון בעלעטריסטישער קונסט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן וועגן גרעסטן ייִדישן ייִשובֿ אויף דער מיזרח־אייראָפּעיִשער מאַפּע. מיט קינסטלערישער קראַפט ווערט אין דער טרילאָגיע אַרויסגעבראַכט דער האַרטער גורל פון דער ייִדישער, און צום טייל גויִשער, האָרעפּאַשנער מאַסע פון אַרבעטער און אָרעמען מענטש אין פּוילן. די עקספּלואַטירטע און די קעמפער, זייערע אַקטיוויטעטן, פּראָבלעמען, קאָנפליקטן — אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע — ווערן דאָ אמתדיק באַליכטיקט. דעם מלמדס זון, דעם סופרס זון, דעם האָרבאַטן סטאָליערס שגץ א״אַ בחורים און מיידלעך, אַפילו אין אַ געוויסן זינען זייערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער, — גאַנצע משפּחות, — ווערן די טרעגערס פון דער פאָן פון גערעכטיקייט. שמואל לעווין מעג אַזוי אַרום צוגערעכנט ווערן, אויב אַפילו פאָרמאַליסטיש, צו דער ליטעראַרישער „שול״ פון שלעווין, שולשטיין א״אַ פון די פּוילישע פּאַריזער שרײַבערס, וועלכע האָבן געהאַט פאַרהעלטענישמעסיק ברייטערע קרײַזן פון לייענערס און סימפּאַטיקערס, ווי ער.

בײַ דער געלעגנהייט זאָל דערמאָנט ווערן איין אויסנעמיקע סימפּאַטיקערין, וואָס אַ גרויסער קרעדיט אין פּאָפּולאַריזירן דעם נאָמען שמואל לעווין און זײַנע ווערק דאַרף פאַרשריבן ווערן אויף איר חלק — דאָס איז זײַן אַלמנה, מרים לעווין. געטרײַ און, אַוודאי, פאַרליבט אין מאַנס ווערק, איז זי געווען דער גײַסטיקער און אינסטרומענטאַלער כּוח, אין לאָזן איבערזעצן אין העברעיִש, דײַטש (וואָס זי אַליין האָט געמאַכט), ענגליש א״אַ שפּראַכן, אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן זײַנע ביכער. דבֿ סדן, אין זײַן עסיי, צווישן וואָר און חלום, אין 3טן ראָמאַן־אַרײַנפּיר, דערמאָנט די דאָזיקע עובֿדה. און איך קאָן צוגעבן, אַז במשך פון כּמה יאָרן, האָט מיר די פרוי לעווין ניט אָפּגעלאָזן, כ׳זאָל שרײַבן וועגן דער טרילאָגיע. אַז כ׳האָב זיך „אַרויסגעשריבן״, אין „אַ שוואַכן״ מאָמענט, אַז כ׳וועל עס טאָן, איז זי שוין געוואָרן פאַרלאַנגעריש. כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז זי טוט עס פון ליבשאַפט. אַז כ׳האָב שפּעטער געלייענט די טרויעריק־פּײַנע עלעגיע פון חיים גראַדע, וועגן די אַלמנות פון ייִדישע פּאָעטן, האָב איך דעם ענין נאָך בעסער פאַרשטאַנען. און כ׳האָב מרים לעווין געזען, אויב ניט ווי אַ דעפיניטיוון מאָדעל, איז ווי איינעם פון די פּראָטאָטיפּן פון חיים גראַדעס אַלמנה־כאַראַקטערן.

## ג

די טרילאָגיע הייבט זיך אָן מיטן „ערשטן יאָר מלחמה פון 1914״, און נאָך דעם — ווען די ייִדישע פליטים קומען צוריק צו די רויִנירטע היימען, און פון דעם פּונקט ציט זי זיך ביז סוף 30ער יאָרן. ס׳איז אַ גוואַלדיק גרויסע רעם, אויס־

געפּילט מיט דינאַמישער אַקציע און מיט אַ רײַכער גאַלעריע פּאַרשוינען. אַ קאַ־לירפול לעבן באַוועגט זיך כּסדר — מיט אומגליק און הונגער, מיט ליבע און שׂינאה, מיט מסירת־נפש און קליינע פריידן, לעבן און טויט. די אַזוי לאַנגע קייט פון געשעעענישן לאָזט זיך ניט מעסטן מיט דער קריטעריע פון אַ געוויינ־לעכן אַנאַליז, איבער הויפּט ווען מ׳האָט אין געדאַנק די אידעאָלאָגישע ליניע, וואָס דער מחבר וויקלט, ערטערווײַז, אַזוי ברייט פונאַנדער: די רעכטע און לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זייערע וועלטבאַנעמען, רעליגיע, טראַדי־ציע, פרומקייט וכדומה.

אויך קריטיק איז ניט תּמיד אָביעקטיוו, בפרט ווען ס׳ווערט באַווירקט פון פּאָליטישע אַרגומענטן. מכּל־שכּן אַזאַ ברייט פעלד ווי ליטעראַטור, וווּ ס׳לאָזט זיך פאַרזייען יעדער מין אידעיִשע זריעה. איז דעריבער, אפשר, בעסער ניט אַרײַנצוקוקן אין „רעפעראַט" פון אַזאַ אויסנעמיקער אָבער דורכויס פּאַרטייִשער פּערזענלעכקייט, ווי רודאָלף ראָקער וועגן שמואל לעווין (טיטל פון אַרײַנפיר אין ערשטן ראָמאַן). נאָך דעם קומט די הקדמה פון מחבר אַליין. זייערע ביידנס רייד באַשטעטיקן נאָך שטאַרקער אונדזער הנחה וועגן דער אידעיִש פּאָליטישער טענדענץ פונעם ווערק, מעג עס ראָקער וויקלען אין גײַסטיק־פילאָסאָפישע טער־מינען וועגן די רעליגיעז־עטישע געפילן פון שמואל לעווין. אַגבֿ, האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ פריִערדיקן פעריאָד — פאַר 1928, — אָבער ראָקער רעדט, בכּלל, וועגן געמיינשאַפט און רעליגיאַזיטעט געפילן, וואָס „מאַניפעסטירט זיך אין לע־ווינס יעדן ווערק". דער מחבר אַליין גיט עס קלאָר צו.

דער אָ פּאָליטישער קרעדיט איז ניט געגעבן אומזיסט. שמואל לעווין פלײַסט זיך צו מאָלן דעם ספּעציפיש סאָציאַלן קאָלאָריט. ער ברענגט אַרויס דעם עטישן קאָנצעפּט, די הומאַניטאַרע פּרינציפּן און רעליגיעזע געפילן ווי עס זעט זיי ראָקער, דורכן מויל פון די העלדן. די צרה איז וואָס זיי זענען אַרײַנגעגלי־דערט אין טעקסט ווי דאָגמעס, ווי די דאָקטרין פון אַ באַוועגונג, און ניט יעדער קריטיקער קען נאָכזאָגן צו זיי אָמן. דאָס קאָן אַבסאָלוט ניט זײַן קיין ערלעכע קריטעריע, אויב זי איז „גלייכגעשאַלטעט", ווי אַזאַ ראָמאַן איז, מעג ער אַפילו זײַן פון אַ הייכן קינסטלערישן ניוואָ. ניט ווייניק לייענערס קענען זיך נאָך מסתּמא דערמאָנען דעם קאָנטראָווערסאַלן קריטיק־שטורעם, וואָס האָט זיך בשעתו אויפגעהויבן, אין די סוף 20קער און אָנהייב 30ער יאָרן, אַרום באַקאַנטן סאָווע־טישן ראָמאַן דער שטילער דאָן, קיין ווערק, ווי ווײַט זײַן קינסטלערישע דיי־מענסיע זאָל ניט גרייכן, קען ניט בטל מאַכן קעגנערישע מיינונגען און אָפּשאַ־צונגען. סײַדן ס׳איז קונסט לויט אַ פּריקאַז, אַנדערש קען מען ניט צושנײַדן מענטשן און זייערע מעשׂים נאָך אַ פּראָגראַמירטן מעטער. אויב ס׳לאָזט זיך נאָך, למשל, פאַרשטיין דער פאַל פון אַ ליבע צווישן דער ייִדישער מיידל און דעם שגץ, איז עס אָבער למעלה מן השׂכל ווי דער אָפּגעהיט פרומער סופר קלײַבט זיך אַרײַן צום גוי אין כאַטע און ברענגט נאָך צו זיך דעם מלמד אאַ"וו. אויב ס׳איז עס דערלאָזלעך „קינסטלעריש", שלאָגט עס אָבער צוריק קריטיש.

אין דעם זינען איז די טרילאָגיע אויסגעהאַלטן על־פּי צוויי דיסציפּלינען — די דיסציפּלין פון קונסט און די דיסציפּלין פון אַ באַוועגונג. דאָ איז ניט מיגלעך קיין סינטעז. דאָ קען זיך עס ניט אויסמישן, ווי צוויי סובסטאַנצן, למשל, וואַסער און שמאַלץ קענען עס ניט. מיר פילו די באַזונדערקייט אין יעדן קאַפּיטל. אין זײַן צווייִקייט איז אָבער צווישן צוויי תּהומען אַ פונדאַמענטאַלע אַרכיטעקטאָנישע גרויסע ווערק. שמואל לעווין הייבט זיך דאָ אַרויס, אין סטאַטוס פון אַ ראָמאַניסט, ווי אַ טאַלאַנטפולער שרײַבער. און צו זײַן שבֿח מוז געזאָגט ווערן, אז ניט געקוקט וואָס ער איז אַליין דער באַגײַסטערטער פּאָגענטרעגער — אין די הענט און מוחות פון זײַנע העלדן — פון זײַן אידעיִשן וועג, היט ער אָבער אָפּ די ריינקייט פון די געדאַנקען און די זויבערקייט פון וואָרט בכלל. אויב מ׳קען אין אַזאַ ווערק ניט אויסמײַדן די שאַבלאָנע פּראַזע, ווײַל ס׳איז דאָס לשון פון די העלדן, איז אָבער לחלוטין ניט צו פילן ווידערווילִיקע און קאַליע־מאַכנדיקע באַנאַליטעטן.

די טרילאָגיע צווישן צוויי תּהומען בלײַבט אַרײַנגעבויט ווי אַ גרויס ווערק אין דער אײַזערנער קאַסע פון דער גוטער ייִדישער פּראָזע. די באַוועגונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָס איז געפלאָסן אין ברייטן שטראָם פון ייִדישן לעבן, ווי אַ באַזונדערער אָפּצווײַג, מיט טיף־פאַרקאַרבטע ליניעס פון אַ נײַעם וועלט־לעכן גאַנג, האָט דער מחבר אויסגעמאָלן מיט ערלעכקייט. איר גלייביקע און ענטוזיאַסטישע יוגנט, און אויך די ה ע ל ד ן פון די אַנדערע בײַשטראָמען, ווי די רעליגיעזע און רײַכע, וואָס זענען אַרײַנגעפלאָכטן אין לעבן פון פאָלק, האָט שמואל לעווין אַוועקגעשטעלט אַ ליטעראַרישן מאָנומענט — די עפּאָפּעע פון די דורות צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

פון כתבֿ־יד, 1983.

# פּרץ מאַרקיש

## א

ווער עס קען זיך נאָך דערמאָנען דעם אויפֿבלי פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין די 20ער יאָרן, פֿאַר דעם טוט שוין פֿון זיך אַליין דער נאָמען מאַרקיש אַ שטראַל־אויף מיט ליכט, מיט יוגנט, מיט אַ צעכראַסטעט האָרץ, מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע און מיט אַ צעשטורעמט ליד. אָט די אַלע באַרוועסע להכעיסדיקע אַטריבוטן, וואָס גייען אויף דער וועלט זי באַפֿרײַען און באַנײַען, האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ס׳איז דעמאָלט געווען דער זוניקסטער פֿרילינג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעבליט מיט נײַעם חלום און מיט נײַער וואָר. און דעם יונגן פּרץ מאַרקישעס שטערן, וואָס האָט מיטן גאַנצן כּאָר אויפֿגעזונגען, האָט זיך גלײַך אויסגעטיילט באַזונדער, געוואָרן פֿאַרזיכיק. אַ קלונג האָט געטאָן זײַן אימפּעטדיקער ריטעם, זײַן פֿרישער גראַם, זײַן אָריגינעלער אַסאָנאַנס און, דער עיקר, זײַן לידערישע ענערגיע. דער שטורעם אין זײַן געמיט האָט אפשר קינסטלעריש רעפֿלעקטירט יענע גרויסע עפּאָכע. ער איז אין דער ייִדישער דיכטונג געוואָרן דער שטורעם־פֿויגל פֿון דער רעוואָלוציע אויף דער גאַס פֿון ייִדישער אָרעמשאַפֿט.

אייראָפּע איז געלעגן אין אירע חורבֿות פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די רויטע לאַווע האָט נאָך געזידט און פֿאַרגאָסן דאָ און דאָרט שטיקלעך פֿון דער רוסישער און דער אַרומיקער ערד. הונגער און מגפֿות האָבן געבושעוועט. דאָס ייִדישע לעבן איז געווען ווי אַ שיפֿל, וואָס האָט פֿאַרלוירן איר רודערער אין מיטן פֿון אַ צעשטורעמטן ים. אויף דער גרוי־טונקעלער פֿאָן האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּילט דער חלום פֿון מאָרגן פֿאַר אַ צעפּײַניקטער וועלט, און די אָרעמסטע און די צעפּײַניקטע מער פֿון אַלעמען האָבן געוואַרט אויף זייער דערלייזער. און אין רוסלאַנד האָט ער ניט פֿאַרזאַמט צו קומען — דער משיח אין לאַפּטשעס, מיט אַ סערפּ און האַמער אין זײַנע פֿאַרמאַזאָליעטע הענט. ס׳איז געווען אַ גרויסע תּקופֿה פֿון טרוימען און דערוואַרטונגען, פֿון גלויבן און האָפֿענונג. דער כאַאָס וואָס האָט צעוואַקלט די יסודות פֿון דער אַלטער וועלט, האָט אָבער נאָך ניט אָנגענומען קיין אייגענע פֿאָרמען, ניט געהאַט קיין אייגענע דיסציפּלין, די נײַע וועלט איז נאָך ניט געווען געבוירן.

פּרץ מאַרקיש איז געווען און זײַן גאַנץ לעבן געבליבן אַ קינד פֿון דער דאָזיקער עפּאָכע. ער האָט ווײַטער געטראָגן דעם שטורעם אין זײַן געמיט. אויב זײַן ליד האָט זיך קינסטלעריש געקענט אײַנשטעלן און פֿליסן אין ריטמישער

דיסציפּלין, האָט עס זיך אָבער אינהאַלטלעך געריסן פון די געצוימטע ברעגעס. זײַן האַרץ האָט זיך ניט אײַנגעשטילט. דער בלינדער גורלדיקער געראַנגל צווישן צוויי וועלטן איז געבליבן הענגען איבער זײַן ליריש ליד. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן טאַלאַנט, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט אויסשפּילן אין פולער פרײַ־הייט. ער איז תּמיד געווען ווי צוגעפּרעסט און צוגעשטיקט פון אייגענעם ברוי־זיקן אָטעם — און דאָס איז געווען זײַן גרעסטער קינסטלערישער שאָדן. ווען זײַן ליד וואָלט ניט געווען אַזוי שטאַרק אויפגערודערט מיט וועלטישן געפילדער, ווען ער וואָלט ניט אַזוי פיל געטראַסקעט אויף דער סאָוועטישער קאָוואַדלע מיט זײַן פּאָעטישן האַמער, וואָלט זײַן אייביקייט ניט געבליבן באַדינגט נאָר מיט אַן איבערגאַנג־צײַט, און מיט אַזאַ רעזשים, וואָס האָט אים פאַרקירצט די יאָרן. די בעסטע אַנאַלאָגיע איז, ווידער, לייוויק, וואָס האָט מיט זײַן אויסגעשאַרפטן חוש דערפילט וווהין ער דאַרף גיין — און לייוויק האָט אַזוי אַרום מיט די אײַ־גענע הענט געראַטעוועט לייוויקן פאַר דער אייביקייט. צום באַדויערן האָט עס ניט פּאַסירט מיט מאַרקישן.

אָבער מאַרקיש איז גרויס אין זכות פון זײַן אייגענעם וווּנדערלעכן טאַ־לאַנט. זײַן פּערז שוימט מיט עקזאַלטאַציע, זײַנע כוואַליעס פאַרגיסן אים כּסדר. דעריבער טאַקע אַזאַ צעשטראָמטע שפע פון לידער. יעדע כוואַליע, וואָס טוט אַ פּלייץ אין האַרצן און אַריבער זײַן דיכטערישער שעוועליורע, ווערט גלײַך פיקסירט אין ווערטער. זײַן געזאַנג צעגיסט זיך אין די זוניקסטע וואַריאַנטן. ער האָט אין זײַנע לידער און פּאָעמעס, ווי אין די פּראָזע־ווערק, צוואָרפן פולע זשמעניעס יידישע גאָלדקערנער מיט דער פאַרשווענדערישער פּזרנות פון אַ שפּעפערישן מיליאָנער. דאָס זענען ריטמישע אויסגעטאָקטע זוניקע סטראָפעס, ווי אַ ים אין זײַן פילפאַרביקן שימער. אָבער דער פײַנער ליריקער מאַרקיש ווערט פאַרלוירן אין זײַן לידערישן געלויף: זיי רײַסן־אויף מיטן רעוואָלוציע־פײַער, ער קנאַלט מיט די מידת־הדין לאָזונגען פון רעזשים. אפשר האָט ער גענומען אַ מוסטער פון דעם האַמערדיקן ריטעם פון די שורות פון מאַיאַקאָווסקין, צי ער האָט גאָר אויפגענומען די השפּעה פון אַלעקסאַנדער בלאָק, אָבער ער האָט פאַרלוירן זיך, פּרץ מאַרקישן, דעם ריינעם קלאַסישן ליריקער.

ב

פּרץ מאַרקיש איז אין זײַן עצם קינסטלערישער נאַטור דער ליריקער. זײַנע געמיט־טענער צאַפּלען מיט צעזונגענער עכטקייט. זײַנע עמאָציעס, הגם ברויזיק, זענען אָבער אמתדיק. זײַן שווונג און פאַרמעסט איז פון באַגלייבטקייט אין די אייגענע כּוחות. זײַנע ערשטע לידער פאַרמאָגן נאָך די אַזוי שטילע רע־זיגנאַציע־קלאַנגען פון יוגנט. זיי זענען גוטע לידער, לידער פון שטימונג אָן באַ־שטימונג, אַזעלכע וואָס האָבן נאָך קיין שליחות ניט און גליטשן זיך אַוועק פון באַוווסטזײַן צו די לויטערע הימלען פון פּאָעזיע. די לידער זענען טאַקע ווײַ־

ניק, אָבער אין זיי געניסט דער פּאָעט פון די זאַפטן פון זײַן אייגענער נשמה. נאָר שוין בײַם סאַמע־אָנהייב דערפילט ער, אַז זײַן ליד געהערט דער נײַער צײַט. די צײַט זינגט אין אים, זינגט אַרויס פון אים, און ער וויל זײַן ערלעך. זײַן ליד איז נאָך ניט צוגעשטיקט פון קאַזיאָנעם פּריקאַז, פון אַ גענעראַל־ליניע. ער איז נאָך אַ פרײַער דיכטער און מענטש — פון דער זײַט גרענעץ — אין פּוילן. אָבער די אַנטיסעמיטיש־רעאַקציאָנערע פּוילן שטיקט אים שוין בפּועל־ממש, און פון דאָרט, פון לאַנד פון סאָציאַליזם כּישופן די פײַערלעך פון אַ נײַער וואָר. און פּרץ מאַרקיש, מיט אַ ברוסט פול מיט שטורעם, ווי אַ יונגער אָדלער, איז דאָרט אַהין פאַרפלויגן.

זײַן דיכטונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַל וואָס שעפּט זיך ניט אויס. ער האָט זי געוואָלט געבן אַ שליחות, און ער האָט אַוודאי געגלייבט, באמונה־שלמה, אין דעם גרויסן חלום, פאַר וועלכן ער האָט אָנגעסטראָיעט זײַן לירע. ער איז דעריבער געגאַנגען מיט מסירת־נפש אויף דער ליניע, וואָס איז געווען אָנגעצויגן איבערן תּהום פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. ער האָט זיך גלײַך געכאַפּט אויף די קאַפּריזן פון דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער „איסקוסטוואָ“, און מיטגעזונגען מיטן רויטן כאָר, הגם מיט אַן אייגן קול, סערענאַדעס צו דעם כיטרע־מאַסקירטן הערשער פון קרעמל. אין די אַ קאַזיאָנע הימענס האָט ער שוין געצאָלט רבי־געלט פאַר זײַן טעות, שפּעטער, איז אפשר אויך געקומען חרטה און תּשובה פאַר ווערן דער ייִדישער הויף־פּאָעט פון דעם באַפעלער איבערן לעבן און טויט פון מיליאָנען פאַרשקלאַפטע מענטשן.

פּרץ מאַרקיש האָט אָבער ניט פאַרצווייפלט. ער האָט זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט צום ליכטיקן חלום. די שטראַלן פון גלייביקן זינגער זיפּן זיך דורך אַלע זײַנע לידער, פּאָעמעס, ראָמאַנען און דראַמעס. ער איז נאָך — אפשר ביז זײַן סאַמע אַרעסט דורך דער עק־קאַ־ווע־דע — געווען פאַרוויקלט און פאַרפלאָנטערט אין דער אילוזיע פון בויען דעם סאָציאַליזם פאַר אַלע פעלקער, אויך פאַר ייִדן. עס איז געווען טעות און ניט חטא, ווי פאַר די אַנדערע בלינד־געוואָרענע ייִדישע שאַפערס, דעריבער קען עס ניט זײַן כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן שאַפן און ניט קיין קריטעריע און מאָס פון זײַנע ווערק. נעמען מיר אַוועק פון מאַרקישן, ווי פון די אַנדערע ייִדישע שרײַבערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זייער נאַיוון גלויבן און ריינעם געוויסן בײַם דינען דעם רעזשים, דעמאָלט טויטן מיר זיי, צום צווייטן מאָל, מיט פאַרלייקענונג פון זייער קינסטלעריש־שעפערישער ירושה. פּרץ מאַרקיש איז קודם־כּל אַ ייִדישער דיכטער, און אַנשטאָט אַרײַנקוקן אין זײַן פּאַרטיי־בּיכל, איז ריכטיקער צו זען דעם גײַסטיק־רײַכן און שאַפעריש־וואָגיקן אוצר, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. דעריבער מוזן מיר זען זײַן קינסטלעריש־שעפערישע געשטאַלט אָן פאַראורטיילן. מיר מוזן זײַן אָביעקטיוו צו זײַנע אַלע שאַפונגען, ווײַל די מאָס פון יעדן קינסטלער איז אײנע — זײַן ווערק.

ג

פּרץ מאַרקיש איז געבוירן געוואָרן אין פּאָלאָנע, וואָלין, 7טן דעצעמבער 1895. זײַן טאַטע איז געווען אַ בעל־מלאכה. ביז 10 יאָר האָט ער געלערנט אין חדר. 3 יאָר געווען אַ משורר בײַ אַ חזן. צו 15 יאָר האָט ער שוין געשריבן לידער אין רוסיש. געווען אַן עקסטערן אין אָדעס. אין 1916 איז ער מאָביליזירט גע־וואָרן אין דער צאַרישער אַרמיי. אויפן דײַטשישן פראָנט איז ער פאַרווונדעט געוואָרן. דאָס זענען די וויכטיקסטע פּונקטן פון זײַן ביאָגראַפיע ביז ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אויף ייִדיש. צום ערשטן מאָל האָט ער זיך געדרוקט אין 1917. אין 1919 איז דערשינען זײַן ערשטער פּאָעזיע־בוך שוועלן. אין 1948 איז אַרויס אין מאָסקווע זײַן לעצטער בוך, דאָס גרויסע עפּישע ווערק מלחמה. אין דעם צײַט־אָפּשניט פון 30 יאָר שעפערישקייט, האָט ער אַרײַנגעטראָגן אין קאָסע פון דער ייִדישער ליטעראַטור סאָלידע ווערק, וואָס נעמען אַרום 4 צענדליגג ביכער אין פּאָעזיע, דראַמע, ראָמאַן, עסיי א״אַ זשאַנערס. חוץ דעם האָט ער איבערגע־זאָזט, ווי מ׳גיט איבער, מאַנוסקריפּטן פון פּראָזע און פּאָעזיע.

אין די 5 יאָר וואָס ער האָט כאַליאַסטרעוועט אין פּוילן — 1921־1926 — האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן פיל אייראָפּעיִשע לענדער און ארץ־ישׂראל. אין זײַנע אָדערן איז געפּלאָסן באַהעמיש אומרויִק בלוט. די ליטעראַ־רישע גרופּע „כאַליאַסטרע״, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן חותם אויף איר, האָט געזאָלט אויסדריקן די זוכענישן און ראַנגלענישן, אפשר, דעם ווילדן שטור־רעם פון די אומצופרידענע מיט דער אײַנגעשטעלטער פיליסטערישקייט אין דער ייִדישער סבֿיבֿה. „כאַליאַסטרע״ האָט געזאָלט באַטײַטן: מרידה קעגן באַלע־באַטישער פאַרגליווערטקייט, קעגן פאַרעלטערטן נוסח פון נעכטן און אַפילו קעגן אייגענע קאָלעגן. אין אַנדערע ווערטער: „כאַליאַסטרע״ האָט געזאָלט הייסן רעוואָלוציע, אָבער אַרויסגעקומען איז צעבראָסעטקייט, אומסטאַבילקייט, צע־פאַרנקייט און עס האָט געוויס ניט געדינט דעם ציל. די „כאַליאַסטרע״ פון שרײַיִקייט און יוגנטלעכן ענטוזיאַזם האָט אַוודאי ניט סימבאָליזירט דעם שפּע־טערדיקן פּרץ מאַרקישן און איז מער ניט ווי אַן עפּיזאָד אין זײַן לעבן. אָבער עס האָט באַהאַלטן עפּעס גורלדיקס פאַר דעם לעבן־און־טויט פון פּרץ מאַרקיש, דעם שאַפער: די „כאַליאַסטרע״ איז געווען — אויב זיך אויסדריקן אין אַ מאָדערנעם טערמין — די ראַקעטע וואָס האָט אַרויסגעשאָסן פּרץ מאַרקישן פון ייִדישן פּוילן צו זײַן חלום־לאַנד — דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַרויסגעשאָסן אים פון וואַרשע אין 1926, און אים צעשאָסן, אין 1952, אין לוביאַנקער תּפיסה, אין מאָסקווע. די, וועמענס רום ער האָט אַזוי באַזונגען, און אין ייִדישע בלײַ־שורות פאַרגאָסן, האָבן אַרײַנגעיאָגט אַ בלײַ־קײַלעכל אין זײַן לעניך־באַאָרדנטער ברוסט. אַרעס־טירט איז ער געוואָרן סוף 1948. לויט איין ווערסיע, האָט ער אויף דעם קעגן אים אינסצעניזירטן מישפּט געהאַלטן אַ מוטיקע רעדע פון כמעט אַ שעה צײַט, ביז ער איז צוזאַמענגעבראָכן. לויט אַ צווייטער — זאָל ער אין זײַנע לעצטע

טעג האָבן געוועזן אַראָפּ פון זינען און האָט ניט געוווּסט וואָס עס קומט פאַר מיט אים.

אויף דעם הינטערגרונט קען מען זיך מען אויסמאָלן די אַטמאָספער, אין וועל־כער פּרץ מאַרקיש האָט געלעבט און געשאַפן. ער איז געוועזן דער שטאַרק צו־זאָגנדיקער טאַלאַנט פון אַ נייער אויפקומענדיקער יידישער ליטעראַטור אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד. מאַרקיש, וואָס האָט אין יענער אידעען־וועלט געלעבט, האָט זיך צוגעוווינט צו איר זיך בייטנדיקער ליניע. זיין קינסטלערישע באַוואַטאַריש־קייט איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון דעם רעזשים. אפשר איז עס, שפּעטער, געוואָרן אַ מין כאַמעלעאָן־אַרטיקע צוגעפּאַסטקייט פון סאָוועטישן קינסטלער בכלל, אָבער אַ פאַקט איז אַז פּרץ מאַרקיש האָט זשאָנגלירט אויף דער „גענע־ראַל־ליניע" אַ סך לענגער ווי זיין פוילן אַנטלאָפענער און טאַלאַנטירטער קאָלעגע משה קולבאַק און אַנדערע יידישע שרייבערס, — און דערגאַנגען, גע־טריי, ביז דעם בלוטיקן סוף.

ד

דאָס וואָס לייוויק האָט אַרויסגעבראַכט פון די ליכטיקע קוואַלן פון יידיש־קייט, דעם אוניווערסאַלן הומאַניזם, מיט אַזאַ איינגעהאַלטענער שטילקייט, האָט עס פּרץ מאַרקיש געפּרווווט טאָן אימפּאַזאַנטער — שטייענדיק אויף אַ וועלט־אַרענע מיט אַ רויטער פאָן און אַ שטורעמדיקן באַראַבאַן. נאָך דעם חורבן האָט פּרץ מאַרקיש, כמעט ביים סוף, זיך יאָ דערלאַנגט אַ קער מיטן פּנים צום פאָלק — צום יידישן פאָלק פון קרעמער און הענדלער פון נעכטן, פון וועמען ער איז אין דער יוגנט געלאָפן און פון וועמען ער האָט געזוגגען מיט ביטערקייט און חוזק. זיי זענען שוין אָבער מער אויף דער לעבעדיקער וועלט ניט געווען. אין זיין גרויסן עפּאָס מלחמה מאָלט ער ליכטיקע יידן, אַפילו טראַדיציאָנעלע און פרומע יידן. זיי קומען אַרויס אין זייער הערלעכקייט און ערלעכקייט. עס ווייעט פון זיי די פאָלקס־גבורה, וואָס מאַרקיש האָט פאַרלייקנט אין זיין „ליניע"־ליטעראַ־טור, אָבער אין זיין אונטערבאַוווסטזיין האָט די אַ ליכטיקע יידישע וועלט גע־לעבט, ביז זי האָט געפונען אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצורייסן פון דער ענגשאַפט, אין וועלכער זי איז געווען איינגעקלעמט. דער „פּרייז" פון פּרץ מאַרקישעס אַנט־דעקונג פון גבורה־יידישקייט, איז געווען דער חורבן פון יידנטום אין מיזרח־איירָאָפּע. דעריבער טאַקע ווערט די מלחמה־טעמע פון פּרץ מאַרקיש אָנרעגנדיק, אינספּירירנדיק. צוזאַמען מיט טיפער געלייטערטקייט שטראַלט אַדורך אַ דינע דורכזיכטיקייט. ס'ווערט וואַרעם פון דער יידישער טרישאַפט, וואָס האָט זיך אַזוי ליכטיק צעשיינט אין זיינע לידער און פון זיין פּיעטעט צום יידישן פאָלק. דאָס זעט אויס צו זיין אַ נייער שעפערישער גאַנג — אַ גאַנג צו גאַנצקייט אין זיך, ווי אַ מענטש און אַ ייד.

די ערשטע פאַזע פון פּרץ מאַרקיש, ווי שוין אויבן געבראַכט, איז געווען אין שטימונג־לידער. האָבן שוין, גלייך ביי זייער אָנהייב, די לידער געהאַט אַ טבֿע

זיך אויסצוציִען, וואַקסן און פונאַנדערוואַקסן זיך אין פּאָעמעס, שפּעטער — גאַנצע ביכער, עפּישע ראָמאַנען אין פּערז. מאַרקיש איז געווען אַ שפּרודלדיקער קוואַל און זײַנע לידער־קלישעס זענען אין אָנהייב געווען אַ סך, ווי דאָס פלינקע אויג פון אַ יונגן מענטשן קען אויפכאַפּן. דעריבער די איבערחזרונגען און וואַריאַציעס אין זײַנע ערשטע ווערק, ווי אָפּגעדרוקט אויף דעם נעגאַטיוו פון דעם זעלבן געמיט, מיט מינאָרע טענער. ניטאָ קיין צו פיל בלויע הימלען, ניט צו פיל זון און ניט קיין צו פיל נאַטור־בילדער, אָבער דערפאַר אַזוי פיל קלוגע פאַרגלײַכן, געראָטענע סופּערלאַטיוון און מער ווי אַלץ — די שפע צעקלונגענע מוזיקאַלישע שורות, ווי מיר וואָלטן שטיין אונטער אַ גרין־צעבלעטערטן בוים און מיר הערן בפירוש ווי זײַנע זאַפטן ריזלען. דאָס איז פּרץ מאַרקישעס וווּנדער־לידער באַדן, וואָס טראָגט אין זײַנע וואָרצלען די רײַכקייט פון שאַפן, וואָס וועלן נאָך ברענגען בערג מיט זיסע און שיינע פּרות. אַזוי פילן מיר, בײַם לייענען זײַנע ערשטע לידער, דעם אָנזאָג פון דאָס גערעטעניש. און מאַרקיש האָט טאַקע גע־פלייצט און פאַרפלייצט זײַן ליטעראַרישן שטח ווי אַ שפּילעוודיקער קוואַל, מיט אויפברויז און אימפּעט, טאַלאַנט און האַרץ. עס איז אַן אָריגינעל מאַרקישער שטורעמשפּיל, פאַרפולט מיט ליריש־פאַרביקע בילדער.

ה

דאָס האַרץ פון דיכטער איז זינגעוודיק צעכראַסטעט. דער פּערז — מוזיקאַליש שטראָמיק, לידער — אַן אײַנגעהאַלטנקייט און אַן אָפּגעהאַלטנקייט, ווי די צעבושעוועטע כאַאָסטרעדיקייט וואָס רײַסט אײַן וועלטן. אַ מבול שטורעמדיקע שורות, מיט וועלכע ער קנאַלט איבערן קאָפּ פון דער אַלטער וועלט און וויל זי אויפרײַסן. אָבער דאָס איז מאַרקיש, אַזוי ווי ער איז, דאָס איז זײַן אייגן ליד, זײַן אייגענע עכטקייט — אַן אָנשטעל און אַן דיכטערישע חנדלעך. דאָס איז זײַן אופן ווי אויסצולאָדן זײַן דיכטערישן געמיט, אין גוטן גלויבן, אַז מיט דעם העלפט ער בויען די נײַע וועלט. אָבער דאָס האָט געדינט ווי אַ צוגרייט, ווי דאָס אויסשמידן די דיכטערישע כּלים פאַר דעם שפּעטערדיקן פּרץ מאַרקיש, דעם עפּיקער. דער שפּעטערדיקער מאַרקיש האָט אין זײַנע עפּישע ווערק אַרויסגעבראַכט וווּנדערלעכע קאַפּיטלען, בליציקע און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע, וואָס האָבן פונאַנדערגעוויקלט די עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע, ווי ער האָט זי געוואָלט זען. זי איז געווען פול מיט אידעאַליזם און פּאָזיטיוויזם, אַלע אירע העלדן ליכטיקע און פּאַטריאָטישע, די אַנדערע — דורכויס נעגאַטיווע און אַן אַ שטראַלבעלע ליכט.

מיט זײַנע ערשטע צעשויבערטע לידער האָט ער זיך ווי דורכגעשטורעמט מיט הפקר דורך אַ משוגענער וועלט פון הפקר. אָט טוט ער אין איינע פון זײַ ציניש אַ פרעג: „האָסט אַ ווייטעק?“ און ענטפערט: „נעם באַשפּײַ אים!“ און — „האָסט אַ שטיקל האַרץ? / פאַרשווײַג עס!“ און „טו זיך אויס, די העמד

צעכראַסטע, / שמאַטעס פֿונעם לײַב אַראָפּ!... / איך בין אויך אַ שײנער גאַסט דאָ, / פֿאַר אַ גראָשן קויף מײַן קאָפּ!...” ער איז דעמאָלט געװען 22 יאָר אַלט. ער האָט גערעדט מיט אויסרוף־צייכנס. אָבער 35 יאָר שפּעטער, ווען זײַן ייִדיש האַרץ און זײַן ייִדיש וואָרט האָבן, אין קאָנפּראָנטאַציע מיטן גרויסן חורבן, זיך אויסגעלײַטערט און אויסגעליכטיקט, איז ער שוין אַליין געלעגן באַשפּיגן מיטן גאַוועד און צעלעכערט פֿון די קוילן פֿון זײַן בלוטיקן רעזשים, און קיינער וואָלט שוין פֿאַר דעם טריף־קאָסמאָפּאָליטישן קאָפּ קיין גראָשן ניט באַצאָלט. אין זעלבן יאָר, אין 1917, ווען ער האָט אָנגעבאָטן אין הפֿקרדיקער מוטוויליקייט צו פֿאַר־קויפֿן זײַן קאָפּ, געפֿינען מיר צווישן זײַנע לידער אַ פֿאַרבענקט לידל אויף דעם אַלט־האַרציקן ייִדישן ציגעלע־מאָטיוו: „מיך האָט פֿאַרנאַרט / בײַנאַכט / דער מולד / מיט אַ שניי־ליד... // פֿירט מיך קלאָר־ווײַס ציגעלע / פֿון מײַן גאָלדן וויגעלע, / פֿירט מיך אַרום האַנדלען / ראָזינקעס מיט מאַנדלען. // ווײַט, בײַ־נאַכט, מיסתּמא, / כאַפּט זיך אויף מײַן מאַמע אַ־אַ־, אַ־אַ, מאַמע —/ אונטער מאַמעס וויגעלע / שטייט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע, / ציגעלע געגאַן איז האַנד־לען / ראָזינקעס מיט מאַנדלען... // וויגט די מאַמע ס׳וויגעלע, / וויגט אַ ליידיק וויגעלע... / איך מיט קלאָר־ווײַס ציגעלע / גייען אַרום האַנדלען, / גייען ערגעץ האַנדלען / ראָזינקעס מיט מאַנדלען...” אַוודאי איז ער צו אַזאַ ליד ניט געקומען אויף דעם וועג פֿון זײַן שטורעם. אַזעלכע לידער זענען בײַ אים זעלטענע געסט. צאַרט־שטילע פֿאַרבענקטע שורות ווירקן אָבער שטאַרקער ווי אַ גאַנצער ציקל פֿון די איבערגעחזרטע מאָטיוון, וואָס זענען געשריבן מיט אימפּעט און הפֿקר, ווי אויפֿן ווינט. דאָס ציטירטע ליד איז ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן יענצײַ־טיקע דיכטונג, אָבער עס איז אַן אָנווונק אַז בײַם דיכטער אין האַרצן ערגעץ טוט נאָך די אַלטע בענקשאַפֿט אַ פּיק, — אַ פּיק און ווערט פֿאַרשוויגן. די טראַסקעדיקע סיגנאַלן פֿון די רישטאָוואַניעס און די סינאָגימען פֿון דער סאָ־וועטישער בויונג האָבן פֿאַרשלונגען אַלע בענקשאַפֿטן. אינטערעסאַנט, אַז זײַנע לידער האָבן כּמעט אַלע אין זייער טיטל דאָס וואָרט לעצטע. נאָך דעם ציקל „אויפֿשריפֿטן אויף מצבֿות“, מסתּמא די מצבֿות פֿון זײַן אַלטער וועלט, קומען: „לידער וועגן לעצטע“ — „די לעצטע האָפֿענונג“, „די לעצטע זאָרג“, „דאָס לעצטע געשריי“, „די לעצטע דערמאָנונג, „די לעצטע באַגעגעניש“ א״אַ פֿון דעם מין. אָבער דאָך איז עס ניט לעצטקייט. אין די לידער איז מאַרקיש אָפּטימיסטיש, מיט לעבנסלוסט, מיט פֿרייד און דערוואַרטונג. מיט אַלע זײַנע חושים פֿילט ער די אײַנגעוואָרצלטקייט אין לעבן און ער איז באַוווסט פֿון זײַן כּוח: דאָס שפּרודל־דיקע לעבן איז אין אים און פֿאַר אים.

ז

אין זײַנע ערשטע נאָך רעוואָלוציע־יאָרן האָט ער שוין באַוויזן אָפּצודרוקן אַ פּאָר לידער־ביכער. שפּעטער ערשט זענען געקומען די שוין דערמאָנטע כאַ־ליאָסטרע־יאָרן אין פּוילן. אַ בולטע גרענעץ־ליניע טיילט אָפּ די יאָרן פֿון זײַן

ערשטן שעפערישן פּעריאָד, ביז 1925. נאָך 1926 קומען שוין אַ״ג נײַע לידער, ראשית, דריקט זיך עס אויס אין דער טעמאַטיק גופא. ער זוכט אַרויסצושפּײַען און צו באַשפּײַען די אַלטע וועלט. ער מעסט אָן אויף זיך די סאָוועטישע קאַזיאָנע פּאָעטישע טעמע: אין זײַן ליד טוט ער אַ מיש אַרײַן דאָס גאַנצע פּסולת פון דער „הייליקער פּאָליטגראַמאָטע״ מיט מענגעס בילדער און ווערטער, אין וועלכע עס ליכטיקט נײַט די דיכטערישע וויזיע. די סופּערלאַטיוון, די סימבאָלן, די אַטריבוטן בלײַבן ווי בערגלעך רויע וואָפּנע, ליים און ציגל. פליענדיק צו די הייכן פון סאָציאַליסטישן בנין, פאַרלירט ער דעם דיכטערישן לײַכטן שווונג. אָבער זײַן גוואַלדיקער טאַלאַנט דעקט אויך דאָס פעלן פון גײַסטיקן פלי.

דאָס זענען געווען לידער, וואָס האָבן אפשר באַפרידיקט פרץ מאַרקישעס צעברויזטן אימפּעט, אָבער קיין קינסטלעריש שעפערישן תיקון האָבן זיי אים ניט געגעבן. זײַן ריטעם האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין נײַעם רעאַליסטישן נוסח פון דער בויונג, ער האָט ווידער אַ מאָל געפּרווט אַרויסשלאָגן ייִדיש־האַמערדיקע שורות. ווען מיר לייענען עס הײַנט, ווירקט עס ניט נאַטירלעך, ווי געשריי. די באָמבאַסטישע שורות און לאָזונגען האָבן צעפליקט די דינע אײדעלע סטרונעס פון זײַן געזאַנג און געטויט די נשמה פון ליד. ער איז געווען ווי אַ שמעטערלינג וואָס זויגט פון האַרטן שטיין.

פרץ מאַרקיש האָט אָבער פאַרמאָגט די מתנה פון גלויבן און דעם כּוח פון האַרטן ווילן. ער האָט זיך דורכגעריסן, דורכגעבויערט זיך אַ וועג און מיט לײַב און לעבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין געווירבל פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. אָן רעזערוואַציעס האָט ער זיך געווידמעט זײַן „מורדיקן דור״, ווי ער רופט אים. זײַנע ווערטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן ווי פלאַם, מיטן הייסן אָטעם. זײַן ליד האָט זיך אַ וואַלגער אָן געטאָן ווי אַ קאַלאַס. די לירישע פײַן־מענטשלעכע סטרונע איז ווי אין גאַנצן פאַרשטומט געוואָרן. זײַן קריכן אויף די הייכע רישטאָוואַניעס און פון דאָרט אַראָפּ רעפּעטירן די ווירקלעכקייט אין גראַמען, אויב אַפילו גוטע און שטאַרקע גראַמען, האָט זײַן ליד רחמנותדיק נאַקעט געמאַכט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגער בילדער־פּלאַקאַט, ווו בעטאָן, אײַזן און ציגל האָבן פאַרשטעלט דעם דיכטער און זײַן חלום. דאָס איז געווען די צרה פון דער סאָוועטישער קונסט בכלל, וואָס זי האָט פון זיך געטריבן דעם חלום און די וויזיע און ניט געגעבן דעם שעפער גענוג פרײַהייט זיך אויסצולעבן אין זײַן נשמהדיקער וועלט. אַלץ איז געווען סטאַנדאַרט, דאָגמע, פאַרטייִישע ליניע. עכטע קונסט האָט ניט געקענט אָטעמען אין אַזאַ לופט. דאָס איז געווען די קללה פון פרץ מאַרקיש, און אַלע אַנדערע שאַפערס, וואָס האָט זײַן גײַסט און טאַלאַנט אָנגעצויגן ווי אַ מעטאַלענע ספּרוזשינע און געאַרבעט לויט פאַרטייִישע נאָרמעס, לויט ליטעראַרישע פריקאַזן. וואָלט אָבער פרץ מאַרקיש זײַן שעפערישע ענערגיע אַרײַנגעטאָן אין לירישן איך־מאָטיוו, וואָלטן זײַנע דעמאָלטיקע לידער נאָך הײַנט געווען פריש און פאַרהיט זייער ווערטיקייט. פאָעמעס פון זײַן דור האָבן אפשר געזעדט צו זײַן דור, אָבער בשום־אופןריידן זיי ניט מער צו הײַנטיקע

ייִדישע מענטשן, און כ׳בין כּמעט ווי זיכער, אַז אויך ניט צו די סאָוועטישע ייִדן, פּונקט ווי צו די רוסן רעדט ניט יענע צײַט און יענע לידער, אין רוסיש.

## ז

מיט זײַנע פּאָעמעס פון די סוף צוואַנציקער יאָרן מעסט מאַרקיש יעדן שטאַפּל פון דער רעוואָלוציע. אָט — אַ ציקל צו „די ערשטע צען יאָר", שפּעטער — צו די צוועלף יאָר. ער פאַרכליניעט זיך מיט גאַנצע שטראָמען ווערטער פון דעמאָלטיקן סאָוועטישן בוי־לעקסיקאָן. אין 1929 באַזינגט ער די „חכמה פונעם לאַנד", וואָס מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז עס געוואָרן „די חכמה" פון איין מענטש, וואָס האָט אין זײַן שטאָלענער פויסט געהאַלטן פאַרדריקט דעם גורל פון מיליאָנען.

צו דער זעלבער צײַט דערשײַנט זײַן ערשטע גרעסערע עפּישע ווערק ברידער. מעטאַל און ציגל ווערן פאַרביטן אויף דעם לעבעדיקן מענטש און זײַן סבֿיבֿה. די טעמע איז אין שאַבלאָן פון יענער צײַט: ייִדישע אַרבעטער־קינדער, וואָס שטאַמען אָפּ פון דער אָרעמקייט, ברענגען זייער לעבן אַ קרבן אויפן מזבח פון דער צעפלאַקערטער רעוואָלוציע. מיט דעם האָט מאַרקיש געצאָלט צינדזן דער רעאַליסטישער טעמאַטיק, וואָס האָט געזאָלט מיט קינסטלערישע מיטלען פאַר־אייביקן דעם רעוואָלוציע־גײַסט. עס איז פאַראַן אַטמאָספער און דער פּאַטאָס פון די גלייביקע, אויב אַפילו זיי שרײַבן לויט אַ מלוכישן רעצעפּט.

פּרץ מאַרקיש האָט מיט זײַן גרויסן טאַלאַנט און שעפערישן אינסטרומענט — דאָס רײַכע לשון, געבלאַנדזשעט אין פרעמדע, כאָטש אים באַענטע און ליבע וועלטן. מאַרקיש פאַרגיסט מיט אַ מבול פון געזאַנג, וואָס פּלייצט אָן ווי אַ ווילדער געוויטער, ווו צו מאָל טוט אַ בליץ אַ לירישער רעפלעקס פון דער רגע, וואָס פאַרצוימט דעם שטורעם. מיט איין אָטעם צעלאָזט ער זיך איבער די ברייטע אויסשפּרייטן פון שטחים, ווי די רוסישע סטעפּעס. זײַן ליד וואַקסט אויס צו אַ פּאָעמע, און די פּאָעמע ווערט אַ בוך־טעריטאָריע אויף אים וואָלט געפּאַסט דער זאָג: די־כטער־סטאַכאַנאָוועץ...

אין ברידער, פאַרמעסט ער זיך, אויף אַ סך צענדליגער זײַטן, צו דער־ווײַזן דעם אָביעקטיוויזם פון דער רעוואָלוציע און דעם ייִדישן צושטײַער צו איר. עס איז פאַראַן קינסטלערישער אמת, אָבער עס פעלט וויזיע און חלום. אין דעם טייג פון רעאַליטעט און ליריזם און איז ניט פאַראַן גענוג אידעיִשער קליי, וואָס זאָל ביידע שאַפערישע עלעמענטן צוזאַמענהאַלטן.

פּרץ מאַרקיש איז געווען אַ זעלטן פּרודוקטיקער שרײַבער כּמעט אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנערס. אין זעלבן יאָר פון אַרויסגעבן די ברידער דערשײַנט אויך זײַן פּראָזאַיִש ווערק פון סאָוועטישן לעבן דור איין, דור אויס. דער דאָזי־קער ראָמאַן איז אויך אויף דער זעלבער טעמע פון סאָוועטישער רעאַליסטיק, נאָר די פאָרעם איז פּראָזע. אין זײַנע אַלע ווערק איז ער געגאַנגען אין שפּאַן

און אָפּגעהיט די „ליניע". אין אַלע צײַטן, בעת אָפּענע צי געהײמע „טשיסטקעס" האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט די פּען פון האַנט. פון זײַן פלינקער פּען איז אין 1940 אַרויס די פּאָעמע װעגן סטאַלינען, אַ גרויסער למנצח צום געניאַלן פּאַ־טערל פון די פעלקער, אויף פולע 96 זײַטן. מיט אַ יאָר פריִער איז מאַרקיש דעקאָרירט געוואָרן מיטן לענין אָרדן. אַזוי האָט ער קונציק געשפּרײַזט איבער דער „ליניע", וואָס איז געווען אַנגעצויגן איבער די תּהומען פון דער סאָוועטי־שער ווירקלעכקייט. זײַן שטערן האָט זיך נאָך רויטער פונאַנדערגעגליט און זײַן אָנערקענונג האָט דערגרייכט איר קלימאַקס.

1939־1940. די ברוינע וואָקכאַנאַליע אין אייראָפּע האָט שוין געבושעוועט. די נאַציִשע דײַטשלאַנד איז געוואָרן „חבֿר" מיט דער רויטער רוסלאַנד און מ׳האָט זיך אײַנגעטײלט מיט פעטע חלקים פון דער צעפּליקטער פּוילן. און איין טאָג איז געקומען, ווי אַ דונער פון לויטערן הימל, דער איבערפאַל פון דעם ברוינעם מאָנסטער אויף זײַן נעכטיקן רויטן שותּף. די ייִדישע טראַגעדיע האָט זיך אָנ־געהויבן מיט אַזאַ פאַרנעם, וואָס האָט איבערגעשטיגן די ווילד־טײַוולאָניסשטע פאַנטאַזיע. אין יענע שוידערלעכע גזר־טעג האָבן די ייִדישע שרײַבער און קינסט־לער אין רוסלאַנד דערפילט דעם שותּפישן גורל פון אַ יין ייִדיש־פאָלק.

ח

דער ייִדישער אומקום האָט צענומען, צערירט די הערצער פון די פּאָעטן, פון די שרײַבער, פון די קינסטלער, וואָס האָבן אויף ייִדיש לשון אַלע יאָרן געשמידט פרעמדן, קאַלטן וואָפּן, געזונגען פון אילוזאָרישן גליק פון ייִד אין אינטערנאַ־ציאָנאַל פון די סאָוועטישע פעלקער. זייערע אויגן האָבן זיך געעפנט און אין פײַער פון פאַרלענד האָבן זיי דערזען די קוואַלן פון ייִדישער גבֿורה און קדושה. זיי האָבן ווידער דערפילט די לעבעדיקע וואָרצלען פון זייער שטאַם און אָפּשטאַם. אין טרויעריקן ליכט פון דער קאַטאַסטראָפע האָבן זיי דערזען די היסטאָרישע הערלעכקייט פון פאָלק. די גרויסע פאָלקס־געשטאַלטן פון נעכטן און הײַנט זענען מיט אַ מאָל געוואָרן די העלדן אין דער סאָוועטיש ייִדישער ליטעראַטור — בר־כּוכבֿא, רבי עקיבֿא, מרדכי אַנילעוויטש א"אַ. געוויס איז עס נאָך ניט געווען פולע פרײַהייט. מ׳האָט נאָר אַרויסגעהויבן דעם אויפשטענדלער און זײַן קאַמף קעגן דער שקלאַפישער רוים. אָבער אין מאָטיוון פון רעוואָלט האָט זיך שוין דורכגע־זיפּט דער לויטערער ווייטיק און די ליכטיקע טרערן פון די סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבערס. צום ערשטן מאָל האָבן זיי דעקלאַרירט אָפן און מיט אַ געוויסן שטאָלץ זייער ייִדישקייט. און מאַרקיש, וואָס איז געווען פון די ראָש־המדברים צווישן די ייִדישע שרײַבערס, האָט דעם מאָמענט אַרײַנגעפּירט אין זײַנע נײַע ווערק.

מאַרקיש איז נאָך אָבער אַלץ געווען פאַרשיכּורט מיטן סאָוועטישן אַלגעמיי־נעם פּאַטריאָטיזם, ווי פריִער מיט דער צעבושעוועטער רעוואָלוציע. בעת דער רעוואָלוציע האָט ער נאָך אָבער געהאָט זײַן מיליע, זײַנע ייִדישע „העלדן", זייער

שטעטל, זייער היים, אַפילו אויב מיט דעם נעגאַטיוון טיפּ פון ראָש־הקהל, דעם בעל־הבית און אויסנוצער. אין 1943 האָט איין גורל אַלעמען פאַראייניקט — אַלע ייִדן — דער ייִדישער גורל. אין מיטן פון דער מלחמה און נאָכן זיג פון סטאַלינ־גראַד, איז דערשינען אַ לידער־בוך פון מאַרקישן: פאַר פאָלק און היימלאַנד דאָס האָט נאָך געהאַט דעם ליטעראַרישן „פעטשאַט" פון דער באַקאַנטער פאַטריאָטישער ליריק, אויף וועלכער מאַרקיש איז געווען אַ ספּעציאַליסט. דאָ האָט ווידער אַ מאָל זיך צערעוועט דער ראַדיאַ־הילכער און ס׳פּאַטערל פון די פעלקער האָט געמעגט זײַן צופרידן הערנדיק זײַן לויב. אָבער די גרויסע ייִדישע לײַדן, ייִדישע גבֿורה און ייִדישער ווײַ זענען נאָך ניט געקומען צום אויסדרוק ווי ס׳האָט געזאָלט זײַן.

דאָס איז ערשט געקומען 5 יאָר שפּעטער, טאַקע דורך פּרץ מאַרקישעס פּען. אין 1947 איז אַרויס פּרץ מאַרקישעס קרוינווערק, זײַן שוואַנענליד, וואָס האָט אים אפשר געקאָסט זײַן לעבן. דאָ איז שוין פאַראַן ייִדישער גורל, ייִדישע גבֿורה און קדושה. עס איז דאָס גרויסע צווייבאַנדיקע ווערק אין דער פאָרעם פון אַן עפּישער פּאָעמע, ווו ער וויקלט פונאַנדער גאָר ברייטע לײַוונטן פון די מלחמה־געשעענישן און חורבן. ער פלעכט אַרײַן אויך שטיקער פון עבֿר, אַ מין קייט פון דורות, פון רוס און ייִד, וואָס לעבן און שטאַרבן אויף דער זעלבער ערד. דאָס ווערק הייסט מלחמה און דאַרף זײַן די שפּעטערישע רעהאַביליטאַציע פון מאַרקישן פאַר אַלע יאָרן פאַרמיאוסן זײַנע באַלעבאַטישע ייִדן און נעכטיקע ייִדישע היימען, וואָס זענען געלעגן אין חורבֿות, און אויך פאַר זיך בוקן יאָרן צו די פרעמדע געטשקעס, הגם אין מלחמה איז נאָך פאַראַן דער אויגן־גלאַצערישער אַרויפקוק צום געץ.

אויף דער שוועל פון זײַן אייגענעם, נאָך אין אומבאַוווסטקייט פאַרוויקלטן גורל פון נאָענטן מאָרגן, האָט ער דערזען די גרויסע טראַגעדיע פון זײַן פאָלק. ער האָט אַרויסגעבראַכט די הערלעכע ייִדישע געשטאַלטן מיט די קרעפטיקסטע טענער פון זײַן טאַלאַנט. די אָפּערוווליקייט פון ייִד ווי אַ ייִד, זײַן זעלבסטבאַ־וווסטזײַן און זײַנע ערלעכע נאַציאָנאַלע און אויך — געוויינלעך — סאָוועטיש־פּאַטריאָטישע געפילן. מיט די ווערק האָט ער אַרויסאַנטפּלעקט כּבֿוד און רום פון זײַן ייִדישן און דיכטערישן שטאַלץ.

## ט

מלחמה איז חוץ דעם קינסטלערישן טריומף פון פּרץ מאַרקיש, נאָך מער — דער צוריקקער פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן, דאָס באַזיניקן זיך און אַ שפּיל טאָן אָפן מיט די נאַציאָנאַלע געפילן פון ייִד. אַוודאי וויקלט ער נאָך זײַנע העלדן אין כּשרע עטיקעטן פון פּאַרטייִישער טרײַשאַפט און סאָוועטישער פּאַטריאָטישקייט. נאָר די גוטע ייִדישע לייענערס פון נאָך מלחמה און נאָך חורבן־מאַרקיש, קע־נען זיי לײַכט אַרויסוויקלען פון פּאַטעטישן ווערטערקנויל און דערזען מאַרקישעס העלדן אין זייער ייִדישן ציטער פאַר היים, פאַר ווײַב און קינד. מיר זעען זיי אין דער פּשטות פון זייער לעבן, פון זייער טיף ייִדישן גלויבן און בטחון. מיר

זענען זיכער, אַז זײַן מלחמה־עפּאָס וואָלט הײַנט געווען יידיש קאָנצענטרירטער און טראַגישער, ווען מאַרקיש אַליין וואָלט אים געקענט געבן אַ תּיקון און אַרויס־שלײַדערן אויפן מיסטהויפן זײַנע אייגענע געצנדינערישע שורות צום רעזשים און צום רויטן הענקער, צו וועמען ער האָט געזונגען אָדעס.

ער איז ערשט געווען אַרײַן אין די 50ער, ווען זײַן מלחמה איז דערשינען, אין מאָסקווע. אין 1948, צו 53 יאָר, איז ער מיט די אַנדערע יידישע שרײַבערס, פון „אייניקייט״, אַרעסטירט געוואָרן. דער מאַן, וואָס האָט אויף זײַן ברוסט גע־טראָגן די קמיע פון רעזשים — דעם לענין־אָרדן — איז מיט איין מאָל פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַספּאַרטלאָזן קאָסמאָפּאָליט, אַן אַ נאָמען און אַן אַן עבֿר. דער מאַרקיש, וואָס האָט געברענט מיטן שאַפערישן סאָציאַליסטישן פלאַם, האָט דערפילט אויף זײַן הויט די לעקנדיקע פײַער־צונגען פון דער רויטער אינקווי־זיציע. דאָס הימלאַנד און דאָס פאָלק, צו וועמען ער האָט געזונגען מיט אַזוי פיל צוטרוי און גלויבן, האָט געפּרוווט אַרויסברענען פון זײַן גוף און מאַרך דאָס פּינ־טעלע ייִד וואָס האָט זיך אויפגעוועקט בעת דער מלחמה און געקומען צום אויס־דרוק אין זײַן מלחמה. די אייביקע שורה אין זײַן דראַמע, דער אויפשטאַנד אין געטאָ, פון זײַן העלד הירש גליק: זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג! — איז געוואָרן דער איינער און אַ לעצטער וועג.

פּרץ מאַרקיש איז נאָך געווען פול מיט שעפערישן דראַנג און דער שטורעם פון יוגנט אין זײַן ברוסט איז נאָך ניט געווען פאַרשטילט, ווען זײַן „פּאַטראָן״ האָט זײַנע פליגל צעבראָכן. 4 יאָר האָט ער געבלוטיקט אין די פינצטערע קאַ־זעמאַטן פון זײַן עך־קאַ־ווע־דעזשער הײמלאַנד. מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסעלע פאַנטאַזיע זיך פאַרצושטעלן וואָס אַזאַ ברויזנדיק געמיט, ווי פּרץ מאַרקישעס, נאָך פול מיט וויטאַלע כּוחות און קלאַנגען פון שאַפן, האָט דורכגעווייטיקט אין די 4 יאָר תּפֿיסה. דאָרטן האָט ער, מסתּמא, אין די גלײַכע מינוטן, צווישן זײַן און וואַנזין, דערזען דעם גרויסן אמת פון איין יידישן גורל און איין גלות.

האָט ער, אפשר, אין איין מאָמענט אַזאַ געטראַכט מיט די שורות פון זײַן לעצטן אויפשטענדלער אין געטאָ: „דאָ זײַנען אַלע, ביז די אָבֿות פון דער וועלט. / פײַער וויקלט זיך — אַ וואַליק אויף אַ וואַליק, / און ס׳קלאַפּט נאָך אַלץ צום כּסא הכּבֿודס שוועל / די „שחיטה־שטאָט״ פון חיים־נחמן ביאַליק...״

פּרץ מאַרקיש איז געווען איינער פון די לעצטע יידישע שרײַבערס אין דער רויטער שחיטה־שטאָט. ווער ווייסט אונדז דערציילן ווי ס׳האָט געיאָמערט זײַן ייִדיש האַרץ, ווען ער האָט געוואָרפן זײַנע אַנגעשאַרפטע שפּיציקע ווערטער דעם הענקער אין די אויגן. מסתּמא האָט ער דעמאָלט דערזען, אַז אַלע הענקער פון דער וועלט זענען די זעלבע און די שחיטה־שטאָט איז אומעטום די זעלבע. און פּרץ מאַרקיש וועט בלײַבן דער טרויעריקער סימבאָל פון שותּפֿישן יידישן גורל.

פון כּתבֿ־יד, 1966.

• רעפעראַט, געלייענט אין יאָהאַנסבורג, קייפּטאָן א״אַ, 1967־1968.

# עזריאל נאַקס — דער גאַנצער ייִד און מענטש

## א

ס'לאָזט זיך פּשוט ניט אַנדערש ווי אָנהייבן מיט אַ פּערזענלעכע נאָטע: מײַן ערשטע פּנים־אל־פּנים קאָנטשאַפֿט מיט עזריאל נאַקס. פֿריִער איז געקומען אַ קורצער בריוו־קאָנטאַקט, שוין פֿון די לעצט־שפּעטיקע וואָס כ'פֿיר מיט פֿען־מענטשן איבער דער וועלט, אין סוף פֿון די 70ער יאָרן. ס'איז געווען „עפּעס" אין שײַכות מיט די צוקונפֿט, ווען עזריאל נאַקס האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון פֿאָרזיצער פֿון דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. זײַנע בריוועלעך זענען געווען קורצע, זאַכלעכע, וואָס האָבן גלײַך אָנגעשלאָגן אַ טאָן פֿון פֿרײַנדשאַפֿט.

אין מיטן יוני, 1979, ווען ס'איז שוין געווען כּמעט צום סוף פֿון זײַן לעקציעטור אין דרום־אַפֿריקע, האָבן מיר זיך אָפּגערעדט, דורכן טעלעפֿאָן, צו טרעפֿן בײַ אים אין האָטעל. ווען כ'בין געגאַנגען צום האָטעל, האָט אַ פֿראָסטיקער שטאַרקערווינט, ווי ס'טרעפֿט אין דער צײַט פֿון יאָר, כּסדר פֿאַרהאַקט דעם אָטעם און מיך געוואָלט אומוואַרפֿן. קוים זיך דערקליבן צום האָטעל, אַנגעקלאַפּט אין טיר און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער בין איך אַרײַן, און געפֿונען דעם בעל־הבית פֿאַרקוטשעט אין דעקעס ביז איבערן קאָפּ. אין צימער האָט טאַקע קיין ווינט ניט געבלאָזן, אָבער אַ בײַסיקע קעלט איז געהאַנגען איבער די ווײַסע ווענט און אונטערן הייכן סופֿיט. ער האָט אַרויסגעשטעקט אַ האַנט פֿון אונטערן דעקעס־אַנוואַלגער און געזאָגט: — מ'קען דאָך בײַ אײַך פֿאַרפֿרירן ווערן. און תּיכּף צוגעגעבן: — געכאַפּט אַ שטיקל פֿאַרקילונג, און דאָ איז ממש סיביר...

מײַן יום־טובֿדיקער ברוך־הבא געמיט, צו זײַן קומען אין דרום־אַפֿריקע, איז פּלוצלינג געוואָרן שווערמוטיק. כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן נאַקעטן שטול, אין מיטן צימער. עזריאל נאַקס האָט אַ פּנים דערפֿילט מײַן שטימונג, האָט ער אַ שאַר געטאָן פֿון זיך די דעקעס און געבליבן זיצן אין צעקנייטשטן כאַלאַט. ער האָט געזאָגט: — לכּבֿוד אײַך בין איך שוין ווידער געזונט. איז לאָמיר איצט אַ שמועס טאָן: צו ערשט דערציילט איר, ווי גייט אײַך דאָ?

ס'איז אַריבער אַ לאַנגע צײַט אין אַ וואַרעמען שמועס, וואָס האָט אונדז דערנענטערט און געמאַכט אינטים כּמעט. ביידע האָבן מיר פֿאַרגעסן אַז ס'איז קאַלט. בײַם געזעגענען זיך האָב איך דערפֿילט אַ מין לײַדיקייט אין צימער.

— וואָלט איר אפֿשר געוואָלט אַ בוך, אַ צײַטונג, אין עפּעס אַרײַנקוקן?

— ווען ס'איז קאַלט דעם גוף, איז אויך קאַלט אויף דער נשמה, — האָט ער פילאָסאָפיש מעדיטירט...

כ'בין האַסטיק אַראָפּ אונטן און אים גלייך געבראַכט די יאָהאַנעסבורגער ענגלישע טאָגצייטונג "סטאַר". ער האָט צופרידן זי געבלעטערט און געזאָגט:
— אַזאַ גרויסע צייטונג ביי אייך, ניט קלענער ווי "ניו־יאָרק טיימס". — יע, — האָט ער זיך דערמאָנט, — קורץ פאַר מיין אָפּפאָר פון ניו־יאָרק האָב איך געקראָגן אייער בוך. ניט געהאַט ווען אַריינצוקוקן. דאָ וואָלט מיר געקלעקט צייט אויף פאַר דעם — —

שפּעט נאָך מיטאָג האָב איך אים געבראַכט אַ בוך: — אָט, איר קענט כאַפּן אַ בליק אַריין.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק. יע, כ'קען זיך ניט אָפּרייסן פון אייער "סטאַר". כ'האָב אַנטדעקט אַ גאַנצן אוצר: צוויי זייטן וועגן די וויכטיקסטע ביכער, וואָס גייען אַרויס אין אַלע זשאַנערס, איבער דער גאַנצער וועלט.

— וואָלט איר האָבן חשק אין דער מיליאָן־טיראַזשיקער צייטונג שרייבן וועגן מיין בוך? — האָב איך געפרעגט.

— ס'וואָלט געווען אַן עניך, — האָט נאַקס געזאָגט, — אָבער נאָר מיטן תּנאי אַז ס'וועט זיין געדרוקט. — —

אַז כ'בין אויף מאָרגן פרי געקומען, האָב איך נאַקסן געטראָפן אין אַן אויפ־געמונטערטער שטימונג. אין צימער איז געווען וואַרעם. ער האָט איצט אויס־געזען פריש און געזונט. ער האָט מיר אויפגענומען מיט אַ בשורה: — איר ווייסט, אַ גאַנצן אָוונט געלייענט אייער בוך. ס'האָט מיך דערוואַרעמט, מער ווי דער הייצער דאָ, אין צימער.

— ווילט איר אפשר גאָר ריידן מיטן רעדאַקטאָר פון די ביכער־קאָלומנעס אין "סטאַר"? כ'קען אים.

— ניין. וואָס וועל איך אים זאָגן? ער וואַרט מסתּמא ניט אויף מיין לויב אַזש פון ניו־יאָרק...

— וועל איך אים טעלעפאָנירן און פרעגן צי ער וועט דרוקן אַ קורצן עסיי וועגן מיין בוך — טאַקע שוין.

גלייך אויף אָן אָרט, פון האָטעל־צימער, האָב איך טעלעפאָנירט און גע־קראָגן דעם רעדאַקטאָר. כ'האָב אים פאָרגעשטעלט פּראָפעסאָר נאַקס, און גע־זאָגט, אַז פון זיין האָטעל־צימער קלינג איך עס. כ'האָב תּיכּף געקראָגן אַ פאַר־זיכערונג אַז ער וועט זיינעם אַן עסיי אָפּדרוקן.

עטלעכע טעג נאָך עזריאל נאַקס אָפּפלי צוריק קיין ניו־יאָרק, איז געווען פּראָמינענט געדרוקט זיין עסיי וועגן מיין בוך אין די ביכער־קאָלומנעס פון "סטאַר", וואָס ער האָט אַזוי באַוווּנדערט. — —

אַזוי איז פאַרגעקומען אונדזער ערשטער, קורצער צוזאַמענטרעף אין יאָ־האַנעסבורג.

## ב

עזריאל נאַקס איז אַ זעלטענער מענטש, אַ זעלטענער פֿרײַנד און אַ זעלטענער קולטור־עקזעמפּלאַר, וואָס איז איבערגעבליבן ווי אַ פּאָר פֿון דעם ייִדיש אימיגראַנטישן דור אין אַמעריקע, בײַם סוף פֿון לעצטן און אָנהייב פֿון איצטיקן יאָרהונדערט. ער איז איינער פֿון די יקר־המציאות־ייִדן, וואָס האָבן אונדזער ייִדישע ציוויליזאַציע און אונדזער ייִדישן נאָמען — און טאַקע דורך ייִדיש — גרויס געמאַכט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. עזריאל נאַקס, אַזוי ווי זײַן עלטערער פּירגייער און ייִדיש־קאָפּאַטריאָט, א. א. ראָבאַק, איז אַ וווּנדערלעכער מוסטער פֿון דעם פּערפֿעקט ענגלישן אינטעלעקטואַל, וואָס די שטאַרקע השפּעה פֿון ייִדיש לשון איז אַן אָרגאַנישער קאָמפּאָנענט פֿון זײַן ווירקונגקרײַז. אַ דאַנק אַזעלכע געלערנטע פֿון ראָבאַק־נאַקס־שניט, איז די ייִדישע קולטור און ייִדיש שאַפֿן אויך אַרײַנגעדרונגען אין דער ענגליש־רײדנדיקער ייִדישער סבֿיבֿה, הגם זי איז פֿיזיש, מער ווי גײַסטיק, געווען באַשרענקט אין אויסשפּרייט. עזריאל נאַקס און זײַנס גלײַכן, האָבן דורך דער דיסציפּלין פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג־ און ־שאַפֿונג, פּאַראַלעל צו ענגליש, אויסגעברייטערט און פֿאַרטיפֿט די אויטאָריטעט פֿון ייִדיש לשון. מ׳טאָר דערבײַ ניט פֿאַרגעסן, אַז אַזאַ ייִד ווי עזריאל נאַקס, איז בײַזאַמען מיטן אויפֿשטײַג ווי אַ געלערנטער און גײַסטיקער וועגווײַזער, אויך געבליבן דער פּשוטער ייִדיש־נשמהדיקער פֿאָלקסמענטש — אַן אַמעריקאַנער ייִד. אַוודאי האָבן די געזונטע און שטאַרקע היימוואָרצלען צוגעבונדן דעם ייִנגל, וואָס איז געבוירן אין ראָגאַטשאָוו און צו זײַנע 6־7 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, מיט אַ קנופּ פֿון ייִדישער פֿאָלקישקייט צו זײַן נײַער היים. אָבער ס׳איז בשום־אופֿן ניט געווען, פּראַקטיש און פּסיכיש, אַ צוויי־היימיקייט, פּונקט אַזוי ווי די נשמה איז ניט געווען צעשפּאָלטן אין צווייִקייט. חוץ די אַטאַוויסטישע שרשים האָבן דאָ געווירקט צוויי שטאַרקע פֿאַקטאָרן: דער אַרויסקום, אין זינען פֿון משפּחה־ייִחוס, דער טאַטע דער מלמד, און — דער יסוד — דער חדר. דער אַ הינטערגרונט פֿון אַ טראַדיציאָנעלער היים, האָט אויפֿגעהיט די אַטמאָספֿער און דעם ייִדישן שטייגער, אין אַלטן נוסח. ס׳איז געווען אַ מין מיניאַטור־שטעטל אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן, און פֿון אַזאַ סבֿיבֿה האָט געקענט אַרויסוואַקסן אַזאַ ייִדיש־ענגליש פּענאָמען ווי עזריאל נאַקס. אַזוי איז פֿאָרגעקומען דער נאָרמאַלער גאַנג און סיסטעמאַטישער איבערגאַנג פֿון שטעטלשן שמאָלן האָריזאָנט צום ברייטן אַמעריקאַנער אויסגעשפּרייט, אין אַנדערע ווערטער: פֿון ייִדיש פֿאָלקישן ניגון צום אוניווערסאַלן מאָטיוו. און אין דעם איבערגאַנג האָט נאַקס ניט אַוועקגעוואָרפֿן אויפֿן וועג זײַן ייִדיש פּעקל, נאָר ער האָט עס מיטגעבראַכט, ווי זײַן גײַסטיקן באַגאַזש, אין קאָלעדזש, אין אוניווערסיטעט. ס׳איז געווען פֿאַר אים נאַטירלעך צו זײַן אַ פֿולער שטאָלצער ייִד, ניט קיין אַפּטריניקער, צי סתּם אַן אַסימילאַטאָר וואָס שעמט זיך מיט זײַן היים־ירושה. ער האָט מיטן גאַנצן באַוווּסטזײַן אינטעגרירט די צוויי גרונט־עלעמענטן, ייִדיש און ענגליש, וואָס איז געוואָרן איין גײַסטיקער שאַפֿונג־אינסטרומענט פֿאַר דעם

מאָן, עזריאל נאַקס, ווײַל דער דאָזיקער צונויפשמעלץ האָט באַטײַט אַבסאָלוטע שלמות, אָן נשמה־ריסן.

דער געלערנטער עזריאל נאַקס איז אַזוי אַרום פֿאַרבליבן אַ שעפֿערישער גײַסטיקער א י ־ נ ס, וואָס נוצט צוויי כּלים — ייִדיש און ענגליש — אויפֿן ייִדיש קרעאַטיוון באָדן און פֿאַר ייִדן, אין אַמעריקע. ווען מיר הערן, לייענען, שמועסן מיט עזריאל נאַקס, פֿילן מיר ניט די צעשייד־ליניע פֿון ייִד און אַמעריקאַנער, און אַוודאי ניט דעם אומאײַנגענעמען ריח פֿון אַ שיפֿלות־קאָמפּלעקס. ער האָט די קראַנקע צווייִיקייט איבערגעבויט אין אַ געזונטע איינציקייט. ער האָט ניט אויסגעייִדישט זײַן לעגיטימע ירושה־היים, ווי אַ סך ייִדישע אינטעלעקטואַלן, אָפּשטאַמיקע פֿון אימיגראַנטישע טאַטע־מאַמעס צי זיידע־באָבעס, האָבן עס גע־טאָן אין אַ מין נערוון־ספּאַזם, אויסרײַסנדיק די היימוואָרצלען טאָטאַל. אין דער צײַט פֿון געיעג אויף דער ייִדישער גאַס זיך צו אַמעריקאַניזירן, האָט נאַקס נאָך מער פֿאַרטיפֿט זײַן ייִדישקייט־אָנגעהעריקייט, ביז פֿולער אידענטיפֿיקאַציע. ניט אומזיסט איז ער געווען, אין זײַנע יונגע יאָרן, אונטער דער השפּעה פֿון אַזאַ עטישער פּערזענלעכקייט ווי חיים זשיטלאָווסקי, און דאָס מיינט — אַ הומאַניס־טישער און סאָציאַלער וועלטבאַנעם אין גײַסט פֿון די גאולה־וויזיעס פֿון די ייִדי־שע נביאים. דער קאָדעקס פֿון עטישע ווערטן און מענטשלעכע פּרינציפּן איז געבליבן זײַן אַני־מאמין און זײַן לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע. עס פֿאַרוואָרפֿן, וואָלט גע־מיינט פֿאַרוואָרפֿן היים און טראַדיציע און לשון, אַלץ מיט אַנאַנדער. און אויב ס׳איז שוין הײַנט ניט מער נוסח־זשיטלאָווסקי, איז עס אָבער פֿאַרבליבן דער עלעמענטאַרער נוסח פֿון אַן אייגן באַנײַטער פֿילאָסאָפֿיע — די פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישער באַזונדערקייט און בלײַביקייט, ווי אַ פֿאָלק אין זײַן לאַנד.

## ג

עזריאל נאַקס איז אין די 40ער־50ער יאָרן געווען פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָסאָ־פֿיע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. ער איז אַ באַקאַנטער לעקטאָר און אַ מחבר אין פֿאַרשיידענע זשאַנערס, איבער הויפּט עסייען און קריטיק, אויך ענג־ליש און ייִדיש. דיביידע שפּראַכן, ווי אַ סינטעז פֿון דענקען און שאַפֿן, איז די דערגאַנצונג פֿון געלערנטן עזריאל נאַקס. וואָרעמען זיך טאַקע זײַנע אַרטיקלען און ווערק, איינס בײַ אַנאַנדער, אין לשון קרובֿישאַפֿט, ווי אַ געזעצלעכער צווי־לינג: ביידע גלײַכבאַרעכטיקט, איינס ניט דערהייבענער, דאָס אַנדערע ניט מינדער. ס׳איז דאָס קול פֿון אַ שליח־ציבור, וואָס הילכט־אָפּ מיטן עכאָ פֿון צוויי גײַסטיקע וועלטן און צוויי לשונות: די ייִדיש חרובֿע וועלט, און די נײַע ייִדישע וועלט, וואָס האָט זיך אויפֿגעבויט אין אַמעריקע און ישׂראל. ווי אַ געלערנטער ברענגט עזריאל נאַקס צום עולם די אינטעגראַלע ייִדישע גײַסטיקע ווערטן פֿון דער אַלטער און נײַער היים. דאָס שטעטל לעשט זיך ניט אויס, און דאָס ליכט פֿון אַ נײַ ייִדיש לעבן גייט ווידער אויף.

עזריאל נאַקס — דער געלערנטער און פּראָפעסאָר, דער וועלטלעכער ייִד און תּלמיד־חכם — קאָנסטרווירט אין זײַן גײַסט און געמיט אַ געזונטע היימישקייט, וואָס מאַכט אים אפשר צו מאָל פרעמד צווישן זײַנע ברידער־ייִדן, אין אַמעריקע. אין אַזאַ צײַט פון אינדעפערענטיזם און פּאַסיווקייט צו ייִדישע אַטריבוטן און פּאָלקישקייט, איז ווײַט ניט אָפּצושאַצן אַזאַ איינעם וואָס גייט אַרויס אין אַ מלחמת־מיצווה פאַר דער ייִדיש־שאַפערישער ירושה. צווישן די אַזוי ווייניק געבליבענע אויסגעמיקע קעמפערישע ייִדן, שײַנט אַרויס דער נאָמען עזריאל נאַקס. ער שטעלט זיך אײַן, מיט דער וואָג פון זײַן גאַנצער פּערזענלעכקייט, אַז די פאָלקס־ירושה זאָל ניט פאַרגיין. אַ שאָד נאָר וואָס דער דאָזיקער פענאָמען איז הײַנט אין דער ייִדיש־מחנה אין אַמעריקע נאָר אין יחיד־צאָלן, און איינער פון די שטאַרקע יחידים איז עזריאל נאַקס. זײַן בינדפאָדעם מיט מאַמע לשון איז נאָך געגנוג פעסט, אַז עס זאָל אים מאַכן באַזאָרגט וועגן אַלע המשך־פּראָבלעמען: ווי אַזוי קייטלט מען צוזאַמען אונדזער ירושה מיט די נײַע יונגע דורות? אַוודאי האָט ניט ער און ניט די אַלע וואָס ווייטיקן דאָס גײַכע פאַרשווינדן פון דער ירושה, אַ רעצעפּט פאַר ייִדיש־אויפלעב און ־קיום. בײַ אַלע לעצט־געבליבענע נ אַ ק ס ן אין אַמעריקע, צי ווו עס זאָל ניט זײַן, וואָס לעבן נאָך מיט ייִדיש און ליבן זי, איז הײַנט ניטאָ קיין פּאָזיטיווער פּראָגנאָז, סײַדן, ווידער, די אַלטע אויסגעפּרווטע ייִדישע סימבאָלן פון בטחון און נס.

ס׳וואָלט געווען אינטערעסאַנט און וויכטיק זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף נאַקס׳ וועלטבאַנעם בכּלל און זײַן סאָציאַלע פילאָסאָפיע, אָבער דאָס פאָדערט אַ גרונטיקע גרויסע אַרבעט. וועלן מיר זיך מוזן באַגנוגן מיטן אַקצענטירן און רעזומירן אין אַלגעמיין, אַז אין זײַנע אַלע אַנאַליזן און טראַכטונגען האָט ער תּמיד געשטעלט דעם דגש אויף די עטיש־מאָראַלישע גרונטווערטן פון ייִד און מענטש. זײַן קאָנצעפּציע וועגן וועלט און מענטש איז אַ פּראָגרעסיווע, אין גײַסט פון די אידעאַלן וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט. ער איז דער מפרש און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון די דאָזיקע אייביקע שטרעבונגען, ווײַל ער איז אַ פרומער גלייבער אין זיי, בבחינת נאה דורש ונאה מקיים. חוץ פילאָסאָפיע נעמט אַרײַן זײַן ברייטע גײַסטיקע פעלד אויך די אַספּעקטן פון קריטיק, ליטעראַטור, וועלטישע און ייִדישע, פּראָזע און פּאָעזיע. ער איז אַ געלערנטער און וויסנשאַפטלער פון מאָדערנע שולן, אָבער אויך אַ תּלמיד־חכם אין ייִדיש־טראַדיציאָנעלן באַגריף. זײַן וויסן איןביידע שפּראַכן איז רײַך אין אידיאָמאַטיק און זײַן פּירוש פון אַלערליי ענינים איז אויסגעקלאָרט און פאַרשטענדיק. מיט דער הילף פון זײַן קענטשאַפט האָט עזריאל נאַקס אויפגעשטעלט דורות תּלמידים, וואָס קענען זײַן אַ מוסטער פון גאַנצע ייִדן און גאַנצע מענטשן, אין אימאַזש פון זייער פּראָפעסאָר און רבין, עזריאל נאַקס.

פון כּתבֿ־יד, 1983.

• ייִדישע צײַטונג, יאָהאַנעסבורג, מײַ 1979.

# יהודה עלבערג — דער מענטש און זײַנע ווערק

יהודה עלבערג: אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט — ראָמאַן. אַרויסגעגעבן פֿון די ברידער שולזינגער. אַרײַנפֿיר: אליעזר וויזל. 1974. 393 זז׳.
יהודה עלבערג: צעוואָרפֿענע זאַנגען — דערציילונגען. שולאַ פּובליקאַציעס מאָנטרעאָל, 1976. בילד פֿון מחבר. 349 זז׳. אָפּרופֿן פֿון דער קריטיק — 350־356.
יהודה עלבערג: אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש — ראָמאַן. אַרויסגעגעבן דורכן וועלטראַט פֿאַר יידיש און יידישער קולטור. תּל־אָבֿיבֿ, תּשמ״ג־1983. 179 זז׳.

## א

יהודה עלבערג איז אין ווייניקער ווי אַ דעקאַדע — 1974־1983 — אָנגעוואַקסן מיט אַ שפֿע פֿון יצירה. ער איז זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן ניט בלויז אין דער ברייט פֿון דער טעמאַטיק, נײַערט ובעיקר אין דער טיף — אין וואָרצלדיקן דערטאַפּן און דערפֿילן די גרונטיקע פּסיכאָלאָגישע און פּראָבלעמאַטישע עלעמענטן פֿון ייד און מענטש, זייערע זוכענישן און בלאָנדזשענישן. מיר האָבן דאָ אויסגעלאָזט פֿון חשבון זײַן ערשט בוך, אונטער קופּערנע הימלען, וואָס איז אַרויס אין 1951, און די קריטיק האָט אים אויפֿגענומען מיט אַ סך לויב, ניט נאָר ווי אַ נײַ־געקומענעם שרײַבער, נאָר ווי אַ נײַ־אַנטפּלעקטן גרויסן טאַלאַנט. און אָפּגערופֿן האָבן זיך די חשובֿסטע קריטיקער פֿון דער עלטער שול, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געשאַפֿן (נ. ב. מינקאָוו; ש. ניגער; י. ראַפּאַפּאָרט; יעקבֿ שאַצקי א״א) און גאָר ניט ווייניק פֿון די נײַע. אַז מ׳לייענט הײַנט די אַלע העכסט פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען פֿון יענע 50ער יאָרן, דעם קרעדיט און די פּאָרויסזאָגן וואָס מ׳האָט דעם פֿריש־געבאַקענעם שרײַבער אונטערגעטראָגן, פֿילט מען ערשט די תּשוקה זיך צו באַקענען מיט זײַנע ווערק.

אויף דעם ערשטן בוך וואָס איז געקומען נאָך דעם, האָט דער מחבר געלאָזט וואַרטן גאַנצע 13 יאָר, אָבער גלײַך דערויף האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ מזל־ברכה פֿון פּרוכטיקע נײַע שאַפֿונגען פֿון יהודה עלבערג. זיי זענען דער בעסטער עדות, ווי ווײַט צוטרעפֿיק און ערלעך די ערשטע, צו מאָל ספּאָנטאַנע קריטעריעס זענען געווען. אָבער ער איז אַרויף אויפֿן וועג פֿון גרויסע ליטעראַרישע פֿאַרמעסטן, ניט ווײַל אַ קריטישע פֿען האָט עס אים אָנגעצייכנט, נאָר ווײַל אין זײַנע

אָדערן האָט געשטראָמט שעפעריש בלוט. די אַ געבענטשטע קרעאַטיווע אימ־פולסן האָבן אין די לעצטע צען יאָר באַרײַכערט אונדזער ליטעראַטור מיט די ווערק פון יהודה עלבערג (מ׳דאַרף נאָך צוגעבן דעם ראָמאַן, קלמן קאַליקעס אימפעריע, 471 זז׳, וואָס איז אַרויס אין 1983).

צו ערשט האָט יהודה עלבערג געמוזט אַרויסברעכן פון זיך דעם בלינדן שטורעם און אַרויסזיפּן די טרערן און דעם קאָשמאַריקן פּײַן, וואָס ער האָט אַבסאָרבירט במשך די געטאָ־יאָרן. דאָס צו קענען טאָן האָט ער געמוזט רעס־טאַווּרירן דעם יידישן נעכטן, די גוטע און אויך שלעכטע, די שיינע און אויך מיאוסע יידישע וועלטן. די אָ וועלטן האָט ער מיט קינסטלערישער קראַפט צוריק אויפגעשטעלט אין זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען, אָנגעפילט מיט יידישער לופט, מיט העלדן און פּערסאָנאַזשן, מיט האַנדלונגען און פּאָרקומענישן. אַלץ איז אינטערעסאַנט, דינאַמיש אָנגעגאָסן מיט וויטאַלע זאַפטן פון יידישן לעבן פון איי־דער קאַטאַקליזם, בעת דעם פינצטערן געטאָ־פּעריאָד, ביז צום הײַנטיקן טאָג.

פון די ברייטע ליטעראַרישע לײַוונטן שײַנט אַרויס דאָס אָריגינעל־שאַפערי־שע פּנים פון יהודה עלבערג, צי ער מאָלט פּערזענלעכע דערפאַרונגען, ביאָגראַ־פישע פּרקים, צי פאַנטאַזיע. אומעטום ליכטיקט דער פענאָמען פון אַ שאַפעריש־פּראָדוקטיוון טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אײַנגעמאָשטשעט בכבודיק און שטיל בײַ זײַן אייגענעם ליטעראַרישן שטענדער. פון זײַן סאַמע אויפטריט אויף דער יידיש ליטעראַרישער בינע — 1951 — האָט ער צעאַקערט ברייטע פעלדער פון דער פּראָזע־קונסט — ראָמאַן, דערציילונג, מעשׂה, רעפּאָרטאַזש א״אַ. זײַנע ווערק, ווי דערמאָנט, האָבן באַהאַנדלט גוט־באַקאַנטע קריטיקער און שרײַבער, קומט אויף דער ספק אַז אפשר איז איבעריק נאָך אַן אָפּשאַץ, ווײַל נאָך אַלעמען קומט דאָך יעדע קריטעריע צום זעלבן אמת, אויב אַפילו ער ווערט איבערגעחזרט.

ב

ווײַל איך דאָ, און כ׳פיל אַ שטאַרקן חשק אַרויסצורופן דעם עכאָ, וואָס יהודה עלבערג, דער מענטש און זײַנע ווערק, האָט אין מיר אַרויסגערופן. צו ערשט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר דער מענטש, נאָך איידער כ׳האָב געלייענט אַ שורה פון זײַנע שאַפונגען. און דער צוזאַמענטרעף מיטן יוצר, נאָך פאַרן באַ־קענען זיך מיט זײַן יצירה, האָט אין מײַן האַרצן איבערגעלאָזן אַ ליכטרעפלעקס פון זײַן פּערזענלעכקייט, וואָס זײַנע פונקען וועלן ניט אַזוי גיך פאַרגיין.

פאַסירט האָט עס אויסטערליש, כמעט ווי אין אַ מעשׂה — איז מעשׂה שהיה: אין אַ פרײַטיק פאַר מיטאָג, אין אַ גאָלד־זוניקן יאָהאַנעסבורגער טאָג, האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צו מיר אין ביוראָטיר (כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען, חוץ רעדאַק־טאָר פון דרום־אַפריקע, אויך גענעראַל־סעקרעטאַר פון ד״אַ יידישע קולטור־פעדעראַציע) אַ מאַן, מיט אַ ליכטיק פּנים און צעשמייכלטע אויגן. ס׳האָט גע־שטראַלט פון אים אַזאַ אָפענע גוטמוטיקייט, אַז ס׳האָט מיך אַ הייב געטאָן פון

שטול, הינטערן שרײַבטיש, און כ׳בין אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— שלום־עליכם, — האָט ער געטאָן אַ פּאָר טריט אין צימער אַרײַן, — אָנגעקומען בין איך דאָ מיטוואָך, פון ראָדעסיע, אָבער ביז הײַנט ניט געהאַט אַ רגע צײַט זיך אַרויפצוכאַפּן צו אײַך. משפחה... מײַן נאָמען איז יהודה עלבערג. איר האָט מסתּמא ערגעץ באַמערקט אַזאַ נאָמען, — האָט ער באַשיידן צוגעגעבן.

— אַוודאי, אומעטום באַמערקט מען דעם נאָמען. אַרום אײַער בוך, אונטער קופּערנע הימלען, האָט זיך דאָך אַזוי פיל גערודערט. כ׳האָב געלייענט אַרטיקלען וועגן בוך, אָבער דאָס בוך קיין מאָל ניט געזען...

ער האָט שוין פון ערגעץ געוווּסט וועגן ער איך בין. אָבער גראָד יענעם טאָג בין איך געווען אין אַ דעפּרימירטער שטימונג, האָט ער עס אַ פּנים תּיכּף דערפילט און אָנגעשלאָגן אַ וואַרעמען טאָן. ס׳האָט זיך געפילט אַ חבֿרישע נאָנטשאַפט, און כ׳בין געווען פאַסצינירט ווי אין אַ קורצער ווײַלע איז דער מענטש געווען ביכולת אויפצובויען אַ פּרײַנדלעך צוטרוילעכע אַטמאָספער. דערוווּסט זיך, אַז ער בלײַבט בלויז ביז איבער שבת, מאַנטיק פרי פליט ער קיין ישׂראל, האָב איך אים געבעטן זײַן מײַן אורח, אויף שבת. ער האָט צוגעשטימט, נאָר ער דאַרף די צײַט פאַרטיילן, ווײַל ער איז געקומען צו אַ קוזינע וואָס ער האָט אַ סך יאָרן ניט געזען. לסוף האָט ער מסכּים געווען צו מײַן בקשה: ברענגען אַ גרוס, בצורת רעפעראַט, צו די עטלעכע היגע שרײַבערס און עקזעקוטיוו פון ק״פ, און דער אײנציקער פרײַער אָוונט איז הײַנט.

כ׳האָב זיך תּיכּף צוגעזעצט צום טעלעפאָן און זיך צונױפגעקלונגען מיט אַ דרײַ־פיר מנינים ייִדן. צונױפגעקליבן האָט זיך אַ גאָר היפּשער עולם, וואָס האָט דעם צונױפקום פאַרוואַנדלט אין אַ גײַסטיקן עונג־שבת. יהודה עלבערג האָט מיט פאַרטיפטע רייד געגעבן אַן עקסקורסיע אין עולם המחשבֿה, פאַרבראַכט מיט וויסן און תּורה. ער האָט גערעדט וועגן ייִדישקייט, פעלן פון חינוך און טראַדיציע, וועגן אַסימילאַציע, אָפּגעפרעמדקייט, געמישטע חתונות. ער האָט אין קרובֿ אַ פּאָר שעה אָנגערירט דעם גאַנצן קנויל פּראָבלעמען, וואָס האָבן באַשעפטיקט אַ ייִדישן שעפערישן מענטשן און ייִדישע קולטור־טוערס אין יענע טעג.

דאָס איז געווען אַ גײַסטיק ייִדישע עקספּאָזע מיט נאַציאָנאַלע אונטערטענער, מיט אַנאַלאָגיעס פון דער אַלטער היסטאָריע און פון דער חורבן־עפּאָכע. איך געדענק די אײַנגעהאַלטענע שטילע רייד, כּמעט דרשהדיק, אָבער מיט פּרעציז פאָרמולירטע געדאַנקען.

אויף מאָרגן, ווען יהודה איז געווען אונדזער גאַסט, האָבן מיר געהאַט גענוג צײַט צו שמועסן, אים ווידער הערן, ביחידות, מער אינטים. פון יענעם צונױפטרעף, אין מיטן מײַ 1970, האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן דעם מענטש יהודה עלבערג, אײדער נאָך כ׳האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט זײַן שאַפן. און אַז כ׳האָב עטלעכע יאָר שפּעטער זיך נענטער באַקענט אויף

מיטן שרײַבער, איז פֿאַר מיר נתגלה געוואָרן אַן אינטעגראַלע פּערזענלעכקײַט פֿון מענטש־און־שרײַבער. איך האָב אין דער אַחדות געזען די אוניקאַלע מזיגה, דעם סינטעטישן צוזאַמענשמעלץ פֿון הומאַניזם און שאַפֿערישקייט. לפי־דעתי שטעלט מיט זיך יהודה עלבערג פֿאַר אַ מין גאָלדענע מאַרקע, וואָס פֿוןביידע זײַטן מטבע קוקט אונדז אַנטקעגן דאָס איין און זעלבע פּערפֿעקציאָנירטע פּנים פֿון דעם מאַן, וואָס אויך זײַנע ווערק זענען דערפֿירט צו שלמות.

ג

אַ שלמותדיק ווערק איז אַזאַ, אין וועלכן דער שאַפֿער קען זיך אַרײַנלעבן ניט נאָר אין די אַנטוויקלונגען און האַנדלונגען, נײַערט ער פֿאַרמאָגט אויך די סגולה זיך אַרײַנצוועבן מיט נשמה־פֿעדעם, מיט זײַן פּסיכישן מהות אין די געשטאַלטן פֿון זײַנע העלדן, ווערן אַ טרעגער פֿון זייער אימאַזש. אַזאַ מין הינטער־קוליסן־אידענטיפֿיקאַציע דערשפּירן מיר, ווען מיר קומען אין באַריר מיט דער גאַלעריע פֿאַרשוינען פֿון עלבערגס דערציילונגען און ראָמאַנען — ער רעדט פֿון זייערע ליפּן און פֿילט מיט זייערע הערצער. דאָס הייסט, אַז זיי לעבן ניט אויסער אים, נאָר זענען לעבעדיקע אינדיווידן אין אים, אפֿשר ריכטיקער — מ י ט אים. מיט אים — ווײַל זיי זענען עס די מיטשפּילערס זײַנע, וואָס ער פֿירט זיי אַרויף אויף דער אָרענע פֿון לעבן און רעזשיסירט „זיי". ניט אומזיסט האָט מען אינסצענירט און אויפֿגעפֿירט, מיט דערפֿאָלג, זײַנע אַ דערציילונג, אויף דער יידישער בינע, ווײַל זײַנע העלדן זענען אַקטיוו, וויטאַליסטיש, אָטעמען דאָס לעבן פֿון קונסט, פֿון בינע, וואָס אויך דער מחבר שפּילט אויף איר.

די אַ מיליע פּונעם עלבערג־אַנסאַמבל און אויך זייער נאַטור, וואַקסט אַרויס, גײַסטיק און פֿיזיש, פֿון אַ באָדן וואָס פֿון אים זויגן זיי זייער חיות. ס'איז דאָס חיות מיט וועלכן ער אַליין איז אָנגעזאַפּט. די מיינסטע ה ע ל ד ן האָט ער אויס־געשניצט פֿון אייגן בלוט און פֿלייש. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף זיינע צוויי ערשטע ביכער, בלויז זייער פּ נ י ם זאָגט עדות אויף דעם קשר מיט יידיש־גײַסטיקע ווערטן און מיט פֿאָלקישער מסורה. שוין מיט זייערע סימבאָלישע טיטלען, טראָגן אונדז די ביכער צו דאָס שליחות פֿון מחבר און די אידעיִש־נאַציאָנאַלע ערכים, וואָס זענען אויסגעדריקט אין זייער תּוך: אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט, איז געקומען פֿון אַ פּסוק אין משלי: „און דו וועסט זײַן ווי אײנער וואָס ליגט אין מיטן ים / ווי אײנער וואָס ליגט אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט". די קאָלירקע קינסטלערישע הילע רעפֿלעקטירט אין איר צייכענונג דעם אַ געדאַנק. אין דער צווייטער פֿאַרביקער הילע, גאָלדיקן אונטער דעם אַזשוריק־וואָלקנדיקן הימל צעוואָרפֿענע זאַנגען (טיטל פֿון בוך), אַ סטראָפֿע פֿון אַ פּיוט פֿון ר' יהודה הלוי.

דעם ראָמאַן, אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט, האָט יהודה עלבערג דערפֿירט ביז צום קלימאַקס, וואָס קומט אין דראַמאַטישן קורצן עפּילאָג. דאָ ווערט אויס־געקלאָרט די קאָנצעפּציע פֿון יידישן אומקום און אויפֿקום, פֿון חורבן און גאולה,

פון וואַרשע און ישׂראל. די בריחה־שיף פירט די שארית־הפליטה־ייִדן, וואָס זענען אַדורך אַלע שבֿעה מדורי גיהנום, צו זייער נײַ־אויסגעחלומטער היימלאַנד: ישׂראל. ווידער ווערט פאַרחתמעט מיט בלוט דער בונד אויף דער שוועל פון לאַנד, ווען אין דער זעלבער צײַט ווערט, ווי אַ סימבאָל, געבוירן אַ קינד: „זײַן צעשליסענער גוף (איז) געלעגן אונטער אַ צעשאָסענעם מאַסט, און אין אַ צע־לעכערטער קאַיוטע אין בויך פון דער שיף איז צו איר געבוירן געוואָרן אַ נײַער זון". דער נסימדיקער גאַנג פון ייִדישן פאָלק, וואָס וואַקסט ווידער אַרויס פון אַש. דאָ ווערט דער גורל פון ייִנגל יאָסל סאַמע ייִדישע רעאַליסטיק, ווײַל זײַן גײַסט שוועבט איבערן מאַסט פון אַ שיף, וואָס רודערט צום פאָלקס גאולה. די שורות זענען אײַנגעקריצט ווי ציטעריקער שריפט אין פּײַערדיקע פאַרמעטן.

ס'איז די מגילה וואָס וויקלט זיך אויס מיט דראַמאַטיש־פאַרכטיקן סוף, און בליצט אַרײַן מיט ליכטער פון אַנהייב. דאָס געפלעכט פון האַנדלונגען פילט אויס די קינסטלערישע גאַנצקייט פון דעם ווערק. לייענענדיק וויל מען פילן די גלייבהאַפטיקייט פון די געשעענישן. ווי זיי וואָלטן זײַן אויטענטיש. אָבער סײַ ווי האָט יהודה עלבערג פאַראַנקערט אין דער פיקציע דעם לויטערן קינסטלע־רישן אמת.

אין זײַן אַרײַנפיר צום ראָמאַן שרײַבט אליעזר וויזל — און זײַן אויטאָ־ריטאַטיווע מיינונג איז חשובֿ —: „אַז אַ דאַנק דעם מחבר יהודה עלבערג האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ ענדלעך געפונען זײַן ראָמאַניסט". און לאָמיר דערבײַ ניט פאַרגעסן, אַז די הסכּמה קומט נאָך די גרויסוואַגיקע און גרויס־מאָסיקע נאָוועלעס פון לעאָן יוריס. מיר ווילן דאָ אַוודאי ניט ציִען קיין אַנאַ־לאָגישן פאַראַלעל צווישן די צוויי נעמען, אָבער יהודה עלבערגג האָט מיט אַלע זײַנע ייִדיש־גײַסטיקע פילונגען און קרעאַטיווע אימפּולסן אַריבערגעשפּאַנט דעם בויגן פון ייִדישן גורל איבערן געטאָ ביז צו דעם שפּיץ פון מאַסט, וואָס האָט זײַן ראָמאַן געגעבן דעם פאַרנעם פון אַן עפּאָפּעע פון דער צײַט. עס ברענגט אַרויס דעם סטיל, כאַראַקטער, דעם קאָלאָריט און פּאַטאָס פון דער קאַטאַקליס־טישער תּקופה. יהודה עלבערגס וואַרשעווער געטאָ איז אויסגעבעט מיטן איי־גענעם וויטיק און אויסגעגלעט מיט רחמנותדיקע קינסטלערישע פינגער. ס'איז אַ ווערק וואָס איז געשריבן על־פּי דער ייִדישער קלאַסישער פאָרמל: באַשטי־מונג, גורל, יסורים, מיצוות און מעשׂים. און דער מחבר האָט אין אויג צוויי אימפּעראַטיוון: דעם עטישן חובֿת־הלבֿבֿות און די קינסטלערישע דימענסיע.

## ד

פון בוך דערציילונגען, צעוואָרפענע זאַנגען, ווילן מיר נעמען די טיטל־דערציילונג, די צווייט־קלענסטע, און די גרעסטע: אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, וואָס איז אויך אַרויס אין בוך־פאָרעם, פאַרגרעסערט, און מיט נאָך הויפּט־כאַראַקטערן, יענטאַ, און די עלטערן פון די צוויי ברידער.

יהודה עלבערג האָט אַ וווּנדערלעכן אַבסאָרביר־אַפּאַראַט, אין האַרץ־און־אויג, וואָס כאַפּט אויף מיט איין מאָל אַלע גאַמעס פון דער לעבעדיקער וועלט: מענטשן, נאַטור, קאָלירן, שטימונגען. ער זעט זיי, פילט זיי, און פילטרירט דורך דורכן נאַראַטיוו פון זײַנע דערציילונגען זייערע דינסטע ניואַנסן. ער קאָנסטרויִרט בלויז דעם מאָדעל, וואָס איז צוגעשניטן נאָך זײַן האַרץ און אויג, און דערפאַר זענען די דערציילונגען אמתדיק, וואָרצלדיק, ווײַל זיי האָבן די מאָס פון עכטקייט. דאָס איז די מאָס פאַר זייערע אַקציעס, רעפלעקסן, שטרעבונגען, וואָס בלײַבן אין מענטשלעכן גבֿול.

די האַנדלונג וואַקסט אָן, פאַרפלאָנטערט זיך און קניפּט צוזאַמען די געשעענישן. דער פסיכאָלאָגישער פאָקוס איז כסדר אָנגעשטעלט אויף די העלדן. אויך סעקס־סצענעס, אין היינטצײַטיקן מאָדוס, אָבער ניט צו שאַרף, טוען פון צײַט צו צײַט אַ ברען די חושים. פאַראַן דער פאַרווײַלערישער עלעמענט, וואָס טראָגט אונטער פאַרציעס הנאה דעם לייענער, און מ׳קאָן געניסן אַ יהודה עלבערג־דערציילונג מיט אַפּעטיט. דאָס אַלץ איז חצוניות, דער בגד, — אינהאַלט, סטיל וכדומה, — די פּנימיות, די נשמה פון אַ דערציילונג, איז שוין אין גאָר אַן אַנדער דימענסיע. אין צעוואָרפענע זאַנגען, וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם אונטערקעפּל „רעפּאָרטאַזש", דערהערן מיר דעם אויטענטישן איד־קול פון מחבר, וואָס עפנט אויף אַ פאָר בלעטלעך אין לוח פון די ערשטע שארית־הפליטה־יאָרן. דער רעפּאָרטאַזש רעדט מיטן קול פון דער צײַט, און ס׳קומען אויף פלאַסטיש די מענטש־זאַנגען אויפן אָפּגעקאָסעטן פעלד פון ייִדישן לעבן. כ׳געדענק אַליין יענע צײַט און איך זאָג עדות, אַז ס׳איז טרײַ, און פײַן ליטעראַריש רעקאָרדירט. אפשר צוליב מאַכן עס אויטענטיש האָט דער מחבר עס אָנגערופן רעפּאָרטאַזש. ס׳איז אַן אומעטיקע מעשׂה פון נאָכחורבן, מיט אַ סך רירנדיקע עפּיזאָדן, ווי אַ גוי־פאַרשטעלטער ייִד וויל ניט ווערן צוריק אַ ייִד, אָבער די אַטאַוויסטישע וואָרצלען זענען גובֿר זײַן רצון און ברענגען אים נאָך ווײַטער — ביז קידוש־העם. דער מוסר־השׂכּל: די ייִדישע ירושה־אָנגעהעריקייט איז אַפילו דער חורבן ניט בכּוח געווען חרובֿ צו מאַכן.

ה

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש גליטשט זיך אַוועק פון דער חורבן־טעמאַטיק און גייט אַריבער צו אַמעריקע און ישׂראל, הגם די כאַראַקטערן געהערן צו דער היימישער סבֿיבֿה. דאָס איז אַ ראָמאַן פון אַן אַסימילירטן מיטליאָריקן ייִד, וואָס געפינט זיך אין אַ כּסדרדיקער פּאַסיע. דער גאַנצער ראָמאַן איז ווי אַ לאַנגע סעריע פון פּסיכאָאַנאַליטישע סעאַנסן, וואָס דער העלד פירט אויס איבער זיך, ווי זײַן אייגענער פּסיכיאַטער. זײַנע אַלע דערמאָנונגען, חלומות, פלאָנטערנישן מיט זיך און מיט משפּחה, אָפּגעשלאָסנקייט, ליבע־קאָמפּלעקסן, געקויפטע ליבע, קינאה און שׂינאה, ייִדישע קאָמפּלעקסן און אַנדערע פון דעם מין, איז דער אַקס אויף וועלכן ס׳דרייט זיך דער סיפּור־המעשׂה. און מ׳דאַרף צוגעבן,

אַז עס איז אינטערעסאַנט, פּאַרוויקלט, מיט קלוגער אײַנפּאַלערישקייט און במילא שפּאַנענדיק. צו מאָל איז עס אַפילו, ווי די שרײַבערישע מליצה גייט, אָטעם־פּאַרכאַפּנדיק, בפרט ווען ס׳קומען אַרײַן אַזעלכע פילם־קאָמפּאָנענטן, ווי שפּיאָנאַזש, ליגן, פּאַרראַט. דאָס איז אַ גרויסע טעמע, וווּ ס׳איז נייטיק חוץ טאַלאַנט אויך היפּשע דאָזעס פון וויסן און פאַנטאַזיע. די קאָנסטרוקציע איז ניט ווייניק קאָמפּליצירט, אָבער יהודה עלבערג זעט, ווייס, איז אַ מאדים אויך אין דעם כמו קרימינאַל־ראָמאַן זשאַנער און ער ספּראַוועט זיך מיט אַלע פּראָבלעמען.

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, איז דער שטאַפּל אאויף וועלכן דער דאָזיקער מענטש שטייט. גייט ער איין שטאַפּל אַרויף, צי איינעם אַראָפּ, צי גאָר אַ שריט אָן אַ זײַט, „געפינט" ער אַליין אין זיך אַזאַ שטויסקראַפט, וואָס ברענגט אים צו זײַן פּריערדיקער מדרגה. ער לעבט אין יחידות, פאַר זיך און וויל אַזוי בלײַבן, הגם ער קלאָגט אויף דעם. זײַנע אַלע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, זײַנע אַלע אײַנגערעדטע און אמתע קרענק, היט ער נאָר ווי מאָראַלישע נאָרמעס אויף צו פּרווון זיך און די געזעלשאַפט. דאָס זענען אַלע קרומע מאָסן פון קאָמפּלעקסן. פון דעם קומט זײַן זעלבסטמיטלײַד, זײַן נעגאַטיוויזם, זײַן פּטרן כּוחות און צײַט אויף אַלע היין־הער־ספּעקולאַציעס, וואָס ער פירט. אָבער ער קען זיך ניט אַרויסרײַסן פון פאַרשאָלטענעם קרײַז. ער איז ניט קיין שוואַכלינג, די צרה איז וואָס ער פאַרמאָגט אַ נשמה. ער ראַנגלט זיך אויך מיט זײַן ייִדישקייט־ירושה, אָבער ער בלײַבט נאָר אַ מענטש...

מיר האָבן דאָ געגעבן אַ ברייטערן אַנאַליז פון הויפּטהעלד, וואָס טראָגט אויס די לאַסט פון גאַנצן ראָמאַן. לפּי־דעתּי איז דער ראָמאַן אַ קינסטלעריש רעאַליסטישער דערגרייך פון דער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק. יהודה עלבערג זוכט ניט צו לייזן די סודותדיקע פּסיכאָלאָגישע ראַנגלענישן פון זײַן העלד. ער לאָזט אים גיין זײַן וועג, וואָס איז אויך דער נײַער שאַפערישער וועג פאַרן מחבר. מיט דעם ווערק האָט יהודה עלבערג אָנגעצייכנט אַ נײַעם שטריך אין זײַן קינסטלערישער פיזיאָנאָמיע. די אַלע ווערק, ביז הײַנט, עפענען פאַר אים אַ טויער צום ברייטן וועג פון גרויסער ליטעראַטור.

פון כּתבֿ־יד, 1983.

# י. ל. פּרץ — דאָס ווונדערליכט

## צו זײַן 40סטער יאָרצײַט

### א

י. ל. פּרץ איז דאָס ווונדערליכט וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אונדזער ליטע־ראַטור, אויף ניט פאַרלאָשן צו ווערן. ער האָט אַרויסגעשלאָגן פאַרהוילענע פונ־קען פון פאָלקסגעניוס און אין זייער בריליאַנטענעם שײַן אויסגעמײַסטערט זײַנע אייביקע ווערק. מיט אַדלערישן שווונג האָט ער אונדז דערהייבן צו די באַרג־שפּיצן פון אוניווערסאַל אַלמענטשלעכע אידעען און שטרעבונגען. ער האָט אַ ווייע געטאָן אויף אונדז מיט זײַן פרישקייט, מיט זײַן מענטשלעכן שטאָלץ און איידלקייט. דאָס אָרעמע לעבן פון קאַבצאַנסק און קאַסרילעווקע האָט באַקומען אַ זינען און אַן אינהאַלט. ער האָט פאַריומטובֿט אונדזער וואָכעדיקייט און פאַר־נשמה־יתרה׳ט אונדזערע געפילן.

י. ל. פּרץ האָט אין פײַנע, אַלטע כלים פון פאָלק אַרײַנגעגאָסן און אויסגע־וואַרעמט די נײַע, גרויסע אידעאַלן און חלומות פון קץ הימים. און ער איז גע־וואָרן אַ מײַסטער, אַ לערער און וועגווײַזער, צו וועמען דאָס פאָלק האָט אַרויס־געקוקט, כאָטש ער איז אויף קיין אַלימפּ ניט געזעסן. אין ליכט פון זײַנע ווער־טער האָט זיך צעגליט גלויבן און האָפענונג. די סאָציאַלע וויזיע פון באחרית הימים האָט ער אויסגעוועבט מיט די גאָלדענע פעדעם פון פאָלקס־מעשׂהלעך, אַלעגאָריעס און לעגענדעס. ער האָט אויסגעצייכנט געקענט די פאָלקס־נשמה, אירע פאַרבאָרגנסטע זוניקע שטעגעלעך און אירע צאַרטסטע קלאַנגען, אירע ליריש צאַפּלדיקסטע און דינסטע ניואַנסן. ער האָט איר אינערלעכן ניגון וויר־טואָזיש אַרויסגעכישופט פון פאָלקס האַרצן. דעריבער האָט אים דאָס פאָלק פאַרשטאַנען און געפילט. ער האָט אָנגעגאָסן אַ בעכער געטראַנק פון די אינ־טימסטע פאַרזיגלטע מים חיים־קוואַלן פון פאָלקס־אוצר און עס צוגעטראָגן צו זײַן פאָלקס פאַרשמאַכטע ליפּן — און דאָס פאָלק האָט זיך דערקוויקט.

י. ל. פּרץ איז געוואָרן דער פאָלקס־דיכטער — דאָס העכסטע, שענסטע און בכבֿודיקסטע אָנערקענונג וואָס אַ פאָלק קאָן צוטראָגן זײַן באַליבטן זון. פיל מײַסטערס און קינסטלערס קאָן אַ פאָלק דורך פאַרשיידענע קריטעריעס זען, אָבער אייגציקע זענען די וואָס האָבן די זכיה, אז עס זאָל ווערן אַרויפגעטאָן אויף זייערע קעפּ דער פאַרדינטער לאָרבערקראַנץ פון פאָלקס רצון. און ווער נאָך ווי י. ל. פּרץ האָט עס אַזוי כשר פאַרדינט, געקרוינט צו ווערן מיט דעם הערלעכן כתר פון אַ פאָלקס־דיכטער!

י. ל. פּרץ האָט פאַרקערפּערט אין זײַן גײַסטיק אַריסטאָקראַטישער פּערזאָן דעם גרויסן ייִד און גרויסן מענטש. ער איז געווען אַ פולקומער סינטעז צווישן דאָס נאַציאָנאַל ייִדישע און אַלגעמיין מענטשלעכע, און ער האָט ביידע עלעמענטן פאַרשמאָלצן צו אַ גײַסטיק נאָבעלער איינהייט. די אייביקע אמתן, וואָס ליגן פאַרזונקען אין די מענטשלעכע הערצער, ווי פּערל אויפן גרונט פון ים, האָט ער ווי אַ געניטער טויכער אַרויפגעבראַכט צום ליכטיקן אייבערפלאַך. ער האָט אַזוי אַרום זײַנע אָדלער־פליגל צעשפּרייט ווײַטער און ברייטער ווי די ענגע גרענעצן פון ייִדיש־לאַנד. זײַן גײַסטיקער באַריר גרייכט און פלאַטערט איבער דער גאָרער וועלט, ווו נאָר מענטשן לעבן און שאַפן.

י. ל. פּרץ האָט אַנטפּלעקט דעם נאָך העכער פון פּשוט מענטשלעכער גוטס־קייט און רירנדיק באַווירקט דאָס פּאָזיטיוו־מאָראַלישע און עטישע אין אונד־זערע הערצער. ער האָט אויסגעהאַקט פון נצח־מאַרמאָר מאָנומענטן פון פאָלקס־כאַראַקטערן, וואָס אין זייער תּוך און אין זייער גאַנצן מהות וועלן זיי בלײַבן דער קנין פון דער גאָרער מענטשהייט. ער האָט מיט קינסטלערישן ברען און פּאַטאָס אַרײַנגעשליפן אין די מוחות פון פאָלקס־מענטשן די דערקענטעניש פון אַ בעסערער, שענערער און דערהייבענער וועלט.

*

פערציק יאָר שלאָפט שוין פּרץ זײַן אייביקן שלאָף. אין עטלעכע פון די־אָ יאָרן האָט דער שוואַרצסטער גזר פון חורבן און פאַרלענדונג זיך גרויליק אַראָפּ־געלאָזט איבערן קאָפּ פון זײַן געליבט פאָלק. דאָס פאָלק פון דיכטער איז פאַר־ברענט און פאַרגאַזט געוואָרן אין קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן, אָבער דעם שטראַליקן חלום פון דיכטער האָט קיין רוצח ניט געקאָנט אומברענגען. און זיי לעבן, דער טרוים און דער גלויבן, „אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צײַט פון גראַדע מענטשן, מיט האַרטע מאַרך־ביינער; פון מענטשן, וואָס וועלן ניט וועלן און ניט קאָנען זיך בייגן...“

און אים, דעם גײַסטיקן ריז י. ל. פּרץ, „וועט וועקן די צײַט“. און דאָס וווּנדערליכט פון זײַן געשטאַלט וועט זיך דערהייבן איבער ייִדישער און וועלטי־שער גאולה, ווי אַ זוניקער סימבאָל, און שוין מער קיין מאָל ניט פאַרלאָשן ווערן.

דרום־אַפריקע, מײַ, 1955.

# זײַן תורת־חיים

## צו זײַן 50סטער יאָרצײַט

### ב

י. ל. פּרץ איז אין זײַנע ווערק געבליבן לעבן, ווײַל ער האָט זיך אידעיִש פאַרפאַנצערט אין די מאָראַלישע ווערטן פון מענטש, זײַנע האָפענונגען, זוכע־נישן, חלומות. אין געשליפענע קורצע דערציילונגען האָט ער צוזאַמענגעפרעסט די בענקשאַפטן פון לײַדנדיקן מענטשן נאָך אַ ביסעלע גליק, נאָך שבת און יום־טובֿ. ער האָט זײַנע העלדן גענומען דירעקט פון יידישן לעבן אַרויס, אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, מיט זייערע ביטערע דאַליעס און מיט זייער פינצטערן גורל, אָבער פון זייערע נשמות האָט ער אַרויסגעקלאַפּט די מענטשלעכסטע פונקען ליכט, ערלעכע וואַרעמקייט און תּמימותדיקע האַרציקייט. ער האָט אַנטפּלעקט דעם אינעווייניקסטן קערן פון מענטשלעכער גוטסקייט, און דערפאַר רעדט די באַנציע שווײַגעוודיקע שטומקייט מיט מער איבערצײַגונג ווי אַ פולע גאַס מיט שרײַיִקע לאָזונגען. דורך הכנעהדיקער דממה פון דלות קומט פּראָטעסט.

אין אידעלע דינע טענער האָט ער אויסגעשפּילט דעם ניגון פון די באַ־עוולטע. ער האָט אַרויסגעקליבן פון די פאָלקסטימלעכע יידישע און צום טייל רעליגיעזע מעשׂה־טעקסטן זייערע לויכטנדיקע זוימען און זיי אַ שפּרייט געטאָן אויף די פעלדער פון דער נײַ־אויפקומענדיקער ליטעראַטור. ער האָט אַרײַנגע־שטראָמט גײַסטיקן אינהאַלט אין פּשוטע מעשׂהלעך און זיי געגעבן אַ טיפערן זינען. פּרץ איז ניט דער טרעגער פון רעוואָלט, בײַ אים מאַרשירן ניט קיין מאַסן, נאָר דער יחיד־מענטש, וואָס דאָמינירט אין זײַנע סיוזשעטן, טראָגט מיט רויִקער עקשנות דעם הומאַניטאַרן אַני־מאמין פון דער וועלט. דער צדיק אַליין ווערט נתעלה נאָר ווען ער איז געבונדן מיט ערדיש־פּראָסטע מיצוות, דורך ברענגען אַ ניצוץ ליכט און אַ ביסעלע וואַרעמקייט צו אַ לײַדנדיקן מענטשן. דער צדיק אין דער סערמעגע פון פויער, איז אפשר מער דער סימבאָל פון באַפרײַען זיך פון רעליגיעזע דאָגמעס און דאָס פאַראָרטלען זיך מיט הומאַניטאַר־פּראַקטישע אַטריבוטן. י. ל. פּרץ האָט דורך דעם פאַרמענטשלעכט דעם צדיק — אַ מענטש־לעכקייט וואָס איז העכער ווי די בלויזע עליה אין די הימלען.

י. ל. פּרץ איז געוועזן דער גרויסער גײַסט, וואָס האָט אַרײַנגעברענגט מיט יידישע אותיות זײַנע בליק־געדאַנקען אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געוואָרן דער פירער און וועגווײַזער פון אַ דור, וואָס האָט אָפּגעשאָקלט פון זײַנע

פּלייצעס דעם שטויב פון נעכטן. מיט פרישן אָטעם האָט פּרץ אַרײַנגעפּרילינגט אין געמויזעכץ פון יידיש־סטאַטישן לעבן און האָט אין אים אַ גלויבן אַרײַנגע־ וויט. אויף די לײַכטע פליגל פון זײַן מעשׂהלע האָט ער געבראַכט די וויזיע פון מאָרגן. אין זײַן קורצער דערציילונג איז געווען מער ווי די קינסטלערישע אויסלאָדונג פון זײַן געמיט — עס איז געווען ציל־באַוווסטקייט און אמונה. און פּרץ איז געוואָרן דער לערער פון אַלטן און יונגן דור. דער אינטעליגענט, דער שרײַבער און דער פּשוטער ייִד האָבן אַרויפגעקוקט צו אים, זיי האָבן געוואַרט אויף זײַן וואָרט! און זײַן וואָרט האָט מען געמוזט גוט צעקײַען, ווײַל עס האָט פאַרמאָגט פילאָסאָפישע עלעמענטן, טיפערן אַרײַנבליק און אַרײַנטראַכט. ניט אײן יידיש־מתמיד איז איבער אים געזעסן און צעגלידערט אַנאַליטיש דעם ליטע־ ראַרישן געוועב פון זײַן שטאָף. ער האָט דערצויגן דורות.

י. ל. פּרץ איז דער רבי פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין זײַנע חיבורים אַנטפּלעקט די פאַרשיידענע געשטאַלטיקונגען פון מענטש און ייִד. און עס איז אַוודאי אַ מיצווה זיך אַוועקזעצן און לערנען „אַ בלאַט פּרץ" צו זײַן 50סטער יאָרצײַט, פאַר זײַן שעפעריש־גײַסטיקער עלית־נשמה. פּרצעס סיפּור־ המעשׂה איז נאָר „דער גוף פון דער תּורה, דער נגלה, דאָס וואָס ליגט פון אויבן אויף". אָבער אינעווייניק האָט ער פאַרקנאָטן די ראָזשינקעס און מאַנדלען פון זײַן תּורת־חיים. ווי זײַן ביאַלער רבי נוחקע האָט ער געוווּסט, אַז „תּורה דאַרף לעבן!"

און די תּורה, די לערע פון י. ל. פּרץ איז געוואָרן אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּלדיקע, אַ צעזונגענע און צעקלונגענע אין די מײַלער פון צענדליגער טויזנטער ייִדישע קינדערלעך, פון יוגנט, פון עלטערע, פון טעאַטערס, פון שטודיעס, פאַראײַנען, קרײַזן — ער איז צווישן ביידע וועלט־מלחמות געוואָרן דער גרויסער ייִדישער שרײַבער, דער פּײַערזײַל פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיר קענען זיך גאָר ניט אויסמאָלן אַ וועלטלעכן ייִדן, וואָס האָט ניט גע־ לערנט און ניט געקענט פּרצן. זײַן תּורת־חיים האָט געאָטעמט מיט די געזונטע לונגען פון אַ פּיל מיליאָניקער ייִדישער מאַסע אין מיזרח־אייראָפּע. דער גײַסט פון פּרצן האָט דאָרטן געלעבט זײַן אייביק לעבן. ייִדישע מאַסן האָבן געטראָגן פּרצעס נאָמען ווי אַ פאָן. זײַן תּורת־חיים האָט געשפּרודלט מיט לעבעדיקן יש.

ווי אַ לײַכטטורעם אין אַ ברייטן און ווײַטן ים, איז געשטאַנען די גראַנדיעזע געשטאַלט פון פּרצן און געווונקען, געמונטערט מיט לעבעדיקע ליכט־סיגנאַלן, מיט דער וויזיע פון די נבֿיאים און מיטן חלום פון אַן אויסגעלייטער מענטשהייט. ביז די ברוינע הענקער האָבן אין טײַכן בלוט דערטרונקען די ליכטיקסטע טרוי־ מער. די תּורת־חיים פון פּרצן און זײַן חלום זענען אָבער געבליבן לעבן, ביז זײַן אויסגעבענקטער שבת פאַר אַלע מענטשן וועט מקוים ווערן.

דרום־אַפריקע, 1965.

# ל. פֿײַנבערג און זײַן געבענטשטער דור

ל. פֿײַנבערג: דער געבענטשטער דור (ראָמאַן אין פֿערזן וועגן דעם דור, וואָס האָט געלייגט די יסודות פֿון מדינת ישׂראל). ערשטער טייל: די טרוימער; צווייטער טייל: די זוכער; דריטער טייל: די שטערער; פֿערטער טייל: די בויער. אַרויסגעגעבן פֿון דעם „ל. פֿײַנבערג יובל־קאָמיטעט", ניו־יאָרק, 1962, 256 זז׳.

## א

לייב פֿײַנבערג פֿאַרנעמט אַ בכּבֿודיקע דיכטער־פּאָזיציע אויף דער מיזרח־וואַנט פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. זײַנע אָריגינעלע און קרעפֿטיקע ווערק רוקן אים אַרויס ווי אַ דיכטער פֿון אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע, וואָס שטייט מיטביידע פֿיס פֿאַרגרונטפֿעסטיקט אין באָדן פֿון אַ לעבעדיקער וועלט. ער פֿליט ניט אין די הימלען פֿון מענטש־פֿוסטן חלום, אין אַבסטראַקטע ספֿערעס וואָס זענען אויסגעהוילט פֿון מענטשלעכע מעשׂים. זײַן ליריק איז, אין פֿערזן פֿון דערציילערישן זשאַנער, וועגן לעבעדיקע מענטשן, וועגן סאַמע לעבן. די דימענסיע פֿון זײַן שעפֿערישן יש שפּרייט זיך אויף לעבעדיקע העלדן און זייער סבֿיבֿה — דעריבער איז זײַן ליטעראַרישער לײַוונט ברייט, גרויס, פֿאַרנעמיק. די דיכטערישע פּאַלעטע פֿינקלט מיט די פֿאַרבן פֿון אַלערליי ליכטער, די קאָנצעפּציע — פּלאַנמעסיק און סאָליד. דאָס געשילדערטע לעבן איז דורכגעשטרײַפֿט מיט קאָלירטע געשעענישן.

ל. פֿײַנבערג קאָמפּאָנירט זײַן געזאַנג פֿון אַ גאַנצער קייט לידער־פּרקים, ווי אַ קינסטלער־מאָזאַיִקער שטעלט צוזאַמען אַ גרויס און גאַנץ ווערק פֿון באַזונדערע שטיינדעלעך. עס איז אַ גוטע פֿײַנבערגישע שיטה, ווו דאָס הויפּט־קאַפּיטל איז די רעם וואָס האַלט צוזאַממען אַ גרויסע צאָל קליינע קאַפּיטעלעך. זיי לייענען זיך אינטערעסאַנט, לײַכט, ווי באַזונדערע לידער פֿאַר זיך, אָבער אַלע צוזאַמען זענען אַן אײנהייטלעך ווערק. אינעם ווערק זענען אויך פֿאַרוועבט אַלע ליריש שימערירנדיקע פּלאַטערלעך פֿון געמיט, וואָס בדרך־כּלל שאַפֿן עס דיכטער אין אַן אָפּגעשלאָסענער צאָל שורות, ווי ספּאָנטאַנע מאָמענט־שטימונגען. גאַנצע זײַטן פֿון אַזוינע טיף אַדורכגעלעבטע צאַרטע, און אויך האַרטע, מענטש־

לעכע געפילן און נשמה־ראַנגלעניש, — ליבע, טרויער, פרייד, — זענען דאָרטן פאַראַן. זיי רירן דעם לייענער מיט זייער אוממיטלדיקער אמתדיקייט, מיט זייערע עכטע עמאָציאָנעלע טענער, און פאַרקריצן זיך אויף ניט צו פאַרגעסן.

אַזאַ דיכטער ווי ל. פֿײַנבערג מוז מען זען ווי געדענקען, ווײַל ער שטייט מיטן פּנים צום לעבן און קוקט מיט אַ ליכטיק און קלוג אויג אין אים אַרײַן. דאָס לעבן סערווירט ער פאַרן לייענער אין די פֿײַנסטע ליד־געפֿעסן: זינגעוודיק־ריטמישע קלאַנגען און לעבעדיקן סטיל. זײַנע אַסאָציאַטיוו־קלאַנגיקע גראַמען זענען אויפגעכאַפּט מיט אַ פֿײַן אויער, און ניט איין מאָל איבערראַשן זיי מיט אַ חידוש, מיט אַ זעלטן צוזאַמענשפּיל פֿון ווערטער. פֿון זײַנע ערשטע שריט האָט ל. פֿײַנבערג פּיקסירט דעם מענטש־יחיד, ווי דעם פּראָטאָטיפּ פֿון דער געזעל־שאַפֿט. אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק קומט עס בולטער צום אויסדרוק — יחידים, וואָס זענען דער סך־הכל פֿון דור.

## ב

דער מחבר אַליין, וואָס איז דער אויטאָביאָגראַפֿישער העלד פֿון די פּערזן, און די אַנדערע גורל־געבונדענע העלדן אין בוך, אַלע זענען געמאָלן מיט קינסטלערישער פֿרישקייט, לעבעדיקע ווערזנס מיט צאַפּלדיקע אידעאַלן און שטרעבונגען, מיט גלויבן און מוט, וואָס זייען זייער לעבעדיקן גאַנג אין דעם געבענטשן דור. עס איז דיכטערישער פּלי, וואָס וואָרצלט אין ערדישער וואָר, אין אַנדערע ווערטער — עס איז דער אמת פֿון אַ חלום, וואָס ווערט אויפגע־וועקט צום לעבן דורך דעם כּישוף־באַריר פֿון מחברס פּען. און עס איז ווײַט פֿון צו זײַן אַ מליצה, ווײַל די אַספּעקטן פֿון לעבן אויף וועלכע עס פֿאַלט דאָס ליכט פֿון פֿײַנבערגס וואָרט וועלן אַ דאַנק דעם תּמיד בלײַבן זאַפטיק און פֿריש. עס איז דויער פֿון גרונטיקע פֿאַלקסווערטן וואָס דער דיכטער האָט זיי אַרײַנ־געשמאָלצן אין פּערזאָניפֿיצירטע פֿאָרמען. דאָ בלײַבן זיי ניט קיין בלאַסע שאָטנדיקע געשטאַלטן, צי טויטע סימבאָלן, נײַערט אַרײַנגעפֿלאָכטן אין לעבע־דיקן ריטעם פֿון אַ געשיכטלעכן פּראָצעס, וואָס דער מחבר אַליין האָט אים דורכגעטראָגן אין זײַן גוף און דורכגעפֿילט אין זײַן נשמה.

זײַנע לאַנג־אָטעמדיקע פּאָעמעס, די ראָמאַנען אין פּערזן, זענען געשריבן מיט קינסטלערישן פֿאַרנעם און שוווּנג. זיי באַוועגן זיך אויף לאַנגע דיסטאַנצן, אין גראַדליניקן ניוואָ און אויסגעהאַלטענעם ריטמישן מעטער, ווי עס פֿלייצט אַ ברייטער און רויִקער טײַך. ל. פֿײַנבערג איז ניט נאָר באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור און קולטור, נאָר ער אַליין האָט זײַנע ערשטע דיכטער־פּרוּוון געמאַכט אויף רוסיש (אין 1950 האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן אַנטאָלאָגיע, אויף יידיש: רוסישע פּאָעזיע). פֿון די רוסישע מײַסטער האָט ער אַ סך געלערנט, דאָך איז שווער אים אַרײַנצופּרעסן אין אַ ליטעראַרישער שול אָדער אין אַ גרופּע יידישע דיכטער. ניט געקוקט אויף זײַן אָפּהיטן די בעס־

טע טראַדיציעס פֿון קלאַסישן מעטאָד, בלײַבט ער דאָך פֿאַר זיך אַ באַזונדערע, אַ פֿײַנבערגישע דערשײַנונג. זײַן טעמאַטיק איז פֿול מיט ייִדיש דינאַמישן אינהאַלט, זײַן פֿערז איז מוזיקאַליש שפּילעוודיק, זײַן ליד מיט לירישע רעפֿלעקסן דורכגעזונגט, און זײַן אינהאַלט — צילבאַוווסט.

ל. פֿײַנבערג מעג, דעריבער, טראָגן מיט חשיבֿות דעם טיטל פֿון אַן אַליין־גייער. ער איז אַ מין פּרוש־דיכטער, וואָס לערנט זײַן ליד־סוגיה אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל אין דער ליטעראַטור־קלויז פֿון ייִדיש. אָבער עס איז ניט בלויז די פּאָעטישע אײגנאַרטיקייט, דער אָריגינעל פֿײַנבערגישער נוסח אין ייִדיש־פּאָעטישן סידור, נײַערט די שלמות פֿון מענטש־פּאָעט — צוויי עלעמענטן, וואָס אַנטאַגאָניזירן זיך שטאַרק בײַ פֿיל ייִדישע, און אויך גוייִשע פּאָעטן און שרײַבערס. ער איז אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס איז אומאָפּהענגיק און בייגט זיך ניט פֿאַר סטאַנדאַריזירטע מיינונגען, איינער וואָס גייט ניט אין שפּאַן. אויך אין דעם זינען איז ער אַן אַליין־גייער, וואָס האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער קאָנווענציאָנעלער קלישע. עס איז אַליינגייערײַ, לויט די בעסטע טראַדיציעס פֿון פֿרײַען גײַסט.

ג

דער ליטעראַרישער בראשית פֿון ל. פֿײַנבערגן לויפֿט צוריק צו 1926, ווען ס'איז דערשינען זײַן ערשט בוך ערבֿ שטורעם. זײַן דעביוט איז געווען די ליטעראַטור־סמיכה פֿאַר אַ טאַלאַנטירטן יונגן שרײַבער. אויף זײַן וועג ביז הײַנט האָט ער אָפּגעצייכנט 14 ביכער, ווי 14 מײַלשטיינער וואָס האָבן באַזיגלט זײַן ליטעראַרישע קאַריערע. ל. פֿײַנבערג איז אַדורך דעם אומדערמידלעכן וועג פֿון אַ דיכטער, וואָס האָט דורכגעמאַכט זײַנע אידעיִשע בלאָנדזשענישן און ליטעראַרישע דערפֿאָלגן. זײַן לעצטער ראָמאַן אין פֿערזן, דער געבענטשטער דור, איז פֿון אַ הייכן ווערטיקן קאַליבער.

ל. פֿײַנבערג האָט מיט זײַן בוך צוגעטראָגן דער ייִדישער ליטעראַטור, און דעם לייענער, די עפּאָפּעע פֿון אַ גרויסע און גורלדיקע עפּאָכע אין דער ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פֿאַר די אויגן פֿונעם עלטערן דור. די גאַלעריע טיפּן איז ניט נאָר אינטערעסאַנט און גרויס, נאָר טאַקע פֿאַרכאַפּנדיק מיט זייערע עקסטראַוואַגאַנטע פֿאַרשווינען און דעם לויף פֿון די קאָמפּליצירטע געשעענישן. דער מחבר אַליין איז די אַקס פֿון דער האַנדלונג. אין פֿאָרעם פֿון פֿערזן, וואָס זענען צוגענגלעך פֿאַר יעדן, האַלט דער דיכטער צוגעשמידט די פֿאַראינטערעסירטקייט פֿון לייענער. מיט דער פּאָזיטיווער דערגרייכונג האָט ל. פֿײַנבערג דערפֿילט זײַן שרײַבערישע שליחות. ער האָט אמתדיק און עכט, בולט און ריאַעל, צו מאָל אויך מוסרדיק־שטראָפֿיק, געגעבן דאָס בילד פֿון זײַן דור — דער געבענטשטער דור. יעדער העלד איז, אין זײַן מהות, אַ געוויסער אַספּעקט פֿון דור. די קינסטלערישע קוואַליטעטן פֿון בוך

זענען, לויט פאָרמעל ליטעראַרישע כּללים, גרינטלעך און אידעיִש אויסגעהאַלטן. אין ליכט פון דער געגעבענער תּקופה זעען מיר דעם דור.

ד

די קריטעריע פון דער אידעיִשער גאַנצקייט באַשטייט אין איין פּרעגנאַנטן, וואָס מיר דאַרפן אַוועקשטעלן הינטערן טיטל פון בוך, און נעמלעך: איז דאָס דער געבענטשטער דור? די שאלה פאָדערט אַן ענטפער. דאָס בוך, ווי פיקציע־ליטעראַטור, מיט אַן אויטאָביאָגראַפישן פאָסאַד, גיט אַ פול בילד פון דער געגעבענער עפּאָכע: 1905 ביז מיטן די 20ער יאָרן — דאָס ייִדישע לעבן אין רוסלאַנד, און דאָס אויפבויווערק אין ארץ ישׂראל. די אַקציע פון אַ רעוואָלוציאָנער־און חלוציש־ראָמאַנטישע יוגנט אין ביידע לענדער, שטעמפּלט דאָס בוך מיטן חותם פון אַן עפּיש ווערק. מיר באַקענען זיך מיטן יענצײַטיקן דור, וואָס זײַן רום הייבט שוין אַן פאַרבלאַסן אין גדעכעניש און ער בלײַבט נאָר פאַרצייכנט מיט היסטאָרישע טרוקענע פאַקטן אין די שולביכער. אין בוך, בײַ פײַנבערגן, לעבט אָבער דער דור מיטן לעבן פון נעכטן און די געשיכטלעכע צײַט־אָפּשניטן — רעוואָלוציע, מלחמה, פּאָגראָם — שנײַדן זיך אַרײַן אין זכּרון, צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען פון ארץ־ישׂראל־אויפבוי, וואָס אין גאַנצן איז עס די לעבעדיקע קאַנווע פון ראָמאַן.

גוט איז וואָס ל. פײַנבערג האָט אַדאַפּטירט פאַר דעם סוזשעט די רעאַליסטישע פאָרעם. די טעמע איז אין איר תּוך העראָיִש, און אויב ס'וואָלט געשריבן געוואָרן ווי אַ דראַמאַטישע פּאָעמע וואָלט זי אפשר צו פיל פאַרנעפּלט געוואָרן מיט לירישן סוביעקטיוויזם. אין אַ דור, צוויי אַרום, ווען די חלוצישע ארץ־ישׂראל וועט פאַרשפּינט ווערן מיט עלעמענטן פון לעגענדאַרער סימבאָליק, וועט דער געבענטשטער דור פון ל. פײַנבערגן זײַן גרונט־מאַטעריאַל פאַר אַזאַ דראַמע. אין דער פאַבולע פון ראָמאַן און אין די געשיכטלעכע פאַקטן איז פאַראַן גענוג שטאָף אויפצובויען אַ רעאַליסטישע דראַמע פאַר דעם העברעיִשן צי ייִדישן טעאַטער. דער אויטאָביאָגראַפישער מאָמענט וואָלט דאָ ווירקן איבערצײַגנדיק און פּסיכאָלאָגיש שטאַרק.

אין שאַרפע קאָנטורן זענען געצייכנט די העלדן, און נאָך שאַרפער — דאָס געראַנגל וואָס שפּילט זיך אָפּ אין זייער האַרץ; אין אַנדערע ווערטער: דער גײַסטיקער און פיזישער פּרצוף פון דעם קרײַז פאַרשוינען אין בוך איז געצייכנט קלאָר און בתּכלית הצימצום, מאַנכמאָל אין 2־3 שורות אַ גאַנצער כאַראַקטער אָדער אַ סיטואַציע.

ה

צוליב דעם וואָס דער מחבר פון בוך נוצט דעם הינטערגרונט פון זײַן אייגענעם עבֿר פאַר דעם סוזשעט, דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער ביאָגראַפישער עפּיזאָד פון זײַן לעבן, וואָס מאַכט קלאָר זײַן רוס־ייִד געראַנגל. וואָס איז בײַם

רוסיש ייִדישן דיכטער געווען שטאַרקער און אָרגאַנישער? געוויס איז עס געווען דער ייִדישער עלעמענט, וואָס האָט געזיגט. די דאָזיקע טײלן זענען געשריבן מיטן זעלבן אויפֿציטער ווי די קרעפֿטיקע עראָטישע און ליבע־שילדערונגען. כּדי עס קלאָרער צו מאַכן, פֿאַרצייכענען מיר דעם עפּיזאָד פֿון זײַן לעבן: ל. פֿײַנבערג איז דער דיכטער־גילגול פֿון לעאָניד גרעבניאָוו, וואָס האָט אָנגעפֿאַנגען זײַן קאַריערע ווי אַ רוסישער פּאָעט. אין 1920 איז ער עולה פֿון אָדעס קיין ארץ־ישׂראל, און דאָרטן האָט ער „אָנגעשריבן אויף אייגן לשון ס'ערשטע ליד", ווי ער דערציילט אין דער לעצטער שורה פֿון בוך (אויף דער לעצטער זײַט קומט דאָס ליד).

דער ראָמאַן אין פֿערזן, דער געבענטשטער דור, איז אַרכיטעקטאָניש גוט געבויט און פֿאַרטיילט. דער סטיל איז לויטער און לעבעדיק, דער גראַם פֿליסיק און די שפּראַך זויבער. שטעלנווײַז זענען די שורות אָנגעגליט מיט דיכטערישן טעמפּעראַמענט. דער הומאַנער גײַסט און נאַציאָנאַלער אידעאַליזם — צוויי הויפּט ענערגיע־שטראָמען אין ייִדישן לעבן פֿון יענעם דור — האָבן אַרויסגעדריקט זייער חותם אויף דער ייִדישער יוגנט דאָן און זי צעטיילט אין צוויי לאַגערן. אין בוך שפּיגלט דער מחבר אָפּ די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע קעגנאַנאַנדערדיקע שטראָמען: די בויער און די שטערער, די פֿרעדיקער און פֿאַרווירקלעכער פֿון אייגענער נאַציאָנאַלער גאולה, און פֿון דער צווייטער זײַט — די גלייביקע און נאָכלויפֿער פֿון פֿרעמדער אַ״ג אַלמענטשלעכער דערלייזונג.

ל. פֿײַנבערג האָט אין אַ פֿריערדיקן בוך, דער פֿאַרמשפּטער דור (1954), און אין זײַן איצטיקן בוך, דער געבענטשטער דור, געגעבן אַ קינסטלערישע תּשובה אויף דעם געראַנגל פֿון די צוויי הויפּט־שטראָמען אין ייִדישן לעבן. ער איז, ווי זײַן גרויסע געשטאַלט אלישע בן־אבֿויה, דער קינסטלער־בעל־תּשובֿה, וואָס האָט פֿאַרמישפּט דעם דור פֿון פֿעלשן אין פֿאָלק. ער האָט עס געטאָן מיט ווערדע, מוטיק און שטאָלץ: און נאָך דעם — מיט דעם זעלבן מוט און שטאָלץ — געגעבן זײַן ברכה צו דעם דור, וואָס האָט געבויט און בויט זײַן היים אין ישׂראל.

דרום־אַפֿריקע, 1963.

• דער פֿאַרקריצער פֿון דער דורות־עפּאָפּעע — דרום־אַפֿריקע, 1967.

# יהושע פריד

מיר לייזן דאָ אויס פון פאַרגעסנקייט נאָך איינעם פון די נעמען פון די פיל אומבאַקאַנטע יידישע קרבן־דיכטער פון לעצטן חורבן, וואָס זיינע צופעליק אָפּ־געראַטעוועטע פערזן, געשריבן אויפן ראַנד פון אומקום, זענען אָנגעקומען אין אונדזערע הענט.

יהושע פריד איז געבוירן געוואָרן אין וואַרקליאַן, לעטלאַנד, אין יוני, 1908. (אין לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, זיבעטער באַנד, עמוד 464, איז אָנגעגעבן —1906). צו 6 יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין דער וואַרק־ליאַנער יידישער גרונטשול. אין זעקסטן קלאַס האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער און געוואָרן דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ציַיטונג דאָס פאָלק, וואָס איז דערשינען אין ריגע.

ענדיקנדיק די גרונטשול האָט ער פאַרגעזעצט דאָס לערנען אין דער ריגער יידישער צענטראַלער שול. ער איז געווען אַ מיטגליד פון יונגן ליטעראַרישן פאַרבאַנד „אַלף" און אַ סטאַבילער מיטאַרבעטער אין פרימאָרגן און ביַיטאָג, וואָס דערשיַינט אונטער דער רעדאַקציע פון לאַצקי בערטאָלדי און ד"ר העלמאַן. ער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דער ציַיטונג. אין יאָר 1936 העלפט ער אַרויסגעבן דעם ליטעראַרישן אַלמאַנאַך ריגער שריפטן, וווּ ער באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט פּראָפ' ש. דובנאָוו, מאַרק ראַזומני א"אַ.

לויט דאָס עדות זאָגן פון זיַינעם אַ חבר, איז יהושע מערערע מאָל געווען אַנטלאָפן פון געטאָ און געלעבט מיט זיַין פרוי אַלס אַריער. אויף דער פריַי האָט ער געלאָזן זיַינע מאַנוסקריפטן פון פאַר דער מלחמה און פון דער ציַיט אין ריגער געטאָ. אין ריגע פלעגט מען אים זען אַרומגיין אָן דער געלער לאַטע. ער און זיַין פרוי זענען געכאַפּט געוואָרן און נאָך לאַנגע מאַטערנישן האָט מען זייביידן פאַרשיקט אין לאַגערן. זיַין פרוי איז מסתמא אומגעקומען. פאַר אים האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פיַינלעכער וואַנדער איבער די לאַגערן פון לעטלאַנד, און נאָך דעם — דיַיטשלאַנד.

יהושע האָט געוואַנדערט פון לאַגער צו לאַגער, און פון הונגער, קעלט און שווערער האַרעוואַניע האָט ער אָנגעהויבן ליַידן אויף די לונגען. עס האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן אין זיַין שפּיַיעכץ, זיַין פיזיש שטאַרקער אָרגאַניזם האָט אָנגעהויבן נאָכגעבן. ער האָט די גאַנצע ציַיט געשריבן אויף שטיקלעך פּאַפּיר און קבלות פון לאַגער, וואָס געפינען זיך ביַי זיַין ברודער אין חדרה.

זײַן חבֿר, משה עלדשטײַן, דערציילט, אַז נאָך דעם ווי דער רוסישער פראָנט האָט אָנגעהויבן שפּאַרן נענטער האָבן די דײַטשן גענומען טרײַבן די ייִדן קיין דײַטשלאַנד, צו פֿאַמערן. וואָכן לאַנג האָט מען געוואַנדערט אָן אַ ביסן ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער. צום סוף איז מען אָנגעקומען אין שטוטהאָף. דאָ האָבן געהערשט שוידערלעכע באַדינגונגען און עפּידעמיעס. יהושע איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אַן ערך 10 טעג איז ער געלעגן מיט איבער 40 גראַד טעמפּעראַטור און קיין מעדיקאַמענטן זענען ניט געווען. אין דעם אומדערטרעגלעכן ווינטער, זײַענדיק קראַנק, האָט ער געשריבן זײַן לעצט ליד, דער טויט פֿון אַ דיכטער. אין מיטן אַפּריל, 1945, בלויז עטלעכע טעג פֿאַר דער באַפֿרײַונג, איז ער אויסגעגאַנגען. (לויטן לעקסיקאָן איז ער „אומגעקומען אין דער 'אַקציע' פֿון 30סטן נאָוו', 1941").

דרום־אַפֿריקע, אַפּריל, 1958.

הערה: די באַמערקונגען, אין קלאַמערן, זענען צוגעגעבן געוואָרן בײַם צוגרייטן דאָס בוך.

# עלנט פון אַ תּקופה

רבֿקה קאָפּע: אַ נײַ לעבן — דערציילונגען, פּאַריז, 1959. שער־בלאַט געצייכנט פון בען. פּאָרטרעט געצייכנט הענריק בערלעווי. 156 זז׳.

## א

רבֿקה קאָפּע איז באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ פֿײַנע, טאַ־לאַנטירטע דיכטערין. איר ערשט בוך לידער, טוי פון שטילקייט, איז אַרויס אין 1951. פון דעמאָלט האָט זי צעזייט און צעשפּרייט אירע שטימונגספולע, באַטעמטע לידער אין פיל פעריאָדישע שריפטן און זשורנאַלן איבער דער גאָרער וועלט. איר נאָמען איז היינט, אַ דאַנק דעם, שוין ניט מער פרעמד דעם יידישן לייענער.

רבֿקה קאָפּע איז אַ ראַפינירטע דיכטערין. זי שרײַבט אין אַ ליריש צאַרטן טאָן און וואַרעם, שפּילעוודיק און תּפילהדיק. זי מעדיטירט. איר יידיש לשון צערטלט זי, פאַרשפּילט זיך מיט ווערטער און קלאַנגען. אין אירע טרוימען און וויזיעס זוכט זי דעם סוד פון גאָט און זײַן באַשאַף. אירע מעטאַפאָרן זענען גענומען פון דער נאַטור. עס פילט זיך נאָענטקייט און צוגעבונדנקייט צו מאַמע־ערד, צו פעלד און בוים, צו די לעבעדיקע וועזנס אַרום אונדז. אירע לידער זענען אָריגינעלע שאַפונגען, וואָס דער דיכטעריש פֿײַנער געמיט פון אַ פרוי איז אַרויפ־געדריקט אויף זיי. אָבער דאָ ווילן מיר אַרײַנבליקן אין אירע דערציילונגען.

דאָס פּראָזע בוך אַ נײַ לעבן פאַרבלאָסט ניט איר דיכטעריש געשטאַלט. איר דערציילערישער זשאַנער העלפט איר זיך אַרויסהייבן אויף אַ מער ברייטערן האָריזאָנט. איר שרײַבן באַקומט אַ פרײַען אויסדרוק און אַ ווײַטן אויסקוק. זי איז מער ניט געבונדן מיט דעם גראַם און דעם קלאַנג, וואָס האַלטן אין צוים. אַנשטאָט דער געמאָסטענער שורה זינגט דער ריטעם אין איר פּראָזע, אַ ריטעם וואָס מ׳פילט אין פאָרעם און אינהאַלט, און מיט אַ טענדענץ זיך צו אַנטוויקלען.

רבֿקה קאָפּע שרײַבט ניט מיט אויסגעקליגלטע מיטלען, זי טראַכט ניט צו קיין קינסטלעכע סיטואַציעס, ווײַל זי ווייסט גוט אירע העלדן און קען זייער הינטערגרונט. זי שרײַבט מיט עמאָציאָנעלער לײַכטקייט און דערפאַר קומען אירע כאַראַקטערן אַרויס דורכזיכטיק גלאַט. זי פאַרשטייט זיך אויף זייער פּסי־כיק, אויף זייערע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן. זי ברענגט זיי אויף דער סצענע אין זייער גאַנצקייט און צעבראָכנקייט, אין זייער אמתדיקייט און פאַלשקייט.

רבֿקה קאָפּע האָט פֿערזענלעכע שטיקער טראַגעדיע פֿון ייִדישן מענטש אויפֿגעשאַרט פֿון חורבן־אַש און זיי געמאַכט באַריידעוודיק — זאָלן זיי דערציילן. די דאָזיקע שווערע צווישנצײַט, אויפֿן גרענעץ פֿון פֿינצטערקייט און ליכטיקייט, האָט נאָך כּמעט ניט באַקומען איר ליטעראַרישן תּיקון. די דיכטעריןּ פּרוווט אין קורצע דערציילונגען צו געבן די צאַפּלדיק־וווּנדיקע פּראָבלעמען פֿון יענער צײַט אַ קינסטלערישן אויסדרוק. די ייִדישע פֿרוי, דער ייִדישער מאַן און אויך דאָס קינד — אַלע אַנטרונענע פֿון גיהנום, אָן אַ קרובֿ און אָן אַ גואל — בלײַבן מיט אַ מאָל שטיין נאַקעט און הויל פֿאַר אַ נײַ לעבן. זעגען פֿאַרווירט און צעטומלט. זייער גײַסטיקע אויפֿטרייסלונג און זייער פּסיכישע רעאַקציע שילדערט זי. די העלדן טראָגן די שרעק און טראַגיק פֿון דור.

מיט קאַרגע ווערטער דערציילט רבֿקה קאָפּע וועגן זייער פֿאַרגאַנגענהייט, וועגן זייערע לײַדן, אָבער אין די פֿראַגמענטאַרישע דערמאָנונגען גליט אויף דאָ און דאָרט אַ ריס אין האַרץ. זי באַלויכט דעם געראַנגל פֿון פֿאַריתומטן מענטש פֿאַר אַ ברעקל אָנהאַלט אין לעבן, פֿאַר אַ ווינקל היים, פֿאַר אַ פֿונק וואַרעמקייט. די פּראָבלעם, וואָס איז נאָך דער מלחמה אויפֿגעקומען, ווי אַ מאַסן־דערשײַנונג, פֿון טויזנטער היימלאָזע ייִדן, האָט באַקומען נאָר אָן אינדיווידועלע לייזונג, ווײַל דער יחיד אין זײַן פּסיכישער צערודערטקייט, האָט געזוכט אויפֿצובויען אַ משפּחה און זיך שאַפֿן עקסיסטענץ־מיגלעכקייטן. די דאָזיקע תּקופֿה איז נאָך גרינטלעך ניט דערפֿאָרשט פּסיכאָלאָגיש. די דערציילונגען אַ נײַ לעבן זענען בליץ־אַרײַנבליקן אין די נשמה־באַהעלטענישן פֿון יענע ייִדן. מיר זעען זייערע זוכענישן, בענקענישן, אַנטוישונגען און זייערע קלײנע פֿריידן.

זי דערציילט פּראָסט און פּשוט, ווי מ'דאַרף אַזעלכע זאַכן דערציילן. ס'איז ניט פֿאַראַן אין די דאָזיקע געשיכטעס פּאָעזיע, אויך דער עבֿר־הינטערגרונט, איז ווי אַ שאָטן, פֿאַרטושט. עס איז נאָר פֿאַראַן הווה, דער הײַנטיקער טאָג, די כאַראַקטעריסטיק פֿון לעבעדיקן מענטש — זײַנע זאָרגן און האָפֿענונגען, זײַנע טענות און פֿאַרלאַנגען, זײַנע קאָמבינאַציעס און דורכפֿאַלן, זײַן ביטערקייט און זײַן גרויסקייט. די האַנדלונג איז ניט זעלטן פֿאַרוויקלט, די געשעענישן דראַמאַטיש און שפּאַנענדיק, דער אינהאַלט, אין מאַנכע שטעלעס, פּיקאַנט און אַנציִעוודיק. די טראַגיק, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פֿאָדעם דורך זיי אַלע, שנײַדט זיך שאַרף אַרײַן אין זכּרון. אַ צאָל דערציילונגען זענען גוט געבויט, מיט אַ קלימאַקס, הגם זייער קורצקייט ווירקט ווי כראָניקאַלישע פֿאַרצייכענונגען. ווי אַ גאַנצקייט זענען זיי אָבער פֿאַררונדיקט, אַרומגעשליפֿן, אָפּגעשלאָסן.

רבֿקה קאָפּע האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ שווערער טעמאַטיק. קענטיק, אַז זי האָט געפֿילט אַ דראַנג צו געשטאַלטיקן קינסטלעריש דעם דאָזיקן פּעריאָד. דער דערציילערישער שטאָף איז סאָליד פֿאַרוועבט אין יענעם רויען לעבן.

ב

רבֿקה קאָפּעס העלדן זענען מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע אימיגראַנטן אין פראַנקרײַך; פּאַריז איז די סצענע, חוץ עטלעכע דערציילונגען אויף דער פּראָ־ווינץ, אין ישׂראל און אין דער פֿאַרמלחמהדיקער פּוילן. זי קען גוט דעם ייִדישן אײַנוואָנדערער, זײַנע שוועריקייטן און מאַטערנישן, זײַן איניציאַטיוו און אַמבי־ציע צו דערגרייכן אַ מאַטעריעלן דערפֿאָלג. מיר באַקומען פֿון איר פּעדער עכטע טיפּן. זי באַשרײַבט דעם פּשוטן מענטש, דעם אַרבעטער, דעם קרעמער, דעם קליינעם אונטערנעמער. מיר געפֿינען דאָ זעלטן דעם אינטעליגענט. דער אופֿן דענקען פֿון די דאָזיקע מענטשן איז פּרימיטיוו, כּיטרע־אויסגערעכנט. זיי זענען ווײַט פֿון וועלכן אידעאַליזם און זייערע צילן זענען באַשרענקטע. דערפֿאַר אָבער זענען זיי שטילע, רויִקע בירגער, וואָס זענען מקבל זייער גורל באַהבֿה. די דאָזיקע ייִדן געהערן ניט צו קיין פּאַרטייען און דיסקוטירן ניט קיין פּאָליטיק. זיי זוכן אָפּרו, אַ ביסל טרייסט און אַ ביסן ברויט, נאָך די גרויזאַמע מלחמה־יאָרן.

דאָס גאַנצע בוך איז פֿול מיט דער אומרו פֿון די ייִדן, וואָס פּרוּוון אַרי־בערשפּרײַזן די בערג אַש פֿון חורבֿן נעכטן. די העלדן זוכן צו פֿאַרגעסן די שווי־דערלעכע דערמאָנונגען און קענען ניט. דער קאָשמאַר קאָן ניט אָפּגעווישט ווערן אַזוי גיך. די אַנאָמאַליעס לייגן זיך אויס ווי שטרויכלונגען אויפֿן וועג צו אַ נײַ לעבן. די פֿאַרשוינענע רײַסן זיך פֿון זייער שוואַרצן קרײַז — ווײַטער לעבן. עס איז דאָס געבאָט פֿון זײַן, דער כּוח פֿון יחיד, וואָס איז דער כּאַראַק־טער־שטריך פֿון אַן עקשנותדיק פֿאָלק. עס גייט אָן אַ האַרטער קאַמף פֿאַר נאָר־מאַליזירן דאָס געראַטעוועטע לעבן, פֿון דער ערשטער דערציילונג, „די פֿאַר־צעלײַענע ליאַלקע״, ביז דער לעצטער, „מײַנע שיך דערציילן״. די ייִדן נאָך דער מלחמה ווייסן, אַז די טאָטאַלע פֿאַרגעסונג קאָן ניט און טאָר ניט קומען.

די פֿרויען און די מענער, אין די דערציילונגען, זענען באַטריבטע און לײַדנדיקע קרעאַטורן, אָבער זייערע געפֿילן זענען ניט אַטראָפֿירט. זיי שטייען אויף צו אַ נײַ לעבן, ווי נאָרמאַלע מענטשן, מיט אַלע לעבעדיקע לײַדנשאַפֿטן, מיט ליבע און מיט קינאה, מיט דראַנג און מיט דרייסטקייט. זיי גייען צו זייער נײַ לעבן מיט דער נאָכשלעפּעניש פֿון לאַגער־קאָמפּלעקסן, פֿון שרעק־פּסיכאָזן, פֿון דעפּאָרטאַציע. די דערציילערין האָט געגעבן אויסדרוק פֿאַר זייער עלנט און פֿאַר זייערע צעריסענע נשמות. די עטלעכע דערציילונגען פֿון אַן אַנדער איב־האַלט האָבן, אַגבֿ, אויך דעם סימן פֿון ראַנגלען זיך, מיטן אייגענעם טרויער.

רבֿקה קאָפּע האָט געטאָן אַ ליטעראַריש פּיאָנערישע אַרבעט: געשילדערט אַ תּקופֿה, וואָס איז ביז איר, חוץ אַ פּאָר קלענערע און גרעסערע פֿאַרמעסטן, כּמעט געבליבן אומבאַרירט פֿון אַ קינסטלערס פּעדער. דאָס מאַכט נאָך מער אָנזעעוודיק דעם מאַנגל פֿון אַ ברייטן קינסטלערישן לײַוונט פֿאַר דער עפּאָכע.

עס זענען אויך פֿאַראַן אַ פּאָר דערציילונגען אויף אַלגעמיינע טעמעס. איינע, למשל, „הוויז־חיות״, איז געשריבן מיט עלעגאַנץ און פֿאַרמאָגט אַלע קענצייכנס פֿון דער אייראָפּעיִשער קורצער מוסטער נאָוועלעטע. די דערציילונג, וואָס

שפּילט זיך אָפּ אין אַ פראַנצייזישן דאָרפישן ישוב, איז אַמוזאַנט און פאַרמאָגט אַ לייכטן הויך פון הומאָר. מיט ליבשאַפט זענען געשילדערט די הויז־חיות, זייער געמיט, זייער ליבע, איפערזוכט, נקמה.

די פאָר דערציילונגען, וואָס באַהאַנדלען ניט דעם ספּעציפישן איינזאַמקייט־מאָמענט פון נאָך דער מלחמה, אָדער דער יידישער עלעמענט פעלט אין זיי בכלל, זענען קורץ, בלויז 3־4 זייטלעך. אין קיינע פון די דערציילונגען איז ניט פאַראַן די מאַסע, אָדער מאַסן־סצענעס. מיט צוויי־דריי מענטשן, העכסטנס אַ קנאַפּער מנין, שאַפט די שרייבערין אַ דערציילונג. מיט די טראַכטונגען פון העלד שרייבט זי זיין לעבנס־געשיכטע. דער אינהאַלט: צוזאַמענגעפּרעסטע געפילן פון מענטש אין אַ געוויסן טאָג, אַן אָוונט, אַ שעה. דער העלד אַליין מאָלט זיין זעלבסטפּאָרטרעט אין אינטענסיוו־איבערלעבטע מינוטן.

צוויי אַזעלכע מיניאַטור־דערציילונגען זענען „גאַבריעל" און „סילוועסטער" יעדע פון זיי שפּילט זיך אָפּ אין איין אָוונט, אָבער עס שפּיגלט אָפּ דעם לויף פון פיל יאָרן. „גאַבריעל איז היינט ספּעציעל אין אַ שלעכטער שטימונג": מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט זיך אָן די דערציילונג, און דער היינט פלוס די שטימונג גיבן אין 3 זייטלעך דעם אינהאַלט פון אַ גאַנצן ראָמאַן. אין געדאַנקען שפּילט גאַבריעל אויס איר גאַנץ איינזאַם און אומצופרידן לעבן. איר מאַן, אַ שריפטשטעלער. זי איז ניט גליקלעך מיט אים, ווייל זייער לעבן האָט ניט קיין געמיינזאַמען אינטערעס. דאָס זעלבע קומט פאָר אין דער איין נאַכט פון „סילוועסטער", וואָס לויפט דורך אַ לעבן פון אַ מאַן און אַ פאָר פרויען אין 4 זייטלעך. די פּאַסירונגען אַנטוויקלען זיך שנעל. דער אויסקלאַנג איז מיט די זעלבע טענער פון אומעט, ווי אין דער ערשטער דערציילונג. זי נוצט פאַר די דאָזיקע קליינע דערציילונגען דעם מינימום פון קינסטלערישע מיטלען, אָבער דער רעזולטאַט איז דאָס אַרויסבאַקומען גאַנצע זאַכן. אין די שמאָלע ראַמען זענען איינגעמאָנטירט פראַגמענטן, וואָס שפּיגלען אָפּ ס'גאַנצע לעבן פון אירע העלדן.

רבֿקה קאָפּע לינדערט פיל סיטואַציעס מיט אַ פלינקן זשעסט, מיט אַ גראַציעזן וואָרט, מיט אַ לאַקאָנישער אַקצענטירונג. זי דערציילט דירעקט, צו דער זאַך, אָן קאָמענטאַרן און אָן אינטערפּרעטאַציעס, וואָס לאַנגווייליקט ניט.

איר נייַ בוך באַווייזט אַז איןביידע ליטעראַרישע זשאַנערס קאָן זי שאַפן פיינע ווערק. דאָס בוך אַ נייַ לעבן איז אַ שטאַפּל צו שטייגן העכער, צו פאַרפולקומונג. איר יידיש לשון איז פריש, קלאָר, מיט געראָטענע ווערטער־קאָמבינאַציעס און לאַקאַליזמען.

אין אַ נייַ לעבן האָט זי אויפגעוויקלט די פּראָבלעמען פון אַ תקופה, וואָס באַלויכט דעם עלנט פון די יידן. זי האָט מיט אירע דערציילונגען פולער געמאַכט אַ בלויז. זי האָט נאָך מסתמא צו דערציילן וועגן יענער אומעטיקער צייט, און וועגן לעבן, וואָס איז אויסגעוואַקסן און זיך צעבליט נאָך יענער תקופה.

דרום־אַפריקע, אויגוסט, 1959.

# מלך ראַוויטש — דער מענטש און זײַן ליד

די לידער פון מײַנע לידער: מלך ראַוויטש, אַ כּינוס — אויפגעקליבן פון דרײַצן זאַמלונגען: 1909‏־1954. אַרויסגעגעבן פון מ. ראַוויטש בוך־קאָמיטעט בײַ דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק אין מאָנטרעאַל. אַלע אילוסטראַציעס פון יאָסל בערגנער. 436 זז׳.

## א

מלך ראַוויטש איז לכל־הדעות איינער פון די מערקווערדיקסטע און אינטע־רעסאַנטסטע שעפערישע פּערזענלעכקייטן צווישן די יידישע דיכטערס און שרײַ־בערס פון אונדזער דור. זײַנע לידער זענען ניט בלויז פֿײַנע פּאָעטישע ווערק, נײַערט אויך די אינערלעך גײַסטיקע וועלט פון אַ גלייביקן מענטשן. עס איז די תּורה און אמונה, דער וועלטבאַנעם און די פּרינציפּן, וואָס דער דיכטער שטראַלט אויס פון זײַן נשמה דורך געזאַנג. ער איז זײַן אייגן געזאַנג — גע־זאַנג פון מענטש.

מלך ראַוויטש האָט אַצינדער אײַנגעזאַמלט כּמעט זײַן גאַנצן פּאָעטישן רכוש אין איין בוך. פון אַלע זײַנע ביז איצט דערשינענע דרײַצן לידער־זאַמלונגען האָט ער אויפגעקליבן די לידער פון זײַנע לידער און אין געדיכט געזעצטע זײַטן עס צוגעטראָגן דעם יידישן לייענער. דאָס דאָזיקע גרויסע בוך דערמיגלעכט אונדז נאָכצופאָלגן דעם דיכטערס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, זײַנע ערשטע שריט, אַנטוויקלונג און שטײַגן. דאָס איז אַ ווערק וואָס גיט אַ שלמותדיק בילד פון דער גײַסטיקער פיזיאָנאָמיע פון דיכטער, אַ נענטערן אַרײַנבליק אין רוחניותדיקן פּנים פון מענטש און ייד מלך ראַוויטש, וואָס אַנטפּלעקט זיך מיט פּשוטער, לויטערער שיינקייט. מ׳וואָלט עס אפשר געדאַרפט באַטיטלען ספר, ווײַל עס איז אין תּוך די נשמה, דאָס גײַסטיקע לעבן פון אַ מאַן כּמעט פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט. מיטן דערשײַנען פון בוך האָט דער דיכטער — און נוצנדיק זײַן סאַרקאַסטישן זאָג — אײַנגענומען דאָס „טיילעפעלע אומשטערבלעכקייט״, וואָס ער האָט כּשר פאַרדינט.

מלך ראַוויטש האָט אָנגעטאָן אַ לבֿוש פון שירה ניט נאָר זײַנע אידעאַליסטי־שע שטרעבונגען, נײַערט אויך די אַלמענטשלעכע הייכע אידעען פון יאָרטויזנטער. אין זייער ליכט שײַנען זײַנע לידער עכט, אָריגינעל און אמתדיק. זיי פלאַקערן

טאַקע ניט מיטן פלאַמפּײַער פון עקזאַלטירטע וועלט־דערלייזער, אָבער זײַן רויִק, געפּילפּול וואָרט וואַרעמט נאַטירלעך און דערקוויקנדיק, און זײַן מילד־קייט לאָזט זיך אָבער און ווידער געניסן.

דאָך איז מלך ראַוויטש ניט פאַריאָכט צו ענג פּאַרטייִישע דאָגמעס, ווי עס איז געווען און איז נאָך דער מינהג אין יִדישלאַנד, בײַ פיל פּען־מענטשן. ער האָט ניט קיין קלײַזל און ניט קיין רבין. ער פאַלט ניט אַרײַן אין שבחים צי גרינגשאַצונגען, „אינספּירירט" אויף אַ באַפעל. ער ווערט אויך ניט פאַרכאַפּט פון מאַסן־פּסיכאָז, פון גאַסיקן טומל. זײַן קריטעריע איז די אייגענע געפילן, גע־וויסן און שׂכל־הישר. זײַן גלויבן טראָגט ער הייך, ווי אַ פאָן. עס איז ניט קיין קלײנער נסיון צו זײַן פינף און פערציק יאָר אַ שרײַבער בײַ יִדן און זיך גיין מיטן אייגענעם שטעג, אַ ביסל פאַראייגזאַמט און אָפּגערוקט פון גרויסן שליאַך, פון דרך־המלך. ווײַל ס'איז גאָר ניט פּאָפּולער געווען פאַר צענדליגער יאָרן צו שטיין אָן אַ זײַט, ניט מיטליאַרעמען אין כאָר און ניט שלעפּן דעם צי יענעם „משיח" פאַר אַ ברעג פאָלע, כּדי מזכּה צו זײַן אונדזער נעבעכדיקע וועלט מיט אַ קרישקעלע גאולה. מלך ראַוויטשעס דערקענטעניש און אויפּפאַסונג וועגן אָן אויסגעלייזטע און בעסערע וועלט איז טיף פאַרבונדן מיט דער מאָראַלישער מדרגה פון יחיד־מענטש, זײַן גוטסקייט און יושר. דאָס באַוווּסטזײַן פון פרײַ־הייט איז אַ תּנאַי מוקדם פאַר דעם ליכטיקן מאָרגן פון פרײַ זײַן. ס'קאָן ניט גע־מאָלט זײַן קיין צוואַנג איבער דעם מענטש, ווײַל מענטש איז הייליק. אַלע מענטשן זענען גאָטס קינדער אויף דער ערד, אָן אונטערשייד: „די הויט איז ברוין — — געזונטער זון־געמיש פון אַלע ראַסן".

פאַראַן אויך אַנדערע פּאַזעס און ליניעס, אַפילו אַנדערשטמאָל היפּוכדיק שאַרף געשניטענע, אין מלך ראַוויטשעס דיכטונג, אָבער די עיקר־ליניע, דער הויפּטמאָטיוו איז פאַרבליבן תּוכיק, אין מהות ניט געביטן. די קורצע שורה איז צו מאָל פאַרביטן געוואָרן אויף אַ לענגערע, דער ריטעם האָט זיך צײַטנווײַז גע־ביטן, דער טאַקט, די רעם, אָבער בײַ אַלע פאַרשיידענע פאָרמען פילן מיר די זעלבע לירישע־עמאָציאָנעלע סטרונעס, די זעלבע קלאַנגען, דער זעלבער דיכטער.

אין 1911, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן פורעמען דער אידעיִשער וועלט־באַנעם פון יונגן דיכטער, זענען זײַנע ערשטע ציטערדיקע ווערטער שוין געווען געווענדט צום מענטש. ער פאַרכליניעט זיך ממש פון ליבע צום מין מענטש, און טאַקע אין ערשטער פערזאָן: „איך האָב אײַך ליב, אײַך אַלע, אַלע מענטשן־קינדער, מענטשן־קינדער — אָ, איך האָב אײַך האָלד". צי האָבן אַ סך בײַ אונדז געזונגען מיט אַזאַ אָפן נאַיִווער נאַקעטקייט?

אין דער־אָ פריִער יוגנט — 1912 — בעט דער דיכטער אין אַ „תּפילה פון אַ נײַנצניעריקן" אויף גלויבן, „וואָס זאָל מיר העל מאַכן דײַנע שוואַרצע נעכט" — — „גיב מיר דאָס העלסטע פון דײַנע ליכט — גאָט: גלויבן". און דער גאָט אין מענטש, דער חלק אלוה אין גוף, פאַרוואַנדלט זיך אין דיכטערס ליד אין אַ פריידיקע זעלישע איבערלעבונג. גאָט איז שׂימחה־אויפברויז, אויסגעטוענקייט

פון לײַב, עקזאַלטירטע גײַסטיקע דערהויבונג: „אָ, װוּנדערלעך, װוּנדערלעך, װוּנדערלעך הײַנט" — „אַנטלײַבט איז דער גײַסט — און פֿאַרגײַסטיקט דאָס לײַב", ווײַל — „גרויס איז דער גאַסט, דער גאַסט צווישן אונדז, מיט אַלץ איז ער, און אַלץ איז מיט אים, אלוהים". דאָס דאָזיקע גאָטגעפֿיל, בײַם דיכטער, איז די גאַרונג פֿון מענטש צו העכערס, צו שענערס, צו אייביקער ליכט.

## ב

די „ריזן פֿון גײַסט", — די דיכטער — און מלך ראַוויטש צווישן זיי, „זײַנען שוין גרייט צו קוילערן העכער, נאָך העכער די ערד": „און מיר וועלן קוילערן, קוילערן שווער,/ ביז מיר וועלן ברענגען זי אויף אַזאַ אָרט, / ווו כוואַליעס פֿון ליכט לײַכטן אייביק פֿאַרט, / ווו דאָס געטלעכע וואָרט / ציט זיך קלאַנגפֿול אין אייביקן אָטעם".

די שורות זענען בלויז אַ מוסטער פֿאַר די לעכצונגען פֿון יונגן דיכטער צו העכערע גײַסטיקע ספֿערן, אין וועלכע דער מענטש ווערט באַשאַנקען מיט „אַ האַרץ פֿול מיט גאָט". אַזוי האָט דער דיכטער, עמאָציאָנעל, פֿאַרסימבאָליזירט די גאָט־אידעע ווי אַ הערלעכן סינאָנים פֿאַר וועלט־ און מענטש־גאולה.

אויך דער דיכטער אַליין גאַרט נאָך דערלייזונג, ווײַל אויך ער געהערט דאָך צום עבֿדים־קלאַס, „וואָס מאַרשירן אין דער זון — די זון איז דאָך אײַערע — האַרן — אַליין". זײַן גאָט איז פֿון אַ סאָציאַליסטישן מאמין, וואָס זײַנע רעלי־גיעז־עטישע חוקים זענען הייליקע געבאָטן פֿאַר דער גאַרער מענטשהייט. ער רעוואָלטירט ניט מיט מיטלען פֿון הרג, גוואַלד און רציחה, ווײַל די גאַנצע וועלט, די גאַנצע נאַטור איז דאָך מושלמדיק און דורכגעדרונגען מיט דער געט־לעכקייט, וואָס וועט זיגן און באַדעקן די ערד מיט איר גרויס ליכט.

מלך ראַוויטשעס רעוואָלוציאָנערע לידער זענען געשריבן אין שטימונג פֿון גלויבן און האָפֿענונג צו אַ נײַעם סדר־העולם, ווו די פֿרײַהייט פֿון מענטשן איז קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו. אָבער גלײַך ווי אַן אַדערויף קומט אַ ליד פֿון „אָרעם פֿאָלק", וואָס טרויט ניט זײַנע פֿירער, וואָס איז מוחל די גליקן פֿון יעטווידער מושל, ווײַל זיי זענען אויסן ניט מער ווי דאָס הערשן און זייער אייגענער טובֿה, און אַלע מינים הערשער זענען ניט מער ווי דיקטאַטאָרן.

אַ גאַנצע ריי לידער פֿון „אומענדלעכן לויב" ווידמעט דער דיכטער צו זײַן לערער און וועגווײַזער ספּינאָזאַ. אין פּראַקטיקע געזאַנגען שילדערט ער מיט בענקשאַפֿט דאָס גרויסע לעבן, דאָס ווערק און די לערע, די איינזאַמקייט און טויט פֿון פֿאַרחרמטן ברוך בר׳ מיכאל דע־עספּינאָזאַ, וואָס האָט אים, דעם דיכטער, אײַנגעשלאָסן „אין זײַן כּישוף־קרײַז מיט אַזאַ מין בלינדער מאַכט". ער איז אין התלהבֿות פֿאַרכאַפּט פֿון דאָס ליכט פֿון די „דורכזיכטיקע קלאָרע גע־דאַנקען" פֿון ריינסבורגער חכם, צוליב וועמען „כ׳האָב די ערשטע העלפֿט פֿון לעבן מײַנעם אָפּגעזאָגט". ספּינאָזאַס עטיק, זײַן תּורה איז אַקסיאָם, ווײַל זי האָט

„באַווײַזן מיט אופֿנים אַלערליי, אַז די גוטסקייט איז פֿרײַ", „די גוטסקייט איז פֿאַרשטאַנד". און עס „איז איבערגעבליבן פֿון דעם ליכט פֿון דײַנע רייד אַ גאָלדענער שימער אין מײַן נשמה־קלייד".

איז אָבער מלך ראַוויטש חוץ אַ פֿאַנטעזיסט, אויך אַ וועגעטאַריער. אַ וועגעטאַריער ניט בלויז מיטן גוף, נײַערט אויך מיט די טיפֿענישן פֿון זײַן נשמה. אין בולטע לידער שילדערט ער די גזלנישע ברוטאַלקייט קעגן די שטומע, אומבאַשיצטע גאָטס באַשעפֿענישן אין שעכטהויז, ווען ס'האָבן „חלפֿים געגליטשט איבער אויסגעצויגענע העלדזער".

נאָך איין וויכטיקער מאָמענט פֿון מלך ראַוויטשעס לידער, וואָס מאַכט זיי טיף־מענטשלעך, איז דער צער. דאָס געפֿיל פֿון טרויער, וואָס איז איינע פֿון די זעלטענע זעלישע אײַגנשאַפֿטן פֿון מענטשלעכן מין. דעריבער מוז דאָס ליד פֿון דיכטער תּמיד באַהויכט זײַן מיטן לירישן טוי פֿון זײַן געמיט, פֿון זײַנע שטימונגען — זײַן געלײַטערטער צער און אומעט. אין זײַן באַגלייטוואָרט בראָש הספֿר פֿאַרצייכנט דער מחבר „און אַט בלעטער איך און איך בלעטער און אַזש שרעק נעמט מיך אַרום: — אַזויפֿיל טרויער, אַזויפֿיל צער, אַזויפֿיל טראַגיזם. כמעט נאָר טרויער, נאָר צער, נאָר טראַגיק". מיר זענען ניט אויסן צו זאָגן סתּם טרייסטווערטער און פֿאַרמינערן די גרויס פֿון צער, וואָס ניט זײַן נאַטור, ווי ער איז זיך מודה, איז „שולדיק אין דעם דאָמינירנדיקן טראַגישן טאָן פֿון דעם בוך". דער צער איז אפֿשר פֿאַרן דיכטער מער דערשרעקעוודיק מיט זײַן כּמות, אין שײַכות פֿון מאָס — „אַזויפֿיל" און „נאָר". קומט נאָך צו די צײַט פֿון אונדזער חורבן, ווו די שפּעטערדיקע לידער זענען אײַנגעוויקלט אין עלנט, טיפֿן טרויער און געקלאָג — איז עס דאָך קיין אויסנעם ניט בײַ אַ סך אַנדערע דיכטער. אָט זאָגט ער: „טרויער איז אין מיר און אַרום מיר איז שרעק, / וואַרשע איז געשטאָרבן און די וועלט איז פֿאַרדאָרבן, / און מײַן שטעטל איז מיטן רויך אַוועק".

מיר וועלן זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין אַ צער־אַנאַליז פֿון מלך ראַוויטשעס לידער. קלאָר אַז דער דיכטער וויל זיך ניט צירן מיט טראַגישע הנדלען, ווײַל צו גוט קען ער דעם טעם פֿון זײַן אייגענעם צער. און דאָך, דאַכט מיר, אַז דער גרונטמאָטיוו, לפּחות אין ערשטן העלבן בוך, איז ניט דער טרויער אָן אַ סוף, אויב אַפֿילו עס איז אין סתּירה צום דיכטערס אייגענער פֿעסטשטעלונג. אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, איז דער צער אין מלך ראַוויטשעס לידער מענטשלעך און נאַטירלעך, ווײַל דער דיכטער איז אָרגאַניש צוזאַמענגעוואָקסן מיט זײַן ליד, מיט זײַן פּאָעטיש וואָרט. ס'איז אָבער דאָס פּאָזיטיווע, די הויפּט־מעלה פֿון זײַן פּאָעזיע.

טאַקע פֿון סאַמע ערשטן ליד — געשריבן אין 1911 — זינגט ער אין ייִנגלשער אומעטיקייט, אין דער ערשטער סטראָפֿע: „הויב איך אויף די הענט און ווער אין צער פֿאַרשטיינערט". דער־אַ שווערער, האַרטער און שטייניקער צער האָט ניט אויפֿגעהערט צו פֿרעסן אַלע יאָרן אויף מלך ראַוויטשן — דעם מענטש־ייִד־דיכטער.

דרום־אַפֿריקע, אויגוסט 1955.

# שלמה ראָזענבערגס שלום אַש

שלמה ראָזענבערג: שלום אַש פֿון דער נאָענט, פֿאַר־לאַג שאולזאָן, מיאַמי, פֿלאָרידאַ. פֿאָרוואָרט; שער־בלאַט און פּאָרטרעט (פֿון מחבר) געצייכנט פֿון לואי מאַרקאָוויטש. רשימה פֿון נעמען, וואָס קומען אַרײַן אין בוך. שלום אַש ביבליאָגראַפֿיע (אָפּרופֿן אויף זײַן טויט), צונויפֿגעשטעלט פֿון יעפֿים ישורין. ניו־יאָרק, 1958. 396 זז׳.

## א

שלמה ראָזענבערג האָט געקענט דעם עכטן שלום אַש פֿון דער נאָענט — דעם קינסטלער, דעם לעבעדיקן מענטש, דעם גײַסטיק־דערהייבענעם ייִד, דעם האַרציק־גוטמוטיקן און דעם בייז־קאַפּריזנעם. דער מחבר האָט אים פֿאַר יאָרן געזען אין זײַן גאַנצער ניט־געטײלטער געשטאַלט — דעם שעפֿער, דעם בעל־הבית, טאַטע, מאַן און פֿרײַנט. דעריבער טאַקע איז די גאַנצע שילדערונג פֿון זײַן אינטימער נאָענטקייט מיטן גרויסן ייִדישן פּראָזאַיקער אין ליכט פֿון משפּחה־דיקער היימישער אַטמאָספֿער (אַגבֿ, איז שלמה ראָזענבערג אַ שטיקל קרובֿ מיט די אַשס — אַ קוזין פֿון מאַטילדען, שלום אַשס ווײַב).

אין בוך דערשײַנט שלום אַש אין זײַן אימפּאָזאַנטער גרייס, אָבער זי איז פֿאַרצויגן מיטן הויך פֿון פּשוטקייט און נאַטירלעכקייט, ווי עס פּאַסט פֿאַר איינעם, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון דער שטעטלדיקער קוטנער באַשיידנקייט צום גלאַנץ פֿון ליטעראַרישער וועלט־אָנערקענונג. דער מחבר האָט זײַן העלד געגעבן אָן עטיקעט, אָן פּאָזע און אָן אַ שפּור פֿון פּובליסיטי. עס איז מער דאָס בוך פֿון שלום אַש אין דער היים, זײַן היים אין וועלכער ער האָט געשאַפֿן און שלמה ראָזענבערג איז דאָרטן געווען אַ בן־בית, אַן אייגענער. אַ פּנים צוליב דעם און צוליב ניט מחלל זײַן די זכרונות, מײַדט ער אויס דראַמאַטישע אויפֿגעשרויפֿטע סיטואַציעס אין וועלכע ער זאָל זיך וועלן אַרויסהייבן אויף די שטאַרקע פּלייצעס פֿון זײַן „באָס" — איך און שלום אַש. דאָס איז די מעלה: אַ ריינער און ערלע־כער טאָן, וואָס ציט אַרײַן און פֿאַראינטערעסירט, און אויך דער לייענער דער־זעט דעם מײַסטער: שלום אַש פֿון דער נאָענט.

איז טאָפּלט די זכיה פֿון מחבר, וואָס האָט זיך געפֿונען צען יאָר אין דער

מחיצה פון שלום אַש, און אויך פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס אַ דאַנק דעם קאָנען מיר הײַנט זען אַן אויפגעלעבטן אין וואָרט, איינעם פון אונדזערע גרעסטע שרײַבערס פון לעצטן דור. צוליב דער נאָעטער דיסטאַנץ ווערן מיר אויך פאַרוועבט אין די משפּחהדיקע פּעדעם פון שלום אַש, זײַן פרוי, מאַטילדע, אירע עלטערן, ברידער און שוועסטער, אויך די ראָזענבערגס — איבער הויפּט אין די ערשטע קאַפּיטלען פון בוך.

הײַנטיקן חודש, יולי, איז די ערשטע יאָרצײַט פון שלום אַש — איז שלמה ראָזענבערגס בוך די ווערדיקסטע מצבֿה פאַר דעם מענטש, דעם ייִד און קינסטלער. די אַלזײַטיקע קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט פון שלום אַש, איז דעם מחבר געלונגען צו באַלויכטן אויף דער פּאַן פון אַ קורצן צײַטאָפּשניט — די 30ער יאָרן. אין בוך איז פיקסירט דער צלם־אַש (ניט ציילעם) אין זײַן גאַנצער פּראַכט, אין דינע, פײַנע שטריכן און אויף אַ ברייטער קאַנווע. דער מחבר האָט אַ פול מויל רייד וועגן די דאָזיקע יאָרן מיט שלום אַשן. דער הרחבֿת־הדיבור דינט גראָד די טעמע — די זכרונות, שטימונגען, דערמאָנונגען, רעפלעקסן און מעדיטאַציעס באַוועגן זיך אַרום דעם איין צענטער — שלום אַש — און ווי פון אַ ספּעקטער שטראַלט אַרויס די פילפאַרביקע שעפערישע פּערזענלעכקייט. ווײַל צען יאָר שלום אַש מיינט יצירה־ברייטקייט, גײַסטיקער שטח, און קאָן ניט פאַרצימצומט ווערן דורך שפּראַכקאַרגשאַפט, פאַרקלײנט ווערן אין אַ צאָל זײַטן.

דאָס מעמואַרן־בוך וועגן לעבן פון שלום אַש, וואָס איז דורך שלמה ראָזענבערג פּובליקירט געוואָרן ניט קיין פול יאָר נאָך זײַן אַוועקגיין, דאַרף אָנערקענט ווערן ווי אַ גרויסער פאַרדינסט פון מחבר. פאַר אַזאַ פּיעטעטפולער ציטעריקער אײַלעניש, וואָלט אפשר געדאַרפט געגעבן ווערן אַן אויסצייכענונג.

פון דעם בוך דרינגען מיר אַרויס, אַז שלום אַש איז געווען און געבליבן, טראָץ זײַנע טעמאַטישע אָפּבייגונגען, אַן אינגעוויינקסטער אין דער ייִדישער שרײַבערוועלט. אין דער וועלט לעבט ער און וועט לעבן, כּל־זמן זי וועט האָבן אַ קיום. ער איז ניט אַוועק, מכּל־שכּן ניט אַנטלאָפן פון דער ייִדישער שרײַבער־משפּחה און קיין מאָל ניט גערעדט לשון־הרע אויף עמעצן פון זײַנע פעך־קאָלעגן, לויטן עדות זאָגן פון שלמה ראָזענבערג. דאָס בוך איז אַן איבעריקע באַשטעטיקונג, אַז שלום אַש האָט פעסט געאַנקערט אין ייִדישן לעבן, ער איז געווען טיף נאַציאָנאַל, ווי אַ ייִדישער קינסטלער, און שטאָלץ ווי אַ ייִד. נאָך קרעפטיקער ווירקט דאָס בוך צוליב די אַרויסגעבראַכטע אַרגומענטן, ווײַל שלמה ראָזענבערג זעט זיך ניט אין דער נעבעכדיקער לאַגע פון אַ מליץ־יושר פאַר אַן אַפּטריניקן, צי אַ געדונגענער אַדוואָקאַט, כּדי מלמד־זכות זײַן אין אַ מיאוסן „קייס“, נאָר ער פילט זײַן אַחריות לגבי שלום אַש דעם ייִד, לגבי דער ייִדישער ליטעראַטור און איר געשיכטע. דער אויטאָר איז איינער פון די געציילטע, וואָס האָט אַרײַנגעבליקט אין לעבן, אין האַרצן פון שלום אַש, דעם ייִד און שעפער — הן פון דעם תּהילים־ייִד און הן פון דער קריסטוס־טרילאָגיע — און האָט געהאַט די מיגלעכקייט צו זען מער, טיפער, ווײַטער ווי יעדער איינער פון די קריטיקער־

אַנאַליטיקער פון די בלויזע ווערק. דער מחבר איז געווען אין סאַמע נשמהדיקן קאָנטאַקט מיטן ייִד און שרײַבער שלום אַש, און דעריבער נוצט ער ניט דעם קאַלטן סקאַלפּעל, וואָס פּאַלמעסט אָן רחמנות. ער איז אַרײַנגעדרונגען אין די ראַנגלענישן פון פּלומרשט פּאַרבלאָנדזשעטן קינסטלער, אין דעם הינטערגרונט פון די זעלישע און אָביעקטיווע סיבות, וואָס האָבן אַשן געטריבן צו שאַפן זײַנע קריסטלעכע ווערק.

## ב

שלמה ראָזענבערג וויל ניט, און ער קען אויך ניט פּאַרענטפערן דעם קאָמ־פּלעקס פון פּסיכאָלאָגיש־גײַסטיקע מאָטיוון, וואָס האָבן געקערעוועט שלום אַשס שעפערישן דראַנג דווקא אין דער ריכטונג צו פּאַראייביקן דעם אויפקום פון קריסטנטום און זײַנע הייליקע. אויף דעם פּאָדערט זיך אַן אַרבעט פון ספּעציאַ־ליסטן פון אַן אַנדער מין. זײַן אויפטו באַשטייט אין דערנענטערן צו אונדז דעם קינסטלער שלום אַש מיט דער נאָענטקייט פון דער היימישער סבֿיבֿה; מאַכן אונדזער אויג זען דעם קאָלאָריט און פילן די אַטמאָספער פון יענעם פּע־ריאָד שלום אַשס שאַפעריש לעבן — און דאָס איז דעם מחבר געראָטן.

שלמה ראָזענבערג איז ניט סתּם אַ צופעליקער גאַסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט בלויז אויסגענוצט די געלעגנהייט פון זײַן דער פּריי־וואַט־סעקרעטאַר פון שלום אַשן, כּדי אָנצושרײַבן אַ בוך וועגן אים. דער מחבר פון בוך איז שוין יאָרן אַליין אַ תּושבֿ אין ליטעראַרישן ייִדישלאַנד, נאָך איידער ער האָט זיך באַקענט מיט שלום אַשן פּנים־אל־פּנים. און זאָלן דאָ טאַקע פּאַר־צייכנט ווערן אַ פּאָר דאַטעס פון שלמה ראָזענבערגס שעפערישן קרעדיט: אָנ־הייב פון די צוואַנציקער יאָרן זענען דערשינען זײַנע איבערזעצונגען פון עט־לעכע באַרימטע קלאַסישע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור: פּויערן פון סט. וול. ריימאָנט (אַ נאָבעלפּרײַז־ווערק אין 3 בענד); די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט פון זשול ווערן; אַ בוך פון הענריק סענקעוויטש א״אַ. אין 1947 איז אַרויס זײַן היסטאָרישער ראָמאַן רבי עקיבֿאַ, אין 1950 — דער צווייטער באַנד רבי מאיר און ברוריה, וועלכע זענען איבערזעצט געוואָרן אין העברעיִש און שפּאַניש. איצט דאַרף דערשײַנען בר־כּוכבא, דאָס דריטע בוך פון דער טרילאָ־גיע. דאַרף דעריבער זײַן קלאָר, אַז אַזאַ מענטש ווי שלמה ראָזענבערג האָט דערפילט אין דער נאָענט פון שלום אַשן ניט בלויז אַ טעכנישע פונקציע, נאָר ער איז אויך געווען פעןַ־חבֿר און פרײַנד, און אין געוויסע סיטואַציעס, אָדער אין שווערע מאָמענטן — אויך אַן עצה־געבער און טרייסטער.

שלמה ראָזענבערג, אין זײַן בוך, איז דער טרײַער און אויסגעפּרוווטער פרײַנד פון שלום אַשן. צו פיל און צו גוט האָט ער געקענט זײַן בעל־הבית, וועמען ער שעצט ווי אַ ייִד, ווי אַ מענטש, ווי אַ קינסטלער. דער מחבר רעדט, דערציילט, זאָגט אַלץ וואָס ער האָט געזען, געהערט, אויפגעכאַפּט זײַענדיק מיטן מײַסטער. די אַלע עפּיזאָדן שטעלן צוזאַמען דעם גראַד פון שלום אַש׳ס

פּערזענלעכקייט — זײַן גוסטקייט, זײַן בייזקייט, זײַן אײדלקייט און זײַן גראָב־קייט. שלמה ראָזענבערג איז געווען דער צוקוקער און באַטראַכטער פֿון די מעשׂים, וועלכע ער האָט באַשריבן אין זײַן בוך. אויף שריט און טריט איז ער מיט שלום אַשן — ביידע באַוועגן זיך אויף דער זעלבער ערד, טרעפֿן זיך אַלע טאָג, שמועסן. דער מחבר רעקאָרדירט די טווגגען פֿון זײַן מעמואַרן־העלד. ער איז ניט קיין איינ־ אָדער אויסטײַטשער פֿון זײַנע ווערק, נאָר ער איז דער ערש־טער וואָס לייענט זיי נאָך דער יצירה און צאַפּלט מיט און פֿרייט זיך מיט מיט זייער באַשעפֿער. די דאָזיקע אַרבעט דערנענטערט די צוויי מענטשן — זיי גייען צוזאַמען. און דעריבער, אין דעם בוך פֿון שלמה ראָזענבערג, געשריבן וועגן שלום אַשן, שפּילט דער מחבר גופֿא אַן אַקטיווע ראָלע און קאָן זיך ניט אַרויסטיילן צי אָפּטיילן פֿון זײַנע זכרונות. ער איז געווען אין יענע יאָרן גע־קניפּט און געבונדן מיט דעם מאַן, וועלכן ער האָט געדינט. ער באַהאַנדלט די טעמע אין ברייטן זשאַנער פֿון דער מעמואַרן־ליטעראַטור, באַווירצט מיט אַ סך שטימונג, מיט וואַרעמע לירישע טענער. דאָס בוך איז געשריבן מיט געפֿילן פֿון יראת־הכּבֿוד, מיט שטאָלץ און מיט נשמהדיקער פֿרייד־באַטייליקונג אין די דערפֿאָלגן פֿון זײַן לערער.

שלמה ראָזענבערג שטייט טאַקע פּנים־אל־פּנים מיט זײַן זכרונות־העלד. מיר פֿילן דעם לעבעדיקן אָטעם פֿון זײַן שרײַבן, ווו שלום אַש טיילט זיך אַרויס מיט זײַן גרויסקייט, משכמו ומעלה. אין דעם בוך איז פֿאַראייביקט אַ פּרק לעבן פֿון אַ ייִדישן קינסטלער, וואָס שפּילט זיך טיילווײַז אָפּ אין זײַן „ווילאַ שאַלאָם", אין דער הערלעכער סבֿיבֿה פֿון אַ מאַלערישׁ פֿראַנצייזיש שטעטל, צופֿוסנס די אַלפּן. דאָרטן איז געוואַקסן דער רום פֿון שלום אַשן, וועלכער איז אין די שפּע־טערדיקע יאָרן געוואָרן באַקאַנט אין דער וועלט. אין דער היים, זעען מיר אים אין זײַן וואָכעדיקייט און אין זײַן יום־טובֿדיקייט, אין זײַן דערהייבנקייט און אין זײַן קליינלעכקייט, אין זײַן שטאַרקייט און אין זײַן שוואַכקייט.

שלמה ראָזענבערג איז געווען מיט שלום אַשן אין די בעסטע יאָרן פֿון זײַן לעבן, ווען זײַן טאַלאַנט האָט זיך צעפֿינקלט און אויסגעשפּרייט ברייטע שעפֿע־רישע פֿליגל צו דער ייִדישער וועלט (דער תּהילים־ייִד), און צו דער פֿרעמדער וועלט (דער מאַן פֿון נצרת). אין 1938, נאָך דעם ווי שלום אַש איז אָפּגעפֿאָרן זיך באַזעצן אין אַמעריקע, האָט דער מחבר אָפּגעשלאָסן דעם פּעריאָד פֿון זײַן צו־זאַמענזײַן מיט שלום אַשן. און איצט — 20 יאָר שפּעטער — לייענען מיר יענע קאַפּיטלען לעבן, וואָס האָבן זיך אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן אויפֿגעהיט פּריש, קרעפֿטיק און קאָלירפֿול.

שלום אַש, וועלכער איז געווען איינער פֿון די מערסט־געלייענטע און באַ־קאַנטסטע שרײַבערס בײַ ייִדן, און שפּעטער נאָך מער באַרימט געוואָרן צוליב זײַנע קריסטלעכע ווערק. זײַן שעפֿעריש־צושמדן זיך אַ קאַפּעלע, אין אַ צײַט ווען ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן טײַכנווײַז, דורך די פֿעלקער פֿון קריסטלעכער רחמנות און עטיק, האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אין געוויסע ייִדישע

קריזן. זיי האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרשטיין דעם קאָמפּלעקס שלום. אַש און ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט זײַנע פאַרענטפערונגען און מאָטיווי־רונגען. עס איז געווען בײַ די דאָזיקע אַנטי־אַשיסטן אַנגענומען די מיינונג, און זי איז הײַנט נאָך געגנוג פאַרשפּרייט, אַז מיט זײַנע קריסטלעכע ראָמאַנען האָט ער פאַרפאָלגט איין ציל: געפינען חן און לײַטזעליקייט אין די אויגן פון דער קריסטלעכער וועלט, כּדי נתעלה צו ווערן בײַ די גויים און געניסן פון זייער גרויסן כּבֿוד און באַשאַנקען ווערן מיט זייערע פּרעמיעס. אפשר איז פאַראַן אַ שמץ, צי פיל מער, אמת אין דעם אורטייל, אָבער עס איז שווער צו גלייבן, אַז דער עיקר טרײַבקראַפט אין שאַפן די קריסטוס־ביכער איז געווען בלויז נידערי־קער, אויסגערעכנטער קאַריעריזם. די ביטערע צײַט, ווען די בראַונע „קריסט־לעכע" באַרבאַרן האָבן געברענט און געבראָטן אונדזער פאָלק, איז בפירוש אויסגעפאַלן ניט לטובֿת שלום אַשס' קינסטלערישן „אַפּנייג". זילזולים, חרמות און קללות האָבן זיך געשאָטן אויף זײַן קאָפּ פון אָרטאָדאָקסישע פרומע ייִדן און אויך פון אַ טייל פּען־קאָלעגן, וואָס אַ סך פון זיי זענען געווען סתּם ניט־פאַרגי־נערס און האָבן עס אויפגעכאַפּט ווי אַ בייז געווינס.

ג

שלמה ראָזענבערג פּרוּווט געבן אַ באַלויכטונג פון יענער גרויזאַמער צײַט. שלום אַש אַליין איז געווען פאַרייִאושט און פאַרביטערט נאָכן אויפקום פון דער נאַצי־וואַקכאַנאַליע. ער פּרוּווט אויפווײַזן אַז די קריסטלעכע אידעען זענען בײַם קינסטלער געבוירן געוואָרן „אומבאַפלעקט", אַז די כּוונה איז געווען אַ גוטע, לשמה, וואָס האָט געמיינט די ייִדישע טובֿה. די קעגנער האָבן דעם דאָזיקן טעזיס ניט אָנערקענט. אין בוך זענען געמילדערט די נעגאַטיווע טענות פון די קריטיקער־קעגנער, וואָס האָבן שלום אַשן געמאָלן אין די סאַמע פינצטערסטע פאַרבן, אַזוי אַז אַלע ייִדיש־מענטשלעכע שטריכן פון זײַן פּנים זענען געוואָרן כּלא היה. עס איז אָבער אויך ריכטיק, אַז אַשס' קינסטלערישע אַמביציעס און זײַן דערפאָלג האָט אויפגערייצט קעגן אים פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס האָבן בחבֿרותא אָדער ביחידות, בלחש אָדער בקול רם זיך געריסן אויף אים פון אַלע זײַטן. איין צײַט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די שלום אַש־אָפּענסיווע געהאַט גוואַלדיק פאַרשטאַרקט, בפרט אין אַמעריקע, און פאַר־שוואַרצט זײַן פּנים, אַז ס'איז געווען אַ חרפּה און אַ בושה פאַר לײַטן. האָט זיך איצט אָפּגעפונען אין שלמה ראָזענבערגן אַ גואל פאַר שלום אַשס' שפיכת־דמים. האָט ער צו זײַן בוך צוגעגעבן אַ צווייטן טייל, וואָס באַמיט זיך אויפצו־קלערן און געבן אַ בילד פון שלום אַש און זײַנע ערלעכע כּוונות.

דער ערשטער טייל פון בוך „שלום אַש פון דער נאָענט" (21 קאַפּיטלען, 274 זז') איז וואָס דער טיטל זאָגט: אינטערעסאַנטע זכרונות פון פּריוואַט־לעבן פון שלום אַש, זײַנע פּירונגען, שטימונגען, געוווינהייטן וכּדומה — דאָ דער־

שײַנט דער לעבעדיקער מענטש אין זײַנע אַלע פּאָזן און װאַנדלונגען. דאָס בוך איז אויסגעהאַלטן אין ערנסטן טאָן און פֿול מיט סימפּאַטיע צום קינסטלער, ער פֿאַרהוילט אָבער אויך ניט זײַנע װאַקלעניש און שװאַכקייטן, כּדי אים צו מאַכן פֿאַר מער צדיק װי ער איז. עס איז ניט געשמינקט און ניט געפּוצט, מיט ליכט און שאָטן — דאָס ליכט ניט איבערגעטריבן, און דער שאָטן ניט אומענטשלעך־שװאַרץ. דער מחבר קאָנצענטרירט זיך אין דעם טייל אויסשליסלעך אויף זײַנע צען יאָר בײַ שלום אַשן. די ערטערװײַז איבערשפּרינגענדיקע, ניט כראָנאָלאָגישע דערצייל־סיסטעם, מאַכט שפּאַנענדיקער די קאַפּיטלען, װאָס קייט־לען זיך צוזאַמען צו איין גאַנצקייט. אַ שלל פֿאַרכאַפּנדיקע מאָמענטן, פּאַסירונ־גען, שפּיצלעך, קאַפּריזנע טװונגען.

שלום אַש, װי באַװוסט, איז געװען אַן אַ שיעור פּראָדוקטיװ. ער האָט ניט פֿאַרשװענדט אַ רגע פֿון זײַן לעבן אין פּוסטקייט, אין סתּם פֿאַרטאַכלעװען צײַט. ער איז געװען אַרבעטסזאַם און שפּאָרזאַם מיט זײַנע טעג און נעכט, אָבער ער פֿלעגט אויך אַ מאָל אַ הוליע טאָן און געװוּסט װי צו געניסן פֿון לעבן. איז גוט צו לייענען װעגן גײַסטיק קינסטלערישן לעבן פֿון שלום אַשן, געשריבן דורך אַ טאַלאַנטירטן פֿעדער־קאָלעגע און זײַן סעקרעטאַר, װאָס האָט אים געקענט אויס־געבונדן. און נאָך איז גוט, װאָס שלמה ראָזענבערג האָט געשריבן די זכרונות אין אַ רויִקן און פּשוטן לשון, אָן פֿליטערלעך, אָן מליצות, אָן צוגעשפּיצטע סי־טואַציעס און אָן שרײַיִקע סופּערלאַטיװן. אויף װיפֿיל אַזעלכע זענען יאָ פֿאַראַן, טוט עס דער מחבר אין אויפֿריכטיקן גלויבן, אַז שלום אַש איז ראוי צו די לויבן, אויב ניט מער. די דאָזיקע אומגעקינצלטע שפּראַך דעקט זיך פֿולקום מיטן אינ־האַלט — דאָס באַשרײַבענע לעבן פֿון שלום אַש קומט אַרויס אָפֿן און פֿאַר־שטענדיק.

אין צװייטן טייל, דער װיכּוח אַרום שלום אַשן (7 קאַפּיטלען מיט אַ נאָכ־װאָרט), האָט שלמה ראָזענבערג גענומען אויף זיך די עובֿדה צו רייניקן מער־װייניקער די פֿאַרפּעסטעטע לופֿט אַרום דעם נאָמען שלום אַש. ער פּרוּװט פֿאַרענטפֿערן שלום אַשן, װי װײַט מיגלעך אָביעקטיװ, אָפּצוװאַרפֿן די גיפֿטיקע פֿײַלן װאָס זענען געשאָסן געװאָרן אויפֿן שרײַבער. ער ברענגט אַרויס די רכי־לותן, זינלאָזע העצעס, בילבולים און טוט זיי אָפּפֿרעגן. אין דער ראָלע פֿילט ער זיך שוין ניט אין רשות פֿון זײַן פּאַטראָן, נאָר װי אַ פֿרײַנד, באַװוּסט פֿון דעם אמת װאָס דאַרף פֿאַרטיידיקט װערן. דאָס אונטערצײַען דעם פּאָזיטיװן באַלאַנס לטובֿת שלום אַשן האָט ער געטאָן געװיסנהאַפֿטיק און עס איז אויך אַ װיכטיקער בײַשטײַער פֿאַר דער קולטור־געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. שלום אַש קומט אַרויס װי אַ טרײַער, גוט־מיינענדיקער ייִד, מיט כאַראַקטער און אומ־דערשרעקעװדיקן מוט, קעגנאיבער דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע אויף דער ייִדישער גאַס, װײַל װי אַ קינסטלער איז ער באַשטאַנען אויף זײַנע אידעען און זיי פֿאַרטיידיקט. ער האָט פֿאַרשטאָפּט די אויערן און איגנאָרירט די צעשריגענע ניט פֿאַרגינערס און צבֿועקעס.

שלמה ראָזענבערג ברענגט דערלײַכטערונג מיט זײַן גוטן ווילן צו רעהאַ־ביליטירן דעם נאָמען שלום אַש פֿון שמוציקער רכילות, וואָס זײַנע שׂונאים האָבן פֿאַרשפּרייט. ער דערציילט, אַז שלום אַש איז ווײַט ניט געווען קיין עם־הארץ, ווי מען האָט אים פֿאַרשריַען פֿאַר אַזאַ. ער איז טאַקע געווען נאַכלאַזיק אין זײַן שפּראַך, סטיל, זאַצבוי א״אַ, אָבער דאָס איז געווען מער אַ רעזולטאַט פֿון זײַן טעמפּעראַמענט און אומגעדולד בײַם שרײַבן. ער האָט אַפֿילו ניט געהאַט גענוג צײַט צו שלײַפֿן ווי געהעריק זײַנע מאַנוסקריפּטן. בײַ אים איז די אידעע פֿון אַ ווערק געווען דער עיקר, וואָס האָט אַריבערגעוויגן אַלע אַנדערע „קליינ־קייטן". ער האָט געוואָלט זײַן היסטאָריש פּינקטלעך, האָט ער בײַם שרײַבן זײַנע היסטאָרישע ראָמאַנען אויף ייִדישע און קריסטלעכע טעמעס זייער פֿיל געפֿאָרשט, געלייענט, שטודירט, אַרײַנגעקוקט אין אַלטע און נײַע מקורים, וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער באַשריבענער תּקופֿה, אירע מענטשן און זייער פּירונג.

אין בוך וואַרפֿן זיך דורך פֿײַנע נאַטור־בילדער, ליכטיקע, זוניקע, יוגנטלעכע, ווי עס האָט דעמאָלט געפֿילט דער „חתן בחור רראָזענבערג", לויט דער שאַרף־רישיקער אויסשפּראַך פֿון זײַן „באָס". דאָס בוך איז אויך פֿאַרזען מיט פֿאָטאָ־גראַפֿיעס פֿון שלום אַשן און משפּחה, בפֿרט פֿון דער ווײַבס צד. צום סוף קומט אַ זייער וויכטיקער אַפּטייל: שלום אַש ביבליאָגראַפֿיע (אָפּרופֿן אויף זײַן טויט), אויך „אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן שלום אַשן אין פֿרעמדע שפּראַכן", צוזאַמענ־געשטעלט פֿון יעפֿים ישוריק, צוזאַמען: 447 איינסן, פֿון דעם 387 אין ייִדיש (צווישן זיי 4 אַרטיקלען, געדרוקט אין דרום־אַפֿריקע).

שלמה ראָזענבערג האָט געגעבן אין זײַן מעמואַרן־בוך דעם עכטן שלום אַש. עס וועט פֿאַרבלײַבן, ווי איינס פֿון די אייגנאַרטיקסטע זכרונות־ווערק אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס ווערק איז אַן אימפּאָזאַנטע און הערלעכע ייִדיש־מצבֿה פֿאַר שלום אַש, דעם קינסטלער און מענטש.

דרום־אַפֿריקע, יולי 1958.

• אַ שטיק ייִדישע טרויעריקע געשיכטע: אונדזער וואָרט, 1948. (וועגן ר ב י ע ק י בֿ אַ, געדרוקט א״פֿ דוד בן־משה).

# אַ קדיש יתום נאָך חורבן פוילן

יוסף רובינשטיין: חורבן פוילן. ציקאָ ביכער פאַרלאַג, תשכ״ד — ניו־יאָרק — 1964. שערבלאַט, אותיות און צייכענונגען: יחזקאל שלאָס. צוגעגרייט צום דרוק מיט דער הילף פון דיכטער אַלף כץ. פאָטאָ (פון מחבר) דורך פאַביאַן באַכראַך. 242 זז׳.

## א

יוסף רובינשטיין, ווען ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו צעאַקערן אין פערזן אַזאַ ברייט־פאַרנעמיקע טעריטאָריע ווי חורבן פוילן, האָט זיך אַוודאי אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דער גרייס און די שוועריקייטן פון אַזאַ אַרבעט. אויף צו דעקן ליטעראַריש אַזאַ חורבן־ביַיעם גוואַלדיקן שטח אָן שטרויכלונגען, דאַרף אַ דיכטער פאַרמאָגן ניט נאָר שעפערישן דראַנג, נאָר ער דאַרף אויף זיַין באַוווסט פון זיַין כוח־היצירה און פילן אַז ער איז ביכולת עס צו טאָן. און דער מחבר איז אַריַין מיט קינה־געזאַנג אין חרובן פּרדס פון זיַין פוילן און איז אַרויס בשלום.

חורבן פוילן איז די עפּאָפּעע פון אַ 3־מיליאָניק לעבעדיקן ישוב, וואָס יוסף רובינשטיין זינגט־אויס זיַין אומקום. אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר עפּישע ווערק פון גרויסן קאַליבער אויף פאַרחורבן טעמעס, איצט האָט אַ יידישער פּאָעט אויפגעבויט אַן ענלעכן בנין פון פרישן נאָך בלוטנדיקן חורבן־מאַטעריאַל. דער אמת איז, אַז זיַין בוך האָט ניט די הויפּט סימני־היכר פון אַן עפּאָס, — ס׳פעלט דער סיפור־המעשה וואָס דאַרף צוזאַמענקניטלען די געשעענישן, ניטאָ קיין האַנדלונג, און דער איינציקער העלד, וואָס באַוועגט זיך און באַוועגט דעם גאַנצן ריטמישן לויף פון די שורות, איז דער מחבר אַליין, — דאָך וועט עס אַריַין אין דער חורבן־ליטעראַטור ווי אַ באַזונדער אָריגינעלע שאַפונג. ניט אַריַינגייענדיק אין קריטישע אַנאַלאַגיעס איז עס, דאַכט אונדז, אַ מין אַנטיפּאָד צו דעם גייער, וואָס זיַין פערזענלעכער גורל פאַרפאָלגט אים, ער גריבלט זיך און זוכט אַ תשובֿה און געפינט קיין מנוחה ניט, בעת דעם פאָרער יאָגט נאָך דער נאַציאָנאַלער חורבן און גיט אים קיין רו ניט אַפילו אין דער פריַיער וועלט. מיט חורבן פוילן איז געזאָגט געוואָרן אַ ניַי וואָרט אין דער חורבן־ליטעראַטור.

יוסף רובינשטיין דערציילט אין זיַין פּראָזאַישן „נאָך אַלעמען״, וואָס קומט ווי אַ פאָר־פּירוש צום בוך, אַז זיַינע „איבערלעבונגען... נאָך זיבן יאָר גע ונד אין דער פרעמד״, זיַינע „געפילן און שפּירונגען... גיבן איבער די גורלדיקע אַט־

מאָסבער פון יענע טעג״, ווען ער „בלײַבט שטיין פּנים אל פּנים מיט דעם שרעקלעכן חורבן״. ער זאָגט, אַז „אַלע באַגעגענישן און געשעענישן... זײַנען ריכטיקע״ און „די נעמען... אמתע״. פאַרשטייען מיר פון דעם, אַז אויסקנעטן פון אַזאַ אויטענטישן האַרט־גורלדיקן מאַטעריאַל אַ סתּם סיפּור־המעשׂה, וואָלט עס „געאַרבעט״ קעגן דעם מחבר, ווײַל, בכּלל, איז דאַ פאַנטאַזיע און פיקציע איבעריק — דאָס וואָלט אפשר חרובֿ געמאַכט דעם אויטענטישן חורבן. צום סוף דערציילט ער, אַז ער האָט נישט אַלץ „געקענט אַרײַננעמען אין די באַגרענעצטע ראַמען פון איין בוך״; אַז ער האָט זיך דערווײַל ספּראַוועט מיטן מאַטעריאַל נאָר טיילווײַז.

ער דערציילט אָבער ניט וועגן די חבֿלי־יצירה גופא, נאָר מיר פּרוּוון זיך אַליין פאָרשטעלן ווי שווער דאָס איז אים אָנגעקומען. ניט איין מאָל מסתּמא האָט ער געפילט די ענגשאַפט פון געפּרעסטן פּעןז, דעם צימצום אין וועלכן ער קלעמט אַרײַן זיך און זײַנע העלדן. און אויב שוין יאָ אויטענטיש מאַטעריאַל, וואָלט דאָך די פּראָזע־פּאָרעם, לפי דעתּנו, געוועזן די אידעאַלסטע — זי וואָלט באַפרײַט דעם מחבר פון זײַן געבונדנקייט צום גראַם און ריטעם, באַוויזן דעם חורבן אין זײַן נאַטירלעכן גאַנג און די העלדן אין זייער ניט פאַרגראַמטן (מלשון גראַם) לבֿוש. מיר פילן עס בײַם לייענען: די אָפּגעהאַקטע רעפּליקעס, די נאָכגעפינטלטע זאַצן און דיאַלאָגן, ווו די געשעענישן און פּאַסירונגען קומען אַרויס ניט פול; זיי ווערן אָבער, אפשר אַ ביסל שוין צו פיל, „אַרומגעקלעפּט מיט שטימונג־שמינקע״ און ס׳לאָזט דעם אײַנדרוק ווי דער מחבר וואָלט זיך יאָגן נאָך דעם כּמות פון רייד, ווײַל די שטימונגען חזרן זיך כּסדר איבער.

ווילן מיר נאָך איין מאָל אונטערשטרײַכן, אַז חורבן פּוילן זעט אויס צו האָבן געווען אַ גאָר שווערע שעפערישע עובֿדה. מסתּמא האָט זיך דער מחבר ניט איין מאָל אַליין געפרעגט, צי דאָס איז דער ריכטיקער וועג צו שילדערן יענע גרויל־טעג. דער ענטפער — זײַנער און אונדזערער — איז: דאָס איז זײַן וועג! עס איז דער אמתער, דער עכטער און אָריגינעלער אויסדרוק פון די „געפילן און שפּירונגען״ פון יוסף רובינשטיין. אין זײַנע הענט איז אויטענטישער מאַטעריאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס ווערק.

## ב

די אוממיטלדיקע דירעקטע שײַכות פון דיכטער צו די געשעענישן האַלט אונדז, אין אַ געווויסער מאָס, צוגעשמידט צום אינהאַלט. ער אַליין ווערט אונדז נאָענט און אייגן, ווי דער צענטער פון גאַנצן חורבן־קאָמפּלעקס און זײַן אַרומיקייט, וואָס ער מאָלט. ער בויט טאַקע אויף אַ וועלט אויף רויִנעס, זײַן באַזונדערע וועלט, וואָס איז עמאָציאָנעל פאַרוועבט מיט אָן אַ שיעור לירישע, צאַרטע פּעדעס. דאָס איז זײַן אַטמאָספער, זײַנע שטימונגען, זײַן הימל און זײַן פעלד — אויף זייער פאָן מאָלט ער זײַן ברייט־פאַרנעמיקן לידער־לײַוונט. אָן זיך וואָלט אַזאַ לירישער דיכטער ווי יוסף רובינשטיין — און קיין לייריקער — ניט

געקענט „אויפבויען" דעם חורבן פון זײַן היים אין פערזן. די לירישע שורות, וואָס זענען קונציק און קינסטלעריש אויסגעפלאָכטן אַרום דעם איך־צענטער, זענען ווי געמיט־אַראַבעסקן פון זון־שאָטן־שטימונגען. די דאָזיקע פערזן „ווייכן אָפּ" ניט זעלטן די שווערע האַרטע ווירקלעכקייט, די קלעפּ פון גורל, פון אומגליק, פון צופאַל און גזירות, וואָס שיטן זיך איבער יידישע קעפּ.

דער דיכטער באַוועגט זיך אויף דער ליניע פון זײַן כראָניק, לויט דעם זכרון־זייגער וואָס „ווײַזט" די צײַט פון זײַן פערזענלעכן חורבן. ניט זעלטן אָבער, שווימענדיק אויף די כוואַליעס פון זײַן נעכטן, ווערט ער פאַרטראָגן אין בײַשטראָמען פון דערמאָנונגען און איבערלעבונגען פון פאַרחורבן־פּוילן: אָט איז ער צוריק אין רוסלאַנד — אויספאָרשונגען, צוזאַמענטרעפן מיט שרײַבערס. עס דאַכט זיך ניט איין מאָל, אַז אַלע חורבן־יאָרן זענען בײַ אים איין צעדרייטער חשבון, אַ פּלאָנטער פון טרויער און טרערן, אַ קנויל פון בלוט און לײַדן. ס'איז עפּעס אַ מין פינצטערער געווירבל אין וועלכן דער מחבר איז אַרײַנגעדרייט.

חורבן פּוילן ווײַזט, אַז די צײַט בײַ יוסף רובינשטיין איז נאָך ווײַט פון נאָך אַלעמען. מ'האָט דעם באַשײַמפּערלעכן אײַנדרוק, אַז ער וועט ווײַטער און ווי־דער מוזן קאָמפּאָנירן די סימפאָניע פון גרויסן יידישן חורבן; שאַפן נאָך מער ווערק אויף דער אַ טעמע. אפשר איז דאָס אין פּראָפּאָרציע מיט דער חורבן־שפע, וואָס איז געקומען אויף יידן אין איבערנאַטירלעכע נאָרמעס. ביז איצט האָט ער אויסגעזונגען די דאָזיקע אומקום־„מזל־ברכה" אין 2 ביכער — זײַן פריערדיק בוך, מגילת רוסלאַנד, און דאָס בוך וועגן וועלכן מיר ריידן דאָ, חורבן פּוילן.

ער פירט צוריק פון רוסלאַנד, ווי קאָנטראַבאַנדע, זײַן אַנטוישטע בענק־שאַפט און זײַן צעבראָכן געמיט. פון מאָסקווע ביז וואַרשע, זײַן צעאַשטע היים וווּהין ער דערלויפט קוים, לויפן אים נאָך רעשטלעך שווערע איבערלעבונגען, וואָס ער האָט זיי פאַרגעסן, אָדער געוואָלט פאַרגעסן אין זײַן מגילת רוסלאַנד. איז טאַקע די גאַנצע רײַזע, ביז צום גרענעץ, אַ מין עפּילאָג, דורכגעפלאָכטן מיט קאָשמאַר־דערמאָנונגען וועגן זײַן רוסלאַנד־פּעריאָד, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבן בוך. ווידער טרעפן מיר, אויף גאַנצע זײַטן, די באַקאַנטע נעמען: איציק פע־פער, לייב קוויטקאָ, שמואל האַלקין, איליאַ ערנבורג א"אַ. עס זענען דאָ פאַראַן אויפטרייסלענדיקע און דראַמאַטישע מאָמענטן פון געזעגענונג, וואָרענונגען און כמעט נביאישע רייד, אויך אַן אויסטערלישע מתנה — „האַלקינס פלאַש מיט ווײַן" פאַר „יענעם לאַנד" (ארץ־ישראל, וואָס מ'האָט ניט געטאָרט דערמאָנען). די דאָזיקע לידער רודערן אויף מיט זייערע טרויעריקע און ערלעכע רייד.

לויפט אַ יידישער דיכטער איבער די ווײַטע שטרעקעס פון חורבן, אָבער ער קען ניט אַנטלויפן פון אים. ס'יאָגט אים אויך נאָך די נאָסטאַלגיע פון יוגנט, פון איידער־חורבן: „אין מײַנע לידער רוישן אַלע גאַסן נאָך פון וואַרשע / דורך אַלטשטאָט געסלעך בלאָנדזשעט אום מײַן בליק נאָך אַלץ פאַרליבט".

יוסף רובינשטיין זינגט מיט ליבשאַפט צו זײַן אַמאָליקער היים. ווייניק זע־נען די ליבע־שורות, אָבער ער גיט אַ פאַל־צו צו זיי ווי איינער וואָס עס האָט אים

פֿאַרפֿעלט לופֿט, זיי ראַטעווען אים אָבער ניט. די דאָזיקע סטראָפֿעס זענען קאָנדענסירטער, פֿאַרביקער, מיט בליציקן מעטאָפֿאָר און מיט פֿערזענלעך צי־טערדיקער וואַרעמקייט: „איך גיי ווי אַ לבֿנה־וואַנדלער איבער כּישוף־וועגן, / איך גיי נישט, נאָר איך שוועב — מיך טראָגט אַן אימפּעטיקער האַסט. / אַט זע איך, אין דער נאַכטיקייט, גייט וואַרשע מיר טנטקעגן, / דאָס גייט זי מיך באַגעגענען, איר לאַנג־דערוואַרטן גאַסט״.

יוסף רובינשטיין איז אַ פּאָעט מיט אייגענער עכטער קראַפֿט, מיט אַ פֿײַנעם טאַלאַנט און אַ גרויסע שאַפֿונג־קאַפּאַציטעט. זײַן פּערז פֿאַרמאָגט בילדעריש־קייט, און ער אַליין — אַ ליבשאַפֿט צום אָרט ווו ער איז געזעסן, צום ווינקל וואָס ער האָט אויסגעוואַרעמט. מיט אַ זעלטענעם חוש האָט ער אויפֿגעהיט די געפֿילן אין זייער פֿרישקייט.

ג

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט „מײַן געזעגענונגס־ליד צו רוסלאַנד״ און איז געווידמעט צו יעסענינען. די דאָזיקע סטראָפֿעס זענען געשריבן מיט שטאַרקער דיכטערישער אימפּרעסיע און זיי זענען אויך מער קאָנצענטרירט. זיי זענען גע־שריבן ניט מיט קללה, ניט מיט האַס, אַפֿילו דער פֿאַרדראָס איז מיט מיטגעפֿיל און באַדויער. עפּעס איז פֿאַראַן אין דער שטימונג ניט בלויז וואַרעמקייט, נײַערט אַ מין אידענטיפֿיצירן זיך דורך דעם אומעטיקן יעסענינען מיט דעם אַזוי סימ־פּאַטישן אומעט פֿון דיכטער און זײַן לאַנד, ווו „אין פֿאַרנאַכטן גייט דער אומעט טאַנצן מיטן ווינט אין פֿעלד״. ס׳איז אַוודאי פֿאַראַן עפּעס שותּפֿותדיקס צווישן דעם רוסישן און ייִדישן אומעט אין די הערצער פֿוןביידע פּאָעטן — און דאָ האָט אַ פּנים דער עכט־ייִדישער יוסף דערפֿילט אויף אַן אויסטערלישן וועג דעם אומעט פֿון זײַן עכט־רוסישן קאָלעגע סערגיי. האָבן דאָך ביידע דיכטער געזויגן זייער חיות כּמעט פֿון די זעלבע ערד־און־הימל: „איך וועל הײַנט מיט דיר אַרויסגיין איבער שורות, איבער סטראָפֿן, / איך וועל גיין מיט דיר, יעסענין, דורך דעם אומעט זאַלבענאַנד״.

ניט אומזיסט איז פֿאַראַן אין ליד דירעקטקייט, ווי דאָס אַראָפּריידן זיך פֿון האַרצן צו אַן אַלטן פֿרײַנד, וואָס מען באַדויערט זײַן דורכפֿאַל: „רוסלאַנד! רוסלאַנד! עד, דו רוסלאַנד, גרויע רוסלאַנד! עד, דו לײַוונטענע רוסלאַנד! אאַ״וו. דאָס קלינגט מער מיט קרובֿהשאַפֿט ווי געבייזער, מער מיט באַליידיקטע ליבשאַפֿט ווי פֿאַראיבל. און טאַקע גלײַך אין דער ערשטער סטראָפֿע אין בוך גיט פֿון די פֿאָר קורצע און געפּרעסטע שורות אַ ווייע אויף אונדז דער אַזוי „באַרימטער״ אומעט פֿון אַ גאַנץ לאַנד: „אין פֿאַרנאַכט ווי יאָרצײַט־ליכטער ברענען / אַנגעצונדענע בעריאָזקעס, גאָלד־צעהעלט. / איבער רוסלאַנד גייט אַרום יעסענין / מיט דעם אומעט פֿון אַן אָפּגעשניטן פֿעלד״.

געוויינלעך קען עס ניט דינען ווי אַ מוסטער פֿאַר דעם גאַנצן בוך, וואָס איז געשריבן אין ברייט־אָטעמדיקע שורות, ס׳איז אָבער יאָ אַ באַווײַז פֿון ספּאָנטאַ־

נעם דיכטערישן אויפבליץ און דאָס אויפכאַפּן שאַרפע בילדערישע שטימונגען. אין בוך זענען צעזייט אַ סך בליציקע שורות, אָבער די קאָנסטרוקציע פון אַזאַ עפּיש ווערק קען ניט זײַן אויסגעגאָסן ווי אין אַ פורעם, איבער הויפּט אין אַזאַ טעמע, ווו דער איך־מאָמענט ווערט דעליקאַט אַרײַנגעוועבט.

דאָס ווערק איז ניט איין גאַנצע שלמות, אָבער עס איז גרויס אין זיך און פאַר זיך. אונדז דאַכט, אַז אויסצוקנעטן פון דער חורבן־טעמאַטיק אַ גרויסע פּאָעמע, וואָס זאָל אויסברייטערן דעם טונקעלן האָריזאָנט פון הײַנטיקן חורבן־פּוילן, אויפן הינטערגרונט פון דער נעכטיקער זוניקייט, איז אַ גוואַלדיקער פאַר־מעסט פון כּוחות — און דאָס איז דעם דיכטער געראָטן. דעריבער האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער אָפּהאַנדלונג מיט דער באַוואָרעניש: צי אַזאַ טעמע וואָלט ניט געווונען אין קינסטלערישער קראַפט און פּערפעקציע דורך דעם זשאַנער פון פּראָזע. און געזאָגט האָבן מיר עס ניט ספּעקולאַטיוו, נאָר טאַקע כּדי צו אונטערשטרײַכן די קראַפט פון דיכטער צו קענען אויסטראָגן אַזאַ פּאָעטישע משׂא. און ער האָט דעם גאָר ניט לײַכטן חורבן־פּוילן דורכגעטראָגן אויף שטאַר־קע פּאָעטישע פּלייצעס. ניט יעדער קען אַזוי זינגען אויף די צוזאַמענגעפאַלענע רויִנעס פון זײַן אייגענעם לעבן, פון יידישן לעבן, פון זײַן היים.

יוסף רובינשטיין איז געגאַנגען „אויף בלוטיקע וועגן”, נאָר זיי האָבן ניט צעקרימט זײַן דיכטעריש וואָרט, ניט געביטן זײַן אייגן קול.. פאַראַן אין זײַנע שורות צעבראָכנקייט און פאַרלוירנקייט, אמת און רעוואָלט, שטילע רייד און גאָר־גאָר אַ סך אומעט. ער קומט צוריק מיט זײַן „ערשטיק וואָרט” נאָך דעם ווי ער האָט געפונען אַ פאַרטיקן חורבן. ניט זעלטן אַנטפּלעקן די ווונדיקע שורות אַ ווונ־דערלעכן אויפשאַל און אויפפראַל פון בילד און זעונג. זייער „רויט און גרין” (אַ גאָר שטאַרקער פּרק) באַגלייט דעם מחבר צו זײַן חרובֿער פּוילן. פון די וויזיעס און סילועטן ווערן לעבעדיקע מענטשן, בליקן — און אַז מיר קומען מיטן דיכטער אויף וואַרשעווער וואָקזאַל, דערפילן מיר, פּונקט ווי ער, „אויף זיך די בליקן פון פּאָליאַקן, זייער שפּאָטן: — פּשאַקרעוו, אַ זשיד געקומען!” דאָ איז מער ניט זײַן היים: „אַנטלויף, אַנטלויף כּל זמן דו קענסט, וואָס שנעלער גיי אַוועק!” ...„אַנטלויפן, און אָט ליגט פאַר מיר אַ וויזע ענדלעך”. און די לעצטע צוויי שור־רות פון בוך לייענען זיך: „אין ווײַטן בלוי, פאַרנאַכטיקן, ווערט ווו פאַרלאָרן פּוילן... / איך שטיי און וויים — אויף אייביק איז אַ ייִד פון איר אַוועק!..”

אין דעם חרובֿן הויז פון זײַן פּוילן האָט יוסף רובינשטיין אָפּגעריכט די דיכטערישער עבֿודה מיט אַ שווער געמיט און מיט אַ ריין האַרץ. דאָס זענען בלעטער פון די פאָרכטיקע טעג פון חורבן. דאָס איז אַ קדיש יתום נאָך פּוילן, נאָך וואַרשע, נאָך דעם שטעטל. אַ דיכטערישער קדיש יתום, אויף יידיש לשון, נאָך חורבן פּוילן, וואָס יוסף רובינשטיין זאָגט מיט טרויער און טרערן.

דרום־אַפריקע, 1966.

# צווײ װעלטן — צווײ קלימאַטן

ד״ר חיים שאָשקעס: מסעות ר׳ חיים — דורך לענדער און קאָנטינענטן. פאַרלאַג „מאָנטע סקאָפּוס״, ריאָ־דע־זשאַנײראָ — בראַזיל. אַרויסגעגעבן דורך צבֿי יתום, התשי״ז—1957. הויפּט־פאַרקויף בײַ ציקאָ — ניו־יאָרק. 421 זז׳ + xiii זז׳ בילדער אויף קונסט־פּאַפּיר.

## א

ד״ר חיים שאָשקעס איז דער מאָדערנער ייִדישער רײַזנדער. ריכטיקער: ער איז אַ ייִדישער װעלט־„גײער״, װאָס איז אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען װי דער רײַזנדער־שרײַבער בײַ די אומות־העולם. װאָרעם דער ייִדישער אָבסערװירער און אויסקוקער האָט דאָך ניט בלויז אײן װעלט, נאָר טאַקע גאַנצע צווײ: די גרויסע פרעמדע װעלט און די ייִדישע מיניאַטור־װעלט, — אַ װעלט אין אַ װעלט, אָבער די ייִדישע רעגט אָן זײַן הויפּט־אינטערעס. אין בוך מסעות ר׳ חיים, װי דער טיטל אַלײן מאַכט שוין קלאָר זײַן ייִדישן אינהאַלט, זענען דורכגעפלאָכטן אַ שלל ייִדישע צײַט־פּראָבלעמען פון אינפאָרמאַציע מיט די זאָרגן פריידן און לײדן פון אַ גאַנץ פאָלק — פון װילד אָריענטאַלישן מידבר ביז הינטערן אײַזערנעם פאָרהאַנג, פון די עקזאָטישע אַפריקאַנישע ברעגעס ביז צו דער הײמיש אײראָפּעיִשער ערד. אַ בונטער קאַלײדאָסקאָפּ פון ייִדישע כאַראַקטערן און טיפּן פון אַלע עקן װעלט.

ד״ר חיים שאָשקעס איז אַ ייִדישער זשורנאַליסט און רעפּאָרטער מיט אַ פלינקער פּען און אַ גוטן חוש פאַר דער הײַנטיקער סענסאַציע־הונגעריקער צײַט. ער איז, דאַכט זיך, אַן אוניקום אויף דעם געביט אין אונדזער ליטעראַטור און פּרעסע. ער קאָן דערשמעקן דעם ריח פון ייִדישע שׂימחות, צי חלילה צרות, אויף טויזנטער מײַלן װײַט. און װי ער שטעלט אַראָפּ אַ פּוס, פאַרפּיקסירט ער שנעל די געשעענישן אין לײַכט זשאַנערדיקע באַשרײַבונגען, װאָס לײענען זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער פאַרשטײט אויסגעצײכנט די פאַרלאַנגען פון דעם תּמיד זיך יאָגנדיק און פאַרנומענעם מענטשן פון דער גרויסשטאָט, װי ייִדן לעבן אין מאַסן. פאַר זײ טאַקע סערווירט ער עס זײַן לײענשטאָף אין פּשוט צוטריטלעכן פאָלקסטיל און אין לײַכט־פאַרדײַענדיקע דאָזעס.

דער מחבר געפינט אומעטום און פאַר יעדן פאַל דעם פּאַסיקן שליסל, וואָס עפנט פאַר אים פּאַלאַצן פון פּרעזידענטן, ווי אויך דיקטאַטאָרישע טאַבו־אַרײַנגענג. אָבער דער עיקר — ער עפנט די הערצער און די מײַלער פון ייִדן. ער צייכנט כּסדר בילדער פון רײַך און אָרעם, גרויס און קליין אויף די קרייצוועגן פון דער ייִדישער וועלט. ער איז דער כראָניקער פון ייִדישער עשירות, אין מעקסיקע, פּונקט ווי ער איז עס, צייכענענדיק די דלות־קוואַרטאַלן פון מעלאַ אין מאַראָקאָ. ער איז דער קאַמערע־מאַן פון וואָרט, וואָס כאַפּט אויף די בילדער אויף דער הייסער מינוט אין אַלע זייערע העלע און טונקעלע קאָלירן. ער איז דער שילדערער פון אויסטערלישע פאַרשווינגען און געשעענישן, וואָס בלײַבן אויף תּמיד אײַנגעקריצט אין זכּרון. ניט איין מאָל אָבער טרעפט, אַז מיר דערפילן אויף דער צונג דעם ביסל איבערגעזאַלצענעם און צוגעפעפערטן טעם פון אַ געוויסער סיטואַציע, וואָס האַלט אונדז אַ ווײַלע דערשטוינט — ווי אַזוי קען עס זײַן? די דאַזיקע אומגלייבלעכקייטן ווערן אָבער אין גאַנג פון סיפּור־המעשׂה נײַטראַליזירט און מיר הייבן זיי אָן בעסער פאַרשטיין.

געוויינלעך ווערט באַשריבן קאָנקרעטער, פאַקטישער מאַטעריאַל — דאָס וואָס דער מחבר האָט אַליין געזען, געהערט, מיטגעלעבט. ער מעדיטירט ניט און קאָמענטירט ניט צו פיל. זײַנע באַמערקונגען זענען קורץ און צום ענין. ער איז גאָלע דערציילערישע פּראָזע, און זעלטן ווען האָבן זיי אַ דינע פּאָעטישע אָנשטימונג אָדער אַ פילאָסאָפישע באַהויכונג. וואָרעם אַזאַ רײַזנדער ווי ר׳ חיים, וואָס שלינגט לענדער און קאָנטינענטן, האָט ניט קיין צײַט אָפּצונייגן פון דער פיזישער און מאַטעריעלער וועלטישער ווירקלעכקייט. אַלץ מוז זײַן בײַ אים געבונדן מיט מעשׂים, מענטשן, דבֿרים של ממש. דער לייענער מוז אים נאָכפאָלגן טריט בײַ טריט אויף די ערדישע וועגן, אין זײַנע רײַזעס.

און הגם ד״ר חיים שאָשקעס שוועבט אין די הימלען, אויף די פליגל פון עראָפּלאַן, איז ער אָבער אַ מאַן פון אַ גאָר פּראַקטישן באַרוף, — אַ סאָציאָלאָג, — און ווי אַזאַ זעט ער ייִדן אין דער וועלט אין זייערע עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן. די געאָגראַפישע עטנאָגראַפישע גרענעצן פון די ייִדישע עדות זענען נאָר רעמלעך פאַר זייער פיזישן און גײַסטיקן צוזאַמענהאַלט. פילן מיר די זאַכלעכקייט פון זײַן פּראָפעסיע אויך אין זײַנע אַרטיקלען. ער מעסט די סטאַבילקייט און די נויטן פון ייִדישע ישובֿים און מאַכט פון דעם זײַנע אויספירן. אין דער זעלבער צײַט פאַרשרײַבט ער אָבער אויך פּיקאַנטע סצענעס און פּאַסירונגען.

ס׳איז גענוג בלויז אַדורכצובליקן דעם אינהאַלט פון בוך, כּדי צו דערזען דעם ערדקײַלעך מיט זײַנע אַלע ייִדן זיך דרייען פאַר אונדזערע אויגן. עס איז ווי דער פאַרביקער מאָנטאַזש פון ערדראָד אויף דער הילע, צוזאַמענגעשטעלט פון פ. שרון, וואָס אַנטהאַלט אַ צאָל כאַראַקטעריסטישע ייִדישע קעפּ, יונגע און אַלטע, מיט זייערע לאָקאַלע באַזונדערקייטן פון באָרד און פּאות, קאַפּ־פאַרהיילונגען און טראַכטן; און איבערן ראָד איז דער ייִד ר׳ חיים, מיט אַן אַראַבישער

פּעז אויפֿן קאָפּ, רײַטנדיק אויף דער לעגענדאַרער מידבר־שיף — אַ פּאַרפּוצטער קעמל, אין געשטיקטע פּאַרביקע פּרענדזלעך און גלעקלעך. לייענען מיר נאָר אַדורך די קעפּ פֿון אינהאַלט, ווערן מיר שוין אַרײַנגעצויגן אין דער וועלט פֿון ר׳ חיימס נסיעות, מיר גאַרן זיך צו באַקענען מיט איר, וויסן ווי אַזוי זי זעט אויס און וואָס דאָרטן קומט פֿאָר.

דאָס זענען באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע וועלטן פֿון ייִדישן שיקזאַל, מיסטעריע, עקזאָטיק — די תּמיד אינטערעסאַנטע און אויפֿרעגנדיקע רײַזע־געשיכטעס פֿאַר גרויסע קינדער, בפֿרט אַז פֿאַר אונדז ייִדן האָבן זיי אַ ספּעציעלן אינטערעס. יעדע אָפּגעשלאָסענע רײַזע־באַשרײַבונג איז אַן עפּיזאָד אָדער מערערע סקיצירטע פּאַסירונגען, ווו מ׳דאַרף ניט צולייגן קאָפּ. אַלץ איז קלאָר, פֿאַרשטענדיק, באַלערנדיק.

ד״ר חיים שאָשקעס׳ עלעמענט איז די לופֿט פֿון קאָנטינענטן און לענדער דורך וועלכע ער רײַזט. און ער רײַזט ניט נאָר לשם הנאה. ער וויל מיט דעם גליק און מיט דעם צער פֿון דאָס געזעענע, מאַכן אויך מיטלעבן און מיטפֿילן אַנדערע ייִדן. ברענגען צום ייִדישן לייענער זײַן ייִדישע וועלט, אײַנגעוויקלט אין די בלעטער פֿון אַ בוך. און עס איז פֿון פּאָזיטיוון ווערט די דאָזיקע ווײַטע און ניט צוטריטלעכע שטחים צו פּאָפּולאַריזירן. עס האָט אַ צוועק און אַ זין צו וויסן ווי עס לעבן, מאַטערן זיך און קעמפֿן אַנדערע ייִדן אין דער וועלט.

ב

דער קלימאַט פֿון די לענדער אין דער וועלט איז פֿאַר יעדן רײַזנדער באַזונדערדיק, לויט זײַן אויפֿנעם־פֿעיִקייט און גײַסטיקער רעאַקציע. אָבער פֿאַר אַ ייִדישן רײַזנדער איז די דאָזיקע אינדיווידועלע אייגנשאַפֿט אַ צווייִקע: די גײַסטיקע אַטמאָספֿער פֿון ייִדישן לעבן און ייִדישער אייגנאַרטיקייט איז אַ צווייטער שיכט אין וועלטישן קלימאַט — אין וועלכן ער דאַרף אָטעמען ווי אַ ייִד. אַזאַ רײַזנדער איז טאַקע אונדזער מאָדערנער ר׳ חיים.

ד״ר שאָשקעס איז דעריבער ניט סתּם אַ רײַזנדער מיט באַקוועמלעכקייטן. אויף ניט ווייניק שוועריקייטן, שטרויכלונגען און סכּנות שטויסט זיך אָן אַזאַ איינער. מען דאַרף האָבן גענוג מוט און געוואַגטקייט אַרײַנצושטעקן דעם קאָפּ בײַם לייב אין פּיסק — עס איז אַ מין צירק־אַוואַנטורע, וואָס קומט דורך איבעראַשונג. אין די אָדערן פֿון עכטן רײַזע־קאָרעספּאָנדענט פּולסירט אָבער דאָס בלוט מיט אַ פּאַרשנעלערטן טעמפּאָ. אַזוי איז עס מיט אונדזער מחבר, ווען ער קומט אין קאָנטאַקט מיט געפֿאַרן. דער טעם פֿון אַ ביטערן נסיון ווערט אים פֿאַרזיסט דורכן דערגרייכן זײַן ציל, וואָס מיינט: אַרויסברענגען אויטענטישע געשעענישן אין דער עפֿנטלעכקייט, ווען ער פֿילט זיך בבֿחינת אַן אַנטדעקער פֿון נײַע וועלטן. אין בוך מסעות ר׳ חיים זענען פֿאַראַן צוויי אַזעלכע נערוון־דערשיטערנדיקע קאַפּיטלען — פֿון הינטער דעם אײַזערנעם פֿאָרהאַנג און פֿון עגיפּטן.

איז עס גאָר ניט אַזאַ לײַכטער „דזשאָב״ צו שטיין אויף די שיידוועגן פון דער אַזוי שטאַרק צווישן זיך צעריסענער וועלט. בפרט איז עס גאָר שווער אין די לענדער מיט טאָטאַליטאַרע רעזשימען, ווו עס לויערן ניט ווייניק סכּנות פאַר יעדן רײַזנדער מיט אַ שרײַב־מאַשינקע אין זײַן וואַליזע, איבער הויפּט פאַר אַ ייִדישן. און ד״ר חיים שאָשקעס איז דער ייִדישער רײַזנדער־זשורנאַליסט, וואָס איז געווען אין יענע טאַבו־לענדער פון דיקטאַטאָרן און גערעדט און געפרעגט אָן מורא. אפשר איז אים זײַן ייִדישער בטחון בײַגעשטאַנען, ווײַל זײַן ייִדישער געזעלשאַפטלעכער חוש און אַחריות האָבן אים דיקטירט עס צו טאָן.

ווער עס קען דעם פאָלקסטימלעכן, צוגעלאָזטן און פרײַנדלעכן ר׳ חיים, וועט פאַרשטיין ווי אָפּצושאַצן זײַן באַטײַט ניט נאָר אַלס רײַזנדער און מחבר, נאָר אויך אַלס טוער אין פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע שליחותן, ווי עמיגראַציע־ענינים פון היאַס א״אַ. און אפשר דאַרפן מיר זען זײַנע אַלע פאָרע־נישן און שרײַבענישן אין ליכט און אין פּערספּעקטיוו פון אַ שליחות פאַר דעם מאָרגן: אַ מין געזעלשאַפטלעכער הכשרת־הלבבות. און ווען ד״ר חיים שאָשקעס שאַפט קאָנטאַקטן, שאַפט ער דערמיט און דורך דעם אויך פרײַנד פאַר דעם ייִדישן פאָלק, וואָס ווילן אים פאַרשטיין, העלפן און דערקענען.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו כאַפּן אַ „שפּאַציר״ מיטן אויטאָר פון בוך איבער די שליאַכן פון דער ייִדישער וועלט, זיך אָפּשטעלן אין אַ פּאָר פונקטן, כּדי צו קאָנען פון אַ נעענטערער דיסטאַנץ אַנאַליזירן זאַכן. איז עס אָבער ניט מיגלעך צו באַהאַנדלען אין אַ דעטאַליזירטער פאָרעם, פּונקט ווי ס׳איז ניט מיגלעך צו זען אַ גאַנצע לאַנד מיט איין בליק. חוץ ענציקלאָפּעדיש קורצע באַשרײַבונגען פון לענדער און זייער באַפעלקערונג, איז דער דאָמינירנדיקער מאָמענט דער ייִדישער — מיר טרעפן אַזוי פיל ייִדישע נעמען, אַלטע באַקאַנטע און נײַע, כאַראַקטערן, מענער, פרויען, לאַנדסלײַט און סתם פרײַנד — די היימיש ייִדישע סביבה, וואָס דער סענטימענט פון מחבר פאַר איר לאָזט זיך פילן. פון דער צווייטער זײַט — אַ נײַע וועלט מיט נײַע „פרעמדע״ ייִדן, וואָס ווערן אונדז אויך אייגן און ליב.

אין בוך מסעות ר׳ חיים איז פאַראַן אַ סך טרערן, ווי דער שאָטן פון ייִדישן חורבן וואָלט זיך געלייגט איבער די וועגן פון ר חיימן, אָבער עס איז אויך פאַ־ראַן שײַן און פרייד, די וואָכעדיקייט און די יומטובדיקייט, וואָס איז דער שפּיגל פון לעבן בײַ ייִדן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. די באַשרײַבונגען זענען נאָ־טירט אין קעגנוואָרטיקער פאָרעם, ווי אַ מין צײַט־אַרטיקלען, עלעהיי אַ מאָלער וואָס פאַרהאַלט דעם לויף פון טאָג מיט זײַן פּענדזל און לאָזט אַ קאָפּיע פון אים פאַר דעם עתיד. די אַ אַרטיקלען זענען טאַקע דעריבער ווערטפול פאַר דעם קומענדיקן היסטאָריקער. עס זענען אָבער פאַראַן אויך „טויטע״ אַרטיקלען, וואָס מאַכן פילן אַ ייִדיש הארץ, ווי „דער עלטסטער ייִדישער בית־עולם אין דער נײַער וועלט״. אין טייל אַרטיקלען רעדט דער מחבר אין אַ פײַנעם סאַרקאַסטיש פילאָסאָפירנדיקן נוסח, ווען ער פאַרגלײַכט די אייביקייט פון ייִדן מיט אַנדערע

פּעלקער. אַזאַ קליין אַרטיקעלע, מיט ציטעריקע טענער געשריבן, איז, ווען ער שטייט פאַר די פּיראַמידן אין מעקסיקע און ציט אַ געשיכטלעכן פּאַראַלעל צווישן דער אַנטיקער וועלט, איר ציוויליזאַציע און אונטערגאַנג, די מלכי־ישׂראל און דאָס ווידערגעבורט פון דער ייִדישער מדינה — דער לאַנגער המשך פון נצח־ישׂראל.

ד״ר חיים שאָשקעס איז אויסגעבונדן מיט אַלע ייִדישע תּפוצות און מיט ישׂראל — זיי קענען אים, און ער — זיי. ער איז אַן אַ גוזמא — דער רייזנדער־אַמבאַסאַדאָר פון דער ייִדישער וועלט. אַפילו הינטער דעם אייזערנעם פאָר־האַנג, אין די פאָלקס־רעפּובליקן און אין עגיפּטן פון נאַסערן האָט ער פאַר די לעצטע פאַר יאָר אָנגעשפּאַרט, און מיר לייענען פון די דאָזיקע ניט צוטריטלע־כע זאָנעס לעבעדיקע גרוסן אין זײַן מסעות ר׳ חיים.

עס איז אַ גאָר כאַראַקטעריסטישע קאַריקאַטור, וואָס דער קאַרטוניסט וואַ־סילי איוואַנאָוו האָט געמאַכט פון „פליענדיקן" ר׳ חיים, אין 1952: אויף אַ וואָלקן — מיט אַ האַרפע אין דער רעכטער האַנט און מיט אַ גלאָבוס און אַ רייזע־טעקע — אין דער לינקער.

מסעות ר׳ חיים איז אַ בוך פון פריש־צאַפּלדיקע גרוסן פון ייִדן איבער דער גאָרער וועלט. אַזאַ בוך היט אויף, ניט געקוקט אויף זײַן צײַט־כאַראַק־טער, אַ דויערדיקן ווערט, ווײַל ד״ר חיים שאָשקעס איז דער ייִדישער וואַנדערער פּאַר עקסעלאַנס.

דרום־אַפריקע, אַפּריל, 1958.

# י. ל. פּרץ אין רעם פון לעבן

מאַרק שווייד: טרייסט מיין פאָלק — דאָס לעבן פון י. ל. פּרץ. פאָרוואָרט, בילדער. פאַרלאַג פּרץ, ניו־יאָרק. 286 זז׳. ביבליאָגראַפיע 297־299 זז׳. אָנווייז 301־307 זז׳.

## א

י. ל. פּרץ איז איינער פון די מערסטנס באַשריבענע און באַזונגענע קלאַסיקער אין דער יידישער ליטעראַטור, ביכער און אַרטיקלען אין די הונדערטער, און געוויס וועט נאָך אויך אין שפּעטערדיקע צייטן וועגן אים געשריבן ווערן. די דאָזיקע קוואַנטיטעט פאַרמאָגט טיפע, וואָגיקע ווערק און האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט אַ פּרץ־קולט, צי אַ מין פּסיכאָז אויף דער יידישער גאַס. עס איז מחמת דעם, וואָס פּרץ האָט מוסר־השכּלדיק און אַלעגאָריש באַהאַנדלט און אָפּגעשפּיגלט די אייביקע ראַנגלענישן פון ייד און מענטש, די זעלישע שטרעבונגען און ווינטשן פון זיין אָרעם פאָלק. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו די פיינלעכסטע מענטשלעכע ווייטיקן און ווייען, ביז צו זייערע וואָרצלען. מיט דינע געפילפולע פינגער האָט ער באַרירט די איידעלע נשמה־סטרונעס פון דעם מענטשנס בענקשאַפטן און עמאָציעס, וואָס האָבן אויסגעשפּילט די סימפאָניע פון אַן אויסגעלייזטער וועלט, פון אַ ניי, שיין לעבן, פון שלום און גייסטיקן אויפקום. מיט פּאַטאָס, וואָס גרענעצט מיט רעליגיעזן עקסטאַז, האָט ער אַרויסאַנטפּלעקט דאָס ליכט פון מענטשלעכער דערהייבנקייט און נאָבלקייט. אין זיינס איין קורץ געשיכטעלע שטראַלט אויף דער מענטש אין הערלעכער שיין, מער ווי אין אַ צענדלינג דיקע ראָמאַנען. פּרצעס מאָס פאַר מענטשלעכער גרויסקייט איז די נשמה, דער אידעאַל, מסירת־נפש. דערפאַר דרינגט יעדע גוטע טאַט אַרויס פון טיפער מאָראַלישער גאַנצקייט. דער צדיק דערפילט ניט קיין מעכאַנישע פונקציע, לויט אַ רעליגיעזן שולחן־ערוך, ער איז דער סינטעז פון אַ גאַנצע פערזענלעכקייט, ביים דערגרייכן די הייכן פון אַ מענטשלעכער מיצווה. די מדרגה קאָן אויסגעברייטערט ווערן צום זכות פון יעדן מענטש, — גוי און ייד, — וויל צו דער נייער צייט, צום גאַנצן מענטש, גייט די וועלט.

י. ל. פּרץ איז דער וויזיאָנער פון דעם הומאַנעם באחרית הימים. אין זיין יעדע פאָלקסטימלעכע מעשהלע זענען פאַראַן די עלעמענטן פון דעם סאָציאַלן אייביקן גראַנגל פאַר שענערס און העכערס, די קערנער פון טיפן גלויבן אין

די אוניווערסאַלע אידעען פון ימות־המשיח אויף דער בידנער ערד. דער פּלאַ־מיקער חלום פון נבֿיא מוז ווערן זוניקע וואָר. דער גרויסער מאמין פּרץ, הגם נאָך ניט אָפיציעל אָנערקענט פון די אומות־העולם־ליטעראַטורן, איז שוין דורך דער יידישער ליטעראַטור במילא געוואָרן אַ תּושבֿ און פּאַנטעאָן פון די גרויסע גײַסטער פון דער מענטשהייט.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז פּרץ פאַרבליבן ביז הײַנט די שטראַליק ליכטיקסטע געשטאַלט. צו אים האָבן זיך געצויגן, ווי פלאַטערלעך צום ליכט, יידישע שרײַבערס און דיכטערס, אין זײַנע יונגע טעג, אין דער יוגנט פון אונדזער ליטעראַטור־אויפקום. ער האָט טיף אין זײַן נשמה געטראָגן די גלײזיקע אמונה אין מענטש און געוואָרעמט מיט זײַן ליטעראַרישער רבישאַפט די פרייד פון גאולה, פון נײַעם מאָרגן פאַר וועלט און מענטש.

י. ל. פּרץ איז געווען און פאַרבליבן אַ וווּנדערלעכע דערשײַנונג אויף דער יידישער גאַס. האָט טאַקע די גאַנצע גרויסע ליטעראַטור וועגן אים, געזוכט זיך צו דערגרונטעווען צו דער דאָזיקער פענאָמענאַלער דערשײַנונג וואָס הייסט י. ל. פּרץ. מען האָט געפּרוּווט פאַרטײַטשן, אויסטײַטשן און אַרײַנטײַטשן אין דער דאָזיקער פּרץ־סוגיה. מען האָט צעגלידערט אויף טײלכלעך זײַן ליטעראַרישע געשטאַלט, אַנאַליזירט יעדן פּינטעלע און קנייטש אין זײַנע ווערק און האָר־שפּאַלטעריש צעלייגט יעדן פּסוק און וואָרט. אין די צענדליגנער עסייען און אַרטיקלען וועגן אים, איז דער פּאָלקסטימלעכער לעבעדיקער פּרץ נעלם געוואָרן: דער מענטש, דער טאָג־טעגלעכער פיזישער און פּראָזאַישער פּרץ איז פאַר־שטעלט געוואָרן דורך אַ גײַסטיקן פּרץ, אַ שוועבנדיקן, אַ רוחניות.

איז געקומען דער דיכטער מאַרק שווייד, אַ יונגער בן־דור פון זײַן גרויסן רבין, פּרץ, און אַרײַנגעשטעלט דעם מײַסטער אין רעם פון לעבן. ער האָט אונדז געגעבן אַ לעבעדיקן פּרץ, אַ לײַכטן, אַ צוטריטלעכן, אַ פאַרשטענדלעכן פאַר יעדן. ווי גוט איז צו קענען פּרצן דעם מענטש, כּדי נאָך דעם בעסער און גרינט־לעכער צו פאַרשטיין זײַנע שאַפונגען. דורך שווײדס בוך באַקומען מיר אַ וווּנ־דערלעכע ביאָגראַפיע פון פּרצן, אויף אַ ברייטן לײַוונט געמאָלן, מיט קלאָרע, פאַרביקע טענער. פון ערשטן ביז צום לעצטן בלעטל דערשײַנט פּרץ נאַטיר־לעך, פאַרקליידט אין מענטשלעכן לבֿוש, און ניט ווי אַ קוריאָזער אָפּשײַן פון זײַנע קינסטלערישע ווערק. דער מחבר איז אָפּגעהיט מיט דער פּרץ־געשטאַלט, מיט אַ ליבלעך צאַרטן געפיל שילדערט ער זי, אָבער ער ווערט ניט פאַרטראָגן אין איבערטרײַבונג, אין לעגענדע. מאַרק שווייד איז טרײַ צו די פאַקטן, וואָס ער האָט דורך לאַנגע יאָרן געזאַמלט: מיר זעען דעם מענטש פּרץ, באַלאָדן מיט זײַנע ערדישע צרות און דאגות, גלויבן און צווייפל, שימחה און טרויער, ליבע און אַנטוישונג. דאָס בוך לייענט זיך מיט פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס, עס ברענגט אונדז נענטער צו פּרצן, מאַכט אונדז חבֿריש־אינטים מיט אים, מיט זײַן שווער לעבן. מיר פילן כּבֿוד און רעספּעקט צו אים. די עפּיזאָדן און פאַקטן קריצן זיך אײַן אין זכרון. פּרץ וואַקסט אויס נאַטירלעך, מענטשלעך, מאַיעסטעטיש.

דאָס לעבן פון י. ל. פּרץ איז דאָס ערשטע און גײַטיקסטע בוך, וואָס וואָלט געדאַרפט רעקאָמענדירט ווערן צום לייענען יעדן ייִדישן קולטור־מענטש. נאָר דורך דעם מענטש פּרץ קאָנען מיר בעסער באַנעמען און באַגרײַפן דעם דיכטער און קינסטלער. און עס איז דער פאַרדינסט פון מאַרק שווייד, וואָס ער האָט איבערגעצויגן דעם גײַסטיקן, קריטיש־צעסקאַלפּעלטן י. ל. פּרץ מיט הויט און ביינער פון אַ מענטש צווישן מענטשן. פּרץ איז ווידער געוואָרן ממשות — אַ מענטש וואָס האָט געלעבט, געליטן, געקעמפט, זיך געראַנגלט אין קלעם פון מאַטעריעלער נויט, אין עלנט און קראַנקייט. פּרץ דער שרײַבער וואַקסט און שטײַגט כּסדר. מיר פאַרפאָלגן מיט נײַגער זײַן פּיאָנערישן שווערן וועג אין דער ייִדישער ליטעראַטור, זײַן גאַנג צום אַרויפבאַרג.

## ב

מאַרק שווייד האָט ניט געגעבן בלויז דעם טרוקן־ביאָגראַפישן סקעלעט פון דער י. ל. פּרץ־געשיכטע. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם אייגנאַרטיקן כּישוף פון מענטש און דיכטער. ווי עכט ייִדענע פעדעם, דורך אַ געוועב, לויפן דורכן בוך די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון גײַסטיקן צויבערדיקן גלאַנץ פון איינעם פון די שאַפערס און בויערס פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. זײַן מאַגנעטישע קראַפט צוצוציִען צו זיך מענטשן, זײַן בליצאַרטיקער שאַרפזין, זײַן פרײַנדשאַפט און מסירות זענען בולט באַלויכטן אין די דרײַ טיילן פון בוך. פּרץ, דער מענטש און קינסטלער, איז פײַן צוזאַמענגעשמאָלצן צו איין גאַנצקייט. עס איז אַ לעבעדיקע רעם פאַר דער כּישוף־געשטאַלט פּרץ, דער דיכטער, זײַן חלום, אידעאַל און צילבאַוווסטער גאַנג אין לעבן. „דאָס בוך איז וועגן אַ קינסטלער פון לעבן“, זאָגט מ. ש. אין זײַן פאָרוואָרט. „פּרץ האָט געקענט אַרויסכּישופן פון יונגע נשמות דאָס בעסטע וואָס האָט געלעבט אין זיי. די וואָס האָבן געוואָלט, האָבן געקאָנט פון אים לערנען הויכע צילן, געטרײַשאַפט צו דער אייגענער נשמה און גרעניצלאָזע ליבשאַפט צו דער שיינקייט פון ייִדישן לעבן“.

מאַרק שווייד האָט זיך אַרויסגעקעגנטיקט ווי אַ פײַנער פּרץ־ביאָגראַף, וואָס שטייט באַשיידן אין הינטערגרונט און טוט זײַן עבֿודה: פאַרצייכנט און דערציילט אָביעקטיוו די לעבנסגעשיכטע פון מאַן פּרץ, זײַן גורל און זײַנע גילגולים, אַלע פאַזעס פון זײַן לעבן אַרײַנגעמאָסטן אין אויסגעהאַלטענע פּראָפּאָרציעס. אין די 34 קאַפּיטלען פון בוך איז ניט דורכגעלאָזן קיין איין וויכטיקע פּאַסירונג אין פּרץ־לעבן, הגם דער מחבר האָט ניט פאַרצייכנט, אַוודאי צוליבן לײַכט בעלעטריסטישן סטיל, קיין דאַטעס.

דאָס בוך איז דורכגעטראַכט, לויט אַ פּלאַן, לעבעדיק, מיט אַ געניטער פּעדער פון אַ ייִדישן דיכטער, געשריבן. די שפּראַך פּשוט, פאַרשטענדלעך און זויבער־קלאָר. דער עיקר אָבער, וואָס אין בוך איז אויפגעהיט געוואָרן, ניט געקוקט אויף זײַן צײַט־ און שטח־ווײַטקייט, אַ פרישער און אָנגענעם גײַסטיקער

אַראָמאַט פון די אַלטע, גוטע פרץ־טעג, ווי דער מחבר זאָגט אַליין עדות אויף דעם, צום סוף פון זײַן פאָרוואָרט: „דערוויַטערט אין צײַט און שטח פון אַלעם וואָס האָט פרצן געגעבן זיך און עקסיסטענץ, פיל איך פריש און טיף זײַן באַריר אויף מײַן נשמה און איך דערצייל זײַן לעבן". עס איז גענוג בלויז אַ בליק צו טאָן אין אינהאַלט פון בוך, כּדי זיך צו איבערצײַגן אין דער פולקייט פון דער טעמע, די גאַנצקייט און סיסטעמאַטישקייט פון פרץ־לעבן, הן כראָנאָלאָגיש והן גײַסטיק־שאַפעריש: זײַן גאַנג אַרויף צום פאַרנאַס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, זײַן דורכברעכן זיך אַ וועג צו אומשטערבלעכקייט.

פרץ, וואָס איז געווען כּלו חלום, שטרעבונג, וויזיע, האָט אָבער אויך פאַרמאָגט די קראַפט, דורך זײַן ליטעראַרישן וואָרט און זײַן פערזענלעכן צויבער, צו באַפליגלען אַנדערע מיט זײַנע אידעען און צוקונפט־חלומות. ער האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע השפּעה אויף זײַנע חבֿרים, פרײַנד, סבֿיבֿה, די ברייטע ייִדישע מאַסן און די אויפקומענדיקע אינטעליגענץ. ער איז, לויט זײַן נאַטור, ניט געווען קיין אַקטיווער רעוואָלוציאָנער מיט קעמפערישע אַמביציעס — ניט געקוקט אויף זײַנע באַזוכן אויף געהיימע אַרבעטער צוזאַמענקומען — פאַר דעם האָט אים געפעלט דער פראַקטישער חוש, פונקט ווי ס'האָט אים געפעלט אַזאַ חוש פאַר בויען אַ רעאַלן מאַטעריעלן באַזיס פאַר זײַן אייגן לעבן. ער האָט פאַרמאָגט אַ פלאַמיקן סאָציאַלן גלויבן אויף אָנצוצינדן אַנדערע, צו מאַכן טראַכטן און דענקען, צו שטויסן צו רעוואָלט. דאָס פרץ־לעבן און שאַפן איז אויסגעלייגט ווי ליכטיקע שטאַפלען צום שפּיץ פון אַ זוניקן חלום — אַ דערלייזטע און פאַרברידערטע וועלט פון שלום און יושר פאַר אַלע מענטשן.

ער אַליין האָט אָבער אָפּגעלעבט אַן אָרעם, בײדנע געמאַטערטן לעבן. די וואָר איז געווען האַרט צו אים, פול מיט טרויעריקע דערפאַרונגען פון וועלן זיך שטעלן אויף אייגענע פיס. פרץ האָט געהונגערט און זיך געפײַניקט אין די ערשטע יאָרן פון זײַן זײַן אין וואַרשע. און ווען זײַן שטערן האָט שוין אָנגעהויבן שײַנען, האָט ער נאָך אַלץ געמוזט אָנקומען צו די חסדים פון גוטע פרײַנד, כאָטש זײַן שטאָלץ האָט ער קיין מאָל ניט דערדריקט. ער האָט געגלייבט אין זײַנע גײַסטיקע כּוחות, אין זײַן ליטעראַרישן שאַפן, און ניט געקוקט אויף אַנטוישונגען האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט מיט די אייגענע הענט, אָן הילף מן הצד (און אָן ליטעראַטור־פרעמיעס...) געלייגט די ערשטטע ציגל פאַר אַ ייִדיש אויפגייענדיקער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט דער אויסשטראַלונג פון זײַן פערזענלעכקייט אַרום זיך געזאַמלט די ייִדישע געיאָגטע און געפּלאָגטע מאַסע, דאָס פאָלק. קיינער אָבער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זײַן שווערן מאַטעריעלן מצב. נחום סאָקאָלאָוו האָט געדאַרפט גיין זיך משתדל זײַן פאַר אים וועגן אַ שטעלע אין דער גמינע.

אויף זײַן פאָסטן אין קהל־שטוב האָט פרץ אָפּגעאַרבעט איבער 20 יאָר, ביז צו זײַנע ממש לעצטע טעג. ער האָט תּמיד געוואָלט פּטור ווערן פון דעם, אַנטלויפן. דאָס האָט אים אַלע יאָרן געדריקט און געפײַניקט, ענג געמאַכט,

געהעמט זײַן גײַסטיקן שוווּנג, אָבער דאָס ביטערע מזל האָט אים געהאַלטן פֿעסט צוגעבונדן צו דער קאַנצעלאַריע אין גמינע, צו דער ניט צופֿרידנשטעלנ־דיקער, טרוקענער אַרבעט. אַזוי האָט אויסגעזען דער שווערער גורל פֿון פּרצן, אַזוי האָט אויסגעזען דאָס ווירקלעכע, טאָג־טעגלעכע עקאָנאָמיש־פּאַריאַכטע לעבן פֿון דעם גרויסן ייִדישן ליטעראַטור־פּיאָנער, פֿון פּראָזע־מײַסטער, פֿון גרויסן ייִדישן דיכטער. מאַרק שווייד האָט אין דעטאַלן באַשריבן דעם לעבנס־בילד פֿון אָרעמען פּרץ, פֿון זײַן האַרט לעבן, ניט אָפּווײַכנדיק פֿון דער טעמע. אַזוי טאַקע האָט אויסגעזען דאָס לעבן פֿון י. ל. פּרץ, דער קינסטלער וואָס איז אַזוי ברייט און פֿיל באַהאַנדלט געוואָרן אין די ספּעציאַליזירטע אַנאַליטישע אַר־בעטן פֿון זאַכפֿאַרשטענדיקע ייִדישע קריטיקער.

מאַרק שווייד האָט איצט אַרײַנגעפּלאָכטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור דעם פֿעליקן רינג פֿון דער י. ל. פּרץ־קייט דורך זײַן ווערק דאָס לעבן פֿון י. ל. פּרץ. ער האָט אויסגעפֿילט אַ קענטיקן בלויז אויף דעם ספּעציפֿישן געשיכטע־געביט און דערמיט אַליין האָט ער זיך פֿאַרדינט אָנערקענונג און פֿולע אָפּשאַצונג. דאָס בוך האָט אײַנגערעמט פּרצן אין רעם פֿון אַלע די, וואָס ווילן קענען און דערקענען דעם ריז פֿון אונדזער ייִדישער ליטעראַטור, י. ל. פּרץ.

דרום־אַפֿריקע, יולי 1956.

• מאַרק שווייד: אַלע לידער און פּאָעמעס. דרום־אַפֿריקע, סעפּט׳ 1952.

# ביכער פון גלויבן

י. נ. שטיינבערג: אין קאַמף פאַר מענטש און איד — אַרויסגעגעבן פונעם ד״ר י. נ. שטיינבערג קבלת־פּנים־קאָמיטעט, בוענאָס איירעס, 1952. 439 זז׳.
IN THE WORKSHOP OF THE REVOLUTION, I. N. STEINBERG, Rinehart & Company, Inc. New York, Toronto, pp.306 & Index.

די צוויי וואָגיקע ביכער, איינס אין יידיש און איינס אין ענגליש, וואָס זענען אַרויס אין יאָר נאָך דעם אַנדערן, צייכענען אָן די טיפּישע געשטאַלט פון אַן אייגנאַרטיקן מענטש און ייד. דורך זיינע אייגענע ווערק דערשיינט די פּערזענלעכקייט פון י. נ. שטיינבערג, אין ליכט פון זיין שטאַרקן גלויבן אין סאָציאַליזם און זיין אומקאָמפּראָמיסיקן קאַמף פאַר די אידעען און שטרעבונגען צו אַ וועלט פון גלייכהייט און פרייהייט, גליק און ווילזיין.

י. נ. שטיינבערגס סאָציאַליזם דרינגט אַרויס פון די סאַמע ריינסטע קוואַלן פון מענטשלעכן שעפערישן גייסט. עס שטאַמט פון עטישע, מאָראַלישע אוניווערסאַל־מענטשלעכע פּרינציפּן און געפילן. שטיינבערג באַווייזט זיך ווי דער מחבר פון די טיף־געדאַנקלעכע, אַנאַליטישע עסייען און אַרטיקלען, וואָס זענען, אַגב, געשריבן אין אַ גלענצנדיקן סטיל און ריינער פאָרעם. אָבער אַ טעאָרעטיקער פון אַ סאָציאַליסטישן וועלטבאַנעם, ווי י. נ. שטיינבערג איז, מוז אַוודאי אויך זיין דער פּראַקטישער קעמפער פאַר דורכזעצן עס אין לעבן, זיין דער פאָנענטרעגער פון זיינע אידעען. דעריבער פאַרפאָלגן מיר טאַקע מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, שריט ביי שריט, אַלע אַנטוויקלונג־פאַזעס, און דעם קורצן און שווערן אויסזיכטלאָזן געראַנגל זיינעם, אַלס יוסטיץ פאָלקס־קאָמיסאַר, קעגן פּאָליטישן טעראָר, אין דער ערשטער סאָציאַליסטישער קאָאַליציע־רעגירונג, פון לענין, נאָך דער רוסישער גרויסער רעוואָלוציע, אין 1917.

אַ סאָציאַליסטישע וועלט דאַרף, לויט שטיינבערג, דעם מענטשן דערהייבן, פאַרשענערן זיין לעבן, פאַראיידלען זיינע געפילן און דער יחיד טאָר ניט זיין דער בלוטיקער אייל אויף די רעדער פון גרויסע היסטאָרישע רעוואָלוציעס. דער מענטש, אַלס אַזאַ, דאַרף רעספּעקטירט און געשעצט ווערן. ער שרייבט מיט באַדויערן, אין פאָרוואָרט פון זיין יידישן בוך: „ווי נידעריק איז הייַנט צוטאָג געפאַלן דער באַגריף און די חשיבות פון יחיד״. סאָציאַליזם, ביי שטיינ־

בערגן, באַשרענקט זיך ניט בלויז אויף מאַטעריעלע דערגרייכונגען און פּראַקטישע דעראָבערונגען, נייערט ס׳דאַרף זיין אַ העכערע גייסטיקע ספערע פאַר דעם אַזוי נידעריק געפאַלענעם מענטש.

י. נ. שטיינבערג גלייבט אין סאָציאַליזם מיטן פּאַטאָס פון אַ נבֿיא, און ווי אַ קעמפערישע נאַטור שעפּט ער באַגייסטערונג און קרעפטן פון זיינע אינערלעכע ווערטן. די אַ לערע האָט אינספּירירט און דינאַמיזירט זיין קאַמפּסמוט און אויסדויער פאַר צענדליגער יאָרן מיפולער אַרבעט אויפן פעלד פון סאָציאַליזם. טראָץ די פינצטערע רעזשימען פון דיקטאַטור און אַנטמענטשונג, אונטערדריקונג און רציחה, פון איין זייט, און די אַפּאַטיע אין אַלגעמיין סאָציאַליסטישן לאַגער פאַר די לעצטע יאָרן, פון דער צווייטער זייט, — טוט ער ביז היינט זיין סאָציאַליסטישע עבֿודה בלבֿ שלם, מיט ענטוזיאַזם און גלויבן אין לעצטן ענדגילטיקן זיג פאַר אַ נייער ערע פון שלום און אויפשטייג פאַר אַלע פעלקער אויף אונדזער ערדקיילעך.

י. נ. שטיינבערג איז אַן עכטער דעמאָקראַט מיט זיינע אַלע רמח אבֿרים, אַ מאַן פון אינטעלעקט וואָס איז אויסגעקאָכט אין די לערעס און געשיכטעס פון סאָציאַליסטישן און ייִדישן וויסן. ער האָט זיך זיין וועג און זיין ריכטונג אויף דער סאָציאַליסטישער, ווי אויף דער ייִדישער גאַס. און כאָטש איןביידע מחנות האָט זיין מיינונג אַ גאָר קליינע מינדערהייט, שרעקט אים דאָס ניט אָפּ און שוואַכט ניט אָפּ זיינע הענט.

די דאָזיקע שורות זענען געשריבן ניט צוליב באַיאָען אָדער פאַרניינען די־אָדער אַנדערע מיינונגען פון מחבר, מיט וועלכע מען מוז ניט דווקא מסכּים זיין. נאָכפאָלגנדיק אָבער זיין גאַנצע אויסגעהאַלטענע ליניע, ווילט זיך ניט מער ווי באַשטעטיקן נאָך אַמאָל, אַז זיינע אמתן זענען דעם מחבר געבליבן טייער און פאַר אים אומצעברעכיק און אומבאַשעדיקט, אין די קריטעריעס פון אַלערלייצייט־וואַנדלונגען.

פאַרטיפנדיק זיך אין די ביכער, פילט מען דעם הייסן שעפערישן אָטעם פון י. נ. שטיינבערג, אין זיין קוזניע פון רעוואָלוציע, ווו זיי זענען געשמידט געוואָרן. זייער גרונטבאַזע איז טיפער, אומדערשיטערטער אינערלעך נשמהדיקער גלויבן אין די וויטאַלע ווערטן פון די העכערע אַלמענטשלעכע און פאָלקיש־נאַציאָנאַלע אימפּעראַטיוון.

אַפריקאַנער אידישע צייטונג, יאַנואַר 1955.

# I. שלום־עליכם דער פֿאָלקסשרײַבער

צו זײַן 100סטן געבוירן־יאָר

## א

שלום־עליכם איז געווען דער וווּנדערלעכסטער אויפֿבליִץ אין דעם חושך פֿון ייִדישן לעבן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער איז גלײַך אַרײַן אין דער יונגער, נאָך קוים־שפּראָצנדיקער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער ברייטקייט און זיכערקייט פֿון אַ בעל־הבית און פֿאַרבליבן ביז אויף הײַנטיקן טאָג אַן אוניקום, אַן איינציקע גרויסע דערשײַנונג פֿון ליכט און געלעכטער. ער האָט מיט זײַן שמייכל געגלעט, מיט זײַן געלעכטער געהיילט די אָנגעווייטיקטע ייִדישע געמיטער. ער האָט געוווּסט, ווי ס'איז שווער צו זײַן אַ ייִד, אין יענע פֿינצטערע טעג פֿון פּאָגראָמען און תּחום־המושבֿ, און ער האָט זיך פֿירגענומען די שווערקייטן פֿון לעבן צו פֿאַרלײַכטערן מיט זײַן פֿאָטערלעך ברייטהאַרציקן שמייכל. ער אַליין האָט שוין דערפֿילט דעם אָטעם פֿון אַ נײַ־אָנגעקומענער צײַט. ווען די ווינטן פֿון אויפֿוואַך און עמאַנציפּאַציע אין ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן אַרום האָבן גענומען פֿריש און מונטער בלאָזן, האָט אויך פֿון זײַנע ווערק אַ פֿלייץ געטאָן מיט פֿריילעכס און הוליע קבצן.

שלום־עליכם האָט ניט געשטראָפֿט און ניט געמוסרט, ניט פֿאַרלאַנגט און ניט געמאָנט. ער איז נאָר געקומען אויסלייזן דאָס פֿאָלק פֿון קלעמעניש, פֿון ענגשאַפֿט, פֿון טרויער, מיט זײַן שפּאַס, מיט זײַן הומאָר. ער האָט מתקן געווען די עוולה פֿון אַ רישעותדיקער וועלט, וואָס האָט דעם ייִדן באַרויבט פֿון זײַן פֿרײַהייט און פֿון זײַן פֿרײַען געמיט. ער האָט געבראַכט הײַטערקייט און פֿרייד אין די פֿאַראומערטע געצעלטן פֿון אַ לעבעדיק פֿאָלק. און דאָס פֿאָלק האָט תּיכּף דערפֿילט, אַז שלום־עליכם איז אים נאָענט, אייגן, בלוט פֿון זײַן בלוט, אַ שטיק פֿון זײַן נשמה. איז שלום־עליכם געוואָרן דער עמך־־שרײַבער, דער פֿאָלקסשרײַבער בהא הידיעה, ווי ניט קיין אַנדערער פֿאַר אים און נאָך אים. ס'גאַנצע פֿאָלק האָט אים אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפֿט, מיט כּבֿוד און גדולה, אים אויף די הענט געטראָגן, ווײַל עס האָט מיט אַ נאַטירלעכן חוש דערפֿילט זײַן שרײַבער, וואָס שרײַבט „אידיש־דײַטש — פֿאַרן „פּראָסטן פֿאָלק”.

שלום־עליכם האָט אויך ליב געהאַט „דאָס פּראָסטע ערלעכע פֿאָלק”, זײַנע „פּראָסטע ייִדן”, וואָס האָבן „באַשײַנט זייער פֿאָלקסשרײַבער” בײַ זײַן לעבן. זיי, די דאָזיקע ייִדן, האָט ער באַזונגען אין זײַנע ווערק, מיט געלעכטער דורך טרערן. מיט רירנדיקע, גלעטנדיקע, ליריש צאַרטע טענער האָט ער געמאָלן

זיינע העלדן — די מנחם מענדלס, די טביהס, זייערע פאטערלעכע זארגן און רחמנות־געפילן צו זייערע קינדער, זייער הילפלאזיקייט און אויסגאנגסלאזיקייט.

שלום־עליכם האט געבראכט צום לעבן, אין זייער קינסטלערישן גילגול, די לייכטסטע און די פיינסטע וויבראציעס פון דער קינדערישער נשמה. ער איז געווען ניט נאר א מייסטער פון דער קינדער־מעשהלע, נאר טאקע אליין דער גרויסער טאטע־קינד, וואס האט דעם דינסטן הארץ־ציטער און זעלישן צאפל פון זיינע קליינע העלדן סובלימירט דורך זיין אייגענער נשמה און ווי אויף ווייכן וואקס עס ארויפגעדריקט, מיט קלאסישער עכטקייט, אויף זיינע ווערק. ניטא נאך איינער צו אים, וואס האט די פריידן און ליידן פון קינדער אזוי רעליעף אפגעשפיגלט. פון דאס מעסערל, דורך מאטל פייסי דעם חזנס, און צו לעצט זיין אייגענע קינדהייט־עפאפעע אין פונעם יאריד, איז אומעטום דאס קינד א צענטראלע פיגור. שלום־עליכם איז דער מייסטער־מאלער פון יידישן קינד און זיינע נשמה־־ראנגלעניש. זיינע דאזיקע ווערק זענען א ליטערארישער אוצר פארן לייענער, און קאנען דינען ווי פארשערישע שטודיעס פאר פסיכאָלאגן און וויסנשאפטלער. לויט דעם לאזט זיך רעסטאווּרירן א פול בילד פון א יידיש קינד מיט א 3־4 דורות צוריק. די דאזיקע קלאסישע קינדער־טיפן, אין זייער גאנצער אוממיטלבארער נאיווקייט און קינדישער צארטקייט, וועלן קיין מאל ניט פארוועלקן.

שלום־עליכם האט אין צעקלעמט־צעקלעטערטע יידישע הייזער זיך אריינגעריסן מיט א שטראם פון ווארעמקייט און מילדקייט. ער איז געווען קינדיש און יונג, פריילינגדיק, דופטיק־גלעטנדיק, ווי די זון איבער פארצאגטע, אויפטייענדיקע פעלדער. ער איז געווען גוטמוטיק, פריינדלעך, מענטשלעך־נאענט און יידישלעך־ברודעריש. ער האט געבראכט בטחון אין מארגן, און פריילעכקייט פאר דעם היינט. ער האט געלאכט, אבער ניט אויסגעלאכט, ער האט געשמייכלט, אבער ניט געשטאכן מיט חוזק. עס איז געוויס געווען, באוווסט צי אומבאווּסט, א מיסיע אין זיין ווערן „פארן פראסטן פאלק" — „א הומאריסט א שרייבער". ער האט ניט געהאט דאס הארץ, ווי א מענדעלע, מיט סאטירישן סארקאזם אויפצושטעכן א בלאטער אויפן יידישן גלות־גוף. מענדעלען אליין האט געוויס וויי געטאן זיין שיטן זאלץ אויף א ווּנד, ניט ווייניקער ווי יענעם יינגל, ביי וועמען די קינדער קראצן אויף א ווּנד מיט א פארזשאווערטן נאגל און שיטן דארט פעפער און זאלץ (פישקע דער קרומער), אבער שלום־עליכם האט געהאט זיין רעצעפט, דעם באלזאם פון לאכן, וואס דאקטוירים פארשרייבן עס צו געזונט... און עס איז זיכער געווען אין דעם לאכן מער תרופה פאר די ליידן, און פון א ריין דערציערישן שטאנדפונקט האט עס אויך געהאט א גרעסערן ווערט און א שטארקערע ווירקונג. האט שלום־עליכם, צוזאמען מיט זיינע לייענער, זיך געקאטשעט פאר געלעכטער איבער די משונהדיקע גענג, איבער די אייבפאלן און פאנטאזיעס פון זיינע העלדן.

## ב

שלום־עליכם לאָזט מנחם־מענדלען זיך אַליין באַשרײַבן, זיך פֿאָרשטעלן פֿאַר דעם לייענער. דער מחבר גופֿא איז פּלומרשט אַ זײַטיקער צוקוקער, אַ מיט־לאַכער מיטן עולם, בעת מענדעלע באַשרײַבט זײַנע העלדן — די זעלבע כּתרי־לעוועקער בבחינת קאַבצאַנסקער — מיט אַ גאַליקער פּעןָ, צו מאָל מיט אַ קרים מיט דער נאָז, ווי עס וואָלט אים ניט אָנשטיין דער יחוס פֿון זײַנע שלעפּערס. ער שילדערט זיי רעאַליסטיש, קריטיקירט זייערע ווילדע פּירעכצן, בעת שלום־עליכם גלעט עס אויס מיט זײַן גוטמוטיקן שפּאַס.

מענדעלעס אַלעגאָרישע קלאַטשע איז געוואָרן אַ שם־דבר און איר מוסר־השׂכּל האָט געזאָלט ברענגען, אין יענע צײַטן פֿון השׂכּלה־אויפֿקלערונג און ביל־דונג, צו אַ פֿאָלקס־רעוואָלוציע אין ייִדישן לעבן. מענדעלע האָט געהאַט די אַמביציע צו לערנען און רעפֿאָרמירן דאָס לעבן. ער איז געווען אומגעדולדיק, אָנגעברוגזט, און אומצופֿרידן מיטן פּאַמעלעכן גאַנג פֿון זײַן אייגענער קלאַטשע. אַ ביסל שפּעטער האָט שלום־עליכם געבראַכט זײַן „מתושלח” — אַ בידנע ייִדיש פֿערדל, ווי דעם רעפֿלעקס פֿון אַ לעבעדיק וועזן אויף דער פּאַן פֿון ייִדישן דלות. די „ביאָגראַפֿיע” פֿון מתושלח, אין אַלע זײַנע גילגולים, איז אַ פּאַראַלעלע צייכענונג צום לעבן פֿון זײַנע באַלעבאַטים אין קאַסרילעווקע, צי ערגעץ ווו אין דער ייִדישער אָרעמקייט. מתושלח איז ניט פּרעטענציעז, ער איז, אויב מען קאָן עס אַנאַלאָגיש פֿאַרגלײַכן, אין אַ געוויסן זין דאָס פֿערדל אין אַ באַנטשע שווײַגערישער מדרגה. עס איז נאָך הײַנט אַ העכסט־רירנדיקע פֿײַנע געשיכטע און וועט עס בלײַבן הונדערטער יאָרן שפּעטער. שלום־עליכם האָט פֿאַראייביקט דעם ייִדישן מענטש און די ייִדישע חיה, וואָס לעבן זײַט בײַ זײַט און זייער גורל פֿון ליידן איז דער זעלבער. זײַן ייִדיש פֿערדל איז דעריבער מער באַדויערלעך, ווי קאָמיש, ער דערוועקט מער מיטלייד, ווי שפּאַס, אין זײַן בליק איז פֿאַראַן טרויער און עס דאַכט זיך, אַז אָט וועט ער גאָר אָנהייבן ריידן אויף ייִדיש...

שלום־עליכם האָט געשאַפֿן קלאַסישע טיפּן און זיי אויסגעזונגען אין אַ פּילאי־פֿלאָימדיקער פֿאָלקסטימלעכער שפּראַך. ער האָט אין טביהס מויל אַרײַנ־געגעבן דאָס לשון פֿון באַטעמטער חנעוודיקייט. ער האָט די דינסטע ניואַנסן פֿון וואָרט געשעפּט פֿון די רייַנסטע קוואַלן פֿון פֿאָלק און עס פֿאַרפּוצט מיט זײַן אייגענער אָרנאַמענטיק, מיט המצאהלעך, פֿאַרדריידלטע פּסוקים, ווו עס זענען געבליבן פּרעזערווירט אַלע זיסקייטן און ביטערקייטן פֿון דער פֿאָלקסשפּראַך. ער האָט צעפּינקלט די יאָדערדיקע באַריידעוודיקע שפּראַך פֿון פֿאָלקסמענטש, און דער אַ מעדיום פֿון פֿאָלקס־לשון, באַשפּרינקלט מיט לשון־קודשדיקע פּסוקים־דימענטן, האָט אים געדינט ווי דער ליכטיקער חומר פֿון וועלכן ער האָט אויס־געמײַסטערט זײַנע גרויסע שאַפֿונגען. עס קאָן גאָר ניט געמאָלט זײַן אַ טביה אָן דעם לשון פֿון שלום־עליכם. די כאַראַקטערן און דאָס לשון זענען צונויפֿ־געשמאָלצן פֿון איין שטיק. דעריבער איז שלום־עליכם די אַנטפּלעקונג פֿון גע־

ניוס פֿון פֿאָלקס־כאַראַקטער, און לייענענדיק אַפֿילו נאָך הײַנט שלום־עליכמען איז עס, ווי זיך טובֿלען אין די נאָך פֿרישע און אייביק־קלאָרע קוואַלן פֿון פֿאָלק.

שלום־עליכם איז געשטאָרבן פֿאַרהעלטעניש־מעסיק יונג, אין קלימאַקס פֿון זײַנע בעסטע שאַפֿערישע יאָרן. ער איז אַוועק, איבערלאָזנדיק אַ פֿיל מיליאָניקן פֿאָלק פֿאַר וועמען ער האָט געשריבן זײַנע הערלעכע ווערק. דאָס געשפּענסט פֿון דער צײַט האָט אָבער מיט אַ בלוטיקער לאַפּע אָפּגעבראָכן דעם זאַפּטיקסטן צווײַג פֿון מיזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום. דאָס שלום־עליכם עמך־פֿאָלק לעבט ניט הײַנט מער, אָבער געבליבן לעבן איז דער שלום־עליכם שטאַמטיפּ, דער קלאַסישער כאַראַקטער פֿון פֿאַרצרהטן הוליע־קבצן, ווײַל דער מײַסטער האָט זײַנע טבֿיהס, מנחם־מענדלס, פּיניעס, מאָטלס א״אַ אויסגעקנאָטן פֿון פֿאָלקישן נוסח־נצח.

די צײַט האָט ניט געהאַט קיין שליטה אויף קאַליע צו מאַכן די ווערק פֿון שלום־עליכמען. אומגעקערט גאָר: עס איז די ברכה פֿון דער צײַט־דיסטאַנץ, וואָס האָט צעשײַנט די שלום־עליכמשע פֿאָלקסהעלדן און הײַנט זעען זיי זיך אָן אין זייער גאַנצער אַרומנעמענדיקער פּראַכט, ווי די פֿאַרגעשטאַלטיקונג פֿון אַ בליענדיקער דינאַמישער עפּאָכע אין ייִדישן לעבן. שלום־עליכם, ווי זײַן גרויסער, ווײַטער קאָלעגע סערוואַנטעס, האָט פֿאַראייביקט דעם ייִדיש־מענטשלעכן פֿאַנטאַזיע־חלום און זײַן פֿלי אין די הימלען.

ג

שלום־עליכם האָט מיט זײַן קלוגן בליק זיך געשפּיגלט אין זײַן ייִדישער וועלט, ווי אין אַ יום־טובֿ, טראָץ דער וואָכעדיקייט פֿון אַרומיקן לעבן. ניט אומזיסט זענען בײַ אים פֿאַראַן אַזוי פֿיל געשיכטעס וועגן יום־טובֿ, איבער הויפּט וועגן פֿריילעכע יום־טובֿים, ווי פּסח, פּורים, חנוכּה א״אַ. דער יום־טובֿ איז געווען בײַ ייִדן דערהויבנקייט, פֿײַנערע און פֿריילעכערע שטימונגען. אויך די נאַטור בײַ שלום־עליכמען איז אָפֿט יום־טובֿדיק, רויק, אויפֿגעלייגט. טבֿיה האָט ליב זײַנע טעכטער סכּנות, אָבער ער האָט אויך ליב זײַן דאָרפֿישע אײַנגעזעסנקייט און די נאַטור אַרום. ער פֿאָרט דורכן שמעקעדיקן וואַלד און ברומט אונטער אַ שטיקל חזנות, כאַפּט אַרײַן אַ מינחה אין דעם בין־השמשות. און וואַלד פֿאַרפֿלעכט זיך בײַ אים מיט פֿאַנטאַזיע, מיט פֿאָלקסטימלעכע מעשׂהלעך וועגן שדים, רוחות און שרעטעלעך, וואָס וואַרפֿן עפּעס גאָר ניט אָן קיין מורא אין דער זומערדיקער נאַכט...

שלום־עליכם איז געווען דער מעין המתגבר פֿון הומאָר. זײַן הייכע פּראָדוקטיוויטעט האָט ניט געמינערט פֿון דער עכטקייט און טיפֿן אינהאַלט פֿון זײַן שאַפֿן. זײַן הומאָר האָט ער צונויפֿגעוועבט מיט די גאָלדענע פֿעדעם פֿון טראַגיזם און ראָמאַנטיק, וואָס רירט דעם לייענער מיט שטילן, דורכזיכטיק־לויטערן טרויער. מיט דין דערהויבענעם טראַגיזם איז פֿול זײַן טבֿיה, מאָטל פּייסי דעם

חזנס א״אָ. און ווער קאָן פֿאַרגעסן זײַן שיר־השירים, — די הערלעכע ליבע־פּאָעמע פֿאַר בוזין, די יונג פֿרילינגדיקע עכטע טענער פֿון ראָמאַנטישער בענק־שאַפֿט, — מוזיק אין יידיש, וואָס אירס גלײַכן איז שווער צו געפֿינען אַפֿילו אין דער וועלט־ליטעראַטור. טראַגיק און ראָמאַנטיק — די דאָזיקע צוויי נאַטירלעכע באַגלייטערס פֿון שלום־עליכמס הומאָר — האָבן זײַנע העלדן געמאַכט מענטש־לעך־וואַרעם, און זיי ניט פֿאַרוואַנדלט אין ביליקע קאַריקאַטורן, אין קיצלדיקע פֿאַרזעענישן. אין די גראָטעסקע שלום־עליכם טיפּן, אונטער דער צעפּלאַטערטער קאַפּאָטע פֿון אַ מנחם־מענדל, שלאָגט אַ מענטשלעך האַרץ. טבֿיה איז דער יידישסטער מוסטער פֿון אַ טאַטן, כּרחם אָבֿ על בנים, און אַזוי זענען זיי אַלע — שלום־עליכמס לאַכנדיקע געשטאַלטן.

שלום־עליכם איז דער ריז פֿון הומאָר אין דער יידישער ליטעראַטור. אַזאַ גרייס האָט ניט געקאָנט בלײַבן אומבאַמערקט און פֿאַרשוויגן פֿון דער אַרומי־קער וועלט. איז שלום־עליכם ניט נאָר דער פּאָפּולערסטער שרײַבער אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער גרויסער אַלגעמיינער וועלט איז ער ברייט באַקאַנט. זײַנע ווערק זענען אין צענדליגער שפּראַכן איבערגעזעצט.

שלום־עליכם האָט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון, ווי אַנדערע יידישע שרײַבערס פֿון זײַן דור, — מענדעלע, פּרץ א״אַ, — געמאַכט אין העברעיִש, און אויך אין רוסיש. זײַנע יידישע ווערק זענען אָבער, שפּעטער, איבערגע־זעצט געוואָרן אויף העברעיִש דורך זײַן אידעם, דעם באַקאַנטן העברעיִש־יידישן שרײַבער י. ד. בערקאָוויטש. די דאָזיקע איבערזעצונג איז פֿון דער קריי־טיק באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נײַע, קינסטלערישע איבערשאַפֿונג פֿון שלום־עליכמס ווערק. די אָ קינסטלערישע מדרגה האָט י. ד. בערקאָוויטש געקאָנט דערגרייכן אַ דאַנק דעם גײַסטיקן באַריר און קרובֿהשאַפֿט מיט שלום־עליכמען. אָבער שלום־עליכמס פֿאָלקסטימלעכן לשון מיט דער ספּעציפֿישער אידיאָ־מאַטיק און גלײַכווערטלעך איז גאָר שווער איבערצוגעבן אין אַלע אַנדערע פֿרעמדע לשונות, און אין איבערזעצונג פֿאַרלירן זיי אַ סך פֿון זייער אָריגינעלער באַטעמטקייט און ווערט.

הונדערטער יאָרן וועט נאָך דער גרויסער שלום־עליכם שײַנען און באַ־שײַנען זײַן יידישן פֿאָלק און דאָס יידישע לשון. דאַרף הײַנט זײַן פֿאַר יידן אַ גרויסער זכות, וואָס זיי קאָנען פֿאַרשטיין, לייענען אוןריידן די שפּראַך פֿון שלום־עליכם.

*

, שלום־עליכם איז געבוירן דעם 3טן מאַרץ, 1858, איז אין דער גאַנצער יידי־שער וועלט זײַן 100סטער געבוירן־יאָר פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי דאָס שלום־עליכם יאָר.

דרום־אַפֿריקע, מאַרץ, 1959.

# II. שלום־עליכם האָט געלעבט אין זײַן פֿאָלק

## צו זײַן 50סטער יאָרצײַט

שלום־עליכם האָט געלעבט און לעבט נאָך הײַנט אין די טיפֿענישן פֿון זײַן פֿאָלק, דאָס פֿאָלק וואָס האָט „געוואָרט" אויף זײַן שרײַבער־פּענאָמען דורך יאָר־הונדערטער. ער איז אַרויסגעוואַקסן פֿון צווישן דער פֿאָלק־געדיכטעניש מיט דער גאַנצער ירושה פֿון דורות אויף זײַנע ייִדישע פּלייצעס. ער איז געווען שטאַרק פֿאַרוואָרצלט אין דער גײַסטיק רעליגיעזער און פּסיכיש פֿאָלקישער אײגנאַרטיקייט פֿון ייִדישן לעבן, וואָס האָט פֿאָרמירט אַ באַזונדער, אַנדערשדיק ייִדיש וועלטל אין דער גוייִשער וועלט פֿון אַרום. אויך פֿאַר שלום־עליכמען איז די פֿרעמדע וועלט געווען אַן אַנדערש ריידנדיקע, אַן אַנדערש טראַכטנדיקע און אַן אַנדערש טוענדיקע. דער קאָנטאַקט מיט איר איז געווען אַ גשמיותדיקער, אַ וואָכיקער — דורך מאַרק און קרעמל, דורך פֿויער און סטראַזשניק, דורך פּריסטאַוו און שבת־גוי, אין שטעטל. דאָס איז געווען די וועלט מחוץ ייִדן, זייער אויסערלעכע וועלט, וואָס האָט געגעבן קיום פֿאַר דעם גוף: די וועלט פֿון ייִדן בין הגויים — אַ קרײַז אין אַ קרײַז, ווי די וועלט פֿון דרויסן.

די ייִדישע וועלט איז אָבער געווען אין ייִד גופֿא, אין זײַן נשמה: אין זײַן יום־טובֿ און מינהגים, אין זײַן לשון און ספֿרים (לשון־קודש און ייִדיש), אין תּהילים (אויב אָפֿילו ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען דאָס געזאָגטע), אין חדר און בית־מדרש. און די דאָזיקע ייִדן — די ייִדן פֿון דער וואָכיקייט און די ייִדן פֿון יום־טובֿדיקייט — האָט שלום־עליכם דערזען און דערפֿילט, און פֿון דעם מאַטעריאַל, מיט זײַנע שאַפֿערישע וווּנדער־מיטלען, אויסגעקנאָטן מענטשן, דינאַמישע און פֿולבלוטיקע.

די דאָזיקע ייִדישע מענטשן זענען דאָס פֿאָלק פֿון שלום־עליכם. ער האָט זיי געקענט אויסגעזונדן. ער אַליין האָט געוואָרצלט אין די געזונטע פֿלאַסטן פֿון פֿאָלקישן לעבן. ער האָט מיט פֿולע הויפֿנס געשעפּט פֿון די פֿאָלקסטימלעכע קוואַלן און זיך געקוויקט מיט אַלץ וואָס איז ייִדיש. און דערפֿאַר איז ער געוואָרן דאָס וואָס ער איז געוואָרן — אַ פֿאָלקסשרײַבער. אין דעם באַהעפֿט פֿון די צוויי פּשוטע און גרויסע ווערטער איז פֿאַרוויקלט די שטאַלצע גדולה פֿון זײַן ייִדיש פֿאָלק און די שרײַבערישע גבֿורה פֿון אים אַליין — שלום־עליכמען.

מיט זײַן פֿאָלק בלײַבט יעדער גרויסער קינסטלער אײביק. דאָס איז דער צענטער, דער גרונט פֿון וועלכן ער און זײַן כּוח וואַקסן, און פֿון דעם פֿאָלקישן

פּונקט שפּרייט ער זיך אויס, אויב ער האָט אוניווערסאַל־שאַפעריש כּוח, איבער אַנדערע פעלקער, איבער די אַרומיקע קולטורן. שלום עליכם, דער גרויסער מײַסטער פון ייִדיש פאָלקסטימלעכן הומאָר, האָט פון דער ספּערע אַרויסאַנט־פּלעקט אַ ייִדיש חנעוודיקע וועלט פון האַרציקן געלעכטער ניט נאָר פאַר ייִדן אַליין, הגם ער בלײַבט אַ ייִדישע דערשײַנונג פאַר אַלע צײַטן.

50 יאָר נאָך זײַן טויט האָבן זײַנע ייִדישע געשטאַלטן זיך באַוויזן אויף דער וועלט־אַרענע, ווי דערהויבענע קלאַסישע מוסטערן. טבֿיה שטייט אײַנגעפּעס־טיקט אין ייִדישן לעבן, זײַן גאַנצע פּסוקימדיק־פאָלקסטימלעכע פילאָסאָפיע איז פאַרוועבט מיט דעם עלעמענטאַרן ייִדישן בטחון און גלויבן אין מענטש. דאָס איז אָבער דער שטאַרקער עסענץ פון מענטשלעכע בענקשאַפטן און לײַדנשאַפטן. אַזעלכע זענען אַלע זײַנע כאַראַקטערן — און מיט דעם האָט זיי דער גרויסער הומאָריסט אַרויסגעהויבן ווײַט איבער דעם ענגען האָריזאָנט פון ייִדישער טע־מאַטיק. זײַן געלעכטער און טרער האָט אַ הילך און אַ בליאַסק געטאָן פון זײַנע איבערגעזעצטע ווערק אין פאַרשיידענע שפּראַכן, און זײַנע פאַרשווינען — פאַר־גאַסענע מיט ליכט — זענען אַרויסגעקומען אויף די וועלטבינעס.

די שלום־עליכם־שרשים זויגן פון די גרונטן פון אײגנס — פאָלק און לשון. דאָ שײַנט העלער די פאַרביקייט פון זײַן וואָרטשפּיל, דאָ דערזעען מיר בולטער זײַן קינדיש־שטיפערישע מאָלערישקייט, די ליבשאַפט פאַר זײַנע ייִדן, זײַן גוט־האַרציקע מענטשלעכע נאַטור. עס איז דער הומאָר, וואָס גלעט מילד, ווי די האַנט פון אַ פאָטער, דער טבֿיה, וואָס רירט אונדז ביז טרערן, מיט זײַן טאַטישן ציטער פאַר דער ווידערשפּעניקער טאָכטער. שלום־עליכם איז דאָס וואַרעמע ליכט פון אַ געלעכטער. ער בריט ניט און ברענט ניט. זײַן געלעכטער היילט, שטעקט אַפילו אָן מיט נחמה. אפשר איז ער דערפאַר, אין אַנדערע שטעלן, אַזוי ליריש־ציטעריק, און פינקלט מיט לויטערקייט, ווי אַ שטראַל אין אַ טרער. דאָס איז די סגולה, וואָס האָט פאַרהיט די פרישקייט פון זײַנע ווערק. ער האָט געשאַפן אין דער רענעסאַנס־תּקופה פון מיזרח אייראָפּעיִשן ייִדנטום, ווען דאָס פאָלק און זײַן שפּראַך האָבן געבליט מיט האָפענונג און צוזאָג.

שלום־עליכם איז אַוועק יונג פון דער וועלט — 1916 — צו 57 יאָר, און 25 יאָר שפּעטער זענען זײַנע טבֿיהס און מנחם־מענדלס געפלויגן מיט פלאַמיקע פּאַלעס דורך די קוימענס פון די אוישוויצעס און סאָביבאָרס. זייערע ליכטיקע און הערלעכע געשטאַלטן האָט ער אָבער פאַרקריצט אויף אייביק אין די זוניקע שלום־עליכם־בלעטער, וווּ זיי וועלן לעבן צוזאַמען מיט זייער מײַסטער.

דרום־אַפריקע, עדיטאָריאַל, 1966.

• שלום־עליכם אין אונדזערע טעג: דרום־אַפריקע, מײַ־יוני, 1966.

# אַ מאָנומענטאַלע אַרבעט וועגן לובלין

נ. שמן: לובלין — שטאָט פון תורה, רבנות און חסידות. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג: גרשון פּאַמער־ראַנץ עסיי ביבליאָטעק. טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1951. 541 זז׳.

## א

אַז מיר נעמען היינט אַ יידיש בוך אין האַנט, וואָס טראָגט דעם טיטל פון אַ מיט רויך און פלאַם אומגעקומענער קהילה, זענען מיר כמעט ווי זיכער צו געפינען אין דעם אַ באַשרייבונג פון חורבן. לעבן געבליבענע עדות, מיט מער אָדער ווייניקער טאַלאַנט, האָבן אין די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע ווערק וועגן זייערע היימען און לענדער. אָבער דאָס דאָזיקע בוך וועגן לובלין האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער חורבן־ליטעראַטור: זיין מחבר איז אַ יונגער מענטש מיט אַ שרייבערישן סטאַזש פון פיר ביכער, און ס׳איז אַ גרויסע זעלטנקייט צו זען אַזאַ בוך געווידמעט דעם רבין, און ניט משפחה און קרובים.

ניט געקוקט אויף די פּרעמדווערטער, וויסנשאַפטלעכע טערמינען און אינטעלעקטועל־וועלטלעכע פאָרמולירונגען, איז דאָס דאָזיקע ווערק מער ספר ווי בוך. ס׳איז אָנגעפּראָפּט מיטן תורה־גייסט פון דער יידישער לובלין און אירע פּערזענלעכקייטן, פאַר אַ האַלבן יאָרטויזנט. ס׳איז אַ גוואַלדיקע אַרבעט געשריבן מיט ערודיציע און מיט וויסן. גענוג אַריינצובליקן אין די הערות, וואָס קומען נאָך די קלענערע אָפּשניטן פון די אַלגעמיינע קאַפּיטלען, כדי זיך צו איבערצייגן אין דער שפע פון מקורים, וואָס דער מחבר גיט אָן. מייסטנס איז עס אין שייכות מיט ספרים פון גרויסע רבנים און גאונים, רביים און מקובלים, וואָס האָבן געווירקט גאַנץ אָדער טיילווייז אין לובלין. לויט דעם קוואַלן־אינדעקס קריגט מען אַ השגה פון פאַרמעסט פון ספר, הגם עטלעכע מאָל איז דער מחבר זיך מתנצל, אַז זיין אַרבעט איז ניט קיין גרינטלעכע און אויסשעפּנדיקע. אמת, ס׳ווערט באַלויכטן בלויז איין זייט פון יידישן לעבן און זיינע פּערזענלעכקייטן, אָבער דווקא אויף דעם געביט מערקט זיך די גרויסע בקיאות פון שרייבער. און כאָטש טייל קאַפּיטלען זענען מיט קורצע סכעמאַטישע שטריכן געצייכנט, באַקומט דער לייענער אַ היקפּדיק בילד פון גייסטיקן גאַנג, שעפערישקייט און אויפשטייג פון לובלינער קהילה — ירושלים ד׳פוילן.

נ. שמן מאָלט כמעט ניט דעם לעבנ־שטייגער, און די ווירטשאַפטלעך־

מאַטעריעלע און סאָציאַלע לאַגע און פאַרהעלטעניש פון „לובלין פון ווײַטן נעכטן״. די הומרדיקע לובלין איז ניט בנימצא, ווײַל דער אויטאָר האָט זיך געשטעלט אַלס „ציל צו שילדערן בעיקר לובלין של מעלה, לובלין אַלס מוסטער־קהילה, ווי אַ גײַסטיקער און רעליגיעזער צענטער״. טאַקע בראָש הספר, אין אָנהייב פון ערשטן קאַפּיטל ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די אַרבעט האָט ניט גענומען אַלס יסוד די דערקענטעניש פון סאָציאַלע גורמים אין דער געשיכטע־פילאָסאָפיע, נאָר די „גענ־אַליטעט פון דער יידישער פערזענלעכקייט מיט די גײַסטיקע פירער פונעם פאָלק, וועלכע טראָגן אויף זיך מאָראַלישע, עטישע אויסדערוויילטקייט״.

ברייט און אַלזײַטיק ווערט באַלויכטן דער שטייגער פון לערנען אין די באַרימטע לובלינער ישיבֿות — דער מתנגדיש־רבנישער נוסח פון פילפול; דער אופן פון תורה זאָגן בײַ פאַרשיידענע חסידישע רביים, זייערע מידות און השפעה אויף די מאַסן אָנהענגערס; די וועגן פון די דעמאָלטיקע חכמי־ישׂראל און זייער טיפן וויסן אין ניגלה און ניסתר. מיר באַקענען זיך אַזוי אַרום מיט דער גאַנצער פלעיאַדע רבנים און רביים, וואָס האָבן באַאײַנפלוסט און געהאַלטן אין כּסדרדיקן באַוועגן די דאָ־יקע פענאָמענאַלע גײַסטיקע יידישע וועלט.

דער טרוקן־אַקאַדעמישער סטיל ווערט באַזאַפטיקט דאָ און דאָרט מיט כאַראַקטעריסטישע פּאַסירונגען און פאָלקס־לעגענדעס וועגן און פון די דאָזיקע גדולים. דאָס מאַכט אַ ביסל היימישער, אַפילו אינטימער, דאָס פונאַנדערוויקלען דעם יִחוס פון די אַזוי קאָמפּליצירטע רבנישע משפּחות, מיט זין, איידעמס און טעכטער, און די חסידישע הייף מיט זייערע דינאַסטיעס. די ברייטע גײַסטיקע פעלדער פון דער יידישער לובלין האָבן געטראָגן אַן אומגעהײַערע גערעטעניש פון שעפערישן געדאַנק, און דער רעזולטאַט: אוצרות פון ספרים און חיבורים אויף אַלע געביטן פון יידיש־רעליגיעזן וויסן — די ריזיק־פונאַנדערגעצווײַגטע רבנות־ליטעראַטור פון פירושים, שו״ת אין הלכה און פוסקים און דרכי־המוסר.

נאַטירלעך, שטויסן מיר זיך אָן אויף עליות און ירידות אין דער דאָזיקער וועלט פון תורה און קדושה. אָבער דור נאָך דור, אַ ביסל שטאַרקער צי שוואַכער, ציט אָן איבעררײַס דעם עול פון יראת־שמים, ביז — דעם שוואַרצן סעפּטעמבער 1939.

## ב

פאַראַן אין בוך גענוג הינטערגרונט, די פאָן אויף וועלכער דאָס יידישע לעבן בכּלל, און פון לובלין בפרט, ווערט געשפּינט. היסטאָרישע אַלגעמיינע דאַטעס פון פוילן און פון אַלט־לובלין; געשעענישן פון וויכטיקן באַטײַט אין לעבן פון פאָלק, וואָס האָבן זיך, דירעקט אָדער אומדירעקט, פאַטאַל אויסגעווירקט אויך אויף דער יידישער עדה אין לובלין: גזירות ת״ח ות״ט; שבתי צבֿי־באַוועגונג א״אַ. וועד אַרבע אַרצות, וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען בעתן „יריד

לובלין" — ווו ס'פלעגן זיך טרעפן די גרעסטע רבנים, חכמים און לומדים פון דער יידישער וועלט, כדי מתקן צו זיין תקנות אין וויכטיקע ענינים. אַגבֿ, דורכן „וועד" איז אין לובלין, אין יאָר 1670, אויסגערופן געוואָרן דער חרם אויף שבתי צבֿי.

באַריכות שטעלט זיך דער מחבר אָפּ אויף די לעצטע זעקס רבנים פון לובלין. נאָך דעם קומט דער סכאָלאַסטישער און קבלהשער אויפשטייג. דער דאָזיקער עפּאָכע און די באַגרינדער פון זייערע לערעס ווידמעט דער מחבר פיל אָרט. ס'דאַכט זיך צו מאָל ווי דער פֿאָדעם מיט לובלין וואָלט דאָ פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן, אָבער ס'איז די טיר דורך וועלכער מיר קומען אַריין צו איינעם פון די שענסטע און גרעסטע פּערזענלעכקייטן — אַן עמוד־התווך פון דער חסידישער באַוועגונג צו יענער צייט: דער לובלינער „חוזה", ר' יעקבֿ הורוויץ. דער „חוזה", פון וועמען עס האָבן זיך פונאַנדערגעבליט עטלעכע חסידישע דינאַסטיעס, ווערט גאָר ברייט אַרומגערעדט: „דער לובלינער הויף איז געוואָרן דער בית היוצר פאַר דער נשמה פון חסידיזם".

חוץ דער קלאָרער טענדענץ פון ספר, לאָזט אָבער נ. שמן ניט דורך די השכלה־פּאַזע אין לובלין. מיר לייענען, אַז לובלין איז שוין באַרימט אין 16טן י"ה מיט אירע גרויסע יידישע געלערנטע און מעדיקער. די השכלה און אירע וואָרטזאָגערס, האָבן, לויטן מחבר, מיט קליינע אויסנאַמען, באַקעמפט און אויסגעלאַכט אומבאַרעכטיקט דעם חסידיזם און צדיקיזם.

## ג

לובלין איז רייך אין היסטאָרישע, יידישע דענקמעלער: אַ 400 יאָריקער בית־עולם, מיט אַלטע מצבֿות אויף די קבֿרים פון אירע רבנים און מפֿורסמים, די מהרש"ל שול א"אַ. אַגבֿ, מיט קנאַפּע הונדערט יאָר נאָך גוטענבערגס דערפינדונג פון דרוק, האָט דער ייד יוסף, אין 1547, געגרינדעט די ערשטע יידישע דרוקעריי אין לובלין. פאַרן אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה האָט לובלין פאַרמאָגט צוויי יידישע גימנאַזיעס, די גרויסע ישיבֿה א"נ ישיבֿת חכמי לובלין, מיט 300 תלמידים, תלמוד־תורות, פיל צענדלינגער שולן, בתי־מדרשים; אויך אַ טעגלעכע צייטונג „לובלינער טאָגעבלאַט", אַ סך געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס מיט אַ רייך־גייסטיקן יידישן לעבן.

אַגבֿ, צי אין ניי־לובלין זענען געווען „די גאַסן באַוואָקסן מיט פּאַלמען", ווי דער מחבר וויל האָבן, איז אפשר אַ מאָל אַ טעות, ווייל ווי ווייט מיר איז באַקאַנט זענען פּאַלמען אַ טראָפּישער פלאַנץ.

נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט לובלין געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין „אַנגעקינדיקטן" פון די נאַציס — יידן־רעזערוואַט פאַר קאָנגרעס־פּוילן, די אַ"ג גענעראַל־גובערניע פון גרויס־

דײַטשלאַנד. פון לובלינער זאַמלפּונקט פלעגן פאַרקומען מאַסן־אױסזידלונגען צו פאַרשײדענע טויט־לאַגערן.

אין בוך זענען פאַראַן אַ סך פאָטאָגראַפיעס פון דער שטאָט, לובלין, שולן, מצבֿות, רבנים און רביים; אויך פאָטאָסטאַטן פון אַנטיקע שער־בלעטער און ספרים־טעקסטן, מאַפּעס, צײַטונגען א״אַ; ס׳זענען פאַראַן, אַפילו, לשם אילוס־טראַציע, לידער־פראַגמענטן פון מאָדערנע יידישע פּאָעטן.

מיט דעם ערשטן טייל, וואָס הייסט לובלין (226 זז׳), איז אויסגעשעפּט דער אַלגעמיינער אינהאַלט: די גײַסטיקע לובלין, גרויסע רבנים, חסידישע רביים, משׂכּילים א״אַ פערזענלעכקייטן, אויך תּורה־צענטערס: ישיבֿות, שולן א״אַ. אין צווייטן טייל זענען פאַראַן די מאָנאָגראַפיעס און שטודיעס וועגן די אַדירי־התּורה, זייער לעבן און ווירקן אין לובלין, און ער הייסט: די עפּאָכע פון פּלפּול און הלכה. ער דערציילט וועגן באַגרינדער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון פּילפּול לערנען, ר׳ יעקבֿ פּאָלאַק; ר׳ שלמה לוריא, דער מהרש״ל, און מהר״ם מלובלין (ביז זײַט 399). דער דריטער טייל — דרײַ רביים — ר׳ ליבלי איזר; ר׳ צדוק הכּהן פון לובלין, און דער „שבֿט מיהודה״ — ר׳ אַברהמלע איגר.

דאָס ספר איז אַ ווערטפול ווערק וועגן גײַסטיק־רעליגעזן לעבן און די מנ־היגים רוחניים פון אַ עיר ואם בישׂראל, און אַ לעבן, וואָס איז אַזוי גרויליק און לעולם־וועד פאַרשניטן געוואָרן.

אַפריקאַנער אידישע צײַטונג, 31 אָקטאָבער, 1952.

# זלמן שניאור אין ביידע שפּראַכן

צו זײַן טויט: 20טן פעברואַר 1959

## א

זלמן שניאור האָט, בײַם אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, אַרײַנגעשטורעמט אין דער העברעיִשער פּאָעזיע מיט דער עלעמענטאַרער קראַפט פון אַ ווולקאַן, וואָס ברעכט זיך דורך אַ וועג צו דער פרײַ. ער האָט זיך תּיכּף גענומען צו רײַסן קייטן און צעשמעטערן צוימען אין זיך און אַרום זיך. די אַלטע וועלט איז אים געווען צו ענג, די השׂכּלה און איר אויסגעהוילטע מליצה האָט אים ניט געקאָנט באַפרידיקן, און ער האָט רעוואָלוציאָניזירט די דעמאָלטיקע העברעיִשע פּאָעזיע מיט נײַע באַגריפן. אין יענע גײַסטיקע באַדינגונגען און לעבנס־שטייגער איז ער געווען אַ מערקווערדיקע דערשײַנונג, וואָס האָט גלײַך קאָנצענטרירט אויף זיך — און שוין פאַר זײַן גאַנצן לעבן — דעם אויפמערק, הן פון די לייענערס והן פון די קריטיקערס.

שניאור האָט זיך ניט נאָר אָנגעהערט מיט זײַנע נײַע טענער, ווי אַ פּאָעט, נאָר ער האָט זיך אויך, צו דער זעלבער צײַט, אָנגעטאָן מיט זײַן הייך און שטאָלץ, מיט זײַן יוגנט, כּוח און ברויזיקן טעמפּעראַמענט, מיט זײַן גבֿורה און מוט — עפּעס גאָר ניט לויטן יידישן שניט. די דאָזיקע אַטריבוטן האָבן באַקומען לשון אין זײַן דיכטונג. ער האָט סינטעזירט גוף און נשמה אין זײַן געזאַנג. ער איז געווען אַ נײַער, ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטער פּענאָמען אין דער העברעיִשער פּאָעזיע און אין יידישן לעבן — און ווי אַזאַ איז ער אַרײַן לפני־ולפנים פון דעם היכל־השירה. ער האָט צעשאָקלט די פאַרגרונטפעסטיקטע אַלטע פאָרמען און אַרײַנגעבראַכט נײַעם נוסח און נײַעם אינהאַלט. ער האָט, ווי אַ יונגער לייב, אַ טרייסל געטאָן מיט זײַן פעך־שוואַרצע טשופּרינע און אויסגעפּײַערט פון זײַן האַרצן די צאַפּלדיקסטע, די שוימיקסטע און צאַרטסטע באַגערן — פונקען פון ליבע און פלאַם פון תּאווה, געפילן פון גאווה און מענערישער גבֿורה; אויך בענקשאַפט־ און איינזאַמקייט־טענער האָבן ניט געפעלט בײַ אים, אָבער אָן סימנים פון שוואַכקייט און רעזיגנאַציע. עס האָט געשפּאַרט פון אים מיט נאַטור, מיט רויער קראַפט, מיט כאַאָס, וואָס האָבן מיט זייער ווילדער אומגעצוימטקייט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זײַן ליד איז געווען ספּאָנטאַן, דירעקט, עכט און אורקרעפטיק, אָנגעלאָגלט מיטן נצח פון אוניווערס.

זלמן שניאור האָט פון זײַנע סאַמע ערשטע טריט געפילט זיכערן באָדן אונטער די פיס. ער האָט געבליצט מיט טאַלאַנט און איז באַוווּנדערט געוואָרן.

ער האָט זיך געריסן צום אָלימפּ, ווי אַ יונגער גאָט. זײַנע סופּערלאַטיוון, הגם געגומען פון אַלטן רעקוויזיט, ווי בת־מלכּהס, פּרינצן וכדומה, האָט ער אַרײַנ־געהאַמערט אין זײַן נײַעם פּערז מיט מעטאַלישער קראַפט. אַזוי האָט טאַקע זײַן ליד געקלונגען — פון אַ פּולער ברוסט, אָנגעזאַפּט מיט לוסט און שטורעם, מיטן פּרימיטיוו פון דער נאַטור. ער האָט וווּנדערלעך באַזונגען די צאַרטע יונג־פרויִישקייט פון דער שניי־מלכּה, די גבֿורה פון געקאָוועטן פּראָסט, די שיינקייט פון באַרג און די פּראַכט פון פרילינג אין טאָל. ער האָט געזונגען פרײַ.

שניאור איז גיך געוואָרן דער ליבלינג פון אויפוואַקסנדיקן יונגן דור, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף העברעיִש. ער האָט געבראַכט מיט זיך הייסן יוגנט־לעכן אָטעם, וואָס האָט אימפּאָנירט דעם יונגן מענטשן מיט זײַן נאַטירלעכקייט. אַנשטאָט דעם פאַרוועלקטן ריח פון אָפּגעריבענע מליצות, האָט ער געבראַכט פרישקייט און זוניקע פאַרבן. ער איז שנעל זיך צעוואַקסן, זײַן פּאָעטישע קראַפט איז רייפער געוואָרן, זײַנע פליגל זענען ברייט און קרעפטיק געוואָרן, און ער האָט באַלד דערגרייכט אַזאַ הייך, אַז זײַן נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן אין איין אָטעם מיט ח. נ. ביאַליק און ש. טשערניכאָווסקי; ער איז דער ייִנגסטער, און מיט זײַן טויט איז איצט אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער שטערן פון דעם דאָזיקן דרײַעק.

זלמן שניאור האָט אין דער זעלבער צײַט אויך געשריבן לידער אויף ייִדיש. ער האָט עס געטאָן זעלטענער און, קענטיק, מיט ווייניקער איפערדיקייט, ווײַל זײַנע ייִדישע לידער פאַרמאָגן ניט דעם קרעפטיקן סטיל, דעם ברייטן אָטעם און דעם פרײַ באַוועגלעכן ריטעם ווי זײַנע העברעיִשע לידער. אַנטקעגן די צעשוימטע עמאָציעס אין זײַן העברעיִשער פּאָעזיע, באַקומט זיך די ייִדישע בלאַסער און מיט ווייניקער דיכטערישן בלוט, ווי זײַן סטיכישע קראַפט וואָלט דאָ פאַרזאָגט. אין זײַנע ערשטע לידער וויברירט אַ ראָמאַנטישע פאָלקסטימלעכע סטרונע, ווי „מאַרגאַריטקעס", וואָס האָט אין אַ קורצער צײַט באַוויזן צו ווערן אַ פאָלקסליד. אָבער דער דאָזיקער דיכטערישער מאַנגל איז שפּעטער קאָמ־פּענסירט געוואָרן, אויף אַן אַנדער געביט, אויך אין ייִדיש. קענטיק אַז טיף אין דער נשמה פון פּאָעט איז שוין געווען אײַנגעשפּאַנט די פּאָטענציעלע קראַפט פאַר זײַן שאַפערישן תּיקון אין דער ייִדישער שפּראַך. עטלעכע יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען זאַט מיט אָנערקענונג און כּבֿוד אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, איז געקומען זײַן התגלות אין ייִדיש. און ער האָט מיט זײַן קינסטלערישן בעלעטריסטישן דעביוט איבערראַשט, ניט ווייניקער ווי אין זײַנע פריִערדיקע יאָרן, אין העברעיִש.

## ב

זלמן שניאור איז אויף ייִדיש לשון געקומען מיט אַן אַנדער זשאַנער ווי אין העברעיִש. ער האָט זיך גלײַך צעלייגט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין זײַן גאַנצער ברייט, מיט די פּראַכטיקע שילדערונגען פון שקלאָווער אידן און מיט

זײַן גבֿורה־עפּאָס נוח פּאַנדרע, וואָס האָבן תּיכּף באַוויזן, אַז מען האָט דאָ אַ גוואַל־דיקן טאַלאַנט. זײַן דערציילערישע קונסט איז געווען אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, און ער איז דורך דער קריטיק פּה־אחד געקרוינט געוואָרן ווי איינער פון די שטאַרקסטע און שאַפערישסטע פּראָזאַיקער אין יידיש. ער האָט זיך דערפילט ווי בײַ זיך אין דער היים, אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט, און ער האָט מאַכטיק צענומען זײַנע שאַפערישע פליגל. אַגבֿ, אַליין איבערזעצט זײַנע יידישע ראָמאַנען.

שניאור האָט אַ סך געשריבן אין יידיש. ער האָט געמאָלן ברייטע לײַוונטן, וואָס האָבן געשימערט מיטן רום פון פאָלקסטימלעכע העלדן, פּראָסטאַקעס און עמי־הארצים, אויסגעוויילטע פון דער מאַסע, וואָס האַלטן טײַער זייער אָנגע־העריקייט צום פאָלק און זענען גרייט זיך מוסר־נפש זײַן פאַר אים. נײַט אומ־זיסט איז נוח פּאַנדרע געוואָרן אַ סימבאָל פון קרבן־גרייטקייט, וואָס וואַקסט אַרויס פון פּרימיטיוון כּוח. ז. שניאור איז אָבער ניט געבליבן פאַרגליווערט אויף איין טעמע. ווי אַ קינסטלער איז ער געווען אַ גײַסטיקע דינאַמאָ. ער האָט זיך באַוועגט אין דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט און אָנגעשפּאַרט אין פאַר־שיידענע תּקופות; ער האָט געקאָנט אָטעמען אין פאַרשיידענע ספערעס און אַרויספאַנגען פון דאָרט זײַנע העלדן. ער האָט אַפילו געהאַט די אייגנשאַפט צו לאַווירן צווישן צוויי פאָלוסן און אַרויסברענגען קעגנזעצלעכע טיפּן, מיט דער זעלבער מאָס פון קינסטלערישער טרײַשאַפט. ער האָט זיך טיף אַרײַנ־געלעבט אין די פון אים געשאַפענע כאַראַקטערן: קיסר און רבי; דער ממזר; פעטער זשאַמע; אַ טאָג עולם הזה; עוועלין און אַלע אַנדערע, ווי זיי הייסן דאָרטן, זענען געוואַקסן און אויפגעקומען אויף אַ פּרוכטיק שניאורשן באָדן. אַלע זענען אָריגינעלע שאַפונגען, אָן פרעמדן צומיש און אָן דרויסנדיקע השפּעות. זײַנע אַלע העלדן, איבער הויפּט די פאָלקסטימלעכע, זענען קלאַסיש און מיט קינסטלערישן שוווּנג געצייכנט. שניאור האָט געזען מיט זײַנע אויגן, געפילט מיט זײַן האַרץ און אַלע זײַנע העלדן זענען אָפּגעשטעמפּלט מיטן חותם פון זייער שאַפער.

שניאורס ווערק אין העברעיִש און יידיש זענען פון אַזאַ באַטײַט און פאַר־נעם, וואָס זייער אויבנאָן־פּלאַץ אין ביידע ליטעראַטורן איז אָנספּקדיק. ער האָט דערגרייכט קלאַסישע פאָרמען און מאַנכע אַספּעקטן טיילן זיך אַזוי בולט אַרויס, אַז עס איז אוממיגלעך זיי ניט צו באַמערקן. די סאַמע שטאַרקסטע עמאָציע איז עראָטיק, דער פיזישער באַגער, די תּאווה־אויסלאָדונג. אויף דעם געביט איז ער אַ יחיד־במינו אין ביידע ליטעראַטורן אונדזערע, און קאָן דינען ווי אַ מוס־טער אויך פאַר אַנדערע. אַזעלכע שטעלעס זענען בײַ שניאורן תּמיד שטאַרק אַקצענטירט, געלאָדן מיט דראַנג, אָבער זענען אַלע מאָל עכט און טרײַ דעם אמת. דאָס איז אַן איבעריקער באַווײַז אויף שניאורס אָפּגעהיטקייט ניט אַרײַנצו־פאַלן אין ביליקן רייצנדיקן עפעקט, וואָס פירט דירעקט צו שונד. זײַן קינסט־לערישער חוש האָט אים באַוואָרנט אין די אַ געפאַרפולע מאָמענטן.

זלמן שניאור — קינסטלער און מענטש. דער צווייטער איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס וועט נאָך אפשר פיל באַהאַנדלט ווערן. זלמן שניאור האָט געטראָגן

אויף זײַנע שוואַרצע לאָקן די לאָרבערן פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע און פֿון דער ייִדישער פּראָזע — ער האָט באַלאַנגט צו ביידע נאַציאָנאַלע לשונות אין אַ גלײַכער מאָס, און האָט זיך צו זיי באַצויגן ווי צו גלײַכע. אין זײַנע אויגן האָט איינע ניט געמינערט דעם חן און דעם אָנזען פֿון דער צווייטער, און אין ביידע איז ער געווען פֿאַרליבט, ווי שניאור האָט עס געקאָנט זײַן. און ביידע ליטעראַטורן האָבן אים צוריקגעצאָלט מיט די זעלבע געפֿילן — ליבע, כּבֿוד און פֿאַרערונג. דערפֿאַר טאַקע — און עס איז אויך געלעגן אין זײַן כאַראַקטער — איז שניאור געוואָרן דער צעפּיעשטשעטער ליבלינג, דאָס קאַפּריזנע קינד פֿון ביידע טרײַע מאַמע־טאַטע — מאַמע־לשון, ייִדיש, און טאַטע־לשון, העברעיִש.

ווי אַלע גרויסע קינסטלער האָט ער אויך געהאַט קליינע שוואַכקייטן. ווײַל ער האָט געטראָגן אין זײַן ברוסט קינאַת־סופֿרים, וואָס ער האָט אָפֿט צעבלאָזן צו פֿערזענלעכער, ניט זעלטן קרענקלעכער, און האַרטער ווי דער טויט, קינאה צו קאָלעגן און זייערע דערגרייכונגען. עס איז, למשל, באַקאַנט, אַז איינער פֿון זײַנע „קרבנות“ איז געווען זײַן, מיט אַ פּאָר יאָר עלטערער קאָלעגע שלום אַש, וועמען שניאור האָט כּסדר און ביטער „פֿאַרפֿאָלגט“. גאָר קורץ פֿאַר שלום אַשס טויט האָט נאָך שניאור אָנגעשריבן אויף אים אַ לידל־פּאַסקוויל א"ט (אויב איך מאַך קיין טעות ניט) „שולעם“, וואָס האָט געזאָלט זײַן אַן אָנדײַט אויף אַשס קוטנער אַקצענט — גאָר ניט קיין שײַנדל פֿון אַ לידל... מיר דערמאָנען — און עס דערמאָנט זיך — דעם אָ אינצידענט, ווײַל די איראָניע פֿון גורל האָט גראָד די צוויי ייִדישע גרויסע שרײַבערס און „שונאים“ אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. עס איז פֿון דעם סאָרט קוריאָזע שפּיצלעך, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונדזער ייִדיש לעבן און שאַפֿן און זענען אי אַ שטראָף און אי אַ מוסר־השׂכּל. ביידע, שלום אַש און שניאור האָבן געהאַט אַ שטאַרקע תּשוקה צו זײַן צווישן ייִדן און אויסלעבן זייערע יאָרן אין אַ ייִדישער סבֿיבֿה. טאָ ווו האָט עס געקאָנט זײַן אויב ניט אין דער נײַער מדינת־ישׂראל? האָט אָבער דער בייזער צופֿאַל ביידן אויסגעגלײַכט אין זייער לעצטער שעה — אין פֿרעמדע און ווײַטע לענדער זענען ביידע געשטאָרבן, אומפֿאַרהאָפֿט פֿאַר זייער משפּחה, פֿאַר קאָלעגן, פֿאַר פֿרײַנד. און איינעמס, ווי דעם צווייטנס לוויה, איינעמס אין לאָנדאָן, און דעם צווייטנס, אין ניו־יאָרק, האָבן באַגלייט קוים עטלעכע מנינים ייִדן — כּמעט די זעלבע צאָל בײַ ביידן. אַזוי איז געווען דער גורל פֿון די צוויי גרויסע און אין עלנט געשטאָרבענע ייִדישע שרײַבערס.

זלמן שניאור איז אָבער ניט פֿאַרבליבן עלנט אין די צוויי גרויסע ליטעראַטורן — די העברעיִשע און די ייִדישע. אין ביידע שפּראַכן האָט ער געלעבט אַ פֿול לעבן פֿון אַ קינסטלער. ער איז געבליבן אַרומגערינגלט מיט דער גלאָריע פֿון מאָנומענטאַלע ווערק. זײַן קינסטלעריש־רײַך לעבן איז באַשטראַלט מיט דעם עפּאָס פֿון העלדן, וואָס וועלן זײַן נאָמען אויפֿהיטן אייביק.

דרום־אַפֿריקע, מערץ 1959.

# װיליאַם שעקספּיר אין לויף פֿון צײַטן

(1964—1564)

## א

װיליאַם שעקספּיר איז אײנער פֿון די זעלטנסטע ליטעראַטור־פֿענאָמענען, װאָס די צײַט האָט אויף זײַנע װערק קײן שליטה ניט געהאַט. 400 יאָר נאָך זײַן געבוירן פֿײַערט די גאַנצע קולטורװעלט ניט נאָר די דאַטע פֿון דעם שרײַבערישן געניוס און גרויסן קינסטלער, נאָר זי אונטערשטרײַכט דורך דעם אַן איבעריקן מאָל די אײביקײט פֿון דעם דאָזיקן נאָמען. אין די הונדערטער יאָרן זענען ניט פֿאַרבלאַסט געװאָרן די קינסטלערישע װערטן, מיט װעלכע שעקספּיר האָט געפֿורעמט זײַנע כאַראַקטערן. די דראַמעס — און ניט װײניקער זײַנע פּאָעמעס און סאָנעטן — זענען אויסגעהאַמערט פֿון דעם נצח־מאַטעריאַל, װאָס װערט ניט אויפֿגעפֿרעסן אָדער צעגריזשעט פֿון די צײנער פֿון דער צײַט.

װיליאַם שעקספּיר, פֿון קלײנעם שטעטעלע סטרעטפֿאָרד, אין ענגלאַנד, האָט ניט נאָר אָנגערירט די אײביקע פּראָבלעמען פֿון מענטש און זײַן גוראַל, נאָר ער איז אויך באַשאָנקען געװאָרן מיט דער געטלעכער מתּנה צו קענען אַרײַנבליקן אין די טיפֿערע פֿאַרבאָרגענישן פֿון דער מענטשלעכער נשמה. ער האָט דערזען און געמאָלן מיט קינסטלערישער קראַפֿט די יצרים פֿון מענטשלעכן מין, אין זײער הערלעכער דערהײבונג און אין זײער פֿינצטערער אָפּגרונטיקײט.

װיליאַם שעקספּיר האָט דורכגעליכטיקט די נשמה פֿון מענטש מיט אַזאַ דורכדרינגלעכקײט, אַז קײן פֿאַרהוילעניש איז דאָרטן ניט פֿאַרבליבן. ביז אײנערלעכן שוידער האָט ער דורכגעשטראַלט דעם פּסיכישן געװעב פֿון מענטשלעכע שװאַכקײטן און שטאַרקײטן. אין דעם שטעקט מסתּמא דער סוד פֿון זײַנע פּערסאָנאַזשן, װאָס באַצװינגען אונדז, פֿון זײַן דראַמאַטישן כּוח, װאָס האָט צו זיך קײן גלײַכן ניט. גאָר אָפֿט בלײַבן מיר צוגעקאָװעט צו זײַנע אַזױ לעבעדיק־באַװעגלעכע געשטאַלטן — פּרינצן און בעטלערס — און דערשטױנטע דערעען מיר דעם גאַנצן קנױל פֿון אימפּולסן און אינסטינקטן, װי ער װאָלט זײ סעקציאָנירט פֿאַר אונדזערע אויגן, אַזש צו מאָל נעמט אונדז אַ פּחד אַרום פֿון דעם שעקספּיריש־אַטאָמישן אַנאַליז פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק. דאָס איז די אײביקע קראַפֿט, װאָס שעקספּיר האָט אַרײַנגעאָטעמט אין זײַנע װערק, װי גאָט האָט אַרײַנגעבלאָזן אין מענטש דעם אָטעם פֿון לעבן. שעקספּירס װערק לעבן נאָך מיטן

קינסטלערישן רוח־החיים פון זייער דיכטער, און 400 יאָר שפּעטער וועלן זיי לעבן ניט ווייניקער ווי היינט. זיינע אַלטע לעגענדאַרע, טראַגישע און קאָמישע טיפּן, זענען מענטשן, וואָס ווען מיר טוען זיי אויס פון די אַלטערטימלעכע טראַכטן און רייסן אַראָפּ די טעאַטראַלע מאַסקעס, בלייבט דער אָריגינעלער, נאַקעטער בן־אדם פון אַל ציטן.

שעקספּירס ווערק וועלן בלייבן אויסער די ראַמען פון צייט, כּל־זמן מענטשן וועלן באַוווינען דעם פּלאַנעט ע ר ד, און אין זייער לייב און האַרץ וועלן זיי טראָגן די איינגעבוירענע אינסטינקטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. און אַזוי ווי די מענטשלעכע נאַטור איז אייביק און קען זיך ניט בייטן, וועט אויך אייביק בלייבן דער קינסטלער, וואָס האָט די דאָזיקע נאַטור אַזוי עכט און טיף דערזען.

## ב

מעג דער מענטש טויטן מיט אַ בעכער גיפטיקן ווײַן, דערשטעכן מיט אַן אַנטיקער שווערד, געפּאַסט אין דימענטן, צי גאָר מיט גאַז אָדער מיט די מאָדערנסטע אַטאָמישע שטראַלן — דער קערן פון דער טראַגעדיע איז דער זעלבער: טויט, און די טיפערע מאָראַלישע סיבות און די ליידנשאַפטן, וואָס האָבן געפירט צו דעם סוף. שעקספּיר איז דער געבענטשטער קינסטלער, וואָס פאַרשטייט ווי אויפצובויען דעם קלימאַקס, ווי אויפצוּפּענען די לעצטע שפּאַרונקע צום סוד, אין וועלכן עס לייזט זיך אויף דער טראַגישער פּלאַנטער. דעם זעלבן כּלל קען מען אָנווענדן אויך לגבי דער אָרנאַמענטאַלער, מליצהדיקער שפּראַך פון די שעקספּיר־ציטן: דער פּאָעטישער סטיל פון סיפּור־המעשׂה, די אַלטע טראַדיציעס און די טעכנישע מיטלען פון יענער צייט דעקן זיך און שאַפן איין גאַנצקייט. אָבער הינטער דעם פּאַטעטישן וואָרטשפּיל און בינע־רעקוויזיט שטייט דער צייט־אומבאַזיגטער קינסטלער פון 400 יאָר צוריק, וויליאַם שעקספּיר, און קוקט אַריין מיט אַ קלוג אויג צום מענטשן אין האַרץ און נשמה — און אַזוי וועט ער עס טאָן דורך אַלע דורות.

די מאָדערנע צייט האָט די קונסט אויסקריסטאַליזירט אין ראַפינירטע פאָרמען, איר געגעבן כּלים, ריכטונגען, שולעס, פאַרשריפטן און טעכנישע נאָרמעס, אָבער דאָס זענען בלויז די כּלים, דער רעגולאַמין, וואָס יעדער מיטלמעסיקער שרייבער אַפילו, לערנט עס און נוצט פאַר זיין אַרבעט. דער גרויסער זשעני וואַקסט אַריבער די טעכנישע מיטלען פון מיטלמעסיקן טאַלאַנט, ווייל ער איז אָנגעלאָדן מיט אינערלעך גייסטיקן דראַנג און ער שטראָמט אַריבער די גרענעצן פון צייט און שטח, ווי די נאַטור וואָס שטראָמט דויערדיק און אומענדלעך. דאָס איז שעקספּיר, וואָס וועט ניט פאַרגעסן ווערן און ניט פאַרגאָסן ווערן אין שטראָם פון די ציטן.

וויליאַם שעקספּיר איז די התגלות פון אַ גרויסן גייסט, ווי איינשטיין, געטע, דאַנטע, פרויד א״א פון זעלבן קאַליבער, וואָס בליצן אויף, ווי זוניקע

עקספלאָזיעס, און זייער ליכט גיסט זיך אַרײַן מיט זײַן אָריגינעלן קלאָריט אין שטראָם פון דעם אייביקן שאַפן. אין די ווערק פון שעקספירן פילט מען די גרויסע אידעען, וואָס האָבן אים סטימולירט. ער האָט ניט נאָר פאַרוויילט זײַנע אוידיטאָריעס מיט די מענטשלעכע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, נאָר ער האָט אַרונטערגעריסן די פאַלשע מאַסקעס פון מענטשלעכן מין, צעבראָכן זײַנע באַ־טריגערישע געטער, אויפגעדעקט די חניפה און צביעות פון די הערשער, ווי פון די קנעכט. ער האָט אַרויסגעהויבן די נאָבעלע מידות און די עטישע שיינקייט פון מענטש. ער האָט געגעבן מוסטערן פון לעבן — ווי צו לעבן און וואָס צו ליבן, ווי צו האַסן און וואָס צו באַקעמפן. די אינטריגעס און פליאָטקעס אין זײַנע דראַמעס זענען אויסגעטראַכט ניט בלויז לשם אַקציע, צוליב סצענישער האַנדלונג (הגם אין דעם איז ער אַ געניאַלער מאדים), נאָר טאַקע זיך אַראָפּ־צוגעמען אַ מוסר־השׂכל, צו קומען צו דער דערקענטעניש פון רעכט און אומרעכט. און צום סוף — ווי אין אַלע אַנטיקע דראַמעס און טראַגעדיעס — צו זען מיט די אייגענע אויגן די שטראָף און דעם שׂכר.

ג

שעקספיר האָט געשאַפן אַן אומגעווייגלעך רײַכע גאַלעריע פון קאַלירפולע געשטאַלטן און טיפן און אויף יעדן באַזונדער אַרויפגעדריקט דעם שטעמפּל פון זײַן אייגענעם איך. דער גרויסער העלד, וואָס שטייט אין מיטלפונקט פון אַ דראַמע, צי דער קליינער סטאַטיסט, וואָס באַוועגט זיך אויף דער פּעריפעריע פון דער סצענע און פון לעבן, יעדער האָט זײַן וואָרט, זײַן אייגן קול, זײַן פאַרב, און זײַן אינדיווידועלע אויסגעשפּראָכנקייט און אייגן פּנים.

עס וועט אָבער אַרויסקומען ניט דער אמתער שעקספיר, אויב מיר וועלן זיך האַלטן נאָר בײַ דער הנחה, אַז ער איז בלויז געווען דער שפּיגל פאַר דער נשמה פון מענטש. אויב דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון זײַן צײַט, האָט שעקספיר — דורך דעם מענטש — אין זײַן שאַפן רעפלעקטירט די צײַט, אירע פּראָצעסן, פּראָבלעמען, די אויפפאַסונגען און געדאַנקען־גענג פון דער דעמאָלטיקער גע־זעלשאַפט. אַמבולטסטן קומט עס צום אויסדרוק אין האַמלעט — איינס פון די וווּנדערלעכסטע ווערק פון אַלע צײַטן. ניט נאָר האָט דורך אים שעקספיר אויס־געדריקט די פּסיכאָלאָגישע ניסתּרות פון אַ יחיד, נאָר ער האָט אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג איבער דער רענעסאַנס־באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעהויבן בליִען מיט דער פרישקייט פון אַ נײַער עפּאָכע; איבער די בענקשאַפטן און דעם חלום פון אַ נײַער צוקונפט.

די האַמלעט־דראַמע איז פול מיט שפּאַנונג, פאַרברעכן, וואַקלענישן און צווייפל, פילאָסאָפישער אַנאַליז, פּעסימיזם, קריטיק פון דער קירכע און פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל. האַמלעט שטייט אויפן גרענעץ פון געשיכטלעכן צײַטאומבײַט. ער הייבט אָן פאַרדײַען די נײַע אידעען און פאַרפלאָנטערט זיך

אין זיי. ווי אַ פועל־יוצא פון דעם קומען אויף ספקות. זײַן שטענדיקער דענקען, טראַכטן, אַנאַליזירן זײַן אייגענע לאַגע און דעם אַרום, וואַרפט אים אַרײַן אין אַ מרה־שחורה. ער קען ניט באַשליסן בײַ זיך צו טאָן זײַן חובֿ — נעמען נקמה, ער ווערט דערדריקט, פאַרייִאושט און קומט צום געדאַנק פון זעלבסטמאָרד. ער שטייט איבערן אָפֿענעם קבֿר מיט דעם סקעלעט־קאָפּ אין האַנט און פרעגט די גורל־פראַגע: זײַן, אָדער ניט זײַן? דער וואַקלדיקער האַמלעט דעצידירט זיך סוף־סוף און ברענגט אויף די פאַרברעכער זייער פאַרדינטע שטראָף. שטודירנדיק יענע עפּאָכע קען מען לײַכט זען, אַז האַמלעט איז דער אויטענטישער עכאָ פון זײַן צײַט.

אַ גאַנצע ליטעראַטור איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן וועגן האַמלעט, און מען וואָלט געקענט צוזאַמענשטעלן אַ גאַנצע ביבליאָטעק וועגן שעקספּירן — זײַן שעפֿער. געוויס איז ניט אונדזער ציל צו געבן אַ פולן ליטעראַרישן פּאָר־טרעט פון שעקספּירן, צי אַ קריטישן אַנאַליז פון האַמלעט. מיר האָבן בלויז געוואָלט געבן איין אילוסטראַציע צו דער געשטאַלט פון אוניווערסאַלן שעקס־פּיר, וואָס זײַנע דימענסיעס שפּרייטן זיך אויס איבער אַלע צײַטן, און זײַן שאַפן נעמט אַרום אַלע עפּאָכעס.

אין זײַנע אַלע בינע־זשאַנערס ליגט פאַרבאָרגן דער צויבער פון זײַן אָריגינעל קינסטלערישן געמיט, וואָס איז ביכולת צו אָטעמען מיט דער אַטמאָספער פון יעדער צײַט. אין די באַדינגונגען כּישופֿט ער אַרויס זײַנע געשטאַלטן, די העלדן און בינע־פּערסאָנאַזשן, אין זייערע עכטע שטימונגען; זייער טרויער און פרייד איז נאַטירלעך, אומבאַצוווּנגען, די ליבע־טראַגעדיע, ראָמעאָ און דזשוליעטע, די אייפערזוכט־טראַגעדיע, אָטעלאָ, צי להיפּוך, די קאָמעדיעס זײַנע (איינע פון די באַרימטסטע די צוועלפטע נאַכט, איז אַ קינסטלערישער מוסטער פון המצאות, פאַרווײַלונג און שאַרפזין, וואָס איז געוואָרן אַ שעדעווער אין אַלע שפּראַכן פון דער קולטורוועלט) — זיי זענען, יעדע באַזונדער, ווי שטיקער דין־אויסגעמײַס־טערטע גאָלדענע פיליגרין־קונסט־אַרבעטן.

ד

אַוודאי וועט ער ניט זײַן פאַר אונדז דער גאַנצער שעקספּיר, אויב מיר וועלן אויסלאָזן דעם ייִדישן מאָמענט אין זײַן שאַפן — די ייִדישע טעמע פון באַ־ווּסטן העלד שײַלאָק, אין דער באַרימט־געוואָרענער דראַמע דער סוחר פון ווענעדיג. אַרום דער מיטלאַלטערלעכער ייִדן־געשטאַלט פון שײַלאָק גייט אַן אַ לאַנגע און ניט פאַרענדיקטע מחלוקת. שווער איז אונדז אָבער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער מענטשנקענער שעקספּיר זאָל האָבן געשאַפן דעם דאָזיקן ניט צו סימפּאַטישן טיפּ מיט ייִדנפײַנטלעכע, אָדער פּשוט גערעדט, מיט אַנטי־סעמיטישע כּוונות, און צילבאַוווּסט. גיכער איז צו גלייבן, אַז דער מחבר פון ייִדישן וווּכערער שײַלאָק, האָט אַרויסגעבראַכט אַ ייִדישן בשׂר־ודם, וואָס איז

געקנאַטן פון זעלבן מענטשן־מאַטעריאַל, ווי דער קריסט; ער גאַרט נאָך נקמה, פאַר באַליידיקונג און ווייטיק, אַזוי ווי זיין שכן אַנטאָניאָ. שעקספיר האָט דעם ייִד ניט פאָרגעשטעלט ווי אַ פאַרשאָלטענעם אַהאַספער, לויט ווי די קאַטוילישע פאַנאַטיקער האָבן אים געמאָלן אין יענע איבערגלויביקע טעג. אין באַוווּסטן מאָנאָלאָג פון שיילאָקן זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביטערע רייד פון באַעוולטן ייִדן, וואָס קלינגען גאָר איבערצייגנדיק.

אַזוי זאָגט שיילאָק: „ער (אַנטאָניאָ) האָט פאַרוווּנדעט מיין פאָלק, קאַליע געמאַכט מיינע געשעפטן, מיינע פריינט צעקריגט מיט מיך, מיינע פיינט אָנגערייצט אויף מיר. פאַר וואָס זשע? צי ווייל איך בין אַ ייִד? ——— צין דען עסט ניט אַ ייִד די זעלבע שפייז וואָס אַ קריסט? צי פילט ניט אַ ייִד די קעלט ווינטער, און די היץ זומער, אַזוי ווי אַ קריסט? ווען איר פאַרוווּנדעט אונדז, גייען מיר אָפּ מיט בלוט, ווען איר קיצלט, לאַכן מיר, גיט איר אונדז גיפט, שטאַרבן מיר — טאָ פאַר וואָס זשע זאָלן מיר ניט נקמה נעמען, ווען איר באַליידיקט אונדז, אויב מיר זיינען צו אייך גלייך מיט אַלץ, ווילן מיר גלייך זיין אויך מיט דעם. אויב אַ ייִד באַליידיקט אַ קריסט, נעמט יענער נקמה גאָר אָן אָנשטעל, טאָ דאַרף דער באַליידיקטער ייִד נעמען אַ משל פון אים".

מיר האָבן געבראַכט דעם עטוואָס פאַרקירצטן מאָנאָלאָג פון שיילאָקן, ניט כדי צו נעמען אַ וואָרט אין דער אַזוי אַלטער קאָנטראָווערסיע — צי איז שקעספיר געווען אויסן צו שילדערן דעם ייִד בכוונה מיט נעגאַטיווע כאַראַקטערשטריכן? לפי האמת — מיר מיינען, אַז ניט. האָט ער דאָך געשילדערט גענוג אייגענע מענטשן, פון זיין לאַנד און פון זיין פאָלק מיט ניט קלענערע פאַרברעכערישע נייגונגען און תאוות. אין שעקספירס ליטעראַרישן אוצר קומט דער ייִד אַרויס ניט בעסער, אָבער אויך ניט ערגער ווי זיין שכן — דער קריסט, ווי שיילאָק אַליין איז זיך אָפּנהאַרציק און מיט אַזוי פיל ערלעכקייט מודה.

אַגבֿ, חוץ דער סוחר פון ווענעדיג איז אין ייִדיש פאַראַן אַ היפשע צאָל איבערזעצונגען פון שעקספירס דראַמעס, פאָעמעס און סאָנעטן.

*

400 יאָר שעקספיר, די דאַטע וואָס די גאַנצע קולטור־וועלט פייערט היינטיקס יאָר, איז דער צייכן פון דעם אייביקן דויער פון גרויסע קינסטלערישע ווערטן. שעקספיר איז אַ קוואַל פון מענטשלעכן גייסט, וואָס אין אים רעפלעקטירן אַלע וואַנדלענישן, זוכענישן, בענקשאַפטן און טרוימען פון מענטש, פון זיין דור. אין שעקספירס ווערק געפינען מיר רו פאַר אונדזער נשמה, ליכט און שיינקייט, דאָס געזאַנג פון דער צוקונפט. דער גרויסער דיכטער איז דער מאָנומענט פון מענטשלעכקייט, פּראָגרעס, קולטור.

דרום־אַפריקע, 1964.

# אויפן וועג פון ליכטיקע ווערק *

ניסן ברוסילאָוו: די שטילע ערד — ראָמאַן פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט. פון דער סעריע: וואַנדערער וואָס זוכן ליכט. ציקאָ ביכער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, נ. י. שער־בלאַט געצייכנט פון ש. ראַסקין, 1957. 365 זז׳.

## א

ניסן ברוסילאָוו איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן ערשטלינג־בוך, בײַ די טײַכן פון פּאַלעסיע, און ער שפּרײַזט שוין ווײַטער מיט זיכערע טריט. עס האָט געלײַך אַ שלאָג געטאָן פון אים מיט שעפערישע כוחות, מיט פרישקייט, וואָס האָט אויף זײַן פערזענלעכקייט קאָנצענטרירט די קריטישע אָבסערוואַציעס פון דער ייִדיש ליטעראַרישער וועלט. ער איז גיט פאַרבליבן אַ קוריאָז, נײַערט געוואָרן דער וווּנדער פון אַ קינסטלערישן אויפוואַך. דער יצירה־פונק, וואָס האָט געטליִעט אין דער ייִדישער נשמה פון דעם מאַן פאַר אַ סך יאָרן, האָט זיך פלוצלינג צעצונדן מיטן ליכט פון זײַן שעפערישן גײַסט. אין אַזאַ צײַט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, ווו יעדער נײַ־צוגעקומענער טאַלאַנט ווערט אויפגעכאַפּט מיט אָפענע אָרעמס, איז דאָס אויפטויכן פון ניסן ברוסילאָוו אַ גוואַלדיקע געשעעניש.

ער איז געקומען ווי אַ רײַפער שרײַבער. ער ווייס וואָס ער וויל זאָגן און ווי אַזוי צו זאָגן. ער פאַרמאָגט זײַן אייגנס אַ גרייטן שפּראַכבאַגאַזש, אַ גלענצנדיק אָריגינעלן סטיל און אָן אַ שיעור ליבשאַפט צו זײַנע העלדן. זײַנע מענטשן זענען פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט — רויע, ערדישע, פשוטע און מיט געזונטע חושים. אויף זייערע פלייצעס יאָכט דאָס געבאָט פון גאָט און פון אַרבעט. אויף פּאָלעסיער ערד, אין אירע וועלדער און פעלדער, וויקלט ער פונאַנדער דעם סוזשעט פון ראָמאַן מיט אַ מאַכטיקן שוווּנג.

---

* צוליב אַן אומבאַמערקטן פאַרדראָסיקן טעות זענען אויסגעלאָזן געוואָרן פון אַלף־בית סדר, אין דעם אָפּטייל, צוויי מאמרים, וואָס בלית־ברירה גיבן מיר זיי דאָ אַרײַן — צום סוף: 1. ניסן ברוסילאָוו — וואָס האָט געזאָלט אַרײַן נאָך ק. בענעק — 2. לאה גרינשטיין — וואָס האָט געזאָלט אַרײַן נאָך אֶליעזר גרינבערג.

די שטילע ערד, וואָס הערט זיך אָן זייער אידיליש, טראָגט אין אירע איינ־געווײדן דעם גורל פֿון מענטש, זײַן סוד אין פֿאַרוויקלטן מאַרגן. אין איר טראַכט ליגט דער זוימען פֿון ברכה און קללה — ברויט און גאָלד. איבער דעם באָדן באַוועגט זיך דער מחבר מיט געניטע טריט און ער ראָלט אויף די געשיכטע פֿון מענטש אויף דער אָ ערד, זײַנע ליידן און פֿריידן. וואָרעם אין דער אָ ערד וואָרצלט ניט נאָר דער וואַלד, דאָס גראָז און די פֿלאַנץ, נאָר אויך דער מענטש, וואָס איז מיט זײַן גורל צוגענאָפּלט צו איר מאַמעטראַכט. די שטאָט, בײַ ברוסילאָוון, זעען מיר נאָר דורך אַגבֿדיק, צופֿעליק, אַדורכפֿאַרנדיק ,אַזוי ווי אירע מענטשן, וואָס שווינדלען פֿאַרבײַ ווי סטאַטיסטן. די נאַטור בינדט צו מיט געזונטע וואָרצלען, אויב מען איז איר טרײַ און מען דינט איר, צאָלט זי אָפּ מיט ברכה. די נאַטור איז גוט, אויב מען היט זיך פֿאַר די אומנאַטירלעכע בייזע כּוחות וואָס הויערן אין אירע פֿינצטערע טיפֿענישן.

דער באַהאַלטענער אוצר אין דער שטילער ערד, וואָס פֿויער און ייִד ווערן דורך אים פֿאַרפֿירט, האָט אין זיך די אייגנשאַפֿטן פֿון אַ טײַוולאָניש פֿאַרניכטנ־דיקער קראַפֿט. דער שׂטן־אַטאַמאַן כאַפּון איז ניט דער עלעמענט פֿון דער שטי־לער ערד. ער האַלט דעם אוצר אײַנגעקלעמט אין זײַנע לאַפּעס, כּדי צו פֿאַנגען אין זײַן נעץ אומשולדיקע נשמות. דער טײַוול לאָקט אַרײַן מיט דער טומאה פֿון גאָלד און רײַכקייט דעם ערלעכן, האַרעפּאַשנעם און פֿרומען מענטשן. דער מענטש קאָן ניט בײַשטיין דעם נסיון קעגן דער אומרייניקער קראַפֿט, וואָס באַ־צווינגט אים קעגן אַלע געטלעכע פֿאַרבאָטן. זײַנע שפּורן זענען געצייכנט מיטן בלוט פֿון ברודער — ער ווערט אַ קין. „לא תחמוד" און „לא תרצח" איז דער לײַבלעכער סיטרא־אַחרא צווילינג, וואָס שלעפּט דעם מענטש צום אָפּגרונט, צו פֿאַרפֿאַלנקייט און פֿאַרשטויסנקייט. די בלוטיקע לערע פֿון אוצר איז אי בײַם ייִד און אי בײַם פֿויער מער ווי סתּם אַ קרימינעלע געשעעניש, זי איז אַ נשמהדיקע טיפֿע צעטרייסלונג, אַן אָנווער פֿון מענטשלעכן גלײַכגעוויכט. וואָס איז פּז? פֿרעגט זיך חיים דער טאָרף־ייִד אין טויטלעכער אימה: „פּ' מיינט פּשע, אַ צונויפֿגעקנוילטע שלאַנג, וואָס פֿאַרפֿירט. ז' מיינט אַ כּלי־זין, וואָס פֿאַרגיסט מענטשלעך בלוט..." אַזאַ איז דאָס טומאה־גאָלד פֿון טײַוול.

די גוטע, שטילע ערד, וואָס מאַניעט ניט מיט אירע פֿאַרפֿירערישע אוצרות, איז אָבער אַ קוואַל פֿון וועלכן דער מענטש שעפּט גלויבן און בטחון. זי שפּײַזט מיט זיכערקייט און מיט ברויט. זי איז די מאַמע־נאַטור, וואָס פֿאַרוואָרפֿט ניט און פֿאַרפֿרעמדט ניט אירע קינדער. און די דאָזיקע גוטע נאַטור האָט דער מחבר אויפֿגעראָלט פֿאַר אונדז. זײַן ראָמאַן איז, פֿון דעם אַספּעקט, נײַ און אויסטער־ליש אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס קאָן אָנציילן ניט וויניק מײַסטער־ווערק. ניסן ברוסילאָוו האָט אַנטדעקט אַן אומבאַקאַנט לאַנד און אַ נײַעם מענטש. ער האָט סינטעזירט לעגענדע אוןווירקלעכקייט, מיסטיק און רעאַליזם, פֿאָלקלאָר און ראַפֿינירטע שפּראַך, פּסיכאָלאָגיע און סימבאָליק, צו איין גאַנצקייט. דאָס ווערק איז ווי אַ פֿײַנע אָרנאַמענטיק, וואָס פֿלעכט צוזאַמען אַ ליכטיקן בילד.

די שטילע ערד שטײַגערט זיך פון אידיליע צו דראַמאַטישער שפּאַנונג. עס פאַרכאַפּט דעם לייענער. די זעליש־מאָראַלישע קאָנפליקטן, אין וועלכע די מענטשן פאַרוויקלען זיך, זייערע ראַנגלענישן מיט די אייביקע פּראָבלעמען פון גוטס און שלעכטס, פון גלוסטונג און רציחה, ווערן העל און צאַפּלדיק באַלויכטן אויפן פאָן פון אַ ווייניק באַקאַנט, ייִדיש ווי גוייִש לאַנד. ברוסילאָוו האָט אויפגעגראָבן פון אונטערגאַנג און פאַרזינק אַ שטיק מאָלערישע סבֿיבֿה און לעבן. ער האָט עס מיט קינסטלערישן כּוח, אויף אַ ברייטן לײַוונט, צעלייגט. אַ הערלעך בילד פון דער נאַטור און די מענטשן־קינדער אין איר שויס. דער אויפגעוועקטער מענטש לויכט אַרויס פון רעם פון דער באַלעבטער ערד מיט שטאַמיקער פאַרוואָרצלטקייט. און ניט נאָר דעם מענטש, נײַערט די וועלט אַרום מענטשן האָט ניסן ברוסילאָוו צוריק רעסטאַווירט. די פיזישע וועלט ווערט אַ נײַע רעאַליטעט און שפּרייט זיך אויס, ווי די ערדישע עסטראַדע, פאַר דעם שפּיל פון מענטש.

די שטילע ערד ווערט די גרויס פּאַנאָראַמיקע סצענע פאַר דער מענטשלעכער דראַמע. אַלץ וואָס רינגלט אַרום דעם מענטש — חיה און פויגל, בוים און וואַסער — זענען מער ניט סתּם אַנאָנימע באַשעפענישן און נאַטור־דערשײַנונגען. יעדע זאַך האָט זיך איר פונקציע, אַ יעדער פויגל און חיה און געוויקס האָט זיך זײַן אייגענעם נאָמען. מיט מײַסטערישער קראַפט איז געצייכנט די סבֿיבֿה, ווו יעדער בוים און יעדע בלום האָט זיך אַן אייגן „פּנים". שאַרף און מיט אַ שטאַרקן קלאָריט פון פאַרבן און קלאַנגען איז אויסגעמאָלט די בראשית־לאַנדשאַפט, ווי אַ וווּנדערלעך גרויסאַרטיק בילד. אויף צענדליקער זײַטן זעען מיר נאַטירלעכע און אומנאַטירלעכע דערשײַנונגען, וואָס פאַרכאַפּן דעם אָטעם און דאָס אויג. אַזוי, למשל, די טריקעניש מיט אַלע אַרײַנגעפלאָכטענע פאָלקסלעגענדעס, די פּראָצעסיע און דער גאָטדינסט. אויך אַלטע מינהגים, טראַדיציעס און צערעמאָניעס, ווי דער יום־טובֿ פון שניט א"א, וואָס שמעקן מיטן טעם און ריח פון אַ בילדערישער שפּראַך, לאָקאַליזמען, פאָלקלאָר און אידיאָמאַטיק פון יענעם לאַנד און יענער צײַט.

## ב

ניסן ברוסילאָוו האָט מיט דינער פײַנפילעוודיקייט אויסגעפלאָכטן די לעגענדע פון אַן אײנזאַם פּאָרל אויף קדמון־ערד. דאָס בונטע געוועב פון אַ צוריקבאַשאַפענער וועלט איז פריש פאַרשפּרייט. ער האָט אַרײַנגעהויכט אַן אָטעם פון לעבן אין דער פאַרגאַנגענער צײַט. ער האָט דאָס געוועזענע לעבן געקנאָטן און געפורעמט מיטן כּישוף פון קינסטלערישן אמת און געלאָזט עס וואַקסן און גערײַען: אַ וועלט מיט ליכט און שאָטן, מיט חלומות און בענקשאַפטן, מיט וואָר און פאַנטאַזיע, מיט גרויסקייט און געמיינקייט, מיט אינסטינקטן און תּאוות, אָבער איבער אַלץ און אַלעמען דאָמינירט די פּשטות פון ערד־געבונדענעם

מענטש. אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז אַזוי אַרום אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אַ רײַכע גאַמע פון סאָלידע טענער, וואָס קלינגען ערדיש, עכט און מיט נאַטירלעכער קראַפט. אַ סימן, אַז די פאַרשטילטע ערד פון דער ייִדישער ליטעראַטור קאָן נאָך אַרויסגעבן פײַנע פּרות. אויב ניט קיין יונגע נסים, זענען אַלטע אויך מסוגל יונג צו בלײַבן. מעגן מיר טאַקע מאַכן אַ שהחיינו אויף די זיסע פרישע פּרוכט וואָס די ווײַטע שטילע ערד פון פּאַלעסיע האָט אונדז געבראַכט, אין נײַעם בוך פון ניסן ברוסילאָוו.

די העלדן זענען בולט און קלאָר און לעבעדיק, ווי דער מחבר וואָלט דעם שם־המפורש פון רעאַליטעט אויף זייערע ליפּן אַרויפגעטאָן. זייערע אַלע געשפּרעכן און טראַכטעגישן, זייערע טוונגען און געפילן זענען ביז גאָר ווײַטאַלע און עכטע. זייער באַשעפער לאָזט זיי ניט איבער אויף גאָטס באַראָט, נאָר ער בלײַבט געבונדן מיט דעם וועג און גאַנג פון זייער גורל. ער היט זייערע טריט און באַגלייט זיי מיט זאָרג און אומרו. ס'איז די שותּפות פון שעפער און זײַן ווערק, זיי זענען ניט סתּם גולמדיק פּאָלגעווודיקע שקלאַפן, נאָר זיי באַוועגן זיך אין דער פּרימיטיווקייט פון אַרום פרײַ און אומגעצוימט. די פרײַהייט פליסט אין זייער בלוט. אויף די ווײַטע און ברייטע פליינען איז דער מענטש אָן אַ יאָד און אָן אַ גלות. זייער גליק איז די זון און דאָס ליכט, דאָס טײַכל און דער וואַלד, דאָס אָרעמע שטיבל און אַ ביסל מאָראַלישע מיצוות, ליבע און באַהעפטונג

די צענטראַלע געשטאַלטן פון בוך זענען דער פויער גאַווריל און זײַן געליבטע פּאַראַסקאַ. עס איז אַ גרויסע ליבע, פון געפילן און אינסטינקטן, וואָס שטעלט זיי אַוועק פאַר פיל נסיונות. דער פויער פאַרמאָגט אַ פײַנע נשמה און אַ געוויסן. „זאָלסט ניט גלוסטן”, האַלט ער זיך אין איין פאַרוואַרפן, אָבער ער איז געבונדן אי צו זײַנע עמאָציעס און אי צו זײַנע חושים און קאָן ניט אַנטרינען. אַפילו מיט דער הילף פון בראָנפן קאָן ער אויך זײַן געוויסן ניט פאַרשיכּורן. אַזוי אויך דער טאָרף־ייִד חיים. נאָך דעם חטא זוכן ביידע אַ תּשובה. יעדער אויף זײַן אופן, אינדיווידועל: דער פויער לויפט אין זײַן עלנטקייט צו דער ערד, צו איר פינצטערן וואַלד, דער ייִד — נאָך אַן עצה צום גוטן ייִדן.

ניסן ברוסילאָוו האָט ליב די פויערישע ערד, אירע יונגען און מיידן, וואָס שפּרודלען מיט געזונטע געפילן און קאַכיקע געבליטן, מיט געזונטער עראָטיק און ליבע. פאַר אַלע נאַטירלעכע זאַכן, וועלכע דער מענטש פילט און זעט זיי, איז פאַראַן אַ נאָמען. בײַ די אַ מענטשן איז ניטאָ די קרענקלעכע שעמעוודיקייט און אײַנגעהאַלטנקייט, ווי בײַם שטאָטישן. דער ברייטער שטראָם פון פרײַען לעבן איז אָפן און ליכטיק, אָן באַהעלטענישן און אָן פאַרשטעלענישן. עס איז אָבער ניט פאַראַן אין בוך קיין שמץ פון שונד. עס איז אַ גרויס געזאַנג פאַר ליבע, פאַר דער פרוי, פאַר דעם פויער. די געשיכטע אַנטוויקלט זיך מיט שטײַגנדיקן אימפּעט ביז אַ הייך־דראַמאַטישן קלימאַקס. די שפּאַנונג לאָזט שוין ניט נאָך ביז צום סוף.

שטאַרק איז די דאָזיקע נאַקעטע געזונטע ליבע צווישן די פּויעריש־פּאַר־האַרטעוועטע אָדם און חוה, אין דער אומגעגנט פון וואַלד, ווילדקייט, כאַאָס. אַזוי הייבט זיך עס אָן, ווי אַ ליד: „איין מאָל האָט זיך דער פרילינג אַ ביסעלע געפּעדערט אין כמורנעם לאַנד פון די זומפּן. ער איז אַראָפּגעקומען אַ ליכטי־קער, אַ פאַרקלערטער און האָט אָנגערירט מיט זײַן בלויען פליגל די הערצער פון צוויי יונגע איינזאַמע מענטשן — אַ מאַנספּאַרשוין און אַ ווײַבספּאַרשוין — און זיי האָבן אָנגעהויבן לעכצן איינער נאָך דעם אַנדערן". עס איז די מעשׂה פון אָדם און חוה „אין מיזרח פון גאָרטן פון עדן". מאָדערנער חומש אין פײַן סטיליזירטן יידיש. אָדם און חוה אויף קדמון־ערד פון פּאַלעסיער וואַלדיקע זומפּן: „גאָווריליאַ — אַן עלנטער מענטש, אַ בורלאַק, אָן אַ קינד און אַ רינד"... „און די יונגע פויערטע פּאַראַסקאַ די מאָסקאַלקע" — „אָדם און חוה האָבן גע־פּרוווט זיך צוריקקערן אין גאָרטן עדן אויף אַ קורצער ווײַלע — אויף אַ חיי שעה".

אויפן פאַן פון דער נאַטור, פון אירע פאַרלאַקונגען, פון איר פרילינגדיקן דערוואַך, שפּיגלט זיך די גרויסע ליבע פון צוויי אין איר שויס אַנטלאָפענע מענטשנקינדער. דער ריטעם פון פרילינג און וואַלד צוואַקסט זיך מיט יעדער שורה. ס'איז דאָס גרויסע געזאַנג פון געווילד און געפליגל, פון גלוסטעניש און פאַרעניש. ווילט זיך געבן נאָך אַ פּאָר פּסוקים פון דער סדרה „בראשית", אין די שטילע ערד: „גאָט האָט געפורעמט דעם מענטשן פון שטויב פון דער ערד. גאָווריליאַ דער פויער איז געווען נאָענט צו דער דאָזיקער ערד, פונקט ווי דער ערשטער מענטש וואָס איז אַרויסגעקומען פון איר. אָבער דער פויער איז געווען אַליין און דאָס איז געווען נישט גוט. האָט גאָט דער האַר געבראַכט צו אים אַ פרוי, אַ געהילף ווערדליק פאַר אים: אַ ביין פון זײַנע ביינער און פליש פון זײַן פליש. און האָט ביידן אַרײַנגעזעצט אין גאָרטן עדן, צווישן די ביימער וואָס זײַנען גלוסטיק אָנצוקוקן. און דער מאַן און פרוי זײַנען געוואָרן איין לײַב". אַ מחיהדיק שטיקל חומש, נוסח ברוסילאָוו. און אַ ביסל שפּעטער פאַר־טײַטשט ער: „דערנאָך פלעגן זיך ביידע אויסבאָדן אין דער דערקוויקנדיקער טשערנאָלוזשע און זיך אויסצי:ען אויפן ברעג אויף די גרינע סכך־נאָדלען, און זיי זײַנען ביידע געווען נאַקעט, דער מענטש און זײַן ווײַב, און זיי פלעגן זיך ניט שעמען..." גאַלע אַלטמאָדישע עבֿרי־טײַטש.

### ג

אין די קאַפּיטלען קומען וווּנדערלעכע שילדערונגען און אַנטדעקונגען פון קערפּערלעכן פּראַכט פונעם פּרויִשן לײַב. קומט טאַקע אויף די פראַגע: פון וואַנען נעמען זיך די דאָזיקע צאַרטע און באַגײַסטערטע געפילן אין פּרימיטיוון מוח פון דעם פויער? טראַכט ער ניט אָט דער גאָווריליאַ מיטן כּוח פון מחבר? סובלימירט דאָ ניט אַמאָל ניסן ברוסילאָוו זײַן אייגן געזאַנג דורך די פויערישע

ליפּן? טראַכטן אין אַזעלכע קאַטעגאָריעס פון אַנטציקונג איז אַ ביסל צו „קריי־טיש". דער פּויער וואָלט דעם דאָזיקן רייץ געדאַרפט דערפילן מיט זײַן אינס־טינקט. פּסיכאָלאָגיש וואָלט עס זיכער געווען מער אויסגעהאַלטן, אָבער עס מינערט אויף אַ האָר ניט די קינסטלערישע שטאַרקייט פון פּויערישן שיר־השירים פּאַר דער פרוי.

בײַ טאָמאָס מאַן, אין זײַן באַרימט נאָבעלפּרײַז־ווערק דער צויבערבאַרג, זעגען פאַראַן אַ סך בלעטלעך מיט עקזאַלטירטן געזאַנג פאַר דער פרויס אויס־טערלישער גאַקעטקייט, פאַר דעם קערפּער, זײַנע ליניעס און די פאַרבאָרגענע כּישופדיקע רייצן און ווײַבערישע חנען. עס איז אַ געזאַנג פון גרויסן קינסט־לערישן סטיל, ווו אינטויציע, געדאַנק, אַנאַטאָמישער אַנאַליז און התלהבֿות גיסן זיך צוזאַמען אין איין שטאַרקן ריטמישן שטראָם. דער הויפּט־חילוק אָבער, צווישן די צוויי פּאַראַלעלע געזאַנגען, וואָס טאָמאָס מאַן לאָזט דאָרט מעדיטירן אַן אייראָפּעיִש געבילדעטן יונגן מאַן — אַ מאַן וואָס גריבלט זיך אין די פּסיכאָ־פיזישע און גײַסטיקע פּראָבלעמען פון מענטש, וועלט און צײַט מיט אידעאָ־ליסטישן ברען. בײַם לייענער קומט ניט אויף דער מינדסטער חשד, אַז דער שרײַבער האָט „געשאַפן" אַ געלעגנהייט צו מאַכן טראַכטן און פילן זײַן העלד ניט אין זײַן אייגענער וועלט. בײַ טאָמאָס מאַן איז דער העלד נאַיִוו, ראָמאַנ־טיש, אָבער אַ קינד פון זײַן קלאַס און זײַן עפּאָכע. די צוויי העלדן זענען הימל־ווײַט איינער פון אַנדערן, אָבער בײַם פּויער אין קאָפּ קלינגען אויך די זעלבע קלאַסישע אַקאָרדן פון שיינקייט. דער פּרימיטיווער אָדם איז אויך אַנטציקט מיט דער שיינקייט פון זײַן חווהן, אָבער עס וואָלט געווען מער נאַטירלעכער פאַר אים אויסצושרײַען זײַן פרייד מיט דעם איין זילביקן עקסטאַזרוף פון אַ טאַרזאַן אין אורוואַלד — אַ רוף וואָס זאָל אַנצינדן זײַנע בלוטן און צעציטערן דעם אַרום מיט זײַן מענעריש־גבֿורהדיקער פרייד. בכּלל קומט גאָרילאַ ער־טערוויַיז אַרויס צו געבילדעט און צו פילאָסאָפיש, לויט זײַן פּויערישן גראַד. זענען טאַקע זײַנע רייד אַ קליין ביסל ניט אין קאַליע, נאָך זײַן שטאַנד, אָבער דערפאַר ווערן זיי קאָמפּענסירט און פאַרשמאַלצן מיט אַ היפּשע דאָזע פאָלק־לאָר, ווערטלעך און פּערזן, וואָס ניט דווקא זײַן מויל רעדט זיי אַרויס, נאָר זיי באַשאַפן דעם קאָלאָריט און די אַטמאָספער פון ראָמאַן. אַלע די לעגענדעס, זאַבאַבאָנעס און זאָגעכצן, שפּינען אַרום די דערציילונג מיטן פּויערישן וועזן און פאָלקסגעמיט.

לייענט מען זיך אַרײַן אין בוך ווערט מען פאַרכאַפּט פון זײַן גרויסקייט. די קאָנסטרוקציע צעוואַקסט זיך און ווערט צוזאַמענגעמויערט אין אַ גאַנצקייט פון פאַרמען, ווי אַ ווונדערלעך געבײַ. דער ראָמאַן, ווי עס איז צו זען פון די אויבן געבראַכטע מוסטערן, איז אפשר פאַרטראַכט געוואָרן לויט דעם ביבלישן מאָדעל. די קעפּ פון די קאַפּיטלען טײַטן אָן אויף דעם. עס איז דער אייביקער בראשית פון מענטשלעכן מין, וואָס באַנײַט זיך כּסדר, ווו חטא און פאַרשאָלטנ־קייט גייען נאָך דעם מענטשן מיט אַן אומפאַרמײַדלעכן מזל. עס איז די אור־

קראַפט פון פּרימיטיוו און נאַטור מיט וועלכע מענטש איז באַהעפט אויף לעבן און טויט. בראשית און ווידערגעבורט, זינד און שטראָף איז פון אייביק געווען די טעמע פון גרויסע מײַסטערס. אין דעם זינען איז ניסן ברוסילאָוו געגאַנגען אין די פוסטריט פון קלאַסישן מוסטער. ער האָט באַרירט די נצח־פּראָבלעמען פון מענטש — ייִד און גוי — אויף אַ פלעק ערד אויף גאָטס וועלט. און עס איז דאָ — אין פּאָלעסיע — דער כאַפּון־חדקל און דער פּריפּיעט־פּרת, ווי אין אמתן בראשית: דאָ מעג דער ערשטער מענטש האָבן דערזען די וועלט. זאָגט דער מחבר אין זײַן פאָרוואָרט צום ראָמאַן: „מיט הונדערט יאָר צוריק איז פּאָלעסיע נאָך געלעגן אין מזרח פון גאָרטן עדן". „אויף דער דאָזיקער קדמון־ערד, 'אויף דער שוועל' האָט געלעבט דער מענטש אין אָנהייב פון די טעג".

דעם מענטש, פון בראשיתדיקן פּרימיטיוון וווּנדער, שילדערט ניסן ברוסילאָוו. דעם מענטש, וואָס אין זײַנע טיפענישן, ווי אין אַ פאַרצײַטיקער הייל, שפּילט נאָך דער אינפאַנטיליסטישער אורקינד פון דער נאַטור, פון זינד און גלוסטונג פון אַמאָל, פון חלום און בענקשאַפט, „אומצוקערן זיך פון לאַנד אין מזרח קריק אין גאָרטן פון עדן". דער אייביקער טרוים, וואָס איז „אַזוי אומדערגרייכלעך ווי די פאַרגייענדיקע זון". די אַ לעכצענישן און גלוסטענישן איז די מאַטעריע פון בוך. מיר זעען דאָ דעם מענטשן אין זײַנע צוויי זײַטן — ערד־געפורעמטער חומר, וואָס איז פול מיט תאוות און גלוסטונג, און די צווייטע זײַט — דער צלם־אלהים, דער געטלעכער באַשאַף, מיט האַרץ און נשמה. די אייביקע קאָנפליקטן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן ערדישס און הימלישס, און די חרטה־געפילן נאָך דעם חטא, איז די אַקס אויף וועלכער די פאַבולע דרייט זיך. דאָס יאָר 1880 איז דער בראשית פון די שטילע ערד, לויט דער קאָנצעפּציע פון מחבר, דער באַנײַטער אָנהייב, „ווען די וועלט איז נאָך געווען יונג". און דער ציקל פון יונגשאַפט חזרט זיך אָן אויפהער איבער בײַם מענטש און אין דער נאַטור.

אין אַ סטיליסטיש פּאָעטישער שפּראַך און אייגנאַרטיקן זשאַנער דערציילט ניסן ברוסילאָוו וועגן דער סבֿיבֿה פון בראשית, וועגן אָפּטרעטן פון וואַלד, וואָס איז דאָס וויגעלע פון מענטש, פאַר דעם זומפּ, און שפּעטער — פאַר דעם אַקער. עס איז אַן אָדע צו דער אייביקער „געדולדיקייט פון דער מעכטיקער גרינער אָרגאַנישער וועלט, וואָס רעאַגירט אויף דעם טויטלעכן אָנפאַל מיט דעם אומבאַצווינגלעכן דינאַמישן דראַנג פון וואַקסן". די געשיכטע שפּילט זיך אָפּ אין טשערנאָלושער וואַלד, וואָס איז „איינער פון די גרויסאַרטיקע סאָסנע־וועלדער אין גאַנץ פּאָלעסיע".

אויף דער האַרטער קדמון־ערד דעקט זיך אָפּ די גשמיותדיקע וועלט פון מענטשן מיט זײַנע אָפענע און פאַרבאָרגענע לײַדנשאַפטן. מיט קינסטלערישער אָפּגעהיטקייט און מיט פײַנעם געשמאַק ווערט געמאָלן די אָ וועלט. ניטאָ קיין באַנאַליטעטן און איבערגעלאָדנקייט. די כאַראַקטערן, מיטן גאַנצן פּאַטאָליזם וואָס זיי טראָגן אין זיך, זענען אויסגערונדיקט, פאַרענדיקט און אויסגעהאַלטן.

צילבאַוווסט פֿירט זיי דער מחבר אויף זייער גורלדיקן וועג. אַלע סימבאָלישע וואָרענונג־חלומות און אָנונגען קאָנען ניט פֿאַרמײַדן זייער גאַנג, זייער באַ־שערטקייט.

די כאַראַקטערן פֿון פֿויער און זײַן געליבטע זענען מײַסטעריש אויסגע־האַמערט. זייערע בענקשאַפֿטן, טרוימען און האַלוצינאַציעס זענען פּסיכאָלאָ־גיש געראָטן. דער שיכּורער גאַווריליאָ, בײַ דער ברענענדיקער חורבה, מיטן צע־פֿײַניקטן געוויסן, איז גאָר שטאַרק און הערלעך געשילדערט. אַפֿילו דער אויס־טערלישער כאַמקאָ, דער שטומער שאָף־פּאַסטעך, וואַקסט אויס צו אַ זייער אינ־טערעסאַנטע מיסטישע געשטאַלט. פֿײַן איז די לעגענדע ווי אַזוי ער איז פֿאַר־קריפּלט געוואָרן, וואָס איז פֿול מיט פֿאָלקסטימלעכע צאַרטע און נאַיִווע טע־נער. אַלע העלדן זענען די אייביקע איינזאַמע וואַנדערער פֿון דער וועלט, ווו זי זאָל ניט זײַן. זיי זוכן דאָס ליכט צו אַ שיינער וועלט.

ניסן ברוסילאָוו גייט אין די פֿוסטריט פֿון די „וואַנדערער וואָס זוכן ליכט”. דורך אים, ווי דורך אַ ספּעקטער, ברעכן זיך זייערע שטראַליקע באַגערן, זייער שטרעבן און האָפֿן, זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן. ער איז אויפֿן וועג פֿון ליכט, פֿון דער ליכטיקער ייִדישער ליטעראַטור, און ער מוז דאָס ליכט ווײַטער אויסשטראַלן — אין נײַע קרעפֿטיקע, טיפֿע ווערק.

דרום־אַפֿריקע, יוני, 1957.

# לאה גרינשטיין

## א

לאה גרינשטיין האָט איבערגעלאָזט אַ קליינע ליטעראַרישע ירושה. אָבער דאָך לאָזט זיך פון איר אָנצייכענען די עיקר־שטריכן צו איר דיכטעריש און מענטשלעך געשטאַלט. אַ פּשוטע האַרציקייט פון אַ ליבנדיקער פרוי שיינט אַרויס פון די שורות. מיר פילן איר געראַנגל מיט די יחידישע בענקשאַפטן אירע, און אַ לעכצעניש צו דער ליכטיקער שיינער וועלט. זי אַנטלויפט פון דער ענגשאַפט פון שטעטל צו אַן אָפּגעצוימטן קרײַז — דאָס קינד, צו וועמען זי טוליעט זיך ווי אַ מאַמע. איר ליד איז מיט גלייביקייט אין מענטש און מאָרגן, שטיל און מיט ניט צוגעפּוצטע ווערטער. זי שפּילט דעם ניגון פון נעכטן אויף אַ דינער פּערזענלעכער סטרונע. ס׳איז די ליריק פון פּראָווינץ צאַרטן געמיט ערבֿ שטורעם. דער פאָלקס־חורבן האָט איבערגעריסן איר געזאַנג. איצט דער־קײַקלען זיך צו אונדז די אָפּגעהאַקטע עכאָס זײַנע — זייער תּיקון איז די קליינע זאַמלונג וואָס גרייט זיך, איידער די צײַט האָט עס באַוויזן צו פאַרדעקן מיט גע־שיכטלעכן שטויב. ווײַל אַ קול האָט אויסגערופן: זי מוז געדענקט ווערן! און אין זכות פון דעם קול, וואָס איז אַ לעבעדיקער אָפּקלאַנג פון איר גוף און נשמה, וועט לאה גרינשטיין ניט בלײַבן אײַנגעגליווערט אין אומקומישן כּלל־ציפער. ס׳איז דאָס קול פון איר לעצטער מאַמישער גבֿורה, וואָס זי האָט אים געראַטעוועט — איר זון.

דער שרײַבער ישׂראל קאַפּלאַן, דער מאַן פון לאה גרינשטיין, דערציילט: „צוזאַמען מיט די קאָוונער געטאָ־ייִדן האָט זיך לאה נאָך דרײַ יאָר געמאַטערט". ער „איז אָנהייב 1942 געוואָרן געכאַפּט און אַרויסגעפירט קיין ריגע, אין די לאַ־גערן דאָרט; איז דער הונגער און נויט פון איר מיט די צוויי קליינע קינדער געווען גאָר האַרב. אין מיטן יולי 1944, בעת דער ליקווידאַציע פון קאָוונער געטאָ, איז זי דאָרט געווען מיט נאָך ייִדן אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. די דײַטשן האָבן אָבער אַנטדעקט אַ סך פון די באַהעלטענישן און זיי אונטערגע־צונדן. איז לאה אויך לעבעדיק פאַרברענט געוואָרן, און אומגעקומען איז אויך דאָס טעכטערל יהודית". דער קערן פון דער טראַגישער עפּאָפּעע איז אָן ספק דאָס מציל זײַן פון מולכס שׂרפהדיקע געדערעם איר זונעלע, וואָס איז דעמלט געווען 11 יאָר אַלט (לאה גרינשטיין איז געבוירן דעם 14טן יולי 1907).

הײַנט, כּמעט 4 צענדליגג יאָר שפּעטער, שרײַבט צו מיר דער זון, פון ירושלים, אַ בריוו אין אַן אויסגעצייכנטן סטיליזירטן עבֿרית, וואָס לייענט זיך

ווי אַ תּפילה און מאָנונג צו זיך — און צום לעבן־געבליבענעם פּאָטער — צו שטעלן אַ דענקמאָל דער מאַמען אין טאָוולען פון אַ ביכל פון אירע לידער. דעם 20סטן אַפּריל 1944 האָט ער זי געזען צום לעצטן מאָל, שרײַבט ער צוו"אַ: „פון אַ סך סך אַספּעקטן זע איך זיך ווי אַ גוואַלדיקער בר־מזל" און „ס'האָט מיר אָפּגעגליקט, אַז אַ סך יאָרן שפּעטער בין איך אַרויפגעקומען (דורך אירע לידער) אויף די שפּורן פון דער מאַמעס בשמהדיקער וועלט". אַגבֿ, געדענק איך, ווי שלום איז אָנגעקומען, סוף 1945, צום טאַטן, קיין מינכן. הײַנט איז ער אַ דאָקטער און פאָרשער פון קלימאַטישע און ערד־וויסנשאַפטן אין ירושלים, ווו ער איז רעדאַקטאָר פון די ווערק איכות הסבֿיבֿה בישׂראל און קתדרה.

אין לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, צווייטער באַנד, איז די קאָלומנע 416 געווידמעט גרינשטיין־קאַפּלאַן, לאה. ווילן מיר דאָ ניט איבער־חזרן די דאַטע, נאָר פּרוּוון אַרויסברענגען, ווי ווײַט ס'לאָזט זיך, איר דיכטע־רישן פּראָפיל, מיטן כאַפּן אַן אַרײַנבליק אין אירע פּערזן. דער יחוס עצמה פון די לידער (11) שפּרייט זיך אויס אויף אַ שטח פון אַ גאַנצער דעקאַדע: ס'ערשטע ליד, געדרוקט אין „די אידישע שטימע", יאַנואַר 1931, ס'לעצטע — אין „עמעס" (דער סאָוועטישער יורש פון א"ש), אין מאַרץ 1941. אָבער ניט געקוקט אויף דער אַזוי שיטערער פּראָדוקציע, רעפלעקטירן אירע לידער און זייערע סינאָנימען, די צײַט און דעם גײַסט פון דער דיכטעריןובכלל, די אַט־מאָספער אין וועלכער זיי זענען געשאַפן. ניט קיין בליציקע מעטאַפאָרן און סימבאָלן, נאָר די דירעקטע אוממיטלדיקע שטימונגען פון לאה גרינשטיין. מיט שטילע ווערטער טוט זי אַרויסשעפּטשען אירע האַרץ־קלעמעניש אין דער אײַנ־געשרומפּענער שטעטל־וועלט און איר בענקשאַפט צו די ברייטע האָריזאָנטן, צו וועלכע זי רײַסט זיך.

## ב

ס'ערשטע ליד, וואָס הייסט וואָגל, איז אין קאָנטעקסט פון די יענצײַ־טיקע, אָנהייב 30קער יאָרן, וואָרטבילדער פון דער ייִדישער יוגנט און ייִדישן שטעטל. דאָ טרעפן מיר דעם שײַטער, טראָטואַרן און געסלעך, וואָס פילט אָן די וואָגל־באַגערונגען מיט באַוועג און דינאַמישקייט: „צו זען דיך, וועלט, / אין פול גרויס, צו שפּאַנען דיר — — — אַף טראָטואַרן פרעמד און ווײַט, / אַף געסלעך גאַסן לאַנג". אין דעם נאָך אומאויסגעפּרוּווטן ערשטיקן רצון צו וואָגל, איז שוין אַרײַנגעוועבט די גלוסטונג, ווי בײַ אַ סך יוגנטלעכע דעמלט, זיך מקריבֿ צו זײַן פאַר דער וועלט: „פאַרגייך, פאַרגייך פאַר דיר, וועלט / וואָס פאַרשײַט ביסטו אַזוי — / און שיין". אויך זי, לאה גרינשטיין, האָט בײַם סאַמע אָנהייב דערזען דעם שײַטער, וואָס האָט געבלענדט און געצויגן מיט נײַע אידע־אַלן. ס'איז געווען דער נאַיוו־פרומער גלויבן, אַז מיטן אַרויסוואָגלען פון שטעטל־ענגשאַפט (פיאַד, לעבן טעלז) לאָזט זיך פאַרבעסערן און פאַרשענערן די וועלט. און דער שײַטער האָט שפּעטער געברענט זײַנע גלויביקע... אָבער מער כאַראַק־

טעריסטיש פאַר איר נאַטור זענען די אינטימע יחיד־לידער. זיי גיבן אַן אַרײַנבליק אין איר אמתדיק פנים. זי זוכט ניט מער קיין פרעמדע וועלט, נאָר אַ נאָענטן פרײַנד „וואָס לײַדט פון ערלעכקייט", ווי זי. דאָ באַרירט „דער וואָגלדיקער זוך פן מײַן נשמה" אַ לעבעדיקן ד י ר: ווײַל „ווער קאָן נאָך אַזוי שיין פאַרשטיין ווי דו / דעם פלאָנטער פון מײַן אומרו־טיף, / וואָס צאַפּלט אויך אין דיר!" אַזוי אויך „אַ טרער" (אַ נאָמען פון אַ ליד), ווו זי איז „מקנא יעדן, ווער ס'קען וויינען אַפן קול". זי האָט אויך אַ פּאָר נאַטור־לידער, ווו ס'זענען „ביימער אײַנגעוועבט אין נאַכט" און פאַרן וואַלד קומט „די שעה פון שעפערישער פרייד / צום געבורט פון נײַעם זײַן". אַ שיין ליריש אַכט־שורהדיק ליד, מיט אַ כּמו־מיסטישן אונטערטאָן איז „איך וואַרט!" (אונטערן פסעוודאָנים לאה בראַסלאַווער): „איך וואַרט דו דאַרפסט נאָך קומען: / איך ווייס, אַז ווײַט איז נאָך די וואָר, / און גוט אַזוי איז טראַכטן איצט פון בלומען, / וואָס וועלן זיך צעוואַקסן מיט דײַן טראָט". אין 1936 האָט זי געדרוקט אַ ליד, וואָס וואָלט געווען די נאַטירלעכע און טרויעריקע וואָר פון 5־10 יאָר שפּעטער: „בלוט אין פרילינג, / בלוט אין זון... — — — און ס'וואַקסן שורות קבֿרים / אונטער בוימלס ווײַסן צוויט".

אירע לידער צום קינד זענען צאַפּלדיק צאַרט: „איך בין — — שטאַרק פאַרבענקט, מײַן קינד. / ס'האָט מײַן בענקען זיך / פאַרמאָסטן איצט מיט ווינט" און דער ווינט „ברומט אַ נײַעם ליד, אַ נײַעם צער, אַ פרישן טרוים". און „כ'ליב דיך נאָך אַלץ / כ'ליב דיך נאָך הייס — — און פרילינג וועט ווידער / נאָך קומען אַמאָל". (אין זשורנאַל טויערן, 1937). אָבער דער פרילינג פון לאה גרינשטיין איז קיינמאָל ניט געקומען. אין 1938: „אָט אַזוי זיץ איך אויס / מײַנע אָוונטן, ייִנגעלע, מיט דיר", און פאַרענדיקט: „נאַכט אַרום איז טיף און שוואַרץ, / און ס'קלאַפּט שורות אויס דאָס האַרץ" — — אונטערן לעצטן קינדערליד איז פאַראַן אַ צושריפט פון דער פאַרשטאָרבענער דיכטערין שׂרה אײַזן, וואָס איז געווען אַ חבֿרטע פון לאה גרינשטיין און האָט אָנגעשריבן אַ האַרציקרירנדיקן קאַפּיטל זכרונות וועגן איר — שרײַבט זי צום געראַטעוועטן זון: „דאָס ליד איז פאַר דיר, שאַליק. אין פרילינג־אָוונט האָב איך געפונען דײַן מאַמעס שרײַבנדיק דעם ליד וואָס זי האָט מיר פאָרגעלייענט. דו ביסט געשלאָפן אין וויגעלע אין צווייטן צימער". ס'לעצטע ליד איז צו „דער באַפרײַטער ציגײַנער־פרוי (טיטל) — אַ קינפעטאָרין, וואָס איר „נײַ־געבוירן וואַנדער קינד" וועט מער ניט זײַן „קיין הפקר־קינד". ס'ליד האָט געזאָלט פרעמירט ווערן, נאָר ס'איז פלוצלינג אויסגעבראָכן די מלחמה „און קאָנונע איז געוואָרן פאַרנומען". דערציילט ווײַטער ישׂראל קאַפּלאַן, אַז איין טאָג „איז לאה צוריקגעקומען אַהיים", ווען מ'האָט שוין געהאַט „פאַרבאָטן ייִדן צו גיין אויף די טראָטואַרן". זי האָט אַרויסגעפּלאַצט, אַז די 'ציגײַנער־ווײַזע'־פרעמיע האָט זי „הײַנט געקראָגן. ווי איך בין אַרויס פון הויף — — האָט מיר גלײַך מיט אַ קללה און זידלערײַ אַרונטערגעיאָגט פן טראָטואַר אַ ציגײַנערין מיט אַ פּיצל קינד אין

פאַטשיילע...״ אַגבֿ, די היסטאָרישע איראָניע האָט געוואָלט, אַז די ציגײַנער, ווי די ייִדן, זענען נאָך דעם אומגעבראַכט געוואָרן. ׳

הײַנט קומען די גאַענטסטע גואלים פון איר עזבֿון — איר זון און מאַן — און מיט טיפער ליבשאַפט שטעלן זיי אַ מצבֿה פון אירע יונגע מוטערלעכע און פרויִשע לידער. דאָס איז דער גרעסטער ליכטיקער חסד של אמת פאַר אַ דיכ־טעריש געשטאַלט, וואָס איז אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען אין שײַטער פון דער שואה. אירע לידער וועלן נאָך לעבן ווײַטער, נאָך דעם ווי די חורבן־פלאַקערס האָבן זיך אויסגעלאָשן. ווי האָט לאה גרינשטיין געשריבן אין אַ בריוו צו נתן גורן (גרינבלאַט), אין אַפּריל 1939, ווו זי ציטירט דעם פליגלדיקן זאָג פון מאַקסים גאָרקי: „בײַ גאָרקין איז דאָ אַן אָרט, ווו ער זאָגט: ס׳זענען פאַראַן ביימער וועלכע ברענען, און ביימער וועלכע פוילן. אַך, וויל איך ניט פוילן; ברענען, פלאַקערן איז שענער נאָך״.

זענען די ווייניקע לידער דער טרויעריקער אָפּהילך פון קנאַקעדיקן פלאַ־קער, וואָס זײַן בלוטיקער שאָטן שוועבט איבערן אומגעזעענעם קאָפּ פון אַ העלדישער און האַרציקער ייִדישער מאַמע, פרוי און דיכטערין.

ישׂראל־שטימע, יאַנואַר 1983.

# ווינסטאָן טשערטשיל

1965—1874

טשערטשיל איז געווען און געבליבן דער נאָמען פֿון גראַנדיאָזיטעט, וואָס וועט גרויס און מיט ליכטיקע אותיות באַשײַנען די געשיכטע פֿון אונדזער יאָר־הונדערט. איבער 60 יאָר — פֿון זײַנע 90 — האָט ער אַקטיוו און מיט אומדער־מידיקן אַרבעטסלוסט געשאַפֿן אויף פּאָליטישע א״אַ שטחים פֿון געזעלשאַפֿט און קונסט. דאָס האָט אים וועלטבאַרימט געמאַכט און צוגעטראָגן כּבֿוד און גלאָריע ווײַט אויסער די גרענעצן פֿון ענגלאַנד און איר אימפּעריע. ער איז געוואָרן דער באַליבטער פֿירער פֿון זײַן פֿאָלק און איינער פֿון די פּאַרנעמיק מאַסיווע וועלט־פֿיגורן, וואָס האָבן פֿאַר יאָרן געגעבן דעם טאָן אין פּאָליטיק.

טשערטשיל האָט פֿאַרמאָגט אַזעלכע קוואַליטעטן פֿון באַגאַבטקייט, וואָס האָט אים שנעל געבראַכט צום אויבנאָן, אים געמאַכט אוניווערסאַל. און הגם ער אַליין האָט אויך געמאַכט טעותן און אַ סך מאָל ניט געווען גערעכט אין זײַנע אורטיילן און באַשלוסן, האָט דאָך זײַן בלענדיקער זשעני אַריבערגעוויגן אַלע די חסרונות. דער עיקר: ער האָט געמאַכט פֿאַר זײַן קנין די דרײַ פּאָסטולאַטן, וואָס ער איז תּמיד געטרײַ געבליבן: דעמאָקראַטיע, הומאַניזם, פֿרײַהייט.

אַוודאי איז ער אין זײַנע ערשטע יאָרן געווען פֿאַרקאָכט אין דער אימפּע־ריע מיט אַלע אירע גאָר ניט סימפּאַטישע מעטאָדן פֿון קאָלאָניאַלער הערשאַפֿט. דער דאָזיקער אימפּעריע־פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אויך שפּעטער, האָט אים אָבער ניט פֿאַרוואַנדלט אין אַ רעאַקציאָנער, צי סתּם אַ פּאָליטישן קאַריעריסט, ווײַל ער האָט פֿײַנט געהאַט טאָטאַליטאַריזם און דיקטאַטור בתּכלית־השׂינאה.

ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿײַנעם היסטאָרישן חוש בײַם אָפּשאַצן דעם גאַנג פֿון דער צײַט, אירע דיסטאַנצן, דעם פּראָצעס פֿון איר אַנטוויקלונג. קעגן דער צײַט האָט ער ניט רעבעלירט, נאָר ער האָט שאַרפֿזעעוודיק אַנאַליזירט איר פּראָגרעס, און בשײַכות און אין זינען פֿון די געענדערטע באַדינגונגען האָט ער געפֿירט זײַן אייגן לאַנד און די בריטישע אימפּעריע, אַנשטאָט הערשן בגוואַלד. ער איז גע־ווען אַ קאָנסעקווענטער און מוטיקער הומאַניסט.

איז עס דעריבער ניט געווען קיין איבערבראָך אין זײַן פּאָליטישן גאַנג, נאָר די גראָדליניקע פֿאָרזעצונג פֿון זײַן שיטה, ווען ער האָט אין די 30ער יאָרן זיך אַנגאַזשירט קעגן זײַנע אייגענע צעקראָכענע קאָנסערוואַטיווע פֿירערס. ער האָט באַצײַטנס געוואָרנט קעגן דער נאַצי־געפֿאַר און גערופֿן ווי געהעריק זיך צו באַ־וואָפֿענען. ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם נאָכגעביקן טשעמבערליין און פֿאַרדאַמט זײַנע קאָמפּראָמיסן. ער האָט מיט וויזיאָנערישער פּילעוודיקייט פּראָג־

נאַזירט די צוקונפט און דעם אָפּגרונט פאַר װעלכן די װעלט שטײט. און אַז ס׳איז געקומען די ביטערע שעה פון נסיון, האָט ער באַװיסט און גרויסמוטיק און מיט אַ פעסטער האַנט איבערגענומען דעם רודער פון דער צװואַקלטער ניט צוגעגרייטער ענגלאַנד. ער האָט מיטגעריסן מיט זײַן דעמאָקראַטישן ענטוזיאַזם די אַנדערע מלוכות, מיט אַמעריקע בראָש. און דער דעמאָלטיקער, שױן אין זײַנע מיטן 60קער, קריגספירער האָט זיך אַרײַנגעװאָרפן אין קאַמף מיטן נאַצי־מאָנסטער, װאָס האָט פאַרשאָטן מיט פײַער־און־שװעבל דעם בריטישן אינדזל.

אין מיטן פון „בליצקריג" איז טשערטשיל געשטאַנען און געמוטיקט זײַן פאָלק מיט אָפענע און ערלעכע רייד. ער האָט ניט צוגעזאָגט קיין באַלדיקע גאולה, נאָר להיפוך גאָר האָט ער געהערט װעגן לײַדן און פײַן, בלוט און שװייס — „דאָס איז װאָס כ׳קאָן אײַך געבן הײַנט", האָט ער געזאָגט. זײַנע רייד, אויס־געטאָן פון פאַלשקייט און דעמאַגאָגיע, האָבן אַפּעלירט צום פאָלק, אײַנגענומען זײַן הארץ, עס איז געװוען אין זיי דער פונק פון דער ליכטיקער װיזיע און ציל — אַ פרײַע װעלט! דער מאַן טשערטשיל איז דאַן אויסגעװאָקסן צום קעמפער, װאָס האָט זיך אומדערשראָקן פאַרמאָסטן מיטן ברוינעם טײַװל.

דאָס זענען די הערלעכסטע בלעטער פון זײַן לעבן, װאָס דער אַלטער אויס־געפרוװטער טשערטשיל האָט אַרײַנגעשריבן אין דער װעלט־געשיכטע, צװישן די אַ״ג דרײַ גרויסע פון יענער עפּאָכע, הייבט זיך זײַן געשטאַלט אַרויס העכער איבער זײַנע קאָלעגן. ער איז געשטאַנען מיט לייבישער גבֿורה אין אינדזלשטײַג און פאַר זײַן אויג איז געװוען אײַך אידעאַל: פאַרניכטן דעם תּוגא!

טשערטשיל האָט די שליחות אויסגעפירט. די מלחמה־פרעמיערשאַפט איז געװאָרן די שענסטע עפּאָפּעע פון זײַן לאַנג פּרוכטיק לעבן, און די מענטש־הייט װעט אים אייביק דעם חסד געדענקען. אין באַזיגן דעם „הערן־פאָלק" קרייצט זיך אויך דורך די תּקופה פון ייִדישן פאָלק.

טשערטשיל האָט מיט שטאָלץ געטראָגן די לאָרבערן פון זײַן נצחון. זײַן טריאומף איז אָבער געװוען דער פון די דעמאָקראַטישע אידעען, און איז געבליבן דער סימבאָל פון דער פרײַער װעלט. ער איז געװוען דער סאָלדאַט פון דער צװייטער װעלט־מלחמה, כּדי צו געװינען שלום — אַ שלום פאַר אַלע מענטשן.

טשערטשיל איז געװוען דער מײַסטער פון גרויסן סטיל: זײַנע היסטאָרישע אַרבעטן, זײַן ביאָגראַפיע, ועל כּולם זײַן קרוין־װערק מעמוארן פון דער צװייטער װעלט־מלחמה (נאָבעל־פרײַז), זענען פון אַן אָריגינעל טשערטשיל־יאַנישן זשאַנער. ער איז געװוען אַ פיל זײַטיקער טאַלאַנט מיט אַ נייגונג צו פאַזע.

זײַן פאָלק האָט אים שױן בײַ זײַן לעבן פאַרװעבט מיט לעגענדעס. מיט ליב־שאַפט און סענטימענט דערמאָנט מען אין ענגלאַנד זײַן נאָמען. בײַ דער גרויסער װעלט װעט אָבער זײַן נאָמען געדענקט װערן אין דער העראָישסטער אַנטפּלע־קונג: װינסטאָן טשערטשיל, דער מאָן פון דער צװייטער װעלט־מלחמה.

דרום־אַפריקע, יאַנ׳־פעב׳ 1965.

י ש ר א ל

# די גרייס פון קליינע דימענטן

צבֿי אײַזנמאַן: צווישן גרענעצן — דערציילונגען און בילדער. הוצאת הקיבוץ המאוחד. תשל״ד. הילע געצייכנט: רני לעווין. 154 זז׳.

צבֿי אײַזנמאַן: נעמט מיך אין לאַנד פון פאַרגעסן — דערציילונגען און בילדער. פאַרלאַג — קיבוץ אַלונים — 1983. 91 זז׳.

## א

צבֿי אײַזנמאַן איז געווען פון די גרינדער פון דער שרײַבער־גרופּע „יונג־ישׂראל״. זײַן ערשט בוך דערציילונגען, די באַן, איז אַרויס אין 1956. זינט דעמאָלט, מיט גרויסע הפסקות, האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך צוויי ביכער: מזלות — 1965, און 1974 — צווישן גרענעצן. צוריק קומט אין זכּרון זײַן ערשט בוך, ווו די שטילקייט האָט געפּלאַטערט איבער די קורצע מעשׂהלעך: זײַן „באַן״, וואָס האָט בעצם געדאַרפט זײַן דער סימבאָל פון אַ משוגענער תּקופה אין „פּוילן, רוסלאַנד, ישׂראל״, האָט ווי אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם און געשילדערט מענטשן און שטיקער לעבן מיט כּמעט אידילישער רו. דאָס האָט נײַטראַליזירט דעם געריש פון אַ צערודערטער עפּאָכע, און מיטן אַרויסלאָזן די ווילדע פאַרע פון לאַקאָמאָטיוו־קעסל האָט, אַנשטאָט דעם גרילציקן פײַף, אַ זשום געטאָן מיט אַלטער בענקשאַפט און חלום. זײַנע פּאַסאַזשירן אין באַן זענען געווען אַנדערש, ווי אין סתּירה צום געשריי פון דער גאַס וואָס האָט זיך געוואָלט זען אין דראַמאַטישן שפּיגל פון בלוט־און־פּײַער — און אַנדערש איז אויך געווען זייער מחבר.

די אַנדערשקייט האָט אָוועקגעשטעלט צבֿי אײַזנמאַן ווי אַ באַזונדערן דערציילער. זײַן לידאַרטיקע דערציילונג לייענט זיך ווי געזאַנג, און איר גרעסטע מעלה איז איר קינסטלערישער צימצום, דער מועט המחזיק את המרובה. מ׳וואָלט אַוודאי די דערציילונגען געקענט אויסצײַען און כּסדר איבערקײַען, ווי קײַגומע, אָבער אײַזנמאַן פאַרמאָגט דעם ראַפינירטן חוש ווו צו שטעלן דעם סוף־פּסוק. ער זוכט ניט קיין קינסטלעכע קלימאַקסן. ניט זעלטן האַקט ער איבער אין סאַמע מיטן, אַז דער לייענער זאָל עס שוין פאַרענדיקן אין זײַן פאַנטאַזיע. אין עטלעכע שורות איז פאַראַן שילדערונג, באַטור, שטימונג, און דער גורל איז שוין במילא מיט דעם אַלעם פאַרבונדן. און ווי ווייניק די שורות, זענען נאָך ווינציקער די

מענטשן, ווי ער וואָלט זיך ניט לאָזן פאַרכאַפן פון ברייטן לײַוונט. אָבער סײַ ווי איז יעדע מעשׂהלע און בילד אַ שטיק צאַפלדיק לעבן, געפרעסט און קאָנדענסירט ווי אַ קערן. דער לייענער דאַרף נאָר טועם זײַן די יאָדרע און הנאה האָבן, וואָרעם ס'איז לײַכט אַרויסצעוויקלען דעם תּוכן פון צווישן די שורות.

כ'האָב ניט געהאַט דאָס מזל צו זען די „מזלות"־דערציילונגען. אָבער פון סאַמע ערשטן בילד פון צווישן גרענעצן (קוים 3 זײַטן), דערפילן מיר די קלוגע ליניעס פון מיניאַטורנע געצייכנטן „אויסגעדאַרטן מאַריאָנעטן־טעאַטערל" און „דאָס פופציק יעריקע ייִנגעלע". דער סצענישער רעקוויזיט — אַלט און נײַ, די אַטריבוטן און סימבאָלן — שוין באַקאַנטע (קעניג, פרינצעסין אד"גל), אָבער ס'איז פאַראַן דער פילאָסאָפישער משל־נימשל, ווי דער אייביקער אוניווערסאַלער מוסר־השׂכּל פון די מאָראַלישע אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן. די שפראַך איז רײַך, בילדעריש־פאַרביק און דערבײַ שפאָרעוודיק, ווי דאָס וואָרט וואָלט דעם מחבר תּמיד געקומען צו דער האַנט. די כאַראַקטעריסטישע „ביאָגראַפיע־עפיזאָדן" אין „ביף", וואָס דאַרף אין צופעליקע בילדלעך צייכענען די קינסטלערישע פיזיאָגנאָמיע פון מאַרסעל מאַרסאָ, איז אַ מוסטער פון קיצור. און אין דעם קיצור דערזעען מיר בולטער און פאַרטיפטער די געשטאַלט פון גראַנדיעזן קלאָון. די מאָדערנע געזעלשאַפט אַקצעפטירט אים ניט, און ער, דער דרויסנדיקער, וואָס „שטאַמט פון ביימער" — — „בלײַבט אין דרויסן".

## ב

די וועלט האָט אַ גערוימען דרויסן, ווו אַלע אײַזנמאַן־סימבאָלן קענען זיך פאָמיעשטשען, טאַקע אַזוי ווי זייער גורל וואָלט זיך אָפשפילן אין פוסטן חלל. „דער קעניג און דער פייגלשרעקער" פאַרלויפט זיך אויך אין דרויסן: „פלוצעם האָט זיך דער קעניג געפונען אויף אַ ליידיק פעלד". און ער קען זיך ניט בײַטן אפילו מיטן גורל פון פייגלשרעקער. דער וועג צום פאַלאַץ איז שוין ניט פון מושל זײַן, נאָר „משלים זײַן", זוכן אַ קאָמפראָמיס. אפשר מיינט „דרויסן" דער שאַנס צו גיין מיט ווערדע, אַז קיין פרעמד אויג זאָל עס ניט באַמערקן. „דעם קעניגס לעצטע נאַכט" איז שוין „אַ מעשׂהלע אָן אַ מוסר־השׂכּל". „דער אַלטער קעניג איז קראַנק" און ער קען זיך שוין ניט אַרויסרײַסן אין דרויסן. ער איז פאַרמישפט צו זען ווי „צוועלף פענצטער זענען צעפראַלט", אָבער קיין אַנטרינונג איז ניט פאַראַן און אויך ער מוז „משלים זײַן". ער קעמפט ניט, וואָרעם אַזוי איז באַשערט און ער טוט אָן די מאַסקע „טויט". דאָס איז לעצטער סך־הכּל.

דער אײַזנמאַן־משל איז ווי אַ מושל, וואָס אין אים זשומט אַ ים מיט ציטערדיקער בענקשאַפט. די קוים 2־בלעטערדיקע מיניאַטור „פאַנאַגאַליאַ" איז אַזאַ מוסטער. אַגבֿ, אין אַ געוויסן זינען דערמאָנט עס אָן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע: בלומען, ריחות, געמיט: אפשר דערפאַר איז „מײַן באַגערטע, די אינדישע פרינצעסין"... די און „אַלטמאָדיש", „די לעצטע נאַכט", „ס'האָט מיך אַ זשאַבע

פֿאַרשאָלטן״, וואָלט אונדז ניט געוווּנדערט צו זען עס אין ליד. אַוודאי וועט ניט איין לייענער זיך ברעכן דעם קאָפּ צו דעשיפֿרירן די פּלאָטער־פֿליטערלעך־שפּי־לערײַען אין דער ליטעראַרישער וויטרינע פֿון צבֿי אײַזנמאַן.

דער מענטש און זײַן גורל איז דאָך איבער אַלעם. ס׳געדענקען זיך נאָך 3 שטאַרקע דערציילונגען אין „די באַן״: אַזאַ מעלאַנכאָליש־אומעטיקער כאַראַק־טער ווי „אירענאַ״; אַ ביאָגראַפֿיש אויסנעמיקע, ווי „אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענער באַן־סטאַציע״, און די פּסיכאָלאָגיש־דראַמאַטישע „יגאל האָט חתונה״. אין זעלבן זשאַנער זענען אויך די נײַע דערציילונגען. פֿון אַן איינציקן עפּיזאָד קען אײַזנמאַן אויסכּלעכטן אַ פֿאַרכאַפּנדיקע דערציילונג. זי וועט האָבן האַנדלונג, אָבער ניט קיין סענסאַציע, וועט זיך אָנהייבן אין אַ מיטן און פֿאַרענדיקן אין אַ מיטן, און ס׳וועט נאָך איבערבלײַבן עפּעס אַ גוט „שטיקל״ צום לייענען... דאָס רובֿ קומט עס פֿאַר אין דערמאָנונגען און טראַכטענישן פֿון נעכטן און הײַנט, וואָס איז דער עסענץ פֿון געמיט און שטימונגען. די נעכטן־הײַנט־קייטלונג איז די זכרונות־וועלט פֿון די שואה־יאָרן מיט דער הײַנטיקער ישׂראל־וואָר. צבֿי אײַזנמאַן ווייס די קונץ ווי אָנצוצינדן אַ פֿונק אין זכּרון און אויפֿליכטיקן שטיקער געשעענישן, מענטשן. זיי זענען ליכט־שאָטן־וואָר־חלום־מעשׂהלעך, ווי אָפּגעבראָכענע שטיינ־שטיקער פֿון האַרטן לעבן. זיי זענען ניט טרויעריק און ניט דערפֿרייענדיק, נאָר אומעטיק־נאָכטראַכטעריש, מיט פֿונקען פֿון גלויבן און האָפֿענונג. זיי פֿאַרמאָגן אַלע ביטערקייטן און זיסקייטן פֿון לעבן. דער קלימאַט איז גורלדיק, טראַגיש, אָבער אויך טרייסטנדיק. די מענטשן האַנדלען, פּסיכאָלאָגיש, ווי מענטשן אין זייער לאַגע און תּנאים דאַרפֿן האַנדלען. ער ברענגט אַרויס פֿון זיי דעם תּוך, דעם קערנדיקן אינהאַלט („די פּרוי פּונעם העלד״, „דער טייטלבוים״, „דער ניט אָוועקגעשיקטער בריוו״). מעג זייער מאַטעריאַל און זשאַנער זײַן אַ פֿאַרשיידנאַר־טיקער, איז עס אַלץ איינס דאָס לעבן פֿון אַ גרויסער ייִדישער וועלט אין אומקום און אויפֿקום. אין דער וועלט זענען חורבן און תּקומה צוזאַמענגעשמאָלצן אין די הערצער פֿון די עלנטע מענטשן — און אין זייער נעכטן־הײַנט־סינטעז האָט צבֿי אײַזנמאַן אַרײַנגעבלאָזן קינסטלערישן אָטעם. זײַנע דערציילונגען — די גרייס פֿון קליינע דימענטלעך, וואָס אין זיי פֿינקלען אַלע קאָלירן.

פֿון כּתבֿ־יד, 1975.

ג

אין אײַלעניש האָט צבֿי אײַזנמאַן מיר אַרײַנגעשטופּט אין האַנט זײַן דין ביכעלע, נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן: — כ׳מוז גלײַך צוריקפֿאָרן אַהיים. לייענט עס... ס׳איז געווען אין זאַל פֿון תּל־אָבֿיבֿער מוזיי, אין אָוונט פֿון צו־טיילן דעם מאַנגער־פּרײַז, קורץ פֿאַרן אָנהייב. כ׳האָב עס געלייענט, און ווידער האָבן געפֿינקלט קליינע בליציקע דימענטלעך.

צבֿי אײַזנמאַן האָט זיך אין זײַן ליטעראַרישער קרעאַציע פֿאַרנומען אויפֿן סאַמע קירצסטן וועג. ער האָט אָנגעצייכנט כּמו דערצייל־קאַרטעס, וואָס בײַ

זייער גרענעץ, בײַם סוף־פּסוק, דאַרפֿן זיי דערלייענט ווערן, דערגיין ווײַטער ווי דער גבֿול פֿון זייער קיצור. די מיניאַטוריקע מיניאַטורעלעך פֿאַרמאָגן ס'ליכט פֿון קליינע סטאַציעלעך, איבער וועלכע זײַן ליטעראַרישע באַן צעפֿירט אונדז. פֿאַראַן געווּג אָנווײַז־סימנים פֿון דעשיפֿרירן דעם סוד־הצימצום. אין קלענסטן אָפּטייל, „בילדער פֿון אַ נסיעה", איז אַרײַנגעפּרעסט גאַנץ אַמעריקע אין 11 קליינע זײַטעלעך, ווי מיקראָפֿילמירט אין אַ ספּעציעלן אײַזנמאַן־כּתבֿ. די מולטי־מיליאָניקע וועלטשטאָט, ניו־יאָרק, איז אַרײַנגעדריקט אין יידיש־אַטאָמעלעך פֿון אָנדערטהאַלב צענדלינג שורהלעך. ס'איז אַ גוואַלדיקער קינסטלערישער חוש פֿאַר בילד און שטימונג, וואָס דאַרפֿן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין סינאָנים פֿון דעם טראָפּן וואָס רעפֿלעקטירט דעם ים. די קאָמפּאַקטע עקסקורסיעס אין דער וועלט, שטאָט, מענטש, ייִד, אַטמאָספֿער, געמיט, זענען פֿענפֿערל, מיטן באַהויך און באַטוי פֿון אַ ספּעציפֿיש אײַזנמאַנישן סטיל — דער זעלבער אײַזנמאַן וואָס זײַן באַן שנײַדט זיך דורך מרחקים מיט די קירצסטע ליטעראַרישע וועגן. ס'איז אַ זעלטענע נאָוואַטאָרישקייט, אין וועלכער ער לאָזט פֿאַרבײַשווינדלען פֿאַרן אויג אַ קאָנדענסירטע וועלט — און דאָס איז די ראָזשינקע פֿון זײַן יעדע קורצינקע מעשׂהלע. די מעשׂהלעך קומען מיט דער סענסאַציע פֿון קורצע בליצלעך, און פֿאַרשאַפֿן הנאה מיט זייער אויסגעטראַכטער שפּילעוודיקייט. זיי וואַקסן, פֿון בענקשאַפֿט און געדענקשאַפֿט, אַפֿילו אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן, ווי געשיכטן פֿאַר גרויסע קינדער

אָט, למשל, לאָמיר נעמען די טיטל־מעשׂה, קוים 4 זײַטן — און שוין פֿון די גרעסטע אין בוך. די אויסטערלישע נאַטור־שילדערונגען רופֿן זיך איבער מיט ווײַטן און צײַטן אַזש פֿון חומש. ס'ווערט גלײַך פֿילעוודיק די גײַסטיקע שײַכותדיקייט צווישן נעכטן־הײַנט, צו וועלכער דער מחבר צילט. אין אַ רגע זענען מיר שוין אין דער נײַ אויפֿגעבויטער וואָר, ווו די דימענסיעס זענען פֿאַרשפּרייט צום מאָנאָליטישן יידישן גזע. דאָס קומט אויף, מיט פֿרישקייט, דערמאָנונג און זעונג: פֿון בעדווינישן אויסוועב פֿון בילדער גליט־אויף די חומש־פּרשה, ווי געלערנט מיטן רבין אין חדר, צוזאַמען מיטן אומהעריקן געקלאַנג פֿון קאַראַוואַן קעמלען, אויפֿגעכאַפּט און געזען דורך דער טרויעריקער פּריזמע פֿון געטאָ. ס'איז די מעשׂה פֿון טראַגישער הײַנטצײַטיקייט, פֿאַרבונדן, דורך טויזנטער יאָרן, מיטן לעגענדאַרן עבֿרים־שטאַם און זײַן לאַנד. עפּעס פֿילן מיר דאָ, אַז דורך די גאָלדענע זאַמד־שטחים פֿון לאַנד און פֿאָלק שפּינען זיך די געשיכטן פֿון געדענקען: למען תּזכּורו!

דרײַ סילועטן פֿון „אַ לאַנגע שורה קעמלען — — באַלויכטענע מיט דער רויטקייט פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון", זעען מיר, אין שוואַרץ־ווײַס, אויף דעם אײַנבונד־טאָוול פֿון ביכל. ס'איז דער סימבאָל וואָס אינטערפּרעטירט צום בעסטן די מיניאַטוריקע דערציילונג פֿון צבֿי אײַזנמאַן. דער ג מ ל איז דער סוד פֿון די דורכגעטאָפּטשעטע מער ווי 3000 יאָר, וואָס בינדט אונדז, ווי אַ פֿאָלק, מיט דער דזשעט־ערע. איז עס אפֿשר אויך אַ מין אָנטײַט אויף דער קינסטלערישער

סגולה פֿון מחבר: אײַנצופֿעדעמען אַ שיינע מעשׂהלע דורכן לעכל פֿון אַ נאָדל... און אפֿשר טאַקע וואָלט מען זיי דאַרפֿן „מעבֿיר־מעשׂה" זײַן, מיטן טראָפּ פֿון חומש. זע איך די אַלע מעשׂיות און געשיכטן, ווי קליינע ליטעראַטור־פֿאַנטאַנד־לעך וואָס זענען צעשפּריצט קעגן זון. און ס'איז פּשוט ניט מיגלעך די אַלע שפּריצלעך דורכצובליקן מיטן קריטישן לאָרנעט, ווי מיר וואָלטן עס ווען. ס'איז אַ ברייט און גרויס לאַנד — אין צײַט און שטח — וואָס לאָזט זיך בשום־אופֿן ניט פֿאַרגעסן, פּונקט ווי מ'קאָן ניט פֿאַרגעסן די מעשׂהלעך פֿון צבֿי אײַזנמאַן. ס'איז דער ליכטיקער כּישוף פֿון די זכּרון־קנעפּלעך, וואָס צינדן זיך אין אונדז ווען מיר פּרעסן אויף זיי.

מיט דער געדענקשאַפֿט־מתּנה, פּלוס טאַלאַנט און פֿאַרשטאַנד, שרײַבט צבֿי אײַזנמאַן „אַ פּאַרצײַטישע געשיכטע", „אַ מעשׂה־נורא אין אַ מילדן, פּרילינגדיקן טאָג" און „אַ מעשׂה וועגן אַ שוואַרצן און אַ ווײַסן טויט". בפֿרט אָבער איז בולט דער ווונדערלעך־טרויעריקער אָפּטייל „קליינע שפּליטערס פֿון דער גרויסער מלחמה" — און אַלץ אין איינעם איז עס אַ דוגמא פֿון קערנדיקער בזעיר אַנפּין־ליכט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער ליטעראַרישער שאַפֿונג פֿון צבֿי אײַזנמאַן.

פֿון כּתבֿ־יד, 1983.

ב

## שטילקייט, אומעט, בלי

רבֿקה באַסמאַן: טויבן בײַם ברונעם — לידער פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ, 1959. שער־בלאַט פֿון מולאַ בן־חיים. סעריע „יונג־ישׂראל 4. 109 זז׳.

### א

רבֿקה באַסמאַן, אַ חבֿרה פֿון קיבוץ „המעפּיל״, האָט צוגעטראָגן דער ייִדישער דיכטונג אַ נײַ בוך לידער טויבן בײַם ברונעם. דער טיטל אַליין, מיט זײַן טויבן־סימבאָל, איז שוין אַן אָנדײַט אויף ליבשאַפֿט, בענקשאַפֿט, צאַרטקייט אין די לידער. זענען טאַקע די לידער ווי דינע אויסשטראַלונגען פֿון איר ליִרישן געמיט. זי זינגט, מיט שטילן אומעט, אױ וועגן הײַנט און אױ וועגן נעכטן.

רבֿקה באַסמאַן, וואָס האָט געבראַכט קיין ישׂראל איר יונג געראַטעוועט לעבן, זינגט דאָ, אין איר נײַער היים, ווײַטער „דאָס ניט דערזונגענע ליד״ פֿון די פֿאַרלעבדטע ייִדישע דורות. און די לידער, וואָס דערציילן וועגן יענע גרויליקע טעג, זענען שטיל־שטילע, באַהויכט מיט אַ קלאָרן דורכזיכטיקן טרויער. קיין קאָשמאַר, קיין געשריי, נאָר די קלאַנגען פֿון געלײַטערטן אומעט. זי „זאָגט אָפּ״ אַ ליד אין עטלעכע געפּרעסטע ווערטער, אין אַ קורצער שורה. די ווערטער טוען אַ ציטער אין האַרצן, די שורה, ווי אַ דינע סטרונע, טוט אַ צאַפּל אין געמיט. עס איז די אָנגעשטימטע נאָטע פֿון עכטן געפֿיל, וואָס ווירקט נאַטירלעך און אוממיטלדיק. דער שפּעריש ליִרישער אָטעם וואַרעמט די לידער, וואָס רופֿן־זיך־איבער מיט דער שטימונג פֿון לייענער, און ווירקן באַרויִקנדיק.

מיט דער דיכטערין איז מיטגעגאַנגען אין איר נײַער היים די פֿאַרלוירענע ייִדישע וועלט. „זיי קומען אין בלויער פֿאַרנאַכטיקער שעה״ צו איר טיר און מיט זיי קומט די שטילקייט, וואָס הערט זיך צו צו זייער קלאַנגלאָזן „שפּאַנען אויף אָוונטיק־בלוילעכע בערג״. די שטילקייט איז בײַ רבֿקה באַסמאַן דאָס עלעמענטאַרע געפֿיל, בעת די דאָזיקע דיכטערישע זעונגען, „ווען דורות קוקן שטילערהייט״ און „שוועבן זיי ווי טויבן״. און ניט נאָר אין ענגן צימערל, אַפֿילו אין פֿעלד — „פֿון גאַרבן הייבט זיך אויף אַן אומעטיק ליד״. שעפּטשעט טאַקע איר ליד מיט קדושה־שטילקייט, ווײַל „זיי קומען שטילערהייט״... „נאָר אַלע שווײַגן זיי — זיי זײַנען טויט״.

דאָס זענען לידער פֿון טיפֿער ערפֿורכט פֿאַר דעם לעבן וואָס איז איבערגעהאַקט געוואָרן. מיט די שטילסטע טענער ווי־ברירן אירע לידער, אָבער זי מײַדט

אויס, ווי מיגלעך, דעם אויסדרוק טויט. ער איז ניט פֿאַראַן אַפֿילו ווען זי זינגט וועגן אים. די ווערטער זענען אײַנגעהאַלטן, באַשיידן, די שורות — קורץ, געצוימט, ווי דער באַריר פֿון אַ סטרונע. די דיכטערין זינגט אויס דעם טרויער, וואָס „די פֿרײַנט, די פֿאַרלאָרענע" וועקן אויף אין איר מיט זייער אָנקום. זי זינגט וועגן איר קליינעם ברודער, וואָס זוכט „אין ימען זײַן אַשיקע טרער". און די טרער ווערט אַ מעטאַפֿאָר פֿאַר שפּראָץ און פֿאַר לעבן — זי איז „אין אַ ביסן ברויט", און „פֿון טיפֿער ערד שפּראָצט אַרויס אַ קערן ווי אַ קינדער־טרער". ס'איז „דאָס ניט דערזונגענע" ליד פֿון די אַלע, וואָס בלאָנדזשען אום מיט הייליקער שטילקייט אין עולם־הדמיון פֿון דער דיכטערין. אַלע שווײַגן — „קומען קינדער און זיי שווײַגן", — זיי שווײַגן מיט טויט־שטומקייט. מען האָט דאָך שטאַרבן ניט געוואָלט, אויך אונדזער אַלט־באַקאַנטע סימבאָלישע פּאַווע „וויל ניט שטאַרבן, כאָטש די אויגן זײַנען טויט".

דעם „אומעטיקן ניגון" פֿון „שעפּעלעך פֿאַרברענטע" האָט רבֿקה באַסמאַן טראַנספּערירט און איבערגעפֿלאַנצט אויף דעם נײַעם באָדן, אין נײַ־אויפֿגייענדיקן לעבן פֿון מדינת־ישׂראל. זי פּרוּווט איבערגיין צו דער פֿרייד פֿון שעפֿערישן בלי. די סימבאָלן פֿאַרוואַנדלען זיך אין ערדישע, וואָרצלדיקע: „פּלוצים אַנטפּלעקט זיך פֿאַר מיר / דײַן ווײַטער טאָג פֿון ניט־הי, / וואָס זינגט זיך אין וואָרצלען אַרײַן / און בעט זיך צום בלי".

בײַ דער דיכטערין „ווערט די טרער אין זון פֿאַרוואַנדלט". די לידער הייבן זיך אָן אויסלײַטערן פֿון שטילן, טונקעלן אומעט. דאָ און דאָרט צאַפּלט נאָך אויף געוויין, אָבער זי זאָגט שוין צום פֿייגעלע: „דו וועסט מיר ברענגען זוניקע לידער". דער אומעט שטרײַפֿט זיך דורך מיט זוניקייט, דער עלנט פֿון הײַנט פֿלעכט זיך דורך מיט דער בענקשאַפֿט צום מאָרגן. זי גייט איבער פֿון שווײַגן און פֿאַרשווײַגן דעם טויט צו דער שטילקייט פֿון בליִענדיקן לעבן, ווי „ביימער שווײַגן און שווײַגן". ווי אַ תּפֿילה קלינגען אירע ווערטער צום בוים: „העלף מיר אין די טעג פֿאַרהיטן דײַן ווײַסן טרוים". די פֿאַרבן פֿון איר חלום־ליד בײַטן זיך פֿון טונקל אויף העל. עס איז אַ געראַנגל פֿון געמיט, אַן איבערבראָך וואָס זוכט לײַטערונג, דעם וועג צו זון און צו זיך.

ב

אין צווייטן טייל, „לבֿנהשע פֿליינעך", קומט דאָס פּאַרטיפּטע שטימונגליד, וואָס איז אויך געפּאַסט אין דער קורץ־אָטעמדיקער שורה. די לבֿנהשע פֿליינען כּישופֿן מיט פֿאַרפֿירערישן חלום־שײַן, די איינזאַמקייט דאָמינירט, די בילדער בלאַס־דורכזיכטיקע. די לידער צווינגען זיך צו פֿאַרטראַכטן. מען פֿילט עפּעס אַ ניט זיכערקייט אין דעם געזאַנג, ווי די דיכטערין וואָלט פּלוצלינג ערגעץ פֿאַרבלאָנדזשעט, אַליין, אומרויִק און פֿרעמד אויף דעם לבֿנהשן וועג: „געטרוי ניט קיין שלאָף דעם לבֿנהשן וועג". איר אומרו גיט זיך איבער צום לייענער. די דאָזיקע לידער ווירקן פֿריש און זאַפּטיק. איבער הויפּט צייכנט זיך אויס דער

ציקל „פייגל אין אָוונט". די נאַכט, דער בוים, די לבֿנה און דער חלום באַקומען דאָ אַ שטאַרקן אויסדרוק, ווי אַ פּאַטעטישער נעפּל וואָלט זיך לופטיק און לײַכט געשפּרייט איבער „דעם זעלביקן ניגון" — „די זעלביקע טרוימען וואַכן מיט מיר..." און „בײַנאַכט ווערן ביימער מענטשן, באַגרינט מיט רו". יאָ, אין דער אומווירקלעכקייט פון די לבֿנהשע פליינען האָט בלויז דער חלום אַ צוטריט: „ווען אַלע טויבן שלאָפן אין גרינעם הויז / טיר און פענצטער אָפן / פאַרן חלום בלויז".

דעמאָלט קומט דער ווונדער פון לידגעבורט — עס ווערט אויסגעוואַר־קעט, ווי בײַ די טויבן, אין ווערטער.

די גרעסטע אָפּטיילונג פון בוך, „אין פעלד", איז ווי דאָס פאַלן פון הימל צו דער ערד... עס איז דאָס דערנענטערן זיך צו ווירקלעכקייט, צו ערד, „וואָס איז אָנהייב פון פאַרזוי". עס איז אויסזינג צום מאָרגן, באַהעפטונג מיט דעם נײַעם לעבן, מיט דער נײַער היים, מיט דעם נײַעם לאַנד. די זכרונות פון פאַר־גאַנג פאַרבלאַסן. דאָ איז די דיכטערין מתפּלל „אַז אַ שטיין זאָל בליִען". זי וויל שוין דערזען דעם „ששאָם, וואָס זינגט און זינגט טיף אין וואָרצל אַרײַן". אָבער מערקווערדיק, אַז אין די לידער געפינען מיר ניט קיין נעמען — ניט פון אַ לאַנד, ניט פון אַ שטאָט, ניט פון אַן אָרט — און דערפאַר באַקומט זיך אַלץ מאָדנע אַבסטראַקט, עס שאַפט ניט קיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַ סבֿיבֿה אין וועלכער און וועגן וועלכער די דיכטערין זינגט. אַלץ איז געפיל, אָנדײַט, אָנווונק. עס פעלט דער אינטימער און דירעקטער אויפקלאַנג פון עפּעס וואָס איז איר נאָענט, היימיש, פון אַ ליבן נאָמען. עס זענען ברעקלעך און גרעסערע שטיקער שטימונג, אָן וועלכן ניט איז שײַכות צום לעבעדיקן מענטש און זײַן אומגעבונג. אָט, למשל, אַ ליד, „די ערשטע", וואָס קאָן זיך גרײַלעך רופן חלו־צים, די, וואָס „האָבן די ערשטע געחלומט אַ היים": „אויב קומט איר צו שטאָט דורך זוניקן טויער / צו גאָט און צו היים, — / פאַרגעסט ניט די בויער, די איי־ביקע בויער — / דעם חלום פון ליים".

דער דיכטערין, אַ פּנים, איז מער פון אַלץ וויכטיק „דער חלום פון ליים". דעריבער בלײַבן אומבאַקאַנט די „אַבסטראַקטע" בויער, ווו און ווען האָבן זיי געבויט? ווי הייסט זייער שטאָט? עס איז געוויס לײַכט זיך אָנצושטויסן ווע־מען און וואָס זי מיינט, אָבער מיר האָבן דעם פאַרלוסט פון אָפּטישן דערפילן דעם רעאַלן נאָמען, וואָס דאַרף זײַן „דער חלום פון ליים". אַ סך גרויסע דיכ־טער האָבן ניט אויסגעמײַדט קיין נעמען — עס האָט געווירקט אויף דער אַסאָ־ציאַציע מיטן אינטימען באַריר פון עפּעס אייגנס, נאָענטס. צום ערשטן מאָל זעען מיר אַ נאָמען איבער אַ ליד: ירושלים, און עס ווירקט בעסער, הגם אין גאַנצן ליד איז קיין איין מאָל דאָס וואָרט ירושלים מער ניט פאַראַן. אַ צווייטן מאָל טרעפן מיר אַ נאָמען פון אַ מענטשן: פאַר אַריה שמרי, ווי אַ טיטל. אַב־סטראַקציעס אין פּאָעזיע, דערצו אויסגעפילט מיט שטימונגען, מאַכן מיד דעם לייענער, וואָס מוז זיך אָנשטרענגען און פאַרטראַכטן איבער דאָס געזאָגטע. דאָס

איז אפשר די הויפּט־סיבה פאַר וואָס דיכטונג בכּלל, ובפרט אַזאַ וואָס איז פול מיט רמזים און צירופים, האָט ניט קיין ברייטע לייענער־קרייזן. נאָר דער פיינ־שמעקער דערפילט איר באַטעמטקייט און פאַרשטייט אָפּצושאַצן איר הויכן ווערט. אין די לידער, „טויבן ביים ברונעם“, איז פאַראַן מאַנגל אין בילד און צו וויניק שפּיל פון פאַרבן. מיר זעען אַ סך אָוונטדיקן גרוי און נאַכטיקן בלוי, און בלויז שפּליטערס פון מער העלערע קאָלירן.

ג

רבֿקה באַסמאַן, הגם נאָך יונג, האָט אָבער שוין געפונען מער־וויניק איר דיכטערישן וועג. זי שעפּט פון איר אייגענעם קוואַל — דעם קוואַל פון אייגנ־אַרטיקע שטימונגען און פילונגען. איר שטיל געזאַנג צעבליט זיך ערשט. זי יאָגט זיך ניט נאָך פּרעמדע און פּוסטע קלאַנגען. אין דער אָפּטיילונג, „אין פעלד“, זענען פאַראַן שטאַרקע, טיף־אַדורכגעפילטע לידער. דורך זיי קומט צום אויס־דרוק די ליבשאַפט פון דער דיכטערין פאַר איר סבֿיבֿה, פאַר דעם בוים ביי איר שטוב, פאַר דער זריעה וואָס זי זייט, און פאַר די לעבעדיקע שעפּעלעך וואָס פּאַשן זיך אויף די פעלדער, און מערקווערדיק — מער שעפּעלעך ווי טויבן. זי זינגט „דאָס ליד פון בלי“, דאָס דאָזיקע ליד ברענגט זי צו אונדז פון פעלד, ווייל „אין פעלד בין איך נענטער צו יענער זייט זון, צו דיר און צו גאָט“.

די לעצטע אָפּטיילונג, „ביים ברונעם“, און מיר זוכן דעם סימבאָלישן ברו־נעם פון בוכטיטל, פון וועלכן די טויבן שטילן זייער דאָרשט. אין די ערשטע לי־דער פילט זיך לייכטקייט, געצוימטע פרייד פון קינדישן גליק, געזעגן מיט די קלוגע דערפאַרענע אויגן פון אַ דערוואַקסענעם. ווידער זריעה, פּרוכטן און בענקשאַפט צום גרויסן טאָג: „ווער וועט אים איין מאָל דעריאָגן? אפשר אַ פויגל און אפשר אַ קינד מיט גאָלדענע פּרוכט אין פאַרטאָגן“. ס'איז „דער אומעט פון אַ וועג“ — פון יעדן וועג. שטייען מיר ביים „טרוקענעם ברונעם“, וואָס „די יאָרן באַדעקן מיט מאָך“, און דורך דער דיכטערינס אויגן דערזעען מיר די בענקשאַפט „אַהינטער די מאָכיקע טיפן“: „ס'איז דיינע מיין קינד / און אפשר אויך מיינע. / דער ברונעם איז טונקל / נעמט שיינען און שיינען“.

און דאָס לעצטע ליד, „פון וואַנדער“, בעת די דיכטערין נעמט אויף זיך און אויפן קינד די נייע שליחות פון מי און געזאַנג: „אַהער ברענג מיין קינד דעם לאָגל / און לאָמיר אַרויס צום פעלד. // פון נאָענט וועלן זינגען קער־נער / און דו הער זיך איין און זינג מיט“.

עס איז דאָס ערשטלינג לידערבוך פון רבֿקה באַסמאַן. פון די לידער גייט אויף אַ שטיל און פיין געזאַנג פון זריעה און בלי, וואָס וועט נאָך ברענגען פיל פּאָעטישע רייפע פּרוכט.

דרום־אַפריקע, אויגוסט 1959.

# יידישע לידער — אין ענגליש

Sighs in the wind — Poems by Arieh Bustan. Rendered into English by Florence Louie Friedman. Drawings by Ernest Ullman, 104 pp.

## א

אַריה בוסתן האָט אַרויסגעגעבן זײַן בוך לידער, זיפצן אין ווינט, בעת ער איז געווען גענעראַל־קאָנסול פון ישׂראל אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע. דער אָריגינעלער נאָמען פון מחבר, ווי מיר דערוויסן זיך פון לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, איז גרושקאָ. אין 1945 איז אין מעקסיקע אַרויס זײַן בוך לידער: געוועזן אַ הויז אין פוילן.

אין „פאָרווערטס" דערפילן מיר דעם אמתן יידישן זיפץ אויף היים און לעבן און לשון, וואָס זענען טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן. מיט בענקשאַפט דערמאָנט ער זײַן עבֿר: געבוירן אין אַ שטעטל, לאַפּעס, לעבן ביאַליסטאָק, פוילן.

צו אַכצן יאָר איז בוסתן געקומען אין דער „קליינער, שיינער, רויִקער קאָסטאַ־ריקאַ", וווּ ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַן אַנדער וועלט און אַ נײַ לשון — שפּאַניש. די לידער, שרײַבט ער אין פאָרוואָרט, זענען געשאַפן געוואָרן אין שפּאַניש, אָבער ווען מ'פאַרזוכט דעם טעם פון די לידער, דערפילט מען זייער יידיש היימישן קלימאַט, און אויך זייער זיפץ. איז דאָס דער זכות פון מחבר, וואָס מ'קען זיי קלאַסיפיצירן ווי יידישע לידער אין ענגליש. מיר פילן דעם יידיש־נשמהדיקן קלאַנג, וואָס איז אַ סימן פון זייער יידישער עכטקייט, מה דאַך די טעמאַטיק איז אומקום און תקומת־ישׂראל.

אַריה בוסתן האָט אויפגעכאַפּט מער פון וויגעלע־לשון, ווי פון שפּעטער אַדאַפּטירטן שפּאַניש. ער אַליין איז דער עדות, ווען ער קאָנפראָנטירט, אין „פאָרוואָרט", דעם „קלינגעוודיקן מעלאָדישן שפּאַנישן לשון" מיט יידיש. ער זאָגט: „דאָך, האָב איך געוווּסט אַז עס קען ניט פאַרבײַטן מײַן היים־לשון — יידיש — דער סאַמע תּמצית פון מײַן האַרץ און נשמה. אָ, ווי שטאַרק כ'האָב געליבט דאָס לשון וואָס מײַן מאַמע האָט גערעדט". און ס'וואָלט אַוודאי ניט נאַטירלעך געווען, אַז מ'וואָלט עס ניט דערפילט הינטער די ענגלישע שורות. אַזאַ איז דער תּוך און תּוכן פון די לידער.

די לירישע אומעטיקע אַטמאָספער צאַפּלט־אויף בײַם אויפקלאַנג פון ערשטן ליד וועגן זײַן פאַרגאַזטער שוועסטער. דער גאַנצער ציקל קלאָגלידער איז אונ־טערן סימבאָלישן טיטל: „מײַן שוועסטער — אַ פלאַמיקע ליליע אין אויוון". די פּאָעטישע מעטאַפאָרן שײַנען ווי טרויעריקע יאָרצײַטליכט. די שטילקייט איז אינזיכיק פאַרקלעמט, ציטעריק, ווי קליינע תּפילות, ווי גאַזווע שאלות. דער בלחש־טאָן קלאַפּט ניט מיט רוגזה אין גאָטס הימלען, נײַערט אין אייגענעם האַרצן. אַזוי וויל ער פאַרשטילן דעם שוידער און ווייטיק מיט ווערטער, ווײַל גאָט איז ווײַט און ער קען אים ניט גרייכן.

די מעטאַפאָרן זענען ס׳רוב געגומען פון קלאַסיש־פּאָעטישן לעקסיקאָן, די סימבאָלן — פון תּנך און פאָלקלאָר. אַזערעס, טויבן, סיני, סנה און אייביקער שבת, מישן זיך אין די שורות: די הימלען האָבן דעם קאָליר פון סיני, און די שוועסטער איז פאַרגליכן מיט פרילינג, געבלי און זײַדיקער הויט פון אַ קינד: „הײַנט שרײַב איך, מײַן שוועסטער, דײַן אומשטאַרביקע געשיכטע פון נצח, הלוואַי זאָל זײַן ליכט נאָך אײַך מאָל געפינען דעם וועג צום סיני־בלוי פון די הימלען". די געדאַנק־ און נאַטור־אַטריבוטן, גיבן די לידער דעם ספּעציפישן ריח פון איבערערדישקייט. די ברודער־ליבשאַפט מאַכט די פאַרוואַנדלונג אַזוי אויס־טערליש, אַז אַפילו „יענע דזשאַנגל־חיות אין מענטשן־געשטאַלט" זענען „געווען געצוווּנגען צו דערבליקן אַ הימל אין דײַנע אויגן". דאָס אידעאַליזירן די שוועס־טער, אין ליכט פון אוישוויץ, קומט פון ווײַטן הינטערגרונט פון דערמאָנונגען, ווען „דו ביסט געשטאַנען בײַם מאַמישן קוואַל, — ס׳האָט אויסגעזען ווי דו וואָלסט געווען אַרומגערינגלט מיט שפּיגלען".

די שפּיגלדיקע בענקשאַפט, רעפלעקטירט אויפן הימ־הינטערגרונט און דעם ייִדישן אונטערגאַנג, איז קאָנדענסירט און אַרײַנגעפּרעסט אין איין חורבן־קערן — די שוועסטער. אין דעם מיקרא־קאַטאַקליזם ווערט נאָך בולטער די ריזן־דימענ־סיע פון ייִדישן אומקום. די גײַסטיקע אַטמאָספער פון די לידער און די אַטרי־בוטן פון דער פאַרגאַנגענער וועלט, מאַכן פּילעוודיקער די טראַגעדיע: בערג מיט ליליעס וואָס די פלאַמען האָבן פאַרצערט. זי קען זײַן אַ שוועסטער פון יע־דערן פון אונדז, וואָס מ׳האָט איר נאָמען „מיט אַ גומער פאַרביטן".

אַ האַרץ מיט ליבשאַפט, מיט טרויִם און נאָסטאַלגיע, האָט בוסתּן אַרײַנגע־קנאָטן אין די געזאַנגען, ווו צום סוף קומט אַ ליד „אין געדענקשאַפט פון מײַנע עלטערן".

ב

דער צווייטער אָפּטייל, „אין דעם לאַנד פון זוּנגען און ברענענדיקן סנה", איז אַ קראַנץ פון שטילע לידער, הימנעס פאַר ישׂראל. ווי אין ערשטן טייל קומט ניט דאָס געשריי און געיאָמער אויפן חורבן, אַזוי קומט ניט דאָ קיין אויסברוך פון עקזאַלטאַציע מיטן אויפקום פון ישׂראל און אירע נצחונות. דאָס זענען טיף־דורכגעלעבטע וויזיעס פון אינערלעכן תּענוג בײַם דערפילן דעם כּישוף פון

לאַנד, בילדער, חלומות, זײַן אַמאָל און זײַן הײַנט. די געוואַנגען אינטערפּרעטירט, מיט שטאַרקן אויסדרוק, די צייכענונג פון ערנעסט אולמאַן: דער באָרוועסער לירע־שפּילער (אָדער דוד המלך?) אויפן פּאָן פון אַלט־נײַעם ירושלים. ס'הייבט זיך אָן מיט „די טעכטער פון לוט" — אַ ליד מיט מאָדערנע ראַפינירטע סימ־באָלן, אָבער ניט חומשדיק. דאָס צווייטע ליד, וועגן ישׂראל, „דײַנע גרענעצן" — לאַנד און קאַמף. די אַנדערע זענען מײנסטנס אין נוסח פון לירישער פאַרשפּילט־קייט מיט דער לאַנדשאַפט. לאַנד־און־פאָלק־אידענטיפיקאַציע איז דער מעדיום פון די לידער. דאָ ווירקט אַ סוביעקטיווע אוממיטלדיקע צוגעהעריקייט צו די פאָלק־לאַנד־עלעמענטן. די לירישע סטרונע קלינגט קלאָר, ריין, אָן סענטי־מענטן און אָן עמאָציאָנעלער איבערגענומענקייט. דאָ און דאָרט ווערט דערמאָנט אַ תּנכישער נאָמען, אָרט, געשעעניש, אָבער ניט אין פאָלקסטימלעכן זינען. אין אַ פּאָר לידער קומט ישׂראל מיט אַן אויסרוף־צייכן: „ישׂראל! — דײַנע גרענעצן נעמען אַרום שטחים ווו דײַנע זין האָבן געקעמפט מיטן גאָט פון יונה און איובֿ, און זיי האָבן בלחש געטרויערט אויף ניט מקוים־געוואָרענע נבֿיאות". אין אַ צווייט ליד: „ישׂראל! — דאָס ליכט פון מײַן פאָלק, ווען דײַנע חורבֿות פאַרבאַהאַלטן דיך פון פרעמדע אויגן, קענען זיי קיין מאָל ניט פאַרשטעלן פון דײַנע געטרײַע קינדער דעם בלענדיקן שײַן פון דײַנע פענצטער".

אין די קורצע און שטימונגפולע ישׂראל־לידער איז ניטאָ קיין לעבעדיקער פּראָטאָטיפּ, אָבער אין זיי איז פאַראַן אַ סך מער ווי בלויז דער פיזישער סינאָנים פון מענטש, אין זיי איז פאַראַן די נשמה פון לאַנד און דער לעבעדיקער אָטעם פון איר נײַעם ייִד: זײַן געמיט, זײַן צאַפּלדיקער גאַנג און אויפבוידראַנג. יע־דער ייִד קען ישׂראל, דעם תּנך, דעם כּותל־מערבֿי און ירושלים. ער דאַרף נאָר אַריבערבריקן די צײַט פון דער ביבלישער לאַנדשאַפט צו דעם מאָדערנעם מושבֿ, קיבוץ און שטאָט, פון ישעיה הנבֿיא צום חלוץ און בויער, און ס'איז מער ניט אַבסטראַקט. דער היסטאָרישער נעכטן מיטן הײַנט ווערן פאַרבונדן אין די לידער.

ג

דער דריטער אָפּטייל איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע טעמאַטיק, ברייט באַ־קאַנט אין דער פּאָעטישער וועלט: ליבע און ליבשאַפט. עראָס געוועלטיקט מיט געפילן פון בענקשאַפט און אומעט. אין דעם זשאַנער באַנײַט מען ניט, חוץ אין אויסנעמפאַלן, אָבער גענוג אַז אַ דיכטער טראָגט אַרײַן אין כּלל־אָרקעסטער זײַן אייגענעם קלאַנג. אַזאַ אינדיווידועלער טאָן קען ווערן אַ באַזונדערער ניגון אין ליבע־געזאַנג און אַפּעלירן צו יחידים פון פאַרשיידענע סבֿיבֿהס, פעלקער, קלאַסן. אויב אַ ליבע־מעלאָדיע קלינגט אָפּ מיטן עכטן פליסטער פון האַרצן, איז דאָס ליד פון אַריה בוסתּן עכט. ער פרעגט ניט קיין פערזענלעכע לעגיטימאַציע: ווער? נאָר „וואָס ביסטו?" אויף דער אייביקער פראַגע זענען פאַראַן אַ סך ענט־פערס, אָבער ניט קיין איין דעפיניטיווער. זי איז אַלץ! אַלע ווײַבלעכע אייגנ־

שאַפּטן פון דורות האָבן זיך אַקומולירט אין ירושהדיקן בלוט: „אין דײַנע אָדערן פליסט דער ווײַן וואָס לוטס טעכטער האָבן בשפע אײַנגעזאַפּט אויף צו שטילן בת־שבֿעס גיריקן דאָרשט און מרים מאַגדאַלענאַס גלוסטונגען", ווײַל „דײַן גוף איז אַ לעבעדיקע האַרפע מיט מוזיק". די באַפליגלטע ווערטער און פאַרגלײַכן זענען חושימדיק־דין. זיי האָבן דעם פלאַטער פון אַ בלומענשפּראַך, דאָס לשון פון הערצער: נעסט און גאָרטן, טוליפּס און נימפעס זענען דאָ אין זייער וואַרעמער ליבעהיים.

די לידער זענען אָנגעלאָדן מיט סענסיטיווע ליבע־סימבאָלן, מיט צערט־לעכקייטן און מאַסקירטע אַטריבוטן, וואָס מ'זעט זיי ווי פון הינטער אַ דורכזיכ־טיקן שלייער. דער באַריר פון די ווערטער איז איידל, זײַדיק, און זיי וועקן לײַב און געדאַנק. עס איז ניט בלויז הענט, שולטערס, בריסט, נײַערט די גאַנצע פרוי. די העלדישע אומבאַקאַנטע פרוי, וואָס האַלט געפאַנגען איר פּאָעט־ליבהאָ־בער, און צו איר, וואָס איז ווײַט און נאָענט, — „אַ בלאַסע עטערישע געשטאַלט", — זענען געווידמעט די לידער. ווער עס האָט אַ דיכטעריש גוטן אויער דער־הערט איר קול אין צײַטלאָזיקייט. ער דערפילט זי מער ווי ער דערבליקט זי, ווײַל זי איז חלום, אומרעאַליסטיש און דאָך פאַראַניק: „זי דערשײַנט אויף אַלע שיידוועגן, ווינקענדיק פון דער ווײַטן: ווען איך פּרוּוו זי אָבער דעגרייכן, כאַפּ איך בלויז אויף דעם זיפץ פון ווינט".

און די זיפצן פון ווינט האָבן „געמאַכט" דאָס בוך. די לירישע קליינע ליבע־לידער זענען, וואָלט איך געזאָגט, בוסתּניש־עכט. ס'איז זײַן זשאַנער. אין די שורות חזרן זיך אַ פּאָר מאָל איבער „פליגל פון ווינטמילן". וואָלט איך געקענט לייענען די לידער אין דער שפּראַך פון סערוואַנטעס, וואָלט איך זיכער שטאַרקער געפילט זייער ליבע־ריח. און דאָ מערקט זיך די גוטע איבערזעצונג פון פלאָ־רענס ליו פרידמאַן. די איבערזעצונג איז געמאַכט, ווי ווײַט מיר איז באַקאַנט, ניט פון אָריגינעלן שפּאַניש, און טאַקע דערפאַר קלינגען זיי שטאַרקער, ווי אַ ייִדישער אָריגינאַל, אין ענגליש. זיי זענען איבערגעזעצט מיט סובטעלער פײַנקייט און עלעגאַנץ — און אַזוי אַרום זענען זיי אַן אָריגינאַל פאַר זיך.

דער לעצטער איז דער קלענסטער אָפּטייל אין בוך. די איבער 7 צענדליגג לידער, אין די 4 אָפּטיילן, זענען אויסגעשטעלט טעמאַטיש — אַ ליד אַ זײַט. אָבער ס'איז ניט זייער כּמות, נאָר זייער איכות — און דאָס איז אַ מער טיפע־רער און וויכטיקער חשבון. די לידער זענען געשריבן אין ווײַסן פערז און האָבן קיין טיטלען ניט, אָבער מ'פילט אָפּ זייער ייִדישן טעם און ריח.

ייִדישע צײַטונג, יאָהאַנעסבורג, אַפּריל 1975.

• לעצטע נײַעס, תּל־אָבֿיבֿ, יולי, 1975 (איבערגעדרוקט).

# אין ליכט פון ליד

מיכאל בן־משה: אין ליכט פון אונט — לידער. שער־בלאַט געצייכנט פון קינסטלער מאיר קאַרזע־ניק. פאַרלאַג „בריקן", יאָהאַנעסבורג—תל־אָבֿיבֿ. 117 זז׳.

א

מיכאל בן־משה אַנטפּלעקט זיך אין ליכט פון זײַן ליד מיט אַן אָריגינעל דיכטערישן פּנים. עס איז דער זכות פון זײַן וואָרט, זײַן שורה און זײַן סטראָפע, וואָס פאַרמאָגן אַנדערשקייט, באַזונדערן אַראָמאַט און פאַרב. דער סימבאָלישער טיטל פון בוך איז אוודאי מער געמיינט צו באַצייכענען אַ צײַטאָפּשניט אין לעבן פון דיכטער, ווײַל נאָך אין טאָג וואָס פאַרגייט, — זײַן צווייטער לידערבוך, אַרויסגעגעבן אין 1952, — דאַרף 1971 באַטראַכט ווערן ווי די קאַלענדאַרישע אוונט־שעה. אָבער דער אוונט־מאָטיוו, ווי אַזאַ, איז כמעט ניט פּילעוודיק און דריקט ניט אויס ניט דעם גײַסט, ניט דאָס געמיט און ניט דעם אינהאַלט פון די לידער. זײַן ערשט בוך, אַפּריס, איז אַרויס אין 1949.

די מיינסטע פון זײַנע לידער האָבן ניט די ספּעציפישע סימנים פון סוביעק־טיווער ליריק, וואָס ברעכט זיך אַרויס ספּאָנטאַן פון בענקשאַפטקוואַל און בלײַבט קורץ, ווי די עמאָציאָנעל דורכגעלעבטע רגע. די לידער פון בן־משה זענען לענגער דורכגעלעבטע און טיפער דורכגעטראַכטע, מיט היפשע דאָזעס וואַריִרטע פּאָעטישע מעטאַפאָרן, וואָס זענען זאָרגעוודיק צוזאַמענגעקליבן און מיט קינסט־לערישער אַרנאַמענטאַלישקייט צוזאַמענגעשטעלט. אָבער אונטער דעם פײַנ־דעקאָראַטיוון שלייער פון די וואָרט־עפעקטן אָטעמט, מיט עכטן דיכטערישן אומ־מעט און בענקשאַפט, מיט אומגעשטילטע באַגערן און האָפענונגען, מיט חלום און תפילה, זײַן האַרץ. אַלע ווערטער זענען נאָר סימבאָלן און צודעק־צייכנס פאַר אינערלעכע איבערלעבונגען, וואָס מיר דערכאַפּן זייער ציטער אין דעם ריטמישן באַוועג פון די שורות, אין אייגן־האַרמאָנישן קלאַנג.

דאָס געזאַנג פאַרמאָגט די אינסטרומענטאַלע אייגנשאַפטן, וואָס ווערן אַ באַ־גלייט־נאָטע צום אינהאַלט: טיפע באַסאָווע ברומען און דעם ציטער פון אַ פידל — די ערשטע הערט ער אויסער זיך, ווי דעם שטורעם, די צווייטע אין זיך, ווי דעם ניגון פון היים און ייִדישער בענקשאַפט. דער ברום קומט צו אים פון דער דרויסנדיקער וועלט, פון „אַפריקע": ווו עס „ברומען זקנים"... „בריל פון

ליִיב" און „בראַזגען, קלינגען קופּער־רינגען"... „אַ געוואַי אַזאַ צעברומטער", ווען די ווילדע רויע נאַטור ברויזט־אויף מיט אומגעצוימטע אויסברוכן. אַ צווייטע שטאַרקע פּאָעמע אויף אַפֿריקע־טעמאַטיק איז „דער טויט פֿון שוואַרצן בופֿלאָקס" — דער „רעוועדיקער באַרג" בלײַבט ליגן „אויף די קני" און זײַן שטאָלץ ווערט צעשמעטערט. מיט קראַפֿט איז געמאָלן די גלאָריע פֿון „זײַן שוואַרצער מעכטיקייט", אין געראַנגל מיטן יונגן „פּאַר הערשאַפֿט איבער הערד"... „אין קאַמף אויף טויט און לעבן — צוויי רעוועדיקע פֿעלדזן". און ס'איז ניט דער פֿיזישער זיג בלויז, נאָר מער נאָך די גאַנצע בילדערוועלט פֿון באַזיגטן, וואָס גייט־אויף אין זײַנע לעצטע מינוטן פֿון „לעכצעניש פֿאַרשטומטע" מיט כּמעט מענטשלעכער פּײַן. ס'איז דער באַזיס: גוף — טויט — און דער שפּיץ פֿון דרײַעק — געמיט. די אַ צוויי פּאָעמעס זענען, חוץ אַפֿריקע־מאָטיוון, אויך דער קאָנקרעטער הײַנט, די וועלט אין וועלכע דער דיכטער לעבט.

ב

דער ייִדיש־לייענער איז, בדרך כּלל, נאָך אַלץ דער ייִד פֿון נעכטן און ער ווערט דעריבער אויפֿגענומען מיט מער וואַרעמער שטימונג „דאָס ליד פֿון די נעכטנס" — „וואָס האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט", ווײַל דאָס ליד איז פֿאַר אים בפֿירוש „דאָס ליד פֿון באַשייד". דאָ גיט אַ שטראַל־אויף דער גאַנצער ספּעקטער פֿון ייִדישע וואָרט־קאָלירן און ניואַנסן. דער דיכטער פֿאַרוואַנדלט די ווערטער אין מעדיומס וואָס כּישופֿן אַרויס דעם לאַנדשאַפֿט־קאָלאָריט, דעם ייִד און זײַן שטיבל, די ריחות פֿון וואָך און שבת, אין דעם פֿלאַטערדיקן ניגון פֿון נשמהדי־קייט, וואָס שוועבט איבער דעם אַלעם. אין דעם ליד האָט בן־משה אַרײַנגעקנאָטן פֿולע הויפֿנס מיט פֿאָלקסטימלעכע ווערטער־ראָזשינקעס און אידיאָמאַטישע בשׂמים, וואָס שמעקן מיט אַלע ריחות פֿון ייִדישן לעבן. אין אַנדערע ווערטער: עס איז אַ מאָזאַיִק־בילד פֿון ייִדישן שטעטל, ווו יעדע שורה איז אַ פֿאַרביק שטיינדל אין דער פּאַנאָראַמע, און מ'וואָלט עובֿר געווען אויף בל תּשחית אַרויס־צונעמען אַ מוסטער — ס'לאָזט זיך פּשוט ניט. די שורות זענען אַ ליכט־צוריק־שײַן אויף די נעכטנס: דאָס „שטעטל פֿון אומעטיק־ליטווישער לאַנדשאַפֿט"... „שטעטל פֿון קינדהייט און חלום —" וואָס ווערט פֿאַרהאַפֿטיק.

אַ צווייט ליד, אין „פּייסאַזשן"־אָפּטייל, זוכט צו אַנטפּלעקן דעם „ענין פֿון גיין", מיט דער הילף פֿון דעם סימבאָל: „די שטיוול פֿון בעל־שם־טובֿ". ס'איז דאָס גיין אין דער נאַטור, מיטן ציל צו ברענגען דעם „רוף צו דערלייזונג". דאָ דערפֿילן מיר באַשײַמפּערלעך די „באַענטקייט און ליבשאַפֿט" צווישן „מענטש און אַ בוים און אַ גרעזל, אַ פֿויגל". דער ייִדישער גאולה־גאַנג פֿאַרמאָגט אידיי־לישע שטילקייט, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פֿון צעברומטן אַפֿריקע־פֿרי־מיטיוו. דאָ איז „אַ זילבערנער רעגן פֿון קלאַנגען" און עס „לידלט אַ פֿײַפֿל און טשערעדעס שוועבן" (אַ שאַגאַל־בילד) און „אַזאַ ציטער פֿון פֿידלען". אָט

דאָס „נאָגענדיק בענקשאַפֿט אין ווערטער" איז דער ניגון פֿון נעכטן, וואָס די געווירצן פֿון רײַכן וואָקאַבולאַר מאַכן עס באַטעמט ווי היימיש־שמעקעדיקן לעקעך. איין זאַך איז קשה: צוליב וואָס האָבן די טיף־תּוכיקע צוויי ייִדישע לידער געדאַרפֿט דורכגעטײלט ווערן מיט דער מחיצה פֿון די אויבן דערמאָנטע צוויי אַפֿריקע־לידער? דער „פֿויקן־ברום" ברענגט בפֿירוש אַרײַן אַ דיסאָנאַנס אין „ציטער פֿון פֿידלען". דער טעכנישער סדר פֿון די לידער איז די פֿולע רעכט פֿון מחבר און אַוודאי בײַט עס ניט דעם זינען און כאַראַקטער פֿון ליד, וואָס דער שאַפֿערישער דערקען־צייכן איז אײַנגעקריצט אין אים.

ג

מ. בן־משה האָט ניט נאָר אויסגעמײַסטערט דעם גוף פֿון זײַנע לידער, נײַערט ער האָט אין זיי אַרײַנגעהויכט דעם אָטעם פֿון זײַן בענקשאַפֿט און ליבשאַפֿט, פֿון זײַן חלום און טרויער, פֿון זײַן רו און צעריסנקייט (זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג טראָגט טאַקע דעם סימבאָלישן נאָמען אָפּריס). ער האָט אָנגעהויפֿט אין די לידער דעם גאַנצן סובסטאַנץ פֿון דיכטערישן רעקוויזיט: סורפּערלאַטיוון, סימבאָלן, פֿאַרבן, ריחות, אימאַזשינאַציעס.

אַז מ׳לייענט זיך אַרײַן אין גאַנצן מאַסיוו פֿון בן־משהס פּאָעטישער סתרי־תּורה, ערשט דעמלט מוז מען רעכט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, כּדי זיך צו דערקלײַבן צום סוד הינטער די שורות. און ניט איין מאָל מוז מען זיך היפּש אַרײַנטיפֿן און איבער־איבערלייענען ביז דער מיין און אינהאַלט טוען זיך אַרויסקלאָרן.

בן־משה האָט זייער ווייניק איך־ליריק, ווײַל דער פּערזענלעכער גורל איז בײַ אים סײַווי פֿאַרפֿלאָכטן אין די אַלגעמיינע בילדער און שטימונגען. אַפֿילו אין די מער אינטימערע לידער איז דער איך־עלעמענט אין אַ באַשיידענער פּראָפּאָרציע, אָבער סײַ ווי פֿילן מיר דעם וואַרעמען ציטער פֿון זײַן האַרץ. עס איז אַ דורכזיכטיק־נאַטירלעכער פֿאַרשטעל הינטער שורות, אָבער בשום־אופֿן ניט די באַקאַנטע אָנשטעל־באַשיידנקײַט. זײַן לירישע וויזיט־קאַרטעלע איז דער אָפּטייל, וואָס איז באַצייכנט מיטן טיטל פֿון בוך: אין ליכט פֿון אָוונט. זײַן פֿאַרשטעלן זיך, אין ערשטע פּערזאָן, איז מיט שטילקייט און ווערדע, מיט רו און חן, מיט „ליכט — און אַזאַ שווײַגן", אַז ס׳איז קיין וווּנדער ניט וואָס „טרוים און טויט" גייען דאָ געפּאָרט און שמעקן מיט אַ פֿרילינג־אַראָמאַט. דער באַשייד פֿון ניט אויסקלינגען דעם איך־אומעט איז אפֿשר אין דעם, וואָס ער האָט ניט „קיין וואָרט, קיין טרייסט — ס׳איז נאַכט. / און נאַכט האָט אַלע טרויערס / פֿאַראַנקערט אין מײַן שווײַגן". אין די שווײַג־פּעריאָדן האָט ער געזאַמלט, ווי אַ פֿלײַסיקע בין, גאָלדענע ווערטער אין ייִדיש־בינשטאָק, מיט „דעם טעם פֿון האָניק אין לידער".

בן־משהס ליד האָט אויפֿבליק, געדאַנק, געמיט, און קען זײַן אַ מקור פֿון אָנרעגונג. מיר ווילן דאָ ספּעציעל אויסטײלן די שפֿע פֿון מאָלערישער קאָליריקייט,

ווו אין אַ שורה־אַנדערטהאַלבן מישן זיך פיר־פינף פאַרבן און אַ מאָל מער, און ס׳קומט־אויף דער „חשד“ אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט פון מאָלברעט צום שרײַב־טיש: „האָריזאָנטן“ — „אין ווײַס און רויט און בראָנדז אַן אָדלער פליט פאַרבײַ — די פליגל שוואַרצער גאָלד“, און — „מיט בלוטיקע רויטע פליאָמעס באַמאָלט דאָס ווײַסע גראָז, די שוואַרצע גריבער“. די מאָלערישע „אַלכעמיע“ פון בן־משה קען האָבן ווײַסן גראָז פונקט ווי אַ ווײַסן האַרבסט.

אין אָפּטייל „פון אַש“ זענען פאַראַן פיר חורבן־לידער, מיט טיפער טרויער־איבערלעבונג און דערמאָנונג. דאָס ליד „הבדלה“ איז אַ קאָשמאַריקער חלום פון אומקום און איז מיט אַ דינעם פאָדעם אַרײַנגעוועבט אין דער בלוטיקער עפּאָפּעע: ר׳ חיים דער שמש ברענגט צום דיכטער דעם פינצטערן גרוס „שוין קיינער ניטאָ...“

נאָך צוויי אָפּטיילן זענען: „תנך־מאָטיוון“ און „אַקעגן“. דאָס לעצטע ליד טראָגט דעם טיטל „ירושלים תשכ״ט“ — אַ חזק אויף אַ נייעם אָנהייב. די אַ 29 לידער זענען אַ צונויפקלײַב פון 1951 ביז 1969 (די דאַטעס אָנגעגעבן אין אינהאַלט).

מיכאל בן־משה האָט דעם טאַלאַנט צו אָרקעסטרירן זײַנע ווײַסע פערזן אין באַוועגלעכן ריטעם פון קלאַנגען און ניואַנסירטע האַלבקלאַנגען, אַסאָנאַנסן און, זעלטן ווען, פולע גראַמען. ער בויט זײַן ליד מיט אַ פאַרשפּילט־אומעטיקן גע־מיט, ווי קינדער בויען טורעמס פון פאַרביקע קלעצלעך, אָבער אין זײַנע ליד־טורעמס איז פאַראַן אַ זײַדיק־דינער ליכטגעוועב, ווי פענצטערלעך דורך וועלכע מ׳קען אַרײַנקוקן. און דאָס ליכט וואַרפט אַן אָפּשײַן אויף דעם היגן ייִשובֿ, פון דעם אויסטערלישן אויסדויער און שעפערישן כּוח פון ייִדיש לשון.

אידישע צײַטונג, יאָהאַנעסבורג, 1971.

- דער אין אומעט־פאַרשפּילטער פּאָעט — דרום אַפריקע, 1962.
- מיכאל בן־משה און זײַן לעצט בוך לידער — אונדזער וואָרט, פּאַריז, יאַנואַר, 1972. (איבערגעדרוקט).
- דאָס געווײן פון אָפּרים (צו זײַן טויט)—ישׂראל־שטימע, תּל־אָבֿיבֿ, מערץ, 1983.

# איינער פון די וווּנדערלעכע זאַכן

## (אויף די ראַנדן פון אַ יובֿל)

דניאל בן־נחום: אַתּם הדבֿרים הנפלאים: שירים. ציורים: יחזקאל קמחי. ספרית פועלים. הוצאת הקי־בוץ האַרצי השומר הצעיר. 64 זז׳.

### א

דניאל (דאַנקע) פּראַכאָווניק — אַ נאָמען וואָס עכאָט מיטן אָפּקלאַנג פון מער ווי אַ יובֿל יאָרן צוריק, פון די צײַטן פון דער סאַמע וויטאַלער צעקוואַליקטקייט פון דער קאָלירפולער נאַציאָנאַלער ייִדישער ליטע. די ייִדישע ליטע האָט דעמאָלט געהאַלטן אין הערלעכסטן פונאַנדערבלי פון אַ נײַער עפּאָכע־מאַכנדיקער ערע — איר יוגנט. ווי אַ גאָלדיקער בינען־געזשום האָט זי פּאַרפּלייצט די ייִדישע גאַס, שטאָט און שטעטל, מיטן האָניק פון שיינע חלומות און ליכטיקע אידעאַלן. אָבער אויך אין פריילעכן נאַציאָנאַלן אויפגערודער האָט מען געמוזט דערזען די וווּנדערלעכע זאַכן, — און איינער פון זיי איז געווען דער יונגער דניאל.

דער טאַטע, אַ לערער אין אַ העברעיִשער גימנאַזיע אין קאָוונע, האָט דניאלן דערצויגן אויף די בעסטע טראַדיציעס פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און קולטור. עבֿרית איז געווען דאָס היים־לשון, לשון־החול פון אַלע טעג פון דער וואָך. און דאָס ייִנגל, ווי איך געדענק אים, אין די קורצע סקויטסקע הייזלעך מיט די פּוכיקע פּאַמפּושקע־בעקלעך, וואָס די מאַמע האָט אים מיט מסירות גע־קעכלט, ווי אַלע ייִדישע מאַמעס, האָט מיט אַ מאָל זיך צעפּינקלט איבער דער העברעיִשער לאַנדשאַפט פון זײַן ליטע מיט אַ גרויסער פּאָעמע בנוסח, ווי מיר דאַכט, טשערניכאָווסקי־אידיליעס. צום באַדויערן האָב איך ניט פאַר זיך קיין פּיצל מקור נאָכצוקוקן די ריכטיקייט פון דעם, נאָר ווי איך געדענק האָט עס געמאַכט אַ רושם בײַ דער עבֿרית־שאַפנדיקער יוגנט, בעיקר אין זײַנע קרײַזן פון השומר הצעיר. כ׳נעם זיך ניט אונטער הײַנט, נאָך אַ האַלבן י״ה, צו געדענ־קען און מישפּטן יענעם פּאָעטישן בראשית פון דניאלן, נאָר כ׳ווייס אַז די אידיליע פון מחנה, ווי ער האָט עס באַשריבן, האָט מען געלייענט אין העברעיִשע חוגים און מ׳האָט זיך, ווי ליטוואַקעס זאָגן, געשמאַקעוועט מיט דעם שיר וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף אַ גאַנצער זײַט, צי מער, פון „זיו השומר“ (אַזוי, דאַכט מיר, האָט די אויסגאַבע, אין אַ צײַטונג־פּאָרמאַט, געהייסן).

אַ יובֿל שפּעטער, זענען מיר געזעסן, אַ גרופּע אַלטע חבֿרים, אַרום אַ טיש אין קיבוץ בית־זרע, און אױפֿגעכאַפּט אױפֿן שפּיץ גאָפּל פּיצלעך דערמאָנונגען, שטיקלעך עפּיזאָדן, און סתּם אין דער װעלט אַרײַן געשמועסט און געדיסקוסעװעט. דאָס אַמאָליקע לעבן האָט זיך מיט זכרונות־הױט באַצױגן, װען צװישן אונדז איז געזעסן דאָס װוּנדערקינד דניאל. אין יענער חבֿרותא האָב איך אײנער בלױז, מסתּמא, געטראַכט װעגן זײַן ייִנגלשער גלאָריע. פֿאַר די אַנדערע קיבוץ־חבֿרים איז ער נישט מער װי דער זעלבער װתיק װי זײ, װעמען מ'טײלט נישט צו קײן באַזונדערע כּיבודים, און אױף װעמען מ'טײַטלט נישט. אָבער די אַ צופֿעליק אימפּראָװיזירטע פּריװאַט־צונױפֿגעקומענע פּרײַטיק־צונאַכט־מסיבה, האָט אין מיר אױפֿגעלעבט דעם פֿאַרלאָשענעם ליטע־שימער און אױפֿגעװעקט דעם פֿאַרשטומטן ניגון פֿון די אַמאָליקע יוגנט־לידער. אױף מאָרגן, נאָך אַ מעת־לעת נאָסטאַלגישע איבערלעבונגען, האָט אין מײַן האַרצן אַ הילך געטאָן אַ װידערקול פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, װען ס'איז מיר, װי בהיסח־הדעת, אַרײַנגעפֿאַלן אין האַנט דאָס קלײנע בוך מיט איבער 30 לידער פֿון דעם הײַנט בכּבֿודיקן און באַשײדענעם חבֿר פֿון קיבוץ בית־זרע, דניאל בן־נחום.

ב

פֿון דעם חמסין־צעפֿלאַקערטן עמק־הירדן האָב איך די לידער מיטגעבראַכט אין דעם װינטערדיק־פּראָסטיקן יוני פֿון יאָהאַנעסבורג. בין איך געזעסן, געלײענט די לידער און זײ האָבן מיך געװאָרעמט: אַזױ פֿיל װוּנדערלעכע זאַכן אין װײניק שורות. איז אָבער אָט דער מאמר נישט אױסן אָפּצושאַצן דניאלס לידער מיט קריטעריעס פֿון שפּראַך, סטיל, ריטעם און אַנדערע דיכטערישע מעלות־טובֿות. כּ'װיל בלױז, אין דער סאַמע תּמציתדיקער פֿאָרעם, אַ בליק טאָן אין דעם קאַלײדאָסקאָפּ פֿון געזאַנג, װאָס שװינדלט מיט ליכטיק־האָפֿערדיקע און אומעטיק־מעלאַנכאָלישע געמיט־פֿאַרבן. אין דער לעצטער שורה פֿון זײַן רעאַליסטישער און סימבאָליש־באַװירצטער פּאָעמע „הקטיף“, פֿרעגט ער: „װעט דאָס ליד נאָך אונדז צעקלינגען זײַן עכאָ, װען עס װעט די שטילקײט אונדז אַרומרינגלען?“. אָבער דער עכאָ קלינגט סײַ װי אין די לידער. מ'דאַרף זײ נאָר מיטן עלעקטראָנישן זכּרון פֿון יאָרן אַ טרײסל טאָן און זײ װעלן אָפּענטפֿערן מיט די עכאָ־װיבראַציעס פֿון צײַט, װי װײַט און װי לאַנג צוריק זי זאָל נישט זײַן. די דאָזיקע שטימונג־לידער האָבן אַ טיפֿערן גײַסטיק־שעפֿערישן װערט און זענען נישט סתּם פֿאַרבײַגײענדיק און פֿאַרגײיִק. זײ גופֿא זענען שױן דער ענטפֿער פֿון דעם עכאָ, װאָס װעט קלינגען נאָך אונדז.

דניאל בן־נחום, װאָס איז, װאָלט איך געזאָגט, דער מוסטער־חבֿר פֿון אַ קיבוץ, פֿון דער קאָלעקטיװער אידעע, רעדט אָבער אין זײַנע לידער אין טערמינען און לעבנס־נוסח פֿון לשון יחיד. אין די אַ יחידות־און בלחש־שירים הערן מיר זײַן אײגן אָפּגעזונדערט קול, אַפֿילו װען ער רעדט װעגן ציבור און אַלגע־

מיינע געשעענישן. ער, דער מענטש פֿון אַרבעט און פֿליכט, „מיטן גראָבאײַזן אויפֿן אַקסל", זעט זײַן קיבוץ־היים, חבֿרים, די נאַטור, די טעג און נעכט, די ביי מער און הײַזער, נאָר דורך דער פּריזמע פֿון זײַן געמיט. על־כּן זענען די לידער ליריש־איכיק און ציטעריק. ער איז פֿאַרקוקט אין אַ וווּנדערלעכער וועלט פֿון זאַכן, וואָס וועקן זײַן נײַגעריקייט און פֿאַסצינירן זײַן פֿאַנטאַזיע. אין ערשטן ליד אין בוך זעט ער די וווּנדערס פֿון נאַטור אַ שפּראָץ אויף טאָג. דאָ איז בולט דער צייכן פֿון חבֿרשאַפֿט מיטביימער און בלומען, חיות און פֿייגל, זיי זענען אַ טייל פֿון זײַן לעבן אין קיבוץ־דאָרף. אין די אַלע זאַכן איז פֿאַראַן דער אַלעגאָרישער רעפֿלעקס פֿון מענטש און זײַן לעבן, ווײַל „עס קלערט יעדער בוים וועגן באַשייד פֿון די וווּנדערס", און די „פֿיר רויזנקוסטעס" לעבן זײַן פֿענצטער האָבן מענטש־לעכע אַטריבוטן. איינער „צינדט רויטע פֿלעמלעך וואָס ער האָט ליב / אַזוי — מיטן וואַרעמען בלוט פֿון זײַן האַרצן / באַנײַט זיך מענטש". אויך אין זײַן אַכט־שורות־שיר, „מײַנע לידער", ווייס ער אַז זיי, זײַנע לידער, זענען געגליכן צו די, וואָס „בליִען // מיט די ווילדע קוויטן הינטערן צאַם אין פֿאַרגעסענעם וואַדי", ווײַל אין „אײַער נאַיִוו און אָרעם געריידט איז פֿאַראַן פֿון זייער כּוח, פֿון זייער שפּראָצנדיקער עקשנות". — „וואָס זייער ניגון וועט אייביק נישט פֿאַרגיין". אין דעם זינען איז ער דער ליריש־קאָנטעמפּלאַטיווער משורר פֿון קיבוצישן לעבן.

אַ מעלאַנכאָלישע בענקשאַפֿט און לעכצעניש איז דער אינערלעך־נשמה־דיקער אימפּולס פֿון דניאלס לידער, ווי אַ זעלישע אין־זיך־פֿאַרשטילטקייט וואָלט איבער זיי געהויערט. אין דער פּאָעמע „קטיף", הגם אַנדערשדיק און רײַף, רופֿט זיך דניאל איבער, דאַכט מיר, מיט יענע ערשטע קלאַנגען פֿון אידילישן באַשרײַבן די צופֿים־מחנה און די נאַטור. דאָ איז נאָר פֿאַרביטן די זאָרגלאָזע פֿריידיקע יונגשאַפֿט אויף אַ מער ערנסטן און באַטראַכטן אַרײַנבליק אין זיך, אין לעבן. די סינאָנימען און מעטאַפֿאָרן זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון יונגער נאַטור־יומטובֿדיקייט און ראַציאָנעל־שׂכלדיקער באַטראַכטקייט. דאָס איז דער גאַנג פֿון אַ יובֿל־יאָרן, פֿון אַ קאַטאַקליסטישער און גרויסער תּקופֿה אין ייִדישן לעבן, פֿון די לעצטע דורות, אין וועלכע דער יחיד־אידעאַליסט גייט זיך זײַן וועג גראָדליניק און אויסגעהאַלטן. און דער וועג איז מסירות צו די אידעאַלן פֿון קיבוץ און די געבאָטן פֿון סאָציאַליסטיש־הומאַניטאַרן וועלטבאַנעם. אויף דעם וועג האָט דניאל במשך פֿון אַ יובֿל יאָרן געטראָגן דאָס געזאַנג פֿון לאַנד, פֿון מי און חבֿרשאַפֿט. און מיט רעכט פֿרעגט ער אין „קטיף": „האָבן מיר דען ניט מיט אונדזערע צעקאָדערטע טאָרבעס און מיט אונדזערע שיינע לידער אי־בערגעשטאַרקט די גרויסמויליקע פֿײַפֿערײַ פֿון אונדזערע פֿאַרשעלטער?"

פֿאַר וואָר, דער גלויבן אין מענטש קלינגט אין די שירים פֿון דניאל בן־נחום. ס'איז דאָס ליד וואָס וועט לעבן און צעקלינגען זײַנע עכאָס, ווען שטיל־קייט וועט אַרומרינגלען דעם גרויסן חלוצישן דור פֿון אויפֿבוי און אויפֿקום.

ישׂראל־שטימע, אָקטאָבער 1980.

# אַ מעריקווערדיק טאָגבוך

יונה גולני: מיומנו של נהג תש״ח. משרד הבטחון — ההוצאה לאור. מהדורה שנייה — 1980. 96 זז׳.

## א

יונה גולני האָט גערעדט מיט ברען. מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן פּאַטאָס האָט ער דערציילט זעלטענע פּאַסירונגען און גיך געפּלאָכטן זאַץ אין זאַץ, ווי ער וואָלט מיט די ווערטער געוואָלט איבעריאָגן דעם שלל אײַנדרוקן און דערמאָנונגען וואָס האָבן פּלוצעם אין אים אויפגעטויכט. ער איז געשטאַנען בײַם טיש, אין דער דירה פון אַבֿרהם און גיטה דרור, אין זײַן קיבוץ בית־זרע, אַרום וועלכן מיר זענען געזעסן — אַ גרופּע חבֿרים פון פאַרשיידענע ליטווישע שטעטלעך. כּסדר האָט ער זיך אַליין דערמאָנט אַז ער אײַלט זיך ערגעץ, אָבער ער איז געווען צו פיל פאַרכאַפּט אין די אייגענע רייד כּדי זיך צו קימערן. כ׳האָב געקוקט אויף אים און אין געדאַנק האָב איך געזען דעם אומפאַרענדערטן זשוואַווען ייִנגל, אַבע־יינקע (אַזוי, פאַמעטיש, האָט מען אים גערופן), פון אונדזער שטעטל קיידאַן. זײַן פאַרשנייטער קאָפּ האָט פאַרמסרט שטאַרקע איבערלעבונגען און זיך עלטערן, אָבער זײַנע יונג־צאַפּלדיקע רייד האָבן מיך דערמאָנט אַז דאָס איז ער — ניט געביטן אויף אַ האָר. אַרויסגעשלײַדערט פון זיך די ווערטער־געדיכטעניש, איז ער אויף גיך נעלם געוואָרן, ווי ער וואָלט געלאָפן אויספירן אַ באַפעל, כּדי באַלד ווידער צו קומען און זיך אײַנמאָשטשען צווישן אונדז, בײַם טיש.

איצט זענען אָנגעשווומען די שטויביק־יונגע ווײַטע טעג און נאָסטאַלגישע עפּיזאָדן, ווי פון זיך אַליין. די צוריקגעדרייטע לענטע פון די אַמאָליקע יאָרן האָט זיך באַוועגט מיט זון־ און יוגנט־בילדער, ווי אין אַ פאַרביקן קאַליידאָסקאָפּ. אין דער לופט האָט פאַרשמעקט מיט הײַם, פעלד און מחנה — די געווירצן פון זיס־ציטעריקע קלאַנגען פון די שותּפישע השומר הצעיר־יאָרן. דאָס איז געווען די מוזיק פון אַ פאַרבענקטן זכרונות־קאָנצערט, וואָס האָט וויברירט אויף די סטרונעס פון אַ בלוטיק־צעשטורעמטער צײַט, אין דער האַרטער ישׂראל־וואָר און דער פינצטערער חורבן־וואָר, ווי אומקום און אויפקום וואָלטן זיך דאָ צונויפגעטראָפן, כּדי צו דערמאָנען און געדענקען. ווידער האָב איך זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון מײַן אַמאָליקן יונגן חבֿר, יונה גולני (גאָלצין), וואָס האָט געוואָרפן מיט היציקע ווערטער, ווי ער וואָלט פונקען געצונדן. דער אימפּעט

האָט געשפּאַרט פון אים מיט יוגנטלעכער צעברויזטקייט, ווי אַ מאָל, און זײַנע ספּאָנטאַנע פּשוטע רייד האָבן מײַן האַרץ מיט בענקשאַפט אָנגעפּילט.

דאָס איז געווען בלויז די „ריידנדיקע קאַפּיע״, אין טראַנס פון אויפגעוועקטע זכרונות. אָבער דער אמתער און עכטער יונה גולני איז דער מאַן פון אַקציע און אידעאַלן, דאָס הייסט: מעשׂים וואָס דאַרפן קאָנקרעט האָבן אַ דעקונג — און דאָס ניט על־ידי מלאך ועל־ידי שליח, נאָר טאַקע דורך דעם מענטש אַליין וועלכער פּריידיקט זיי. און אויב כ׳האָב אַפילו ניט געדאַרפט קיין באַווײַז פאַר דער דאָזיקער מיינונג, איז יונה אַליין מיר אונטערגעקומען מיט אַ דאָקומענט וואָס האָט ווי טויזנט עדות דערציילט וועגן דעם. דאָס איז געווען אַ דין בוך פון 96 זײַטן: מיומנו של נהג, — אויף ייִדיש: פון אַ שאָפערס טאָגבוך. דערשינען איז עס, אין אַ 2טער אויפלאַגע — 1980, אַרויסגעגעבן פון זיכערקייט־אַמט: משרד הבטחון — ההוצאה לאור. און אין פאַקוס פון די דאָזיקע בלעטער דער־זעען מיר אַ קלאָר און ערלעך בילד פון אַ פּשוטן קיבוץ־מענטשן, און העלדישע פאַקטן פון געראַנגל און קאַמף פאַר זײַן לאַנד און זײַן היים און זײַן גלויבן. און געווען איז עס דער אומקראָמפּראָמיסיקער און שטאָל־פעסטער גלויבן אין נצחון וואָס מוז קומען. דער גלויבן אין אידעאַל.

## ב

יונה גולני האָט פאַרקריצט די עפּאָפּעע פון אַ סך און איינעם, וואָס האָבן מיט איפער און פײַער זיך געריסן צום קאַמף אין ישׂראלס אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, ווען דער גורל פון דער בלויז טעג־יונגער מדינה האָט זיך געוויגט אויף דער וואָגשאָל פון זײַן אָדער ניט זײַן. און די קעמפער האָבן מיט זייער פּשוטער גבֿורה אַראָפּגעוויגן דאָס צינגל פון וואָג אויף זײַן, ווײַל אין זייער לעקסיקאָן איז דער באַגריף ניט זײַן בכלל ניט געווען פאַרשריבן. עס איז אַ לאַנגע שטאָלענע קייט פון אימפּולסיווע און צום טייל ספּאָנטאַנע האַנדלונגען, באַרעכנט אין ברוכטייל פון סעקונדעס, צווישן די מאַשינביקס־זאַלפּן און דעם רעפלעקס פון עקספּלאָדירנדיקע האַנטגראַנאַטן.

אין די אין איין אָטעם אַרויסגעבראַכטע לאַנגע פּאַראַגראַפן פאַרצייכנט יונה די קורצע שלאַכט־פּרשה פון בערך אַ האַלב יאָר, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זײַן חלק: פון 30טן נאָוועמבער 1947 ביז יוני 1948. אין די טעג־און־נעכט זענען פאָרגעקומען די שווערסטע און בלוטיקסטע דורכברוכן אויף דעם וועג צו ירושלים. און צום סוף, אַ גבֿורה־פּרק: „די לעצטע שעהען פון דער שלאַכט פאַר צמח״ און, במילא, די דגניהס. ס׳איז אַן אויסערגעוויינלעך בוך פון עקס־טרעמער שפּאַנונג, וואָס מאַכט האַסטיקער קלאַפּן דאָס האַרץ און מיט נאָך מער קראַפט ווירקט עס, ווײַל ס׳איז קלאָר־ריינע פאַקטואַליע, אָן אַ מינדסטן צושמעלץ פון סופּערלאַטיוון צי סתּם קאָמענטאַרן. די פאַקטן קריצן זיך אײַן מיט זייער אמתדיקייט און ציטער, אין די סכּנה־רגעס וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן.

און יונה גולני האָט עס פיקסירט מיט דער אויטענטישקייט פון טיף מענטשלעכע איבערלעבונגען — זײַנע און די פון זײַנע חבֿרים מיטקעמפער, און ניט אין איין שורה אין גאַנצן בוך, אַפילו אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן, לאָזט זיך אויפכאַפּן כאָטש אַ הויך פון אַפּאַטיע צי סתּם רעזיגנאַציע — ניין! דאָ הערשט אַ שטענדיקע פּסיכישע אַטמאָספער פון גרייטקייט און וואַכיקייט. מיט אַן אָרגאַניש עלעמענטאַרער קראַפט שטײַגן די קעמפער, אויף לעבן און טויט, צו זייער ציל. אַוודאי זענען די אידעאַלן און אידעען און די גבֿורה אַליין פון די דאָזיקע פּשוטע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן, געווען „פּראָגראַמירט" אין די הערצער און נשמות זייערע. און מיר פילן ווי דאָ פּיקט זיך אויס די פאָלקסאַרמיי פון דער נײַער ישׂראל, אין בעסטן און שענסטן חלוצישן זינען פון דעם וואָרט. און נאָך איבערצײַגנדיקער און שטאַרקער קומען אויף אין דעם כאַאָטישן מלחמה־מצבֿ די גרונטפעסטע מאָראַלישע און נאַציאָנאַלע קוואַליטעטן פון קיבוץ־חבֿר, דעם מענטש פון דער ערד וואָס איז פאַרליבט אין זײַן היים און לאַנד און איז אויך אַ מוטיקער שלאַכטמאַן.

צוליב די דאָזיקע טעמים איז פאַרשטענדיק, פאַר וואָס דער זיכערקייט־אַמט רעקאָמענדירט דאָס בוך פאַר דער דערציִונג פון יוגנטלעכן אין ישׂראל. און אַזאַ בוך וואָלטן געדאַרפט און געמעגט לייענען יידישע קינדער אין די תּפוצות — און אַפילו אויך דערוואַקסענע. אָט אַזוי פאַרענדיקט רבֿ־אַלוף (מיל.) חיים לסקובֿ זײַן הקדמה צום בוך: „אינעם טאָגבוך פון יונה גולני וועט דער לייענער געפינען אַ פענצטער דורך וועלכן אַרײַנצובליקן אין דער פערזענלעכער און אינעווייניקסטער וועלט פון אַזאַ איינעם וואָס איז געזעסן הינטערן אויטאָרודער, פון איינער פון יענע קאָמוניקאַציע־מאַשינעס פון יאָר תּש"ח, וועלכע האָבן דורכגעבראָכן און דורכגעריסן דעם וועג צו דער באַלאַגערטער ירושלים און געבראַכט פּראָוויזיע פאַר אירע פאַרהונגערטע תּושבים. דאָס איז אַ באַגלייבטע און אָפנהאַרציקע עדותשאַפט פון איינעם פון די, וואָס האָבן דערפירט צום אויפשטעל פון דער התּישבֿות־באַוועגונג און זי מקיים געווען". אָבער מער נאָך ווי די המליצה פון הויך־ראַנגיקן מיליטערמאַן, ווירקט דער אומאָפיציעלער טעקסט און דירעקטקייט פון די בלעטער גופא, פון דעם אויסנעמיק אוניקאַלן ספר.

ג

אַ טרויעריקע און ציטעריקע שיינקייט שוועבט איבער די בלעטער פון גורלניס טאָגבוך. זיי, די מעכאַניזירטע בעלי־עגלות און זייערע העלדישע מעשׂים, זענען עס די שפּאַנונגסקראַפט פון ספר, און זײַן אינהאַלט שטעלט אים אַוועק מחוצן גדר פון ליטעראַטור־קריטיק. אַנטקעגן מאַסקעס פון פיקציע־געשיכטעס און שיינריידערײַ שיילן זיך דאָ אויס האַרטע, גרויע אָבער מוטיקע פּנימער, מיט חגעוודיקע בלוט־פינטלעך פון געטרײַשאַפט, מיט קליין־ריידערײַ און גרויסע מעשׂים. און צווישן די שורות „לייענען" מיר פון טרערן אין זיך, פון געצוימטע

עמאָציעס און פֿאַרפֿרעסטע געפֿילן, און ס׳איז שווער איבערצוגעבן אַפֿילו אין קורצן דעם תּמצית פֿון די פּאַסירונגען. די דאָזיקע פּרקים זענען אַדרעסירט צום יחיד און ס׳איז אַ מיצווה עס ביחידות צו לייענען, ווײַל די מגילה בלאָזט מיט איר הייסן אָטעם אין דײַן האַרצן און דו ווערסט אַ חלק, צי אַ מין מיטשותּף אין איר טראַגישן געזאַנג. ס׳איז אַ שיר־השירים פֿאַר דעם פּשוטן העלד אויף פֿיר מעכאַניזירטע רעדער, וואָס האָט מיט זײַן איבערמענטשלעכן כּוח און חכמה און מיט אַ נאַטירלעך יידישן חוש, געוווּסט ווי צו קערעווען און דערפֿירן זײַן קאַראַוואַן צום ענדציל: אומאָפּהענגיקייט און פֿרײַהייט, מיטן האַרצן צו שלום געווענדט.

יונה גולני איז איינער פֿון די „רעדל־פֿירערס״, וואָס האָבן ניט געלאָזט פֿאַרשטאָפּן און צעשנײַדן די לעבן־אַרטעריעס פֿון קאָמוניקאַציע אויף די וועגן, אין די סכּנה־טעג. פֿיר זענען זיי געווען פֿון קיבוץ־בית־זרע (ווי מיר זעען אויף די בילדער אין בוך), וואָס צו צוויי זייערע איז יונה מקדיש דאָס בוך: „צום זכר פֿון דוד אידלסון און יהודה בן־בסט — מײַנע חבֿרים צום וועג און וועגן״. דער פֿערטער איז שלומקו קנת.

ווען כ׳האָב געענדיקט לייענען דעם דאָזיקן אומקאָנווענציאָנעלן טאָגבוך, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַזאַ מאָסע שפּאַנונג און גבֿורה, ווי אויך שילדערונגען פֿון ברודערשאַפֿט און מסירות, האָט מיר פֿאַר די אויגן אַ שווינדל געטאָן מײַן אייגענע וועלט — די פֿון חורבן. און אויף דער טונקעלער פֿאָן פֿון אומקום, און אויפֿקום, האָב איך טיפֿער און פֿילעוודיקער און שטאַרקער געאָנט און דערזען די שותּפֿותדיקייט פֿון יידישן גורל און דאָס גליק און די ברכה אים צו קענען קערעווען, ווי דער מאַן בײַם רודער, מיט די אייגענע הענט.

און פֿאַר מײַן אויג איז געשטאַנען, מיט אַ בלוי־פֿינקלדיקן בליק און מיט אַ פֿרײַנטלעך צעצויגענעם שמייכל איבערן פֿאַרברוינטן פּנים, מײַן חבֿר יונה גולני, ווי אין יענעם ניט ווײַטן פֿרײַטיק־צונאַכט, אין קיבוץ בית־זרע, ווען ער האָט מיר דערלאַנגט זײַן בוך — למזכּרת — פֿאַר מיר און מײַן פֿרוי.

ישׂראל שטימע, דעצעמבער, 1980.

# פּייוול זיגעלבוימס שעפערישער אייגנס

פּייוול זיגעלבוים: משיח פון רמלה און אַנדערע דערציילונגען. פאַרלאַג קיום תּל־אָבֿיבֿ—בוענאָס־איירעס, 1980. 230 זז׳.

## א

פּייוול זיגעלבוים איז אַ פּלוראַליסטיש שעפערישער מענטש. במשך פון אַ יובֿל יאָרן האָט ער זיין גייסטיקע ענערגיע צעשפּרייט אויף פאַרשיידענע קולטור־געביטן. אין דער לעצטער דעקאַדע איז ער בעיקר אַקטיוו אין דער ליטעראַרישער ספערע. און דאָ בעט זיך געבן אַ פּאָר ביאָגראַפישע און כאַראַקטער־שטריכן צו זיין געשטאַלט.

געבוירן אין קראַסניסטאַוו. פון 8 יאָר ביז 19 אין כעלעם. אין 1927 קומט ער קיין וואַרשע, ווו ער שטודירט אין טעאַטער־שול פון ד״ר ווייכערט און איז אַ מיטגליד פון יונג־טעאַטער. אין 1936 קומט ער קיין יאָהאַנעסבורג, ווו ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, שרייבט אַרטיקלען און קריטיק אין היגע יידישע צייטונגען, האַלט לעקציעס, שפּילט און רעזשיסירט יידיש און ענגליש טעאַטער.

פּייוולס בײדע אַמביציעס, אויף דער רעדנער־טריבונע און אויף די בינע־ברעטער, זענען געגאַנגען געפּאָרט און ער האָט זיין טאָפּעלע ראָלע געוויסנדיק געשפּילט. אָבער ביי אים איז אויפגעקומען נאָך איין דראַנג, דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך געריסן שעפעריש פיקסירט צו ווערן. זיין גטאָגראַד (דראַמע אין 3 אַקטן, 21 זז׳), אַרויס 1945, איז געווען אַן ערשטמאָליקער קלאַנג, און ס׳האָט געדויערט 25 יאָר ביז זיין וואָרט האָט דערגרייכט ברייטערע האָריזאָנטן.

איז דאָ כּדאַי צו פאַרצייכענען דעם מאָמענט, אַז דער דאָזיקער אויפשטייג איז פאָרגעקומען ווען פּייוול האָט זיין פיזישע היים איבערגעביטן אויף ישׂראל. דער דאָזיקער ספּאָנטאַנער ווענד האָט באַפליגלט זיין גלויבן אין זיך. רעדט ער טאַקע מיט דאַנקשאַפט צו דער מדינה, וואָס האָט זיין שעפעריש לעבן באַנייט און רייכער געמאַכט.

דאָך איז קיין ווונדער ניט, וואָס זיין ערשטלינגבוך וואָרצלט נאָך אין אימיגראַציע־לאַנד: די אוהאַמאַס — ראָמאַן פון דרום־אַפריקע (1971). דאָס איז דעמאָלט געווען זיין נאָענטסטער סוזשעט און די טיר דורך וועלכער ער איז אַריין

אין דער ייִדישער ליטעראַטור. און וועגן דעם ענין, "ווי קומט דער מחבר צו דעם חיבור", ס'מיינט — פּײַוול צו דער זולו־טעמע, איז כּדאַי צו לייענען דעם עסיי פון דבֿ סדן אין זײַן אַרײַנפיר צום בוך. דאָרטן אַנאַליזירט ער דעם גאַנצן קאָמפּלעקס שאלות פון דעם פּענאָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור בכּלל און בײַ פּײַוול זיגעלבוים בפרט. אין ווינציק פאַלן איז געראָטן אימיגראַנטישע ייִדישע שרײַבערס צו ווערן איבערגעבוירן אין דער נײַער טעמאַטיק — אַזעלכע ספּעציפישע אויסנעמען דערמאָנט טאַקע דבֿ סדן — אָבער בדרך־כּלל האָבן די פּאָרמאַטיווע יאָרן זיך אײַנגעקריצט מיט אַזאַ כּוח, אַז די קינד־ און יוגנט־וועלט האָט זיך ניט געלאָזט אַרויסרײַסן פון האַרצן. דער בולטסטער משל איז יעקבֿ גלאַטשטיין, און דאָס זעלבע זעען מיר בײַ פּײַוול זיגעלבוים. בכּלל, וואָרט נאָך אַזאַ אַקטועלע טעמע ווי די הײַנטיקע אַפריקע אויף איר שעפער — אויך אין ענגליש און אַפריקאַנס. און אפשר וועט אַזאַ אָטעם־הייסער עפּאָס גאָר קומען פון זײַן נאַטירלעכן מקור — פון אַ שוואַרצן שרײַבער, און פאַראַן טאַלאַנטירטע פון זיי. אָבער מיר וועלן זײַן אומגערעכט לגבי דעם מחבר פון די אוהאַמאַס, אויב מיר וועלן דאָ ניט צוגעבן אַז פּײַוולס סיפּור־המעשׂה איז ניט נאָר דאָס ברייטסטע לײַוונט אויף וועלכן ער האָט געמאָלט דעם זולו־שבֿט, נײַערט איז פאַקטיש דאָס בעסטע און גרעסטע בוך וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ייִדיש, אין פּראָזע, וועגן שוואַרצן מענטש. ער ברענגט קלאָר אַרויס דעם גורל פון אַ שוואַרצער משפּחה אויף דעם עקזאָטישן הינטערגרונט פון איר לאַנד און נאַטור, און אויך די "ווײַסע" שטאָט. דער דערציילשטאָף איז גוט קאָנסטרויִרט, פּליסיק, ערטערווײַז אַפילו פאַרכאַפּנדיק, אָבער ס'איז פאָרט ניט קיין ראָמאַן, ווי דער מחבר וויל עס האָבן און, ווי דבֿ סדן האָט עס ריכטיק אָנגעוויזן און באַגרינדט אין זײַן אויבן דערמאָנטן אַרײַנפיר צום בוך. און נאָך וואָס: עס דערמאָנט צו שטאַרק דעם ייִדישן לייענער אַנאַלאָגישע טיפּן און מאָמענטן פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

ב

מיר וועלן זיך דאָ בלויז אין עטלעכע שורות אָפּשטעלן אויף פּײַוול זיגעלבוימס צווייטן בוך דער כּוח צו שטאַרבן (1976, 380 זז'). דאָס בוך איז פון גאָר אַן אַנדער קאַליבער און זײַנע ליטעראַרישע קוואַליטעטן דאַרפן באַהאַנדלט ווערן מיט קריטעריעס, וואָס דאָס פאָדערט אַ באַזונדערע אַרבעט. אייגנטלעך איז דאָס ניט סתּם נאָך אַ בוך, נאָר אַ כראָניק־קאָמפּילאַציע, אַ ביאָגראַפיש משפּחה־בוך, ווו דער זון און ברודער, פּײַוול, פּרוווט אויפלעבן די געשטאַלטן פון זײַן טאַטן, ברודער שמואל־מרדכי (אַרטור) און אַנדערע משפּחה־מיטגלידער, ווי ער געדענקט זיי און קען זיי.

איצט האָט פּײַוול זיגעלבוים, אין זײַן לעצטן בוך משיח פון רמלה, אויפגעעפנט די אַלטע שעפערישע קאַמערן און געלאָזט אַרויסקומען צום ליטעראַרישן פּאָדיום די העלדן פון דער אַמאָליקער און הײַנטיקער ייִדישער וועלט. דער

פּערסאָנאַזש האָט אַ גייַסטיק־אינטימען באַריר מיטן מחבר. די אַלע געשטאַלטן און כאַראַקטערן ווערן לעבעדיק אין זכות פון דעם כּוח מיט וועלכן ער שטעלט אויף זייערע וועלטן: לשון, ניגון, ריח, סבֿיבֿה און אַנדערע אַטריבוטן פון דעם שטייגער. דאָ האָט ער ניט קאָפּירט אַן אומבאַקאַנטע און פרעמדע מיליע, נייַערט זייַנע ייִדן, זייערע היימען און זייער גאַס, זייַן וואַרשע און כעלעם. פאַר דעם פאַרמאָגט ער די קינסטלערישע פּילפּאַרביקע פּאַליטרע, מיט וועלכער ער קען מאָלן די בילדער וואָס זענען פאַרקריצט אין זייַן האַרץ און מוח. און דעריבער וויברירן זיי מיט קאָלירן און טענער פון אַן עכט ייִדיש לעבן. פּיִוולס 14 דער־ציילונגען, בפרט די טיטל־דערציילונג — און די גרעסטע — פון בוך, זענען דער איבערגאַנג צו אַן אייגענער טעמע, וואָס איז אים נאָענט, און צו ייִדן וואָס זייער טראַכטן און פילן איז אמתדיק, אַפילו אין זייערע אויסגעטראַכטע זוכענישן און פּלאָנטערנישן. על־כּן זענען די ייִדן צאַפּלדיק־לעבעדיקע מענטשן, אין זייער גליק און אומגליק, און ניט קיין אַנעמישע פּאָטאָגראַפיעס פון עפּעס אַן עקזאָ־טישן ווונדער, וואָס מ׳דאַרף זיך חידושן איבער דעם. די אייגנקייט פון די טעמעס איז צוזאַמענגעוועבט מיט פּעדעם פון געמיט און האַרץ און מענטאַליטעט. דאָ איז ניטאָ די סכּנה פון אַ ניט־היימישן ליטעראַרישן גילגול, וואָס רעדט פרעמדע רייד. און דער בעסטער סימן איז טאַקע „דער גילגול" אַליין, די ערשטע דער־ציילונג אין בוך, ווו פּיִוול ווערט מגולגל אין דער ליטעראַרישער ספערע מיט זייַן שרייַבערישן כּוח־החיים. ס׳איז דער שאַפערישער אָטעם אין סוזשעט, אין דער סבֿיבֿה, ווי ער שפּילט און שפּיגלט אָפּ דעם מהות און גורל פון יחיד. ס׳איז דער תּוך און תּוכן פון אַ מעשׂה.

און אַזעלכע דערציילונגען ווי „דער גילגול" זענען טאַקע ייִדיש־מעשׂהדיק, אין נוסח פון פאָלקלאָר, און דעם צוגאָב פון אמונה און בונדיזם, משיח און סאָ־ציאַליזם, מאַכט פון דעם אַ באַטעמטע ליטעראַרישע פּאַטראַווע פון פאָלקס־תּמימות, ליבשאַפט און גלויבן. די דערציילונגען זענען קורץ און אָנגעלאָדן מיט געפּרעסטן אינהאַלט, און הינטער די שורות שפּרודלט אָפט אַ דינער און פילעוו־דיקער הומאָר. אַזוי, למשל, די טראַגיש־לעכערלעכע נאַיִווקייט פון דעם יאָסעלען, וואָס איז בונדיסט און תּהילים־זאָגער. אַפילו „אָרישל סאַרוואַר", וואָס די טראַגיק איז אָנגעשפּיצט, פאַרלירט אָבער ניט דעם הומאָריסטישן חן פון כעלעמער שליי־מזלדיקייט. און דאָס רובֿ דערציילונגען האָבן אַ מאָראַל, וואָס מאַכט זיי במילא כאַראַקטעריסטיש־מעשׂהדיק. אַזוי „דעם מלמדס תּשובֿה", וואָס דערמאָנט אַ ביאָגראַפישן עפּיזאָד אין בוך דער כּוח צו שטאַרבן. דאָס קינד, וואָס טראָגט אין זיך ביז אין עלטער די בילדער פון הונגער און בושה און תּשובֿה, ווייס ווי דעם געדענק־מאַטעריאַל איבערצושמעלצן אין אַ ווונדערלעכער מעשׂה. דאָס איז די מעשׂה פון אַ מאָל: שטעטל, משפּחה, אָבער אויך אין דער מעשׂה פון הייַנט, אין ישׂראל, וואָס פּיִוול דערציילט אונדז, טראָגן נאָך אַלץ זייַנע ייִדן אין זיך זייערע זכרונות פון יענעם אַמאָל און פון אונדזער חורבן. דערציילט ער פון זיי.

ג

די דערציילונגען זענען געשריבן אין אַ לײַכטן און פּשוטן סטיל. די שפּראַך איז אַן אידיאָמאַטיש־היימישע. אַ צאָל דערציילונגען זענען ווי איבערדערציילט אין אויטענטישן לשון, וואָס מאַכט זיי עכט און באַגלייביק, איבער הויפּט די מאָנאָלאָג־פאָרמיקע. איינע אַזאַ, וואָס דער מחבר דערציילט־איבער מפּי אומרו, איז אויסטערליש אינטערעסאַנט און דערמאָנט אין גוטן קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש — דאָס איז „ר׳ יצחקל תּענית״. און הגם זי שמעקט מיט אַ זעלטענעם יידישן טעם, וואָלט עס ניט געווען אַזוי גאַנץ און רירנדיק ווען ניט דאָס לומדישע לשון. און ס׳איז לשון, וואָס וואַרעמט די פאָלקסטימלעכע מעשׂה און מאַכט זי פאַר אַ ליטעראַרישן פּערל אין פאַרביקן צוזאַמענשטעל פון די טעמעס. אַנדערע זענען אַזוי באַהאַרצט, באַטרערט און באַמאַראַלט, ווי מ׳וואָלט זיי געבראַכט אין זייער פרישקייט פון שטעטלשן מעשׂה־לאַנד.

אַחוץ מאָראַל און לשון איז אויך פאַראַן אַקציע און אינהאַלט, אָבער ניט קיין שווערע פּראָבלעמען צו לייזן — דאָס טוען שוין די העלדן אַליין. און אין דעם ׳גאַנג׳ ציט זיך מעשׂה נאָך מעשׂה, ביז מיר קומען צו דער ליטעראַרישער הויפּט־אַטראַקציע, צו דער טיטל־דערציילונג משיח פון רמלה. איז כּדאַי וועגן דעם זיך אָפּשטעלן לענגער. דערציילן און אַנאַליזירן דעם אויסטערלישן כאַראַקטער, זײַנע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און סבֿיבֿה. איבערלייענענדיק די דערקלערונג פון מחבר, בראָש הסיפּור, אַז „די דערציילונג איז באַאַרבעט פון אַ דראַמע״, קומט גלײַך אויף אַ מאָדנער פאַקט: מיר זעען ווי כּסדר ווערן ׳דראַמאַטיזירט׳ ביכער, דערציילונגען, נאָוועלעס פאַר בינע און פילם, און דאָ פונקט דאָס פאַרקערטע. דער מחבר גיט ניט קיין הסבר פאַר דעם, בעת מיר מיינען אַז אָפּדרוקן אַן אָריגינעלע פּיעסע הײַנט, וואָלט געוויס געווען אַ מין ליטעראַרישער אַנדערשדיקער פאַרמעסט. מה־דאָך אַז עס קען אויסגענוצט ווערן פאַר דער בינע. פּײַוול האָט מסתּמא אַן ענטפער אויף דעם.

ווילן מיר אָבער איצט זען די דערציילונג ווי אַ זאַך פאַר זיך. דער מחבר פּרוּווט דאָ געבן אַ טיפּ פון אַ תּימנער, וואָס חוץ זײַן נאָמען, משיח, איז ער אויבנאויפיק דער געווינטלעכער פּראָטאָטיפּ פון זײַן עקזאָטישער עדה. אָבער אין זײַן האַרצן איז ער זוכעריש, ער פאָרשט דעם שורש פון זאַכן, ער פּלאָנטערט זיך אין שאלות פון מאָראַל און קיום, אָבער ער איז שטאַרק פרום און האָט זיך זײַנע קאָנסערוואַטיווע אידעעס, אויף וועלכע ער וויל ניט און קען ניט מוותּר זײַן. אָבער אייגנצײַטיק, לויט דער מענטאַליטעט פון זײַן דענקען, איז ער אַן איש־שלום און וויל ניט קיין מלחמה מיט זײַן ישׂראל־מלכות. און דאָ דווקא הייבן זיך אָן די קאָנפליקטן, ברוגזן מיט משפּחה, מיטן אײדעם דוד, צוליב זײַן פירונג. ער אַנטלויפט, בעט זיך איבער, פּרוּווט אַפילו וועלן פאַרשטיין, זיך איבערצײַגן. דאָס איז ניט קיין שווערע נאַטור, אָבער זײַן אײַנגעירשנטע פרומקייט, זײַנע נשמה־אײַנגעקאָרבטע מינהגים און מיצוות שטייען אים אין וועג. ס׳איז פײַנער דראַמאַטישער מאַטעריאַל, וואָס ווערט פאַרפּלאָנטערט מיט נײַע האַנדלונגען: די

פאַר אים פּלוצלינג טרויעריקע בשׂורה, אַז די מיזינקע, אסתּר, איז געוואָרן אַ זינגערקע אויף טעלעוויזיע... זי ברענגט אַפילו אין שטוב דעם בחור, בועז, וואָס האָט איר געהאָלפן אין איר קאַריערע, און ער געפעלט דעם טאַטן, ער איז אַפילו צופרידן צו טאָן דעם שידוך. אָבער דאָ וואַקסט די טראַגעדיע אויס צו ממש אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דעם פרומען טאַטן, ווען ער דערוויסט זיך: „בועז איז אַ קאַראַי...״ (קאַראַימער). דאָ עקט זיך די וועלט פאַר דעם ליבנדיקן גוטמוטיקן טאַטן און ער ווערט האַרט און פאַרביסן, אָן רחמנות. דאָ גייט ניט אין אַ דע־מאָנסטראַציע קעגן דער ממשלה, דאָס רירט שוין אָן זיין עצם אמונה, זיינע וואָרצלען, ער וויל ניט אַז פרעמד בלוט זאָל טמא מאַכן זיין יידיש ריינע וועלט. דאָ גילטן ניט קיין פּשרות, איבערבעטענישן, אַפילו ניט מחילה צו אַ באַליבט קינד. און ס׳איז נאַטירלעך, אַז אין דעם קאָמפּלעקס פון דער ׳אַנאָמאַליע׳, איז די טאָכטער אַריינגעדרייט ווי דער צענטראַלער אָביעקט פון דער דראַמע.

## ד

מיר שטעלן זיך ספּעציעל אָפּ אויף דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג, ווייל ס׳איז אַ סך מער ווי דער פּערזענלעכער גורל פון די אַנטייל־נעמערס אין דער דראַמע, נאָר ס׳איז דער קאַמף, מחלוקת און שטורעם וואָס האָט זיך אָפּגע־שפּילט אין ישׂראל אַרום דער שאלה: ווער איז אַ ייד? און די שאלה איז נאָך ניט פאַרענטפערט און דער שטורעם נאָך ניט איינגעשטילט. אָט זעען מיר אים בושעווען אין האַרצן ביי אסתּרן, וואָס קען ניט פאַרשטיין פאַר וואָס איז בועז אַנדערש ווי אַלע יידן? ער איז אַ בירגער מיט אַלע פליכטן, ער איז אין דער אַרמיי, ער גייט מלחמה האַלטן פאַר ישׂראל. די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון פאָלק האָט איצט איבער איר קאָפּ געהויערט ווי אַ פינצטערע קללה. זי האַלט ביים איינברעכן זיך. אינדיווידועל איז קיין אַנדער לייזונג ניטאָ ווי אַנטלויפן פון דער היים און פון פאַנאַטישן טאַטן. און דאָ רוקט מיט אַ מאָל אונטער די ביטערע צייט אַן אַנדער גורלדיקע לייזונג: יום־כּיפּור־מלחמה. דער דזשיפּ טראָגט אַוועק בועזן אין פייער. די קאַמפן פלאַקערן. איצט ווערט די דראַמע ברענענדיק און מ׳דאַרף האָבן אַ כּוח עס צו באַהערשן, כּדי זי זאָל דערהויבן ווערן צו דער עכטקייט פון דער סיטואַציע.

און פּיוּול זיגעלבוים ברענגט די טאָפּעלע דראַמע פון ליבע און מלחמה צו אַ שאַרפן און אומעטיקן קלימאַקס: בועז ווערט פאַרפאַלן — ער איז אין „אַ רשימה פון נעדרים״. און די טראַגיק ווערט דער גייסטיקער צוזאַמענקנופּ פון דער גאַנצער שאלה. אַלע פילן באַשיימפערלעך דעם גורל, צו וועלכן מע מוז זיך בייגן. ס׳איז אַ כּוח וואָס באַווירקט אַפילו דעם פאַרעקשנטן משיח פון רמלה, וואָס זוכט „אַ תּשובה פאַר זיך — זאָגן קדיש״. אין דעם דראַמאַטישן פּלאָנטער איז פּיוּולען געראָטן קלאָר צו מאַכן די אידעע צו וועלכער ער האָט געצילט: די טראַגעדיע פון יחיד, וואָס איז געבונדן מיטן גורל פון גאַנצן פאָלק; די ליב־

טיקייט און ריינקייט פון זײַנע העלדן, זייער גלויבן, און צום סוף, זייער געראַנגל מיט זיך און אין זיך, און דער נצחון. און אין דעם זינען איז עס פּערפעקטער דראַמאַטישער אינהאַלט און אַ ליטעראַרישע דערגרייכונג.

מיט די דערציילונגען איז פּײַוול אַרויף אויף זײַן אייגענעם ליטעראַרישן וועג. און ס'איז אויך קיין וווּנדער ניט, אַז כּמעט אין יעדער דערציילונג איז פֿאַראַן אַ שליח־מיצווה פון חורבן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. דער מאָטיוו איז דער טרויער־ניגון און טיפערער באַטײַט פון ניט ווייניק דערציילונגען. און זײַנע העלדן טראָגן אין זייער מהות גײַסטיקן אומרו: זיי דיסקוטירן, מעדיטירן, טראַכטן וועגן זיך, מענטש, ייִד, וועלט. זיי שרײַען פון זיך אַרויס פּײַן און פרייד, און מיר הערן אַפילו די שטילע רייד, וואָס זיי דערציילן פאַר זיך אַליין. אפשר זענען די דיאַלאָגן אַ מאָל צו לאַנג, אָבער זיי האָבן די טענדענץ פון אויפריכטי־קייט און די געשטאַלטן זענען גאַנצע, פּאָזיטיווע.

די דערציילונגען זענען זיגעלבוימישע, אייגענע, ער האָט אַרײַנגעבלאָזן אין זיי זײַן אייגענעם אָטעם. מיט דעם האָט פּײַוול אויפגעבויט זײַן אייגענעם ווינקל אויף דער ייִדישער ליטעראַטור־טעריטאָריע. אייגנס איז דער בעסטער סימן פון אָריגינאַליטעט — אַן אייגענע געשיכטע, אַן אייגענע קאָנסטרוקציע, און אייגענע ראַם פאַר די העלדן און זייערע האַנדלונגען. אַפילו די נאַטור האָט באַ־זונדער־מיניקע שילדערונגען, און ספּעציעל די בילדער פון דער ישׂראל־נאַטור און די באַוווּנדערונג פאַר דער לאַנדשאַפט, דערפער, קיבוצים, שטעט, איבער הויפּט ירושלים.

אין די דערציילונגען האָט ער צוריקגעבראַכט די ייִדישע היים, די ישׂראל־דיקע טעמע און דעם חורבן־מאָטיוו מיט אַן אייגענעם זיגעלבוימישן קלאַנג — מעשׂהדיק און דראַמאַטיש און פול מיט שפּיל פון מענטש און זײַן גורל.

די גאָלדענע קייט 103, 1980.

ל

# אַ בוך פֿון מענטשלעכן אמת

יגאַל לבֿ: באלהים, אמא, אני שונא את המלחמה. „ביתן“ הוצאָה לאור. הילע־צייכענונג: ד. קרמן. 186 זז׳.

## א

יגאַל לבֿ איז דער זון פֿון באַקאַנטן ייִדישן דיכטער, אַבֿרהם לעוו. ער קומט פֿון קיבוץ גבֿעת־השלושה, וווּ זײַן טאַטע איז פֿון די ערשטע חלוצים און בויערס. אָבער יגאַל לבֿ, וואָס איז אַליין פֿאַרוואָרצלט אין ישׂראל־לעבן, איז אַ שרײַבער אין זײַן אייגענעם זכות. דעם ייִחוס־אָבֿות דערמאָנען מיר אַזוי זיך, כּדי מ׳זאָל וויסן דאָס „שותּפֿות“: דער טאַטע זינגט לידער פֿון ישׂראל און איר אויפֿבוי, אין ייִדיש, דער זון שרײַבט וועגן ישׂראל און איר קאַמף, אין העברעיִש. און ניט נאָר איז ער אַ שרײַבער — ער איז אויך אַן אַקטיווער מיליטער־מאַן אין צה״ל.

יגאַל לבֿ האָט מיטגעמאַכט, ווי אַ קאָמאַנדיר אין דער אַרמיי, די גאַנצע משוגענע וואַקכאַנאַליע פֿון צוויי מלחמות. ער איז 36 יאָר אַלט. אין זײַן בוך דערציילט ער עס אין ערשטע פּערזאָן: „אין די 2 מלחמות, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן דורכגעמאַכט, האָב איך זיך איבערצײַגט ווי נישטיק איז די ווערט פֿון לאָגיק אין דער דאָזיקער אַכזריותדיקער און משוגענער וואַקכאַנאַליע (טרף מבֿולבל) — די מלחמה“. די גרעסטע מעלה פֿון בוך איז, וואָס זײַן מחבר איז ניט נאָר אַ מיטבאַטייליקטער אין די מלחמה־אַקציעס, נײַערט ער ווערט דער אָבסערווירער פֿון זײַנע חבֿרים — ער בליקט אַרײַן אין זייער נשמה און דערפֿילט זייער מענטשלעכן צאַפּל.

ער גיט איבער זייערע רייד פּשוט, דירעקט, אינטים. זייערע עמאָציעס זענען שאַרף, אויב ניט אײַנגעבוירענע, זענען זיי אײַנגעזויגן פֿון היים, פֿון סבֿיבֿה, וווּ מ׳איז אויפֿגעוואַקסן — אַזוי די שׂינאה, אַזוי די ליבע. און ס׳איז דעריבער נאַטירלעך אַז דער אַראַבישער זעלנער און די אַראַבישע פֿראַגע קומט אויף אין די שמועסן. ווײַל דער דאָזיקער מענטש פֿיגורירט ווי אַ קאָנקרעטער אָביעקט — טראַנשיי קעגן טראַנשיי, אין מלחמה און שלום — ווי קעמפֿער און פּליטים.

אין חבֿרישע געשפּרעכן קומט אויף בײַ טייל די דאָזיקע טעמע צו מאָל אַבסטראַקט, ווי מ׳וואָלט ערשט דאַרפֿן באַשטימען דעם אַראַבישן כאַראַקטער און זײַן באַציִונג צום אַרום. די מיינונגען זענען פֿאַרשיידענע, יעדער מיט זײַן קוק. און בײַ די סאָלדאַטן איז עס מער ווי פּאָליטיק, שטאַרקער ווי דער פּחד פֿון

פרידלעכן בירגער: ביים חייל איז ער, דער אַראַבישער סאָלדאַט, וואָס „אין עטלעכע שעה אַרום וועט ער פּרוּוון מאַכן אַ סוף צו דיין לעבן, פּונקט ווי דו וועסט פּרוּוון מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן". דאָך זעענען אין די אימפּולסיווע און ביטערע רייד פאַראַן אַזוי פיל סימפּאַטיע און מענטשלעכקייט, ניט אויס רחמנות נאָר פון טיפער איבערצייגונג: דער שונא, געזען מיט מענטשלעכע אויגן.

מלחמה־ליטעראַטור איז שוין אַלט ווי די וועלט: די צימצומדיקע תּנך־שילדערונגען, די לאַנגע גריכישע עפּיקס אין פּערזן און דראַמע, די קלאַסישע ליטעראַטור — די אַלע ליטעראַטור־„סטאַנדאַרטן" האָבן זיך זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה געביטן, פּונקט ווי עס האָט זיך געביטן די גאַנצע קריג־סטראַטעגיע און דאָס מענטשלעכע לעבן. עס איז געווען דער דייטשער שרייבער רעמאַרק, וואָס האָט דער ערשטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויסגעשפּילט יענע נאָך אומפאַרגלייכלעכע מלחמה אין אַ נייעם זשאַנער. אויפן מערבֿ־פראָנט איז רויק האָט פאַרכאַפּט מיט זיין אָריגינעלקייט און געוואָרן דער דעמאָלטיקער „בעסט סעלער". ס'וואָלט אונדז צו וויט אַוועקגעפירט צו מאַכן אַנאַלאָגיעס מיט רעמאַרקס ווערק. דאָ ווילן מיר נאָר פאַרצייכענען אַז יגאל לבֿ האָט אין זעלבן סטיל — לויט אַ ישראל־נוסח — געגעבן די אינדיווידועלע שאַרפע איבערלעבונג, עכטע בילדער, דאָס נאַטירלעכע וואָרט, מענטשלעכע ניואַנסן און דעם שטאַרקן ריח פון דער סאָלדאַטישער סבֿיבֿה. אָבער איבער אַלץ און אַלעם דערשיינט דער זעלנער ווי אַ מענטש — אַ מענטש וואָס ליידט, בענקט, האָט מורא, האָפט, חלומט, ליבט זיין מיידל און ליבט דאָס לעבן — און וואַרפט זיין יונג לעבן אין גורלדיקן פייער פון שלאַכטן. מיט דעם דערמאָנט יגאל לבֿ אָן דעם קלאַסישן מוסטער פון מאָדערנעם מלחמה־ראָמאַן. צי וואָלט זיך דעמאָלט, אין די יאָרן פון רעמאַרקן, איינגעפונען אַ „שוואַרצער נבֿיא" וואָס זאָל פאַרויסזאָגן אַז אין 1969 וועלן יידן אין ישראל פירן מלחמות און האָבן אַן אייגענע מלחמה־ליטעראַטור.

## ב

דאָס בוך פון יגאל לבֿ, באלוהים, אמא, אני שונא את המלחמה, איז דערשינען אין ישראל אין דעצעמבער 1967 — קוים אַ האַלב יאָר נאָך דער מלחמה — אין 1968 שוין אין 4 אויפלאַגעס, און אין 1969 — ווידער נייע אויפלאַגעס. איז דאָך אַ פּנים פאַראַן אין בוך אַזאַ עפּעס וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם העברעישן לייענער. דער „עפּעס" איז דאָס גאַנצע בוך, ווייל עס האָט אויסגעשפּילט די מלחמה אויף אַלע גאַמעס: דער לייענער האָט דערזען אין מענטשלעך ליכט זיין היים און זיין שכן, זיך און זיין קינד, זיין חבֿר און אַפילו זיין פיינט. דאָס אינטים־מענטשלעכע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער פאָן פון בלוט און פייער, איז אין אַלע זיבען די פאַרכאַפּנדיקע ציטטעמע — זען דעם ישראל־סאָלדאַט אין זיין צלם־מענטש. עס איז ניט דער סאָרט פּיקאַנטע מלחמה־ליטעראַטור וואָס פאַבריצירט דעם אַמעריקאַנער „בעסט־סעלער", אָבער סיי ווי איז דאָס בוך שוין איבערגעזעצט אויף אַ סך איראָפּעישע שפּראַכן.

די רמיס, די איציקס, די ציניקער און די פילאָסאָפן, די האַסערס און די ליבערס — זיי אַלע זענען די טאַטעס־מאַמעס און קינדער פון ישׂראל־פאָלק, וואָס וויל לעבן בלייבן און אויפהיטן זיין גאַנצקייט, זיין אידענטיטעט — איז בפירוש אַ פאָלק וואָס האָט פיינט די מלחמה. און דער לאַנגער טיטל פון בוך — אויף יידיש — ביי גאָט, מאַמע, איך האָב פיינט די מלחמה, קלינגט אויך ווי אַ סלאָגאַן. אין יחידישער טראַנסקריפּציע קען מען פאַרטייטשן דעם אין, אַז יעדער ייד האָט פיינט די מלחמה.

דאָס גאַנצע בוך פירט צילבאַוווסט צו דעם לעצטן אויסרוף, וואָס קלינגט ווי די צוואה פון יונג־פאַרשניטענעם רמי. צו דער כמעט־פילאָסאָפישער דערקענטעניש שטייגערט זיך דער גאַנצער אינהאַלט, און די לעצטע שורה ווערט דער סאַמע קלימאַקס. אין דער באַשיידענער שורה פון רמיס קאַרטל, וואָס דערגייט צו די עלטערן שוין נאָך זיין טויט, איז געקומען צום אויסדרוק די יידיש־מענטשלעכע קאָנצעפּציע פון איביקער פיינדשאַפט צו בלוט־פאַרגיסונג. רמי האָט פאַר דעם באַצאָלט דעם טייערסטן פּרייז: זיין לעבן.

דאָס בוך האָט ביי דעם פּונקט דערגרייכט זיין ציל. עס איז ניט קיין ביליקע פּראָפּאַגאַנדע, — ניט אַנטי און ניט פּראָ, — נאָר דער מחבר הייבט אַרויס, כמעט ווי אומזעעוודיק, די עלעמענטאַרע פאָלקס־כאַראַקטעריסטיק פון קיום פון פאָלק — אַפילו פאַרן פּרייז פון לעבן. און די מלחמה ווערט די טראַגישע אין ברירה, וואָס דערמאָנט דעם העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דאָס בוך על־פּי זיין סטרוקטור איז צו פיל זשאַנערדיק, אַז ס'זאָל קענען קלאַסיפיצירט ווערן ווי אַ ראָמאַן. אַוודאי איז אין אים פאַראַן געניג עראָטיק, ראָמאַנטיק און אַלע אַנדערע „גליקן", אָבער די פאָרעם איז אפשר מער אַרייגעפּאַסט אין מאָדערנעם סטיל פון קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש, ווו אַלע פעדעם — דערציילונג, בילד, איבערלעבונג, סביבה, מעדיטאַציע, פילאָסאָפיע, מלחמה־כראָניק און באַריכט — פלעכטן זיך צוזאַמען. עס האָט געוויס דעם אינהאַלט און כאַראַקטעריסטיק פון וואָס עס ווערט קאָנסטרוירט דער ראָמאַן, אָבער עס האָט ניט די יסודות. אויך דאָס לשון איז מער זשורנאַליסטיש, לייכט, פון טאָגגעברויך, כאָטש אַ לעבעדיק־צאַפּלדיקער, מיט עלעמענטן פון גאַס און „סלענג", אָבער ס'איז פאָרט ניט דער סיגנון פון ראָמאַן (אַפילו ענגלישע בעסט־סעלערס, וואָס פאַרקויפן זיך אין מיליאָנען, האָבן ניט תמיד די פּרעטענזיע).

ביכער פון אַזאַ טעמאַטיק זענען נאָך הייַנט אַקטועל — ווי דער מלחמה־המשך פון 1967 — און עס איז מסתמא די סיבה פאַר וואָס דאָס בוך איז אַזוי פּאָפּולער אויפן ביכערמאַרק אין ישׂראל. חוץ דעם איז יגאל לבֿ ניט געקומען מיט אַ שטורעם פון מלחמה־בילדער און פּאַטריאָטישן הוראַ־געשריי. ער שטעלט זיך פאַר, ער שטעלט פאָר זיינע מענטשן און לאָזט זיי פריי ריידן — און די דאָזיקע פרייהייט איז אויפריכטיק. ער גיט יעדן אייגעם ווי ער איז, ער פאַרבט ניט צו, און די אַטמאָספער שאַפן די מענטשן גופא. די קאָנטראַסטן און „שפּרונגזייטיקע" דערמאָנונגען, מאַכן נאָך בולטער די קאָנקרעטע פּאַסירונגען.

## ג

די ייִדישע קאָמפּלעקסן זענען בײַ לבֿס העלדן ניט קיין נאַציאָנאַל־פּאָל־קישע נאָר מער אַלגעמיין־מענטשלעכע. דעריבער טאַקע פאַרבלײַבן אײַנגע־קריצט אין זכּרון זייערע פּסיכישע איבערלעבונגען. אַפילו דער קאָמפּלעקס פון אַראַבישער פײַנדשאַפט, מיט וועלכן רמי איז אויפגעוואַקסן און כאָוועט אים אין זיך, איז מענטשלעך שטיל, ווי אַ קינדישער קאַפּריז, ער ווערט ראָמאַנטיש ווען הינטער אים לויערט שוין דער גורל. אין דעם זינען האָט דאָס בוך אַ הומאַ־ניטאַר־סאָציאַלן אַרויספאָדער. עס איז ניט אָנשטעל־פּאַציפיזם, אָבער מיר פילן שטאַרק דעם גאַנצן קאָנפליקט צווישן האַס צו מלחמה און דעם חובֿ צום פאָלק — ווײַל קעמפן מיינט פאָלק־המשך, ס'איז דער הכרח פון דער צײַט. אין דער מלחמה מוז מענטש בלײַבן מענטש, דער ייִד אין דער אַרמיי — אַ סאָלדאַט אויף אַ פאָלקס־פּאָזיציע.

יגאָל לבֿס בוך אַפּעלירט צום ישׂראלדיקן בירגער בפרט, ווײַל ער האָט ניט פונאַנדערגעטיילט דעם מענטש און סאָלדאַט. דער מענטשלעכער פּונקט לויכט אין אַלע 12 קאַפּיטלען פון בוך, און איז אפשר ליכטיקער ווי דער פלאַם פון מלחמה. עס איז אין בוך ניטאָ די גלאָריפיקאַציע פון גיבורים, אין נאַציאָנאַליס־טיש שרײַיקע טערמינען. מיט אַ מענטשלעך וואָרט, מיט אַ חבֿרישן שמועס ווײַזט לבֿ דעם ייִדישן סאָלדאַט אין זײַן נאַטירלעכער מאָס: אַ מענטש אין סאָל־דאַטישע קליידער, מיט באַפעלן אויסצופירן. ער איז מיט זײַן אָפּטימיזם און פּעסימיזם, מיט זײַן גלייביקייט און אומצוטרוי, אַפילו מיט שאָוויניסטישע צי גרילציקע טענער, אַזוי ווי דער מענטש איז, אין סאָלדאַטישע בגדים.

אין בוך זענען פאַראַן געננג טיפּן און כאַראַקטערן. רמי איז די צענטראַלע פיגור, און דער אויסקלאַנג פון בוך איז טאַקע דער טראַגישער טויט פון יונגן רמי, דער האָסער, וואָס ווערט אַ שונא פון מלחמה און אויך איר קרבן. צו לעצט ווערט דער טיטל־סלאָגאַן פון בוך דערהויבן צו אַ סימבאָל, צו אַ שבֿועה צו דער טײַערסטער וואָס אַ יונגער מענטש — בײַ אַלע פעלקער — פאַרמאָגט: זײַן מוטער. „בײַ גאָט, מאַמע, איך האָס די מלחמה". דאָס איז אפשר דער שטאַרקסטער אַפּעל פאַר שלום.

דער אַקאָרד האָט אַזאַ פּסיכישן אימפּאַקט, אַז בײַם צומאַכן ס'לעצטע בלעטל הייבט דאָס גאַנצע בוך אָן ראָלן אויף צוריק — זײַן אינהאַלט, זײַנע כאַראַק־טערן, די געשעענישן: „לייענסט" ווידער דאָס בוך, פון זכּרון, מיט דײַן איי־גענעם נוסח. דאָס בוך פון יגאָל לבֿ איז אַ בוך פון מענטשלעכן אמת — און דעריבער איז עס אַ גוט בוך.

**געווידמעט איז דאָס בוך: „מײַן ברודער דעם פּאַראַשוטיסט — משהלען, צו זײַן אָנדענק".**

דרום־אַפריקע, 1969.

# װעגװײַזער אין דער ייִדישער ליטעראַטור

אַבֿרהם ליס: הײם און דױער — װעגן שרײַבער און װערק. פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק. תּל־אָבֿיבֿ, ישׂראל. 1960. 333 זז׳.

## א

אַבֿרהם ליס איז אַ גוט־באַקאַנטער נאָמען צװישן דער ישׂראל־באַפֿעלקערונג, װאָס לײענט און הערט ייִדיש — זײַנע אַרטיקלען לײענט מען אין די ייִדישע ישׂראל־צײַטונגען און פּעריאָדישע אױסגאַבעס, און זײַנע רעפֿעראַטן און קאָמענטאַרן װעגן ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישע שרײַבערס הערט מען אױף דער ייִדיש־פּראָגראַם אין „קול ישׂראל". אַזױ האָט דער גוטער צופֿאַל צונױפֿגעפּאָרט דעם קונסט־זשאַנער פֿון קריטיק בכּתבֿ און בעל־פּה, אין אײן פּערזאָן, און װי אַ רעזולטאַט פֿון דעם איז געקומען דער קורצער און לײַכטער עסײ און דער אײַליקער רעפּאָרטאַזש. קודם־כּל איז עס אַ צײכן פֿון דער מאָדערנער צעיאָגטער צײַט, װאָס װיל האָבן אירע אַלע אַרטיקלען — אױך די ליטעראַריש קריטישע — שנעל, קורץ, געפּרעסט, פֿאַר דעם הײַנטיקן טאָג. זי, די צײַט, זאָרגט ניט פֿאַרן שרײַבערישן עולם־הבא.

אין זײַן בוך קומט עס צום בולטסטן אױסדרוק: ניטאָ קײן צײַט זיך אױסצושפּרײטן, צו מאַכן איבעריקע פּירושים און גרינטלעכערע אַנאַליזן. דער הײַנטמאָנט זײַנס, װײַל ער איז קורץ און גיך־פֿאַרבײַגײיִק. דערפֿאַר אפשר בראַקט ליס אַרײַן אין זײַן קורצן עסײ פֿון אַלץ צו ביסלעך: אַ געדאַנק אין אַ פּאָר שורות, אַן אַנאַליז אין אַ פּאָר פּאַראַגראַפֿן, ביאָגראַפֿישע שטריכן, ביבליאָגראַפֿיע, ציטאַטן, און אַ סך־הכּל פֿון דאָס געזאָגטע, אַלץ צוזאַמען, אין אַ 3 זײַטן. איז אָבער װי געפּרעסט אַ שרײַבערס װאָרט זאָל ניט זײַן, איז ער פֿאָר קײן פֿאַל ניט ביכולת אַרײַנצופּרעסן ריזיקע שעפֿערישע געשטאַלטן אין ענגע רעמעלעך. ביאַליק, טשערניכאָװסקי, צי לײװיק אין 5־6 בלעטער — אױף דעם מוז מען זײַן אַ גרױסער ידען אין מאַכן תּמציתדיקע קיצורים — און אַבֿרהם ליס איז עס, און עס מינערט לחלוטין ניט פֿון דער גרײס פֿון די שרײַבערס.

געװײנלעך קען מען ניט דערװאַרטן פֿון אַזאַ אַרבעט, עס זאָל אײַנרעמען דאָס בילד פֿון באַהאַנדלטן שרײַבער, אָדער זײַן װערק אין פֿול. אָבער דאָך איז ליסן געלונגען צו געבן אין אַ קאָנדענסירטער פֿאָרעם די הױפּטשטריכן און כאַ־

ראַקטעריסטיק פון איבער 6 צענדליגג יידישע און העברעיִשע שרײַבערס און דיכטערס. דאָס זענען אייגנטלעך בליץ־פּאָרטרעטן פון „גרויסע און קליינע", אין דער 2 שפּראַכיקער ליטעראַטור פון פאָלק, און זייער שעפערישקייט.

דער ערשטער — און שטאַרקסטער — רושם בײַם נעמען דאָס בוך אין האַנט איז, אַז מיר האַלטן אַ האַנטבוך וועגן יידישע שרײַבער און זייערע ווערק. איז דאָך אַ האַנטבוך, אין אַלע ליטעראַטורן און בײַ אַלע פעלקער, אַ וויכטיקער און נוציקער פאַרמיטלער, דער אַלף־בית פון יעדן קונסטפאַך, בפרט ליטעראַטור. און אין קיין ליטעראַטור באַציט מען זיך ניט גרינגשעציק צו אַזאַ נייטיקן בוך, וואָס איז דער וועגווײַזער צום געזוכטן אָביעקט — דאַרף דער דאָזיקער פאַר־דינסט פאַררעכנט ווערן ווי דער ליטעראַרישער זכות פון אַבֿרהם ליס. אין גרוי־סע ליטעראַטורן באַשעפטיקט מען גאַנצע קאַדרען פון ספּעציאַליסטן צוצוגרייטן דעם מין ביכער, וואָס מוזן זײַן דורכויס אָביעקטיוו, און אין פיל פאַלן ווערן זיי אַקאַדעמישע מדריכי־דרך פאַר סטודענטן אין לערן־ און פאָרש־אַנשטאַלטן.

אויב אַפילו דער מחבר פון היים און דויער פּרעטענדירט ניט, אַז זײַן בוך זאָל פאַררעכנט ווערן צו דער קאַטעגאָריע פון האַנטביכער, אָבער לויט זײַן אינהאַלט, צוזאַמענשטעל, קורצקייט און פאָרעם איז ער עס יאָ. מ'קען גרײַלעך צושרײַבן דעם בוך די פונקציע פון אַ מורה־דרך אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איבער הויפּט אין דער שטרעמונג, ווו אירע שעפערס זענען גע־קומען אין באַריר — דירעקט אָדער אומדירעקט — מיט דער טעמאַטיק פון ארץ־ישׂראל פון פריִער, ביז צו דער סאַמע לעצטער צײַט.

אַ האַנטבוך, ווי באַקאַנט, איז געמאַכט לויט אַ טעכנישן שליסל, און ניט לויט דער אידעיִשער קרובֿישאַפט פון די שעפערס, דאָס פאַרשטאַרקט אונדזער קלאַ־סיפיצירן היים און דויער ווי אַ האַנטבוך. ליס פאַרמאָגט אַלע ספּעציפישע שרײַ־בערישע אייגנשאַפטן פאַר דעם דאָזיקן זשאַנער, און אפשר וואָלט ער זיך גע־דאַרפט מער פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער שעפערישער עובֿדה. עס איז אַ שווע־רע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, ווו דער קריטיקער קומט אין קאָנטאַקט מיט מאַסן לייענערס. אפשר דערפאַר איז טאָקע אַבֿרהם ליס אָנגענומען ווי אַ פּאָפּולערער שרײַבער אין דעם זשאַנער.

כאָטש קריטיק בכלל איז ניט קיין מאַסן־אַרטיקל, האָבן אָבער נעמען פון שרײַבערס און פענמענטשן פאַר דעם לייענער אַ געוויסע אַטראַקציע, נעמען רייצן מיט זייער באַזונדערקייט, מיט זייער מענטשלעכן און שעפערישן כישוף.

## ב

אַבֿרהם ליס גיט אין זײַנע קריטישע אַרטיקלען אַ לײַכט־פאַרשטענדיקן קאָמענטאַר. די הסברה איז קלאָר און פשוט, און דאָס רובֿ זענען זיי פאַרזען מיט בילדערישע אינטערפּרעטאַציעס און געראָטן־פּאָסיקע ציטאַטן, וואָס באַ־לויכטן בדרך משל דעם באַהאַנדלטן עניך. פּאָעזיע־מוסטערן גיט ער מיט אַ פּו־

לער האַנט, און זײַן לשון איז פּליסיק, אָן איבעריקע פּליטערלעך, ווי מ'פּאַרט אויף אַ ברייטן טראַקט — דאָס איז פּירוש ליס.

דעם לייענער איז עס לײַכט צו באַנעמען און אײַנגעגנעם צו לייענען, ווי ער וואָלט אויסהערן אַ געמיטלעכן שמועס דירעקט פון מויל פון מחבר. די קריטישע פּאַטראָוועס זענען פײַן צוגעגרייט, באַטעמט, און מ'דאַרף זיך דערצו ניט צו פיל אָנשטרענגען, באַקומט זיך שוין דאָס לייענען מיט הנאה.

לאָמיר טאַקע, אויף טשיקאַוועס, אַ פּרוּוו טאָן אַ פּאָר פּסוקים ליס. מיר וועלן נעמען, למשל, איינעם פון די גאָר ערשטע אין בוך — דעם דיכטער אפרים אויערבאַך. מיר וועלן ניט זוכן קיין ספּעציעל־צוגעקליבענע שטיקלעך, נאָר זען ווי אַבֿרהם ליס גיט אַ קורץ־געפּרעסטע אויערבאַך־פאָרמל:

„...פאַראַן אין זײַנע (אפרים אויערבאַכס) ארץ־ישׂראל־לידער די האַרבקייט פון רוי־ערשטפעלד, די ווייען פון אויפקום און יוגנטלעכן ציטער. אָבער אַ כאַראַקטעריסטישע לויטערקייט האָבן פאַרמאָגט זײַנע לידער. די זעלבע לויטערקייט און העלקייט איז פאַרבליבן, ווען אפרים אויערבאַך, שוין אַ זאַטער מיט ניסיונות, אַן אָנגעזאַפּטער מיט דערפאַרונגען פון דער צײַט, האָט געזונגען אַנומלט „געזאַנגען פון עלטער". זענען עס נישט, חלילה, קיין לידער פון פאַרצווייפלונג; נישטאָ דאָ קיין בענקעניש נאָך דער פאַרגאַנגענער יוגנט, נאָך די אַמאָליקע צײַטן..."

דאָס איז נאָר אַ מוסטער ווי אַזוי ליס קען אין אַ צענדליגג קאָנדענסירטע שורות אַרײַננעמען דאָס גאַנצע שעפערישע לעבן פון אַ יידישן פּאָעט, צי אַ שרײַבער. האָבן מיר טאַקע דעם גאַנצן אפרים אויערבאַך, פון זײַן חלוצישן אָנהייב ביז די „געזאַנגען פון עלטער", אין בלויז 6 זײַטלעך. ס'איז ערשטקלאַסיקער שטאָף אויף צו דערקענען דעם שרײַבער און זײַן ווערק.

די הויפּט־מעלה פון אַבֿרהם ליס איז, וואָס ער גריבלט זיך ניט און זוכט ניט אין די ווערק קיין סיתרי־תורה. ער דעקט נאָר אָפּ די שעפערישע געשטאַלטן און איז מפרש אין אַ ראַזעווען, מחיהדיקן יידיש זייער גאַנג אין דער ליטעראַטור. די דאָזיקע פײַנע קריטישע סקיצעס זענען אַ מועט המחזיק את המרובה. און אויב מיר האָבן פריער זײַן בוך אַרויסגעהויבן ווי אַ האַנטבוך, טאָר מען עס אָבער ניט פאַרבײַטן מיט סתם אַ לעקסיקאָן, וואָס דינט נאָר פאַר דאַטן און רעפערענצן צו ווערק. זײַן בוך באַקענט דעם יידישן לייענער מיט זײַנע שרײַבערס, מיט זייער שעפערישן געמיט, מיט זייערע נשמה־פלאַנטערנישן און זייערע חבֿלי־יצירה. מיר דערזעען מיט „איין בליק" דעם שרײַבער און זײַן ווערק.

אַבֿרהם ליס איז אין זײַן עלעמענט אַ קריטיקער, וואָס זוכט דאָס ריינע, דאָס עכטע, דאָס ליטעראַריש־גאַנצע פון אַ ווערק. דעריבער אפשר זענען זײַנע שורות אַ ביסל „קאַלטלעך". ער ווערט ניט פאַרכאַפּט, עקזאַלטירט, פאַרטראָגן אין די הימלען. זײַנע רייד זענען פּראַקטישע, צום ענין, און ער זאָגט זיי באַשיידן, געצוימט, מיט אַ מין שטילקייט און דרך־ארץ, ווי איינער וואָס איז זייער געהיט ווײַל דאָס וואָס ער באַטראַכט און זעט איז אים נאָענט און אייגן.

ליס איז היינט איז דער ייִדישער ליטעראַטור דער מחבר פֿון דער מיניאַ־טור־קריטיק. עס איז די קליינקונסט־פֿאָרעם, וואָס איז שוין לאַנג באַקאַנט אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווי אויך אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַ־טור. סטרינדבערג, פּרץ, שאַפּמאַן, האָבן אין עטלעכע זײַטלעך, און ניט זעלטן אין געציילטע שורות, פּאַראייביקט שטיקער לעבן און כאַראַקטערן פֿון זייער דור, פֿון זייער תּקופֿה. ליס רעפֿלעקטירט אין דעם מיניאַטור־סטיל די געשטאַלטן פֿון 2־3 דורות שאַפֿערס בײַ ייִדן. די דאָזיקע מיניאַטור־קריטיק קומט אַרויס בולט און פּאַרביק. ער זעט יעדן שרײַבער פֿון זײַן ריכטיקן פּאַזיר־ווינקל, וואָס ברענגט אַרויס אין אַ פֿולער מאָס זײַן ליכט און שאָטן, דעם הינטערגרונט פֿון זײַן לעבן און זײַן שעפֿערישע אייגנקייט.

אין אַזאַ קורצקייט איז שווער צו זײַן אָריגינעל, דאָך שפּרינגען אַרויס דאָ און דאָרט אייגנאַרטיקע אַנטפּלעקונגען, עס שפּריצט־אויף אַ פֿונק, וואָס באַליכ־טיקט דעם מיין פֿון זאַכן, פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, דעם זין פֿון אַ שורה, אַ ליד, וואָס וואַרפֿט־צוריק ליכט אויף דעם שרײַבער און דעם באַהאַנדלטן אָביעקט. ליס, דאַכט אונדז, שרײַבט זײַנע מיניאַטורן, ווי איינער וואָס דערציילט קורצע מעשׂהלעך. ס'איז אָבער פֿאַראַן הינטער דעם די זאַכלעך־פֿאַכמענישע ערנסט־קייט, און מיר פֿילן תּמיד די גײַסטיקע געשטאַלט פֿון שעפֿער, זײַן נאָמען — ווײַל ליס מאַכט די נעמען ווי לעבעדיקע סימבאָלן פֿון זייערע ווערק. בײַם בלעטערן דאָס בוך איז ווי מיר וואָלטן שפּאַצירט דורך גרינע בייטן פֿון ייִדיש שעפֿערישן גײַסט. אויף יעדן בייט אַ טעווע מיט אַ נאָמען, און מיר בליקן אַרײַן אין דער שיינקייט זייערער.

דער עיקר־עסיי — בראַש־הספֿר — „ארץ־ישׂראל אין דער ייִדישער ליטעראַ־טור", דאַרף אַ פּנים זײַן אַ שליסל צו עפֿענען דעם אַרײַנגאַנג צום גאָרטן פֿון די נעמען. הגם אין פּראָפּאָרציע צו די אַנדערע אַרטיקלען איז ער שוין באַדײַטנדיק גרעסער, איז עס אָבער אַ טעמע וואָס פֿאָדערט צעשפּרייטקייט.

דער נאַטירלעכער כּוח פֿון יעדן שרײַבער ליגט אין זײַן עכטקייט. אַבֿרהם ליס איז אין זײַן קורצקייט עכט — קיצור און תּמציתדיקייט זענען די עלע־מענטן פֿון זײַן שעפֿערישן איך, ווי אַ לאַנגע קייט פֿון יצירה, אין ביכער און יאָרן.

מיט זײַן היים און דווער האָט אַבֿרהם ליס צוגעטראָגן דער ייִדישער ליטע־ראַטור אַ נײַ בוך פֿון ייִדישע און העברעיִשע שעפֿערישע געשטאַלטן, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער ראַשיק־מאָדערנער צײַט: אַ מין קאַליידאָסקאָפּישע מיניאַטור־קריטיק. על־פּי מהות און פֿאָרעם איז עס אַן אַל־מאַנאַך וועגן שרײַבערס, און אַ וועגווײַזער פֿאַר דעם ייִדישן לייענער צו די צענדליגגער שעפֿערס אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור.

דרום־אַפֿריקע, 1966.

- אַבֿרהם ליס וועט ברענגען אַ פֿרישן וואָרט (עדיטאָריעל); דרום־אַפֿריקע, 1966.
- אַבֿרהם ליס — דער בעל־זכות פֿון מפֿרש זײַן נעמען; דרום־אַפֿריקע, 1969.

# סאל ליפצין — דער מאדערנער תלמיד־חכם

## א

פראפ׳ סאל ליפצין איז א יידיש־אמעריקאנער דענקער, שרייבער און עסקן, קיין דרום־אפריקע איז ער געקומען ווי דער גאסט פון היגן ישוב, אייגנעשלאסן אויך דעם יידיש סעקטאר. ווייל ליפצין איז אקטיוו און שאפעריש איןביידע לשונות: ענגליש און יידיש. ער האט שוין באוויזן צו געבן א סעריע העכסט־אינטערעסאנטע לעקציעס, אין יידיש און ענגליש, אויף כלערליי טעמעס וואס באשעפטיקן יידישע מוחות און הערצער. עד כאן סאל ליפצין דער גאסט. און עס איז געוויס צו באוואונדערן דעם אינטערעס און די ענערגישע ארבעט פון ליפצין דעם געזעלשאפטלעכן טוער, פאר דער קורצער צייט פון זיין באזוך. אבער דא ווילן מיר זיך אפשטעלן אויף אן אנדער אספעקט: זיין שעפערישן ביישטייער און גייסטיקן צושטייער צום יידישן געדאנק און יידיש וויסן.

סאל ליפצין האט, ווי א יידישער וויסנשאפטלער און געלערנטער אנגעשריבן א סך ווערק אויפן געביט פון יידישער פראבלעמאטיק, היסטאריע, איבער הויפט ליטעראטור און שאפערישע פערזענלעכקייטן. זיינע טיפזיניקע עסייען זענען ארכיטעקטאניש פיינע בוי־מוסטערן, וואס אנטוויקלען די טעמעס, מיינסטנס, לויט א ליניע פון געשיכטלעכן גאנג. במילא דרינגט שוין ארויס פון דעם דער גרונטיק־שכלדיקער אנאליז, וואס גייט פאראלעל צו דער טעמע. אין די עסייען זענען צעווארפן קלוגע, שארפזיניקע בליצן, אפאריזמען און דעם מחברס דורכ־דרינגלעכער בליק אין יעדער פאזע פון זיין באהאנדלטער טעמע — און צום סוף א פרווו פון א לאגיש אויפגעבויטער רעזומע. אזוי ארום איז זיין עסיי א מין היסטאריאזאפישע באלויכטונג פון יידישער פראבלעמאטיק, ליטעראטור צי א ביבלישע טעמע, וואס ליווערט שטאף פאר דעם לייענער, צי דעם לערנער פון זיינע עסייען, נאכצוטראכטן און ווערלן פארשטיין, אויב אפילו אפצופרעגן מאנכע מיינונגען.

פראפ׳ ליפצין איז היינט איינער פון די חשובסטע יידישע געלערנטע אין אמעריקע. ער איז דער סינטעז פון מאדערנעם אינטעלעקטואל מיט דעם אזוי גוט־באקאנטן תלמיד־חכם פון דער אלטער היים. אין אים איז פערזאניפיצירט די וואונדערלעכע גאט־געבענטשטע מזיגה פון צוויי גייסטיקע וועלטן, וואס מיר האבן תמיד באטראכט ווי אנטיפאדן, בעת אין דער אמתן זענען זיי אין זייער עצם תוך איין גאנצקייט און וואקסן אויף איין און דעם זעלבן באדן — יידישע גייסטיקע ווערטן; און ביי א גליקלעכער צוזאמענשמעלצונג ווערן ביידע וועלטן

איינס: די ייִדישע גײַסטיקע וועלט, אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, ווי מיר באַ־געגענען עס אין דער פּערזאָן פון סאָל ליפּצין.

סאָל ליפּצין איז אַזוי אַרום די נײַע דערשײַנונג פון מאָדערנעם תּלמיד־חכם, וואָס איז שוין איצט אַ זעלטנקייט אין ייִדישן לעבן, בפרט אין אַמעריקע. ער איז דער הײַנטוועלטיקער ייִדישער געלערנטער, ניט ווי אַ געשפּאָלטענע פּער־זענלעכקייט, וואָס אָטעמט אין צוויי פאַרשיידענע גײַסטיקע ספערעס, נאָר דווקא ווי אַ ייִד וואָס באַוועגט זיך אין איין ספערע — ייִדישקייט, און פון דעם קוק־ווינקל דרינגען אַרויס זײַנע היסטאָרישע און צײַט־אַנאַליזן פון ייִדישער פּראָב־לעמאַטיק. אין זײַן עצם מהות איז ער אײַנגעוואָרצלט אין ייִדישן עבֿר און הווה, און הגם ער לערנט און שרײַבט אין ענגליש (אויך ייִדיש), פאַרמאָגט ער אָבער לחלוטין ניט קיין שמץ פון דעם ביטערן טעם פון אַסימילאַטאָרישער אָפּגעפרעמדקייט. אין קעגנטייל: ביידע עלעמענטן — מאָדערנער און פאַר־צײַטיקער דערגאַנצן זיך בײַ אים צו שלמות. ער קען גוט די אַלטע מקורות, די ייִדישע שפּראַך און איר ליטעראַטור, ווי אויך דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן אין זײַנע אַלע אַספּעקטן. ער זוכט אַרויס די ליכטיקע אַנטפּלעקונגען פון פאַר־שיידענע צײַטן, אויף פאַרשיידענע פּלעצער, ווײַל יעדע היסטאָריש־גײַסטיקע דערשײַנונג אין ייִדישן לעבן האָט אויסגעווירקט איר השפּעה אויפן פאָלק און אים באַפרוכטיקט. אַזוי אַרום זעט ער דעם פּאָזיטיוון פּענאָמען פון דער ייִדישער מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָט געלאָזן אַ טיפן חותם אויך אויפן ייִדישן לעבן מעבֿר־לים — אַמעריקע, אין דער ערשטער ריי. סאָל ליפּצין הייבט אַרויס די גרויס־קייט און ליכטיקייט פון ייִדישן לעבן אין מיזרח אייראָפּע, די וויכטיקייט און באַ־טײַט פון ייִדיש לשון אין דער אַנטוויקלונג און היסטאָרישן גאַנג פון יענעם ייִדנטום, פאַר די לעצטע טויזנט יאָר.

איז עס אפשר אַ ווונק פון דער השגחה, פון פאָלק, אַז אַזאַ איינער זאָל אויפקומען און ווירקן אין דער מיליאָניקער עיר ואם בישׂראל — ניו־יאָרק, אַזעלכע אויסנעם־פּערזענלעכקייטן, ווי ליפּצין, גיבן צו גאַנצקייט דעם ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, העלפן עס סינטעזירן און פאַרפײַנערן. אַזעלכע געלערנטע ברענגען צוזאַמען אידעען און דערנעענטערן די ייִדישע צוויי וועלטן — מיזרח און מערבֿ — און שאַפן אַ פּלאַטפאָרמע פאַר אייניקייט און אַחדות אין די באַגריפן פון ייִדישן דענקען און שאַפן. וואָלט אַזאַ ליפּצין הײַנט ניט געווען אין אַמעריקע, וואָלט אויף זײַן אָרט געווען אַ גײַסטיקער וואַקוום און ער וואָלט שטאַרק גע־פעלט. איז עס געוויס אַ גרויסער זכות אים צו האָבן, ווי אַ ייִדישן געלערנטן.

## ג

פּראָפ׳ סאָל ליפּצין איז אַרויסגעוואַקסן פון די נײַע באַדינגונגען אין דער נײַער וועלט, אַנגעזאַפּט מיט די זאַפטן פון די אַלט־געבענטשטע קוואַלן פון ישׂראל און דער נײַער ייִדישער קולטור. דעריבער איז עס גאָר קיין וווּנדער

גיט, אַז ער האָט מער ווי אַנדערע — אַרײַנגעבליקט און דערזען דעם תּהום פֿון דער טראַגעדיע פֿון ייִדישן דואַליזם, פֿון דער ייִדישער נשמה־צעשפּאָלטנקייט, וואָס ברעכט זיך אויפֿן גרענעץ פֿון צוויי וועלטן — די וועלט פֿון פֿאַרוואָרצלט־קייט, פֿון ייִדישע מיצוות, פֿון המשך־אימפּעראַטיוון, און די וועלט פֿון יענער זײַט עמאַנציפּאַציע, וואָס איז אָפּענסיוו, אין בעסטן פֿאַל קעגנעריש און ווו אַלע וואָרצלען זענען טרוקן און לויז. אין זײַנע פּרעכטיק סטיליסטישע עסייען אויף דער דאָזיקער טעמאַטיק, וועגן איבער אַ פּאָר מגינים שעפּערישע געשטאַלטן — די מיינסטע פֿון דײַטש־ייִדישן אָפּשטאַם — אין זײַן לעצט בוך „דײַטשלאַנדס שטיפֿקינדער"*) — פּרוּווט ער זיך דערגרונטעוווען צו די אַנאָמאַליעס פֿון גײַס־טיקן און נאַציאָנאַלן דואַליזם־קאָמפּלעקס, אָדער טאָטאַלער זעלבסטפֿאַרלייקע־נונג פֿון אַזעלכע ליטעראַרישע און וויסנשאַפֿטלעכע ריזן, ווי היינריך היינע, אָטאָ ווײַנינגער, סטעפֿאַן צווײַג א״אַ.

דער צימצום, דער ריטמיש־געפּרעסטער זאַץ (הגם די פּאַראַגראַפֿן זענען לאַנגע), די אויסגעטעאַקטע פּראָזע און די פּאָעטיש־בילדערישע שפּראַך, מאַכן די עסייען אייגנאַרטיק ווי אַזעלכע און שטעלן זיי אַוועק ווי פֿײַנע מוסטערן אין דעם דאָזיקן זשאַנער פֿון ייִדישער טעמאַטיק. די עלעגאַנץ־רײַכע עסייען פֿון פּראָפֿ׳ ליפּצין זענען אָנגעפֿילט מיט פֿײַנעם אינהאַלט, מיט שפּרודלדיקע געדאַנקען און קרעפֿטיקע אַנאַליטישע קווערשניטן דורך די נשמה־פֿאַרבאָרגענישן פֿון די דואַ־ליסטישע פּערזענלעכקייטן, אויפֿן הינטערגרונט פֿון זייער געשיכטלעכער תּקופֿה. און הגם זײַן עסיי איז ניט תּמיד לײַכט־פֿאַרשטענדיק, איז ער אָבער פּרעציז, גרונטיק און פֿאַרטיפֿט. אין קורצער זאַץ שפּיגלט אָפּ אַ בילד, אַ פּעריאָד, אַפֿילו אַ ליטעראַרישע שול. זײַן עסיי איז אַ שאַפֿונג פֿון אַ גרויסן פֿאַרנעם אין אַ קליי־נעם שטח, וואָס שייך צימצום און קאָנדענסירטער תּוכן.

אין אויבן דערמאָנטן בוך גיט דער מחבר אַ גאַנצע גאַלעריע מיט ייִדישע פּערזענלעכקייטן פֿאַר די לעצטע פּאָר הונדערט יאָר ביז צו אונדזערע טעג (מאַרטין בובער), וואָס זייער טראַגיק האָט געוואָרצלט אין באָדן פֿון בונד מיטן פֿאָלק ישׂראל. דאָס זײַנען ייִדן (אָדער געבוירן־ווערן ייִדן) האָט זיך פֿאַר די אַלע פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּסיכיש נאַציאָנאַלן אָדער רעליגיעזן קאָנפֿליקט, וואָס האָט זיי געפֿירט אין צוויי קעגנגעזעצטע וועגן: מאַנכע — פֿון אייראָפּעיִשקייט און אַסימילאַציע צו פֿולער נאַציאָנאַלער אינטעגראַציע און אַפֿילו ווערן פֿאָלקס־פֿירער (ד״ר הערצל), און מאַנכע — וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן לחלוטין פֿון שורש און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין זעלבסטהאָס און ייִדן־שׂינאה־פֿרײַדיקער (ווײַנינגער). פּראָפֿ׳ ליפּצין, ווי אַ וויסנשאַפֿטלער און פֿאָרשער פֿון די אַ נשמה־קאָנפֿליקטן און זייער אויסווירקונג אויף זייערע טראַגערס און זייער טאַלאַנט, איז שטרענג אָביעקטיוו און באַהאַנדלט מיט כּבֿוד די טעמעס; צוו״אַ זענען עס: בערנע, היינע, העס, הערצל, וואַסערמאַן, ווײַנינגער, צווײַג, ראַטענאַו. עס איז קלאָר,

*Germany's Stepchildren

ווי דעליקאַט און שווער עס איז צו באַהאַנדלען די פּסיכישע פּלאָנטערן פון אַזעלכע פענאָמענאַלע פּערזענלעכקייטן.

דער מחבר פּרוּווט אַרויספאָרשטיין און אַרויסלייענען די האַרצווייען און זע־לישע ווידעראַנאַנדן פון די טראַגיש־פינצטערע, צעקרימטע נשמה־לאַבירינטן פון די דאָזיקע דערציילונגען צו זייער צוריקקומער. ניט תּמיד האָט פּראָפ׳ ליפּצין דעם ענטפער, אָדער אַזאַ ענטפער וואָס זאָל באַפרידיקן דעם לערנער פון די אַנאַליזן, אָבער יעדער אינטעליגענטער לייענער קומט שוין במילא אויף זיין שׂכר — ער ווערט אָנגערעגט פון דעם דראַנג און די זוכענישן פון מחבר. מיט אַנדערע ווערטער: פּראָפ׳ ליפּצין וועקט מיט זיין טעמאַטיק אינטערעס ביים לייענער זיך צו באַקענען מיט די אַלע גאונישע פּערזענלעכקייטן און זייערע עפּאָכעס. אין דעם איז פאַראַן אַ פּעדאַגאָגישער אומדירעקטער מאָמענט: מאַכן חשק צו לערנען, דערלערנען און זיך פאַרטיפן אין אונדזער טראַגישן געשיכטלעכן גאַנג. עס איז די פּאָזיטיווע דערגרייכונג פון אַזעלכע ביכער, וואָס אי זיי הייבן אויף דעם לייענער מיטצוהאַלטן דעם ניווא פון מאַטעריאַל, אי זיי פאַרמאָגן אַ מין אַוואַנטוריסטישן כּישוף פון וואָרט און טעמע, וואָס רייסט מיט. דאָ רעדט זיך וועגן אַ פאַרהעלטעניסמעסיקן אינטעליגענטן לייענער, ווייל דער שטאָף איז וויסנ־שאַפטלעך און טיילווייז אַבסטראַקט.

דעם מחבר איז געראָטן אַנצוקליידן זיינע טראַגישע געשטאַלטן אין גייס־טיקן בלוט און פלייש און זיי מאַכן אָטעמען די לופט פון זייער עפּאָכע. זיי דער־שיינען אין זייער גאַנצקייט און צעבראָכנקייט, אין זייער דערהויבונג און גע־פאַלנקייט, מענטשן מיט ריזן גייסטער, אָבער נאַציאָנאַל ווי קאַרליקעס, אָדער פאַרקערט. די דאָזיקע פיגורן האַלטן אונדזערע געפילן געשפּאַנט מיט מיטלייד, שטאָלץ, באַדויער, האַס און כּעס, אָבער תּמיד בלייבן מיר אין דער פּסיכישער פּוגע פון דאָס געלייענטע, וואָס איז דער באַראָמעטער פאַר אונדזער שטימונג.

דער טראַגישער דואַליזם, די טראַגישע צוויי־פּנימדיקייט פון איין מענטש, איז צום שטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק אין דייטשלאַנד, ווו ייִד האָט זיך גלייכצייטיק אידענטיפיצירט אַלס דייטש, און מיט איין מאָל זענען אונטערגע־שניטן געוואָרן די פליגלען פון זיין אילוזיע. עס איז דער קלאַסישער דואַליזם, וואָס האָט טייער באַצאָלט פאַר דעם, און צוזאַמען מיט דער אילוזיע איז אויך פאַרשניטן געוואָרן דאָס לעבן פון ניט סאַנקציאָנירטן דורך די דייטשן דייטשער ייִד. דאָס דייטשישע פאָלק האָט אים בלויז סובל געווען, דעם ייִד, ווי אַן איינגע־בעטענעם שכן, וואָס האָט זיך ברייט צעלייגט אויף דעם דייטשן קולטורפעלד ביז — די נאַציס זענען געקומען. די געשיכטע ווייטער איז שוין די געשיכטע פון אונדזערע טעג מיט אַלע אירע קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן.

אַריער. ראַסן־שאַנדע. בלוט. מאָרד. ווערטער, וואָס זייער באַטייט איז אויסגעוואַקסן דורך די טעראָר־יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין מאָנס־טערישע סינאָנימען פאַר יענער צייט. פּראָפ׳ ליפּצין האָט שוין מיטן טיטל פון זיין בוך געשטעמפּלט דעם דואַליזם, אין אַלע זיינע פאָרמען און אַנטפּלעקונגען —

אַזאַ מין דואַליזם וואָס שאַפט בלויז שטיפקינדער, פרעמדלינגען, ניט פּאַר־וואַרצלטע אין דער נאַציאָנאַלער רעם פון אַ פאָלק, אין אַ לאַנד. דײַטשלאַנדס שטיפקינדער זענען טאַקע געווען געניאַלע מענטשן, אָבער פרעמדע אין „זייער" לאַנד און טאָלערירט ביז אַ צײַט — ביז דער צײַט פון נאַצי־שגעון. און אַזוי קען מען אויך פאַרבײַטן דײַטשלאַנד מיט אַנדערע לענדער, ווו ייִדן, אין זייער טאָפּלשפּיל, אין זייער דואַליזם בלײַבן תּמיד שטיפקינדער, פרעמדע עלעמענטן.

אין אַ פריערדיקן בוך עסייען באַשעפטיקט זיך סאָל ליפּצין מיט די פּראָב־לעמען פון אונדזער הײַנטיקן ייִדישן דור, איבער הויפּט אין אַמעריקע. ער קומט צו דער קאָנקלוזיע, אַז דער דור איז דער דור פון דעציזיע (אַזוי הייסט דאָס בוך), וואָס וועט מאַכן דעם שריט „צוריק" צו ייִדישקייט, פון וועלכער זייערע עלטערן האָבן זיך אָפּגעקערט. עס איז נאָך פאַראַן פיל צו ספק צי דער פּראָגנאָז וועט מקוים ווערן, נאָר דער גרונטגעדאַנק, אין די פײַן־געשליפענע עסייען, איז געצייכנט מיט שׂכל־הישר, מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד.

פּראָפ׳ ליפּצין האָט נאָך אַ צאָל וואָגיקע ווערק, וואָס זייער צושטײַער צו דער אַלגעמיינער און ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע איז פון גרויס אָנזעעוודיקייט. צווי״א האָט ער געשריבן מאָנאָגראַפיעס וועגן היינריך היינע, אַרטור שניצלער, פון נאָוואַליס ביז גיטשע און נאָך. ער איז אַ מומחה אין דער דײַטשער און דײַטש־ייִדישער ליטעראַטור און אירע קלאַסיקערס. אָבער פּראָפ׳ ליפּצין איז ניט באַשרענקט אויף זײַן ספּעציפיקאַציע־געביט. ער איז אַ וויסנשאַפטלער פון אַ פאַרנעם און זײַן באַהאַוונטקייט שפּרייט זיך אויס אויף אַ ברייט פעלד פון ייִדיש וויסן. זײַן אַלגעמיינע און ייִדישע קענטשאַפט זענען צוויי כּלים, וואָס איבערגיסן זיך איינע אין דער אַנדערער. און אַ דאַנק דעם פּראָדוצירן זיי דעם עקסטראַקט פון אַ דענקער־למדן — דעם מאָדערנעם תּלמיד־חכם — און אַזאַ איז סאָלאָמאָן ליפּצין.

דרום־אַפריקע, 1961.

# אַ דיכטער פון קיבוץ־לאַנדשאַפט

אַבֿרהם לעוו, היים און פעלד — לידער און פּאָעמעס.
הוצאת הקבוץ המאוחד. 189 זז׳.

## א

אַבֿרהם לעוו האָט איינגעזאַמלט זיין לידער־גערעטעניש, פון היים און פעלד, אין אַ בוך. ס׳איז די בענקשאַפט און ליבע צו דער אַלטער, היינט שוין ניט־מער־פאַראַניקער היים, און די פרייד און הנאה פון אַ שעפעריש־חלוצישן לעבן. די אַ בײדע מאָמענטן לויפן דורכן בוך פּאַראַלעל איינס ביי אַנאַנד, ווי צוויי רויטע פעדעם. ס׳איז די שטרענגע גרענעץ פון צוויי תקופות אין דיכטערס לעבן: די ערשטע — היים און מאַמע, די צווייטע — זיין היים אין קיבוץ, אין ארץ־ישׂראל, ווו ער דערפילט „די זיסקייט פון אייגענעם באָדן“. לעוו איז איינער פון די וותיקים אין זיין קיבוץ־דאָרף, גבֿעת־השלשה — די היים פון זיינע טרוימען און דיכטונגען: „באַלד צוואַנציק יאָר, אָט דאָ אין לאַנד, אַ פויער. / און דורך דער מי גייט אויף מיין ליד, / מיין יידיש ליד אין פרייד און טרויער“.

זיין ערשט ליד אין בוך איז טאַקע דאַטירט: גבֿעת־השלשה, 1935. פון אָט דעם פעריאָד זענען בלויז געציילטע לידער פאַראַן אין בוך, די מייסטע פון זיי זענען פון 1950־1951. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס אָקערשט דערמאָנטע ערשטע ליד, וואָס טוט אויף אונדז אַ ווייַ מיטן עלעמענטאַר נאַטירלעכן אומעט — שותּפיש פאַר מענטש און שטומע באַשעפעניש, ווען ס׳באַפאַלט זיי אַ מיסטישע שרעק פאַר עפעס אומגעאַנטס אין דער נאַטור: „אין רעגנדיקע נעכט“. אָבער יאָרן שפּעטער, איז אַ „נאַכט אין שטורעם“, געשריבן 1950, שוין ניט אָנגעזאָפּט מיט אַזאַ דריקנדיקע אַטמאָספער, ווייל במשך פון אַקלימאַטיזאַציע־פּראָצעס איז געוואַקסן די האָפענונג און דער גלויבן. אויך דאָ „ליגט אין נאַכט אַ נאַקעטע דאָס פעלד — און ציטערט“, אָבער דער אויסקלאַנג איז אָפּטימיסטישער: „דער הימל לויטערט זיך צו־ביסלעך אויס“.

שטאַרק זענען די לידער פון בענקשאַפט צו זיין אַלטער היים, ווילנע. צו דער אָ סעריע געהערן די פיינע און פאַרכאַפּנדיקע פּאָעמע „אַ ווינטער“ און, דער לעצטער אָפּטייל (פון זייט 167), „קינות“. דאָס זענען אָנגעגליטע ווערטער און שורות, וואָס צאַפּלען מיט „דערמאָנונג“ (טיטל פון אַ גרעסערער ליד וועגן ווילנע), פול מיט אומעט און מרה־שחורה, ווי דאָס לעבן דעמאָלט פון אַ קליין יתומל־ישיבֿה־בחורל, אין „דער ישיבֿה של ראַמיילעס“. פון יענץ דלותדיקן שטיבל, ווו עס „האָט געוויט מיט טוכלען, צוגעדעמפטן טרויער“ ביז „אַ שטי־

בעלע וואָס שטייט אין סאָד" איז אַ גישקשהדיק ווײַטער מהלך, אָבער לויטער און פֿריש רעפֿלעקטירן נאָך די בילדער און שטימונגען פֿון דער בידנער פֿאַרגאַנגענהייט. אין משך פֿון אַזוי פֿיל יאָרן זענען ניט אָפּגעטעמפּט געוואָרן די געפֿילן און בענקשאַפֿטן צום „אַהיך", „ווו געשטאַנען איז זײַן וויג". אין זײַנע ערשטע חבֿלי־קליטה־טעג „ציט אים נאָך אַהין מיט אַלע כּוחות". און איצט, ווען דער דיכטער איז שוין „מיד אַזוי און מאַט פֿון שטענדיק גיין בײַ פֿינצטערע תּהומען", זענען אָבער די בענקענישן צו יענער אויסגעלאָשענער וועלט נאָך אַלץ פֿאַרבליבן ווי געווען.

די לידער וועגן באַהעפֿטונג מיט אַרבעט און נאַטור, ווען דער דיכטער מאַכט דורך דעם פּראָצעס פֿון זײַן „פֿונסנײַ געבוירן ווערן", זענען אויסגעפֿילט מיט שטילער און זוניקער פֿרייד. ס'איז דאָס געזאַנג פֿון די דערוואַכטע קרעפֿטן וואָס גייען אויף אין אים. דער דיכטערישער כּוח פֿון אַבֿרהם לעוו איז ניט אין פּאַטאָס, אין אויסגעשריי, אין אַ שטורעמדיק ליד, נײַערט אין שטילן, געצוימטן, ליריש־באַהויכטן געזאַנג. און אויב ס'זענען בײַ אים פֿאַראַן שורות, צי פֿערזן מיט ספּאָנטאַנעם אויסברוך, וואָס שלאָגן אָן ווי אַ כוואַליע, איז אָבער גלײַך דאַהינטער די רו, די שטילקייט, די נאָכטראַכטונג: „איך רעד צו זיך אַליין: / ניט בונטעווע זיך מער, / ניט בונטעווע! / עס איז דיר שווער? — / דערגרונטעווע / דעם תּוך".

זײַן ליד איז ניט צעבונטעוועט, ער פֿליט אויך ניט צו פֿיל אין די הימלען, ווי דער שטייגער בײַ דיכטער, ווײַל ער איז דער מענטש און באַזינגער פֿון ערד און פֿעלד — אַ פּויער־דיכטער. אין זײַנע לידער געפֿינען מיר ניט קיין איינציקע שורה וועגן שטאָט אין ארץ־ישׂראל, ווי אַזוינס וואָלט דאָרט בכלל ניט בנימצא געווען. דאָס גאַנצע לאַנד איז זײַן דאָרף און זײַן פֿעלד; אין דער אַ וועלט לעבט ער זיך אויס דיכטעריש. ס'איז אַ וועלט פֿון קאָנקרעטע באַגריפֿן, אפֿשר דערפֿאַר געפֿינען מיר אַזאַ פּשוטע קלאָרקייט אין די לידער. דער דיכטער איז ניט עוסק אין סיתרי־תּורה, אין סימבאָלן, און בלענדט ניט מיט חנדלעך: „אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס רוסט אין מײַן געמיט, / און זײַ געלויבט פֿאַר שורות קלאָרע אין מײַן ליד".

אויב ער באַנוצט שוין יאָ אַ סימבאָלישן מעטאַפֿאָר, איז עס פֿון דעם סאָרט פּאָפּולערע, פֿאָלקסטימלעך־פֿילאָסאָפֿישע באַגריפֿן, ווי אַ שטייגער, גראָז: „ס'ווילט זיך אַזוי ווי אַ גראָז ניט פֿאַרוועלקן", אָדער אַן אַנדער וואַריאַנט — גורל: „איך דער געטראָטענער, האָב הײַנט צעטראָטן — אַ גראָז!"

## ב

אַבֿרהם לעוו הייבט אין זײַנע לידער ניט אַרויס קיין תּורות פֿאַר יענעם, ער פּרעדיקט ניט און מוסרט ניט. אויב ער טוט שוין יאָ אַ מאָל תּפֿילה פֿאַרן אומקערן דעם גלויבן אינעם מענטש, בעט ער עס אויך נאָר פֿאַר זיך אַליין: „אָ, קער זיך אום, דו גלויבן מײַנער, קער זיך אום!" ער איז צופֿרידן מיט זײַנע

אייגענע דערגרייכונגען און טוונגען, און דעריבער קומט אין זײַנע לידער אַזוי בולט צום אויסדרוק זײַן פּערזענלעכקייט, זײַן נשמה, און די יחידישע אומעטיקע צי פריידיקע געפילן. זײַנע לירישע סטראָפעס זענען קרעפטיק און איבערצײַגנ־דיק. אין פײַנע ריטמישע פּעריאָן דערציילט ער אונדז וועגן זיך. מיר פילן אין יעדער שורה אַזוי פיל ליבע צו היים, צו משפחה, אין זײַן ליד, ווײַל „וואָס דאַרף אַ מענטש דען מער?", אַזוי פיל וואַרעמע געפילן און אַזאַ רויִקייט — ממש אַן אידיליע אין מיניאַטור. ער נוצט אויך אין זײַן פּאָעזיע די פּאַרמל פון ערדישן לעבעדיקן אמת: „וואָס דאַרף אַ מענטש דען מער אויף אונדזער ערד? — / אַ שטיבעלע, אַ שטיקל ברויט / מיט זאַלץ, / אַ גערטעלע, אַ בלום, / אַ ליבע פרוי, אַ זון — / און דאָס איז אַלץ..."

לעוו פאַרטראַכט זיך ניט אויף דער סאָציאַלער פּראָבלעם, אַז אין אַ געוויסן זינען איז ער, דער קיבוץ־חבֿר, אויסדערווילט, ווען טויזנטער מענטשן, אַפילו בײַ אים אין לאַנד, פּראָצעווען ביטער און דערגרייכן ווײַט ניט צו אַ מאַטעריעלן ווױלשטאַנד. אים, ווי אַ ייִדישער דיכטער, קימערט און מאַטערט עפּעס אַנ־דערש. אין זײַן ליד הילכט אָפּ דער ווײַטער בת־קול פון למי אַני עמל מיט מײַן ייִדיש ליד? „מיך נאָגט אַ וויסטער טרויער, / און בויערט פײַנלעך, קלאָר: / אַוווּ איז יענער אויער, / וואָס הערט דײַן ייִדיש וואָרט?"

דער ייִדישער פּויער־קיבוצניק פילט טאַקע סטאַביליטעט, ערד אונטער זײַנע פיס, וואָרצלען, אָבער זײַן האָרץ שרײַט מיט צער און ווייטיק. דער ייִדישער דיכטער, וואָס חוצן טאָן זיך אַ שפּיל מיט זײַן קינד „מיט גרינע אויגן צווײ", גאָרט ער אויך „מיט ליד זיך טאָן אַ שפּיל" — מיט זײַן ייִדיש ליד. קו־מען טאַקע אויף ספקות פּנים־אל־פּנים מיט דער אַ ווירקלעכקייט, און אין איינע „אַ שוואַרצע נאַכט אין דרויסן", ווען זײַן צימער איז „פול מיט ליכט..." — אַזאַ ליכט וואָס טוט אַוודאי אים כּסדר דערמאָנען און עקבערן — **איז זײַן איינציק** מיגלעכע „רעטונג": „אין העפט וואָס פול מיט אותיות באַהאַלט איך מײַן גע־זיכט". און גלײַך דערויף, ווי אַ מין המשך, באַקלאָגט ער אין אַ ליד דאָס ניט פאַרהיטע פּלעמל, וואָס איז פון אים אַנטרונען און „עס ווינט דער פּאָעט אויף זײַן איינציק־פאַרלאָשענעם שטערן".

דער צווייטער טייל פון בוך איז אַ ציקל „פּרדס־לידער" (85—107 זז'): קורץ־שורהדיקע שטימונג־שילדערונגען, פאַרביק און פּלאַסטיש געמאָלן, ווי אויף אַ לײַוונט. די בלאַסע שײַן פון דער לבֿנה צייכנט בולטע קאָנטורן פון די בלויע שאָטנס בײַ נאַכט אין אָראַנדזשן־סאָד, דעם דיכטערס שטיבעלע וכדומה. די לידער זענען די אָדעס, אַ מין לויבגעזאַנג צום פּרדס, זײַן שיינקייט און שעפערישקייט. דאָ פּרוכפּערט זיך דער שעפערישער גײַסט און די שעפערישע נאַטור אין פולער האַרמאָניע: „ווי דער בוים בין איך פאַרטאָן אין שאַפן..." די גרינע שורות ביימער און די שורות לידער האָבן דאָ שותּפותדיקס: די פרייד פון יצירה. זיי באַווירקן זיך קעגנזײַטיק: „אויף ווײַסקייט פון פּאַפּיר עס גיט דער סאָד אַ גרינעם בלאַנק, און גרינע שורות האָבן זיך אַדורכגעצויגן".

פֿאַראַן נאָך אין בוך צוויי פּאָעמעס (111־164 זז׳). די ערשטע ליבל חלוץ — דער אידעאַלער טיפּ פון אַ 19־יעריקן חלוץ קומט אַרויס שיך, דערהויבן און אָן אַ פּגימה. די פּאָעמע איז אַ פּנים מיט הייסן אָטעם געשריבן. די פּאַסירונגען, וואָס זענען דעם פּאָעט גוט באַקאַנט, קייטלען זיך קינסטלעריש. דער ריטעם איז מעלאָדיש, און דער גראַם פּליסיק. און אַז עס פאַרגלוסט זיך אונדז גאָר „חושד״ זײַן דעם פּאָעט אין אויטאָביאָגראַפֿישע עפּיזאָדן, אין דער פּאָעמע, וועט זײַן מענטשלעכע געשטאַלט זיך נאָך הערלעכער אַרויסשנײַדן. אין דער צווייטער פּאָעמע זענען שוין פֿאַראַן מער כאַראַקטערן. ישיבֿה־בחורים, אַ רבי, אַ ראָש־ישיבֿה, אַ שמש און אויך פּרויען־טיפּן, וואָס אַלע זענען געצייכנט מיט ליבע, קינסטלעריש און רעליעף. די ישיבֿה־אַטמאָספער איז אין דער פּאָעמע זייער גוט און פֿילעוודיק אַרויסגעבראַכט.

גאָר אַ באַזונדערן און שטאַרקן אײַנדרוק לאָזן איבער די קינות נאָך זײַן חרובֿער היים און היימשטאָט ווילנע. דער טרויער פון דיכטער לייגט זיך אויף אונדזער געמיט יאָמערלעך און שווער, ווי שטיינער. די חורבן־מאָטיוון, און טאָקע ווײַל מיט פּערזענלעכן אויסקלאַנג, זענען דער בעסטער עדות ווי נאָענט און אייגן זײַן אַמאָליקע היים איז אים פֿאַרבליבן.

דער צער פון דער אונטערגעגאַנגענער היים, און דאָס גליק און פֿרייד פון אויפֿגעגאַנגענעם פעלד איז אַ ווערטפולער בײַטראָג צו אונדזער ייִדישער דיכ־טונג אין ישׂראל, און אין די תפוצות. דער פּויער־דיכטער אַבֿרהם לעוו גייט אַרויס מיט אונדז אין זײַן פעלד און דערציילט אונדז די מעשׂה פון געבענטשטן זאָמען, אָבער ער פאַרגעסט נישט צו גיין אויך אויף קבֿר־אָבֿות צו זײַן פֿאַרשני־טענער משפּחה און היימשטאָט, ווו „אַפּגעמעקט איז אַלץ שוין דאָרטן״.

דרום־אַפֿריקע, יאַנ׳, 1954.

• אַבֿרהם לעוו — פּאָעט און פּויער, דרום־אַפֿריקע 1970.

# מענדל מאַן

מענדל מאַן איז געקומען אַהער ווי דער גאַסט פון דרום־אַפריקאַנער ייִדישן ייִשובֿ. ער איז דער קולטור־שליח פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אין וועמענס פאָדערשטע רייען ער שטייט הײַנט. ער ברענגט אונדז אַ גרוס פון דער ייִדישער שעפערישער וועלט, און דעם יונג־צאַפּלדיקן אָטעם פון אייגענער יצירה.

מענדל מאַן האָט געהאַט אַ טאָפּעלע עליה פאַר די לעצטע 12 יאָר — זײַן עליה קיין מדינת־ישׂראל און זײַן עליה אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די ערשטע איז אַ פיזישע עליה, ווי איינער פון אַ מיליאָן ייִדן, די צווייטע — אַ גײַסטיקע, ווי איינער פון ווייניקע, וואָס מיינט — אויפשטײַג אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

מענדל האָט פאַרמאָגט דעם געבענטשטן צווילינג — אַמביציע און טאַלאַנט, וואָס אין רעזולטאַט באַקומען זיך שעפערישע ווערטן. צו דעם טראָגט ער נאָך אין זיך די אומרו פון אַ קינסטלער־נשמה, וואָס פירט אים איבער דער ברייטער ייִדישער וועלט. עס איז דער שטענדיקער הונגער פון שעפערישן גײַסט נאָך נײַע וואַנדלונגען און בײַטענישן. וואַנדערט ער, כּדי צו זען און אײַנזאַפּן פרישע אײַנדרוקן, נײַע פּנימער, נײַע הימלען און נײַע ערד. שפּעטער, אין זײַן שרײַבערישער לאַבאָראַטאָריע, צעמאָלט ער די אָנגעזאַמלטע איבערלעבענישן, ווי די מילשטיינער צעמאָלן קערנער, און טראָגט צו צו אונדזערע ליפּן דאָס גײַסטיקע ברויט פון זײַן שאַפן.

דאָס גײַסטיקע ייִדישברויט פון דער פען פון מענדל מאַן האָט דעם טעם פון ערד, פון בוים און פלאַנץ פון זײַן נײַ היימלאַנד — דאָס לאַנד פון ישׂראל. אין זיס־ראָזעווען ייִדיש־לשון האָט ער פאַר אונדזער ייִדישלאַנד אַנטדעקט דאָס נײַע ישׂראל־לאַנד — איר יונגשאַפט, איר געמיט, אירע לײַדנשאַפטן און טרוימען, אירע ראַנגלענישן און פּראָבלעמען. איר לאַנדשאַפט מאָלט ער מיט פאַרכאַפּנדיקע ווערטער־פאַרבן — ווי די מײַסטער וויסן דעם סוד פון מישן פאַרבן פאַר זייערע געמעלן, אַזוי מוזן שרײַבער „מישן" ווערטער, כּדי צו מאָלן זייערע שפּראַך־לײַוונטן. בײַ מענדל מאַן איז לשון געוואָרן זון און שאָטן פון רעגן־בויגן־קאָלירן פון ייִדיש. זײַן לשון שפּילט אויף אַ לירישע סטרונע, ניט בחינם האָט ער אָנגעהויבן מיט שרײַבן לידער. ס'איז גוט צו הערן די מוזיק פון ייִדיש של ישׂראל, וואָס איז פריש ווי דאָס פרימאָרגנדיקע ווינטל בײַם ים־ברעג פון תּל־אָבֿיבֿ, און אויב אַפילו די טעמאַטיק איז פון אַקטועלע צײַט־מאָטיוון האָט עס אָבער דעם סטיל פון דויער, עס איז אָנגעהויכט מיטן לאַנגן אָטעם פון גרויסע ווערק.

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט דעם היינט פון מענדל מאַן — ישׂראל, אָבער היגטער דעם שטייט דער פאַרלאָשענער אומעטיקער נעכטן. אין פייער־געקנויל פון דער בלוטיקער מלחמה גליט דאָס טראַגישע קאַפּיטל פון יענער צייט. ער אַליין אין דער מיט פון דער בלוט־וואָקכאַנאַליע, וואָס האָט צעמירבלט מענטש און ייִד. מאָראַלישע צעפּוילונג און צעפּאַלונג פון איין זייט, און גייסטיקע דערהויבונג פון דער צווייטער. די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן פון מענטש און זיין קאַמף שילדערט ער אין זיין טרילאָגיע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט איינגעקאַרבט אין זיין זכּרון די ליכטיקע און פינצטערע אָבסערוואַציעס און מענטשן־סטודיעס, ווייל ער האָט שוין דאַן באַזעסן די פּאָטענציעלע קראַפט פון דעם שפּעטערדיקן שרייבער. ווען ער האָט פאַרביטן די ביקס אויף אַ פּען, האָט ער אַנטפּלעקט דעם גערעַנגל פון די צוויי מעכטיקע, באַוואָפנטע קאָלאָסן — די רויטע אַרמיי און די ברוינע ווערמאַכט. מיטן אָנשרייבן די טרילאָגיע האָט ער אָפּגעטאָן זיין שרייבערישע עובֿדה און באַפרייט זיין געמיט פון אַ דרוק. דאָס איז געווען זיין ערשטער שעפערישער עטאַפּ.

ישׂראל און איר היינט — דער צווייטער עטאַפּ. ער דערציילט די אויפבוי־לעגענדע פון ישׂראל, מיט אַלע אירע ווייען און פריידן, אויף ייִדיש. ער רעפּ־רעזענטירט די ייִדישע בעלעטריסטיק אין ישׂראל. מענדל מאַן איז איינער פון די פּעיִקסטע נאָוועליסטן, וואָס האָט אויפגעהויבן אין ישׂראל דעם אָנזען פון דער פּראָזע אין ייִדיש.

ייִדיש אין ישׂראל איז ניט מער קיין קוריאָז און וועט ניט בלייבן בלויז אַן עפּיזאָד. אַפילו די מדינה און די העברעיִסטן קאָנען זיך ניט דערלויבן מוותּר צו זיין אויף ווערק וואָס אַ ייִדישער שרייבער שאַפט אין ייִדיש לשון. מענדל מאַן איז אַ שרייבער פון ישׂראל און אַ קינד פון זיין פאָלק, פון נעכטן און פון היינט. פאָלק איז אָבער איינס, אי נעכטן, אי היינט, אין דער פרעמד און אין דער אייגענער היים. ישׂראל איז המשך פון געראַנגל, פון דעם אומגעבראַכטן פאָלק צו דעם אויפגעוואַכטן פאָלק.

דער שעפערישער אימפּעט טוט אַ יאָג דעם שרייבער פון זיין אייגן היים און טראָגט אים איבער מדינות און לענדער, כּדי אָנצוזעטיקן זיין גייסט מיט נייע זעונגען, כּדי אָנצוטרינקען זיין נשמה מיטן וויין פון נייע חלומות. דער קינסטלער איז דער זוכער פון נייע וועלטן. היינט האָט מענדל מאַן אָנגע־שלאָגן, מיט זיין זוכערישן דראַנג, צו אונדז. וועט ער בלייבן פאַר אַ קורצער צייט אונדזער גאַסט. ברוך בואך!

דרום־אַפריקע (עדיטאָריעל), 1960.

# איציק מאַנגער

## א

איציק מאַנגער איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ דערשײַנונג וואָס איז איינמאָליק. זײַן ליד שטייט באַזונדער, פאַר זיך, האָט קיין פאַרגלײַך ניט. עס האָט די גאַנצע שיינקייט און חן פון פאָלקישן שאַפן און פון קערנדיק־ייִדישער אייגנאַרטיקייט: וואַרעם, צאַרט, נאַיוו. און כאָטש מאַנגער אַליין איז דער סאַמע פאָלקסקוואַל, איז אָבער זײַן ליד אין גאַנצן פרײַ פון פרימיטיוון עלעמענט ווי מיר טרעפן אין אַנדערע אַנאָנימע פאָלקסלידער, אָן מחברים. סײַדן מאַנגער שפּילט אויס אַזאַ ליד בכּוונה, דעמאָלט קען עס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שעדעווער. אָבער זײַנע פערזן זענען סײַ ווי געשליפענע און געלײַטערטע פאָלקספּאָעזיע, וואָס האָבן דעם קלאַנג פון אַן אַלטער פידל.

זײַן ליד איז שטיל, פּשוט. עס שפּרודלט אין דינע, גרינגע שורות, אַ מאָל אַפילו אין שמאָלינקע, לײַכטינקע, קורצינקע שורהלעך, באַחנטע פון אַ בריליאַנטענעם פאָלקס־לשון, וואָס אין זיי בליצט איציק מאַנגערס טאַלאַנט איידל און נאַטירלעך. בילדעריש וואָלט איך אויסמאָלן מאַנגערס פּאָעזיע, ווי אַ בוים אין פאָלקישן באָדן וואָס זײַנע וואָרצלען גרייכן טיף אין ווײַט און ציִען זייער יניקה פון די אוראַלטע קוואַלן, ביז צו אונדזערע טעג. דער דיקסטער וואָרצל איז 1000 יאָר ייִדיש, וואָס דורך אים האָט דער מאַנגער־בוים אויפגעזויגן און אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם פאַרגעלטן עבֿרי־טײַטש פון אַלטע צאינה־וראינה־בלעטער, פון חומשים און תּחינהלעך, און עס איז אַרויסגעוואַקסן דער פּרעכטיקסטער און בליִענדיקסטער צווײַג, און אויפן צווײַג איציקס ליד.

אַלץ וואָס מאַנגער האָט געשאַפן איז לידעריש, זינגעוודיק, שירה, ס׳איז דער מאַנגער־ליטעראַטור־זשאַנער. זײַנע לידער זענען גאָלע חידושים, ווײַל ער האָט זיי אַרויסגעזונגען פון שטייגערישן פאָלקס־נוסח און אַרײַנגעזונגען אין דער הײַנטיקער וואָר. מיט דעם איז ער דער איינציקער אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

איציק מאַנגער איז פרום־ייִדיש. אין זײַן ליד לויכטיקט אהבֿת־הפאָלק — דאָס פאָלק פון שמערל מיטן פידל, בערל מיטן באָס. זיי האָבן עס צוגעשפּילט דעם ניגון צו מאַנגערס לידל, און ס׳לידל (וואָס פון אים ווערן די „אויגן נאַס״) האָט זיך אַרויפגעדרייט לײַכט און לופטיק, ווי זײַנע וואָלקנס, צו די נידעריקע הימלען פון ייִדישן לעבן און זיי אונטערגעהויבן, אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן, און ייִדן האָבן געטאַנצט אין אַ ראָד צום ריטעם פון ליד. אַזוי זע איך דעם אמתן באַטײַט פון איציק מאַנגערס ליד.

איז עס טאַקע דאָס דאָברע־מזל פון דער ייִדישער פּאָעזיע, וואָס מאַנגער איז געבליבן ביים יסוד, ביי זיין אורקראַפט, און דאָס איז זיין קליין ליד. די דאָזיקע לידער זענען קליינע דימענטן, וואָס טויזנט וווּנדערלעכע ליכט־עפעקטן פון ייִדיש־טייטש זענען אין זיי אַריינגעפּרעסט, ווי כּישוף־שיין, וואָס איז אַרויס־געבראַכט פון אונטערערדישע קוואַלן. און נאָך „עפּעס" האָבן זיינע לידער: דעם אויסטערלישן ריח פון אַלטע איינגעקעלטערטע וויינען, וואָס יעדער טראָפּן פון זיי פאַרשיכּורט מיט ליכט־און־חלום פון נעכטן. אין אָט דעם אייך טראָפּן פון קרעפטיקן פאָלקסווייַן וואָס מאַנגער האָט אַריינגעטריפט אין זיין ליד, האָט דאָס פאָלק דערשמעקט דעם ייִדישן ריח און מאַנגער־שיכּור געוואָרן. זיין ריטמי־שע, קורץ־באַוועגלעכע ליד איז ווי אַ מאַרש פון גלייכע שריט. אין זיין געזאַנג האָט ער איינגעשלאָסן די ייִדישע וועלט און איר געמיט, ווי ער האָט זי געפילט.

ווען די ייִדישע פּאָעזיע האָט אָנגעהויבן מאַכן מאָדערניסטישע קאָזשעלקעס און אַקראָבאַטישע פּאָעזיע־עקספּערימענטן האָבן פאַרכאַפּט אויך די ייִדישע שטאַרק טאַלאַנטירטע פּאָעטן, איז מאַנגער געבליבן אין זיין ליד־גדר. ער האָט ניט געקינצלט זיין שורה און ניט געצאַצקעט זיין גראַם, ווייל ביי אים איז דאָס ליד אפשר מער געווען אין בלוט, אין האַרץ, ווי אין דעם מעכאַניזם פון מוח. און דאָס ליד וואָס ער האָט אויסגעוואָרעמט אין זיין האַרצן, האָט ער צוגעטראָגן דעם פאָלק — און ס'פאָלק איז געוואָרן די ברייטע באַזע פאַר מאַנגערס ליד.

דאָס פאָלק, אויך אין ישׂראל, האָט אַקצעפּטירט דעם ייִדישן מאַנגער אַזוי ווי ער איז — דאָס איז נאָך אַ באַשטעטיקונג אַז אין זיין ליד זענען פאַרפאָלקס־טימלעכט געוואָרן אויף אַן אָריגינעלן אופן די ווערטן פון פאָלק, פון זיינע בענקשאַפטן און חלומות. דאָס צוזאַמענגיסן און צוזאַמענמישן די ווערטן פון העברעיִש־ייִדיש איז אפשר דער סימבאָל פון אייניקייט, וואָס מאַנגערס ליד און שפּיל איז די פאָלקישע סינטעז פאַר דעם. דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז אַז מאַנגער, ווי אַזאַ, איז איינגעפונדעוועט אין גאַנצן פאָלק — און אויף דער דאָ־זיקער פאָלקסבאַזע בלייבט ער דער איינציקער.

## ב

איציק מאַנגער איז דער פאָלקסגעניוס פון אַקומולירטע אוצרות: געזאַנג־שפּיל־הומאָר. ער האָט זיי ניט פון דאָס ניי געשאַפן, נאָר ווי דער באַשעפער האָט אויסגעקנאָטן דעם אָדם פון אַ יש, פון חומר, און נאָר אַריינגעבלאָזן אין אים זיין רוח־חיים, אַזוי האָט מאַנגער אויסגעקנעטן פון פאָלקישן שטאָף, וואָס האָט זיך דורך דורות אָנגעהויפט אין זיין גאַנג, ליד און שפּיל און אין דעם אַריינגעהויכט זיין פּאָעטישן גייסט — און ס'איז געוואָרן פאָלקס־יצירה. דאָס גאַנצע מאַנגערישע — באַלאַדע, ליד, שפּיל — איז גענומען פון פאָלק, פאַרן פאָלק. מאַנגער איז בלויז געווען דער מייסטער פון דעם דאָזיקן וווּנדער, וואָס ער האָט צוגעטראָגן זיינע ייִדן אַ מתּנה — אַ נייעם עפּאָס אין ייִדיש.

דאָס פּאָלק האָט מקבל געווען מאַנגערס וואָרט, האָט אים אָנערקענט און געקרוינט פאַר זײַן פּאָעט. פון זײַן סאַמע בראשית איז טאַקע איציק מאַנגער געווען מיט זײַן פּאָלק, אָבער נאָר זײַנע לאַנגיאָריקע שעפערישע פאַרדינסטן האָבן אים דערהויבן צו דער מדרגה פון פּאָלקס־פּאָעט. ער האָט זיך טאַקע ווײַטער „יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד — — מיט איין פּאָר שיך, איין העמד אויפן לײַב", אָבער ס'פּאָלק האָט דעם באָרוועסן נאַקעטן פּרינץ אויפגענומען מיט באַוווּנדער, אַפילו אין דער פאַרשריגענער קעגן־ייִדיש, ייִדישער מדינה.

מאַנגער איז געווען און געבליבן דורך און דורך אָנגעזעטיקט און פאַרשיכורט מיטן פּאָלקישן שטייגער, מיט עמך, מיט זײַן שנײַדערשן ייִחוס און אָרעם־בעל־מלאכישער סבֿיבֿה. דאָס איז געווען זײַן ייִדיש־מלכות, און ער איז געווען איר פּרינץ. און די ייִדן האָבן ליב געהאַט זייער פּרינץ, דווקא ווײַל זיי האָבן געוווּסט אַז ער איז אַ פאַרשטעלטער און ער שפּילט זײַן ראָלע. ווײַל זיי, און זייער פּרינץ, האָבן ליב געהאַט ייִדישע פּורים־שפּילן, פאַר קליין און גרויס, אַז אַלע זאָלן הנאה האָבן און פריילעך זײַן. האָט זיך מאַנגער טאַקע אָפּט „פאַרשפּילט" ביז שיכּרות — אַ שיכּרות וואָס מיר האָבן אָפּט ניט „פאַרשטאַנען".

אפשר דאַרף מאַנגערס „פּראַוון באָהעמיע" אויך אויסגעפאָרשט ווערן אין דער רעם פון שפּיל־קאָמפּלעקס. ווען די ייִדיש־מענטשלעכע בענקשאַפט אין זײַן נשמה וואָלט אַ ביסל טיפער אויסגעפאָרשט און דורכגעבליקט געוואָרן, וואָלטן מיר מסתּמא דערגאַנגען צום שורש פון די „ווײַן־וואַקכאַנאַליעס" פון מאַנגערן. אפשר איז די שענק געווען ביידע זאַכן: אָנשטעל און פאַרשטעל, אַנטרינונג און שפּיל. דאָרטן איז געווען די סצענע פון זײַן פּאַלאַץ און די אויסגעחלומטע גראַפיניע, דאָרטן האָט ער פאַרשיכּורט זײַן טרויער און בענקשאַפט, דאָרטן האָט ער זײַן טרער אַרײַנגעקאַפּעט אין גלעזל בראַנפן, און דאָרטן האָט ער זיך אַרומגענומען מיט דער איינזאַמקייט, כּדי ניט צו בלײַבן אין גאַנצן אַליין — —

מאַנגער האָט אַזוי אַרום געשפּילט זײַן אייגענעם טראַגישן פּורים־שפּיל: אויפן פּנים די פּאַיאַצישע מאַסקע, און אין האַרצן בלוט און טרערן. מיר הערן עס פון זײַנע אַלע העלדן. „אַלע האָצמאַכס — — גייען אויס פון הונגער", און זייערע טעכטער „פליקן ווײַסע פעדערן פאַר די וואָס זײַנען רײַך". ס'איז ליכטיקע טראַגיק וואָס בלענדט אויס די אויגן. די ראַמפּעליכט באַשטראַלט טאַקע אַ קאָמישע סיטואַציע, אָבער צוזאַמען מיטן געלעכטער צופּט עס דיר בײַם האַרצן און מאַכט בולטער די וואָר. ער האָט אַרויסגעפירט אויף דער סצענע דעם שפּיעלעווודיק־פריילעכן קלאָון, וואָס געדיכטער אומעט איז אָפּגעזעצט אויפן דעק פון זײַן נשמה. און ער אַליין איז עס טאַקע דער פּאָלקספּאַיאַץ, וואָס מיט יעדן צאַפּל גייט „אַ רגע טונקלגאָלד אין זײַן ליד אַרײַן".

מאַנגער האָט ניט אויסגעהיט זײַן ליד פון שאָטנס, ווי ס'האָט אים „געעצהט" זײַן פאַרצײַטיקער גריכישער קאָלעגע אַנאַקרעאָן. אין זײַן ליד האָבן זיך געמערט די שאָטנס, ווי פון „אַ ווערבע, געבויגן איבערן ווײַסן שניי...". און פון זײַן טאָג איז געוואָרן „אַ שאָטן און אַ שײַן" — און אַוודאי האָט זיך געוואָרפן אין אויג

מער שאָטן ווי שײַן. שפּעטער איז נאָך צוגעקומען דער גרויסער ייִדישער חורבן, וואָס האָט רעפלעקטירט אין ליד פון קראַנקן און מידן פּאָעט מיט „בלוט און געשפּענסטער“. אויב די רוסישע רעוואָלוציע האָט דעם יונגן מאַנגערן נאָר אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ מיט איר רויטן טשאַד און ס'איז פון דעם געבליבן בלויז אַן עפּיזאָד, האָט דער אומקום פון פאָלק און דער „חורבן פון פּוילישן ייִדנטום“, וואָס ער איז געווען זייער אויסדערווײלטער פּאָעט, אים אין גאַנצן צעטרייסלט. „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע ליגט (ניט נאָר) געקוילעט דאָס גאָלדענע ציגעלע“, נאָר אויך דער ניגון איז אַוועק, ווײַל „נישטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע, טאָ וויגט מען אַן אַ ניגון“. און אויך „דאָס גאָלד פון דער פּאַווע איז (געוואָרן) אומעטיק גאָלד“. אויף די הויפּנס אַש טרעפט ער „ר' לוי יצחק אין טלית און תפילין“, וועלכער „זעט אין זײַן דמיון די בילדער פון געטאָ“ און „ווערט ברוגז מיט זײַן אַלטן גאָט“. דער ברוגז פון באַרידעוודיקן ר' לוי יצחק, וואָס פלעגט זיך כּסדר אויסטענהן מיטן רבונו־של־עולם, איז איצט אַ שטומע פּראָטעסטמאַניפעסטאַציע פון שווײַגן — „ער שווײַגט פאַרעקשנט“. — — „דאָס סידור איז אָפן, נאָר ער רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט“. — און מיר פילן באַשײַמפּערלעך אַז ר' לוי יצחקס ברוגז טוט ווי זײַן אַלטן גאָט! דאָ האָבן מיר אַ חורבן־מאָטיוו אויף אַ פילעוודיק־סימבאָלישן אופן, פאַרבונדן מיט אַ לעגענדאַרער געשטאַלט. אין אַכט פּשוטע שורות לאָזט ער ר' לוי יצחקן אַוועקשטעלן די פּראָבלעם וואָס מאַטערט אונדז אַלעמען, וואָס האָט ניט צו רו געלאָזט אויך אים, מאַנגערן — אונדזער באַציִונג צום אַלטן גאָט פון ישׂראל נאָך דעם חורבן־בראָך.

אַלץ איז געקומען צום אויסדרוק אין מאַנגערס שאַפן אין די פריִערדיקע יאָרן, אויך דער סאָציאַלער מאָמענט פון וועלטישן לײַדן, איז ניט געווען אַ צײַטמאָטיוו, אַ מאָדעליד, נאָר אַ טיף־אײַנגעשניטענער ווונד אין דיכטערס נשמה. ס'איז געווען אַזוי פיל ווייטיק און פרייד, ייִדישער צער און שׂימחה אין זײַן יעדער שורה, און אַזוי פיל ייִדישע סימבאָליק, אַז ס'איז אָרגאַניש אַרײַנגעוואַקסן אין דער ייִדישער וואָרטקונסט. ייִדישער נוסח איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין מאַנגערס ליד, אַז ס'איז קוים צו גלויבן וועגן אַ מעגלעכקייט צו קענען עס איבערפלאַנצן אויף אַן אַנדער באָדן. עס איז ווי אַ לעבעדיק גליד פון פאָלק, וואָס נאָר אַ ייִד קען דערפילן זײַן ניגון און דערהערן די זעלטענע קלאַנגען זײַנע.

זײַן וואָרט פאַרמאָגט אומגעווײנלעכע אידיאָמאַטיק און פאָלקסשיינקייט, אין וועלכן אַ ייִדיש אויער וועט באַלד דערפילן דעם קלאַנג פון אייגנס. ווי אַ געניטער טויכער, וואָס כאַפּט אויף דעם שאָטן־צאַפּל פון אַ פישל אויפן גרונט, אַזוי האָט מאַנגער אויפגעכאַפּט און אַרויפגעבראַכט אַלע בענקשאַפטן וואָס זענען געווען פאַרזונקען און פאַרזונגען אין פאָלקס געמיט. ער האָט עס אַנטפּלעקט ווי אַ נײַעם צויבער, אַז אַפילו די טרער איז געוואָרן לאַכעדיק־פאַרביק... ער איז אפשר מחמת דעם ניט געווען אַזוי זאָרגעוודיק וועגן טעכנישע רעגולאַציעס פון ליד, זײַן ריטעם, בוי און אַנדערע „קלייניקייטן“. ער האָט בלויז פאַרצייכנט די דינגע טענער, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט און פאַראַנקערט אין גאָלדענע שורות.

## ג

איציק מאַנגער האָט ניט אָנגעהערט צו קיין דיכטערישער גרופּע. ער איז געווען דער אַרכי־וואַגאַבונד פון דער יידישער מאָדערנער פּאָעזיע, אין בעסטן זינען פון דעם דאָזיקן וואָרט. ער האָט געפּלאַטערט מיט די פייגל אונטער אַלע הימלען. די גאַנצע וועלט איז געווען פריי און אָפן פאַר אים, ווי ער האָט זי געזען אין זיין יונגער איינגעגלייבטקייט. פון דער רומעניש־וואַלאַכישער לאַנדשאַפט איז ער, אין זיין אַנהייב־שעפערישקייט, אַריינגעפאַלן אין דער שפּרודלדיק־יידישער וואַרשע מיט איר ספּעציפיש־חסידישער אָרעמער באַפעלקערונג. די אָרעמקייט איז אים טאַקע געווען באַקאַנט, נאָר דער יידישער דלות און זיין קלימאַט איז דאָ געווען אַנדערש. מאַנגערס דיכטערישע וועלט איז שוין אָבער געווען רייף מיטן געזאַנג פון זיין היים, הגם וואַרשע איז געווען זיין פּראָדוק־טיווסטער פּעריאָד. פון דער היים האָט ער אין זיין געמיט מיטגענומען אַלע פאַרשוינען, ער האָט זיי נאָר געדאַרפט „אַריבערקלייבן" אין זיינע יידישע שור־רות, זענען זיי געוואָרן די העלדן פון זיין ליד און זיין פּראָזע (וואָס איז אויך ליד)

מאַנגער האָט פאַרגעשטעלט אַ גאַנצע גאַלעריע פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן זיין ליד ניט נאָר אָנגעפילט מיט היימישן קאָלאָריט, נאָר אויך מיט וואָרעמער משפּחהדיקייט: דער „שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער"; הלל בר' אַברהם מאַנ־גער — דעם „קעסטליכן וויצלער און פירטרעפלעכן שניידער־מייסטער; דורך דער שיינער מלכהלען און וועלוול זבאַרזשער — צוריק־צוריק דורכן חומש, דורות, מגילות — האָט ער אונדז געבראַכט אַזש ביז צו די אָבות און אָדם וחוה. ער האָט דערפילט דעם שפּילעוודיקן, אומעטיק־פריילעכן געמיט פון די אַלע מעשהלעך און מדרשים, לעגענדעס און אַנעקדאָטן, וואָס זענען געוואָרן אַטראַקציע און ער האָט זיי פאַרוואַנדלט אין צאַפּלדיקער האַנדלונג.

ער איז פון די איינציקע אין דער יידישער ליטעראַטור, ביי וועמען וואָרט איז ניט געבליבן אַ טויטער אַבסטראַקט, נאָר ער האָט אים געגעבן אַ לעבעדיקע פונקציע: ריידן, דערציילן, מאָלן, שילדערן. מאַנגערס געדאַנקען דאַרף מען ניט פאַרטייטשן און מ'דאַרף זיך ניט אָנשטרענגען זיי צו פאַרשטיין — אין זייער אינהאַלט איז שוין פאַראַן דער פּירוש, זיי קומען אויף אַנטפּלעקטע. די סימ־באָלן זענען ניט פאַרדעקט און מ'דאַרף זיי ניט אַרויסשיילן פון הינטער זיבן שלייערן. עס איז ניט „צווישן די שורות", נאָר דער תמצית ליגט ווי אַן אָפענער קערן אין דער שורה גופא. ווו מיר זאָלן ניט אויפמישן מאַנגערס אַ בוך און וואָס פאַר אַ ליד מיר זאָלן ניט דורכלייענען, וועט זיך גלייך אַרויסאַנטפּלעקן די שיינקייט אין דער האַנדלונג. דאָס רובֿ זענען פאַראַן ביי אים מענטשן, און לע־בעדיקע סימבאָלישע וועזנס: פייגל!

ניט פאַראַן קיין בכוונהדיקע שיטה אין מאַנגערס פּאָעזיע, נאָר אים האָבן פאַרכאַפּט די שוישפּילערישע עלעמענטן אין חומש אין מגילה. ער אַליין איז בנאַטור געווען אַ שפּילער פון ליד — דער שפּילעוודיקסטער פון אַלע יידישע פּאָעטן. די אָבות און די מגילה־העלדן, די צדיקים אין גן־עדן, אַפילו די לעבע־

דיקע פּאַווע און דאָס ציגעלע זענען ניט נאָר קינסטלערישע אַטריבוטן פאַר זײַן טעמאַטיק, נאָר לעבעדיקע אָביעקטן פון שפּילערישער פאַנטאַזיע. וואָלט ייִדיש באמת געווען אַ קאָנקרעטע טעריטאָריע, ניט קיין אַבסטראַקטע „אימפּעריע ייִדיש“, וואָלט מאַנגער אפשר געוואָרן דער אומאויסשעפּיקער קוואַל פון די סאַמע פאַנטאַסטישע צייכן־פילמס („קאַרטונס“), ווי ס׳ווערן אויסגעזונגען און אויסגע־טאַנצט אויפן עקראַן משׂהלעך, וואָס זענען די שטאָלץ פון יעדער ליטעראַטור. מאַנגערס לידער באַשטעטיקן צום בעסטן די טעזע פון שפּילעוודיקן מאַנגער.

ס׳איז אפשר פאַלש עס אָנצורופן מאַנגעריזם, ווײַל ס׳איז ניט קיין מעטאָד, און מאַנגער איז ניט קיין ליטעראַרישע שול. אָבער מאַנגער איז מאַנגער, אום־מיטלבאַר, ווי אַ דיכטער און מענטש. אַך דווקא זײַן אומגעהויבלטקייט און אום־געשליפנטקייט מאַכן די לידער און זײַן שפּיל נאַטירלעך, שטאַרק, הגם ניט רוי. ער גיט דאָס עלעמענטאַרע וואָרט, ווי אַרויסגעהאַקט פון אייגענעם גרונט, דאָך איז יעדע שורה דורכגעטראַכט. זײַנע לידער זענען ווי אַ וואַלד, ווו די ביימער באַרירן זיך מיט זייערע גרינע קרוינען. ס׳איז די עקסטעריטאָריעלע טעריטאָריע פון מאַנגערישן לידערוואַלד!

על־כּן קען מען מאַנגערן לייענען אַ; אַ שיעור מאָל און אַלץ הנאה האָבן, ווי פון דער נאַטור וואָס ווערט ניט איבערדריסיק. מאַנגער האָט איין קול, אָבער טויזנט מיט איין בײַטענער, וואָס צעשיטן זיך ווי עכאָס און קלינגען־אָפּ כּישופֿ־דיק. ער האָט די זעלבע פּערסאָנאַזשן וואַריִירט אין פאַרשיידענע קלאַנגען. אַבֿרהם אָבֿינו (אַורעמל), דוד המלך, אליהו הנבֿיא און די אַנדערע געשטאַלטן, זענען ניט נאָר די מעטאַפאָרן פון זייער תּנכיש־שטעטלשער מיליע, עס איז אויך די גאַנצע אַטמאָספער, און דער עיקר דאָס ראַזשינקע־וואָרט, וואָס פאַרזיסט די טאָפּלט־סובלימירטע געשטאַלטן. אָן דעם מאַנגערישן קלימאַט פון וואָרט, וואָלטן זיי געבליבן האַלצערנע האַצמאַכס. די אַטאַוויסטישע אידענטיפיקאַציע פון קרע־מער אַורעמל־אבֿרהם אָבֿינו (וואָס איז מעגלעך אויך פּסיכאָלאָגיש), ווערט אַ מאָדנע פאַנטאַסטישע רעאַליטעט אַ דאַנק דעם אײַנפאַלעריש־שטיפערישן צײַטטאָן און שפּילעוודיקייט. אָן דעם קינסטלערישן שפּיל־עלעמענט וואָלטן אַזעלכע לידער געווען בלוטלאָז — און אויף דעם האָט מען געדאַרפט זײַן אַ מאַנגער!

ס׳איז געווען דער זכות פון אונדזער דור צו האָבן אַזאַ פריילעכמאַכער (מיט טרערן) ווי מאַנגער. דערפאַר טאַקע רעוואָלטירן די אָבֿות בײַ אים: „אויך מיר אַ גן־עדן אָן אַ פריילעכמאַכער“ — און דער גרויסער פריילעכמאַכער מאַנגער איז אַוועק צו זײַנע אָבֿות. —

פאַר וואָר, דער זינגעוודיקסטער און שפּילעוודיקסטער פון אַלע מאָדערנע ייִדישע דיכטערס איז געווען און וועט פאַרבלײַבן איציק מאַנגער.

דרום־אַפריקע, 1969.

- אַ ידיעהלע וועגן איציק מאַנגער : דרום־אַפריקע, 1967.
- איציק מאַנגער דער פאָלקספּאָעט : דרום־אַפריקע, 1969.

# דער ייִדיש־זינגער פון חיפה

י. מאַניק: טריט אין באַגינען. פאַרלאַג „אַנקער״, חיפה, 1955. 196 זז׳.

## א

טריט אין באַגינען זענען די שטילע, איַינגעהאַלטענע, פאַמעלעכע טריט פון אַזאַ איינעם, וואָס טראָגט באַוווּסט און מיט ווערדע זיַין שווערן יאָך פון מי. אַזאַ איז ער, דער דיכטער י. מאַניק, וועמען מ׳קאָן טרעפן „נאָך אַלץ אין קאַלך־קליידער מיט וואַסערוואָג, האַמער און קעלנע, גייענדיק פאַרנאַכטלעך אַהיים נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שווערן פון מי ביַי אַ בנין״. דער אָ אַרבעטער־דיכטער, ד׳ס־טאַנצירט אין פלאַץ, איך טוונג און אין געמיט פון די באָהעמישע קאַפעהויז־קאָלעגן פון תּל־אָבֿיבֿ, פאַרמאָגט אַ חנעוודיקע רויִקייט און זיכערקייט פון אַ פראָ־ווינצער, וואָס ווייס זיַין אָרט ווו ער פילט זיך היימיש.

חיפה, וועלכע האָט ניט דעם גרויסשטאָטישן אומרו און געשפּאַנטקייט פון איר יונגיטשקע שוועסטערל תּל־אָבֿיבֿ, איז דעם דיכטערס רעזידענץ פון חלום און וואָר. אין דער חיפה, וואָס שוועבט־אום „אינמיטן רוים האַלבע וואָר, האַלבער טרוים״, שאַפט אַ ייִדישער פּאָעט אין איינזאַמקייט זיַין ייִדיש ליד. י. מאַניק איז דער ייִדיש סאָלאָ־זינגער פון חיפה, איז לאָמיר עס הערן פון זיַין אייגן מויל:
„קליַיב איך די ווערטער, ווי פּערל, און איך סילע זיי אויף אי״ לעגענדעס...״
איצט איז די אַלטע, סימפּאַטישע חיפה מיט איר׳ע לעגענדעס, ניַיע סימבאָלן און מעטאַפאָרן, אַרויפגעסילעט געוואָרן, ווי אַ פּערל, אין דער ייִדיש לשונדיקער דיכטונג פון י. מאַניק.

תּל־אָבֿיבֿ איז ברייט באַקאַנט ווי דער גרעסטער קאָנצענטראַציע־פּונקט פון ייִדישע שריַיבערס און דיכטערס, אָבער גאָר ווייניק שעפערישע מענטשן, אין ייִדיש, זענען פאַראַן אין די אָפּגעוויַיטערטע ווינקלען. מ׳דאַרף צו אַזאַ פאַר־איינצלקייט און עלנטקייט האָבן עקשנות, אויסדויער, און, בעיקר, גלויבן אין כּוח פון ייִדיש און אין די אייגענע כּוחות. און אָט האָט זיך איַינגעפונען אויך פאַר חיפה אַן אויסלייזער פאַר ייִדיש לשון. זיַינע ייִדישע טריט אין באַגינען זענען אַ גרוס און דערפרייונג צו דער ייִדישער וועלט. אין דער באַגינענדיקער שטילקייט פון זיַין שאַפן פילן מיר דעם אָנזאָג פאַר וויַיטערדיקע און אפשר גרע־

סערע דערגרייכן. עס איז דאָס ליד פֿון אַ ישׂראלדיקן אַרבעטסמענטש, וואָס פֿרייט זיך מיט זײַן מי, מיטן אויפֿבלי פֿון זײַן לאַנד און מיט זײַן ייִדיש ליד. „ייִדיש איז מײַן ליכט־קוואַל", זאָגט י. מאַניק. „אויף וואָסער שפּראַך דײַן קול ניט קלינגט, דער עכאָ ענטפֿערט דיר אויף ייִדיש..." — דער עכאָ פֿון דער ווײַטער חיפֿה דערגרייכט דורך אים אויך צו אונדז.

דאָס ערשטע ליד, וואָס קומט בראָש פֿון דעם אָפּטייל „אין זוניקן היי", דאַרף דינען ווי דער אַני־מאמין פֿון דיכטער. די פֿיר סטראָפֿעס פֿון ליד זענען אַ הלל צו דעם וואָס בויט און שאַפֿט אַ נײַ לעבן, נײַע שטעט און ישובֿים. דער אַ גרונט־מאָטיוו חזרט זיך איבער אין אַלע לידער כּמעט. אַ טייל לידער פֿאַרמאָגן דעם אייגנאַרטיקן טעם, ריטעם און די לעבעדיקע, פּשוטע שפּראַך פֿון אונדזערע פֿאָלקסלידער. דאָס ליד „רמת־גן", למשל, קאָן זיך דאַכטן, אַז מיר האָבן אים שוין ערגעץ ווו געהערט, אפֿשר אַפֿילו זינגענדיק: „רמת־גן, רמת־גן, איז נאָך ערגעץ־ווו פֿאַראַן אַזאַ ישובֿ, פֿול מיט כּישוף, ווי עס איז רמת־גן?" לשם אילוסטראַציע אַ סטראָפֿע פֿון אַ צווייטן ליד אויפֿן זעלבן ריטעם און נוסח: „ים המלח, ים המלח, ביסט אי אומעטיק, אי פֿריילעך... צווישן בערג, און טאָל, און היגל ליגסטו ווי אַ קינד אין וויגל..." טיילווײַז טרעפֿן מיר אָן דעם פֿאָלקס־סטיל אויך אין אַנדערע לידער פֿון בוך, וואָס איז אַ גוטער סימן פֿאַר דעם דיכטערס פֿאַרוואָרצלטקייט אין פֿאָלקסייִדיש, אויף וועמענס סטרונעס ער שפּילט זײַן נײַ ישׂראל־ליד. דאָס ליד „נתניה", אַ שטייגער, איז אַ געמיש פֿון ליריש־ראַפּינירטן און פֿאָלקסטימלעכן עלעמענט, און אַזאַ מין דורכפֿלעכט פֿון שורות און סטראָפֿעס איז פֿאַראַן אין מערערע לידער.

די לידער אין בוך זענען זעלטן דאַטירט, אָבער לויט זייער אימפּעט און לויף קאָנען מיר זיך מאַכן אַ בילד פֿון דער בערכדיקער צײַט. דאָס זענען געגראַמטע שורות וואָס וויקלען פֿונאַנדער די „ביאָגראַפֿיע" פֿון דיכטער, זײַנע וואַנדער־וועגן איבערן לאַנד ישׂראל. ער שילדערט, מיט ליבשאַפֿט, אַלע זײַנע סטאַנציעס אין גאַנג פֿון אַ פּאָר צענדליגער יאָר, ווו נאָר ער האָט אָנגעשפּאַרט. נאָך די אָרטשאַפֿט־לידער גייט י. מאַניק איבער צו מער לירישע לידער און מיר דערפֿילן דעם דיכטער אין זײַן עכטן, אייגענעם אויפֿזינג. אַזוי איז דאָס ליד „פֿאַרטאָג אין דאָרף", ווו די שטימונג שטײַגערט זיך מיט די פּשוטסטע וואָרט־אויסדרוקן און מעטאַפֿאָרן, ביז דער „וועכטער, מיד און פֿאַרלעכצט פֿון דער נאַכט, טראָגט אַהיים די מזרח־שײַן אויף זײַן ביקס... זײַנע טריט הילכן־אָפּ אינדערווײַט און וועקן דאָס דאָרף צו תּפֿילה און מי".

## ב

י. מאַניקס שטימונג־לידער וועבן זיך אַרײַן אין דער נאַטור און שפּינען אַ נעץ פֿון פּאָעטישע זעונגען: „נאַכט — בעדואינערין, קומט אַרויס קעגן מיר מיט לבֿנהקן קרוג אויפֿן קאָפּ; ווי ס'לעצטע געזאַנג פֿון אַ פֿויגל וועבט זיך

אַרײַן אין דער שטילקייט; און ביימער שטייען באַוועגלאָז, גלײַך זיי הערן זיך אײַנעט אין סוד פונם אָוונט..." און אַ לעצטע סטראָפע פון אַ צווייטן ליד „דאָס ליכט פונם טאָג": „שטייסטו אַזוי און דו גאַפסט / ווי פאַרהאַנגען פינצטערניש פאַלן, / ביז וואַנעט סע יאָגט אויף דיר אָן/ דאָס בלינדע געוויין פון שאַקאַלן".

דער קאָלאָריט פון לאַנד, זײַן טאָג און נאַכט, זײַן אָוונט און באַגינען זענען פאַרבן פון דיכטערס געמיט, פון זײַנע שטימונגען, פון זײַן בענקשאַפט און פרייד. זײַן ליד האָט אויך גלויבן, האָפענונג, וויזיע צו להכעיס אַלע בייזקייטן און שווער־ריקייטן. אָט זעט ער דעם „יום־טובֿ זיך צעשטראַלן פון אייביק ליכט", און ס׳טוט אַ בליץ מיט טראַציקן ווילן: „און דאָך וועט גינסטיק זיך אַ וווּנד טאָן דער קאַמף פאַר פרײַהייט אויף דער ערד. / אין שיינעם טאָג, און ס׳וועט אַ בלענד טאָן משיח אויף זײַן ווײַסן פערד..."

אין צווייטן אָפּטייל פון בוך, „פאַרוווּנדעטער ניגון", „רעדט" דער דיכטער, מיט ליד־לשון, וועגן די פּראָבלעמען פון פאָלקס־גורל און זײַן לאַנד, אין זייערע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען. די ערשטע פּאָעמע, „ישמעאל", איז אַ שילדערונג פון אַראַבישער צוריקגעשטאַנענקייט, פאַרשלאָפנקייט, און דאָס ייִדישע וועקן די וויסטעניש. ער זינגט וועגן בויען, ער שילדערט „אַרבעטסלאָזע" (טיטל פון אַ ליד) א״אַ אין דעם שטייגער. צו לעצט קומט אַ קליין לידל „צום אַרבעטער", וואָס האָלט „דעם גורל פון דער ערד אויף דער וואָגשאָל", און וואָס פון זײַנעם „אַ שמייכל, ווערט פרילינג אויף דער ערד..."

אין אָפּטייל „שקיעה" איז, פאַרשטייט זיך, דאָמינירנדיק דער פאַרגיי־מאָמענט, סוף־טאָג, די שיינקייט פון זונפאַרגאַנג און אַנדערע דערשײַנונגען פון דעם מין. אָבער די „שקיעה־צײַט פון מענטש", די צײַט וואָס האָט זיך אַזוי טראַגיש אײַנגעשניטן אין גוף פון אונדזער פאָלק, באַהינגט דער דיכטער מיט פלאַמיקן באַגער און מיט אַ טאָן פון רעזיגנאַציע גלײַכצייטיק. ער ווינטשט זיך „אַ פידל אַזוי גרויס ווי ס׳איז דער ים כּנרת", פאַר אַ ריז, וואָס זאָל קומען „אַ שפּיל צו טאָן דער וועלט דעם נוסח פון טרעבלינקע". און אַזאַ שפּיל טאָן — אַז „אויסרײַסן עס זאָל די ביימער מיט די שטאַמען, און ווערן זאָל די ערד פאַר־פלייצט פון אַלע ימען!" דער מאַכטלאָזער געפיל פון תּמות נפשי עם פּלישתּים איז דעמאָלט ניט פרעמד געווען צו טויזנטער ייִדן. אין דעם אָפּטייל זענען אויך פאַראַן אַ פּאָר שיינע באַלאַדעס.

אין „אַ רעגנבויגן בײַ דער נאַכט" זינגט י. מאַניק וועגן ליכטיקע, זוניקע אויפשטראַלן און ווערטער אין דער נאַכטיקער אַרומרינגלונג פון זײַן צײַט. ער באַזינגט דעם נס פון „אייגנלאַנד", ווען „מענטש נעמט־אָן אַ מענטש בײַם האַנט און טאַנצט דעם וואָרט אַנטקעגן: אָ, אייגנלאַנד, אָ אייגנלאַנד". צווישן אַנדערע זענען דאָ פאַראַן אַ צאָל פײַנע לידער, באַזונדערש: „שטראַל און צע־שטראַל זיך", „אין זוניקן הײ" א״אַ.

„אַאַזיס" מיט זײַנע צוויי בײַ־אָפּטיילן „איך און דער קיינער" און „לויטערע וועגן", נעמען אַרײַן געפּילפּולע, צאַרטע לידער פון ליבע, צער, איינזאַמקייט,

אַנטוויִשונג אד״ג. מיט זייער עכטער, טיף אַדורכגעלעבטער שטימונג לאָזן זיי איבער אַ שאַרפֿן נאָכקלאַנג. די לידער פֿון „לויטערע וועגן״, ווו דער דיכטער זינגט וועגן זײַן טאַטן אין דער אַמאָליקער היים, שאַפֿן אַ ספּעציפֿישע אַטמאָספֿער פֿון געשילדערטן אומעט און דערהייבנקייט, וואָס איז דער מיט ליכטיקט אַרויס „דאָס אַלטע, דאָס ליבע געשטאַלט״, וואָס דעם דיכטער איז „באַקאַנט זײַן יעדע באַוועגונג״.

„דער סוד פֿון אַ שטיין״ זענען לידער מיט אַ נאָכדענקערישן, פֿילאָסאָפֿיש־מוסר־השׂכּלדיקן אינהאַלט. אין די דאָזיקע לידער איז פֿאַראַן זיכערקייט און זעלבסטבאַוווּסטקייט פֿון יאָרן דערפֿאַרונג. זיי זענען אַ פּנים פֿון דיכטערס שפּעטערדיקן שאַפֿונג־פּעריאָד. עס איז דער גאַנג אויך אויפֿשטײַג צום מער אויסגערײַפֿטן, פֿײַנערן און ראַפֿינירטן ליד, וואָס מיר דאַרפֿן איצט דערוואַרטן פֿון י. מאַניק.

דער לעצטער סאַטירע־אָפּטייל „טורעם בבֿל״, איז איבערראַשנדיק מיט דער נײַקייט פֿון דעם זשאַנער, וואָס מיר פֿילן אים ניט אין די אַנדערע ערגסטע, פֿאַרזאָרגטע און מיט מי אָנגעפֿילטע לידער. די סאַטירע־לידער זענען לײַכט, בילדעריש אויך שאַרפֿזיניק, וואָס מאַכט זיי אינטערעסאַנט.

דער סאָלאָ־זינגער פֿון חיפֿה, י. מאַניק, האָט אונדז צוגעטראָגן אַ בוך לידער פֿון אַ באַדײַטנדיקן קינסטלעריש־ליטעראַרישן ווערט, פֿון ליבשאַפֿט, אויפֿברויז און חלום, פֿון ריינעם געמיט. ער פֿאַרשטייט זיך צו דערהייבן און צו לײַטערן: „און הייליק! און דערלײַטערט, / ווי אַ כּהן גדול, / טרעט איך אַריבער די שוועל פֿון מײַן היכל...״

שירה איז פֿאַר י. מאַניק אַ הייליקע עבֿודה, וועלכע ער טוט אין אַ היכל.

דרום־אַפֿריקע, מײַ 1956.

• אין לידער־וואַנדער פֿון י. מאַניק — דרום־אַפֿריקע, 1970.

# אַלעק נאַטאַס און זײַן שטעטל

אַלק נטס — ימים של אתמול. מאַנגלית: רות אַלמוג.
הוצאַת הקיבוץ המאוחד, תשמ״א, אַגודת הסופרים
העבֿרים. 89 זז׳.

דאָס בוך און זײַן מחבר זענען אַן אבֿר מן החי פֿון לעבעדיקן גוף פֿון ייִדישן שטעטל. דער תּרגום — גוט און אויטענטיש — איז געמאַכט פֿון אַ ייִדישן ענגליש... אָבער זאָל עס, חלילה, ניט פֿאַרשטאַנען ווערן פֿאַלש: ס׳איז ניט מחמת דער מחבר קען ניט זײַן ליטעראַרישן לשון, נאָר ווײַל אַלעק נאַטאַס טראַכט, פֿילט, שאַפֿט און לעבט אין דער ייִדישער וועלט וואָס איר נאָמען איז געווען שטעטל. איז שרײַבנדיק זײַן ליטעראַרישע ביאָגראַפֿיע (איך אַקצענטיר, ליטעראַרישע, ווײַל די כּמו־אויטענטישע פֿאַקטן זענען דורכגעמישט מיט פֿאַנטאַזיע און פֿיקציע), האָט ער עס געטאָן מיט אידיאָמען, בילדער און אימאַזשינאַציע וואָס זענען פֿאַרוואָרצלט אין זײַן ייִדישן וועזן, און דאָס איז ניט עבֿרית און אַפֿילו ניט ענגליש, נאָר בפֿירוש מאַמע־לשון ייִדיש. ס׳איז די מוזיק פֿון ייִדיש מיט אַלע גאַמעס פֿון לייד און פֿרייד, ביטערניש און גליק, האָפֿענונג און שרעק. די דאָזיקע קלאַנגען פֿאַרפֿולן דאָס בוך — צוזאַמענגעפּרעסט און קאָנדענסירט אין 22 קורצע קאַפּיטלען. פֿאַראַן אין זיי די מיליע פֿון היים, גײַסטיק ליכט און פֿיזישער הונגער, טיפֿן און כאַראַקטערן, אין צענטער: טאַטע־מאַמע און זיידע, כּמו אַרגאַניש פֿאַרוועבט. דערצו אַלע גוטיקייטן און טעמעס, וואָס מיר געפֿינען אין דער קלאַסישער וועלטפּראָזע: מלחמה, גירושים, הונגער, אויך פּאָגראָמען. און נאָך: יוגנטלעכע לײַדן, עראָטישע עקספּיריענץ און די ערשטע נאַיווע סעקס־אָבסערוואַציעס. דאָס אַלץ שפּילט זיך אָפּ אויפֿן קליינעם פּלאַנעט, שטעטל, וואָס איז די בינע און הינטערגרונט פֿון גרויען ייִדישן לעבן. אַפֿילו די כּלומרשטע גרויס־שטאָט קאָוונע, וווּ ס׳יונגע בחורל קומט, אין דער „אָרט״־פּאַכשול, איז אויך ניט מער ווי אַ פֿאַרגרעסערטע קאָפּיע פֿון שטעטל. זי האָט ניט געהאַט יענעם מאַגנעטישן שאַרם — חוץ פֿאַרן אומדערפֿאַרענעם ייִנגל — פֿון אורבאַניסטיש גרויסשטעטישן לעבן אין וועלטישע מאַסן.

ס׳איז געווען בלויז אַן אַרײַנבליק אין די אויטענטישע פֿאָטאָגראַפֿיעס אויף די טאָוולען פֿון בוך, כּדי צו באַגרײַפֿן די דלותדיקע ענגשאַפֿט פֿון אַן אָרטשאַפֿט, ווי זי איז געבליבן פֿאַרקריצט אין זכּרון פֿון ייִנגל אַלעק. ער האָט די עפּיזאָדן,

צום טייל ווי אַ ליטעראַרישע כראָניק, צוריקגעבראַכט צום לעבן. דעריבער איז גאָר ניט אַזוי ווייכטיק, צי די געשעענישן האָבן טאַקע אַזוי צי בכלל פּאַסירט, נאָר מער דער קינסטלערישער צונויפֿגעפּלעכט וואָס שטעלט צוזאַמען די פיזיאָגנאָמיע פון שטעטל, זײַנע מענטשן, ווי דער לעבעדיקער קליי וואָס קלעפּט עס צוזאַמען. אין דעם ליטעראַרישן אמת איז פאַרבאַהאַלטן די ווערטיקייט פון בוך. די בילדער פון שטעטל זענען געמאָלן מיט אומעטיקע, אָבער עכטע צאַפּלדיקע פאַרבן. ס׳ייִנגל וויל זיך אַרויסרײַסן פון פאַרלאַנגזאַמטן קלעמיקן ריטעם צום אימפּעט פון ברייטערע האָריזאָנטן. דער גוי, געזען מיט קינדישע אויגן, איז אויך אַן אינטעגראַלער חלק פון יידישן שטעטל, און אויב אַפילו אַ ביסל צוגעזאַלצן און צוגעפּעפּערט אין געוויסע פּרטים, שאַפן די אַלע כּמו־פּרעמדע עלעמענטן די גאַנצקייט און אויך באַזונדערקייט פון דעם סיפּור־המעשׂה.

אַלעק נאַטאַס האָט דאָס שטעטל ניט געפאַלשט, ניט פאַרשענערט און ניט פאַרמיאוסט. די ליכט־רעפלעקסן, אין רעטראָספּעקטיוו, זענען אין צער און בענקשאַפט ראַיעל געשילדערט. דאָ האָט דער מחבר צוריקגעבראַכט זײַן שטעטל, אין איבערלעבונגען, אָן אַ קאָמפּלעקס פון אַ ווײַטן קרובֿ.

ס׳יונגע ייִנגל, וואָס איז שפּעטער געקומען קיין דרום־אַפריקע, אידענטיפיצירט זיך אַבסאָלוט מיטן שטעטל, ווײַל עס איז זײַן יונגע וועלט. ער האָט זי קיין מאָל ניט פאַרשאָטן אין זײַן האַרץ און מוח און דער מרחק צוריק צום שטעטל איז תּמיד געבליבן אָפן. האָט אים געצויגן צו זײַן שטעטל, צו זײַן קינדהייט, צו זיך, און דעם וועג קריק „אַהיים‟ האָט ער געקאָנט מאַכן לײַכט און פּשוט.

די בריק פון דער ליטעראַרישער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס פירט צוריק, האָט אַ קורצקייט פון קוים נײַנציק זײַטן, אָבער זי איז גענוג לאַנג צו דערפירן צום מקור פון וואַנען ס׳וואַקסן אַלע ביטערנישן און זיסקייטן פון אַ קינדס לעבן. פון דער בריק, אַריבערגעוואָרפן צוריק צום שטעטל, בליקן מיר אַרײַן אין דער נשמה פון קינד, פון יוגנטלעכן, מיט זײַנע מאָראַלישע ערשטע פּילונגען און ראַנגלענישן, זײַנע שוועריקייטן און פּראָבלעמען. און דאָס, ווײַל ער רעגיסטרירט פאַקטן און פאַרלויפענישן אין קאָנטעקסט פון זייער טיפערן מהות: געוויסן־אויפטרייסלונגען, זוכענישן פון אמת, אַנטוישונגען און האַרץ־צאַפּלענישן. זיי דערציילן אַלץ מיט אַ פּשוטן לשון, צו מאָל תּמימותדיק, אַפילו קינדישעמעוודיק, אָבער אין אַלע סיטואַציעס טוט אַ בליץ, דאָ און דאָרט, אַ פינקל הומאָר, ווי דער רעפלעקס פון אַ לעבן וואָס האָט געהאַט זײַן זוניקע ליכט.

ימים של אתמול זענען טעג מיט ריחות און קאָלירן פון שטעטל. פון קינדיש־פּסיכאָלאָגישן טונקל טוען זיי אַ שימער מיט די ערשטע דערקענטענישן פון אַ מיניאַטור־וועלט. ס׳גייט דורך פאַר אונדזער אויג די אַנטוויקלונג־סטאַדיע פון אַ קינד צו אַ זעלבשטענדיקער פּערזענלעכקייט. זײַן וועלטל איז געמאָלט מיט נאָסטאַלגיע, אָבער אָן צעקרימטע קאָמפּלעקסן און אויך ניט עקסצענטריש, ווי ס׳טרעפט בײַם שרײַבן וועגן זיך. די היים־סבֿיבֿה מיט איר וואָכיקייט און יום־טובֿדיקייט, מיט איר דלותדיקן קיום, איז רעסטאַווירט אין די

נאַטירלעכע אַטריבוטן פון איר פאַרגליווערטקייט. ס׳איז, מעג מען זאָגן, אַ דורכויס יידישע פאַרגליווערטקייט — און פון דעם גליווערזומפּ וויל אַלעק אַרויסשלעפּן זײַנע פיס.

אין ימים של אתמול האָט די איבערזעצערין — רות אַלמוג — אַרויסגעבראַכט די פשטות מיטן פאָלקסטימלעכן חן פון מחברס לשון. ס׳פלעכט זיך מיט אַ שפּילעוודיקער לײַכטקייט און לירישן ציטער, און כ׳וואָלט זיך געוועט, אַז יעדער קנאָפּער העברעיִש־פאַרשטייער, וואָס קומט אַליין פון שטעטל, וואָלט געקאָנט לײַכט אויפנעמען און פאַרשטיין די געשיכטע. אפשר איז עס אויך געווען די אידעע פון מחבר, אַרײַנצופלעכטן אין טעקסט אַנעקדאָטן, וויצן, פאָלקס־מעשׂהלעך, וואָס זענען שוין פון ערגעץ ווו באַקאַנט, און זיי האָבן זיך אײַנגעקריצט אין קינדס מוח ווי וואָרהאַפטיקייטן. איין זאַך אָבער, דער טיטל פון בוך, וואָס דאַרף פאַקטיש זײַן דער פּאַסאַד זײַנער, קומט מיר פאָר מאָדנע, אַ מין גראָטעסק: ימים של אתמול מיינט: נעכטיקע טעג און האָט אַן אַנדער קלאַנג און באַטײַט אין מויל פון פאָלק, ווי דאָס וואָס דער מחבר דערציילט. דער מחבר האָט ער אָנגערופן: Almost Yesterday און ס׳מיינט: ווי ערשט נעכטן, און קלינגט זיך איבער מיטן פאַרבענקטן היימצאַפּל אין בוך, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס פּאַסירט. ימים עברו וואָלט שוין געווען בעסער.

איז אָבער גוט אַז די עבֿר־טעג, די פאַרגאַנגענע און אויסגעגאַנגענע תּקופֿה פון אַ ליטווישן שטעטל, איז דאָ ניט קיין מצבֿה פון חורבן, ווי מיר קענען עס אין די לעצטע יאָרן, נײַערט אַ געשיכטע פון לעבן און יונגשאַפט, וואָס האָט אויפגעהיט די אַטמאָספער און דעם טעם פון שטעטל. אַלעק נאַטאַס האָט מיט דעם פאַרקנאָטן די אָרעמע היים אין בלעטלעך פון אַ ספֿר, וואָס די נײַ־געבוירענע דורות אין ישׂראל, אשר לא ידעו את השטעטל, דאַרפן — ווײַל זיי דאַרפן עס וויסן — און וועלן עס, אפשר, לייענען.

ישׂראל־שטימע, יולי 1982.

• אַ דרום־אַפריקאַנער יידישער שרײַבער; יידישע צײַטונג, יאָהאַנעסבורג, יאַנואַר 1972.

* * *

## אַבֿרהם סוצקעווער

צוליב דעם וואָס די סוצקעווער־מאָנאָגראַפיע, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1982, לכּבֿוד זײַן 70סטן געבוירן־יאָר, וועט אַרויס בקרובֿ אין אַ באַזונדער בוך — איז דאָ ניט אַרײַן קיין עסיי וועגן דיכטער און זײַן שאַפן.

# שמואל־יוסף עגנון אין אַ צוויי־שותּפות

## א

שמואל־יוסף עגנון און נעלי זאַקס האָבן געקראָגן דעם נאָבעלפּרײַז פֿאַר ליטעראַטור, פֿאַר 1966. די דאָזיקע פּלוצימדיקע איבעררײַשונג פֿון פֿאַרבינדן צוויי אַזעלכע אין פֿלוג ווײַטע נעמען, און זיי מיט איין מאָל מאַכן נאָענט, דאַרף אפשר געזען ווערן ניט ווי בלויז אַ צופֿאַל, נאָר ווי דער סימבאָל פֿון גײַסטיקער צוזאַמענדיקייט. עס איז דער פּענאָמען פֿון ישׂראל־שותּפֿות, אין ברייטסטן ייִדישן באַגריף, און ליטעראַטור איז פֿון די ערשטע און וויכטיקסטע אַרטיקלען אין דאָזיקן עסק. פֿון דעם קוקווינקל האָט די שוועדישע קונסט־אַקאַדעמיע דווקא ריכטיק עס אָפּגעשאַצט, אַרויסהייבנדיק דעם מאָמענט פֿון ייִדישער טע־מאַטיק בײַ די צוויי ייִדישע וואָרט־קינסטלערס. אין גרונט גענומען פֿאַרענט־פֿערט אָבער ניט דער גלאַטיקער זאָג ייִדישע טעמאַטיק דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון צונויפֿפֿאַר פֿון 2 אַזוי פֿאַרשיידנאַרטיקע שעפֿערישע פּערזענלעכקייטן. ס'בעט זיך אַ הסבר פֿאַר דעם דאָזיקן כּמו־צופֿאַל, ווײַל ערגעץ איז דאָ פֿאַראַן אַ חיסרון.

וואָס האָט אייגנטלעך פּאַסירט? מיר ווילן זיך דאָ ניט אַרײַנגריבלען אין מאָדוס פֿון אויסקלײַבן דעם פּאַסיקן קאַנדידאַט, אָבער אַפֿילו נאַיווע מענטשן ווייסן שוין הײַנט, אַז דער קאָנטאַקט און דרוק אויף די פּאַרטייִלער פֿון דער נאָבעל־פּרעמיע גייט דורך געוויסע קאַנאַלן. די „קאַנאַלן" מיינט: אינטעלעק־טואַלן, רעגירונג־מענער און פֿאַראינטערעסירטע שעפֿערישע פּערזענלעכקייטן, וואָס „אַרבעטן" — צו מאָל אַ סך יאָרן — פֿאַר זייער קאַנדידאַט.

ש. י. עגנון איז אויך ניט „אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל" אין דער שוועדישער אַקאַדעמיע, נאָר הינטער אים שטייט דאָך, ראשית־כּל, זײַן לאַנד, ישׂראל. און ישׂראל האָט זיך שוין לאַנג געפֿילט באַרעכטיקט צו האָבן אירן אַ גרויס־ווער־טיקן מײַסטער, ווי דעם פּולן פֿאַרדינער פֿון אַזאַ פּרײַז. אָבער די קייזערלעכע אַקאַדעמיע האָט ניט אויפֿגעבראַכט דעם גענוגנדיקן פּאָליטישן כּוח צו לאָזן אַ פּרעמיע פֿאַר אַ ישׂראל־שרײַבער גאַנץ, און באַשלאָסן — יחלוקו. געוויס וועט יעדער ערנסטער לייענער פֿאַרשטיין, אַז מיר האָבן דאָ אין גאַנצן אויסגעלאָזט דעם מאָמענט פֿון „אַ צווייטע האַלבע פּרעמיע". נעלי זאַקס האָט דעם פּרײַז באַ־קומען אין איר אייגענעם זכות און זי איז אפשר אויך געווען באַרעכטיקט אויף גאַנץ — אָבער צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

ב

פֿאַר דער ברייטער עפֿנטלעכקייט איז די עגנון־באַערונג געקומען אומדער־וואַרט, אָבער מאָדנע אומפֿאַרהאָפֿט איז געקומען די פֿריילעכע נײַעס — ווי דער באַריכט גיט איבער — אַפֿילו פֿאַר דעם פּריַיז־געווינער אַליין. מיט אומגלייב־לעכן ספֿק, מיט פֿאַרזיכטיקייט און כּמעט אָן פֿאַרטרויען האָט עגנון אויפֿגענומען די ידיעה. ער זוכט דערבײַ אַפֿילו אַ סימן אין הימל, ווײַל הײַנט, זאָגט ער, האָט ער געדאַווענט פּונקט ווי אַלע אַנדערע טעג און האָט ניט פֿאַרויסגעזאָגט אַז עפּעס גייט פּאַסירן. ווילן מיר זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין אצבע־אלהים־פּסיכאָ־לאָגיע, נאָר נאָך עפּעס זאָגט ער: אַז אפֿשר האָט עס עמעצער אויסגעטראַכט, כּדי צו מאַכן פֿון אים שפּאַס. ש. י. עגנון האָט דאָ, אין נאַיווקייט פֿאַרלייקנט זײַן אינטויִטיוון חוש, וואָס כּמעט יעדער גרויסער שרײַבער פֿאַרמאָגט אים. פֿון דער צווייטער זײַט איז אין דער דאָזיקער אימפּולסיווער רעאַקציע פֿאַראַן פּסיכאָלאָגישער שטאָף, וואָס וואַרפֿט אַ ליכט אויף דער סימפּאַטישער תּמימות־דיקער עגנון־געשטאַלט. בײַ דעם העברעיִש־יידישן שניאורן אָדער שלום אַשן, וואָלט אַזאַ רגע געווען אַ מקוים־געוואָרענער חלום און זיי וואָלטן עס אויפֿגע־נומען מיט זעלבסט־זיכערקייט, מיט צופֿרידנקייט, אַפֿילו מיט אַרויסשטעל און אָנשטעל, בײַ עגנונען איז דאָס בכּלל געווען אומגלויבלעך, אויפֿן באַשיידנסט־און נאַטירלעכסטן אופֿן: ער האָט פּשוט ניט געוואָלט גלייבן.

און ווען עגנון וויס שוין באַשײַמפּערלעך, אַז קיינער טרײַבט ניט מיט אים קאַטאָוועס, איז אַנשטאָט שפּרינגען פֿאַר שׂימחה, הייבט ער גאָר אָן מאַכן אַן אומעטיקן חשבון מיט זײַן העברעיִשער ישׂראל וואָס לייענט אים ניט און וויל אים ניט לייענען. און אויף עגנונס ליפּן קומט דער ווונטש, וואָס איז תּמיד גע־ווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ גלות־סגולה: אַז די ישׂראל־לייענער וועלן דער׳עגן אַז די גויים דערהייבן זײַן נאָמען, וועלן זיי אויך אָנהייבן אַרײַנקוקן אין זײַנע ווערק און אים לייענען. צוליב דעם לוינט זיך דער גאַנצער כּבֿוד, לויט זײַנע ווערטער, וואָס ער האָט אים קיין מאָל ניט געזוכט. און די יום־טובֿדיקע מינוטן ווערן אָנ־געפֿילט מיט וואָרעניש און מאָנעניש צו די ליטעראַטור־בויער־און־געניסער פֿון נײַעם ישׂראל.

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן אין אײַנגעהאַלטענעם גוטן טאָן, אָבער די עצבֿות און פֿאַרביטערטקייט איז אַרויסגעקראָכן ווי אָן אָל פֿון זאַק. און תּוך־כּדי־דיבור האָט נאָך עגנון אויסגעדריקט זײַן אומצופֿרידנקייט מיט דעם מצבֿ פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין ישׂראל. ער האָט באַדויערט, וואָס די אינ־טעליגענץ האָט זיך אָפּגעקערט פֿון העברעיִש און איז אַרײַנגעטאָן אין פֿרעמד־שפּראַכיקע ליטעראַטורן. ער האָט געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז דרײַ פֿערטל פֿון פֿאָלק לייענט ניט קיין העברעיִש, און ער האָט מיט טונקעלע פֿאַרבן געמאָלן די הײַנטיקע קולטור־לאַגע אין ישׂראל. עס איז געווען אַ וויגעשריי פֿון דעם אָנערקענטסטן שרײַבער אין ישׂראל — און שוין אויך בײַ די גויים. צי דער

מינאָרער רוף וועט אַפּהילכן מיט אַ צוריקרוף פֿון דער העברעיִשער לייענער־שאַפֿט וועט די צײַט ווײַזן, אָבער עגנונס פֿעסטשטעלונגען ווײַזן שוין, אַז די שותּפות פֿון העברעיִשן לייענער מיט זײַן ליטעראַטור איז גאָר ווײַט פֿון די נאָרמעס אויפֿצובויען אַ נײַע העברעיִשע קולטור. ווײַל נאָך אַלעמען: די ישׂ־ראל־ליטעראַטור קען זיך הײַנט נאָך ניט פֿאַרגינען דעם לוקסוס פֿון ניט גע־לייענט ווערן, ווײַל זי איז דאָך די קולטור־בויערין פֿון אַ חלוצישער ספרות אין עבֿרית. דער צער פֿון עגנונען איז געווען אַזוי אויפֿריכטיק, און זײַן זאָרג אַזוי גרויס, אַז דאָס האָט געמאַכט די העברעיִשע קולטור־עליטע איבערטראַכטן זײַנע רייד בכּבֿוד־ראָש.

די אַ ערשטע רעאַקציע פֿון געפּרײַזטן שרײַבער פֿאַרצייכענען מיר, כּדי צו רעקאָרדירן די שטימונגען בײַם ערשטן נאָבעל־פּרעמירטן און זײַן פֿאָלק, ווי ער אַליין האָט זיי אַרויסגעבראַכט בקול רם. אַוודאי איז עס ווײַט פֿון מאַכן אַנאַלאָגיעס מיט אונדזער ייִדיש־מצבֿ (הלוואַי האָלטן מיר בײַ אַ.אַ ווייגעשריי), אָבער עס איז אַ סימן אַז עס איז ניט פֿאַראַן קיין יום־טובֿ אויך אין האַרצן פֿון אַ.אַ העברעיִשן באַרימטן שרײַבער ווי עגנון.

אפשר איז עס אויך איינע פֿון די סיבות פֿאַר וואָס עגנון האָט ניט פֿאַרגעפֿילט די פֿרייד פֿון ווערן דער ערשטער נאָבעלפּרײַז־טרעגער אין ישׂראל, וואָס האָט אים שוין אויך געגעבן אַ געלעגנהייט זיך אַראָפּצורײדן פֿון האַרצן.

ג

שמואל־יוסף עגנון גייט שוין פֿאַר מער ווי אַ יובֿל יאָרן אויף דעם זעלבן ברייטן און גראַדן וועג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. עס איז דער וועג וואָס האָט געפֿירט אַרויף — ביז דעם קלימאַקס פֿון זײַן הײַנט גרעסטער אָנער־קענונג. ער האָט אויסגעשליפֿן אין דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור אַן אייגענעם עגנון־סיגנון. ער האָט די ייִדישעווירקלעכקייט פֿון די לעצטע דורות אויסגעפֿלאָכטן אין מעשׂיות — און געטאָן האָט ער דאָס מיט די געווירציק־שמע־קעדיקע ווערטער פֿון אַגדה און מדרש, וואָס פֿאַרשיכּורן ווי האַרבער שטאַר־קער ווײַן. ער האָט פֿון די פֿאַרשיידענע אַלטע קוואַלן אָנגעשעפּט אַ שפֿע פֿון לשון־אוצרות, וואָס ער האָט מיט פֿײַנפֿילעוודיקער דינקייט צונויפֿגעשמאָלצן און פֿון זיי באַשאַפֿן דעם סינטעז פֿון אַן אייגנאַרטיק וווּנדערלעכן נוסח. ער האָט אין די העברעיִשע ווערטער אַרײַנגעהויכט זײַן קינסטלערישן אָטעם. זיי באַלעבט און איבערגעגאָסן אין אייגענע פֿורעמס, אַזוי אַז גאַנצע קאַפּיטלעך פֿון זײַנע ווערק לייענען זיך ווי פּרקים פֿון אַן אַלט־נײַעם תּנ״ך, צי גאָר ווי תּפֿילות.

שוין בײַ זײַן בראשית איז ער געוואָרן דער מכשף פֿון אַן אייגן לשון פֿון כּמעט פּלאַסטישער שפּירעוודיקייט. ניט איין מאָל בלײַבן מיר פֿאַרגאַפֿט פֿון די עגנונישע ווערטער וואָס מאַכן גרויס דעם אינהאַלט. וואָלט דער זעלבער סיפּור־המעשׂה דערציילט געוואָרן אין געוויינלעכן מאָדערנעם העברעיִש, וואָלט עס

אַרויסגעקומען בלויז עפּיזאָדיש און אַנעמיש. דאָס העברעיִשע לשון פון עגנונען איז ווי לעבעדיק בלוט אין די אָדערן פון זײַן סיפּור. זײַן לשון איז אַן אַלטנײַ־וואונדער, וואָס ער האָט אַרויסגעצויבערט פון די אַלטע מקורות — ס׳איז פּלא־לשון!

ש״י עגנון איז דער שעפערישער נס פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור. אָבער די וואָרצלען פון דעם נס שטעקן גאָר ווײַט פון ישראל, אין סאַמע בוטשאַטש, אין פאַלקישן באָדן פון דעם חסידיש־גאַליציאַנער שטעטל. יענע ייִדישע היימען, וואָס האָבן געקענט פּראָדוצירן אַזאַ ליטעראַרישע אַנטפּלעקונג ווי עגנון, זענען שוין לאַנג אָפּגעמעקט פון פּנים פון דער ערד. שמואל־יוסף עגנון איז אַ פּראָדוקט פון דעם טײַערן ייִדיש־היימישן גרויסן און לאַנגן גלות, פּונקט ווי פיזיש איז ער דער נעכטיקער, און דורותדיקער, שמואל־יוסף טשאַטשקעס.

ס׳איז דער וועג וואָס ציט זיך פון בוטשאַטש ביז ירושלים, פון שטעטלשע חסידים, רביים און זייערע וואונדערס ביז דער חלוצישער צווייטער עליה, און ביז דער הײַנטיקער ישראל בכלל. עס איז די גרויסע עפּאָפּעע פון ייִדישן לעבן פאַר די לעצטע 3 דורות. עס איז אומקום און אויפקום, גאַנג צו קרעמאַטאָריעס און ווידערשטאַנד, חלוציזם און אַרבעט, תּליות און אומאָפּהענגיקייט, אין וואַרשע און ישראל — עס איז דער גורל־וועג פון ייִדישן פאָלק.

ד

אויף דעם גורל־וועג האָבן זיך איצט צונויפגעטראָפן די צוויי — נעלי זאַקס און ש. י. עגנון. ער שרײַבט וועגן דער ייִדישער וועלט פון נעכטן, דאָס ייִדיש אויסטערלישע לעבן, וואָס דער חורבן האָט אים אַזוי טראַגיש איבערגעריסן. זי הייבט אָן פון אָפּגעהאַקטן לעבן פון אָקערשטיקן נעכטן, און מיט אירע דײַטשע פערזן שמידט זי אַרײַן דעם רינג פון ייִדישער גורל־שותּפות. עגנון האָט ניט פאַרוואָרפן דעם נעכטן, נאָר ער גייט אים נאָך מיט דער נאָסטאַלגיע פון אַ קינסטלער, ער כאַפּט אויף זײַן ייִדישן ניגון און גיט אים אַ תּיקון. די דיכטערין זאַקס שפּילט די טרויער־מעלאָדעס פון חורבן אויף דער זעלבער ייִדישער סטרונע. צוזאַמען איז עס טאַקע איין גרויסע סימפאָניע, אָבער די כלים זענען פאַרט גאָר אַנדערש — צוויי באַזונדערע קינסטלער־אינסטרומענטן.

נעלי זאַקס׳ ייִדישע סטרונע ציטערט אויף אַ פרעמדער לירע — עס איז דער שפּראַך־מעדיום פון יענץ פאָלק, וואָס האָט מיט די זעלבע קלאַנגען אויסגעשפּילט די מאָרד־קאָמפּאָזיציעס איבערן ייִדישן פאָלק. און ווילנדיק־ניט־ווילנדיק קומט אויף די עקבערדיקע פראַגע: צוליב וואָס האָט די דעמאָקראַטישע און אַוודאי סימפּאַטישע שוועדישע קונסט־אַקאַדעמיע געהאַט נייטיק צונויפצופאָרן די שפּראַך פון אָריגינעלן לא תּרצח מיט דער שפּראַך פון ציקלאָן־גאַז — ווי געשיקט זיך עס אַז די פײַנפילעוודיקע אַקאַדעמיע האָט עס פאַרזען! ווי אַזוי איז עס גאָר מיגלעך?

אפשר איז לשון, לויט זיי, ניט מער ווי אַ טעכנישער מיטל צום שאַפן,

עלעהיי אַ מאַשין צום שרײַבן. אַפּילו אונדזעריקע טוען שוין הײַנט אָן אַ ווײַס מענטעלע אויף דײַטש: די שפּראַך פון געטע און שיללער און ווי דער פּיזמון גייט דאָרט.

און אַוודאי איז דאָ נעלי זאַקס לחלוטין ריין פון זינד. זי שרײַבט לויטערע קינות, אין דײַטש, פון חורבן פון ייִדישן פאָלק. אויך אין דײַטש, איר גאַטיר־לעך לשון, ציטערט איר ייִדיש האַרץ מיט ווײ און ווייטיק. אין דײַטש מאָנט זי אויף בײַ דער וועלט דעם צער און טרער און טרויער פון ייִדישן מענטש.

נעלי זאַקס איז אַ ייִדישע וועלט. די וועלט פון שײנגײַסט, וואָס איר נאָמען איז אײראָפּעיִשע קולטור. די ייִדישע קאַטאַסטראָפע האָט אָבער צעשמעטערט די ראָזע חלומות פון דער דײַטש־ייִדישער וועלט, וואָס האָט זיך אויסגעגניכטערט און מיט איין מאָל געוואָרן ייִד־באַוווסט. די דאָזיקע ייִד־באַוווסטקייט איז דער קוואַל וואָס נערט די קלאָג לידער פון נעלי זאַקס — די מיט־געווינערין פון נאָבעלפּרײַז. אין אירע דורכזיכטיק לירישע שורות האָט נעלי זאַקס אַרײַנ־געזונגען די פּײַנען און טויט־יסורים פון פאָלק ישׂראל. זי איז אפשר מער די געשטאַלטיקערין פון דאַנטעשן גיהנום־וועג פון איר פאָלק, ווי די קינסטלערין פון אַ נײַעם פערז אין דײַטשיש לשון.

אירע שורות זענען געוויס הייליקע פערזן. אָבער ניט געקוקט אויף דער אַקצעפּטירונג פון איר פּאָעזיע, אין דײַטש, איז דאָך מאָדנע־אומפאַרשטענדיק די שפּראַך־שותּפות: עבֿרית־דײַטש! צוליב וואָס אַזאַ לשון קאָ־עקסיסטענץ?

אפשר דאַרף מען ניט פרעגן אַזעלכע קשיות אין אַ יאָר פון פרײַנדשאַפט דײַטשלאַנד־ישׂראל; אין אַ יאָר פון דײַטש־ייִדישע דיאַלאָגן; אין אַ יאָר פון דיפּלאָמאַטישע צוזאַמענטרעפן און פון פונאַנדערטרײַבן אין ירושלים אַן אַנטי־אַדענאַוער דעמאָנסטראַציע פון געוועזענע נאַצי־פאַרפאָלגטע מיט פּאָליציייִשע שטעקנס. טאַקע, צוליב וואָס זײַן ברוגז אויף דער שפּראַך, וואָס איר אַמבאַסאַדאָר איז הײַנט אַקרעדיטירט בײַ דער ישׂראל־רעגירונג? ווו איז פּאָליטישע לאָגיק?

ה

ס'איז שוין מער פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז די קייזערלעכע שוועדישע קונסט־אַקאַדעמיע אין אירע באַשלוסן וועגן נאָבעלפּרײַז פאַר ליטעראַטור, קאַלקו־לירט ניט איין מאָל אײַן די פּאָליטישע מאָמענטן וואָס זענען נייטיק צום שפּיל. אַ מאָל ווערט די מאָטיווירונג צוגעגנייט צו דער דערקלערונג מיט דיגע ניט קענטיקע שטעך, און אַ מאָל — מיט גראָבע פּאַסטריגעס. די שפּראַך איז הײַנ־טיקס מאָל ווי ניט דערמאָנט געוואָרן, נאָר מ'האָט אַזוי פײַן און איידל גערעדט וועגן ייִדישער טעמאַטיק. אויף אַזאַ אופן האָט די „פרומע" אַקאַדעמיע געפונען אַ גליקלעכן שאַנס ווי צו ניוועלירן די פּראָבלעם פון דער צוויי־שפּראַכיקער שותּפות. אַדרבא, זאָל די וועלט זען ווי יושרדיק און ערלעך און אָן פּאַראורטיילן דער נאָבעלפּרײַז־קאָמיטעט „פּאַרט" ריינע קונסט.

עס איז דאָך אַ ייִדישע טעמע — און טאַקע ווי אַזאַ מעג עס אונדז וויי טאָן. מיר האָבן אַ סך טענות און גענוג פּראָגעס צו דער דאָזיקער „אָביעקטיווער" נאָבעלפּרײַז־קאָמיסיע. אירע ייִדישע קריטעריעס ביז הײַנט וואָרפן אַ גענוג דיקן שאָטן אויף איר צוגאַנג צו אונדזער זאַך.

אין די לעצטע פֿיר צענדלינג יאָר איז אין דער גאָרער ייִדישער וועלט, און אין ישׂראל אויסגעוואַקסן אַ קאָלאָסאַל הויכווערטיקע ליטעראַטור אויף צוויי שפּראַכן. ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז מ'האָט אָפּגעקלאַפּט די שוועלן פֿון דער דערמאָנטער אַקאַדעמיע, הן דורך פּערזענלעכער שתּדלנות והן דורך געזעל־שאַפֿטלעכער אינטערווענץ, וועגן אַ נאָבעלפּרײַז. אָבער די פּאָליטישע קאָניונק־טור פֿון דער אַקאַדעמיע איז נאָך ניט געווען רײַף פֿאַר דער ייִדישער טעמע, הגם אין דער ייִדישער ליטעראַטור זענען שוין געשווומען אויסגעוואַקסענע לוויתנס, וואָס ניט ווילנדיק האָט מען זיי געמוזט באַמערקן. מ'האָט דאָך ממש געטײַטלט אויף זיי מיט די פֿינגער, נאָר די אַקאַדעמיקער האָבן דעם גאַנצן ענין איגנאָרירט. צו ערשט האָט „עמעצער" געפֿונען דעם תּירוץ, אַז דעם פּרײַז גיט מען פֿאַר אַ שרײַבער פֿון אַ לאַנד וואָס שרײַבט אויך אין לשון־המדינה. מ'האָט זיך אויך געטרייסט, אַז גרויסע וועלטמײַסטערס, ווי לעוו טאָלסטאָי א"אַ פֿון זײַן קאַלי־בער, האָבן אויך דעם נאָבעלפּרײַז ניט געקראָגן, איז דאָך צרת רבים חצי נחמה. אָבער דאָס אַלץ שטרײַכט אָן איבעריק מאָל אונטער, אַז די פּאָליטישע מאַכי־נאַציעס זענען אַ הויפּטפֿאַקטאָר בײַם באַשטימען דעם געווינער. דער אויפֿקו־מענדיקער נאַציאָנאַליזם אין יענע יאָרן, איבער הויפּט דער נאַציזם אין דײַטש־לאַנד, איז ניט געווען קיין גינציקער פֿאַקטאָר פֿאַר אַ ייִדישער טעמע. ערשט 20 יאָר נאָכן חורבן האָט די העברעיִשע ליטעראַטור זוכה געווען צום נאָבעלפּרײַז.

ו

איצט די לאָגישע און ביטערע פֿראַגע פֿון אַ ריין שפּראַכלעכן קאָמפּלעקס: ווו איז געבליבן אין דעם גאַנצן געמאַך די ליטעראַטור אין ייִדיש לשון? צי וואָלט ניט געווען די העכסטע צײַט און דער הייליקסטער יושר אונטערצוטראָגן דער ייִדישער ליטעראַטור דעם פֿאַרדינטן כּבֿוד פֿון אַזאַ פּרעמיע — און טאַקע אויף דער ייִדישער טעמע — וועגן גרויסן חורבן. ס'וואָלט אויף אַזאַ אופֿן אונ־טערגעשטראָכן געוואָרן די רעהאַביליטאַציע פֿון אַ לשון, אין וועלכן די קדושים האָבן אויסגעכאָרכלט זייער לעצטן ייִדיש־מורמל — און ניט אין דער שפּראַך פֿון די פֿינצטערע פּענצטער־צוקוקער אויף די דעכער פֿון די ציקלאָנישע מאָרד־פֿאַבריקן. (דאָס האָט אַבסאָלוט ניט צו טאָן מיט נעלי זאַקס' פּאָעזיע!).

די ייִדישע ליטעראַטור און אירע פֿענמענטשן וועלן זײַן די לעצטע צו אונ־טערשאַצן די פּאָעטישע קראַפֿט און פּערפֿעקציע פֿון נעלי זאַקס' שאַפֿערישקייט און איר באַרעכטיקונג פֿאַר דעם נאָבעלפּרײַז. אָבער אויך זי האָט עס געדאַרפֿט באַקומען, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אין גאַנצן, און פֿאַר אירע אייגנאַרטיקע

שעפערישע דערגרייכונגען. זי מעסט אין ריטמישן מעטער דעם גרויל און גורל פון איר פאָלק, און אירע שורות זענען וויזיעס פון גיהנום אין דער תקופה פון אַ מאָנסטעריש־בלוטיקער דייטשלאַנד. זי איז איינע פון דער געראַטעוועטער שארית־הפליטה און אין אירע דראַמעס און לידער שפיגלען זיך די טיף־איינגעשניטענע וווּנדן אין גוף און נשמה פון דעם יידישן לעבן־געבליבענעם קרבן. און ווי ווייט זי זאָל איר ליריש וואָרט ניט מאַכן געדעמפט, איז ער נאָך אַלץ אַ געשריי־איבערוף מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט. אירע שורות זענען ברייקער ווייטיק פון דייטשישע ווערטער אויף דעם חורבן פון יידישן פאָלק — און ווי אַזאַ האָט זי כּשר פאַרדינט איר חלק באַערונג.

אָבער — פון דער צווייטער זייט — איז דער נאָטירלעכסטער שפּראַך־שותּף פון העברעיִש, די שפּראַך פון אומגעבראַכטן מיזרח־איראָפּעיִשן יידנטום, וואָס איז לחלוטין פאַרגעסן געוואָרן פון די נאָבעלע שוועדישע אַקאַדעמיקער. או די גאַנצע וועלט און מיר אַליין וואָלטן אַזאַ זשעסט אויפגענומען מיט באַפרידיקונג און שׂימחה. און גראָד זענען פאַראַן יידישע דיכטער, וואָס זענען אַליין געווען „צווישן די פאַלנדיקע ווענט" און זייער פאָעטישע קראַפט איז נאָך אי־בערגענוג צו אַזאַ פאַרמעסט. חוץ זייערע אייגענע איבערלעבונגען איז זייער ליריק פון אַזעלכע קוואַליפיקאַציעס, וואָס קיין בעסערן קאַנדידאַט, דאַכט אונדז, וואָלט די נאָבעלפּריז־צוטיילער זיך ניט געקענט ווינטשן. און אויב זיי ווילן טאַקע קאָמפּענסירן די יידישע טעמע — און מיינען עס אויפריכטיק — וועלן זיי זיך נאָך מוזן אַרומקוקן פאַר אַ קאַנדידאַט פון דער יידישער ליטעראַטור.

די פּאָליטישע ניוועלירונג האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין נאָבעל־ליטעראַטור־פּרייז 1966, איז אויסגעלאָזט געוואָרן דער נאָטירלעכסטער גורל־שותּף פון העברעיִש — דאָס יידישע לשון. דאַרף דעריבער די יידישע ליטעראַטור ווייטער אָנהאַלטן איר קאַמף פאַר אָנערקענונג, ווייל די דערגרייכטע שעפערישע קוואַליטעטן שטייען ניט נידעריקער פון פיל נאָבעלפּרייז־געווינער פאַר ליטעראַטור אין אַנדערע שפּראַכן, אויב ניט העכער.

בלית־ברירה מוזן מיר וואַרטן — און די יידישע ליטעראַטור וועט מוזן דערזען ווערן.

דרום־אַפריקע, 1966.

- ש״י עגנון און נעלי זאַקס: דרום־אַפריקע, 1966.
- שמואל־יוסף עגנון: דרום־אַפריקע, 1970.

# יעקבֿ עמית (גאָטליב)

דײַן פּאָרטרעט, יעקבֿ,
ווי איך זע אים —
מײַן חבֿרישע מתּנה צו דיר און ברײַנקען.

## א

דער יעקבֿ־אימאַזש, היגטערן פּאַסאַד פֿון בלויזן נאָמען, איז דער קערן און תּמצית פֿון אַ תּקופֿה וואָס שטראַלט מיט בלענדיק ליכט דורך זײַן געשטאַלט. די תּקופֿה ציט זיך פֿון אָנהייב די 20ער יאָרן, ווען די נאַציאָנאַלע בלענדיקע עפּאָפּעע פֿון דער ייִדישער ליטע האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט. און יעקבֿ איז געווען פֿון די בעסטע אַרכיטעקטן, וואָס האָבן געבויט און פּאַרפֿעקטיקט די דאָזיקע תּקופֿה. מיט זעלטענער התמדה האָט ער אויפֿגעכאָוועט איינעם פֿון די וווּנדערלעכסטע און פּרוכטיקסטע צווײַגן פֿון דעם ייִדישן ליטעדעמב — איר יוגנט, וואָס האָט געשלאָגן געזונטע וואָרצלען אין דעמאָלט זאַפֿטיקן נאַציאָנאַלן באָדן. הײַנט, אין רעטראָספּעקטיוו פֿון מער ווי אַ יובֿל יאָרן, זע איך זײַן אויסנעמיקע פּערזענלעכקייט בולטער, און קלאָרער זײַנע דערגרייכונגען. זײַנע מעשׂים רעפֿלעקטירן אַריבער פֿון יענער שטעטלדיקער אָרעמקייט צו אונדזער הײַנט מיט דער גבֿורה און פּאָרמעסט פֿון איינעם, וואָס איז געגאַנגען מיט דער מחנה יוגנט און זי געבראַכט צום ציל. מיטן כּישוף פֿון זײַן נאָמען האָט ער זי געפֿירט. ס׳דערמאָנט זיך נאָך הײַנט, מיט וויפֿל קלאַנגגאָמעס און ניואַנסן דער נאָמען, יעקבֿ, האָט געפֿלאַטערט אויף די ליפּן פֿון ייִדישע קינדער — פֿון יונגן שולעלטער ביז אוניווערסיטעט־סטודענטן. עס איז געווען דערפֿאַר, ווײַל די באַוועגונג האָט גלײַך דערזען אַ גרייטן און רײַפֿן מאַן וואָס גייט פֿאָרויס, און זײַן נאָמען האָט זיך צעטראָגן איבערן פֿלאַכלאַנד פֿון דער אומעטיק־גרויער ליטע און אָפּגעהילכט אַרויסרופֿעריש, ווי אַ פּאַראָל: השומר הצעיר!

און די באַוועגונג איז זיך אויף חידושים צעוואַקסן, און דער נאָמען יעקבֿ מיט איר. ניט נאָר אין מועדונים, קבֿוצות, קנים האָט דער נאָמען געקלונגען, נאָר אַפֿילו אין שטעטלשע הימען האָבן טאַטע־מאַמע געקענט דעם נאָמען, וואָס באַצויבערט זייערע קינדער און ווערט דרײַזילביק אַרויסגערעדט. דווקא אין חבֿרה ספֿרדית. אַזוי איז יעקבֿ געוואָרן דער סינאָנים פֿאַר אידעאַליסטישער חלוציות, אין איר ריינסטער פֿאָרעם. זעלטן ווען, חוץ אין פֿאָרמעלע ענינים, האָט מען צוגעגעבן דעם פֿאַמיליע־נאָמען: גאָטליב. נאָך דעם, ביסלעכווײַז, האָט יעקבֿ אָנגעהויבן זיך באַווײַזן אין די שטעטלעך, קומען אויף ביקורים צו די

„השומר הצעיר"־אָרגאַניזאַציעס. זײַן פּאָפּולערער נאָמען האָט אים געמאַכט אַ וואָרע, און דער יום־טובֿ איז געווען גרויס און פֿײַערלעך, ווען און ווו ער איז נאָר געקומען. מיט פֿאַראַדן און ציטעריקער פֿרייד האָט מען אים אָפּגעוואַרט (דעם יונגן ענטוזיאַזם פֿרווו איך שילדערן אין דער פּאָעמע השומר הצעיר, אין מײַן בוך אַ וואָלקן און אַ וועג).

די גאַנצע פּיל־טויזנט קעפּיקע יוגנט־באַוועגונג איז געשטאַנען באַוווסט־זיניק, שטאָלץ און דיסציפּלינירט צו זײַן וואָרט, צו זײַן פּקודה. דאָס איז געווען דער כּוח פֿון דער דערציִערישער אויטאָריטעט און מאָראַלישער השפּעה, וואָס דער יונגער שלאַנקער בחור האָט אויסגעווירקט אויף דער תּנועה. אין דעם זינען איז ער געווען אַן אוניקום, מיט אומפֿאַרגלײַכלעך ברייטערע און טיפֿערע דימענסיעס פֿון אינטעלעקט און פֿירערשאַפֿט־סגולות, ווי די דעמאָלטיקע ציוניסטישע יוגנט־מנהיגים אין ליטע. איז די באַוועגונג געוואָרן אַ שם־דבֿר אויף דער יִדישער גאַס. מיט איר אינטעליגענץ און נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן, מיט איר חלוציזם און שיינעם הומאַניזם. דאָס איז געווען אַ דאַנק יעקבֿס אייפֿער און מסירות, און ניט ווייניקער — אַ דאַנק דער גײַסטיקער וואַכזאַמקייט און פּאָזיטיוויזם וואָס ער האָט אַרײַנגעשטראָמט אין איר. מיט זײַן דינאַמיזם האָט ער אָנגעשפּאַנט די באַוועגונג: הונדערטער האָבן געלייענט, געלערנט, געזוכט און געפֿאָרשט אין די קוואַלן פֿון וויסן, אַנאַליזירט יִדישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, זיי געפּרוווט פֿאַרשטיין און פֿאַרענטפֿערן.

ב

יעקבֿן האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, דאַכט מיר, אין 1924, ווען כ'בין מיט אַ גרופּע שולקינדער און לערער געקומען צו דער לאַנדווירטשאַפֿט־לעכער אויסשטעלונג, אין קאָוונע. ניט שייך צו זאָגן, אַז אַרײַנפֿאָלן פֿון מײַן קליינער שטעטל קיידאַן אין דעם רוישיק־צעכוואַליעטן מענטשנשטראָם פֿון דער גרויסשטאָט אין אַזאַ צײַט, איז פֿאַר אונדז, קינדער, געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש. אָבער איין זאַך איז אונדז, די יינגלעך און מיידלעך מיט די גרינגע סקויטסקע בלוזקעס און העלבלויע האָלדזטיכער, אויף אַ רגע ניט אַרויס פֿון געדאַנק: אין אָוונט קומט פֿאַר אַ פּגישה פֿון אַלע פּראָווינץ־שטעטלעך מיט יעקבֿן. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין ד״ר לעמאַנס יִדישער קינדערהיים, ווו יעקבֿ איז געווען אַ לערער. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז די אַלע פּאַוויליאָנען מיט מאַשינעס, פֿערד און קי, ווו מ'האָט אונדז אַרומגעפֿירט און דערציילט וועגן דעם אַלעם, האָט אונדז שוין ניט אינטערעסירט. אין געדאַנק האָבן מיר שוין אויסגעפֿאַנטאַזירט די אויסגעחלומטע אַטראַקציע דעם הײַנטיקן אָוונט, וואָס האָט זיך פֿאַרהיט אין זכּרון און פֿאַרגעדענקט ביז איצט, ווען איך שרײַב די שורות: מיר זענען געזעסן אין אַ ברייטן ליכט־פֿאַרפֿלייצטן זאַל, אַ קרײַז אין אַ קרײַז. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ פּקודה: דום! און אַלע קרײַזן האָבן זיך אַ שטעל

געטאָן, ווי צוזאַמענגעשמידטע קינדער־רינגען. פון אַ זײַטיקער טיר האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַ דינער שלאַנקער בחור, מיט ברילן און אַ ברייטע בלויע טוך, מיט אַ ווײַסן באַנד אַרומגעצוימט, אַרום האַלדז. אַ רגע איז ער געבליבן שטיין אַנטקעגן די לעבעדיק־אײַנגעפרוירענע קרײַזן און ערנסט באַטראַכט זײַן „אַר־מיי", און ניט אָן שטאָלץ האָט פעסט אַ קלוגג געטאָן זײַן באַגריסונג: חזק! און דעם זאַל האָט פאַרהילכט אַ מונטערער צוריקקלאַנג פון צענדלינגער קינ־דערשע שטימען: חזק ואמץ!

נאָך דעם האָט יעקבֿ גערעדט. זײַן קול איז געווען ווייך און, אין דער טיפער שטילקייט, לאַשטשענדיק פאַרן אויער. נאָכן הימען האָט זיך פונאַנדערגעוויגט אַ געזאַנג פון צופים־לידער. אין קינדישע אויגן האָבן בליצלעך פון פרייד גע־שימערט. טאַלאַנטירטע קינדער האָבן געזונגען סאָלאָס, דעקלאַמירט, געשפּילט, און איבער דעם אימפּראָוויזירטן יום־טובֿ האָט יעקבֿס געשטאַלט דאָמינירט. זײַן נאָענטקייט, זײַן מיטלאַכן און מיטאָפּלאָדירן האָט צעוואַרעמט די שטימונג. ביז הײַנט טראָג איך נאָך אין האַרצן יענע עכאָ־קלאַנגען, כ׳זע נאָך דעם שײַנענ־דיקן דיל וואָס דרייט זיך אין רעדער אונטער די טופּנדיקע פיס, בעתן הוירא־טאַנץ. און איבער אַלעם זע איך יעקבֿן, וואָס איז אין מײַן זכרון מיט דער יונג־שאַפט פון אָט דער ערשטער באַגעגעניש געבליבן פאַרקריצט. און אויב אַפילו כ׳האָב יאָרן שפּעטער ווידערשפּעניקט אין זײַנע וועגן, האָט זיך אָבער אין מײַן געדענקען אויפגעהיט די ריינקייט פון זײַן געשטאַלט. און אין די שווערסטע רגעס פון נסיון האָב איך געפירט מיט דעם אומזעיִקן יעקבֿן דעם אַלטן דיאַלאָג, זיך מודה געווען אויף פעלערן און זיך געפּרוּווט רעכטפאַרטיקן. — —

דאָס איז געווען דער כּוח פון יעקבֿס פּערזענלעכקייט, וואָס זײַן געשטאַלט איז כּמו־אָרגאַניש אַרײַנגעוואַקסן און צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער באַוועגונג. און איך בין אַוודאי ניט דער איינציקער, וואָס אים געדענקען זיך נאָך די נאָסטאַלגיי־שע מאָמענטן: ביקורים פון יעקבֿן אין קן און טיולים, אויף הכשרה, כּינוסים, וועידות — תּמיד האָט ער געבראַכט אַ וואָרט, ווי אַ פונק וואָס צינדט אָן דעם גלויבן אין האַרצן. און עס איז ניט געווען בלויז די אײַנגעבוירענע סגולות פון אַ דערציִער און מנהיג, נאָר נאָך מער דער אייגענער טיפער באַוווסטזײַן און אמונה אין די אידעאַלן, וואָס האָט געוועקט צוטרוי און רעספּעקט צו אים און געהאָלפן פעסטער צוזאַמענקניפּן די פעדעם פון אמתער ליבשאַפט. און אונטער דער סופרימער פירערשאַפט פון יעקבֿן האָבן די יונגע שומרים צעטראָגן איבער די פּליינען פון ליטעלאַנד די געבאָטן פון בויענדיקן חלוציזם. יעקבֿ איז פאַר זיי געווען דער וועגווײַזער פון דור.

ג

דער פּעריאָד וואָס יעקבֿ גאָטליב איז געשטאַנען בראָש פון דער השומר הצעיר־באַוועגונג — די 20ער יאָרן — איז געווען די הערלעכסטע, זוניקסטע און פּרוכטיקסטע ערע פון איר אויפשטײַג און פונאַנדערבלי. יעקבֿ האָט גע־

געבן די תּנועה ניט בלויז זײַנע בעסטע יאָרן, נאָר אויך דאָס שענסטע און בעסטע פון זײַן טאַלאַנט, אַן וועלכן ניט איז אײַגננוץ. זײַן פּערזענלעכע אַמביציע איז צונויפֿגעשמאָלצן געוואָרן מיטן אינטערעס פון דער באַוועגונג, און איר טובֿה איז געווען זײַן שׂכר. פּאַקטיש איז ער געווען איר קאָנסטרוקטאָר און אינסטרוקטאָר, אָבער זײַנע מעשׂים זענען געווען פיל מער ווי פּראַקטיש־אָרגאַניזאַטאָרישע — ער האָט אַרײַנגעאָטעמט אין איר זײַן פּאַטאָס פון אַ מאַמין און דאָס התלהבֿות פון איר אמת. אין דעם זכות איז השומר הצעיר אין ליטע געוואָרן ניט נאָר די גרעסטע און שטאַרקסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך די אינספּירירנדיקסטע, מיט איר חשיבֿות און אָנזען, וואָס האָט מיט אַ מאַגישער קראַפט געצויגן צו זיך די יוגנט. און ס'איז געווען ניט בלויז די יוגנט, וואָס איז געווען שטאָלץ צו זײַן אין אירע רייען, נאָר זי איז אויך געווען די באַוווּנדערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, און בפּרט פון די עלטערן וואָס האָבן געקליבן נחת פון זייער געראָטענעם נאָכוווּקס. מ'דאַרף אָבער צוגעבן, אַז מיט אים איז אויפגעוואַקסן און מיטגעאַרבעט אַ פּלעיאַדע יונגע פירערס, וואָס צוזאַמען זענען זיי געווען די וויטאַלע קראַפט פון דער באַוועגונג. אָבער דאָך איז יעקבֿ, אין זײַן קאַפּאַציטעט, ווי דער ראָש ההנהגה הראשית, — דער אָפיציעלער טיטל, — געווען די צענטראַלע אַקס און טרײַבקראַפט פון גאַנצן אַפּאַראַט. זײַן אויטאָריטעט איז געווען דער שטעמפּל, וואָס ער האָט אַרויפגעדריקט אויף דער תּנועה, און זײַן פּערזאָן אומפאַרבײַטנדיק. דאָס איז געווען די גלות־עפּאָכע פון יעקבֿס געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַשײַנט מיט דער גלאָריע פון יוגנט. ער איז געשטאַנען בײַ דעם וויגעלע פון דער באַוועגונג, און איר זעניט איז די קרוין פון זײַן ווערק. ביז דער לעצטער רגע פון זײַן ליטע־קאַריערע איז ער געשטאַנען אויף זײַן פּאָסטן, ווי אַ געטרײַער קאָמאַנדיר. און בײַ זײַן עולה זײַן, 1929, אין ערשט־אויפגעשטעלטן קיבוץ, אין אוהלים, אין בנימינה, האָט ער איבערגעלאָזן הינטער זיך אַן אײַנגעפונדעוועטע, געזונטע און וואַקסנדיקע תּנועה. צוריקבליקנדיק צו יענער ליטע־תּקופה ווערט קלאָר, אַז דער גורל האָט צוגעשפּילט דער השומר הצעיר־באַוועגונג, וואָס בײַ אירע ערשטע שריט איז יעקבֿ אויפגעקומען אויף איר האָריזאָנט. און ס'איז ניט געווען בלויז זײַנע דערציִעריש־פּעדאַגאָגישע פעיִקייטן, נאָר נאָך כּמה וכּמה אַנדערע מעלות־טובֿות וואָס האָבן אין אַ סינטעזירטן מאָדוס זיך קאָנצענטרירט אין זײַן אינטעלעקט. ס'וואָלט גענומען צו פיל אָרט זיי אַלע צו פאַרצייכענען, וועלן מיר אָנגעבן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע. ראשית: זײַן קולטור־ניוואָ וואָס האָט ווײַט איבערגעשטיגן דעם סטאַנדאַרד פון ייִדישן אינטעליגענט אין ליטע. און ווי אַ צוגאָב: זײַן כּשרון ווי אַ יוגנט־מנהיג און דער גײַסטיקער באַגאַזש פון זײַן אינטעלעקט. השנית: זײַן פּערפעקטע עבֿרית־קענטעניש א״אַ שפּראַכן. זײַן קלאָרע דיקציע און געשליפענער סטיל, ווי אַ רעדנער, וואָס האָט פּאָפּולער און דידאַקטיש געגעבן צו פאַרשטיין די תּנועה־טעמאַטיק, און די יוגנט האָט צוגעלייגט אַן אויער, ווען ער האָט אַרויסגעהויבן דעם קרעדאָ פון דער באַוועגונג. והשלישית: דאָס קענען אַנאַליזירן,

אין ליכט פון היסטאָרישער דיאַלעקטיק, די פּראָצעסן פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען: דער קאַמף פון פאָלק פאַר אַ היים, און פון מענטש — פאַר אַ גערעכטע פרייַע וועלט. און פערטנס: די הגשמה פון קיבוץ־דאָקטרין — ווערן אַ באַוווסטזיניקער חבֿר פון דער קאָמונע־געמיינשאַפט, מיט אַלע פליכטן און מיצוות וואָס דרינגען אַרויס פון דעם. חוץ דעם איז יעקבֿ געווען אַ מומחה אין אַנדערע קולטור־ און וויסנשאַפט־געביטן. כ׳דערמאָן זיך זייַן ציקל לעקציעס וועגן פּסיכאָלאָגיע און אירע שיטות: פרוידיזם און אַדלעריזם. ביז הייַנט געדענקען זיי זיך קלאָר און שאַרף.

ד

יעקבֿ איז אָנגעקומען אין קיבוץ, אין בנימינה, ניט סתּם ווי נאָך אַ חבֿר, נאָר ווי איינער וואָס האָט געבראַכט זייַן שילד, דערפאַרונג און טראַדיציע פון פּיִרערשאַפט, און נאָך מער — עקשנות און גייַסטיק־מאָראַלישן גלויבן אין דער קיבוץ־אידעע. ווי אין ליטע איז אויך דאָ זייַן פּערזענלעכקייט געוואָרן דער עמוד־התּווך, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די קליינע צאָל חבֿרים פון גרעין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1927. אין 1931 איז דער קיבוץ אַריבער אין פּתח־תּקווה, ווו די צאָל פּראָבלעמען פון קיום האָט געדריקט און באַשווערט דעם מאַרשרוט. און נאָך: אַ צאָל חבֿרים זענען פּלוצלינג אַרויסגעקומען מיט קריטיק און קעגנערשאַפט צום אידעאָלאָגישן וועג פון קיבוץ. יעקבֿ האָט מוטיק און אָן קאָמפּראָמיס די אָפּנייגערס באַקעמפט. ס׳איז פאַר אים געווען אַ ניט גרינגער נסיון, ווי איינער וואָס האָט געפירט אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע וואָס איז דיסציפּלינירט געגאַנגען אין זייַנע טריט, אָבער ער איז אַרויס מיט אַ נצחון. חוץ דעם אָנוואַר פון עטלעכע יחידים איז דער קיבוץ געבליבן גאַנץ און געאייניקט. דעם יונגן אָרגאַניזם האָט די „אָפּעראַציע" געשטאַרקט, און יעקבֿ איז ווידער געגאַנגען בראָש המחנה מיט פרישן בטחון אין דער אידעיִשער וויזיע פון דער באַוועגונג, מיט גלויבן אין איר נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אימפּעראַטיוו, און דער עיקר האָט געמונטערט די געטרייַשאַפט פון חבֿרים.

יעקבֿ איז באַלד אַרויס פון דער ענגער פאַרשלאָסנקייט צו ברייטערע האָריזאָנטן. ס׳איז געווען די יונגשאַפט און נייַקייט פון דער קיבוצישער תּנועה, וואָס האָט אים געגעבן אַ פאָרום, ווו ער האָט געקענט אויסלאָדן זייַן גייַסטיקע ענערגיע: לעקציעס, רעפעראַטן, אויפקלערונג פון תּוכן און פּראָגראַם פון ציוניזם, סאָציאַליזם וכולי. און יעקבֿ איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ פירנדיקע פיגור אין קיבוץ אַרצי און אַ מיטגליד פון זייַן עקזעקוטיווו. און ביַים אַריבערגיין פון פּתח־תּקווה צום קיבוץ אין בית־זרע, עמק הירדן, אין די מיטן 30ער יאָרן, האָט שוין יעקבֿ פאַרנומען אַ חשובֿע פּאָזיציע אין קיבוצישן לעבן. אין דער אַ צייַט, בערך, האָב איך פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיטן קיבוץ און במילא ניט געקענט נאָכפאָלגן זייער אַנטוויקלונג, בפרט יעקבֿס אויפשטייַג. פון צייַט צו צייַט פלעגן צו מיר דערגיין, אין ריגע און קאָוונע, ווו כ׳האָב זיך דעמאָלט געפונען, אומ־

קלאָרע גרוס; פֿון קיבוץ. אָבער די שיטערע גרויסן פֿלעגן בלויז וועקן בענקשאַפֿטן און געדענקשאַפֿטן, וואָס איך האָב מיטגענומען פֿון מײַן לאַנגן עבֿר אין דער באַוועגונג אויף מײַן נײַעם גורל־וועג. שפּעטער, אויפֿן ראַנד פֿון אומקום, פֿלעג איך מיט אַ נאָסטאַלגישן הונגער (אין קלעם פֿון פֿיזישן הונגער) אַרויסרופֿן, ווי מעדיומס, די געשטאַלטן און פּנימער פֿון די גוטע צײַטן — די צײַטן פֿון דער באַוועגונג. כ׳פֿלעג, ווי אין חלום, הערן די חוזק־באַגריסונג פֿון יעקבֿן, זיך דערמאָנען זײַנע רייד און זיך מודה זײַן בלבֿ שבֿור אין זייער אמת. ס׳איז געווען אַזאַ מין נשמה־פּראָפֿילאַקטיק, וואָס האָט געקרעפּטיקט און ניט געלאָזט וועגעטירן. דאָס איז געווען און איז דער געזונטער קערן און דער כּישופֿדיקער סענטימענט, וואָס האָט געצויגן און ציט נאָך אַלץ צו יענער ליכטיקער יוגנט־באַוועגונג און צום העראָישן בראשית פֿון יענעם קיבוץ, וואָס יעקבֿ האָט זיי פֿאַרפֿלאַנצט ווי גרינע צווײַגלעך, און מיט זײַן מסירות און אונטער זײַן השגחה זענען זיי אויסגעוואַקסן צו שטאַמיקע שפּעדיקע ביימער אין באָדן פֿון ישׂראל.

ה

1945. ביז דעם יאָר האָבן אַ סך וואַסערן און ניט ווייניק ייִדיש בלוט אָפּגעלאָפֿן אין דער אַלטער ווילנער און קאָוונער ווילִיע. גלײַך נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון דאַכאַו האָב איך, צו מײַן גרויסער פֿרייד, געטראָפֿן אין מינכן צוויי אַלטע חבֿרים פֿון דער באַוועגונג און פֿון קיבוץ: יהודה טובין און צמח בערגער ז״ל. זיי האָבן מיר צווישן אַ ים מיט אַנדערע נײַעס דערציילט, אַז יעקבֿ עמית איז רעדאַקטאָר פֿון על המשמר. די גרויסן האָבן אויפֿגעהײַטערט מײַן געמיט. האָב איך דאָס קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן און טראָג אין מײַן האַרץ אַ דאַנק, וואָס מיטן אָנהייבן באַקומען דעם „על המשמר" האָב איך באַקומען מײַן צוריק־געפֿונענע וועלט: ס׳האָבן זיך אַרויסגעטיילט טײַערע „פּנימער" פֿון חבֿרים, אומבאַקאַנטע און באַקאַנטע, וואָס דערציילן מיר זאַכן פֿון אינטערעס און האַלטן מיך כּסדר געשפּאַנט. בײַם קריגן די צײַטונג, פֿלעג איך קודם צופֿאַלן צום אַרטיקל פֿון יעקבֿ עמית. כ׳האָב גלײַך דערזען ווי זײַן אינטעלעקטועל־גײַסטיקער היקף איז אויסגעוואַקסן דורך די יאָרן צו אויסגעברייטערטע און געדאַנק־פֿאַרטיפֿטע דימענסיעס. אין פּובליציסטישע און פּראָגראַמאַטישע מאמרים האָט ער באַהאַנדלט אַקטועלע און אידעיִשע פּראָבלעמען, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קאָנצעפּציעס, פֿון וועלכע ס׳האָבן זיך אויסגעטיילט מיט אַ שאַרפֿן אַנאַליז און פֿעסטן יסוד די פּאָלעמישע מאמרים. כ׳פֿלעג זיך קוויקן מיט די מאמרים, פֿון וועלכע איך האָב אַ סך געלערנט. און נאָך אַ מעלה האָבן זײַנע אַרטיקלען געהאַט: אַ וווּנדערלעך אידיאָמאַטישער פֿליסיקער עבֿרית, וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציפֿישן ריטעם און געמאַכט דאָס לייענען ווי אַ גײַסטיקן געניוס. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער נײַגער און אינטערעס צו לייענען די אויסגעצייכנטע מאמרים פֿון אַזעלכע מנהיגים, ווי מאיר יערי, יעקבֿ חזן, אליעזר פּרי א״אַ איז געווען ניט ווייניקער, אָבער פֿאַר מיר

פּערזענלעך האָט זיך אָפּגעפּונען די „אַטראַקציע" אין יעקבֿ עמית. ס'איז געווען, נאָך מער ווי צען יאָר, אַ גײַסטיקער „צוזאַמענטרעף" דורך דעם מעדיום פֿון שורות, אין עבֿרית, וועלכע האָבן צעציטערט מײַן האַרץ.

ערשט אין פֿרילינג, 1949, האָב איך געהאַט די זכיה ווידער צו קומען אין לאַנד, וואָס איז געווען אַ פֿריש־שמעקעדיקע מדינת־ישׂראל. זײַן אין קיבוץ, טרעפֿן יעקבֿן, זײַן ברײַנקען און אַלע אַמאָליקע חבֿרים, איז געווען דאָס ערשטע צו טאָן, נאָכן אָנקום אויפֿן ישׂראל־באָדן.

## ו

צוריקקומענדיק פֿון ישׂראל קיין מינכן, ווו כ'האָב דעמאָלט געוווינט, האָב איך געדרוקט אין „דאָס וואָרט", זומער 1949, אַ סעריע אַרטיקלען וועגן מײַן ביקור, צווישן זיי 2 וועגן קיבוץ בית־זרע. וועל איך דאָ ניט ציטירן פֿון די אַרטיקלען, כּדי זיך ניט אַוועקצוגליטשן פֿון דער טעמע, נאָר עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שורות וועגן יעקבֿן און זײַן פֿרוי בעטן זיך מ'זאָל זיי דאָ ברענגען — און אָט: ..."פֿון ווײַטן זע איך יעקבֿן און דערקען אים גלײַך. כאָטש די בלאָנדע האָר זענען אין גאַנצן גרוי געוואָרן, איז אָבער דער פֿרײַנטלעכער שמייכל אויפֿן פּנים און די דורכדרינגנדיקע גאַבֿרילטע אויגן די זעלבע ווי געווען. געבליבן איז בלויז דער פֿאַמיליע־נאָמען: פֿון גאָטליב איז געוואָרן עמית, אָבער פֿאַר מיר איז ער נאָך אַלץ יעקבֿ: אַ פֿרײַנט און מענטש, וואָס האָט סימבאָליזירט אין די שענסטע יאָרן פֿון ייִדישער פֿאָלקס־דערוואַכונג אין ליטע, די מוסטערהאַפֿטע און אידעאַליסטיש־חלוצישע יוגנט־באַוועגונג. ברײַנקע, יעקבֿס פֿרוי, קומט צו מיטן זונעלע און מיר באַקענען זיך. דער זעלבער גוטמוטיקער, חנעוודיקער שמייכל ווי אַ מאָל. מיר דאַכט: נאָך די זעלבע ברײַנקע באַווילסקי" — — און פֿאַר אַ יאָרן, פֿרײַטיק דעם 1טן מײַ 1980, האָב איך ווידער שפּאַצירט מיט מײַנע אַמאָליקע קיבוץ־חבֿרים, אַבֿרהם און גיטע דרור (אַבֿרהם דרוקער און גיטעלע זאַלין), צום ליכט־פֿאַרפֿלייצטן און רוישיק־פֿריילעכן חדר־אוכל. דאָס איז אַ נײַער בנין־קאָמפּלעקס וואָס מ'קען פֿונאַנדעררוקן זײַנע ווענט און ער איז ביכולת אַרײַנצונעמען 100טער חבֿרים און געסט. יעקבֿ און ברײַנקע האָבן זיך צו דער שבתדיקער סעודה ניט געוויזן. אויף מאָרגן האָט מיר ווידער אַ פֿלאַטער געטאָן זייער שמייכל און מיר האָבן געמאַכט אַ קורצן שפּאַציר אין די קיבוצישע אַלייען. שפּעטער בין איך געזעסן מיט יעקבֿן און ברײַנקען אין זייער באַקוועם־רויִק דירהלע און פֿירגעלייענט מײַן פּאָעמע „השומר הצעיר", ווו יעקבֿ איז דער הויפּטהעלד... ווען זיי האָבן מיך באַגלייט צו מײַן „קוואַרטיר", בײַ די דרורס, האָט יעקבֿ, ווי אין פֿריִערדיקן שפּאַציר, פֿאַרזיכטיק געשטעלט די טריט און ברײַנקע האָט אים מיט געניטקייט געפֿירט. שוין יאָרן ווי די ראיה האָט בײַ אים זיך אָפּגעשוואַכט און ער איז געבליבן כּמעט אָן אויגן — איז זײַן חניכה און פֿרוי געוואָרן זײַנע אויגן, די מנהיגה פֿון מנהיג! און יעקבֿ האָט אָן

תּרעומות צום גורל און מיט אַ שמץ הומאָר געזאָגט: „אַתּה זוכר, דוד, היו עתּים... ועכשיו — עיני יעקבֿ כּהו". און בעתן שפּאַציר האָט ער די לעצטע דרײַ ווערטער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. בריינקעס ציטעריקע איבערגעגעבנ־קייט און ליבע, קענטיק, מאַכט ליכטיק יעקבֿס אינערלעכע וועלט. פּרעזערווירטע שעפערישע ענערגיע און מונטערקייט ברויזט אין זײַן וואַכן גײַסט.

*

ס'איז אַ לאַנגער און ווײַטער וועג פון יענעם בראשית, אין דער וואַרעם־היימישער ליטע, ביז דעם בית־זרע־קאָלעקטיוו אויף די ירדן־ברעגעס. אָבער פונעם פלאַכלאַנד פון ליטע ביז די פעלדער און סעדער פון באַנאַנעס און טייטל־ביימער אין בית־זרע איז דער וועג פון יעקבֿן אַ גראַדליניקער, אַ ריינער און ליכטיקער. און אַזוי האָט יעקבֿ עמית צוזאַמענגעשמידט זײַן אויסנעמיקע פער־זענלעכקייט און געשטאַלט מיט די רינגען פון זײַן באַוועגונג און קיבוץ־היים אין ישׂראל.

ישׂראל־שטימע — 28טן יולי און 25טן אויגוסט, 1981.

# אַ ייִד אויף גורל־וועגן

דעם גורל אַנטקעגן — רשימות פון אַ דאָקטאָר — פון ד״ר אַהרן פרץ (פּערציקאָוויץ). אַרויסגעגעבן אין יאָ־האַנעסבורג, 1952. 171 זז׳.

## א

ס׳ליגט פאַר אונדז אַ פריש בוך, מיט קלאָרן כתבֿ, אויף ליכטיקן פּאַפּיר, געשריבן וועגן די פינצטערע טעג און אימהדיקע גזר־יאָרן פאַר דעם ליטווישן ייִדנטום אין דער נאַצי־עפּאָכע.

אויף דער הילע, געצייכנט פון יאָסל בערגנער, דערפילן מיר אין די רוקנס פון די צוויי באַרוועסע קינדער, ניט זעענדיק דעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער, וואָס זענען געווענדט צום ליידיקן הינטערגרונט, אַז זיי גייען, מיטן וועג פון אַלע ייִדן, דעם אומבאַקאַנטן גורל אַנטקעגן. וועגן קינדער איז דער מענטשלעך־טראַגישסטער ווייגעשריי פון מחבר — אַליין אַ טאַטע וואָס וואַכט און פלאַטערט איבער זײַן קינד. וועגן גורל פון די קליינע אומבאַהאָלפן־אומשולדיקע ברעקלעך לעבן, וואָס ווערן אַוועקגעריסן פלאַנמעסיק און ברוטאַל צום אומרחמנותדיקן טויט, שרײַבט ער.

איז עס אַוודאי ניט קיין צופאַל, וואָס ד״ר פרץ, פון פּראָפעסיע אַ גינעקאָלאָג, הייבט אָן זײַן בוך בסימן של געבורט. אָבער דעם זעלבן פרימאָרגן פאַר־שיט דער טײַוול ליטע מיט באָמבעס, און דאָס נײַ־געבוירן ייִדיש קינד, ווי אַלע ייִדן, גייט אַוועק זײַן גורל אַנטקעגן. די שילדערונגען פון קינדישן עלנט, און דאָס קינדישע טיף־אינסטינקטיווע פאַרויספילן דעם אומגליק, דעם שרײַבערס שטימונגען, געוויינען און צוזאַמענברעכן פון די ייִדן, לאָזן איבער אַן אומפאַר־געסלעכן, ביז ווייטיק פילעוודיקן רושם. די אַלע שטעלן, וווּ עס ווערט באַשריבן וועגן געבורטהילף אין די פּײַנלעכע געטאָ־תנאים, וועגן שוואַנגערשאַפט־פאַר־באָט און די לײַדנדיקע מוטער, זענען פול מיט שבֿח און פּאַטאָס פאַר דער באַ־שיידן־שטילער גבֿורה און זעלישן ווידערשטאַנד פון דער ייִדישער פרוי.

דאָס גאַנצע בוך איז געשריבן אין דער גלײַכער אויסגעהאַלטענער געמיט־שפּאַנונג און מיט פיל האַרץ. איינע פון די עיקר־מעלות: דער מחבר פאַרלירט זיך ניט אין צו פיל רייד. ער איז צימצומדיק און מאַנכע זײַטלעך, אַפילו גאַנ־צע קאַפּיטלען, זענען מײַסטעריש־בילדעריש, אַזש מ׳דערפילט בולט דעם גאַנצן

תהום פון צער און די מענטשנס צעווייטיקטע נשמות. ניט מיט האַמעטנע שרײַ־יקע רייד, נאָר מיט די פּשוטסטע האַרציקע ווערטער, ווערט געמאָלט די ווירק־לעכקייט, דאָס פיזישע אויסצאַנקען פון מענטש און זײַנע הילפלאָזע צאַפּלעניש אויג אין אויג מיטן מלאך־המוות. אויך דער דײַטש־נאַצי־שד קומט אַרויס עכט, אָן איבערטרײַבונג, און אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז ער קען דינען ווי אַ מוס־טערטיפּ פאַר דעם כּלל רוצחים.

ס׳איז דער ערשטער געלונגענער פּרווו צו דערציילן די בלוטיקע היסטאָ־ריע פון ליטווישע ייִדן, אַנטפּלעקנדיק דעם גאַנצן מענטש מיט זײַנע ליכט־און־שאָטן־זײַטן. ד״ר פּרץ טוט עס מיט פיל פאַרשטענדעניש פאַר זײַן לאַגע, מיט אַ חוש פאַר אַנאַליז פון זײַנע ירידות און עליות, אויף דער פּאַן פון גיהנומ־דיקן זײַן. דאָס בוך נעמט אַרום דרײַ יאָר קאָוונער געטאָ, כּמעט אַ יאָר לאַגער 2 און 7 בײַ קויפערינג־דאַכאַו.

„איך האָב זיך נאָר באַמיט צו פאַרצייכענען און אָנדײַטן איינצעלנע מאָ־מענטן פון דער פינצטערער תקופה אין אונדזער געשיכטע אַזוי ווי איך האָב ייי געזען און געפילט“ (פון פאָרוואָרט). אָבער ניט געקוקט אויף די „איינצעלנע מאָמענטן“, באַקומט זיך דאָס בוך ווי איין גאַנצקייט, ניט פראַגמענטאַריש. מ׳פילט ווי די שווערע קייט פון לײַדן שמידט אירע יסורים־רינגען איינעם אין דעם אַנדערן, אָן איבעררײַס. דער מחבר פירט אונדז אויפן וועג פון ייִדישן גורל שטאַפּל נאָך שטאַפּל ביז צו די העכסטע יסורים און פּײַן פון מענטש און זײַן אויסלייז דורכן טויט. שפּעטער — דאָס נאָכלאָזן פון דער פאַרצויגענער פּעטליע, ביז צו דער באַפרײַונג.

ב

פײַנע און טיף־באַלערנדיקע אַנאַליזן, אַרויסגעדרונגענע פון דער מענטש־לעכער פּסיכיק אין אומנאָרמאַלע אומשטאַנדן, זענען צעזייט איבערן גאַנצן בוך. ס׳איז קענטיק, אַז ד״ר פּרץ האָט, ווי אַן אינטעלעקטואַל, אַרײַנגעבליקט אין דער נשמה פון זײַנע לײַדנדיקע גורל־ברידער, און להבֿדיל, די פּײַניקער־רוצחים, און זיך דערגרונטעוועט צו זייערע טיפסטע פאַרבאָרגעניש. ער גלידערט פּונ־נאַנדער, טאַקע ווי אַ כירורג, די סיבות פון דערשײַנונגען און די געפילן בײַ לעבעדיקע אָדער גוססע קאָלעגן, בײַ פּאַציענטן צי סתם־ייִדן, וועלכע ער שיל־דערט. אַזוי אַרום שאַפֿט ער אַ גאַלעריע פון פולבלוטיקע טיפּן, צווישן זיי ממש ייִדן־העלדן. טייל כאַראַקטערן זענען געצייכנט מיט עכט קינסטלערישן טאַלאַנט (למשל, דער דײַטשער סאַגיטאַר פון לאַגער 7).

און ניט נאָר דעם איינצלנעם מענטש, דעם יחיד אין זײַן פּײַן, נאָר אויך גרופּעס, סבֿיבֿה, אַטמאָספער, גײַסטיקע און פיזישע אַגאָניע ווערן איבערגעגעבן בולט און שפּירעוודיק, ווי מ׳וואָלט אָטעמען די בלוט־אָנגעפּילטע לופט.

ד״ר פּרץ האָט ניט נאָר מיט טיף־פאָטערלעכער זאָרג און מסירות געהאַלטן דעם פּולס פון זײַנע, ווי ער, גורל־פאַראורטיילטע פּאַציענטן, נאָר אויך נאָכ־

געפאָלגט זייערע קלענערע און גרעסערע צרות און „שימחות". מיר שטייען, צוזאַמען מיטן דאָקטאָר, ביים דפק פון אַ קראַמפּיק־גוססער מאַסע און האָרכן...

די מאָמענטן, וואָס האָבן אַממיינסטן געפאָלגט די אַלע עמק־הבכא־יידן, ווערן דורכן שרייבער דעטאַל און פון כּלערליי אַספּעקטן באַלויכטן. אַזוי, למשל, וועגן קראַנקייטן, לייז, און גאָר אַ סך וועגן הונגער: דער רויער, ציינישער הונגער, און דער פאַרשטעלטער... דאָס זענען פּרעכטיקע שטיקער אַנגסטן־ און מורא־שילדערונגען, בענקענישן און ראַנגלענישן פון זיך לעשנדיקן גוף, גלייכע האַלו־ציניאַציעס און אויסצאַנקען פון דער נשמה, וואָס וויל זיך ניט שיידן פון לעבן.

די אָבסערוואַציעס פון ד"ר פּרץ זענען אַ געטרייער שפּיגל, וואָס רעפלעקטירט די פאַרהוילענע עמאָציעס און די אינערלעכע ראַנגלענישן פון יידישן מענטש מיט זיך און מיט דער אַרומיקער אַכזריות, אויפן ראַנד פון אומקום, ווו מ'האָט, טראָץ אַלעם, אָנגעהאַלטן דעם בטחון.

דאָס דערציילן איז באַהויכט מיטן פרישן אָטעם פון דער טראַגישער ווירקלעכקייט, ווי דער מחבר וואָלט עס ביים שרייבן צום צווייטן מאָל איבערגעלעבט. ספּאָנטאַן און אוממיטלבאַר וויקלען זיך אָפּ די געשעענישן פאַר אונדזערע אויגן. די פּערזענלעכע שטימונגען, איבערלעבונגען און עצבֿות פון דערציילער זענען אומצעשיידבאַר פון כּלל־לעבן און פּילן פון זיינע יידן. די פאַרצייכענונגען באַקומען אַזוי אַרום אַן אַלגעמיינעם ווערט און באַטייט אויך פאַר דעם קומענדיקן פאָרשער פון דער חורבן־עפּאָכע. ס'איז ממש צום באַוווּנדערן, ווי אין דעם בוך איז אַריינגעפּאַקט אַן אַ שיעור מאַטעריאַל וועגן יעדן טאָג, וועגן שפלות און דערהויבנקייט, וועגן נייע פּירונגען, געוווינהייטן און שטייגער אין לעבן פון געטאָ־ און לאַגער־מענטש. מיט אייניקע שטריכן געלינגט מאַנכמאָל ד"ר פּרצן צו געבן אַ פולן כאַראַקטעריסטישן איינס פון אַ קינד, פרוי, מאַן, עמך־ייד אָדער אינטעליגענט.

ד"ר פּרץ באַוואָרנט זיך טאַקע אין זיין הקדמה, אַז ער האָט ניט קיין פּרעטענזיעס צו זיין אַ שרייבער, אָבער דאָס לשון איז זויבער און קאָנדענסירט, דער זאַצבוי קורץ און פיין, און דאָס גאַנצע בוך — טעכניש גוט צוזאַמענגעשטעלט, מיט אַן איינהייטלעכער פּעלערלאָזער אָרטאָגראַפיע, און — בלא גרייזן (אַ זעלטנהייט אין יידישע ביכער). דאָס אַלץ מאַכט אָנגענעם און לייכט דאָס לייענען. דאָס בוך איז אַ מין גוטער מוסטער, וואָס מוז גאַנץ און גאָר געלייענט ווערן.

בראָש הספר קומט אַ האַרציקער דאַנק פון מחבר צו „אַבעל שאַבאַן פאַר זיין אינטערעס און מיטהילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך". ס'איז באמת ווערט אַ יישר־כּוח פאַרן דערמיגלעכן צוצוטראָגן דעם יידיש־לייענער אַזאַ גוט בוך פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

דאָס בוך איז „אַ מצבֿה אויפן קבֿר פון מיין מאַמען, וואָס איז אויך דער מאַסן־קבֿר פון מיין שטעטעלע בוטרימאַנץ, אין ליטע".

אַפריקאַנער אידישע צייטונג, 1952.

# צוויי ביכער פון חורבן

מ. י. פײַגנבוים: פּאָדליאַשע אין אומקום — נאָטיצן פון חורבן. אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע בײַם צ״ק פון די באַפרײַטע ייִדן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דײַטשלאַנד. מינכן, 1948. (הקדמה) מ. ווײַנרײַך. 355 זז׳.

מ. י. פײַגנבוים: פּאָדליאַשע אין נאַצי־קלעם — נאָטיצן פון חורבן. אַרויסגעגעבן דורך אַ חבֿרים־קאָמיטעט, בוענאָס־אײַרעס, 1953. אַ וואָרט וועגן מחבר און זײַן בוך — י. אַראַנאָוויטש. צו מ. י פײַגנבוים — י. פּאַלאַטיצקי. 241 זז׳.

## א

מיליאָנען ייִדן פון פּוילן און פון אַנדערע מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, האָבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה דורכגעטראָגן אויף זייער לײַב־און־לעבן דעם אָפּגרונטיקן גרויל פון עינויים, ביז צום מאָמענט פון אויסלייזערישן טויט. בלויז אַ קליין בישטיק הײַפל האָט דערטראָגן אַ פונק פון פיזישן קיום ביז צום גאולה־טאָג, ביז אַ פרײַ לעבן. האָט דער גורל געוואָלט, אַז איינער פון אָט די געציילטע נסים־ייִדן זאָל זײַן מ. י. פײַגנבוים, וואָס האָט פאַרצייכנט די בלוטיקע מגילה פון פאָלק „אין אונטערערדישע היילן בײַם שײַן פון אַ חלבֿ־ליכטל״.

פײַגענבוימס פאַרצייכענונגען זענען אָן ספק אַ גרויס געווינס. אַ דאַנק זיי האָט די ביז איצט דערשינענע חורבן־ליטעראַטור זיך באַרײַכערט מיט צוויי כּמותדיק און איכותדיק ווערטפולע ביכער, פון ערשטן מקור. און ס׳מוז אונטערגעשטראָכן ווערן די קאַלטע, פּאַסיווע גבֿורה פון אַזאַ מין זיצן אין לופטלאָזע, שטיקנדיקע אונטערערדישע קאַטאַקאָמבעס, כּסדר פילנדיק דעם אָטעם פון מלאך־המוות אויף דער נאַז, און אין אַזאַ אַ לאַגע שרײַבן די „נאָטיצן פון חורבן״. ווייניקע האָבן עס געטאָן, איבער הויפּט אַזעלכע וואָס האָבן פריִערדיקע יאָרן שוין געאַרבעט אויפן געביט פון ייִדישער געשיכטע־פאָרשונג, ווי, למשל, ד״ר עמנואל רינגעלבלום א״אַ, וואָס האָבן אַווי אַרום דערפילט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע שליחות. זיי האָבן אין נײַ־געשאַפענע באַדינגונגען פיקסירט די משוגע־גרויזאַמע צײַט, ווי אַ שטייגער דער צײַטונג־רעפּאָרטער שטעלט זיך

איבער אין מלחמה־יאָרן אויף אַ קריגס־קאָרעספּאָנדענט. די קאַטאַסטראָפע האָט אָבער אויפגעטרייסלט און אויפגעבראַכט אויך אַנדערע פּשוטע יידישע מענטשן, און זיי איינגעשפּאַנט אין בלײַשטיפט און פּאַפּיר; זיי האָבן געשריבן טאָג־ביכער, כראָניקעס, עפּיזאָדן, פּאַסירונגען און פֿאָלקסלידער, וואָס זענען מיט זייער אויטענטישקייט פון אומגעהײַער געשיכטלעכער וויכטיקייט. זיי האָבן דערפילט דעם מוז פון פאַרשרײַבן, אין פײַנלעכן באַוווּסטזײַן אַז דער בלוט־מבול וועט אפשר ניט לאָזן היגטער זיך קיין אייניציקן יידישן לעבעדיקן עדות.

איינער פון די דאָזיקע עדות איז פײַגנבוים, וועלכער האָט כראָנאָלאָגיש אויפגעבויט דאָס בילד פון לײַדן און פּאַרניכט אויף אַ געוויסן שטח־אַפּשניט פון דער דײַטש־אָקופּירטער פּוילן. די אומקום־און־קלעם־יאָרן פון פּאָדליאַשע אונ־טער נאַצישער פאַריאָכונג — אַ געגנט וואָס דער מחבר קען אויסגעבונדן און ווו עס געפינט זיך זײַן היימשטאָט ביאַלע — ווערט דורך אים מיט אַ סך ליב־שאַפט און וויסן געשילדערט. מיט אינטימער באַהאַוונטקייט טוט ער פונאַנ־דערוויקלען די געשעענישן פון די דאָרטיקע יידישע קיבוצים. ס'איז אָבער ניט סתם אַ כראָניק פון טראַגישע פאַקטן און עפּיזאָדן, נײַערט אַ ברייט־פאַרנעמיקע, סיסטעמאַטיזירטע און גרינטלעכע אַרבעט. די ביכער גיבן אונדז אַ טיפערן אַרײַנבליק אין דער בלוטיקער וואַקכאַנאַליע פון די ברוינע בעסטיעס, אין די מעטאָדן פון סאַדיזום און מאָרד קעגן שוצלאָזע יידישע מענטשן, אין די מיט אימה אָנגעפילטע יידישע הערצער.

מ. י. פײַגנבוים איז ניט פון די וואָס ריידן סתם אין דער וועלט, מאָלן שטי־מונג־בילדער, דרייען זיך ארום זאַכן און פּרווון זיי אויסטײַטשן, נאָר ער דער־ציילט פאַקטן, מיט נעמען פון מענטשן, שטעט און גאַסן, טעג, דאַטעס, דאָקו־מענטן און בילדער, ווי פאָטאָ־קאָפּיעס פון אָריגינאַלן. דאָס איז אַ קלאָרע שפּראַך, צו פאַרשטיין דעם גאַנצן פאַרנעם פון קאַטאַקליזם פאַרן כלל־און־יחיד־ייד בעתן נאַצי־רעזשים. דאָס איז אַן ערשטקלאַסיקער און פאַרלאָזלעכער מקור פון מאַ־טעריאַלן פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער פון דער פינצטערער עפּאָכע. פון גע־שיכטלעכן קוקווינקל וואַקסן אַזעלכע ווערק אַריבער, מיט זייער ווערט, די ענגע ראַמען פון באַגרענעצטער אָרטשאַפט, — ניט בלויז פּאָדליאַשע, — און ווערן סינאָנים פאַרן גאַנצן פאָלק אין אומקום און נאַציקלעם.

„זאָל מען ניט זוכן קיין ליטעראַרישע באַפּוצונגען אין די נאָטיצן", פאַר־זאָגט אונדז פײַגנבוים אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט. און באמת, ער איז שטרענג ביזהר ניט צו איבערטרעטן די דאָזיקע ליניע. איז עס די גרעסטע מעלה פון זײַנע ביכער, — און אַלע ביכער פון דעם מין, — וואָס אויף זיי דריקט ניט אַ ליטעראַרישער באַלאַסט פון קינסטלעריש־עסטעטישע פאָרמען און בעלעטריס־טישע פײַנגײַסטעריי. אין אַזעלכע געשיכטע־ביכער פון טיפע מענטשלעכע לײַדן, פון איין זײַט, און טיפער געפאַלנקייט — פון דער צווייטער, איז די ניט באַפּוצטע, רויע, אַפילו שאָקירנדיק־טראַגישעווירקלעכקייט די סאַמע נאַטיר־לעכע מאָס. דאָס מאַכט נעענטער און פאַרשטענדלעכער דעם אמת, אַזוי ווי

ער איז. איז דער חורבן־שרייבער בײַגעשטאַנען דעם נסיון און ניט פאַרפאַלן געוואָרן אין שייך־שרײַבערײַ, זיך ניט געלאָזן מיטרײַסן פון געפילן און סענטי־מענטן. און אויב עס צעוואָרעמט זיך אַ מאָל בײַ אים דאָס האַרץ (מ׳איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש) און ס׳פאַלן עטלעכע פאַרטרערטע ווערטער פון בענק־שאַפט און ליבע, איז עס אויך נאָר אין אָנדענק פון זײַן אומפאַרגעסלעכער פרוי, אָדער אַן אַנדער משפחה־מענטש, וואָס איז אים זייער טײַער, אָבער ניט, חלילה, פאַר ליטעראַרישן פוץ, ווי ער רופט עס.

## ב

אויף דער סצענע פון זײַנע ביכער באַוועגט זיך פײַגנבוים צווישן פאַרפײַ־ניקטע און צום אומקום פאַרמישפּטע עדות. ער איז אויף שריט און טריט אויס־געמישט מיט זײַנע שוועסטער און ברידער, ייִדן, און דעריבער טאַקע זענען אַזוי פאַרפלאָכטן די פּרט־און כּלל־געשעענישן מיט פּערזענלעך־אויטאָביאָגראַפישע מאָמענטן און איבערלעבונגען. דעם פאַרלויף פון די געשעענישן בעת דער פאַטאַלער תּקופה טוט ער איפּערדיק און מוסטערהאַפט נאָטירן, ביז אויף די קלענסטע דעטאַלן. יעדע צו אים דערגאַנגענע ידיעה און יעדע איינצלנע פאַ־סירונג פאַרצייכנט ער, ווײַל דאָס זענען בלוטיקע ריגעלעך פון איין קייט־פעטליע, אָנגעטאָן אויף ייִדישע העלדזער. אַלץ אין אומקום איז וויכטיק! עס וועט מאַכן גלייבן און ברענגען דעם אמת צו די וואָס וועלן נאָך אונדז קומען, אַז אין דעם גיהנום־קאָשמאַר האָט דײַטש־שלאַנג אויסגעשטיקט אַ גאַנץ פאָלק. פײַגנבוים נוצט כּמעט ניט די נאָכמלחמה סופּערלאַטיוון, וואָס טוען אָן אַ מין כּתר פון קדושה און גבֿורה אויף די קרבנות, נאָר היגטער די ווערטער פילט מען דעם גרויסן ייִראת־הכּבֿוד און די שטאַרקע ליבשאַפט צו די ייִדן, וועגן וועלכע ער דערציילט.

אין די צוויי ביכער איז געגעבן אַ פולע היסטאָרישע אָפּשפּיגלונג פון די חורבן־יאָרן פון פּוילישן ייִדנטום (אויף אַ באַגרענעצטן שטח פון פּוילנלאַנד). כראָנאָלאָגיש וואָלט דאָס ערשטע בוך געדאַרפט זײַן דער שפּעטערדיקער, און דער מיט 5 יאָר צוריק — דאָס 1טע. אין דעם אַ סדר וואָלט מען עס געדאַרפט לייענען, ווײַל דער בראשית פון פּאָדליאַשע אין נאַצי־קלעם — איז מיט אַ פּרשה, „פאַרן שטורעם״, וואָס שילדערט די שטימונגען קורץ פאַרן מלחמה־אויסברוך; נאָך דעם: די מלחמה־יאָרן. די געשיכטע פון אַלע ווײַטערע מלחמה־קאָנסעק־ווענצן פאַר ייִדן, קומט אין בוך פּאָדליאַשע אין אומקום.

וואָלט עס הײַנט געווען פון גרעסטער דערציִעריש־געזעלשאַפטלעכער וויכ־טיקייט „צו מאַכן ייִדן לייענען״ אַזעלכע ביכער, און אפשר גאָר לערנען אַ קאַ־פּיטל מאָדערנעם חורבן, כּדי צו וויסן כאָטש אַ ביסל מער וועגן פינצטערן ייִדישן געכטן אויף אונדזער, מישטיינס געזאָגט, ליכטיקן פּלאַנעט. זאָל עס זײַן וועגן ביאַלע, מעזריטש, צי „טרעבלינקע פון דער ווײַטנס״ — אַלע די מקומות,

ווי „אַ מענטש פילט זיך גליקלעך, ווען ער באַקומט אַ קויל אין קאָפּ". פאַר וואָס וויל מען היינט אַנטלויפן אַזוי ווייט פון דעם נעכטן? פאַר וואָס האָט מען מורא היינט צו לייענען ווי דער נעכטן האָט אויסגעזען? צו וויסן ווי נעכטן האָט מען געטריבן אויף זייער לעצטן מאַרש טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער און פון הינטן זענען נאָכגעפאָרן פורן מיט לאָפּעטעס.. וועגן אַזאַ טויטן־פּראָצעסיע, וואָס צעלויפט זיך אין לעצטן מאָמענט, אונטער אַ האָגל פון הייסן בליי — און איינער פון די „לויפער" איז פייגנבוים — לייענען מיר אין בוך; אָדער וועגן שפּרינגען (אויך אַ ווערטעלע!) אין לעצטן מאָמענט פון טויטן־צוג, וואָס „זידלט אויס" קיין טרעבלינקע, א"אַ ענלעכע אימהדיקע געשעענישן, פאַר וואָס עס ניט וויסן?! ווייל פאַרגעסן דעם נעכטן הייסט — ניט האָבן קיין מאָרגן, קיין המשך.

מיר געפינען אין די ביכער ניט בלויז וועגן שרעקן און פּחדים פון אומקום, נאָר אויך די ליכטיקע, זוניקע מאָמענטן פון גלויבן, בטחון, טרייסט און מוט, פון שטאָלצער גבֿורה, וואָס זענען געווען די לעבנס־עליקסירן, די וויטאַלע גייסטיקע און פיזישע קראַפט פון פאָלק, קעגן אַלע שונאים.

דאָך פאַלט שווער דאָס אַדורכלייענען אַזאַ סאָרט בוך. יעדע שורה לייגט זיך ווי אַ שטיין אין געמיט, אָבער מען מוז די שווערקייט אַדורך, ווייל די נאַציסטישע קאַניבאַלן האָבן געוואָלט, און ווילן נאָך איצט, אַז די וועלט זאָל פאַרגעסן. לאָמיר זיין די ידישע וועלט פון זכור — וואָס געדענקט און וויל געדענקען. האָבן דאָך די ברוינע מערדערס געוואָלט אָפּוואַשן אַ יעדן מינדסטן שפּור פון די בלוטיקע לאָפּעס און אין אייגלעניש, ביים דערפילן זייער סוף, געצוווּנגען זייערע ייִדן־שקלאַפן אַרויסצוגראָבן פון די מאַסן־קבֿרים די האַלב און גאַנץ פאַרפוילטע גופים פון הונדערטער טויזנטער קרבנות, וואָס די איבערגעפּאַקטע קרעמאַטאָריע־אויוונס האָבן ניט באַוויזן צו פאַרצערן. ביים אָנצינדן די ריזן־שייטערס ביי די וועלדער פון מיזרח־איראָפּע האָבן זיי זיך פאַררעכנט: דער קאַנדידאַט־קרבן וואָס איז ניט געוואָרן צו אַש, און דער — וואָס איז מער ניט פאַראַ",ביידע האָבן געלאָזן זייערע מיט בלוט־און־מאַרך פאַרשריבענע באַשול־דיקונג־בלעטער פאַר דער צוקונפט. לאָמיר די בלעטער פון חורבן לייענען, ווי אַ דערמאָנונג, ווי אַ לערע!

דרום־אַפריקע, 1954.

# מ. צאַנין — עסייִסט און בעלעטריסט

## אויפֿן ראַנד פֿון זײַן שעפֿערישן גאַנג

מ. צאַנין: אויף די וועגן פֿון ייִדישן גורל — עסייען. פֿאַרלאַג „המנורה", תל־אָבֿיבֿ, תשכ"ו—1966. 94 זז'.
מ. צאַנין: אַרטאַפֿאַנוס קומט צוריק אַהיים — ייִדישער ראָמאַן. פֿאַרלאַג „המנורה", תל־אָבֿיבֿ. 1968. 376 זז'.

### א

מ. צאַנין איז אַ פֿעיִקער און פֿלינקער זשורנאַליסט. ער האָט אַ סך יאָרן געשריבן, פֿאַר אַמעריקאַנער א"אַ ייִדישע צײַטונגען איבער דער גאָרער וועלט, בילדעריש־סטיליזירטע רעפּאָרטאַזשן פֿון לעבן אין ישׂראל. ער איז אַ בליציקער קאָמענטאַטאָר, מיט אַ טיף־פּסיכאָלאָגישן אַרײַנדרינג אין פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. זײַן קריטיק איז אָביעקטיוו, גיצלעך און פּאָזיטיוו. ער האָט אַן ערלעכן צוגאַנג צום געזעלשאַפֿטלעכן אַספּעקט פֿון שרײַבערפֿאַך, ווי אויך צו קהל־ענינים, וואָס דערהייבט זײַן חשיבֿות. דעריבער ווערט צאַנינס זשורנאַליסטיק בלײַבן פֿון דויערדיקן באַטײַט, מחמת ער האָט ניט נאָר געגעבן דעם אינהאַלט פֿון זאַכן, נאָר אויך זייער טעם און סיבה. זײַן רעפּאָרטאַזש איז געשריבן מיט אימפּעט, קאָמפּסלוסטיק, און האָט אים על־פּן שטאַרק מפֿורסם געמאַכט אין דער זשורנאַליסטישער ישׂראלדיקער און אויסלאַנדישער ייִדישוועלט.

אָבער אָט האָט זיך צאַנין גאָר אַנטפּלעקט ווי דער אינטערעסאַנטער אַנאַליטיקער און עסייִסט, אַזאַ וואָס גייט אין די פֿוסטריט פֿון פֿאָלק, אויף די וועגן פֿון ייִדישן גורל. אין אַ זאַמלונג פֿון פֿיר עסייען פּרוּווט ער געבן זײַן אינטערפּרעטאַציע פֿון ייִדישן גורל און אים באַזינגען. אין דער דאָזיקער „פֿאַרעלטערטער" טעמע, אין וועלכער ס'האָבן זיך שוין געגריבלט אַ סך ייִדישע מוחות, וויל צאַנין דערגרונטעווען דעם מיין און באַטײַט פֿון ייִדישער גורלדיקייט. ער בליצט דאָ אויף ווי אַן אָריגינעלער בעל־מחשבֿה און פּאַרוועבט דעם לייענער אין זײַן געדאַנקען־גאַנג, מיט דער איבערצײַגונג־קראַפֿט פֿון היסטאָרישן אַנאַליז. מ'ווערט מיטגעצויגן מיטן שרײַבער בײַם איבערשאַצן די היסטאָרישע ווערטן, און במילא אַ מיטשותּף אין זײַנע אויספֿירן. דאָס איז מחמת דעם, וואָס צאַנין ניט נאָר ווייס ער די ייִדישע וועגן, ניט נאָר קען ער דעם ייִדישן גורל, נאָר ער

איז תמיד אויף די וועגן און קען דעם ריטעם פון ייִדישן גאַנג. דאָס וויסן און קענען איז די פּראָבע פון צאַניבישער עכטקייט

אין זײַן ערשטער עסיי — „די פיר טויזנט־יעריקע מלחמה" — גיט ער אַ קווערשניט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון ייִדישן פאָלק, פון זײַן סאַמע אויפשפּראָץ ביז צום הײַנט. אָבער אויב אַפילו מ'איז מחולק מיט געוויסע אויפפאַסונגען און אויספירונגען פון מחבר, האָבן מיר פאַר זיך אַ טיף דורכגעטראַכטע אַרבעט פון פאַרנעם און שווונג. מוטיק קומט ער אַרויס מיט נײַע געדאַנקען. אפשר איז ניט גאָר ריכטיק צו זאָגן נײַע געדאַנקען, ווײַל ס'איז דאָך שוין ניטאָ הײַנט קיין נײַעס אונטער דער ייִדישער זון, איז אין אַנדערע ווערטער: צאַניך גיט דער זאַך אַן אייגנאַרטיקע באַלויכטונג. די „מחנות וואָס קעמפן די אייביקע מלחמה אין ייִדישן פאָלק", טיילט ער אויף „אַבֿרהמיסטן" און „תּרחיסטן". ער פאָרמולירט די צוויי שטרעמונגען אַזוי: „בײַ די אַבֿרהמיסטן איז דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו דער עטיש־רעליגיעזער, בײַ דעם צווייטן צד — דער פּאָליטיש־טעריטאָריעלער". ער זעט דעם פּאָזיטיוון ייִדישן וועג אין די ערשטע, וואָרעם זיי האַלטן אויף די ייִדישע ווערטן און זענען אַ באַריער קעגן אַסימילאַציע.

מיר וועלן ניט אויסשעפּן דעם פולן מחשבֿה־תּוך, אויב מיר וועלן דאָ פּרווון געבן אַפילו בלויז דעם תּמצית פון דעם דאָזיקן פּרעציז־צימצומדיקן אַנאַליז, וואָס צאַניך האָט מיט מײַסטערישער קאָנדענסירטקייט אַרײַנגעפּרעסט אין 24 זײַטלעך. ס'איז ניט נאָר מאַטעריאַל־געדיכטקייט, נײַערט טעזן וואָס וואָלטן געקלעקט פאַר אַ גרויסן היסטאָריאָזאָפישן טראַקטאַט. אין דער סעריע כּמו ראָשי־פּרקים — וואָס זענען ווי מיקראָ־פאָרמולעס — זענען אָנגעהויפט שטאַפּל אויף שטאַפּל אַלע ייִדישע דורות, באַוועגונגען, פורעמערס און לערערס פון ייִדישן פאָלק, וואָס מאַכן אונדז דערפילן דעם צײַטגײַסט פון יענע עפּאָכעס.

אין זײַן צווייטער עסיי, די „געגנעזע פון אַ קולטור־דראַמע" — מיטן אונטערקעפּל, אין קלאַמערן, „אַ פּרווו פאַר אַ היסטאָרישן אַנאַליז" — גלידערט ער פונאַנדער דעם פּראָצעס פון קולטור־ און לשון־וואַנדלונגען אין ייִדישן פאָלק; זייערע סיבות און אויסווירקונגען ביז אויף הײַנטיקן טאָג. ער טוט עס, ווידער, מיט דעם פּערפעקטן מעטאָד פון אַנאַליז: ער באַלויכט די היסטאָרישע גרונטפּראָבלעמען און זייער פאָלקישן כאַראַקטער, פירט אַרויס די פאַרגלײַכיקע מאָמענטן פון תּקופֿות און זייער אַנטוויקלונג, נאָך דעם ברענגט ער אַרויס די אייגענע מסקנות.

מ. צאַניך נוצט ניט אין זײַנע עסייען אַזעלכע טערמינען וואָס זאָגן ווייניק, נאָר זענען בלויז אויסן צו „דעקן" דעם אינהאַלט. בעת ער אַנאַליזירט אַן ענין, דערגרונטעוועט ער אים ביז צום סוף און איז מקפּיד ניט אַרײַנצופאַלן אין אויסגעדראָשענעם פּובליציסטישן זשאַרגאָן. ער באַהאַנדלט שווער־קאַליבערדיקע און צענטראַלע פּראָבלעמען, אין וועלכע מדינת־ישׂראל און די ייִדישע וועלט זענען פאַרטאָן.

זײַן עסיי מיגראַציע פון „מיזוג־גלויות", וואָס ניט ווייניק העברעיִשע עסייִסטן האָבן זיך שוין „צעבראָכן די שרײַבערישע ציינער" אויף דעם, איז בײַ צאַנינען אַ ברייט־פאַרמאָסטענע און וואָגיקע אַרבעט. ער האָט דאָס פּראָבלעם אַוועקגעשטעלט אין פאָקוס פון די גלאָבאַלע אַנטוויקלונגען בײַ פאַרשיידענע פעלקער און שבטים — זייערע וואַנדערונגען, באַזונדערקייטן און ספּעציפיזמען, וואָס לאָזן זיך קינסטלעך ניט צוזאַמענשמעלצן. דער זעלבער „דיאַגנאָז" גילט נאָך מער פאַר דעם מיזוג־גלויות־פּראָבלעם, ווײַל „די ייִדישע נאַציע איז אַ פּלוראַליסטישע" און „אַזאַ איז דער היסטאָרישער געבוי פונעם פאָלק אין אַלע צײַטן".

די פערטע עסיי, „דאָס לשון ייִדיש", איז געשריבן מיט אַ ניכטערן קוק און מיט וואַרעמען אָטעם. ס'איז ליבשאַפט געפּאָרט מיט איבערצײַגונג. עס איז אַ טיפער און אָביעקטיווער אַנאַליז פון גאַנצן קאָמפּלעקס פּראַגעס, אָבער — לשבח פון שרײַבער — ניט ענגהאַרציק און ניט שמאָל־האָריזאָנטיק. אַפילו ווען ער רעדט וועגן שפּראַך, ווי די „מיסטעריע פון דער מענטשלעכער נשמה" און „די גאונות פון ייִדיש", בלײַבט ער דער קאַלטער אַנאַליטיקער. ער פּרוווט ניט פאַרנעפּלען זײַנע געדאַנקען מיט ספּעקולאַטיווע טעאָריעס וועגן דער צוקונפט פון ייִדיש, ווי אַ סך שרײַבער „ייִדיש־פּאַטריאָטן" טוען עס. ער זוכט ניט דעם ביליקן עפעקט אויף צו באַפרידיקן דעם ווונטש פון לייענער.

די עסיי איז געשריבן מיט פײַן־געמאָסטענעם טעמפּעראַמענט, מיט אָפּגעפּרישטע פאָלקיש־אַלעגאָרישע פאַרגלײַכן. אָט, למשל, „דער ייִחוסדיקער טאַטע... האָט געבראַכט דער מאַמען (ייִדיש) אַ בכּבֿודיקן נדן פון זעקס טויזנט לשון־קודשדיקע ווערטער", און ער מאַכט די פעסטשטעלונג, אַז „אָן ייִדיש וואָלטן מיר, חלילה, פאַרפאַלן געוואָרן און קיין מאָל ניט צוריקגעקומען צו דעם, צו וואָס מיר זענען צוריקגעקומען". און ער פאַרענדיקט: „מיט ייִדיש ווי אָן אַנגרײַף־כּוח, קען געראָטן צו פאַרצוימען די פאַרניכטנדיקע כוואַליע פון אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך צעגאָסן פון אַלע זײַטן". ווי זאָגט ער, צאַני: „ווער עס ווייס דאָס קלאָר און ווער עס פילט דאָס אינטואיטיוו".

און אײדער מיר שיקן אָפּ דעם לייענער „אויף די וועגן פון ייִדישן גורל" — עס צו לייענען — ווילן מיר מגלה זײַן אַ סוד, אַז בכּוונה האָבן מיר אָנגעהויבן פון דעם עסייִסט־אַנאַליטיקער צאַנין, כּדי אויף אַ נאַטירלעכן וועג צו קומען צו צאַנין דעם פּראָזאַיִקער: ווײַל די צוויי ליטעראַרישע זשאַנערס האָבן בײַ אים אַ שותּפותדיקן בינדפאַדעם.

ב

מ. צאַנין האָט מיט זײַן גרויס־פאַרנעמיקן ראָמאַן, אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים, צוגעטראָגן דער ייִדישער ליטעראַטור אַן עכטן און וואָגיקן קונסטווערק. אָבער כּדי צו שרײַבן אַ ראָמאַן פון דער אַנטיקער ייִדישער וועלט, אין גרויסן סטיל, דאַרף מען אָנזאַמלען די גרונטיקע ידיעות פון יענעם ייִדישן לעבן און פאַרשטיין זײַן דורותדיקן גאַנג. איז פון זײַנע עסייען ווייסן מיר שוין, אַז ער

האָט עס אַלץ פֿאַרמאָגט, און דערפֿאַר איז די מאַסיווע ליטעראַרישע אַרבעט מיט ערודיציע און פּסיכאָלאָגישן אַרײַנבליק. ער האָט מיט אַ שאַרפֿן קינסט־לערישן חוש צונויפֿגעפֿלאָכטן די סיטואַציעס און געשילדערט די כאַראַק־טערן, אַזוי אַז מיר דערקענען גלײַך דעם וועג און דעם ווי.

אויפֿצובויען אַזאַ ווערק האָט צאַנין געמוזט זײַן אייגן־גוחדיק, כּדי זיך צו קענען פֿאַרמעסטן מיט די גוואַלדיקע דימענס־עס פֿון דער גרויסער תּקופֿה פֿון מלכות יהודה, און קענען אויסשפּילן די גרויסע דראַמע מיט אַן אייגענעם — און אפֿשר נײַעם — ריטעם. דערפֿילן מיר טאַקע די צאַנינ׳ש־דערציילערישע קראַפֿט פֿון דער ערשטער שורה ממש, וואָס ציט זיך ווי איין גאַנצקייט ביז צום סוף. די אַרכיטעקטאָניק פֿון ראָמאַן איז גוט אויסגעפּלאַנירט, און אויף דעם סקעלעט האָט צאַנין קונציק אויסגעבויט די „אַרטאַפּאַנוס־פּיקציע״.

מיט וויזיאָנערישער פֿאַנטאַזיע האָט ער איבערגעגאָסן פֿון די היסטאָרישע כּלים די פֿאַרצײַטיקע תּקופֿה אין אַ פּערפֿעקט מאָדערנער ליטעראַטור־פֿאָרעם דאָס העלפֿט דעם לייענער די גאַנצע צײַט ניט צו פֿאַרגעסן, אַז אַר אַפּאַנוס איז אַ לעבעדיקער סימבאָל פֿון לאַנגע היסטאָרישע עפּאָכעס, וואָס דער אַרײַנפֿיר צום גרויסן בוך (און ביכער וואָס וועלן נאָך קומען), מאַכט עס דעם דיאַלאָג שטאַר־קער. אייגנטלעך איז אַזאַ אַרײַנפֿיר אַן אַלטער „טריק״, וואָס דאַרף אַקצענטירן דעם סימבאָל פֿון וואָרהאַפֿטיקייט און אַרויפֿקלעפּן אויף אַ ווערק דאָס [illegible]מו־אויטענ־טישע חן־פּינטעלע. מיר טרעפֿן עס בײַ שלום אַש, מיטן גילגול פֿון הגמון קאָרנע־ליוס, אין געשטאַלט פֿון פּאַן וויאַדאָמסקי אין דער מאַן פֿון נצרת. בײַ אַשן איז אָבער די מיסטעריע געדיכטער, ווי מ׳דערוואַרט געוויינלעך פֿון אַזאַ ביבליש ווערק.

האָט אונדז צאַנין צונויפֿגעבראַכט מיט דעם סימבאָלישן „גילגול״ פֿון אַר־טאַפּאַנוסן, בעת ער טרעפֿט אים „אויפֿן וועג קיין ירושלים, בײַ דער קרייצונג תּל־אָבֿיבֿ—אשקלון״. און דער אימאַזשינירט־דיכטערישער אַרײַנפֿיר ברענגט נענטער און נענטער די אויסטערלישע בילדער — „אײַנגעהילט אין דעם בלויען נעפּל, וואָס הילט־אײַן די בערג פֿון ירושלים...״ — און פֿון די בילדער און פֿון דעם נעפּל הייבט זיך אָן אַרויסשיילן די היסטאָרישע ייִדישע וועלט פֿון יענער ווײַטער תּקופֿה, וואָס זעט אויס צו זײַן רעאַליסטיש, ווײַל בײַ צאַנינען איז כּמעט ניטאָ קיין מיסטעריע.

אין די זיבעצן קאַפּיטלען האָט צאַנין צוריק לעבעדיק געמאַכט דעם גײַסט פֿון דער יענצײַטיקער עפּאָכע, לויט די בעסטע מוסטערן פֿון קלאַסישן היסטאָ־רישן ראָמאַן. ווי מיט אַ כּישוף האָט ער אויפֿגעהויבן דעם „אַלטן פֿאָרהאַנג״ און אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער דורכזיכטיקער וואָר די פֿרעמדע וועלט פֿון רוים, און די אייגענע — פֿון ירושלים. פֿון הינטער דעם פֿאַנטאַזיע־נעפּל, אַנטקעגן די בערג פֿון ירושלים, טויכט אויף די ווײַטע צײַט, אַן אַ ברעקל שימל און שטויב: „אין אַ שפּעט־זומערדיקן טאָג פֿון יאָר איין און זעכציק פֿאַר אונדזער צײַט־רעכענונג אין רוים״. און דאָ האָט דער מחבר אַזוי אומזיק, בלויז מיט

די פֿיר ווערטער „פֿאַר אונדזער צײַט־רעכענונג“, פֿאַרבונדן די צײַט, דעם נעכטן מיטן הײַנט, דעם סימבאָל אַרטאַפּאַנוס מיט דעם אײביק־לעבעדיקן רעאַלן אַרטאַפּאַנוס (אָדער ווי זײַן נאָמען זאָל ניט זײַן) אין דער נײַער מדינת ישׂראל.

דער מחבר מאָלט, אין פֿאַרביקע טענער, דעם מיליטערישן פֿאַראַד אין רוים, צום זיג איבער יהודה, אין דערמאָנטן טאָג פֿון יאָר 61. דאָ טרעפֿן מיר אַריסטובולן, דעם געפֿאַנגענעם מלך, וואָס איז געצוווּנגען „צו גיין אין טריאומף־צוג פֿון פּאָמפּייאוס“, און צוזאַמען מיט אים אונדזער באַקאַנטן — פֿון דער הײַנטיקער ירושלים! — אַרטאַפּאַנוס, וואָס גייט „פֿון זײַן לינקער זײַט“. און ס'הייבט זיך אָן דער „ייִדישער ראָמאַן“, ווי ער איז מיט רעכט קלאַסיפֿיצירט פֿון מחבר. מיט בלוט־לעבעדיקע בילדער ווערן אַרויסגעפֿירט אויף דער סצענע די געראַנגלען און שטרײַטיקייטן פֿון יענע טעג, אין יהודה, צווישן די העלעניזירטע ירושלים פֿון די חשמונאים און די קנאישע פּרושים. אויף דעם הינטערגרונט קומט פֿאָר דער פּסיכישער קאָנפֿליקט אין דער פֿאַרוווּנדעטער נשמה פֿון אַרטאַפּאַנוסן — אַ מין „היסטאָרישער“ אַרטאַפּאַנוס־קאָמפּלעקס.

אַרטאַפּאַנוס פֿילט זייער שטאַרק אָפּ דעם שאָק אויפֿן ספּאָרט־סטאַדיאָן, בעת זײַן „צייכן פֿון באַשניטנקייט“ ווערט אָפּגעדעקט. זײַן באַליידיקטער שטאָלץ שנײַדט זיך טיף אײַן אין נשמה פֿון פֿילעוודיקן ייִנגל און ס'קומט די רעאַקציע — ער טוט זיך אַ שאַרפֿן דריי אָפּ צו דעם פֿרעמדן גײַסט אין וועלכן ער איז דערצויגן געוואָרן. אינטערעסאַנט איז דער געשפּרעך צווישן אַרטאַפּאַנוס און זײַן פֿאָטער, וואָס איז געווען דער „מיליטערישער ראַטגעבער פֿון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי“. ס'איז נאָך דעם ווי דער מלך „האָט געליטן אַ מפּלה פֿון דעם אַראַבישן קעניג אַרעטאַס“. דער זון זאָגט אין זײַן „דערשלאָגנקייט“ צום פֿאָטער: „מיר האָבן ביידע פֿאַרשפּילט מלחמות“. און זײַן פֿאָטער ענטפֿערט: „דאָך האָבן מיר געשלאָסן שלום“. אויף וואָס דער זון רעאַגירט: „איך וועל אַזאַ שלום קיינמאָל ניט שליסן!“ דער פּסיכאָלאָגישער רעפֿלעקס פֿאַלט צוריק, ווי אַ פּאַראַלעל צו אונדזער צײַט מיט אירע אַסימילאַציע־טענדענצן.

עס איז ניטאָ אין בוך די איבערגעטריבענע מאָלערישע געקינצלטקייט פֿון אַרויסברענגען די עקזאָטיק. אַלץ איז נאַטירלעך: די אַטמאָספֿער, די סבֿיבֿה, די מענטשן און זייערע שמועסן, די ייִדישע יוגנט, די צדוקים און פּרושים, די מאַסן־סצענעס. ניטאָ קיין איבערגעזאַלצענע דאָזעס פֿון אַלט־מליצהדיקע שפּראַך־מאַנירן, וואָס געוויסע ייִדישע שרײַבערס האָבן עס באַטראַכט ווי אַ גוט מיטל אַרויסצוברענגען דעם תּנ״ך־גײַסט. גראָד דאָס וויסן און פֿאַרשטיין פֿון אָביעקט גיט שוין דעם ריכטיקן טאָן. צאַנין האָט געמײַסטערט אַלע פֿאַרוויקלטע סיטואַציעס און אויפֿגעבויט און צוזאַמענגעבויט איין גאַנצע זאַך, וואָס ווערט ווי אַ סימבאָל פֿון אונדזער צײַט. מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט זײַנע היסטאָריאָזאָפֿישע אידעען פֿון דער הײַנטיקער צײַט פֿאַרקליידט אין אַ ליטעראַרישן לבֿוש, וואָס ער האָט געבאָרגט בײַ דער ייִדישער געשיכטע. אין די זעלבע פּראָבלעמען ווי דעמאָלט ראַנגלט זיך אויך הײַנט דאָס ייִדישע פֿאָלק — אין זײַן

מדינה און אין זײַנע מאָדערנע בבלס און רוימס. האָט צאַנין צײַט קעגן צײַט אָוועקגעשטעלט, ווי צוויי שפּיגלען איינער קעגן אַנדערן. אָט הערן מיר, למשל, אין אַ שמועס אויף אַ באַל, אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אין ירושלים, ווי אַ יוגנטלעכער „מאַניפעסטירט זײַן העלענאָפילישקייט" דורך זײַן ענטפער צו דער רעגענטין אַלעקסאַנדראַ, אַז „די פּאָעמעס פון די ייִדישע שריפטן (זענען) מאָטיוון פאַר קולט און גאָט־דינסט און נישט פאַר שיינקייט, ווי די פּאָעמעס בײַ די גריכן... פאַרוואָס זאָלן מיר זײַן אַנדערש ווי אַלע פעלקער?" אַרטאַפּאַנוס איז אויפגעשפּרונגען: „מיר זענען אַנדערש! יעדעס פאָלק איז אַנדערש און מיט דער אַנדערשקייט טיילט ער זיך אויס". בײַטן מיר נאָר די נעמען און דאָס אָרט — איז עס אַ בילד פון הײַנט. אַזאַ ווערק „עפנט די אויגן", צו זען די אַנאַלאָגישע קלאָרקייט פון די תּקופות און די רעזולטאַטן פון פרײַוויליקער אָדער אַפילו אַרויפגעצוווּנגענער אַסימילאַציע; צי עס איז אין דער פרעמד, צווישן פעלקער, אין נאַציאָנאַל־גײַסטיקן זינען, צי אין דער סוווערענער מלוכה, אין נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן — אין ביידע פאַלן איז עס דאָס זעלבע: אומקום. זעט טאַקע אונדז אויס דער פּערסאָנאַזש ווי ניט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר מענטשן פון בלוט און פלייש, און די בילדער זענען רעאַליסטיש, ביז אַנצוטאַפּן, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּשפּילן פאַר אונדזערע אויגן. בולט קומען אַרויס אַלע הינטערקוליסן־אינטריגעס, דער פאַרוויקלטער פּלאָנטער פון מלחמות, שׂונאים און פרײַנט, די צעקראָכענע הערשערס, די מאַכט־גיריקע — אייגענע און פרעמדע.

צאַנין האָט אַזוי אַרום געגעבן די לערע און דעם מוסר־השׂכּל פון אַ וויכטיקער תּקופה אין לעבן פון פאָלק, און זײַנע קאָנסעקווענצן פאַר דעם ייִדישן קיום. דורך די מײַלער פון זײַנע לעבעדיק־געמאַכטע פּערזאָנען, צי העלדן, הערן מיר יענעם ווײַט־נאָענטן אמת — עס איז דער אייביק היסטאָרישער אמת. אָט הערן מיר ווידער, אין אַ שמועס, וועגן די פּראַקטישע ייִדישע ווערטן, ווי דער פּרושי־געניײגטער אַרטאַפּאַנוס ווונדערט זיך אויף דעם זאָג פון אַריסטובולוסן, אַז אַ גריך קען אויך זײַן אַ יהודייער — „און אונדזער באַזונדערקייט?" אויף דעם ענטפערט אַריסטובול: „אונדזער באַזונדערקייט פון אַנדערע פעלקער איז אונדזער מלוכה — יהודה" — און מיר האָבן אין דעם פראַגע־ענטפער־דיאַלאָג די הײַנטיקע „אַבֿרהמיסטן" און „תּרחיסטן", אין זייער היסטאָרישן רעקוויזיט.

צאַנין האָט אַוודאי גרינטלעך שטודירט דעם עטיש־רעליגיעזן און נאַציאָנאַל־פּאָליטישן געבוי און כאַראַקטער פון יעדער מחנה, אין דער פון ברודערהאַס צעפּרעסענער יהודה. דעריבער איז דער פּסיכאָ־סאָציאַלער הינטערגרונט סאָליד און פון איין שטיק, און די גאַנצע מלחמה־עפּאָפּעע קומט אַרויס אין איר דינאַמיש־פאַרביקער באַוועגלעכקייט. די האַנדלונג האַלט דעם לייענער אין כּסדר־דיקער געשפּאַנטקייט. די קריגפירונג, פלענער, מאַרשרוטן און קאַמפן זענען געמאָלן מיט עפּישער קראַפט. פאַראַן בילדער פון פאַרשיכּורנדיקע פאַרבן. צאַנין האַלט פעסט צוזאַמען אַלע פעדעם פון געוועב. מיר פילן אַלע באַזונדערע האַרץ־ציטערנישן און נשמה־וויבראַציעס פון דעם ייִדישן אַרטאַפּאַנוס — די אייביקע

ייִדישע אַרטאַפּאַנוסעס פון אַלע צייַטן. זיי זענען עס די זוכערס, וואָס ווילן געפינען אַ זינען פאַר דעם קיום־העם, ווייַל זיי פאַרמאָגן אַ ווייַט־זעעוודיקן בליק און אַ פאָלקיש־געזונטע אינטויִציע.

אַרטאַפּאַנוס דערזעט דעם פאַטאַליזם הינטער דעם גאַנצן ברידערקאַמף, ער איז אָבער ניט דער טיפּ וואָס רייַסט מיט זיך מאַסן, ער איז ניט קיין פירער און קיין לערער. ניט ער קען צוימען די מלחמה־אַמביציעס פון קריגערישן מלך, און ניט פון דעם כאַראַקטערלאָזן אויפגעהעצטן כהן־גדול. ער איז דער טראַכטער, וואָס טראָגט אויס אין זייַן געמיט דעם אומעט פון זייַנע געדאַנקען און די ליידן וואָס זיי פאַרשאַפן. דורך זייַן נשמה זייפט זיך דאָס ליכט פון פאָלקישע בענקשאַפטן, גלויבן און חלום. ער דערפילט מיט אַ ספּעציעל־שאַרפן חוש, פריִער נאָך ווי דער מלך און זייַנע יועצים, דעם אומפאַרמיידלעכן גורל פון צעשטער און אומקום צו וועלכן די גייַציקע הערשערס שטויסן דאָס פאָלק פון יהודה. „אַרטאַפּאַנוס האָט געאַנט זייַן גורל, ווי ער האָט געאַנט דעם גורל פון יהודה״, און „ווו נעמט מען דעם כּוח צו איבערצייַגן אַנדערע אין דעם וואָס ער זעט, זיי זאָלן באַגרייַפן וואָס ער פילט?״ מיט די מחשבות און פראַגעס איז זייַן מוח פאַרנומען. ער בלאָנקעט אַ צערודערטער דורך דער נאַכט איבער די גאַסן פון ירושלים. עס ווייס געניי דעם חשבון מיט זיך און מיטן פאָלק. ער ווייסט אַז דער פּסיכישער שאָק, „וואָס געצנדינער האָבן געחוזקט פון זייַן ייִדישקייט״ איז — „די באַליידיקונג, וואָס האָט אים צוריקגעבראַכט צו זייַן פאָלק״. ווייַל „אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געהערט צו די, וואָס קענען אַנטלויפן פון זיך און פון זייער פאָלק״. ער איז אפשר דערפאַר ניט קיין העלד, הגם דערצויגן אין העלעניסטישן קאָמפּסגייַסט, אָבער ער איז פאָרט דער אויטענטישער זון וואָס געפינט צוריק זייַן פאָלק. ער ליבט זייַן פאָלק מיט דער געזונטער פּשוטקייט פון זייַן ייִדישער נשמה. ניט איין מאָל ווערט די אַרטאַפּאַנוס־געשטאַלט פאַרלוירן אין גרויסן פאָלקישן געראַנגל, אין די פינצטערע אינטריגעס און ביטערע קאַמפן, אָבער תּמיד טויכט ער צוריק אַרויף אויף דער אייבערפלאַך פון די געשעענישן מיט מער פרישקייט.

אַרטאַפּאַנוס געהערט ניט צו קיין פאַרטייען. ער איז דער יונגער ייִד פון אַלע צייַטן, וואָס וואָרצלט אין פאָלקישן לעבן און באַגלייט זייַן גורל. אַרטאַפּאַנוס איז טאַקע דער אידעען־טרעגער פון עסייִסט צאַנין. דער מחבר מאָלט דעם כאַראַקטער מיט אָביעקטיווקייט, מיט קינסטלערישן געשמאַק און מיט פערזענלעכער פּראָפּאָרציע. דאָס איז די גרעסטע מעלה פון ראָמאַן, וואָס דער מחבר, צאַנין, האָט ניט פאַרמישט אין דער לעבעדיקער נשמה פון זייַן העלד דעם פּסולת פון טענדענציעזער צוגעפּאַסטקייט. בכלל האָט צאַנין געמאָלן יעדן פון זייַן פיל־געשטאַלטיקער גאַלעריע מיט עכטער שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט, גרויסקייט אָדער קליינקייט. דעריבער איז דער צוזאַמענשפּיל האַרמאָניש און אַלע קאַפּיטלען זענען איין מאַסיווע גאַנצקייט.

## ג

דער ערשטער טייל, ירושלים, איז אַ שטיק ייִדישע בלוטיקע געשיכטע, וואָס הייבט זיך אָן מיטן „טריאומף־צוג" אין רוים, ווי שוין דערמאָנט, און שליסט צו,אַמען, צום סוף, דעם רינג, ווען אַרטאַפּאַנוס האָט „זיך אַ נדר געטון נישט אָוועקצוגעבן זײַן לעבן אין יאוש. ער מוז לעבן און טראָגן אין זיך דעם חלום פון דעם לעבעדיקן יהודה, וואָס אין דעם לאַנד פון ישׂראל".

דער צווייטער טייל, רוים, הייבט זיך אָן אין „יאָר איין און זיבעציק" — איין יאָר נאָך דעם חורבן פון בית־המקדש דורך טיטוסן. צאַנין מאָלט די דאָזיקע גורלדיקע תקופה אויף דער פּאָן פון ייִדישן ישוב, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער מעטראָפּאָליע פון דער געצנדינערישער אימפּעריע. אַרטאַפּאַנוס דערשײַנט שוין דאָ ווי דער ראש־הקהל פון אַ ייִדישער עדה און איר שול; ער איז דער וואָרטזאָגער און פּאַרזאָרגער אין ייִדישן לעבן. דאָ טרעפן מיר אים אויך אין קרײַז פון זײַן משפּחה, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אויף דעם פרעמדן באָדן. און ס'קומט, צום צווייטן מאָל, אַ גוואַלדיקע פּסיכאָלאָגישע צעטרייסלונג אין זײַן לאַנגן לעבן (נאָך יענעם ווײַטן ייִנגלשן שאָק בעתן געוועטלויף): אויפן פּאַראַד פון די זיגער פון רוים איבער יהודה, אויף וועלכן די ייִדישע געמיינדע־פירער ווערן געצוווּנגען בײַצוזײַן, לעבט אַרטאַפּאַנוס טיף איבער די סצענעס פון פירן די געשמידטע ייִדישע גיבורים פון ירושלים, די עקזעקוציע פון שמעון בר־גיורא, און צום סוף — ווען „די צוגערויבטע גאָלד־חפצים פון בית־המקדש זענען אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין טעמפּל פון יופּיטער" — ברעכט אַרטאַפּאַנוס צוזאַמען. ער ווערט קראַנק, דאָ קומט פאַר דער צווייטער גײַסטיקער איבער־בראָך אין אים: ייִנגלווײַז איז ער דורך אים צוריקגעקומען צו זײַן פאָלק, איצט וויל ער צוריק — צו זײַן לאַנד.

גלײַך אויף מאָרגן זאָגט ער צו זײַן פרוי: „זעלישע רו דאַרף איך". זײַן פרוי פאַרשטייט אים ניט. זי איז באַגײַסטערט פון די שבֿחים פאַר זייערע גע־ראָטענע קינדער. פּלוצלינג איז ער איר מגלה, דאָס וואָס איז פאַרגעקומען אי־בער נאַכט אין זײַן נשמה: „ווייטיקן דריקן מיר דאָס האַרץ, וואָס זיי דאַרפן בויען זייערע היימען אין רוים..." און דאָ קומט פאַר אַ היציקער שמועס צווישן מאַן און ווײַב, מיט אַרגומענטן פאַר און קעגן. אַרטאַפּאַנוס דערמאָנט „די שלי־חות פון אונדזער פאָלק... און מיר וועלן אַוועק פון רוים. אַוועק וואָס ווײַטער". און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, זײַן פרוי, די געבוירענע געצנדינערין, און איצט — די גאָטספאַרכטיקע גרטע, זאָגט: „פאַר וואָס זאָלן מיר זיך אַליין צעשטערן אין אונדזער היים און גיין זיך אויפבויען אין דער פרעמד?" און „אַרטאַפּאַנוס האָט זיך באַהערשט. ער האָט אויף דעם נישט רעאַגירט. פאַר איר איז רוים די נאַ־טירלעכע היים". און אין דעם, וואָס „ער האָט זיך נישט אָפּגערופן", איז שוין געווען פאַרחתמעט דער טראַגישער גורל פון אים און זײַן משפּחה, וואָס פירט צום קלימאַקס פון דעם אַרטאַפּאַנוס־עפּאָס.

אַספּאַסיאַנוס, דער אימפּעראַטאָר, האָט שוין געהאַט פאַרלייגט זײַן נעץ

אויף אַרטאַפּאַנוס", ווײַל ער זאָגט זיך אָפּ אים צו דינען מיט זײַן עצה. ס'ווערט געמאַכט אַ בילבול און מע פֿאַרשפּאַרט אים אין תּפֿיסה. און דאָ קומען עטלעכע קאַפּיטלען, געשריבן מיט טרויעריקן פּאַטאָס. דער גלויבן איז אָבער שטאַרק, ניט געקוקט אויף דעם גלײַכן עלנט וואָס שרפֿעט אין דער נשמה און אין לײַב פֿון דער פֿרוי. ס'לייענט זיך ווי אַן איוב־עפּאָפּעע פֿון דער פֿרוי, וואָס ברענגט צו קבֿורה איינעם נאָך דעם אַנדערן אירע דרײַ קינדער. זי שוועבט ווי אַ סימבאָל פֿון קדושה און אמונה איבער דער שוואַרצער מגפֿה וואָס בושעוועט אין רוים.

אַלע צוזאַמענטרעפֿן מיט יאָסעפֿוס פּלאַוויוס זענען פֿאַרכאַפּנדיקע פּסיכאָ־כאַראַקטעריסטיקעס פֿון דער דאָזיקער קאָנטראָווערסאַלער געשטאַלט פֿון ייִדישן געשיכטע־שרײַבער. דער טראַגישער פֿינאַל שטײַגערט זיך ביז צום קלימאַקס, ווען אויפֿן וועג צו גאַליע (וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט אויף זיך פֿרײַוויליק גענומען, נאָך זײַן באַפֿרײַונג), ווערט זײַן ווײַב קראַנק. ער גראָבט דעם קבֿר פֿאַר זײַן ווײַב, וואָס גייט אויס אין וועג. ער גראָבט מיט זײַן קינדשאַל דרײַ טעג — און „ערשט נאָך דעם דריטן זון־פֿאַרגאַנג האָט ער בײַם ליכט פֿון אַ שײַטער גענומען פּלאַוויאַס גוף אויף די הענט — זי איז געווען אַזוי קליין, ווי ער וואָלט זײַן פֿערט קינד געגאַנגען באַגראָבן".

דאָס פּראָבלעם פֿון צוריק קומען אַהיים איז אייביק געווען אַקטועל אין ייִדישן לעבן. די רעליגיעזע דינים און מינהגים האָבן אויפֿגעהיט פֿריש דאָס דאָזיקע געפֿיל און מיט די יאָרן נאָך פֿאַרטיפֿט די בענקשאַפֿטן פֿון די אַלע אַרטאַפּאַנוסעס, וואָס צאַנין האָט אים קאָנצענטרירט אין איין פֿערזאָן. און דער לעבעדיקער אַרטאַפּאַנוס מיט די ייִדיש־זאַפֿטיקע עמאָציעס, ווערט נאָך אַלץ צעטרייסלט פֿון פֿערזענלעכע שאָקן און פֿון ייִדישע גזירות — און ער לעכצט צוריק אַהיים. אין דעם זינען איז דאָס בוך אַ נאַציאָנאַלע ווערק, וואָס צעליכטיקט דעם גורל פֿון ייִדישן מענטש און זײַן אייביקן וועג — אַהיים!

צווישן די פֿיל ליטעראַרישע ווערק, וואָס זענען וועגן דער עפּאָכע אָנגעשריבן געוואָרן, טיילט זיך אַרויס מיט באַזונדערער אָריגינעלקייט דאָס ווערק „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים". צאַנין האָט מיט ראַפֿינירטע מיטלען אויסגעמאָלן די אויסטערליש־רעאַליסטישע אַרטאַפּאַנוס־געשטאַלט אין גײַסט פֿון ייִדישער פֿילצײַטיקייט. אפֿשר דאַרף מען זאָגן: איבער־צײַטיקייט פֿון ייִדישן זײַן, פֿון ייִדישער אייביקייט, אויב אַפֿילו ס'פֿילט זיך ערטערווײַז אַ לײַכטער דיסאָנאַנס פֿון סימבאָלישן אַרטאַפּאַנוס צום רעאַליסטישן. ס'איז די טראַגישע האַרמאָניע פֿון ייִדישן גורל, וואָס קומט פֿון איין מקור און ציט זיך צום זעלבן קוואַל — אַהיים.

די וויזיע פֿון דעם ליטעראַרישן אויפֿטו ליכטיקט דורך דער נײַער מדינת־ישׂראל. דעריבער איז טאַקע מ. צאַנין דער מײַסטער, וואָס האָט מיט זײַן לײַדנשאַפֿטלעך קינסטלערישן אָטעם צוזאַמענגעשמאָלצן די תּקופֿות און דעם ייִד־סימבאָל, איבער זיי, אין אַ תּמיד־באַוועגלעכער צײַט, וואָס טראָגט דעם אייביקן אַרטאַפּאַנוס צוריק צו זײַן חלום־היים.

דרום־אַפֿריקע, 1968.

# ישׂראל קאַפּלאַן שבכתב

ישׂראל קאַפּלאַן: געשליידער, הוצאת א״לת, תל־אָבֿיבֿ, 1970.
ישׂראל קאַפּלאַן: צייטנשניט — דערציילונגען, פֿאַרלאַג המנורה, תל־אָבֿיבֿ 1976.

## א

אַ בלעטער טוענדיק ס׳לעצטע בוך פֿון ישׂראל קאַפּלאַן, פֿאַרהאַלט זיך דאָס אויג אויף דעם יאָר וואָס איז אונטערגעצייכנט צום סוף פֿון איינער פֿון די מיניאַטור־דערציילונגען: 1926. מיר ווערן געוווירר אַז דער מחבר איז גאָר אַ בעל־יובֿל — פֿופֿציק יאָר שאַפֿעריש איינגעשפּאַנט אין יידיש־געדרוקטן וואָרט. אַלץ זעלטענער ווערן די דאָזיקע פֿייערלעכע דאַטעס אין דער יידישער ליטעראַטור און ס׳איז רעכט אַזאַ איינעם צו באַגריסן מיט נאָך אַ סך שאַפֿערישע געזונטע יאָרן.

אַלע קורצע דערציילונגען אין קאַפּלאַנס דריי ביכער שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ מין גאַנג, מיט איינגעהאַלטענע שפּרייז, דורך דער יידישער ליטע פֿון מיטן די צוואַנציקער יאָרן ביז קורץ פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. פֿון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָט שוין קאַפּלאַן אַרויסאַנטפּלעקט אַ באַוונדערש דערציילערישע יכולת. די תּקופֿה איז מערקיק אין לייכטן פֿעליעטאָניסטיש־צאַפּלדיקן זשאַנער. אָבער דאָס איז מער ניט ווי לבֿוש, פֿאָרעם, צימצום פֿון שטח, פֿון וועלכן ער קוקט אין די נשמות פֿון די העלד־ און ברענגט אַרויס זייער פֿרייד און וויי, זייערע ראַנגלענישן און פּסיכאָלאָגישע קאָנפֿליקטן. דאָס זענען אַלץ יידן, אַרויסגענומען פֿון סאַמע רעאַליסטישן לעבן. קאַפּלאַנס בילדער און שילדערונגען זענען נאָך היינט פֿריש און קרעפֿטיק און רעפֿלעקטירן די עכטע געשטאַלטן פֿון יידישן מענטש אין דער ליטע.

דער לאַנגער ליטעראַרישער שפּאַן פֿירט דורך חורבן און קאַצעט ביז אין דער ניי־אויפֿגעריכטער מדינת־ישׂראל. און דעם גאַנצן ליכטיק־פֿינצטערן וועג גייט קאַפּלאַן מיט זיין אייגן־אָנהייבערישן נוסח. אלא דער שאַפֿערישער אָטעם, און במילא די דערציילונגען, זענען געוואָרן אין די לעצטע יאָרן לענגער, דער אַריינבליק טיפֿער, די טעמעס קערנדיקער און די העלדן מער פּסיכאָלאָגיש קאָמפּליצירט. און ס׳איז אַוודאי אינטערעסאַנט דעם דאָזיקן פֿופֿציק־יאָריקן גאַנג אַ ביסל נענטער צו אַנאַליזירן.

בעת ס'איז אַרויס זײַן ערשט בוך דערציילונגען שליאַך און אומוועג (1964), האָב איך זיך אין אַן אַרבעט לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם ישׂראל קאַפּלאַן שבעל־פּה. דער פּענאָמען האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל צו דעם פּענמענטש און, לפּי־דעתי, פֿאַרשלנגען אַ היפּשן טייל פֿון זײַן פּראָזאַישן פֿאַרמעגן. די בעל־פּה־אימפּראָוויזאַציע איז נאָך ביז הײַנט די פּאָזיטיווע פֿאָלקישע אַנטפּלעקונג פֿון קאַפּלאַנען און האָט איר אייגענעם חן; אָבער אויף דעם אופֿן ווערט פֿאַרתּכלעוועט אַ היפּשער חלק פֿון זײַן שאַפֿערישן רכוש. ער אַליין איז דער בעסטער עדות. אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿישער דערציילונג „נײַע אייראָפּע“ זאָגט ער וועגן זײַן פּראָטאָטיפּ ווידוקלע: „און אַזאַ ווי ווידוקלע דערטרינקט ער די צרות אין אַ זאָג אַ לעבעדיקן, אין געלעכטער...“.

ישׂראל קאַפּלאַן איז דער כאַראַקטעריסטישער ייִד פֿון „רעדל“ — די רעדלעך אין קאַצעט און די פֿון די לאַגערן נאָך דער באַפֿרײַונג. אין אַזאַ רעדל האָט ער געבראַכט „הײַטערקייט“ און אים זעט מען דאָרטן „דעם גאַנצן ריידער“. דאָס איז דער קאַפּלאַן שבעל־פּה וואָס זײַן צונג האָט ניט געשטומט ווען ער איז געשטאַנען מיט אַ שטריק אויפֿן האַלדז בײַם „תּליה־סלופּ“. און „די הענט טאַפּן די שטריק, לייזער־לייזער מאַכן פֿונעם האַלדז. און אָט — ווידער זײַן שמייכל!“ און דער אומגעוויינלעכער שמייכל, דער קאַפּלאַנישער הומאָר, אַפֿילו דער תּליה־הומאָר, זענען אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן אַריבערגעפֿלאָסן פֿון דעם שבעל־פּה צו דעם שבכּתבֿ.

אין זײַנע בכּתבֿ־מעשׂיות קומט בולט אַרויס דער פֿאָלקסטימלעכער עלעמענט בליציק און וויציק און צו מאָל אויך פּעפּערדיק. און אין די אַלע זשאַנערס, וואָס מישן זיך דורך אין די ביכער, האָמערט ער אויס אַן אייגענעם דורכויס קאַפּלאַנישן סטיל. אויף דעם „שליאַך און אומוועג“ פֿון דער ליטעראַטור־דיסציפּלין גייט ער אָפּגעהיט און פּאַמעלעך. און מער ווי דער תּוכן איז עס דער סיגנון פֿון זײַן ייִדיש לשון. קאַפּלאַן איז איבערקלײַבעריש מיט ווערטער, ער גלעט אויס די שורה און צערטלט דעם זאַץ, ביז עס באַקומט זיך די ליטעראַריש אויסגעשליפֿענע דערציילונג. און ווײַל אַ וואָרט קען ווערן אַ מיכשול, איז דער אָפּוועג און אָפּמעסט די סיבה פֿון קנאַפּער קוואַנטיטעט. די 850 זײַטן פֿון זײַנע דרײַ ביכער זענען אָבער אַ מועט המחזיק את המרובה. אויף די קליינע אין דורכשניט פֿופֿצן זײַטן־לײַוונטן, מאָלט ער מיט קאָנדענסירטע פֿאַרבן טיפֿן און כאַראַקטערן, שטימונגען און געפּרעסטע בילדער פֿון לאַנדשאַפֿטן.

ב

דרײַ עפּאָכעס רעפֿלעקטירן זיך אין זײַנע ביכער — ליטע, איר חורבן און דער אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל. ניט תּמיד באַוועגן זיך די דערציילונגען גענוג דינאַמיש; פֿאַראַן ערטערווײַז אַן איבערגעכאַפּטע דאָזע רייד און אויך איבעריפּעריש שפּרונגען. דאָך וויקלט זיך איטלעכע דערציילונג אַרום אַ צענט־

ראַלן קערן און וואַקסט אָן צו אַ קלימאַקס. זײַנע העלדן זענען ניט קיין צוגע־טראַכטע ליטעראַרישע אָביעקטן, וואָס ער זויגט אויס פון מוח, נײַער־ די לע־בעדיקע ייִדן פון זײַן סבֿיבֿה. על־כּן זעען מיר אַזוי קלאָר זייערע איבערלעבונ־גען: גליק און מורא, טרויער און פרייד, סכּנה־ציטער און האָפענונג. די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע רעפלעקסן רופט אַרויס דעם באַוועג, גאַנג און זשעסטיקולאַ־ציע פון מענטש.

די בעסטע אילוסטראַציע פאַר אונדזער הנחה איז די לעצטע דערציילונג פון שליאַך און אומוועג — „אַ לייבעלע פון ירושלים". כּמעט אין אַלע פּופּצן זײַטן געפינען מיר זיך אין אַן אויטאָבוס, וואָס פאָרט פון תּל־אָבֿיבֿ קיין ירו־שלים — און דאָ שפּילט זיך אָפּ אַן אינטערעסאַנט־פאַרכאַפּנדיקער ספּעקטאַקל. אויף דעם קליינעם „שלאַכטפעלד" זעצט דער פרום־פאַנאַטישער טאַטע אויס זײַנע זין אויף סטראַטעגישע פּאָזיציעס, צווישן די ייִדישע שונאים.. און מ'זעט שטאַרק רעליעף דעם פאַנטאָמימישן סצענאַר, ווי פּסיכישע שרעק שיסט פון טאַטנס אויגן „מיט פײַערדיקע בליקן". און ער פאַרטיידיקט זײַן אײנד ווידוען משפּחה־פּראָנט מיט ניט ווייניקער קינאה, ווי דער קאָמאַנדיר פון דער אָקערש־באַפרײַטער ירושלים בײַם „שער האַריות" (ערשטע דערציילונג פון געשלײַדער) פאַרטיידיקט דעם נאַציאָנאַלן פראָנט. אַוודאי האָבן די צוויי אַנדערשדיקע, קעגנ־אַנאַנדיקע וועלטן זייערע באַזונדערע מינים תּכסיסי־מלחמה, אָבער קאַפּלאַן ווײַזט אונדז די עקשנות און אײפערדיקייט מיט וועלכע זיי קעמפן פאַר זייער קיום. אין די דערציילונגען וועגן פרומען יישובֿ פון ירושלים זענען די כאַראַק־טערן געצייכנט מיט שאַרפע און ראַיעלע שטריכן, נוצנדיק דערבײַ זייער אופן ריידן, וויכּוחים און דעם אידיאָמאַטיש־לומדישן ייִדיש: די סבֿיבֿה־אַטמאָספער.

מיט פײַנער פאַרשטענדעניש רירט ער אָן די פּסיכאָ־קאָמפּלעקסן פון די דאָזיקע ייִדן. מיר זעען די וואָרצלען פון זייער מורא פאַר דער אַרומיקער ייִדישער וועלט. זייער אויסגעטראָטענער דרך פון דורות איז באַפּאַנצערט מיט חשד און אַנטלויף צו זיך און אין זיך. מיט גוטמוטיקער, ניט־איבערגעטריבענער איראָניע וואַרפט קאַפּלאַן שטראַלן ליכט אויף זייער אַנדערשקייט, וואָס באַמיט זיך צו באַהאַלטן פון פרעמדע בליקן. אין דער דערציילונג „שקר והבֿל" און נאָך מער — אין „אַ ספר אָן גרײַזן", האָט קאַפּלאַן רעאַליסטיש אַרויסגעבראַכט די ליכט־און־שאָטן־זײַטן פון די דאָזיקע ייִדן. אין דעם מיסטעריעזן ספר, ווי ס'ווערן פאַרשריבן דעם מענטשנס גרײַזן, מוז מען שטאַרק מקפּיד זײַן ניט דורכ־צולאָזן אַ טעות. די בעסטע דערציילונג פון ירושלים־זשאַנער איז „אַ גוטער תּשרי", פון זײַן נײַ בוך. דער אַלטער ר' אָשר־זיסל, דער הויפּטהעלד, איז לע־בעדיק און פולבלוטיק אַרויסגעפירט אויף דעם הינטערגרונט פון די פּאָרכטיקע טעג. זײַן ציטעריקע פרומקייט קומט אָבער ניט אין קאָנפליקט מיט זײַן רעאַ־ליסטישן קוק אויפן לעבן. ער האָט זײַן חנעוודיקע און לײַכטע שפּאַסערײַ. אפשר איז צו לאַנג און פאַרעלטערט דער אַנעקדאָט, ווען ר' אָשר־זיסל זוכט זיך „אויס־צוקוויטירן מיט דער גדלותדיקער דאַמע". אָבער קאַפּלאַנען איז דאָ געראָטן

אַרויסצוקליגגען די גאַמע געפילן, שטימונגען און רייד. מיר פילן דעם שטאַרקן גייסטיקן כּוח פון אמונה, וואָס בינדט די ייִדן צו זייער שורש, זייער פאָלק און צו דער עיר־המלכות פון דוד.

ג

פון די גורל־תּקופות אין ייִדישן לעבן — חורבן און שארית־הפליטה — האָט ישׂראל קאַפּלאַן צוזאַמען מיט די גוטע, פּאָזיטיווע אַספּעקטן געמאָלן אויך די נעגאַטיווע. ער שילדערט אָבער די ייִדן מיט ליבשאַפט און די קלוגע איראָניע פאַרגלעט אַ סך בייזקייטן. דער ווײ און דער לאַך, די יסורים און דער שמייכל זענען צוזאַמענגעפלאָכטן. אָבער קודם אַ בליק אויף דער פאַרמלחמה־תּקופה. אין די דערציילונגען זעען מיר די ליטווישע האַרציקע און נאַיִווע ייִדן פון אַלע שיכטן און פּאָליטישע ריכטונגען: דעם אַרבעטער און קרעמער, דעם בוכהאַלטער און דאָקטער, דעם באַנקיר, דעם גבאי און סטודענט. זיי זענען עכט און נאַטירלעך אויף דעם הינטערגרונט פון יענער צייט. אַ סך פון די דערציילונגען זענען געשריבן אין פעליעטאָניסטישן נוסח, מיט כאַראַקטעריסטישן הומאָר, און אַ שאָד וואָס די קינסטלערישע לייוונטן זענען ניט אויסגעברייטערט.

די ערשטע דערציילונג פון 1926, טראָגט שוין דעם אָנזאָג פון קאַפּלאַנס גאַנג און וועג. ס'איז לעבעדיקע ליטע־רעאַליטעט. באַזונדערש אינטערעסאַנט איז די לענגערע דערציילונג „פריַיע הענט״. אין יענע אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט מען נאָך געגלייבט אין אַזאַ זאַך ווי פריַיע מיינונג און אַפילו „הענט״, אין דער פּאַרטיי פון דער רעוואָלוציע־ליניע. מיט הומאָר, אָבער אין וואַרעמע טענער, איז געצייכנט דער קאָמפּלעקס פון דעם כּבֿוד־זוכער און קאַריעריסט דאָקטער וואָסמער, וואָס ראַנגלט זיך הילפלאָז מיט רחמנות־געפילן. אַ באמת שטאַרקע סטרונע פון מענטשלעכע געפילן האָט קאַפּלאַן אָנגערירט אין „אַ מויל מיט פינגערלעך״. דער טיף דורכגעלעבטער עמאָציאָנעלער אויפרודער פון אַ ניט־לעגאַלן טאַטן צו זיין טויט־געבוירן קינד האָט די טראַגיש־שיינע מאָמענטן פון הילפלאָזיקייט און יונגער נאַיִווקייט.

נאָך ליטע קומט די חורבן־תּקופה, אַ „צייטנשניט״ וואָס איז טיף איינגעקאַרבט אין קאַפּלאַנס לייב און נשמה: ער טראָגט אין זיך און מיט זיך די איבערלעבונגען און דערמאָנונגען פון געטאָ און קאַצעט. ער איז דער קלאַסישער קאַצעטלער, וואָס זוכט פונקען ליכט אין חושך, די וואַרעמקייט פון האַרץ און שמייכל, וואָס די רוצחים האָבן ניט געקענט אויסלעשן. דאָס קלאַמערן זיך אין לעבן, דער אומאויפהערלעכער בטחון אויף אַ גאולה־שלמה, איז דער ליכטיקער פּאָזיטיוויזם פון די טרויעריק־אַבלדיקע דערציילונגען.

נאָך דער באַפריַיונג האָט זיך צעוויקלט אַ נייַער שאַפונג־פּעריאָד — שארית־הפליטה. און אָן שהיות, ווי נאָר קאַפּלאַן האָט זיך געשטעלט אויף געזונטע פיס, האָט ער אָנגעהויבן די קאַפּיטלען פון נאָכחורבן. די לאַגער־רעאַליטעט האָט

אָנגערעגט און געוועקט מיט יצירה־אויפברויז. האָט גראָד דער „מיטן חורבן אין האַנט״ געפילט, אַז זײַן חובֿ איז צו פאַרצייכענען די מעשׂה פון באַנײַטן לעבן.

אין זײַן געבֿיטענער געשטאַלט איז דאָס געווען ס'אַלט־באַקאַנטע שטעטל: „אַט די לעבעדיק־אָפּגעשפּרונגענע שפּליטערלעך פון די טויזנטער צעשמעטערטע קהילות אין אייראָפּע״. און די תּחית־המתים־ייִדן זענען אויפגעשפּרונגען ווי דער גילגול פון שטעטל. און נאַטירלעך אַז קאַפּלאַן האָט דאָ ווידער דערזען זײַן ייִדיש פאָלק אין מיניאַטור אַ ביסל קאָמיש, קרום און מיט יסורים־שטעכערלעך אין זײַן אויסגעפּײַניקט לעבן. קאַפּלאַן האָט דאָס געמאָלן מיט באַנײַטע שאַפערישע כּוחות, אין קורצע בילדער און פאַרצייכענונגען, וואָס זענען ווי אַ מין אויסגעשליפענע נאָכחורבן־כראָניק. דאָס איז אַן ערשטראַנגיקער מאַטעריאַל, וואָס האָט פאַרהיט דעם אָטעם פון דער צײַט: דאָס ביטערע געראַנגל פון כּלל און פּרט פאַר רעהאַביליטאַציע און אויפבוי.

אין דעם שאָטן פון לאַגער־שטעטל האָט אָבער אַ שײַן געטאָן אַ נײַער וויץ און הומאָר אין זײַנע קורצע און לענגערע דערציילונגען. ס'האָט ניט ווי געטאָן, אָבער אין דער עלנטער וואָר האָט עס געוועקט דעם גוטמוטיקן שמייכל און געלעכטער. אויף דער אומעטיקער קאַנווע וועבט זיך דורך דער הומאָר מיט גענוג עלעגישע טענער און לירישן האַרצצאַפּל. אין די בלומען, אָרום דער עסטראַדע פון דער שארית־הפּליטה־קאָנפערענץ, זעט ער „אונדזערע בלומען־נשמות״ — די אומגעבראַכטע קינדערלעך — און מ'דאַרף ניט קיין שענער ליד...

די סאַמע קאַפּיטאַלנע דערציילונג אין לעצטן בוך איז „איבערגאַנג״. „קאַפּיטלעך״, אין אונטערקעפּל, לאָזט אונדז מסתּמא הערן אַז דאָס איז אַ ברייטע פאַרמאָסטענע געשיכטע פון די לעצטע דורות, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די ייִדישע וועלט פון יענעם „צײַטנשניט״ וואַקסט אויס אין ברייטער ראַמען, הגם דער אַרויסגאַנג־פּונקט איז דאָס ווינקעלע אין רבֿס שטוב און די פּערסאָנאַזשן, בלויז צוויי — רבֿ און גבאי. שוין אין ערשטן קאַפּיטעלע איז פאַראַן דער לומדישער פּשט „אַ בפּירושע גמרא״, וועגן דײַטשלאַנד, וואָס קלינגט ווי אַ ביטערע נבֿואה פאַר די שפּעטערדיקע חורבן־יאָרן...

ישׂראל קאַפּלאַן האָט במשך פון אַ יובֿל יאָרן אָנגעטאָן אין אַ דערציילערישן לבֿוש דעם צײַטנשניט פון דרײַ גורל־תּקופות אין ייִדישן פאָלק. ער האָט אָנגעשריבן קאַפּיטלען פון פּופּציק יאָר אין אונדזער לעבן און עס אַרויסגענומען פון דער גרויער טעגלעכער כראָניק. דאָס מיינט: ער האָט אָנגעשטעלט אַ לעבעדיקן זכר צו דער פאַרשניטענער ייִדישער וועלט און ער טוט עס איצט פאַר דער נײַער ייִדישער וועלט, אין וועלכער ער לעבט.

די גאָלדענע קייט 92 — 1977.

- ישׂראל קאַפּלאַן —דער בעל־מידות: אונדזער וועג, מינכן, יאַנ׳ 1949.
- ישׂראל קאַפּלאַן — דער אייביקער דערציילער: דרום־אַפריקע, 1964.
- ישׂראל קאַפּלאַן — מיט אַ שמייכל: ישׂראל־שטימע, מאַרץ 1982.

# אין ליכט פון טאַטישן צער

שטיל־געווין: במסתרים תּבכּה נפשי (ירמיהו י״ג, י״ז) — אַ ציקל לידער פון אליעזר קליר, תּל־אָבֿיבֿ, תּשט״ז. 48 זז׳.

אַ טיף־טראַגישער דאָקומענט פון אַ הערצ׳יש ביטערער צײַט איז דאָס ווײַסע לידער־ביכל פון אליעזר קליר. צווישן די ליכטיקע, דינע טאָוועלעך זענען פאַראַן 15 שטילע, זייער אומעטיקע און זייער פשוטע לידער: אָבֿלות־געזאַנג, געוויין פון אַ טאַטנס צעווייטיקט האַרץ, און שטיל ווי אַ טרערן־דורכגעזאַפּטע תּפילה. קורצע פּסוקים־פּערזן, געלאָדן מיט הערלעך רירנדיקער פּײַן פון אַ טאַטן אויפן טויט פון זײַן איינציקן יונגן קינד, וואָס מאַכט אויפציטערן דאָס געמיט מיט זייער לויטערן צער און רעזיגנאַציע. פופצן קליינע לידער, וואָס זענען ווייגעשריי און טרייסטזוכונג און בענקשאַפט־געיאָמער.

די לידער־שורות האָט געשריבן אַ טאַטע, אַן אָבֿל, און ניט קיין דיכטער. זיי זענען, בײַ זייער גאַנצער פּשוטקייט, דורכגעפילטרירט און דורכגעווייקט אין טאַטישן בלוט. דאָ גילטן ניט קיין ליטעראַרישע קריטעריעס — חס מלהזכּיר! אַפּשאַץ־ווערטער ווערן דאָ קליין און נישטיק, איינגעשרומפּט און פאַרבלאַסט אין ליכט פון טיפן און גרויסן טאַטישן צער.

אַ טאַטע שרײַבט קינות אויפן טויט פון זײַן זון, וואָס איז יונג און אייגן, ווי דאָס פאָטערלאַנד ישׂראל איז יונג און אייגן — און ביידע זענען אים ליב און טײַער. אין זײַן הקדמה צו דער ייִדישער אויסגאַבע שרײַבט ער: „ווער קען אָפּשאַצן ווי ליב און טײַער און הייליק ס׳איז די מדינת־ישׂראל בײַ די עלטערן וואָס האָבן באַצאָלט פאַר איר דעם העכסטן פּרײַז — דאָס לעבן פון זייערע קינדער?”... „זי איז זיי ליב ווי ס׳איז ליב עלטערן אַ קינד וואָס הויבט ערשט אָן צו מרוקען, צו שמייכלען, צו לאַכן, וואָס הויבט ערשט אָן צו שטעלן זיך אויף אייגענע פיס, צו גיין”. און ווײַטער שרײַבט ער: „ניט אַרויסרופן געפילן פון טרויער איז דאָ מײַן כּוונה, נאָר מונטערן, שטאַרקן און באַגײַסטערן”. און נאָך ווײַטער: „די יסורים פון די עלטערן — ווער קען זיי אויסמעסטן, ווער קען זיי שילדערן, ווער קען זיי באַשרײַבן?” און נאָך אַ זאַץ פון דער הקדמה: „עלטערן האָבן זיך אין פּײַן און לייד דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון אַהבֿת ישׂראל”.

**דער טאַטע, אליעזר קליר, האָט זײַן שטיל־געוויין** „געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון די צוויי העלדישע שוועסטער־קינדער: דוד קליר, זון פון אליעזר און פײַקע — פּתח־תּקווה, צבֿי׳קה מרכּוס, זון פון אַהרן און רבֿקה — כּפר גנים, פּ״ת, וואָס זײַנען געפֿאַלן פֿאַר דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישׂראל אין איינאונדעמזעלבן טאָג (י״ז אייר תּש״ח) פון ביידע זײַטן ירושלים — דער ערשטער אין לאַטרון, דער צווייטער אין רמת־רחל״.

**די לידער זענען דערשינען, אין העברעיִש, גלײַך נאָך דער באַפֿרײַונגס־מלחמה פון ישׂראל, מיט אַכט יאָר צוריק, א״נ „מקרבֿ״. און דער מחבר פֿאַר־ענדיקט זײַן הקדמה:** „דערפֿאַר האָב איך איצט, 8 יאָר נאָך אונדזער באַפֿרײַ־ונגס־מלחמה און 6 יאָר נאָכן דערשײַנען פון מײַן לידער־ביכל „מקרבֿ״ אין העברעיִש, באַשלאָסן די דאָזיקע לידער אַרויסצוגעבן אויך אין ייִדיש. זאָלן זיי לייענען אויך די עלטערן, וואָס פֿאַרשטייען בלויז מאַמע־לשון און אַרויספֿירן פון די ווערטער דעמזעלבן כּוח וואָס אַנדערע. זאָלן עס אויך לייענען „נײַע עור־לים״, וואָס זייערע קינדער זײַנען גלײַך פון די שיפֿן, אָן דער שפּראַך אין מויל אַפֿילו, געלאָפֿן צום קאַמף פֿאַר מדינת ישׂראל און געפֿאַלן, ניט איינער אפֿשר מיט דעם טראַדיציאָנעלן „שמע ישׂראל״ אויף די ליפּן...״.

**אליעזר קליר איז דער מחבר פון צוויי ביכער אין העברעיִש, איינס: „אַבֿו־תיהם של הנאַצים״** (די טאַטעס פון די נאַציס), **וועגן דער דײַטשער אָקופּאַציע פון פּוילן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַ צווייטס: „עולמות״** (וועלטן), **וועגן דאָס ייִדישע לעבן אין אַ שטעטל אין פּוילן.**

# איינער פון די לעצטע פון ליטע־שבט

ראובן רובינשטיין איז געווען דער וועטעראַן פון יידישן זשורנאַליזם אין ליטע. זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיטן אויפקום פון דער ליטווישער רעפּובליק, ווען אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך האָפערדיק צעבליט אַ שפּרודל־דיק יידיש לעבן מיט נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און אַן אייגענעם יידישן מיניס־טער. אין יענע טעג האָט אָנגעהויבן דערשיינען די טאָגצייטונג „די אידישע שטימע" און איר רעדאַקטאָר איז געוואָרן — דער יונגער ראובן רובינשטיין.

אַליין אַ געקומענער פון דער ליטווישער פּראָווינץ, איז ער געווען דורך און דורך אַ פאָלקסמענטש. ער האָט גוט געקענט און פאַרשטאַנען דעם ליטווישן ייד, געוווּסט וואָס אים פעלט און וואָס מ'דאַרף אים געבן. האָט ער טאַקע פאַר־וואַנדלט די צייטונג אין אַ פאָלקס־טריבונע — פאַר יעדן ייד, פאַר יעדן יידישן יוגנטלעכן, פאַר יעדע יידישע היים. זי איז געוואָרן דער איינציקער מקור פון אינפאָרמאַציע וועגן יידישן לעבן אין ליטע און אויף דער וועלט. דאָרט האָט מען געפונען אַן אויפקלערונג און אַ קאָמענטאַר, אַ פעליעטאָן און אַן אַרטיקל, וואָס יידן האָבן געשלונגען מיט אַפּעטיט. און אין די פרייטיקן איז עס געוואָרן די וועכנטלעכע ביבליאָטעק אויף אַ גאַנצן שבת. די ליטעראַטור־ביילאַגע האָט פאַרמאָגט אָנגעפּיקעוועטע זייטן מיט ראָמאַנען און הומאָרעסקעס, דערציילונגען, לידער און עסייען פון אויסלענדישע באַקאַנטע שרייבערס, און פון אייגענע וואָס פּיקן זיך ערשט אויס פון איי...

רובינשטיין איז געווען אַ מייסטער־זשורנאַליסט פון פאָלקסטיל. ער האָט די יידן געגעבן זייער טעגלעך ברויט אין ראָזעווען יידיש. זיין טעגלעכער לייט־אַרטיקל, אָדער ווי מ'רופט עס היינט „קאָלום", וואָס איז געווען אונטערגעשריבן מיט צוויי רישן — און ביי וויכטיקע ענינים מיטן פולן נאָמען — איז געוואָרן די סאַמע אויטאָריטעטע מיינונג אויף דער יידישער גאַס. ער האָט געשריבן פּשוט, פאַרשטענדיק, קלאָר. ער איז געווען דער וואָרטזאָגער און פירשפּרעכער פון ליטווישן יידנטום. און הגם „די אידישע שטימע" איז געווען אַ רייך ציוניסטי־שע — און אין אַ געוויסן פּעריאָד אַפילו געהאַט אַ רעכט־רעוויזיאָניסטישע אָריענטאַציע — האָט זי זיך דערוואָרבן אַ ברייטע פאָלקסבאַזע און געבליבן אַלע יאָרן די פירנדיקע צייטונג אין ליטע. די צייטונג איז זיך גרויס צעוואַקסן און זי האָט געגעבן דעם טאָן ניט נאָר אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָר האָט אויך מיטגעווירקט און ביי געטראָגן צום שעפערישן אויפשטייג פון דער יונגער פלעיאַדע שרייבערס און פּאָעטן.

רובינשטיין איז געוואָרן אַ נאָמען ניט נאָר אין ליטע, נאָר אויך אין אויס־לאַנד, און זײַן נאָמען איז געווען אין אַ געוויסער מאָס די אידענטיפֿיקאַציע פֿון ליטווישן ייִד. זײַן סטאַטוס איז געווען פֿון אַזאַ גראַד, אַז אויך די פּאַרטייִשע פּרעסע האָט זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו זײַנע מיינונגען. אַזוי האָט אויסגע־זען דאָס בילד ביז ליטע איז אין 1940 אָקופּירט געוואָרן דורכן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

ס'הייבט זיך אָן דער אַלגעמיינער חורבן־קאַפּיטל פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום און מיט דעם אויך די פּערזענלעכע טראַגעדיע פֿון ראובֿן רובינשטיין. זײַן „אידישע שטימע" ווערט אין משך פֿון אַ פּאָר וואָכן מגולגל אין אַן „עמעס", און ער אַליין ווערט מיט נאָך הונדערטער ייִדן (א"ג „שׂונאים פֿון סאָוועטן־פֿאַר־באַנד") פֿאַרשלעפּט אין סיביר. אין 1947 קערט זיך רובינשטיין צוריק פֿון „דאָרט", מיטן פּליטים־וועג, קיין דײַטשלאַנד. אַ שאָד וואָס ער האָט דעם „סוד" פֿון זײַן סאָוועטישער קאַטאַרגע באַהאַלטן בײַ זיך אין האַרצן — ניט גערעדט און ניט דערמאָנט און אויך ניט באַרירט עס מיט דער פּען.

אין 1949 איז ער עולה געווען קיין ישׂראל, און ביז צום לעצטן טאָג געווען טעטיק געזעלשאַפֿטלעך און זשורנאַליסטיש. זײַן ליטווישע קאָלאָניע אין ישׂראל האָט אים נאָכגעטראָגן די „אַלטע" אָנערקענונג פֿון זײַן רום־ און גלאַנץ־פּעריאָד פֿון דער ליטע. מ'האָט אים אין ישׂראל געדענקט „די גנאָד פֿון זײַן יוגנט" — די באַגײַסטערטע און מוטיקע מאמרים זײַנע, וואָס האָבן געהאָלפֿן בויען די ציוי־ניסטישע און חלוצישע באַוועגונג אין ליטע; אַרטיקלען וואָס האָבן געצייכנט דעם וועג פֿון ציוניסטישן געדאַנק און די פֿאַרווירקלעכונג פֿון איר אידעע — אַרטיקלען פֿון גלויבן און האָפֿענונג. ער האָט פֿאַרגעזעצט צו שרײַבן אין זעלבן גײַסט, און זײַנע אַרטיקלען זענען זיך צעגאַנגען איבער דער ייִדישער וועלט.

אין מדינת־ישׂראל און אין די תּפֿוצות האָבן צענדליגער טויזנטער ייִדן יעדן פֿרײַטיק צו נאַכט געוואַרט אויף זײַן „גוט שבת, ייִדן!" אין דעם „קול ישׂראל" פּראָגראַם אויף ייִדיש. זײַן וואַרעם־ליטווישער אַקצענט האָט דערמאָנט דעם אַלט־באַקאַנטן סטיל פֿון אַ געמיטלעכן שמועס אין ייִדישע היימען.

רובינשטיין האָט נאָך זוכה געווען, אַז זײַן חלום זאָל פֿאַרווירקלעכט ווערן —ער האָט מיטגעזונגען און מיטגעוויינט מיט די פֿריידן און לײַדן פֿון דער אויפֿגעקומענער מדינת־ישׂראל. טיף אין האַרצן האָט ער אָבער געטראָגן דעם צער און די יסורים פֿון חורבן פֿון ליטווישן ייִדנטום און פֿון זײַן היים־חורבן — זײַן פֿרוי און זײַנע קינדער — וואָס זענען פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון די נאַציס.

מיט ראובֿן רובינשטיין איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ פּראָמינענטער זון פֿון ליטע־שבֿט — איינער פֿון אירע לעצטע וואָרטזאָגער און פּירער.

דרום־אַפֿריקע, 1967.

• איבערגעדרוקט אין ספֿר ראובֿן רובינשטיין, תּשל"א־1971. ז"ז 127־129.

# דער טעם פון האַרבסטיקע טרויבן

יעקבֿ צבֿי שאַרגעל: פון ווייַ און גלויבן — לידער. פאַרלאַג י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, תּל־אָבֿיבֿ, ישׂראל, 1959. 158 זז׳.

יעקבֿ צבֿי שאַרגעל: טויערן אין די בערג — לידער. צייכענונג: דוד טושינסקי. פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, תּל־אָבֿיבֿ, ישׂראל. תּשל״ג־1973. 114 זז׳.

יעקבֿ צבֿי שאַרגעל: האַרבסטיקע טרויבן — לידער. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ, תּשל״ז־1977. הילע געצייכנט: אַלכּסנדר באָגען. פּאָרטרעט: מיכאל מילבערגער. 113 זז׳.

## א

יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל פאַרמאָגט אַ היפּשן ליטעראַרישן באַגאַזש אין ליד און עסיי, וואָס איז אי פּילעוודיק, כּמותדיק, און אי וואָגיק, איכותדיק. וואָלט אַ פּרווו אַרומצונעמען דעם גאַנצן יצירה־גאַנג פון דיכטער אין איין אָפּהאַנדלונג, געוואָרן אַ צו גרויסער פאַרמעסט, מה־דאַך, אַז שפּעטלעך זענען צו מיר דערגאַנגען זײַנע לידער־ און קריטיק־ביכער, כּדי צו באַווײַזן זיי דורכצואַקערן ווי געהעריק. און זײַן יעטווידער בוך האָט זײַן ווערט און אַנדערשקייט, וואָס דאַרף באַזונדער אָפּגעשאַצט ווערן. איז פאָלג מיר אַ גאַנג! ס׳איז אפשר ניט ווייניקער טירחה ווי אַ ריר צו טאָן פון אָרט דעם באַרג פון כעלעם...

איז מיר פאַרבליבן ניט אַנדערש, ווי אָפּצייכענען די ביכער־שפּיצן, וואָס הייבן זיך אַרויס פון באַרג, אין דימענסיעס פון ווײַטיקייט און צײַטיקייט. אין דער פּערספּעקטיוו קאָן מען בעסער און פולער זען דאָס שאַפערישע גערעטעניש פון יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל, וואָס זײַן קרעאַטיווער אויסמעסט איז אין תּוכיקייט מער ווי אין צאָליקייט. לאָמיר, דרך־משל, אַ צעשפּרייט טאָן אַ הויפן דימענטן, וועלן תּמיד אַרויסבליצן מיט זייער בריליאַנטענעם געשימער די מער פּערפעקטע. דאָס גלײַכן איז מיט גײַסטיקער יצירה, מיט פּאָעזיע, וואָס צום באַדויערן קאָן מען ניט תּמיד ציטירן וויפל מ׳וואָלט געדאַרפט. וועלן מיר באַהאַנדלען די ביכער, אין ליכט פון לידער־דוגמאות, אויף וויפל ס׳לאָזט זיך, נאָכפאָלגנדיק דעם ביכערוועג פון יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל.

פון ווי און גלויבן איז, קוואַנטיטאַטיוו, די פולסטע לידער־זאַמלונג — 1959־1939 — פון יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל. פּאַקטיש מיינט עס: 20 יאָר שאַפערישע מי, אָבער היסטאָריאָגראַפיש און גײַסטיק זאָגט אונדז דער ציפער: דאָס זענען די געזאַנגען און קינות אין די צוויי גורלדיקסטע געשיכטלעכע עפּאָכעס פון ייִדישן פאָלק — אין אומקום און אויפקום. די אַ צוויי תקופות רעפלעקטירן אין די לידער מיט צער און ווייטיק, מיט עמאָציאָנעל־שאַרפע לירישע ווידערקלאַנגען און עכאָס פון ציטעריקן טרויער־און־פרייד־צוזאַמענשמעלץ. אין די לידער זעען מיר די מענטשלעך־וואַרעמע שטריכן פון דיכטערס פיזיאָנאָמיע, און פילן די נאָענטשאַפט פון זײַן ייִדישן מהות. און בעת ער שטעלט פעסט אין דער ערשטער שורה פון זײַן פּירוואָרט, אַז „דער אָפּקלײַב איז — — אַן אינטימער", קלאָרט זיך באַשײַמפּערלעך אַרויס דער אינטימער פּאָרטרעט פון דיכטער, בײַם לייענען נאָך דעם זײַנע לידער.

דער ווי שפּיגלט זיך יסורימדיק, בפרט אין טרויעריקן ליכט פון די ערשטע צוויי אָפּטיילן: „ווינטיקער אָנזאָג" און „טרערן אין וואָלקנס". שוין אינעם כּמו־מאָטאָליד, „פּרעליוד צום יאָר 1939", וועבט ער אויס אין וואָרטבילדער די געפילן פון זיך און זײַן דור, ווי ער האָט זיי דורכגעלעבט אין זײַן צעשווידערטער וויזיע ערבֿ און תּחילת דעם גרוילפּעריאָד, ווען דער ברוינער טײַוול האָט שוין געהאַט „אַרויסגעלאָזט פון באַהעלטעניש די שרעק", און „דער גלאַנץ פון באַגנעטן שנײַדט די שוואַרצקייט האַקנקרייציק". דאָס יאָמער־געזאַנג פון אומקום צאַפּלט אין די לידער, וואָס גאָר ווייניקע פון זיי זענען פאַרזען מיט דאַטעס: סוף 30ער און אָנהייב 40ער יאָרן. דער תּוכן, ווי געזאָגט, איז די חורבן־עפּאָכע פון בית־ישׂראל, אַפילו אין די לידער פון פריידיקער נאַטור, ווען דער דיכטער גייט „דעם פרילינג אַנטקעגן" (טיטל, ז׳ 13. יאָר: 1940) הערט ער ווי עס „רוישט" — — „דאָס וועלפיש געהויל", אָבער ער זעט ניט „וואָר וועט — — פאַרטרײַבן דעם פּײַן פון די שטיבער", וואָס ער טוט „פאַרגלײַכן מיט היים מײַנער, אַלטער און ליבער".

אויף דעם דאָזיקן עמאָציאָנעלן בריק — שטעטלהיים און ישׂראל־היים — שפּרײַזט ער אין זײַנע לידער הין און קריק, און ביידע זענען נשמהדיק פאַרקלאַמערט אין זײַן איך. האָט ער דאָך שוין לאַנג געהאַט דורכגעמאַכט זײַנע פאָרמאַטיווע יאָרן, אין שטעטל, אָבער פון די לידער שרײַען זיי ווידער אַרויס מיט די שוואַרצע שניטן פון זײַן קינה. אַט פּראָקלאַמירט ער אין זײַן לעצטן ליד אין בוך, „איך", וואָס דאַרף אַ פּנים זײַן אַ זעלבסטפּאָרטרעט: „מיט פּײַן און מיט ווי פון אַ יעדן / איך פיל זיך דאָ אַן, ווי אַ לאָגל, / כ׳בין מלא פרייד — ווען פרייד איז נאָר פאַרהאַנען" (ז׳ 158). מיט דעם איז ער מעיד אויף זיך, אַז ער איז אָנגעלאָגלט מיט ווי־ און פרייד־איבערלעבונג פון ביידע היימען, אייבצײַטיק. און די סובלימאַציעס פעלן ניט אין זײַנע דעמאָלטיקע לידער.

און ווי פירט דירעקט צום — „אין זכות פון גלויבן", ווען „עס טאָגט" (טיטל, ז׳ 67) און „ווידער רוישט לעבן אַרום מיר". פון דאַנעט איז דער גראָדער

און נאַטירלעכער איבערשפּרייז צו „זוניקע שוועלן" — דער פּאָר־לעצטער אָפּ־טייל אין בוך, וואָס איז אַ ברייטער און טיפער צעקלונג און צעזונג פון דער ישׂראל־טעמע — די נײַע היים. דער לעצטער אָפּטייל הייסט „ליבשאַפט", און ס'איז די ליבשאַפט צו, און גליקשאַפט מיט אָרטשאַפטן און בילדער פון ישׂראל, איר נאַטור און פּייסאַזשן. דערבײַ גליטשן זיך דורך ניט ווייניק שטימונגען וועגן און פון שטעטל, איר חורבן און אומקום, דאָס פאַרגיין פון די אייגענע און ליבע — אַ גאָר ברייטע פעלד פון טראַגישער טעמאַטיק.

## ב

זוניקע שוועלן איז אַרויס אין 1968, און איז אויך פון גלײַכן תּוכן: דער ליכטיקער אויפקום פון מדינת ישׂראל, און די באַגלייט־שאָטנס צו דעם אַ זוניקן געזאַנג, דער חורבן פון פאָלק. דאָס אַלץ — פרייד און לייד, לויב און תּפילה — ווערט געזען אין ליכט פון ליריש־איכיקע אַנטפּלעקונגען און פּאָעטישע חזיונות.

פון דאָ צו טויערן אין די בערג (1973). ווידער שפּאַנען מיר דעם זעלבן מהלך, אין היימלאַנד, מיטן זעלבן שאַרגעלישן ריטעם, אָבער אין נײַע זעונגען און אויפגעפרישטע עמאָציעס. די זעלבע „טויערן" פירן אויך צו היים, די געוועזענע, „אויף די וועגן פון חומש". דאָס זענען ניט די געאָגראַפיש־היסטאָרישע וועגן, וואָס זענען אָפן פאַר זייַן פוס, אין ישׂראל־לאַנד, נאָר „וואָס דער רבי האָט מיך געפירט" — די קינדיש־פאַנטאַסטישע, ווי טויערן וואָס „האָבן דעמאָלט זיך געעפנט" אין האַרצן און דאָרטן שוין פאַרבליבן. אין דעם כּישופדיקן חלום און אין דער סימבאָליק האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן: „דער באַרג איז דער זעלבער, און דער הימל איז דער זעלבער" און דער זעלבער איז דער קינד־גייער: „גיי איך און גיי אַרײַן אין די טויערן / אַנטקעגן דעם מלכות פון שטערן". די אָ „טויערן אין די בערג" זענען אילוזאָריש, אויסגעוועבט פון שפּינוועבס־חלום, אין „מלכות פון שטערן". ס'איז די נאָסטאַלגיע וואָס די האַרטע וואָר, די נאָענטע, צערײַסט אומרחמנותדיק אירע פעדעם: „נאָר די שטערן זענען ווײַט / און די טויערן אין די בערג זענען אָפן און פאַרפירן". וואָרעם דאָ, אויף דער ערד, זענען די וועגן זאַמדיק־מידבּרדיק, ניט זעלטן שטרויכלדיק.

די אָ טעמאַטיק פלעכט זיך אין אַ וואַרי͏ִירטן געזאַנג אין אַלע לידער פון בוך: זונליכט פון ישׂראל־היים און נאַכט־חושך פון חורבן־היים, פרײַדיקער הײַנט און אומעטיקער נעכטן, וואָס קלינגען־זיך־איבער און קלאָגן־זיך־צוזאַמען, אין שורות, סטראָפעס, לידער. זיי קוואַלן פון טיפן דיכטערישן געמיט און דאָס גאַנצע — אַ געמיש פון יום־טובֿ און וואָך, ווײי און גלויבן, שׂימחה און צער, וואָס אויב זיי קומען אָן, מיטן דיכטער, צו „דעם מלכות פון שטערן", איז עס נאָר אין זכות פון זײַן גלויבן. אָבער מער נאָך דערגייען זיי, די ווערטער און די לידער צו די טויערן פון ייִדישלאַנד, וואָס אויך דאָ מעג מען פרעגן, ווי בײַ די

„טויערן אין די בערג״: „ווער קאָן מעסטן זייער ווײַט, זייער טיף?״ איןביידע גילט, ווי שוין דערמאָנט, דער צונויפשמעלץ נעכטן־הײַנט.

אַלע לידער פון יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל זענען דורכויס ייִדיש־נשמהדיקע, אין די לעגיטימע גרענעצן פון די אייגן־ירושהדיקע היימען, די צווויי, וואָס זענען, ווי אָרגאַניש, צוזאַמענגעוואַקסן מיט אים. און אויב זײַן שורה איז צו מאָל ניט געשליפן, אַפילו רויוואָרטיק, פֿינקלט אָבער אין איר אַ נאַטירלעכער חן. אין אַנדערע ווערטער: די געזאַנגקונסט פון יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל איז ווי אַ נאַטור־עלעמענט, וואָס ווערט געבוירן אין זײַן פּאַרעם, ניט אויסגעקינצלט. און ניט געקוקט וואָס ווייניקע נאַטור־שילדערונגען זענען פֿאַראַן אין זײַנע לידער, איז אָבער די נאַטור אין זיי, אינעווייניק, ווי זי איז אינעווייניק אינעם דיכטער.

„האַרבסטיקע טרויבן״ איז אַרויס אין 1977. דאָס בוך האָט ניט נאָר די צײַ־טיקסטע לידער פון דיכטער, נײַערט אויך די קרעפטיקסטע, לירישע און פאַר־טיפטע. און אויב דעם עסענציאַלן עקוויוואַלענט פון „האַרבסטיקע טרויבן״ איז ניט גרינג צו געפינען אַפילו אין אָפּטייל מיטן זעלבן טיטל, שמעקט אָבער דער ריח פון אַ שפּאַר ביסל האַרבסטיקייט אין גאַנצן בוך. ס׳איז בלויז דאָס געוויקס פון סימבאָל, וואָס גייט אויף צווישן די גרינע בלעטלעך פון די שורות, וווּ די טרויבן ליגן פאַרבאָרגן אין דער שטילקייט פון ווערטער. דאָ, אין ריטעם פון געדאַנקען און שפּירונגען, באַוועגט זיך דער נשמהדיקער קרײַז פון דיכטערישן לידער־סוד, וואָס דרעמלט הינטער זײַן אייגענעם באַוווּסטזײַן. וועל איך זיי דאָ פּרוּוון אַ קאַפּעטשקע צערירן מיט מײַן פּירוש, ווי דער בינען־האָדעווער צעזשומט אַ מחנה בינען בעת ער נעמט אַרויס פון בינשטאָק דעם גאָלדענעם האָניק.

איינער וואָס שטייט לעבן עמוד פון יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל, וועט תּיכּף אויפֿ־כאַפּן דעם ייִדישן קלאַפּ פון זײַן האַרצן, וואָס איז די מוזיק פון זײַן ליד: דעם „אלולדיקן ניגון״. בכּלל אָבער, און אין דעם בוך בפרט, נוצט שאַרגעל אַ מאָ־יאָנטעק ייִדיש־טראַדיציאָנעלע מעטאַפֿאָריק און סימבאָליק. אין זייער ריט־מישן ציטער זעט מען קלאָרער דעם מאָטן אָפּשײַן פון די „האַרבסטיקע טרויבן״, וואָס זענען געדיכט אָנגעוואַקסן מיט די יאָרן. ער, פון דעם קלײַזל אידעאָלאָ־גישע בונטאַרן, וואָס האָט „זיך געטוליעט צום מאָרגן־שטערן״, און „דעם אַני מאמין זיך געחזרט״, דעם קרעדאָ פון אַ נײַ־דערלייזטער וועלט, דערציילט: „צום קאַיאַר כ׳האָב אויפגעפּראַלט די טיר / וואָס האָט זיך געריסן פון געדיכטן גרוי, / און אַזוי כ׳בין אַרויס באַלייטן ס׳יאַר / מיט אלולדיקן ניגון״. און מיט באַדויער און אַ כּמו פּירוואָרף צו זיך אַליין, פֿאַרענדיקט ער: „און דעם ניגון, דעם דורות־אַלטן / נישט געקאָנט, / נישט געוואָלט / דערהערן״. (ז׳ 42). און אין „מיט מײַן תּפילה״ (ז׳ 14) רעזאָנירט אַ טריבע איינזאַמקייט, ניט געקוקט אויפן שטורמישן אָנלויף פון דער ערשטער שורה: „כ׳וועל אַ יאָג טאָן צו דיר — אַ ריטער פון ליבערײַ״. אויך דאָ פאַרענדיקט ער מיט דער אַנטוישונג פון איינעם, וואָס האָט פאַרלוירן זײַן אַני־מאמין: „און איך וועל בלײַבן אַליין און אין דרויסן / געבונדן אין תּפילה״. אין תּפילה איז דער נײַער אַני־מאמין, אָבער

ווי זאָל מען דעם גערונגדן פאַרשטיין? וואָס בינדט אים צום גלויבן, די אמונה? און דאָ קומען מיר צום עיקר, וואָס דאָס מיינט פאַר אים.

## ג

אין האַרבסטיקע טרויבן קומט דאָס אינטערעסאַנטסטע התגלות פון ליד: דאָס זוכן. עפּעס בינדט דעם דיכטער צו עפּעס, אַ גאַנץ לעבן שוין. דאַרף מען דעם עפּעס געפינען — ווערט זוכן אַן עיקר. דאָ איז ער אָפן, פריי, ניט געבונדן צו אַן אַלטערנאַטיווע תפילה: „דעם עכאָ פון דיין וואָרט בין נאָכגעגעגאַנגען — זוך דיך און זוך / און קאָן אַלץ נישט געפינען / צו דיר קיין גלייכן — —" (ז׳ 15). דאָס מיינט: לעכצעניש און ציִעניש צום מקור, וואָס דרעמלט ערגעץ אין די פּסיכישע קעמערלעך פון אַמאָל. איצט, ווען די „האַרבסטיקע טרויבן" זענען צייטיק מיטן אומגלי, זענען במילא באַזייטיקט די יונגע פריִיקע שטערונגען, לאָמיר זאָגן, די אידעאָלאָגישע, און אין רעטראָספּעקטיוו וועקט זיך, ווי פון הינטער אַ נעפּל, די ערשטיקע קינדישע היים, חומש און רבי. איצט זינגט ער דאָס ליד פון דאָרטן, וואָס עס „האָט געזונגען מיין שוועסטער אין וויי". ס׳איז אַ ליד „פון אַ לאַנגן געגיי — — איבער וועגן און שטעגן נישט געדאַכטע", מיט די באַקאַנטע פאָלקס־אַטריבוטן פון „ציגעלעך צוויי" א״אַ. און ער פרעגט זיך ביים סוף: „איז ווי קאָן איך זינגען דעם ניגון פון נעכטן / און זאָגן: — ער איז דער שענסטער?! —" (ז׳ 9). פאַר וואָר, אויב אַפילו ניט דער שענסטער איז ער דער אייגנסטער, אייגן ווי דער, וועמען ער זוכט.

דאָס איז דער טעם פון די „האַרבסטיקע טרויבן", אין זייער בענקשאַפט, וואָס ברענגט צוריק דעם חלום פון וויטער היים. דער נעכטן גייט צוזאַמען, דורך די זעלבע טויערן, מיט דעם היינט, ווי ס׳גייט דאָס גאַר לאַנגע זוכעניש פון יענער חומש־צייט, יענעם גאָט, צי אפשר מער פון אַלץ — יענעם זיך אַליין. און ס׳לעצטע, דאָס געפינען אַ וועג צו זיך, איז אַ פּנים דער שווערסטער נסיון: „און אַז איך בלייב אַן אויסגעשפּילטער — / דיין מאַנונג פאַרפעלט צו מיר דעם וועג". און דעם כסדרדיקן פאַרליר קאָמפּענסירט ער מיט נייע זוכענישן, וואָס זענען מער די זוכענישן פון אַ אין־זיך־פאַרלוירענעם. ער וויל אָנבינדן אַ פאָדעם תפילה צום אַנאָנימען אַבסטראַקט, וואָס ער פּרוּווט ניט מחבר זיין אַ פרומען פּיוט צו אים, נאָר ער זוכט זיין ליכט: „איך זוך דעם צייכן / אויף די שטעזשקעס פון דיין ליכטיקן פּנים" (ז׳ 12). דאָס זוכעניש ווערט באַלויגנט מיט דער אילוזיע: „איך / וואָס האָב געקרייזט אַרום דיר / בעת דיין ליכט איז געוואָרן אַנטבלויזט / און בין אויפגעגאַנגען אינעם ווערן, / ווער אין יעדן חלום / דיין גייענדיקער שטערן". (ז׳ 16). אָבער דער שטערן האָט מער טונקל ווי ליכט, און ער זעט ניט די געגאַרטע שיין אויך אין אים: „כ׳האָב געוואָלט דיך פאַרגלייכן צו דער נאַכט דער לאַנגער, וואָס האַלדזט מיך און

רינגלט ווי שלאַנגען", און נאָך אַ גאַנצע ריי מעטאַפֿאָרן פֿון דעם מין: סאָווע, פֿלעדערמויז. אָבער דאָס אַלץ איז אָן אַ זינען, ווען יעדער „פֿאַרגלײַך" ווערט „צעשטערט" און דער געװוּכטער פֿאַרשווינדט: „פֿאַר וואָר ביסט אַוועק און מיט דיר אויך די לוסט — / אַ שטיין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טײַך". (ז' 17).

דער מאָטיוו קומט בעיקר צום אויסדרוק אין לידער פֿון אָפּטייל „דײַן גייענדיקער שטערן". ס'איז די פּאָעטישע ספֿערע פֿון דער האַרבסטיקער טרויבן־צײַט, ווען י"צ שאַרגעל האָט אינטראָספּעקטיוו דערזען די זאַכן. דאָס איז די נשמה פֿון זײַן ליד, וואָס איז אָנגעהויכט מיטן לעבעדיקן אָטעם פֿון דיכטער. די אָ לידער זענען עס דער אומגעפֿאַלשטער שפּיגל, וואָס אין אים רעפֿלעקטירט די עכטע מאָס, גײַסטיק, און אויך ביאָגראַפֿיש, ווי מיר געפֿינען עס אין טייל לידער פֿון האַרבסטיקע טרויבן. עס איז בפֿירוש ניט קיין עפּיק, אָבער זײַן ליריק רופֿט אַרויס פֿון אינזיכיקע טיפֿן זײַן צײַט און זײַן איך. ס'איז „דאָס (אינזיכיקע) פֿעלד (וואָס) איז אָנגעטרונקען מיט ליבע־ / געטראַנקען, / מיט טוי, מיט רעגן, מיט טרערן — / טראָגט דאָס פֿעלד און טראָגט אויס / אַ נײַ ווערן". (ז' 91). און דאָס סימבאָלישע פֿעלד פֿירט אים צו אַ מער טיפֿן אינזיך, כּדי „זיך לערנען בײַ די גראָזן די געבליבענע" און זוכן „פֿאַרגלײַכן" צום אייגענעם לעבן מיטן אַרויסשעפּן דעם מהות פֿון די חושימדיקע „ווערטער", וואָס ווערן פֿאַרגײַסטיקט אין פּאָעטישע סימבאָלן. דאָס איז דער פֿאַרהוילענער קערן אין און צווישן די שורות פֿון די לידער פֿון יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל.

לסוף, צום לעצטן ליד אין בוך, וואָס קלינגט ווי אַן אַרויסרוף פֿון דיכטער אויף אַ ווידערהערן און ווידערזען זיך — שוין דער טיטל, „ווידער" (ז קאַפּיטלעך), זאָגט עס בפֿירוש. און אויב ס'איז פֿאַראַן אַ ווידער איז דאָך אויך געווען אַ דעמאָלט: „און ווידער קום איך צו דיר הײַנט / ווי דעמאָלט / ווען כ'האָב דערזען די ליכטער דײַנע לײַכטן / און געזאָגט: דאָס ביסטו, דו!" (ז' 107). און דער מרחק פֿון ווידער ביז דעמאָלט איז דער גאַנג פֿון דיכטער צו זײַן באַשעפֿער און צו זיך, רעטראָספּעקטיוו, ס'איז דער גאַנג פֿון אַ גאַנץ לעבן, „טאָג בײַ טאָג". אָבער דער דיכטער דאַרף אים שוין מער ניט זוכן: „אין יעדן תג, אין יעדן תיו, / אין יעדן פּינטעלע איך זע דיך. / — — נאָר גאָט, כּבֿיכול, וואָס האָט שוין גרייט אַ נײַעם טאָג פֿירט אַלץ קעריק צו דעם דעמאָלט. / איז ווידער תוהו / — — און אַלץ הייבט זיך אָן פֿון דאָס נײַ". (ז' 111).

דאָס מחדש זײַן מעשׂה־בראשית איז דער סאַמע יצירה־סוד פֿון ווידער און ווידער זיך באַנײַען — ווידער און ווײַטער בויען דעם דעמאָלט אין הײַנט אַרײַן. דאָס איז דער שאַפֿערישער ווידער פֿון דיכטער יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל, וואָס האָט דעם האַרבן און אַלטן חכמה־אָנגעזאַפּטן טעם פֿון האַרבסטיקע טרויבן.

פֿון כּתבֿ־יד, 1984.

# דוד שמעונוביץ — דער זינגער פון חלוציות

ספר האידיליות. הוצאת „מסדה", תל־אביב, באַקומען דעם פּרס אוסישקין.

## א

דוד שמעונוביץ האָט אַרײַנגעשטורעמט אין היכל פון דער העברעיִשער פּאָעזיע אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט. יונג, פולבלוטיק און קרעפטיק איז געווען זײַן ליד. זײַן וואָרט איז געווען באַהויכט מיטן הייסן אָטעם פון אומרו. זײַן פערז איז געווען אָנגעלאָדן מיטן צעברויזטן אימפּעט פון דער צײַט, אומגעצוימט און דינאַמיש ווי די סטיכיעס פון די נאַטור־כּוחות, וועלכע ער האָט באַזונגען: מידבר, באַרג און טאָל, פעלד און טײַך, ים און אוקיינוס. ער איז געווען אַ מין גײַסטיקער וואַנדלער, וואָס וויל אומעטום זײַן. די גאַנצע וועלט מיט געזאַנג דורכשפּרײַזן און זיך ווײַטער טראָגן.

ווי גאָר דער ערשטער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט, איז געקומען אַ טיפערע אינערלעכע שלוות־נפש און דוד שמעונוביץ האָט אָנגעהויבן באַזינגען די חלוצישע אַרבעטערשאַפט פון לאַנד. ער האָט עס געטאָן בקול דממה דקה, ווען ער האָט געשריבן זײַנע אידיליעס פון ארץ־ישׂראל־אויפבוי און געשילדערט דעם בויער פון נײַעם לעבן אין קיבוץ, אין מושבֿה און אין שטאָט, מיט ליבע און חן. מיט שטילע טענער, אין רויִקע פאַרבענקטע פאַרבן, מאָלט ער געגנטן און ישובֿים פון די ווידער צו אַ נײַ לעבן אויפגעשטאַנענע יהודה און גליל, צפת אין שלייער פון מיסטיציזם, מיטן מקובל אר"י, און דאָס רויִשיקע תל־אָבֿיבֿ מיט איר פריילעכן ים־געמורמל.

דער דיכטער טראָגט אַ קינאה אין האַרצן צום „חלוץ אַלמוני", דעם אומבאַקאַנטן פּיאָנער, וואָס ציט זײַן לעבנזאַפט פון די פעלדזיק־וויסטע, פאַרוואָרלאָזטע ירושלימער בערג: דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט, וואָס אין זײַן צוואה איז פאַרזאָגט אַז מען זאָל אים אַפילו קיין מצבֿה ניט שטעלן („מצבֿה"). צו די חלוצים ווערט ער אָוועקגעטראָגן פאַרשיכּורט פון זיסן ריח פון דער ערד און אירע פּרוכט. די שיינקייט און הערלעכקייט פון די חלוצישע מעשׂים, גייען אויף פון זײַנע לידער, ווי גאָלדיק־זוניקע פעלדער. עס שטראַלט פון זיי אַ באַצויבעריקע ליכט פון גבֿורה, מוט און מסירת־נפש.

די פּראָטאָטיפּן פון אידעאַליסטישער חלוצישער עקשנות גייען זייער וועג שטיל און באַשיידן, אָן פּרעטענזיעס. די בן־אַרצי׳ס זיצן העט־וויַט, אין פּאַר־רוקטער אָפּגעזונדערטקייט, און פלאַנצן זייערע ביימלעך אין די מאַלאַריע־בלאָ־טעס, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. די עמאָציעס קומען אויף פון דער אַר־בעט, בעתן שאַפן און בויען, וויַל דער שעפער און בויער איז זייער טרעגער.

די ליבע און צוגעבונדנקייט צום לאַנד איז אַ דירעקטע, דורך אַרבעט אין וואַלד און פעלד, אין פּרדס, ביַי שמירה און שטיינער האַקן. דער נייַער ייִדישער מענטש באַקומט זיַין תּיקון דורך אַרבעט. ווערט דערהויבן און געלייַטערט אין די יסורים פון זיך צופּאַסן און איַינוואָרצלען אין דער שווערער ווירקלעכקייט פון זיַין אייגן לאַנד. הונגער און קדחת, אינערלעכע נשמה־ראַנגלענישן און פאַר־טייַישע קאַמפן שוואַכן ניט אָפּ זיַין גרייטקייט און אַנטשלאָסנקייט. איבער אַלץ שפּרייט זיך די אַטמאָספער פון ליבע צום לאַנד, עס דאָמינירט דער שעפערישער ווילן, דער חלוצישער גייַסט.

מיט 25 יאָר צוריק, ווען אַ כוואַליע אידעאַליסטישע יוגנט שטראָמט קיין ארץ־ישׂראל, איז שוין מיט זיי דער דיכטער אויפן דעק פון שיף און ער שאַרט אויף די פונקען פון זייער טיפער אמונה. מיר ווערן פאַרבלענדט פון פלאַם פון אָפּערווילקייט, וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט און טריַיבט זיי, ווי אַ לעצטע קאָנ־סעקווענץ פון זייער טראַגישן גורל, קיין ארץ־ישׂראל. זייער ציל איז איינער און אַ קלאָרער, חלוציות, און קיינע שוועריקייטן שרעקן ניט אָפּ.

אין „חלוצים" פירט דער דיכטער דורך פאַר אונדזערע אויגן, אַ פיל־פאַרביקע טיפן־גאַלעריע פון חלוצים פון פאַרשיידענע לענדער, פאַרשיידענע קולטורן און שפּראַכן.

דורך די אויגן פון אַ ליטווישן געוועזענעם ישיבֿה־בחור ווערט טראַגיש־דורכזיכטיק די גורל־שווערע צוקונפט. מיט פּשוטע ווערטער שטעלט ער דעם דיאַגנאָז:

..."תּבֿל אם תּמוט, כל יושבֿ בה, אָמנם, לא ישלם. / אַך שבֿעתים אָז יקם העם ללא ארץ־מולדת": אין צייַטן פון וועלט־קאַטאַסטראָפעס וועט טאַקע קיינער ניט אַרויסגיין גאַנץ, אָבער זיבעציק מאָל מער וועט געטראָפן ווערן דאָס פאָלק אָן אַ לאַנד.

ווי אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם טראַגישן אויספיר, קומט אַ שילדערונג פון אַן אַנטרונענעם פון אַ פּאָגראָם, אַ מיניאַטורער שארית־הפליטה פון יענע צייַטן: אַ לעבעדיקן האָבן אים די „וויַסע" געוואָלט באַגראָבן און ער האָט זיך על־פּי נס געראַטעוועט, ווי מיט 25 יאָר שפּעטער קליינע רעשטלעך פון דעם זעלבן פאָלק, און אַנשטאָט צו גראָבן געצוווּנגענערהייט אַ קבֿר פאַר זיך אין גלות, פאַרט ער נעמען אַ לאָפּעטע אין האַנט און גראָבן און פלאַנצן זיַין אייגן לאַנד. דאָס איז דער איינציקער מיטל געזונט צו ווערן, וויַל טראָץ אַלע פאַרטיליקונגען איז אונדז פאַרזאָגט געוואָרן דאָס לעבן: „חיים — זו מלת־הקסם היוקדה על דגל־ישׂראל!"

## ב

די חלוצים זענען דער לעבעדיקער נערוו פון פאָלק, דער פּרוכפּערדיקער קוואַל פון וועלכן עס פליסט־צו ענערגיע אין פאָלקס־קערפּער, די קריטעריע פאַר אויסדויער און פאָלק־עקסיסטענץ.

אָפּגעזונדערט, אויף אַ בערגל ביים שיער, ווייטער פון דער קאָלאָניע מיט אירע דאַטשניקעס, געפינט זיך דער לאַגער פון קאָלעקטיוו מיט זיין אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, צווישן זיי זענען אויך פאַראַן בעלי־עגלות. אין דער פּאָעמע „יובל העגלונים“ זעען מיר אַ פּרעכטיק־ניעם סטיל פון אַ ייִדישן בעל־עגלה, אַזאַ מאָדנער — עפּעס אַ געמיש פון אינטעליגענט, טרוימער און האָרעפּאַשניק. אַ בעל־עגלה מיט אַ ציל אין לעבן, מיט אַ ברייטן גייסטיקן האָריזאָנט, אַ בעל־עגלה איינגעשפּאַנט אין יאָך פון פאָלקס־אינטערעסן. די בעלי־עגלות דאַרפן ניט קיין פּאַרטייען און רעדל־פירער, אייגער פון זייערע שורות, דער צוטרויפּולער בן־אַרצי — צו זיין וואָרט הערט מען זיך צו, ווייל ער איז מיט זיי און איינער פון זיי.

מייסטערהאַפט און רעאַליסטיש ביז אויף די קלענסטע ניואַנסן, שילדערט דער דיכטער, פון איין זייט די פאַרעמלאָזע און געשמאַקלאָזע קאָלאָניע „חצרות“, ווו אירע דאַטשניקעס פּראַווען זייער פּוסטעפּאַסטעווען און זייער פּראַנטעוען. פון דער צווייטער זייט — די לייוונטענע געצעלטן פון „גבעת־הגרן“, אין אָרדענונג פאַרטיילט, און זייער פריילעכע יונגוואַרג, שלמותדיק אין אַרט לעבן און שטרעבן. דאָס אַלץ ווערט אויסגעמאָלט מיט אַ ווייכן וואַרעמען הומאָר.

טראָץ דעם וואָס די זעלבע לבנה זיפּט איר זילבער אויף ביידע שכנותדיקע יישובים, זעט דער דיכטער זיבן מאָל מער ליכט אויף דעם, פאַר אַלע ווינטן אָפּענעם, בערגל פון שיער: „צף הירח לאטו בתכלת שמים עמקה / יציף בנגהות אורירים חצרות מגבולה עד גבולה, / אולם פי שבעה נגהות הוא מעניק לגבעת הגרן, / גבול המושבה היא שומרה ופתוחה לארבע הרוחות“. און דער בעל־עגלה־דיכטער בלייבט איבער אויפן „בערגל פון שיער“ און אין זיין פאַרנעפּלטן מוח וועבן זיך אַלטע תנכישע טרוימען...

געוויטיקט האָט שמעונוביץ דעם ווי פון יישוב און געגעבן אַ קינסטלערישן אויסדרוק די שווערע פּראָבלעמען וועלכע זענען פון צייט צו צייט אויפגעשווומען. פּאַטערס און מוטערס — בלויים — וואָס האָבן זיך איינגעביסן מיט די ציין אין דער ערד און ניט געוואָלט פון איר אָוועקגיין, קעגן אַלע איוב־צרות וואָס האָבן זיך אויף זיי אויסגעגאָסן. די פּאָעמע „שיאונה“: אַלע צעלויפן זיך, ווער אין אויסלאַנד שטודירן, ווער אין שטאָט אַרבעטן, נאָר די האַרטנעקיקע ייִדישע טאָכטער, שיאונה, אָט די פּרעכטיקע געשטאַלט פון אַ פּרוי־אידעאַליסטין, וואָס דער ספר־תנך איז איר לעבנס באַגלייטער, זי בלייבט טריי, גייט ניט אַוועק, זי שווערט עס ביים תנך. נאָר אַזאַ ווי זי איז מסוגל צו זען די גרויסקייט און אַנטשלאָסנקייט פון „קבוצה“, וועלכע דערוועקט ביי איר אַ מינ־

דערוועקטיקייט־געפיל, צוזאַמען מיט באַוווּנדערונג: „כּל איש בם — חלוץ! / מעפּיל ומעפּלת / ואני רק בת־כּפר / פּשוטה ונואלת".

יעדער איינער פון זיי איז אַ חלוץ! אַ מעפּיל. — — דאָס איז בײַ איר אין די אויגן אַ מדרגה פון דערהויבנקייט.

אומעטום איז דער חלוץ־אַרבעטער דער ערשטער: אין דער צײַט פון אומרוען שטייט ער אויף דער וואַך, אין צײַט פון מלחמה גייט ער פרײַוויליק פאַרטיידיקן די אייביקע ווערטן פון פאָלק און מענטש. אין רויִקע צײַטן איז ער אַ געהאַרכזאַמער און אַחריותפולער שעפער. און דאָס אַלץ, דעם חלוץ און פאָלק אין זײַנע אַלע וואַנדלונגען, פאַלגט נאָך שמעונוביץ.

שמעונוביץ איז ענג פאַרבונדן מיט דער חלוצישער אַרבעטער־באַוועגונג: ער איז איינער פון אירע טיפּישסטע באַזינגער. פון אירע ערשטע טריט באַגלייט ער זי מיט אַ לײַטזעליקן פאָטערלעכן ציטער.

צו זײַן ווערן אַ בן־שישים — נאָך פיל יאָרן שעפערישקייט און ער זאָל זען זײַן אויסגעטרוימטע בענקשאַפט אַ פאַרווירקלעכטע.

די פאַרשמוצטע פאָן דורך הענט פון טמאים, די פאָן פון בן אָמוץ, וואָס אויף איר איז אויסגעקריצט די זעונג פון גאולה, די נבֿואה פון פולשטענדיקער באַפרײַונג, זאָל שוין אויף אַן אמת פלאַטערן פאַר אַלע מענטשן גלײַך:

מלחמת אֲדֹנָי! אָכֵן, גדעון,
להלחם יוצאים כּעת אֲנחנו
לא רק בעד עמנו המרטש
אַךְ בעד נסנו המרפּש,
הנס שהניפהו בן־אָמוץ,
עליו חרות חזון הגאולה,
חזון הפדות לעם ולעולם!
(מכתבֿ לאי־שם).

דאָס וואָרט, מינכן, אָקטאָבער 1946.

הערה: דער מאמר איז געשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי ס'איז צו מיר דערגאַנגען די ערשטע, צי אפשר די צווייטע אויפלאַגע פון ספר האידיליות, ווו דער דיכטער האָט נאָך פיגורירט אונטער זײַן אָריגינעלן נאָמען שמעונוביץ. אין די שפּעטערדיקע אויפלאַגעס האָט ער זײַן נאָמען העברעיִזירט אויף שמעוני — און איז באַקאַנט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור ווי דוד שמעוני.

# דאָס געזאַנג פֿון טראַגיזם *

י. אַבי־שב״י מאור איז געבוירן געוואָרן אין יאַנישאָק, ליטע, און זײַן אָריגינעלער נאָמען איז י ח ז ק א ל פּ ו ל ע ר ע װ י ט ש. גאַנצע 17 יאָר (1957־1940) איז ער געווען אַ געפֿאַנגענער אין די סאָוועטישע שקלאַפֿן־לאַגערן פֿון דער צפֿונדיקער טײַגע. פֿון דאָרטן האָט ער אַרויסגעראַטעוועט ניט נאָר זײַן צעווייטיקט־פֿיזיש לעבן, נאָר אויך זײַן געזאַנג וועגן יענעם מאַקאַברישן טראַגיזם, וואָס איז מכּמה טעמים אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור ווייניקער פּאָפּולער. דאָס איז אַן אַנדער געזאַנג, אַן אַנדער חורבן־וועלט, אין דעם זעלבן אומקום־פּעריאָד פֿון מיזרח־אייראָפּע.

דער ציטער פֿון דעם געזאַנג האָט דורכגעפֿיבערט פּאַר אַזוי פֿיל יאָרן דורך דער נשמה פֿון דעם סענסיטיוון און תּמימותדיק־גלייביקן ייִד־אַרעסטאַנט. מער ווי אַ פֿערטל יאָרהונדערט האָט ער דאָס געזאַנג אין זיך געטראָגן, ווי אַ פּאַר־שטומטער שפּילפֿויגל פֿאַרשפּאַרט אין אַ שטײַג, און עס מיטגעבראַכט מיט זיך אין זײַן בענקשאַפֿטלאַנד, ישׂראל.

אין 1968 איז אַרויס זײַן ערשט לידער־ביכל אויף העברעיִש „נצלבתּי אל הכּוכב האדום (איך בין געקרייציקט געוואָרן צום רויטן שטערן), ווו ער האָט מיט לירישן געצאַפּל אַרויסגעבראַכט גרויל־רעפֿלעקסיעס פֿון אַ לעבן אין הונגער, טעראָר, סאַדיזם און ברוטאַלן אומברענג פֿון מענטש. אָבער ניט געקוקט אויף דעם זענען זײַנע לידער פֿול מיט גלויבן, מיט זעלטענעם ייִדישן בטחון, מיט אַ שטאַרקער האָפֿענונג וואָס דערשטוינט. שטעלן מיר זיך פֿאָר מיט וואָס פֿאַר אַ גײַסטיק־עמאָציאָנעלער איבערלעבונג יעדעס ליד און לידל איז געשריבן. ס׳איז פּונקט ווי ער וואָלט צעליכטיקט דעם אײַזיקן חושך פֿון יענעם שקלאַפֿן־גיהנום. אין די שורות דערזעען מיר בולטער דעם מאור פֿון דער לויטער־מענטשלעכער געשטאַלט פֿון איין זײַט, און פֿון דער צווייטער — די טיפֿע זינקעניש פֿונעם סאָוועטיש־פֿאַרגולמטן ראָבאָט.

ניט לאַנג צוריק — 1969 — איז אַרויס אַ בוך דערציילונגען פֿון י. אַבי־שב״י מאור: הסיפּור הקצר על המוות הארוך (די קורצע דערציילונג וועגן לאַנגן טויט). עס איז איינער פֿון די מערקווירדיקסטע און אפֿשר אָריגינעלסטע

* ווידער איז בטעות אויסגעלאָזן געוואָרן דער אַ מאמר פֿון סדר פֿון אַ״ב, אין דעם אָפּטייל. זאָל עס זײַן אַ סימן פֿון אַחרון אַחרון חבֿיבֿ, און אַלע אונדזערע טעותן, בשגגה, זאָלן פֿאַרגעבן ווערן.

ביכער אויף דער טעמע. דאָ ווערט דערציילט, אין עפּיזאָדן און שילדערונגען, וועגן פאַרשיידענע מענטשן — ייִדן און ניט ייִדן — אין סאָוועטישן אינטער־נאַציאָנאַל פון קנעכט. זיי זענען ניט קיין העלדן פון „פיקשן־סטאָריס”, פון אויסגעטראַכטע מעשׂיות, נאָר טראַגישע און אויטענטישע פיגורן, וואָס דער סאָוועטישער קאַטאָרגע־רעזשים האָט פּשוט אַרונטערגעשונדן זייער צלם־אלהים. און די וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט, די וואָס האָבן רעוואָלטירט, האָט ער פיזיש ליקווידירט מיט די געמיינסטע מעטאָדן פון אַכזריות.

אין לידער הינטער גראַטעס האָט י. אַבי־שב״י מאור געגעבן דאָס געזאַנג פון טראַגיזם אין ייִדיש־אָריגינעלע שורות. און ס׳וואָלט זײַן אַן אַבסורד און אומיושרדיק צו מעסטן די דאָזיקע לידער מיט פּראָפּעסיאָנעלע קריטעריעס, מיט עקזאַקטע פּאָעטישע כּללים און מאָסן, אויף וויפל זיי זענען נאָך פאַראַן אין דער מאָדערנער פּאָעזיע, פּונקט ווי מ׳קען ניט מעסטן דעם גיהנום מיט וויסנשאַפט־לעכע פאָרמולעס. די לידער זענען גאָר פון אַן אַנדער קאַליבער און אַנדערע דימענסיעס: זיי זענען אוממיטלדיק, סאָציאַל־הומאַניטאַר און ייִדיש־וואָרצל־דיק, וואָס איז איבערוויגנדיק וויכטיקער ווי דאָס קינסטלעריש ראַפינירט־אויס־געשליפענע וואָרט, וואָס וואָלט דאָ פאַרלוירן זײַן עכטקייט און אמתדיקייט.

י. אַבי־שב״י מאור האָט, דורך די „גראַטעס”, איצט געבראַכט דעם קלאַנג פון טראַגיזם אויך אין ייִדיש — אַ סימן אַז ער לעבט און פילט און שאַפט אין ביידע שפּראַכן פון זײַן פאָלק. ער האָט אין קליינע, אינטים־אינדיווידועלע און לירישע פערזן איבערגעשפּיגלט דורך זיך דעם חורבן פון אונדזער דור און דעם קאַטאַקליזם פון אַ תקופה. און גוט איז צו פילן אַז אין דער סבֿיבֿה פון מענטש־צוזאַמענפאַל, איז געוועזן אמונה אין מענטש, פיצלעך בענקשאַפט צו פרוי און קינד און אַ גלײַזיק האַרץ פאַר זײַן אייגן געפּײַניקטן פאָלק.

די יסורים — גײַסטיקע און פיזישע — פון דער גרויסער אייגענער טראַ־געדיע האָט ער געטיילט מיט זײַן פאָלק. דאָס האָט זײַן געזאַנג פון טראַגיזם דערהייבן צו נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער וואַרהאַפטיקייט. ער איז דער זינ־גער און דערציילער, וואָס האָט פון תּהום פון אומקום דערזען דאָס גרויסע ליכט פון ייִדישן אויפקום אין זײַן לאַנד. ער האָט האַרצרײַסנדיקע קינות געשריבן אויפן אויסראָט און אויסמאָרד פון זײַן פאָלק, אָבער אין דעם גרויסן טרויער האָט געצאַפּלט דער מאַכטיקער קלאַנג פון זײַן אמת און פאַרזעונג פון ווידער־אויפלעב אויף אייגענער ערד. אין דעם זינען קרייצט זיך דורך זײַן ליד מיט די קלאַנגען פון פאַרטיזאַנער־הימען פון הירש גליק „זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג”...

ווי שוין דערמאָנט, האָט ער חוץ לידער־ביכער אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען, וווּ ער האָט אויפגעדעקט צוויי וועלטן — אַ וועלט פון מענטש־לעכער געפאַלנקייט און אַ וועלט פון מענטשלעכער דערהייבנקייט. האָט אים די סאָוועטישע אָקופּאַציע־מאַכט פון זײַן ליטע־„הימלאַנד” „באַגליקט” מיט 17 יאָר סיביר. דער באַקאַנטער ייִדיש־העברעיִשער פּובליציסט שלמה גראָ־

דזענסקי שרייבט אין פאָרוואָרט צום העברעיִשן לידערבוך פון י. אַבֿי־שבֿ״י מאור: „אין די לידער זענען צוזאַמענגעוויקלט דער אומהיילבאַרער טרויער און די פּראַכט וואָס איז ביַיגעשטאַנען אַלע פּרוּוון“. און די צוויי הערלע־כע עלעמענטן — פּראַכט און טרויער — זענען געווען און געבליבן די שטויס־קראַפט צו לעבן און צו שאַפן. טרויער און פּראַכט האָבן אים געגעבן כּוח אויס־צוהאַלטן און אַרויסברענגען ניַיע יצירות אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

זיַין פרוי, ע ל אַ, איז געווען פאַרשיקט אין סיביר, 1000ער מיַילן וויַיטער. נאָך דעם מיטגעוואַנדערט מיט אים, אין די וועלדער, אין זיַינע אַלע פאַרשיקונ־גען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט אַ קליין קינד אויף אירע אָרעמס, און „געהיט זיַינע טריט“. זי האָט אים געבראַכט גרויסע מאָראַלישע דערמוטיקונג און צייַטנ־וויַיז אויך מאַטעריעלע הילף (אין יענע פינצטערע הונגער־יאָרן, בעת צעשיידונג און צוזאַמען).

זייער בן־יחיד, מיט וועמען זיי זענען עולה געווען פון דער סאָוועטישער ליטע קיין ישׂראל (1965), האָט, ווי אַ דאָקטאָר, געדינט אין צה״ל און — זיך געמעלדעט פריַיוויליק צו אַ ספּעציעלער אַקציע אויף דער אונטערוואַסער־שיף ד ק ר, ווו ער איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט פאַרשוווּנדן. יעדן יאָר ווערט איצט אין מדינת ישׂראל אויסגעטיילט אַ ליטעראַרישע פּרעמיע פאַר דער בעסטער אַרבעט אויף דער טעמע י ם, אויף דעם נאָמען פון ד אָ ק ט אָ ר ש ב ״ י י ע ק בֿ מ א ו ר, דער זון פון יחזקאל.

• פון דער הקדמה צום בוך: לידער הינטער גראַטעס; לידער און דערציי־לונגען. יאָהאַנעסבורג — דרום־אַפריקע, 1970—תש״ל.

רייזעלען —
מיט ליבע.

דער אַפּטייל האָט געדאַרפט זײַן אַ המשך וועגן ביכער און שרײַבערס אין דרום־אַפריקע, אין נוסח פון די פריִערדיקע צוויי אַפּטיילן, און לויטן פּלאַן וואָס איז אָנגעגעבן בראָש פון בוך. האָט זיך אָבער אונטערגערוקט אַן אומפּאָרויסגעזעע־נער עפּעס, וואָס האָט צעקלאַפּט דעם פּלאַן, און דאָס פאָדערט אַן אויפקלערונג:

אַזאַ דרום־אַפריקע־אָפּטייל — אַ צוויי טויזנט אײנסן — וואָלט אַרײַנגעטריבן דאָס בוך אין אַ סך מער ווי 500 זײַטן. הגם כ'האָב אַ ווײַלע אַפילו גע־חלומט פון 600 זײַטן, כּדי צו מאַכן די אַרבעט קאָמפּלעט, האָב איך אָבער איצט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי מבטל מאַכן דעם אָריגי־נעלן אַפּטייל. דער חשבון איז געווען אַ פּשו־טער: אַלע מאמרים, וואָס זענען געבליבן מחוץ לדפוס, אַרײַנגענומען דרום־אַפריקע, מיט צו־גאָב־אַפּטיילן פון אַקטיאָרן, מאָלערס, פּערזענ־לעכקייטן אד״גל, איז גענוג מאַטעריאַל פאַר נאָך אַ בוך, וואָס דאַרף שפּעטער קומען.

אויף אויסצופילן די איבערגעבליבענע זײַטן — ביז 450 — האָב איך געמוזט געפינען אַ פּאַסיקן אַלטערנאַטיוו. האָב איך געטראַכט, אַז אין דעם קאָנטעקסט קען ניט זײַן מער לאָגיש און מער באַרעכטיקט ווי אַרײַנגעבן עטלעכע פּרקים פון מײַנע פאַרצייכענונגען: געשיכטעס וועגן שרײַ־בערס און כּתב־ידן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דעם זעלבן געאָגראַפישן שטח —

# ד ר ו ם ־ אַ פ ר י ק ע

# מײַן ערשטער קליענט

## א

מײַן ערשטער קליענט, אין יאָהאַנעסבורג, איז אפשר געווען דער שליח פֿונעם מלאך, וואָס האָט געוואַכט איבער מיר אַלע יאָרן. אין די סאַמע ביטער־סטע און די סאַמע שווערסטע צײַטן האָט ער מיר אויסגעגלעט שטיקלעך וועג, כּדי כ'זאָל קענען ווײַטער גיין — און אָנגיין מיטן לעבן. כ'זע מײַנע טעג און יאָרן ניט ווי אַ גראָדן און גלאַטיקן שליטוועג, ווו מײַן געשפּאַן טראָגט זיך איבער אים מיט לײַכטקייט, נאָר ווי שטעגלעך און סטעזשקעס וואָס גליטשן זיך אַרײַן אין ברייטן וועג — אויף דעם מיט וועלכן איך בין אָנגעקומען קיין דרום־אַפֿריקע. אַ פּנים, אַז מײַן מלאך האָט מיך באַגלייט מיטן „הימלוועג" צו מײַן ערשטער און ביז הײַנטיקער סטאַציע אויף דעם סובקאָנטינענט, יאָהאַנעסבורג, אָבער ער האָט פֿאַרגעסן צוצוגרייטן אַ פּיצל שטעג פֿאַר מײַן פֿוס אין די אַ אומגעהײַערע גאָלד־מרחקים. גלײַך פֿון ערשטן אָטעם אין דער אַ ברײַקער לופֿט, האָט די סבֿיבֿה געווירקט נעגאַטיוו, ווי כ'וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿרעמדער פּראָסטי־קער וועלט. די אַטמאָספֿער פֿון געלט־און־מאַרק־אַמביציעס האָט ניט געטראָגן אין זיך קיין פֿונק פֿון מענטשלעכער און גײַסטיקער פֿרייד. דאָס ערגסטע, וואָס אַפֿילו פֿון די הערצער פֿון מײַן משפּחה האָט געווייעט אַ קעלט. דאָ האָט איינער געדאַרפֿט פֿאַרבייגן זײַן כּבֿוד און זײַן חשיבֿות. אַפֿילו זײַנע פּרינציפּן, פֿאַר אַ ליאָדע מענטשל מיט אַ פֿעטן טײַסטער, אויב ער האָט געוואָלט דערגרייכן אַ קאַריערע. אין אַנדערע ווערטער: מ'האָט געדאַרפֿט קאָנפֿאָרמירן אויפֿן גאַנצן פּראָנט פֿון אַ געזעלשאַפֿט, וואָס איז דיר ניט צום האַרצן, און איך האָב מיט־געבראַכט מײַן פֿ ר אָ ג ר אַ מ י ר ט ע וועלט פֿון נאָן־קאָנפֿאָרמיזם, וואָס האָט ניט געוואָלט אײַנגיין אויף פּשרות. כ'האָב דאָ נאָר געמיינט אַראָפּצוטרייסלען פֿון די פּלייצעס צען יאָר פֿינצטער־טרויעריקן נע־ונדעווען איבער געטאָס, קאַצעטן און — דער עיקר — דײַטשלאַנד, און עס אויסבײַטן אויף אַ נײַ לעבן און אַ ביסל רו. אָבער דאָ האָט געגאָלטן נאָר איין פּראָגראַם מיטן איין וואָרט: ג ע ל ט !

מיך האָט דאָ ניט אינטערעסירט די ברייטע שפּיגלדיקע אַספֿאַלט־שאָסייען, וואָס האָבן זיך געצויגן אין די אומסופֿיקע מרחקים. כ'האָב שוין צו גוט געקענט די וועגן פֿון דער וועלט וואָס זענען עלול איינעם צו פֿאַרנאַרן און פֿאַרפֿירן, אַז ער זאָל זײַן לײַב און לעבן מער ניט דערקענען. אָבער פֿאַרדראָסן האָט מיך אויף די פֿאַרשווענדערישע ליכטשטראָמען און די גאָלדענע זונטעג, וואָס פֿלייצן דאָ פֿון די בלויע הימלען, און איך קען פֿון דעם קיין הנאה ניט האָבן, איך, וואָס האָב

תּמיד אַזוי ליב געהאַט צו זויגן ליכט און זון. דאָ האָט זיך ווידער געשפּרייט דער סמוטנער אומעט און כ׳האָב כּסדר געזוכט ערגעץ וווּ צו אַנטרינען. אַז מ׳פרעגט מיך היינט, ווי לאַנג כ׳בין שוין אין דרום־אַפריקע, שטעלן זיך אויס פאַר מיין בליק יענע ערשטע, דערדריקנדיקע וואָכן און חדשים, און דער איינציקער ענטפער איז: צו לאַנג! כ׳דערמאָן זיך, ווי כ׳האָב אין איינעם פון יענע טעג אַ זאָג געטאָן מיין ווייב, וואָס אויך זי אפשר נאָך מער ווי איך, האָט געטראָגן די פּיין פון דער נייער היים: כ׳בין אַריין אין דעם לאַנד מיטן לינקן פוס, האָט זי מיר מיט אַ געלעכטער גלייך פאַרריכט: מיט צוויי לינקע פיס...

דאָס איינציקע גוטס איז געווען, וואָס אַ פּאָר יוגנט־חבֿרים האָבן זיך געיאָ־ וועט, און אין די „וויקענדס", ווי זיי האָבן גערופן די סוף־וואָך, אַ מאָל אויך אין די אָוונטן פון מיטן וואָך, פלעג איך מיט זיי, און צו זיי אַ ביסל אַרויספאָרן. אָבער דאָס האָט אויך געהאַט זיין גאַליקן טראָפּ, ווייל מיין ווייב פלעגט בלייבן זיך ניאַנטשען מיט צוויי קליינע קינדערלעך אין אַ גאָר ניט סימפּאַטישער און עלטן פריינדלעכער אַטמאָספער. געווען איז עס אין 1951.

## ב

אין זונטיק נאָך מיטאָג, ווען אַ חבֿר האָט מיך צוריקגעבראַכט און אַראָפּגעלאָזן ביי דער שטוב, וווּ מיר האָבן צייטווייליק געוווינט, ביי משפּחה, איז אויפן טראָטואַר געשטאַנען אַ יונגער מענטש. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן קאָסטיום מיט אַ שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ. דאָס האָט גלייך אַרויסגעגעבן זיין פּראָפעסיע: אַ כּלי־קודש. כ׳האָב אים געוואָלט פאַרביגיין, נאָר ער האָט מיך פאַרהאַלטן: — עקסקיוז מי, — האָט ער געזאָגט אין ענגליש, — מסתּמא זייט איר דאָך... — און ער האָט מיט אַקצענטירונג אַרויסגערעדט מיין נאָמען, אַז עס זאָל דערביי קיין טעות ניט זיין.

— איר האָט פּונקט געטראָפן, טאַקע אַזוי הייס איך... — האָב איך שפּאַסיק געענטפערט.

— איז קומט אייך דאָך אַ שלום־עליכם, — האָט ער מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט, — און אויך אַ ברוכים הבאים! איך בין ראַביי נ., פון שול... — און ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ שול, וואָס האָט מיר געקלונגען פרעמד, פּונקט ווי דאָס וואָרט ראַביי וואָס כ׳האָב נאָך אַלץ ניט געקאָנט רעכט צעקייען...

— זייער אָנגענעם אייך צו טרעפן... — האָב איך געפּרוווט אויסמיידן דעם מיר נאָך דעמאָלט פרעמדלעכן טיטל ראַביי. אין אויער האָט מיר נאָך געקלונגען זיין „עקסקיוז מי", האָב איך געוואָלט זיכער מאַכן זיין יחוס: — כ׳נעם אָן אַז איר זייט אַ היימישער ייִד, אַן אונדזעריקער. — מיט דעם האָב איך געמיינט צו זאָגן: פון ליטע, ווייל דרום־אַפריקע האָט מען אין דער ייִדישער וועלט פאַררופן ווי אַ ייִדיש־ליטווישע קאָלאָניע...

— אוודאי אַ היימישער, — האָט ער באַשטעטיקט מיט צופרידנקייט. — זײַן פּנים, וואָס איז געווען גלאַט אָפּגעראַזירט און רויק, האָט זיך אומעטיק פאַרצויגן, מיט אַן ערנסטער מינע: — אָבער אַלע יידישע היימען זענען דאָך במילא חרוב, איז וואָס איז שוין דער חילוק פון וואַנעט אַ ייד קומט...

דאָס איז געווען דער באַקאַנטער נוסח פון יענע טעג, ווען יידן האָבן נאָך געדערט ציטעריק, און צו מאָל מיט טרערן, וועגן משפחה, שטעטל, אייגענע, וואָס זענען נאָך פרישווונדיק געלעגן אין די יידישע הערצער.

מיר זענען ביידע געשטאַנען בײַ דער ווערענדע פון הויז. מיך האָט געווונדערט וואָס פלוצלינג האָט מיר דאָ אַ רבֿ אויפגעזוכט: — וואָס קען איך טאָן פאַר אײַך? — האָב איך געפרעגט, נאָך אַלץ אים ניט אַנרופנדיק ראַבײַ, וואָס האָט זיך מיר ניט געלייגט אויף דער צונג.

— אָט דאָס איז עס טאַקע, — האָט דער רבֿ אַרויסגעצויגן פון בוזעמטאַש עטלעכע פּאַפּיר־בלעטלעך פון אַ העפט, פאַרשריבענע מיט יידישע אותיות. — כ׳וואָלט וועלן אַז איר זאָלט עס דורכקוקן, און ווו נייטיק מאַכן תּיקונים. ס׳איז פאַרן יזכור־בוך פון אונדזער שטעטל, וואָס האַלט זיך בײַם פאַרענדיקן דרוקן.

מחמת דער בקשה, וואָס איז געקומען אַזוי אומפאַרהאָפט, און די זאַך וועגן וואָס, איז מײַן שטימונג געוואָרן נאָך מער דערדריקט. איך האָב געטראַכט, ווי משפּעט מען זיך אָפּ פון דעם אַזוי פרײַנדלעכן ראַבײַ. כ׳האָב שוין געוואָלט זײַן אין צימער, בײַ די קינדער, בײַ מײַן ווײַב, וואָס מוז אומשולדיק אָפּריכטן גלות־אַפריקע...

כ׳גיב אויף גיך אַ בליק אין קעפּל פון מאמר, וואָס איז בעצם אַ מין באַריכט פון דער סאָסייטי אין דרום־אַפריקע, און כ׳לויף דורך די ערשטע עטלעכע שורות, וואָס זענען גלאַטיק אָנגעשריבן.

— ס׳איז דאָך אַ פּויליש שטעטל, — פּרוּוו איך זיך „ראַטעווען“, — און איך בין אַ סאַמאַראַדנער ליטוואַק. און צו וואָס דאַרפט איר בכלל דעם אַרטיקל מתקן זײַן, אַז עס לייענט זיך סײַ ווי גאַנץ פײַן.

— ניין, — דערווידערט ער, — מ׳דאַרף זײַן אַ בקי ורגיל אויך אין שרײַבן. — און ווי ער וואָלט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט, אַז טאָמער האָב איך אַ חשד וועגן געצאָלט, גיט ער צו, בלשון רבים: — מיר וועלן חלילה ניט פאַרלאַנגען בחינם, אײַער שׂכר־עבֿודה וועט די סאָסייטי באַצאָלן ווי געהעריק. און וואָס שייך ליטוואַקישן ייחוס, געהערן מיר בלויז פאַרמעל בגבֿולות פּוילן, אָבער אונדזער שטעטלשער שורש איז אַ ליטווישער, אַ כּלו מתנגדישער, איר זעט דאָך דעם נאָמען.

— גלייבט מיר, אַז מיר גייט ניט אין שׂכר, — פּרוּוו איך זיך אָפּוועדן, אָבער איר קענט עס אַליין מאַכן און זיך פאַרשפּאָרן אי הוצאות, אי קאָפּדרייעניש, — וויל איך זיך אַרויסדרייען פון עסק.

איך שטיי ווי אויף שפּילקעס, און ער לאָזט ניט אָפּ: — איך וויל איר זאָלט עס מאַכן, אַניט וואָלט איך אײַך דאָך ניט אויפגעזוכט. און ס׳וועט זײַן אַ מיצווה,

אין חשבון פון נײַעם יאָר. זײַט ניט קיין עקשן... — בעט ער זיך, און גיט צו, אַז אין ישׂראל וואַרט דער רעדאַקטאָר פון ספר אויפן מאמר.

— גוט, כ׳וועל עס טאָן, — וויל איך וואָס גיכער פאַרענדיקן דעם ענין, — אָבער איין זאַך מוז איך אײַך זאָגן קודם למעשׂה, אַז כ׳וועל עס ניט קענען איבער־שרײַבן אויף אַ שרײַבמאַשין, ווײַל כ׳האָב אַזאַ כּלי ניט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דײַטשלאַנד.

— אַדרבא, — דערפרייט ער זיך, — אונדזערע גרעסטע חכמים און גאונים האָבן געשריבן מיט געגנדזענע פעדערס, וואָס מ׳קען אַזוינס הײַנט ניט אָנשרײַבן מיט דער טײַערסטער שרײַבמאַשין. איר ווייסט דאָך אַליין. — איך האָב געשוויגן. ער האָט קענטיק דערפילט מײַן אומגעדולד, אפשר אויך מײַן דערדריקטקייט:

— אַז מ׳קומט אין אַ נײַ לאַנד מוז מען דורכגיין נײַע חבֿלי־לידה, אַזוי איז שוין דער דרך־העולם. — און ער האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט אויף זיך געזעגענען: — זאָלט איר זוכה זײַן אויפצובויען אַ שיינע ייִדישע היים מיט אַ גוטער צוקונפט אין דעם גאָלדענעם לאַנד!..

## ג

דעם זעלבן אָוונט האָב איך עס געהאַט געענדיקט. ס׳איז געווען ניט קיין גרויסע זאַך און ניט צו פיל אַרבעט, כ׳האָב זיך נאָר געוווּנדערט וויפל מ׳קען בכלל נעמען פאַר דעם. תּמיד איז עס געווען מײַן שוואַכקייט אָפּצושאַצן מײַן אַרבעט פאַר אַ צווייטן אויף קליין, און כ׳בין גרייט געווען עס צו טאָן פאַר אַ שווה פּרוטה. יאָרן האָט גענומען, און דערפאַרוגגען מיט אויסנוצערס וואָס האָבן דער־טאַפּט דעם שוואַכן פינטל, ביז כ׳האָב פאַרשטאַנען די ווערט פון מײַן שעפערישן דינסט. מיט מיר פלעגט מען זיך ניט דינגען, ווײַל מ׳האָט סײַ ווי געקראָגן מײַן טירחה בזיל־זול, און ניט איין מאָל האָב איך זיך געפרעגט: בין איך טאַקע אַ בטלן?.. אָבער ס׳איז געווען אין די אָביעקטיווע תּנאים, מער ווי אין א י ך.

אויף מאָרגן האָב איך טעלעפאָנירט דעם רבֿ און געזאָגט, אַז זײַן באַשטע־לונג איז פאַרטיק, כּדין־וכּדת... ער האָט זיך דערפרייט, אָבער הײַנט איז ער פאַרנומען מיט אַ חתונה, מאָרגן אי״ה וועט ער קומען עס אָפּנעמען. ווי עס זאָל ניט זײַן האָט מיר דער ענין אַ ביסל אַרויסגעשלאָגן פון מאָנאָטאָנעם עצבֿות. אויף מאָרגן האָב איך שוין אָפּגעוואַרט מײַן קליענט, און אַפילו געוואָרן אומ־געדולדיק אַז ס׳איז געוואָרן שפּעטלעך. סוף־סוף האָב איך געזען אָנקומען אַ גרויסן, שוואַרץ־גלאַנציקן אויטאָ, אַזאַ ווי זונטיק. יענע יאָרן זענען געווען אַ סך אַ֫עלכע אויטאָס און ניט איין מאָל האָב איך זיך טועה געווען. אַז ער איז צוגע־קומען נענטער, האָב איך באַמערקט אַז בײַם רעדל פון שאָפער זיצט אַ פעטלעכער ייִד. כ׳בין שוין געשטאַנען אויף דער וועראַנדע מיטן כּתבֿ־יד אין האַנט. מיר האָבן זיך באַגריסט און דער רבֿ האָט מיט אַ שמייכל גענומען בײַ מיר די בלעטלעך.

— כ׳מוז זיך אײַלן, — האָט ער געזאָגט, — װײַל דער מאַן װאָס פֿירט מיך אײַלט זיך אױך. ס׳איז מײַנער אַ לאַנדסמאַן, אַ טײַערער ייִד. ס׳װעט אײַך נאָך אױסקומען מיט אים זיך צו באַקענען. — און אין אײן אָטעם האָט ער אַרױסגעלײגט דעם ייִחוס פֿון ייִד אין אױטאָ: ער איז אַ קאָנטראַקטאָר, אַ גרױסער גבֿיר און — ער שרײַבט אױך... — אָבער לאָמיר עס אַלץ לאָזן פֿאַר אַ צװײטן מאָל.

— װילט איר גאָר ניט אַ קוק טאָן צי מײַן אַרבעט איז גוט? — האָב איך געפֿרעגט.

— כ׳בין בטוח אַז ס׳איז גוט... דאָ האָט איר פֿינף פֿונט, ניצט געזונטערהײט און זאָל עס זײַן אַ גוטע התחלה. — ס׳האָט זיך דערהערט אַן אײַנגעהאַלטענער בלאָז פֿון האָרן און דער ראַבײַ איז געלאָפֿן צום אױטאָ. כ׳בין געבליבן שטײן מיטן קאָנװערט אין האַנט. דער אױטאָ האָט מיט געזשום אַװעקגעיאָגט.

פֿאַר אַזױ װײניק אַרבעט פֿינף פֿונט, גאַנצע פֿינף פֿונט! ס׳האָט מיך געעקבערט אַ פֿאַרדראָס, װײַל מיר איז אױסגעקומען אַז כ׳האָב געגעבן צו װײניק פֿאַר דעם װאָס כ׳האָב געקראָגן, װי כ׳װאָלט עמעצן אָפּגענאַרט. און די פֿינף פֿונט איז געװאָרן אַ פּראָבלעם...

כ׳בין אַרײַן אין צימער און אַ צעטראָגענער זיך אַראָפּגעלאָזן אױפֿן בעט. מײַן װײַב איז גראָד געװען אין קיך, פֿאַרנומען מיטן אָנהאָדעװען די קינדער. מיט די פֿינף פֿונט איז אױך געװען אַ ברױול פֿון קאָמיטעט, װאָס האָט מיר באַדאַנקט פֿאַר מײַן גוטער אַרבעט. דער באַנקנאָט איז געװען אַ נײַער, װי מ׳װאָלט אים אָקערשט פֿאַבריצירט. כ׳האָב אים געהאַלטן אין האַנט און עפּעס ניט געפֿילט קײן פֿרײד. אַז כ׳האָב דערהערט די קינדערשע טריטלעך, װאָס לױפֿן צום צימער, האָב איך אין אײַלעניש ערגעץ פֿאַרשטעקט די 5 פֿונט.

דער צימער, װוּ מיר האָבן געװױנט זאַלבעפֿערט — איך און מײַן פֿרױ, דער בכור, דרײַ יאָר אַלט, און אַן עופֿעלע פֿון עטלעכע חדשים — איז געװען מײַן טורמע. כ׳האָב שפּעטער געזאָלט גײן אַרבעטן אין אַ קלײדער־פֿאַבריק, װאָס מ׳האָט נאָך געהאַלטן אין אױספּאַרטיקן, מאָנטירן עלעקטרישע מאַשינעס אד״גל. דערװײַל האָב איך זיך געהאַלטן גאַנצענע טעג פֿאַרשפּאַרט, און אין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט אָװאַנטוריסטישע, צולהכעיסדיקע און טונקעלע פּלענער: װי און װוּ צו אַנטלױפֿן פֿון דאַנען. אין די מיטאָג־שעהען פֿלעגט די זון אָנפּלײצן דעם צימער מיט גאָלדענע כװאַליעס, אָבער זײ האָבן ניט געהאַט דעם כּוח צו צעשמעלצן דעם טרױער אין האַרצן. דאָ איז דער כאַאָס געװען גרױס, װײַל אַהער האָט מען אַפֿילו די שװאַרצע דינסט ניט אַרײַנגעשיקט, צו מאַכן די בעטן. אין דער ענגשאַפֿט זענען די װינקלען געװען אָנגעשטאָפּט מיט קינדערשע זאַכן, װינדלען, װײַבערשע און מענערשע קלײדער און שיך, ניט אױסגעפּאַקטע טשעמאָדאַנעס. אױף טישלעך, שטולן, אונטער די קישנס האָבן זיך געװאַלגערט פּאַפּירן, העפֿטן, ביכער, כּתבֿ־ידן און דאָקומענטן. מײַן װײַב האָט ניט געהאַט קײן צײַט דעם אָנגעװאָרף צו ברענגען אין אַ שטיקל אָרדענונג, און איך האָב קײן קאָפּ ניט געהאַט פֿאַר דעם.

ד

מײַן װײַב איז אַװעק אױף איר טעגלעכן שפּאַציר מיט די קינדער. זי װײס װאָס פאַר אַ צעטומלעניש עס קומט פאַר אין מיר. מיר װײסן עס בײדע. אָבער סײַ װי פיל איך זיך זינדיק קעגן איר, װאָס איך העלף איר ניט. אַזאַ יאָך! און דערצו נאָך — די עמאָציאָנעלע שפּאַנונג אין אַזאַ אַטמאָספער...

פאַרטראָגן אין רעיונות האָב איך צום װיפלטן מאָל זיך אױסגעמאָלן דאָס בילד פון אונדזער מגולגל װערן אין דעם פאַרװאָרפענעם העק. מיט אַ מאָל האָט זיך די טיר געטאָן אַ ריס־אױף און אַ נערװעז־קװיטשיקער קול פון אַ פרױ האָט אַרײַנגעשריִען: — אַ מענטש קלינגט... ער װאַרט אױפן טעלעפאָן און דו זיצסט זיך פאַרשפאַרט אין צימער, װי אַ גנבֿ, און הערסט גאָרניט...

כ׳בין שױן געװוען געװױנט צו די שטעכלקעס. ניט געװאָלט הערן און װיסן װאָס עס טוט זיך הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. אָבער איצט האָב איך זיך דערפרײט: אפשר האָט אַ חבֿר זיך דערבאַרעמט און װיל מיך אַרױסנעמען.

— דאָ רעדט ראַבײַ נ., אַ גוטן מאָרגן אײַך! װאָס איז עפּעס די פרױ אױפן טעלעפאָן געװוען אַזױ בײז? עס איז דאָך ניט געװוען אײַער װײַב...

— חס־וחלילה. אָבער דאָ איז אַזאַ מין דרך־ארץ פאַר תּלמידי־חכמים... ס׳איז ניט מײַן שולד.

— כ׳פאַרשטײ, — האָט דער רבֿ געזאָגט שטיל. — אָבער איך קום הײַנט צו אײַך מיט אַ שליחות. ראשית, װיל איך אײַך װינטשן אַ שנת חיים ושלום, והשנית װיל איך אײַך פאַרבעטן װי אַן אורח אין אונדזער שול, אױף די ימים־נוראים.

— כ׳דאַנק אײַך פון גאַנצן האַרצן, רבי, — האָב איך געזאָגט געריִרט, — פאַר מיר איז אײַער פאַרבעטונג אַ גרױסער כּבֿוד. אָבער צו זײַן מיט אײַך אָפּן, האָב איך זײ איבערגעגעבן די אַ פּאַרכטיקע טעג, כ׳טראָג זײ אין מײַן האַרצן... איז צו װאָס נאָך... נאָך ימים־נוראים ?.. — כ׳האָב געפילט װי מײַן קול שטיקט זיך אין טרערן און שױן געװאָלט אָװעקלײגן דאָס טרײַבל.

— אָבער װאַרט אַ רגע, ר׳ דוד, — האָט ער פלוצלינג מיך גערופן בײַם נאָמען, — װען כ׳האָב אײַך ס׳ערשטע מאָל געזען האָב איך תּיכּף דערפילט אײַער צער. איז אפשר דאָס זײַן צוזאַמען מיט ייִדן...

— כ׳װיל ניט זײַן מיט ייִדן! — האָב איך שאַרף אַ שניט געטאָן אין מיטן זײַנע רײד. — כ׳װיל זײַן אַלײן.

— איך פאַרשטײ אײַך... לשנה טובֿה תּכּתבֿו ותחתמו, מיט אײַער װײַב און קינדער!

זײַן קול האָט אַ גלעט געטאָן מײַן אױער און מיט אײן מאָל מיך אַ טראָג געטאָן צו אַן אַנדער װעלט, אַ װעלט פון הײם, טאַטע־מאַמע. אַ װאַרעמער טרױ־ער איז אָנגעקװאָלן אין מײַן האַרצן און כ׳האָב געפילט װי די טרערן קאַפּען אַראָפּ פון די אױגן. קאַפּען. קאַפּען — —

איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז כ׳האָב ערגעץ באַהאַלטן די פינף פונט. כ׳האָב אַ זוך געטאָן אין אָרט וואָס כ׳האָב געדענקט, אָבער ס׳איז ניט געווען קיין זכר פון זיי. ווי משוגע האָב איך איבערגעוואָרפן די זאַכן אַרום די בעטן, דאָס בעטגעוואַנט, און ס׳איז אָנגעוואַקסן אַרום מיר אַ גאַנצער באַרג. כ׳האָב געפונען דעם קאָנווערט מיטן בריוול, אָבער ניט דעם באַנקנאָט, וואָס כ׳האָב געהאַט באַהאַלטן באַזונדער.

איצט האָב איך בעסער פאַרשטאַנען פאַר וואָס מײַן װײַב וויל ניט בלײַבן אין שטוב. זי בלאָנדזשעט ליבער אַרום, מיט די קינדערלעך, אין די גאַסן און געסעלעך פון דער אָרעמער געגנט, ווו די משפחה האָט זיך אַרויפגעאַרבעט צו גרויס עשירות. זי האָט שוין דעמאָלט אינסטינקטיוו געפילט, אַז צווישן דער ענגשאַפט פון די כמורנע ווענט, אין דעם אַלטן הויז, זידט אַ ווולקאַן, און איין טאָג וועט ער אויסברעכן און צעשטערן אונדזער לעבן.

— מיר מוזן פון דאַנעט אַנטלויפן וואָס גיכער, אויב מיר ווילן ווײַטער לעבן... — האָט זי מיר איין טאָג פאַר ראָש־השנה געוואָרנט, און אין איר יונגן בליק איז געווען אַזוי פיל איבערגעלעבטער שרעק.

אַזוי איז פאַרזונקען, אין כאַאָס פון צימער, מײַנע ערשטע פאַרדינטע פינף פונט אין דרום־אַפריקע.

ה

די יאָרן זענען זיך געגאַנגען. פאַר דער צײַט בין איך דורכגעגאַנגען אַ סך איבערלעבונגען, וואַנדלונגען, דערפאַרונגען מיט יידישע מענטשן, שרײַבערס און געשעפטן. ס׳איז געווען אַ נײַע דירה, ווו מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן, ווײַל מײַן װײַב איז באַשטאַנען אויף דעם. פון די אַלע בײַטענישן, דאגות און שימחות, איז ווי פאַרשאָטן געוואָרן אין זכרון יענע ערשטע 5 פונט.

אָנהייב 1963 האָב איך געקראָגן אַ פאַרבעטונג פון דער קהילה אין בולאַ־וואַיע, צוזאַמען מיטן יידישן קולטור קלוב, צו קומען אויפן יערלעכן יזכור־אָוונט, און, פאַר איינס, געבן אַ פאַר פאָרטראָגן וועגן יידישער ליטעראַטור. האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע סדרה: כ׳האָב ניט געקענט געפינען מײַן פאַס, וואָס כ׳האָב פאַר די 12 יאָר אין דרום־אַפריקע פאַרגעסן ווי ער זעט אויס. האָב איך שוין געוואָלט מבטל מאַכן מײַן נסיעה, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן היגן קהילה־ביוראָ (באָרד אָוו דעפּיוטיס). צוליב דעם טאָקע בין איך אַרויפגעקומען צום סעקרעטאַר פון דעפּאַרטמענט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם. האָט ער מיך פּשוט אויסגעלאַכט: — איבער אַזאַ קלייניקייט אַנטלויפן פון פראָנט... ס׳איז דאָך שוין געווען אין אַלע צײַטונגען וועגן דעם יזכור־אָוונט, און אײַער נאָמען פיגורירט דאָרטן, איז ווי קענט איר עס טאָן? כ׳וועל אײַך געבן אַ בריוו צום פאַס־אָפיצער אין יאָהאַנעסבורג וועגן אַ צײַטווײַליקן דאָקומענט.

אַז כ׳האָב געגעבן דער מיידל בײַם פענצטערל מײַן בריוו, וואָס האָט מיך פאָרגעשטעלט ווי אַ באַרימטע פערזענלעכקייט, האָט זי פרײַנדלעך געוויזן אירע

ווייַסע צייַנדלעך און געזאָגט: — „נאָ פּראָבלעם". זי האָט מיר געגעבן אַ פּרעג־בויגן אויסצופילן, און געזאָגט אַז כ'זאָל מאַכן 2 פאָטאָבילדלעך: — אָט דאָ איבער דער גאַס, אין 5 מינוט וועסטו עס האָבן. און מאָרגן וועסטו האָבן דעם פּאַס. און כּך־הווה: אויף מאָרגן האָב איך געהאַט אַ פּאַס מיט אַ וויזע.

דעם טאָג פאַר מײַן אָפּפאָר האָב איך צוזאַמענגעוואָרפן אין אַ וואַליזקע מײַן קלאָפּערגעצייַג און אַלטע כּתבֿ־ידן, און אין דעם רומל האָט פּלוצלינג אַ שווינדל געטאָן פאַר מײַן אויג מײַן אַלטער פּאַס. כ'האָב אים מיטגענומען.

דעם לעצטן אָוונט פון מײַן בולאָוואַיע־טור בין איך געווען דער גאַסט פון יידישן אַקטיאָר מ., און זײַן פרוי, וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט אין בולאָוואַיע. ס'איז געווען אַ צאתך־לשלום־פּאַרטיע, ווו עס זענען געווען פאַרבעטן פרײַנד און חבֿרים. שפּעט אין אָוונט, אַז מיר זענען געבליבן אַליין, האָבן מיר זיך פונאַנדערגעשמועסט וועגן טעאַטער. זיי האָט אינטערעסירט די תּקופֿה פון דײַטשלאַנד. כ'האָב אַרויסגעזוכט אויסשניטן פון אַלטע צײַטונגען פון דער שארית־הפּליטה, וואָס כ'האָב געשריבן וועגן אויפפירונגען פון יענצײַטיקן יידישן טעאַטער אין מינכן. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט האָט מ. געזאָגט:

— מיר וועלן דאָ שוין לאַנג ניט קענען בלײַבן. ס'ווערט צו הייס... — און זײַן פרוי האָט אומעטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַ וואָך שפּעטער קריג איך אַ בריוול פון בולאָוואַיע. כ'עפן דעם קאָנווערט, אינעווייניק אַ באַנקנאָט. כ'לייען: אין דער פרי, נאָך אונדזער פּאַרטיע, האָט מײַן פרוי געפונען בײַם טישל, ווו איר זײַט געזעסן און געמישט אײַערע מאַ־נוסקריפּטן, די פינף־פונט. איר קענט עס נאָך אויסבײַטן אויף ראַנדן...

דאָ איז אַ טעות, טראַכט איך, כ'טאָר דאָס געלט ניט נעמען. און גלײַך אויף אָן אָרט שרײַב איך אָן אַ בריוועלע, אַז כ'שיק זיי צוריק די פינף פונט, ווײַל כ'האָב מיט זיך ניט מיטגענומען קיין שום געלט. און — גייענדיק צום פּאָסט־קעסטל, האָט מיר פּלוצלינג אַ בליאַסק געטאָן פאַר די אויגן אַן אומעטיקער, זוניק־צעגאָלדיקטער טאָג, אין 1951. דער גילגול פון די 5 פונט!

כ'בין צוריק געגאַנגען אַהיים. אַרויסגענומען די 5 פונט פון קאָנווערט און לאַנג אָנגעקוקט דעם פאַרביקן באַנקנאָט. כ'האָב געפילט אַ פײַכטקייט אויף די ברעמען. האָב איך פאַרקוועטשט די אויגן און אין מײַנע אויערן האָב איך גע־הערט זשומען דעם ווײַטן עכאָ פון יאָרן: לשנה טובֿה תּכּתבֿו ותחתמו... בלענ־דיקע שטראַלן האָבן געטאַנצט אין מײַנע טרערן.

און כ'האָב די פינף פונט ווידער באַהאַלטן — —

# מיין נייע שרייבמאַשין

## א

שוין אין די ערשטע וואָכן פון מיין זיין אין דרום־אַפריקע, איז מיין שטאַרק־סטער באַגער געווען אַ יידישע שרייבמאַשין. כ'האָב זיך געפילט אָרעם און פשוט געשעמט צו דערציילן, אַז כ'האָב ניט דאָס אַזוי נייטיקע שרייבגעציי. אין דייטשלאַנד האָב איך אַלע יאָרן גענוצט די שרייבמאַשין פון שרייבער־פאַרבאַנד, וועמענס סעקרעטאַר איך בין געווען. אָבער צו לעצט האָט עס מיר אָנגעטאָן אַ סך עגמת־נפש, ווייל אייגער פון די קנאַקערס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון שארית־הפליטה, צו וועלכן מיר זענען געווען אַפיליִירט, האָט מיר באַשולדיקט אַז כ'האָב זיך צוגעאייגנט געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן, בצורת אַ שרייבמאַשין, און וויל עס ניט צוריקגעבן. דער ענין האָט מיך שטאַרק וויי געטאָן און ס'האָט שוין געהאַלטן ביי אַ מישפּט, וואָס כ'האָב אין לעצטן מאָמענט צוריקגעצויגן (אין מיין רשות געפינט זיך נאָך דאָס תּביעה־געשריפט). אַגבֿ, די שרייבמאַשין איז סיי ווי געווען פון אַן אַלטן ענגלישן ביורא־מאָדעל, קאָלאָסאַל גרויס און שווער.

צו אַזאַ שרייב־כּלי, וואָס כ'האָב זיך צו איר צוגעוווינט אין די נאָכמלחמה־יאָרן, איז איצט געווען מיין גאַנצע ליידנשאַפט. אָבער כ'האָב ניט געטאָרט טראַכטן וועגן אַרויסנעמען אויף איין מאָל אַ גרעסערע סומע געלט אויף דעם לוקסוס, ווען מ'דאַרף בויען אַ ניי לעבן און באַזאָרגן אַ משפּחהלע. אָבער מיין חלום, צי אפשר דער כּוח פון טעלעפּאַטיע, האָט אַרויסגערופן דעם מלאך הממונה על יידישע שרייבמאַשינען, וואָס האָט אויף אַ קונציקן אופן ממלא געווען מיין רצון.

איין טאָג, סוף 1951, טעלעפאָנירט מיר מיין לאַנדסמאַן און בעל־הבית פון יידישן דרוק ב., אַז היינט וויל ער מיר זען וועגן אַ „דזשאָב". מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן אין די סוף־וואָכן און אויפמישן בלעטלעך זכרונות און דערמאָנונגען פון היימשטעטל, ווו מיר זענען צוזאַמען געוואַקסן. ס'איז אָבער געווען אַ מיטן וואָך, און ער האָט נאָך צוגעגעבן אַז די זאַך איז איילִיק, האָבן מיר זיך דעם זעלבן אָוונט געטראָפן.

צו יענער צייט בין איך שוין געווען „פאַרשיקט" אויף קאַטאָרגע, אין אַ „קלאָטהינג פעקטאָרי", ווי מ'האָט עס דאָ גערופן. הגם מיין אַרבעט איז געווען ניט צו שווער, סופּערוויזיע און העלפן אין אָפיס, האָב איך דאָס ערשטע — האַלטן אַן אויג אויף די שוואַרצע און ברוינע אַרבעטער — כּמעט ווי ניט געטאָן,

כ׳בין מער געווען אין ביוראָ. דאָס ווערן אַ משגיח איבער אַרבעטער האָט אומ־וויליק מיך דערמאָנט מײַנע געטאָ־און־קאַצעט־יאָרן, ווען בייזע אויגן האָבן נאָכ־געשפּירט מײַן יעדן קער און ריר.

איצט, אַנשטאָט אין אַ צימער איינער אַליין, בין איך געווען אײַנגעקלעמט אין אַ ריזיקן פאַבריק־בנין, ווו הונדערטער מאַשינעס האָבן געקלאַפּט אין אַ צעווילדעוועטן אומריטמישן טעמפּאָ, און הונדערטער פּאָר אויגן האָבן דיך גע־היט, געקוקט דיך אין פּנים, ניט זעלטן מיט אָפּענעם האַס, און געפּאָרשט יעדן שפּור אין דײַן אויסזען, ווי זיי וואָלטן געזוכט צו דערטאַפּן וואָס פאַר אַ מין חיה דער אַ באָס איז. כ׳האָב זיך געפילט דעגראַדירט, מאָראַליש דערשלאָגן, אָבער די פּענטעס פון לעבן, צי פון „מאַכן אַ לעבן״, האָבן זיך שאַרף געהאַט אַרײַנגעגעשניטן אין גוף און נשמה. די קאַלטע פאַרביזנעוועטע סבֿיבֿה האָט גע־פּראַצעוועט ניט נאָר מיט ניי־מאַשינען, נאָר געקלאַפּט מיט עלעקטרישע הערצער און געקוקט מיט עלעקטרישע אויגן. די וואַרעמע מענטשלעכע טעמפּעראַטור איז געווען רעדוצירט צו צוויי גראַדן: שקלאַפּן און באָסעס. אַ פײַנלעכע אומרח־מנותדיקע ליניע האָט דורכגישניטן די אַ צוויי קלאַסן: פון איין זײַט ליניע מחנות שוואַרצע, פון דער צווייטער זײַט — די מענטשן מיט ווײַסע הויטן. און דו, וואָס האָסט שוין אויף דײַן לײַב און אין נשמה דורכגעטראָגן די שאַנדע פון ר אַ ס ע, האָסט עס איצט געזען אין אַן אַנדער וואַריאַנט. און אויב דו האָסט עס ניט געקענט קאָנפירמירן, האָסטו עס געמוזט איגנאָרירן.

די מחשבֿות האָבן מיך באַשעפטיקט, אין קאָנצענטראַציע מיט מײַן אַרבעט־סבֿיבֿה, אָבער אַז ס׳איז געקומען צום שאַפערישן שטח האָב איך מיט אַ מאָל דערפילט אַן אַנדער קלימאַט — דעם קלימאַט פון יידישן וואָרט. על־כן האָב איך זיך געפרייט מיט יעדער מין אַרבעט אויף יידיש — און וועגן אַזאַ אַרבעט האָבן מיר זיך איצט געטראָפן.

ב. האָט מיר דערציילט, אַז מ׳זעצט אין דרוקערײַ אַ בוך, וואָס דאַרף אַרויס אָנהייב 1952. איז וויל דער בוכפאַטראָן וויסן, צי כ׳וועל מאַכן די קאָרעקטור, און פאַר איינס אַ גלעט טאָן אויך אַנדערע קלייניקייטן.

— גוט. כ׳וועל עס טאָן. ווער האָט דאָס בוך געשריבן? — האָב איך געפרעגט.

— אַ דאָקטאָר, אין ישׂראל. ס׳האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין „אַפרי־קאַנער אידישע צײַטונג״. ס׳איז אַ בוך וועגן קאָוונער געטאָ...

— אָ, כ׳ווייס שוין: ס׳איז ד״ר פּ. אין געטאָ זענען מיר געווען שכנים. און האָסט ערשט דערמאָנט אַ מעצענאַט, ווער איז ער? — האָב איך געפרעגט.

— דו קענסט אים, ש., ער איז אַ מאָל געווען דער רעדאַקטאָר פון „אַפרי־קאַנער אידישע צײַטונג״, הײַנט איז ער אַ מיליאָנער. כ׳האָב מיט אים געאַרבעט אין צײַטונג. ער האָט מיר שוין אַפילו געזאָגט וויפל ער איז גרייט צו באַצאָלן פאַר דײַן אַרבעט. פּרווו טרעפן.

— צום ווײַניקסטן אַ האַלבן מיליאָן... — האָב איך געשפּאַסט.

— פינף און צוואַנציק... — האָט ב. געזאָגט, — אָבער ניט אין מיליאָנען. 25 פונט.

יענע טעג איז 25 פונט געווען אַ גאַנץ היפּשע סומע. איז מיר פּלוצלינג אײַנגעפאַלן עפּעס:

— ווייסטו גאָר וואָס, פאַר דער אַרבעט ווײַל איך ניט קיין געלט, נאָר זאָל ער מיר קויפן אַ נײַע ייִדישע שרײַבמאַשין. און דאָס וועט זײַן טרעף: וועט עס קאָסטן ווייניקער, דאַרף ער מיר מערער ניט געבן.

—גוט, — האָט ב. תּיכּף מסכּים געווען מיט מײַן פאַרלאַנג. — ס'איז אַ גוטע אידעע. מאָרגן וועל איך עס וויסן, אויב יע, וועל איך דיר ברענגען די „פּיידזשעס״, מ'מוז עס גלײַך טאָן. און כ'קען אַפילו אַרײַנגיין מיט דיר אין אַ געשעפט פון שרײַב־אַרטיקלען, מיר וועלן זען וואָס מ'קען קריגן.

## ב

אויף מאָרגן האָט מיר ב. געבראַכט די קאָרעקטור־זײַטן צוזאַמען מיט די גוטע נײַעס: ש. האָט געגעבן זײַן הסכּמה צו מײַן בקשה וועגן אַ שרײַבמאַשין, און אַפילו געזאָגט אַז כ'קען עס שוין נעמען, אויב ס'איז אין גלײַכן פּרײַז. די אַרבעט פון בוך מוז אָבער תּיכּף געמאַכט ווערן. ער ווײַל דעם בוך האָבן פאַרטיק אָנהייב 1952.

ס'איז געווען אין מיטן דעצעמבער. ב. האָט מיר געזאָגט, אַז די וואָך פאַר־מאַכט מען די דרוקערײַ אויף די זומער־האָלידייס, וועל איך האָבן דרײַ וואָכן ביז מ'עפנט זי ווידער. דער סעזאָן פון די וואַקאַציעס אין דרום־אַפריקע האָט זיך אָנגעהויבן און אויך אונדזער קליידער־פאַבריק האָט דעמאָלט זיך געשלאָסן.

דאָס איז געווען מײַן ערשטער זומער אין דרום־אַפריקע, אַ פאַרקערטע זומער־צײַט, אין די חדשים פון ווינטער. אין אַזאַ טאָג פון בלוי און בראַנד און זון, איז געקומען ב און מיר זענען געפאָרן אײַנהאַנדלען אַ שרײַבמאַשין. אויפן וועג האָט ער מיר געוואָרנט, אַז כ'זאָל ניט זײַן אַנטוישט טאָמער וועל איך עס גלײַך ניט קריגן. אַ ייִדישע שרײַבמאַשין מוז מען באַשטעלן.

—מיר וועלן געפינען, — האָב איך געזאָגט, — איך פיל עס.

און ס'מזל האָט מיר טאַקע צוגעשפּילט און מיר האָבן געפונען איינע. זי איז נאָך אַפילו געווען אין דער אָריגינאַל־פּאַקונג, אַ שווייצאַרישע „הערמעס בייבי״. דער פאַרקויפער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט מײַן ענטוזיאַזם, און ער האָט צוליב מײַן כּבֿוד וועגן געמאַכט אַן אָנשטרענג צו ריידן דווקא ייִדיש. זײַן טאַטע איז געקומען פון ליטע, ווי אַ קינד, אָבער ער רעדט גוט ייִדיש, האָט ער זיך באַרימט. און דערציילט, אַז די שרײַבמאַשין האָט עמעצער באַשטעלט, נאָר יענער האָט געמוזט אָפּפאָרן קיין ישׂראל. זיי וועלן פאַר אים באַשטעלן אַן אַנדע־רע. ער וועט זי שוין געפינען, ווען ער וועט צוריקקומען. ב. האָט געבעטן אַרײַנ־שיקן דעם חשבון אין דרוקערײַ, און מיר האָבן די שרײַבמאַשין גלײַך מיטגענומען.

כ׳האָב געבראַכט אַהיים די שרײַבמאַשין. יענעם אָוונט איז מסתּמא ניט געווען אין יאָהאַנעסבורג קיין מער גליקלעכער פון מיר, ווי אַ קינד וואָס מ׳האָט אים געקויפט אַ באַליבטע שפּילצײַג. כ׳האָב די שרײַבמאַשין אויסגעפּאַקט, ווי אַ טײַערן חפץ: זי איז געווען מיט אַ זילבערגלאַנץ פאַרצויגן, לײַכט און שיין. אָבער כ׳האָב זיך איצט ניט געוואָלט מיט איר פאַרשפּילן, כ׳האָב געפילט דעם חובֿ צו מאַכן אַן אָנהייב מיט דער אַרבעט וואָס איז שוין אין פאָרויס באַצאָלט.

ב. האָט מיר געזאָגט, אַז ער פאָרט מאָרגן פרי, מיט דער משפּחה, אויף צוויי וואָכן וואַקאַציע, האָב איך באַשלאָסן אים איבערראַשן מיט אַ קאָמפּלעטיר־טער אַרבעט ווען ער וועט קומען צוריק. יעדן טאָג האָב איך געאַרבעט און יעדן טאָג האָט מיר דער מחבר צוריקגעפירט אין קאָוונער געטאָ, אין די קויפּערינג־לאַגערן בײַ דאַכאַו. ס׳זענען ווידער געווען די זעלבע ייִדן, די זעלבע דײַטשן־רוצחים, די זעלבע אַטמאָספער, וואָס איך האָט אַזוי גוט געקענט. די דערמאָ־נונגען אין בוך האָבן אויף דאָס נײַ צערודערט מײַן געמיט.

די טעג זענען געווען לאַנגע, הייסע, זוניקע, און כ׳האָב געהאַט געניג שעהע־צו אַרבעטן. אָבער אין די נעכט פלעגן די פריש־אײַנגע אַפּטע שטימונגען קומען אין קאָשמאַרישע חלומות. דעם כּתבֿ־יד האָט פאַכמעניש צוגעגרייט אַ פרוי, אין ישׂראל, אָבער דאָך האָב איך געפונען דאָ און דאָרט זאַכן, וואָס מע האָט געדאַרפט אויסבעסערן. כ׳האָב איבערגעיאָגט די צײַטגרענעץ, און אויפן צענטן טאָג האָב איך אַוועקגעלייגט די פּען אויף דער לעצטער שורה פון דער לעצטער זײַט: אַ סימן אַז די אַרבעט איז געענדיקט, — פיר טעג פריִער ווי דער אָנ־געצייכנטער טערמין.

## ג

פיר לאַנגע טעג האָב איך געוואַרט. ב. איז אָקערשט געווען געקומען צוריק פון האָלידיי. ער האָט זיך דערפרייט, הערנדיק אַז די אַרבעט איז שוין געענ־דיקט. אויף מאָרגן איז ער געקומען מיט נאָך אַ פּאָר חבֿרים. זיי האָבן געוואָלט אָנקוקן די נײַע שרײַבמאַשין. אײַנגעהאַנדלט אַ מציאה, האָט איינער געזאָגט, און זיי האָבן זי באַוווּנדערט: ווי לײַכט און קליין און שיין זי איז. כ׳בין געווען צופרידן פון די לויבענישן און פון די ברכות, אַז כ׳זאָל שרײַבן אויף איר גוטע זאַכן און האָבן הצלחה.

ב. האָט פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אַריבערגיין צו אים, אויך מײַן ווײַב, — ווײַל די קינדער זענען שוין געשלאָפן, — און פײַערן דעם יום־טובֿ פון דער נײַער שרײַבמאַשין, זי „באַנעצן“. און מיר זענען אַוועק צו אים.

זײַן ווײַב האָט אונדז מכבד געווען מיט טיי און היימישע וואַרעניע. שפּע־טער, נאָכן אַראָפּזופּן אַ פּאָר קעלישקעס האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן די יונגע טעג, וועגן שטעטל, דערציילן עפּיזאָדן און אויסטערלישקייטן פונעם אַמאָל, דערמאָנען גאַסן, הײַזער, פאַרשיידענע טיפּן און כאַראַקטערן, חבֿרים און משפּחה.

מ׳האָט אַרויסגעגראָבן פון די צײַט־קאַטאַקאָמבעס אַ גאַנצע שטעטל מיט ייִדן, און מ׳האָט געקענט איבערזיצן ביזן מאָרגן אַרײַן.

כ׳האָב געפילט אַז מיר קומען אַזוי צום ראַנד פון ייִדישן חורבן. די רייד זענען געוואָרן אײַנגעהאַלטענער, שטילער. אַ טרויער, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געטליעט אין מיר, האָט גענומען אַרומוויקלען מײַן געמיט מיט שוואַרצע רייכיקע סטענגעס. כ׳האָב געוווּסט אַז באַלד וועט זיך אָנהייבן אַרויסברעכן פון מײַן האַרצן שטיקער בלוטיקע געשיכטעס. ס׳האָט אין מיר געוויינט און כ׳האָב גע־וואָלט באַהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן שוין געשפּאַרט צום האַלדז, איך האָב זיך געוואָלט ראַטעווען — —

— גענוג, מיר מוזן גיין! די קינדער!.. — די ווערטער האָב איך ממש אויסגעשריִען.

— די קינדער שלאָפֿן אַוודאי, איז וואָס איז די אײַלעניש? — איז געקומען אַ שטילע פראַגע.

— טאָמער כאַפּן זיי זיך אויף, וועלן מיר זיך ניט אויסצאָלן.. — האָט איך געענטפערט.

די קינדער זענען רויִק געשלאָפֿן, אָבער איך האָב שוין ניט געקענט אײַנ־שלאָפֿן. ביז באַגינען האָבן פאַר מײַנע געשלאָסענע אויגן געשוועבט נעמען, גע־שטאַלטן, ייִדן, חבֿרים, — דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען געקומען צו מיר צו גאַסט. פון אַלע זײַטן האָט מען זיך געשפּאַרט צו מײַן געלעגער. איינער אַ חבֿר, וואָס זײַן פּנים איז געווען כּלו נאַכט, האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווו נאָר דער ווײַזפינגער האָט זיך געבאַמבלט אויף איר. די סקעלעטישע האַנט האָט זיך געצויגן צו מיר און דער פינגער האָט געטריפט מיט שוואַרצן בלוט, ווי פעך, און דער נאַכטיקער פּנים האָט געפרעגט: פאַרוואָס ביסטו געבליבן לעבן, האַ? — איך פרעג עס אויך.. — האָב איך געענטפערט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פינצטערער קאָשמאַר פון באַהאַלטעניש, יאָגעניש און לויפעניש — — —

באַגינען, ווען די צעשטורעמטע גרויקייט האָט אָנגעהויבן קריכן שפּיניק איבער די שויבן, בין איך אײַנגעשלאָפֿן. איך בין אַרײַנגעפאַלן ווי אין אַ פּוסטן וואַקוום און אָפּגעשלאָפֿן ביז אַ שטיק אין טאָג אַרײַן. אַז כ׳האָב זיך איבערגע־וועקט האָט דאָס זונליכט געהאַט פאַרגאָסן מײַן בעט. אין צימער איז געווען שטיל. אין מײַן האַרצן האָט עפּעס געגרײַזשעט אַ דערמאָנונג, וואָס כ׳האָב גע־זוכט איר באַשייד. מײַן ווײַב איז שוין געווען אַרויס מיט די קינדער אויף זייער טעגלעכן שפּאַציר. כ׳האָב געוווּסט, אַז בײַם קומען וועט זי מיר געווי זאָגן וויפל מאָל זי האָט מיר הײַנטיקע נאַכט געוועקט. זי פירט די בוכהאַלטעריע פון מײַנע קאָשמאַרנעכט — —

כ׳האָב זיך אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן און, ווי געוויינלעך, ניט געגאַנגען עסן פרישטיק. דאָ האָט זיך קיינער ניט געזאָרגט צי איך עס, צי ניט. אַ קעלט האָט געבלאָזן אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב, און איך בין זעלטן אַרײַן אין די אַנדערע צימערן. כ׳פלעג זיך פאַמעלעך אַרויסשאַרן אין דרויסן און אַרומוואַנדערן אַ

הונגעריקער, מיט אַ מאַזאָכיסטישן צו להכעיס: עלעהיי ביסט איך אַן אָפּגע־נער געטאָ...

איצט האָב איך זיך דערמאָנט אָן מײַן שרײַבמאַשין. הײַנט וועל איך זי צום ערשטן מאָל אויספּרובירן, אָנשרײַבן אַ ספּעציעלע זאַך, אַז איך זאָל זי געדענקען. כ׳בין צוגעגאַנגען צום אָרט, ווו כ׳האָב נעכטן אָוונט איבערגעלאָזן די שרײַב־מאַשין, אָבער זי איז דאָרטן ניט געווען. אפשר האָט מײַן ווײַב זי ערגעץ ווו פאַררוקט, האָב איך געטראַכט, הגם כ׳האָב געוווּסט אַז מײַן ווײַב טשעפּעט ניט מײַנע זאַכן. כ׳האָב זיך אַראָפּגעבויגן אונטערן בעט, הינטערן בעט, פון אַלע זײַטן, אָבער אין ערגעץ איז זי ניט געווען. איך האָב אָנגעהויבן פונאַנדערוואַרפן די בעטגעוואַנט, איבערגעדרייט דעם צימער. איצט האָב איך געטראַכט, אַז אויך די פינף פונט האָט מען מיר דאָ צוגעגנבֿעט, און דאָס נאָר כּדי ווײ צו טאָן, דערגיין די יאָרן...

מײַן ווײַב איז שפּעט צוריקגעקומען. זי האָט מיר שוין פאַרשפּאָרט צו פרעגן. מײַן פּנים האָט אַלץ דערציילט. זי האָט ניט געזען די שרײַבמאַשין. טרערן זענען מיר געשטאַנען אין האַלדז. כ׳האָב זיך ניט געפונען קיין אָרט.

## ד

אויף מאָרגן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס זוכעניש. ווי אַ דעטעקטיוו האָב איך געהיט די שטובמענטשן, און ווי נאָר זיי זענען אַרויס האָב איך אָנגע־הויבן נישטערן אין אַלע ווינקלען, אין די שלאָפצימערן, אין קיך, אין די שראַנ־קען, אונטער די בעטן. ניטאָ. כ׳האָב געזוכט אין דרויסן, אַרום שטוב, אין די קוסטעס, אין דער בלעכענער שענטע פון דער דינסט, און ניט קיין שפּור פון מײַן טײַערער שרײַבמאַשין. אַ רגע איז מיר אײַנגעפאַלן אַז איך טאָר ניט נעמען די זאַך אַזוי ערנסט, אין סך־הכּל איז עס דאָך בלויז אַ שרײַבמאַשין, ניט אַ לעבן פון אַ מענטשן. איז אָן אַ שרײַבמאַשין...

איצט, אַז מײַן אימפּעט האָט זיך אײַנגעשטילט, האָב איך געקענט טראַכטן רויִק. כ׳האָב זיך דערמאָנט נאָך איין אָרט: די גרויסע קליידער־פאַבריק, וואָס געפינט זיך אַ פּאָר הונדערט מעטער פון דאָ — אפשר האָט עמעצער אַהין פאַר־שלעפּט מײַן שרײַבמאַשין. די פאַבריק איז אָבער געשלאָסן. מ׳עפנט נאָר פאַר אַ האַלבן טאָג די ביוראָ, און ס׳איז שוין געווען שפּעט פאַר נאַכט, ווען מיר איז עס אײַנגעפאַלן.

די נאַכט בין איך אומרויִק געשלאָפן. זיך געפּלאָנטערט אין חלומות, פון איינעם צום צווייטן, ווי איינער וואָס גייט און פאַלט כּסדר אַרײַן אין פינצטערע גריבער. יעדע ווײַלע האָב איך זיך איבערגעוועקט און געשטאַרט צו די שוואַר־צע שויבן. קוים זיך דערוואַרט ס׳זאָל אָנהייבן טאָגן: אין ווינקל פענצטער האָט אַ רויט בלימעלע אַרײַנגעשפּראָצט — די זריחה.

כ׳בין אױפֿגעשטאַנען פֿריִער פֿון מײַן װײַב. כ׳האָב זיך אַרױסגעשלײַכט אין דרױסן אױף די שפּיץ פֿינגער. דער קילער פֿרימאָרגן האָט געשמעקט מיטן ריח פֿון צײַטיקער אױבסט. ס׳האָט מיך אַריבערגעטראָגן צו הײם, צו אַ װײַטן זומער.

לאַנג האָבן זיך געצױגן די פּאָר שעה ביז צום עפֿענען די טיר. כ׳האָב פֿון װײַטן געזען װי דער בעל־הבית ברענגט דעם שװאַרצן אױפֿרױמער, לאָזט אים אַרײַן אינעװײניק און אַלײן פֿאָרט ער אַװעק. כ׳פֿאַרשטײ אַז ער װעט באַלד קומען צוריק, ער װעט אים לאַנג נישט לאָזן אַלײן...

אַ רגע שפּעטער בין איך שױן געװען אין בױרא, געעפֿנט שטיל די טיר. דער שװאַרצער איז גראָד געװען אין פֿאַקרױם און אַפֿילו נישט געהערט. און — אױפֿן גרױסן שרײַבטיש איז זי געשטאַנען, מײַן נײַע שרײַבמאַשין. כ׳האָב פֿון דער שװעל אַ שפּרונג געטאָן צום טיש, זי אַ כאַפּ געטאָן און געלאָפֿן מיט איר צו מײַן צימער. איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז בלױז געװען אַ רישעות, װײַל אױב עמעצער װאָלט זי געװאָלט גנבֿענען, װאָלט ער זי באַהאַלטן.

דעם זעלבן טאָג האָב איך טאַקע אױף דער אײגענער שרײַבמאַשין געמאַכט אַן התחלה: אָנגעשריבן אַ מאמר װעגן בוך פֿון ד״ר פּ., װאָס אין זײַן זכות האָב איך זי פֿאַרדינט. און פֿון דעם טאָג אָן האָט די נײַע שרײַבמאַשין נישט נאָר געשריבן מײַנע אַרטיקלען, בריװ, לידער, נאָר דער עיקר: כּתבֿ־ידן, ביכער — פּאָר אַנדערע. דרײַ צענדליגג יאָרן האָט מיר די שרײַמבאַשין איבערגעגעבן און געטרײַ געדינט. זי איז געװאָרן אַ לעבעדיקער חלק פֿון מיר, און איך האָב זי געהאַלטן בכּבֿודיק: געפּוצט, געררײניקט, געאײלט, נישט געלאָזט פֿאַלן קײן שטײבעלע אױף איר. און װען זי איז „קראַנק“ געװאָרן — אַ ספּרוזשינקע האָט געפּלאַצט, צי אַן אות האָט זיך פֿאַרקראַמפּט — האָב איך זי גענומען צום דאָקטאָר פֿון שרײַבמאַשינען און געצאָלט יעדן פּרײַז, נאָר זי זאָל „געזונט“ זײַן...

און װען כ׳האָב פֿון מײַנע עלטערע צװײ זין, אין 1981, געקראָגן אַ געבױרן־טאָג־מתּנה, אַן עלעקטרישע אײַ־בי־עם שרײַבמאַשין, האָב איך געפֿײַערט דעם 30־יעריקן יובילײ פֿון מײַן קלײנער שרײַבמאַשין, װאָס צוזאַמען האָבן מיר זיך געעלטערט אין צער און פֿרײד, און — איר געמוזט שיקן אױף פּענסיע...

מײַנע קינדער האָבן אָבער נישט געקענט פֿאַרשטײן, און טאַקע געװען אין כּעס, װאָס איך נוץ נאָך אַלץ דעם אַלטן שטאָלענעם קעסטל, בעת כ׳האָב אַ לעצטן מאָדעל „טײַפּרײַטער“, ביז זײ האָבן אים באַהאַלטן און עס מיר צוריק געגעבן, װען כ׳האָב זײ צוגעזאָגט אַז מער װעל איך עס נישט נוצן. איצט רוט זי זיך אין טונקל פֿון אַ שרענקל, אין מײַן שרײַבטיש, צװישן קאָפּיעס פֿון בריװ און אױסשניטן פֿון אַרטיקלען, װאָס זי האָט געשריבן. און ס׳איז נישט נאָר נאָסטאַלגיע, נײַערט אױך די עפּאָפּעע פֿון אַ לעבן, װײַל זי, די שרײַבמאַשין, האָט מיר געשאַפֿן אַ שטיק פֿון מײַן קיום, געגעבן צו לעבן. און אַז כ׳האָב אַ פּאָר מאָל געפּרוּװט מאַכן דעם מאַטעריעלן חשבון, װיפֿל די שרײַבמאַשין האָט מיר פֿאַרדינט פֿאַר די אַלע יאָרן, האָב איך זיך כּסדר פֿאַרפּלאָנטערט — װײַל ס׳איז מער, אַ סך מער װי בלױז ציפֿערן.

# די הלוואה פון אַ פילאַנטראָפּ

## א

ער איז געווען אַן עלטערער ייִד, וואָס האָט אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפיע. וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט, ווען ב. איז געקומען צו מיר און געפרעגט צי כ׳וויל מאַכן אַ שטיקל אַרבעט. ער האָט מיר דערקלערט: ער האָט דעם מחבר געבראַכט די קאָרעקטור־זײַטן, צום לייענען, טענהט דער ייִד, אַז גאַנצע בילדער, פּאַראַגראַפן, שילדערונגען, זענען ניט זײַנע. דער צוגרייטער פון מאַנוסקריפּט האָט עס געשריבן, ניט ער, מסתּמא אים צופרידן צו שטעלן. ער וויל עס ניט האָבן — ער וויל זײַן אָריגינעלן טעקסט. האָב איך געזאָגט, ווי באַלד אַ פּענמענטש האָט זיך שוין געעוסקט מיט דעם, וויל איך טרעפן דעם מחבר אַליין און הערן פון זײַן מויל, וואָס ער וויל דאָ טאָן. און כ׳וויל אויך, אַז דאָס זאָל בלײַבן צווישן אונדז, ווי איך וואָלט צו דעם קיין פינגער ניט צוגעלייגט...

ב. האָט מיט דעם ייִדן אַראַנזשירט אַ טרעפונג אויף אַ זונטיק. ס׳איז געווען אין מיטן 1953. כ׳האָב שוין דעמאָלט געוווּסט פון דעם מין „אַפּאָינטמענטס״, וואָס קומען פאָר אין זונטיקס, די פרײַע טעג פון ביזנעס. אויפן וועג האָט מיר ב. דערציילט דעם ייִחוס פון ייִדן: ער איז אַ גרויסער גבֿיר און אַ גרויסער פילאַנטראָפּ. ער האָט שוין געגעבן צענדליגער טויזנטער פאַר ישראל. ער און זײַן פרוי, עלטערע מענטשן, אָבער קיין קינדער האָבן זיי ניט. האָב איך שוין געוווּסט זײַן גאַנצע ביאָגראַפיע, איידער כ׳האָב געזען דאָס בוך..

אָנגעקומען אין איינע פון די רײַכסטע געגנטן פון יאָהאַנעסבורג, זענען מיר אַרײַנגעקומען אין אַ הויף: אַ גרויסער גרונט, פאַרנט אַ גרינע לאָנקע, ביימער און בלומען־בייטן, און טיף, אין הינטערגרונט, אַ גרויסע שיינע הויז מיט אין זון צעפינקלטע ברייטע פענצטער. אָנגעקלונגען אין דער גלעזערנער פּאַראַדנער טיר, האָט דער בעל־הבית אַליין זי געעפנט, ניט לפי דעם סטאַטוס פון אַזעלכע סאָרט הײַזער, ווו דאָס טוט די דינסט, צי דער שוואַרצער „באָי״.

ער האָט אונדז אָפּגעשטעקט אַ ייִדישן שלום־עליכם, און ס׳איז געווען קענטיק אַז ער איז צופרידן מיט אונדזער קומען. ער האָט מיר אויסגעקוקט אײַנגעהויקערט, צעקנייטשט, ווי ער וואָלט זיך ערשט מיט עמעצן צענומען... אין זײַן סטודיאָ זענען בײַ די ווענט געשטאַנען אַ פּאָר אַלטמאָדישע ביכער־שראַנקן, וואָס דורך זייערע גלאָזטירלעך האָבן אַרויסגעקוקט די רוקנס פון ייִדישע ביכער, גמראָס, חומשים און השׂכּלה־ספרים: מענדעלע, פּרוג, שלום־עליכם, דורכגעמישט מיט מאַפּו, סמאָלענסקין און פרישמאַן.

אַז ער האָט שוין געוווּסט וועד איך בין, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה טענות און תּרעומות וועגן די שטעלן אין בוך, וואָס ער האָט „אַנטדעקט" אַז זיי זענען גאָר ניט זײַנע, ווי איך וואָלט געדאַרפֿט וועגן דעם פּסקענען. ער וויל זיי ניט האָבן. אויב איך נעם זיך אונטער עס צו טאָן, וועט ער מיר באַצאָלן. און ער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען, אַז דאָס בוך האָט אים שוין אָפּגעקאָסט אַ מטמון. עפּעס האָט זיך דאָס חשבון־מאַכן ניט געקלעפּט מיט זײַן פילאַנטראָפּישקייט, וועגן וואָס כ'האָב אויך איצט, פון זײַן מויל געהערט: ער בויט צו אַ פליגל צו אַ שפּיטאָל אין ישׂראל, פאַר קינדער־אינוואַלידן. דאָס וועט אים אַרײַנטרײַבן אין 50.000 פונט. מיר האָט ער קיין פּרײַז ניט געפרעגט, און כ'האָב געטראַכט אַז כ'דאַרף מיט אַזאַ עושר ניט ריידן וועגן דעם מקח...

— אָבער מיט תּורה אַליין קען מען ניט יוצא זײַן, מ'דאַרף אויך קמח, — האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט. זײַט מוחל אַ רגע... — און ער איז אַרויס. ס'איז געווען קלאָר אַז ער וויל אונדז אַרײַנבעטן אויף כּיבוד.

ס'איז צו אונדז דערגאַנגען זײַן הייזעריק קול, און די שטים פון אַ פרוי.

ב. האָט מיר אײַנגערוימט: — זי וויל ניט ער זאָל צעטרענצלען דעם פאַר־מעגן אויף צדקה. זי, און אויך ער, האָבן דאָ גרויסע משפּחות...

ער איז צוריקגעקומען און אונדז גענומען אין גאַסטצימער פאַר אַ גלעזל טיי. דאָ זענען געהאַנגען שיינע גאַרדינען אויף די פענצטער, אַ פּאָר מאָלערישע בילדער אויף די ווענט, און אויפן דיל אַ גרויסער פּרעכטיק־געוועבטער טעפּעך, אין קאָלירדיקע אַראַבעסקן. מיר האָבן זיך באַגריסט מיט דער פרוי. זי האָט אונדז סערווירט טיי, מיט אַ ליבלעכע מינע, און זיך געסטאַרעט אַרײַנצוריידן עפּעס אַ וואָרט אין אונדזער שמועס.

די שטוב, מיט איר קלימאַט און אײַנריכטונג, האָט מער דערמאָנט אַ באַשיי־דענע מיטלשטאַנדהויז אין ליטע, ווי אַ רײַכע הויז אין דרום־אַפריקע, חוץ איר גרויס און צעשפּרייטקייט.

אַז מיר זענען שוין געשטאַנען אויף דער שוועל, צום אַוועקגיין, האָט ער געזאָגט: — מאַכט עס ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, ווי איך האָב געשריבן. און מיר נאָך אַ מאָל פאַרזיכערט: — כ'וועל אײַך באַצאָלן...

## ב

די אַרבעט איז געווען מער פון אַ טעכנישן כאַראַקטער: פאַרגלײַכן די טעקסטן פון אָריגינעלן כּתב־יד מיטן שפּעטער צוגעגרייטן מאַנוסקריפּט, און אַרויסנעמען די „פרעמדע" שטעלן. אַז כ'האָב עס פאַרענדיקט, האָב איך עס אָפּגעגעבן צוריק דעם דרוקער. כ'האָב געוואַרט, אַז דער מחבר זאָל זיך אָפּרופן, באַשטעטיקן אַז מײַן אַרבעט איז בסדר און — „באַצאָלן", ווי ער האָט צוגעזאָגט.

מיר האָבן צו יענער צײַט גראָד געהאַלטן בײַם קויפן אַ נײַע הויז און געווען שטאַרק פאַרענגט, אַזוי אַז יעטווידע פּעני וואָלט געווען אַ דערלײַכטערונג. צום

דריטן מאָל האָבן מיר אין דרום־אַפריקע דורכגעמאַכט דעם סעזאָן פון די גרויסע דעצעמבער־האָלידייס, אָבער מיר האָבן זיך ניט געקענט פאַרגינען צו פאָרן אויף וואַקאַציע. דאָס בוך איז שוין געווען אַרויס, אָבער זײַן מחבר האָט געשוויגן. איז מיר אײַנגעפאַלן אים צו דערמאָנען, ניט מיט אַ בריוו און ניט מיט מאָנען, נאָר מיט — אַן אַרטיקל: כ׳האָב אָנגעשריבן אַ פּאָזיטיוון מאמר וועגן בוך און עס אָפּגעדרוקט — און דאָס האָט אים דערמאָנט...

ער האָט טעלעפאָנירט, געזאָגט אַ וואַרעמען יישר־כּוח, און געבעטן מיר אַרײַנקומען צו אים, אין „בײַסיקל שאָפּ״, וועט מען זיך אויסרעכענען... ער האָט זיך אַנטשולדיקט: ווען ער איז געווען אין ישׂראל, טאַקע בשכנות מיטן בויען פון שפּיטאָל־פליגל, איז ער פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און געמוזט קומען צוריק. זײַן ווײַב איז אויך קראַנק. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ער איז אַרויס פון געשעפט און וואַרט מ׳זאָל אים אויסצאָלן זײַן חלק. כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס ער דאַרף מיר דערציילן אויפן טעלעפאָן די אַלע פּרטים.

אַז כ׳בין אַריבערגעקומען אין „שאָפּ״, האָב איך אים געטראָפן אין אַ ניט געהייבענער שטימונג. ער האָט זיך ווידער באַקלאָגט: דאָקטוירים... געזונט... געלט... כ׳האָב אים צוגעווונטשן די טראַדיציאָנעלע רפואה־שלמה און צוגעגעבן, אַז ס׳זאָל נאָר אויסגיין צו געלט, וועט שוין זײַן גוט... ער האָט עפּעס אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרקען אין די קעשענעס. צום סוף האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעמטאַש אַ פּלאַכן געלט־פּאַלאַרעס און פון אינעווייניק אַרויסגעסקראָבעט עטלעכע באַנקנאָטן. ער האָט זיי אַ פּאָר מאָל איבערגעציילט איידער ער האָט עס מיר דערלאַנגט: — איר האָט דאָך קיין סך צו טאָן ניט געהאַט, — האָט ער געזאָגט, — גיב איך אײַך 17 פונט, כּמנין טובֿ. מיר דאַכט אַז ס׳איז קיין עוולה ניט.

— אָבער ווען דער רבונו־של־עולם האָט געזאָגט טובֿ, — האָב איך אים געענטפערט, — האָט ער מסתּמא געזען מער ווי די ז״י פונטן...

מײַן הומאָר איז אים אַ פּנים געפעלן. ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָ־ איבערן פּלייצע: — איר זײַט אַ מאדים, גוט געזאָגט: ז״י — און ווו אַ זי דאַרטן איז אַ צרה, כ׳ווייס עס... —און ער האָט זיך ווי פאַרענטפערט: — דער רבונו־של־עולם קען זיך פאַרגינען, ער איז אַ גרעסערער גבֿיר פון מיר. און איך וועל שוין באַלד זײַן אויס...

פּלוצלינג איז מיר אײַנגעפאַלן: — ווייסט איר גאָר וואָס, צדקה גיט איר, פאַר מײַן אַרבעט האָט איר טובֿ באַצאָלט, אפשר וואָלט איר מיר גאָר געגעבן אַ הלוואה, כ׳דאַרף עס נייטיק ווי דעם לעבן. מיר האַלטן בײַם קויפן אַ הויז און יעדע עטלעכע פונט וועט מיר העלפן. — כ׳האָב עס געמאַכט ווי אַ כּמו־שפּאַס, ווי מ׳שיקט אַרויס אַ פּרוּובאַלאָן, און ניט דערוואַרט קיין פּאָזיטיווע תּשובֿה. אָבער פּלוצלינג האָב איך, צו מײַן דערשטוינע׳, געהערט אים זאָגן:

— כ׳וועל עס טאָן, און מסתּמא דאַרפט איר עס, אָבער כ׳קען נאָר געבן אַ קליינע הלוואה, ניט אויף לאַנג.

ווידער האָב איך געמאַכט אַן אָנבאָט: — אפשר וואָלט איר זיך גאָר אַריבערכאַפּן צו אונדז, איר וועט זײַן אַן אָנגעלייגטער גאַסט. יעדן טאָג פֿאָר איך פֿאַרבײַ אײַער הויז, ס'איז אויפֿן זעלבן וועג.

— מיר איז שווער צו פֿאָרן גרויסע מרחקים, — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט. — מיר ביידע, איך און מײַן קאָר, זענען ניט געוואָרן ייִנגער, און ביידע שלעפּן מיר זיך פּאַמעלעך... — האָט ער זיך געשמייכלט.

פֿון דעסטוועגן האָב איך אים באַוויזן איבערצורייד. כ'האָב אים געזאָגט וועלכער נומער אויטאָבוס עס גייט צו אונדז, וועט ער נאָכפֿאָרן דעם אויטאָבוס, טאַקע פּאַמעלעך, וועט אים זײַן גרינגער. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ווי אַלט זענען די קינדער, און געזאָגט: — כ'וועל מיטברענגען צאַצקעס פֿאַר זיי. איר זעט, דאָס איז אונדזער „טאָי־דעפּאַרטמענט", — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פֿירקאַנטיקע פֿאַרטיפֿונג, ווו ס'זענען געשטאַנען גלעזערנע שראַנקן, אָנגעפֿילט מיט שפּילצײַג. פֿאַרן געזעגענען זיך האָט ער אויך ניט פֿאַרגעסן צו זאָגן: — כ'וועל פֿאַר אײַנס אײַך מיטברענגען אַ טשעק, פֿאַר דער הלוואה.

## ג

אויף מאָרגן איז ער געקומען. כ'האָב אים שוין אָפּגעוואַרט. דורכן פֿענצטער האָב איך געזען אָנקומען זײַן גרויסן שוואַרצן אויטאָ, אַן אַלטן פֿאָרדמאָדעל. ער איז געווען גערעכט: די קאָר האָט זיך קוים געשלעפּט און נאָך פּאַמעלעכער האָט זיך איר בעל־הבית אַרויסגעקאָראַבקעט דורכן טירל. כ'האָב אים געהאָלפֿן אַרײַנגיין צו אונדז. ער האָט געפֿרייכט, געשאָרט זיך מיט קליינע טריטעלעך, און געהאַלטן פֿעסט דעם שקאַרמוץ, אין וועלכן עס זענען געלעגן די שפּילצײַג. מיר האָט שוין פֿאַרדראָסן דער גאַנצער עסק. גיי ווייס אַז ער איז אַזאַ חלוש.

אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אַרויסגעקרעכצט, מיט אַ כריפּ, ווי פֿון די לונגען — גיי ווייס אַז ס'איז אַזאַ מרחק. מיר דאַכט, אַז מער ווי גוײִם וווינען דאָ ניט. — און צוגעגעבן: — ווי פֿאַרקלײַבט זיך עס אַ ייִד אין אַזאַ עק וועלט?

מײַן ווײַב האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גלאָז טיי. זי האָט צוגערוקט די צוקער און געפֿרעגט: — וויפֿל לעפֿעלעך?

— דער דאָקטאָר לאָזט ניט פֿאַרזיסן מײַן לעבן, — האָט ער געזאָגט, — פּונקט ווי מײַן ווײַב...

— מײַן מאַן זאָגט פּונקט דאָס זעלבע... — האָט מײַן ווײַב געפּרוווט פֿאַרגלעטן דעם וויץ.

— אויף אײַך קען מען עס ניט זאָגן, — האָט ער מיט אַ שמייכל איר צוגעטיילט אַ קאָמפּלימענט, — איר זײַט יונג, שיין, מיט קינדערלעך... דאָ האָט איר צאַצקעס פֿאַר זיי, — האָט ער אַרויסגענומען פֿון ברוינעם טוט אַ פּאָר קליינע, בלעכענע שפּילצײַג.

מײַן װײַב האָט אים באַדאַנקט: — די קינדער שלאָפֿן גראָד, — האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט. — אויב איר בלײַבט דאָ אַ ביסל, וועט איר זיי זען.

— ניין, ניין, — האָט ער זיך אָפּגעוועגט, — מײַן װײַב וואַרט אויף מיר מיטן מיטאָג. כ'וועל גלײַך מוזן גיין. — ער האָט אַרויסגענומען פֿון בוזעמטאַש דעם טשעק, פֿאַר דער הלוואה, מיט אַן אָנגעשריבן פּאַפּיר.

— כ'וועל אײַך געבן 50 פֿונט, אויף אַ חודש, — האָט ער זיך צוגעקערט צו מיר. — דאָ, שרײַבט אונטער די קבלה.

מײַן װײַב האָט באַמערקט ווי אין מיר האָט זיך צעברענט אַ כּעס, און ווי תּמיד, אין אַזעלכע פֿאַלן, איז זי מיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג: — נו, שרײַב אונטער, מיר דאַרפֿן עס דאָך האָבן...

כ'האָב אויפֿגעכאַפּט איר שמייכל, און איך האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן ניט אַרויסצושיסן מיט אַ געלעכטער. אַנשטאָט דעם האָב איך אים דערציילט: — אַ היגער ייִד האָט מיר געגעבן מיט אַ וואָך צוריק אַ טשעק אויף 500 פֿונט, אויף אויסצוצאָלן, אָבער אָ־ טערמינען און אָן קבלות.

— כ'קען איצטער ניט... — האָט ער געקרעכצט, און איך בין ניט געווען זיכער צי ער האָט מײַנע רייד בכּלל דערהערט.

מיט יעדן טאָג האָב איך בפֿועל־ממש געפֿילט, ווי מײַן הלוואה־טערמין ווערט קירצער. מיך האָט פֿאַרדראָסן וואָס כ'האָב אים גלײַך אויף אָן אָרט ניט צוריקגעגעבן דעם טשעק און פּטור אָן עסק.

דער חודש איז געווען געענדיקט און כ'האָב ניט געהאַט דאָס גאַנצע געלט. ס'איז אַריבער אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, האָב איך שוין געמיינט אַז דער ייִד וועט מיר לאָזן אָפּצוּיען דעם אָטעם. מיט אַ מאָל, אין אַ מיטן וואָכיקן טאָג קומט אָן אַ רעגיסטרירטער בריוו. כ'וווּנדער זיך, ווער קען עס מיר שיקן אַזעלכע בריוו. כ'עפֿן דאָס בריוול און לייען, בערך אַזאַ נוסח: שוין מער ווי אַ חודש אַריבער זינט כ'האָב אײַך געגעבן די הלוואה. כ'דאַרף האָבן דאָס געלט אויף צום לעבן. שיקט מיר תּיכּף אָפּ די גאַנצע סומע, כּדי צו פֿאַרמײַדן אומאָנגענעמלעכקייט. דאָס סטראַשוניק־אָנצוהערעניש האָט מיך אי אַמוזירט, אי פֿאַרדראָסן. כ'לייען פֿאַר מײַן װײַב דאָס בריוול און קאָמענטיר: אַל תּבֿטחו בפֿילאַנטראָפּן.

— וואָס מיינט עס? פֿרעגט זי. איך דערקלער איר דעם וויציקן פּירוש.

— שיק אים אָפּ אויך די עטלעכע פֿונט, וואָס ער האָט דיר צוגעוואָרפֿן פֿאַר דער אַרבעט. —, — זאָגט מײַן װײַב גוטמוטיק. זי האָט ליב אָפּצושפּילן אַזעלכע שטוקעס, אויב זיי טוען זי אַפֿילו וויי.

שפּעטער איז צוריקגעקומען אַ טשעק אויף 17 פֿונט, מיט אַ צעטעלע: ידידי מר... איר האָט בטעות מיר געשיקט 17 פֿונט צו פֿיל. די 17 פֿונט איז דאָך געווען פֿאַר אײַער אַרבעט.

— דאָס איז שוין איין מאָל אַ ספּעקטאַקל, — זאָגט מײַן װײַב, — מוזט עס פֿאַרשרײַבן.

און כ'האָב עס פֿאַרשריבן — —

# לעקעכער, קיכלעך — און טרויער

## א

אין איינעם אַ זונטיק, אין אָקטאָבער 1958, האָט מיר טעלעפאָנירט אַ פרוי און דערציילט: זי האָט אַ קליינעם מאַנוסקריפּט, לידער, וואָלט זי וועלן אַריבערקומען און זיי מיר ווײַזן, זיך אַן עצה האַלטן. איר נאָמען, ל. ב., האָב איך קיין מאָל ניט געהערט, און אירע שרײַבענישן קיין מאָל ניט געזען געדרוקט, דערפאַר איז אָבער איר קול געווען אַ בעטנדיקער, אַ שטילער, כּמעט אַ שעפּטשענדיקער, וואָס געטרויט זיך ניט קיין איבעריק וואָרט. די ווייכקייט פון קול האָט מיך אײַנגענומען. כ'האָב איר געזאָגט, אַז נאָר אין די סוף־וואָך־טעג בין איך אין דער היים, ווײַל אַ גאַנצע וואָך בין איך אַ לערער, ערגעץ אין אַ שטעטל. הײַנט, זונטיק, אויב זי וויל, קען זי אַריבערקומען. ניין, זי קען ניט, ווײַל זי טעלעפאָנירט גאָר פון קייפּטאָן, נאָר זי קלײַבט זיך בקרובֿ צו פאָרן קיין יאָהאַנעסבורג, צו משפּחה, האָט זי געוואָלט זיכער מאַכן צי כ'וועל איר אויפנעמען. איידער זי וועט קומען, וועט זי מיר באַצײַטנס לאָזן וויסן.

כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט בײַ באַקאַנטע, וועלכע האָבן זי נאָך געדענקט פון שטעטל, טעלז, ווו זי האָט געשמט מיט איר שיינקייט. זי איז געווען אַ קראַסאַוויצע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג, האָט מיר אַן עלטערער ייִד געזאָגט, הײַנטיקע צײַטן וואָלט זי אויף זיכער געוואָרן די „ביוטי קווין" פון דרום־אַפריקע... אָבער ניט נאָר שיינקייט, אויך איר פײַנקייט האָבן די ייִדן געדענקט.

דעם שבת, נאָך מיטאָג, ווען זי איז אַראָפּגעקומען צו אונדז, איז זי שוין געווען אַ באָבע, אָבער אַ שיינהייט פון אַ באָבע, מיט אַלע חנען פון יוגנט. דעם שײַנענדיקן „קרעדיט" האָט זי געהאַט פאַרקריצט אויף די נאָך גענוג גלאַטע שטריכן פון איר פּנים. אין אירע אויגן האָט געטאַנצט אַ קינדיש געפינקל, און דער באַזונדערש שטילער קלאַנג פון איר קול, האָט מיך דערמאָנט אונדזער טעלעפאָן־שמועס ניט לאַנג צוריק.

די ערשטע זאַך האָט זי זיך דערפרייט מיט אונדזער קליינוואַרג. זיך געשפּילט און אָנגעקוואָלן פון אונדזער נײַ־געבוירענעם, דאָס מיזיניקל, אים געוויגט אויף אירע אָרעמס און געקושט. איצט איז מיר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, פאַר וואָס זי האָט מיר, אין אַ בריוו, געפרעגט וועגן די קינדער, זייערע נעמען, עלטער: זי האָט אויסגעלייגט אויפן טיש אירע קליינע פּעקלעך, ווו פאַר יעדן איינעם איז געווען די פּאַסיקע מתּנה. חוץ דעם האָט זי אָנגעבראַכט אַ גאַנצע קאָנדיטערײַ — לעקעכער, קיכלעך און אָן אַ שיעור זיסיקייטן. זי איז געווען אַזוי משפּחהדיק־וואַרעם, אַז איר היימישע ליבשאַפט האָט באַלד באַצוווּנגען

אונדזערע הערצער. זי האָט עס אַליין געבאַקן, ספּעציעל פאַר אונדז. האָט מען געטרונקען טיי און געלויבט אירע באַטעמטע געבעקס. און איידער מ׳האָט זיך באַוויזן אַרומצוקוקן, האָבן שוין די קינדער כּמעט אַלץ פאַרשלונגען.

איצט האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין ווײַטסטן ווינקל פון זאַל, וואָס איז געװען דער איינציקער צימער, חוץ די דרײַ שלאָפצימערן, ווו מ׳האָט געקענט רויִק ריידן. זי האָט אַרויסגענומען אַ העפטל לידער, וואָס זי האָט געשריבן גלײַך נאָכן טויט פון איר יונגן מאַן. ס׳איז געווען אַ פּאָר יאָר נאָך זייער אָנקום קיין דרום־אַפריקע, ווו ער איז געוואָרן אַ רעוורענד אין אַ קאָנגרעגיישן פון אַ קליין שטעטל אין קייפּ־פּראָווינץ. זי איז געבליבן מיט דרײַ קינדערלעך. איר לעבן איז געווען קאָלאָסאַל שווער און ס׳איז ניט געווען אַ צײַט צו טראַכטן פון לידער, אַפילו די בעסטע. ס׳איז געווען 1931.

איצט, דערציילט זי ווײַטער: אירע דרײַ זין האָבן שוין חתונה געהאַט, און ס׳גייט זיי קיין עין־הרע גוט, דאָס הייסט: מע מאַכט אַ לעבן. איז געקומען צו איר דער עלטסטער זון און געזאָגט: כ׳ווייס, מאַמע, האָסט לידער וועגן טאַטן. ניט איין מאָל האָב איך געזען ווי דו קוקסט אַרײַן אין די זײַטלעך און וויינסט. איז דרוק עס אָפּ אין אַ ביכל, וועסטו, און מיר אויך, האָבן אַן אָנדענק. איך וויל באַצאָלן פאַר אַלץ. און זי חכמעט זיך (זי האָט פאַרמאָגט אויך אַ חוש פאַר הו־מאָר): — וועט איר זאָגן, אַ חוצפּה פון אַ ייִדענע, אויף דער עלטער דרוקן שלעכטע לידער, אַנשטאָט צו באַקן גוטע קוכנס, וואָס קינדער קענען הנאה האָבן פון זיי.

גלײַך אויף אָן אָרט האָב איך דורכגעלייענט עטלעכע לידער — זיי זענען געווען קליינע — און דערפילט דעם האָמעטנעם שאַרפן טרויער, וואָס האָט אַ ווייע געטאָן פון די פּשוטע פאָלקסטימלעכע שורות.

— כ׳קען אײַך שוין זאָגן, אַז איר דאַרפט זיי אָפּדרוקן. ערשטנס, וועט איר זיך באַפרײַען פון אַ פּסיכישן דרוק, וואָס קומט פון זייער אַרומליגן אין פאַר־שלאָסנקייט, צווייטנס, וועלן די קינדער זײַן צופרידן.

— איר זײַט גערעכט, — האָט זי צוגעשטימט, — און די קינדער ווילן גאָר שטאַרק כ׳זאָל עס טאָן. כ׳וועל באַצאָלן וויפל עס וועט קאָסטן.

— נאַרישקייטן, — האָב איך געזאָגט, — און איר האָט הײַנט געבראַכט אַזוי פיל גוטע זאַכן, וואָס דאָס אַליין איז דער זיסטער שׂכר...

## ב

ס׳האָט געדויערט מער ווי אַ יאָר ביז כ׳האָב זיך געקענט נעמען צו איר העפטל לידער. פון יעדער שורה האָט אַרויסגעשריִען ווייטיק, עלנט און האַרץ־רײַסנדיקער טרויער. דאָס אָוועקגיין פון איר יונגן מאַן האָט זי דערשלאָגן, און די לידער זענען געווען דער אוממיטלדיקער ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון איר אומגליק.

כ׳האָב זיך דערוווסט, אַז אירע קינדער, שוין אויך טאַטעס פון קינדערלעך, פירן טאַקע אַ באַקוועם לעבן, אָבער זענען ווייט פון זיין גבֿירים. כ׳האָב פון דרוקער געקראָגן אַ צוגענגלעכן פּרייז און עס איר געלאָזט וויסן, צוגעבנדיק אַז דאָס איז שוין דער פּרייז פאַר אַ ל ץ.

אין דער צווישנצייט זענען מיר, די משפּחה, געפאָרן אויף אַ וואַקאַציע אין קייפּטאָון. כ׳האָב געדענקט ווי שטאַרק זי האָט זיך געבעטן מיר זאָלן זי באַזוכן, אָבער ס׳איז קיין צייט ניט געבליבן. זי איז געווען אויסער זיך פון פאַרדראָס. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען כ׳בין געפאָרן אויף אַ לעקציעטור אין קייפּטאָון, האָב איך זיך רעהאַביליטירט — געווען איר גאַסט, צו אַ ספּעציעלן מיטאָג.

זי האָט זיך אויך געכאַפּט, אַז ס׳איז אַ צו קליינער פּרייז פאַרן ביכל און מיר געזאָגט, אַז זי האָט אַ חשד, אַז איך בין באַגאַנגען אַן עוולה לגבי זיך. האָב איך איר „געמאַכט" אַ חשבון, כּדי זי צו באַרויִקן. אירע קינדער זענען געווען פריינדלעכע און שטילע, מיט כּבֿוד און רעספּעקט פאַר דער מאַמען. אויפן ביכעלע איז טאַקע אָנגעגעבן „פאַרלאַג ׳קינדער׳".

איבער 30 יאָר האָט די פרוי געטראָגן דעם גרויסן טרויער פון איר יונגשאַפט אין האַרצן, און פּלוצלינג, אויף דער עלטער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ נייער בראָך אויף איר שיינעם ווייסן קאָפּ: דער עלטסטער זון איז שווער קראַנק געוואָר־ און אין אַ קורצער צייט אַוועקגעריסן געוואָרן פון איר. ס׳איז געווען 1962. פריִער נאָך האָב איך אין „דרום־אַפריקע" געהאַט אָפּגעדרוקט אירע אַ פּאָר קליינע דערציילונגען. זי האָט מיר געבעטן צוזאַמענשטעלן אַ קליין ביכעלע, פון די דערציילונגען, פּלוס די לידער וואָס זי האָט אָנגעשריבן אויפן טויט פון זון...

איר איז אָבער ניט באַשערט געווען קיין שאַפעריש פרייד. ווי אַ קללה האָט זיך דער טויט געריסן צו איר טיר. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז פּלוצעם געשטאָרבן איר מיטלסטער זון. זי איז געווען דערשלאָגן און אַליין קראַנק געוואָרן, זיך געמאַטערט, געליטן. פאַרבליבן מיטן לעצטן טרייסט, דעם מיזיניק, האָט זי געפלאַטערט איבער זיין יעדן קער און ריר. ס׳איז געווען די טראַגישע דראַמע פון אַ פּשוטער פרוי קעגן בלינדן גורל.

צום לעצטן מאָל איז זי נאָך אַרייַנגעפאָרן קיין יאָהאַנעסבורג און אונדז באַזוכט. איר פּנים איז געווען פול מיט שאָטנדיקע קנייטשן, ווי דער טרויער וואָלט זיך אין זיי איינגעגעסן. זי האָט נאָך אָבער געפּרוווט שמייכלען צו די קינדער:

— זיי דאַרפן פרייד, — האָט זי געזאָגט, — זאָלט איר זיין געזונט, זיי דאַרפן אייך האָבן... — און אירע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּלדיקן גלאַנץ... זי האָט געבראַכט פאַר די קינדער אַ גאַנצן קויש מיט קיכלעך — און טרערן.

ביים געזעגענען זיך האָט זי געהאַלדזט און געקושט יעדן קינד, און מיט ציטעריקע ליפּן געשעפּטשעט אַ ברכה פאַר זייערטוועגן. צום סוף האָט זי אַרויסגענומען צען ראַנד און געזאָגט: — דאָס איז אַ מתנה פאַר אייך, קינדערלעך, זייט אַלע געזונט און גליקלעך.

מער האָבן מיר זי שוין ניט געזען — —

# זײַן ברודערס דערציילונגען

## א

אָנהייב די 50ער יאָרן, ווען איך בין געקומען קיין דרום־אַפריקע, האָט דעם קולטורקרײַז פון יידיש דאָמינירט אַ לינק־געשטימטער עלעמענט, פון די זעלבע שאַטירונגען וואָס זענען געווען באַקאַנט אויף דער יידישער גאַס אין מיזרח־אייראָפּע. זיי האָבן די פּראָגראַמען מיטגעבראַכט פון שטעטל, וואָס האָט זיך מיטגעשלעפּט צוזאַמען מיטן לשון, יידיש. די בונדישע אידעאָלאָגיע איז דאָ גע־ווען אין אַ מינדערהייט, דערפאַר אָבער איז געווען אַ היפּשער שיכט פון פּסעוו־דאָ־אינטעליגענטע טומלערס און אַ״ג פּענמענטשן, וואָס האָבן געטיילט אויף יידיש־אַסיפות זשמעניעס מיט פּאַרטיק־געמינצטע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, דירעקט פון דער רויטער פּאָליטישער גראַמאַטיק. איז קיין וווּנדער ניט, אַז אויף דעם באָדן איז אויפגעקומען אַ מין פאַרקריפּלטע קאָנצעפּציע פון הומאַניזם, וואָס האָט ניט אַרויסגעשפּראָצט פון אַ נאַטירלעכן געזונטן לעבן. וואָרעם די וואָס האָבן געפּריידיקט די אידעען האָבן אַליין, למעשה, עס ניט מקיים געווען. זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן כּשרן יידיש שטעמפּעלע פון הומאַניזם, סאָ־צאַליזם, פּאַציפיזם, און האָבן טאַקע דעם רעזשים ניט געדינט, אָבער דער רע־זשים האָט, אומדירעקט, געדינט זיי... אין די באַדינגען פון שאַרפער ראַסן־סעגרעגאַציע, האָט אייגער געקענט אי הנאה האָבן פון די פּאַרטיילן וואָס דאָס גיט אים, אי דעקלאַמירן די באַקאַנטע פראַזעאָלאָגיע פון ברידערלעכקייט און גלײַכהייט. דאָס איז געווען דער בילקסטער אַרטיקל אויפן יידישמאַרק פון רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן. אין אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער האָט ניט גע־קענט אויפקומען קיין עכטע און ערלעכע שאַפונג, וואָס זאָל קינסטלעריש רעפּ־לעקטירן דעם מצבֿ פון די דיסקרימינירטע און אונטערדריקטע. בלויז יחידים, מער טאַלענטירטע שרײַבערס אויף יידיש, הגם זיי האָבן פּאַקטיש אָנגעהערט צום לאַגער פון דער ווײַסער סופּרעמאַציע, האָבן אַרויסגעבראַכט ראַיעל רעאַליסטישע שילדערונגען אין זייערע ווערק. אַזאַ איינער איז געווען ל., פון אַ הויפּטשטאָט אין אַ דרום־אַפריקאַנער פּראָווינץ, וואָס האָט זיך יונגערהייט אַהין דערקליבן פון אַ שטעטל אין פּוילן.

אין מיטן פון די 50ער יאָרן פלעג איך קריגן פון אים צוגעשיקט דערציי־לונגען, וואָס כ׳פלעג אָפּדרוקן אין „דרום־אַפריקע״. ער האָט געשריבן וועגן לעבן פון די שוואַרצע, קאָלירטע און אינדיער, געמאָלן זייער סבֿיבֿה, זייערע מאַטערנישן און באַציִונגען מיטן ווײַסן באַס, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט זייער שפּלן

מצבֿ און דערנידערונג. אין די דערציילונגען איז געווען האַנדלונג, סימפּאַטיע, אַפֿילו שפּרינקלען עמאָציאָנעל ציטעריקע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר, און ליבשאַפֿט צום באַעוולטן מענטש און קינד.

פֿערזענלעך האָב איך דעם שרײַבער קיין מאָל ניט געטראָפֿן, נאָר אים געקענט פֿון זײַנע בריוועלעך און פֿון דעם וואָס כ'האָב געהערט וועגן אים. נאָך אַ שווערער לאַנגער קראַנקייט איז ער, 1957, געשטאָרבן, אין עלטער פֿון 56 יאָר. נאָך זײַן טויט האָב איך זיך נעענטער באַקענט מיט זײַן ייִנגערן ברודער, וואָס האָט אָפּט אָנגעהויבן קומען קיין יאָהאַנעסבורג. ער האָט מיר דערציילט, אַז די משפּחה פֿון ברודער און ער האַלטן בײַם פֿאַרקויפֿן זייער שותּפֿישן געשעפֿט א״אַ נכסים. דער ברודער איז געווען אַן אַלטער בחור, אַ שטילער און איידעלער. איצט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו ווערן זײַן אייגענער פֿענ־סיאָנער, ד״ה, אויפֿן אייגענעם חשבון, און זיך מער אָפּגעבן מיט קולטור־אַרבעט אויפֿן ייִדיש־געביט. דאָס הערנדיק פֿון אים אַליין, האָב איך אים געזאָגט:

— קום אַרבעטן מיט מיר אין קולטור־פֿעדעראַציע, ס'וועט זײַן היימלעכער.

און ער איז געקומען, געוואָרן אַ פֿרײַוויליקער, ניט באַצאָלטער העלפֿער, איבערגעגעבן צו דער זאַך. אין מיטן 1958 איז ער אָפּגעפֿאָרן אויף עטלעכע וואָכן אין זײַן שטאָט, כּדי ליקווידירן די איבערגעבליבענע געשעפֿטן און אויספֿירן די צוואה פֿון ברודער. אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איצט וויל ער אַרויסגעבן אין אַ בוך זײַן ברודערס דערציילונגען. ער האָט אַ פֿאָנד פֿאַר דעם, וויל ער וויסן אויב כ'וועל עס טאָן. כ'אָב געוווּסט און זיך אָנגעהערט, אַז ער האָט אַ שטײַפֿע האַנט און וועט ניט וועלן מאַכן קיין צו גרויסע הוצאות, האָב איך אים געעצהט, אַז ער זאָל די אַרבעט אַליין טאָן, ס'איז אַ קלייניקייט: זאָל ער געמען די שוין געדרוקטע דערציילונגען פֿון זשורנאַל, אַזוי ווי זיי זענען, און די אין כּתבֿ־יד וועלן מיר מאַכן צוזאַמען, און זאָל ער מיטן דרוקער זיך באַדינגען אַ פּרײַז. ער איז געווען, ווײַזט אויס, צופֿרידן, וואָס איך וויל זיך ניט שטעקן אין דעם ענין און ער דאַרף ניט אָנקומען צו באַצאָלטע טובֿות.

ב

האָט ער זיך אָנגעהויבן עוסק מיט זײַן ברודערס דערציילונגען: צוזאַמענגעקליבן זיי, אויסגעסאָרטירט און אַוועקגעטראָגן צום דרוקער. איין טאָג ברענגט ער די קאָרעקטור־זײַטן אין ביורא און קלאָגט זיך, אַז זײַנע אויגן זענען עטוואָס קאַליע, ער מוז גיין צום אויגן־דאָקטאָר אויף אַן אונטערזוכונג. לסוף קומט ער אַרויס מיט — אויב איך קען אים העלפֿן מיט דער קאָרעקטור.

מיט פֿאַרגעניגן וועל איך עס טאָן, ווי אַ חבֿרישע לאָיאַליטעט, האָב איך אים פֿאַרזיכערט, כּדי ער זאָל ניט מיינען אַז כ'בין אויסן אַ פֿאַרדינסטל.

פֿון זינט דער מפּלה מיט דער הלוואה פֿון פֿילאַנטראָפּ, האָב איך מער בײַ קיינעם ניט געבעטן לײַען אַ סענט. מאַכט זיך אָבער, אַז אויף מאָרגן האָב איך אים

געגומען, אין מײַן אויטאָ צום דרוקער. מײַן ווײַב איז גראָד אויך געווען מיט אונדז און זי בעט מיר מיט אַ מאָל געלט, און איך האָב בײַ זיך קיין גראָשן ניט.

גיט זיך ל. אַ כאַפּ צו דער קעשענע און נעמט אַרויס פינף פונט.

— ניין, ניין, איך לײַ בײַ קיינעם קיין געלט ניט, פּרינציפּיעל, — זאָג איך.

— טאָ וועט עס ניט זײַן קיין הלוואה, ס׳וועט זײַן פאַר מאַכן די קאָרעקטור.

— טאָקע פאַר דעם וועל איך ניט נעמען, קען ניט נעמען.

— מיר וועלן זיך נאָך אויסרעכענען... — האָט ער צווייִדײַטיק געזאָגט און אַרײַנגעלייגט ס׳געלט אין קעשענע. נאָך דעם איז ער געווען ברוגזלעך.

אַ קורצע צײַט שפּעטער האָב איך אים פאַרבעטן צו אַ פּאַרטיע (סעודה) פון אונדזערן אַ זונס געבוירן־טאָג. ער איז צוליב עפּעס אַ סיבה ניט געקומען, אָבער אַ פּאָר טעג נאָך דעם איז אָנגעקומען אַ פּאַרשפּעטיקטע ווינטשעוואַניע מיט אַ טשעק אויף 5 פונט. כ׳האָב אים דעם טשעק צוריקגעשיקט, מיטן תּירוץ: מײַן זון האָט עס ניט אָקצעפּטירט, ווײַל ער איז ניט געקומען צו זײַן פּאַרטיע.

אין 1959 איז אַרויס דאָס בוך מיט זײַן ברודערס דערציילונגען. ש., וואָס האָט געשריבן דעם פֿירוואָרט, איז געווען איינער פון די פירנדיקע קולטור־עסקנים אין ייִדיש־מחנה, און האָט כּמעט אַלע יאָרן באַווירקט די קולטור־אַט־מאָספער און אויך די שעפערישע מענטשן, מיט זײַן פּאָליטיש לינקיסטישער טענ־דענץ. שפּעטער זענען אַרויס די דערציילונגען אויף העברעיִש.

ל. איז געוואָרן פון מײַנע בעסטע חבֿרים. איבער אַ צענדליג יאָרן האָבן מיר געאַרבעט אין פולער אײַנשטימיקער קאָאָפּעראַציע, אַ טיש בײַ אַ טיש. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פאַרקויפן, צי שענער: פאַרשפּרייטן ייִדישע ביכער, איבער הויפּט פון שרײַבערס, וואָס פלעגן קומען ווי געסט פון דער ק״פ. ווען ס׳איז, אָנהייב 1970, אויסגעבראָכן דער קאָנפליקט צווישן מיר און דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, און איך האָב צוגעקלאַפּט די טיר, אי ווי דער רעדאַקטאָר פון „דרום־אַפריקע״, אי ווי דער סעקרעטאַר, האָט ל., אין סאָלידאַריטעט מיט מיר, זיך גלײַך צוריקגעצויגן פון זײַן אָנגעהעריקייט צו דעם קלײַזל.

כ׳פלעג אים אָפט באַזוכן. מיר פלעגן זיצן אין זײַן ביבליאָטעק, וואָס איז געווען מיט פּאָליצעס ביז אַרויף דעם סופיט, אָנגעשטאָפּט מיט ייִדישע ביכער. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט שוין ניט ווו אָוועקצושטעלן זײַנע ביכער, סײַדן צובויען נאָך אַ וואַנט... ער האָט געהאַט פולע געבונדענע יאָרגענג פון אַ סך ווערטיקע אויסגאַבעס אין ייִדיש, ווי „ליטעראַרישע בלעטער״, דרום־אַפריקע־אויסגאַבעס און זשורנאַלן א״אַ. מיט באַשיידנקייט, אָבער מיט אַ פּאָזיטיוון אָפּשאַץ פלעגט ער ריידן וועגן זײַן ברודערס דערציילונגען. אין די מיטן 70ער האָט ער מיר דערציילט, אַז ער פילט זיך ניט אין גאַנצן כּשורה. ער האָט אָנגעהויבן גיין אויף רעגולערע אונטער־זוכונגען צום האַרץ־ספּעציאַליסט. איין טאָג האָב איך אים געטראָפן, גייענדיק פון אַפּטייק, און ער האָט מיר געוויזן אַ זעקל מעדיצין: — זעסט, דאָס מוז איך אַראָפּשלינגען. ס׳איז ביטער... עטלעכע טעג שפּעטער, אַ פרימאָרגן, איז ער געפאַלן בײַ זיך אין שטוב, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים — —

# דער ייִד מיט אויגן פֿון הומאָר

## א

דער רעדאַקטאָר ש. האָט אונדז באַקענט. ס׳איז געווען אויף דעם רווישיק־סטן ווינקל פֿון צוויי הויפּטגאַסן, אין יאָהאַנעסבורג. אַז ער האָט אים מיר פֿאָרגעשטעלט ווי אַ שרייבער, וואָס האָט אָנגעשריבן דערציילונגען פֿון אַמאָליקן לעבן, פֿון שטעטל און ישיבֿה, האָט דער פֿאָרגעשטעלטער, ז., מיט איין קלאַפּ זיך אָפּגעשאָקלט פֿון אַלץ מיט אַנאַנדער. איבער הויפּט פֿון טיטל שרייבער. ער האָט מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל פּראָטעסטירט: — דער ייִד טראַכט אויס אויף מיר אַ בילבול. איך בין ניט קיין שרייבער, נאָר דאָס פֿעלט מיר נאָך. ער טשעפּעט מיך צו אַ שרייבערישן לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, וואָס מײַן טאַטע וואָלט עס גלײַך טריף געמאַכט... — און נאָך כּדי דיבור האָט ער אָנגעהויבן דערציילן אַנעקדאָטן און קאָמישע פּאַסירונגען פֿון שטעטל און ישיבֿה.

מ׳האָט געקענט אַזוי אָפּשטיין שעהען. זײַנע מעשׂיות זענען געווען פֿאַרווײַלעריש, מיט הומאָר און חן. ער האָט פֿאַרשטאַנען ווי צו דערציילן. מיטן ריכטיקן טראָפּ און אויסזינג, ווי אַ גוטער מגיד. ס׳איז געווען די קונסט פֿון בעל־פּה, וואָס שפּעטער האָב איך עס געפֿונען אין זײַנע בכּתבֿ־דערציילונגען, און כ׳האָב אים געזאָגט מײַן השערה, אַז אַלע יאָרן האָט ער עס אין זיך, אינעווייניק, געערדט און איבערגערעדט און קאָפּירט, ביז ער האָט עס לסוף פֿאַרשריבן.

— ס׳איז ניט קיין השערה, — האָט ער צוגעשטימט, — אַזוי איז עס. ווען ער פֿלעגט דערציילן וועגן די ייִדן פֿון דער אַלטער היים, די שטעטלשע גאַסן, ייִדן אין בית־מדרש, צי די וואָס פֿלעגן אַרײַנקומען אין רבֿס שטוב, צו זײַן טאַטן, צי אַפֿילו עפּיזאָדן וועגן זיך אַליין, האָבן זײַנע אויגן געגלאַנצט מיט אַ באַזונדערש פֿרייד־לעכן געפֿינקל, וואָרעם ער אַליין האָט אויך הנאה געהאַט פֿון זײַנע מעשׂיות. ער האָט דעם אַמאָל, און אויך דעם הײַנט געזען מיט אויגן פֿון הומאָר. דאָס איז אַוודאי געווען די סיבה, וואָס אַלץ וואָס ער האָט געדענקט האָט געשפּריצט מיט לאַך און שפּאַס. אַפֿילו אין די טרויעריקע געשיכטעס זענען געווען באַהאַלטן די הומאָר־ און חוזק־קערנער, ווי אַ באַדינגלעכער קאָמפּאָנענט פֿון דערציילע־רישן שטאָף. ער האָט אויף יעדער זאַך געקוקט מיט אויגן פֿון הומאָר.

פֿון יענעם צופֿעליקן טרעפֿונגטאָג האָט ער אָנגעהויבן אַרויפֿקומען צו מיר גאָר אָפֿט, בעת דער אַרבעט. ס׳איז געווען מײַן קולטור־פֿונקציע אַרײַנצוגעבן אין דער צײַטשריפֿט ״ייִדן״ ניי אַנטדעקטן נאָמען אויף אונדזער אָרעם־שעפֿע־רישן באָדן, אָבער ז. איז געווען אַן אויסנעם אין מײַנע אויגן. און אַז ער האָט

מיר געבראַכט זײַנע כּתבֿ־ידן, האָב איך תּיכּף, מיט זײַן הסכּמה, אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג. כ׳האָב זיך ביז דעמאָלט אָנגעהערט אַ סך פֿון זײַנע מעשׂיות, אָבער איצט האָב איך זיי מיט הנאה געלייענט. זײַן מײַסטערישע קונסט צו דער־ציילן איז דאָ געקומען אין דער טראַנסקריפּציע פֿון ייִדישע אותיות. דאָ איז בולטער אַרויסגעקומען זײַן חוש צו דערשמעקן דעם עסענץ פֿון קאָמיזם אין טיפּן, כאַראַקטערן, סיטואַציעס און עס איבערמאַדעלירן מיט הומאָר. אַזוי האָט ער אויך געקענט פּאָרטרעטירן, מיט אַקטיאָרישער מימיק, אַ באַקאַנטן, אַ רעד־נער צי אַ שרײַבער, אַפֿילו צווינגען און צוטאַנצן, ווען ס׳האָט זיך געפּאַדערט מיט דעם אונטערצושטרײַכן די לעכערלעכקייט פֿון געוויסע מאָמענטן. איך האָב געטראַכט, אַז אין אים איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ שוישפּילערישער טאַלאַנט. ער פֿלעגט אויך פֿאַרטראַכטן די פּאַסיקסטע עפּיטעטן פֿאַר יעדן פֿון אונדזער סבֿיבֿה, פֿאַר די פּענמענטשן פֿון יאָהאַנעסבורג, אָדער געסט פֿון אויסלאַנד, אָבער נאָר זײַנע אינטימסטע פֿרײַנד פֿלעגט ער עס פֿאַרטרויען, כּדי ניט ניכשל צו ווערן מיט לשון־הרע... און איך האָב אים ליב באַקומען, ווי ער איז.

איין טאָג ברענגט ער מיר אַ גאַנצן פּאַק זײַט, פֿון זײַנע שוין אָפּגעדרוקטע דערציילונגען, וואָס האָבן געזאָלט אַרויסגיין אין אַ בוך. ער וויל ניט, זאָגט ער, אַזוי ווי זיי זענען דאָ געדרוקט געוואָרן. האָט אים זײַן רעדאַקטאָר געזאָגט, אַז ער וועט אים ניט רעכענען פֿאַר דער אַרבעט, אויב ער וויל קען ער עס אַרײַנ־געבן אין אַן אַנדער דרוקערײַ. וויל ער טאַקע, אַז איך זאָל עס איבערנעמען און פֿאַרענדיקן דאָס בוך. אויף מאָרגן האָב איך אים געבראַכט אַ פּרײַז פֿון דרוקער און ער איז געווען צופֿרידן.

— און וויפֿל פֿאַר אײַך — פֿרעגט ער מיט אַ שטיפֿערישער גרימאַסע.

— כ׳ווייס, אַז ס׳איז אונדזער אַלעמענס שׂימחה אָפּצודרוקן אַ ייִדיש בוך, דעריבער וועל איך אײַך ניט מאַכן שווער דאָס האַרץ, כ׳וועל עס טאָן פֿאַרן לײַכטסטן פּרײַז, — און כ׳האָב אים געזאָגט אַ ציפֿער.

— ס׳קלינגט מיר אַ ביסל צו לײַכט, — האָט ער געזאָגט. — איר ווילט מיר מאַכן אַ מתּנה...

— ווייסט איר וואָס, — האָב איך געזאָגט, — כ׳וועל עס מאַכן אַ ביסל שווע־רער: אויב איר וועט פֿילן אַז ס׳איז ווערט מער, וועל איך זײַן צופֿרידן מיט אַ הוספֿה.

ווען דאָס בוך איז אַרויס, האָט ער מיר דערלייגט אַ קליינע הוספֿה.

ב

ז. איז געוואָרן מיט מיר משפּחהדיק. כּמעט יעדן טאָג פֿלעגט ער אַרויפֿקו־מען צו מיר, און זײַנע געשיכטעס האָבן זיך ניט אויסגעשעפּט. כ׳האָב שוין אויך געקענט זײַן קאַפּיטל ביאָגראַפֿיע פֿון ארץ־ישׂראל, ווען ער איז דאָרטן געווען אין די 20ער יאָרן, און ווי ער האָט אויפֿגעשטעלט, מיט אַ חבֿר, אַ שטוביקע

צוקערלעך־פּראָדוקציע. אַ לאַנגע געשיכטע פֿול מיט קאָמישע יונגע שטיפּערײַען. קומענדיק קיין דרום־אַפֿריקע, פֿון ארץ־ישׂראל, האָט ער אין יאָהאַנעסבורג אויפֿגעמאַכט אַ פֿאַבריקל פֿון זיסיקייטן און צוקערלעך. דעמאָלט זענען נאָך דאָ ניט געווען קיין גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס פֿון דעם מין, איז אויף זײַן סחורה געווען אַ גרויסער נאָכפֿרעג. ער האָט שפּעטער זײַן פֿאַבריקל פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ גוטן פּרײַז צו אַ פּראָדוציר־קאָנצערן פֿון זיסוואַרג, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן אין לאַנדמאַסשטאַב. מיט זיי האָט ער ניט געקענט קאָנקורירן. כ׳האָב אים אַ מאָל געזאָגט, אַז ניט אומזיסט האָט ער זיך גענומען צו דעם פֿאַך: עס איז פֿאַראַן בײַ אים אַ דערציילונג וועגן רבס מזיק, טאַקע ער, ווי ער נאַשט אויף אַ סלוי מאַלינעס־וואַרעניע, וואָס זײַן מאַמע האָט עס אויסגעפּרעגלט, אַז „מ׳זאָל עס ניט באַדאַרפֿן“...

אין זײַנע לעצטע יאָרן פֿלעגט ער אונדז „גנבֿענען“, דעם דיכטער פּ. און מיר, אין אַ קליינער קאַפֿעטעריע צום טיי טרינקען. מער ווי טיי פֿלעגט ער ניט באַשטעלן, זענען מיר געווען סאָלידאַריש און אויך געטרונקען נאָר טיי. ניט געקוקט אויף עלטער און שוואַכקייט, וואָס זענען פֿאַמעלעך אָנגעקראָכן אויף זײַן געבייגענער פּלייצע, האָט ער נאָך אַלץ מיט אַ וויטאַלן חשק דערציילט זײַנע פּערלדיקע מעשׂהלעך. אַז כ׳פֿלעג אים זאָגן, אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס ער האָט עס אַלץ ניט פֿאַרצייכנט, ס׳וועט גיין לאיבוד אַזאַ אוצר, פֿלעגט ער זיך אויסלאַכן: — וואָס טויג מיר שרײַבערײַ, ס׳איז פֿאַר אײַך אַן ענין...

אָבער ווי קלוג און געשײַט דער ייִד איז געווען, אַזוי קאַרג איז ער געווען — און ער פֿלעגט זיך מיט דעם ניט באַהאַלטן, ווי ס׳וואָלט אַזוי געדאַרפֿט זײַן, ס׳איז זײַן נאַטור. אַז מ׳פֿלעגט האַלטן, נאָך שפּעטן ריידן, בײַם פֿאַרלאָזן ס׳קאַפֿעקרעמל, פֿלעגט ער אָנהייבן אַרויסקלײַבן פֿון אַ הויפֿן זילבער־מטבעות די קופּערפּענים, צו געבן דעם שוואַרצן קעלנער אַ „טיפּ“. ס׳איז געווען זײַן באַליבטע שפּיל, אַ מין „האָבי“, וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט קאַליע מאַכן. דערפֿאַר איז ער אָבער געווען אַ פֿעיִקער אין מיסחר, געהאַט קראָמען און אומבאַוועגלעכע נכסים, און ווען ס׳איז געפֿאַלן, מיטן אויפֿקום פֿון דער געלט־אינפֿלאַציע, זייער ווערט, האָט ער זיך געקלאָגט וואָס פֿאַר אַ מטמון ער פֿאַרלירט, און געמאַכט דעם חשבון וויפֿל מ ע ר ער וואָלט געהאַט בײַ אַ גוטן מאַרק... אָבער די דאָזיקע שוואַכקייטן האָבן אויף אַ האָר ניט געמינערט פֿון זײַן אינטערעסאַנטער חשיבֿותדיקער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פֿאַרמאָגט איר אייגענעם כּישוף.

צום דערשײַנען פֿון זײַן בוך האָב איך אָרגאַניזירט אַ קבלת־פּנים פֿאַר אים, וווּ ס׳האָט זיך באַטייליקט די משפּחה זײַנע, און כ׳האָב אַלץ רעקאָרדירט אויף אַ „טייפּ“. כ׳האָב אַ לאַנגע צײַט געהאַלטן דעם „טייפּ“ און ער האָט אַפֿילו פֿון דעם ניט געוווּסט. ווען כ׳האָב באַמערקט אַז דער עלטער האָט זיך אָנגעוואָרפֿן אויף אים און וואָס ער שלעפּט זײַנע שוואַכע טריטעלעך, צום קאַפֿע־שטיבל, האָב איך דעם „טייפּ“ איין טאָג מיטגענומען מיט זיך, כּדי אים צו איבערראַשן. ער איז טאַקע געווען אויסער זיך פֿאַר שׂימחה פֿון דעם סורפּריז:

— קומט אַרויף צו מיר. כ׳האָב גראָד געקויפט אַ נײַע פלאַש וויסקי, וועלן מיר אויסטרינקען אַ לחיים. איר מוזט עס מיר טאָן. פ. וועט אויך מיטקומען, — האָט ער אונדז געשלעפּט.

ס׳איז שוין געווען האַרבסט. ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט צו זײַן דירה איז דער אָוונט צוגעפאַלן. כ׳האָב אויפגעשפּילט זײַן רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן אָוונט. ער האָט געשטראַלט פון פרייד. מיר האָבן צוגעקלאַפּט די גלעזלעך און געטרונקען אַ לחיים. ער איז געוואָרן אויפגעהײַטערט און מונטער: נאָך אַ גלעזל און נאָך אַ זופּ, האָט ער זיך בײַ אונדז געבעטן. פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגעהויבן שטיקן, פאַרגלאָצט די אויגן און אַ פאַל געטאָן פון שטול אויפן טעפּעך... די סצענע איז געווען דערשרעקנדיק. זײַן ווײַב האָט אָנגעהויבן שרײַען מיט היסטערישע קולות, אַז מ׳קומט דאָ איר מאַכן אומגליקלעך... פ., וואָס פלעגט אָפט אַרויפקומען צו זיי, האָט זי געפּרוווט באַרויקן. און ווי נאָר כ׳האָב באַמערקט, בײַם אַוועקגעהלשטן, אַ באַוועג מיטן האַנט, און אַ פינטל מיטן אויג, האָב איך זיך אַרויסגערוקט פון צימער.

אין יענע יאָרן, מיטן עלטער, האָבן זיך זײַנע הומאָר־אויגן אָנגעהויבן פאַרטונקלען, פיזיש. ער האָט עס צו ערשט באַמערקט בײַם לייענען. דער אויגן־דאָקטער האָט אים געגעבן די שאַרפסטע לינדזן, אָבער נאָך אַ קורצער צײַט האָט מען זיי געמוזט בײַטן אויף גלעזער מיט אַ מין שפּאַקטיוו אין מיטן, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט ווי אַ דינער פינגער. די דאָזיקע פינצטערניש, וואָס איז אַזוי ראַפּטעם אַראָפּגעקומען אויף אים, האָט אים שטאַרק דערדריקט. דאָך פלעגט ער זיך נאָך פּרוּוון ווּיצלען, אָבער ניט מיט די אויגן, נאָר מיטן זכרון.

ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט כּמעט אויפגעהערט צו זען מענטשן, קעגנשטאַנדן, נאָר זייערע אומקלאָרע קאָנטורן. מיר, און אַנדערע, פלעגט ער אידענטיפיצירן לויטן קול. אין דעם מצבֿ האָט ער אָנגעהויבן, על־פּי געדענקען, „אַרויסלייענען" די מעשׂהלעך פון זײַן בוך. און אויך אַזעלכע וואָס זענען געווען „אָפּגעדרוקט" אין די קעמערלעך פון זײַן מוח. ווי אין אַ ליכטיקער רעם האָבן אין זײַן פענאָמענאַלער געדענקשאַפט געפלימערט געשטאַלטן פון ייִדן, ישיבֿה־בחורים, דער טאַטע, דער רבֿ, און משפּחה־מענטשן. ס׳איז געווען דאָס שטעטל, געזען מיט אינעווייניקסטע אויגן. און די סצענעס האָבן נאָך אַלץ געבליצט מיטן חן פון הומאָר.

נאָך דעם האָב איך אים שוין גאָר זעלטן געזען. קוים וואָס ער פלעגט זיך, מיט אַ סך אָפּרו־סטאַנציעס, דערשלעפּן, די הונדערט מעטער, צום קאַפע. ער האָט שוין ווייניקער גערעדט, ווייניקער דערציילט, און מער געקרעכצט. אַז מ׳האָט אים שפּעטער געבומען אין שפּיטאָל, איז ער שוין געווען מער אַ יעבוועלטיקער, ווי אַ דאָיקער. און אַלע זײַנע ניט פאַרשריבענע מעשׂיות, דעם ביטער־פריידיקן אַ מאָל פון ייִדישן לעבן, פון שטעטל, ישיבֿה, האָט ער מיטגענומען מיט זיך — מיטגענומען אויף אייביק — —

# דער מאַרשרוט פון אַ ייִדן און זײַן געזאַנג

## א

פון דער ליטעהיים — דורך סיביר — קיין ישׂראל — דאָס איז דער מאַרשרוט פון אַ ייִדן, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן פערטל יאָרהונדערט — 1940־1965. אין דעם ציפער איז צום שאַרפסטן אײַנגעקריצט דער צייכן סיביר, ווי די סטאַציע פון פינצטערע 17 יאָר אין די טײַגעס פון בלענדיק־ווײַסן שניי. און אָט, איין טאָג איז דער אָ ייִד, פּ., אָנגעקומען פון ישׂראל, ווי אַ גאַסט צו זײַן משפּחה אין יאָהאַנעסבורג. דער היגער ברודער, וועמען כ׳האָב געקענט פון פריִער נאָך, האָט מיר טעלעפאָנירט און געזאָגט אַז זיי האָבן אַן אורח, און ווער ער איז. אַ זאַ גאַסט מוז איך גלײַך זאָגן אַ ברוך־הבא, האָב איך פאַרלאַנגט. און בעתן שמועס אויפן טעלעפאָן האָבן מיר זיך אָפּגערעדט צו טרעפן, אויף מאָרגן, אין ביוראָ, ווו כ׳האָב געאַרבעט.

בעת אונדזער באַגעגעניש האָב איך אים געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז ער זאָל אויפטרעטן אויף אַן אָוונט, וואָס איך וועל אָרגאַניזירן, און ברענגען די ייִדן אַ גרוס פון סיביר. אויב ער איז מסכּים, וועט ער האָבן אַ פרײַע טריבונע, ווו ער מעג ריידן און דערציילן וואָס ער וויל און וויפל זײַן האַרץ וועט לאָזן. ער האָט תּיכּף צוגעשטימט צו דעם. איצט האָב איך אים געמאַכט דעם סורפּריז, אַז כ׳האָב שוין באַצײַטנס אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פונעם אָוונט, כ׳האָב שוין אַפילו אַ דאַטע און אַ זאַל, און ער דאַרף עס נאָר באַשטעטיקן. איך בין פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך. דאָס איינציקע וואָס אים בלײַבט צו טאָן איז — באַשטימען פאַר זיך אַ פאָרזיצער.

— דו וועסט זײַן דער פאָרזיצער. כ׳קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן אַ בעסערן, ווי דעם אָרגאַניזאַטאָר אַליין.

ס׳האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער עולם, און ניט בלויז די ייִדן וואָס פאַרשטייען ייִדיש, נאָר אויך די ייִדן פון ענגליש, און אַ ביסל יוגנטלעכע. זיי האָבן געוואָלט זען ווי ס׳קוקט אויס אַ ייִד פון הינטערן באַרימטן אײַזערנעם פאָרהאַנג, בפרט נאָך פון סאַמע סיביר.

אַ טיפע שטילקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זאַל, ווען כ׳האָב אים פאָרגעשטעלט, און אַ טרויער־אַטמאָספער האָט אַרומגענומען דעם עולם בעת ער האָט געבראַכט זײַן אַנגסטיקן גרוס: ער האָט דערציילט וועגן שווערע איבערלעבונגען און טויט־דערפאַרונגען, פון זיך און פון אַנדערע. אָבער בײַם מאָלן די בילדער פון גרויל און מאַטערנישן, פון מענטש און ייִד, האָט ער אונטערגע־

שטראָכן, אַז אויך אין יענער וועלט פון רויטן אומקום האָבן ייִדן זיך אָנגעהאַנגען אָן יעדן האָר פון אַלט־ייִדישן בטחון, און ביזן לעצטן אָטעם געהאָפּט אויף אַ גאולה. ער איז איינער פון די ווייניקע, וואָס זייער האָפענונג איז מקוים געוואָרן.

צום ערשטן מאָל האָבן ייִדן אין יאָהאַנעסבורג געהערט דערציילן, אויף ייִדיש, ניט וועגן שוין גוט־באַקאַנטן נאַצי־חורבן, נאָר וועגן חורבן־פּלאַנעט פון רויטן טעראָר, וועגן דאָס חושכן פון ייִדן אין ווײַסן שניי.

## ב

אויף מאָרגן קומט פּ. אַרויף צו מיר אין ביוראָ, מיט אַ ספּעציעלער פּאַר־בעטונג צו אַ קבלת־פּנים פאַר אים און זײַן פרוי, אין אַ משפּחה־קרײַז. ער איז מיר מגלה דעם סוד פון דער בײַטיקייט פון מײַן זײַן: דאָרטן וועט אויך זײַן אַ באַקאַנטער מעבל־אינדוסטריעלער, פּ., וואָס איז מוכן־ומזומן צו פּאַטראָ־ניזירן זײַנס אַ בוך לידער אויף ייִדיש.

— ווי קומט דאָ מיט אַ מאָל ייִדיש? — אָט האָט ער מיר טאַקע געבראַכט אַ גאַנצן בינטל לידער, וואָס ער האָט געשריבן אויף ייִדיש, טייל אין סיביר, און טייל — נאָכן אַרויסקומען פון דאָרטן, אין דער סאָוועטישער ליטע. וויל ער, איך זאָל אַ קוק טאָן די לידער, זיי לייענען, און אויב כ׳בין מסכּים, אויך צוגרייטן דאָס ביכל.

דער אָוונט איז געווען טומלדיק, מיט טאָסטן און לחיימס פון ברידער וואָס האָבן זיך ווידער געטראָפן (נאָך אַ ברודער געווען אין יאָהאַנעסבורג), און מ׳האָט געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַז עולם איז זיך צעגאַנגען, זענען מיר געבליבן מיטן פּאַטראָן און די משפּחות. מיר האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדערן חדר און כ׳האָב אָפּ־געגעבן אַ מין באַריכט וועגן דעם ענין. כ׳האָב שוין פריִער געהאַט גערעדט מיט פּ. און אים געזאָגט, אַז פון בינטל לידער וועט זײַן אַ מאָגער ביכעלע. האָב איך אים געעצהט: איבער׳עצן פון זײַן בוך לידער, וואָס איז געווען ניט לאַנג צוריק אַרויס אויף עבֿרית, און אויך אַ פּאָר דערציילונגען פון זײַן נײַעם פּראָזע־בוך. ער האָט דעם געדאַנק קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן: ער איז בשום־אופן ניט ביכולת עס צו טאָן. לסוף האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט: איך זאָל איבערזעצן, וואָס און וויפל מ׳וועט דאַרפן.

מיטן פּאַטראָן האָבן מיר גערעדט וועגן אַ בוך פון בערך 100 זײַטן. ער האָט גערעדט מיט סימפּאַטיע וועגן זײַן „הילף", ווי ער האָט עס גערופן, און גלײַך געפרעגט, מעשה־סוחר, דעם מה יקר. כ׳האָב אים געזאָגט, לויט מײַן ידיעה אויף דעם געביט, אַ מינימום־פּרײַז. ער האָט אָנגערופן אַ ציפער, אין זײַנע ווערטער — אַ פאָנד, וואָס ער איז גרייט מנדבֿ צו זײַן לטובֿת אַרויסגעבן דעם בוך. אין מײַנע אויגן האָט עס אויסגעזען, אַז ס׳וועט קוים דעקן די הוצ־אות. כ׳האָב בײַ זיך באַשלאָסן צו בלײַבן נייטראַל צום גאַנצן ענין, און געשוויגן.

אויף מאָרגן קומט דער ברודער פון מחבר און דערציילט מיר, מיט אַ פאַר־זאָרגט קול: ער איז אָקערשט געווען בײַם דרוקער און ער האָט געקראָגן אַ מינדלעכע פרײַז־נאָטירונג, וואָס ווײַזט אַז דער „פאָנד" וועט קלעקן קוים־קוימיק אויפן בוך.

— און ווו זײַט איר? — פרעגט ער. — אײַער אַרבעט דאַרף מען דאָך אויך באַצאָלן. וואָס'ט איר געשוויגן?

— מײַן אַרבעט וועט זײַן באַצאָלט מיט אַ בעסערן ווערט ווי געלט — מיט חבֿרשאַפט.

האָב איך גראָד דעם בוך אַזוי עקאָנאָמיזירט, אַז כ'האָב נאָך באַוויזן פון די זעלבע מיטלען צו קאָמיסיאָנירן בײַ אַ ייִדישער קינסטלעריך, אין יאָהאַנעסבורג, פּאַסיקע צייכענונגען און זיי אַרײַנגעגעבן. כ'האָב אויך איבערגעזעצט פון עבֿרית 10 קלענערע לידער און 5 גרויסע דערציילונגען. דאָס בוך איז אַרויס אין 1970, 130 זײַטן. און גראָד איז דייוו טושינסקי געווען מײַן גאַסט, אין יאָהאַנעסבורג, און אויף מײַן בקשה האָט ער געצייכנט די הילע פאַרן בוך.

בײַם צוזאַמענשטעלן דעם בוך, האָב איך טאַקע געפילט, ווי כ'האָב געזאָגט: כ'טו עס פון חבֿרשאַפט וועגן. מיר האָבן ביידע געוווּסט, דער מחבר און איך, אַז מיר זענען ניט פון איין פּאָליטישן חדר און ניט פון זעלבן אידעאָלאָגישן מנין, אָבער מיר זענען ביידע קינדער פון איין פאָלק און פון איין צעברויזטער חורבן־עפּאָכע. דער געדאַנק, וואָס אי די ברוינע משחיתים, אי די רויטע, האָבן אונדז געוואָלט פאַרשלעפּן אין שאול תחתיה פון ג י ט ז ײַ ן, איז געווען דער חשבון וואָס איך האָב געמאַכט, בײַם מאַכן דאָס בוך. ווײַל אויך ז ײַ ן חורבן־ליד איז געווען באַנעצט מיט ייִדיש בלוט און טרערן.

אין 1978, אַז ס'איז אַרויס מײַן בוך לידער, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם ספּאָנסאָר פון בוך לידער פאַר פּ., וואָס כ'האָב געהאַט צוגעגרייט מיט קנאַפּע צען יאָר צוריק. כ'האָב געפילט אַז כ'דאַרף אים צוטראָגן מײַן בוך — אַ מתנה.

חדשים האָט גענומען און כ'האָב זיך ניט געקענט דערפרעגן אויף אים. מ'האָט מיר געשיקט פון איין אָרט צום אַנדערן. קיינער האָט ניט געוווּסט ווו ער איז, ווי זײַן נאָמען וואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. לסוף בין איך אַרויף אויף זײַנעם אַ שפור, און אויסגעפונען: מיט עטלעכע חדשים צוריק געשטאָרבן פון אַ האַרצפעלער — —

# לידער און עשירות

## א

ט. האָט זיך באַזונדערש אויסגעטײלט אויפֿן פּאָן פֿון ייִדישן קולטור־קרײַז אין יאָהאַנעסבורג. ער איז מער געווען אויף דער פּעריפֿעריע, ווי אין צענטער, און זיך ניט געשטופּט צו אַקטיווער טעטיקייט. אפשר איז עס געווען צוליב דעם, וואָס אים איז ניט אָנגעשטאַנען וואָס די אַנדערע, ווען ער האָט אײַנגעשאַצט אין ווייניקער ווי זיך, פֿאַרנעמען בכּבֿודיקע פּאָזיציעס און פֿירן די גרענדע. ווײַל ער ניט אַז זיי זאָלן זײַן גרעסערע בעלי־דעה ווי ער. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אָן אַ זײַט פֿון גאַנצן ייִדיש־טאַראַראַם, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט די ייִדיש־גאַס אין די 50ער יאָרן. דאָס איז אוודאי געווען די סיבה פֿאַר וואָס כ'האָב אים ניט באַמערקט אַ לענגערע צײַט, זינט כ'בין געקומען, אין 1951, אין יאָהאַנעסבורג, און זיך אָנגעהויבן באַקענען און מישן מיט די ייִדישע קולטור־עסקנים.

ער, אַ פּנים, האָט אָבער יע געהאַט אַן אויג אויף מיר, כּמעט פֿון די ערשטע טעג פֿון מײַן אָנקום אין דרום־אַפֿריקע. און הגם ער האָט מיר אַ פּאָר מאָל געפֿירט, אין די שפּעטע אָוונט־שעהען, נאָך אַ לעקציע צי אַ מסיבה, אַהיים, איז ער מיר אָבער געבליבן אַ פֿרעמדער צופֿעליקער מענטש. ביז אין איינעם אַ טאָג, אַרום סוף־יאָר 1957, טעלעפֿאָנירט ער מיר אַז ער וויל מיר טרעפֿן. ער האָלט בײַם אָפּפֿאָרן קיין אויסלאַנד, צי אפשר איז עס געווען אויף וואַקאַציע, וויל ער מיר זען און ריידן וועגן שרײַבערישע ביזנעס...

ער איז געקומען צו מיר מיט זײַן אויטאָ און מיר גענומען צו זײַן ביוראָ, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ שכנותדיקער געגנט. זיצנדיק אין אויטאָ איז מיר אײַנגעפֿאַלן צו פֿרעגן, אויב ראַבײַ נ. איז זײַנער אַ לאַנדסמאַן. ער האָט זיך תּיכּף געכאַפּט צו וואָס מײַן פֿראַגע צילט, און גלײַך זיך מודה געווען, אַז ער, ט., איז עס טאַקע געווען דער וואָס האָט אים צו מיר געבראַכט, און ער האָט אויך פֿאַרגעלייגט, דעמאָלט, זײַן סאָסייטי, מיר צו געבן דעם „דזשאָב"; דאָס מיינט: ער איז געווען דער מעקלער, וואָס האָט מיר צוגעשאַרט דעם ערשטן קליענט, ראַבײַ נ.

מײַן פֿראַגע האָט בײַ אים ווי פֿונאַנדערגעעפֿנט אַ קוואַל פֿון רייד. ער האָט מיר דערציילט וועגן זײַן הצלחה אין געשעפֿטן, זײַן רײַכקייט. ער האָט מיר אַפֿילו געזאָגט וויפֿל „אינקאָם טעקס" ער צאָלט אַ יאָר — ס'איז געווען אין די פֿעטע טויזנטער. ער האָט געוואָרפֿן מיט כּמעט אַסטראָנאָמישע ציפֿערן, אַז כ'האָב אויף אַ ווײַלע פֿאַרלוירן דעם רעאַליסטישן פֿאָדעם פֿון זײַן „פֿאַנטאַזיע".

כ'ווייס ניט צוליב וואָס ער האָט בײַטיק געהאַט דאָס אַלץ מיר צו דערציילן,

אבער כ׳האב זײַטיק א בליק געטאן אויף אים און זיך געוווּנדערט, אז דער ייִד, וואס איז בײַ זײַן קומען אין דעם לאנד געווען א ייִדישער לערער, האט געמאכט אזא קאריערע. אפשר האט ער מיר געוואלט ווײַזן די מאס פון דרום־אפריקע פאר דעם, וואס קען האבן אלץ וואס געלט קען קויפן... און געוואלט האט ער איצט פון מיר א באשיידענעם אלץ — צוגרייטן א לידערבוך, וואס מ׳האט ניט געדארפט זײַן קיין גוואלדיקער גביר, כדי עס אין יענע ביליקע טעג ארויסצוגעבן.

בײַ אים אין ביורא, האט ער מיר, ראשית, אנגעבאטן א לחיים פאר גוט־ברודערשאפט. נאך דעם האט ער ארויפגעלייגט אויפן טיש א גאנצן פאק כתבֿ־ידן, וואס ער האט ארויסגענומען פון אן אײַזערנעם שראנק. דאס זענען געווען גרויסע ליניִרטע בויגנס, וואס מ׳נוצט אין שול צו עקזאמענס. אין לאנגע קאלומס זענען געווען שורות פון לידער, געשריבן מיט א קלארער האנטשריפט, מיט גרויסע ייִדישע אותיות. ער האט מיך אפגעמאסטן מיט א צופרידענעם בליק:

— נו, ווי מיינט איר, וועט זײַן גענוג פאר א בוך?

— איבערגענוג, פאר דעם גרעסטן בוך. — און כ׳האב געפרעגט — וויפל יאר איז דער א צוזאמענקלײַב אלט?..

— פאראן דא גאר אלטע לידער, פון יארן צוריק, אבער לעצטנס האב איך עס אלץ איבערגעשריבן. און מיטן צוגרייטן צום דרוק, זײַט איר בײַ מיר דער באגלייבטסטער עס צו טאן. ער האט מיר אונטערגערוקט נאך א גלעזל שארפס, א מיש געטאן די בויגנס און זיי א הייב געטאן, ווי ער וואלט זיי געוווגן.

— איז וויפל דארף מיר קאסטן אזא פארגעניגן?.. — האט ער געפרעגט, כלומרשט אין שפאס.

ניט איבערטראכטנדיק א רגע, האב איך זיך ארויסגעכאפט מיט א ציפער, ווי ס׳פאסט פאר א מומחה אויף אזעלכע זאכן.

— גוט, גוט. כ׳וועל זיך ניט דינגען. און אז ס׳וועט ווערן פארטיק, וועט נאך מסתמא זײַן א באנוס, — האט ער פארזיכערט.

כ׳האב שוין דעמאלט געוווּסט, אז א באנוס איז א געלטפרעמיע, וואס ארבעטער און אנגעשטעלטע קריגן סוף־יאר, און כ׳בין געווען צופרידן.

## ב

מײַנעם א גוטן פרײַנד, וואס האט מיר שפעטער טעלעפאנירט וועגן עפעס, האב איך דערציילט פון ליטערארישן מיסחר וואס כ׳האב הײַנט דורכגעפירט. ער האט גלײַך פארשטאנען ווער דער בעל־דבֿר איז. בײַם לעצטן קארטנשפיל, בײַ אים אין שטוב, האט ער געזאגט, אז ער קלײַבט זיך ארויסצוגעבן א בוך לידער. איז מײַן פרײַנד ניט אנדערש באשטאנען אויף דעם, אז כ׳זאל אים זאגן וויפל איך האב יענעם געזאגט וועט עס קאסטן. כ׳בין ניט בײַגעשטאנען דעם נסיון און אים אויפגעדעקט דעם סוד, מיטן תנאי אז עס זאל בלײַבן צווישן אונדז...

ווען כ׳האָב אים געזאָגט וויפל, האָט ער אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און מיט אַ פּאָר גאָר ניט וואַזשנע, אָבער גוט־געמיינטע עפּיטעטן אויף מײַן חשבון, און געזאָגט, אויפן ליטווישן שטייגער, אַז מ׳דאַרף מיר געבן היי צום עסן... באַריכות האָט ער מיר אויפגעקלערט דעם ענין געלט, אַרבעט, צײַט און האָט מיר „געלייענט" אַ גאַנצן סאָציאַל־עקאָנאָמישן טראַקטאַט, אויפן טעלעפאָן. זײַן חבֿרישע עצה, כ׳זאָל זיך ניט זשענירן, אים טעלעפאָנירן און פּשוט זאָגן, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ טעות, זיך פאַררעכנט אויף אַ העלפט, אפשר מער נאָך...

שעהען האָב איך אַרומגעוואַנדערט פון איין צימער אין אַנדערן. יעדע ווײַלע צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, אויפגעהויבן ס׳טרײַבל, אַ דריי געטאָן אַ פּאָר מאָל ס׳רעדל און — צוריק אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. סוף־סוף האָב איך זיך אָנגענו־מען מיט דרייסטקייט און אָנגעקלונגען. ט. אַליין האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן, און איך, אַנשטאָט צו ריידן דבֿרים ברורים, האָב אַרויסגעפּלאַצט מיט אַן אומ־געלומפּערטן תּירוץ: — כ׳באַדויער זייער, אָבער כ׳וועל עס ניט קענען מאַכן...

— וואָס האָט מיט אַ מאָל פּאַסירט? — וויל ער וויסן. — אין גאַנצן עטלעכע שעה אַוועק און איר האָט שוין חרטה. כ׳מיין, אַ וואָרט דאַרף זײַן אַ וואָרט. איר מוזט עס מיר מאַכן, — האָט ער פאַרלאַנגט. — אויב איר האָט חרטה אויפן פּרײַז, איז עפּעס אַנדערש. מ׳וועט צו דער רביצין ניט גיין...

— יע, — האָב איך זיך אַרויסגעטאָפּטשעט ווי פון אַ בלאָטע, — טאָקע דאָס... ווי איר וואָלט געטראָפן... כ׳האָב זיך פאַררעכנט...

— אויפן טעלעפאָן קען איך איצט וועגן דעם מיט אײַך ניט ריידן. כ׳וועל אַרײַנקומען צו אײַך זונטיק פרי און מיר וועלן עס אָן שוועריקייטן דערליידיקן.

זונטיק האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט טאָקע גלײַך דערפילט, אַז מײַן פּרײַז איז מיט צו פיל אײַנזעעניש — נישקשה, כ׳וויל האָבן אַ בוך און קען זיך לאָזן קאָסטן — —

פון יענעם זונטיק איז ער געוואָרן אַ רעגולערער אורח צו מיר אין שטוב: יעדן זונטיק, פאַר גאַנצע 12 יאָר, חוץ ווען ער פלעגט זײַן אויף האָלידיי, אין מיוזנבערג, אָדער אויף אַ רײַזע מעבֿר לים.

אין 1963 איז אַרויס זײַן בוך לידער, אין אַ פּראַכטאויסגאַבע.

• הערה: — צום באַדויערן מוז איך דאָ איבעררײַסן די סעריע פון גע־שיכטעס וועגן ביכער און שרײַבערס אין דרום אַפריקע. די לעצטע געשיכטע איז בלויז צוויי ערשטע קאַפּיטעלעך פון אַ גרויסער אַרבעט. חוץ דעם איז דאָ ניט אַרײַן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן פּרוי ס., פאַר וועמען כ׳האָב געמאַכט, במשך עטלעכע יאָר, אַ צאָל ביכער, אויך אַנדערע קלענערע אַרבעטן, וואָס כ׳האָב דורך די יאָרן געמאַכט. איך האָף, אַז די דאָ שוין געדרוקטע געשיכטעס, צוזאַמען ניט די נאָך ניט געדרוקטע, וועל איך קענען אַרײַנגעבן אין אַ באַזונדערן בוך.

# אינהאַלט

זײַט


(הקדמה) ................

## תפוצות

ש. איזבאַן און זײַן ״היסט׳ ראָמאַן 9
אין קרײַז פון ייִדישן גורל ...... 14
דער פּאָעט פון אַבסטראַקטיזם .. 18
אינדעלמאַן — 2 ביכער, 2 לידער 22
לייב אַליצקי אין פּערספּעקטיוו .. 25
אָפּאַלאָוו — פּאַרב און פּלאַטער .. 31
דערציילער פון אייגענעם אמת .. 33
ד״ר אָרענשטיין — דערמאָנונגען 37
ש. אַש — דער ייִדישער קינסטלער 45
אויף אַן אמת בײַם עץ־הדעת .... 49
יעקבֿ באַטאַשאַנסקי ........... 55
ח. נ. ביאַליק, נאַציאָנאַל׳ דיכטער 59
ק. בענעק און זײַנע ייִדן ...... 62
ירחמיאל בריקס — לאָדזשער געטאָ 65
וואָרצלען און בענקשאַפט ...... 72
אַבֿרהם גאָלאָמב און זײַן וועג .... 75
עסייען מיט אַ ייִדיש־שליחות .... 81
דער אַליין־שטראַלנדיקער דיכטער 88
אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס ......... 98
דער ייִדישער יוסי גמזו ......... 100
חיים גראַדעס אָנהייב און גאַנג .. 105
פון ליפּקאַן ביז ניו־יאָרק ....... 112
וועלטן פון משה דלוזשנאָווסקי .. 118
שריפטן פון פײַער ............. 124
דער גאַנצער מ. וואַלדמאַן ...... 129
ז. ווײַנפּער — דער גלייביקער .. 135
דערציילער פון די געטאָ־ווייען .. 142
פּנחס וועלנער ................ 149
ביכער פון פּײַן און עלנט ...... 151
זילבערשלאַג — העברעיִשער פּאָעט 156
דאָס געשריי פון דורות ........ 161

זײַט

די שטים פון חורבן וואַרשע .... 165
ש״ע טענענבוים ............... 169
העברעיִשע פּאָעזיע אין ייִדיש ... 177
בערל כהן ................... 181
די טעמע ה. לייוויק ........... 185
שמואל לעווין און זײַן גרויס ווערק 191
פּרץ מאַרקיש ................ 197
עזריאל נאַקס ................ 209
י. עלבערג — מענטש און ווערק .. 214
י. ל. פּרץ — דאָס וווּנדערליכט .. 221
ל. פֿײַנבערג — געבענטשער דור.. 225
יהושע פּריד ................. 230
עלנט פון אַ תּקופה ........... 232
מלך ראַוויטש ................ 236
שלמה ראָזענבערגס שלום אַש ... 240
אַ קדיש יתום נאָך חורבן פּוילן .. 247
צוויי וועלטן — צוויי קלימאַטן .. 252
י. ל. פּרץ אין רעם פון לעבן .... 257
ביכער פון גלויבן ............ 262
שלום־עליכם דער פּאָלקסשרײַבער 264
מאָנומענטאַלע אַרבעט וועגן לובלין 271
זלמן שניאור אין יידע שפּראַכן.. 275
וויליאַם שעקספּיר ........... 279
אויפן וועג פון ליכטיקע ווערק .. 284
לאה גרינשטיין .............. 292
ווינסטאָן טשערטשיל ......... 296

## ישׂראל

די גרייס פון קליינע דימענטן ... 299
שטילקייט, אומעט, בלי ........ 304
אין ליכט פון ליד ........... 312
איינער פון די וווּנדערלעכע זאַכן .. 316
אַ מערקווערדיק טאָגבוך ........ 319
פּײַוול זיגעלבוימס אייגנס ...... 323

| | זײַט |
|---|---|
| אַ בוך פון מענטשלעכן אמת .... | 329 |
| וועגוויזער אין ייִד' ליטעראַטור .. | 333 |
| ליפּצין — מאָדערנער תּלמיד־חכם | 337 |
| דיכטער פון קיבוץ־לאַנדשאַפט .. | 342 |
| מענדל מאַן .................. | 346 |
| איציק מאַנגער .............. | 348 |
| דער ייִדיש־זינגער פון חיפה .... | 354 |
| אַלעק נאַטאַס און זײַן שטעטל ... | 358 |
| ש"י עגנון אין אַ צוויי־שותּפות .. | 361 |
| יעקבֿ עמית (גאָטליב) ........... | 368 |
| אַ ייִד אויף גורל־וועגן ......... | 376 |
| צוויי ביכער פון חורבן ......... | 379 |
| צאַנין — עסייִסט און בעלעטריסט | 389 |
| ישׂראל קאַפּלאַן שבכּתבֿ ......... | 392 |
| אין ליכט פון טאַטישן צער ....... | 397 |

| | זײַט |
|---|---|
| פון די לעצטע פון ליטע־שבֿט ... | 399 |
| דער טעם פון האַרבסטיקע טרויבן | 401 |
| שמעונוביץ — זינגער פון חלוציות | 407 |
| דאָס געזאַנג פון טראַגיזם ........ | 411 |

## דרום־אַפריקע

| | |
|---|---|
| מײַן ערשטער קליענט ......... | 415 |
| מײַן נײַע שרײַבמאַשין .......... | 423 |
| די הלוואה פון אַ פילאַנטראָפּ .... | 430 |
| לעקעכער, קיכלעך — און טרויער | 435 |
| זײַן ברודערס דערציילונגען ..... | 438 |
| דער ייִד מיט אויגן פון הומאָר .. | 441 |
| מאַרשרוט פון אַ ייִדן און זײַן געזאַנג | 445 |
| לידער און עשירות ............ | 448 |


# אינדעקס


| נאָמען (נאָכן אַלף־בית) | לאַנד און שטאָט | זײַט |
|---|---|---|
| איזבאַן, שמואל | — אַמעריקע — נ"י ............. | 9 |
| אײַזנמאַן, צבֿי , | — ישׂראל — קיבוץ אַלונים ..... | 299 |
| אײַזעבוד, משה | — אויסטראַליע — מעלבורן ....... | 14 |
| אייכענראַנד, לייזער | — שווייץ — ציריך ........... | 18 |
| אינדעלמאַן, אלחנן | — געשטאָרבן ................ | 22 |
| אַליצקי, לייב | — " ................ | 25 |
| אַפּאַלאָוו, דוד | — אַמעריקע — נ"י ............. | 31 |
| אַקרוטני, יוסף | — אַרגענטינע — בוענאָס־אײַרעס .. | 33 |
| אָרענשטיין, ד"ר בנימין | — געשטאָרבן ................ | 37 |
| אַש, שלום | — " ................ | 45 |
| אַשעראָוויטש, הירש | — ישׂראל — ת"א ............ | 49 |
| באַטאַשאַנסקי, יעקבֿ | — געשטאָרבן ................ | 55 |
| באַסמאַן, רבֿקה | — ישׂראל — צפת ............. | 340 |
| בוסתּן, אַריה | — ישׂראל — ת"א ............. | 308 |
| ביאַליק, חיים־נחמן | — געשטאָרבן ................ | 59 |
| בן־משה, מיכאל | — " ................ | 312 |
| בן־נחום, דניאל | — ישׂראל — קיבוץ בית־זרע ..... | 316 |
| בענעק, ק. | — פראַנקרייך — פּאַריז .......... | 62 |

| נאָמען (נאָכן אַלף־בית) | לאַנד און שטאָט | זײַט |
|---|---|---|
| ברוסילאָוו, ניסן | — געשטאָרבן | 284 |
| בריקס, ירחמיאל | — " | 65 |
| גאָטליב, ג. י. | — געשטאָרבן | 72 |
| גאָלאָמב, אַבֿרהם | — " | 75 |
| גאָלדבערג, איטשע | — אַמעריקע — נ"י | 81 |
| גולגי, יונה | — ישׂראל — קיבוץ בית־זרע | 319 |
| גלאָטשטיין, יעקבֿ | — געשטאָרבן | 88 |
| גלאַנץ־לעיעלעס, אַהרן | — " | 98 |
| גמזו, יוסי | — דרום־אַפריקע, יאָהאַנעסבורג | 100 |
| גראַדע, חיים | — געשטאָרבן | 105 |
| גרינבערג, אליעזר | — " | 112 |
| גרינשטיין, לאה | — " | 292 |
| דלוזשנאָווסקי, משה | — געשטאָרבן | 118 |
| היימאַן, אליעזר | — געשטאָרבן | 124 |
| וואַלדמאַן, משה | — פֿראַנקרײַך — פּאַריז | 129 |
| ווײַנפּער, זישע | — געשטאָרבן | 135 |
| ווייך, אַבֿרהם | — " | 142 |
| וועלנער, פּנחס | — " | 149 |
| זאַק, אַבֿרהם | — געשטאָרבן | 151 |
| זיגעלבוים, פּיוויל | — ישׂראל — ת"א | 323 |
| זילבערשלאַג, יצחק | — אַמעריקע — נ"י | 156 |
| חסיד, מרדכי | — קאַנאַדע — מאָנטרעאָל | 161 |
| טורקאָוו, יאָנאַס | — | 165 |
| טענענבוים, שיִע | — אַמעריקע — נ"י | 169 |
| טשערטשיל, ווינסטאָן | — געשטאָרבן | 296 |
| יאָפּע, מרדכי | — געשטאָרבן | 177 |
| כּהן, בערל | — אַמעריקע — נ"י | 181 |
| לבֿ, יגאל | — ישׂראל — ת"א | 329 |
| לייוויק, ה. | — געשטאָרבן | 185 |
| ליס, אַבֿרהם | — ישׂראל — ת"א | 333 |
| ליפּצין, סאָל | — ישׂראל — ירושלים | 337 |
| לעוו, אַבֿרהם | — געשטאָרבן | 342 |
| לעווין, שמואל | — " | 191 |

| | | |
|---|---|---|
| מאַן, מענדל, | — געשטאָרבן ................ | 346 |
| מאַנגער, איציק | — 〃 ................ | 348 |
| מאַניק, יהושע | — 〃 ................ | 354 |
| מאַרקיש, פּרץ | — 〃 ................ | 197 |
| נאַטאַס, אַלעק | — ישׂראל — ת״א ................ | 358 |
| נאַקס, עזריאל | — אַמעריקע — נ״י ................ | 209 |
| עגנון, ש. י. | — געשטאָרבן ................ | 361 |
| עלבערג, יהודה | — קאַנאַדע — מאָנטרעאָל ........ | 214 |
| עמית, יעקבֿ | — ישׂראל — קיבוץ בית־זרע ..... | 368 |
| פּולערעוויטש, יחזקאל | — ישׂראל — ת״א ................ | 411 |
| פּרץ, ד״ר אַהרן | — ישׂראל — ת״א ................ | 376 |
| פּרץ, י. ל. | — געשטאָרבן ................ | 221 |
| פּײַגענבוים, משה יוסף | — ישׂראל — ת״א ................ | 379 |
| פּײַנבערג, לייב | — געשטאָרבן ................ | 225 |
| פריד, יהושע | — 〃 ................ | 230 |
| צאַנין, מרדכי | — ישׂראל — ת״א ................ | 389 |
| קאַפּלאַן, ישׂראל | — ישׂראל — ת״א ................ | 392 |
| קאַפּע, רבֿקה | — פראַנקרײַך — ראָבינסאָן ...... | 232 |
| קליר, אליעזר | — געשטאָרבן ................ | 397 |
| ראַוויטש, מלך | — געשטאָרבן ................ | 236 |
| ראָזענבערג, שלמה | — 〃 ................ | 240 |
| רובינשטיין, יוסף | — 〃 ................ | 247 |
| רובינשטיין, ראובֿן | — 〃 ................ | 399 |
| שאַרגעל, יעקבֿ־צבֿי | — ישׂראל — פּתח־תקווה .......... | 401 |
| שאַשקעס, ד״ר, חיים | — געשטאָרבן ................ | 252 |
| שוויד, מאַרק | — 〃 ................ | 257 |
| שטיינבערג, י. נ. | — 〃 ................ | 262 |
| שלום־עליכם | — 〃 ................ | 264 |
| שמן, נחמן | — קאַנאַדע — טאָראָנטאָ ......... | 271 |
| שמעונוביץ, דוד | — געשטאָרבן ................ | 407 |
| שניאור, זלמן | — 〃 ................ | 275 |
| שעקספּיר, וויליאַם | — 〃 ................ | 279 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| Leivick, H. | — | Deceased | 185 |
| Lev, Avraham | — | Deceased | 342 |
| Lev, Yigal | — | Israel (Tel-Aviv) | 329 |
| Levin, Shmuel | — | Deceased | 191 |
| Liptzin, Sol | — | Israel (Jerusalem) | 337 |
| Lis, Abraham | — | Israel (Tel-Aviv) | 333 |
| Manger, Itzik | — | Deceased | 348 |
| Manik, I. | — | Deceased | 354 |
| Mann, Mendel | — | Deceased | 346 |
| Markish, Peretz | — | Deceased | 197 |
| Natas, Alec | — | Israel (Tel-Aviv) | 358 |
| Okrutny, Josef | — | Argentina (Buenos Aires) | 33 |
| Olitzky, L. | — | Deceased | 25 |
| Opalov, David | — | America (New York) | 31 |
| Orenstein, Benjamin | — | Deceased | 37 |
| Osherowitch, Hirsh | — | Israel (Tel-Aviv) | 49 |
| Peretz, A. | — | Israel (Tel-Aviv) | 376 |
| Peretz, I. L. | — | Deceased | 257 |
| Pulerevitch, Yechezkel | — | Israel (Tel-Aviv) | 411 |
| Ravitch, Melech | — | Deceased | 236 |
| Rosenberg, Shloyme | — | Deceased | 240 |
| Rubinstein, Josef | — | Deceased | 247 |
| Rubinstein, Reuven | — | Deceased | 399 |
| Schweid, Mark | — | Deceased | 257 |
| Shakespeare, William | — | Deceased | 279 |
| Shargel, I. Z. | — | Israel (Petah-Tikva) | 401 |
| Shemen, N. | — | Canada (Toronto) | 271 |
| Shimonowitz (Shimoni), David | — | Deceased | 407 |
| Shneur, Zalman | — | Deceased | 275 |
| Sholem, Aleichem | — | Deceased | 264 |
| Shoskes, Chaim | — | Deceased | 252 |
| Silbershlag, I. | — | America (New York) | 156 |
| Steinberg, I. N. | — | Deceased | 262 |
| Tenenbaum, Shea | — | America(New York) | 169 |
| Tsanin, M. | — | Israel (Tel-Aviv) | 389 |
| Turkov, Jonas | — | | 165 |
| Wajc, Abraham | — | Deceased | 142 |
| Waldman, M. | — | France (Paris) | 129 |
| Weinper, Z. | — | Deceased | 135 |
| Weiner, Pinchas | — | Deceased | 149 |
| Yofe, Mordche | — | Deceased | 177 |
| Zak, Abraham | — | Deceased | 151 |
| Zygielbaum, Faivel | — | Israel (Tel-Aviv) | 323 |


● This book contains critiques and essays on the 83 creative personalities, appearing in the first part — Tfuzot — Diaspora — pages 9-297, and second part — Israel — pages 298-413. The third part — Dorem-Afrike — South Africa — pages 414-450, contains eight autobiographical stories of the author's experiences with Jewish people, Yiddish manuscripts and writers.

# INDEX


| Name (in Alphabetical Order): | | Country and City | Page |
|---|---|---|---|
| Name (in Alphabetical Order): | | Country and City | Page |
| Agnon, S. J. | — | Deceased | 361 |
| Aichenrand, L | — | Switzerland (Zürich) | 18 |
| Ajzenbud, Moshe | — | Australia (Melbourne) | 14 |
| Amit, Jacob | — | Israel (Beit-Zera) | 368 |
| Ash, Sholem | — | Deceased | 45 |
| Basman, Rivka | — | Israel (Sefad) | 304 |
| Benek, K. (B. Kac) | — | France (Paris) | 62 |
| Ben-Moshe, Michael | — | Deceased | 312 |
| Ben-Nahum, Daniel | — | Israel (Beit-Zera) | 316 |
| Bialik, Ch. N. | — | Deceased | 59 |
| Botosansky, Jacobo | — | Deceased | 55 |
| Brusilov, Nisan | — | Deceased | 284 |
| Bryks, Rachmil | — | Deceased | 65 |
| Bustan, Arieh | — | Israel (Tel-Aviv) | 308 |
| Churchill, Winston | — | Deceased | 296 |
| Cohen (Kagan), Berl | — | America (New York) | 181 |
| Dluznowsky, Moshe | — | Deceased | 118 |
| Eisenman, Tzvi | — | Israel (Alonim) | 299 |
| Elberg, Yehuda | — | Canada (Montreal) | 214 |
| Fajgenbaum, M. J. | — | Israel (Tel-Aviv) | 379 |
| Feinberg, Leon | — | Deceased | 225 |
| Frid, J. | — | Deceased | 230 |
| Gamzu, Yossi | — | South Africa (Johannesburg) | 100 |
| Glanz-Leyeles, A. | — | Deceased | 98 |
| Glatstein, Jacob | — | Deceased | 88 |
| Golani, Yona | — | Israel (Beit-Zera) | 319 |
| Goldberg, Itche | — | America (New York) | 81 |
| Golomb, Abraham | — | Deceased | 75 |
| Gotlib, N. J. | — | Deceased | 72 |
| Grade, Chaim | — | Deceased | 105 |
| Greenberg, Eliezer | — | Deceased | 112 |
| Grinstein, Leah | — | Deceased | 292 |
| Heiman, Eliezer | — | Deceased | 124 |
| Husid, M. | — | Canada (Montreal) | 161 |
| Indelman, Elchanan | — | Deceased | 22 |
| Izban, Shmuel | — | America (New York) | 9 |
| Kalir, Eliezer | — | Deceased | 397 |
| Kaplan, Israel | — | Israel (Tel-Aviv) | 392 |
| Knox, Israel | — | America (New York) | 209 |
| Kope, Rivka | — | France (Robinson) | 232 |

## By PROFESSOR YOSSI GAMZU

David Wolpe, this year's winner of the Itzik Manger Award, was born in Keidan, Lithuania, and graduated from both the Jewish Cheider and the Tarbut High School, before he joined the Hashomer Hatzair youth movement. He was only 16 years old when he became the founding editor of a Hebrew journal Ha-Nesher (The Eagle) published by the youth movement. In 1930 he made his Aliyah to Eretz-Israel as one of the young founders of the Hashomer Hatzair Kibbutz of Lithuania (presently called Kibbutz Beit-Zera, one of the oldest and most prosperous Kibbutzim in the Jordan Valley).

In those pioneering years, Wolpe worked in the orange groves and vineyards of the Palestinian settlements of Binyaminah and Petach-Tikvah. During that period he began to take his first steps in Hebrew literature which preceded his Yiddish writing. In 1933 he left the Kibbutz and worked in the then young city of Tel-Aviv as a builder labourer. Then, in 1936, he returned to Europe and later joined the Lithuanian army. His written memoirs of those days entitled "A Jew in the Lithuanian Army" were published between 1959-1960 in the South African Yiddish Press.

From 1941 to 1944 D. Wolpe was obliged to spent time in the Kovno ghetto, from which he was transported in July 1944 to the notorious concentration camp of Dachau. Later, in April 1945, he was liberated with other survivors of the camps by the American army and due to his medical state was sent to the St. Ottilien Hospital in Bavaria, Germany. In that hospital he met an eighteen-year-old Jewish refugee girl who was referred to the same medical institution and later became his wife, the mother of his three sons and two daughters, all of them now living in Johannesburg. This hospital episode was not only a personal experience for David and Rose Walpe, but also an unexhausted spiritual source for many touching poems about his ministering angel, Rose.

### Resurrection to Eternal Life

David Wolpe's most impressive book is his volume "A Volken un a Veg" ("A Cloud and a Way"), a selection of the best of his literary harvest of thirty years of writing (1945-1975). The book, which was published in Johannesburg in 1978 by the Kayor Publishing house, comprises a lot of autobiographical material dealing with the painful and traumatic memories of the Holocaust as well as a section which includes many South African sonnets, a poetic phenomenon almost totally new and unknown before in Yiddish literature.

The book was welcomed very enthusiastically by some of the best experts in Yiddish literature and Judaic studies in both South Africa and overseas.

I believe that we will witness in years to come a much more detailed textual and motivistic analytic approach to Wolpe's literary creativity. Having the opportunity of devoting some years, at the University of Texas, U.S.A., to a Ph.D. thesis dealing in a very meticulous textual manner with some of the literary works of Itzik Manger, whose honour is now rendered to David Wolpe, I sincerely hope that the day will come when we will have the honour and pleasure of engaging a Ph.D. student in our Wits' Department of Hebrew Studies (which recently started to expand its activities towards Judaic Studies and Yiddish language and culture as well) who will focus on David Wolpe's poetry from a real scholarly viewpoint.

By RONNIE MISHEIKER

**A CLOUD AND A WAY: Poems by David Wolpe.**

It is truly amazing how a Yiddish poet of world calibre such as David Wolpe could continue creating exquisite poetry in the language of the Jewish masses of pre-Holocaust years, particularly in South Africa where Yiddish is regrettably no longer part and parcel of Jewish life.

His book, just published in Johannesburg, attractively illustrated by Devi Tuszynski, of Paris, and his late brother, Solly Wolpe, reflects David Wolpe's dreams buffeting against the reality of his life, hopes, nightmares and fantasies.

In the 450 pages, spun in a Yiddish idiom rooted in pulsating and creative communities which no longer exist, the author reveals not only his spiritual being but also the very essence of his world. It is, by and large, autobiographical spanning the 30 years from 1945 to 1975.

David Wolpe's roots are deep, nurtured by our cultural heritage going back to the very beginning of our People. It is, therefore, no wonder that David Wolpe, the survivor of the Holocaust, is not only a witness of this colossal tragedy, but also lights memorial candles to those who perished.

He pays touching tribute to his parents, his sister, his brother and their families, all brutally murdered by the Nazis. He does not revolt against the God of Israel, whom our forefather Abraham encountered for the first time in the desert "in the deep silent night against the tinkling of bells around the necks of camels".

In the dark nightmare of the Nazi horrors, David Wolpe makes a vow not to question the presence of the Creator, for He, "My sad Jewish God is within me and will remain in me for all eternity". His book is a chain of poems, alive with so many nuances, all authentic and all part of the story of our People.

He remembers the past — the chant of Lithuania; he describes the friendly relationship that existed for so many years between the Jews and their non-Jewish neighbours, and suddenly there is an ache of remembering that these very neighbours took an active part in the destruction.

What a pity that, owing to the language block, this book cannot be shared by fellow South African lovers of poetry. It is a book for connoisseurs, both of good poetry and the specific charisma of the Yiddish language. Like a very rare and good wine, it will per force remain the preserve of the few.

— Zionist Record, November 1978

## By PROFESSOR SOL LIPTZIN

**A VOLKN UN A WEG (A CLOUD AND A WAY), by David E. Wolpe. Published by Kayor, Johannesburg.**

Wolpe, essayist, narrator, former editor of South Africa's best and now only Yiddish literary periodical, is primarily a poet. The finest of his lyric and reflective poems of the last three decades are included in the present volume.

These poems encompass a wide expanse in time and space and the entire gamut of human moods from despair to ecstasy.

They range from ancestral memories in Lithuania, through the horrors of Wolpe's war experiences in ghetto and conccentration camp under the Nazis, his liberation from the shadow of death in 1945 — which was perhaps his most prolific literary year — his arrival in South Africa in 1951, and his quarter of a century in his new home. However, the profoundest poems are those in which Wolpe resists the logical scepticism that assails him. He is intent on finding a meaning in existence. From the God of his childhood in the Lithuanian shtetl of Kaidan, the God to whom his mother's prayers were directed, he became estranged in his adolescent years when the revolutionary slogans of a new freedom and a universal fraternity seemed to offer a paradise on earth. Nevertheless, he could not entirely erase from his heart the consciousness of a divine omnipresence. He met God again in the ghetto when both he and his divine creator faced death and overcame it. Since then, he has been engaged in a constant argument with the deity, now fleeing from Him and now returning to Him, alternating between doubt and belief, questioning, raging, despairing, and recovering from despair. Finally, in a poem in 1974, he proclaimed his hard-won, optimistic faith: "Erase, forget all doubts, God's cosmos is eternally filled with song and stars" — the music of the spheres, the universal harmony that overtops all discord. It was not easy for the poet to arrive at this faith, because his God was ever enveloped in silence. Nevertheless, the fact that the poet could pour out his heart to the unfathomable creator and lord of the universe was a source of comfort to him, far more than the comfort he derived from Marx, or Freud, or Existentialism. The Jewish God of his childhood was so firmly rooted in him that he could never be entirely dislodged.

In a romantic elegy, Wolpe revivifies the townlet of his birth and the world of his father, mother, and kin. But he is sadly aware that this townlet is today wholly bereft of Jewish culture and indeed of Jewish inhabitants and that this ancestral world lives on only in memories of aging survivors and in the prose and verse of ever fewer talented Yiddish writers of Lithuanian Jewish origin.

The Hebrew poets Yehuda Halevi and Bialik and the classical Yiddish triumvirate, Mendele, Peretz, and Sholom Aleichem, inspire Wolpe to beautiful lyrics. But his deepest affection is reserved for the poet Leivick, who in distant America felt the pain of the Holocaust victims, came to console him and the survivors of Auschwitz and Treblinka immediately upon war's end, and encouraged them to retain faith in a messianic future.

In Wolpe's lyrics, joy triumphs over sadness, despite a proliferation of Holocaust themes; Zulu ecstasy finds better expression than the melancholy of African natives who mine in the bowels of Johannesburg's earth: old, traditional Jewish melodies are preferred to stirring modern rhythms; the disciplined structure of the sonnet and the even flow of the rhymed quatrain dominate rather than free unrhymed verse.

For half a century the immigrant Jewish generation of South Africa has found eloquent expression in Yiddish poetry, fiction, drama, and memoirs. Wolpe belongs to the literary elite of that generation. His present volume voices more than his own individual joys and sorrows. It mirrors the soul of his Yiddish contemporaries in the southernmost outpost of Jewish culture.

— Jewish Affairs, August 1979

of Yiddish. That aside, however, the real importance of the book is the excellence of the poetry itself.

Much of Wolpe's work is not original in form — in many ways a blandness of form is the major fault — but the verse establishes patterns in which mood is skilfully matched to imagery and language and in a cumulative way, its very fault becomes its asset.

The themes speak from a context which is familiar and understated. This anguish is not bought with a clever figure of speech, joy not communicated through a startling verbal construct. The pain and the celebration of Wolpe's poems are as authentic as the Yiddish which enlivens them, the Yiddish which their publication has helped keep alive that much longer.

Notwithstanding its obvious limited readership, the book adds significant accent to the variegated voice which makes up the sound of South African poetry.

— Rand Daily Mail, January 1979

## By PROFESSOR ISRAEL KNOX

**"A CLOUD AND A WAY", by David Wolpe (Kayor).**

In a profound and poignant poem David Wolpe tells us that God bestowed on man a shirt of light but failed, alas, to give him wings.

In this subtle image the poet restates the tragic paradox which defines the human condition. This paradox, in stark and simple formulation, is already found in Genesis: "Man is proclaimed to be a creature in the semblance of God, and yet a creature fashioned out of dust and destined to return to dust".

This is indeed the eternal tension in the heart and mind of man, the duality in his nature, which both religion and art have been trying to heal, have been striving to transcend and to make man whole. In the process man has not been rendered whole but he has become aware of the need to be whole.

It has fallen to David Wolpe to live in a time of crisis and upheaval, in a part of the world, where darkness descended upon the spirit of man, and its terrible name was nazism. In John Milton's "Paradise Lost", Lucifer declares: "Evil, be thou my good". David Wolpe saw this evil from the inside, in Dachau, and felt it on his body, in his bones, and beheld the total reversal of values, evil enthroned as the good.

Out of the agony of his people, as he witnessed the destruction of 6-million—men, women, children—out of his own suffering, almost beyond expression, his enormous talent as a poet, as one who turns language into metaphor and music, was intensified and his vision clarified and sharpened, and he transmuted sorrow and anguish into a lamentation — to be cherished by us and by the generations after us.

Plato wrote that God takes away the poet's mind so as to give him his own. If Plato is right, then there is a divine spark in this volume of poetry, there is in it a quality of scripture.

David Wolpe's poetry is not limited to a single theme: it is radiant with nuances and modulations. He dwells in the realm of fantasy, "on a cloud", and he seeks "a way" in the market-place of existence, but always it is lacrimae rerum (in Horace's beautiful and touching phrase), the tears of things, and perhaps their smiles too, that feed and nourish his poetry.

— The Star, July 1979

## SOME OF THE REVIEWS WHICH APPEARED ON THE PUBLICATION OF THE BOOK OF POEMS, "A CLOUD AND A WAY"

### By PROFESSOR S. RAPPAPORT

**David Wolpe "A CLOUD AND A WAY", Kayor Publishing House, Johannesburg, 1978.**

A recently published Yiddish volume by David Wolpe, "A Volken un a Veg", contains a wealth of excellent poems, expressing a personal vision, couched in words of tender sensibility and passionate feeling.

They are deeply moving songs, the work of a man who has suffered and transmuted his suffering into rhythms and phrases which impress with their power and insight. The horror of the Churban weaves its way into most of his poems, a weight the poet cannot lift (which Jew can?) from his heart. The poet's lyrical gift enables him to view everything he encounters in life in a poetical light, to interpret the here and now with a sensitive mind, illumined by the light of his muse.

Wolpe's poetic work embraces the themes of the holocaust, Jewish faith and anguish, loving memory of father and mother, brother and sister, of his home town Keidan which he resurrects to "eternal life".

The poet sings of God and nature, of love and loving, youth and friendship, of eternal human striving and disappointment, the burden of human suffering, the entire panorama of human life and sorrow.

Wolpe's poems bear witness to his rich gift of poetic inspiration; they reveal impressive power of creative imagination and artistic expression.

He clothes his ideas in concrete imagery which is the foundation of all artistic creations and shapes it into musical form which is poetry's spring and essence. Sincerity and pathos make an accomplished poet. Both qualities are to be found in Wolpe's work.

David Wolpe, well-known editor, writer and journalist, offers to the public a collection of poems, stretching over a period of thirty years of poetic activity, from 1945 to 1975.

David Tushinsky's and Israel Wolpe's attractive drawings enhance the artistic quality of the volume.

The publishers are to be complimented on presenting a valuable addition to the treasury of poetry. The volume offers discriminating Yiddish readers enjoyment, insight and elevation.

— South African Jewish Times, September 1978

### By DENIS DIAMOND

**A CLOUD AND A WAY: Yiddish poems by David Wolpe (Kayor).**

South Africa was one of the countries which provided refuge to some of those few creative spirits who survived the Nazi death camps and continued one of the great traditions of European literature, the Yiddish tradition.

Even as it received international recognition with the award this year of the Nobel Prize to Isaac Bashevis Singer, Yiddish is part of one of the world's endangered cultures.

The publication of David Wolpe's collection of poems, "A Cloud and a Way," might be considered important, if only because it ccontributes to the preservation

David E. Wolpe

# A WORT IN ZEIN TZEIT

# A WORD IN ITS TIME

Portrait of the author by Michel Milberger — Paris

Title page drawing by DW

Copyright © 1983 - 1984 by D. Wolpe
14 Grace Road — Observatory 2198
Johannesburg — South Africa

"Kayor" Publishers
Johannesburg — South Africa
1983 - 1984

Printed in South Africa by Pacific Press (Pty) Ltd.
302 Fox Street — Johannesburg



**DAVID E. WOLPE**

# A WORD IN ITS TIME

**CRITIQUES · ESSAYS · STORIES**

. . . and a word spoken in due season, how good is it
— Proverbs, 15-23

KAYOR PUBLISHERS,
JOHANNESBURG.
1983-4